STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 10734

# DI MISHPOKHE MASHBER

Der Nister

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x101, or by email at cmadsen@bikher.org.

דער ניסטער

די

# משפּחה מאַשבער

0-657-10734-4
ddcoll 6918 (v.1)

דער ניסטער

# די מישפּאָכע מאשבער

ראָמאַן

צײַט — די 70־ער יאָרן פון פּאָריקן יאָרהונדערט

ערשטער טייל

מעלוכע־פארלאג „עמעס", מאָסקווע 1939

# פ אָ ר ו אָ ר ט

די וועלט, וואָס ווערט געשילדערט אינ דעמ דאָזיקנ בוכ, איז שוינ שפּורלאָז פארשוווּנדנ מיט איר גאָרער עקאָנאָמישער באזע אונ בעמיילע שוינ מיט אלע אירע געזעלשאפטלעכע אונ אידייִשע קאָנפליקטנ אונ אינטערעסנ.

מיר איז געווענ גאנצ שווער אופצוּוועקנ, אופצולעבנ אונ מאכנ זיכ באוועגנ יענע פארשוינענ, וואָס ווירקנ אינ דעמ בוכ.

איכ האָב דאָס אָבער געטאָנ צוליב געשיכטלעכער דערקענטעניש, קעדיי צו באקענענ דעמ יונגנ דאָר מיט דעמ גוואלדיקנ מעהאלעכ, וואָס מיר האָבנ דורכגעמאכט פאר אזא קורצנ צײַט־אָפשניט, וואָס טײַלט אָפ אונדזער ווירקלעכקײַט פונ יענער.

שילדערנדיק אָט די פארשוינענ, שוינ פיזיש אונ גײַסטיק פארענדיקטע, האָב איכ זיכ באמיט ניט גלאט צו „קעמפנ“ קעגנ זיי, ניט אויסצושרײַענ פאָרויס אפ זייער פארורטיילטקײַט, נאָר זיי געלאָזט אליינ שטיל אונ פאמעלעכ גיינ צו זייער אָנגעצייכנטער באשערטקײַט, צו זייער געשיכטלעכ־נויטווענדיקנ לעצטנ גאנג — צומ אָפגרונט.

כ׳האָב זיי געגעבנ מיט זייער גאנצנ אָרעמ ביסל פארמעגנ, ניט פארמינערט גאָרניט פונ זייערע אייגנשאפטנ. קעדיי צו באווײַזנ די נעבעכדיקײַט פונ זייערע „בעסטע“ פאָרשטייער אפילע, וועלכע האָבנ זיכ אָפט געריסנ פונ יענער פינצטערניש כאָטש מיט א וואָסער־ניט־איז ביסל שײַנ ארויסצוקומענ.

כ׳האָב, שרײַבנדיק דעמ בוכ, זיכ געהאלטנ בא יענעמ מעטאָד פונ קינסטלערישנ רעאליזמ, וואָס באטײַט דאָס זעלבע, וואָס געטעס באוווּסטער געבאָט: „כאָל, מאָלער, אונ שווײַג“, — מיט דער זיכערקײַט, אז דאָס געדארפטע, דאָס פאר אונדז געוווּנטשענע וועט קומענ בעמיילע, אליינ פונעמ עצעמ געטרײַענ מאָלנ, דה. פונ דער אינערלעכער לאָגיק פונ די גוירלעס פונ אזוינע פארשוינענ...

דער איקער־ציל פונ מײַנ ארבעט אָבער איז געווענ ניט נאָר צו פא־

רענדיקנ מיט אנ אלטנ דאָר, וואָס האָט געשטעקט איבערנ האלדז אינ מיטלאלטערלעכע לעבנספארהעלטענישנ, נאָר דער איקער־ציל פונ בוכ איז וויַזנ יענע פארבאָרגענע קויכעס, וואָס זיַינענ דאנ געלעגנ טיפ דערנידעריקט אינ „דריטנ רינג“ אונ וואָס זיַינענ אזוי טראגיש אומגעקומענ אונטערנ לאסט פונ יענעמ לעבנס־יאָכ.

דאָס מיינ איכ די שוואכע בלענדנדיקע בליצלעכ, וואָס וויַזנ זיכ אונ פלאמענ אופ דערוויַיל אפנ נאָכ וויַטנ האָריזאָנט, יענע בונטארישע ערשטלינגענ, וואָס מיט זייער דערוויַיל נאָכ שוואכנ, אָבער פונ ציַיט צו ציַיט שוינ אופקנאלנדיקנ פארטויבטנ אומרו קומענ זיי באוויַיזנ, אז עפעס קליַיבט זיכ דאָרט הינטער יענעמ האָריזאָנט, אויב ניט אַפ היַינט, איז אפ מאָרגנ, אפ איבערמאָרגנ.

וויַיל עפעס האָט שוינ דאָרט אונ דעמלט דאָכ געיוירט, עפעס האָט שוינ אפילע אינ אזא פארדומפענער סוויווע ווי יענע, — ווענ־ניט־ווענ אונ ווו־ניט־ווו, — אינ א קעלער צי אפ א בוידעמ, — ווי א פארדעכטיק ליכטל זיכ באוויזנ, האָט אי געשראָקנ, אי פארשפראָכנ — ס׳געווענדט ווי ווענמענ...

ס׳האָט דאָכ, ווי באוווסט, שוינ אינ יענער ציַיט געריַיפט דער לעבנספייִקער זוימענ, וואָס פונ אימ זיַינענ זיכ צעוואקסנ די אופקלערערישע אונ שפעטער די רעוואָליוציִאָנערע באוועגונג: עס האָט שוינ געהאלטנ פארנ אָנקומענ פונ יענע מענטשנ, וואָס האָבנ איבערגענומענ דעמ רודער אונ האָבנ פארקערעוועט די געזעלשאפטלעכע שיפ אפ גאָר גאָר אנדערע ריכטונגענ אונ רייסנ. עס זיַינענ שוינ דאנ געוואקסנ יענע קינדער, וועלכע האָבנ שפעטער געריסנ מיט גאָר דעמ אלטנ, טראָגנדיק פיַיער אינ די פאָלעס פאר אלעמ דוירעסדיקנ שימל, וואָס האָט זיכ אָנגעקליבנ ביז זיי.

איז אָט, צו דעמ באהאלטענעמ פיַיער, וואָס אינ די פאָלעס פונ יענעמ יונגנ דאָר, איז דעריקער מיַינ אויג געווענדט. כ׳וויל זיכ צו אָט דעמ דאָר דערקליַיבנ, קינסטלעריש אימ שילדערנ אונ אימ אָפגעבנ די ערע, פארוווּנדערונג אונ אכטונג, וואָס, גייענדיק מיט אימ האנט בא האנט, האָב איכ א לעבנלאנג געזאמלט.

דער ניסטער

I

# די שטאָט א

די שטאָט N איז געבויט אין דריי רינגען. ערשטער רינג: די מיטע מיט, דער האַנדלס־מאַרק. צווייטער: די גרויסע אייגנטלעכע שטאָט, מיט די פיל הייזער, גאַסן, געסלעך, ליקלעך ארום מארק, ווו דער ראָוו געדיכטער יישוב געפינט זיך. דריטער: פאַרשטעטלעך.

ווען א פרעמדער וואָלט צום ערשטן מאָל אין N זיך געטראָפן, וואָלט עס אים גלייך, — צי קעגן זיין ווילן — ווי מיט א מאַגנעט, צו דער מיט שטאָט, צום צענטער א צי געטאָן: דאָרט איז דער רויש, דער קאָך, דאָרט דער איקער־איקער, דאָס הארץ, דער פולס פון שטאָט.

ס'וואָלטן אים פאר אויגן באַגעגנט רייכעס, און אין נאָז וואָלט אים א זעץ געטאָן מיט לעדער, האַלב־רויען, באַארבעטן, פון גראָבע און איי־דעלע סאָרטן; טערפקע זיסקייטן פון באַקאַליי־ און קאָלאָניאַלע סכוירעס, זאַלץ פון פאַרשיידענע דורכגעטריקנטע פישן; רייכעס פון נאַפט, טראָן, רוזינקעס און פון אַלערליי קאָך־ און שמיר־אייל; פרישער שניטקראָם; פריש פּאַפּיר, דאַן אויך אַלטע און פאַרשוויצטע זאַכן און פאַרשיידענע פאַר־שטינקענע — שקראַבעס, בגדים, אַלט מעש, פאַרזשאַווערט אייזן — און אַלעס אַנדערע, וואָס וויל פון געברויך ניט ארויס און מיינט דורכן האַנדל, פאַר קליינגעלט, ווען־ס'ניט־איז און ווי־ס'ניט־איז, נאָך דינגען.

דאָרט, אין מאַרק, — א קלייט לעבן א קלייט, ענג אָנגעזעצטע, ווי קעס־טעלעך אין סטעלגיק. ווער ס'האָט קיין קלייט אויבן, האָט א סקלאַד אונטן, ווער אויך קיין סקלאַד, איז א שטעלבל מיט א רעדעלע פאר די קלייטן, און ווער אויך דאָס נישט, האָט באַשעט זיין סכוירע אויף דער ערד ליגן אָדער שטיין — סטעווענדיק, ווער מיט וואָס ס'האַנדלט.

דאָרט, אין מאַרק, ווי באַשטענדיק, — יאַריד. פון די נאָענטסטע און ווייטסטע ישובים פון יענער געגנט קומען אָנצונעמען סכוירע, און פורן,

פליגעט פון דער באַנסטאַנציע, פירן, ברענגען פון באַן אַלץ פרישערע, אַלץ נײַע.

מע פּאַקט אויס און מע פּאַרפּאַקט.

יידן — אַרענדאַרעס, קליינשטעטלדיקע הענדלער — זומער אין זומערמאַנטלען מיט קאַפּישאָנעס, ווינטער — אין בורקעס, פעלצן מיט שטאַרק אָפּגעלייגטע קעלנער — קומען אָן פון די אַנדרושיווקעס, ראַראָזעקס, יאַמפּאָלעס, פון ווײַטן זוויל און קאָרעץ און אויך פון דער ווײַטער פּאָלעסיע, — אַהער נאָך סחורה פאַר מעזומען, אָפּ קרעדיט; אייניקע מיטן מינן ערלעך, אָרנטלעך זיך אויסצוהאַנדלען, אַנדערע — מיט אַנדערע מיינען: נעמען אין „זיך שטעלן", דערנאָך „ענדיקן" אָפּ געוויסע פּראָצענטן, און ווײַטער נעמען, און נאָכאַמאָל „זיך שטעלן", ד. ה. אָנזעצן.

מע קומט מיט לײדיקע פירן, און מע פאָרט אָפּ מיט פולע, געפּאַקטע און געשנורעוועטע מיט שטראַנגען, זעק, ברעזענטן. פאַרנאַכט פאָרט מען אוועק, און אינדערפרי באַווײַזן זיך נײַע.

— שאָלעם־אַלייכעם, — גייט אַראָפּ פון די טרעפּ אַ הענדלער, צו באַגעגענען זײַן באַשטענדיקן, נאָרוואָס אָנגעפאָרענעם קונה, אים גלײַך פון פור אין קלייט אַרײַנצורופן, קעדיי קיין אַנדערע זאָלן אים נים איבערנעמען.

— שאָלעם־אַלייכעם, רעב מײַלעך, וואָס הערט זיך אין אַנדרושיווקע? — זאָגט ער פון הײמישקייט און יוויצע ווענגן, און גייט באַלד איבער צו אינטערעס: אַ, גוט, זאָגט ער, וואָס ער איז געקומען, מ'האָט פאַר אים, וואָס ער דאַרף, אַן אַנטיקל, און אַזוינס, ווי אויסצוקלײַבן.

אַנדערע הענדלער פּרוּוון זיך מיט יענעמס קונה אַ שמועס פאַרפירן, אים פון זײַן באַשטענדיקער קלייט אָפּצוציִען, צו זיך אַרײַנאַרן, אים ביליקערע פּרײַזן און בעסערע קרעדיט־קאָנדיציעס פאָרשלאָגן.

ספּאַ קומט דערפון אַרויס אַ קריג. ס'קריגן זיך הענדלער מיט הענדלער, מעשאָרסים מיט מעשאָרסים, און נאָך טרעגער, לייערס, וואָס פאַרדינען אַמאָל בײַ דעם און אַמאָל בײַ יענעם, שטייען פּתחווײַסנס, מישן זיך נים און האַלטן קיינעמס צאַד נים. ס'קריגן זיך אַמאָל סאָכרישע ווײַבער — אין ווײַבערשע קלאָלעס הערן זיך, מעשאָרסים צווישן זיך — און פּעטש פליִען.

דאָס אַלץ נאָר אין אויסנגעוומענע פאַלן. ס'ראָוו אָבער איז יעדערער מיט זײַנעם באַשעפטיקט. ס'קלעקט קוינים און פירעס פאַר אַלע. פון נאַנץ פרי ביז פינצטער זײַנען הענט פול מיט אַרבעט, די פילע אײַנקויפער צו באַזאָרגן. מעשאָרסים — מיט גראָבער אַרבעט, ווי וועגן, מעסטן, אַרויבגעבן, אַרײַנגלייגן אאַוו., און באַלעבאַטים אַליין — מיטן דינגען זיך, אײַנרײדן, איבעררײדן, די סחורה צו באַווײַזן און מיטן פּרײַז זיך אויסגלײַכן.

ס'איז, ווי געזאָגט, באַשטענדיקער יאַריד דאָרט. הורמ־ און לאַאַכאָדימ־האַנדל. גרויסע קרעמער גייען און טראָגן אַפּדערנאַכט אַהיים פּעקלעך הינדערפּער און טאַקער, קליינשטעטלעכע־הענדלער — מינץ אין לײַמטמענטבײַפּלעך און ווייניק פּאָזים. אָבער דער מומל פון די שטעטלעכע אײַ אַ

גרעסערע, ווי בא די גרויסע. בא די קלײנע איז קריג א וואָכעדיקײַט. קריג גײט איבער אינ קוילעס, ליאַרמענ. מע קריגט זיכ פאַר א גראָשנ, פאַר א פונטל זײפ, פאַר א ביסל־קראָכמאַל־קוינגע, פאַר א האָר־פישל־לײזינג; און מע שעלט זיכ, נישט זשאַלעוועדיק, און מער, ווי פאַר א גראָשנ:

— א בראַנד...

— א בראָכ...

— מיט די פיס צו דער טיר...

— ווענ זיצט מענ שוינ שיווע נאָכ דיר...

מע בעט זיכ אָבער דאָרט אויכ גיכ איבער: שמעלעכלעכ פאַרענ אינ טרינקענ אָפּט טײ אינײנעם, מע לויפט אײנער צום אַנדערנ נאָכ א גמילעסכעסעד, מע לײַט א געוויכטל, מע קויפט צוזאַמענ א גויִשע מעציע, אינ מע באַלאַגורעט, אונ מע שרײַט זיכ איבער אײנ שטעל איבער פינפ, איבער צענ, אונ אַלע מיט אַלע.

דאָס איז אינ אַלע טעג. אינ ספּעציעלע מאַרק־טעג אָבער — א באַזונדערע ענגעניש אונ געדרענג פונ פורנ. אויסגעשפּאַנטע פערד שפּײַזנ זיכ פונ וואָגנ, אײַנגעשפּאַנטע — פונ פרעס־זעק... יונגע לאָשעקלעכ שטופּנ די מאָרדעלעכ צווישנ די שקאַפּעס פיס אַרונטער. אַ אָגער צעהירושעט זיכ אינ מאַכט פערדישע קוילעס איבערנ גאַנצנ מאַרק, אונ צווישנ אָט דעם געדרענג פונ פערד, מענטשנ איז א קוים, א שמוץ. ווינטער — דער שנײַ קײנ שנײַ, — זומער אונ ווינטער — קיזיק, פערדישע האַשטשאַנעס, הײַ, שטרוי, רײפנ, פעסער, קעסעלעכ, קאָליוושעס קאָלירטער נאַפט, וואָס ווערט זעלטנ־ווענ אַמאָל באַמאָנ פאַרקערט אונ אופגעראַמט.

אינ גרויסע מאַרק־טעג, ווי פאַסטנ־צײַט, פאַר ריזלעכ, איז זיכ דאָרט גיט דורכצושטופּנ. א פויעריש־געפּעלצטער אוילעם, א געמישט־פאַרביקער פונ מונקל־ברוינלעכע סווימקעס, געלע פּעלצנ, מאַרינאַרקעס פונ האָריקנ גראָבנ באָבריק; טוכ, שאַלנ, שאַלעכלעכ, הימלענ, יאַלעמס, קומשמעס; שטיוול, פווישטנ, אָנטשעשעס מיט שטריקלעכ פונ פויערים, שליאַכטעס, פונ מעגער, פרויענ.

מע קומט אינ שטאָט: — ווער פאַרמעגלעכ — אַפּ עפּעס רעכטס צו קויפנ, אונ ווער נישט, ווער אָרעמ — א קלײניקײַט, וואָס מע וואַלט עס אויכ אינ דער הײמ געקאָנט קריגנ, אָבער דער כײשעק צו זײַנ אינ שטאָט איז גרויס, — דער כײשעק צווישנ מענטשנ זיכ דרײענ, אינ פאַרשײדענע קראָמענ א קלײנוואַרטיקע זאַכ צו דינגענ, אַבי צו דינגענ, אַבי וואָס מער צײַט באַמ קויפנ פאַרברענגענ אונ האָבנ האַנאָע פונ קויפנ.

די פאַרמעגלעכע גײענ מעיורשעוו, באַטראַכט, ווײסנ, וואָס זײ ווילנ, ווי צו זוכנ, אונ דער קרעמער איז זײ געװענ: דעם „וואַספּאַנ“, דעם „באַזיאַינ“ באַגעגנט ער מיט קאָווער, מע רעדט מיט אים אײדל, מע רעדט אים אײנ אונ מע שפּאַרט זיכ, נאָכ לאַנגנ דינגענ זיכ, בא אים לײזנ אינ אים גיט

ארויסלאָזן. דערפאר די אָרעמע אָבער איז מען שוין אין טומל ניט גערן. מע דערקענט זיי גלייך, ווי זיי בלאָנדזשען פארלוירן מיט די אויגן איבער אַלע ווינקלען און פּאָליצעס פון דער קראָם. מע דערקענט, אַז זיי האָבן, אויסער בײַשעק, אין די בײַטלען ווייניק. מע באגעגנט זיי מיט כּבֿוד, מע טרײַבט זיי אין מע וויל זיי אָפּטאָן אפ זייערע קאפּצאָניש=באשיידענע פּראַגעס ניט ענטפערן, און אַז אַזאַ איינער זאָמט זיך לענגער צווישן איבעריקן דינים=אויליעט, און דער קרעמער באמערקט עס, שרײַט ער צום מעשאָרעס:

— וואָס מאַנעט ער מיט אים אזוי לאַנג? ער זעט דען ניט, וואָס ער וויל, צו אַלדע רוכעס און גאַנאָווים!

און גנייעב קומען פאָר רעמלט, אין די גרויסע מארק=טעג, טאָקע ניט זעלטן. זעלטן גאַנווענט אן אָרעמער פויער באַם קרעמער, אָפּטער אָבער דער קרעמער באַם פויער.

באוויזמע ספּעציאליסטן זײַנען שוין פאַראַן, וואָס דער גאַנצער מארק קען זיי, וואָס וועגן מיט ציגײַנערישע אָנשטאַלט א האַלבן פור. מע מאַכט עס שנעל. זיי וועגן פלינק, — א שמעל ארופ, א נעמט אראָפּ, — און דער פויער קוקט זיך אפן אָרט ניט ארום, נאָר ערשט שפּעטער, און ער קומט מיט מענטשן אין מיט געוואַלדן, און די „מאלענקע בײַוופודניקעס“, ווי מע פלעגט זיי רופן, יענע ספּעציאליסטן, דערקענען זיי שוין נאָר ניט. ס'קומט אַפּט צו קלעפּ, צו געשלעגן, ביז דער אָרדענונג=היטער, דער געוויסער „בי=ראָמשניק“, דער אָנגעזויפּטער, שטענדיק רויט=מאָרדעריקער, מישט זיך ארײַן, פֿירט מיטן בײַטל, צעטרעט און פירט אוועק, ווי מע דאַרף, דאָ פּיקע דעם, וועמען מע דאַרף ניט אָפּפירן.

אַן אַנדערשמאָל גאַנווענט א פויער, כאַפּט ארײַן אין בוזעם א קליינ=ניט. אַז מע כאַפּט אים, צערעמאָניעט מען זיך ניט לאַנג, נאָר מע פּראַ=ווענט אפן אָרט דעם מישפּעט. עס שלאָגט דער מעשאָרעס פון קלייט, זו דער פויער האָט געגאַנווענט; אַז אַנדערע מעשאָרסים, פון די נאָענטע קלייטן, דערזעען, דערהערן און האָבן צײַט, קומען זיי אויך צו הילף, יעדערער מיט וואָס ער קאָן, און יעדערער לייגט צו א דאַנק צום שלעגערישן יאַר=אַבעט. די פויערים שלאָגט מען אין פּאָנעם, אין קאָפּ, און באַמיליצע. אַז ס'טאַפּט זיך מיט א פויערטע, סײַ א יונגערע סײַ אן עלטערע, שלאָגט מען ווייניקער, קיינמאָל ניט, נאָר מע שטעלט זי צום בזיון: מע רײַסט בא איר אראָפּ די שאַל, דאָס האַלבטיכל. זי בלײַבט א פארשעמטע און האָריק=צעפּלאָנטערטע — פארן גאַנצן מארק און אפן בייזווגדער אַן אויסשטעלונג...

דאָס אַלץ אָבער — נאָר צופעליקייטן און יענ=נים=וועג נאָר. אָבער דער איקער איז איקער: דינים קויפן און זײַנען פינעם קויפן צופרידן, סאָכרים — פון פאַרקויפן, אַלע פענעמער זײַנען אין וואַרינע טעג צופלאַסט, אַלע הענט באַשעפטיקט, וואָס פאר א וועטער ס'זאָל אין דרויסן ניט זײַן — א ווינט, א פראָסט א שניי, א זאַווערכע — שטערט ניט, און מע קוקט זיך אפ אים

ייניק אומ: הענדלער זײַנענ פונ איבערלעבער האנאַע אונ פונ לייזונג צע־ויארעמט.

אינ אזוינע מעג עסט מענ וויייניק, ס'גענוגנט דאָס, וואָס מע האָט אינ־טערפרי אינ דער היימ. פאַרנ מאַרק־ארויסגיינ, איבערגעכאַפּט. ס'קלעקט ביז נאכט, ביז פינצטער, ביז מע וועט פונ פראָסט אונ פונ וואווערוכע פארבלאָ־זענע, רויט־אָנגעדראָלענע אונ אָנגעהאָרעוועטע אהיימ קומענ.

מע פארגעסט אינ אלצ. מע קוקט ניט אפ הענט, וואָס טראסקענ, אפ פיסעמער, נעז, אויערנ, וואָס פרירנ, מע קוקט ניט, אז מע כאפּט א קלאפּ, אז מע פארשמעכט זיכ: אינ אָוונט, נישקאָשע, אינ דער ווארעמ וועט מענ אייבשטעלנ.

דאָס אלצ געזאָגטע קומט פאָר אפנ אזוינערופענעמ „גראָבנ מארק". דאָב וועלכע אָבער איכ אפּ דער פאראלעלער גאס — אפנ „איידעלנ" דעמלט; אויכ דאָרט איז פונ ענגשאפט אינ פורנ נישט דורכצוגיינ. כאָטש קיינ פראָבע פוירים אינ, בילאל, קיינ לאאכאָרים־קוינימ קומענ ניט אהינ, נאָר שירט.

דאָרט — די גרייסע שניטקרעמער, גרויסע צעלניקער, הענדלער פונ טוכ, ביט גרייט שוכ־ אונ קליידערווארג אונ פארשיידענע אנדערע סכוירעס פונ לאָדז, ווארשע, ביאליסטאָק אינ אנדערע שטעט פונ פוילנ אונ פונ ווײַט־רוס־לאנד.

דאָרט נאָר פריצימ, רײַכע שליאכטע, פארמעגלעכע קליינשטעטלדיקע יידנ.

דאָרט זײַנענ מעשאָרסימ ציכטיקער אָנגעטאָנ. דאָרט איז אויכ דער באַ־נעמ אונ דאָס באגיינ זיכ מיט קוינימ אנדערע.

דאָרט כאנפּעט מענ אינ מע שווינדלט פײַנער. דאָרט דרייענ זיכ ס'דאָזי באלעבאטימ פאר די קליימנ אינ מכוירענע מולופעס, זאמלענ זיכ אינ טערלעכ אפ באלעבאטיש־געשעפטלעכע שמועסנ, אונ אינ די קלייטנ רגדע־ייענ די הויפט־מעשאָרסימ, די גרויס־גענימע, מיט די געשליפענע ציגנלעכ, יאָכ קאָנענ אײַנריידנ אונ אזוי קינציק די סכוירע באווײַזנ, וואָס זעלטנ, אז ייצר ס'כאפּט זיכ צו זיי ארײַנ, זאָל זיכ פונ זיי שוינ „אויסדרייענ".

באלעבאטימ אינ דרויסנ ריידנ שטענדיק פונ „זמאנימ", וועקסלענ, אָנ־זעצנ, רײַזעס קיינ לאָדז, בארקאָוו, אינ פונ פרײַזנ, וואָס שטײַגנ, אָדער פאלנ אינ די גרויסע האנדלס־צענטרענ. אונ אינווייניק, אינ די קליימנ, אינ די אלט־געמייטלטע, אָנ פענצטער, וואָס שײַנ באקומענ זיי נאָר פונ דער דרויסנ־טיר, איז פינצטערלעכ, אפילע באטאָג באשטענדיק האלב־שײַנ, אונ פאר די טישנ שטייענ די קוינימ, הינטער די פארקויפ־טישנ — די מעשאָרסימ, וואָס באַ־ווײַזנ הײַסע שמאָפנ, וואָלנס, מערנע, קאָרט, זײַדנס, פונ ענגלישע, דײַטשי־שע, רוסישע פירמעס — ליגנערישע מארקעס, פאלשע פלאָמבעס — אונ באווײַזנדיק, מעסט מענ, אונ מעסטנדיק אונ אײַנריידנדיק, מוט מענ אָפּ. וואָס מע דארפ: „מע מוט ארײַנ נײַנ איילנ פײַזויש", ווי ס'הייסט אפ מע־שאָרסימ־לאָשנ.

אויכ דאָרט אינ אזוינע אויבנ דערמאָנטע גרויסע מארק-טעג זײַנענ דעמאלט פול ארבעט. אויכ פאר די דאָרטיקע קראָמענ יענע טעג ווערנ פורנ געפאקט אונ געשניורעוועט, קאסטנס אויסגעריסנ אונ פארשלאָגנ. טרעגערס אונ מע-שאָרסימ באגעגענענ זיכ אפ די שוועלנ פונ די קראָמענ מיט אריינ- אונ ארויס-טראָגנ. באַליצעס ווערנ אויסגעלײדיקט אונ די קאסעס פול. ס'איז גוטע טעג פאר די באלעבאטימ, וואָס זעענ זיכ דעמלט מיט היפּש מעזומענ, גוטע טעג פאר מעשאָרסימ, פאר וועלכע די קוינימ „לאָזנ עפּעס", אונ זיי באקומענ גע-וויסע פראָצענטנ פונ יעדער קניע. גוט אויכ פאר מעקלער, נאַרײַער אונ מע-ווינימ, וואָס ברענגענ נײַע קוינימ אָדער קומענ מיט אלטע אפ קויפ-מעיי-נעס, אפ בעסערע פרײַזנ אויסדינגענ אונ האָבנ דערפאר „שפּייזנ".

אינ יענע טעג געפינענ זיכ שוינ די באלעבאטימ, ווײַבער פונ באלעבא-טימ אונ אפילע עלטערע קינדער אינ די קראָמענ. וויפל „מענטשנ" מע האָט, איז ווייניק. ס'ווערנ דערומ געבראכט די אייגענע פונ דער היימ: ווער ס'האָט צו ארבעטנ אונ צו טאָנ — טוט, אונ ווער נאָר צו קוקנ, אכטונג געבנ — גיט אכטונג. אָבער אהיימ גייענ, די קראָמ פארלאָזנ, פארלאָזט דעמלט קיי-נער, — ביז אָוונט, ביז איבערנאכט, ביז שפּעט שוינ, ווענ די קלייטנ ווערנ אפּ די שלעסער אונ קייטנ געשלאָסנ, לאָדנס ווערנ מיט אײַזנ-געשרײַ ארא-פּגערוקט, אונ מידע, צופרידענע אונ מיט פולע קאסעס לייזונג ווערנ די בא-לעבאטימ פונ די מעשאָרסימ אונ אייגענע אהיימ באגלייט.

אזוי דער מארק ערעוו ווינטערדיקע באָגעס. ווייניקער טומלדיק — נישט פאר באָגעס, אָבער טאָמער איז אונ בלײַבט מארק—מארק, מיט זײַנ גע-שעפט--געלט- אונ לייזונג-גיריקײַט, צו וועלכע ער האָט זיכ אינגאנצנ איבער-געגעבנ. אונ געפינענדיק זיכ אינ אימ, איז מענ אזוי מיט אימ פארשלונגענ, אז קיינ אנדערע, קיינ נישט איבערגעגעבענע, פארשטייט מענ נימ, באנעמט מענ נישט, מע האָט פאר זיי קיינ צײַט נישט, אונ אינ פונ אייביק אײַנגע-שטעלטנ מארק-סיודער — קיינ אָרט פאר זיי.

אזוי, אז זעלטנ-ווענ נישט קיינ מארק-מענטש, ווי קלייקווידעס, אָדער קינ-דער, באווײַזנ זיכ אינ מארק, סײַדנ נאָר פארבײַ אונ דורכגייענדיק, אונ אז זיי ווײַזנ זיכ יאָ, איז זייער אָנוועזנהײַט ווי נישט בארעכנטיקט, אונ זי מערקט זיכ גלײַכ. קינדער ווערנ פונ טאטע-מאמע אהיימ נעיאָגט: „אהיימ, וואָס טוסטו דאָ?"; א שול-שאמעס, א כאזנ, אז ער באווײַזט זיכ, איז נאָר אפּ צו גייענ פונ קלויס צו קלויס, עמעצנ אינ א יאָרצײַט דערמאָנענ, אָדער קרע-מער באלעבאטימ אפּ א בריס, א כאסענע צו רופנ, אָבער נימ זיכ צו פאר-זאמענ. בעקיצער דאָס שליכעס אָפּצוטאָנ, אונ, אנ איבעריקער, זיכ וואָס גי-כער ארויסצורוקנ פונ דאָרט.

הײַזער-גייער אפילע, אייביקע שלעפער, פונ שטענדיק גרויסע אויסגעבע-געטער, אז זיי טרעטנ די מארק-גרענעצ אריבער, באקומענ זעלטנ-ווענ א נע-דאָווע געשענקט, נאָר באשטענדיק באגעגנט זיי א ברוגעז-אָפּשטויסנדיקער ענטפער פונ דער שוועל אראָפּ:

— נײַט, גײַט געזונטערהײט. אינ דער הײמ... אינ מאַרק גײענ מיר נישט.

אויב שטאָט-מענטשנ מײַדנ אויס דעמ מאַרק, גלײַב זײ פֿילנ, אַז דאָרט איז קײנ צײַט ניטאָ אונ קײנ באַלאַנס מיט זײ זיכ צו פֿאַרנעמענ.

װײַל מאַרק-מענטשנ זײַנענ ערנסט. בײַ װײניק פֿאַרמעגלעכע דרײט זיכ שטענדיק דאָס הימל פֿונ זאָרג, װי נעמט מענ, װי לײַט מענ װײניק. בײַ מער פֿאַרמעגלעכע — װי נעמט מענ, װי לײַט מענ מערער. גרויסע געשעפֿט-לײַט האָבנ צו טאָנ מיט גרויסע באַל-האַלװאָעס, מיט פּראָמילניקעס, אונ דער קאָפּ דאַרפֿ פֿאַר גרויסע װעקסלענ צו צאָלנ, קלײנע — פֿאַר דעמ רובל די װאָכ דעמ װאָכערניק. אָבער באַשעפֿטיקט אונ פֿאַרדרײט זײַנענ אַלע: מיט לײזנ, װענ ס׳לײזט זיכ, אונ װענ ניט — מיט „אויסדרײענ זיכ" אונ װאָזוי די קלײנע אָדער גרויסע הויצאָע אויסצושלאָגנ.

װײניק ערנסט אונ מער זאָרגלאָז זײַנענ מעשאָרסימ: דער מאָרגנדיקער טאָג איז ניט זײערער, אונ זײ װילנ אימ אפֿנ קאָפּ ניט נעמענ. ביספֿראַט יונגע. זײ דערלויבט זיכ אַ שפּאַס אפֿילע, װענ מע איז שטאַרק פֿאַרנומענ, אינ באַזונדערס, װענ מע איז פֿרײַ, אונ מער פֿונ אַלצ, געװײנלעכ, זומער-צײַט, פֿאַר שניט, װענ אַלצ איז שפּיל-געלײנט, װענ נישט פֿונ נאָענטע, װעט שטועסט, פֿונ װײַטע ישוװימ, באַװײַזט זיכ דעמאָלט קײנער, אונ גאַנצע טעג גײט מענ אומ לײדיק.

מע בראָט זיכ דעמאָלט אפֿ דער זונ אינ דרויסנ, מע קילט זיכ אינ די קלײטנ אונ סקלעפּעס אינעװײניק, אונ אַז אומעט בלײַבט אומעט, דאַנקט מענ גאָט, װענ מע געפֿינט אַ גראָשנ אינ קעשענע, צו אַ נאָענט סאָדעװאַסער-קלײטעלע צוצולויפֿנ האַסער אויסצוטרינקענ אונ עפּעס צו נאַשנ. אונ אַז ס׳איז װײַטער ניט צו טאָנ, דאַנקט מענ, — װענ מיטאַמאָל אַ מעשוגענע פּריצטע, װי די אַלטמעג אינ שטאָט באַװוסטע באַני אַקאָטאַ, לעמאָשל, באַװײַזט זיכ, מיטנ אַלטנ מאַנטעלע פֿונ מײַלעכ סאָבעסקעס צײַטנ, מיט די פֿיל פֿרענדז אונ פֿראָלדנ, מיטנ אַלטנ הימעלע, מיט די פֿיל סטענגעס, פֿאַרעלנ, שטאַכטעס אינ בימבערלעכ באַהאַנגענ.

מע לויפֿט איר באַלד אַנטקעגנ, גלײַב אַלע װילנ זי פֿאַר אַ קװינע אינ זײערע קלײטנ אַרײַנרופֿנ, אונ אײנער אַ מעשאָרעסל פֿאַרלויפֿט איר פֿאַר אַלעמ דעמ װעג, פֿומ צו איר אַ גײ אונטער אונ פֿונ אַ זײַט, װי מע רופֿט אַ פֿאָ-דעצ, פֿומ ער בײַ איר אַ פֿרעג, קלוימערשט מיט קאָװעד:

— קאָמעצ צאַריק, באַני?

— צאָ? — פֿרעגט די באַני אָפּ מיט אַ פֿראַגע.

אונ דאָס האָבנ מעשאָרסימ באַדאַרפֿט. מע לאַכט, מע קנײַפּט זיכ אינ מע פֿאַרגײט זיכ אינ געלעכטער. אונ ענדיקנ ענדיקט זיכ די שפּיל קעסידער מיט קוילעס, מיט קלאָלעס, מיט שעלטנ ייִדנ אונ גויִמ, מיט גרויס אָנגעלויפֿ אונ סקאַנדאַלנ, ביז די עלטערע מעשאָרסימ, אונ ביז אַלײנ די באַלעבאַטימ מישנ זיכ ניט אַרײַנ.

אין אַנדערשמאָל כאַפּט מען אַרײַן פֿון אַ נאָענט שטאָט־געסל אַ מע־
שוגענעם אַף ניצעבע, ווי, לעמאָשל, מאָנישן, דעם טאַט, מיטן בלאָנדן
ייִזל־בעדל, וואָס באַבערעמט זײַנע שטאַרק בלאַסע באַקן. ער איז אַ קראַנ־
קער, רעדט שטיל, געציילטע ווערטער און צערעפּעט.

מע ברענגט אים אין אַ ווינקל, מע שטעלט אים אַרום, מע זאָגט אים
צו, וואָס ער וויל, אַבי ער זאָל ענטפֿערן אַף דער טייַנגט מאָל אים שיינ
געשטעלטער און פֿון אים פֿאַרענטפֿערטער פֿראַגע:

— מאָניש, אַף וואָס דאַרפֿסטו אַ הײַנט?

— אַף דרײַ זאַכן, — ענטפֿערט ער אין שטייבלט דערבײַ.

— אַף וואָסערע?

— אַף גלע־ע־טן, קי־י־שן און קי־י־צ־לען.

— און מער נים?

— אַף וואָ־אָ־ס דע־ען נ־אָ־אָך!..

אַזוי רוט דער מאַרק אין די נייטש־לייזונג־טען. מע עפֿנט דערלט די
קליימן נאָך פֿאַר ייוצע־הועגן. ווײַל גישט עפֿענען איז נים שטעבן; מע ני־
דיעט זיך אָפּ, ווי לאַנג דער טאָג איז, און ביז די זון אַפּן הימל־ראַנ־
פֿאַרגייט נים; מע שליסט און מע גייט אַוועק, קעדיי אַף מאָרגן ווידער
אַפּ פּיסטן צו קומען, אַפּ די שוועלן צו שטיין, יאָפּ קיין קיינע נים אַרויס־
צוגוקן, ווײַל — אימזיסט, און אַזוי די עטלעכע וואָכן, די גאַנצע שנים־
צײַט, ביז דער טויטער סעזאָן גייט נים איבער.

דימייטע, אייגענע, דה. הרעמער, הענדלער, באַלעבאַטים, יאָב צוגן זיי־
ער בעיינטע פֿין מאַרק, אין וואָס נייטש זיי אַליין, נאָך זייערע עלטערן און
עלטערנס עלטערן האָבן געצויגן, האָבן קיינמאָל קיין קאָפּ און קיין צײַט
נים צו טראַכטן וועגן קומט און באַשטאַנד פֿין מאַרק, און אין זיין באַ־
שטענדיקייט צו צווייפֿלען.

פֿאַרקערט, מע איז זיכער: די צוגעקלאַפּטע מעזוזעס צו די בײַשטיר־
לעך פֿון די קליימן און די פּערדיש־פֿאַרזיכאַווערטע פּידקאָוועס, צוגעשלאָגן
אַף גליק צו די שוועלן פֿון די קראָמען פֿין אייניקע, פֿון די געמיינערע,
היטן אָפּ דאָס געמיינע און דאָס ווייניק־גליק פֿין די אייניקע; און די פּלע־
דערמײַז, געקיילעט מיט אַ גאָלדן רענדל, באַהאַלטן אונטער די שוועלן פֿון
אַנדערע, פֿון די מער גליקלעכע, היטן אָפּ דאָס מער־גליק און די שעפֿע פֿון
די אַנדערע. און אַזוי, מיינט מען, וועט דאָס זײַן, אַזוי וועט עס בלײַבן,
ווײַל פֿון אייביק אַף אייביק איז אַזוי פֿין גאָט אין דער האַושגאָכע זײַ־
נער אײַנגעשטעלט, אַף דאָר צו דאָר, אין טאַטעס זאָלן קינדער מאַכן
יאַרשענען.

אַ פֿרעמדער אָבער, ווען ער וואָלט אַראָפּגעקומען אין אַ שטיקל צײַט
אין מאַרק אָפּגעווען, וואָלט ער גלײַך דערפֿילט אַ רייעך פֿין אומבאַשטאַנד,
און אַז, מעגלעך, אין אַ נאָענטער צײַט, נאָך נאָענטער צײַט, וועט שוין דאָ
שמעקן מיט פֿעגירע פֿינעם גאַנצן האַק־פּאַק, פֿינעם קייפֿ־פֿאַרקויפֿ, פֿאַרא־

ראָב אין שווינדל־האַנדלשן הו־האַ, און פון יענע אַלע, וואָס דרייען זיך אין זייַנע פאַרדרייַם דאָ...

באַזונדערס, ווען ער וואָלט אַראָפּגעקומען באַנאַכט, ווען ס'שלאָפט דער גאַנצער מאַרק מיט אַלע זייַנע הויפּט־גאַסן און געסלעך, מיט די געמויערטע קלייטן און מיט די שטעלן און שטעלעכלעך, וואָס שטייען אויף דער גאַס, מיט די סקלאַדעס און די פינצטערע רייען, אונטער שווערע, אייַזערנע טירן, לאָדן, קייטן און שלעסער; און ווען ער וואָלט דערזען די זיך לאַנגווייַלנדיקע שאָמרים באַנאַכט, וואָס אַמאָל שטייען זיי אָדער זיצן עטלעכע אײַנגענעצנדיקע, און אַמאָל צו איינציקע אין פאַרשיידענע ווינקלען און גאַסעקן, און זען אויס, ווי טונקעלע אָנגעפּעלצטע גילגולים פונעם אַלטן פאַרוואָגלטן גאָט מערקור, וואָס האָט פון אַלטע צייַטן אַהער, שוין אַ פאַרשפּעטיקטער, געטראָפן; ווען ס'טרעפט אַ פרעמדער אַהער, און ווען ער וואָלט דאָס אַלץ זען, זאָגן מיר, איז אויב ער איז קיין נאַווי ניט, וואָלט ער, עמעס, קיין נאַווי ניט געוואָרן, נאָר אויב נאָר אַ מענטש מיט עטוואָס פייַנערע חושים, וואָלט זיך אים גלייַך עפּעס אַ טרויער אויפן האַרצן געלייגט, און ער וואָלט דערפילט, אַז די שוועלן, אויף וועלכע די שאָמרים זיצן, זייַנען שוין שיווע־שוועלן, אַז די פאַרבאַקטע טירן, קייטן, שלעסער וועלן שוין קיינמאָל מיט קיין נייַע נישט פאַרביטן ווערן, און אַז צום עמעצנס רעמל און קעדיי דאָס בילד צו דערגאַנצן, וואָלט מען דאָ, אינמיטן מאַרק, באַדאַרפט אויפשטעלן אַ מייסים־ליכט, אַ שטיל־ברענענדיקע און אַ דעם מאַרק שוין דערמאָנענדיקע.

* * *

דאָס איז דער מאַרק־מייל פון דער שטאָט N — דער ערשטער דינג. דער צווייטער: די שטאָט זעלבסט.

ווען אַ פרעמדער וואָלט אין זעלבן באַנאַכט, אַרויסגייענדיק פון מאַרק, זיך געווענדט צו די נאָענטע הייַזער, איז דאָס ערשטע, וואָס וואָלט זיך אים געוואָרפן אין אויג, וואָלט געווען אַ סעריע איינ־, צוויי־ און מערשטאָקיקע בניינים, געבויט אויף אַן אַלטן אָרט און אויפן, פון מעשהגענעם סטיל, אָדער, בעסער געזאָגט: קיין סטיל.

ער וואָלט גלייַך דערקענט, אַז דאָס זייַנען נישט קיין וווינ־הייַזער, נאָר נאָר צו עפּעס אַנדערע צילן באַשטימט, און אויב אויפן ערשטן קוק וואָלט ער ניט געוווּסט, צוליב וואָס פאַר אַ ציל, איז באַם צווייטנס וואָלט ער זיך שוין זיכער אָנגעשטויסן: דאָס זייַנען פון דער איידע פון דער שטאָט N פאַר זייער גאָט און זייַנע מידעס דאָ געבויטע.

ער איז אַ פאַרוואָגלטער און אַ פאַרגאָלעסטער, זייער גאָט. קיין סאַך פאָדערט ער ניט, קיין איבעריקע זויבערקייט, רוים, לופטיקייט און סאַלאָנען; קיין פּיץ און אויסערלעכקייט; נאָר דורך אַ קויטיקן, לאַנג נישט געווישטן און געוואַשענעם פענצטער. זאָל זיך באַנאַכט פון אינווייניק פון

זײנ בינױענ א קלײנע צאנק־שײנ פונ א ביליקנ, װײניק־גאפט־געברױכטעדיקנ, לעמפל ארױסבױענ; ס'זאָל דאָרטנ שטיל זײנ, אונ א געבראָכנ נעמיט זאָל ריענ אפ דער שװעל פונעם בינױענ, אפ די פענצטער אונ אױכ אפנ דאכ. אינ אײניקע בינױאָנ'ט זאָל אינגװײניק אנ עלנטער, נישט קײנ באװײנטער שאמעס שלאָפנ — אױכ א קױטיקלעכער אונ נישט קײנ סאכ פאָרענ־דיקער דינער צו גאָט. אינ אנדערע זאָלנ גאנצע גרופעס הײמלאָזע, באטאָ־געדיקע הינזער־גײער, בעטלער, שלעפער אפ בערג שמאטעס, אפ בענק, אונ אלײנ אױכ, װי בערגלעכ שמאטעס אױסזעענדיקע, אינ דער פינצטער בראָ־פענ. אונ אינ אנדערע אײניקע זאָל, פארקערט, ראפקע אינמיטנ באנאכט פינ אלע צװעלפ פענצטער, װי ס'באָדערט די טראדיציע פונ יענעם גאָט, פונ זײנע בינױאָנימ, א גרױסע שײנ ארױסשײנענ, ליכט אינ לאָמפנ זאָלנ ברענענ, ס'זאָלנ זיכ מערסטנטײל פונ דאָרט יינגלישע, װארעמ־זינגענדיקע קױלעס הערנ. װאָס, לערנענדיק דעמ גאָטס געזעצנ אונ געבאָטנ, דינענ זײ צו אימ אונ װערנ אימ פארעבנט. װי קאָרבאָנעס, װאָס ער האָט אמאָל בעשאס זײנ גדולה, נאָכ געהאט, אונ איצט, — פונ לאנג שױנ אָנגעװױרנ.

אָט האָט איר אײַכ אײנעמ אזא בינױענ.

ער איז מיטנ פרונט געװענדט צו א לײדיקנ קלײנעמ פלאצ; א צװײ־שטאָקיקער. אינ אונטערשטנ שטאָק, קײלעכיק אונ ארומ אימ, קלײטנ אינ א ביסל װױנונגענ, פלײש־אינ־גריצנ־קראָמענ אינ אנדערע, אפ האכנאָסע פאר דעמ בינױענ, אונ אפנ צװײטנ שטאָק, — זי, די שיל אלײנ, קוקט מיט איר ארײנגאנג־זײט, מיט א גרױסנ פיל־פענצטערדיקנ קאָרידאָר צומ פלאצ ארױס, אונ מיט די איבעריקע דרײ זײטנ, װאָס אינ יעדערער צו דרײ פענצטער, — אינ פארשײדענע געסלעכ.

„די אָפענע“ רופט מענ זי.

פארװאָס?

אינ דער צאװאָע פונ דעמ, װאָס האָט זי צוריק מיט איבער הונדערט יאָר געבױט, איז פארשריבנ, פארזאָגט, אז איר טיר זאָל זיכ קײנמאָל ניט פארשליסנ, נישט באטאָג, נישט באנאכט, נישט זומער, נישט װינטער, נישט קײנמאָל, אזױ לאנג, ביז זי װעט (צו האָפנ, ביז מאָשיעכס צײטנ) אפ איר גרונט שטײנ.

זי איז דערומ באשטענדיק אָפנ די טיר. פאר אלעמענ, פאר די אײגענע פונ שטאָט, װאָס קומענ דאװנענ אונ לערנענ, אױכ פאר די, װאָס קומענ זומער זיכ קילנ אונ װינטער זיכ אָנװאַרעמענ — הענדלער, קרע־מער, מעקלער אונ אנדערע, װאָס כאפנ זיכ אָפט ארױס פונ מארקישנ פוכט־לעבנ טומל, קעדײ מיט אנ אנדער, בארויקנדיקער לופט אנ אָטעמ טאָנ; דאנ אױכ פאר פרעמדע, אָרעמעלײט, װאָס זי איז די אײנציקע סטאנציע זײערע, אהער אינ קומענדיק, אינ װאָס אמאָל פארברענגענ זײ דאָרט װאָכנ, אמאָל אױכ באראָשים: דאָרט עסנ זײ, שלאָפנ, אונ קײנער, לױט דער צאװאָע, האָט קײנ רעכט ניט דאָס זײ צו פארכאָפנ.

מע דאַוונט דאָרט: פונ פרימאָרגנ ביז שפּעט נאָכ האַלבנ טאָג, גאַנצע מיניאָנימ און אויכ אײנצלנע. און באַנאַכט לערנט מענ: אינ אָוונט — מיטליאָריקע און עלטערע, וואָס נאָכנ לערנענ גײענ זײ אַהײמ שלאָפנ, און באַנאַכט — מעסמידימ וואַכ=בלײַבנדיקע יונגט.

ס'איז דערומ זעלטנ=וועג צו טרעפנ „די אָפּענע" א לײדיקע און אָנ מענטשנ, די טיר פאַרמאַכט זיכ קײנמאָל, טאָמעד אַרײַנ — אַרויס.

ס'איז דאָרט א זאַמלפּונקט פאַר פאַרשײדענע אינטערעסנ. דאָ שטײט מענ א רעדל און מע רעדט פונ נעווײנלעכע וואָכ=זאַכנ, און דאָרט זיצט אָדער שטײט אײנער א יונגער, אָדער עלטערער, און איז אינ א טיפנ שטאַרק=פאַרדרײטנ לערנ=איניאָנ פאַרטאָנ, וואָס האָט צו אַלעמ אימ אַרומרינגלענדיקנ קײנ שײַכעס.

פאַרשײדענע זײַנענ אויכ די לערנער. א קלײנער טײל באָכערימ היגע — פאַרמעגלעכע און האַלב=פאַרמעגלעכע, וועלכע די עלטערנ האַלטנ אויס. אָבער מערסטנס — פרעמדע, אַפּ פרעמדנ אויסהאַלט, וועלכע אַנדערע האַלטנ פאַר א מיצווע מיטנ נײַמיקסטנ צו באַזאָרגנ.

מע טרעפט דאָרט יונגע פונ די נאָענטע, אינ יענער געגנט ליגנדיקע, יישוווימ, און אויכ פונ ווײַט, פונ וואָלינער און פאָדאָליער גרענעצנ, און אויכ פונ ווײַטנ פוילנ אפילע — יעדערער מיט זײַנ אויסשפּראַכ, געזאַנג, געזעמל און האַוויעס.

אָט דער אוילעמ — א שטאַרק=אָרעמער, און אַרומגעריסענער. ער גײט אַרומ זיכ שלעכט, זאָרגט וועגנ זיכ ווייניק, אָבער דערפאַר איז ער דער זאַכ, צוליב וועלכער ער געפינט זיכ דאָ און צוליב וועלכער ער איז געקומענ אַהער, איבערגעגעבנ; דערפאַר אָבער איז ער אויכ אַזוי באַגײַסטערט, אָט דער אוילעמ, און אַזוי ווײַט פאַרטאָנ אינ פאַרשלונגענ מיטנ וועלנ דערגרײכנ דעמ ציל, אינ וועלכנ ער איז פאַרגלייבט. אַז דער טאָג איז אימ ווײניק, און אָפט איז ער אויכ אינ די באַנאַכטנ אויפ.

דער שול=ביניענ איז דעמלט שטאַרק באַלויכטנ. איבער יעדער יונגטלעכנס קאָפּ הענגט אַראָפּ א לאָמפּ פונ דער סטעליע אָדער פונ א זײַטנ=וואַנט, בײַ וועלכער ער לערנט. יענע, וואָס זיצנ ווײַטער פונ די לאָמפּנ, אינ א ווינקל פאַררוקט, האַלטנ ליכט אינ די הענט, זײערע ספאָרימ צו באַלויכטנ.

די שײַנ דערומ פילט אָנ ניט נאָר דעמ שול=ביניענ, נאָר שײַנט אַרויס אויכ אינ דרויסנ, און בײַ א פרומענ פאַרבײגײער, אָדער בײַ די, וואָס קוקנ פונ אַנדערע, נידעריקערע הײַזער, אַרופ אַהער, צומ שול=ביניענ, און זעענ אימ פונ אַלע זײַטנ א פול=ליכטיקנ — שאַפט ער א געפיל פונ א לויכטנדיקנ וואַכ=אינדזל אינמיטנ דער שטאָט=פינצטערניש; שאַפט א געפיל, אַז יאָ: ס'באַוואַכט און ס'באַזאָרגט דער שול=אינדזל א גאַנצע שטאָט א שלאָפנדיקע מיט ליכטיקער פאַרשטײערשאַפט פאַרנ הימל און הימלשנ באַזאָרגער.

ביפראט, אז דער פרומ=גלייביקער גייט האָרט דורכ אינ הערט די יונגע קוילעס — די שרייענדיקע, בענקענדיקע, ברומענדיקע, אונ די אסקעטיש=פארשמאכטע ניגונימ, פונ וועמענ מיזרעכ אהער פארטראָגענע, ווי פונ ערגעץ אלטע רוסישע מיזרעכישע מולא= אונ דערוויש=שולנ; יענע ניגונימ, דורכ וועלכע אָט די יונגט, וואָס האָט זיכ פרייוויליק פארשלאָסנ אינ די ענגע פיר ווענט, אָטעמט אונ הויכט אויס איר נישט=באפרידיקטע קערפערלעכקייט אינ אנציקט=עקסטאטישע געשרייענ, — שאפט עס, זאָגנ מיר ווייטער, בא די פרומע פארבייגייער א געפיל, גלייכ זיי וואָלטנ צוגעקוקט, ווי יונגע קאָרבאָנעס זיינענ זיכ אליינ פאר עמעצנס זינדיקייט מאקרעוו.

דאָס איז אייכ איינע א שול.

אונ אָט איז אנ אנדערע דאָ דערביי, ווי די „היציקע“, לעמאָשל, וואָס אזוי רופט מענ זי, ווייל היציקע, האלב=דולע, שטארק=פרומע כסידישע סעקטעס, ווי קאָצקער, קארלינער, דאוונענ דאָרטנ, ווילדעווענ, דראפענ זיכ אפ די ווענט, לויפנ אומ, אונ זייער אינערלעכנ רעליגיעזנ ברענ מיט אייגענע קוילעס קילנ זיי.

אנטקעגנ דער היציקער — „די קאלטע“.

א בינינ, וואָס אפילע זומער, אז איר גייט אהינ אריינ, גייט אייכ דורכ א קעלט דורכ די ביינער, אויכ א צוויישטאָקיקער, אויכ אונטנ קראָמענ, אויבנ — זי.

שטארק=אָפגעפאָלירטע, גלאטע פאָרענטשעס, פונ פיל הענט, וואָס האָבנ זיכ יאָרנ בא זיי אָנגעהאלטנ בייסנ ארופגיינ, פירנ דורכ א קאלט=סקלעפישנ פאָליש אונ דורכ עטלעכע טרעפ צו איר ארופ.

א הויכע געבראָכענע סטעליע, אינפינפנ געטיילט. אונטער דעמ פינפטנ טייל, דער מיט, מיט הויכע זיילנ אונטערגעשפארט, איז דער באלעמער. פונ די פיר זייטנ — קאלטע, אָפ שטריק אראָפהענגענדיקע הענג=לייכטער, וואָס ס'האלט זיכ, אז נישט דער גאז אינ די לאָמפנ, נישט די ליכט אינ די רערנ לויכטנ נישט, ווארעמענ נישט.

קאלטע דאוונער, טרוקענע לאמדאָנימ, ליטוואקעס. ס'ווייעט פונ זיי, פונ זייערע טפילעס אונ ניגונימ, מיט עפעס א סאָרט אָפגעלעבטקייט אונ פוסטקייט.

מ'רופט זיי „די עווענעזרעניקעס“ — אויפנ נאָמענ פונעמ פאר=מיטל=אלטערלעכנ שפאנישנ פאָעט אונ פילאָסאָפ, וואָס זיינ ראציאָנאליסטישער גייסט האָט זיכ דאָ, צווישנ גרויסנ געדיכטנ שול=רומל, ווי אנ אָפגעזונדערטע קאלט=פארלאָזטע נעסט, געפונענ.

ווענ נישט די שול=זאכנ אינווייניק, ווענ נישט דער אָרנקוידעש, באלעמער, בענק, סטענדערס, שאפעס, ספאָרימ, וואָלט מענ סיי אויסערלעכ סיי אינערלעכ אָט דעמ בינינ גיכער פאר א מינ מאצייווע אונ „מייערל“=בינינ געקאָנט אָננעמענ...

אונ אָט איז „די אלטע“.

די עלטסטע פונ אַלע.

אַז איר גייט צו איר צו, זעט איר, אַז דער וועג צו איר אַרײַנגאַנג איז פונ דוירעס אומגליקלעכע אונ פאַרפינצטערטע אויסגעטראָטנ. גייט איר אינ איר אַרײַנ, פילט איר, אַז גאַנצע יאָרהונדערטנ האָבנ דאָרט געלאָזט זייער באַרצאָרנטנ אונ פאַרחיסטיזמנ אָטעמ.

דער וועג צו איר טיר אונ פאַרבײַ איר גאַנצנ פרונט איז מיט פלאַ־פשיק־גאַנצע פּליטע־שטיינער געפלאַסטערט, אויסגעריבענע, אײַנגעטראָטענע אינ שוינ דינגלעכע.

די טיר, ווי א טויער די גרייס, פונ אײַזנ געמאַכט, מיט קײַלעכיקע גרויסע קעפּ־צוועקעס באַשלאָגנ. א לאַנגער, היפּשפּונטיקער שליסל פונ אַנ אַלטנ טײַכמער, מיט קונציק אויסגעביסענע צײנ, שווער א צווייטנ אַזוינעמ צו טראָגנ, דרייט זיכ עטלעכע מאָל איבער אינ שלאָס־לאָכ, אונ קיינער אויסער דעמ שמענדיקנ שול־שאַמעס, ווייס אינ ריכטיקנ אָרט אַהינ ניט אַרײַנטרעפנ.

נאָכנ טיער קומט איר אינ א פּאָליש, א פינצטערלעכנ, ווייניק פונ דרויסנ באַלויכטנ, אינ נאָכ ווייניקער פונ די אייבערשטע פאַרשיידנ־קאָלירטע מאָפּ־ליעלעכ, וואָס איבער דער צווייטער טויער־טיר, וועלכע פירט אינ שול אַרײַנ.

אַז מע עפנט די צווייטע טיר, אונ איר טרעט אַריבער די שוועל, מוזט איר גלײַכ דעמ קאָפּ אונ די אויגנ אַרופ ווענדנ. צי איר ווילט צי ניט, נאָר אַזוי האָבנ די מײַסטערס, דאַכט זיכ, געוואָלט אונ אַזאַ קאַוואָנע אינ געבײַ אַרײַנגעלייגט, אַז דער גלייביקער אַרײַנגייער, באַזוכער, זאָל באַלד, שוינ באַמ שוועל־אַריבערטרעטנ, גלײַכ דעמ קאָפּ א הייב טאָנ, א קוק געבנ אונ א טראַכט טאָנ, אַז ס׳איז עמעצער העכער פונ אימ פאַראַנענ, איבער אימ, אויבער זײַנ מאַזל, אינ די ערשטע רעליגיעזע ציטערניש זאָל אימ אַדורכגיינ אַדורכנעמענ.

די סטעליע — א הויכ־רוימיקע, אונ אינ צענטער, אַז מע קוקט זיכ אײַנ — אַנ איבעראַשונג: א סטעליע אָפּ א סטעליע. ס׳א פאַרטיפונג, וואָס אָפּנ ערשטנ בליק איז זי ניט צו מערקנ.

די שיל, די מיזרעכ־וואַנט, באַזונדערס דער היפּש־ברייטער אונ ביז דער העכסטער הייכ אַרופ־דערלאַנגענדיקער אָמעד, איז מיט גאָלד־געפאַרבטע כײַעס, פייגלעכ, מאַלאָכימ, פרוכטנ, בלומענ, שפּיל־אינסטרומענטנ אונ מיט גע־דרייעלט־געפלאָכטענע צווײַגלעכ באַדעקט.

די ווענט אינ די סטעליע — אינ אייל־פאַרב, אונ פאָלקס־פּרימיטיווע מײַסטערס האָבנ, וואָס זיי האָבנ געהאַט, פונ זייער גלייביקער קונסט, אינ גרויס נאַיווקײַט אונ אינ קינדערישער פּאַשטעס, דאָ אָפּגעגעבנ. בילדער פונ מיטאָס, פונ לעבנ פונ די חיות, ווי אַוראָמ, לעמאָטשל, ברענגט יִצכאָקנ צו דער אַקיידע; מוישע אָפּנ באַרג סינײַ מיט די לוכעס; ווי יִצכאָק ליגט שוינ אָפּנ האָלצ געבונדנ, אונ אַוראָמ האַלט שוינ גרייט דאָס מעסער, אינ דער מאַלעכ באַווײַזט זיכ אונ האַלט אימ אָפּ פונ זײַנ איינציקנ זונ צו

הילען. מוישע מיט די לופעס, און ארום אים דער רייבערנדיקער באַרג מיט
די פעטער־שטריימלדיקע בליצן. דאַן דער אייגל, דער מישקן אאַיז. און אַזוי
אַלץ ווענט, ביז דער סמעליע אַריף, און אויך די סמעליע ואַלץ מיט אוזיגע
בילדער.

דאַן — די בימע און מיט יאָב מ׳גייט צו איר אַרוף הויכע היפּש
טרעפּ, און זי איז פון די פיר זייטן מיט קונסטלעכע פרוכט־ביימער פאַר־
שטעלט, פון וועלכע קינדער קאָנען די אויגן ניט אָפּרייסן, און אויך על־
טערע גלייביקע מאַכט דאָס באַלעמער־פאַרשטעלטקייט זייער האַרץ פּאָכען.
דאָרט, אויבן, פלעגט אַמאָל, אַז ווען מע האָט באַראַפט, דער כיידעט
אויסגעוואָרפן ווערן; פון דאָרט האָט זיך אין גרויסע צייטן דער געווייסער
שיפער געהערט, ווען פון הימל א גזאר, אָדער פון מאַלכעס א גזירה־
דאָרט האָט מען גרויסע פּאָלהס־לייט נאָך זייער טויט באַוויינט און פון דאָרט
האָט מען גייע פאַראָרדענונגען און באַפעלן פון ראַטאָר און פון „קייסער־
יאָרום הוידוי" אַראָפּגעלייענט.

די שיל איז אינעווייניק ניט אַזוי גרויס, נאָר ווען ס׳איז א פּייערונג, א
בימבע, האָט זי באַוויזן די גאַנצע N־ער שטאָט אַריינצונעמען. און נאָ־
מירלעך, א ביסל אויך נאָך און דרויסן געלאָזט.

אַליין דער מיטלסטער קאָרפּוס, ראַן די צוויי אריקערס פון רעכטס און
לינקס, — און דאָס פּאָלק האָט זיך געקלינט און ייך אזוי ענג געשטופּט
און אַזוי יעדער מינדסטן כאָלעל אָנגעפילט, אַז ס׳איז שוין בעטעכס פון
שפּילקע ניט געווען וואוהין צו וואַרפן. ווענט האָבן געשוויצט, און פאַטאָ־
לעק האָבן פון זייער אייל־פאַרביקער נלאַטקייט, פון ענגשאַפט און היציק
אָטעם, געטרונגען. און אָט דער אָטעם און שיל האָט זיך געפילט אפילו
ווען זי איז ליידיק געווען. — דער אָטעם פון פיל מאָל דאָ געוועזענע
גרייטע מאַכן, וועלכע האָבן אַף א געוויסע אייגן געשיכטע הויך
געלעבט.

די שיל איז פאַר מאַנצבלעג באַשטימט, און פאַר ווייבער — אַף א
שמאַרק־הויכן עמאַוז, און אַלע דרוי זייטן, גאַלעריעס מיט גראַטעס. אַזוי
אַז די מענער פון די פרויען זיינען שטאַרק אָפּגעטיילט.

אָבער געוויינט צייטן, ווען די ווייבער פלעגט אויך דערלייבט ווערן אונטן
אַראָפּגיין און אין אַנדערשטמאָל, ניטש דערהויבט. נאָר די ווייבער האָבן זיך
אַליין די דערהויבעניש געגעבן: זיי זיינען אַראָפּ, א צעהיצטע, פייער־פּרי־
ענדיקע מאַכט, מיט היסטעריש־אומפּראַלטער האַלץ צום אינדערעש צו
אים געגעבן און אַהין מיט וואָס ווילדן יאָמער זיך געריסן, וואָס מאַנצבריות
פאַרמאָגן ניט אייגענע, — ווען ווידעראַמאָל א געשריי — דערוואַרטונג, „פּאָ־
מעניקעס", כאַפּעריך — און ווען אַף שטאָט אַן איבלית, א שלאַפּרעט, א
כאָליערע, א מאַגייפע, לעמאָשל.

די שיל איז ניטש נאָך וואָס געווייינלעכן דאַוונען. דאַוונען דאַרט
אינדערפרי און אַפּדערנאַכט נאָר אַן איינציק געציילטער מיניען. לערנען

לערנט מען דארט ניט. נעכטיקע — אווארע ניט: מע מאָר נישט. נאָר יעריקער איז זי פון אלע שולן די עול, פון אלע גאַנס הײַזער אין N דאָס איינציקע גאַנצע הויז, וואָס דאָס פאָלק האָט דעמ אין גרונט א לעגענדע וועגן אין א הייליקן אויפקלעלייגט, וואָכ דערפאר, וואָס ער האָט אפ יענעמ אָרט געלינב פאר דער עמינע אין גרויס געוורע און מעסירעסנעפעשׁ ארויסגעייזן, דערבאר איז דאָס ארט דער הייפט־זייבע, דערפאר מיט לעגענדעלופט אפגעהילט, דערפאר האָט דאָס פאָלק זי אלע צײַטנ און אפ אלע מעג פאר אלטמענ פארשלאָסנ און פוכט געלאָזט, און נאָר אין פײַערלעבע אויסנעמיקע מאָמענטנ גרייט אירע טירנ פאר יעדערנ צעעפענעג, און — נאָכאמאָל — דערפאר איז זי באמאָנ פוסט, און באנאכט, לויטנ גלויבנ, פאר נעשאָמעס פונ געשטאָרבענע א זאמלפונקט, און דערפאר גייט מענ און מע האַלט זיך, ווער כ׳דארפ באנאכט, פונדערווײַטנס פונ איר, אין דערפאר איז אליינ אפילע דער שאמעס, איידער ער עפנט זי אופ אינדערפרי, קלאפט ער פריער אָנ אינ דער טיר, — וואָרענ מע דארפ, פונ די באנאכטיקע נעשאָמעס, וואָס קלײַבנ זיך אהינ, וועגנ זײַנ אָנקומענ צי וויסנ געבנ...

זי איז הויכ, די שול, דער העבסטער ביניענ פונ שטאָט, העכער פונ איר מאָ מענ, לויטנ מינהענ, קיינעם ניט לאָזנ זיך בויענ. דער איינציקער ביניענ, וואָס קאָנקורירט יאָ מיט איר אינ הויכקײַט, איז דער קלויסטער פונ שטאָט, אבער יענער איז קיינ ביניענ, יענער גייט אינ כעזשבנ ניט ארײַנ, יענער איז פונ פרעמדנ פאָלק אונ פרעמדנ מאלכוס. אונ א פרעמדנ, ביפראָט, ווענ יענער איז דער שטארקער, מוז מענ, ווי באוויסט, דאָכ נאָכגעבנ...

דאָס איז די אלטע שול.

דאנ קומענ די שולנ פונ פארשיידענע באלמעלאָכישע פאכנ, סאָכריש־הענדלערישע בראנזשעס, פונ פרומע אונ ווילטעטיקע כעווערעס אונ אינסטיטוציעס— שולנ פונ שנײַדער, שוסטער, שמידנ, כמעלמאכעס, קאצאָווימ; שולנ פונ מיוועסהענדלער טויכער־פיידעס, דאָגנער (באר די, וואָס פאָרנ אפנ דאָנ), מאָסקווער, דאנציקער, ביקור־כוילימ אאוו. פונ אנדערע כעווערעס אונ כסידימ־סעקטעס, — אונ דאָס אלצ אפ איינ אָרט, איינס לעבנ אנדערנ, איינס אונטער אונ איבער דעמ אנדערנ. אונ איצט, באנאכט — אינ איינער א שול איינע נאָר א ליכט לייכט זיכ, אינ דער אנדערער — קיינ ליכט, אינ דער דריטער פיל ליכט; אינ איינער קיינ נאכט־לערנער, אינ דער צווייטער — איינער אָדער צוויי לערנער, אונ אינ דער דריטער פיל לערנער, — אונ די אלטע שול מיט איר הויכער פינצטערקײַט, פארשלאָסנקײַט, מיט איר געפלאסטערטנ צוגאנג אונ שטומע טירנ — איבער זיי אלע, שטייט אינ דעקט זיי, שטייט אונ דרעמלענדיק וואכט איבער זיי.

א פרעמדער, זאָגנ מיר, ווענ ער טרעפט אהער באנאכט, פונ דעמ מארקפײַל אָנקומענדיק, וואָלט גלייכ דערזענ די סטרוקטור אונ לעבנשטייגער פונ דער N ־ער איידע: דערזענ, אז דער מארק איז איר לעבנס־צענטער, אונ אז איר גאַנץ היט איר הײַשענע... זי, די איידע אליינ, וווינט אינ זײַטיקע פא

רוקטע געסלעכ, אונ זיי, די געסלעכ, מיט די שלאָפנדיקע אײַנוווינער אינ זיי, זעענ אויס, ווי ניט דער איקער צו זײַנ, נאָר ווי א צוגאָב צומ איקער, צומ מארק, וואָס האָט זיי געבראַכט געשפּײַזט אונ מאָרגנ דארפ ער זיי ווײַטער שפּײַזנ, אונ קעדיי ניט צולאָזנ דעמ מארק נעבעכיקנ אימרו אינגאנצנ זיכ איבצוועפּנ אונ אימ אינ מאָרגנדיקנ ווידער־אומרו צו דערמאָנענ, האָבנ זיי אימ, אינ די רו־שאָענ, שאָמרימ אוועקגעשטעלט, אונ אויב דעמ גאָט זייערנ, — ער זאָל ניט שלאָפנ אונ נישט דרעמלענ — האָבנ זיי די יונגסטע קינדער זייערע אינ די שולנ וואכ געלאָזט, זיי זאָלנ אימ פונ אלטקײַט אינ צו זײַנ בארופ וועקנ.

אונ גאָט וועלנ מיר זינגענ: אז ווענ יענער פרעמדער וואָלט בא יענע שיל־ביניאָנימ, זאָל זײַנ זומער אָדער ווינטער, די נאכט איבערגעשטאנענ אונ אפּ מאָג זיכ דערוואַרט, וואָלט ער דערזענ, אז ווענ דער מאָג דארפ איבער יענע מעקוימעס אָנ אויג עפענענ, עפנט ער, אָבער באלד מאכט ער עס צוריק צו... אונ נישט נאָר דערפאר, ווײַל ס'איז נישט איבעריק זוויבער דאָרט, אונ אויב נישט, ווײַל צופעליק אונ ציגײַנעריש־מאבאָריש די הײַזער דאָרט צעשטעלט. ניינ, נאָר דעריקער דערפאר, ווײַל א פארורײַילטקײַט אונ עפּעס א בראָכ־פאַרויסזאָג הענגט איבער יענעמ אָרט — איבערנ גאנצנ, איבערנ מארק, אינ ביפראט אפּ יענע שול־ביניאָנימ, וואָס, קלוימערשט, זײַנענ זיי די היטער. קלוימערשט — די וואכ אונ באזאָרגער פונ דער איידע, אָבער אינדערעמעס איז א ווילד־ראבמאָנעמ שוינ הײַנט אפּ זיי צוקיקנ, אינ אפּ מאָרגנ, ווער ווייסט, — מעגלעכ, אז ס'וועלנ אפּ זיי שוינ פארזשאווערטע געדעכעניש־שלעסער הענגענ; מעגלעכ, זיי וועלנ אפּנ אאוקציאָנ פארקויפט ווערנ, מעגלעכ (ווענ קיינער וועט זיי ניט קויפנ) וועלנ פונ אלטקײַט צעשיט ווערנ, אונ, אינ בעסטנ פאל מעגלעכ, אז אנדערע צײַטנ וועלנ קומענ אונ וועלנ זיי צוליב אנדערע, גאָר אנדערע צוועקנ באנײַענ...

אלצ מעגלעכ... דער מאָג אָבער, אז ער עפנט, סאָפּקאָלסאָפּ, דאָס אויג, דערזעט ער:

א גרויסע שטאָט איז דורכ א טײַכ אינ צוויי טיילנ צעטיילט. דער טײַכ איז בא די ברעגעס מיט אלט־דורכגעפּיילטע שטאמענ אונ מיט געדיכטע קרוינענ פונ ווייד־ביימער באשטעלט. די ביימער — מיט די פיס אינ טײַכ, אונ מיט די קעפּ דעקנ אימ איבער אונ מאכנ זײַנע וואסערנ טונקל־גרינלעכ — א באהעלטעניש פאר פיש, פרעש, שלענגלעכ אונ פאר פארשיידענע וואסער־געזיקסנ אונ אנדערע ווידמונגענ.

איינצלנע אלטע פישער, אפּ שיפלעכ אינמיטנ טײַכ, וואַרטנ נאנצפרי אפּ די נעצנ אָדער אפּ די ווענטקעס, וואָס זיי האָבנ פארוואָרפנ, זיי זאָלנ זיי פאר זייער פארטאָגיקנ פישער־געדולד מיט הי־טײַכיקנ קליינ־פישלדיקנ פאנג־לוינ באלוינענ.

הערטלעכ קאטשקעס אונ גענדז, יעדעס הערטל פונ איינעמ א פארויס־שווימענדיקנ קאטשער אָדער גאָנער אָנגעפירט, שווימענ שטיל די ברייט פונ טײַכ, פונ ברעג צו ברעג, אריבער.

אייניקע ייִנגערע יאָגנ שוינ זייער גרעט באַמ ברעג, אונ דער אָפּהילכ פונ שווענקענ אונ פּראַטשענ איז אזא נישטיקער, וואָס טומ אַפילע די נאָענט־ שטייענדיקע פיש נים שרעקנ.

ס'איז א פאַר־יינ־אויפגייענדיקע שטונ מימ ביימער־איבערגעבויגנקיימ אונ טיפ־שאָטנס איבערנ טייכ.

נישט ווימ פונ טייכ־פּלאַצ — באָרנדיקע לעוואָדעס, וועלכע זיינענ פונ פרי־ יינגדיקנ געייסער אפנ גאַנצנ זומער ערמערוויז נאס, פייכט פארבליבנ; גרינע, מימ הויכנ זיבאַירער אונ מימ פיל געלע קעפּלעכ פונ בלאָז־בלומענ באַדעקט.

אפּנ די לעוואדעס איז וואָלנ־יוענ עמעצנ אינ אָט דער צייט צו זענ, אויסער א פארדעכטיקע גרופּע פארשיינענ אמאָל, וואָס קומענ אהער ווענג זייער א פארדעכטיק־פארטראכטנ איניענ וועגנ ארומדריידנ, אָדער מימ די זאכנ פונ א שיינ דורכגעפירטער גנייווע זיכ צו צעטיילנ.

העכער די לעוואדעס, פונ ביידע זייטנ טייכ, — די שטאָט, וואָס אירע ביידע טיילנ זיינענ פארייניקט: נידעריקער פונ דער הערבליע, ווו דער טייכ איז שמאָל, מימ אנ אלטמאָדישער „קלאדקע“, וועדליק אפּ דרייִ־פיר מענטשנ אינ דער ברייט, אונ העכער דער הערבליע, ווו ס'איז ברייט דער טייכ — מימ א היינטצייטיקנ שוינ בריק, א הילצערנעמ, אָבער שוינ א גאנצ ברייטנ, אפּ היפּישע קלעצער געבויט, מימ א פאָר־פּלאַצ פאר צוויי פורנ הינ־אונ־הער, אונ אויכ מימ זייטנ־וועגנ פאר צופוסגייער באַ די פארענטשעס.

דערווייל שלאָפנ נאָכ די ביידע בריקנ, אונ ס'איז אפּ זיי קייגעמ נים צו זעענ. אונ נישט נאָר זיי, נאָר די גאנצע שטאָט שלאָפט נאָכ.

די איינציקע, ציטערנדע הערוואַנדיקע, וואָס דער טאָג דערזעט אינ שטאָט, זיינענ:

1) — דער עלטסטער יִיד פונ שטאָט. דער גרוי־גראָער, מימנ לאַמדאָ־ נישע־באַריפּייענ פּאָנעמ, קלוג אונ פּאָליטיקאַניש. ער שטיימ אפנ הילצערנעמ גאַנעקל פונ זיינ צוויי־שטאָקיק הויז, וואָס געפינט זיכ אפנ פּלאַצ פונ דער אָפענער שול, אפּ איר קעגנאיבערדיקער זייט.

נישט ווי געוויינלעכ, אונ נישט ווי אנדערע פונ זיינ גראד, וואָס זיינענ אינ־ דערפרי אינ א כאלאט אָנגעטאָנ. נייִנ. ער — אינ דער שוואַרצער קאַפּאָטע שוינ, שטאַרק זויבער. אינ וועדליק פאר זיינע יאָרנ, נאָכ זייער טשעפּקע,[1] — שטייט אינ מאָמענט פאַרשטעלט ער מימ דער רעכטער לעפּל־האַנט די אויגנ אינ דעמ שטעכנ פאר דער שיינ.

ער פאָדערט זיכ דער ערשטער, — אָדער, ווי מע דארפּ רעכענענ, מאכמעמ עלטער, אָדער מאכמעס, ווי די שטאָט זאָגט אינ האלט, מאכמעס זיינ שארפנ קאָפּ אונ לעבעדיקע געדאנקענ, וואָס לאָזנ אימ נים רוענ אונ הייבנ אימ פאָ־ מער פאַרפרי פונ בעט ארויס.

דאָס איז רעב דודי, וועלכער איז דער גאנצער שטאָט באוווסט, פאר וועלכנ א גאנצער קאנט האָט דערעכערעצ. אונ וואָס אויכ אויסער זיינ קאנט שטעמט

1 — ציכטיק.

ער שטארק אלס לערנער, אלס גרויסער באַלעבאַטישנ און אויכ אלס באַלמע-דאקדעק גרויסער.

ער אָטעמט מיט דער ערשטער לופט פונ טאָג, ווענ קיינער איז נאָכ אפנ גאס נישטאָ, ווענ די זונ איז נאָכ אפנ הימל נישט ארויס, ווענ אלע שלאָפנ נאָכ. אינ ווענ אפילע „די אָפענע", פונ וועלכער די גאנצע נאכט האָבנ זיכ געהערט די געווייסטע קוילעס, איז איצט אנגעשלאָפנ, ווײַל אירע לערנער זײַנענ מיד, אונ זעלטנ-ווענ, אינ אָט דער צײַט, באַווײַזט זיכ עמעצער אנ אײַנגייער אָדער ארויסגייער אפנ איר טיר.

2) — דער צווייטער — יאנאָווסקי, דער פוילישער דאָקטער.

אויכ א זאָקנ, מיט א באָבישנ גאנג אונ מיט א לײַטיקנ בליק שוינ, מיט צוויי שטארק-ווײַסע באקנבארדנ אונ אײַנגעטונ פראנצ-יאָזעפיש אויסגעגאָלט.

ער איז סטאראָסטע אינ פויליש-קאטאליקישנ קלויסטער, וועלכער געפינט זיכ אפנ דער צווייטער זײַט מארק; פונ יענעמ קלויסטער, וואָס אפנ פראָנטאָנ פונ זײַנ ארײַנגאנג-טויער אויבנ איז אינ א דאָלב-קײַלעכ דער בארג קארמעל אויסגעמאָלט, עליאָהו הא-נאָווי, אײַנגעהילט אינ א רוימישנ מאנטל, זיצט בײַ א זײַנ צופוסנס, אונ פייגלענ איבער זײַנ קאָפּ טראָגנ, ברענגענ אימ שפּײַז אינ די שנאָבלענ...

ער, יאנאָווסקי, דינט דער ערשטער גלייביקער פארטאָג, די ערשטע מפילע אָפּצוהיטנ אינ יענעמ קלויסטער. וואָס אינ דער אלטער פעסטונג, וועלכע איז א נײַער אונ אנ אלטע דערמאָנונג פונ קאזאקישע אויפשטאנדנ פונ כמעלניצ-קעס אונ גאָנטעס צײַטנ.

זי איז שוינ אלט, די פעסטונג, מיט מויערנ, גלײַכגעבויטע פירמיריעס אונטערגעשפארט. אפ די יענע, כמו אפ די אלטע, כמו אפ די נײַע, וואקסנ ווערבעס. די הארמאטנ אינ שאנצ-לעכער דינענ פאר נעסטנ פאר די פייגלענ אונ דאָס אײַנציקע לעבעדיקע, וואָס איז איר פארבליבנ, איז איר דיפ, ווי דער פערלעשער-טירעמ געפינט זיכ, אינ אויכ דאָס אלטע, רויט-דעבלדיקע קלויבערל, פונ גאָטישנ סטיל, וואָס קלינגט אפ גלײַכוואלד בײַם א טרייפע, אינ זײַנ שווארצער זיב-ווינקלדיקער גלאָק דינט אלס שטאָט-זייגער צו ווײַזנ געבנ דער שטאָט אירע פערטל, האלבע אונ גאנצע שאָענ.

יאנאָווסקי איז טאָמער, כמו ווינטער, כמו זומער, דער ערשטער אינ גאס. נאָר וואָלטמענדיג צום שמעקנדיק אָפּגעניט טייער פונ קלויסטער, וואָס ציט גאס ארויס-צו, טרעפט ער זיצנ בײַ די בײַשטידלעכ, ווי נאָכ פונ נעכטנ אינ אייער-נעכטנ פארגליווערטע, א פאָר אלטע פוילישע זקיינעס, וואָס זעענ אויס, מיט די אריבערגעצויגענע קליידער איבער די קני, ווי סטאטועס אינ קלויסטער-נישעס; זיי זיצנ אינ דער באזונדער קאטויליש-קנעכטישער ראכנאָע, די אייגנ צו דער ערד אראָפּגעלאָזט, בעטלענ, קיינ וואָרט נישט ארויסלאָזנדיק.

יאנאָווסקי גיט עפּעס אמאָל די בעטלערנס, אָדער גיט נישט, נאָר אלנפאלס איז ער טאָמער דער ערשטער, פונ וועמענ זייער בעטלערישער אָנהייב-טאָג דערוואוארט עפּעס.

און אַט אַזוי איז יאַנאַיעבקי דער ערשטער, וואָס קומט מיט זײַן שווער-
באַלישן נאַנג אין מיט זײַן לייכטיקן בליק צו וועקן דעם פּוילישן נאַכט פֿאַר
דער קליינער פּוילישער אידע, וואָס איז דער שטאָט, אין דעם הויז — דער
ערשטער, וואָס דערזאָגט פֿאַר זײַן גרויסער און קלאָרער הונדערט-פּראָצענ-
טיקער שטאָט-אײדע.

און באַלד דערנאָך, — נאָכן דערזאָגן און אויפֿשטיין פֿון די אייגן דערמאָנ-
טע, — דערזאָגט שוין אויך די שטאָט: — מיט גרויסן פֿלאַמער נאָכן, ליכט און
ליכטער, ניט איין און ניט אײנס, וואָס ניט געקוקט דערויף, וואָס זיי האָבן
(די ייִדישע גערעדט ניט) דאָס ייִדישע מאָל שוין אָפּגעברענט, דאָס ווערן זיי
פֿון די ליכטע אָנגעצונדן, פֿון די ליכטע באַלעבאַטים, און זעלבער ענגלישאַפּט
ציריק אויפֿגעשטעלט אין באַגינען, אַף ווידער און נאָכאַמאָל, און אײנעם אַ טאָג,
אַ גאַנצן נאַכט, מיטן פֿײַער אויפֿצוזיין.

די דערזאָגט די שטאָט, — יענער טייל, דער צווייטער דינג, ווי דאָס דאַרף
באַפֿעליקן געפֿונען זיך — אונטער די מערסטע הראַניצענע און שיינדל-רעכער
און מיט ייִנגערן ברענען, מיט די מערבסטע נײַשט נעבעכדיקער גאַסן, ווי מיט נײַ
ברייטערע, מיט די מאַרליכטיקע הײַזלעך, נידעריקע, וואָס אַ געוויינלעכער-
טיקער מענטש יאָג מיט דער איבערגעשטרעקטער דאַנק צו זייער הייב דער-
לאַנגען: מיט דער אָנגראָזיקער, אייבנעמדיקער ערד אין די הייפֿלעך, ווי אַ
בייטל איז אַ נאַכט, און ווי אַ בערל — אַ וועלטנקיצן; מיט די נידעריקע
פֿאַרקאָכטע אין פֿרייען, דורך וועלכע איינער הײַזל און איין הייפֿל-איינגעמיטער
דורכגעבער מיט אַנדערע, ווי באַווײַזנדיק קריגט זיך אַ הויף מיט אַ
הויף, אַז אײנער מיט אַ צווייטן, און די גאַנצע גאַס, אָדער געסל, נעמט
מאַכנעס צו גרויסער גאָענקייט, אַמייל אײנעם קריג.

ס'דערזאָגט יענער טייל, וואָס ווען מע וואָלט אַ קוק געטאָן אַף זײַן קאָר-
טע-פּלאַן, וואָלט מען קיין רעכטס און קיין פֿיס, קיין אָנהייב און קיין סאָף ניט
געפֿונען, נאָר אַ נעמניש אין אַ נעררייי, אַז איבערפֿלעכט פֿון שטעטלעך און זיי-
טעלעך און גאַסן-פּאָרנגן אַראָבעריע. און נאָך איינמאָל געדיכטענייש, ווי
און אַלע פֿון וועלכע מײַן שטעטלעך, וואָרט מען קליינע פּלעצער אַנגעוויז-מערד,
ווי דער פּיינער און פּלייש-באַרג אאַ., געמאָכט, רינגען ס'לאָזט זיך גלײַב דער
אױפֿגעוואַכטער באַרעבאָטע-אוילעמ פֿון אַלע עקן — צום פּלייש-מאַרק, דער-
מאָנט, ווי דאַצאָיים דאַרן שוין אַף די קלענצער דאָס פּלייש, גרייטן זיך צום
טאָג-פֿאַרקויף, און דינט מישאַמעטיקע דערבײַ אַף באַקומען צוגעוואָרפֿן שטיק-
לעך פֿלייש, ביינדלעך פֿון די העקער.

ס'שטעלט זיך דער טאָג מיט אַ אַלט-אײַנגעפֿינדעניטן שטייגער: מיט
געשטעלטע באַמאָייאַרן, מיט אײַנגעדייצטע אויוונס, מיט רויך, וואָס איין רויט
מיט אַפֿלאָג דעם אַנדערן און איט באַשטימען...

ס'שטעלט זיך דער טאָג מיטלענדיק, מיט אויפֿגעפּראַלטע צעעפֿנטע לאָדנס,
טירן, קאַמערן און שטאַלן. אָפּט, פֿון נאַנצפֿרי, שוין מיט ייִנגערשע קרינגע-
לייען. דאָנג מיט גוטס, וואָס געבנען פֿאַר דער נאַכט איז זיך פֿאַרלאָפֿן — אַז

אומגליק אמאָל: אינ א נאָענטער שטוב, אָדער געסל, איז עמעצער, שוינ פונ לאַנג יאָ כוילע, פּלוצעמ געשטאָרבנ; אָדער בא עמעצנ, פאַרקערט, א קימפּעט: א ווײַב איז געלעגנ געוואָרנ, א קו האָט זיכ געקעלבט. ווײַטער האָבנ קײנ צײַט ניט, אָבער מע זאַמלט זיכ רעדלעכ, אינ אײַלנדיק אינ נאָכ האַלב ניט געוואַשענע, טוט מענ זיכ אָפּ מיט טײלנ מיט די נאַכט־נײַעס.

עס שטעלט זיכ דער טאָג מיטנ רויש פונ די אײַנקויף־מערק, פונ די פלייש־פיש־מעל־גרויפּנ־הענדלער, וואָס רופּנ אויס הויכ אַז זייערע סכוירעס, אינ פונ די קונימ. וואָס שטופּנ זיכ צום קויפנ, קלײַבנ איבער אינ דינגענ זיכ הויכ אונ איבערישרײַעריש; פונ קוילעס פונ קלײנע קינדער, וואָס ווערנ אָפּט פונ מוטערס אינ די אײַנקויף־מערק מיטגענומענ אינ וואָס אינ מאַרק־טומל צעוויינענ זיכ; פונ הינט, וואָס דרייענ זיכ פאַר די קונימס אינ קײַפערס פיס,—זיי כאַפּנ אָפּט א מיעסנ זעצ, אמאָל איבער א פיס, אמאָל איבערנ רוקנ מיט א שווערער זאַכ, אינ פונ ווײַטער צערײַסטשענ זיי זיכ; פונ בעטלער קאַליקעס, וואָס אויב זיי געפינענ זיכ שוינ פונ גאַנצפרי אינ מאַרק, אונ יעדער בעטלער קאַליקע רופט אַז זײַנ פעלער איז—א בלינדער, א קרומער אָדער אַנדערע כעסרוינעס, אינ דערוועקט ראַכמאָנעס מאַרקײַענ מיט קוילע־קוילעס; פונ גאַנאָווימ, וואָס מאַכנ אָפּט אומזיסט א ליאַרעמ, אַן ענגעניש אינ שטיפּערײַ, קעדיי אינ געריכטעניש צו פרעמדע בײַטעלעכ אונ קעשענעס זיכ גרינגער דערקלײַבנ; פונ מעשוגאָימ, וואָס געכטיקנ, שמענדיקנ אונ האַלטנ זיכ איפ אינ מאַרק,—באַנאַכט שלאָפנ זיי בא די שטיבלעכ, אונ אינדערפרי, מיטנ ערשטנ רויש פונ מאַרק, הייבט אָנ זיי שוינ דאָס ערשטע מעשוגאַס, אונ זיי געפינענ די ערשטע באַלאָנים שוינ אַז זיי ווי באַרויערנ אונ פונ זיי די אָרעמסינגלענדיקע רעדלעכ אָפּצוטרײַבנ, אָדער אַנדערע—אַז זיי נאָכ מער אונ אָבנ גאַנצנ טאָג צו צערײַצנ.

יאָ פרעמדער, זאָגנ מיר ווידער, יוענ ער וואָלט אינ אַט דעמ טײל, אינ צווייטנ רינג פונ N אײַנגערייטענ אינ א פרימאָרגנ, וואָלט ער געזוענ דאָס, וואָס האָבנ זיכ דעמאָלט געלאָזט זענ אינ אײנע טײלנ פונ אַלע ענגלעכע אַזוינע שטעט: שטיבל אינ מאַרק־טומל, גאַסנ־ אינ הויפנ־קיימ, זעלטנ א געסל, ווי דאָס איז זאָל האָבנ זיכ אָפּגעשטעלט אַפ גרינס, אַפ א בוימ, אַפ גראָז, אַפ ייִבערקײַט, אינ דער אײַער זאָל פונ שטילקײַט פאַרגעניגנ קרינ.

ער וואָלט אויכ געזענ: ווי די גאַנצע אַרכיטעקטור פונ שטאָט איז כויזעק. יוענג די „בעבעבע" ביניאָנים האָט מענ, אינ בעסטנ פאַל, גערופנט זאָגנ „מאָדערנ", אונ ניט אינ בעסטנ פאַל — פיל ערגער.

אַלטע לײַט וואָלטנ אימ אָנגעוויזנ אײניקע גאַסנ, געסלעכ, וועלכע האָבנ זיכ מיט א נעמ פונ די עלטסטע סרײַפעס געראַמעיועט, אינ דער פרעמדער וואָלט באַמערקט, אַז די נײַע גאַסנ, די, וואָס פונ נאָכ די סרײַפעס, שיידנ זיכ מיט גאָרניט אָפּ פונ די אַלטע: די זעלבע פלאַנלאָזיקײט, די זעלבע ענגשאַפט. פיצעלעכ הײַזעלעכ, אינ ווידער שטוב צו שטוב, דאַכ צו דאַכ, קעדיי זיי זאָלנ אײנער באַמ אַנדערנ, ווענ די צײַט וועט זײַנ—בײַמ א סרײַפע—אַמשנעלסט קאָנענ פײַער אָנטלײַענ.

ער האָט אויך געזען, אַז נישט געקוקט אַפ די כּרייפעס, איז די שטאָט
אינ משך פונ א געווייסער צייט דאָכ שטאַרק אויסגעוואַקסנ.

שטאָטישע וואָלנ אים אָנגעזיינ דעם אַלצ בעסוילעמ, וואָס געפינט זיכ איצט אינמיטנ שטאָט, און וואָס פריער איז ער, ווי דער מינהעג איז אָרט אַפ „פעלד" צי פאַרגעגנגענ, געווינ איבער שטאָט געווענ—און דאָס וואָלט אים געדינט אויכ ערשטער באַווייז פונ דער שטאָטס וווקס. אינ ווענ דערנאָכ וואָלט ער אַליינ מאַכנ אַפנ בעסוילעמ אַרייַנגעקומענ, וואָלט ער אינ דעם קליינעמ פירעקיקנ פּלאַצ, מיטנ פאַרקנ פונ אַלע זייטנ אַרומגענומענ, געזענ, אַז די שטאָט איז מיט איינִיקע הונדערט יאָר צוריק בעסמעס מאַקע זייער קליינ געווענ. אַזוי אַז אָט דער קליינער פּלאַצ האָט איר נאָכ דערמיט אַפ אירע ווייניקע באַגראַבענישנ־באַערדעניש נעגינגט. נישט ווי איצט, וואָס דער פּלאַצ איז אינ ווייטער.

יאָ, די שטאָט איז אויסגעוואַקסנ. פונ די אויפשריפטנ אַפ די מאַצייוועס אַבער, וואָס א גרייסער טייל פונ זיי האָט זיכ נאָכ אַנגעהיט און לאָזט זיכ נאָכ ברייט לייענענ, ווענ ער וואָלט זיי פאַרגלייכט מיט די מאַצייווע־אויפשריפטנ פונעמ נייעמ בעסוילעמ, וואָלט ער געזענ און אָפּגעלערנט, ווי ווייניק דאָס איצטיקע פונ דעמאָלטיקנ האָט זיכ געביטנ: דער זעלבער גיסעג, די זעלבע מאַצייווע־שטאַב און מיטולנ אינ אייכ אַלצייגע, דאַכט זיכ, מענטשנ זייענ אַפ די ביידע באַהאַלטנ.

„פּ"נ" (דאָ איז באַהאַלטנ)—וואָלט ער אי דאָ, אי דאָרט, מיט קליינע נאָך־ענדערונגענ אינ די יאָרנ און דאַטעס, געלייענט:

„מקובל צדיק ב"ג כ"ג שנה"... (א יונגער מקובל פונ דריי און צוואַנציק יאָר).

„פּ"נ", וואָלט ער אי דאָ אי דאָרט ווייטער געלייענט—א באַוווסטער ראַוו—„אב"ד ומ"צ ששימש בכתר הרבנות שלשים שנה"... (וואָס האָט געטראָגנ די ראַבאָנישע קרוינ דרייסיק יאָר) אאַז.

אָנשטאָט, וואָלט ער באַמערקט, אַז אַפנ נייעמ, ווי אַפנ אַלטנ – די זעלבע ווערטער באַרג־ביילעכ, וואָס זייערע צווישנליכ שטעלנ זיכ, ווי דערנער; אַפ די עלטסטע קוואָרימ פונ די באַשעוועסטע פונ דער איידע אינ דער נייער צייט — די זעלבע דורכ־אַריינגעוואַקסענע לינדנביימער, מיט די פיל קראָענ־נעסטנ, ווי אַפ די קוואָרימ פונ די באַשעוועסטע פונ דער אַלטער צייט.

אַזוי, אַז אינ בעסוילעמ אַפנ אַנדערנ, איבער אינ די מאַבישמאַכנ, איז אינ אַלצ געבליבנ, אינ אַזוי אייכ אייבערנ בעסוילעמ, אינ דער שטאָט דער לעבעדיקער — נישטיקע גאָר ענדערונגענ וואָלט ער באַמערקט...

• •
•

דער הויפּטער ריננ — דאָס איז די ראָד, וואָס רינגלט קיילעכיק אַרומ די שטאָט. דאָס זיינענ פאַרשטעטנ, ווי די באַפּיווקע, פיינעריווקע, קאַמישעניעווקע און — בערניקעס מאַליקע, לייט־ און זומפּבאָדנ־ערטער.

איינִיקע ערטער באַווייזנ מיט מענטשנ, ווי מיט מאָג, א העזל אַפ א הינול.

א כורווע לעבנ א צווייטער, קיינ כימענ פונ גאס, קיינ זייבער פונ טראָטואַרנ-קויפ, שמוצ שטענדיקער, אונ קיינ גראָז וואקסט קיינמאָל.

אינ אנדערע—די הײַזער שווינ שטארק זײַט איינס פונ אנדערנ. צווישנ הויז אונ הויז—א היפשע שטרעקע, ס'שמעקט שווינ מיט אויסער-שטאָט. מיט בו פאָר-שטילקײַט.

אינ דריטנ ריינג—די גרעסטע אָרעמקייט, וואָס מע קענ זיכ נאָר רעכנענ. דאָס ראָזו הײַזער האלטנ זיכ מיט א נעס: מיט קרומע, שטענדיק שימ-ריקע נאסנ ווענט אינעווייניק, אויסערלעכ—ניט געשמירט, דעכער—לעבעדיקע. אפ האלב אינ פערטל מיט גאָרניט, אָדער שלעכט געדעכט. דאָס ראָזו קינדער פראָגט קיינ העמד אפנ לײַב, עלטערע—טראָגנ צעריסענע, צעפיצלטע, געלאַ-טעטע. שמוצ אונ קאפצאָנעס גייט דאָרט איבער בעיערישע, אינ קיינער טרייבט שווינ אפילע ניט פונ אָט דער יערישע זיכ צו באפרײַענ.

דאָרט—אי דאָס אָרעמסטע, אי דער אָפפאל פונ שטאָט: לעצט באָרטיקע, קאליקעוואטע באַלמעלאָכעס לאַטוטניקעס, אווינע, וואָס ס'יועט זיי אפילע קיינ פאנדעמ-ארבעט ניט געגעבנ, וואָס וועלנ פייק נאָר די שטאָטישע אינ באַר-שטאָטישע קאפצאָנישע שיכ אונ בגאָדימ צו פארלאטענ.

דאָס איז דאָס ראָזו אײַנוווינער דאָרט.

דאָרט אויכ שמאָטעס-לעבער, דיזשעניער אונ פראָפעסיאָנעלע שלעפער: קאמעריגישטשיקעס, אָרעמע טרעגער, דינסט אינ אמ-טעקלער אונ מעקלער-ב. אונ ליטאָפ — פרוכט אינ הײַזער-ווינקלעך אינ מיינ, גאָאָנימ. טרעפערינב.

**קאָרטנוואַרפערס אונ פרײַלעכע נעקייוועס**

דאָרט — דער אייטער פונ שטאָטישנ קאָהאל ארויסגעגעבענ, אַפּגעזונדערט אונ דערוויטערט: די מינהאָגים די זעלבע. אָבער געזעצנ נייעט די זעלבע. וואָס אינ דער שטאָט.

דער גאָט פונ "א" האָט דאָ, ווי די ווײַטסטע נאָענטראָגעס; דער אויבער דאָ גייט שלעכט אינ פאָלקס-וואָגנ געשפאנט, אינ א גרויסער מייל שטייט דאָ אינ גאנצנ, ווי אויסערנ שפּאַנ.

דאָ האָט איר געקענט אינ א מיטנ העלנ זומער-טאָג טרעפנ אפ א וואַנט פלאצ א גרופע יונגע ליגנ אָדער זיצנ—שפילנ אינ קאָרטנ אָדער אונטער-פרײַענ הימל א סודע פראַוועוג.

דאָרט האָט א שמאָטעס-מענטש אמאָל געהאָנגט זענ א בילה, וואָס ער האָט אינ שטאָט אפ זײַנ לעבנ ניט געזענ: אפ א פוסטנ פלאצ א מאַנספּאַרשוינ. גיט יידיש געקליידט, א קורצ רעקל, די הויזנ אינ לאנגע שטיוול מיט לאקירטע באַליעוועס, אינ א העמד, מיט ברייטע קנעפּלעכ געניייט איבער די הויזנ, אינ האנט אנ אָקסישנ גיר, שטייט מיט א פרוי, אינ א שאַל אנ אײַנגעהילטער. פונ דער שאַל קוקט ארויס א יונג פּאָנעמ, א שיינס, אָדער-אויב זי איז צו-אײַכ מיטנ רוקנ געווענדט—אקסל קײַלעכיקע, פולע.

זיי שטייענ פרויער שטיל. האָבנ צווישנ זיכ. ווי עפּעס וועגנ זויכטיקס איבערצורייידנ. דער מאנצבל, זעט מענ, האָט די פרוי פונ שטוב אהער ארויסגערופנ, ווײַל דער געשפּרעכ דאַרפ דאָ זײַנ אנ ערנסטער.

זי קוקט צי דער ערד עפעס שילדיקלעכ. ער—פּאמשט מיטנ גיד זיכ איבער דער כאָליעווע, קוקט אפ איר, אונ פונ דער גרויסער אָפגעזונדערטער שטיל־קייט, וואָס הערשט א צייט צווישנ זיי ביידע, דערהערט זיכ מיטאמאָל א מוי־רעדיקער קווימיט: דאָס האָט דער מאנצבל מיטאמאָל, מיט דער גאנצער קראפט, דער פרוי מיטנ גיד איבערנ פּאָנעם דערלאנגט.

נאָכנ קווימיט—ווייטער שטיל... די פרוי איז גרויסער האכנאָע. זי האָט זיכ פונ טיימעק נישט געקאָנט איינהאלטנ אינ האָט אויסגעשריענ, אָבער באלד איז זי צום זינענ געקומענ, האָט זיכ דערמאָנט אינ איר אומבאשיצט־קייט, אנשיינג געוואָרנ, אונ די ווייטער־קומענדיקע קלעפּ איז זי שוינ גרייט אפ זיכ צו נעמענ אינ דער שטיל.

ווייל אזוי איז דער מינהעג דאָרט, אונ אזוי אייגנגעפירט: ווענ א יונג שלאָגט זיינ אונטערטעניקע, זיינ נעקייווע, איז ווענ זי שרייט, וועט זיכ קיינער ניט אָפּרופנ, קיינער וועט איר צו הילפ נישט ארויס. פארקערט, וואָס ווייניקער מע וועט זיכ פאר איר אָנעמענ אונ איר העלפנ, וואָס ווייניקער אָנטייל פונ זייטיקע אונ פרעמדע אינ דער מאכלויקעס מיטנ איריקנ, אלץ איז פאר איר בעסער...

דאָרט ווינענ שלענערס, „קייסאָרימ" אינ גאלאנטאנעס, וואָס שלאָגנ, אויב מע דינגט זיי,—אפ „מרוקנ", אפ „נאס", אפ ביינער ברעכנ אונ אפ ביז קראנק אוועקלייגנ.

דאָרט טרעפט איר צווישנ די דינסטע אינ אמ־טעקלערגס אזא אויסטערלייש פּאָרל אייכ, ווי פערעלע אונ די איליאָוועכע. זיי האָבנ ביידע שוטפעס אינ אייג געשעפט, וואָס באשטייט אינ דעמ, וואָס ווענ א דינסט אינ א נעגידיש־באלע־באטיש הויז גלימט זיכ אויס... שוינ אינ די הויכע כאדאָשימ... קאָנ שוינ מער ניט פארשטעלנ... אונ די באלעבאָסטע די נעגידעסטע וויל אייבבאהאלטנ דעמ מאנס, אָדער דעמ זינס שולד פאר לייט, ס'זאָל צו קיינ אומלייטיש געריידט אונ סקאנדאל ניט קומענ.—קומט דאנ אפ דער פארשטעלטער סצענע ארויס פערעלע:

א נעזונטע, פּופּציקאָריקע יידענע, מיט פלייציקע, טרענערישע אקסל; אינ א קורצ שאלעכל, וואָס זי האָט עס טאָמער אפ די אקסל הענגענ; מיט איר נעזויטנ, פונ טרינקענ, הייזעריקלעכנ מאנצבלישנ קאָל, מיט איר פּאָנעם, אי־בערנ זעלבנ טאמ, געדרויטלט, מיטנ באוווּקסנ פיסק אונ קרעפּטיקע ווערטער...

זי נעמט די דינסט סטראשענ אונ אפ איר אָנוואַרפנ א מוירע: יענע זאָל זיכ ניט דערוועגנ דעמ נאָמענ, וואָס מע דארפ ניט, דערמאָנענ. זי סטראשעט מיט פּאָליציי, מיט קאָלאָמינע סטראשונקעס: זי וועט באַ איר אינ טורמע פוילנ, פאר א בילבל אינ פאר פאלש אויסטראכטנ... ביז יענע, די דינסט, פונ איר אומגליק אינ מוירע דערשלאָגנ, גייט איר שוינ נאָכ, גייט אייג אפ אירע גומע רייד אינ מוטערלעכער אייצע: זי ווערט געבראכט צו דער איליאָוועכע פאר געצאָלטס, וואָס פערעלע באקומט הינטנאָרומ פונ דער נעגידעסטע — פאר עסנ, טרינקענ אונ אויסהאלטנ ביזנ „האָבנ"...

דעמלט מיט די איליאָוועבע דאָס קינד, דאָס „פּיטשיוקל“, ווי זי און פערעלע רופנ אָנ אַזוינע, אַפ אַזיינע „קעסטל“ האַלטנ, ביז דאָס קינד „טראָגט זיכ אָפּ“, אָדער, אויב ס'איז צו געזונט און אײַנגעשפּאַרט, טוט מענ דעם „דאָס רעכט“: מע דערוואַרגט עס... און די מוטער ווערט פונ פערעלענ ווידער אינ א נעגי-דישער שטוב פאַר אַנ אַמע אָפּגעגעבנ, ווידער פאַר גיט געצאָלט, וואָס אַליינ די אַמע זעט שוינ דערפונ קיינ גראָשנ.

ס'איז געוועזנ בעשיטשעס צווישנ פערעלענ און איליאָוועבענ: פערעלע טרינקט, דרייט זיכ אינ שטאָט צווישנ אַנדערע מעקלערנס אינ אינ נעגידישע הײַזער, קריגט אַרויס דאָס „פּסיילעס“ פונ דאָרט אינ באַהאַלט באַצאָלט, שטעלט צו פרייטע אינ געזונטע אַהינ — אינ באַקומט ווײַטער געצאָלטס. אינ איליאָוועבע זיצט אינ דער היים, די סבײַרע ווערט איר אינ שטוב צוגעשטעלט, אינ זי האָט די שטוב-אַרבעט: צו שפּײַזנ אינ צו וואַרגנ... ביז, אַנעז געזאָגט, לעסאָפּ אינ א שיינעמ טאָג ווערט די שטאָט הערונג בײַדע שוטעפטעס צו איינ האַנט-קייט געשמידט, פונ פאָליציי געפירט. דערנאָכ ווידער פרײַ געלאָזט אינ ווידער צו זייער „אַרבעט“.

דאָרט וווינענ גאַנאָווים אינ נעווייזעס פונ גאַנאָווים.

דאָרט איז אַנ אָרט פאַר א פּאָר געגאַנווענע פערד בא א פּאָרעצ, אָדער בא א יענעמ אַנדערש, אַפ איבערצושיקנ ביז א גרייסנ יאַריד; דאָרט איז אַנ אָרט פאַר געגאַנווענע שטיקלאָט, איבערגעפאַרבט צו ווערנ, אָדער אַפ קליינע שטיקלעכ צעשניטנ ווערנ אינ אינ די „גנייוויש שאַפטעלעכ“ דערנאָכ אימ צו קריגנ; דאָרט געפינענ זיכ איינ א פּאָר גנבישע זילבערנע לײַכטער אַנ אָרט; אַהינ קומט מענ צו דער טרעפערנ אינ קאָרטנשפּילערנ, אינ זי שיקט צו „גאַנאָוו“, דער גאַנאָוו היט זיכ באַהאַלטנ אינ שיקט אָפּ אַהיימ, אינ די גנייווע ווערט שוינ אַליינ אינ שטוב קומענ.

דאָרט וווינענ ייִדישע שטריקל-דרייער אינ ניט-ייִדישע באָזשניקעס.

דאָרט וואַקסנ מוטנ מיט פילע בויעמס, אינ שלאַנקע טויבנ-יונגע — קינדטויקע שלעסער-ברעכער, „שניפּער“, „מאַרעוויכער“, בעטעלער- אינ „שלעפּגל“-צינער.

אַהינ ברענגט דער הויל די הינט אָפּצושינדנ. אַהינ — א בינדיוזשניק זײַנ שקאַפּע די געפאַלענע, — דאָס פלייש פאַר די הינט, אינ די פעל צו פאַרקויפנ.

דאָרט די מערסטנטייל מאַפּשיטים — ווײַל ניט ווײַט פונ דאָרט איז דאָס שעכטהויז; דאָרט די גויסעמיטניקעס אינ גרעבער, ווײַל פונ דאָרט ניט ווײַט דער בעסוילעם.

דאָרט קומענ פאַר אַלע שאַבעס, פונ ווינטער ביז זומער, די באַוווּסטע געזעלנ פונ די קייבער-בעוווּרעס מיט זייערע עלטערע, די „קייבאָרימ“, וועלכע לעבנ אָפּ בעזשבנ פונ באַלעבאַטישע קינדער, וואָס גאַנווענע אָדער מאַכטענ אויס בא די עלטערנ אינ צאָלנ וואָכ-געלט, בעדרעשנעלט די קייבאָרימ, זיי זאָלנ זיי אַליינ ניט שלאָגנ אינ זיי פאַרהיטנ אינ באַשיצנ פונ אַנדערע שלעגער. מע שלאָגט זיכ אַלע שאַבעס, זיכ פאַרזאַמלענדיק אַהינ פונ פאַרשיידענע שטאָט

גיך. פֿריִער מיט די הענט, אַ קולאַקעס, דערנאָך, אַז מע צעהיצט זיך און מע ריכט אַרײַן אין דער „באַסינקע“ — מיט שטיינער, מיט מיטגייערס און מעסערס, און מאָמער ענדיקט זיך אַזאַ געשלעג מיט געפּלעטע קעפּ און מיט צעלעכטע אין שטאָטישן ביקור-חולים ברענגען — האַלבע טויטע, אָדער גאַנצע קאַליקעס.

באַמיט יענע שטאָט-טיילן האָבן פֿיל שלעפּעס און קרוויוועשאַפֿט מיט דער שטאָט N: — איין גאָט בײַ זיי, איינע און די זעלבע מינהגים, איינע טרויער- און פֿרייד-טעג און יאָנטעוויום, ראָב איז, ווי געזאָגט, דער גאָט דאָרט ניט אַזאַ שטרענגער, און פֿון זײַנע דינער פֿאָדערט ער ווייניקער, ווײַל ער ווייסט אַז ס'אומזיסט און ס'איז נישטאָ פֿון וועמען...

יאָנטעוויום היט מען צוליב די יאָנטעווודיקע מלבושים, און אין די טרויער-טעג איז מען חייניק טרויעריק.

מע לעבט פֿרײַ און אָפּשפּעטנדיק פֿון דער שטאָט, פֿון אירע נאַרישע און זייערע אויגן קליינשטעדטיש — פֿון די „יאָלדן“ און „טאַכמערס“, ווי מע רופֿט זיי אין יענע שטאָט-טיילן.

מע רופֿט זיי, ווען מע דאַרף זיי, אויף אַ ברית, אויף אַ טאַסענע, אָדער אין אַנדערע פֿאַרשיידענע מאָמענטן, ווען, ווי דער דין אָדער מינהג פֿאָדערט, מע נייטיקט זיך אין זיי; מע נעמט זיי אָפּ זייערס, מע באַקומט בײַ זיי, וואָס יענע נישטפֿינסגעזאָגט, האָבן צו געבן, אָבער קיין לאַנגע שמועס מאַכט מען ניט מיט זיי: יענע פֿילן זיך בײַ אָט די שטאָט-טיילן-לײַט נישט איבעריק פֿרײַ, און באַלד נאָכן אָפּגעגעבענעם און אָפּגענומענעם, שטעלן זיי אויף די קעלנער, רוקן זיך אַרויס און טראָגן זיך אָפּ, אום לענגער זיך ניט פֿאַרהאַלטן.

זיי, יענע שטאָט-טיילן-לײַט, לעבן זיך אויס צווישן זיך און זיי זענען, אויבער וואָס זיי האָבן נייטיק צו פּאַרנאָסע, צו דער שטאָט ניט אָנקומענע.

זיי האָבן זיך זייערע אייגענע שולן. און די שולן דאַוונט מען אָפּ, אפֿילו שאַבעס און יאָנטעוו, פֿיל פֿריִער, ווי אין שטאָט. דער חזן אויך איז אַן אָנגעהאַרעוועטער, אַ ווייניק-אַ-יוחדיקער, זאָגט לאַנג האָט ער פּנים, ער פֿאַרשטענדיקט זיך מיט סידור און זײַנע פּילעם אַפֿן וואַנט, מאַכט בעקיצער און אַלץ פֿון דער נאָענטקייט און אומפֿאַרשטענדלעכקייט פֿון גאָט זיך וואָס גיבער אַרויסמאַכן און אַוועק אַהיים, צו די אייגענע, צום פֿאַרשטענדלעכן.

דאָרט איז אַ מינהג, ווי געזאָגט, נאָך אַ מינהג, אָבער פֿון געזעצן האַלט מען חייניק. קומען, זאָגט מען דאָרט, זײַנען ניט פֿאַר אָרעמע לײַט, און פֿון לערנען און פֿון פֿיל תּפֿילות זאָגן — זאָגט מען דאָרט ווײַטער — ווערט מען לײַיִים.

מע דאַוונט אָפּ אַפֿניט, און זומער, לעמאָשל, שאַבעס נאָכן עסן, פֿאַרנעמט מען זיך גאַנצע געזינדער, גאַנצע געסלעך גייען אַרויס מיט ווײַבער, קינדער, מיט הינט, פֿאַלדרע אַפֿ די יאָרן, אַפֿ די גרינע פּלעצער אויסער דער שטאָט, צום „פּראָיעזד“, צו דער אײַזנבאַן-ליניע.

מע ליגט זיך דאָרט אויס צעשײַנטעריש, ווער צום ריען, מערסטנטייל צום

פארברענגענ — ווײַבער מיט מאנצבלענ, יונגלעכ מיט מײדלעכ, — אפ אזא ציגײַנעריש=פרײַענ אײפנ. אזוי העפקער, מיט הענט, מיט ווערטער אונ אזוינע ווערטלעכ, אז ווענ א שטאָט=מענטש, יעדער ס'זאָל ניט זײַנ, פונ צווײטנ רינג, וועט ער דערזעענ אָדער דערהערט אזוינס, וואָלט ער אוועק ווי אנ אָפּגעבריטער אונ א פארשעמטער, דאָס פּנים פאר בײזע פארשטעלט, אונ די אויערנ— פאר גיוואלד=פּע.

יאָ, אינ דריטנ רינג, ווי איבנ געזאָגט, מאכע פיל אָפּפאל אונ אויסוורפּ= הײַזער אינ מענטשנ, אָבער סאָפקאָלסאָפּ זײַנענ זײ נאָר א מינדערהײט אונ ניט זײ דער איקער אינ רינג. דער איקער=איקער — די מײנדעריק אויסגעהאָרע= וועטע, אָרעמע מאסע, וואָס צווישנ זײ איז, ווער כ'האָב געהאט אנ אויג, האָב שוינ איבער די צוקינפטס=ווײמענ אינ לופט אומשטײענ געקאָנט זענ.

* * *

עמעס. צו יענער צײַט, וועגנ וועלכער מיר דערצײלנ דאָ, איז דער ארבעטנ= דיקער אײלעמ פונ יענעמ טײל, פונ יענע פאַרשטעטע נאָכ שטארק פונ דער שטאָט ארויסגעריסנ, אָפּגעזונדערט אונ נאָכ גאָר ווייניק געוואקסנ.

ס'וועלנ אָבער זײַנ צײַטנ, שפּעטער, פיל שפּעטער פונ דער, ווענ וועלכער מיר דערצײלנ, ווענ די שטאָט וועט דאַרפנ צו אָט די ערטער אנ אײער צו= לײגנ; פונ דאָרט, דאַרפנ פונ אָט דעמ זײַט אינ אָרעמקײט, וועט אפ דער שטאָט אנ איבערקערעניש אינ שטארק דערפרײשנדיקער ווײַטנ קומענ; אהינ, צו יענע שטיבעלעכ=בײדײַלעכ אונ צו יענע אָרעמסטע ארבעטס=מענטשנ, באלי= בעלאָבעס לאמטשניקעס וועלנ די בעסטע קינדער פונ שטאָט קומענ, מיט קלאַ= סנדיקע הערצער, אפ ניט געווײנלעכע נײַט זיכ דערווײַנ אונ אפ נעשיבטלעכ. דערפרײענדיקער דערבאַרימ זיכ אָנצינעמענ; פאר יענע נידעריקע מידנ אינ שטילנ וועלנ געבויטע ווערנ אינ פיל מער ווײַטנדיקע פונ יענע הײַזער=אײנווײ= נער די קעפּ בײגנ. ווײַל קומענדיק די אײנוווינער איבערלעבונג אינ דערגײנ ברענגענ, וועלנ די אלײנ פונ דאָרט פאר זיכ א נײַע לערע ארויסטראָגנ.

דאָרט וועלנ זיכ ניטערשט קלײנע קרעצלעכ בילדנ, וואָס אינ א צײַט ארומ וועלנ זײ די וועלט צו ענג זײַנ, זײ וועלנ שוינ אונטערנ פרײַענ הימל, אָבער נאָכ אלץ אינ קלײנע גרופּעס זיכ זאמלענ: דערנאָכ, אז זײ וועלנ זיכ אינ קוועב דערפילנ, קײנ אינ דערפּקענ אפ זיכ נעמענ, וועלנ זײ אינ אײנעמ אנ אונגט (די שטאָט וועט איט, ווי אנ ערד=אָנדײב, פארגעדענקענ) זיכ אינ א גרויסער מאסע צונויפזאמלענ, א נאָכ ווײניק דרײַסיקע, ווײַל צו אזוינע ארויס= טרעטונגענ נאָכ נישט געווײנטע, אָבער אינ געשלאָסענע רײענ צו דער שטאָט זיכ לאָזנ...

אוונט וועט זײ פינקל פארשטעלנ, אונ פונ פארשטעלעניש וועט זיכ א נײַ= ריכטער זשומ, ווי פונ א ווײַט=אָנקומענדיקנ גשײַכטער ארויסהערנ.

רויקע, צו דײַנעס=געהײליקטער פילעניש געוווינטע, בירגער באלעבאטימ, אז זײ וועלנ פארנעמענ דעמ דרויסנדיקנ ראַש דערפונ, וועלנ זײ ארײַנ, דער=

ינגנ: א פרעמדע מענטשנ־באליע, מיט געזאנג, מיט א פריִער נישט־געזעענער ייגמאָל פאַנ פונ פּאָרנט, גייט, זינגט ביז אהער נישט געהערטע ווערטער... זיי וועלנ אינ גרויס הערשערק נישט וויסנ, צי א מאגייפע גייט אפ זיי, צי אנ אנדער אָנשיקעניש פונ דער ערד אָדער פונ הימל אויסגעוואקסנ; וועלנ אפניכ די אייגנ פונ אָט דער מאסע אָפּקערעווענ, אפניכ צו די קינדער זייערע שרייענ, ווי די קוואָקשקעס בײם סאקאָנע, און זיי אינ שטוב אריינרופנ, אפ־ ניכ אונטער איינענעם בליגל־דאכ, אונטער דווערעסדיקער סטריכע ארונטער, די טירנ נאָכ זיכ פארשליסנ און פעסט זיי אפ די קײטלענ פארהאקנ...

דאָס וועט זײנ פיל שפּעטער, און שפּעטער וועלנ מיר דעמ א גרויסנ בא־ ריכט אינ פיל צײט אָפּגעבנ. איצט אָבער איז נאָכ נישט די צייט, און מיר מוזנ פאָרלויפיק אפ צוריק אינ דעמ צווייטנ שטאָט־טייל זיכ אומקערנ, אינ אײנער א שטוב קומענ, אינ היפש־לאנג דאָרט זיכ דערצײלעריש פארהאלטנ.

## II

# מישפּאָכע־בראָניק

### אַרײַנפיר

מיטנ נאָמענ „דער פעטער לוזי" זײַנענ פאַרבונדנ געווענ די עלטסטע געדעכענישנ אונ דער אײגנטלעכער גרויסער יוכעס פונ דער פאַמיליע כאַשבער.

דער פעטער לוזי איז געווענ אַנ עלטערער ברודער מוישעס, אונ בײדע זײ — זינ פונ אַ באַוווסטנ, אינ זײַנע צײַטנ, ראָוו אונ דאַיענ אינ אײנער אַ גרויסער וואָלינער שטאָט, וואָס אַפ דער גרענעצ פונ קרוינ־פּוילנ.

די ברידער פלעגנ זיכ זעלטנ־ווענ זענ, זײ האָבנ געוווינט באַזונדער: מוישע — אינ N, אינ דער גרויסער ייִדישער האַנדלס־שטאָט, ווו ער האָט שטאַרק געשעמט מיט זײַנ רײַכקײַט אונ זײַנ ברײטער אופירונג; אונ דער פעטער לוזי — אינ אַ קלײנ, פאַרוואָרפנ שטעטעלע ערגעצ בא דער גרענעצ פאַרוקט, איז ניט רײַכ געווענ, האָט ניט געשעמט אונ צווישנ מענטשנ זיכ ווײניק געלאָזט מערקנ. אינ דאָכ, ס'אַרא ייִכעסנ אונ שטרײַכנ ס'האָט זיכ געשטרײַכט אונ געייִכעסט מוישע מיט זײַנ ברודער: זײַנ אַראָפּקומענ אַמאָל צו מוישענ איז געווענ אַ געשעעניש נישט נאָר פאַר אים, פאַר מוישענ אַלײנ, נאָר אויכ פאַר אַלע אינ זײַנ שטוב, פאַר זינ אונ טעכטער, אײדעמס אונ שניר, אונ פאַר די מינדסטע קינדער אַפילע.

אָמ געדענקט אַ קינד:

ס'טרעפט, מערסטנטײלס זומער. אַ פאַרנאַכט. דאָס קינד קומט פונ ערגעצ אָנ, כאַפּט זיכ אַרײַנ אינ שטוב עפּעס איבערכאַפּנ, אָדער זיכ אויסטאָנ אונ צוריק אַרויס אינ דרויסנ צו כעוורע קינדער אַפ פאַרנאַכטיקע זומער־שפּילנ. אונ פּלוצעמ באַמערקט עס אַנ ענדערונג, אינ שטוב איז עפּעס געשעענ: די פּאָלנ געוועקסלט. די שטוב־לײַט שאַבעסדיק אָנגעטאָנ, מע רעדט שטיל, אונ אַלע האַלטנ זיכ עפּעס מאָדנע מעכוטנדיק אָנגעצויגנ.

„גיסט אַנדערש, אַ גאַסט", — טראַכט זיך דאָס קינד.

— ווער? — פֿרעגט עס באַ אַ דינסט, ווײַל שטוב־לײַט, זעט עס, זײַנען איצט פֿאַרנומענע און זײַנען קיין קינדער און קיין פֿראַגעס ניט גערן.

— שטילער, דו... ס'איז דער פֿעטער לוזי געקומען, — ענטפֿערט, אײַלנדיק און קימאַט, ווי אַפֿן אויער, די דינסט.

ווייסט שוין דאָס קינד, אַז ער האָט אים איצט ניט אין קיין צימער צו זוכן, און, זיכער, איז ער איצט באַם זיידן, מיטן זיידן אין אַלקער פֿאַרשפּאַרט. ווײַל אַזוי איז דער מינהג און געוויינלעך אײַנגעפֿירט: אַז דער פֿעטער לוזי קומט, פֿאַרשפּאַרט ער זיך פֿריִער מיטן זיידן אַף אַ ביסל צײַט, הערנאָך ערשט ווײַזט ער זיך אויך צו די שטוב־לײַט.

איז אַזוי אויך איצט: אַז ס'געדויערט אַ ביסל און שטוב־לײַט זײַנען אַלץ נאָך אָנגעצויגן און אינעם מאָדנעם וואַרטן, עפֿנט זיך פּאַמעלעך די אַלקער־טיר און אַפֿן שוועל באַווײַזט זיך פֿריִער דער פֿעטער לוזי, און הינטער אים דער זיידע. און דער זיידע איז אין שאַבעסדיקן, און די באַקן זײַנען באַ אים רויטלעך, און דער פֿעטער לוזי איז העכער פֿונעם זיידן, ווײַל דער זיידע איז נידעריקער פֿון מיטל געוואַקסן, און דער פֿעטער לוזי—העכער מיטל, און זײַן באָרד איז קײַלעכיק, ווײַס נעדיכטלעך און אויגן גראָוולעכע און פֿרעמדע.

גיבן די מאַנצבלען „שאָלעם", און די ווײַבער רוימלען זיך בייסן באַגריסן, רוקן די האָר אונטער די קאָפּ־טיכלעך און שייטלעך אַרונטער און פֿרעגן, וואָס ער מאַכט, דער פֿעטער לוזי. דער פֿעטער לוזי ענטפֿערט אַף די פֿראַגעס, ענטפֿערט שמייכלענדיק, נאָר קוקט עפּעס אַריבער, קוקט ניט אַף די ווײַבער.

שפּעטער, זעט דאָס קינד, איז שוין דער פֿעטער לוזי אין זאַל אַף אַ שטול באַזעצט, און דער זיידע שטייט און האַלט זיך. ווי באַם הענטל פֿון שטול. מאַנצבלען בלײַבן אין זאַל ווײַטער שמועסן צו פֿירן, און ווײַבער פֿאַרלאָזן דעם זאַל, מע גייט אַוועק אין עסצימער און אין קיך און מע נעמט זיך אין קיך פֿאַרן פֿעטער לוזין עפּעס עסן פֿאַרגרייטן.

דערמיט הערט דאָס קינד עפּעס מאָדנע און נישט קיין געוויינלעכע ווערטער אין קיך: „מין האַכּי", זאָגט מען, עסט ניט דער פֿעטער לוזי... קיין פֿיש און קיין פֿלייש ניט... און ווײַבער אײַלן זיך און מע באַראַט זיך לאַנג, און אַלע נוצן אים זייערע קיך־קענטעניש און געניטקײַטן, ביז מע באַשליסט עפּעס און מע שטעלט זיך, ענדלעך, קאָכן.

אַפֿערנאַכט, אַז אַלע קינדער קומען זיך צונויף, פֿון גאַס און פֿון שפּילן, ווערן זיי אײַנציקווײַז צום פֿעטער לוזין צוגעפֿירט. זיי שעמען זיך און גייען „שאָלעם" אָפּגעבן, און ניט און שרעקנדיק איז יענעם קינד, וואָס דער פֿעטער לוזי קוקט דערויף עטוואָס לענגער און לאָזט זײַן הענטל מער זאַמענדיקער אין זײַן האַנט פֿאַרהאַלטן, און די קינדער רוקן זיך דערנאָך אָפּ אײַנציקווײַז, יעדער קינד צו זײַן פֿאָטער און מוטער, פֿאַרשעמט.

נאָך שפּעטער, אין אָוונט שוין, אַז מע וואַשט זיך און מע גייט צום טיש.

מע זעצט זיך אויס — מענער אויבנאָן און ווײַבער באַם צווייטן עק, — באַמערקן די קינדער, אַז דער זיידע איז עפּעס פון זײַן אָרט הײַנט אַראָפּגערוקט, אַז זײַן אָרט באַם אויבנאָן פאַרנעמט נישט ער, נאָר דער פעטער לוזי, און דעם זיידנס כשיוועס איז עפּעס הײַנט ווי נעמינערט און זײַן וואָג ווייניקער. אַרט עס די קינדער פאַר זייער זיידן, אָבער דערפאַר פאַרשטייען זיי אויך די גרייס פון דעם פעטער לוזיס וואָג און כשיוועס.

און נאָכן ערשטן טאָג און ערשטער נאַכט קימט דער מאָרגן, און אַפן מאָרגן זעען די קינדער דעם פעטער לוזיס אויפירונג און מידעס: ער רעדט ווייניק, מע הערט פון אים ניט קיינע איבעריקע ווערטער. דערפאַר איז אָבער דער צימער, וווּ ער געפינט זיך, מיט אים ווי פאַרפולט, און אַלע, וואָס געפינען זיך אין זײַן נאָענטקײַט, זעען אויס, גלײַך ווי זיי זײַנען אוועקגעשטעלט אַפן צו שטיין פאַר אים און ווי אים צו באַדינען.

אַזוי די ייִנגערע אין זײַן אָנוועזנהײַט, און אַזוי אויך די עלטערע, אַפילע אַליין אויך דער זיידע און די באָבע גימל ניט אויסגענומען. די באָבע גימל גייט די גאַנצע צײַט, וואָס דער פעטער לוזי איז צוגאַסט, אין ערגעץ, אין שטאָט און אַפן אײַנקויפן, נישט אַרויס, געפינט זיך אין קיך באַשטענדיק, דרייט זיך און איז באַשעפטיקט, די פּאַמעשטיילע הינטער די אויערן פאַרנומען, זי שוויצט און שאַפט זיך, גיט אַכטונג אַף די דינסטן, קוקט זיי אַף די הענט, אַף די קייליכן און אַף שטרענגן קאָשער־האַלטן איצט פיל מער, ווי טאָמיד.

און דער פעטער לוזי, זעט מען, גייט ניט אין ערגעץ, און זײַן האַנהאָגע איז: ער דאַוונט שפּעט, עסט שפּעט און באַזונדער, און די באָבע גימל באַדינט אים און לאָזט קיין דינסט איך אַפילע צום טיש נישט גרייטן.

אַזוי די טעג אינדערוואָכן, און אַז ער בלײַבט אַמאָל אויך אַף שאַבעס, זעען די קינדער, אַז פרײַטיקצונאַכטס און שאַבעס פרי בלײַבט ער אין דער היים צום דאַווענען, און איבער אים בלײַבט שוין אויך דער זיידע אין דער היים, און קינדער הערן, אַז ער דאַוונט אויך אַנדערש. „נוסח ספרד“, זאָגט מען, און קינדער זײַנען נײַגעריק און גאַנווענען זיך אונטער, און מיט גרויס ציטערניש, ווען דער פעטער לוזי איז אין צימער נישטאָ, כאַפּן זיי אַ קוק אין זײַן סידער און זעען, אַז יאָ און ריכטיק: עפּעס איז ער אויך אַנדערש און נישט ווי אַלע סידורים: די טפילעס איבערגעדרייט און נישט ווי געוויינלעך אויסגעשטעלט, און אייניקע גאָר אינגאַנצן אומבאַקאַנט.

און די קינדער ווערן געוווירע, אַז אָט דעם סידער האָט דער פעטער לוזי באַקומען בעירושע פון זײַן טאַטן, און זײַן טאַטע פון אַ זיידן, און אַזוי ווײַטער און ווײַטער, און אַז דער סידער איז שוין אויך פון פיל סרייפעס געראַטעוועט געוואָרן, און אַז ער איז אויך אַ סגולע־סידער, און קימפּעטאָרנס, אַז זיי גייען שווער צו קינד, לייגט מען אים זיי אונטער צוקאָפּנס.

און שאַבעס, בײַ די שאַבעסדיקע טישן, רעדט שוין גאָרנישט דער פעטער לוזי. קיין „דיווריי־כאָל“, זאָגט מען, רעדט ער נישט, און אַלע ווייסן שוין.

אינ מע באומרויִקט אימ נישט אונ מע ווענדט זיכ צו אימ מיט גאָרנישט, אונ ווענ יאָ, איז גאָר מיטנ נייטיקסטנ, אונ ער ענטפערט אויכ קארג אונ שפּאָרווייניס אונ מיט עטלעכע לאָשנקוידעש־ווערטער גאָר בעקיצער.

אזוי קומט ער אונ אזוי פאָרט ער אוועק, דער פעטער לוזי, אונ נאָכ יעדעס מאָל אוועקפאָרנ פלעגנ די קינדער אלצ מער פונ זייער ייִכעס, פונ זייערע זיידעס אונ עלטער־זיידעס זיכ דערוויסנ, אונ פונ פארשיידענע שמועסנ אינ געשפּרעכנ פונ די גרויסע פלעגט זיי אלצ מער יעדיעס צוקומענ.

אונ אָט דערוויסנ זיי זיכ:

זייער שטאמ איז אנ אלטער, נאָכ פונ די „גוילי־ספאָראד", 1 פונ ראבאָנימ אונ באלישעמענ, אינ, לעסאָפ — אז זייער עלטערזיידע, דער ראָוו רעב ייעל, זייער זיידנס אונ פעטער לוזיס פאָטער, איז זייער יונג פונ דער וועלט געגאנגענ, פונ טאנייִסימ, אונ אז די לעצטע יאָרנ פאר זיינ פטירע איז ער אויכ א פּאָרעש געווענ. דאָס ווייב זיינס דערמלט נאָכ א בלוט־יונגט... אונ דער באָבעס פאָטער האָט דעמ ייִדנ רעב יויעל געמוזט צו א באוווּסטנ דערמלטיקנ צאדיק ציקלאָגנ, אונ אויכ דער צאדיק האָט נישט געהאָלפנ, אונ דער זיידע איז אויכ אפ ווייטער אינ ביזנ סאָפ פונ זיינ לעבנ שוינ מאקע א פּאָרעש פארבליבנ.

גאנצע טעג פלעגט ער דאווענענ אונ אינ די באנאכטנ לערנענ, אונ קינדער האָבנ געהערט, ווי גרויסע האָבנ, זיכ איבערנעמענדיק אונ בארימענדיק, דערציילט, אז דער גרויסער מאגיד איז אמאָל א זומער אפדערנאכט פארביי דעמ זיידנס הויפ דורכגעגאנגענ, ווי דאָס פענצטער איז געווענ אָפנ, אונ דער זיידע האָט געלערנט, האָט ער דאָס העמד צעכראָסטעט אונ א זאָג געטאָנ:

— אָט ווי א ייִד לערנט טוירע לישמאָ... אנ אווייִרע נאָר,— האָט ער צוגעגעבנ,— וואָס דאָס, וואָס ער קייפט זיכ איינ פאר זיינ טוירע, פארלירט ער איבער די טאנייסימ...

אונ די טאנייסימ,— האָט מענ ווייטער דערציילט, אונ וועגנ דעמ שוינ פארשטעלט אונ בעכאָד א ביסל,— די טאנייסימ האָט ער אפ זיכ גענומענ פאר די זינד פונ זיינ פאָטער, וואָס, ווי מע האָט געשמועסט, האָט ער געהערט צו די שאבסע־צווי... ער איז א שטיק צייט פונ זיי פארפירט געווענ, אינ ביימ דער באוווּסטער אסיפע פונ די באוווּסטע ראבאָנימ, וואָס מע האָט אינ יענער צייט אמאָל געמאכט אינ איינער א שטאָט ביימ א יאריד, ווענ זיי האָבנ זיכ פארשלאָסנ אינ א שטוב אונ דאָרט ארומ א נאקעטער נעקייווע, ארומ זייער מאטרוניסאָ (ממרוניתאָ) געטאנצט, איז אויכ ער, דעמ זיידע רעב יויעלס פאָטער, געווענ צווישנ די טענצערס... דערנאָכ האָט ער כאראָטע געהאט, אונ נאָכ דעמ, ווי מ'האָט ד' שאבסע־צווי אינ כיירעמ ארייִנגעלייגט, האָט ער א שטיק צייט געהאלטנ אינ איינ וויינענ, טאָג אונ נאכט זיכ אינ

1 — די ארויסגעטריבענע פונ שפאניע.

הארצן געשלאָגן, האָט קיין חעמד און קיין מאַלבושים נישט איבערגעבליבן, אפילו אַ שאַבעס, ברויט און וואַסער געגעסן אין אַ דער ערד געשלאָפן. דערנאָך איז ער פארפאלן געוואָרן, און מער האָט ער זיך שוין אהיים נישט אומגעקערט, און מ'האָט נישט געוווּסט, וווהין ער איז אהינגעקומען... אייניקע האָבן געזאָגט, אַז ער האָט זיך צוריק אומגעקערט צו די שאַבעס-צווי און זיך אַוועקגעלאָזט קיין סטאַמבול, און אַנדערע — אַז ער איז אַוועק אַפריקען גאָלעס.

און אָט, פאַר זײַנע זינד, האָט עס דער זיידע רעב ייִעל אַף זיך גענומען אָפּקומען, און נישט נאָר דער זיידע אַליין, נאָר אויך דער פעטער ליזי, האָט מען געשמועסט, איז יונגלווײַז, אַז ער האָט זיך פון זײַדיקע און פון קרוויוויטע דערוואַקסט וועגן זײַן זיידן, האָט ער זיך דעם זיידנס גורל צום הארצן גענומען און געזאָלט אין פּאָמערס וועג אַוועקגיין, און ס'האָט שוין מיט אים גע-האַלטן שלעכט, און אויך ער איז פון מאַנייסים שוין קראַנק געווען. אָבער אַזוי ווי ער איז געווען זייער יונג, האָבן אים די קרוויוויטע אין אייגענע אײַנגע-רעדט, און מען האָט אים קיין וועלטלעכיק געבראַכט. און אַז דער פעטער ליזי איז פאַרן וועלטלעכער געקומען, האָט יענער אַף אים אָנגעשריגן און אין גרויס ייִרגאָזן אַ זאָג געטאָן:

— האַ! וואָס מיינט ער, דער יונגערמאַן? ער וועט זײַן זיידן מיט'די מאַנייסים פיל גרינגער מאַכן? אַליין אַ הוירען-געפּעץ, אַ זין אַ הוירען-געפּעץ און אויך אַן אייניקל אַ הוירען-געפּעץ... וואָס מיינט ער, דער יונגער-מאַן?

און דער פעטער ליזי האָט זיך געלאָזט איבערריידן. ער האָט זאָגן געזעצט פאַרן וועלטלעכער און דעמאָלט אויך פאַרשטאַנען, אַז נישט אַף דעם וועג וועט ער זײַן זיידן צו הילף קומען, און פון דעמאָלט אָן איז ער שוין קיין וועלטלעכיק געפאָרן, האָט זיך פעסט געהאַלטן און פון דער פעסטער האַנט זיך געלאָזט אָנפירן.

די לעצטע צײַט אָבער, — האָט מען ווײַטער דערציילט, — נאָך דעם וועלטלעכערס פּטירע, פילט זיך דער פעטער ליזי עפּעס עלנט, ער פאָרט אַריין פון „הויף" צו „הויף", זוכט און קאָן זיך נישט צוקלײַבן, און ער איז מער שבויעדיק מאַמינע; ער קער זיך דערומט ווייניק אָן מיט מענטשן, האָט מיט קיינעם קיין מאַגע-מאַסע, און די איינציקע נעגינע מיט מענטשן, וואָס האָט ער, איז וואָס פון צײַט צו צײַט כאַפּט ער זיך צום זיידנס ציִאַסט אַרײַן און אַמאָל, ווען ער קומט צום זיידן נישט לאַנג, פאָרט דער זיידע צו אים צוגאַסט.

* * *

און אָט, פון אָט די באַזוכן דעם פעטער ליזיס, מיט בא די יונגע שטענדיקן זײַנע געשטאַלט פאַרבלײַבן. און זיי פאַרגעדענקען אים: —
א מענטש העכער מיטלווּקס, מיט גראָילעכע אויגן, וואָס ...

גיכט גלײַכ, נאָר איבער קעפּ אַריבער... אָנגעטאָן איז ער טאָמער אינ א גלאַנציק-לאַסטיקענער קאַפּאָטע אינדערוואָכנ און אינ א זײַדענער אומ שאַבעס... האַלט זיכ גלײַכ, און אַז ער גייט, דאַכט זיכ, אַז אַלע מוזנ אימ דעמ וועג אָפּטרעטנ... רעדט ווייניק, און מערכטנטיילס זעט מענ אימ זיצנ אינ מאַרעט, און וועג גיט אינ מאַלעס, איז מיט די הענט אינ די צוויי הינטערשטע קעשענעס פונ זײַנ קאַפּאָטע פאַרשטעקט, שפּאַנט א פאַרטראַכטער איבערנ צימער אַרומ, שטעלט זיכ אָפּ אָפּ און בלײַבט אייכ שטיינ פאַרטראַכט, אינ א טעווע האָט ער בייסנ טראַכטנ: מיט זײַנעמ א טײַט-פינגער איבער דער ברעמ פונ זײַנ רעכטנ אויג הינ-אונ-צוריק צו פירנ און די האָר צוצובאַרשטנ.

## 1

איינמאָל, אינ אײנעמ א גאַנצפרי, שוינ הייסנ, אָוו-כיידעשדיקנ פרימאָרגנ, איז מיישע מאַשבעג, ווי נאָר ער איז אופגעשטאַנענ פונ געלעגער, זיכ אָנגעטאָנ אינ געוואַשנ, אַזוי איז ער גלײַכ אַרײַנגעגאַנגענ אינ שמאָלבלעכ-לעגגלעכנ קאָרידאָר, וווּ די שראַנע פונ די מאַלבושימ איז געשטאַנענ. ער האָט אָפּ זיכ זײַנ זומערדיקנ אייבער-מאַנטל גענומענ און זײַנ שירעמ פונ ווינקל, און קיינעמ פונ די נאָכ שלאָפנדיקע בנײ-באַיִס, און אַפילע זײַנ ווײַב גיטלענ, נאָרניט זאָגנדיק, איז ער, פאַרנ דאַווענענ און פאַרנ טיי-טרינקענ, אַרויס פונ זײַנ הויז אינ צומ בעסוילעמ, וואָס געפינט זיכ שטאַרק ווײַט, אַזש אינ צווייטנ עק שטאָט, זיכ אַוועקגעלאָזט.

ווי ער איז פונ זײַנ הויפ אַרויס, אַזוי איז ער באַלד דורכגעגאַנגענ די ברייט פונ זײַנ נאָכ פאַרשלאָפענער גאַס, וואָס איז בישכיינעס געווענ מיט די גימ-יִידישע, מיט יענע, וואָס מיט די פאַרוקטע סעדער און מיט די הויכ-הילכנדיקע פאַרקנס, און דאַנ איז ער אָפּ דער בריק, וואָס פאַרייניקט ביידע שטאָט-טיילנ, די אינ דער הייכ און אינ דער נידער ליגנדיקע, אַרויפּ.

דער בריק איבערנ טײַכ — א לאַנגער אינ אונטער פערדנ-טלאָ האָט טיט געהילצ און מיט ברוק-פּוסטקייט געהילכט. אינמיטנ בריק — א ברייטער וועג פאַר פערד-און-וואָגנ, און פונ ביידע זײַטנ בא די פּאַרענטשעס שמאָלע וועגנ פאַר צופוסגייער.

אפּנ בריק אַרופקומענדיק, האָט מוישע געזענ, ווי איינ ברעג טײַכ איז נאָכ געלעגנ טינקל אינ הערמלענדיקנ נישט-שורשענדיקנ טשערעט, דער צווייטער — באַזונט שוינ, און אפּנ טײַכ אליינ האָט די לעצטע טײַכ-קילקײַט אָפּ דער וואַכעדר-איבערפלאַכ זיכ געדעמפט און געראַוכלט.

נאָכנ בריק איז ער אַרופגעקומענ מיט א מעשופּע-אַרופליגנדיקער גאַס אינ דעמ אייבערשטנ שטאָט-טייל, האָרט, ווו ס'געפינענ זיכ די מערסטע און די רײַכסטע קראָמענ און קלייטנ, און ווו די קראָמענ און די געשעפטנ זײַ-

נעג נאָכ צו געווענ, די טירנ און לאָדנ מיט שלעסער און מיט קווער=איבער=
געפלאָכטענע קייטנ געשלאָסנ, און נאָר אפ א זוניקער זײַט איינער זײַנענ
בא איינציקע קלייטנ, פאר די טרעפ און אפ די טרעפ, שוינ בינטלעכ פרי=
מאָרגנדיקע באלמעלאָכעס געשטאַנענ און געזעסנ, האלב נאָכ פארשלאָפנ,
אינ זייערע פאכ=קוימיקע קליידער און מיט זעקלעכ געצײַג, און געוואַרט אפ
באשעפטיקונג, אפ פארדינסט און אז עמעצער זאָל זיי קומענ אפנ טאָג דינ=
גענ.

פונ ראָנט, פונ דעמ צענטער=שטאָט, האָט ער זיכ אפ דער לענגסטער
שטאָט=גאס אַראָפגעלאָזט, ווו, אפ וויפל ס'איז מיטנ אינ געווענ צו זענ, זײַ=
נענ אלע לאָדנ פונ די איינ= און צווײ=שטאָקיקע הײַזער פונ ביידע זײַטנ נאָכ
פארמאכט געווענ, אלע אײַנוווינער נאָכ געשלאָפנ, אינ נאָר ווענ=ניט=ווענ האָט
אנ איינצלנע פארפרימע באלעבאָסטע מיט א קוישל די גאס דורכגעשניטנ,
אינ א זײַטיק געסל ארײַנ און אינ מארק אַוועקגעײַלט; אויב אנ אײַנציקער
באלעבאָס אמאָל איז מיט טאלעס=און=טפילנ אונטערנ אָרעמ, פונ שול קו=
מענדיק, גאַנצפרי שוינ אנ אָפגעדאַווענטער, אײַלנדיק אינ אפגיכ, צוריק און
צוליב געשעפט, אהיימ איצט געלאָפנ.

די גאס אינגאנצנ אָבער נאָכ לײדיק. פונ ווײַט=ווײַט נאָר, אויכ פונ דעמ
אונטערשטנ טייל גאס, האָט זיכ אפ א לײדיק=שלעפעדיקנ פאַרטאָג באוויזנ
ארופ פאָרנדיק אנ אײַנגעהאָרבעטער פורמאנ, אפ דער קעלניע דרעמלענדיק
און דעמ קאָפ פארלירנדיק

וואָס ווײַטער אָבער מײַסע איז אזוי געגאַנגענ, האָט די גאס שוינ צו
ביסלעכ און פאמעלעכ ווי אופוואכנ גענומענ: פארשלאָפענע ווײַבער, מע=
נער, דינסטמיידלעכ אינ קינדער זײַנענ פונ די בעטנ נאָריוואָס ארויס די
לאָדנ עפענענ, און אינ די הײַזער האָט שוינ רודערנ גענומענ, און פונ די
הויפנ אינ פונ די טויער=פאָרטקעס האָט שוינ מיט געשטעטלטע סאמאָוואַרנ,
מיט קוילנ=רויכ און מיט סמאלינע געמשאדעמ.

דעמלט האָט זיכ מוישענ די גאס אויסגעלאָזט, א שטיק פרײַ פעלד מיט
נאָר א שאָסײ=וועג אינ דער מיט, אָנ הײַזער און אָנ יושעוו בא די זײַטנ,
האָט זיכ אימ באוויזנ, און פונ דאָרט אויב האָט מענ שוינ אויכ די ווײַט=
לעכע אײַזנבאנ=ליניע, וואָס טײלט אָפ די שטאָט פונ איבער שטאָט, געקאָנט
אָנזענ: פונ ביידע זײַטנ ליניע זײַנענ אינ אהאכנ געגײַנט, איינער רעכטס און
איינער לינקס, צוויי ווײַס און שוואַרצ געשטרײַפטע שלאָגביימער געשטאַנענ.
און אָט אהינ האָט איצט מוישע זײַנ אינ געווענדט, אהינ זײַנ וועג אָנגע=
ריכט.

צונעקומענ אינ איבערגעשניטנ די ליניע, האָט זיכ דער וועג אימ צע=
טײלט אפ צוויי: איינער — א ווײַט=בריטיטער אינ געשאָסײטער — האָט זיכ
צו די פאָרשטאָט=ווישגוויטנ אינ דאָנ צומ האָריזאָנט אינ צו ווײַטע טערכאָ=
קימ געצויגנ, און דער צווייטער — אנ אראָפנידעריגדיקער, ניישט געברוקירט

אונ נישט שאָטיק, האָט צו א נידעריק-געמויערטנ, רויט ציגלדיקנ אונ נישט געטינקעוועטנ פאַרקנ געפירט. אונ מוישע האָט זיכ אַפּנ צווייטנ געלאָזט.

אונ עס, ווי ער איז אַזוי מיט דער לענג פונ אָט דעמ פאַרקנ א שטיק וועג אַפּגעגאַנגענ אונ היפּשע עטלעכע מינוט בא זיינ זײַט זיכ געהאַלטנ, אַזוי איז ער פּינקט אינ דער מיט זײַנער צומ בעסוילעמ-טויער צוגעקומענ, אונ דורכ דעמ, דורכנ הויכ-געמויערטנ אונ פינצטערלעכנ אויהעל, אַפּנ „פעלד“ אַרופ-געקומענ.

ס'איז, ווי געזאָגט, גאָר זייער פרי געווענ. דער בעסוילעמ מיט די פיל-אינ-איינ-באַלייגטע קוואָרימ, וועלכע זײַנענ דאָסראָוו מיט גומ-ביימלעכ פונ א מענטשנ-הייכ די גרייס פאַרשטעלט, אויכ מיט איינצלנע הויכע לינדנ-ביימער, צעוואָרפענע, מיט פיל קראָענ-נעסטנ באַזעצטע, איז נאָכ אונטנ אינ האַלב-טונקל אונ אינ גראָזיקער שאָטנדיקייט געלעגנ, אויבנ, אָבער, שוינ צו פרימאָרגנ, צו זומער אונ צו טאָג אופגעוואַכט אונ צעעפנט.

מוישע איז דורכנ קיל-פינצטערלעכנ אויהעל דורכגעגאַנגענ, דורכ די צוויי אַנטירנדיקע עפענונגענ, דער אַרײַנגאַנג דעמ אַרויסגאַנג קעגנאיבער, ווו אַפּ איינער א מעזוזע-זײַט פונ אַרויסגאַנג האָט ער דערזענ אופגעהאַנגענ א „צידוק-האַדינ“-טאָוול, מיט גרויסע סידער-אויסיעס געשריבנ.

ס'האָט אימ גלײַכ נאָכנ אויהעל א פרײַער נאָכ נישט קיינ פאַרנומענער פלאַצ באַגעגנט, אונ אַפּ יענעמ פלאַצ אונ פונ די הויכע, מיט זונ באַשײַנטע ביימער אַראָפּ — אַנ אופגעריסנ-גרילצנדיק געשריי פונ קראָענ אונ קראָעיטנ פלאָנטער אַנטקעגנ דער וואַרעמענדיקער זונ דער פרימאָרגנדיקער.

דעמ פלאַצ דורכגעגאַנגענ, איז ער אַפּ א סמעזשקע אַרופּ, אונ מיטאמאָל האָט ער רעכטס פונ זײַנ וועג דערזענ דעמ באַוואַקסנ צאַדיקס מײַערל, אונ ס'האָט אימ אינ האַרצנ א קיל געטאָנ.

דאָס מײַערל האָט אַרויסגעקוקט פונ דער גרויסער מאַסע מאַצייוועס, וואָס אַרומ דעמ, מיט די טויבע אָנפענצטערדיקע ווענט אונ מיטנ רויטנ בלעכענעמ דעכל, ווי א שוועמל פונ גראָז, אונ מוישע אַפּ א זײַטיק סמעזשקעלע אהינ אָפּקערעווענדיק, איז, נאָכ איינציקע מינוט גיינ דערופ, לעסאָפ צו דער אַלטער אינ קרומלעכער מײַערל-טיר צוגעקומענ.

די טיר איז קרומלעכ אַפּ די זאַוויעסעס געהאָנגענ אונ פונ איר עפענונג, פונ א קרומלעכנ שפּאַלט, האָט אַפּ מוישענ מיט סקלעפּ אונ מיט איינזאַמקייט א חיי געטאָנ.

ער האָט לאַנג זיכ ניט געזאַמט פאַר דער טיר, האָט באַלד זײַנ שירעמ בא א וואַנט-זײַט אָנגעשטעלט אונ אינ דרויסנ געלאָזט, אונ אַליינ די האַנט צו דער קליאַמקע אויסגעשטרעקט, זי אָנגענומענ אונ די טיר געעפנט.

פונ ליכטיקנ דרויסנ געקומענ אונ אינ די אויגנ נאָכ פיל שײַנ האָבנ-דיק, האָט האָב מוישע אינעמ מײַערל-פינצטערניש גלײַכ דערזענ, ווי פונ וואַנט-צו-וואַנט זײַנענ דראָטנ איבערגעצויגנ, אונ אַפּ די דראָטנ זײַנענ פלאָשקעלעכ געהאָנגענ, — פאַרשוואַרצט אונ פאַרטשאַדעט, פאַרייבערט אונ

קוים דאָס גלאָז ארויסציִען — מערסטנטיילס אויסגעלאָשענע, אָדער נאָך נישט אָנגעצונדענע, און נאָר אייניקע פון זיי האָבן געברענט, שוואַך דעם ארום באַלויכטן און מיט בוימל און קליינע קנײַפּלעך געקנאַקט און געצאַנקט.

באַלד האָט זיך פון א זײַט פונעם מײַערל, פון א באַנק, וואָס בײַ א וואַנט, באַוויזן א קלאָר נישט אָנזעעוודיק געשטאַלט אין דעם אַרײַנקומענדיקן מוישען ווי אַנטקעגן געלאָפן.

דאָס איז געווען ליבער-מייער דער מײַערל-שאַמעס, יענער, וואָס שטענדיק אויפן פעלד, סײַ זומער, סײַ ווינטער, און וואָס פון פרי ביז נאַכט קאָן מען אים נאָר טרעפן אין מײַערל; יענער, וואָס גאַנצע פרי זעט מען אים לויפן אַהין, און פאַרנאַכט — אין אײַלנדיקן צוריק פון דאָרט; מאָמעד מיטן סייפער אונטער דער האַנט, א גראָבלעך-נידעריקער, מיט א ברוינלעך-שוואַרץ סאָרעס-פּאָנעם, אָן שום האָר אויף די באַקן און נאָר מיט א פּאָר גראָ-געצײלטע האָר בײַ דער גאָמבע אויף (ווען ער האָט צײַט) זיי אין מויל צו בײַסן. א קורצזיכטיקער, די בריל איז אים מאָמעד אויף דער שפּיץ נאָז, און מיט די גראָוקאָלירטע, שטענדיק ארויסקוקנדיקע אויגן צו דער פּינצטערניש, ווי א סאָווע, געווענדטע אויגן, קוקט ער אריבער און ארויס פון זיי. זײַן קאַפּאָטע פון בוימל פאַרפּאַפּט און פאַרטריקנט-גלאַנציק, און מאָמעד איז זי אין עטלעכע פּאַכן מיטן גאַרטל פאַרגאַרטלט, און די צווי פּראַנדזון-עקן הענגען אים פון פאַר די לענדן אַראָפּ.

און אָט ווי מוישע האָט זיך דאָ נאָר באַוויזן, אַזוי האָט זיך באַלד ליבער-מייער אויפגעהויבן פון זײַן באַנק, וואָס בײַ איינער א וואַנט, ער האָט זײַן סידור אַוועקגעלייגט, יענעם, וואָס ער קוקט אין אים אַרײַן, לערנט אין אים באַשטענדיק, ווען ער האָט קיין אַרבעט נישט, ווען אפן בעטײַלעט קומט קיינער, קיין יאָרצײַט אין קיין קייווער-אָוועס-לײַט, און ער האָט נישט פאַרנומען קיין קוויטלעך צו שרײַבן און קיין לעמפּלעך אָנצינדן.

איצט אָבער, אַז ער האָט מוישען דערזען און אים דערקענט (ווײַל נעקענט האָט ער אַלעמען אין שטאָט), איז ער גלײַך, אפילו נישט פרעגנדיק בײַ מוישען, צו די דראָמען צוגעגאַנגען, ער האָט אַפּגיך בײַ איינעם א לעמפּעלע זיך גענומען פאַרען, פון א פלאַש אַהין בוימל אָנגעגאָסן, און קורצזיכטיק, פון אײַלעניש, איבערגעגאָסן, און מיט די הענט גיוואַרזשענדיק און אַז א נישט געשיקטן שאַמעס-אויפן דאָס קנײַטל פאַרריכטנדיק, האָט ער עס אויך אָנגעצונדן דערנאָך.

מוישע דערווײַל — בײַם ליבער-מייער האָט באַם לעמפּעלע געטאָן — האָט אויף דער ערד און אויפן צאַדיקס קייווער געקוקט, ווי אויך ער, דער קייווער, איז פעט-פאַרפּאַפּט און פאַרטריקנט-גלאַנציק, זײַנע ברעטלעך שײַנען צעפּאָרן, און פון פיל יאָרן אָנגערוקטע קוויטלעך אַהין קוקן פון זײַנע שפּאַלטן ארויס.

דערנאָך האָט ער פון קעשענע א טיליטל ארויסגענומען, און אָפּטרעטנדיק, אויף וויפל דער דערנעבנדע פּאָדערט, האָט ער זיך פאַרן קייווער גע-

שטעלט, אונ נאָכ דעמ, ווי ליבער-מייער האָט דאָס לעמפּעלע שוינ אָנגעצינדנ אונ צוריק צו דער וואַנט אונ צו זײַנ סייפער זיכ אומגעקערט, האָט ער גענומענ זאָגנ.

ער האָט לאַנג אונ וואַרעמ מיליטי געזאָגט, מיישע, אונ וואָס מער ער האָט געזאָגט, אלצ מער האָט ער זיכ צעוואַרעמט, אונ ווערטער האָבנ אימ פונ מויל געשטראָמט,—יענע ווערטער, וואָס דערמאָנענ אינ מענטשנס זינד אונ שוואַכקײט אינ אינ זײַנ נישטיקנ אונ קומענ-מוזנדיקנ סאָפ:

כי עונותי עברו ראשי כמשא כבד יכבדו ממני...
הנה טפחות נתת ימי וחלדי כאין נגדך...
אך הבל כל אָדם נצב סלה...[1]

אינ באַלד האָט ער שוינ דאָס גאַנצע ערומיקע פאַרגעסנ. ער האָט זיכ מיט די ווערטער צוגײפּגעגאָבנ, אונ דער שטראָמ האָט אימ געטראָגנ, אונ טרויער אונ גלייביקײט האָבנ זיכ געשטאַרקט אינ אימ, מער טרויער, ווי גלויבנ... אונ טרערנ האָבנ זיכ אימ געגאָסנ, אונ אזוי לאַנג אינ אזוי ווײַט איז ער פאַרגאַסט געוועזנ פונ געוויינ, אז ער האָט שוינ אפ א קאָל געוויינט, אונ, פונ מעדערישער קראַפט געבראָכנ, געבליבנ.

ליבער-מייער איז די גאַנצע צײַט, ווענ מוישע האָט געזאָגט, ווי טאָמער ער איז געווינט געוועזנ אפ די זאָגנדיקע אונ אפ די בעטנדיקע ניט צו קוקנ, אויכ איצט בא א זײַט געשטאַנענ אונ, אינ סייפער אַרײַנקוקנדיק, פאַרמאָג געוועזנ. אָבער אז מוישע האָט געענדיקט, אונ זײַנ קאָל איז אײַנגעשטילט געוואָרנ, אינ ליבער-מייער האָט דאָס דערפילט, האָט ער ווידער דעמלט זײַנ סייפער אפנ באַנק אוועקגעלײגט, אונ ערשט דעמלט צומ פונ געוויינ-שוינ-באַרוטנ מוישענ צוגעגאַנגענ, אונ פאַמעלעכ אונ מיט אָפּשײַ צו אימ צוטרעטנדיק, בא אימ אפ דער סיבע פונ זײַנ איצטיקנ אפנ-„פעלד"-קומענ געפרעגט.

— אזוי, אזוי, זיכ א שטיקל „אָרט" קויפנ, — האָט ער, גיכנעדיק, ווי טאָמער ביים ער שטייט פאַר א נאָגיד אונ ער טוט יענעמס אלע ווערטער באַזונדערנ, מוישעס ענטפער איצט איבערגעכאַזערט.

— יאָ,—האָט מוישע געזאָגט.

מוישע האָט נאָכ גערעדט מיט א פאַרטריקנטנ אונ הייזעריקנ האַלדז פונ געוויינ. ער איז אפ א קורצנ שמועס נאָכ מיט ליבער-מייערנ אינ מײַערל פאַרבליבנ. זיי האָבנ וועגנ בעטילעטי-זאַכנ געשמועסט, אונ אויכ (ווײַל ער האָט ליבער-מייערנ זעלטנ-ווענ געזענ) האָט אימ איצט מוישע אויסגעפרעגט, ווי ס'גייט אימ אונ ווי זײַנע פאַרדינסטנ זײַנענ.

ער האָט דערנאָכ אויכ אפ א מילד-נעגידישנ אונ נישט-פאַרשעמענדיקנ אויפנ ליבער-מייערנ פארנ לעמפּעלע אָנצינדנ באַלוינט, אונ ליבער-מייער האָט א פּאָר היפּש-ווערטיקע מאַטבייעס, וואָס פונ אנדערע אונ פונ אָרעמע באַזוכע-

---

1 — ווײַל מײַנע זינד זײַנענ מיר אריבערגערג קאָפּ, ווי א שווערע לאַסט דריקנ זיי אפ מיר. אינ א קלײַנ מעסטל האָסטו מיר געגעבנ מײַנע טעג, אונ מײַנ וועלט איז נישטיק פאַר דיר. לויטער העוועל איז דער גאַנצער מענטש. אזוי איז עס באַשטענדיק.

איז ער ניט געווינט געווען צו קריגן, אין דער האַנט דערפילט. ער איז, זעט אויס, קאָנטעט געווען זייער: ער האָט מיט זײַנע גראָו-אַרופקוקנדיקע, קורצזיכטיקע אויגן איבער דער בריל אַריבער אַף מוישען געקוקט, עפּעס שטיל געמורמלט און אַף אַ שטאַמל-לאָשן און אַף אַ שעמענדיקן שאַטעס-אויפן אים אָפּגעדאַנקט, מוישען.

און שוין: מער האָט מוישע אין מײַערל נישט געהאַט צו טאָן. ער האָט פאַרן אַרויסגיין נאָר אַ ווײַלע נאָך אַף די ווענט אין אָפן קייווער געקוקט, און דאַן, מיטן פּאָנעם צום קייווער און מיטן רוקן צו דער טיר זיך שטעלנדיק, איז ער ווידער, ווי דער דערעכערעץ פאָדערט, אַזוי צו דער טיר צוגעקומען, זי אופגעעפנט און אַרויסגעגאַנגען.

נישט פון אויהעל און נישט צום שטאָט-אַרויסגיין אָבער האָט זיך איצט מוישע געלאָזט, ניין; אַז ער איז אַפן פרײַען, נישט-פאַרנומענעם פּלאַץ, וואָס פאַרן אויהעל, געקומען, האָט ער אין אַ זײַט פאַרקערעוועט, רעכטס פון אויהעל, ווו בא אַ זײַט פון פאַרקן, אין פרונט און אַרײַנגעבויט אין אים, איז דעם מאַזשגיעכס שטיבל געשטאַנען, מיט די קליינע פענצטערלעך און מיט דער טיר פון פאָרהײַזל אין פעלד אַרויסגעעפנט.

דעם מאַזשגיעכס הײַזל—ווי אַלע אַזוינע ענלעכע בייס-האַקוואָרעס-הײַזלעך, האָט מיטן אָרעמלעכן אויסזען דערמאָנט אין אַ קרעטשמע, וואָס אין אַ מיטשליאַך אין אַ זײַט פון אַ יישעוו. אַ פּאָר פרי-אופגעשטאַנענע און פאַרשעמטע קינדער האָבן זיך געשפּילט פאַר דער טיר, מיט דאָרפיש-אַראָפּגעלאָזטע אויגן, וואָס האָבן זיך מיט אַ פרעמד-אָנגעקומענעם מענטשנס בליק צו באַגעגנען. אַן איינציקע ציג האָט זיך נישט ווײַט אַפן פעלד-גראָז געפּאַשעט. די איז מיט אַ שטריק צו אַ נײַער, נאָך נישט געשטעלטער, הילצערנער צאַם אָן אויסיעס צוגעבונדן געשטאַנען, און פאַרן פאָרהײַזל, פאַר דער אַרײַנגאַנג-טיר האָבן זיך, ווי טאָמעד פאַר אַזוינע הײַזלעך, קיך-געשיר, שטוב-קיילים אין בעטגעוואַנט געטריקנט און געלופטערט.

מוישע איז דורכן פאָרהײַזל דורכגעגאַנגען, ווו ס'האָט מיט ליידיקע עמער, מיט פאַרדומפּענער פאַס און וואַסער געשמעקט, און אַז ער האָט די טיר געעפנט און אין שטיבל אַרײַנגעקומען, האָט ער אַריבער אַ האַלבן מיניען ייִדן פאַרזאַמלטע, און, ווי ס'ווײַזט אויס, פון פריִער אָפּגערעדט געווען, אַף אים שוין וואַרטנדיק געטראָפן.

דאָס זײַנען געווען: ערשטנס, הירשל ליוועד, דער מאַזשגיעכ אַליין. אַ פּופּציקיאָריקער, מיטלוווּקסיק-בדייטלעכער פאַרשוין מיט פון טאַבעק באַרנגעמטן האָר בא דער גאָמבע-באָרד, און די איבעריקע האָר היפּש שוין ווײַסלעך. די קאַפּאָטע בא אים, בא די קנעפּ פון פאָרנט און באַם פאַרשפּיליען, פאַרשמאָלצעוועט, אָבער ניט פון פאַרשפּיליען אין נישט פון צו אָפט זיך פאָרען בא דער קאַפּאָטע, נאָר פון הויכלעכן בויך, האָט זיך געדאַכט, און ווי פון בויך-שמאַלץ פאַרשמאָלצן. אַ שטאַרק-באַרומטער, מיט אַ כיטרע-בורשטינענעם בליק פון אונטער אָפּלאַכנדיקע אויגן אַרויס. אַ שטאָט-מענטש און אַ באַל-

דרייט אינ שטאָט. אונ די אַוודע זײַנע איז געווענ — פאר זיך אונ פארנ בעפוילעם (פאר זיך אפ לעבנ, אונ פאר דעמ בעפוילעמ וואָס מע דארפ אפ צו קויפנ אונ צו פאריכטנ) פונ טויט אונ פונ לעבעדיק, פונ אָרעמ אונ פונ רײַכ צו רײַסנ.

ער האָט אפנ בייס=האקוואָרעס געווינט אונ „קוואָרעס=מאַנ" געהייסנ, אָבער בא קווורעס האָט מענ אימ, אויסער בא אָנגעזעענע אונ רײַכע, זעלטנווענ געזעענ. דערפאר אָבער האָט ער דעמ טויטנ קאָנטע=בוכ געפירט, אונ יעדער ביצעלע אפנ „פעלד" איז אימ אייגנ געווענ, קיינ מינדסט ערטעלע פונ אימ פארהוילנ, אינ דערומ, ווענ קייווער=אָוועס=צײַט, אז אנ אָרעמאַנ, אנ אָרעמער באַלמעלאָכע, פלעגט זיך צו אימ ווענדנ:

— ר' הירשל, כ'קאָנ מײַנ טאטנ ניט געפינענ, זאָגט מיר, כ'בעט אײַך, ווו ליגט ער?

— לעבנ א פערציקער ליגט ער, — פלעגט הירשל ענטפערנ, אונ מ'האָט דעמ ענטפער פארשטאנענ, אונ ער האָט טאקע באלד געהאָלפנ דעמ טאטנ צו געפינענ, אונ איז אויכ אליינ געהאָלפנ געוואָרנ.

דאָס איז הירשל.

ס'האָט אויכ געוואוינט איציקל משיטשבאבע, — א בעוורע=קאדישע=גאבע. א מענטשעלע א פארזעעניש. נישט אזוי מיטנ קערפער באליידיקט, ווי מיטנ פּיצל פּנעמל, ווי א פּײַנ אנ אײַנגעשרומפּנס, מיט ווייניק הערלעכ אפ דעמ אונ מיט צוויי שמאָלע אייגעלעכ, ווי שפּעלטעלעכ, אונ אויכ מיטנ דינ קעלעכל, ווי בא אנ ערשט געבוירנ קעצל.

ער איז שטארק פרומ, איציקל, אונ פונ גרויס פרומקײַט קוויקט ער זיכ אפט אונ זופט לופט, ווי יושקע. אליינ רעדט ער נישט אונ זאָגט קיינמאָל גאָרנישט, נאָר אז אנדערע שמועסנ, שטייט ער בא א זײַט אונ האלט עמעצנ אונטער. ער טראָגט א היטל מיט א שטארק ברייטנ דעניק, א האלב שאַבעדיקע האפּאָטע מאָמער, אונ צוליב דער בעקאָוועדיקער שטעלע אונ פארנאָסע — פונ גאנצ פרי שוינ אינ גארטל.

ס'האָבנ אויכ געוואוינט עטלעכע נויסעמיטע=יידנ, מיט שטארק=לאנגע, ביז דער ערד אראָפּ, קאפּאָטעס, אינ קורצ געכאָליעוועטע, נישט געשמירטע שטיוול, שוואַנגנדיקע, פארגליווערטע אונ האלבע גוילעמס — פונ פיל טויטנ זיכ אָנזעענ אינ בית פּארענ זיכ מיט טויטע. אויכ א פּאָר גרעבער=יידנ, יענע, וואָס מע זעט זיי אָפּט אינ פעלד פונ א נישט=דערגראָבענער גרוב מיט די קעפּ ארויסשטעקנ, קימאט זקײנימ שוינ, וואָס האָבנ זיכ אפנ פעלד אונ באמ הוואָרימ=גראָבנ געעלטערט, אָבער מיט געזונטע פּלייצעס נאָכ, ברייטע אונ האמעטנע — איינער אינ א זשילעט אָנ ארבל, אונ דער צווייטער מיט א ווינטערדיק וואטאָווע לײַבל אפ די אקסל ארופגעוואָרפנ.

אָט די אלע האָבנ, ווי געזאָגט, ווי ווײַזט אויס, שוינ פונ פריִער אָפּגערעדט געווענ, געוואַרט אפ מוישענ אונ איצט, אז ער איז אינ שטיבל ארײַנ, זײַנענ זיי שוינ גרייט געשטאַנענ אלע: הירשל מיטנ פעלד=בוכ אינ

האנט, אונ אלע איבעריקע, אז זיי האָבנ מוישענ אפ דער שוועל דערזענ, האָבנ געטאָנ דאָס זעלבע, וואָס הירשל האָט געטאָנ, אימ דערזעענדיק: אלע האָבנ די פענעמער צו דער טיר אויסגעדרייט; אונ נאָכדעמ, ווי מע האָט, צוליבנ קאָוועד פונ מוישענ, אייניקע מינוט נאָר אינ שטוב אונ בא אנ איבער-געכאפטנ שמועס זיכ פארהאלטנ, האָט הירשל „קומט, יידנ", א זאָג געטאָנ. אונ אלע האָבנ זיכ צו דער טיר געלאָזט אונ צוזאמענ מיט מוישענ צוריק אינ „פעלד" ארויס.

באלד האָט דאָס גאנצע פעלד אונ אויכ די הויכע איינציקע לינדנביימער, יענע, וואָס מיט די פיל קראָ-נעסטנ באזעצט, א בינטל יידנ צוזאמענ זיכ האלטנדיקע אינ איינעמ לעבנ אנדערנ שפאנענ, געזענ: הירשל ליווער מיט מוישענ בעראָש, אונ הינטער זיי די איבעריקע, נישט ווייט אָפּגעטראָטנ.

הירשל, דעמ בויכ האלטנדיק, האָט איצט אויסגעזענ, ווי א סויכער, וואָס איז ארויס מיט א קוינע אפ זיינ סכוירע-לאגער-פלאצ, אונ טוט אימ באווייזנ, וואָס ער פארמאָגט, אונ וואָס ער וויל אימ פארהאנדלענ. יעדער ווינקעלע אפנ בעסוילעמ איז דאָכ הירשלענ באקאנט, יעדער מינדסטע ערטעלע באוויסט, ווו ווער ס'ליגט, ווו וואָס פאר אנ אָרט איז מער באשעוו, אונ ווו וואָס פאר א כאָשעוו ס'וואָלט געוואָלט ליגנ...

„אונ אָט,—האָט ער איצט מוישענ פונ אָרט צו אָרט געפירט אונ אימ געוויזנ,—אונ דאָ איז, ווי ער זעט, שוינ פארנומענ, אונ דאָרט שוינ פארקויפט, אונ נאָר אייניקע ערטער, געציילטע אונ לעבנ גאָר גרויסע לייט, זיינענ אימ נאָכ פארבליבנ, וואָס ניט פאר אבי-וועמענ האלט ער זיי, אונ ניט יעדער, אפילע פאר גרויס געלט, קאָנ זיי קריגנ, אונ זאָל ער, מוישע, אליינ זענ, וואָ-וויינט צו ריידנ איז דאָכ ניט שטעכ, אונ זאָל ער זיכ. ווו אונ וואָס אימ גע-פעלט, זיכ אויסקלייבנ לעפי-קעוווידוי"...

— אזוי-ע, אזוי-ע לעפי קעווידוי, — איז איציקל מיטשמשבאבע דאָ פונ א זייט אויסגעוואקסנ מיטנ ברייטנ היטל-דעניק, מיטנ פיצל פענעמל אונ מיטנ קעצל-קעלעכל, הירשלענ אונטערהאלטנדיק אונ ווי אויכ מוישענ צופאסקענדיק.

— יאָ, יאָ,—האָבנ אויכ די גיילעמ-נאמאָסימ נאָכגעזאָגט אינ אויכ די פאָר קיואָרימ-גרעבער — אפ זייער אייגנ גראָבלעכ.

שפעטער א ביסל האָט'מענ געקאָנט זענ, ווי אפ איינעמ אנ אָרט האָט זיכ דאָס פריערדיקע יידנ-בינטל שוינ לענגער פארהאלטנ אונ אפ א היפש שטיקל צייט אויכ דאָרט פארבליבנ.

הירשל, האָט מענ געזענ, האָט אפ יענעמ אָרט שטייענדיק, עפעס אינ ביכ ארייגעשריבנ, אונ די גרעבער האָט ער א באפויל געגעבנ, זיי זאָלנ דאָס אָרט באלד אָפּגרענעצנ אונ א סימענ אפ „פארנומענ" מאכנ. אונ די גרעבער האָבנ מאקע אזוי געטאָנ אונ זיכ היפשלעכ צייט געפאָרעט אינ פונ דינע ברעטלעכ עפעס א דערווייליקע צאמ געמיסטרעוועט.

מוישע דערווייל האָט, ביימ די גרעבער האָבנ זיכ בא דער צאמ געפאָ-רעט, אפ דער ערד געקוקט אונ זיכ פארטראכט, אונ צוליב כשיוועס פונעמ

מאָמענט פאַר מוישענ, האָבנ אימ די איבעריקע ווי אַליינ געלאָזט און פונ
צו שמעדנ זיכ אָפּגעראַטנ.

אינ יענעמ מאָמענט האָט אינעמ שטאַרק צעעפנטנ אינ זוניקנ כאַלעל פונ
פרימאָרגנ געפעט א יונגע קראָ פונ א הויכנ בוימ א קראַקע געטאָנ, און מוישע
האָט זיכ פונ פאַרטראַכטקייט און פונ אומגעריכטקייט אָפּ צוריק א דריי
אויס געגעבנ.

ער האָט דעמ בוימ געזוכט און אימ ניט געפונענ, און אָנשטאָט דעמ
בוימ האָט ער פלוצלינג דערזענ אָפּ דער ווײַטער אײַזנבאַנ-ליניע א לאָקאָמאָ-
טיוו, א פּעכקענדיקנ און ווײַכנ רויכ לאָזנדיקנ, וועלכער האָט א לאַנגנ און
שווער-באַלאָדענעמ פראַכט-צוג נאָכ זיכ געשלעפּט, מיט א לאַנגער ריי אַלציינס
רויט-געפאַרבטע וואַגאָנעס און מיט שוואַרצע רעדער אינ איינ מאָס לויפנ-
דיקע, זיכ אײַלנדיקע און ווי אָפּ איינ אָרט שטייענדיקע.

דער צוג האָט איצט מיט זײַנ אייגענער מאַכשאָווע וועגנ אָנקומענ און
באַרגיינ געשטימט, אימ דערמאָנט... און דער לאָקאָמאָטיוו האָט באַלד מאַקע
אָט די דערמאָנונג ווי באַשטעטיקט: ער האָט א שנײַדנדיקנ לאַנג-צעצויגענעמ
און צו דער סטאַנציע צו וויסנ-געבנדיקנ פײַפ אַרויסגעלאָזט. מוישע האָט פונ
אומגעריכטנ פײַפ א ציטער געטאָנ, אינ ער האָט זיכ באַלד צו די גרעבער, וואָס
ער האָט זיי בא דער ערד-מעלאָכע הינטער זײַנע פּלייצעס געלאָזט, זיכ אויסגע-
קערעוועט און—דערזענ: שוינ, די צאַמ שוינ פאַרטיק, און די גרעבער האָבנ
שוינ זייער אַרבעט געהאַט פאַרענדיקט.

דעמלט האָט זיכ דאָס גאַנצע בינטל ווידער מיט די זעלבע, וואָס פריִער,
בעראָיס. צוריק דורכנ פעלד צומ אויהעל צו און צו הירשל דעמ מאַזשגיִעכס
שטיבל געלאָזט, און צוריקגייענדיק, האָבנ אַלע איצט עפּעס באַזונדער צו-
פרידנ און אופגעלייגט אויסגעזענ: מוישע, וואָס געקויפט, הירשל, וואָס פאַר-
קויפט, איציקל דערפאַר, וואָס הירשל און אַנדערע זײַנענ צופרידנ, און אויכ
די שאַמאָסימ און גרעבער אופגעלייגט, ווײַל זיי האָבנ אָפּ מאַשקע און אָפּ
דאָס „אָרט צו באַנעצנ“ אַרויסגעקוקט.

און מע האָט מאַקע „באַנעצט“... אַז אַלע זײַנענ ווידער צו הירשלען אינ
שטיב אַרײַנ, איז הירשל באַלד צו דער אַלטמאָדישער, נידעריקער גלעזערנער
שאַפע צוגעגאַנגענ, פונ א פּאָליצע פונ דאָרט קעלישעקלעכ, מאַשקע, אויכ צו-
בײַסנ, וואָס ער האָט באַשטענדיק פאַר אַזוינע פאַלנ (און אויכ נישט נאָר
פאַר אַזוינע) געהאַלטנ, אַרויסגענומענ, ער האָט אויכ אַלעמענ, אויסער מוישענ
(ווײַל ס'איז הײַנט א מאָנעס-טאָג געווענ בא מוישענ) אָנגעגאָסנ. די ייִדנ די
גרעבער האָבנ, די שטאַרקע מאַשקע טרינקענדיק, פונ האַנאָע און פונ די הייבע
גראַדיסנ, קרעפטיק געקראַכט, און, ווי הינט פונ וואַסער אַרויסקומענדיק,
געפּאָרשעט; די שאַמאָסימ האָבנ, נאָכנ טרינקענ, שטיקלעכ פאַרבײַסנ גע-
כאַפּט אינ די קעפּ און די אויגנ אינ א זײַט אָפּגעקערעוועט; איציקל האָט א
שליקערײַצ געטאָנ אינ דאָס פּענעצל איז אימ בלאָס געוואָרנ; און הירשל — גע-
ווייִנט אינ נישט צו דערקענענ אָפּ אימ — האָט געטרונקענ און געווינטשעוועט.

אונ אויכ אלע איבעריקע האָבנ אימ, מוישענ, צו ווינטשעווענ אונטערגעהאלטנ.

אונ נאָכנ טרינקענ איז מענ א ווײַלע נאָכ אפּ די ערטער געבליבנ, מע האָט שמייענדיק, פונ שטאָט- אונ בעסיילעמ-זאכנ געשמועסט אונ, אופגעלייגטלעכ, זיכ קורצע נײַעסנ איבערגעגעבנ. אונ לעסאָפּ, פאר מוישעס אוועקגיינ אונ בײַם זיכ געזעגענענ מיט אלע, האָט זיכ מוישע צו די אלע, וואָס זײַנענ בא דער קנײַע אונ אויכ בא דער מאשקע בײַגעווענ, זיכ געווענדט, אונ אלע אָנ אויסנאמ צו זיכ אפּ הײַנט אפּדערנאכט אפּ א סודע פארבעטנ:

— קומט צו גיינ, ײדנ, קומט אלע,—האָט ער זיכ אויכ צו די שאמאָסימ אונ גרעבער געווענדט.

2

שוינ לאנג, אז מוישע האָט פונ זײַנ ברודער לוזי קיינ בריוו, קיינ גרוס אונ קיינ שום יעדיִע ניט געהאט.

עמעס, ס'איז שוינ קיינ נײַס ניט געווענ דאָס לאנגע שווײַגנ אונ דאָס נישט-לאָזנ-הערנ פונ זיכ לוזיס: ער, מוישע, איז שוינ געוווינט געווענ דערצו. אונ אָדער,—פלעגט ער זיכ אינ אזוינע פאלנ טראכטנ,—ער געפינט זיכ איצט אינ זײַנ קליינ שטעטעלע, וואָס אפּ דער גרענעצ ערגעצ פארוקט, אָדער ער איז אפּ זײַנע זוכ-רײַזעס ווידער, פאָרט פונ „הויפּ“ צו „הויפּ“, פונ רעבנ צו רעבנ אונ אמאָל דאָ, אמאָל דאָרט, ווו מער אונ ווו ווייניקער, פארברענגט דאָרט זײַנ צײַט אלס „יווישעוו“.

טראכטנדיק פונ אימ, פלעגט ער זיכ אימ אינ דער מאכישאָווע פאָרשטעלנ אונ מיט האנאָע אונ ברידערלעכנ איבערנעמענ אמאָל אימ טרעפנ אינ איינ רעבנס א הויפּ, אמאָל אינ א צווייטנ, אָבער מערסטנטייל טאקע בא זײַנ אייגענעמ רעבנ, וווּהינ ער, מוישע אליינ, פלעגט פאָרנ.

אָט זעט ער:

א שטעטעלע, ווי אלע שטעטעלעכ, אָרעמלעכ אינ שטויביק, נעסלעכ נישט געסלעכ, מיט נידעריק-בא'דר'ערדיקע הײַזלעכ, האלב אויסגעקרימט, האלב פארזונקענ.

אינווייניק, אינ שטעטעלע—נישט געקערט אונ קוימיק. דערפאר אָבער איז דאָס פונ דרויסנ מיט צוויי אנטקעגניבער-שטייענדיקע בערג, מיט סאָסנע-וואלד באוואקסנ, ארומגענומענ.

דער וואלד מאכט דאָס שטעטעלע, ווענ מע קוקט דערופ פונ ווײַט, באשטענדיק דרעמלענ. אונ אויכ דער וועג, וואָס פירט ארײַנ אונ ארויס פונ שטעטעלע, דרעמלט,—מערסטנטיילס אליינ אונ נישט צו זענ אפּ אימ קיינעמ, אמאָל נאָר אויכ מיט א פויער אפּ א פור א דרימלענדיקער; אמאָל, אונ זעלטענער, זעט מענ א ײדישנ באלעגאָלע מיט א בויד טומלדיקע אונ פארשטויבטע פארשוינענ געפּאקט, מיט א טויבלעכנ גלאָק אונ ײדיש-פארשויניש גאָ-

גערנ פארבײ אײלנ; נאָר זעלטנ זעט מענ אפ יענעמ וועג, ווי א פארבלאָנדזשעטנ, אויכ א פריצישנ פאעטאָנ אמאָל דורכפאָרנ.

דאָס שטעטעלע, זעט אויס (ווײַל ס'איז מיטנוואָכ איצט), איז פוסטלעכ: די שוינ לאנג קײנ יאריד נישט געווענ, אונ לאנג ביז א יאריד נאָכ צו ווארטנ.

נעבעכ האלב=טויטע אינ קלײטעלעכ האָבנ נית בא וועמענ צו לײזנ אונ צו פארקויפנ, וואָס זײ פארמאָגנ.

די מער פארמעגלעכע האלטנ זײערע אויסשטעלונג=סכוירע פאר די טירנ אינ קוישלעכ אויסגעשטעלט, אונ בא די ווײניקער פארמעגלעכע הענגענ די סימאָנימ פונ אויסשטעלונג אפ די טירנ אונ אפ די לאָדנ פארדארט אונ פארפריקנט: געוואָלצענע פישלעכ אפ א שטריקל, א בינטל בײגל, א קרענצל פארשרומפענער טערקישער פעפער.

אפ די גאסנ זעט מענ איצט קײנעמ. יידנ — אינ די קרעמלעכ, יינגלעכ — בת גאנצפרי אינ די כאדאָרימ, אונ מײדלעכ אינ דער הײמ — מיט די מוטערס נעבליבנ באמ קאָכנ, ראמענ, אינ שטוב אונ אינ באלעבאטישקײט צו העלפנ.

דעמ רעבנס הויפ, וואָס שטײט אינמיטנ שטאָט, אונ איז מיט א גרעסערנ פלאצ ארומגערינגלט, צײכנט זיכ פונ די איבעריקע הײַזער אויסערלעכ מיט גאָרנישט נית אויס, אויסער נאָר, וואָס ער איז מיט אײנעמ א שטאָק העכער פונ די איבעריקע הײַזער, אונ אויסער דעמ אויכ, וואָס א קלויז שטײט דאָרט אינ הויפ.

דער הויפ—א גראמלעכער אונ פונ פיל גײנ אונ פוס=טופענ איז די ערד דאָרט שטארק אײַנגעטראָטנ. אינ יענעמ הויפ, טאָמער אינ אנ ערעוו=שאבעס אָדער יאָנטעוו, טומלט אונ טומלט זיכ דאָרט פיל: שאמאָסימ טראָגנ דעמלט טיש= אונ בענק פונ הויז אינ קלויז, אונ דער באשטענדיקער פיש=קאָכער פונ „הויפ" שטײט איבער א פײַער, וואָס אינ א גרוב צעלײגט, אונ אפנ פײַער א פאנ, אונ אינ פאנ פיש, אונ הויפ=לײַט אונ גאס=יינגלעכ ארומ אימ, ארומ פײַער, קוקנ, ווי די פיש קאָכנ זיכ.

אָט דער הויפ איז איצט פוסט, ווײַל ס'איז קײנ יאָנטעוו אונ קײנ ראָש=כוידעש.

קײנ שאמאָסימ אונ גאבאָימ זעט מענ נית. זײ געפינענ זיכ איצט מערסטנטײל אינ זײערע הײמענ=אכסאניעס, וואָס די ווײַבער זײערע פירנ אונ האלטנ זײ פאר פרעמד=אָנגעפאָרענע אָרכימ, אונ וואָס אפ די ווײַבערשע נעמענ, רופנ זיכ טאקע די אכסאניעס: סאָרע=כאנעס, גיטל=לײעס אאוו. אונ אזויווי די שאמאָסימ אונ גאבאָימ האָבנ איצט קײנ ארבעט באמ רעבנ, געפינענ זײ זיכ איצט בא זיכ אינ דער הײמ ארבעט.

אָפט קאָנ מענ איצט זענ אזא גאבע אָדער שאמעס בא זיכ אינ אכסאניע ארויסלויפנ פונ א פוסטנ אָרכימ=צימער,—א צעפאטלטנ אונ א שלעכט=פארשפיליעטנ, ווי זײ זײַנענ געוווינט באמ רעבנס טיש אָדער בײסנ באדינענ דעמ רעבנ,—ער לויפט ארויס אינ לויפט דורכ דאָס אײַנפאָר=הויז,—יענצ אײַנפאָר=

הויז, וואָס טיילט די שטוב אפצווייגנ, אונ וואָס טיפ האָרט איז פאראנ אנ אָרט פאר פערד־אונ־וואָגנ אונטער א הויכנ אונ שלעכט־סטריכעוודיקנ דאכ, פול מיט פלעדערמײַז אונ שוואלבנ,—לויפט דאָס הויז דורכ אונ כאפט א קוק צו זײַנ ווײַב, וואָס דארפ זיכ איצט געפינענ אינ דער צווייטער העלפט שטיב, אינ קיכ, טרעפט אָבער נישט דאָס ווײַב, נאָר א זיכ־ארײַנגאנגענדיקנ פרעמדנ הונט דאָרט שטיינ, אונ שרײַט:

— סאָרע־כאנע, טרײַב ארויס דעמ הונט, ער וועט אויסכאפנ דאָס פלייש.

אָדער:

— סאָרע־כאנע, א כאזער איז בײַמ צעבער, טרײַב אימ ארויס, דעמ כאזער!

ס'איז שפעט אינ פרימאָרגנ, אינ רעבנס הויפ איז, ווי געזאָגט, שטיל אונ קיינער קומט נימ.

פונ צײַט צו צײַט נאָר באווײַזנ זיכ פונ א פענצטער פונ אײַנערשטאָכ א פאָר, פונ גאנצפרי זיכ לאנגווײַלנדיקע, יונג־טיידלישע, רעבנס־טעכטערשע געשטאלטנ, אונ פונ נישט האָבנ צו טאָנ אונ מיט קיינ זאכ נימ באשעפטיקט, ווי פרײַ־געפאנגענע, קוקנ זיי אינ דרויסנ ארויס.

אויכ אינ קלויז איז דעמאלט שטיל, דער פרימאָרגנ־מיניענ האָט שוינ אָפ־געדאווענט, אונ קיינ אנדערע אונ מער מיניאָנימ זײַנענ, איבער מאנגל אינ מענטשנ — סײַ היגע, סײַ אָנגעפאָרענע — נישטאָ.

אָט דעמאלט זעט מויטשע זיצנ זײַנ לוזינ איינעמ אלייג אינ קלויז אינ א ווינקל. פרוער אינ טאלעס אונ אינ די טפילנ, שפעטער — נאָר אינ טאלעס.— אונ אינ א טייפער ארײַנקוקנ אונ לערנענ...

אנ אלט־בלינדלעבער, שקראבענדיק־אימבלאָנקענדיקער שאמעס דרייט זיכ ארומ אינ מײַרעוו־זײַט, אונ — אָדער ער ווישט א פארייכערט לאָמפנ־גלעזל מיט א שמאטע אפ א שטעקל אָנגעטאָנ, אָדער ער צעהענגט דעמ נאסנ האנ־טעכ פונ פרימאָרגנ אפ א גאנצנ טאָג זיכ טריקענענ.

מאכט זיכ דעמאלט:

א פרעמדער ייִד, נאָר וואָס פונ וועג אָנגעקומענ, וואָס האָט באדארפט צומ רעבנ נייטיק אונ האָט זיכ פרי שוינ אָפגעפראוועט אונ איצט איז ער ארײַנ אינ קלויז אפ אָפדאווענ, קומט אונ דערזעט לוזינ, איינעמ אלייג בײַ זײַנ טייבער אנ ארײַנגעטאָנענעמ, אינ ער דערפילט, אז קיינ היגער איז ער נימ. דער לוזי, איז אויכ דעמ רעבנס קיינ מעקורעוו אינ קיינ אוירעכ נימ, ווײַל ווערליק פאר א היגנ האָט ער צו פיל צײַט, אינ פאר א רעבנס א מעקורעוו ווער־ליק זעט ער עפעס צו פרעמדלעכ אויס.

אונ ער פארינטערעסירט זיכ, דער ייִד, אינ וויל וויסנ, ווער ס'איז, ווײַל עפעס אנ איבערטערלישער, זעט ער, איז ער, דער לוזי, אינ מיט נימ קיינ גע־ווינלעכ האדראס־פאָנעמ. אונ ער ווענדט זיכ צומ שאמעס, אָדער צו אנ אנ־דערנ וועמענ, ווער, אויסערנ שאמעס, אינ קלויז אמאָל דעמאלט געפינט זיכ, אונ טוט א פרעג, מיט די אויגנ אפ לוזינ אינ ווינקל אָנווײַזנדיק:

— וואָס מיר, כ'בעט אייך, ווער איז ער, דער ייד?

און דער שאַמעס, אָדער דער אַנדערער, וועמען ס'ווערט געפרעגט, פאַרכי־דעשט זיך אפילו, און דער ייד באַקומט פון געפרעגטן א בליק א פאַר־חידושטן, און צוזאַמען מיטן בליק אויך אן ענטפער א צוריק־אָפּפרעגנדיקן:

— ער הייסט ניט? וואָס? ס'איז דאָך לוזי... לוזי מאַשבער.

— אוי? — באַוווּנדערט באַלד דער ייד זיין נישט־וויסן, ווי פאַרשעמט זיך, — אוי, — און ער בלייבט א פאָר מינוט פאַרוויילט מיט די אויגן ווי צו לוזין צעטעבעטן.

ווייל, דערבאַלד „לוזי“, הייסט שוין אויך יענער, וואָס האָט פריער א מי־נוט ניט געוווּסט, אז דאָס איז דער. יאָ, גרויס קאָוועד און אויסערגעוויינלעכ־נאָכשפּרינגלעכקייט און יעדער רעבנס הויז אַפּ אים וואַרטן; דאָס איז דער, האָט באַ די גרעסטע „כייגן“ איז אים דאָס בעקאָוועדיקסטע און שענסטע אָרט געזיכערט, און דאָס איז אויך דער, וואָס יעדער „הויף“ וואָלט פאַר זיך פאַר אן ערע געהאַלטן און זיך געווינטשעוועט אזא איינעם צו זיך פאַר א מע־קורעבנער ארבנצוגבאהימען און פאַר א שטענדיקן „פאָרער“ צו זיך צו דערוואַרבן.

אזוי טראַכט דער ייד דעמאָלט, און אזוי טראַכט אייך מוישע וועגן לוזין, און מיט באַהאַלטענעם איבערגעטענע־זיך שמאָלצירט ער און שטעלט זיך אים פאָר באַשטענדיק, און אזוי האָט ער אויך די לעצטע צייט, נאָך דעם, ווי ער האָט פון אים, ווי געזאָגט, לאַנג קיין בריוו און קיין גרוס ניט געהאַט, גע־טראַכט, און דערנאָך זיך אויך באַרויקט.

נאָר פּלוצלינג האָט ער אין איינעם א טאָג מיט א באַלעגאָלישן שאַליעך פון לוזין א בריוו צוגעשיקט באַקומען, אַן אומגעוויינלעך־איבעראַשנדיקן, און דער בריוו האָט אים שטאַרק איבערגעדרערט און אַלע זיינע ביזאהעריקע פאָר־שטעלונגען וועגן לוזין צעשטערט.

לוזי האָט געשריבן: [1]

„געלויבט איז השעם־יתבאָרעך... דער טאָג... צו דער פאַרשע... יאָר... צום קליינעם פּראַט, דאָ, די שטאָט אומאַג.

צו ערן מיין ברודער, מיין לייבן־געליבטן מוישען, זיין ליכט זאָל לויכטן.

נאָכן פאַרשן דיין פרידן, קום איך דיר צו וויסן געבן די נייעס און ווינ־טיקייטן, וואָס האָבן מיך געטראָפן, זינט איך האָב זיך געשיידט פון דיר שוין א יאָר מיט כאַראָשים.

די ווייטע מיין צאַר, זינט ס'איז געפאַלן דער האַר, ס'איז אָפּגעטאָן גע־וואָרן די קרוין און צוגענומען דער אָרנקווידעס מיטן מוט פון מיין רעבן און פאַדריכ. דאָס מיינט מען, אינדזער הייליקן רעבן פון וועלעדניק—די דערמאָ־נונג פונעם צאַדיק זאָל געבענטשט זיין, — וואָס נאָך אין מיין יוגנט האָב איך זיך באַהעפט און צוגעבונדן צו אים מיט א ליבע־בונד אַפּ ניט איבערצורייסן. כ'האָב איבערגעגעבן מיין נעשאָמע און זיין האַנט, און די הענט פונעם

[1] דער בריוו איז געשריבן אין א מעליצעדיקן כסידיש־לאַמדאָנישן העברעיִש. צוליב פאַרשטענדלעכקייט ווענגן גיבן מיר אים דאָ אין א קימאַט חערטלעכער איבערזעצונג אין יידיש.

צאַדיק, דעם גרונט פון דער וועלט, און בין זיבער געווען אין אים און אין איבערגעגעבנקייט: ער האָט מיך געהאַלטן די גאַנצע צייט און מיך געפירט אין זיינע וועגן, די וועגן פון לעבעדיקן גאָט. אזוי בין איך לעבן. נאָך זיינע טויט אָבער, אז ער האָט פאַרלאָזט אונדזער נידעריקע וועלט, האָט ער מיך פאַרלאָזט אַפ אנגסט, ווי א בלאָנדזשענדיקן אין דער מידבער. כ'האָב אים פאַרלוירן און פאַרלוירן אלץ... כ'האָב אומגעוואָגלט פון שטאָט צו שטאָט, פון איין צאַדיקס הויז צום הויז פון צווייטן, און קיינער פון זיי האָט ניט ארום מיין גייסט העכער פון יענעם שטאַפּל, אפ וועלכן כ'האָב אַרופּגעדראָנגען און אופגעגאַנגען מיט אייגענעם קויעך און מיטן קויעך פונעם רעבן, בעשאַס ער האָט געלעבט, און פון וועלכן איך האָב צען שטאַפּלען נידעריקער אַראָפּגעפאַלן נאָך זיין טויט.

און דאָס איז דאָך דיר באַוווּסט, ברודער און לײַבגעליבטער כאַווער, אז צו דער שטיצע און צו דער הילף פון א צאַדיק, וואָס פאַרמיטלט צווישן א מענטשן און זיין שעפער, מוז א מענטש אָנקומען, באַזונדערס אין אמערסטן, אין אָט דער צייט, אפ זיין עלטער, ווען זיינע זון הייבט זיך אָן נייגן אפ מערעוו, און אירע שאָטנס, ראַכמאָנע-ליצלאַן, ציִען זיך שוין אַיים אין דער לענג...

כ'האָב זיך שוין געהאַט מיִאַשׂ געווען, געמיינט, כ'וועל שוין נישט געפינען וואָס איך זוך, כ'האָב פאַרבראַכט גאַנצע טעג אין טפילע, און פון הימל האָט מען זיך איבער מיר דערבאַרעמט און מע האָט מיר אַראָפּגעשיקט.

און אָט איצט איז מיין מויל און האַרץ פול לויב און דאַנקבאַרקייט צו גאָט דעם דערבאַרעמדיקן, וואָס דערלאַנגט א האַנט צו די, וואָס טרינקען זיך, וואָס האָט מיך ניט געלאָזט אַראָפּזינקען אין טיפן זומפּ, דאָס מיינט מען, אין גייסטיקער אָרעמקייט און שיפלעס.

און געהיים איז דער זכוס פון אונדזערע עלטערן, אוביפּראָט דער זכוס פון אונדזער הייליקן פאָטער, מיר ביַיגעשטאַנען. און נון, האָט מיך דער אייבערשטער באַגליקט, מיך געפירט און געבראַכט אהער, אין דעם אָרט, וויי איך בין געקומען אין א נייעם בונד, אין א פעסטן, מיט די גייסטיק-פעסטע פון יענעם גרויסן מאַן, דעם געטלעכן צאַדיק, דעם הייליקן רעבן ר' נאַכמען, דאָס אייניקל פון באַלשעמטאָוו — זיין דערמאָנונג זאָל געבענטשט זיין! — וואָס ווערט אָנגערופן „דער בראַסלעווער", און מיין לייב האָט אופגעלעבט.

און נון, זיץ איך איצט שוין א שטיק צייט דאָ, אין דער שטאָט אומאַן, דאָס אָרט, ווו דער אויבן דערמאָנטער צאַדיק איז באַגראָבן. כ'באַזוך אלע טאָג זיין קייווער, כ'דאַוון אין זיין בעסמעדרעש, האָב זיך באַקענט און געקימען אין ענגע קרייז מיט די, וואָס ליבן זיין נאָמען, האָב געלערנט אין זיינע הייליקע ספאָרים, כ'האָב אַראָפּגענידערט אין זייערע טיפענישן און אופגעבראַכט פיל פערל...

און באמת, טייערער ברודער, כ'ווייס, אז דער ווען, וועלכן איך האָב

איבגעטריבן, איז ניט אויסגעטראָטן, און פֿיל שטרויכלונגען און שטער־שטיינער פֿאַר די, וואָס גייען אָפּ אים. און דערויקער, פֿיל פּײַנט און בייזוויליקע ווײַט אַרום דעם גאָנצן, שיינע און מוירע פֿון דעם אויבן דערמאָנטן ר׳ נאַכמאַנען, אָבער מיינע קויעך פֿון אייבערשטן, וואָס גיט דעם מידן קויעך. וועל איך זיך שטעלן קעגן אַלע ראָבערס און בייז־באַריידערס און וועל מאַכן אַלע זייערע מיינונגען און זייערע פֿײַנט, אָנגעשטימטע מיט גיפֿט, צו נישט. אויפֿער די ייִדישע זען, אַז כ׳וועל, אימירצעשעם, קומען אַהיים צו דיר און דײַן. מיין זיך זען און מײַן ריידן וועגן דעם אַלעס לאַנג און קורץ.

און דערווײַל וויל איך מעקאַצער זײַן, מאַכמעס ס׳איז פֿיל צו מאָגן צו נאָס, און דער זמאַן איז קורץ. און איך קומ זאָגן פֿיל פֿריינד צו דיר, אויך גריסן דײַנע ווײַב, מאַראַס גיטעלע, זאָל לעבן, און אויך אַלע פֿון דײַנע הויז־געזינד, די גרויסע, ווי די קליינע, וואָס זײַנען מיר טײַער און צום האַרצן נאָענט.

דאָס זײַנען די ווערטער פֿון דײַן ברודער לוזי, דער זון פֿון אונדזער האר דעם פֿאָטער ווײַל. זײַן רײַנע זאָל זײַן אין גאַנײדן, און ער זאָל אונדז שטיין צו אונדזער רעכטער האַנט צום סאָף פֿון די טעג, אַז מאָשיעך זאָל קומען. אָמײן״.

• • •

אין דער נאַכט, וואָס נאָך יענעם טאָג, ווען מוישע האָט אָפּ דעם בריוו באַקומען, האָט זיך אים געכאָלעמט:

ער שטייט פֿאַר אַ שפּיגל, פֿאַרן לאַנגן וואַנט־שפּיגל בײַ זיך אין זאַל. קיינער איז נישטאָ, ער קוקט אָפּ זיך...

— יאָ, — זאָגט ער, — שיין, ראַכט זיך, נאָך נישט אַזוי יונג, אַ זיידע דאָך שוין, און קיין אײַנע קנײטש נישט אויפֿן פּנים, און בּיכלאַל, נאָך קיינע סי־מאָנים פֿון עלטער... די האָר פֿון קאָפּ און באָרד — גאָלד־געלבלעך, דאָס פּנים — פֿריש, אײַנגעלײַטלעך, און די קליינע קנײטשעלעך בײַ די אויגן — דאָס איז פֿון זײַן מעיוע זיי צו זשמורען בײַ דער שײַן און ליכט און אויך בײַ אָפֿטע אינעווייניקסטע פֿאַרגעניגנס. דער קערפּער פֿיל, גלאַט, און די קליידער ליגן אָפּ אים, ווי שטיפֿט געפּאַקט.

ס׳פּיט אים (אָב וויפֿל ס׳מעג אים מאָגן) האַנאָע פֿון זיך, אָבער באַלד וויל ער שוין (מאַכמעס מוירע פֿאַר איבערנעמען זיך און צופֿיל צו מאָל האָבן מיט אויגנע זאַכן, ווי מיט קערפּערלעכקייט) פֿון שפּיגל אָפּקערעווען.

נאָר פּלוצלינג דערזעט ער: זע, — זאָגט ער, — וואָס איז־דאָס?

עפּעס אָפּ זײַן שטערן, ווי אַן אָט אויסגעשטעמפּלט, רויט, וווּנדיק, און ווי אויסגעבריט.

ער קוקט זיך צו אַ מאָל (ת) אויפֿן שטערן. ער דערשרעקט זיך, און „וואָס זאָל דאָס זײַן?״ — טראַכט ער זיך. און ער דערמאָנט זיך, וואָס מאָל שאָ באַטײַטן: „תּחיה״ (וועסט לעבן), אָדער „תּמית״ (וועסט שטאַרבן), און ער

באפט מיט דער האנט און טוט זיך א וויש איבערן שטערן, און ער דערשרעקט זיך פאר זיין האנט, און כאפט זיך באלד אויף א דערשראָקענער: הא... אָבער ס'געדויערט ניט לאנג, און ער ווערט ווידער אנשלאָפן. און ס'כאָלעמט זיך אים ווידער:

ס'א סימכע בא אים אין הויז, אין שטוב פיל מענטשן. אלע נאָענטע און אייגענע — אופגעלייגטע און אים צום הארצן נאָענט. די צימערן פול, כאָטש ער, מוישע, געפינט זיך אין עקצימער, וואָס איז פון ליכט און לאָמפן באלויכטן, דאָך, דאכט אים, אז ער זעט, וואָס אין אלע צימערן טוט זיך, גלייך זיי וואָלטן איינס פון אנדערן מיט קיין וואנט ניט אָפגעטיילט זיין.

ער איז אין דער שווארץ-ווייסינגער קאפּאָטע און אין גארטל. די קאפּאָטע בא זיין לינקער זייט ברוסט שטייט אים א ביסעלע אָפּ איבער דער פאטשיילע, וואָס ער האָט דאָרט, און וואָס אלע וויילע נעמט ער זי ארויס, ווישט מיט איר דעם שווייס אין נאכעם פון שטערן און קערט זי באלד ווידער אהין צוריק. דאָך פילט מוישע אויך, ווי דורך דער פאטשיילע, די קאפּאָטע, ווייל די ברוסט, פילט ער, פון פרייד וואקסט אים.

קינדער און אייניקלעך, קרויווים און באקאנטע, זעט ער, קוקן און פרייען זיך מיט אים, און ער אליין, ווי טאָמער אין אזוינע פאלן, קאָן די אויגן פון פארגעניגן ניט האלטן אָפן, זשמורעט זיי און קוקט, ווי דורך שפּעלטעלעך שמייכלענדיקע.

אלץ גוט און וווויל. נאָר איין זאָלקנדל פילט מוישע אפ זיין סימכע-הימל. עפּעס פילט ער די גאנצע צייט איינעם א פרעמדן בא זיך אין שטוב, און עפּעס ניט קיין ייד, דאכט אים, און ווו ער טוט מיטן אויג נישט קיין בליק, אזוי זעט ער אים און געפינט אים דאָרט. און דאָס איז — זע, דער פּאָרעץ, דער, בא וועמען ער האָט מיט יאָרן-לאנג צוריק געקויפט דעם הויף. די שטוב, דאָס מעבל און דאָס הויז-ראָד, ווען יענער, דער פּאָרעץ, איז ווירער געוואָרן און האָט געהאלטן בא אָנזעצן, און בא אים, בא מוישען, איז גראָד דעמלט א גוט יאָר געווען, ס'האָט אים שטארק געגליקט אין די געשעפטן זיינע און דעמלט איבערגעוויינלעך גוט געגאנגען...

און ער כידעשט זיך, מוישע: יאָ, דער פּאָרעץ. אָבער ווי קומט ער גאָר אהער, ווער דארף אים, ווער האָט אים גערופן, אין יער — איינגעלאָדן?

אין דער זעלבער צייט ווערט מוישע פון אן אנדער רעדל מענטשן ארומגערינגלט, און מע ווינטשעוועט אים, און ער נעמט אָן דאָס ווינטשעווען און ווינטשעוועט צוריק. און ער פארגעסט זיך אפ א וויילע אינעם פרעמדן, אין יענעם, וואָס איז אים נישט אָנגענעם.

און מיטאמאָל באמערקט מוישע, אז דאָס ליכט אין שטוב, און דעריקער דאָס, וואָס הינטער זיינע פּלייצעס, לעשט זיך אין ווערט טונקעלער. אז ער דרייט זיך אוים, באמערקט ער: א שטילשווייגן, און ווי די סימכע וואָלט אינמיטן עפּעס איבערגעריסן און אָפּגעשטעלט געוואָרן. אלע דרייען פון אים די

קעפ אפ, איז רעדלעכווייז אינ בינטלעכווייז פארגייט טעג, טע פארבלאסט אונ אינ טונקלקייט ווערט טעג ווי שאטנס אלע.

אונ טיטאמאל קערעוועט ער אויס דעמ קאפ צו דער שטוב=טיר, גלייכ עמעצער האלט אימ א רופ געטאנ אהינ, אינ ער דערזעט א מענטשנ אפ דער שוועל שטיינ, וואס פריער דערקענט ער אימ ניט, אבער אז ער קוקט זיכ אינ אימ איינ, דערזעט ער: יא, ס'איז דאכ זיינ טאטע. ער איז אינ א וועג=מאנטל, אינ א ביכל א פארשטייבטלעכנ, אנגעטאנ, אונ אז ער, מוישע, וויל צו אים צוגיינ אינ אימ אנגעבנ „שאלעמ" אונ אימ פונ שוועל אינ שטוב אריינבעטנ, דערזעט ער: זיינ מאנטל צעשפיליעט אונ—א טאלעס אונטער זיינ מאנטל.

אינ דא דערפילט מוישע עפעס ווי א קעלט אינ רוקנ, גלייכ עמעצער האלט אנ אימגעריכטנ פענצטער אינ א קילנ דרויסנ ארויס אופגעעפנט. אונ אז ער קערעוועט זיכ אויס צו זענ פונוואנענ ס'בלאזט, אינ ווער האט עס געעפנט, איז שוינ דאס ליכט פונ הינטער זיינ פלייצע אינגאנצנ אויסגעלאשנ, דינגער איז שוינ נישטא, אדער אלע אינ דער פינצטער, ניט אנצוזענ...

אז ער הייבט זיכ דערמאלט ווידער אומ צומ פאטער, זעט ער, אז נאר דאס ארט, ווו דער פאטער שטייט אפ דער שוועל, איז באלויכטנ, אונ דער פאטער איז בלאס, אינ ווי פונ א שטארקער ווינט אהער נעקומענ, אונ ער טענ שווערנ, מוישע, אז ער זעט אויכ עפעס, ווי פארפרוירענע טרערנ אפנ פאטערס פאנעט.

— וואס איז, טאטע? — טוט מוישע א פרעג.

— קומ מיט מיר, — ענטפערט אימ דער טאטע.

— ווהינ?

— אינ הויפ אראפ.

— נאכ וואס?

— ס'האט זיכ אנגעצונדנ אונ סיברענט א הארנ פונ דיינ הויז.

— ווו? ס'דאכ פינצטער. מ'זעט דאכ גארניט.

— קומ, וועסטו זענ.

אונ דער פאטער קערעוועט זיכ אויס אינ גייט פארפריער, אונ מוישע הינטער אים.

אז זיי קומענ פונ די גאנעק=טרעפ אראפ אינ הויפ, ווייזט אימ דער פאטער אפ א ווינקל שטיב, אונטערנ דאכ, הויכ צו דער רינווע ארופצוקוקנ, אינ--דיכטיק: מוישע דערזעט עפעס א רויט פייערל אפ דער רינווע, אונ דאס פייערל איז קליינ, פלעמלט אונ וואקלט זיכ, אונ מוישע וואונדערט זיכ, וואס ער שרעקט זיכ ניט אונ רופט קיינעמ צו הילפ ניט.

אונ טיטאמאל דאכט זיכ אימ, אז עמעצער פונ הויפ קוקט אימ אינ רוקנ. ער טוט זיכ א דריי אויס אונ דערזעט א מענטשנ אינמיטנ הויפ, איינ-זע, ווידער, דאכט זיכ, דער פארעצ. אונ מוישע וואונדערט זיכ ווייטער, אבער אז ער קוקט זיכ מער איינ, זעט ער: ניינ, ס'איז ניט ער, נאר גאר לוזי...

אונ טיטאמאל וואקסט עפעס אויס א ליכט לעבנ לוזינ. א הויכע, א וועקסענע, ווי א מענטשנ=ווקס די נרות, וואס ביז ליזים ברוסט דערגרייכט זי.

און דאָס פֿײַערל, זעט מוישע, איז, ווײַזט אויס, פֿון אונטערן דאַך און פֿון אונטער דער רינווע אַרונטערגעקומען און צו לוזיס ליכט דערגעענט זיך — קלעטערט אַרויף פֿון דער ליכט, פֿון דער ערד אַף דער ליכט אַפֿן קנויט, און — די ליכט איז אָנגעצונדן.

באַלד באַווײַזט זיך נאָך איינער אַ מענטש לעבן לוזין, עפּעס ווי אַ שול־שאַמעס אָנגעטאָן און מיט אַ גאַרטל, און לעבן זיך האָט ער אַ פֿײַער־פֿאַנשטיין, און אין פֿאַן קאָכט זיך וואַקס, און דער שאַמעס נעמט אַלעמאָל וואַקס אַרויס, קילט איס, קנעט איס, גיט אין אים אַ קנויט אַרײַן, און לוזי צינדט אים אָן...

און די אַרבעט גייט שנעל באַם שאַמעס, און ליכט מערן זיך אַרום לוזין, און אָט איז שוין דער גאַנצער הויף פֿון זיי פֿול — אין צווײַ גלײַכע שורעס אויסגעשטעלט, און לוזי אינדערמיטן.

און אַ לעזאָנגע באַווײַזט זיך דעמאָלט איבער לוזיס קאָפּ פֿון מונקעלן הימל אַרויס. און לוזי שטייט צווישן די צוויי שורעס ליכט, פֿאַרגעסט דעם קאָפּ צום הימל און צו לעוואָנגע, די באָרד איז אים אויפגעשטעלט, האַלדז איז גאָרגל אָפּגענאַקעט און די אויגן פֿאַרגלאַנצט, האַלב אָפֿן, האַלב געשלאָסן.

און דאָ דערהערט מוישע אַ כליפּען פֿון זײַן פֿאָטער, וואָס איז די גאַנצע צײַט געשטאַנען לעבן אים אין דאָס אַלעס צוזאַמען מיט אים צוגעזען. דער פֿאָטער האָט געוויינט, האָט די אויגן פֿון לוזין און פֿון זײַן קישעפֿן אַנטקעגן דער לעוואָנגע אָפּגעקערעוועט. און דער גאַנצער קערפּער זײַנער, ווי אין בראַך און ציטער. און מוישע פֿרעגט בײַ אים:

— וואָס וויינסטו, טאַטע?

און דער פֿאָטער ענטפֿערט אים פֿון געוויין:

— זעסט ניט? לוזי מיט אונדז אָן אַ אויגנע באַרפֿעס־בײַשעב. קום פֿינראַנג.

— וווהין? — פֿרעגט מוישע.

— מיט מיר, — ענטפֿערט דער פֿאָטער.

און דער פֿאָטער לאָזט זיך גיין, און מײַשע נאָך אים, און נאָך עטלעכן טריט נאָר אָפּגיין, כאַפּט ער זיך אויף, מוישע.

* * *

— אַ סוואָרע... לוזי? — האָט ער זיך מייקעפּ נאָכן איבכאַפּן אַ טראַכט געטאָן.

— ניין, — האָט ער דעם געדאַנק פֿאַרטריבן.

— אַ סוואָרע. — האָט ער זיך נאָכאַמאָל צום פֿרעדיקן געדאַנק אומגע־קערט, — אַז אַזוי קרומ איז דער וועג זײַנער, אַז צוליב דעם איז דער טאַטע אַראָפּגעקומען, פֿון אים דעם קאָפּ אָפּגעקערעוועט און פֿון בושע און חײַמעס געוויינט.

— ניין, — האָט ער זיך ווײַטער פֿון אין דער ריכטונג צו טראַכטן ניט געלאָזט.

ער האָט אויסגעשפּיגנ באַמ גראַנט, ווענ ער האָט זיכ דערמאָנט אינעמ פּאָרעצ אונ אינ לוזינ, ווי ער איז געשטאַנענ אינ הויפ מיט די ליכט, מיטנ שאַמעס אונ אַנטקעגנ דער לעוואָנע,—אונ ער האָט דאָס אַלצ פונ זיכ, ווי אַנ אומווירדיקייט אונ ווי אַ כאָלעמ־פּוסטקייט פאַריאָגט.

אינ אויבנ פונ אָט דעמ אַלעמ, פונעמ גאַנצנ געדריי אינ כאָלעמ, איז אימ עפּעס יאָ שווערס אַפּנ האַרצנ געבליבנ, האָט ער דאָס אַלצ אָפּ זיכ אונ אָפּ זײַנ כעזשבנ גענומענ, אונ דער פּאָטער, — האָט ער זיכ געזאָגט, — איז דאָכ צו אימ געקומענ, אונ „קומ מיט מיר“ אימ גערופנ... אונ כאָטש ער האָט פונ יענער וועלט זייער זעלטנ אונ ביז אהער קימאַט נישט געטראַכט, אונ קיינ ליבע ניט געהאַט צו טראַכטנ, ווײַל קערפּערלעכ געזונט אונ באַ אַלע קויכעס, אונ גאָרנישט האָט אימ ניט געפעלט אונ גאָרנישט ניט אָפּגעגאַנג, — דאָכ האָט ער איצט, נאָכנ כאָלעמ, נאָכנ ערשטנ, ווי נאָכנ צווייטנ, דאָס יאָ אַפּנ געדאַנק גענומענ, אונ דאָס, וואָס מיט אייניקע טעג צוריק וואָלט אימ נאָכ ווילד אונ אומגלייבלעכ אויסגעזענ, האָט זיכ אימ איצט יאָ געגלייבט אונ אַפּנ זינענ געלייגט, אונ — ווער ווייסט, — האָט ער זיכ געטראַכט, — אונ עפּשער איז די צײַט געקומענ, אונ מאַלע וואָס: אַ מענטש קאָנ ניט וויסנ, אונ אַ ייִד דאַרפ זיכ גרייטנ.

אונ ער האָט אַזוי געטאָנ:

ווי גאָר ער איז יענעמ פרימאָרגנ פונ נאָכנ כאָלעמ אופגעשטאַנענ, זיכ געוואַשנ אונ אָנגעטאָנ, אַזוי איז ער גלײַכ אינ שול דעמלט אַוועק, געדאַוונט, אונ נאָכנ דאַווענענ זיכ פּויסער־כאָלעמ זײַנ געלאָזט.

ער האָט זיכ ניט באַנוגנט דערמיט, אונ אינ זעלבנ טאָג איז ער, אַז קיינער פונ די אייגענע זאָל ניט זענ אונ ניט מערקנ, אינ אַ קלייט, וווּ מע פאַרקויפט שוועבליש, אַוועק, געקויפט, געהייסנ פאַרפּאַקנ אונ מיטנ פּעקעלע אַהיימ געקומענ, אונ—ווידער אַז קיינער זאָל ניט מערקנ,—באַ זיכ אינ אַלקער אינ אַ קאַמאָדע־שופלאָד אַרײַנגעלייגט, פאַרשלאָסנ, אונ דעמ שליסל צו זיכ גענומענ.

ער האָט זיכ אויכ דערמיט ניט באַנוגנט, אונ ווידער דעמ זעלבנ טאָג צו הירשל ליווער, דעמ מאַזשגיעכ פונ „פעלד“ אַ ספּעציעלנ אונ בעסאָד אַ שאָליעכ צוגעשיקט אונ אַ טאָג באַשטימט—אַז דעמלט אונ דעמלט זאָל הירשל אָפּ אימ אינ דער אונ דער שאָ, מיט ווענענ מע דאַרפ, וואַרטנ: ער, מוישע, וויל צו אימ קומענ, ווײַל זיכ אַ שטיקל „אָרט“ אויסזעענ, אונ ניט נאָר אויסזעענ, נאָר אויכ זיכער טאַקע קויפנ...

3

ס'איז נאָכ געווענ פאַר האַלבנ טאָג, ווענ מוישע האָט, פונ „פעלד“ קומענדיק, זיכ באַוויזנ צוריק אַהיימ.

אינ דרויסנ האָט שטאַרק געברענט די פאַר־האַלבטאָגיקע זונ. די גאַס, וווּ מוישעס הויז האָט זיכ געפונענ, האָט מיט הייסנ שטויב אונ ברוק־שטיינער געטשאַדעט. די ניט־ווײַט־ליגנדיקע ניט ייִדישע גאַסנ מיט די פאַרוקטע סעדער

און טויבלעכע פארקנס האָבנ אינ פונ=היצ=צעפּרייעטנ ביימער=כאלאָשעס געשווינג.

אינ מוישעס הויפ, וואָס איז אינמיטנ מיט גרעסערע, קליעכיקע שטיינער אויסגעברוקירט, אונ בא די שטוב=ווענט ארומ—מיט קליינע, פלאטשיקע גע=פלאסטערט, איז ריינ אונ פונ גאנצפרי פארקערט געווענ. אונ אינ געברוקיר=טער אונ געפלאסטערטער ווייסקייט האָבנ פונ צווישנ שטיינ אונ שטיינ גרינע איינציקע—אונ אינ איינציקע ערטער אויכ גאנצע בינטלעכ—גרעזעלעכ ארויס=געקוקט.

פאר די פענצטער פינ עסצימער, וואָס איז ניט ווייט אויכ פונ דער הינ=טערישטער ארייננגאנג=טיר אינ הויפ, האָט געדרעמלט דער ברונעמ, וואָס האָט זוי א גדעקטער קאסטנ אויסגעזענ. אלע פענצטער פונ אלע כאראָרים פונ אלע זייטנ פונ הויז זיינענ געעפנט געשטאנענ.

אינ קיכ איז דעמלט, ווי מאָמעד אינ יענער צייט. אויבערגעוויינלעכ שטיל געווענ: קיינע דינסטישע קוילעס אונ קריגערייענ, אונ דאָס האָט באראפט באטייטנ, אז ס'איז אָדער נאָדוואָס נאָכ א קריג, אָדער פאר א קריג אינ קיכ.

קיינע קינדער נייטמ צו זענ, אונ אויכ די עלטערע זיינענ זיכ—ווער וווּ פונ שטוב זיכ צעגאנגענ. גיטעלע, מוישעס ווייב, האָט זיכ ווי א פּריטישטע=ליעטע, אונ פונ נישט האָבנ וואָס צו טאָנ, איינע אליינ אינ עסצימער זיכ גע=פינענדיק, בוסטלעכ פונ אָרט צו אָרט געדרייט אינ אלעמאָל צו אנ אנדער גישט=נייטיקער זאכ אינ באלעבאטישקייט זיכ גענומענ.

אָט דעמלט האָט זיכ מוישע אפ דער שוועל באוויזנ. ער האָט ערשט נאָר=וואָס בא דער קליידער=שראנע, וואָס אינ קאָרידאָר, דעמ מאנטל אויסגעטאָנ אונ דעמ שירעמ איוועקגעשטעלט. גיטעלע האָט אימ דערזענ א נאכ שטארק פארשוויצטנ אונ פונ וועג ניט אָפּגעקילטנ: איינער א האלבער שטערנ רויט, אינ די אנדערע האלב, די, וואָס צומ קאָפּ=צו—א בלאכע אינ נאסע. אונ אזוי ווי מוישעס צייט איז געוויינלעכ איצט נייטמ אינ דער היימ געווענ צו זיינ, נאָר אינ שטאָט אונ אינ געשעפט באשטענדיק, האָט זי, אימ אנ אומגעריכטנ איצט דערזעענדיק, זיכ דערשראָקנ אונ פארשטאנענ, אז ס'איז עפּעס א שינוי=טאָג היינט בא מוישענ. זי האָט זיכ דערומ באלד א ווענד געטאָנ אונ בא אימ א פרעג געגעבנ:

— וואָס אזוי פרי היינט?

— גאָרנים. כ'האָב באדארפט האָבנ.

— אונ וואוהינ זשע ביסטו עס אזוי פרי פונ דער היימ אוועקגעגאנג, פארנ דאוונענ אונ פאר איבערבייסנ?

— כ'בינ געווענ אפנ „פעלד“.

— וואָס עפּעס פלוצעמ?

גיטעלע האָט דערזענ, אז איר מאנ האָט עפּעס אנ איניענ, וואָס ער וואָלט גערנ געוועלט פאר איר צו פארשטעלנ אונ וועגנ אימ קיינ שמועס פארפירנ. ער האָט אָבער ניט פארשטעלט, אונ שמייכלענדיק, איר א זאָג געטאָנ:

— כ'האָב מיר הײַנט א שטיקל „אָרט" געקויפט, און,—האָט ער ווײַטער צוגעגעבנ,—אז דו ווילסט וויסנ, איז ווים שוינ איינגאנצנ: כ'האָב מיר שוינ אײַכ „בגאָדים" אפנ „וועג" פאַרגרייט.

— וואָס פאר א וועג און וואָס פארא בגאָדים?..

גימעלע האָט זיכ שוינ אָנגעהויבנ שטויסנ... זי האָט אָבער דעם געדאַנק נישט דערלאָזט, האָט זיכ אלײנ איבערגעריסנ, און שוינ אינ שטארקער אומ־רויקײט א פרעג געגעבנ:

— וואָס רעדסטו, מוישע? כ'פאַרשטיי נישט און הייב נישט אָנ צו פאַרשטיינ.

— איז קום, וועל איכ דיר באַווײַזנ.

ער האָט זיכ באַלד פונ עסצימער אינ גאָענטנ צימער גײנ געלאָזט, און גימעלע, עפּעס נישט גוטס פילנדיק און אפ אומגעריכטס זיכ ריכטנדיק, איז אים נאָכגעגאנגענ. אזוי פונ צימער צו צימער, ביז זיי זײַנענ צו זייער אלקער, זייער בייזנס שלאָפצימער, געקומענ. די גאנצע צײַט האָט זיכ מוישע צו איר גיט אויסגעדרייט און צו איר נאָר מיטנ רוקנ געווענדט געווענ. ער האָט זיכ אײַכ ניט אויסגעדרייט, ווענ'ער איז ארײַנ אינ אלקער, און גימעלע נאָכ אים אינ אננסט. ער איז גלײַכ נאָר צו דער קאָמאָדע צוגעגאנגענ, איינעם א שופ־לאָד מיט א שליסעלע אופגעעפנט, און איבערגעבויגנ שטייענדיק איבער אים און עפּעס זוכנדיק אינ שופלאָד, האָט ער לעסאָף געפונענ, וואָס ער דארפ, און דעמלט ערשט זיכ אויסגעקערעוועט. און גימעלע—נאָכ איידער זי האָט מיישעס פּאָנעם דערזענ, האָט איר פונ די הענט פונ זײַנע א צעוויקלט פּעקע־לע שײַניש, מאכריכים־שמאַט א פינקל געטאָנ.

— שרעק זיכ נים, גימעלע, דאָס זײַנענ מײַנע „בגאָדים" אפ אימירצע־שעמ איבער הונדערט מיט צוואנציק. שרעק זיכ ניט...

און דאָ האָבנ זיכ מיטאמאָל בא גימעלענ די קניִעס אונטערגעהאקט. ס'האָט זי א מלאָכנעקײַט באשלאָגנ, און זי האָט דעם קנופּ פונ איר קאָפּ־טיכל, ווי צו כאלאָשעס, צעבונדנ: אוי... און איידער מוישע האָט נאָכ באוויזנ א צווייט און באַרויקערנדיק וואָרט איר צו זאָגנ, אזוי האָט זי זיכ גלײַכ אפנ בעט אראָפּגעלאָזט, און אנ אָנמעכטיקע און ווי אנ אונטערגעבראָכענע, האָט מיט א מאמער האנט־באוועגונג מוישענ מיטנ פּעקעלע פונ זיכ דערווײַטערט, אינ חי נישט קענענדיק קוקנ אפ בײדע, זיכ בא אים געבעטנ:

— נעם עס פונ מײַנע אויגנ צו, נעם עס צו, כ'בעט דיכ.

זי איז אנ אויסנ געבליבענע אפ איר בעט געזעסנ, און מוישע, נאָכדעם ווי ער האָט דאָס פּעקעלע צוגענומענ און דאָס אינ א זײַט ערגעץ באשטאט, האָט זי צו באַרויקנ און מיט איר אײַנטײַנעג גענומענ:

— ס'א נאַרישקײַט, גימעלע, כ'נאַרניט... ס'האָט זיכ מיר א כאָלעם גע־כאָלעמט. און'די גאנצע וועלט איז דאָכ א כאָלעם...

אינ גימעלע האָט זיכ מרייסט געלאָזט. זי האָט אלע ווײַלע נאָר, ביים מײַשע האָט צו איר גערעדט און אזוי איבער איר געשמאַכנ, פונ אונטנ ארופּ

אפ אימ א קוק געטאָן, מיט גרויס געטרײַשאפט, און אויכ מיט גרויסער טאַרומעס, וואָס ער האָט איר אינ א זאכ, וואָס איז איר קײנמאָל אפנ געדאנק נימ געקומענ און קײנמאָל אפנ געדאנק נישט געוואָלט נעמענ — איצט דערמאָנט. זי האָט אַלעמאָל אנ עק טיכל צו די אויגנ אופגעהויבנ, שטיל געוויינט און אָפט א טרער פונ אנ אויגנ־ווינקל געווישט.

און לעסאָף, אז ס'האָט שוינ היפש געדויערט, און אז מוישע האָט זי שוינ געהאט באַרויקט און נאָכ לאנגנ אײַנטײַנענ אינ אירע אויגנ א דערלײַכטערונג דערזענ און אפ איר פּאָנעם א פרײַערע מינע, — האָט אויכ ער זיכ געשטאַרקט דערפילט, האָט אופגעלײגט און פרוט אפ איר אקסל א האנט ארופגעלײגט און זי פינ בעט אופשטײנ געבעטנ. און אז גיטעלע האָט געפאָלגט און אופגעשטאנענ, האָט ער זי שוינ אויכ אײַנ גענומענ און פונ אלקער זי ארויסגעבעטנ:

— איז גײ, גיטעלע, און גרייט זיכ צו. כ'האָב אפ הײַנט אפּדערנאכט ייִדנ אפ א סודע פארבעטנ, בעט אויכ דו, און לאָמיר זיכ פרײענ מיט ייִדנ.

* * *

מיט א שאָ שפּעטער האָט מענ אינ באַטאָגיקנ און אינ שטאַרק־זוניקנ עסצימער, באַם גרויסנ טיש, גיטעלעס אויבנאָנ, און לעבנ איר, אפנ א בענקל מענאכעמענ, דעמ שול־און שטוב־שאַמעס, זיצנ געזענ.

מענאכעמ — דער נידעריקער און צעטומלטער, וואָס רעדט גיכ און מע פאַרשטײט אימ ווײניק, וואָס איז שטענדיק פאַרשמײַעט, ווי ער אײַלט זיכ ערגעץ, האָט פיל פעדערנ אינ קאָפּ און אינ היטל, און ס'דאכט זיכ, אז ס'איז פונ צעטראָגנקײט און פלײענ — איז איצט, פונ דער דרויסנדיקער און שטוב־היץ געזעסנ א געשטילטער און ווי א פאַרשטאַרעטער פאַר א לאנגנ צעטל־בויגנ מיט א בלײַשטיפט אינ האנט. גיטעלע האָט אימ אָנגערופנ די נעמענ פונ אלע די, וואָס מע דארפ אפ דער סודע אײַנלאַדנ, און ער, מענאכעמ, האָט פארשריבנ. אויסער זײ, גיטעלענ און מענאכעמענ, איז אינ עסצימער קײנער נימ געווענ, פונ צײַט צו צײַט נאָר האָט זיכ א דינסט פונ קיכ ארײַנגעכאַפּט, קעדײ עפּעס בא גיטעלענ צו פרעגנ, און באלד נאָכ דעמ איז זי מיט רע־באַקומענער טשוווע ווידער צוריק אינ קיכ אַוועק.

אינ עסצימער, ווי געזאָגט, הײמ. גיטעלע איז אפ איר בענקל עטוואָס ברײטלעכער, ווי געוויינלעכ, געזעסנ. דאָס טיכל פארנומענ הינטער די אויערנ — א סימענ אפ באַשעפטיקט, און אז זי אײַלט זיכ שטארק. זי האָט אלעמאָל א פאָר טרוקענע פינגער אינ דער אונטערשטער ליפּ גענעצט און פונ היצ־ועשלאָגענעמ זיקאָרנ אלע ווײַלע אנ אנדער פארגעסענעמ נאָמענ ארויסגעצויגנ אינ פארוואונדערט צו מענאכעמענ זיכ געווענדט:

— זע, און אויכ מוישע פייגענזאָנ האָבנ מיר פארגעסנ... שרײַב אימ ארײַנ, מענאכעמ.

פינ מאָל צו מאָל האָט זיכ גיטעלע פונעמ טיש שרײַבנ א הייב געטאָנ. האָט מענאכעמענ אלײנ באַם טיש געלאָזט, אפנ קיכ אוועק, און צו די פאראָרדענונגענ און באַפוילנ, וואָס זי האָט שוינ פונ פריִער וועגנ דער סודע אַפּ־

געגעבנ, האָט זי, פּלוצלינג זיך אינ נאָך עפּעס דערמאָנענדיק, נאָך א נײַע געהאַט צוצוגעבנ.

אינ הויפ, דאָרט, ווו די שטאַלנ אונ קאַמערנ געפינענ זיך, האָט מענ פונ איינער א קאַמער דערמלט אלעמאָל שוינ מיכאַלקענ, דעמ אלטנ אונ רוקנ=געבראָכענעמ הויפ=היטער, מיט א ברעט האָלצ ארויסקומענ געקאָנט זענ. א נישט אויסגעשלאָפענער, ווי שטענדיק, מיט אלט=צעשווומענע אונ בראָנפנ=האָליריקע אויגנ, וואָס רעדט צו זיך אליינ, אונ ווי טאָמער אונטער א יאָנטעוו. ייענ ער האָט צו טאָג עטוואָס מער, ווי געוויינלעך, פוילט ער זיך, וואָרטשעט אונ שעלט ברוינעז.

צוזאמענ מיט מיכאַלקענ, באמערקט מענ, קומט פונ שטאַל ארויס „קייטל=ייִנגער“,— דאָס קורצפיסיקע, נעלע הינטל, וואָס איז הינטיש פארשעמט: האָט קיינ קאָל נישט אונ קאָנ ניט האַווקענ, אונ ס'האַלט זיך שטיל אונ מיטנ קאָפּ צו דר'ערד אראָפּגעלאָזט; שטייט קיינמאָל ניט אָפּ פונ מיכאַלקענ אונ מיטנ באָמבלענדיק=אראָפּהענגענדיקנ ברוסט=בײַכל באַלייט עס איצט מיכאַלקענ פונ קאַמער אינ קיך מיט האָלצ באַלאָדנ, אונ צוריק פונ קיך אינ קאַמער—א ליידיקנ אונ איבעראַנגײַט נאָך האָלצ...

אונ אינ קיך האָט זיך דערמלט מיטאמאָל שוינ רירנ אונ ריגעווענ גענומענ: טעמפּ אונ מיט גרויס אײַלעניש האָט זיך דאָס קלאַפּנ פונעמ האַקמעסער אינ האַק=ברעטל אפ דער גאַנצער שטוב אונ אויך ווײַט אינ הויפ ארויס דערהערט. א שטויסל האָט שנעל=קופּעדיק אונ קלינגענדיק דאָס האַקמעסער איבער=טרײַענ גענומענ, אונ דינסטישע קוילעס זײַנענ זיך איינס דאָס אנדערע אינ די געשרייענ ארײַנגעפאלנ, הויך אונ אָנכאַפּעריש זיך געקריגט, אונ צומ טאַקט פונ קרינ אינ קוילעס, האָבנ זיי דאָס האַקמעסער=קלאַפּנ אונ דאָס שטויסל=קלינגענ נאָך מער פארשטאַרקט אונ פארשנעלערט.

דער אויוונ אינ קיך האָט זיך שוינ צומ אָפּדערגאַנגט אונ צו דער סודע געהייצט. אלעמאָל האָט אנ אנדער דינסט אהינ געכאַפּט א קוק, האָט א נײַ שײַטל האָלצ אונטערגערוקט, אינ א קאָל צו מיכאַלקענ האָט זיך שרײַענ געלאָזט הערנ:

— וואָסי? ער איז טויב צי וואָס, מיכאַלקע? ס'דאַרפ קיינ טראָפּנ וואַסער ניטאָ, זאָל ער וואָס גיכער ברענגענ.

אונ נימעלע אונ מענאַכעמ האָבנ שוינ צו יענער צײַט דאָס אײַנלאַדונג=צעטל פארענדיקט געהאַט.

נימעלע האָט זיך פונ מידקײַט מיט אנ עק פונעמ צעבונדרענעמ קאָפּ=טיכל דאָס פּאָנעמ געפּאָכעט, אונ אלע ווײַלע מיט אנ אנדער עק דעמ שווייס פונ דער אייבערשטער ליפּ געווישט.

מענאַכעמ האָט האַלב=פארשלאָפנ דעמ בלײַשטיפט באַמ מויל געהאַלטנ אונ ווענ=נימ=ווענ נאָר אימ באַנעצט, אָבער מער האָט ער שוינ צו שרײַבנ נישט געהאַט, ווײַל אלע נעמענ, אפ וויפל מע האָט געדענקט, האָבנ זיך שוינ אויסגענומענ.

און לעסאָפּ, אז מענאכעם האָט זיך מיטן פּאַרטיקן צעטל פון הינטערן טיש אופגעהויבן און זיך צו דער טיר גיין געלאָזט, האָט אויך גיטעלע זיך אופגעהויבן און אים ארויסבאַלייטן נעגאַנגען, און אזוי, שוין אפ דער שוועל שטייענדיק, האָט זי זיך, נאָך א מעסופּעקע און מיט איר זיקאָרן גישט זיכער, צו מענאכעמען געווענדט און בא אים א פרעג געטאָן:

— הא, ווי מיינט ער, מענאכעם? דאכט זיך, קיינעם ניט פאַרגעסן, אלעמען פאַרשריבן?

— אלעמען, אלעמען.

— איז גיי זשע גיך, מענאכעם, פאַרזאַמ ניט און פאַרגעס ניט קיינעם. יאָ, און פאַרגעס אויך ניט קיין ליכט אין די לײַכטער און אין די העכטס צו קויפן.

— צו קויפן, צו קויפן... גוט, גוט, גיטעלע.

## 4

ס'איז יענעמ אָוונט אין עסצימער און אויך אין די שכיינעסדיקע צימערן, אפ וויפל ס'איז דורך דער טיר אָנצוזען, שטאַרק יאָנטעוודיק—ליכטיק.

אין עסצימער—א ברייטער, ווײַס־פּאַרשפּרייטער טיש, אויך א לאנגער, וואָס דערגרייכט פון וואנט צו וואנט, יענער טיש — פאַר באַשטימטע און אָנגע־זעענע, און אויך אין די דערבײַיקע צימערן טישן, אָבער שוין פאַר ווייניקער באַשעווע.

פון דער סטעליע אין עסטישוב העננט אראָפּ א בליצלאָמפּ מיט דרײַ־יערנדיקע העכטס, אין די העכטס—ליכט, און אויך אפ די ווענט, וואָס צווישן פענצטער און פענצטער — העכטס, און אויך אין יענע העכטס — ליכט.

ס'באַדינען דעם טיש:

צוערשט, מענאכעם, מיט דער קיטיקלעכער, מעשנ־קאָליריקער באָרד, מיט די קינדעריש־צעטראָגענע און גאָרנישט ניט זעענדיקע אויגן, צעפלויגן אין צעפלאָכטן, די קאַפּאָטע גייסט אפ די קנעפּ, און דאָס היטל א ביסל העכער ווי ס'דאַרף זײַן, אפן קאָפּ פאַרוקט.

ער קומט אלע ווײַלע אן אײַלנדיקער פון קיך א פולער באליינט און קערט זיך אום א ליידיקער, און באַלד קומט ער ווידער פול און קלינט זיך וואָס מער מעליער מיט איין מאָל צו ברענגען — שוויצט, אײַלט זיך און לויפט ווידער אין קיך.

צווייי — גיטעלע, וואָס איז הײַנט אין העכסטן יאָנטעוו — אין שוואַרץ זײַדנס און אין צירונג.

איר קלייד בא די פיס ברייט און אין שליאַרעס, איר קאָפּטל — אפ דער ברוסט פון פּאָרנט — אָנגעטוּיפּט אין מיט האפט באליינט און אין איין שמאָל געפּאסט, און אין מאַליע ווארפט זיך די זוים פון דער קאָפּטן איבערן רוקן־קישעלע, ווי איבער א זאָטל, אריבער.

זי איז אין די לענגלעכע צווייגאָרנדיק־בריליאַנטענע אוירינגלעך, און גאָלדענע פינגערלעך און אויך מיט א „הערצל“ פון גאָלד.

דאָכ זעט זי הענט אויס ניט ווי אינ די פריילעכע יאָנטויווימ, נאָר ווי אומ ראָשעשאָנע אונ יאָנקיפּער, ווײַל זי איז ניט אינ פאַבריק הײַנט, נאָר מיט א ווײַס זײַדנ קאָפּ־טיכל.

זי שטייט באַם טיש, נעמט צו פונ מענאַכעמס הענט די טעלער, אונ איבער קעפּ אינ אונ טיש דערלאַנגט זי. יעדעס מאָל, ווענ אירע הענט ווערנ פרײַ, טוט זי א פאַרנעמ דאָס זײַדנ טיכל הינטער די אויערנ אונ אונטנ, בא דער גאָמבע, פאַרציט זי מיט ביידע עקנ דעמ שלייף בעסער.

אונ אַז קומט ווידער מענאַכעמ, אונ זי בייגט זיכ ווידער איבערנ טיש איבער, רוקט צו, וואָס נייטיק איז צוצורוקנ, רוקט אָפּ, וואָס ניט נייטיק, זעט יעמענ מע דאַרפ וואָס דערלאַנגענ, אונ אַז קיינער זאָל ניט פאַרטיילט ווערנ, אונ אַלע זאָלנ צופרידנ אונ קאָנטענט זײַנ.

ס'האָבנ אויכ געהאָלפנ באַדינענ גיטעלעס ביידע טעכטער: יודעס, די עלטערע, די שטאַרק צו מענטשנ צוגעלאָזטע, וואָס איז מיטנ אויסזענ אפ דער מוטער ענלעכ, אונ מיט די מאַנירנ אונ פּאָסטעמקעס — אפנ פאָטער. זי פילט זיכ גוט אונ ניט געצווונגענ פאַרנ אוילעמ, אונ, ווי מוישע, בײַמ א סימכע, שמורעט אויכ זי די אויגנ פונ ליכט אונ פאַרגעניגנ.

האַנ נעבאַמקע, די יונגערע, א ביסל א שעמעוודיקע אונ אינ זיכ געשלאָסענע, וואָס מיטנ וווקס איז זי אינ פאָטער געראָטנ, אָבער האַלטנ האַלט זי זיכ צומערסט לעבנ דער מוטער. פילט זיכ ניט פרײַ אונ א ביסל געענגט פאַר פרעמדע אונ יעדעס מאָל, ווענ טיש־לײַט ווענדנ זיכ מיט א מינדסט וואָרט צו איר, רוימלט זי זיכ, פאַרלירט זיכ אונ ווייסט גלײַכ ניט, וווהינ די הענט אונ די אויגנ אַהינטאָנ.

מוישע אַליינ — אינ שאַבעס אונ אינ גאַרטל — אויבנאָנ.

ער הייבט זיכ אַלע ווײַלע אופ פונ זײַנ אָרט, גיסט אָנ אַמאָל איינעמ, אונ אַמאָל א צווייטנ, אונ דער גאַנצער נאָענטער טייל טיש, אפ וויפל זײַנ קערפּער אונ זײַנ האַנט דערגרייכט, זעט ער זיכ אָנ קיינעמס הילפ באַגיינ אונ יענעמ טייל אַליינ באַדינענ.

אינ אַנדערע צימערנ, דאָרט, וווּ אוילעמ ווייניקער כאָשעווער, באַדינענ אויכ הייניקער כאָשעווע: דינסטנ, מעשאָרסימ, אָרעמע קרויווימ אונ די איי־ניקלעכ מוישעס.

בא יענע טישנ — גרופּעסווײַז, אונ בא די עקנ צומיינסט, — אָרעמע־לײַט אונ מעקאַבלימ.

זיי האַלטנ די פּענעמער געווענדט צומ טיש, אונ נאָר צו דעמ, וואָס אפנ טיש געפינט זיכ, זיי עסנ גיכ אינ שטרעקנ פלינקע הענט צו די טעלער, וואָס מע דערלאַנגט זיי, אונ בעשאַס־מײַסע — אויכ צו די בערג ברויט אונ בולקע, וואָס זײַנענ אפ גרויסע פּאָלומעסקעס אונ אויכ אפנ הוילנ טיש אָנגעוואַלגערט.

אַז זיי עסנ אָפּ איינ מײַכל, וואַרטנ זיי שוינ ברוינעזלעכ אפנ צווייטנ, קוקנ אָנגעצעדרודלט, ריידנ ווייניק, נישט צווישנ זיכ אונ אויכ נישט מיט די,

וואָס דערלאַנגענ זיי, אונ די דינסטנ אינ מעשאָרסימ קוקנ מיט אומדערע-כערעצ אונ מיט שפּאָט, ווואַזוי, ווואַזוי „יענע" אבלנ, ווואַזוי „מע קאָנ זייערנ קישקעס אָנ די רנאָעס ניט גאַסטמאַרטשענ", אונ זיי דערלאַנגענ זיי אָנ אָפּשנ, קערעווענ זיך אָפּ אונ קענענ ניט קוקנ, ווי אָרעמעלייט טאַפּנ, אונ ווי מעקאַבלימ זייענ זשעדנע.

באַם טיש אָבער, וואָס אינ עס'שטוב — שטאָט-לייט אונ סאָכרימ, אָנ-געזעענע אונ באַוווּסטע, וואָס האַלטנ זייערע נאָז-פּאַטשיילעס אינ די הינ-טערשטע קאַפּאָטע-קעשענעס פאַרשטעקט, אונ ווענ זיי ניימיקנ זיך אינ זיי, ווענדנ זיי זיך מיט די הענט אָפּ אַרונטער—גלאַסנ, פּאַמעלעך אונ אינ גרויס באַרוטיקייט.

אויך כסידימ באַ יענעמ טיש — פונ איינ קלויז מיט מוישענ אונ צו איינ רעבנ מיט אימ פאָרנדיקע — שוינ מער טומלדיקע אונ ווייניקער באַ-רוטע, אינ יענע האָבנ שוינ די פּאַטשיילעס אינ די בוזעמער העכער די גאַר-טלענ ליגנ פאַרגרייט, אונ אַז זיי דאַרפנ זיי, האָבנ זיי זיי אונטער דער האַנט קעסיידער, שלעפּנ זיי אַרויס אונ רוקנ זיי ווידער צוריק אַרײַנ, אײַלנדיק אונ מיט אַ בליִנדער האַנט-באַוועגונג, מעכאַניש.

* * *

אינ עטצימער ווינ אינ די דערבײַיקע צימערנ — ליכטיק אונ ליאַרביק. מענאַבעט — פאַרפאַליעט, אונ אײַלט נאָך אַלצ פונ שטוב אינ קיך אונ פונ קיך אינ שטוב צו לויפנ. דינסטנ אונ מעשאָרסימ באַגעגענענ זיך אינ מיט ווענ, הינ אינ צוריק אײַלנדיקע, טרעטנ זיך אָנ אַפּ די פיס אונ צעבוצ-קענ זיך מיט פענעמער אונ מיט טעלער.

דער איילעט — שוינ די ערשטע זעט געבאַפּט, אינ שוינ גישט די ערשטע קויסעס.

שפּעטער אַ ביסל — באַ אַלע טישנ שוינ אַנ אַלגעמיינער געריידיש אונ גערודער, אונ אינ שטוב-טומל הערנ זיך שוינ אויך אייניקע אפילע שרײַענ.

פלעשער גייענ פונ האַנט צו האַנט. אייניקע שטייענ אויפ פונ די ערטער, גיסנ אָנ אונ דערלאַנגענ צו די ווײַט-זיצנדיקע. הענט מיט גלעזער אונ גלע-זלעך שטרעקנ זיך צו די דערלאַנגער אינ אָנגיסער, אינ דער, וואָס שטייט אונ גיסט, באַפרידיקט: גיכט אָנ אונ גיסט איבער.

גאַנצע טישנ ריידנ שוינ טיטאַמאָל, אַפּ אַ קאָל אינ איינעמ. אייניקע פונ איינ עק טיש שרײַענ צו אַנדערע, וואָס אינ אַנדערנ עק, אונ אַלעמאָל הייבט זיך שוינ אופ אַ האַלב-שיקערער, מאַכט עפּעס מיט די הענט, רופט אונ דערופט זיך ניט, אינ זעצט זיך אַ ניט-איבגעהערטער אינ ווי מיט שטייב-לענדיקער מעכילע צוריק אַוועק.

ס'הייבט זיך אונ באַלד איינער מיט מאַנצנדיקע הענט אונ פיס פונ הינטערנ טיש אַרויס, אונ, אַרייננייענדיק, שלעפּט ער אַ צווייטנ, דער צוויי-טער — אַ דריטנ, אונ הענט פאַר הענט אַלצ מער אונ מער נעמענ זיך

אָן. ביז א האַלבער טיש שטייט שוין אויף, און אינמיטן שטוב שוין טאַנצט ער.

נאָכן ערשטן האַלבן טיש רוקט זיך אַרויס דער צווייטער, און באַלד זײַנען אַלע ערטער באַם טיש שוין פֿרײַע און די פֿרײַער ליידיקע מיט פֿון שטוב שוין מיט מענטשן פֿאַרנומען.

ס'קומען צום טאַנץ צוערשט די מער רירעוודיקע, ייִנגערע און אָנגעטרינקענערע, הערנאָך אויך די עלטערע, געלאַסענערע און נאָך ניכטערע. די נאָך אַלטע קומען אַליין צו צו די שוין טאַנצנדיקע, פּאַמעלעך, נישט זאָגנדיק, צענעמען די הענט בא א פּאָר טענצער און שטעלן זיך צווישן די צוויי טאַנצנדיקע א שטילער, א דריטער אַרײַן.

כסידים האַלטן זיך איינס: איינער באַם אַנדערן, איינעמס קאָפּ צום אַנדערנס אַקסל, אָדער אייניקע מיט הענט אין אַנדערנס רוקן־גאַרטל. סאָכרים באַלעבאַטים — אָפּגעזונדערטער, שטיל און בענימעס: האַלטן קעפּ צו דער ערד אַראָפּגעלאָזט, גייען שווערלעך, און א פּוס, זעט מען, איז זיי ניט איבעריק גרינג צו שטעלן.

די ראָד שוין א גרויסע, מעשאָרסים און שטוב־אייגענע האָבן שוין די בענק און די טישן צו די ווענט אָפּגערוקט, קעדיי מער פּלאַץ פֿאַר די טענצער צו מאַכן, און דאָס אָרט איז געמאַכט.

אַלע טאַנצן. אויך מוישע אַליין איז דער מיט. אַליין נאָר די שטוב־מענטשן זײַנען אויסער דער ראָד: גיטעלע מיט אירע אייניקלעך און מעכטער, קרייזוויי, אויך דינסטן און מעשאָרסים קוקן פֿון ווײַטן, פֿרייען זיך, און דינסטן און מעשאָרסים שטורכען זיך איינס דאָס צווייטע, ווינקען זיך איבער וועגן די מעקאַבלים און שלעפּער, וואָס אויך זיי זײַנען אין טאַנץ אַרײַנגעצויגן, אָבער וואָס טאַנצן פֿאַרשעמט, איבעריקע און נישט גערן.

נאָכן ערשטן טאַנץ — ווידער באַם טיש. און נאָכן ערשטן טרינקען — איצט ווידער זיך גענומען טרינקען, און נאָך מיט מער שטאַרקײַט, מיט מער היץ און מער פֿאַרפֿאַליעטן העפּקער: נײַע בוטלען באַם טיש ווײַזן זיך אַלע מאָל, פֿון לאַנג אויסגעשטאַנענער ווײַן ווערט פֿון קעלער אַרויפֿגעבראַכט. מוישע גיסט אָן די לעבן־אים־זיצנדיקע, און די ווײַטער־זיצנדיקע גיסן זיך אַליין אָן.

אַלע מײַלער אָפֿן, אַלע הענט שטרעקן זיך און פּלאָנטערן זיך, איבער די טישן הערשן געשרייען, און פֿיל צווישן די אַלע געשרייען צו מוישען ווענדן זיך:

— לעכאָים, ר' מוישע, — שרײַען סאָכרים באַלעבאַטים, ווענדנדיק זיך צו אים, כאָטש שוין באַטרונקענע, נאָך מיט אָפּשײַ און מיטן „רעב"־טיטל.

— לעכאָים, מוישע, — ווענדן זיך כסידים, די, וואָס פֿאָרן מיט אים צו איין רעבן, — היימישלעך, ווי ברידער צו ברידער, ווי צו א זייער גלײַכן, אין שוין אָן שום טיטל.

און אייניקע, שטאַרק היימישע, דערמאָנען זיך אויך אין דער נאָענט־

שטייענדיקער גימעלען, דערזעענ זי, גיסנ איר אָנ, הייסנ איר טרינקענ, אונ אויכ צו איר טוענ זיי שרײַענ:

— לעכאַימ, גימעלע... איז געדענק זשע, וואָס מע האָט אָפּגעמאַכט: אַז דו מיט דײַנ מוישענ, מיר מיט קלאַל־ייסראָעל זאָלנ מיר מיאָשעוועכנ דערלעבנ. געדענק. איז אָפּגעמאַכט!

— לעכאַימ, — שרײַענ צו איר אַנדערע, — יידנ ווינטשעווענ, אַז דאָס „אָרט" זאָל זיכ אפ איימ ניט דערוואַרטנ.

— אונ די מאַלבושימ, — כאַפּנ אַנדערע אויס אונ פאַלנ אַרײַנ אינ די רייה, — די בגאָדימ, מײַנענ מיר, זאָלנ דאָ, מאַקע דאָ, אינ שטוב בײַ דיר פוילנ...

אונ זיי קלאַפּנ אַפּנ טיש אונ שרײַענ אונטער דעמ „דאָ", קלאַפּנ נאָכ־אַמאָל אונ נאָכאַמאָל, גלײַכ מע פאַרשטייט ניט, אינ גלײַב מיט די פריערדיקע מאָלנ „דאָ" זײַנענ זיי ניט יויצע.

גימעלע טרינקט צופרידנ, וואָס אַזויפיל יידנ ווינטשעווענ איר, אונ פונ אַזויפיל אויגנ, הענט, געשטרייענ אונ טימל, וואָס רינגלענ זי אַרומ. זי פילט א זופ אנ איבעריקנ, א גײַסט־פאַרזיכטיקנ אינ נײַעמ ווערדליק פאַר איר שלונג, אינ זי ווערט בלאַס, פאַרשעמטלעכ, קוקט אָפּ איר מוישענ עפּעס פאַרשולדיקט, אָבער צוזאַמענ מיט דער שולדיקײַט, קומט איר ווי א וואַרעמקײַט אונ א זיס שיקערל אינ די קני, אונ זי פילט, אַז ווענ מע וואָלט איצט געטאַנצט, וואָלט זי איר קני־וואַרעמקײַט צוזאַמענ מיט אַלע איצט אינ טאַנצ אויסגע־בראַכט.

אינ מאַהלע: שפּעטער א ביסל, ווענ דער אוילעמ איז יודער באַמ טאַנצ. דער טיש ווידער ליידיק אונ די מיט שטוב פול, אַזוי באַמערקט ניט קיינער, ווי גימעלע האָט זיכ פלוצעמ עפּעס פונ צווישנ אוילעמ אַרויסגערוקט, פאַר־שוווּנדנ, אונ א קליינ ביסל זיכ געזאַמט... זי איז צו זיכ אינ אינ איר מאַנס אַי־הער אַוועק, צומ שפּלאַר צו, אינ פונ דאָרט עפּעס א פעקעלע אַרויסגענומענ... אינ ווידער האָט דער אוילעמ נישט באַמערקט, ווי פּליצעמ דאָס זיכ אינ דינר מאַנצנדיקער ראָד, אינ מיט, גימעלע באַוויזנ: אינ דער רעכטער האַנט א פעקעלע, אונ מיט דער לינקער האָט זי איר לאַנג קלייד עטוואָס העכער אירע שיכ אופגעהויבנ...

זי האָט געטאַנצט פאַרטראָגנ, אונ ווי א פרעמדער קיעכ וואָלט זי גע־פירט, זי האָט נישט באַמערקט אַז אייניקע, דערזעענדיק זי אינ פאַרשטייענ־דיק, וואָס זי טראָגט אינ דער האַנט, האָבנ זיכ אינמיטנ טאַנצ אָפּגעשטעלט, אונ אַז די קינדער אירע, דערזעענדיק דאָס זעלבע, האָבנ „מאַמע!" געוואָלט אויסשרײַענ אונ נישט באַוויזנ, מוישע — „גימעלע", אינ אויכ ער דאָט זיכ אָפּגעהאַלטנ, אינ אַז אַלטע אונ שטרענגע לײַט, געווייסע דינ־ אונ מינ־הענג־ווייסער האָבנ שוינ געבורטשעט, אונ האָבנ דאָס וואָרט „בילעל" אונ „ס'איז נישט רעכט" אפ זייערע ליפּנ געהאַט, — זי האָט דאָס אַלצ נישט באַמערקט.

זי האָט וואָס ווײַטער אַלצ קרעפּטיקער די האַנט מיטנ פּעקעלע אויסגעשטרעקט געהאַלטנ, אונ דאָס קלייד מיט די פּאָר פינגער, ווי פריער — לײַבט אונ פרויש צוגעהאַלטנ. אונ אַזוי מאַנצנדיק אונ אינ מיט ראָד שוינ זינענדיק, האָט זי אירע קינדערס שרעק עטוואָס באַרויִקט אונ איר מאַנס מוירע אָפּגעהאַלטנ אונ אַפילע בא די שטרענגע דינ־ אונ מינהעג־ווייסער דאָס גאַרויִנזע מורמל־וואָרט גערויבט.

איר פאַרטראָגנקייט האָט ניט לאַנג געדויערט: איר בליק איז וואָס ווײַטער אַלצ מער היימישער אונ שטוביקער געוואָרנ, אונ באַלד האָט זי פונ צווישנ גרייסנ אוילעמ מיט איר מאַנס אויגנ זיכ באַגעגנט אונ מיט א שמייכל אונ מיט א צוזאָג, ווי — „נישקאָשע“, — א זאָג געטאָנ, — „נישקאָשע, מיטנ קויעכ פונ ס'מכע אונ מיטנ גלייבנ אינ ס'מכע וועלנ אונדז אַלע געפאַרנ פאַרבײַ אונ אַלע גזאַרנ באָטל אומעוווּטל ווערנ“.

אונ נימעלע האָט ווײַטער געטאַנצט. זי איז שוינ א ביסל מיד געווענ. זי האָט דערומ דאָס פּעקעלע פונ דער רעכטער האַנט אינ דער לינקער אײַנגענומענ, אונ מיט דער רעכטער, ווי פריער מיט דער לינקער, דאָס קלייד עטוואָס פונ אירע פיס אונ שיכ צומ טאַנצ אויפגעהויבנ.

אונ אַז זי איז שוינ גאָר מיד געוואָרנ, האָט זי מיט די אויגנ אַרומ זיכ אינ פונ דער ראָד, ווי הילפ אונ שטיצע געזוכט, אונ מיטאַמאָל, די קינ־ דער אירע דערזעענדיק, האָט אויסגעשריִענ:

— קינדער, טעכטער מײַנע...

אונ די טעכטער האָבנ פאַרשטאַנענ. אונ באַלד האָט שוינ נימעלע אירע צווייִ טעכטער, יודעסנ אונ נעכאַמקענ, איר אַנטקעגנגייענדיק אונ פאַר איר פּאָנעמ מאַנצנדיק, געהאַט... דערנאָכ האָבנ זיי זיכ צו אירע בײַדע זײַטנ געשטעלט אונ אַלע דרײַ שוינ אינ איינ שורע: יודעס, די עלטערע, האָט, מאַנצנדיק, מיט די אויגנ דעמ פאָטער געזוכט, אונ נעכאַמקעס אויגנ — צו דער מוטערס פיס געווענדט.

אונ אָט, אונ ווי דער גאַנצער אוילעמ איז דעמלט פאַרכאַפּט געווענ מיט קוקנ אָפ זיי, אַזוי האָט קיינער ניט באַמערקט, אונ פונ גרויס פאַרכאַפּטקייט איז צו קיינעמס אויער ניט דערגאַנגענ, ווי צומ טויער, וואָס פאַרנ הויפ, איז דעמלט א בויד צוגעפאָרנ אונ זיכ אָפּגעשטעלט. לעצטער גלעקער־געקלאַנג איז, באַמ אָפּשטעלנ זיכ פונ דער בויד, אַנשוויגנ געוואָרנ. פונ דער בויד איז אַראָפּגעקראָכנ איינער א מענטש, וואָס איז געזעסנ אויבנאָנ. אונ צוזאַמענ מיט אימ — דער באַלעגאָלע מיט געפּעק אינ האַנט. אונ בײַדע האָבנ זיכ צו דער פאָרטקע פונ מוישעס הויפ געלאָזט.

„קיימל־זייגער“ איז פונ זײַנ הינטישער בודקע אַרויס אונ געוואָלט אָנ־ פאַלנ אונ זיכ צעהאַוקענ, אָבער — באַמ וועלנ געבליבנ. ער האָט זיכ דער־ זומ נאָר א פּאָר מאָל אַרומ זיכ אַליינ, אַרומ זײַנ אייגענעמ קערפּער, אַרומ־ געדרייט אונ צוריק אינ בודקע, א נישט־האַוקענדיקער, אַרײַנ.

אונ די צווייִ, דער פאַכאַזיִר מיטנ באַלעגאָלע, זײַנענ אינ הויפ נעקומענ.

דער פאסאזשיר האָט זיכ שטארק פארכידעשט, וואָס אינמיטנ וואָכ, אינ א געווײנלעכנ טאָג, האָט ער פונ דער שטוב א גרויסע שײַנ ארויסשײַנענ דערזענ אונ צוזאמענ מיט דער שײַנ האָט ער אינ שטוב ווי א סאכ מענטשנ אויכ דערפילט... אינ שטוב אָבער איז שטיל געווענ.

ער איז אינ הויפ בא דער זײַט פונ די שטוב⸗פענצטער געגאנגענ, ביז ער איז ארופ אפ די טרעפ פונעמ הינטערשטנ שטוב⸗ארײַנגאנג, די טיר געעפנט, אונ דעמ לענגלעכנ קאָרידאָר, ווו די שראנק מיט די מאלבושימ האָט זיכ געפונענ, דורכגעגאנגענ, אונ האָט זיכ לעסאָפ אפ דער שוועל פונ דער גרויסער עסשטוב געטראָפנ.

פונ דרויסנדיקנ פינצטער געקומענ, אונ פונ שטוב⸗ליכט אונ גרויסנ איילעמ פארבלענדט, איז ער א ווײַלע אפ זײַנ אָרט געבליבנ, — ער, א הויכער אונ שמאָלער, אינ א זומערדיקנ וועג⸗מאנטל מיט א קאפטער, אונ באָרד אונ ברעמענ א ביסל פארשטויבטלעכ. ער האָט געקוקט, אונ ווי א שמייכל איז כידעיש אינ זײַנע אויגנ, אונ דער שמייכל האָט באטײַט: מבאמערקט נישט... נישקאָשע, מע וועט באלד באמערקנ...

אונ טאקע: ווי גימעלע מיט ביידע טעכטער בא די ביידע זײַטנ האָט אזוי געהאלטנ אינמיטנ טאנצ, אזוי האָט זי פלוצעמ אופגעהויבנ די אויגנ צו דער טיר, וווהינ זי איז גראָד מיטנ פאָנעמ איצט געווענדט געווענ, אונ טיטאמאָל האָט זי עפעס דאָרט דערזענ...

זי האָט טכילעס אירע אויגנ נימ געגלייבט, געמיינט — אנ אויסווײַזעניש, ווײַל — אומגעריכט, אונ פריער א רגע האָט זי דאָרט, אפנ זעלבנ אָרט, נישט באמערקט נאָכ גאָרנישט. אָבער וואָס לענגער זי האָט זיכ אײַנגעקוקט, אלצ מער האָט זי זיכ איבערצײַגט אינ געזעענעמ... זי האָט זיכ א רים געטאָנ, אונ טיטאמאָל, לאָזנדיק די ביידע טעכטער אליינ אונ דאָס אָרט צווישנ ביידע — א ליידיקס, איז זי פונ ראָד ארויס, צו דער טיר אונ צו דער שוועל צו, אונ ווי נישט מיט איר קאָל אויסגעשריענ:

— לוזי...

זי האָט אויסגעזענ, ווי א קינד, וואָס האָט א ליבנ גאסט אָדער אנ אייגענעמ פאָטער דערזענ, זי האָט זיכ א העפטיקנ לאָז געטאָנ אונ ווי געוואָלט צומ גאסט ברוסט ציפאלנ. זי האָט זיכ אָבער אינ איר אונ אויכ אינ זײַנ עלטער דערמאָנט — אונ זיכ אָפגעהאלטנ.

אָבער א גליקלעכע, אונ ווידער ווי א קינד, וואָס אינ סאמע רעכטער סאקאָנע, וואָלט דעמ אומגעריכט א הילפ פונ ערגעצ געקומענ, א רעטער, וואָס דער שליסל פונ אלער הילפ איז בא אימ אינ דער האנט, — א גליקלעכע, וואָס צו אלע ביזהעריקע ווונטשנ, וועט איר איצט דער העכסטער ווונטש פונעמ העכסט⸗געגארטנ געגעבנ ווערנ — האָט זי דאָס פעקעלע, וואָס אינ האנט בא איר, צו לוזיס אויגנ אופגעהויבנ, דאָס אימ א ווײַז געטאָנ אונ נאָכאמאָל אויסגעשריענ:

— לוזי!..

— וואָס איז, גיטעלע, וואָס געשעט אונ וואָס קומט דאָ פאָר?

— א סודע אונ א סימכע איצט דאָ, לוזי, אונ איכ לאָז דיכ אינ שטוב ניט אריינ, פונ שוועל ניט אראָפּ, ביז דו וועסט מיר דאָ אפּנ אָרט מוישענ ניט צווינטשעווענ.

— וואָס ווינטשעווענ?

— אריכעס־יאָמימ, לוזי, אונ אָט זע, — אונ דאָ האָט זי אימ פאַר די אויגנ נאָכאמאָל דאָס פעקעלע באוויזנ, — אָט דאָס זיינענ די „בגאָרימ“ מוישעס, וואָס ער האָט זיכ שוינ אינ וועג פארגרייט.

— וואָס רעדסטו, קינד? אריכעס־יאָמימ? אוואדע אריכעס־יאָמימ! אוואדע ווינטשעווענ. —

אינ דעמ מאָמענט, ביימ אפּ דער שטוב־שוועל איז צווישנ גיטעלענ אונ לוזינ פאָרגעקומענ אָט די באגעגעניש, זיינענ שוינ אלע שטוב־לייט, מיט מוישענ בעראָש, צו צו דער טיר. ביידע ברידער האָבנ זיכ געקושט, אונ די קינדער האָבנ דעמ פעטער דעמ וועג־מאנטל אויסטאָנ געהאָלפנ, אונ אויכ פונעמ באלעגאָלע, וואָס איז די גאנצע צייט געשטאנענ הינטערנ גאסטס פלייצעס, דאָס געפעק צוגענומענ. באלד האָט אויכ מוישע דעמ גאסט אינ א באזונדערנ, מאָמעד פאר אימ פארגרייטנ, צימער אָפּגעפירט. אהינ האָט מענ אימ וואסער אפּ זיכ ארומוואשנ געבראכט. ער האָט אויכ דאָרט די קאפּאָטע אונ וועג איבערגעביטנ אפּ אנ אנדער אונ צו דער סודע פאסנדיקער, אונ אינ א ווײַלע ארומ איז ער שוינ צוריק אינ עסצימער געקומענ צומ זיכ פרייענדיקנ אוילעמ אונ צו די שטוב־לייט, וואָס האָבנ אפּ אימ געוואַרט.

אנ אָרט האָט מענ אימ אָפּגעגעבנ אויבנאָנ, לעבנ מוישענ. מעשאָרסימ האָבנ געטיילט אונ דינסטנ האָבנ באדינט, אונ גיטעלע מיט די קינדער זיינענ בא דער זייט אונ הינטער זיינ בענקל געשטאנענ — אויכ אפּ באדינענ אונ אפּ וואָס נייטיק ס'וועט זיינ צו דערלאנגענ.

לוזי האָט פונ אופּגעגעבענעמ געגעסנ, אונ ביימ עסנ מיט די געציילטע, וואָס זיינענ נאָענט צו מוישענ געזעסנ, געציילטע ווערטער נאָר גערעדט. דאָס זעלבע מיטנ ברודער, מיט מוישענ אליינ, דאָס זעלבע אויכ מיט די שטוב־לייט, כאָטש ער איז, צו זענ, אופּגעלייגט געווענ זייער אונ די סודע־ארומרינגלונג איז אימ ניכע געווענ.

אונ שפּעטער, אז די סודע האָט זיכ נאָכאמאָל צעפלאקערט, אז דער אוילעמ האָט פארגעסנ אינ גאסט, וואָס ער האָט אימ פריער דאָס עסנ אינ טרינקענ איבערגעשלאָגנ, אונ ווידער האָט מענ זיכ — ווער צומ שמועסנ, ווער צומ ליארמענ, ווער צומ טרינקענ אונ ווער צו אלע איינעמ — גענומענ, אונ דער פריערדיקער טומל האָט זיכ ווידער איינגעשטעלט, אונ נאָכ מער, ווי פריער, זיכ געשטארקט — איז מענ ווידער ווי צומ פריער־איבערגעריסענעמ טאנצ ארומ.

און דאָס מאָל האָט שוין אויך דער פעטער לוזי מיטגעטאַנצט. אַ נײַער פרישער מענטש איז צוגעקומען, און פון אים האָבן איצט ווי אַלע אויגן געמאָנט, און ער איז אין טאַנץ, כאָטש מיט אַלע צוזאַמען, דאָך ווי זײַן באַזונדער גאַנג זיך געגאַנגען מיט האַלב־געשלאָסענע אויגן, אַ שטאַרק־פאַרטיפטער, אַן אויסגענומענער, אַן אויסגעטיילטער, ווי מיט אַ הויכן סאָרט טאַוואָנע און סימכע, און אין די באַוועגונגען אַ רײַך אַ שפּאָרעוודיק אויפגעהאַלטן.

און נאָך שפּעטער, ווען דער עולעם איז שוין אײַנגעטאַנצט באַטרונקענע געווען: ווער ס'איז שוין שלעפעריק באַם טיש אַ געשטילטער און אַן אויסגעשעפּטער געזעסן, ווער זיצנדיק געדרעמלט און דעם קאָפּ אָפּן טיש אָנגעשפּאַרט, און ווער, פאַרקערט, פון שיכרעס אַ מער צערוויטלטער און צעהוליעטער; איינער האָט מײַסעס אָנגעטאָן, זיך געמישפּעט און זיך טאַרומטעסן געזוכט, אַן אַנדערער האָט אַלטע טאַבלויקעסן זיך דערמאָנט און אין געשלעג געקראָכן, ווער ס'האָט דעם באַלעבאָס און דער באַלעבאָסטע שוין גראָבקייטן געזאָגט, און ווער וועמען אַלטע כאַמאָים האָט אויסגעוואָרפן; —

אָט דעמאָלט האָבן זיך, פון ראַש און טומל ניט באַמערקט פון קיינעם, די ביידע ברידער, מוישע און דער פעטער לוזי, פון גרויסן עולעם אַרויסגערוקט, און זײַנען געקומען אין דער ווײַטער זאַל, דער שטילער, וואָס די סימכע האָט אַהין ניט דערגרייכט, און וואָס זעלטן זײַנען דאָרט געסט אויפגענומען געוואָרן.

ס'האָט דאָרט געברענט איינער נאָר אַ לאָמפּ, פון דער סטעליע אַן אַראָפּהענגענדיקער. אָפּן דיל זײַנען אין אַלע פיר זײַטן, אין קוואַדראַט, כמעזשקעס אויסגעשפּרייט געלעגן, אין אַלע פיר ווינקלען פון זאַל — גרויסע פיקוס־וואַזאָנעס, אָלעאַנדרעס מיט גראָבע און שמאָל־לענגלעכע בלעטער און בלעטלעך אין גרויסע ערד־דייזשקעס געשטאַנען. אַ רו פון געוויקס האָט פון זיי געטראָגן, אַ רו פון באַנאַכט, ווען געוויקסן שווײַגן, אַ רו אויך פון די סמעזשקעס אין קוואַדראַט אויסגעשפּרייטע, און אויך פון ווייכן פריציישן מעבל — פון נידעריקע טאַבורעטן מיט משעכאָלן איבערגעצויגן, און אויך פון אַ שווער־געבעטער סאָפע אין אַ משעכאָל.

אַהין האָבן זיך ביידע ברידער, ווי אָפּגערעדט, נישט־אָפּגערעדט, פונעם גרויסן עולעם דערווײַטערט, און ווי אימגערן און אומיסטן פאַרבלאָנדזשעט.

קיינער האָט זייער פעלן אין שטוב נישט באַמערקט. קיינעם זײַנען זיי שוין נישט אָנגעגאַנגען. אַליין נאָר גיטעלע מיט די אייניקלעך, וועלכע האָבן די גאַנצע צײַט, פון זינט דער פעטער לוזי איז געקומען, אים פון אויג נישט אַרויסגעלאָזט, האָבן איצט, פּלוצעם אים נישט דערזעענדיק צווישן עולעם, און אויך מוישען — נישט. — האָבן זיי זיך זוכן אַוועקגעלאָזט, פון צימער צו צימער, ביז זיי זײַנען צו דער שוועל פון זאַל געקומען, און קומענדיק, און אָפּ דער שוועל בלײַבנדיק, און זעענדיק יענע ביידע אין זאַל שפּאַצירן און צווישן זיך אַ שטילן שמועס פירן, האָבן זיי זיך פאַרהאַלטן, פון אָפּשײַ און

דערבערעצ די שוועל נישט אריבערגעטראָטנ, און ווי פונ צוויי ליכט, אומגיי-ענדיקע, פינקלענדיקע זייערע אויגנ געשפּיזט.

צווישנ די ברידער איז א קורצער שמועס, נאָר אנ איבערכאַפּנדיקער, דערמלט פאָרגעקומענ.

צווישנ אנדערנ האָט מוישע בא לוזינ אויכ א פרעג געטאָנ:

— איז, הייסט עס, קומט ער איצט פונ דאָרט, ווי ער האָט אינ בריוו געשריבנ?

— יאָ, — האָט לוזי געענטפערט.

— אונ ער האָט מאקע, — האָט מוישע ווײַטער געוואָלט וויסנ, — באַ-שלאָסנ, אונ ער בלײַבט מאקע א זייעריקער?

— יאָ, — האָט ווײַטער לוזי געענטפערט.

— מוז ער אים זאָגנ, לוזינ, אז ער וואָלט זיכ עם קיינמאָל ניט געגלייבט, אונ ס'איז לא עלתה על דעתו.

— אזוי קרום זעט עס אים אויס?

— גיינ, כ'זאָג ניט, כ'זאָג נאָר, אז די גאנצע וועלט גייט ניט אינ יענע דראָבים, אונדזער הייליקער מאמע איז ניט געגאנגענ, אונ אויכ אפ דיר איז מיר א ווילדער כידעש.

— אזוי קרום האבט זיכ דיר דער דערעכ?

— כ'ווייס ניט. כ'האָב קיינמאָל ניט געטראכט פונ אים, אָבער ס'איז ווילד אונ פריקרע.

— איז טראכט זשע יאָ, ברודער-סערדצע, אונ דערווײַל לאָמיר דאָס לאָזנ. כ'בינ זייער מיד פונ וועג. אנ אנדערשמאָל.

אונ דערבײַ האָט זיכ דער שמועס פארענדיקט. זיי האָבנ זיכ פונ זאל ארויסגעיינ געלאָזט, אונ די אייגענע, — גיטעלע, מוישעס ווײַב, אונ די איי-ניקלעכ, — וואָס זײַנענ שטילע אפ דער שוועל געשטאנענ אונ אפ זיי ווי געוואַרט, האָבנ אפ מוישעס פּאָנעם, באַם ארויסגיינ פונ זאל, א קליינ וואָלקנדל אָנגעריקט דערזענ: זײַנע אויגנ טרויעריקלעכ אונ אָפּנ, נישט ווי זיי זײַנענ געוויינטלעכ געווענ זיי צו זענ בײַ א סימכע — פונ פארנעמינג פארזשמורעט.

5

אינ א פאָר טעג ארום נאָכנ אויבנ דערמאָנטנ, איז אינ איינעם א פארנאכט מיכאלקע מיטנ שליסל פונ כאָר, וואָס האָט זיכ שטענדיק בא אים געפונענ, שקראבענדיק אונ מיטנ אלטלעכ-געבראָכענעם גאנג צו דער סאָד-פאָרטקע צוגעקומענ.

ווי באשטענדיק, ווענ ער דארפ עפּעס אנ ארבעט מאָנ, האָט ער אויכ איצט גערעדט צו זיכ אליינ אונ אויווער-באָמעליש געבורטשעט. ער האָט זיכ לאנג באם שלעסל געפּאָרעט, אינ שלעסל-לאָכ נישט ארײַנטרעפנדיק, אונ לעז-סאָפ דאָס אופגעשלאָסנ אונ, ווי פאר עמעצנ, ברייט אונ א וואָרע מאכנדיק, די פאָרטקע אופגעעפנט.

דאָס איז א סימענ געווענ, אז באלד וועט עמעצער פונ די באלעבאטימ,— אָדער גיטעלע, אָדער אליינ מוישע—מיט איינעמ א גאסט, אָדער מיט עמלעבע, — אינ באָד קומענ, אונ אפ נעגידיש-ברייטנ אויפנ אינ פארנאכט אפ פרישער לופט פארברענגענ.

אונ מאקע:

באלד האָט זיכ פונ דער פאראד-טיר, וואָס קוקט פונ א הויכלעכנ פידמורעק דורכנ הויפ אינ גאס אריבער, פונעמ גלעזערנעמ קאָרידאָר ארויס, פריער מוישע, נאָכ אימ זיינ ברודער לוזי, זיכ באוויזנ.

זיי זיינענ פונ די טרעפ אראָפ, האָבנ פונ שטוב-פרונט אינ הויפ פארקערעוועט, פארביי דער עס-שטוב אונ דעמ הינטערשטנ ארייננגאנג פארביי, אונ צומ סאָד נעקומענ.

מוישע האָט, פונ פאראד-טיר ארויסקומענדיק, אויסגעזענ רויט, פארשוויצט אינ עפעס ווי מעווהלבל, אונ לוזי — רויק, מיט אנ אופגעהויבענעמ קאָפ, פארגעניגט אונ אופגעלייגט. מוישע — ווי פינ א שטרייט ארויס, אונ ערעוו א פארשפילטנ שטרייט, אונ לוזי — א זיגער אונ מיט א בליק א רויק-שפילערישנ.

דאָס האָבנ די ברידער איצט פארגעזעצט דעמ שמועס פונ יענער נאכט, ווענ די סודע איז פאָרגעקומענ, פונ דעמלט, ווענ זיי האָבנ זיכ נאָר נעהאט צונעריירט צו אימ, אונ איבער דעמ, וואָס איינער פונ די ברידער — לוזי — איז געווענ מיד פונ וועג, האָט אימ דער צווייטער — מוישע — געשאנעוועט. דעמ שמועס איבערגעריסנ אונ אפ אנ אנדערשטמאָל געלאָזט.

געלאָזט. אינ דער צווישנ-צייט אָבער האָט, ווער ס'האָט נעקאָנט באמערקנ, באמערקט, אז מוישע איז ווי אנ אומגעדולדיקער ארומגעגאנגענ, אנ אופגערעגטער אונ א היציקע מאָס צעשטרייטקייט ארויסבאוויזנ. קינדער אונ שטוב-אייגענע האָבנ באמערקט, אז די פאָר טעג האָט מוישע, נישט ווי זיינ שטייגער, אינ באלעבאטישקייט זיכ עפעס איבעריקס געמישט אונ צופיל ארומ שטוב-זאכנ זיכ געדרייט. קינדער האָבנ באמערקט, ווי מוישע גייט אלעמאָל צו צומ טיש, רוקט ארויס א בענקל אפ זיכ זעצנ, האָט עפעס כאראָטע. רוקט עס צוריק הינטערנ טיש ארונטער, אונ באלד ווידער כאראָטע, אונ נעמט דאָס בענקל ווידער אפיר.

דאָס — די קינדער. גיטעלע אָבער, וואָס אמנאָענטסטנ צו אימ, האָט נאָכ באמערקט, ווי אָפט עס ציטערט אימ די אונטערשטע ליפ, אינ קעדיי נישט צו געבנ אנדערע דאָס צו באמערקנ, האלט ער צו די אינטערשטע מיט דער איבערשטער אונ בלייבט מיט א צוגעמאכט מויל א ווײַלע.

— וואָס איז דיר, מוישע? — האָט זי איינמאָל בא אימ נעפרוווט א פרעג טאָנ.

— נאָרניט, נאָרניט, — האָט ער איר, ווי נישט ווילנדיק, אָפגעענטפערט, זי אָפגעשטויסנ.

גיטעלע אָבער האָט גלייכ דערקענט, אז די סיבע פונ איר מאנס צע-

שפּרייטקײט די לעצטע טעג נאָכ לוזיס אָנקומענ, איז ניט קיינ אַנדערע, נאָר אַליינ מאַקע לוזי.

ווײַל גלײַכ נאָכ לוזיס קומענ, האָט זי (אינ נישט נאָר זי) אינ לוזינ א שײנ׳ דערזענ: נישט ווי אַלעמאָל קיינ פאַרטראַכט-שווײַגנדיקער און געשלאָ-פענער, נאָר דאָס מאָל ווי צעעפנט, און ווי עפּעס א נײַע הויט אָפּ אימ; נישט, ווי פריער באַשטענדיק, ווענ ער פלעגט מיט די אויגנ איבער זאַכנ אַריבערקוקנ אינ אינ כאָלעל און אינ דער לופט עפּעס זוכנ. נײַנ. איצט — זי געפונענ, און גליקלעכ פונ געפונענעמ, האָט ער אַלעמענ גלײַכ אינ די אויגנ געקוקט, צוגעלאָזט, און אָפּט מיט די שטוב-לײַט, מיט מאַנצבלעכ, ווי מיט פרויענ, מיט גרויסע, ווי מיט קינדער, א שמועס פאַרפירט, גערעדט און זיכ געלאָזט רײדנ.

— לוזי... — האָט דערומ גימעלע די געלעגנהײט אויסגענוצט — לוזיס צוגעלאָזנקײט — און זיכ איינמאָל געווענדט צו אימ.

ס׳איז געווענ באַמ עסנ, בײַט זי האָט אימ באַמ טיש באַדינט און זי האָט די צײַט פאַר א שאַס-האַקווישער געהאַלטנ.

— לוזי...

— וואָס איז, גימעלע?

— זײַ מיר מויכל, לוזי, און האָב קיינ פאַריבל ניט: אינ אײַערע מאַנצ-בלישע זאַכנ מיש איכ זיכ ניט, ווײַל כ׳פאַרשטײ ניט, אָבער מוישע זאָגט... עפּעס זאָגט מוישע...

— אַז וואָס?

— אַז עפּעס א נײַער דערעכ באַ דיר.

לוזי האָט, קוקנדיק אָפּ איר, געשמייכלט.

— איז וואָס, אַז א נײַער? איז דאָכ גוט, גימעלע, אויב א נײַער?

— יאָ, אָבער מוישע...

— איז פאַרלאָז זיכ שוינ אָפּ מיר און אָפּ מוישענ, — האָט ער איר אָפּגענטפערט אינ מיט שפּאַסיקנ גוטמוט איר די רייד איבערגעריסנ.

און מוישע אַליינ האָט עטלעכע טעג אויסגעוואַרט. ער איז צעשטרײט געווענ און איבעריק אַרומ די שטוב-זאַכנ זיכ געדרייט. און איצט האָט ער די צײַט אָפּגעטציפּערט, ווענ ער איז אַליינ פאַרנאַכט מיטנ ברודער אינ ברודערס צימער געבליבנ, איצט האָט ער שוינ נישט געזאַמט און איז גלײַכ צומ אי-גיענ מיט אַנ אויפגערודערטנ טאָנ און מינע צוגעטראָטנ:

— ער פאַרשטײט נישט און הײבט ניט אָנ צו פאַרשטײנ, אַז בעסאַ-כאַקל. ווער זײַנענ זײ? ווי קומט לוזי גאָר צו „זײ“, און „זײ“—צו לוזינ? ער — ער, און „זײ“ -- באַלמעלאָכעס-איוואַריאָנימ. אַזוי איז N. זאָגט מענ און אַזוי אויכ אומעטומ. איז פאַרוואָס עפּעס באַ דער גאַנצער וועלט דער שעקער, און באַ „זײ“, גראָד באַ „זײ“, דער עמעס?

לוזי האָט דעמ ברודערס אויפגערודערטקײט באַמערקט און מיטנ זעלבנ טאָנ, וואָס יענער, ניט געוואָלט אימ אָפּענטפערנ. ער האָט אויסגעזוענ און

זיך געפילט, ווי א פול־באלאדענע שיף, וואס זיצט אין מיטע וואסערן, און וואס מען זיך א זיבערן און רויקן גאנג פארגינען. ער האט דערום נאך געזאגט:

— און אז באלמעלאכעס, איז וואס? און אז אמעראצים? זיינען רייך, כאלילע, אמעראצים קיין יידן נישט? ס'איז דאך נאר, וואס זייער דרערך געפעלט אים נישט, איז זאל ער ריידן פון זייער דרערך, אבער נישט פון זיי.

און דא האט מוישע פאר זיך זיין קעגנער דערזען, און ער האט גלייך דערפילט, אז די שפיל איז פון אנהייב אן און פון פאראויס באשטימט א פאר־שפילטע. ס'האט אים באלד ווי לופט אויסגעפעלט, די ענגע פיר ווענט האבן אים געווארגן, און אין דרויסן, האט זיך אים געדאכט, וועלן אים לייכטער די געדאנקען אנקומען, און ער וועט זיך בעסער קענען זיין קעגנער קעגנען ווערן. ער האט דערום באלד צו מיבאלקען באפוילן, יענער זאל די סאד־פארטקע עפענען, קעדיי דעם ווייטערדיקן שמועס און וויקוח שוין אף דער פרישער לופט פארזעצן.

אין אט — אז זיי זיינען אריין אין סאד, האט מען, בא א זייט שפייענדיק, געקענט באמערקן, ווי דער פעטער לוזי האט, אף דער ערשטער סטעזשקע קלי־מענדיק, אלעמאל דעם קאפ פאר אן אנדער בוים מיט אראפהענגענדיקע צווייגן אנגעבויגן, און מוישע נישט, ווייל דער פעטער לוזי איז העכער פון מוישען.

דערנאך האט מען זיי שוין אף א ווייטערדיקער סטעזשקע, איינס לעבן דאס אנדערע, אימגייך געזען: איינער א הייכן אין שטאלטנעם, דעם צווייטן בא זיין זייט — א קלענערן; ביידע אין שווארצע קאפאטעס, ווי מיט שא־בעס אינדערהאבן, און ביידע האבן איצט, אין דער לעצטער שקיע־שיין שפאצירנדיק, אויסגעזען, ווי צוויי אלטע קלוגע לייט אמאל אין אן אלט לאנד, פארטאכט אין א גארטן, ווען דער טאג נידערט אראפ, הויכע און נאך זיי אליין באוווסטע איניאנים באהאנדלענדיק.

און מע האט זיך אבער בעסער איינגעקוקט, האט מען באמערקט, אז איינער — לוזי — האט די גאנצע צייט רויק די הענט אין די הינטערשטע קעשענעס פון דער קאפאטע געהאלטן, און דער צווייטער — מוישע — בא זיין זייט און א ביסל פארויסגייענדיק, האט דעם קאפ אלעמאל צום ברודער געווענדט און מיט אומרויקע הענט־באוועגונגען האט ער ווי צום ברודערס הויכקייט געוואלט ארופדערלאנגען.

די טריט פונעם העכערן דערביי זיינען געווען געמאסטן, און יענער, דער ברודער, פארלויפט אים פארפרייער דעם וועג, אבער דער העכערער נישט זיך יענעמס לויפיקייט נישט נאך, פארקערט — דער נידעריקער מוז זיך, אלעמאל נאכן פארויסלויפן, צוריק צום העכערנס געמאסטנקייט צופאסן, און ווידער צו יענעמס זייט און גאנג זיך צושטעלן.

בא מוישען האבן די אויערן און דאס פאנעם פון וויקוח אזוי הייס גע־פלאמט, אין די פארנאכטיקע קילע לופט האט אים נישט אפגעקילט, נאך

פאַרקערט, אימ מער צעפלאַקערט. אונ לוזי האָט, צוליב פרײַערנ אונ ליפטי־קערנ דענקענ, דאָס הימל העכער אונ אַרופ שטערנ אַרופגערוקט געהאַט.

אונ לוזי האָט דערמאָנט פונ פאַרשיידענע דראָכימ, גענג אונ שיטעס, פונ פאַרשיידענע הייליקע גערעדט. פונ אייניקע, פונעמ ראָוו, וואָס ער האָט זיי פאַרגלײַכט מיט א ליכט, וואָס שפּיימ אונ ברענט נאָר אפ איינ אָרט, אונ באַלויכט נימ מער, ווי איר אַרומ: אויב קליינ — א קליינ אָרט, אויב גרויס — א גרעסערס. אונ אַנדערע — געגליכנ צו א נייעגדיקער ליכט, וואָס וווהינ זי גייט, לויכט זי אונ דינט פאַר א וועגווײַזער... אייניקע געגליכנ צו א מײַכ אומ זומער, וואָס נאָר די גאָענטע ברעג־ערטער צוינ פונ אימ די שעפע, אונ אַנדערע — צו א מײַכ־אויסגוס אומ פרילינג, וואָס ווילד־ווײַטע שעטעכנ ווערנ פונ אימ באַפרוכפּערט אונ באַנאָכנ...

ער האָט אויכ גערעדט פונ פאַרשיידענע סאָרטנ סימכעס: פונ א סימכע, וואָס דערגיימ נאָר ביז דער סטעליע, אונ פונ אַנ אַנדערער, וועלכע הייבט אַרופ, דערהייבט אונ לײַמערט, שאַפט וווּנדער — מאַכט פונ אַלט יונג, אונ פונ דער גראָבסטער זאַכ — אַזאַ, וואָס קאָנ ביז דער העכסטער הייכ אַרופ־דערלאַנגענ.

ער האָט גערעדט אונ דערוויזנ, אַז דאָס אַלצ איז נישט בא אַלע פירער פונעמ דאָר צו געפינענ, נאָר בא אייניקע, אויסגענומענע, אונ ביכלאַל שוינ נישט בא די פונ איצט, נאָר בלויז בא די פריִערדיקע, בא די „רישוינימ“, — אונ מוישע האָט זיכ געוויערט, זיכ געוואָרפנ אונ אַנדעריש געוואָלט דער־חײַזנ.

לוזי האָט מיט א וווּנדערלעכער מענוכע פונ פאַרשיידענע מאָסנ גערעדט. פונ מאָס פונ הייכ אונ ברייט, אויכ פונ שלעכטס אונ גוטס, אונ ער האָט דערוויזנ, אַז אינ פאַרשיידענע צײַטנ זײַנענ פאַרשיידנ אויכ די מאָסנ, אַז אינ באַזונדערע צײַטנ זײַנענ אפילע די מאָסנ פונ גוטס אונ שלעכטס באַזונדערע; אינ דערומ, איז דאָס פונ אַלעמענ אָנגענומענע נישט קיינ מעכוייעוו אונ קיינ מוז פאַר אַלעמענ, אויבפּחאָט פאַר אויסגענומענע אונ פאַר געציילטע — פאַר אַזוינע, וואָס קאָנענ איבעראַנדערשנ די מאָסנ, אונ וואָס קאָנענ נײַע ווענג אויפברעכנ; אונ לאָכיינ, אונ דערומ, זײַנענ אַלע זײַגע, מוישעס, רײַעס אינ אָפּפרעגונגענ, וואָס ער פרעגט אימ אָפּ אונ ווײַזט אימ אָנ אָפּ די אויסגעטראָטענע ווענג, קיינ אָפּפרעגנ נימ, ווײַל דער אויסגענומענער האָט רעכט צו זײַנ א „וויצע“ [1], האָט רעכט צו שאַפנ אַנ אייגענעמ וועג, פריִער פאַר זיכ אַליינ, וואָס דערנאָכ וועט ער, דער וועג, זײַנ אויכ פאַר פיל אונ פאַר אַלע. — אונ מוישע האָט ווידער אָפּגעפרעגט.

אונ ווענ א פרעמדער וואָלט ביים אָט דעמ וויקועכ בײַגעווענ, וואָלט ער געזענ, וואָלט זיכ אימ געדאַכט, אַז ער זעט א הויכנ לייטער פאַר זיכ, אונ צוויי מענטשנ פונ זײַנע ביידע זײַטנ גייענ אַרופ אפ אימ; אָבער ווענ איינער

[1] — פּריכנס.

האָט זיך געגרייט שלאָפנ לייגנ. ער איז, ביים ער האָט אויסגעטאָנ די קאַ-
פּאָטע, מיט איינ אַרבל לאַנג א נישט-אויסגעטאָנענער געבליבנ, און נאָך דער
קאַפּאָטע איז אויך מיט די שיך פאָרגעקומענ דאָס זעלבע: איינעם אויסגע-
טאָנ, און מיטנ אַנדערנ איז ער לאַנג זיצנ געבליבנ.

דער צווייטער וואַכנדיקער — מייערל, וואָס פאַרנ שלאָפנ, ווענ ער אַליינ איז שוינ אָפּ זײַנ געלעגער געווענ, האָט ער געזעענ, ווי דער פעטער לוזי האָט די קאָרידאָר-טיר געעפנט, אינ דרויסנ אַרויס, און עפּעס לאַנג און עפּעס לענגער, ווי מע דאַרף, צוריק זיך ניט אומגעקערט. מייערל האָט מורא גע- קריגנ: ריישיס, פאַרנ פעטער לוזינ, וועלכנ ער האָט באַדאַרפט היטנ, אינ צווייטנס, פאַר זיך, וואָס ער איז איינער אַליינ, שפּעט אינ נאַכט, אינ קאָרי- דאָר געבליבנ.

ער האָט זיך דערווײַל פונ געלעגער אופגעשטעלט און מיטנ פּאָנעם צו איינעם א מאַפּליעלע צו, אינ גראָד האָט ער צו א רוימנ געטראָפנ, אינ אַרויס- קוקנדיק דורך דעמ, האָט ער אומגעריכט און פּלוצעם דעמ פעטער לוזי אינ- מיטנ הויפ, אַנטקעגנ דער לעוואָנע, מיט א פאַרריסענעמ קאָפּ און מיט א פאַרבלאָנדזשעטנ בליק צומ הימל קוקנ דערזענ.

און מייערל האָט זיך פאַרנ בילד דערשראָקנ, — פאַר דעמ, וואָס ער האָט קיינמאָל ניט געזענ: א מענטש אינמיטנ באַנאַכט, איינער אַנטקעגנ דער לעוואָנע, מיט א פאַרריסענעמ קאָפּ און באָרד אַרופקוקנדיק.

ער איז א דערציטערטער צוריק צו זײַנ בעטל צוגעפאַלנ, אונטער זײַנ קאָלדרע אַרונטער, זיך אײַנגעוויקלט און אײַנגעשלאָפנ געוואָרנ... די גאַנצע נאַכט אָבער האָט עס אימ דערנאָך געשווינדלט, און ער האָט זיך פונ דער- שרעק געוואָרפנ, און, אַזוי געזאָגט, אַז זײַנ גאַנצנ לעבנ דערנאָך דאָס ביל- פאַרגעדענקט.

און אויך מוישע האָט עס פאַרנ שלאָפ, — ער ווייסט ניט פאַרוואָס — עפּעס צומ פענצטער א צי געטאָנ, ער האָט זיך א בייג געטאָנ, און פּלוצ- לינג — דאָס זעלבע, וואָס מייערל דערזענ: לוזי אינמיטנ הויפ און מיט א פאַרריסענעמ קאָפּ און באָרד צומ הימל און צו דער לעוואָנע...

ס'האָט זיך בא אימ ווי א „אוי" געוואָלט אַרויסרײַסנ, און ער האָט זיך פאַרהאַלטנ, קעדיי גימעלעג, וואָס איז אַנטקעגנ אינ איר בעט שוינ געשלאָפנ, נישט צו וועקנ. ער האָט לאַנג ניט געקוקט, נישט געקענט קוקנ... ער האָט פאַרשטאַנענ, אַז לוזי האָט, נאָכדעמ, ווי ער האָט זיך אָבגעווענ פונ די „זײַ- ניקע" געלאָזט, געוויס אויך די מידע פונ „התבודדות"[1] בא זיי איבערגענו- מענ, און פאַרנ שלאָפ איצט, ווי אַלע די „זייערע", די שעה פונ אַליינ זײַנ געפּראַוועט.

ער האָט זיך באַלד אויך אינ כאָלעמ, וואָס האָט זיך אימ געכאָלעמט,

1 — אַליינ זײַנ, בלײַבנ אָפּגעזונדערט.

אונ אַז זיי זײַנענ אינ שטוב אַרײַנ, האָבנ שוינ ליכט אונ לאָמפּנ געברענט. זיי האָבנ אַ ווײַלע, פונ דרויסנ קומענדיק, בײדע צוערשט די אויגנ פאַר דער שײַנ געזשמורעט, דערנאָכ האָבנ זיי זיכ געשטעלט דאַווענענ.

די שטיב-לײַט האָבנ נאָכ זייער אַרײַנקומענ געזעג, אַז מוישע האָט, פונ סאָר אָנקומענדיק, ווי אַ געשלאָגענער זיכ געפילט, אונ ער האָט זיכ אַ ביסל צו אַלעמענ אונ באַזונדערס צו לוזינ געהאַלטנ פרעמדלעכ, אונ לוזי, פאַרקערט, אופגעלייגט, פרײַ אונ ווי גאָרניט איז ניט פאָרגעקומענ.

די שטיב-לײַט האָבנ, צוליבנ נישט איבעריקנ גוט-פילנ-זיכ פונ זייער פאָטער, דאָס מאָל דאָס פאַרברענגענ בײַם אָוונט-עסנ ווי מעקאַצער געווענ: נישט פאַרנ עסנ אונ אויכ נאָכנ, — נישט, ווי זיי זײַנענ געוווינט געווענ, — אינ רעדלעכ זיכ איצט ניט געקליבנ. נאָר מע איז אַלע באַלד נאָכנ עסנ, יעדער אינ זײַנ צימער, זיכ צעגאַנגענ. מוישע מיט ניטעלענ — צו זיכ אינ אַלקער, די קינדער — צו זיכ.

דעמ פעטער לוזינ האָט מענ דעמלט זײַנ בעט געבעט, נישט ווי אַלע-מאָל אינ זײַנ צימער, נאָר אינ פאַראַדנעמ גלעזערנעמ קאָרידאָר, ווי ער האָט פאַרלאַנגט. אינ יענעמ קאָרידאָר, וואָס דינט סוקעס-צײַט פאַר אַ סוכע, ווו די סטעליע איז אינ זעקס פירעקיקע אָפּטיילונגענ געטיילט, יעדער פירעק מיט אינ אַלאַכסנ אויסגעלייגטע געפאַרבטע שטעקעלעכ, אונ די ווענט זײַנענ העכער האַלב פונ גלאָז, פונ קליינע טאַפּליעלעכ, אונ די טאַפּליעלעכ פאַרשיידנפאַרביקע: רויט, גרינ, געל, ברוינ אאַוו.

דאָרט האָט מענ איצט זײַנ בעט געשטעלט. פאַר אַ „שומער" האָט מענ אימ דעמלט יודעס, מוישעס טאָכטערס עלטסט ייִנגעלע, מייערלענ, געגעבנ: — מייערלענ, וואָס טיילט זיכ אויס פונ אַלע קינדער אינ שטוב מיט באַזונדערע שפּילקעס, בישוועס אונ אויסטערלישער לאַגע צווישנ קינדער, אונ וואָס אימ האָט טאָמער אַפּילע דער פעטער לוזי, צוגאַסט קומענדיק, פונ אַלע קינדער אויסגעטיילט.

מייערל האָט זיכ פאַרנ וואָרט „שומער" געשראָקנ, ער האָט געוווסט, אַז עפּעס אַ הויכער סאָרט אַכרײַעס איז אַרופגעלייגט אופּ אימ, כאָטש אינ וואָס דאָס היטנ באַשטייט, האָט ער נישט פאַרשטאַנענ, אונ דאָכ צוזאַמענ מיט דער שרעק איז אימ די אַכרײַעס אויכ גוואַלטיק אָנגענעמ געווענ.

אונ אָט, אַז אַלע אינ שטוב זײַנענ שוינ געגאַנגענ שלאָפנ, ווענ אַלע שוינ אָפּ זייערע געלעגערס, די שטוב—שטיל, אונ אינ אַלע כאַדאָרימ האָט די שײַנ פונ דער אינ הימל הויכ-שײַנענדיקער גאָלדענער לעוואָנע נאָר אַרײַנגעקוקט, זײַנענ אינ מוישעס רויק, רויק הויז דעמלט נאָר צוויי מענטשנ ניט געשלאָפנ.

דאָס זײַנענ געווענ:

מוישע אַליינ, וואָס נאָכנ וויקועכ מיטנ ברודער האָט ער זיכ לאַנג ניט געקאָנט באַרויִקנ, ניט בײַסנ מײַרעוו-דאַווענענ, ניט אויכ נאָכדעמ, בײַסנ עסנ, אונ אויכ איצט אַפּילע, ווענ ער איז שוינ בײַ זיכ אינ אַלקער געווענ אונ

האָט זיך געגרייט שלאָפֿן לייגן. ער איז, ביים ער האָט אויסגעטאָן די קאַפּאָטע, מיט איין אַרבל לאַנג אַ נישט־אויסגעטאָנענער געבליבן, און נאָך דער קאַפּאָטע איז אויך מיט די שיך פֿאָרגעקומען דאָס זעלבע: איינעם אויסגעטאָן, און מיטן אַנדערן איז ער לאַנג זיצן געבליבן.

דער צווייטער וואַכנדיקער — מייערל, וואָס פֿאַרן שלאָפֿן, ווען ער אַליין איז שוין אָפּ זיין געלעגער געווען, האָט ער געזען, ווי דער פֿעטער לוזי האָט די קאָרידאָר־טיר געעפֿנט, אין דרויסן אַרויס, און עפּעס לאַנג און עפּעס לענגער, ווי מע דאַרף, צוריק זיך ניט אומגעקערט. מייערל האָט מוירע געקריגן: רייִשים, פֿאַרן פֿעטער לוזין, וועלכן ער האָט באַדאַרפֿט היטן, און צווייטנס, פֿאַר זיך, וואָס ער איז איינער אַליין, שפּעט אין נאַכט, אין קאָרידאָר געבליבן.

ער האָט זיך דערומט פֿון געלעגער אופֿגעשטעלט און מיטן באָנעט צו איינעם אַ מאַפּליעלע צו, אין גראָד האָט ער צו אַ רויטן געטראָפֿן, אין אַרויסקוקנדיק דורך דעם, האָט ער אומגעריכט אָן פּלוצעם דעם פֿעטער לוזי אינמיטן הויף, אַנטקעגן דער לעוואָנע, מיט אַ פֿאַריסענעם קאָפּ און מיט אַ פֿאַרבלאָנדזשעטן בליק צום הימל קוקן דערזען.

און מייערל האָט זיך פֿאַרן בילד דערשראָקן, — פֿאַר דעם, וואָס ער האָט קיינמאָל ניט געזען: אַ מענטש אינמיטן באַנאַכט, איינער אַנטקעגן דער לעוואָנע, מיט אַ פֿאַריסענעם קאָפּ און באָרד אַרויפֿקוקנדיק.

ער איז אַ דערציטערטער צוריק צו זיין בעטל צוגעפֿאַלן, אונטער זיין קאָלדרע אַרונטער, זיך איינגעוויקלט און איינגעשלאָפֿן געוואָרן... די גאַנצע נאַכט אָבער האָט עס אים דערנאָך געשווידערט, און ער האָט זיך פֿון דער שרעק געוואָרפֿן, און, אַגעזי געזאָגט, אָפּ זיין גאַנצן לעבן דערנאָך דאָס בילד פֿאַרגעדענקט.

און אויך מוישע האָט עס פֿאַרן שלאָפֿ, — ער ווייסט ניט באַרוואָס, — עפּעס צייט פֿענצטער אַ צי געגעבן, ער האָט זיך אַ בייג געטאָן, און פּלוצלים — דאָס זעלבע, וואָס מייערל דערזען: לוזי אינמיטן הויף און מיט אַ פֿאַריסענעם קאָפּ און באָרד צום הימל און צו דער לעוואָנע...

ס'האָט זיך בא אים ווי אַן „אוי" געוואָלט אַרויסרייסן, און ער האָט זיך פֿאַרהאַלטן, קעדיי גימעלען, וואָס איז אַנטקעגן אין איר בעט שוין געשלאָפֿן, נישט צו וועקן. ער האָט לאַנג ניט געקוקט, נישט געקענט קוקן... ער האָט פֿאַרשטאַנען, אַז לוזי האָט, נאָכדעם, ווי ער האָט זיך אָבן וועגן פֿון די „זייניקע" געלאָזט, געוויס אויך די מידע פֿון „התבודדות[1] בא זיי איבערגענומען, און פֿאַרן שלאָפֿן איצט, ווי אַלע די „זייערע", די שעה פֿון אַליין זיין געפּראַוועט.

ער האָט זיך באַלד אויך אין כאָלעם, וואָס האָט זיך אים געכאָלעמט,

---

[1] — אַליין זיין, בלייבן אָפּגעזונדערט.

דערמאָנט: לוזי איז הויט אין דער נימ, מיט די קישעפּ־ליכט, און דער פאָ־
טער ווייגט, קוקנדיק אַף אים, און ער קערעוועט דעם קאָפּ אַף פון צו קוקן...

ער איז געפלויגן געווען, ווייל אַף אַ מעשהבע־אויפן האָט זיך אים זיין
באָלעט איצט באַשטעטיקט, און ער האָט זיך ווינטער דעם פאָטערס ווע־
טער דערמאָנט.

— „זעכט ניט, — האָט דער פאָטער געזאָגט, — לוזי טוט אונדז אַ:
אויינע באַרבעט־בושעם“...

---

## III

# לוזי בײַ די ווייניקע

צו יענער צײַט האָט זיך אין דער שטאָט N, צווישן די פֿיל רוסישע און רײַכע כסידים־סעקטעס, אײנע אַ נישט־אָנגעזעענע און קלײנע „בראַסלעווער“ געפֿונען.

זי איז באַשטאַנען פֿון נישט מער, ווי אָנדערהאַלבן, צוויי מיניאָנים באַל־מעלאָכעס, און דרשקעס, — עוויריונים — אָבער פֿון אַזוינע, וואָס צו זיי איז גאָר קיין גלײַכן נישט געווען.

פֿאַרשטענדלעך, אַז מאַכמעס אַזוי ווייניק אין צאָל און אַזוי אָרעם דערצו, האָבן זיי קיין אײגענע שול, ווי אַלע אַנדערע, נישט געהאַט און אַפֿילע נישט געטרוימט צו האָבן. זיי זײַנען נאָך, איבער דעם אַלעמען, שטאַרק גערודעפֿט געווען, און זיי האָבן זיך אַמאָל אָפּגעדאַוונט, מערסטנטייל אָבער זיך נאָך אײַנגעבעטן, מע זאָל זיי דערלויבן בײַ אַנדערע כאָטש אַ באַרמאַגיקן ערשטן מיניען זייערן פֿראַווען.

צו זיי, צו אָט דער סעקטע, פֿלעגט מען זען, פֿלעגט זיך אַמאָל אַרײַנשטעלן אַ יונג יינגל, פֿון ווײַטן פּוילן געקומען, מיט אַן אָרעם פּעקעלע זאַכן פֿון דער היים געבראַכט, מיט אַ זינגענדיקער אויסשפּראַך, אָפֿט אויך מיט אַ טאָרבעלע פֿאַך־געצײַג, קעדיי בײַ זיי, אַ מאָל מער אָדער ווייניקער, זיך צו פֿאַרזאַמען, און זייער מוירע, מידעס און איפּירונג זיך לערנען.

מע פֿלעגט אים וואַרעם אויפֿנעמען, אים מעקאַרעוו זײַן: די ערשטע צײַט ביז ער האָט זיך אָנגעהויבן פֿאַרדינען, אים אונטערגעהאַלטן און פֿון אַלגעמײנעם בײַטל — פֿון נישט מײַנס, נישט דײַנס, נאָר פֿון נאָטס, ווי ס'האָט בײַ זיי געהייסן, — אים געשפּײַזט. דערנאָך האָט ער שוין אויף אײגענעם געלעבט און מיטן פֿאַרדינסט מיט אַנדערע זיך געטײלט און אָרעמערע פֿון זיך אונטערגעהאַלטן.

אַמאָל, פֿאַרקערט, פֿלעגט אָנקומען צו אָט דער סעקטע אַ רײַכער, וואָס איז צו זיי צוגעשטאַנען. לויטן גאַנצן הוילעך, לויט דער קליידונג איז צו זען גע־

חען: א מענטש פון רײכע געשעפטן, רײכער שטוב און נעגידישער הארכאָװע, ער האָט זיך פארהאלטן בא זײ, װײפל פארהאלטן, און איז זיך מיט זײ, מיט דער כעקמע, באגאנגען װי מיט אײגענע: װאָס ער האָט געהאט איבעריקס אױף גײטער צו זײן שפּור־באראַפ גײמיק — זײ אָפּגעגעבן און מיט זײ זיך גע־פילט; און הונדערלעך, װי ס'איז קײנמאָל נים געװען צו מערקן, דער געבער זאָל שטאָלצירן, און דער נעמער זאָל בא זיך אראָפּפאלן. אזױ פון מאָמעד, און אזױ אײנגעפירט איז געװען בא זײ, אז געלט איז פון האנט צו האנט און פון בײטל צו בײטל געגאנגען. זעלטן־זעלטן גאָר, אז פון א רײכן איז עפּעס רײכס אראָנגעפאלן, מערסטנטײל און דאָסראָװ — דער בײטל בא אלע־מען לײדיק און אפן לײדיקן בעשומפּעס אלע.

פיל פון זײ האָבן זיך איבער גרױס פרומקײט און מעשוגאַס פון זײערע מעלאָכעס און פארנאָסעס ארױסגעשלאָגן. װײבער, פון זײערע פרומע מאנען באזידקטע, האָבן בא זײ נישט געמאָנט, און קינדער — דערשלאָגענע, אָפּגע־צערטע און אגעמיש־פארהמײלטע — האָבן בא מאמע־מאמע נישט געבעטן, חמל געחוגט, אז ס'איז איבעריק און סײװי נישט צום פועלן.

דער גרעסטער טײל זײערע האָט געלעבט: פון דאװנען און מאנײסים. בא־טאָג, נישט װי אלע מענטשן, נישט מיט באמאָגעדיקע זאכן פארנומען, בא־נאכט — אפ די קװאָרים פון די שמאָט־צאדיקים געװעכטיקט, און פאר דער װעלט, פאר זיך און פאר דער אײגענער פאמיליע עפּעס צו טאָן — נישט שײעכ, און ביז פארברעכן פארגעסן.

* * *

אָט שטײען פאר אונדז אײניקע זײעריקע:

ערשטער:

אװרעמל דער פיר־אַרשינער שנײדער. נאָך יונג. סאָפּ צװאנציקער. מיט גלאַטן באקן, מיט געצײלטע אומקאָלידיקע הערלעך װאָס באָרד. די הױט פון זײן פּאָנעם אָבער שױן פון אזא בלאסקײט, אז ס'גײט אױש איבער אין גרין און זעט אױס, װי אײטער אונטער א בלאָטער.

ער איז לאנג, דאַר און אױסגעדעװערט. האָט די מעלאָכע פארלאָזט. מיט עפּעס פאָרים, װאָס נישט פאר זײן קאָפּ און נישט פאר זײן פארשטאנד, זיך פארנומען. דעריקער אָבער, מיט פרומ דאװנען, מיט נעכטיקן אפן „פעלד"[1], און פון הינגער און מאנײסים גײט אים שױן א קעלט און א שלעכטער רײעכ פון מױל.

— אכ! אכ! — קװיקט ער זיך אָפּט אין עקסטאַז באם דאװנען, װי אין כאלאָשעס, און אמאָל אױך אפילע אינמיטן א שמועס מיט א מענטשן, װען ס'קומט אים אָן דער רעליגיעזער געדאנק און רײסט זיך ארױס פון אים בלוצ־לינג.

1 — בײסאָלעם.

— אוזרעמל... — וועקט אים אמאָל א פאַרנאַכט אין שול, ווו ער געפינט זיכ, דאָס ווייב, צו אים קומענדיק, פונ זיינ דולער פאַרטראַכטקייט. — אוזרעמל, די קינדער האָבנ נאָכ היינט אינ מויל ניט געהאַט... עפּעס האָסטו עפּעס?

אונ אוזרעמל האָט — א לאַנג צונויפגעלייגט לעדערנ ביימעלע מיט פיל אָפּטיילונגענ, ווי א שמאָק איבער א שמאָק, אונ אז ער צעעפנט עס, צעוויקלט עס, דאָס ביימעליע, איז אינ סאַמע לעצטנ שמאָק, מערסטנטייל א זעקסער, אונ אמאָל אויכ... דער לעצטער שמאָק ליידיק.

דאָס ווייב שטייט א פינצטערס, וויל אוועקגיינ אונ קאָנ נישט, וויל בלייבנ אונ האָט ניט צוליב וואָס, אונ איר מאַנ איז גרינ, לאַנג, דאַר, פיר-אַרשיניק, מיט גמלשע הערעלעכ אינ באָרד, אונ זי זעט, אז זי האָט ניט וואָס צו זוארמנ: ער איז פאַרטראָגנ, אונ בא א לעצטער שיינ פונ טאָג, אָדער בא א פאַרמינכעדיקער ליכט איז ער אינ זיינ סייפער אונ אינ ווייטע פונ איר אוילעמס פאַרטאָג.

צווייטער:

מוישע-מענאַכעמ דער פאַרבער. פונ מיטעלע יאָרנ אונ מיטעלנ וווקס. מיט א שטאַרק שוואַרצ בערדל, שוואַרצע ברעמענ אונ אויגנ. זיינ רעכטע זייט איבער דער לינקער איבערגעבויגנ, אזוי, אז ער שטייט, גייט, לויפט א ביסעלע סאָכע. ער האָט אנ אייבערשטע צעשפּאָלטענע ליפּ, א צעהאַקטע אונ פאַרגייטע. די רויטע שנייטנ גייענ זיכ ניט צונויפ, אונ דער אייבערשטער טאַכטנ צייג איז בא אים נאַקעט. דערום, אז ער רעדט, זופט ער די לופט באַשטענדיק, אז ער זאָגט איינמאָל, דאַכט זיכ אים, אז ער איז ניט יויצע, זופט לופט אונ זאָגט נאָכאמאָל. ער איז א זשוואָוער, ווי פונ עפּעס אנ אינווייניקסטנ קוועקזילבער; א מאָמער אומרויקער — פינ גרויס היציקייט אונ ברענ, וואָס לאָזט זיינ קערפּער ניט רוענ, רייסט זיכ פונ אים, רייסט אים מיט אונ לאָזט אים קיינמאָל אפ אייג אָרט נישט איינשטיינ.

ער, מוישע-מענאַכעמ, געפינט שוינ, אויסער פאַר דולער פרומקייט, צייט אויכ פאַר זיינ מעלאָכע, פאַר פאַרבערײַ.

מע קאָנ אים אָפּט טרעפנ, סיי זומער סיי ווינטער, באַמ ברענ מייב מיט א פאַק געפאַרבטע בגאָדים, ווי ער שווענקט, פראַטשט, אליינ אָבער קיינמאָל צו דער מעלאָכע ניט אויסגעטאָנ, נאָר אינ דער קאַפּאָטע. אַרבעט אונ טוט זיינ זאַכ, נאָר דער קאָפּ, זעט מענ, איז ואיט ערגעצ אנדערש פאַרנומענ, אונ אפילע ווינטער, אינ די גרויסע פרעסט, ווענ ער פאַרלאָזט אָפּט דאָס וואַשנ אינמיטנ אונ גייט אָפּ אפ א ווייל, איז — ווענ אנ אנדערער וואָלט אָפּגעגאַנגענ זיכ אָנצוואַרעמענ אונ פאַרפרוירענע אונ פאַרקליאַקנעטע גלידער אויסצוגלייכנ, ער — אפ עפּעס א וויכטיקנ איניענ, אפ א הויכער, פרומער מאַכשאָווע, וואָס איז אים אויפגעקומענ, צו באַטראַכטנ.

אָפּט באַגאַנוועט מענ אים דערבאַר... זומער, ווענ וואַרעם, ווענ שיינ, ווענ גרינ באַמ טייכ אונ בא דער לעוואָדע, ווו ער וואַשט; ווענ ס'מאַכט זיכ אים

נאָך דער אַרבעט, אַז ער גייט אָפּ מיט זײַן פּאַק אין אַ זײַט, זעצט זיך אַוועק און נעמט זיך צו זײַן באַליבטן סייפֿער, צום „חובת הלבבות".[1] און חזרט ער, צו יענעם אָרט, וואָס ער האָט אַמערסטן ליב אין יענעם סייפֿער — צום „שער הבטחון"[2] — ווײַסן שוין דערפֿון די גנאָווים, און שטיל, הינטנאָרומ־ערט בײַ אים, בײַם זײַן פֿאַרטראַכטקײַט און אין זײַן גרויסן ביטאָכן, אַ פֿרעמד קלייד, אַ פֿרעמד מאַלבעש אַוועקגעשלעפּט...

מיטש־מענאַכעם מוז זיך דערנאָך (ווי דען אַנדערש?) פֿאַרן שאָדן צע־צאָלן; אָבער אַזוי ווי אָט די צופֿאַלן מיטן פֿאַרפֿאַלן ווערן האָבן זיך אים שוין צו אָפּט געטראָפֿן, האַלט ער שוין דערבײַ, אַז אויך ער זאָל אײַנגײן זײַן קונדישאַפֿט פֿאַרלירן, בעמיילע — די פּאַרנאָסע, און אויך צו אים וועט אײַנ־גיין קומען דאָס ווײַב מיטן זעלבן, וואָס צו אַוורעמלס ווײַב, אין מיטן זעלבן פֿון אים, ווי יענעמס פֿון יענעם — מיט לײדיקן — אַוועקגיין.

דריטער:

שאָלעם דער טרעגער. אַ גוואַר, מיט אַ לעגענדאַרער, ברייטער ברייט אין פּלייצע, מיט אַ חײַם־מילכיק פּאָנעם און פֿאַפּעליאַטער באָרד.

זײַן טרעגערישע פּלאַכטע — דער גראָב־לײַוונטענער פֿאַרטעך, דורך אַ לאָנ־דעם קאָפּ אַרײַנגעטאָן, און אָפּ פֿאָרנט און הינטן צוויי פּאָלעס אַראָפּגעלאָזט און בײַ די לענדן מיט אַ שטריק פֿאַרגאַרטלט — איז אים צוויי מאָל גרעסער, ווי די פֿאַרטעכער פֿון אַנדערע זײַנע פֿאַך־לײַט טרעגער, ווײַל זײַן גוף איז אויך צוויי מאָל גרעסער.

ער איז הויך, ברייט, און הענט און פֿיס בײַ אים, ווי בײַ אַזוינע דאָרפֿ־יונג, און אײדער ער איז צו זיי, צו דער סעקטע, צוגעשטאַנען, זײַנען אין מאַרק פֿון זײַנע גוואַלדעם לעגענדעס געגאַנגען: ער הייבט אויף אַ געזונט, צע־היצט פֿריציש פֿערד פֿאַר די פֿעדערשטע פֿיס; ער הייבט זיך אַליין אַקוראַט אַ טרעפּ און לאָזט זיך אַראָפּ פֿון טרעפּ מיט אַ דרײַסיק־פֿודיקער צוקער־פֿאַס אָן קײנעמס הילף; ער קאָן אויפֿעסן זבאַריע דעם שענקערס שענק, מיט אַלע פֿאַר־גרייטע גומע זאַכן אָפּ אַ גאַנצן מאָג פֿאַר אַלע טרעגערס אין מאַרק, מיט אַלע הערינגעס, פּופּקעס, לעבערס, גריוון און געגרונענע פּאָלקעס; ער קאָן אויסטרינ־קען דעם יאַרדן... און אָפּ יעדער שווערער אַרבעט פֿלעגט ער, שאָלעם, געריפֿן ווערן דער ערשטער, אַלע האָבן זיך צו אים געשאַרט, מיט אים זיך גערימט, און יעדערער האָט זיך צו אים גערן אין שותּפֿעס געדרוקט.

און פּלוצעם איז אָפּ אים ערעם אָנגעפֿאַלן אַ פֿרומקײַט. מע ווייסט ניט, פֿאַרוואָס ער האָט טראַכט צו זיי, צו יענע, אָנגעטראָפֿן, צי ווײַל דאָרט האָט מען זייער נוס, אויסערגעוויינלעכע פֿרײַנטלעכע, אָן אונטערשייד, מענטשן אויפֿגענומען. צי דעריקער הערפּאַר, ווײַל דאָרט איז קיין לעבעדיקער רעבע ניטאָ, מאַסמיכ־

---

1 תּאַרבֿ־פּליכטן. אַ באַוווסטער מוסר־סייפֿער פֿון ראַבײנו בעכײַע האַספּאַרדי.

2 אײנס פֿון די קאַפּיטלעך פֿון יענעם סייפֿער, ווו ס'רעדט זיך וועגן ביטאָכן.

פאַר אַ לעבעדיקן האָט שאָלעם מורע: — אַרײַנגײַן, שאָלעם נעבן, זיך „פּראַ־ייען" — איז ניט פֿאַר שאָלעמען, — און איצט איז ער פֿרײַ פֿון דעם.

נאָר די מתּים זאָל ניט זײַן, נאָר איצט, ווען ער איז צו זיי אַריבער, איז אים גוט צו הערקענען. ער ווייסט ניט, וואָס מיט זײַן גרויסן גוף צו טאָן, שעמט זיך פֿאַר אים, האַלט די הענט אין שויס פֿון פֿאַרמעג, די אויגן אַראָפּגעלאָזט, סטאַרעט זיך הייך צו זײַן פֿאַרנידעריקן, זײַנע פּלייצע אײַנצושרומפּן, און ס'גיט זיך אים שווער וואָס ווײַטער, אַלץ מערער אײַן: זײַנע אויגן האָבן ווייער נאַטירלעכן בליק פֿאַרלוירן, קוקן קאַלעמוטנע, זײַנע פּלייצע בעטן זיך אַ קאַפּאָטע, און שאַבעס. אַז ער טוט זיך אָן, זעט ער שוין אויס נאָר האַלב, ווי אינדערטמעסן, און אַז מרגנעדים זעען אים דערמיט, לאַכן זיי פֿון אים, און אינדערהוואָכן ווענדט מען זיך שוין אָפּט מיט אַ שפּאַס צו אים:

— שאָלעם, וואָס הערט זיך עפּעס אויף דײַן בראַסלעווער יענער וועלט?

און ס'האַלט שוין הערבן, אַז ווען שאָלעמען וועלן באַלד די לעגענדעס איבערן אונ אַוועק, און צוזאַמען מיט זיי אויך זײַן פּאַרנאָסע.

* * *

און אָט איז „דאָס פּאָרל" (די נעמען ווייטער ניט וויכטיק); ביידע קליינינקע, גידעריטשקע, קורצזיכטיקע, איינער אַ בלאָנדלעכער, אַ מיט ציג מיט אַ ביימלעכ־שיטער בערדל, דער צווייטער — אַ צונעשלאָגענער, מיט אַ געדיכט־לעכ־שוואַרצער באָרד. ביידע רייבערן און שמעקן לעדנשאַפּטלעך פֿון נייטן האָבן וואָס צו טאָן און פֿון אַ גאַנצן טאָג מיט גאָרנישט זײַן באַשעפֿטיקט.

זיי געדענקען שוין ניט, וואָס זיי זײַנען אַמאָל געווען, און פֿון וואָס זיי האָבן ווען געשפּײַזט זיך, נאָר הײַנט לעבן זיי פֿון אומגײן... פֿון אינדערפֿרי ביז פֿאַרנאַכט אין שול מאָמעד, איינער שפּאַנט פֿון מיזרעך צו מערעוו, און דער צווייטער אַנטקעגן אים — פֿון מערעוו צו מיזרעך, און דאַן פֿאַרקערט — הין און צוריק, ביידע פֿאַרטראַכטע, און אַפֿן ווען באַגעגענען זיי זיך און שלאָגן זיך אָן קורצזיכטיק, און איינער באַט אַנדערן נעמט אַמאָל אַ שמעק טאַבעק, אָדער אַ שטיקל ציגאַר, נישט קיין דערייבערטן.

קיין וויבער קומען שוין צו זיי ניט, מאַכמעס ס'איז נישטאָ צו חעמען. ווײַל, ווי געזאָגט, לעבן זיי פֿון אומגיין, פֿון מאַכשאָווועס, און נאָר פֿון זעלטנייען אַמאָל אויך בײַ אַ מעס איבערגעבליבן אין הימל, וואָס דערפֿאַר באַקומען זיי צו פֿאַר פּיאַטאַקעס.

און אָט האָט איר נאָך איינעם אַ זייעריקן:

יאַנקל דער שוסטער. דער פֿריערדיקער גרויסער באַרמאַזל, וואָס די שמאָ איז צו אים געלאָפֿן מיט באַשטעלונגען און אים פֿאַרוואָרפֿן מיט אַרבעט: בעטן מיט שיך פֿאַר גרויסע, שטיוועלעך פֿאַר קינדער זײַנען בײַ אים און באַנוצט בעטל אָנגעוואַלגערט געווען — פֿאַרטיקע, און דאַן שיך און שטיוועלעך נאָך אין דער אַרבעט. אַריבער אַ מאָל געזונטע לעבאַקוואַטע שיכטער־יונגען, פֿון דער ייִטשער ליטע געקומען, פֿלעגן בײַ אים באַשעפֿטיקט זײַן, און קיינמאָל בײַ

אימ לײדיק ניט געזעסנ, אפילע אימ באַלעמויעד: א גאַנצ יאָר, אַלע טאָג נאָכט ביז אינ דער נאַכט אַרײנ, אינ ערעװ יאָמטעװ — אױכ איבער אונ דורכ דער נאַכט.

שיסטערס האָבנ אימ מעקאַנע געװענ, יאַנקלענ. אונ ער אַלײנ — א באַ-שײדענער, שטילער מאַנ — האָט גישט געװוסט, פונ װאַנענ דאָס גליק איז צו אימ געקומענ, אינ װיאַזױ דאָס צו שאַנעװענ אונ שעצנ.

אינ ער האָט דאָס טאַקע נישט געשעצט. ער האָט זיכ ניט גרױס געהאַלטנ, זיכ ניט איבערגענומענ, װײל פונ אַלע שיכטערישע אײלעמהאַוזעס אונ פונ דער גרײבער שעפע פונ א באַלמעלאָכע א מוצלעכ האָט ער װײניק װאָס האַנאָע געהאַט. האָט זיכ נאָכ רײכקײט ניט געיאָגט, האָט װײניק זײנ קונדשאַפט גע-רעכנט אונ אָפט האָט ער די מאָסנ פאַרבײטנ: בא װעמענ א קלײנער פוס — א גרױסנ שיכ, בא װעמענ א גרױסער — אַנ ענגנ שיכ... ער האָט געפּלאָנטערט, אינ זײנ שיסטערישער זיקאָרנ אינ זײנ מאָסנ-ביכעלע האָט אימ שלעכט געדינט.

װײל יאַנקל האָט געהאַט אײנע א צאָרע, װאָס האָט אימ זײנ גאַנצע שעפע אינ דעמ גרױסנ פאַרגאָסע-זשױב נישט גיכע געמאַכט: ער האָט קײנ קינדער ניט געהאַט, אינ יאַנקל האָט געװאָלט כאָטש אײנס א קינד, כאָטש אײנעמ א קאַדיש...

ער האָט זיכ דערומ פיל געפּידיענט בא פאַרשײדענע ראַבײימ, סגולעס גע-נומענ בא פאַרשײדענע װײבער-אײצעגעבערנס, שפּרעכערנס, אױכ בא א דאָק-טער — אינ ס'האָט ניט געהאָלפנ. אינ געהאָלפנ, אינ א גליק איז אימ געשענ נאָר אײנמאָל, אײנעמ געװיסנ יאָר פונ דער ליקעכאַמע, װענ אַלע, װי באַװוסט, אקאַרעס זײנענ געהאָלפנ, איז אױכ יאַנקלס װײב דעמאָלט טראָגעדיק געװאָרנ אינ געהאַט.

אינ שטאָט האָט מענ זיכ געפרײט מיט זײנ גליק, װי מיט אַלע אינ דעמ יאָר איפּגעריכטע אונ באַגליקטע, כאָטש שוסטערס האָבנ נישט איבעריק גע-גלײבט, אינ פונ קינע, מעגלעכ, מיעסע לאָשנהאָרע גערעדט: געזאָגט, אַז יאַנק-לענ האָט אַחוצ דער ליקעכאַמע, אױכ צוגעהאָלפנ דער פינסקער פּאַטלאַמער שיסטער-געזעל, דער ריזיקער אונ שײנער יונג, װאָס האָט בא אימ געאַרבעט.

זײ די מײסע זאָל ניט זײנ, נאָר יאַנקל איז אַזױ דול געװאָרנ פונ זײנ גע-פילנ, אַז דאָס יאָר האָט ער שױנ קימאַט װי גאָר אָנ א מאָס געאַרבעט: גרױס-קלײנ, צונג-גראַמ.. ער האָט שױנ אַזױ געפּלאָנטערט, די שיכ אינ באַנקבעטל האָבנ זיכ אימ אַזױ איבערגעמײשט, אַז ער האָט שױנ אַפילע די געטרײסטע פונ זײנע באַשטעלער, איבער זײנ צעטומלעניש, ניט צופרידנ געשטעלט, אינ אַפילע אינ כאַס אײכ אַרײנגעבראַכט — פאַר ניט צו דער צײט אָפּגעגעבנ, פאַר שלעכטער אַרבעט, אונ דאָס יאָר איז אַנ איבערבראָכ-יאָר געװענ, אונ פיל האָבנ זיכ פונ אימ אָפּגעקערעװעט, אינ צוזאַמענ מיטנ מאַזל צו אַנדערע אַװעק.

אינ יאָר װײטער א יאָר, אַלצ ערגער אונ ערגער: די לימעװאַקישע פּאַמי-לאַמע יונגע האָבנ זיכ אײנציקװײז, אײנציקװײז פונ אימ אַרױסגערוקט אונ צו אַנדערע, מער מעיישעװדיקע באַלעבאַטיש באַלמעלאָכעס איבערגעגאַנגענ; די

קונדשאַפט זיכ אויסגעלאָזט אונ דאָס באַנקבעטל לידיק; אונ פאַר דער צײַט פונ דער שעפע האָט זיכ אַלײנ יאַנקל פונ דער מעלאָכע אָפּגעוווינט, די מעלאָ-כע פאַרגעסנ, אונ ער אַלײנ איז גאָר שוינ ניט פעיִק.

אונ אָט טרעפנ מיר איִמ מיטנ פאַרבליבענעמ נאָר נאָמענ — „יאַנקל ליקע-כאַמע" — בײַ די זײַעריקע, בײַ די אויבנ דערמאָנטע, בײַ דער סעקטע, שוינ א קאַפּצנ, ווי אַלע, דערפאַר אָבער פרומ זייער אונ נאָכמער, ווי פריִער, באַ-שײדנ, אונ נאָכמער מאַט, ווי פריִער, אונ באַשטענדיק מיט אויגנ, וועלכע לויבנ איִמ פונעמ גרויסנ נעס, וואָס האָט איִמ געטראָפנ, אונ מער דאַרפ ער נישט, ווײַל ס'איז איבעריק אונ ער איז איבערגליקלעכ.

אונ אָט איז אַלײנ דער אָנפירער פונ דער סעקטע: דער סאַמע איבער-באַרימטער, וואָס איז ווירקלעכ ווערט אָנפירער צו זײַנ, מאַכמעס די פיל גילגו-לימ, וואָס ער האָט אינ זײַנ לעבנ דורכגעמאַכט, אונ מאַכמעס די שווערע האַנגלענישנ, וואָס ער איז אויסגעשטאַנענ באַם פיל מאָל זיכ ברעכנ אונ וואַ-לענ צווישנ גלויבנ אונ אומגלויבנ.

אונ דאָס איז גלײַכ אַפ זײַנ קערפּער צו זעענ: די איבערישטע העלפט איז טאָמעד מיט דער אונטערשטער ווי צעקריגט: ער שפּאַנט גיכ אונ פאַרטראָג-אונ שיקט פאַרפריִער דעמ קאָפּ אינ דעמ איבערשטנ קערפּער-טייל, ווי אַפ זיכ אָפּרײַסנ אונ זיכ וועלנ אָפּטײַלנ.

ס'איז אויכ אַפ זײַנ פּאָנעמ צו מערקנ: כאָמעט אינ די מיטעלע יאָרנ, אינ כאָטש די הויט א שטאַרק קרעפּטיקע אינ ווי פאַרברוינטער לעדער, אָבער איינ שוינ געקנייטשט אונ מיטנדריבעריק צעאַקערט... די האָר פונ באָרד מאַט-מע-האָליר, שטעכיק אונ בײַ די ערנ אָפּגעהאַקט, ווי סמערגיע; אונ אינגאַנצנ שמעקט פונ איִמ מיט קרעפּטיקער מאַכאָרקע, וואָס ער רייכערט זי מיט גראָב ציגאַר-פאַפּיר — טיפ, לײַדנשאַפטלעכ, ביז אינ בויכ אַרײַנ אינ ביז א טרער אינ אויג.

שטענדיק פאַרטראָגנ, קוקט זעלטנ-ווענענ אינ די אויגנ, דעמ קאָפּ אַראָפּ-געלאָזט, אונ אַז ער הייבט איִמ אַמאָל אויפ, זעט מענ: אויגנ—טונקל דורכגע-רייכערטער בורשטינ, זײַנ בליק, מערכבנטייל, מעטושטעש, נאָר אַז ער לײַכטערט זיכ איִמ אויס, קוקט ער קלוג, איראָניש אונ אַפילע מיט שפּאָט א ביסל. בײַ די שלייפנ אונ אויגנ — קנייטשנ פונ פיל געלימענעמ, אָבער דער קאָפּ אינ שטערנ—גוט-קרעפּטיק, אַקשאָנעסדיק אונ אויכ אַפ ווײַטער, אויב מע וועט דאַרפנ, גרייט צו לײַדנ.

„מיכל בוקיִער" איז זײַנ נאָמענ.

איצט איז ער מעלאַמעד. פריִער האָט ער עפּעס מינימ כיבורימ געשריבנ, פונ וועלכע ער האָט זיכ דערנאָכ אָפּגעזאָגט, זיכ אָפּגעוואָרפנ אונ וויל זיי ניט געדענקענ, מאַכמעס זיי זײַנענ נאָר ווײַט פונ דעמ, בײַ וואָס ער האַלט איצ-טער.

שרײַבנדיק זיי, יענע כיבורימ, אַמאָל, איז ער שוינ אַזוי ווײַט דעמאָלט גע-האַט פאַרגאַנגענ, אַז ער האָט אײַנמאָל א שאַבעס אינ קלויז, ווי ער האָט גע-דאַוונט, די האָזע געהאַט צווישנ א גאַנצ רעדל ייִדנ אָפּנ צו דערקלערנ, אַז

דאָס, וואָס אין דער מוירע שטייט, אַז מוישע־ראַבייגו איז אויפגעגאַנגען צו גאָט אין הימל, מיינט מען ניט, מאַקע פּשוטע מיט די שטיוול אויפגעגאַנגען, נאָר מיט דער מחשבה... און דערפאַר האָט ער מאַקע טייקעף צוויי טעמים באַקומען פון איינעם אַן אַלטן, גרוי־גראָען ייִדן, גישט קיין גרויסן לאַמדן, אָבער אַ שטאַרק גלייביקער קאַנאָ: „איין פאַמש — האָט ער, אים געענדיקט, געזאָגט, — פאַר איין מוישע־ראַביינוס שטיוול, דעם צווייטן—פאַרן צווייטן..."

ער איז שוין דעמאָלט אַזוי ווײַט געהאַט פאַרגאַנגען, אַז ער האָט שוין אין די גרויסע יענע ספאָרים אַרײַנגעקוקט, וואָס עמעס־גלייביקע דערווײַטערן זיך פון זיי, ווי פון פײַער, באַטש שטייען שטיין יענע ספאָרים צווישן אַלע אַל־געהייליקטע, און כאָטש זיי זײַנען פון באַוווּסטע ייִדישע גדולים געשריבן, ווי דער „כוזרי", דער „מוירע"[1] אאַז.

ער האָט שוין אַזוי ווײַט געהאַלטן, אַז טאָמער האָט ער זיך שוין מיט אַזוי־נע געפערלעכע מחשבאָות אַרומגעטראָגן, ווי אַז „די וועלט, כּאָבילע, איז הפקר... קיין באַלעבאָס און קיין בוירע... אַז זי איז אַ קאַדמען, און קיינער האָט זי ניט באַשאַפן, און אויב יאָ געשאַפן, איז מעגלעך, אַז ניט איינער"... און דערנאָך איז ער דערגאַנגען ביז צו לייקענען אין די איקרים און אין די גרונט־יעסוידעס, אַפ וועלכע ס'האַלט זיך די עמונע, די אוהפאָמערלעכע אין פת אייביק אַן איינגעשטעלטע.

ער האָט זיך שוין דערווײַטערט געהאַט פון קאָהאָל, און קאָהאָל פון אים, און כ'האָט שוין אַזוי ווײַט געהאַלטן, אַז ער זאָל אָדער פון הונגער אויסגיין, אָדער אַוועקגיין אַת די עמונע בײַטן.

ער האָט זיך אָבער גוזוער געווען, און פון הימל, האָט אים געהאַכט, האָט מען אים געהאָלפן, אים פון יענע מחשבאָות באַפרײַט און זײַן געדאַנק אויסגעקייוט.

ער האָט, ווי געזאָגט, אַ שטאַרק וואַקלענדיקע נאַטור געהאַט, און געוואַקלט האָט ער זיך פון עק צו עק — פון שטאַרקסטן גלויבן צו עקסטן אומגלויבן. און אָנגעהויבן האָט ער אין זײַן פריסטער יוגנט — אַ זעכצניאָריק ייִנגל נאָך — נאָך דערמיט, וואָס איינמאָל איז ער שטילערהייט אין איינעם אַ דאָ־נערשטיק, אין זײַן שטעטעלע בוקי נאָך, צו דער מאַמעס שופלאָד, ווו דאָס ווײַסע ווײַש איז געלעגן, צוגעגאַנגען... פון דאָרט איינס נאָך אַ העמד אַרויס־גענומען, אין מיט דעם, מיטן איינעם העמד און מיטן טפילן־זעקל, צופוס זיך קיין סאַדיגורע אַוועקגעלאָזט. און אַפ מאָרגן, פרימיק, אַז ער איז אין נאָענטן שטעטעלע געקומען, אין מערבעץ אַוועק, ווי אַלע אום ערעוו שאַבעס, אַת גע־נומען איבערבײַטן דאָס העמד, האָט ער דערזען, אַז ס'איז דער מאַמעס... פון גרויס איבלעניש האָט ער אַ מאָעס געהאַט... ער איז דערנאָך אַפ דער גרענעץ פון עסטרײַכישע זשאַנדאַרמען, פאַר וועלן גאַנווענען די גרענעץ און דורכגיין

---

1 כוזרי — פון רעב יעהודע האַלייווי. „מוירע נעוווּכים" — פון רעב מוישע מײַמאָן (דער ראַמבאַם).

אָנ א פאַס, געשלאָגנ געװאָרנ, און אהײמ איז ער געקומענ א קראַנקער, א הוסטניקער... מע האָט אימ לאַנג מיט ציגנ-מילכ געהײלט, אינ דעריקער אָבער װײל פונ הער נאָמור א קרעפּטיקער, האָבנ די אָפּגעשלאָגענע לונגענ זיכ אימ צוריק פאַרהײלט, און זײנע עלטערנ, צוליבנ נעס, װאָס איז זײער זונ געשענ, האָבנ זיכ פאַרזעצט, פאַרבאָרגט און האָבנ אימ אָפּ לעצטע קאָסטנ זײערע, שײנ מיט א פאַס און מיט הויצאָעס, געשיקט אהינ, װוהינ זײנ יונגטלעכער הורישט האָט אימ געצויגנ.

דערנאָכ האָט ער זיכ „איבערגעקערט“, און שפּעטער איז ער װידער צו דער עמונע געקומענ, אָבער פאַר דער גרײסער מוירע פאַרנ אומגליק פונ אומ-גליבנ, װאָס קאָנ אימ װידער טרעפנ, האָט ער שוינ מער אינ יענע ספאָרימ זינט נישט געקוקט און קײנ מינדסטע מאַכשאָװע פונ זײ צו זיכ ניט צוגעלאָזט. ער האָט זיכ לאַנג נאָר צװישנ די צאַדיקימ פונ זײנ דאָר געזוכט אנ אײנעמ, אינ װעלכנ ער זאָל זיכ קענענ אָנבינדנ, ביז ער איז לעבאָב, פונ אַלע זיבעצײנ און צװישנ אַלע לעבעדיקע פונ זײנ דאָר, צו זײ, צו די בראַסלעװער, אָנגעקומענ.

ער האָט אָבער אויכ איצט אינ גרויס אומרו אינ אינ נישט-זיכערקײט געלעבט, און כאָטש ער האָט זיכ פעסט געהאַלטנ, דאָכ האָט ער פונ שטענדיקער מוירע געציטערט, און טאָמער האָט ער דערויט אַפּ זײנע ליפּנ געהאַט די פאַר-פאַסטע טפילע פונ זײנ רעבנ:

— „ריבוינעשעלוילעמ, — זאָגט די טפילע, — העלפ אונדז אינ באַגליט אונדז צו שטאַרקנ זיכ אינ גלייבנ אינ דיר און אינ דײנע עמעסע צאַדיקימ בעעמונע שלײמע, אינ נישט אַרײנצוגײנ אינ קײנ שום בקירע, אינ נישט אַרײנ-צוקוקנ אינ קײנ שום סײפער פונ די ספאָרימ פונ די מעכאַקרימ, אַפילע בײנ יענע, װאָס עס האָבנ מעכאַבער געװעזנ די גדוילײ-יִסראָעל“.

אָט די טפילע האָט ער געהאַט אַפּ די ליפּנ באַשטענדיק, אופשטײענדיק אינ זיכ לײגנדיק, אינ װענ גײענדיק אינ אַפילע אויכ װענ ער איז צװישנ מענטשנ געװעזנ, פלעגט אָפּט אינמיטנ א שמועס זיכ אָפּקערעװענ אינ אַפּ א װײלע א שעפּטשע טאָנ פונ האַרט.

ער האָט אויכ מיט באַזונדער ברענ, שטאַרקער אינ פלײסיקער פונ אַנדערע, װאָס האָבנ פונ טאָמער אָנ געגלײבט אינ קײנמאָל פונ קײנע ספּײקעס ניט געװוסט, זיכ זײנ נײעמ גלויבנ איבערגעגעבנ און פאַרשײדענע לאַכטנ אירע אַפּ זיכ גענומענ, װי לעמאָשל... װינטער אינ די גרעסטע פרעסט, אינ די פאַרטאָגנ, אינ אײזיקע פאַלאָנקעס זיכ מטױװלענ; אַלע פרײטיק, װענ ער פלעגט שנײדנ די נעגל, פלעגט ער זיכ פאַרקוקנ אינ אַלע פינגער ביז בלוט פאַרשנײדנ, איבעריקע אַא. גרויסע און קלײנע פּײניקונגע פונ נעסט און קערפּער, װאָס אױינע אינ ענלעכע צו אימ פרומע לײט פלעגנ דעמלט אַפּ זיכ נעמענ.

ער האָט אויכ ניט געקוקט אַפּ זײנ גרויס אָרעמקײט, — דײשיט, אָרעמ איבער דעמ, װאָס ער איז געװענ א מעטיפּל, און אויכ דערפאַר, װאָס די שטאָט, די מער רײכערע און אָנגעזעענסטע באַלעבאַטימ, האָבנ, װיסנדיק פונ זײנע פרומ-דיקע קרימע װעגנ, אימ איצט נישט געגלײבט אינ קײנער האָט אימ נײ:

קינד נישט אָנגעטרויט, און ער איז געצווּנגענ געווענ זיכ באַנוגענענ מיט לעצט־אָרעמע און מיט זייער ווייניק; — ער האָט נישט געקוקט דערויפ, און אויב זײַנ ווײַב און קינדער האָבנ נאָכ אָפט וואָס־ניט־וואָס באַקומענ, איז אָבער ער אַליינ מיט נאָר אַ מאַכאָרקע־ציגאַר, ביזנ בויכ אַרײַנ פאַרצויגנ, דעמ טאָג אָפגעקומענ און אַזוי אים אָפגעשטופט. און פאַרנעמענדיק זיכ מיט די ווייניקע קינדער פונ זײַנ קנעלונג, וויפל ס'איז באַשטימט און וויפל אַ מעלאַמעד דאַרפ זיכ פאַרנעמענ, האָט ער די איבעריקע צײַט צווישנ די ווײַניקע פאַרבראַכט, אָפ אָנפירנ מיט זיי, אָפ שטענדיק זיכ געפינענ צווישנ זיי, און מיט אַלעמ, וואָס ער האָט פונ גײַסטיקײַט שפײַז מער געהאַט פונ זיי, מיט זיי זיכ צו טיילנ.

און אָט, פונ אָט די אויסגערעכנטע און ענלעכע צו זיי נישט אויסגערעכנטע, איז די קליינע סעקטע דעמאָלט באַשטאַנענ: אַ גערווידעפטע אינ פונ כאַהאָל דערווײַטערטע, וואָס זעלטנ־ווענ פונ אַנדערע איז ווער אַמאָל צו זיי צוגעשטאַנענ, אויסער, ווי שוינ אויבנ געזאָגט, ס'פלעגט זיכ אַמאָל, פונ ווײַטנ פוילנ געקומענ, אַנ אָרעמ באַלמעלאָכע־באַלעבאָטל מיט אַ זעקעלע געצײַג אַרײַנשמעלנ, און אויסער אויכ, פאַרקערט אַמאָל, אַ מאָדנער ייִד אַ רײַכער, וואָס האָט זיכ פונ רײַכקײַט אָפגעזאָגט, זײַנע אייגענע פאַרלאָזט, גוטס און געשעפטנ, און, איבער עפעס אַנ אינערלעכנ בראָכ, דאַפקע צו זיי, צו די אָרעמסטע און פאַרשטויסענע, אַרײַנגעפאַלנ.

און אָט צו זיי, צו אָט דער סעקטע, איז אויכ לוזי, לוזי מאַשבער, אָנגעקומענ.

אינ דער לעבעדיקער שול (מ'האָט זי גערופנ „לעבעדיקע“, נישט וועלנדיק זאָגנ אָפ אַ שול „טויטע“), וואָס איז געשטאַנענ אויסגעבויט באַמ אַרײַנגאַנג צום אַלטנ מיט־שטאָטישנ בעסוילעמ, און וועלכע האָט מיט אַלע פענצטער געקוקט צומ פלאַצ מיט די מאַצייוועס, האַלב אינ גראָז שוינ פאַרגראָבענע, האָט די סעקטע דעמאָלט איר אָרט פאַר איר מיניענ אָפגעדונגענ אָדער זיכ אײַנגעבעטנ געהאַט.

שאַבעס נאָכנ צפרי, ווענ די שטאָט איז אונטער דער נאָר־וואָס אויפגעגאַנגענער זונ נאָכ געשמאַק געשלאָפנ, זײַנענ זיי, די סעקטע, שוינ אינ שול צונויפגעזאַמלט געווענ.

אַלע נאָכ מיקווע שוינ, מיט נאָכ נאַסלעכע האָר פונ בערד און קעפ נישט געקעמטע; בלאַסלעכע פונ אַ גאַנצער וואָכ שלעכט זיכ שפײַזנ, און אויכ שאַבעס — נישט בעסער און פונ נישט מער האַנאָע; אַלע אינ די איינציקע, נאָכ פאַר שאַבעס אָפגעהיט־געהאַלטענע, כאַפאָטעס פונ שוואַרצלעכנ קאָליר, אָבער פונ יאָרנ אינ לאַנג געטראָגנ, אָפגעריבנ און די גרונט־פאַרב פאַרלוירנ.

און צווישנ זיי אויכ לוזי, וואָס האָט זיכ געשטעלט באַ אַנ אָפגעזונדערט פענצטער, צומ בעסוילעמ אַרויסגעווענדט. ער — רײַכער פונ זיי: אינ דער זײַדענער כאַפאָטע, און זײַנ זומער־מאַנטל פונ מאַרענגע־שטאָפ מיטנ קליינעמ בײַ־טעמטענעמ קעלנערל האָט ער אָפ אַ שטענדער פאַר זיכ ליגנ געהאַט; אינ באַלד

האָט איִם די גאַנצע סעקטע שוין אין טאַלעס מיט דער זילבערנער אַטאָרע דערזען.

אין דאָס האָט אַפּ אַלעמען אַ געוויסן איינדרוק געמאַכט, ווייל כּמעט דער אייִלעט איז שטאַרק מיט זיך אַליין איצט באַשעפטיקט, ווי שטענדיק פאַר'ן דאַווענען, ווען זיי איילן זיך, כּמעט קיינער טרייבט זיי ניט, דעם יאָך פון דער ליבער אַוודע אַפּ זיך צו נעמען; דאָך האָבן זיי איצט, נישט געקוקט אַפּ דער אייגענער פאַרנומענקייט, די אויגן אויך פון אַפּ לוזיג קוקן נישט צוגענומען, און אַלע, פאַר זיך אַליין נישט באַוווּסט אַפּילע, צו זיין זיך געווענדט — צו זייער שטאָלץ, צו דעם נייעם צוגעקומענעם, וואָס, ווי זיי האָבן געוווּסט, איז אויך אַנדערע, ווען ער שטייט צו זיי צו, וואָלטן מיט אים שטאָלצירט.

און באַלד האָט זיך שוין אָנגעהויבן דער געוויינלעכער דאַוון-טומל. אייניקע, אַפּ זייערע ערטער שטייענדיק, אַנדערע, פון אָרט אַפּ אָרט לויפנדיק, האָבן זיך, ווי אינדערלויפן געריסן, ווי פון אייגענעם קערפּער זיך געוואָלט אָפּ-טיילן... אייניקע האָבן פאַר זיך ווי לייטערס געזונגען, און, מיט הענט און פיס צימערנדיק, אַפּ זיי זיך געדראַפּעט, אַנדערע—ווי ווילדע שטרעקעס פאַר זיך האָבנדיק, האָבן זיך אַהין געריסן, און צו זייער רייסן זיך אַהין האָבן נאָך די שול-ווענט געשטערט... און פון אָט דעם רייסן זיך אין קלעטערן איז באַלד די שול פול מיט קוילעס געוואָרן — מיט לעבנדיקע, ווי פון אַ ווערעמל דעם שניידער, לעמאָשל, דעם לאַנגן, דאַרן, וואָס פון מויל איז אים שוין טאָמער אַ קעלט געגאַנגען, נאָר איצט באַם דאַווענען, האָט ער דאָס לעצטע ביסל וואַרעמקייט פון זיך אַרויסגעקריגן, און — אבֿ-אבֿ! — האָט ער אַלע ווילע אויסגע-שריען אין קרענקלעכער אָנמאַכט, ווי זיך קוויקנדיק און קוראַזש זיך אונטער-געבנדיק.

מענאַכעם דער פאַרבער האָט, ווי אַ כּלע אין אַ שטילן אומלויפנדיק, מיט דער איבערשטער האַלב-צעשפּאָלטענער ליפּ די ווערטער, וואָס ער האָט אויס-געשריען, ווי צוריק אַרײַנכאַפּן געוואָלט, ווייל, ווי ס'האָט זיך אים געדאַכט, האָט ער צו ווייניק כּוח באַם ערשטן מאָל זיי אַרויסלאָזן אין זיי אַרײַנגעלייגט.

אַנדערע האָבן, וועלנדיק זיך היץ אונטערגעבן, געפּליעסקעט, אייניקע — מיט אַ פוס געטופּעט, די ריטע — די קעפּ פאַריסן און, ווי געקוילעטע, געשריען, און ווער ס'האָט נאָך קיין קאָל און קיין קויעך ניט געהאַט, איז מיטן פּאַנים צו אַ וואַנט געשטאַנען, און מיט שטיל פאַרדווייקעטע ווילדעניש פאַר איר זיך געשאָקלט, — ווער נאָר מיט אַ האַלבן קערפּער, און ווער מיטן גאַנצן, אין אַלן צוזאַמען האָבן באַגייסטערטע אַלע ווילע אַן אַנדער פּאָסעק פון די גע-הויבענע ליב-פּסוקים אויסגעשריען:

— זינגט, צאַדיקים, מיט גאָט, צו די רעכטפאַרטיקע איז רעכט די לויב"... „זאָל זיין דיין כעסעד צו אונדז, ווי מיר האָבן געהאָפט צו דיר" אאַז"וו.

אַלע צוועלף פענצטער זיינען דעמאָלט צום בעסטן אַרויס צעעפנט גע-שטאַנען. די ניטעריקע, נאָרוואָס אויפגייענדיקע זון, האָט פון אַן עק מיזרעך-האָריזאָנט אַן ערשטן גאָר פאַס ליכט אַרײַנגעלאָזט. די שטאָט איז נאָך

איר ליגנ שלאָפ געשלאָפנ, אונ דאָ, אינ דער „לעבעדיקער“, האָט די קליינע איידע איר סעקטאַנטיש־דערהויבענעמ ווילדנ שאַבעס־געזאַנג שוינ געזונגענ מיט אַזאַ באַגײַסטערונג אונ אַזוי אַנציקט פונ זיכ אַליינ אונ פונ איר אינווייניקסטנ „באַרויִקונג“, אַז דאָס איז זי די ערשטע, וואָס איר טפּילע גייט צום פֿריש־געעפֿנטנ הימל אויפֿ, די ערשטע היינט, אונ אָנהייב שאַבעסדיקנ טאָג, ווי די ערשטע טאָמער אינ אַלע פֿאַרטאָגנ; איבערהויפּט נאָכ היינט באַגײַסטערט, ווענ אַזאַ גרויסער גאַסט צווישנ זיי, א נײַ זיי צוגעקומענער, וואָס, דאַוונענדיק, האָבנ אינ אַלע אונ איינ געהאַט, ווײַל ער האָט זיי מיט אינטערנעמענ אונ ליבע צום לויב.

אונ אָט האָבנ זיי אים געזענ, ווי ער איז געשטאַנענ מיטנ פּאָנעם צום אָפֿענעם פֿענצטער, וואָס קוקט צום בעסוילעמ אַרויס, אונ אָט — זיכ אויס־געדרייעט מיטנ פּאָנעם צום שול אונ צום דאַוונענדיקנ אונ דול־ליפּנדיקנ אוילעמ.

אויב לוזי איז איבערגעלייגט זייער — פונ דעמ, וואָס ער האָט היינט אַזוי פֿרי דאָס באַקוועמע געלעגער פונ רבנס ברידערס הויז פֿאַרלאָזט אונ איז גע־קומענ אַהער, צו אָט דעמ שלעכט־געקליידעטנ אוילעמ, וואָס פונ גרויס אָרעמ־קייט איז אים זײַנ בעט גישט מער, ס'איז אים לײַכט זיכ אויפֿהייבנ אונ דאָס פֿאַרלאָזנ, זיכ פֿעדערנ פֿאַר אַלע, אינ פונ גאַנצפֿרי שוינ צו אַזאַ דערהויבנ־קײַט פֿאַרבאַרייט אונ פֿרייִק.

ער האָט שוינ לאַנג דעמ טאַט פונ אַזאַ טפּילע ניט געפילט, אונ פונ גרויס נאָענט אונ איבערגעפילטקייט האָט אים ליבט אויסגעפּעלט, אונ ער האָט זיכ מיטנ פּאָנעם צום אָפֿענעם פֿענצטער אויסגעדרייט, מיט האַרצ די ווערטער אינ דרויסנ אַרויסגעזאָגט, אינ דערנאָכ, קעדיי נאָכאַמאָל פונ זעלבנ אוילעמ מיטנ זעלבנ זיכ אָנצינעמענ אונ זיכ נאָכ מער צו פֿרייענ, האָט ער זיכ ווידער צוריק צום אוילעמ אונ צו דער שול אויסגעקערט. אַזוי די גאַנצע צײַט אינ מיט־טנ פונ גאַנצנ דאַוונענ, וואָס האָט היפּש געדויערט.

אונ אָט האָט מענ געענדיקט. אונ אַלע דאַוונער, איינע נאָכ מיט די טאַ־ליסנ, אַנדערע שוינ אָנ, מיט אויסגעטאָנענע, האָבנ פֿריִער איידער האָט אַנדע־רע זיכ „גוט־שאַבעס“ אָפּגעגעבנ, דערנאָכ לוזינ אַרומגערינגלט אונ אים אינ אינטערגעפֿראָגנ.

— גוט־שאַבעס, גוט־שאַבעס, — האָט ער אַלעמענ אָפּגעענטפֿערט. דערנאָכ דאָס טאָג. ווי ס'איז בא זיי דער מינהג אײַנגעפֿירט געווענ, געטאַנצט. לאַנג אינ בינ פֿאַרגעסנ זיכ, אפֿנ ניכטערנ האַרצנ, מיט הוילער פֿרייד נאָר, וואָס איז זיי פֿונעמ דאַוונענ געבליבנ; געטאַנצט מיט היצ, מיט ברענ, די גאַנצע איידע קײַלעכיק אַרומ באַלעמער, האַנט אינ האַנט, קאָפּ בא אַקסל, אינ איינער פונ אַנדערנ האָט זיכ ניט געקאָנט אָפּרײַסנ, איינער אָנ דעמ אַנדערנ ווי די וועלט ניט געווענ; — אַזוי לאַנג, ביז דער שאַמעס פונ די איינגלעכע, עטעסע טאַלב באַלעבאַטימ פונ שול, איז אָנגעקומענ, אפּ דער שוועל זיכ באַוויזנ, דאָס רעדל דערזענ, אינ פונ ניט איבעריקער ליבע אונ פונ ווייניק אַכטונג צו זיי, האָט

שוינ, ווי מאָמער, זײַנ באַשטענדיק בייז וואָרט אפ די ליפּנ ארויסצוזאָגנ גע־האַט:

— שײדים...

ער האָט אָבער דאָס מאָל דאָס ניט ארויסגעזאָגט: ער האָט צווישנ זיי, צווישנ אלע אימ שוינ לאנג באַקענטע, אײנעמ א נײַעמ, א ביז אהער ניט גע־זעענעמ, דערזענ — לוזינ, דעמ הויכנ, שטאָלצנ, מיט א גרויס האַדראַס־פּאָ־נעמ; דערצו נאָכ, ניט ווי אלע איבעריקע — רײַכ, אינ דער זײַדענער קאַפּאָ־טע... האָט ער זיכ אָפּגעהאַלטנ, אויסגעוואַרט, אונ אזוי, אפ דער שוועל בלײַ־בנדיק, שפּעטער אייכ געזעענ, ווי נאָכ דעמ, ווי מע האָט דאָס מאַנצנ אָפּגע־שטעלט, האָט מענ ווידער לוזינ אינ א רעדל ארומגענומענ, אונ אײנער, האָט ער געהערט, האָט א פרעג געטאָנ:

— אונ ווער נעמט אפ שאַבעס לוזינ?

— איכ, — האָט זיכ דאָס מאָל מיכל בוקיִער דער ערשטער, פריִער פאַר אלע, ארויסגעהויבנ.

אינ יענעמ שאַבעס איז שוינ לוזי אפנ גאַנצנ טאָג מיכל בוקיִערס אײַרעכ געווענ: — אפ דער שאַבעסדיקער סודע אינדערפרי, אפנ שאַבעסדיקנ שלאָפ נאָכ דער סודע, אפנ קורצנ שאַבעסדיקנ שמועס נאָכנ שלאָפ, אונ אזוי ביז מינכע, ביז ער האָט אימ פארנאכט צוריק געבראַכט אינ דער זעלבער שול אפ מינכע־דאַוונענ אינ פאַר דער קלײנער סעקטע דער „זאָגער" דעמאָלט צו זײַנ.

* * *

מיכל בוקיִער האָט געוווינט ווײַט, ווי אלע קאַפּצאָנימ, אויבנאַן אזא, ווי ער: אינ עק שטאָט שוינ קימאַט, „אפ די זאַמדנ", וווּ זײַנ גאַס, אָדער די גאַנצע פּעדרײדלטע פּיסעמקע גאַסנ דאָרט האָט זיכ געפינענ, אזש וווּ די מאַפּ־שיִמ[1] האָבנ געוווינט, ווײַל ס'איז שוינ ניט ווײַט געווענ פונ שעכטהויז.

זײַנ קלײנ נידעריק הײַזעלע, אינ א טיפנ הויפ פארוקט, האָט מיט די פענ־צטער פונ אײנ זײַט אינ א לײדיקנ גאָרטנ ארויסגעקוקט, מיט א נייטער פונ שלעכט־פארזייטנ גאָרטנוואַרג אינ מיט אײנעמ א בוימ, סאַפעק ווערבע, סאָפעק אנדער מינ, ווײַל קײנ בלעטער האָט ער שוינ קימאַט ניט געהאַט; ארויסגעבויגנ זײַנ מיט שטאַמ געפּנט, גאָל מויל־מעל האָט זיכ פונ זײַנ צעפוילעניש גע־שאָטנ אינ נאָר מילבנ פלעגנ אפ אימ באַשטענדיק מיט מילבישער באַשעפטי־קונג ארויפ אונ אראָפגײנ.

לוזי האָט באַדאַרפט ניט אײַנבײגנ זיכ, קעדײ דורכ דער טיר פונ פאָר־הײַזל אינ שטיבל אַרײַנצוגײנ.

אינווייניק אינ שטיבל — צוויי צימערלעכ. אינ אײנעמ דער אויוונ. אינעמ זעלבנ — א טיש מיט צוויי בענק, וווּ ער, מיכל בוקיִער, קנעלט מיט די קינ־

1 — שינדערס.

רער און ווי איצט אין קעסיידער איז אויב דער קאָכ־ אין עסצימער. נאָכט איינעמ דערבײַ, נאָכ א קלענערס — א שלאָפּצימער.

דערבײַ א ווײַב מיט פינפ קינדער. דאָס ווײַב — א לענגלעכע ייִדענע, מיט א שמענדיק־צעעפנט ברייט מויל. דאָס עלטסטע פונ די קינדער, א מיידל, א געלבלעכנ און מיט קליינע. צוויי נאָכ איר, שוינ היפּשלעכע יונגלעכ פונ 14—16, אַרבעטנ שוינ, איינער בײַ אַנ אײַנבינדער, דער צווייטער דרייט א ראָד בײַ א שלײַפער, די איבעריקע צוויי נאָכ גאָר קליינע, א יונגעלע מיט א מיידעלע.

אָט די גאַנצע מישפּאָכע איז איצט געווענ באַמ טיש אויסגעזעצט. בײַ דעמ טיש, בײַ וועלכנ מיכל בוקיער פלעגט פריִער, איידער ער איז צוגעשטאַנענ צו דער סעקטע, אַלע אָפּערגאַנגט בײַ א הרײַער לעמפּעלע זײַנע כיבורימ שרײַבנ, פונ וועלכע ער האָט זיכ איצט אָפּגעוואָרפנ; בײַ דעמ טיש, בײַ וועלכנ איצט פּרעפנ מיר אימ מיט זײַנע תּלמידימ אמאָל לערנענ טאַנאַכ, דערהויפּט זײַנ באַליבטנ ספר „איִעוו“, וועלכנס שלעק און יעסורימ ער פילט אַפּ זיכ אינ גאַנצנ זיי קעסיידער אָנ, ווי פאַר זײַנע; און לערנענדיק, ווענ זײַנע תּלמי־מידימ אימ אָפּט ווײַנענ — די ווײַטע ווערנ אימ רויט, און אַפּ זײַנע באַקנ רינט א טרער פונ איִעווס און זײַנע בעשטימפּעסדיקע יעסורימ און פונ זייער צוזאַ־מענדיקנ דעמ־טאָג ישעלטנ: „יאבד יום אולד בו“ — זאָל פאַרלוירנ ווערנ דער טאָג, אינ וועלכנ איכ בינ געבוירנ געוואָרנ.

בײַ דעמ טיש איז איצט די גאַנצע מישפּאָכע אויסגעזעצט געווענ, מיט מיכל בוקיער אַלײנ אינ לויז, דעמ באַשעפער אייִדעכ, בעראָש.

בלאָסע כאַלעס, וואָס דער קאַפּצאָנישער אויוונ האָט שלעכט אויסגעבאַקנ, האָבנ באַשײַנט דעמ אָרעמענ טיש, מיט א גלאָב־לײַוונטענעמ טישטעכ געדעקט.

די מײַכאָלימ, וואָס זײַנענ דערנאָכ צומ טיש אויפגעגעבנ געוואָרנ, זײַנענ פונ א „קאַלטנ מאַלעכ“ געקאָכט געוואָרנ, אינ דעריקער, אַפּ שלעכטנ האָלצ, וואָס מע האָט נאָכ דערצו געזשאַלעוועט.

לויז האָט זיכ אָבער זייער גוט געפילט. ער האָט געוואוסט, אַז בײַ זײַנ רײַכנ ברודער מויִשענ, אינעמ גראַמענ לופטיקנ עסצימער, מיט אַלע פענצטער אינ דרײַ אַרויס צעעפנט, וואַרט אַפּ אימ איצט א שטול, איבנאָנ לעבנ זײַנ ברו־דערס טיש, מיט גרויס האַרבאָווע, געשירנ און פוצ; און דאַפקע דערפאַר איז אימ איצט אָט די פאַרדימפּיגנע לופט פונ דעמ אָרעמענ שטיבעלע, דאָ בײַמ אָרעמענ טעלאַמער, מיט דער סמעליע אַפּנ קאָפּ, מיט די נידעריקע פענצטער־לעכ, וואָס יערנ זעלטנ אַפּ לופט געעפנט, ליב געווענ; אויב די אָרעמע מײַכאָ־לימ, דער גראָבער לײַוונטענער טישטעכ מיט דעמ גראָבנ זאַלצ אינ מיט די נעמיינע שמישערבאַמע און קאַליקעוואַטע טעלער און גאָפּל־לעפל.

ער האָט זיכ געפילט גוט, אַזוי גוט, אַז ער געדענקט שוינ נישט, ווענ זײַנ שמענדיק־געשלאָסענע נאַמור זאָל זײַנ־אַזוי אויפגעבונדנ; אַזוי, אַז ער איז איצט גרייט געווענ אָט די גאַנצע אָרעמע מישפּאָכע מיטנ אָרעמענ שטיבעלע מיט אַלע אַרומיגעמענ, אינ זיכ אַרײַנצונעמענ.

ער האָט אַפילע בײַ זײַנ באַלעבאָס, בײַ מיכל בוקיער, וועמעס אויִעכ ער

איז איצט געווענ, אונ בא וועמענ ס'איז זעלטנ־זעלטנ צו טרעפנ אפנ פּאָנעמ אונ אינ די אויגנ א מינדסט, אפילע עטוואָס, וואָס דערמאָנט אינ פריילעכקייט, איצט יאָ פריילעכקייט אונ אפילע מער פונ פריילעכקייט ארויסגעוואָרפנ — דערמיט, וואָס ער האָט זיכ צו די קינדער, צומ גאנצנ הויז־געזינד פאַר דער ווייניקער צייט, וואָס ער האָט דאָ אינ שטיבעלע אונ בא דער סודע פארבראכט, אזוי היימיש זיכ געשטעלט, אזוי ניט געצוווּנגענ, ניט אָנגעצויגנ, אז די שטוב,— האָט זיכ אלעמענ געדאכט, — איז ווי עפעס העכער, גראמער געוואָרנ אונ ווי נאָר מיט לוזינ פול, אונ דאָס שווער־וואָכעדיקע, וואָס הענגט טאָמעד, ווי א רויכ, אפ אָט דער שטוב אונ דריקט אפילע אומ שאבעס, האָט זיכ איצט אָפּגעטראָגנ אונ פארשוווּנדנ.

לוזי מיט מיכלענ מיט די עלטערע יינגלעכ האָבנ געזונגענ זמירעס, אונ די פרוי, דאָס מיידל אונ די יינגערע קינדער האָבנ, פונ האנאָע פארגעניגטע, צו זיי זיכ צוגעהערט.

מע האָט אָפּגעבענטשט. קינדער זיינענ ארויס אינ דרויסנ, אונ עלטערע האָבנ זיכ צוגעלייגט. אויכ לוזי.

נאָכנ שלאָפנ האָט די פרוי אינ גאָרטנ ארויס שאבעס־אויבס אונ בארנ־קוואַס ארויסגעטראָגנ; אויכ א באנק געבראכט אונטער דעמ אויסגעהוילטנ בוימ מיט די ווייניק בלעטער, וואָס מויל־מעל האָט זיכ פונ זיינ צעפוילעניש געשאָטנ, אונ ווי נאָר מילבנ זיינענ באשעפטיקט אַפ אימ אויפ אונ אָפּ געגאַנגענ.

לוזי האָט זיכ אפנ בוימ, אפנ אָרעמענ גאָרטנ אונ אפנ נישער פּעטעט־שלעכט־פארזייטנ ארומגעקוקט. ער האָט געוווּסט, אז צו זיינ ברודער אינ הויפ קומט מענ איצט פונ גאנצ שטאָט, יונג אונ אלט, שפּאצירנדיק, פונ זיינ ברידערס ברונעמ צו טרינקענ. די שטאָט איז אינ ענגישאפט... שאבעס, זומער, גייט מענ אינ ווייטע אָפּגעלעגענע גאסנ שפּאצירנ, ווי אינ זיינ ברודערס, לעמאָשל. די פּאָרטקע פונ טויער שטייט אָפנ, מע גייט אריינ אונ ארויס, אלצ פרעמדער אוילעמ פונ שטאָט. מיכאַלקע בורטשעט, וואָס מע מאכט אימ אָנ א נעצ באַמ ברונעמ, אָבער זאָגנ, אָנשרייענ אַפ עמעצנ איז אימ פארבאָטנ. אונ זיינ ברודערס בנײ־באַיִס געפינענ זיכ אינ גאָרטנ, נאָר אַפ אנדערע בענק אינ אונטער אנדערע ביימער, ווי ער מיט מיכל בוקנער דאָ...

דאָכ איז אימ דאָ גוט אונ ס'אָטעמט זיכ אימ פריי, אונ אנ אָפּנהארציקער אונ גוטמוטיקער שטימ פארבינדט זיכ צווישנ אימ אינ מיכלענ. מע שמועסט אופגעלייגט־לייכט, ברייטער פונ אייגענע איניאָנימ, פונ זיכ אליינ צו ביסלעכ, דערנאָכ פונ דער בעקמע, פונ איר וווּקס אונ צושטאנד, פונ יעדנ איינציקנ מיטגליד אירנ באזונדער. אונ ביידע, סיי לוזי סיי מיכל, צופרידענע אפ דער באנק פארברענגענ, ביז זיי באמערקנ, אז ס'איז שפּעט: דער שטאָט פונ בוימ איז העכער האלב שוינ אינ טונקל, נאָר די סאמע הייכ אונ די קרוינ, וואָס אָנ בלעטער, איז מיט פארנאכטיקער זונ געקריינט, אינ זיי שטייענ אופ אינ זאָגנ זיכ:

— צײַט צו מינכע

און אַז זײַנענ זײ, נאָכ לאַנגע צוריקגײן, צוריק אינ דער זעלבער שול, װי אינדערפֿרי געװענ.

הײַטער דער זעלבער אוילעמ, נאָר נאָכנ שאַבעסדיקנ מאָג אויסגערוטע, אָפּ װײַטער, װי אינדערפֿרי, צו דאַװענענ און װידער אַפּ זײער אויפֿנ גרײטע צו װילדעװענ.

ס'הערט זיכ א ברומ אינעמ פֿאַרמינכעדיקנ פֿינצטער אינ שול, װי פֿונ עפּעס כװעב, װאָס האָנגענ אַלעמאָל אומגעריכט מיט קוילעס אַרויס... זײ האַלטנ זײ נאָכ דערװײַל אינ זיכ, אינ די ביכער, אָבער אינעװײניק גאָרגלט, גולנעט, ברומט, און באַלד, מעגלעכ, װעלנ זײ זײ אויכ מאַכנ הערנ.

מע דאַװנט װידער מיט אַ אומגעלויפֿ, װידער מיט אַ װילדנ שאָקלענ זיכ, װידער קוילעס און אָכצנדיק קװיקעניש, נישט װי בײַ אַנדערע, און װי דער שפּײַגער שטענדיק בײַ שאַבעסדיקער מינכע, װענ דער טאָג אַראָפּגעלאָזט און א טרויער פֿונ צעשײדנ זיכ מיטנ שאַבעס, פֿאַר אַנ ערעװ־קומענדיקער פּראָ־סטער װאָכ, הערט זיכ אינ די טפֿילע־ניגונימ. נײַנ: די צעשײדנ זיכ ניט מיטנ שאַבעס, זײ האַלטנ אים אײַנ, און זײ א גאַנצע װאָכ בײַ זײ שאַבעס.

„דו ביסט אײנער און דײַנ נאָמענ איז אײנער, און װער גאָכ, װי דײַנ פֿאָלק יִסראָעל — אײנ פֿאָלק אַפֿ דער װעלט", — האָט מענ אויכ איצט מיט דער זעלבער היץ־באַגײַסטערונג, װי אינדערפֿריִעדיקע טפֿילעס, גע־זונגענ.

און אַז ס'האָט אָפּגעדאַװנט, האָט מענ װידער, װי דער מינהעג איז און װי עס פֿירט זיכ בײַ זײ מאָמער, שוינ װענ פֿינצטער, בײַ צװײ צונויפֿגערוקטע טישנ אינ מיטנ־[illegible] פֿונ שול דעמ שאַלעסודעס געפּראַװעט. מיט הױלער נאָר כאַלע מיט זאַלץ, מיט פֿרײער זיכ װאַשנ און דערנאָכ בענטשנ, און אינ־מיטנ דער סידע מיט עפּעס עמעצנ „װאָגנ" מעכאַבער זײַנ.

דאָס מאָל האָט דעמ קיבעד, נאַטירלעכ, באַקומענ לוזי, און ער איז גלײַכ מיט זײַנ װאָרט אַרויס — פֿונ איבערגעפֿולטקײט, א שטאַרק באַגלײבטנ אוי־לעמ פֿאַר זיכ האַבנדיק, בײַ צװײ לאַנגע טישנ פֿונ בײדע זײַטנ באַזעצטע.

פֿונ אײנ זײַט, האָט ער געהאַט שאָלעמ דעמ מרענער מיט זײַנ גרויסנ גוף, אינ דער נישט־געװוינטער פֿאַר אימ קאַפּאָטע; און פֿונ דער צװײטער זײַט — דעמ לאַנגנ, דאַרנ איזרעמל דעמ שנײַדער, דעמ פֿאַרשײַט שוינ קימאַט אָנ א גוף, מיט א זײַבער נאָר פֿונ קערפּערלעכקײט. און װײַטער, אינ דער גאַנצער לענג פֿונ טיש, די איבעריקע צו זײ ענלעכע, אַלע קימאַט פֿונ אײנ גורל, מענטשנ פֿונ גרויס אָרעמקײט, פֿונ די מינדסטע האַנאָעס פֿונ דער װעלט קײנ האַנאָע נישט האָבנדיק און פֿונ באַנומענע זיכ מיטנ מינדסטנ.

און לוזי האָט װעגנ דעמ מאַקע, אינ װעלכנ זײַנ גלײַביק־געגאַרטער אוי־לעמ האָט זיכ אַזוי שטאַרק גענײטיקט, איצט זײַנ װאָרט געהאַט: װעגנ באַגנײ־גענענ זיכ מיט װײניק, און אויכ אינעמ װײניק די פֿרײד און דעמ זינגענ צו געפֿינענ.

פון נייטש געווייגט זיינע צו „זאָגנ", איז לוזיג האָם ריידנ אָנגעקומענ שווער, דערפאר אָבער באהארצט, און וואָס אמאָל האָט ער די ווערטער ווי פון אלע א גרעסערער מיט ארויסבאקומענ. און אלע אויגנ און קעפ פונ די באנק מייש זיצנדיקע זיינענ צו אים געווענדט געווענ, און אלע ווילע האָט זיך א זיפצ פון האנאָע פונעט געהערטנ פונ צווייגנ איילעט ארויסגעהערט.

אליינ ואפילע דער שאמעס פונ שיל, וואָס ווי געזאָגט, האָט ער צו דער סעקטע קיינ איבעריקע ליבע נים געפילט און נאָך ווייניק אכטונג, וועלכער איז איצט צו מיטרעווו-דאוונג אינ שיל איגמיטנ ריידנ אָנגעקומענ,—אויך ער, וואָס זעלטנ-ווענ האָט ער זיך אמאָל צו די רייד פונ זיירע „זאָגערס" צוגעהערט, האָט איצט, — דערהערנדיק דעם פרעמדנ, שמאָלצנ ידנ, וועלכנ ער האָט נאָך אינדערפרי אויסגעטיילט און באמערקט, — האָט, נים געקוקט אפ זיינ אימי-אכטונג, אנ אויער צוגעלייגט, איז אפ זיינ אָרט געבליבנ אינ אינ זיינ אמט, אינ זיינ שאמאָסערײַ, און אז ס'איז שיינ שפעט, אינ אז שיינ צייט מעריוו צו דאוונע פארגעסנ.

און לוזי האָט זיינ אידע, וואָס האָט זיך, א ציטערנדיקע, אינ שאַ-בעס-פארנאכטיקנ פינצטער געפינעט, פונ איר פינצטערער ווידקלעבקייט גע-וואָלט ארויסנעמען, פאר איר א ייענ באלויכטנ, אונ אפ ייטער גלייבנ אינ אינ איר דעם ביטאָכנ צו שטארקנ. און דער שאמעס, וואָס איז בא א זייט געשטאנענ, האָט געהערט, ווי נאָך דעם, ווי לוזי האָט פיל גערעדט וועגנ עמי-סע אינ פונקטע רינבקעמנ. וועגנ עמעסע, וואָס מע דארף זיי וויסנ נים זיכנ, מע געפינט זיי אינ זיך, אונ וואָס, אז מע דערפיערנט זיי, דאָט מענ זיי און מע איז מיט זיי זיכער אפ דער וועלט אינ אפ יענער וועלט: אינ וועגנ פיני-מע, וואָס פוסט, וואָס מע זאָגט זיך נאָך זיי, ווי נאָך א שאָטנ, און ווי א שאָטנ פארשווינדנ זיי אינ נישט בלייבנ, — האָט ער לעסאָפ נאָך, קעדיי זיי-נע רייד צו פארשטארקנ, פאר די ווייניקע א מאָשל פונ אנ אלטנ סייפער גע-בראכט אונ מיט אים אויך זיינ רעדע פארענדיקט.

— אמאָל, — האָט ער זיי צום לעצט דערציילט, — ווערט אינ יענעם סיי-פער געבראכט, — איז געווענ א פאָריץ. ווי נאָך ער איז פאָריץ געוואָרנ, אזוי האָט ער זיך אויסגעקלאָזט אינ א ווייט לאנד צו זוכנ פארנאָסע. איז ער אָנגעקומענ אינ איינער א שטאָט פונ יענעם לאנד און דאָט באגעגנט א גע-צנדינער. זאָגט צו אים דער פאָריץ: ווי נאריש איר זייט אינ פארבלענדט, וואָס איר דינט צו די אָפגעטער. זאָגט אים דער געצנדינער: נו, און איר צו וועמענ דינט? — מיר, — האָט געענטפערט דער פאָריץ, — דינענ צו דעם, וואָס שפייזט אלעמענ, דערנערט אלעמענ און וואָס צו אים איז קיינ שיט נאָט נים קיינ גלייבנ. — איז אויב אזוי, — האָט געזאָגט דער געצנדינער, — צי-גייענ זיך און זיינענ זיך סויסער אנדערע ווערטער מיט אנדערע מענטשנ. — פארוואָס? — האָט געפרעגט דער פאָריץ. — דערפאר, ווייל ווענ דאָס, וואָס דו זאָגסט, וואָלט מאקע געווענ עמעס, וואָלסטו האָב פארשפאָרט גיינ אינ אזא ווייט לאנד צו זוכנ דיינ פארנאָסע, וואָלסטו זי האָב געפינענ אינ דיינ איינע-

נער שטאָט אונ אינ דײַנ אײגנ לאַנד. דאָ האָט דער פּאָרעץ ניט געהאַט וואָס
צו צונעמענ. ער האָט זיכ אײַנגעקערט אונ איז שוינ מער פונ זײַנ לאַנד ניט
אַרויסגעגאַנגענ אונ אַפ זײַנ גאַנצ לעבנ שוינ דאָרט פּאָרעש פאַרבליבנ.

דאָס דער מאָשל, אונ דער נימשל איז קלאָר געווענ, אונ לוזי האָט אים
שוינ פאַרשפּאָרט צו דערקלערנ

* * *

ס'איז שוינ געקומענ דער בוידעש עלעל. אינ יענעמ בוידעש איז אײַנגע־
פירט געוואָרנ, אַז יעדער אײנער פונ דער סעקטע האָט באַדאַרפט פאַר א
צײַט, אַלײנ נאָר אינצווײיענ ערגעצ אינ א ווינקל בלײַבנדיק, פונ אַלצ, וואָס
פאַר א גאַנצנ יאָר ס'איז געשענ מיט אים, פאַרנ אַנדערנ רעכענונג אָפּגעבנ אונ
זיכ מיסחאַדע זײַנ.

אינ אָט, אינ אײנעמ אַנ אָפּדערנאַכט, שוינ שפּעט נאָכ מײַרעוו, ווענ אַלע
זײַנענ זיכ שוינ גיכהאַט צעגאַנגענ, איז אינ דער אויבנ דערמאָנטער „לעבעדי־
קער" שול פונ אַלע פריער דאַוונענדיקע צוויי נאָר מענטשנ פאַרבליבנ. דאָס
זײַנענ געווענ מיכל בוקווער אונ לוזי.

לוזי, אינ שפּיגל־באַנק פאַר א שטענדער זיצנדיק, האָט מיכלענ פאַר זיכ
א שטײענדיקנ געהאַט — אינ אַזאַ לאַגע, ווי מע שטײט פאַר א לערער, פאַר
א יעגוזיזער אונ פאַר א זעלישנ געוויסנס־ריכטער: אינ גרויס האַכנאָע, אינ
ווי גרײט אַלע זינע, פאַרנ גאַנצנ יאָר פאַרשלאָסענע, שופלאָדנ אַרויסרוקנ
אינ צעעפענענ, — יענער זאָל אַלצ, וואָס דאַרפ אַנטפּלעקט זײַנ, אָפּנ זענ,
אינ אויב די מעגלעכקײט האָבנ, אויב ער וועט וועלנ, אַלײנ זוכנ, זיכ גראָבנ
אינ אַלצ דאָרט איבערקערנ, וואָס ער וועט צו זײַנ פאָרשנ אונ ריכטנ דאַרפנ.

די גאַנצע שול שוינ דעמלט פינצטער. אינ נאָר דאָס אָרט, וווּ די צוויי
דערמאָנטע פאַרבליבענע האָבנ זיכ געפינענ, איז פונ אײנעמ אַנ אַראָפּהענגענ־
דיקנ שוואַכ־ברענענדיקנ לאָמפּ אינ מיזרעכ באַלײַכטנ געווענ. דאָכ — ווער
באַוואָלט דעמלט אַפילע וועטלעכ אינ מײַרעוו, מיטנ פּאָנעמ נאָר צו מיכלענ
געקערט, געשטאַנענ, וואָלט געזענ, ווי מיכלס וויעס רויטלעכ, ווי טאָמיד,
בײַשאַבנ לערנענ איצט, ער יורעמ פונ איעזים הערהויבענע פּנים אונ לײַד דער־
וואַרעמט. איצט נאָכ מער: ער האָט געוויינט, אינ איבער זײַנע האַרטע באַקנ
זײַנענ אינ דער מאָט־מעשענער באָרד אינ אינ די, ווי טעמערניע אויסזעענדיקע
דאָר טרערנ גערונענ.

אונ לוזי א שטרענגער: ער האָט, מײַסע ריכטער אינ פאָרשער, אײנצט
שולדיקנס געעפנטקײט איצט אַרײַנגעקוקט, געשוויגנ, אײַנגעהערט אינ ווי אַלצ
מער אינ מער בא אים זיכ אופּצועפענענ געפאָדערט.

אינ מיכל האָט, אַזוי שטײענדיק פאַר לוזינ אונ זיכ מיטוואָרע זײַענדיק,
דערצײלט:

— ער איז מיט א פּגאַם... ער איז פונ א שווערער האַנט אָנגערירט, אונ
ווײַל ער האָט זיכ ניט געמיט אינ מיט זיכ אויכ איצט ניט צו זײַנ פריערדיקנ

גלייבן קומען, גיט זיך אים ניט איין. א קלאָלע! ער איז ווי ערגעץ אינעם סאַמע אינעווייניקסטן געשלאָגן. ער פילט, ווי פרעמדע ווינטן גייען אום אין זיין ביינער; ס'האַכט אים, אַז אָט־אָט וועלן זיי זיינע טירן און לאָדן צעעפענען, אַלץ וועט ווערן העפקער, און ער וועט ווערן אויס בעלעבאָס אף זיין אייגנס און דערוואָרבנס: פון זיין הייבער, מיט גרויס שוועריקייטן אים אָנגעקומענער, מאָדרייגיג וועט ער באַלד אף אומעטן אַראָפגעשליידערט זיין, און זי א הונט אף א קייט, פון א פרעמדן קויער מיטגעשלעפט ווערן אהין, וויהין דער פרעמדער קויער וועט אים דאַרפן און וועלן.

ווײַ, ווי ער דאַנגלט זיך! וואָס ער האָט שוין ניט איבערגעטאָן, וויפל פייניקונגען פון גוף און נעפעש שוין — און ס'העלפט ניט.

ער איז זיך מודע: קיין איין מענטשלעכע מיטווע האָט ער נאָך ניט געטאָן, זיי ס'באַדאַרף צו זיין, געבראָכן. פאַרקערט, — פון זיי געבראָכן, באַצוווּנגען און מאָמער אין געהענקעניש. ווי אָט: די מיטווע פון ליבן, לעמאַשל, ווערט בא אים מיט יאָרן און מיט עלטער ניט געשטילטער, נאָר, פאַרקערט, נאָך שטאַרקער. אַז ער גייט אין גאַס, מוז ער די אויגן אַראָפּ האַלטן, קעדיי נאָר ניט צו באַגעגענען, נאָר ניט צו זען, אָבער ס'קריכט אים, וואָס מע מער גייט, ווי פון אונטער דער ערד אַרויס און מאַכט אים זען און זינדיק... ס'דערגייט אַזוי ווייט, אַז ער זעט פאַר זיך מאָמער הוילע, נאַקעטע גאָר, וואָס זיינען אים אפילו אינמיטן טפילע און לערנען מעיואַלבל און מאַכן אים אַזוי אויפגערייצטן, קימאַט ביז אויסגן...

דאָס גלייבן מיט אַנדערע מיטוועס. ווי די, לעמאָשל, צו געלט, צו קאָווער, צו קינע, מיטע אא.

ערגער אָבער פון אַלץ איז די געטונע זיינע אין אַלץ צו לייקענען, יענע געטונע, וואָס דערגייט בא אים ביז דער גרעסטער ליידנשאַפט און וואָס ברענגט מיט זיך פאַרשיידענע פאַר אים פּאָלגן: אָדער ער דערפילט זיך מיטאַמאָל פוסט, אויסגעהוילט, גלייבן דאָס גאַנצע כוועס איז פון אים אַרויס, ס'ווערט אים אַלץ אַלציינס, און גלייבט אַלע פעדעט מיט דער וועלט און מיט דעם, וואָס פירט אָן מיט דער וועלט, ווערן בא אים איבערגעריסן, און ער גייט אַרום, ווי אין אויסערהאַמיהו: אָדער אַן אַנדערשמאָל, פאַרקערט, פילט ער, גלייב ווי א ווילדער הולער וואָלט אין אים געזעסן, וועלכער מאַכט אים ווילדיק אימציק, ברענגט אים צו וועלן פאַרדאַרבן און צו צעשטערן און אַלע אויפצובערען צווימען...

שוין אָפגערעדט פון אזוינע „קליינצייטן“, ווי מאָמער שאַבעס, אַז ער שמייכלט פאַר א ברענענדיקער ליכט, ווייל ער זי פאַרלעשן. ערגער — חי אַז ער איז אַליין אין שול, ווילט זיך אים אָפּט צולויפן צום אָרנקוידעש, דעם פאַרויכעס אַראָפרייסן און, באַסבאַלילע, די „ריינקייטן“ אף דער ערד אַראָפּוואַרפן. ערגער, ערגער — ער קאָן דאָס גאָר פאַרן מויל ניט ברענגען — נאָר ס'האָט זיך שוין אויך געטראָפן, אַז ער האָט געהאַלטן א מעסער בא'ם האַלדז, זיך געוואָלט פון דער וועלט אַוועק פון יענער וועלט אומברענגען: קלוימערשט,

פאַר דער מוירע פאַרג לייקענען, אָבער וואָס איז דאָס דאָך אַליין די גרעסטע פון דער גרעסטער לייקענונג... און דאָס אַלץ איבער זײַן אינווייניקסטן צעשטערטער און פאַרהאַרבער, וואָס ער וועט אים אַמאָל א פאַרשטעלן, ווי אַן אָרעמאַן, בא זײַן שוועל בעטן, און אַמאָל ווי א כײַע אַף דער דרויסן־זײַט פון זײַן טיר הויערן.

און וואָס זאָל ער טאָן, און וואָס פאַר אַן אייצע זאָל ער זיך געבן?

און דאָ איז ער אַף א ווײַלע אַנשוויגן געוואָרן, מיכל, און לויז האָט אַף אים, קעדיי אים ניט צו פאַרשעמען, נישט געקוקט, און דאַן האָט ער ווײַטער פאָרגעזעצט און דערציילט:

און אַט: אַז ס'ווערט אים אַמאָל ענג, אין שווערע צײַטן ווען, גייט ער, ווי אַלע זייעריקע, ווי באַוווּסט, אַפן „פעלד" אַף באַנאַכט אַפן שטאָטישן באַגראָבנס צאַדיקים קייווער צו נעכטיקן, קעדיי דאָרט, אין ליגנדיקע און אין וואַך זײַן, די מאַכשאָווע צו לײַטערן. אין אַלעמען, ווי באַוווּסט, העלפט עס, און אים — אויך דאָס ניט.

אין דאָ מוז ער אים דערציילן פון איינעם א לעצטן מאָל, וואָס ס'האָט מיט אים ערשט ניט לאַנג, נאָך הײַנטיקן זומער, אַפן קייווער האָרט געטראָפן.

ס'גרויזט אים נאָך איצט, זיך דערמאָנענדיק, אָבער ער איז זיך דאָך מיט־שוואַרע און ער מוז אַלץ דערציילן, און ס'מאָר בא אים קיין פאַרהוילנס ניט בלײַבן.

ער האָט זיך, ווי דער שטייגער, שוין שטאַרק שפּעט אין אָוונט, ווען קיין איינציקער נעפעש איז אַפן „פעלד" נישטאָ, אַהין, אין מײַערל, אַרײַנגעשטעלט. ס'האָט נאָר, ווי טאָמער באַנאַכט דאָרט, געברענט איינס א לעמפּעלע, פון מײַערל־שאַמעס געלאָזט. ער האָט זיך גענומען לערנען, מיטן סידער פאַר: לעמפּעלע שטייענדיק. לאַנג, לאַנג און אַף שאָען גאַנצע, ביז ער איז מיד געוואָרן און איז א שטייענדיקער, ווײַט אויס, אַזוי אַנשלאָפן געוואָרן. און דעמלט האָט זיך אים געבאָלעמט:

ער האָט אויפגעהויבן די אויגן און דערזען: די שטאָט, די גאַנצע שטאָט, אין איבערגעקערטן: דער מאַרק מיט די קלייטן. די גאַסן מיט אַלע הײַזער, שולן און באָטמעדראָשים — אַלץ אים איבערן קאָפּ הענגט, און נאָר דער קלויסטער איז אַף זײַן אָרט געשטאַנען. דאָס איבערגעקערטע, פריער נאָר איבערגעקערט, אָבער גאַנץ, ניט גערירט, דערנאָך האָט זיך אַלץ גענומען שיטן: סבוירעס פון קראָמען, כפייצים, זאַכן פון שטיבער און הײַזער, פון באָטמעדראָשים אַלע הייליקייטן אין רייניקייטן — אַף דער ערד צו פאַלן און אין איין באַרג אין אין איין אָנגעהויפנקייט אַלעס. ס'איז שטויב און פאַרשטעניש געוואָרן, און מע האָט ניט געזען גאָרניט; נאָר באַלד, ווײַ, האָט ער דערזען, ווי אויך מייסים פון די קוואָרים פאַלן — ווידער אַפן זעלבן באַרג און אַפן זעלבן אָנגעהויפנקייט, און נאָר דער קלויסטער איז אַלץ אַף זײַן אָרט, ווי געשטאַנען, געבליבן.

אינ א פּינער האָט זיכ אימ פּלוצלינג געוויזנ פונ באַרג, ווי אלצ האָט גע-
נומענ ברענענ, אונ זיכ אלײנ האָט ער בא א זײט פונ באַרג געטראָפנ, מיט
א לאַנגנ שטעקנ אינ האַנט, אונ וואָס פאַר א זאַכ,—א גיכט הײליקע אָרער
יאָ הײליקע, — ס'איז געלעגנ ווײטער פינ פּײַער, האָט ער צעטעשאַרט, קעדײ
דעמ פּײַער שפּײַז צו געבנ, ס'זאָל אלצ ברענענ אינ גאַרנישט גיט אינ דער
זײט בלײַבנ.

אינ דאָס פּײַער האָט זיכ געשטאַרקט. שטיב-זאַכנ, סײפּערטווירעס אינ
בײַנער האָבנ געהאַקט, געדײַבערט אונ געטשאַדעט, אונ ער אלײנ בא דער
זײט האָט אלצ מער אונ מער אונטערגערוקט.

ער האָט זיכ אומגעקוקט אונ פאַרוווּנדערט: וואָס טוט ער דאָ? בא אזא זאַכ
ווי קאָנ ער גאָר בלײַבנ, ביפּראַט נאָכ מיט אײגענע הענט אזוינס צו מאַכנ
אזוינס אפּ זיכ גענומענ?— אונ ער איז פאַרט גיט אָפּגעגאַנגענ, פאַרט גע-
בליבנ, דעמ שטעקנ גיט אויסגעלײגט, געשטאַרט, אינ דער גרויסער אומגע-
הײַערער פאַרשוועכונג א געטרײַער אונ ווי א געדונגענער געדינט.

אינ דאָס פּײַער האָט זיכ נאָכ מער געשטאַרקט. אונ קוילעס, ווי פונ ליכ-
בעדיקע, האָבנ זיכ פונ דאָרט אַרויסגעהערט, אונ ער מעג שווערנ, אז זײַנ
נאָמענ האָבנ די קוילעס אויסגעשריגנ אונ אימ אפּ מאָמעד זײַנ לײַב אינ
זײַנ געבײנ אפּ אלע אײביקײטנ פאַרשאָלטנ. ביז זײ זײַנענ אײַנגעשטילט גע-
וואָרנ, די קוילעס; דאָס פּײַער—אויכ, אינ פינ אלצ איז איש געוואָרנ.

אינ דעמאָלט, ווי, האָט ער פּלוצעמ פונעמ שטײנ-געבליבענעמ קלויסטער
אַרויס, פינעמ אַרײַנגאַנג-טײַער זײַנ צעפּראַלטנ, א ימ, ז ײ ע ר נ, דעמ באָצרי
זיכ באַוויזנ דערזענ. ווי מאָמעד, ווי זײ מאָלנ אימ: מיט א הײליג קאָפּ,
אינ א לאַנגנ פּאָלע-מאַנטל, באָרוועס אינ ווי א פּאַכטעכ פונ שאָפּ האָט ער
אויסגעזענ. אינ ער האָט מאַכע באַר זיכ א גרויסע משערעדע געהאַט, ער—
הינטער איר, אינ א גרויסע משערעדע פּאָרים, אונ די משערעדע איז פונ
שאָפּ, האָט זיכ אימ ליעבאַטבילע אויפגעוויזנ, דערנאָכ פינ מענטשנ, א מא-
סע... א מאַסע.... אונ נאָר ער (מיכל) אײנער פינגווײַטנ, אינ ס'איז אימ א-
געגנט באַפאַלנ, וואָס ער בא א זײט, אינ ס'האָט זיכ אימ זײער צושטײנ
געוואָלט, אונ אנ אינערלעכער שטאַרקער בײשעק האָט אימ אָנגעכאַפּט, אינ
דערצו נאָכ האָט ער, ווי פינ ערגעצ, א ווינק אפּ צוצײשטײנ באַקומענ, אונ
ער איז צו דער משערעדע צו.

אינ פּלוצלינג האָט ער זיכ דערזענ לײַבנ ווי א הונט פאַר דער משערע-
דע, — א פּאַסטעכ-הונט אינ, דאַכט זיכ, מיט א מינ קרוינגל[1] אפּנ קאָפּ,
פאָרויס לויפנ אונ שרײַענ, ווײ:

— א וואָרע, א וואָרע, פאַרנ הײליקנ פּאַסטעכ אונ פאַר דער באַגלײטער
משערעדע...

אינ דאָס דערצײלנדיק, האָבנ זיכ שוינ מיכלענ פונ די אויגנ אינ באָרד

[1] — יעזוס.

ארײַנ מיט׳נ געגאַנגענ, אינ אײנ ליזי האָט זײַנ פֿריערדיקע רו, פֿונ בעשאַפֿ־זיצנ אינ אײַסהערנ, באַרלאָרנ: ער האָט זיכ פֿונ אָרט א הייב געטאָנ, מיכלענ אלײנ פֿאַרנ שטענדער שטײנ געלאָזט, אונ ער אלײנ האָט, א שטאַרק צעשטריי־טער אונ אופֿגערעגטער, עטלעכע טריט אינ מיזרעכ־זײַט אַפּ א געוויסער דיסטאַנצ הינ אונ צוריק דורכגעשפּאַנט. דערנאָכ איז ער ווידער געקומענ צו זײַנ אָרט, ווו ער איז פֿריער אלס גײַסטיקער טומבע, אַפּ מיכלס אלע גײַסטי־קע קרענק אויסצוהערנ, באַפּולמעכטיקט געזעסנ, אונ א גרויסע פֿאַרווונדערינג איז אַפּ זײַנ פּאָנעם, אונ אָט די פֿאַרווונדערונג האָט ער מיט א שטומענ אַקסל־צוקנ אויסגעדריקט אונ אויכ מיט אײניקע האַלבע ווערטער פֿונ זײַנ מויל אַרויסגעבראַכט.

— אזוי, אזוי, אזוינע כאַלוימעס גאָר...

אונ מיכל האָט איצט, נאָכאַמאָל פֿאַר זיכ לוזינ א צוריקגעקערטנ האָבנ־דיק, באַרגעזעצט:

— אונ דעמאָלט ווענ ער האָט זיכ ווי א הונט פֿאַר דער משערעדע לויפֿנ אונ שרײַענ דערזענ, האָט ער זיכ פּלוצעם דערשראָקנ... דער סייפֿער, וואָס ער איז מיט אים, אונ די הענט אים האַלטנדיק, אנשלאָפֿנ געוואָרנ, איז אים פֿלי־צעט אַפּ דער ערד אראָפּגעפֿאַלנ, אונ ער האָט זיכ אופֿגעכאַפּט אונ דערזענ, ווי ער געפֿינט זיכ.

אונ דאָ האָט זיכ געענדיקט די מיר פֿונ מײַערל אונ דער באַשטענדיקער שאַמעס, דער ליכט־צינדער, וואָס קומט אינ מײַערל גאַנצע דרי אונ וואָס ביז פֿאַרנאַכט געפֿינט זיכ דאָרט, איז אַרײַנ אונ האָט אים דערזענ, אונ ווי מאָ־נעט, ווענ ער טרעפֿט גאַנצע דרי אנ אונדזעריקנ, נאָכ א נאַכט דאָרט איבערגענעכ־טיקנ, האָט אויכ אים מיט זידלערײַענ געגימענ טרײַבנ, אונ ער, מיכל, איז אַרויס, ניט באַוווּסטזיניק אַפּילע דעמ כאָלעמ צו באַדענקענ, זײַנ ביזאָיענ אינ דעמ ווײַטעק אַפּ זיכ געמענ.

נאָר ערשט דערנאָכ, שוינ אינ דרויסנ, פֿאַר דער שוועל זיכ טרעפֿנדיק אונ דערזעענדיק, אַז ס׳איז שוינ גרויסער טאָג, אונ אַפּנ האַרצנ איז אים ווײַ־טער געווענ פֿונ דער נאַכט אינ פֿינצטערנ געזעענעמ — איז ער הינטערנ מײַערל אַרײַנטער אונ בא אײנער א בלינדער וואַנט מיטנ פּאָנעמ זיכ געשטעלט, מיט איא געפֿיל, ווי אַפּ בלײַבנ אונ פֿאַרגליווערט ווערנ אונ אַפּ קײנמאָל שוינ ניט אָפּגײנ פֿונ דאָרט. אונ אזוי איז ער טאַקע געשטאַנענ: מענטשנ זײַנענ פֿאַר־בײַ — אונ ער האָט ניט באַמערקט, שאָענ פֿאַריבער — אונ ער האָט ניט גע־הערט. ביז שפּעט שוינ, ווענ זײַנ ווײַב האָט אינדערפֿרי, ווענ די קינדער, זײַנע באַלמיטימ, זײַנענ שוינ געקומענ צומ לערנענ, אונ ווײַסנדיק זײַנ אָרט, ווו ער געפֿינט זיכ, איז אימ נאָכגעקומענ רופֿנ, — האָט זי אים דערזענ אונ אים אײַנ־געווייערט אונ אים אהײמ געבראַכט א פֿאַרבײַשטנ, אונ פֿונ דער נאַכט ווי א שיקערנ אונ צעבראָכענעמ.

— אונ ביז הײַנט, — האָט מיכל ווײַטער דערצײלט, — קאָנ ער זיכ פֿונ יענעמ געזעענעמ ניט באַפֿרײַענ. ס׳ערגערט אימ אונ ער קרענקט דערפֿונ. ער

קאָן אָפּט ניט שלאָפֿן און ליגט איבער גאַנצע נעכט מיט אָפֿענע אויגן, אין ער זעט אָפּט אַזוינע מיעסקייטן באַנאַכט, אַז ס׳איז אים שווער דערנאָך די טעג איבערצולעבן: נישט־גוטע אַף די ווענט, אין דער לופֿט, פֿון דער סטעליע אַראָפּגיין, פֿון דעם פֿאָל אַרויסקומען; מאָסנווײַז, אַמאָל שטילע, נאָר זיך דורכנאַנדווענדיקע, אַמאָל רוישיקע, ווי אַף כאַפּטנע־גייענדיקע; ניכטערע, שי־קערע, מיט קלעזמער און מיט טענץ... און ער פֿילט, אַז ער איז עפּעס אַן אייגענער צו אַט דעם מיעסן געזינדל, אַז מיט רעכט באַזוכן זיי זײַן היים, און אַז אין איינער אַ נאַכט קאָנען זיי פֿון אים פֿאָדערן, ער זאָל מיט זיי מיטגיין, אין זייערע סימכעס און טענץ אָנטיילנעמען, און ביכלאַל אַ זייערי־קער ווערן...

ס׳העלפֿט אים קיין שפּײַען, ס׳העלפֿט ניט קיין שפּריכן זאָגן, ער שפּײַט און שפּרעכט, און זיי טוען זייערס: קומען און גייען, גייען און קומען, אין איין זאַך, פֿילט ער, פֿאָדערן זיי פֿון אים: לעסטערונג. אויב ניט מיט מויל, איז מיט וואָרט, אויב נישט מיט וואָרט, איז כאָטש צוקוקן, ווי אַנדערע, ווי זיי לעסטערן. ס׳איז רעכט אַז זיי קומען אַמאָל מיט „ריינקייטן", ציציקלען זיי פֿאַר אים אין די אויגן און טוען אָפּ מיעסע זאַכן אַף זיי, אַזוינע מיעסע, וואָס ווי די אויגן, וואָס זעען עס, אַזוינע, וואָס פֿאַר קיין מענטשלעכן מויל ניט צו ברענגען, אַזוינע, ווי טיטוס האָראָשע אין זײַן צײַט, און ווי אַנדערע רעשאָים אין אַנדערע צײַטן....

ס׳באַשלאָגט אים אַ שוידער, אַ טויט־אַנגסט — דאָס צוזעענדיק; ער בלײַבט מאַט און אויסן אין ער קאָן גאַנצע טעג דערנאָך צו זײַן רו און צו זײַנע קוי־כעס ניט קומען. ער ווייסט ניט, וואָס ער טוט, ער ווייסט ניט, וואָס מע רעדט צו אים, און אָפּט פֿעלישט ער דערום אין זײַן מעלאַמדישער שעליכעס: לערנט מיט די קינדער ניט, קאָן קיין היילקן סייפֿער ניט זען, און ס׳ווילט זיך אים ווידער צו די יענע, צו די שאַרפֿע כקירע־ספֿאָרים זיך נעמען, צו יענע, וואָס לערנענדיק זיי, קאָן ער טאַקע דעם גלויבן פֿאַרלירן, אָבער צוזאַמען מיט דעם, זיך באַפֿרײַען אויך פֿון אַלע מיעסן און העסלעכן, וואָס הענגט זיך אָן און באַגלייט און לויערט אַפֿן גלויבן.

און דאָ איז מיכל שוין אינגאַנצן אײַנשווײַגן געוואָרן, אין שטיל שטײַנ־בלײַבנדיק, פֿון לוזין ווי אַף זײַן אידעאַל און גורל געוואַרט. און לוזי האָט דעמאָלט נאָך אַלץ אַף מיכלען ניט געקוקט, מיינענדיק, אַז יענער האָט נאָך וואָס צוצוגעבן, אַז ער דאַרף נאָך אין האָט נאָך... אָבער אַז ער האָט דערפֿילט, אַז ניט, האָט ער מיטאַמאָל די אויגן אַ הייב געטאָן און מיכלען אינגאַנצן, ווי גרויס ער איז, מיט אַזאַ בליק אָפּגעמאָסטן, גלײַך ער האָט איצט, קוקנדיק אַף אים, זיך איבערצײַגט אין דעם, וואָס ער האָט נאָך פֿריִער, בײַם מיכל האָט געהאַלטן אינמיטן דערציילן, זיך געטראַכט. אין נעמלעך, אַז נישט נאָר אַ פּגאַם בײַ מיכלען, נישט נאָר לײַכט אָנגערירט, נאָר אַ בראָך, אַ בראָך אַף ניט צום פֿאַרהיילן, ניט צום פֿאַרהעפֿטן, און אַז אַזוינע ענדיקן שלעכט געוויינלעך, אין אויב ער, מיכל, קאָן אַזוי, אין אַז אַף אַזוינע איז זיך ניט

צו בויענ, אזוינע קאָנענ קײנ שוועריקײַטנ פונ קײנ ביניענ ניט אויסהאַלטנ, ווײַל זיי זײַנענ זיכ אַלײנ שווער.

אזוי האָט לוזי געטראַכט, אָבער זאָגנ, נאַטירלעכ, האָט ער דאָס ניט געזאָגט, אונ געזאָגט, פאַרקערט, האָט ער דאָס, וואָס מע זאָגט יאָ, אונ וואָס מע דאַרפ זאָגנ אינ אזוינע פאַלנ: אַפּ צו פאַרגרינגערנ, יענעמ דאָס האַרצ לײַכטער מאַכנ, אונ דערויפ האָט דאָכ לוזי גענוג מיטלענ, ווײַסנ אונ גײַסטיקע דערפאַרונג געהאַט. אזוי, אַז ווער ס'וואָלט אַפּילע פונווײַטנ געשטאַנענ אונ וואָלט אלײנ לוזיס ווערטער ניט געהערט, נאָר וואָלט געקוקט אַפּ מיכלענ בעשאַס יענער הערט זיי, וואָלט גלײַכ געזענ, אַז מיכלס פּאָנעמ באַפרײַט זיכ האָב אַמאָל מער פונ דער שווערמוטיקײַט, וואָס איז די גאַנצע צײַט פונ זײַנ דערצײלנ געלעגנ אַפּ זײַנ פּאָנעמ, אַז זײַנע טונקעלע בורשטינ-אויגנ לײַכטערנ זיכ, ווי אַ נײַע דערלײַכטערונג-הויט קומט אַפּ איִמ, אַ פרישע אונ פאַרגעניגטע, — פונ לוזיס פאַרשטײנ אונ באַנײַמענ זײַנ געמיט, וואָס האָט איִמ איצט, ווי אינ אַ מיפּעניש אַראָפּ, ווּהינ ער האָט אַראָפּגעזונקענ, אַ האַנט דערלאַנגט, אונ פונ אַרײַנגעגעבנ איִמ אַזוינע אײַצעס אונ מיטלענ, וואָס זײַנענ פּונקט פאַר איִמ, פאַר זײַנ שטאַנד אָנגעמאָסטנ, פאַר זײַנע קויכעס זיי צו דערגרייכנ, קעדײַ דורכ זיי אַרויסצוקלעטערנ, זיכ אַרופּהייבנ, אונ ווידער צו דער געבענטשטער, זעלישער מאָג-שײַנ צו קומענ.

אונ דערמיט האָט לוזי פאַרענדיקט.

אונ אינ שול דערמאָלט איז, ווי געזאָגט, אויסער זיי בײדע, אויסער לוזינ אינ מיכלענ, קײנער ניט געווענ. דער אײנציקער לאָמפּ, וואָס האָט אינ מיזרעכ-זײַט, פונ סמעליע אַראָפּהענגענדיק, געברענט, האָט פריִער נאָר אײנעמ אַ שטײענדיקנ, אינ שטאַרקער מאָרעשכוירע, פאַר אַ צווייטנ, זיצנדיקנ, געזענ, דערנאָכ דעמ שטײענדיקנ אַ דערלײַכטערטנ שוינ, אונ פאַרקערט, דער זיצנדיקער מאָרעשכוירעדיק, ווי ער וואָלט מיטנ שטײענדיקנ מיט די ראָלנ זיכ געביטנ.

דאָס איז לוזי, נאָכ דעמ, ווי ער האָט מיכלענ געטרייסט אונ דאָס, וואָס ער האָט איִמ צו זאָגנ געהאַט, אָפּגעזאָגט, אַפּ זײַנ אָרט איצט, ווי אַ געוואָס אײַנגעשעפּטער געזעסנ, — אינ אײַנגעמידטער; ער האָט אויסגעזענ, ווי אײנער, וואָס איז גאָרוואָס אַרויס פונ אַ שווערער מאַסע אָפּצוטראָגנ, אָבער וואָס אַ צווייטע, אַ נאָכ מער שווערערע, שטײט איִמ פאָר, ווײַל געפילט האָט ער, אַז נאָכ מיכלס ווידע, דער נאָרוואָס פאַרגעקומענער, וועט געווויס אונ אַפּ זיכער נאָכ עפּעס קומענ, וואָס וועגנ דעמ האָט ער איצט געטראַכט, אונ צו דעמ קומענדיקנ אינערלעכע באַציִונג אונ שטעלונג שוינ גענומענ.

אָבער די צײַט איז שוינ שפּעט געווענ, אונ לוזי האָט באַדאַרפט אַהײמ גײנ. ער האָט זיכ דערום באַלד אופגעהויבנ, זײַנ מאַנטל אַפּ זיכ גענומענ, אונ ווי טאָמעד ער איז געווינט — פאַרנ אַרויסגײנ פונ שול אונ זי פאַרלאָזנ, צומ אָרנקוידעש צוגײנ, דעמ פּאָרויכעס צו די אויגנ נעמענ אונ איִמ אַ קוש טאָנ. אזוי האָט ער אויכ איצט געטאָנ, אָבער דאָס מאָל האָט ער זיכ באַמ פּאָרוי-

בעט לענגער פארזאמט, אינ מער פאר די אויגנ געהאלטנ, ווי זיכ באראטנדיק מיט אימ אונ בא אימ אנ אייצע פרעגנדיק. דערנאכ איז ער, פונ מיכלען באלייט, פונ שול ארויס.

ס'איז געווענ נאכ זייער א הייסנ טאג אונ דושנעמ אפדערנאכט דעמלט. ערגעץ ווייט, אונטער א ניט=אנגעזעענעמ האריזאנט, האט זיכ געפילט, קלייבט זיכ, — מעגלעכ אפ באנאכט, מעגלעכ ערשט אפ מארגנ, — דער ווארעמווועטער אינ שטורעמ איבערגיינ. אבער דערווייל שטיל אונ אינ לופט נאכ נישט צו מערקנ; פינצטער, אבער די הויכע עלעל=שטערנ האבנ דעמ הימל באלויכטנ, אינ אינ די גאסנ—ווו ניט ווו, אונ עפעס אפגעטראפנ איינס פונ אנדערנ — איינציקע לאמטערנעס.

אונ זיי — לוזי אונ מיכל — האבנ זיכ איצט געלאזט פונ צענטער שטאט, ווו די שול, ווו זיי האבנ פארבראכט, האט זיכ געפונענ, צומ עק שטאט, ווו לוזימ ברודער, מוישע מאשבער, האט געוווינט.

דער וועג איז זיי איצט געלעגנ דורכ גאסנ, געפלעב שוינ אנ קיינעמ, אנ דורכגייער אינ צומ שלאפ שוינ ווי אפגעשטארבענע.

אונ דא איז מיכל, זייענדיק איצט אליינ מיט לוזינ אינ גאס, ווי פריער מיט אימ אליינ אינ שול, ארויס מיט דעמ, צוליב וועלכנ, אייגנטלעכ, איז מעגלעכ דעריבער מאקע, ער האט דאפקע פאר לוזינ אונ ניט פאר קיינ אנדערנ זיינ ווידע האלטנ געוואלט. ווייל נאכ אט דער ווידע האט ער דעמ מיינ אונ אינ זינענ געהאט אימ דאס באלד ווייטער=קומענדיקע צו זאגנ, דאס, וואס אויב לוזי האט זיכ, נאכ אינ שול זייענדיק, שוינ געריכט אונ געגרייט דערויפ.

אונ מיכל האט געזאגט:

— איצט זעט ער דאכ שוינ, לוזי, ווי ער, מיכל, האלט: אליינ א געשלאגענער, וואס האט נאכ מיט זיכ אליינ פיל צו טאנ, הייסט, ווי קאנ ער נאכ פאר פרעמדע אינ אנפירער זיינ, די מאסע פונ אנדערע אפ זיכ צו טראגנ, נאכ אנדערע צו העלפנ, אנדערע צו היילנ, ווענ ער איז אליינ ניט געהיילט? אונ די באדערפעניש אינ אנפירונג איז גרויס, כאטש די „אינדזעריקע" זייענענ ווייניק אינ צאל, אבער דאכ א צאל, אונ ער, מיכל, פילט זיכ ניט פאר באפויגט, ווייל ער אליינ נייטיקט זיכ נאכ ביז נאר=גאר אינ אנפירערשאפט: — אינ אנ עלטערנ פונ זיכ, אינ א מער דערפארענעמ, מער פעסטערנ, בא וועמענ זיכ ער זאל קאנענ שטיינ, אינ יענעמ זיכ אנשפארנ אונ אינ שווערע צייטנ זיינ אייצע צו פרעגנ. אינ, פארשטענדלעכ, וואלט ער אליינ, אינ אלע אונדזעריקע, ווי ער, מיכל, ווייסט, גליקלעכ געווענ אזא, לעמאשל, ווי לוזי, בעראש פונ זיכ צו שטיינ האבנ; ווייל נאכמאל, נישט געקוקט דערויפ, וואס די איידע איז א קליינע, איז אבער, ווי לוזי ווייסט, די שטאט א גרויסע, אונ פיל אנדערע פונ אנדערע סעקטעס וואלט מענ געקאנט, אונ יענע וואלטנ זיכ אייב געלאזט, אריינצוציענ, אינ די איידע אינדזערע אפ פיל פארמערנ. אבער די דארפ מענ זיינ מיט אלע יענע באהייטע מיטלענ, וואס קיינער פונ די

אונדזעריקע, אויסער אים, לוזי, נאטירלעכ, פארמאָגט ניט: ער איז באזונדער ער איז אויכ, ווי מע דארפ צו אזוינע זאכנ, מיט וואָס מע דארפ באהאַנדלענ, אונ צו אים האָלט זיכ דער גרויסער דערעכערעצ געווענ, וואָס צו קיינ אנדערנ, אויסער אים, קאָנ ער ניט זײַנ אינ איז ניט מעגלעכ.

— הא? איז עפּעס וואָלט ער א טראכט געטאָנ, לווי, אונ וואָלט באַשלאָסנ דאָ אינ N בא די זייעריקע אפ אָנפירערשאפט צו בלײַבנ?

— צו בלײַבנ? — האָט לוזי, ווי שוינ פונ פריער ווײַסנדיק אונ נייטיק אינ בעראשט פינגעט פאָרשלאָג, א זאָג געטאָנ אונ גלײַכ אנטשוויגנ געוואָרנ.

— יאָ, — האָט מיכל געזאָגט אונ ווײַטער פאָרגעזעצט, — ווײַל א מילדאָמע קימט דאָ אויס צו האלטנ אפ צוויי זײַטנ: מיט אלע איבעריקע קימעס פונ שטאָט, וואָס זײַנענ, ווי צונויפגערעדט, אונדז צו רווידעפנ אונ אונדז אינצושלינגענ — פונ איינ זײַט; אונ פונ דער אנדערער — מיטנ אלגעמיינעמ, מיט אונדזערנ אינ אויכ מיט זייער בוינע, דער אפּיקאָרסעכ, וואָס וואקסט אינשטארקט זיכ אינ איז גרייט אינגאנצ אונ אויכ אונדזערע פארפאָלגער אופצופרעסנ.

אונ דאָ האָט מיכל זיכ געכאפּט צו די איניאָנימ פונ דער אייגענער טעקמע אומגעקערט אינ דערציילט די שווערינקייטנ, וואָס אים קומט אויס אויסצושטיינ, די פארלײַדנקײַט, אינ וועלכער ער געפינט זיכ אָפט, וואָס ער ווייסט ניט וואָס צו טאָנ אונ ווי זיכ אנ אייצע געבנ.

ווי אָפט, לעמאָשל, איז די לעצטע צײַט צו זיי געקומענ א באָבעלע, גאָר גאָר א יונגער, פונ א ווײַט שטעטל ערגעצ, וועלכער האָט געלײַב, ווי גאָר זיכ באוויינ, גענומענ ויינענ. ווײַנט אזוי האיעמ, אונ מע קאָנ אים ניט באַרויקנ. וואָס איז די מעשה? ער האָט זיכ פונ קינדהווײַז אָנ דערצויגנ אינ איינ שטוב מיט א שטיפשוועסטערל, אינ אז בײדע זײַנענ עלטער געוואָרנ, האָט זיכ ווײַזט אויס, מיט זיי עפּעס געטראָפנ... וואָס — זאָגט ער ניט, נאָר איבערדעמ האָט ער די שטוב פארלאָזט, זײַנ שטאָט, ער איז א צײַט צופוס געגאנגענ, ביז ער איז געקומענ אהער, אינ, קימענדיק, האָט ער צו אונדז געטראָפנ. אינ די גאנצע צײַט האָלט ער איינ אינ ווײַנענ—באטאָג, באנאכט, אונ ווענ מע טוט נאָר א קוק אפ אים, איז ער אינ טרערנ. אינ אז מע טרייסט אים אינ מע זאָגט אים: „דער איז, משוגע אינ באראָטע הערלפט"... ווײַנט ער נאָר שטארקער, זאָגט: ניט דאָס, ניט דערפאר, נאָר ער האָט מורא פאר א נײַער עוויירע, ווײַל דער קאָפּ איז אים אינ עוויירע...

צי אָט, לעמאָשל, אנ אנדער זאכ, איינע פונ פיל, וואָס מאכט זיכ: אידעמל דעמ שניידערס ווײַב קומט אונ קלאָגט זיכ: איזורעמל איז איר שוינ לאנג קיינ מאנ ניט, קימט ניט צו איר, באפוילט זי ניט, ווי דער שטייגער אינ ווי דער דערעכ האַיילעמ... נאָר מיילע, איזורעמלס ווײַב, ווי איזורעמלס ייינ: זי קומט שטיל, וויינט שטיל אונ גיט אזוינ א שטילע. אָבער אָט איז טיינ וועלביקנ שאָלעמ דעמ טרעגערס ווײַב געקימענ, א ייִדענע שוינ גאָר אנ אלטערע, מיט קיילעס אינ פּיינעס: „וואָס האָט איר מיר, שרײַט זי, מײַנ שאָל-

מיט טאַרביטנ, וואָס פאַר א קישעפ אָפּגעטאָנ, וואָס פונ אימ געמאַכט? קיינ פאַרגאָסענע ניט, קיינ ווײַב אויכ ניט, איז וואָס וויל ער — א ציג אינ בעט אַרײַנ?" אונ זי ליאַרעמט, מאַכט גיוואַלדנ, מע זאָל איר איר פרוועדיקנ שאָלעמ אָפּגעבנ, מיר זײַנענ שולדיק, אַניט וועט זי בערד אויסרײַסנ אונ אינ אַלע גאַסנ שרײַענ.

אינ דאָ, דאָס דערציילנדיק, האָט שוינ מיכל געשמייכלט אונ אויכ לוזי מיט אימ.

זיי זײַנענ שוינ דעמלט נאָכנ פאַמעלעכנ שפאַצירגאַנג דורכ די שטאָט-גאַסנ אַפ דער שטילער הילצערנער בריק אַרופגעקומענ, אַפ דער, וואָס פאַרייניקט בײדע שטאָט-טײלנ, דעמ אײבערשטנ מיט דעמ אונטערשטנ, אונ וואָס פירט אַפ דער גאַס, ווו לוזי האָט צו זײַנ ברידערס הויז באַדאַרפט.

אַפנ בריק איז דעמלט, איבער דער שפעטער שאָ, שוינ קיינעמ אונ גאָר-ניט צו באַגעגענענ געווענ — קיינ דורכפאָרער, דורכגייער; נאָר צוויי לאַמטערנעס — איינער באַמ אָנהייב בריק, דער צווייטער באַמ עק — האָבנ א שוואַכלעכנ שײַנ אַפנ מיטנבריק אַרופדערלאַנגט, אינ אויכ אַפ בײדע ברעגעס האָבנ זיי זייער געבראָכענע אָפשפיגלונג אינ וואַסער געפונענ.

דער טײַכ איז נאָכנ הײסנ טאָג געלעגנ א לינדער, א באַרוטער. קיינ ווינט האָט זײַנ אײבערפלאַכ ניט געדונצלט אונ דעמ מיטשערעט באַ די ברעגעס אינ ערגעצ ניט שאָרכנ געמאַכט. די שטערנ פונ הימל האָבנ זיכ נאָכ אינ וואַסער גאַנצ אינ גלאַט אָנגעווענ, אונ יעדער ס'איז דעמלט אַפנ בריק געגאַנגענ, איז אויכ אימ פונ דער שטערנ-שײַנ אינ וואַסער-מענוכע א געוויסער בײלעק אַראָפגעפאַלנ.

מיר מיינענ אונדזערע צוויי דורכגייער דעמלט, וואָס איינער פונ זיי, מיכל, האָט זיכ איצט, נאָכ דער ווידע, געפילט, ווי פונ א גרויסער היצ אַפ דער פרישער לופט געקומענ, א באַפרײַטער אינ דערפרישטער, אינ דער אַרומ — דער בריק, דער טײַכ, דאָס אָוונט-וואַסער אונ די געשטילטע ברעגעס — האָבנ אינ אימ דעמ גלויבנ אינ זײַנ באַנײַונג אינ דערפרישונג נאָכ מער געשטאַרקט; אינ אויכ לוזי אופגעלייגט אינ דערפרישט דערפאַר, וואָס ער האָט אַזא אַנדערנ, א צווייטנ געשטאַרקט, כאָטש ער אַליינ איז איצט מיט נאָכ איינעמ א געדאַנק פאַרנומענ געווענ, מיטנ געדאַנק וועגנ דעמ, ווי אַזוי צו לייזנ די פראַגע פונ בלײַבנ צי ניט בלײַבנ, אינ וואָס מיכלענ צו ענטפערנ, ווענ יענער וועט אימ, איצט אָדער שפעטער, אַפ זײַנ ענדגילטיקנ באַשלוס פרעגנ.

אינ אַט אַזוי זײַנענ זיי שוינ דעמ בריק דורכגעגאַנגענ אינ אינ יענער גאַס, וואָס באַלד נאָכנ בריק, פאַרקערעוועט, ווו לוזיס ברודערס הויז האָט זיכ געפונענ. אינ דאָ האָבנ שוינ בײדע מיטאַמאָל עפעס אינ די פאָלעס פונ זייערע קליידער א קילקײַט דערפילט: ערגעצ ווײַט אינ א הימל-עק, וואָס אינ דאָרעמ-מיזרעכ-זײַט פאַרשטעקט, האָט זיכ דער האָריזאָנט געבראָכנ, געשווינדלט אונ געבליצט, אינ כמאַרעס האָבנ זיכ דאָרט — נישט צו וויסנ אַפ געוויס צי אַפ [illegible], צי אַפ נישט — אַפ באַנאַכט געקליבנ. אונדזערע דורכגייער האָבנ

זיכ דערומט שוינ אומגערעגעלט, אונ ווענ זיי זײַנענ צו מוישע מאשבערס הויפ געקומענ, האָבנ זיי זיכ, פארנ געזעגענענ, נאָכ אפ א ווײַלע נאָכ פאר דער פאָרטקע פארהאלטנ, קעדיי זייער שמועס צו פארענדיקנ, אונ צומ סאַמע שמועס האָט מיכל מאַכע ווידער לוזינ אינ פריערדיקנ דערמאָנט, אונ אײַלנדיק מיט א לעצטער פראגע זיכ צו אימ געווענדט:

— הא? איז ווי מיינט ער, לוזי, מיקויעכ דעמ, וואָס ער, מיכל, האָט אימ פאָרגעלייגט?

— מירנ זענ, מירנ באטראכטנ, — האָט אימ דערופ לוזי געענטפערט.

אונ דאָ האָבנ זיי זיכ שוינ געזעגנט, זיכ „א גוטע=נאכט" געזאָגט. מיכל איז מיט א פארהויבענער פאָלע פונ ווינט, ווי א אײַלנדיקער, אפ א לאנגנ וועג, אפ ציריקוועגס צו זיכ אהיימ אוועק, אונ לוזי האָט גלײַכ די פאָרטקע געעפנט אונ באלד אינ הויפ צו זײַנ ברודער שוינ ארײַנ.

* * *

אַז לוזי איז ארײַנגעקומענ אינ שטוב, איז שוינ אינ עסצימער פונ זײַנ ברודערס בײַ=טאָגס קיינער דעמאָלט ניט געווענ: שוינ שפעט, אונ דאָס מאָל האָט זיכ אפילע גיטעלע, מוישעס ווײַב, אפנ מאנס ברודער, אפ לוזינ, נישט דערווארט, אונ ווארטנ געבליבנ איז אליינ נאָר מוישע.

אינ צימער איז, ווי אלעמאָל אינ דער צײַט, נאָכ א שפעטלעכנ וואָכעדיקנ אפערנאכט, געבליבנ א געוויסער סאָרט לופט — פונ א גאנצער ריי פארשיידענע מענטשנ אופנעמענ, ווי אָנגעשטעלטע, וואָס האָבנ אינ מוישעס געשעפט געדינט, וועלכע פלעגנ קומענ פארנ טאָג אָפגעבנ רעכענונג אונ נעמענ פאראָרדענונגענ אפ ווײַטער, אפ מאָרגנ.

כ'פלעגנ קומענ געעמאָנימ=קאסירער — סאָליד אונ זויבער געקליידעטע, מיט איידעלע הענט, מיט פײַנעמ לאָשנ אונ מאנירנ, אונ אויכ פראָסטע אָנגעשטעלטע, וואָס האָבנ אינ די געשעפטנ געטאָנ די גראָבע ארבעט, וועלכע האָבנ אינ אָוונט עטוואָס נאָר דעמ באטאָגיקנ ברודיקנ הוילעב געביטנ, אָבער מיט שלעכט=געוואשענע הענט, אונ וואָס דערומ האָבנ זיי זיכ געפילט געענגט אונ זיכ געהאלטנ ניט איבעריק פרײַ.

דאנ אויכ אנדערע: סאָכרימ אונ מוישעס זײַנ=גלײַכנ, וואָס פלעגנ קומענ ייעגנ אלטע, שוינ פאראנענע געשעפטנ; אויכ מעקלער, וואָס קומענ אופגעבנ נײַנ, אינ פראָמילניקעס — ווענג געלט געבנ אונ נעמענ אאוו.

מוישע מאשבער האָט טאָמער אינ יענער שאָ אויסגעזענ א ביסל מיד=בלאס. אונ א לײַכטע וועטשערע האָט אפ אימ געווארט נאָכ אָט די אלע שמועסנ מיט מענטשנ אונ נאָכ די פארשיידענע אופנאמענ — אפנ אָפגעראמטנ טיש, אפסנײַ פארשפרייטנ, אונ אויכ צו איר, צו דער לײַכטער, פלעגט ער זיכ ניט מיט איבעריקנ כיישעק נעמענ אונ, ווי געזאָגט, א מידלעכער זיכ זעצנ.

אזוי אויכ דאָס מאָל. אז לוזי איז אינ עסצימער ארײַנ, האָט ער געטראָפנ

מוישען אנ אנגעמידטנ און שוינ צום שלאָפנ גענייגטנ, אפ אים נאָך מיט דער וועמשערע ווארטנדיק. ער האָט זיכ דערום ניט איבעריק געזאמט, לוזי: זיכ געוואשנ, און אויכ ער האָט זיכ צום טיש געזעצט.

און בײַם טיש האָט זיכ צווישנ אים און זײַנ ברודער, ווי בײַ ביבלאָל אינ דער לעצטער צײַט, א האלב־קאלטער, זײַטיק־אָפּגעבערעמטער שמועס פארבונדנ, ווי נאָך פונ יענע וועגנ, ווי נאָך קעדיי דאָס אומאָנגענעמע שווײַגנ און הערירער, קעדיי טאָב־איניאָגים אויסצומײַדנ.

מוישע האָט בײַ לוזינ וועגנ זײַנ טיעבצ און זײַנע הדאָבימ ניט געפרעגט, ווײַל ער האָט, אויב נײַשט פרעגנדיק, געוווּסט; און אויב לוזי, פונ זײַנ זײַט— יענ זײַנ ברודער וואָלט אפילע יאָ געפרעגט, וואָלט ער פונ ענטפער זיכ אויב־געדרייט, קעדיי אינ לאנגע וויקיבימ ניט ארײַנ, פונ וועלכע, ווי ער האָט גע־זוכט אינ איז זיכער געווענ, אז דער ברודער וואָלט פונ זיי ווידער א באווו־נער אינ א פארשעמטער אריב. און דאָס האָט לוזי ניט געוואָלט.

דאָס איינציקע, וואָס מוישע האָט איצט אינ זײַנ זײַטיק־אָפּגעבערעמטנ טאָג יאָ פאר מעגלעכ געהאלטנ צו פרעגנ, איז געווענ דאָס, וואָס, „ווי רעבנט ער, לוזי, אייזי די יאָמיטנויאָנט דעינגעטמערנ זיכ, און די יאָמיטניינ צו פארבלײַבנ — דאָ, אינ א, צי ער פאָרט, ווי אלע זײַניקע, אפ יענע זײַנ אהינ, קיינ אומאַנ, אפנ „ציונ“ [1].

דערויפ האָט לוזי אים געענטפערט:

— דאָרט, אפנ „ציונ“.

— נו, און דערנאָכ? — האָט מוישע ווידער געפרעגט.

— אהער צוריק, — האָט לוזי געענטפערט.

— צוריק?

— יאָ, אפ דאָ צו זײַנ אינ אפ שטענדיק שוינ צו פארבלײַבנ.

דערבײַ האָט מוישע געוואָלט די אויגנ אופהייבנ, א שטארק פארווּנדער־טער, און לוזינ א קוק צו טאָנ, אים באטראכטנ, און עפּעס אויב נאָכ א פאָר־ווערטער אים צו פרעגנ, קעדיי זײַנ לעצטנ ענטפער בעסער צו פארשטיינ... נאָר אינ דער מינוט האָט זיכ פליצעם פונ דער שוועל פונ עמעצ עפּעס א קאָל דערהערט, וואָס האָט זיכ אינ שנעל־באוואכטינ שטיל־ברודעריש שמועס ארײַנגעמישט, און אומגעריכט א זאָג געטאָנ:

— אפ שטענדיק בלײַבנ? אײַ, ניט טאָרע, וואָס אפ שטענדיק...

און דאָ האָבנ בײַדע ברידער מיטאמאָל דערשראָקענע די אויגנ צו דער טיר אופגעהויבנ און הערזענ:

פינקט אפ דער שוועל, אינ באָלעל פונ דער טיר, איז געשטאנענ א ני־דעריקלעכער פארשוינ, א שלעכט־אָנגעטאָנענער. א יונגער נאָכ, בײַ די דרײַסיק, אָבער פונ דער שטארק בלאָנדער באָרד, דער נײַשט־געקעמטער, און פונ אָפּגעלאָזענעמ אינ אָרעמענ הוילעב, אינ דעריקער פונ די צוויי קליינע שטאר־

---

1 — אפנ רעבנס קייווער.

טאַפּינ שווארצאפּלענ, וואָס האָבנ זיכ באזונדערס, גײַסט ווי בא אנדערע מענטשנ, שטארק אויסגעשפּילט פונ די ווײַסלעכער, איז זײַנ עלטער נישט צו דערקענענ: מעגלעכ, גאָר יונג און נאָכ דער הײַלעכ פארענדערט אימ, מעג־לעכ, אויכ עלטער, נאָר די אויגנ קוקנ אימ יונג.

דאָס איז געווענ אלטער, דער דריטער ברודער מאשבער, וואָס שוינ באלד נאָכ ערשטנ בליק איז צו זענ געווענ:

נישט קיינ ברודער, נאָר אנ אומגליק: אנ אומנאָרמאלער, וואָס כאָטש דאָכ מויל איז בא אימ זיסלעכ, אינ שמייכלט טאמעוואטע, אָבער דער קאָפּ, די אויגנ אינ דער שטערנ, ווי דורכ שטארקע שטורעמס דורכגעגאנגענ: דער שטערנ הארט, הארב און ווי נישט איינמאָל אינ א וואנט זיכ געקלאפּט, און נאָך דערהײַל זיכ נישט צעקלאפּט; אינ די אויגנ — כאָטש אפּנ ערשטנ בליק גוטמי־טיקע, אָבער אויכ אזוינע, וואָס קאָנענ אזוינס באווײַזנ, אז נישט נאָר קליינע קינדער, נאָר אויכ גרויסע זאָל א ציטער אָנכאפּנ און זיי זאָלנ פונ זיי אנט־לויפנ אפּ מײַלנ.

* * *

און דאָ מוזנ מיר זיכ איבערײַסנ אינ אונדזער דערציילונג פארהאלטנ, כדיי זאָגנ א פּאָר ווערטער וועגנ אלטערנ און וועגנ זײַנ לעבנס־ביאָגראפיע.

כאָטש, מעגלעכ, נישט דאָ איז דאָס אָרט, און מעגלעכ, אז בכלל איז קיינ אָרט פאר אימ, פאר אזא, וואָס אקטיוו אינ דער דערציילונג ווירקט ער נישט און קאָנ נישט ווירקנ, און מיר וואָלטנ אימ אינגאנצנ געקאָנט פארבײַגיינ אָדער ווי־נישט־ווי נאָר דערמאָנענ. מיר האָבנ דאָכ נישט אזוי געטאָנ און נאָכ דאנענ וישעוו־הארדאס אימ ארײַנגעפירט און ווילנ זיכ אפּ אימ דאָ עטוואָס לענ־גער פארהאלטנ, מאכמעס, אויב אפילע קיינ אקטיווע ווירקונג נישט, אָבער האָב א ווירקונג האָט ער געהאט, אליינ שוינ מיט זײַנ זײַנ און געפינענ זיכ אינ יענעמ הויז, וועגנ וועלכנ ס׳גייט בא אונדז די רייד דאָ; אליינ שוינ דערפאר, וואָס ער איז אנ אייגענער פונ יענעמ הויז, און וואָס בלויז איז נישט קיינ וואַ־סער, און מיר רעכענענ, אז דער פארשער וועט אינ א צווייטנ אָדער א דריטנ דאָר בא איינציקע פונ די שפּעטערדיקע מישפּאָכע־מיטגלידער, מעגלעכ, דאָכ יענע־נישט־יענע א קליינ זוימענ־קערנדל אויכ פונ יענער קרענקלעכער יערושע געפינענ, וואָס אינ דעמ דאָר, וועגנ וועלכנ מיר ריידנ דאָ, איז זי, צומ גרויסנ אומגליק, אינגאנצנ אפּנ כײלעק פונ איינעמ נאָר, אינגאנצנ אפּ אלטערס כײ־לעק אויסגעפאלנ.

איז, אלזאָ, וועגנ אלטערנ.

* * *

ער איז געבוירנ דער מיזיניק, דער יונגסטער אינ לעצטער בא די עלטערנ פונ מוישענ אונ לוזינ. ווענ נאָכ נאָר א פּיצעלע — נאָרמאל און נאטירלעכ געוואקסנ, ביזנ כײדער ארײַנ, דה. ביזנ לערנענ, — ווי אלע קינדער. נאָר אינ

כײדער שוינ האָט מענ שוינ גלײַכ באַמערקט: ער קוקט ניט אַפ וואָס מע ווײַזט אים, האַלט די אויגנ אַרויס פונ סידער, אינ וועלכנ מע לערנט אים, אונ אַז מע זאָגט אים: „זאָג אַנ אַלעפ“, זאָגט ער נאָכ: „זאָג אַנ אַלעפ“, — „זאָג אַ בײס“, — דאָס זעלביקע: — „זאָג אַ בײס“.

מע האָט די ערשטע צײַט געמײנט: ס'מאַכט זיכ, צעשטרײַט, אַ קינד אַזאַ, אָבער, סאָפּקאָלסאָפּ, וועט ער זיכ בעסערנ, אויפמערקזאַמ ווערנ. דערווײַל האָט מענ זיכ מיט שווערינקײַטנ געטרײסט אַ יאָר, סײַ די ראַבײַמ, סײַ די עלטערנ, אונ אויכ מער פונ אַ יאָר, דערנאָכ האָט מענ דערזענ: נײנ, אונ מע האָט דאָס קינד גענומענ דאָקטערנ, הײלנ מיט פאַרשײדענע מיטלענ פונ יענער צײַט — סגולעס, שפּרוכנ אונ אוכדוימע.

ס'האָט ניט געהאָלפנ. עלטערנ פאַרצווײפלט. אָבער ס'ניט צו מאַכנ: דאָס קינד וואַקסט מאַט אונ גײַסטיקער קריפל. שוינ געהאַט זיכ מעיאַעש געווענ. נאָר פלוצעמ, שפּעט שוינ, צו זיבנ יאָר אַנ ערעכ, האָבנ זיכ אינ אײנעמ אַ שײנעמ טאָג באַמ קינד די אויגנ ווי איבגעלײַטערט, באַזיניקט געוואָרנ אונ דאָס קינד האָט עפּעס שאַרפער, ווי אַלע קינדער, צו אַלעמ דעמ, וואָס קומט פאָר אַרומ דעמ, זיכ גענומענ צוקוקנ אינ צוהערנ, אינ מיט אַזאַ דורשטיקײַט, גלײַכ ווי ס'וואָלט געוואָלט אָנייאָגנ די פריערדיקע דורכגעלאָזטע יאָרנ.

מ'האָט דאָס גלײַכ דערזענ, אינ באַלד געוואָלט דאָס דורכגעלאָזטע צו פאַריכטנ: מעלאַמדימ פונ די בעסטע געדונגענ, אונ דאָס קינד האָט ניט געלערנט, נאָר געשלינגענ; וואָס אַנדערע פאַר אַ כײדעש, —ער פאַר אַ טאָג, וואָס אַנדערע פאַר אַ יאָר, — ער פאַר אַ כוידעש; דער קאָפּ — שאַרפ, פײַנקײַטנ—גוואַלדיקע, אַזוי אַז ראַבײַמ מיט עלטערנ האָבנ זיכ וועגנ דעמ, דעמ קינד קײנ אײַנאָרע ניט צו געבנ, שטילערהײט געסודעט, אונ כאָטש עלטערנ האָבנ פאַר אַנ דער שאַרפקײַט אונ אויפגעטפײַקײַט, נײשט וויסנדיק פאַרוואָס, איצט נאָכ מער, ווי פריער פאַר דער אומפײַקײַט אונ אָפּגעשטאַנענקײַט, געציטערט, דאָכ האָבנ זײ מיט זײנ וווּנדערלעכנ וווּקס זיכ געפרײַט אינ אַ גרויסע צוקונפט אימ פאָרויסגעזענ.

אַזוי זײַנענ אַוועק יאָרנ. דער יונגערער ברודער האָט שוינ ווײַט איבערגעיאָגט די עלטערע ברידער אינ לערנענ, פלײַס אונ אינ יענצײַטיקנ ווײַסט אינ פאַרפּילקומינג. אינ נײשט נאָר די ברידער, נאָר אויכ אַלע אַנדערע זײַנ גלײַכנ, וואָס דאָס איז גלײַכ אַפ גאַנצער שטאָט אינ אַרומ דער שטאָט באַוווּסט געוואָרנ.

נאָר פלוצעמ, צו זיבעצנ יאָר שוינ, האָט מיט אימ ווידער עפּעס געטראָפנ: ווידער אויסגעלאָשנ, אונ ווי אינ מויעכ בא אימ וואָלט עפּעס אײנער אַ פאַדעמ איבערגעברענט...

דעמאָלט איז דער צאַר פונ דער מומער (דער פאָטער איז שוינ דעמאָלט ניט געווענ), פונ די קרויווימ אונ אײגענע גוואַלדיק געווענ. מע האָט זיכ דערימט מיט אײגענע, הײמישע דאָקטוירימ שוינ ניט באַגנוגנט, מ'האָט זיכ מיט אימ ערגעץ אינ אַ ווײַטער רוסישער הײפּטשטאָט אויעקגעלאָזט, צו אַ גרעסטנ

אינ באַוווּסטזײַנ אינ יענער צײַט דאָקטער, אָדער פּראָפעסאָר, אונ יענער,—האָט מענ דערנאָכ וועגנ דעמ אינ דער מישפּאָכע דערציילט, — האָט זיכ פריִער לאַנג וועגנ אַלמערס יוגנט דערפרעגט, וועגנ זײַנע קינדערשע שלאָפקייטנ אונ כוליאַסנ, אונ א ווײַלע האָט ער זיכ מיט איינער א דערציילונג פונ דער מוטער פאַראינטערעסירט, וואָס זי האָט דערציילט, אַז איינמאָל, ווענ ער איז נאָכ גאָר א פּיצעלע געווענ, איז ער אײַנגעפאַלנ, א גרויסע היצ האָט אימ אינ קאָפּ א שלאָג געטאָנ, האָבנ היימישע דאָקטוירימ געהייסנ שטעלנ פּיאַווקעלעכ אונטערנ אייער, האָט מענ געשטעלט, אונ מע האָט זיכ, האַכט זיכ, פאַרלאָזט אַפּ א דינסט, וואָס האָט בא אימ געוואַכט, אונ יענע האָט זיי ניט צו דער צײַט אַראָפּגענומענ... דערנאָכ האָט דער פּראָפעסאָר אַפּ די עלטערנ זיכ גענומענ דערפרעגנ, ווער דער פאָטער געווענ, פונ וואָס געשטאָרבנ, אונ פּונקט געפּלאָנטערט, נישט קלאָר דערציילנ אַפּ א פרעמדער, אומבאַקאַנטער שפּראַכ דער מוטערס, האָט דער פּראָפעסאָר דאָכ פאַרשטאַנענ, מיטנ קאָפּ גענומענ שאָקלענ, באַדויערנ:

— אַכ, אַזוי, אַזוי, גאַוויג, אַסקעט...

אונ די מוטער איז פונ אימ, ווי פונ דער לעצטער רעטונגס-סטאַנציע, נישט קיינ געטרייסטע אַוועק, נישט נאָר אַפּ איצט, נאָר מיט קיינ צוזאָג ואפילע אינ דער צוקונפט אַפּ מעגלעכער בעסערונג. אונ דעמלט איז די קרענק אינ איר גאַנצער קראַפט אַרײַנגעטראָטנ: מיט גרויסע קאָפּווייטיקנ, וואָס פלעגנ בא אימ אָפּט די רוּע פונ די אויגנ צונעמענ. מע האָט געזענ, ער מאַטערט זיכ אונ אומענטשלעכנ קויעכ ווײַזט ער אַרויס, קעדיי זיי, די ווייטיקנ, אָנ קוילעס אונ אָנ קאָפּ-אָנ-וואַנט זיכ צו שלאָגנ איבערצוטראָגנ.

דערנאָכ האָט ער אויכ גענומענ שרײַענ... אָבער שוינ אַזוי, וואָס קיינ נאָענטער אונ קיינ פרעמדער האָט דעמלט לעבנ אימ ניט געקאָנט שטיינ: מיט קוילעס פונ א לעמפּערט, וואָס ס'האַכט זיכ, אַז אָט באַלד-באַלד וועט ער די קישקעס פונ אינווייניק דורכנ האַלדז אַרויסברענגענ פונ געשריי, אונ מענטשנ האָבנ זיכ קעביידער געבידעוועט, נישט גלייבנ געקאָנט, קענענדיק אימ, אַז אַזוינער קאָנ אַזוינס אומגעהייערלעכס גאָר פונ זיכ אַרויסגעבנ...

אַזוי ביז ס'פלעגט אימ איבערגיינ. דערנאָכ פלעגט ער מוירעדיק מאַט אינ בלאַס בלײַבנ אַפּ עטלעכע טעג, ווי נאָכ א שווערנ אינערלעכנ שטורעמ אָנ א איבערגעלעבטנ.

צו יענער צײַט האָט זיכ שוינ אויכ זײַנ ווײַטערדיקער אונ אַפּ זײַנ שפּעטערדיק לעבנ פאַרבליבענער, אומגליקלעכער, קראַנקער שטייגער אײַנגעשטעלט: פונ צײַט צו צײַט די אויבנ דערמאָנטע קאָפּ-ווייטיקנ אינ געשרייענ, דערנאָכ מאַטקייט, דערנאָכ געשטילט אונ אינגאַנצנ באַרויקט, אָבער מיט א וואָס אַמאָל, אַלצ ווײַטער פאַרטונקלטנ באַוווּסטזײַנ ואפילע שוינ אינעמ רויִקנ פּעריאָד.

ער פלעגט דעמלט, אינ רו-צײַט, שטאַרק נאָכ מוזיק זיכ ציִענ. אָפּט פלעגט ער פאַרפאַלנ ווערנ, מערסטנטייל באַנאַכט, ווענ אינ א ווײַטסטער גאַס אַפּילע

האָט מענ אינ א שטוב, אָדער אינ דרויסנ ערגעצ באַסענע געשפּילט, פּלעגנ זײַנ אײער אזוי אָנגעשפּיצט זײַנ, אז װענ קײנער האָט די מוזיק ניט דערהערט, ער — יאָ, אונ מ׳פּלעגט שוינ װיסנ אימ מאָמעד, װענ ער איז ניט געבליבנ, אפּ װײַט־שטאָטישע סימכעס אימ זוכנ.

אונ װענ ניט קײנ סימכעס — פּלעגט ער אינ דער הײמ אינ זײַנ צימער בלײַבנ, אָנ באַשעפטיקונג זיכ ארומדרײענ, דערבײַ אמאָל די אײגענע קלײדער בײַ א פּאָדעמ צערײַסנ, אונ אנ אנדערשמאָל פּאַרשײדענע זיכ װאלגערנדיקע שטאמפּקעלעכ זײער זאָרגזאמ אינ גאנצע בערג צונױפּקלײַבנ; אמאָל — גאנצע נוציקע בײַציטנ פּונ שטיב פּאַרטראָגנ אונ אינעמ אימרײַנעמ אָרט זײ פּאַרװארפּנ, אינ אנ אנדערשמאָל, מיט װילדער קרענקלעכער אקשאָנעס מינדסטע שטױביקלעכ, װאָס האָבנ אימ געדאכט שטיקלעכ גײַסט־פּאַרקערט מיסט צו זײַנ, אופּצוהײבנ.

פּונ גרױס אנגסט איז די מוטער — נאָכ נישט קײנ אלטע, נאָר אפּ איר זוגס אומגליק קיקנדיק, — פּארשלאפּט געװאָרנ אינ געשטאָרבנ. די ברידער האָבנ אימ דערנאָכ צו א פּרעמדנ אפּ קעסט־אויסהאלט אינ אפּ ארומגײנ ארומ אימ געװאָלט אָפּגעבנ אונ פּינ שטוב דערװײַטערנ. מע האָט עפּעס אנ אָרעמע אלמאָנע געפּונענ, איר געצאָלט, אימ אָפּגעפירט. אָבער שױנ באמ ערשטנ באזוכ, װאָס מע איז אינ א פּאָר װאָכנ ארומ, נאָכנ אָפּגעבנ אימ, אהינ געלימענ, אפּ אימ א קוק געטאָנ, איז געװיזנ װערנ — אונ געקומענ צו אימ אינ אלײנ דער ברודער מײשע — איז ער, אלטער, צו זײַנ ברוסט מיטנ קאָפּ צוגעפּאלנ, זיכ געבעטנ, מ׳זאָל אימ אָפּנעמענ. די אײגנ האָבנ זיכ אימ אפּ א רעגנ איבערגעלײַטערט, ער האָט צוגעזאָגט זיכ שױנ גוט האלטנ, זיכ געמוליעט צום ברודער, װי א באשטראָפּטער, אונ באמ ברודער האָבנ זיכ, אפּ אימ קוקנדיק, טרערנ אינ די אײגנ באװיזנ, אינ ער האָט אימ גענומענ אינ צוריק אהײמ געבראכט.

פּונ דעמלט אָנ איז ער באמ ברודער געבליבנ. פּריער, אײדער מײשע איז שטאַרק רײַכ געװאָרנ, האָט ער צוזאמענ מיט זײַנ פּאמיליע א ביסל ענגער געװױנט, איצט, װענ מײשע איז רײַכ אונ ער האָט זיכ דאָס געװיסע פּריצישע הײַז דערװאָרבנ, האָט מענ אימ אויסגעטײלט א קלײנ איבערשטיבעלע, װאָס א טיר פּונ דער קיכ פּירט אריינ אריפּ, דורכ טרעפּ, אינ װאָס פּריער, בעת דאָס הײַז האָט געקערט צומ פּריצ, איז דאָס צימערל פּאר דער דינערשאפּט באשטימט געװענ, — איצט איז דאָס אלטערס. א קלײנ פּענצטערל אײנס קוקט פּונ צימערל אינ סאָד ארויס, אינ יענעמ סאָד, װאָס אינ הינטערגרונט פּונ הויפּ געפּינט זיכ, אונ בא װעלכנ אלטער שטײט אמאָל אָפּ פּארטראכט גאנצע שאָענ. אהינ װערט אימ אלצ צו זײַנ באדארפּ, פּונ עסנ אינ זאלבאָשע, ארופּדערלאנגט, אונ ער פּארברענגט דאָרט זײַנ צײַט, באטאָג אינ באנאכט, קעסײדער. זעלטנ־זעלטנ, װענ ער גײט אינ שטוב צו די שטוב־מענטשנ אראָפּ, זעלטנ־זעלטנ אויכ װענ װער פּונ די שטוב־מענטשנ באזוכנ אימ אויבנ.

אונ אזוי איז ער, װי פּריער, געבליבנ: פּונ צײַט צו צײַט װידער זײַנע

געשרייענ... ווער ב'האָט אָבער נאָר באמערקנ געקאָנט, האָט באמערקט, אז די קאָפּ־זײַטעלעך קימענ אימ מאָמענט פאר א שינוי אונ וועטער־ענדערונג: זומער־רעגנ א שטורעמ, אונ אויכ ווינטער — פאר וועטער־ענדערונגענ.

גרויסע זײַנענ שוינ צו זײַנע געשרייענ געווײנט. קינדער, אינמיטנ דער שפּיל, ווערנ ווי געפּלעפט, אונ הייבנ דערשראָקענע די קעפּלעכ ארויפ צו דער סטעליע, וואָס צו דער קיכ־זײַט געווענדט, פונוואַנענ די געוויסע קוילעס הערנ זיכ.

דאָס דאָזיקע קינדער אָבער ווערנ אייכ, ווי די גרויסע, צוגעוווינט, אונ נעמענ זיכ, נאָכנ ערשטנ דערשרעק, ווידער צו דער שפּיל. איינער נאָר, דער שוינ אויבנ דערמאָנטער מייערל, איז יענעמ טאָג, ווענ אלטער שרײַט אויבנ, ער אינמנ — א קראַנקער, א בלאַסער. ער איז קרענקלעכער באַזונדערס פונ אלע קינדער.

ב'צײַט אימ אויכ אָפּט ארויפ דעמלט אפ אלטערנ צו קוקנ, אונ אויכ אפילע בײַט דעמלט, זעט מענ אימ אָפּט ארופ צו פארבלאָנדזשענ, צו פארברענגענ מיט אלטערנ, אפ ווײַל מיט אזוינע לאָזט זיכ נאָר פארברענגענ.

דערוּמ איז מייערל פונ אלע קינדער בא אלטערנ אויסגעטיילט. אונ ווענ פונ די איבעריקע קינדער קאָנ ער אונ געדענקט אפילע זייערע נעמענ שוואַכ, איז זײַנ, מייערלס, נאָמענ, אזוי ווי די נעמענ פונ זײַנע אייגענע ברידער, אימ גוט באַקענט אונ אינ מויעכ אײַנגעקריצט.

— מייערל, — דערפרייט ער זיכ, ווענ ער באַגעגנט אימ ווו, אָדער באַזונדערס, ווענ מייערל באַווײַזט זיכ אפ דער שוועל צו אימ צוגאַסט.

אינ מייערל האָט, פארבײַגייענדיק געזאָגט, פארגעדענקט, אז צו יענער צײַט טרעפט ער אמאָל אלטערנ, בא אימ אינ זײַנ איבערשטיבל, בא זײַנ טיש, בא א טינט־אינ־פענ אינ איבער פאפיר טרעפנ, אָפּט א שטאַרק־פארטראַכט־נעמ, אָבער אויכ מיט א ביסל זינענ פונ זײַנע אויגנ ארויסקוקנ.

ער פלעגט דעמלט לאַנג מיט שרײַבנ פארנומענ זײַנ. אונ אז מע האָט זיכ ציפעליק אמאָל פארינטערעסירט, אונ אז זײַנע פאפירלעכ זײַנענ צו איי־נגעמ פונ די בנײ־בײַס אינ די הענט ארײַנגעפאלנ, האָט מענ געזענ: ער שרײַבט עפּעס בריוו. מאָמענט צו גרויסע לײַט: צו באַוווּסטע ביבל־נעמענ, אָדער צו געמענ, וואָס באַגעגענענ זיכ אינ קאַבאָלע־ספאָרימ, וואָס, ווי ס'ווײַזט אויס, האָט ער זיי פארגעדענקט, אונ אצינד שווימענ זיי אויפ אינ זײַנע פאר־טינקלטע זיניט, אונ נאָר אמאָל ניט צו קיינעמ, נאָר צו גאָט אליינ — מיט א מינ געבעט, א מײַנע, אָדער אזוי זיכ א געשעפּטלעכע ווענדונג, ווי א גלײַ־כער צו א גלײַכנ, וואָס ער האָט פאר יענעמ זיכ עפּעס צו קלאָגנ, אָדער וואָס צו פארטרויענ.

איינע א קליינע בריוו־קאָלעקציע איז אינ שטוב בא מוישע מאַשבער אפ־שפּעטערע צײַטנ צווישנ די פארשיידענע פאפירנ, אראָנק מאַקע אָט דעמ מיי־ערלענ, פארהיט געבליבנ, וואָס ציטירנ א גאַנצנ בריוו פונ זיי, אפילע נאָר איינעמ, האַלטנ מיר פאר ניט נייטיק אונ, איבער פארשטענדלעכע טעמימ,

פֿאַר איבעריק, נאָר די אַדרעסאַטן זייערע וועלן מיר, צוליב כאַראַקטעריסטיק, דאָ יאָ און פֿאָרט דערמאָנען.

געשריבן זײַנען אַלע יענע בריוו אין העברעיִש, און אָט צו וועמען:

„מכתב לאחיה השילוני“.
„לנבוכדנצר מלך בבל“.
„לרבינו בחיי הספרדי“.
„לגבריאל המלאך“.
„מכתב לרזיאל המלאך“.
און איך אַזאַ איינער, ווי לעמאָשל:
„מכתב לאלהים, העונה בעת צרה“ [1].

דער אויבן דערמאָנטער מײַדל איז אויך איינער פֿון די, וואָס האָט פֿון די ערשטע באַמערקט און פֿאַרגעדעקט פֿון יענער צײַט דאָס, וואָס שוין אויבן געזאָגט, אַז די ווײַטעקן פֿלעגן אַלטערן מאָמענט קומען פֿאַר באַמור־ אין יעמער־ענדערונגען. און דאָס האָט אָפּ אים, אָפּ מײַדלען, אַזוי געווירקט, אַז איך ער איז צו אַזעלכע זאַכן פֿילבאַר געוואָרן, און אויך ער איז מיט אַזאַ סאָרט אומרויִקייט באַשאָנקען, אַראַנק וועלכער ס׳איז שוין אָפּ זײַן גאַנצן לעבן דערנאָך אים אײַנגעמישלעך געוואָרן, נישט נאָר באַמור־ אין יעמער־ענדערונגען פֿאָרויסצופֿילן, נאָר — ווען ער איז קליין געווען — איך קליינע שטוב־געשעענישן, און ווען עלטער — איך געזעלשאַפֿטלעכע שינויים.

אָבער ווען דעם שפּעטער, ווען ס׳וועט ווען מײַדלען גערעדט זײַן. דער־ווײַל אָבער וועלן מיר נאָר צוגעבן, אַז דאָס, וואָס מײַדלען איז אײַנגעמישלעך שפּעטער, איז שוין אַלטערן איך איצט נישט פֿרעמד געווען: מאָמענט פֿאַר אַ מרעפּעניש אין שטוב, פֿלעגט ער — צי באַטאָג, צי באַנאַכט ס׳האָט זיך געמאַכט — שטיל פֿון זײַן איבערשטיבל אַראָפּקומען, אָפּ דער שוועל זיך באַווײַזן, שטיין בלײַבן און מיט אַן אויסגעלאַטערטן באַוויקטן בליק אין מיט אַ פּאָר באַוויקטע ווערטער אָדער באַמערקונגען זיך אין די ווײַט אַרײַנ־מישן — עפּעס אַ קורצן, קלאָרן זאָג מאָג.

און אַזוי איך דאָס מאָל: ווי די ברידער זײַנען דעמאָלט אַזוי אין דער שפּעטער שאָ געזעסן באַם טיש אין דעם שטילן שמועס צווישן זיך געפֿירט, אַזוי האָבן זיי פֿליצעם פֿון דער שטיב־שטײַעל אַראָפּ אַלטערן אין ווײַער גע־שפּרעכט זיך וואַרעמישן דערהערט.

ביידע האָבן זיך באַלד דעריש־אַטענט פֿון די עלטער אַ הויב געטאָן, אָנגע־הערן אַלטערן איבערשטאַנען אין צו דער מיר צוגעגאַנגען, און באַלד האָט מען אָפּ דער שוועל פֿון מיר אַ וווּנדערלעך בילד, אַ הרמלינג, דערזען:

נאָכן צונויפֿגיין זיך זײַנען אַלע אָפּ אַ ווײַלע שטיל געבליבן. ביידע ברי־

1 „אַ בריוו צו אַכיאָ פֿון שילוי“, „צו נעיוכאַדנעצאַר דעם מײַלעך פֿון באָוועל“, „צו ראַביינו בעכייע, האַספּאַרדי“, „צום מאַלעך גאַוריִעל“, „אַ בריוו צום מאַלעך ראַזיִעל“, „אַ בריוו צו גאָט, וואָס ענטפֿערט אין אַ שווערער צײַט“.

דערמ בליק צו אלטערנ געווענדט, אונ זײַנער — צו זיי. ביידע ברידער האָבנ יעדער איינער א האנט אױפ אלטערס אנ אקסל ארױפגעלייגט, אונ אלטער האָט דעמ קאָפּ אָנגעבויגנ אונ צו לוזיס ברוסט איט אָנגעשפּארט... אינ איינ ברידער, מוישע, האָט צו אלטערנ דערלאנגט, ווי אַלעמאָל, ווענ ער ווײַזט זיכ א נײַטש=געבעטענער, געווייגלעכ, אינ שטוב, ווי מיט געבעטנ א זאָג געטאָנ:

— גיי, גיי צו זיכ, אלטער.

אונ לוזי האָט איט מיט גרויס צאר באקוקט, איט איבערנ אקסל געגלעט אונ איבער זײַנ קאָפּ געשעפּטשעט:

— אומגליקלעכע, זינדיקע נעשאָמע אונדזערע...

מיטאמאָל האָט עפּעס אינ לאָרנ א קלאַפּ געטאָנ.

דאָס האָט אינ דרויסנ, פאַרנ גאנצנ הייסנ טאָג אונ דושנעט אפּערטאכט, ווי ערגעצ אנ אויסבאהאלטענער ווינט — צי באמ ברעג טײַכ, צי אינ הימלעכ, — אפּ דער פרײַ זיכ ארויסגעריסנ.

ער, אָט דער ווינט, האָט שוינ אפּאָנעט א צײַט דערפרײַער, בעשאָס די צוויי ברידער זײַנענ נאָכ געזעסנ, שטיל=פאַרגומענע באמ טיש, אפנ גאס, אינ הויפ אונ אינעמ סאָד בא מוישענ דעמ שטויב געשטויבט אונ די ביימער דרייענדיק געוויכערט, נאָר די ברידער האָבנ דאָס ניט באמערקט. אלטער אָבער, — שטייענדיק אינ זײַנ איבערשטיבל באמ פענצטער, ווי טאָמער אינ אזוינע פאלנ, אָדער עפּשער אויכ ניט באמ פענצטער — האָט דאָכ יאָ באמערקט אונ דאָס האָט אימ איצט, ווײַזט אויס, אהער אפּ אראָפּ אונטנ געבראכט, אונ דאָס האָט אויכ א געוויסער סימענ געזאָלט זײַנ, אז אפּ מאָרגנ, אָנהייבנדיק נאָכ פונ הײַנט באנאכט, גייט שוינ דער געוויסער אומגליקלעכער טאָג אפּ אלטערנ — מיט די געוויסע קאָפּווייטיקנ אונ געשרייענ.

דערווײַל אָבער איז ער נאָכ רויִק, אפילע זייער רויִק, צווישנ די צוויי ברידער גאָר א דריטער געשטאנענ, אינ נאָכנ אָנשפּארנ דעמ קאָפּ אפּ לוזינ, האָט ער אימ דערנאָכ אופגעהויבנ אינ ווידעראמאָל א קורצנ זיניקנ זאָג געטאָנ:

— איז, הייסט עס, בלײַבט ער טאָקע אפּ שטענדיק א היגער, לוזי? אוי, ניט טאָקע, וואָס אפּ שטענדיק...

# IV

# סרולי גאָל

צוליב פארשטענדלעכקײט פונעם װײַטער־קומענדיקנ, מוזנ מיר דאָ ארײַנ־פירנ נאָכ אײנעמ א פּארשױנ. מאכמעס קיצער אָבער גיבנ מיר דאָ דערװײַל נאָר זײַנ פּאָרטרעט, אונ מער אויספירלעכ װעגנ אימ — שפּעטער.

דאָס איז סרולי גאָל.

* * *

סרולי גאָל איז א ייִד מיט אנ ערד־קאָלירענער קאפּאָטע. אינדערװאָכנ טראָגט ער דערצו א זײַדנ היטל מיט א לאקירענעמ דאשעק — דער אײנציקער לאקירענער דאשעק אינ שטאָט. דערפאר שאבעס אונ יאָנטעװ איז זײַנ קאפּאָטע א קאָרטענע, א שטארק לאנגע, בא די לענדנ ניט געפּאסט אונ פונ פאָרנט שפּיליעט זי זיכ אפּ פיל מער קנעפּ, װי געװײנלעכע קאפּאָטעס, אינ זעט אויס װי א פּױלישנ גאלעכס א סוטאנע. שאבעס אינ יאָנטעװ איז אויכ זײַנ היטל א קאָרטנס, אָבער מעשונע, װי א הויכ טורעמל, מיט פּאלשע אײערנ־לאפּנ אָפּ ארומ פארלײגט אונ אויבנ אײנגעטונ מיט א קנעפּל.

װער נײט עס אימ, װער קלײדט עס אימ אזוי? — קײנער ניט. ער אלײנ. ער האָט קײנעמ, ער פארמאָגט גאָרניט, — קײנ אײגענע פאמיליע, קײנ דאכ איבער קאָפּ, אונ שפּײַזט זיכ בא פרעמדע טישנ, דעריקער אינ מערסטנטײל בא גװירימ.

ער איז אנ ארײַנגײער צו זײ. ס׳רעדט זיכ אזוי „ארײַנגײער“. ארײַנגײער באטײַט, אז די, צו װעמענ מע קומט ארײַנ, זײַנענ מער־װײניקער דעמ ארײַנקו־מער גערנ. דאָ איז עס ניט אזוי: סרולינ איז קײנער ניט גערנ. דעריקער האָט מענ פאר אימ מוירע. אינ מוירע האָט מענ פאר זײַנ מויל. אז מע מאכט אימ בארויגעז, מע רירט אָנ זײַנ קאָװעד, שילט ער זיכ, אונ פאר זײַנע קלאָלעס מוזנ אלע די אויערנ פארשטעלנ: ער שילט זיכ מיט טרײפע, מיט מאגײפע, אינ שטעלט זיכ ניט אָפּ פונ צו װינטשנ דעמ מיט קלײנע קינדער אפילע.

אָפּט קאָנ מענ אימ זענ, װי ער שטײט אינ א הויפ פאר א גװיריש הויז, אָדער אינ גאס — פאר א גװירישנ טויער, דעמ קאָפּ ארופ געװענדט צו א

ראב=רינזוע, אָדער צו איינעמ א פענצטער=ווינקל, ווו א שוואלבנ=נעסט מיט שפרייעלעכ אונ פעדערנ איז צוגעקלעפט; שטייט, האלט דעמ קאָפ פאריסנ, בורטשעט אונ שילט זיכ:

— שוואלבנ... אייכ מיר שוואלבנ. קוקט זיי נאָר אָנ... צומ בייסאמיקדעש האָבנ זיי געקאָנט פייער ברענגענ אונ צומ גוויר — ניט. ברענט מיטנ גוויר...

פארוואָס ער איז אינ קאס? — ווייסט קיינער ניט. פונ ווענ אָנ ער פירט א לעבנ א שלעפעריש — אויכ ניט. קיינער שטעלט זיכ ניט איינ אימ צו פרעגנ נישט אפ זיינ שטאָט, נישט אפ זיינ שטאמ אונ נישט אפ זיינ הויזגע=זינד. מ'ווייסט נאָר, אז ער איז ניט קיינ הינגער, אז מע מוז זיכ מיט אימ רעכענענ, אונ אז דערהויפט געגירימ האָבנ פונ אימ אויסצושטיינ אונ ליידנ.

אָפט שטעלט ער זיכ אריינ אינ א הויז, וווהינ ער וויל, ווענ ער וויל, צי באנצפרי צו טיי, צי באמאָג צו מיטיק, צי שפעט באנאכט צו וועטשערע. זאָגט קיינמאָל קיינ „גוט=מאָרגנ“, „גוטנ=אָוונט“ באמ אריינקומענ, קיינ „גוטנ=טאָג“, „גוטע=נאכט“ באמ אוועקגיינ. זעצט זיכ גלייכ צומ טיש, טרינקט, עסט, וויפל ער האָט צו זיינ זעט גייטיק. וויל ער, גייט ער נאָכדעמ גלייכ אוועק, וויל ער, בלייבט ער. מישט זיכ זעלטנ אינ די שטוב=געשפרעכנ, אָבער זיינ אויער איז וואכ. מע זעט, ער ווייסט, וואָס אינ יעדנ הויז קומט פאָר, אונ נאָכ מער — וואָס עס דארפ פאָרקומענ.

טאָמער פילנ זיכ די שטוב=מענטשנ אינ זיינ אָנוועזנהייט ענג. אז ער גייט אוועק, אָטעמט מענ אָפ פרייער. קיינער קאָנ זיינ ערד=קאָלירענע קאפאָטע ניט איבערטראָגנ, דעמ לאקירענעמ דאשעק, וואָס איז טיפ איבער דער לינקער זייט פאָנעמ אונ לינקנ אויג אראָפגערוקט. מע פילט זיכ, ווי א שווייגנדיקער מיי=כמ=מרענער וואָלט דאָ אינ שטוב געזעסנ אונ וואָלט געוואַרט אפ א קומענ=דיקנ אומגליק ארויסצוטראָגנ, אָדער, ווי עפעס א פארגליווערטע גוירל=שטיק, וואָס איז אליינ אנ אומגליק.

זעלטנ, אז מע זעט אימ באשעפטיקט. אויסער נאָר, ווענ א מעס, ווו ס'מאכט זיכ, אינ העריקער ווידער א גוויר א מעס — דאָרט איז ער דאָ, דאָרט איינגעוואקסנ... טאָמער איז ער בא דער טארע א מעכוטנ, נישט ער טוט עפעס, נאָר ער שטייט אונ קוקט, ווי מע טוט דעמ מעס זיינ רעכט, אונ מע זעט, ער האָט, ווייזט אויס, פארגעניגנ פונ דעמ, אונ טאָמער איז פונ זיינ פארגליווערטנ פאָנעמ דערמלט עפעס א מינ האנאָע אראָפצולייענענ.

אז ער איז באזונדערס באזווינעז אפנ מעס דעמ גוויר, טוט ער אויכ דערמלט אָנ צאָרעס: שלעפט לייַלעכער פונ גווירישע בעטנ, רייסט אָפ שמאַטעס — קלאָטפערישט אפ דער טארע גייטיק, פאָדערט איבעריקע ליכט — ראָטפערישט אפנ מעס ארומציִשטעלנ. אינ אינדערעמעטנ צינדט ער זיי ניט, נאָר מיילט זיי די אָרעמעלייט, די שלעפער, וואָס שטופנ זיכ, דרייענ זיכ דערמלט אינעמ גווירס צעפראָלטע צימערנ אינ די מענגעס.

אנ אנדערשמאָל דרייט ער איפ אומיסטנ די קרענטלעכ בא די זוריקע טא=

רע=סאמאָווארעס, און אַז די שאמאָסימ, וואָס ווארטנ אַפ זיי, זיי זאָלנ הייס ווערנ, אָפּזידנ, באמערקנ דאָס און פרעגנ אימ:

— וואָס טוט איר עס, רעב סרולי?

שטעפערט ער בייז:

— ניט אײַער זאכ... ס'איילט ניט, ער וועט פארפאָרנ... און נישקאָשע, זאָל ער נאָכ דאָ א ביסל שטינקענ.

אזוי בא א מעס, אזוי אויכ אַפ גווירישע כאסענעס. ער פארגינט זיי ניט זייער זאט און פארגעניגנט לעבנ, ווי אויכ זייערע רווישיקע און טומלדיקע לעווייעס.

אַפ א כאסענע זיצט ער קיינמאָל ניט, ווי ער וואָלט געקאָנט זיצנ, אויבנאָנ, אָדער, ווו ער וואָלט געוואָלט, ווײַל קיינער וואָלט אימ דאָכ פונ מוירע ניט געוואגט צו דערווידערנ, נאָר טאָמיד מיט שלעפער, שנאָרער און בא די סירי=טיש: פאר קאבצאָנימ.

ער פירט דערמיט אָנ מיט זיי, קאָמאנדעוועט מיט זיי און רייצט זיי אינמער:

— עסט, עסט, שלעפער... אינ די קויטיקע קישקעס אײַערע ארײַנ.

— עסט, ייִדנ, — זאָגט ער אנ אנדערשמאָל ווייכער, — עסט זיכ אָנ און לאָזט זיכ איבער, און ווייסט און געדענקט: איר עסט ניט קיינעמס, נאָר גאָטס און אײַערס.

און צום סאָפ סודע, נאָכ דעמ, ווענ אלע שלעפערס זײַנענ שוינ פיל און זאט, זייערע קעשענעס, קלימקעס, טאָרבעס אָנגעשטאָפט, שרײַט סרולי ווינ=מער צו די שטוב=באדינער: מע איז הונגעריק. מע זאָל וואָס מער און נאָכ און נאָכ דערלאנגנ... און אַז א פולער טיש איז ווידער אָנגעשטעלט, און אָרעמעלײַט האלטנ שוינ באמ אויפעסנ, פארטשעפעט סרולי, קלוימערשט אומ=גערנ, א בראָנדז פונ א טישטעכ און א קנעפל פונ זײַנ קאפאָטע, טוט א גיי און — מיט אימ דער טישטעכ, מיט אלעמ אָנגעשטעלטנ, מיט טרוקענע און נאסע מאכאָלימ, אלצ אַפ דער ערד, אַפנ פאָל, און האק=פאק מיט אלע טיי=קיילימ צעבראָכנ.

אָט אזוי בא א סודע.

פונ קאס, זאָגט מענ, איז ער אויכ אומגלייביק, סרולי. אויסער פאר גאָט, זאָגט מענ, האָט ער פאר קיינע צאדיקימ, גוטע=ייִדנ און אנדערע גאָטס פאר=שטייער אַפ דער ערד קיינ מוירע ניט. ער לאכט פונ זיי, בויזעקט, באזונדערס פונ די באוווסטע, צו וועלכע די גווירימ פאָרנ, און וועלכע די גווירימ גלייבנ.

קיינ אָרעמע גלייביקע וועט ער קיינמאָל ניט טשעפענ: גלייבנ זיי — זאָלנ זיי. אָבער גווירימ — אינ וואָס ער קאָנ, וועט ער ארײַנזאָגנ... אזוי, אַז ער, סרולי, וואָס טאָמיד שווײַגט ער, וואָס קיינמאָל קאָנ זיכ קיינער ניט באַרימענ, פונ אימ, אויסער קלאָלעס, אמאָל עפעס געוווינ צו הערנ, איז אַז ס'קומט צו דעמ, צו ארײַנזאָגנ גווירימ, איז רעכט, ער זאָל פאר וועמענ איר ווילט, פאר די גרעסטע און רײַכסטע, אינמיטנ שיל און פאר א גאנצ רעדל איילעצ,

ארויספאָרנ מיט אזוינב אונ מיט אזא שאַרפ אונ בײסיק לאַכנ, אז אײניקע האָבנ מײדע דעמלט אפילע אינ זײנע פיר אײלנ צו שטײנ, קערעװענ אָפּ, זײ זאָגנ זיך פונ אימ, װי פונ א צאַראַאס, נימ אָנעמענ. אונ אנדערע, פאַרקערט, זענענ צוגעװאַקסנ, קוקנ אימ אינ מויל פאַרגאַפּט, קאָנענ נימ אװעקגײנ, קאָנענ זיך נימ אָפּרײסנ.

ער, סרולי, האָט דעמלט, אז ער צערעדט זיך שוינ, — װאָס צו דערצײלנ, אינ אנדערע, װער ס'װיל נאָר — װאָס צו הערנ.

ער איז, זעט אויס, א װעלט אויסגעװענ, װאָס אלײנ נימ געזענ, פונ אנדערע געהערט, װאָס נימ געהערט — זיך אָנגעשטויסנ, אונ ביכלאל האָט זיך געדיכט, אז זײנ אויער הערט דורכ װענט אונ אפ מײלנ.

אזוי, איז דערבײ געװענ, אז מע האָט אימ אײנמאָל, װענ ער איז אינ טראַנס אַרײנ אונ דאָס מעשהגאַס איז אימ אָנגעקומענ, געקאָנט טרעפנ אינ א מיטנ דרײסנ אוילעט גליײביקע, װי ער שטײט אונ דערצײלט א מײסע, װאָס האָט זיך געטראָפנ אינ אײנעם א באַװוכטנ צאַדיקס א הויפ. װעגנ אײנער, דעם רעבנס א שנור, װעלכע האָט דעם רעבנס זונ פײנט געהאַט אונ מיט אימ נימ געװאָלט װוינענ. אונ דערפאַר, װאָס מע האָט זי קעגנ איר װילנ מאַסענע געמאַכט אונ אירע יונגע יאָרנ פאַרפינצטערט, האָט זי אויכ אימ, דעם רעבנס זונס לעבנ, פאַרפינצטערנ געװאָלט אונ פונ אימ קײנ געט נימ געװאָלט גע־בנ. אונ װיאזוי מע האָט איר דעם געט געגעבנ בעאל־קאָרכע, מיט געװאַלט...

פריער מיט גוטנ, — אונ זי האָט נימ געװאָלט, מיט בײזנ אונ סטראַשונ־קעס — אינ ס'האָט נימ געהאָלפנ. איר פאָרגעלײגט געלט אונ זי גליקלעכ צו מאכנ — אונ זי האָט נימ געװאָלט הערנ. אונ דערװײל האָט מענ הינטנאַרומ הינטערנ כסימעס פונ הונדערט ראַבאָנימ אַרויסבאַקומענ, א האַסקאָמע אונ א דערלײבענײש אפנ געט, װי לויט דער דינ פאָדערט... אונ װיאזוי אינ אײנעמ א טאָג, נאָכ דעם, װי זי, די שנור, איז לאַנגע יאָרנ בא זיכ אינ צימער פאַר־שפאַרט געזעסנ אינ קײנעמ צו זיכ, מאכמעס מוירע, נימ צוגעלאָזט... װי מע האָט זי נאָכגעיאָגט, װענ זי איז אינ יענעמ טאָג גראָד אינ דרויסנ אַרויס, װי מע האָט געהונגענע געװיסע לײט פונעמ רעבנ — אונ װי מע האָט זי גע־פאַקט, זי צעלײגט אונ איר אימ אַרײנגעלײגט... דעם געט — האָט סרולי די מײסע מיט א גראָבלעכ־צינײשנ אויסדריק פאַרענדיקט.

אנ אנדערשמאָל האָט ער פאַר א זעלביקנ אוילעמ אנ אנדער מײסע דער־צײלט:

װיאזוי אויכ אינ א געװיסנ „הויפ" האָט א רעבנס א יונגער זונ א נאָכ נישט באַסענע־געהאַטער דעמ רעבנס א דינסטמײדל, א פּאָקאָיאָװע, צורעכט געמאַכט... אונ װי מע האָט איר באַצײטנס מיט א שטעטלישנ טאַמעװאַטנ באַלמעלאָכע כופּע געשטעלט, אונ דאָס פּאָר אינ אנ אנדער שטעטל אװעקגע־שיקט אפ זיכ צו באַזעצנ, אינ װיאזוי דערנאָכ האָט מענ יאָרנלאַנג פונ רעבנס שטיב זײ קיצבע געשיקט, — באַצאָלט אונ באַלוינונג אפ דעם רעבנס שאַנד צו פאַרדעקנ...

עמעס, סרולי האָט פֿאַר אַזױנע זאַכן, — האָט מען אין שטאָט געגלייבט און דערציילט, — שוין איינמאָל שיער ניט זײַן פּסק באַקומען, אַלנפֿאַלס אַן ערנסטע וואָרעניש.

ער איז איינמאָל, האָט מען דערציילט, אין אַ זומער־טאָג געזעסן אין עפּעס אַ שטוב, בײַ אַ באַקאַנטן צי ניט־באַקאַנטן, וואָס ניט ווײַט פֿון טײַך. האָט זיך מיטאַמאָל אַ כמאַרע אָנגערוקט, אַ שטורעם מיט אַ שטויב און פֿינצטערניש... און ווי סרולי איז אַזוי דאָרט בײַם טיש געזעסן, אַזוי האָט אין האַלב־טונקל פֿון צימער מיטאַמאָל אַ ווײַרעדיקער קנאַל געטאָן. סרולי האָט געמיינט, אַז דער דונער פֿאַלט אַף אים אָדער די ערד האָט זיך געשפּאָלטן. אין דער זעלביקער רגע איז דורך דער אָפֿענער טיר אַרײַן אַ שטיק ווײַס פֿײַער. עס האָט וויבעריק איבער זײַן קאָפּ, ווי אַ פֿײַערדיקער בייגל, אַ פֿלעכט געטאָן, זיך געדרייט, געדרייט און ווי אַן אויסגאַנג געזוכט, דערנאָך דורכן אָפֿענעם פֿענצטער, וואָס אַנטקעגניבער דער טיר, אין דרויסן אַרויס און פֿאַרשוווּנדן.

ווי סרולי איז ניט קיין דערשראָקענער, נאָר פֿון אומגעריכטקייט פֿון בײַדע — פֿונעם קנאַל אין פֿונעם פֿײַער — האָט ער דאָך דערפֿילט אַ פּוסטקייט און אויסגעהוילטקייט אין קאָפּ. און אַז ער האָט דאָס היטל אַראָפּגענומען און מיט דער האַנט איבערן שאַרבן אַ פֿיר געטאָן, אַזוי האָבן זיך זײַנע האָר מיטאַמאָל גראָווע געוואָרענע און פֿון די וואָרצלען אַרויס, אַף דער ערד און אַף די קליידער אויסגעשיט.

ער איז אויפֿגעשטאַנען, צום פֿענצטער צוגעגאַנגען, צום טײַך אַ קוק געטאָן, און דערזען: די אַלטע הונדערטיאָריקע אײַנגעבויגענע ווערבע בײַם ברעג טײַך, וואָס שוין פֿון לאַנג פֿאַרטריקנט און פֿאַרהוליאַקעט, איז איין האַלב אירער אָפּגעבראָכן און ליגט אין טײַך, און די אַנדערע שטייט און האַלט זיך און ברענט, ווי אַ ליכט אין שטורעם.

ס'איז אַ דונער און אַ בליץ געווען.

אַז מע האָט עס דערנאָך סרולין פֿירגעהאַלטן, און גלײַביקע האָבן אים געזאָגט:

— זעט, רעב סרולי, ס'איז דערפֿאַר אין דערפֿאַר, פֿאַרן ריידן און בליאַ־ייבקען, איז דאָס האָט מען אײַך אַ האַסראָע געגעבן: די האָר, דערנאָך דער קאָפּ... — האָט ער געלאַכט און בייז געענטפֿערט:

— האָר?.. וואָס דאַרף ער זיי, די האָר... פֿאַרקערט, ס'איז אים איצט לייזער און לײַכטער און פֿאַר די מאַכשאָוועס פֿרײַער. און פֿאַר זײַן קאָפּ זאָל מען זיך ניט זאָרגן, ווײַל ווער ס'זאָרגט, איז אַ נאַר, און זאָל אים זײַן נאַרישקייט ווויל באַקומען.

פֿון דעמאָלט אָן איז אים דאָס היטל אַ ביסל נאָך טיפֿער איבער דער לינקער זײַט באַנעם מיטן דאַשעק אַראָפּגערוקט. פֿון דעמאָלט אָן שווײַגט ער נאָך שטרענגער, ווי פֿריִער, האָט ער פֿײַנט, וואָס ער האָט פֿריִער פֿײַנט געהאַט, איז אַלץ אין די גוירישע הײַזער אַן אײַנגייער, און זיי, די גוירים, זײַנען אים, ווי געזאָגט, זייער ניט גערן.

אזוי פירט ער זיכ פונ יאָרנ, אזוי האָט ער זיכ מאָדנע אײגענע רעכט צו טאָג, וואָס ער וויל, געשאפנ, וואָס זײנענ פונ אלעמענ, אויכ פונ די אָנגעוויזענע פונ שטאָט, פונ די רײכע, צי ווילנ זײ יאָ, צי ווילנ זײ ניט — אָנערקענט. באָמיש א פײגע, הײסט דאָס, דאָכ האָט ער אלע רעכט פונ אײנגײערשאפט. מערער: ער האָט די רעכט צום רײכסטנ טיש, נישט פרעגנדיק אונ נישט בעטנדיק, צו קומענ, האָט די רעכט, ווי ער וויל, בא וועמענ אונ ווענ ער וויל אי־בערצונעכטיקנ, אונ נישט נאָר אײנ נאכט, נאָר אמאָל, אז ס'פארגלוסט זיכ אים, א וואָכ אינ מער, א כײדעש אונ אויכ־כאדאָשים, אונ ס'איז אים קײנ וואָרט ניט צו זאָגנ אונ אים ניט צו דערווידערנ.

אזוי פונ לאנג, אזוי פונ מאָמער: צי וועמענ ס'איז זײנ סינע אינ פײנט־שאפט, ווײזט ער ארויס, זײנ צוגעבונדנקײט אונ ליבשאפט אָבער — קײנמאָל, אָדער נאָר אינ זעלטענע פאלנ: דעריקער אינ א יאָנטעוו, אײנ מאָל אָדער צוויי מאָל אינ יאָר, צעטאנצט ער זיכ אפ א גווירישער סודע מיט א קאפצנ אמאָל... ער פירט אים פונ הינטערנ טיש ארויס, אָדער שלעפט אים אָפ פונ א טאנ־צנדיקער ראָד באזונדער — א קאפצנ, א הערשלאָגענעם אונ שמעקנדיק בא א זײט זיצנדיקנ — צעטאנצט זיכ אזוי, אז וויפל מענטשנ ס'זאָלנ דעמלט אפ דער סודע ניט זײנ, קאָנענ פונ אים אונ פונ זײנ שומעס אינ טאנצ די אויגנ ניט אָפרײסנ. ער טיטשעט יענעם אויס, לײגט אים ארופ א האנט אפ זײנ אקסל אינ לאָזט אים אזוי לאנג ניט אָפ, ביז יענער אונ אויכ ער קומענ אינ גיכעמנ שווײס ארײנ.

דעמלט באפרײט ער אים אינ קערעוועט זיכ צו אים אפ א קאָל, אז אלע זאָלנ הערנ:

— איז גערעכט, — זאָגט ער אים, — איכ זאָג דיר געוויסעס... דיר, קאפצנ, אונ אײכ אלע קאפצאָנים, אז אלע זײ, ווי דו קוקסט זײ אָנ...

אינ דאָ הערט ער אנשײדינג, ווײזט נאָר אפ די גווירימ פונ שטיב אונ אפ די נעבנ זײערע די גווירישע מיט א פינגער א דראָענדיקנ, אונ מער הערט מענ פונ אים נאָרניט, אויסער אמאָל נאָר: „קאמאָרזשניקעס אפ קײנ"...

באזונדערע פרײנטלעכקײט אָבער ווײזט ער ארויס אפ אנ אָרעמער באַ־בעגיג אמאָל.

ניט קײנ געבעטענער, נײשט אײנגעלאדנ, שטעלט ער זיכ אמאָל ארײנ אינ אנ ענגער טאבענע־שטוב אינ סאמע דער רעכטער אָרעמער געדולע, וואקסט אויכ מיט זײנ ערד־קאָלירענער קאפאָטע. קײנער קענ אים ניט, קײנער ווײסט פונ אים ניט, אינ אז מע פרעגט אים, וואָס דארפ ער, וואָס וויל ער, ענט־פערט ער: כאָבנ־קאלע פרײלעכ מאכנ.

— אדעראבע... — זאָגט מענ.

דעמלט באהויזט ער ארויס פונ זײנער א הײנ־קעשענע א דורע, א פאָ־שעט־היטצערע מיט לעבלעכ. אווארע ערגעצ בא א פאָשעטנ פאסטעכ אײנ־געהאנדלט — אונ נעמט שפילנ.

ס'איז שײנ אינ מאָדנע געווענ צו זענ, ווי ער שטײט אינ האלט זיכ.

זיבער ניט קיינ קלעזמער אונ ביכלאל ניט קיינ שפּילער פונ פאכ, אָבער פינגער בא אימ פלינקע, אפ צו דער צײַט א לעבעלע אָדער צוויי צו פארשטעלנ, אונ אינ דער זעלבער צײַט אנ אנדערס איינס אָדער מער צו שפּענענ. זיינ טאָנ איז א ריינער אינ מאָמעד נאָר פונ א נידעריקנ אונ מיטעלנ רעגיסטער.

שפּילנ פלעגט ער מאָדנע: דער קערפּער האָט אינ שפּילנ ווי קיינ שומ אָנטייל ניט גענומענ, ניִשט דער קערפּער, ניִשט דאָס פּאָנעמ — מיט קיינ מינע אונ קיינ מינדסטנ ריר ניִשט, אינ אינגאנצנ ער איז געווענ ווי פארגליווערט, אַזוי אז די, וואָס האָבנ בא זײַנ אָנקומענ, בײמ זײַנ ווונטש אינ דער סימכע זיכ באטייליקנ אונ בײמ זײַנ אָנהייבנ שפּילנ, געוואָלט שמייכלענ, ווי ביכלאל מע שמייכלט פונ א ביליקנ באדכנ אינ פונ א הײַזערנײעריש־נ מאַרשעליק, האָבנ נאָכדעמ, אז ער האָט שוינ, שפּילנדיק, די הודע באמ מויל געהאַלטנ, קוקנדיק אפ אימ, זיכ פארוווּנדערט אינ א ביסל זיכ שוינ געשראָקנ פאר אימ אונ פאר זײַנ פארגליווערטקייט. ער אָבער האָט זיכ אפ קיינעמ ניט אומגעקוקט, גלײַכ ניִשט קיינ מענטשנ־רעדל איז פאר אימ, נאָר א הוילער, פּוסטער כאָלעל.

אונ געשפּילט האָט ער טרויעריק, אזוי אז ווײַבער מעכוטענעסטעס אָדער ביכלאל ווײַבער, וואָס זייערע הערצער זײַנענ זיי ווייכ, האָבנ, באלד דעמ פרעמדנ יורנ פארגעבנדיק, פונ דעמ טרויעריקנ ניגנ גענומענ וויינענ.

ער האָט געשפּילט שטיל, אינ מיטנ פּראָסטנ אורעלטערישנ פּאסטעכישנ אינסטרומענט האָט ער ארײַנגעבראכט אינ יענער סימכע־שטוב אזוינס, וואָס זי האָט קיינמאָל צווישנ אירע ווענט קיינ מינדסטנ דערפונ ניט געהאט אינ ניט געהערט: — פונ פעלד, פונ וואלד, פונ גרינער לוויטערער אונ אויכ פארוואָלקנטער ראבוועס. אינ אײלעט מעכוטאָנימ אינ געסט האָבנ זיכ גלײַכ דערפילט, ווי אינ אנ אנדער וועלט אריבערגעטראָגנ, אונ האָבנ אינ זייער פריִעדיקער, נאָרוואָס פאָרגעקומענער סימכע אינ שטיב פארגעסנ.

דאָס לעצטע אָבער האָט סרולי באמײַט: ער האָט געקאָנט אינ איז בוקיעכ געווענ — דעמ אוילעמ אינ אלצ פארגעסנ צו מאכנ — קיינמאָל ניט געטאָנ אונ לאנג מיט זײַנ קויעכ אונ קענטעניש ניט מיסגעבריוכט.

אינ געווענ איז מאָמעד אזוי: ווי נאָר ער האָט געזענ, אז דער אוילעמ איז שוינ אינ די הענט אינ רעשוס בא אימ, אזוי האָט ער יעדעס מאָל אינמיטנ דאָס שפּילנ איבערגעריסנ אונ, ניִשט באמערקט פארנ אוילעמ, וואָס איז פארבאפט געווענ, האָט סרולי דעמ איבערגאנג פונ שפּילנ אונ אופהערנ ווי אינ א מינ פּאָקימ פארוואנדלט: דער אוילעמ האָט נאָכ געגלייבט אימ מיט דער הודע באמ מויל צו זענ אונ איר שפּיל צו הערנ, ווענ אינדערעמיטנ האָט ער שוינ פארענדיקט אינ די הודע איז שוינ בא אימ אינ קעשענע געלעגנ.

דעמאָלט איז דער אוילעמ נאָכ מער אָפּהענטיק געוואָרנ אונ פּונעמ באקומ מיטנ פארשוווּנדענעמ אינסטרומענט געפּלעפּט, אינ אײדער דער אוילעמ האָט זיכ באוויזנ ארומצוקוקנ, אזוי איז שוינ סרולי מיט אנ אויסגעשטרעק־

מער האט לעבנ דער קאלע געשטאנענ, גלייכ ווי ער וואלט בא איר געצאלטס פארנ גארוואסיקנ פארווײלנ געפאדערט. אינדערעמעסנ אבער קיינ געלט, קיינ געצאלטס, נאר — „צאל מיט א מאנצ, קאלע“ — פלעגט ער זאגנ... אינ אז די קאלע האט זיכ א ווײלע פארלויגנ, נישט געוווסט וואס צו טאנ — צי צאלנ, צי אפזאגנ, פלעגט סרולי מיט א צווייטער האנט אויסגעשטרעקט צומ ארומיקנ אוילעמ זיכ ווענדנ, ווי זיכ אנפרעגנדיק אונ מיינענדיק צו אימ: צי איז ער גערעכט צי נישט אינ זיינ פאדערונג?

— איוואדע, איוואדע, — האט דער אוילעמ סרולינ אונטערגעהאלטנ.

אונ די קאלע איז מיט סרולינ א מאנצ געגאנגענ. אונ אויכ מיט איר, מיט דער קאלע, האט סרולי געמאכט דאס זעלביקע, וואס מיט יענעמ קאפצנ אפ א גווירישער סודע אינ א יאנטעוו אמאל: אזוי לאנג געטאנצט, ביז יענע, די קאלע, האט זיכ פונ די קויכעס ארויסגעשלאגנ... דערפאר אבער האט זי אט דעמ ייִדנ מיט דער ערד־קאלירענער קאפאטע אפ איר גאנצ לעבנ דערנאכ פארגעדענקט. אונ איר טאנצ מיט אימ אפ לאנגע ערנסטע אונ שווערע יאר מיט אירע איינציקע בעסטע באסעגע־ אונ יוגנט־זיכרוינעס געבונדנ.

מע פלעגט אימ דערנאכ אופנעמענ, זעצנ איבנאנ צומ טיש, אימ דערלאנגענ, וואס נאר ס'איז געווענ פאר דער כאסענע אנגעגרייט. אונ דערפאר פארנ אוועקגיינ, נישט אויסווארטנדיק זיכ קיינמאל אפנ סאפ פונ דער כאסענע, פלעגט סרולי יעדעס מאל א מעכומענ אדער א מעכומענעסטע אינ א זייט ארײנ אפרופנ אונ איר אינ דער האנט ארײנ אמאל א זילבערנ קערבלשטיק אפ האטשענעשאנק ארײנרוקנ, אדער גאר אמאל א בעכערל צי אנ אנדער בייפעצ א זילבערנעמ.

צי ס'איז זיינ אייגנס געווענ, אט דאס געלט אדער די כפייצימ די געשענקטע — ווייסנ מיר נישט. נאר אויב צוליב דעמ צוועק איז, ווי מע האט דערציילט, אינ א גווירישנ זילבער־שראנק אנ ארט פונ אייגעמ א קליינעמ בייפעצ אמאל לײדיק געבליבנ, מאכט אויכ נישט אויס, אונ נישט מיר, נישט דער גוויר, נישט קיינער, אונ באזונדערס נישט סרולי אליינ, וועלנ זיכ געוויס דערומ נישט זעצנ וויינענ.

...א מערקווירדיקער ייִד, אט דער סרולי: א צעדרייטער, א ווידערשפעניקער, מיט פיל שפיצנ, ווי א שטעכלקע. דערפאר איז אימ נישט אנצונעמענ, נישט צו באנעמענ געווענ...

ס'זיינענ געווענ איניקע, וואס האבנ, רייִדנדיק וועגנ אימ, אמאל אפילע א געדאנק ארויסגעזאגט, אז ווי זיי האכט, שטאמט ער, בא זיינ גאנצער כינע צי גווירימ, נאר אליינ פונ זיי, קער זיכ אנ אדער האט זיכ אמאל אנגעקערט מיט זיי נאר נאענט.

דאס האט מענ געוואלט ארויסדרינגענ פונ איניקע זיינע פאסטעמיקעס. מינעס אינ געוווינשאפטנ, אונ דעריקער פונ זיינ גרויסהאלטערישקייט, פונ זיינ האנארעוואטער מילדקייט. ער האט זיכ אמאל געקאנט פארגינענ אזא זאכ, ווי אויסטאנ אינמיטנ מארק די שטיוול אונ זיי אפגעבנ א פרעמדנ

מענטשנ—צי טאקע אפ יענעמס באלדיקנ געבויב, ווײל יענער איז געווענ אנ ישטיזל. צי זיי צו פארקויפנ, קעדיי איסצוזײנ דעם מענטשנ פונ א צארע, וואס האט אימ געטראפנ, ווי א גנייווע, אדער פונ אנ אנדער נויט.

אנ אנדערשמאל איז רעבט געווענ, ער זאל אזוי לאנג ראטעווענ ארעמע בעגעבעגס פונ א ברענענדיקער שטיב, ביז די ברעמענ אונ די בארד האבנ זיכ אימ גענומענ סמאליענ.

א דריט מאל רעבט — אז ער האט זיכ פליצעמ גענומענ אמפערנ מיטנ גרעבטנ אינ באוווסטנ ראוו אינ שטאט וועגנ אײנער א שטילע, וואס אנ ארע־מע פרוי האט געבראכט: ס'האט זיכ געהאנדלט וועגנ א געקעכצ פאר דער ארעמערס א קראנקנ... אונ אז דער ראוו האט אימ סאפקאלסאפ געיועצ־געווענ אונ דאס געקעכצ פארט טרייפ געמאכט, האט סרולי בא דער פרוי, וואס האט שוינ געהאלטנ באמ אוועקגײנ, געפרעגט ווו זי וווינט, אונ באלד טאקע האט ער זיכ צו איר באוויינ אינ איר אנ אנדער געקעכצ, א בע־סערס אינ רעבערס געבראכט. געזאגט האט ער, אז דאס האט איר דער ראוו צוגעשיקט אנשטאט דעמ טרייפ־געווארענעם, וועג אינדערעמעסנ האט ער דאס אליינ מיט זײנע אײגענע הענט פונ דער רעבעצנ מיט געוואלט אונ ביגראנגדע אפ דער קיכ ארויסגעריסנ; דערבײ האט ער זיכ מיטעס געזידלט. אז דער דינ, האט ער געשריגנ, — איז ד... אינ אויב ניינט, האט ער געזאגט, איז גישקאשע, זאל דער ראוו פאר אימ, פארנ דינ, אויב אמאל צילעבנ אינ אמאל באטש אײנעמ א מיטיק נישט דערעסנ.

דאס — איינ מעשוגאס, אונ אינ דעמ זעלבנ טאג טאקע האט צווײ־טע: ער האט באלד ערגעצ געלט גענומענ אינ דער רעבעצנ פארנ זעלבנ מיטיק, ווײל ער האט געדארפט האבנ, מיט א ליבלעכנ דאנק אומגע־קערט.

— אינ זאל זי ניט זײנ... קיינ רעבעצנ, — האט ער, אײעקגײענדיק, מיט בוזעק זיכ צו איר געווענדט.

אינ שטאט, אז מע האט פונ אט דער לעצטער מײסע דערהערט, האבנ אײניקע זײנ כוצפע באוונדערט, אנדערע האבנ מיט האנאע אונ מיט פאר־גענינג געלאכט. אבער אלע אנ אויסנאמ האבנ זיכ געבידעשט: זע, ווער דאט זיכ געריכט: ער, סרולי, וואס קיינער האט אימ קיינמאל קיינ סייפער אפילע אינ די הענט האלטנ ניט געזענ, גלײב ער ווייסט אפילע ניט, ווי אזוי מע האלט אימ, האט זיכ פלוצעמ אײנגעשטעלט מיט אזא באוווסטנ, מיט אזא גרעבטנ זיכ פארמעסטנ אונ אינ לערנענ נאר אמפערנ.

אט אזוינע שטיק, מאדנע געננ אינ לאפויזנ האט ער אלעמאל אלצ נײנ ארויסגעוויזנ, וואס דעמ אײלעמ האט עס שטארק פארבידעשט. ער אבער האט לאנג צו בידעשנ זיכ ניט געלאזט, אינ טאמער, ווענ ער האט דערזענ, אז די נײגעריקײט צו אים ווערט גרעבער, פלעגט ער דעמ קאפ ווי אינ די אקסל ארײנציענ, אפ זיכ א שטארקע בײזקײט אנלאזנ, קײנעמ צו זיכ ניט צוצולאזט, האט אויסטערלײשע אינ בידעשדיקע געווענ פארבײנ,

כ'זאָל רעדנ קײנ װײַבער ניט בלײַבנ, אונ אַז מאָרגנ, איבערמאָרגנ — פאַר־געסנ אונ קײנ שפּיר דערפונ...

אונ ניט נאָר אײנציקע שפּיצנ, װענ זײ האָבנ זיך קעגנ זײַנ װילנ אַמאָל זײ פונ זײַנע באַהעלטעניש ארויסגעשטעקט, האָט ער ניט געװאָלט, ניט דערלאָזנ, זײ פאַריבנ אונ זײ־טימנ פונ פאַרטראַכטנ — מערער: סרולי האָט אָפט געזעענ זיך אַלײנ, זיך אײַנגאַנצנ צו פאַרבײַבנ: ער פלעגט אַלע יאָר אַפּ א היפּשער צײַט, אַפּ היפּשע באַראָשיט נאָר אינגאַנצנ פונ שטאָט אונ פונ אַלע־מענס אויגנ פאַרשװינדנ.

מ'װײסט ניט פאַרװאָס, צי דערפאַר, װײַל די שטאָט פלעגט אימ ניט געבנ רוענ, צי װײַל אײנ אומצײַנ אַלע מאָג איבער אַנדערע הײַזער פונ שטאָט אינ זײַנ שאָט אַז זײ, צי דערפאַר, װאָס ער האָט עפּעס מאַקע בעטמעגנ עפּעס צו פאַרשטעלנ געהאַט, אונ יעדעס מאָל, װענ ס'האָט אימ געדאַכט, אַז ער איז שוינ צו לאַנג אַפּ מענטשנס אויגנ אָפּגעװענ, האָט ער זיך גע־יענ ארויסרוקנ אונ ניט צו בלײַבנ.

װאָס די כלבע זאָל ניט זײַנ, נאָר אַלע יאָר פלעגט עס מיט אימ טרעפנ, מיטנ־נעמײל נאָכ װינטער, װענ די לעצטע שנײען זײַנען שוינ צעגאַנגענ, די לעצטע בלאָטעס האָבנ זיך שוינ אויסגעטריקנט... אָבער אָפּט נאָכ שפּע־טער, אַהײב פרילינג, װענ די לופט צעעפנט, װענ בעז אונ קאַשטאַנענ־בײ־מער הײבנ זיך שוינ אָנ צעקאָזנ אינ צעפּיקנ, װענ אַלע שמרעקעס װערנ רעל־װרכזינבטיק, באַרזיאָרלאָזמ־פאַרבלאָזענע װינטער־ראָגאַמקעס אונ טראַקטנ — איבנעריכנ. אינ דאָס אײער באַרנעמט שוינ פונ הימלישער הײב אַראָפּ דעמ שמילנ אינ געהײמנ געדױש פונ מאַכנעס װילדע געגנדז, בושלענ, רײערס אינ אַנדערע, יאָב קערנ זיך אימ פינ פרעמדע לענדער, הײמיש אונ אינ דײנ קאַמפּ אונ לאַנד צו געסט.

אַמ דערמאָלט, האָט מענ געזעענ, פלעגט סרולי װי אָנגעשפּיצט זײַנ, פאַר־טראַכט, זײַנ בליק בלאָגרױשט אימ א צעמישמער, אויכ זײַנ געהער, זײ מאָפלט װאָכ, אָנגעשטרענגט, גלײַכ ער שפּירט עפּעס א לאַנג־דערװאַרטנ יעדיע פונ ערגעץ.

דערמאָלט פלעגט ער, אינ א שײַנעמ פרימאָרגנ, פינ קײנעמ קײנ אָפּשײד ניט גענומענ אינ קײנעמ זאָגנ זײַנע באַשטענדיקע באַהאַלטענע באַשלוסנ קײנ װאָרט ניט זאָגנ, זײַנע א באַשטענדיק־אָפּגעהיטע אינ צו דעמ צװעק א פאַר־באַהאַלטענע טאָרבע פונ זײַנ אָרעמער זאַכנ־טאָרב ארויסבאַקומענ, אַרײַנ־לײגנ אינ איר, װאָס נאָר עס האָט אינ איר געקאָנט אַרײַנ, אונ דאָס, װאָס איז אײנער. ... ער, סרולי, האָט צו זײַנ װעג־געברויכ נײטיק. ער פלעגט די טאָרבע אַפּנ רוקנ פאַרװאַרפנ, ארויס פונ הויפ, װו ער האָט די לעצטע נאַכט איבערגענעכטיקט, גאַנצ פרי אונ אָנ א זײַ־געזונט. אַמאָל נאָר פלעגט ער, ארויסגײענדיק פונ הויפ, זיך צוריק צו אימ אויסקערעװענ אונ צומ גע־זעגענענ אימ א פּנים שמײכל, באַמאָל זיך אויסקערעװענ אינ — נאָכ א פּנימ. דערבײַ איז אימ דאָס עפּעס מיטנ לאַזירענעמ ראַשעק מער אָנגערירט

געווענ אפ דער לינקער זײַט פּאָנעמ, ווי געוויינלעכ, די קאַפּאָטע צעשפּליעט, אונ אזוי מיט דער טאָרבע אפנ רוקנ, האָט ער דעמלט, — קיינעמ ניט באגעגענענדיק, אונ ווענ יאָ, קיינעמ זיכ ניט גריסנדיק, — די שטאָט דורכגעשניטנ אונ איז זיכ אויסער דער שטאָט ארויס.

ס'איז א בילד געווענ צי זענ, ווי סרולי שפּאנט: טאָמער אינמיטנ באוווסטנ שליאכ, וועלכנ ער האָט אפ יעדעס מאָל פונ שטאָט ארויסגײַנ באליבט. באליבט דערפאר, ווײַל יענער איז געווענ גלײַכ, גלאט אונ ווײַט־שאָסיימ. אונ אויכ דערפאר, ווײַל ער ליגט עטוואָס נידעריקער פונ דער שטאָט, אונ ווענ מע גייט אפ אימ אָפּ א געוויסע שטרעקע, קאָנ מענ זיכ אויסקערעווענ אונ די גאנצע שטאָט א דערווײַטערטע דערזענ אונ מע קאָנ אויכ איר, דער גאנצער שטאָט, אפ געזעגענענ א פּײַנ שטעלנ...

ער האָט זיכ שטענדיק אינ וועג אינ דער מיט געהאלטנ. ער האָט קיינמאָל נישט פאר קיינ פּאַשעטער פּויערשער פור נישט אָפּגעקערעוועט, אויכ נישט פאר ניט קיינ פּאַשעטער: ווער ס'זאָל ניט זײַנ — א סאָבריש פּערד־אינ־ווענגעלע, א פּריציישע קאָמיו, אפילו נאַשפּיצ געשפּאנט. אונ ער האָט נישט איינ מאָל פאר אזא זאכ, פאר נישט וועלנ אָפּטרעטנ, פונ א פּריציישנ קוטשער מיט דער בײַטש געקריגנ, מיטנ העסקעט טאַקע פונ דעמ פּאָרעצ אַלײַנ, וואָס האָט דעמ קאָפּ פונ דער קארעטע ארויסגעשטעקט אונ דעמ קוטשער באפוילנ נאָכ אונ נאָכ איבערכאזערנ.

ער האָט אויסגעזוכ אינ וועג, ווענ דער ווינט איז אימ געווענ אינ פּאָנעמ, צעפלאָכטנ, די פּייעס צעפלויגנ אונ מיט די פּאָלעס פונ דער קאַפּאָטע אפ הינטנ ארויסגעבלאָזנ, ווי א טײַוול פונ דער קייט זיכ אָפּגעריסנ... אונ ווענ פונ הינטנ, אז מע האָט אימ אָנגעיאָגט, איז ווענ יאָ א ווינט צי ניט קיינ ווינט, האָט ער, ווידער נישט אָפּטרעטנדיק, מיט דער טויבער, גלײַכער פּלייצע געשראָקנ, מיטנ פארגליווערט־סטראָציקנ גאנג, וואָס באמערקט קיינעמ ניט אונ הערט זיכ ניט צו צו דעמ, וואָס הינטנ טוט זיכ. — אינ מע האָט אימ ווײַטער אָפּגעטראָטנ.

דאָס איז, ווענ עס באגעגנט אימ יאָ עמעצער. מערסטנטייל אָבער איז צי יענער צײַט — פרילינג — איבער דער פעלד־ארבעט אפנ שליאכ קיינער ניטאָ, אינ סרולי גייט דער טאָג איבער אָנ שום טרעפעניש, אינ הוילנ פארגעניגנ נאָר פונ דער וועג־שטילקײַט, וואָס ער האָט דערפונ די אויערנ פול, אונ אמאָל אויכ פונעמ הודיענ פונ די טעלעגראַפ־דראָטנ פונ דער איינציקער טעלעגראַפ־ליניע פונ יענעמ קאנט, הינטער יענעמ וועג דורכגעלייגט, אינ יענעמ טאָג האָט סרולי קיינ עסנ, קיינ טרינקענ ניט באדארפט. אויכ רו איז אימ געווענ איבעריק, ווײַל ס'איז געווענ היילער, ספּעציעל פאר אימ געשאפענער, פונ דער שטאָט באפרײַענדיקער יאָנטעוו.

אינ ערשט צומ סאָפ טאָג, פלעגט ער פונ שאָסיי אינ א זײַט אָפּקעריווענ צו א קליינ דערפעלע, „דוואָרעצ" מיטנ נאָמענ, דורכוואקסנ זײַנ וועג איז אימ געלעגנ צו יענע יישובֿימ אינ די באריקטע וועלדער פונ דו־

געווען אין שטעטל, דאָרט, וווּ זײַנע באַקאַנטע איינציקע אָרענדאַרעס, שענ־קערס האָבן געוווינט, און ווו באַ זיי פֿלעגט ער אָפּזומערן, און אַ שטיק צײַט אין די היפּשע כאַראָשים פֿאַרברענגען.

שפּעטער אין אָוונט פֿלעגט ער זיך דערמאָנען אין אַ שטעטל, אָדער אין אַן אַנדער דערפֿל, אין זײַנער אַ באַקאַנטער אָרענדאַר־שטוב אָרײַנשטעלן, ווו מע האָט אים שוין געקענט און נאָך פֿון פֿאַראַיאָרן געדענקט.

ער האָט די מאָרבע אָפּגעלייגט. באַלד פֿון די פֿרום־פֿאַרגרעבטע אָרענדאַרעס צו אַן אָנגעמיינער ברײטע אײַנגעלאַדן געוואָרן, צו וועלכער ס׳איז טאָמער פֿרײַ לאָרנ־ביים מיט סמעטענע אָדער זויערמילך דערלאַנגט געוואָרן.

ער האָט זיך דערפֿרײַשט דערפֿילט, און די דאָרפֿישע מענטשן איז אים אין די ביינער געקומען — די שטילקײַט, די בענימעסע רייד פֿון די אָרענ־דאַרעס און דער גרויסער הערצבערעץ, וואָס זיי האָבן אים, ווי יעדן גרויס־שטאָטישן, אָנגעקוקט געטראָגן; יענע זעלטענע מענטשן פֿון דער דאָרפֿישער אַרומרינגלונג — פֿון דער אַבנ־קאָפּ־ליגנדיקער שטוב, וווּ ס׳האָט שטענדיק געשמעקט מיט פֿאָשעטנ שענק־בראַנפֿן, מיט וואַסער פֿון אַ פֿאַרדומפּענער קרעניצע, מיט שטוביקע אייפּעס, ווי הינער, געגדז, וואָס זײַנען צו יענער צײַט, נאָכן ווינטער, פֿון די אייער אַראָפּ און האָבן שוין קליינוואַרג אויס־געפֿירט. מע האָט זיי אינטערן פּריפּעטשיק געהאַלטן, פֿונוואַנען ס׳האָט זיך טאָמער, אַפֿילו אין אָוונט, אַ שטיל, קוים־קוים פּישטשען פֿון די נאָרוואָט אויסגעזעסענע אַרויסגעהערט.

ס׳איז אים גוט געווען, פֿרײלעך, שוין דעם ערשטן אָוונט, ווען ער איז אין דאָרף אָנגעקומען, באַזונדערס נאָך אַפּ מאָרגן מיטן טאָגלעך, מיטן ערשטן געשריי פֿונעם פּאַסטעך הינטער די פֿענצטער, וואָס רופֿט צונויף אין זאַמלט די טשערעדע, מיטן זון־אויפֿגאַנג און טוי, מיטן שטילן אויפֿוואַכן פֿון דאָרף צו אַרבעט, מיט די פֿורן, וואָס גייען וואַסער שעפּן, אין מיט די שטיל־פֿאַרשעמטע פּויערשע קינדער אין מאַטישע הימלען, וואָס שוין פֿון גאַנצפֿרי האָבן ניט וווּהין די קינדערשע צײַט אַהינצוטאָן.

דאָס אַלץ האָט אים גרויס פֿאַרגעניגן פֿאַרשאַפֿט, און דער ערשטער טאָג האָט אים שוין גלײַך און אינגאַנצן די שטאָט געמאַכט פֿאַרגעסן און זײַן האַס אַפּ איר, אין מע מעג שווערן, אַז פֿרײלי איז דערמיט אויך אַ שטיק אַנדערער געוואָרן: דאָס בייזע איז אַוועק, דער ראַשעק ניט אַזוי אָנגע־דיקט איבערן פּנים, דער אומצופֿרידן, דער אומגלויבן און באַ דער זײַט פֿון אַלעמען זיך האַלטן, וואָס האָט קעסיידער געפֿונען שאַרפֿן אויסדרוק אין זײַן גיין, שטיין אין קוקן, איז איצט פֿיל געלינדערט געוואָרן. און אויס־געדריקט האָט זיך עס איצט אין זײַן דאַוונען, וואָס ער פֿלעגט אין שטאָט דערפֿון מאַכן בעקיצור, דאָ פֿלעגט ער לאַנג, שטייענדיק אין טאַלעס פֿאַרן פֿענצטער, אין הויזן אַרויסקוקן, און אָפֿט אויך אַפֿילו בעשאַסן דאַוונען און אַרויסקוקן זיך ניט צעשטייבלען. ס׳האָט זיך אויך אויסגעדריקט אין זײַן באַגיין זיך מיט די באַלעבאַטים אָרענדאַרעס, באַ וועלכע ער האָט זיך

אפ קעפּט און אויסהאַלט געפּונענ, וואָס כאָטש ניט איבעריק צוגעלאָזט צו זיי, באָטש ניט איבעריק און ניט גאָר היימיש, דאָך האָט ער נישט ביַיז געברומט, נישט הינטנאַרומ פאַרפרעמדט געקוקט, און באַט צוגיינ גאַנצ און זיכ ווענדנ צו אימ, האָט ער קיינ איבעריקע שטעכלקעס אפ יענעמ צו באַגעגענענ ניט אַרויסגעלאָזט.

אזוי א טאָג, צוויי, א וואָכ און מער — אפ איינ אָרט, אינ איינ יישוב. דערילט פּלעגט ער אינ א צווייטנ אַוועק — ווידער צו א באַראַאַריקנ באַקאַנטנ, ווידער אינ א שטילנ דאָרפ ערגעצ, אינ א יישוב מער פאַרוקטנ אינ יענעמ קאַנט דעמ וואַלדישנ, ווו די זונ קאָנ לאַנג אינדערפרי פונ צווייגנ די ביימער ניט אַרויסקריכנ, און ווו פאַרנאַכט ווערט זי פאַרשווינדנ פיל פריער, ווי אינ אַנדערע, פלאַכלאַנד- און סטעפּ-ערטער.

וואָס טיפער ער האָט אינ יענער געגנט געצויגנ, זײַנענ די יישובימ אַלצ קלענער און אָפּגעזונדערט-איינזאַמער געוואָרנ, אַלצ מער זײַנענ די שליאַכנ נישט מיט קיינ טיפ-איינגעטראָטענע און איינגעפאָרענע סימאָנימ אינ דעמ עחד-באָרנ פאַרשניטנ; אַלצ ווייניקער האָבנ פויערימ אינ יענער פאַרוואָרפעניש א לעבעדיקנ שטאָט-מענטשנ ווענ געזענ, און ווענ יאָ, האָבנ זיי געקוקט אפ אימ, גלײַכ, ווי ער וואָלט פונ אַנ אַנדער לאַנד אַראָפּגעקומענ; אַלצ מער האָבנ אויכ יידישע אָרענדאַרעס פאַרפרעמדט אינ אָפּגעריסנ פונ שטאָט-מענטשנ זיכ געפילט, ווײַל זעלטנ האָט צו זיי אמאָל אַזאַ איינער אַראָפּגעקוקט, און נאָכ זעלטענער — זיי צו א שטאָט.

גרויס אַמעראַצעס האָט דאָרט געהערשט, פינצטערניש און יידיש-פויערישער אָבערגלויבנ. אינ סרולי פלעגט שוינ דעמאָלט אמאָל צו אַזאַ אָרענדאַר אַנטרעפנ, וועלכער האָט דער אַלעמענ באַוווּסטער דאָרפ-מאַכשייפע קיינ בראַנפנ נישט געוואָלט פאַרקויפנ; ווײַל, האָט ער זיכ פאַרענטפערט, ווענ ער האָט איר איינמאָל יאָ פאַרקויפט, אזוי האָבנ זיכ אינ דער גאַנצער פאַס בראַנפנ און אינ יעדנ איינציקנ גלעזל באַזונדערס, וואָס מע האָט אָנגעגאָסנ, לאַנגע גרינע שפּילקעס באַוויזנ, פונ וועלכע איניקע פויערימ זײַנענ דערנאָכ נאָר מיט בויכ-גרימעניש אָפּגעקומענ, און אַנדערע גאָר אוועקגעשטאָרבנ.

דאָרט האָט יעדער יידישער אָרענדאַר אפ זײַנ יידיש לאָשנ, פויערשע מאַקימס און קרענק אָפּגעשפּראָכנ, אינ, פאַרקערט, פויערימ — יידישע קרענק אפ זייער שפּראַכ.

דאָרט האָבנ זיכ באַנאַכט אינ די קרעניצעס ליכטלעכ באַוויזנ, אַרומ די קרעניצעס האָבנ זיכ שקאַפּעס מיט קרוינענ אַרומגעדרייט, און אפ נאָענטע און ווײַטע ווענג אַרומ האָבנ שיידימ אפ פערד אָנ זאָטלענ און אָנ צוימענ געריטנ, און דורכ אומבלאָנדזשענדיקע פײַערלעכ באַנאַכט פי אינ מענטשנ אינ די בלאָטעס פאַרפירט, אפ צו פאַרזינקט ווערנ און שוינ קיינמאָל ניט אַרויס פונ דאָרט — אָדער אפ אומציקומענ, אָדער נאָר א קיבעצר אפ די זשאַבעס צו ווערנ...

אײנס אינ נאָכ ענלעכעס פלעגט דאָרט ברולי אָנטרעפנ, אינ ברולי האָט זיכ, ניט געקוקט אפ זײנ ליבע צומ דאָרפ, שוינ שטארק געענגט געפילט, ווי די ליבע האָלט אימ ווייניק געוואָרנ אינ ס'האָט אימ גענומענ ווארגנ...

מערסטנטײל פלעגט דאָס שוינ ברולינ טרעפנ אינ א לעצטנ דאָרפ פונ יענע דערפער, וואָס פונ דאָרט וועט ער זיכ נאָכ לאנגנ זומער-פארברענגענ אדײמ אינ שטאָט אומקערנ; דאָרט, ווו צווישנ די געצײלטע הײזער איז אײנ געשטאנענ אנ אײנציקע ײדישע שטוב מיט שטרוי באדעקט, ווי לעמאָישל, מענאשע טריעדיערס: אנ אלטער אויווערבאָטעלער ײד, וואָס איז געזעסנ בא די קינדער אפ אײנהאלט, אונ וואָס דעמ גאנצנ זומער פלעגט ער פאר דער שטוב אפ אנ אויבגעשפרײטנ לאנטעכ אפ דער ערד שוינ אפרינג... א טויבער, וואָס האָט ווייניק געהערט אונ נאָכ ווייניקער פארשטאנענ. אונ דאָס אײנציקע, וואָס איז אינ אימ יאָ פונ פארשטאנד פארבליבנ, איז געווענ, וואָס יעדנ מענטשנ, וואָס פלעגט זיכ צו אימ דערנענטערנ, פלעגט ער אנ אומזיניקע האנט אפ שאָלעמ דערלאנגענ, פארגעסנדיק אלעמאָל, אז ער האָט שוינ דעמ זעלבנ אײנעמ, אינעמ זעלבנ טאָג שוינ פיל מאָל די האנט ביז נימעס ווערנ אויסגעשטרעקט.

אָט בא אימ, בא דעמ מענאשענ, לעמאָשל, האָט מענ ברולינ פונ גרויס לאנגוויל דעמלט שוינ געקאָנט טרעפנ זיצנ, ווי ער שרײט אימ אינ טויבנ, פארמאכטנ אויער ארײנ, נאָכ דעמ, ווי יענער האָט, לויט דער אלטער דאָרפישער געוווינשאפט אינ מיטנ לעצטנ ביסל זיניקע ווערטער, וואָס זײנענ אימ נאָר געבליבנ, בא אימ, בא ברולינ, געפרעגט:

— הא, וואָס הערט זיכ עפעס אינ שטאָט, רעב אוירעכ?..

ברולי האָט אימ דעמלט אינ אויער ארײנגעשריגנ:

— ס'הערט זיכ, רעב מענאשע, גרויס נײעס הערט זיכ: מאָשיעכ איז שוינ געקומענ!..

אונ פונ נאָכ גרעסערנ לאנגוויל, פלעגט ער נעמענ מיטנ אלטנ ווי מיט א קינד שפאסנ, אינ פיל אומזיניקײטנ פארפאסנ, ווי נעמלעכ:

— יאָ, רעב מענאשע, מאָשיעכ איז שוינ געקומענ, אונ די שטאָט פאקט זיכ שוינ אינ דינגט שוינ פורנ אפ אימ באגעגענענ... ראבאָנימ אינ טאלײסימ רײטנ אפ אײזלענ, רעבעצנס אינ טאלעסקאָטנס — אײנע אפ דער אנדערער... די באָד הײצט זיכ א גאנצע וואָכ אונ מענער אונ ווײבער קריכנ פונ דער מיקווע ניט ארויס; קי אינ אָקסנ לויפנ אלײנ אינ שכיטע-הויז; דער באלמאכטע איז אנטלאָפנ אונ קאצאָוויט פארקויפנ פלײש בעזילאזאָל, הינט טראָגנ גאנצע קעפ, אונ די קישקעס שלעפנ זיי זיכ נאָכ... גאנאָוויט האָבנ אלעמענס קעשענעס אינ קישקעס אויסגעשניטנ... קאפצאָנימ גײענ אינ גאָלד, אונ גווירימ—אינ טראנטעס.

— אזוי, אזוי... — פלעגט זיכ דער אלטער טויבלעכ בידעשנ.

אזוי אונ ענלעכ פלעגט ברולי שפאסנ, אינ מע האָט געזענ, ס'איז פונ ניט האָבנ דאָ וואָס צו טאָנ, ס'איז פונ דעמ, וואָס דער אינטערעס האָט

זיך אים שוין דאָ אויסגעלאָזט, אז ער איז ווי אין ליים פֿאַרקראָכן, און ס'איז אים צײַט אהיים שוין ווידער.

און ס'איז שוין מאַקע מאָמענט דעמלט אויך סאָפּ זומער געווען. פֿעל־דער — אָפּגעשניטן, די שניטערס — פֿול, וועלדער — סאָפּ־זומעריק פֿאַר־טראַכט — ליגן זיך פֿריער און שמייען אויף שפּעטער און הערן די גאַנ־צע צײַט נאָר, ווי וועווריקלעך רײַסן ניס און פֿאַרגרייטן זיך אויף יאַקדעס און אויף ווינטער...

אָט דעמלט פֿלעגט סרולי ווידער אין א שיינעם טאָג, מיט קיינעם זיך ניט געזעגענענדיק, די טאָרבע נעמען. ער האָט דעם וועג צום שאָסיי צוריק דורך די זעלביקע דערפֿער, וואָס בעשאַסן אָנקומען, דורכגעמאַכט. די גאַנצע צײַט פֿון זײַן צוריקוועגס איז אויף זײַן פּנים א שטילן שפּאַס צו זען געווען, א ביליקע מינע צו די אַלע לעצט געזעענע אויסוועדבאָמעלע מענא־שען און צו די נאָך ניט אויסוועדבאָמעלע, וואָס זײַנען אים דאָך אַלציינס גע־ווען. ער פֿלעגט דעמלט א פֿרײַלעכער אויפֿן שאָסיי ארויף, פֿלעגט פֿון שווער־לאַנג־זומערדיקער וועלדער־געדיכטעניש ווי פֿרײַ אָפּעטעמען און מיט די אייגן געווענדט אַף פֿאָרויס, צו זײַן פֿון לאַנג פֿאַרלאָזטער און שוין גענאַרבטער שטאָט צוריק...

V

# דער קריג צווישנ די ברידער

1

אפ מאָרגנ נאָכצפרי, נאָכ יענעמ אָוונט, וועגנ וועלכנ מיר האָבנ אויבנ דערציילט, האָבנ אלע דריי ברידער האָבנ זיכ אינ מוישעס עסצימער גע־טראָפנ, האָט אלטער, ווי ס'איז פאָרויסצוזענ געווענ, געשריגנ. דאָס מאָל אָבער אזוי אומגעוויינלעכ, וואָס אפילע פאַר אימ, פאַר אלטערנ, א כידעש.

רעדי אינ הויכנ נאָכ פינצטערלעכ, האָבנ זײנ געשריי צוערשט דערהערט די דינסטנ, וואָס זײנענ געשלאָפנ אינ קיכ אונ האָבנ איבער זייערע קעפ זײנ איבערשטיבל געקראָכ, אונ אײנע, וועלכע האָט אויפגעוואכט די ערשטע, האָט א פונ שלאָפ־דערשראָקענע די צווייטע געוועקט:

— הערסטו, ס'אַרא גרויסנ פארמאָג ער האָט שוינ הײנט פארנומענ.

ביידע זײנענ שוינ דערנאָכ געלעגנ מיט אָפענע אויגנ אפ זייערע געלע־גערס, אינ כאָטש די שמעליע האָט זיי אָפגעטיילט, זײנענ דאָכ אלטערס קוי־לעכ דערגאנגענ צו זיי, ווי פונ אזוי נאָענט, גלייכ לעבנ זיי אונ אינ זעלבנ צימער וואָלט ער געשריגנ. געדאַכט האָט זיכ זיי, אז אזוי קאָנ שרײענ נימ נאָר אײנ געחונעטער אינ די לעצטע מינוטנ פארנ האָבנ, נאָר צענ מיטאמאָל, הינג צענ לעבער ווערנ אויפגעריסנ אונ צענ מאָל צענ ווייטעק רייסנ זיכ דורכ גיישט מער, ווי דורכ מענטשלעכנ מילער, וואָס זײנענ צו קליינ אפ זיי ארויסצוברענגענ.

שפּעטער האָבנ אויכ די שטוב־לײט אינ די ווייטע צימערנ דערהערט. פרייער גימעלט, מייטעס ווײב, אינ גלײכ, נאָכ אינ בעט ליגנדיק, איז איר שוינ אָנגעקומענ דער געוויסער קאָפ־ווייטעק, וואָס טרעפט זי שטענדיק אינ מאָל פונ אלטערס געשרייענ אינ צווינגט זי דעמ גאנצנ טאָג אינ בעט אָפ־ליגנ, אָדער מיט א פארבינדענעמ קאָפ זיכ ארומשלעפנ. דערנאָכ אויכ מיי־טע, אינ נאָכ אימ אלע עלטערע פונ שטוב, ביז די דריי איז געקומענ אויכ צי די מער דערוואקסענע קינדער אינ צווישנ זיי אויכ צו מייערלענ.

אינ דרויסנ האָט געדרייט א ווינט, וואָס דערמאָנט ערעוו-הארבסט, וואָס האָט זיכ אינ די סעדער פארקליבנ נאָכ פונ באנאכט אונ אויכ נאָכנ טאָג-ווערט נימ געקאָנט ארויס פונ זיי. ער האָט אָנ אופהער די ביימער-קעפ הינ אונ צוריק אונ אינ פארשיידענע זייטנ געריסנ אונ אמאָל אויכ אראָפ, צו דער ערד זיי בייגנדיק, געבראָכנ.

דער פארשטויבטער הימל, וואָס האָט אויסגעזענ ווי פאר אָדער נאָכ א רעגנ, איז נידעריק איבער די גאסנ אונ הייזער געלעגנ. אונ ווער ס'האָט יענעמ פרימאָרגנ פונ א פענצטער אינ דרויסנ ארויסגעקוקט, זיינענ אימ פרייערדיקע מאכשאָוועס אופגעקומענ, ווי יעדעס מאָל, ווענ דער וועטער בייט זיכ פונ בעסער צו ערגער.

שפעטער זיינענ בא מוישענ אינ שטוב שוינ אלע וואכ געוואָרנ. די דינסטנ אינ קיכ האָבנ צו דער פרימאָרגנדיקער טיי פאר גרויסע אונ צומ איבער-בייסנ פאר קינדער אלצ, וואָס נייטיק, צו פארגרייטנ באדארפט, — עס-אונ טרינק-געפעס צו וואשנ אונ צו ווישנ אונ דעמ סאמאָוואר אפנ טיש אינ עס-צימער ארופצוברענגענ.

שוינ דערמלט האָט מענ געקאָנט זענ אפ די פענעמער פונ אלע דער-וואקסענע אינ מוישעס שטוב א געוויסע באזאָרגטקייט, וואָס די סיבע אירע איז געווענ נימ נאָר דער שלעכטער וועטער, וועלכער ווירקט אמערסטנ אפ ניכטערע הערצער בייזלעכ, אונ נימ אויכ אלמערס געשרייענ, וואָס דריקנ באשטענדיק אפ אלעמענ אינ שטוב אָנ אויסנאמ אונ נעמענ צו דאָס לעבנ פונ מויל. ניינ, — ריכטיקער באזאָרגט דערפאר, וואָס שוינ גאנצפרי האָט זיכ איבער דער שטוב צעטראָגנ א ידיעה, וואָס האָט פונ נימעלענ געשטאמט, אונ איינער דעמ אנדערנ האָט זי שטיל אפנ אויער איינגערוימט, — א ידיעה, אז דער פעטער לוזי האָט באשלאָסנ אונ האָט בעדייע אינ N צו פאר-בלייבנ, אונ אז זייער פעטער מוישע איז מיט זיינ, לוזיס, באשלוס נימ אי-בעריק צופרידנ.

באקומענדיק אָט די ידיעה, האָבנ אלע דערמלט דערפילט, אז די מאכ-לויקעס, וואָס האָט זיכ אָנגעהויבנ אזוי שטיל צווישנ די ברידער, אינ גרויס איינגעהאלטנקייט אונ אינ ראמענ, הייבט איצט אָנ פונ די ראמענ ארויסגיינ; מע האָט דערפילט, אז אָט דער באשלוס דעמ פעטער לוזיס — אינ זיכ אנ אומשולדיקער, וואָס, פארקערט, אנ אנדערשמאָל וואָלטנ אימ אלע מיט גרויס פארגעניגנ אונ פאר ליב אָנגענומענ, — איז דאָס מאָל, ווי פריש אונ-טערגעלייגט האָלצ צו פייער, וואָס וועט דינענ אלס נייער מאטעריאל אפ נאָכ מער אונ שטארקער זיכ צעפלאקערנ.

אלע דערוואקסענע האָבנ בא דער טיי דערמלט געשוויגנ. מע האָט גע-טרונקענ טיי נאָר פאר יוצא-וועגנ. מע האָט אלעמאָל נאָר געכאפט א קוק אפנ פאָטער, אפנ עלטסטנ פונ דער פאמיליע, אפ מוישענ, וואָס אויכ אפ זיינ פּאָנימ איז צו זענ געווענ די אלגעמיינע זאָרג ארויסגעדריקט. אינ דער-זעלבער צייט האָט מענ אויכ אלע ווילע הינטנארומ געקוקט אפ יענער טיר

פונ עסצימער, דורכ וועלכער דער פעטער לוזי האָט זיכ געקאָנט באַווײַזנ — אויכ צו דער פרימאָרגנדיקער טיי, אונ דאָס מאָל זײַנענ אַלע אימ ווי ניט גערנ געזענ. מע האָט מוירע געהאַט, אַז איצט, בײַסנ אויפגערעגטנ געמיט, וואָס בײַ אַלע, זאָל מענ זיכ איבער אַ קלייניקייט ניט פאַרטשעפּענ, אונ, פאַרקערט, געהאָפט, אַז אויב איצט וועט מענ אויסמײַדנ קריג, וועט מעגלעכ פאַרנ טאָג דאָס, וואָס איצט אָנגעגליט, זיכ אָפּקילנ, דאָס, וואָס קאָנ איצט אַ קריג אַרויסרופנ — געלאָשנ אונ געשטילט ווערנ.

לוזי אָבער האָט איצט איבער עפּעס פאַרשפּעטיקט אָדער אומיסטנ זיכ געמאַכט פאַרשפּעטיקנ, אַזוי אַז פונ דאָרט, פונוואַנענ מע האָט זיכ געריכט, איז קיינער ניט געקומענ. דערפאַר אָבער פונ אַנ אַנדער טיר, פונ דער, וואָס פירט פונ קיכ אינ עסצימער, האָט מענ פּלוצעמ, אַנ אומגעריכטנ, אַ נאַסנ אַרײַנקומענ דערזענ:

סרולינ, סרולי גאָל.

ער האָט זיכ אויכ איצט, ווי מאָמעד, מיט אַ זײַט, אַ שטילער אונ אַ שײַנענדיקער אַרײַנגעשמעלט. ער האָט איצט אויסגעזענ, ווי גלײַכ נאָרוואָס פונ ים — מיט דער מאָרבע. אינדערעמעטנ אָבער ניט פונ וועג, וואָס דאָס איז געווענ צו מערקנ פונ זײַנע אויסגערוטע פּאָנעמ אונ אויגנ, וועלכע האָבנ אײדעס געזאָגט, אַז די נאַכט פונ נאָכ זײַנ אָנקומענ האָט ער שוינ ערגעצ אַנדערשווו איבערגענעכטיקט. צוזאַמענ דערמיט האָט מענ אויכ באַמערקט, אַז דאָס, וואָס ס'קומט איצט פאַר דאָ אינ שטוב, די באַזאָרגטקייט פאַר מעגלעכ־פאַרשטייענדיקע אומאָנגענעמלעכקײַטנ, ווי אויכ דאָס, וואָס פאַר אָט דער באַזאָרגטקייט איז פאַרגעקומענ, איז אימ, סרולינ, שוינ באַוווּסט: צו זײַנ אָנגעשפּיצטנ אויער, ווײַזט אויכ, איז דאָס שוינ פונ ערגעצ־ווו דערגאַנגענ. מע האָט אויכ געזענ, אַז ס'קומט אימ האַנאָע דאָס פאַרשטייענדיקע, גלײַכ אַ גרויס גליק וואַרט אימ, פונ וועלכנ ער איז האַפּעדיק, אונ זײַנ בליק שפּילט צופרידנ אונ מיט שאַדנפרייד.

ער האָט, ווי זײַנ שטייגער, באַם אַרײַנקומענ קיינ גוט־מאָרגנ ניט געזאָגט, ניט געווינטשעוועט אונ זיכ ניט געגריסט מיט קיינעמ. ער האָט נאָר זײַנ מאָרבע אינ אַ ווינקל ערגעצ אָפּגעלייגט — אַ סימענ, אַז ער קלײַבט זיכ דאָ אַ ביסל מער, ווי געוויינלעכ, צו פאַרבלײַבנ, אונ באַלד נאָכ דעמ האָט ער, ניט קיינ אײַנגעלאַדענער אונ ניט קיינ גערופענער פונ קיינעמ, באַגלײַכ מיט אַלע צומ טיש, ווו מוישעס שטוב־לײַט האָבנ טיי געטרונקענ, זיכ אַוועקגעזעצט.

דעמאָלט האָט מענ אויכ געזענ: סרולינ האָט דאָס מאָל די טיי ניט אינטערעסירט, — צי מאַכמעס שוינ אָפּגעטרונקענ, צי נאָכ ניט — אַלצייגס. די אויגנ האָבנ אימ נאָר די גאַנצע צײַט איבער די שטוב־לײַט אומגעשוועבט, גלײַכ ער וואָלט געזוכט צווישנ די פּנימער, וואָס זײַנענ אימ שוינ פונ לאַנג באַקאַנט, עמעצנס אַנ אומבאַקאַנטס. ניט געפינענדיק אָבער דאָס געזוכטע, האָט ער אַלע ווײַלע געווענדט זײַנ בליק צו יענע טירנ, וואָס פירנ

אינ עסצימער, דורכ וועלכע ער האָט געפילט, אז דער אומבאקאנטער האָרפ זיכ אונ מוז זיכ פונ איינער פונ זיי באווײַזנ.

דערמיט האָט מוישע פונ הינטערנ טיש זיכ אופגעהויבנ אונ צו זיכ אַוועק. אונ באלד, שפּעטער עטוואָס, איז לוזי, ווי ער וואָלט זיכ אָפּגערעדט מיטנ ברודער זיכ דאָס מאָל ניט צו באגעגענענ, דורכ אנ אנדער טיר ארײַנ.

סרולי, וואָס האָט, ווי געזאָגט, די גאנצע צײַט געוואַרט אפ אימ, האָט אימ באלד באמערקט: אנ אויסגעוואַשענער צומ פרימאָרגנ, א שמאלטשנער, אונ יאזא, וועלכער שאפט יעדעס מאָל אבט אינ יאָנטעוו, ווענ ער באווײַזט זיכ.

ער האָט מיט א זײַטל־בליק געכאַפּט א קוק אפ אימ אונ געוואָלט, ווי זײַנ שטייגער, באלד אָפּווענדנ פונ אימ זײַנ בליק אונ בראָוונ יענע בארויגעזמינע, וואָס ער פראָוועט בענעגייע אלע אנדערע. דאָס מאָל אָבער איז זי, קעגנ זײַנ ווילנ, בא אימ עפּעס ניט ארויסגעקומענ, ניט געראָטנ. פארקערט: ער איז ווי צוגעקלעפּט געוואָרנ צו לוזינ, אונ אזוי ווײַט, אז ווענ לוזי האָט זיכ פונ דער טיר צומ מיט שטוב אונ צומ טיש געלאָזט צוגיינ, אווי האָט סרולי, נײַשט באמערקט פאר זיכ אליינ, מיטאמאָל פונ זײַנ אָרט זיכ א הייב געטאָנ, אונ דאָס, וואָס ס׳געשעט זעלטנ מיט אימ, איז דאָס מאָל יאָ געשענ: ער האָט לוזינ זײַנ האנט אפ „שאָלעמ“ דערלאנגט.

עמעס, ער איז גלײַכ בארויגעז געוואָרנ אפ זיכ פאר אָט דער שוואַכקײַט, ווי אימ האָט געדאכט, אָבער, וואָס געטאָנ, איז געטאָנ, אונ צוריקכאַפּנ איז שוינ צו שפּעט געווענ.

זײַנ האנט־געבנ דערמיט האָט דערווײַל עטלעכע זאכנ מיטאמאָל באאײַנמיקט. ערשטנס, אז אויכ ער, סרולי, איז אמאָל גיט אינ דער האנט בא זיכ, אז ער גייט אמאָל פונ זײַנ אײַנגעשטעלטנ געדער ארויס, אונ זײַנ ראָל, וואָס ער האָט אפ זיכ גענומענ, קאָנ ער בא געוויסע אומשטענדנ ניט אויסהאלטנ אונ דערפירנ ביזנ סאָפ; צווייטנס, האָט באַשטעטיקט, אז סרולי האָט שוינ פונ לוזינ, ווײַזט אויס, פונ פריער געוווסט אינ מעגלעכ אמאָל אויכ ווענ אימ געזענ אינ אָט דער שטוב, אונ ווענ אפילע אויכ ניט געזענ, האָט ער דאָכ הינטער די אויגנ געהאט פונ אימ א געוויסע פאָרשטעלונג, וועלכע האָט לוזינ אויסגעטיילט אונ ארויסגערופנ בא אימ צו אימ, צו לוזינ, ניט דאָס, וואָס צו אלע אנדערע; דריטנס, באַשטעטיקט, אז ניט צוליב קיינעמ, נאָר אליינ מאקע צוליב לוזינ האָט ער זיכ דאָס מאָל גאנצפרי צו מוישענ אינ שטוב ארײַנגעשטעלט, — צי צוליב נײַגעריקײַט, צי צוליב אנדערע מיימימ, וועלנ מיר שפּעטער זענ. דערווײַל איז דאָס ניט איבעריק קלאָר געווינ אונ אפ סרולינ ניט צו דערקענענ.

וואָס געהערט לוזינ, האָט ער צו סרולינ קיינ שומ נײַגער ניט ארויסגעוויזנ, גלײַכ ער קאָנ אימ שוינ פונ לאנג, אָדער ווענ אפילע ניט פונ לאנג, איז, אלנפאלס, קיינ איבעריקנ אינטערעס צו אימ; אונ פארקערט, ווענ לוזי

האָט באמערקט, אז אלע שטוב־לייט פילנ זיכ געענגט אינ זיינ אָנוועזנהייט,
אונ אז מרולי שאפט זיי אומאָנגענעמלעכקייט, אונ יעדער איינער זעט איצט
זיינ טיי־טרינקענ וואָס גיכער צו פארענדיקנ אונ זיכ ארויסרוקנ פונ טיש,
האָט ער זיכ געוווּנדערט אונ אפ אלעמענ א ניט־באנעמענדיקנ, ניט־פאר־
שטייענדיקנ בליק אָנגעשטעלט.

די שטוב־לייט אָבער האָבנ דאָס ניט באמערקט, אונ איינער נאָכ איי־
נעמ האָבנ זיכ פונ די ערטער אויפגעהויבנ אונ גענומענ — ווער וואוהינ אוועק־
צוגיינ. געבליבנ איז נאָר גימעלע מיטנ פארבונדענעמ קאָפּ פונ ווייטעק,
פונ וועלכנ זי האָט שוינ פונ גאנצפרי געליטנ. זי איז געבליבנ, קעדיי,
ערשטנס, ווי איר שטייגער, לוזינ באמ טיש צו באדינענ — דאָס מאָל אימ
טיי אָנצוגיבנ אונ צו דערלאנגענ; אונ, צווייטנס, קעדיי באלד, ווי אלע זיינענ
זיכ פונ טיש צעגאנגענ, אימ די ערשטע פראגע צו שטעלנ (די ערשטע אָבער
נאָכ פאר יויצע־ווערנ): „צי האָט ער געהערט פארטאָג אלטערנ שרייענ?“—
אונ דערנאָכ, ווענ זי האָט אנ ענטפער אפ יאָ באקומענ, האָט זי א פרעג
געטאָנ וועגנ איקער, וואָס האָט זי אינטערעסירט, וועגנ וועלכנ מוישע איר
טאָג האָט איר שוינ גאנצפרי, נאָכ אינ אלקער זייענדיק, צו וויסנ געגעבנ,
אונ וואָס, אויפשטייענדיק, האָט זי, פונ איר זייט, אירע שטוב־אייגענע דער־
ציילט — וועגנ לוזיס באשלוס אינ N צו בלייבנ:

— צי איז דאָס מאָקע עמעס, לוזי, וואָס מוישע האָט איר דערציילט?

— עמעס. — האָט איר לוזי געענטפערט. אונ אויכ דאָס מאָל, ווי אלע־
מאָל, ווענ ס'גייט וועגנ אנ איניענ, וואָס ער האלט, אז איבעריקע מענטשנ
זאָלנ דערפונ ריידנ איז איבעריק, אונ אז ביכלאל זיינענ רייד ניט נייטיק,
האָט ער זיכ געטאָנ, ווי ווייטערדיקע פראגעס איז ער ניט גערנ אונ יעדער
וועגנ דעמ שמועסנ איז אימ ניט ניכע.

גימעלע האָט דאָס באמערקט אונ דאָכ האָט זי זיכ ניט איינגעהאלטנ
פונ נאָכ איינער א פראגע:

— אונ וואָס רעכנט ער צו טאָנ מיט זיינ דירע אונ מיט אלעמ איבעריקנ
פארמעגנ?

— פארקויפנ.

— אונ דאָ?

— זיכ דינגענ.

— דינגענ?.. בא פרעמדע, אונ נישט בא אונדז?

— יאָ, — האָט לוזי ווידער קורצ געענטפערט.

דערמיט איז גימעלע שטארק אָפּהענטיק געוואָרנ, דער קאָפּווייטיק האָט
זיכ איר פארשטארקט, ס'איז איר שווער געוואָרנ באמ טיש צו פארבלייבנ,
זי האָט לוזינ פארלאָזט, אונ אליינ צו זיכ אינ איר אלקער אוועק.

א שווערער טאָג האָט זיכ דעמאָלט געשטעלט אינ שטוב בא מוישענ --
סיי פאר אימ, פאר מוישענ אליינ, סיי פאר אלע זיינע אייגענע, אָנגעקו־

מענע, אָנגעפּאָרענע, און פאַר אַלע, וואָס האָבנ געהאַט צו זײַנ שטוב אַ שײַכעס.

נאָכ דעמ, ווי גימעלע איז פונ עסצימער אַרויס, אַזוי האָט לוזי, בלײַבנדיק אַלײנ, גענומענ אַרומשפּאַנענ, ווי זײַנ שטײגער מאָמענט פאַרנ דאַווענענ, מיט די הענט אינ די צוויי הינטערשטע קעשענעס פונ זײַנ קאַפּאָטע אַרײַנגעשטעקט. דאָס מאָל צערודערט און פאַרזאָרגט זײער, ווײַל די קוילעס פונ אַלטערנ, וואָס האָבנ שוינ פריער געהאַט אויפגעהערט, אַנשווײַגנ געוואָרנ, האָבנ זיכ איצט באַנײַט, און נאָענט פונ איבער דער קיכ=סטעליע קומענדיק, האָבנ אימ גרויס צאַר פאַרשאַפט און מיטפילנדיקנ ברודערישנ אַנגסט אַפ זײַנ פּאָנעמ אַרויסגערופנ. און לעסאָפ, ווענ אַלטערס געשרײַענ האָבנ זיכ נאָכ מער פאַרשטאַרקט, האָט ער זײַנ אומשפּאַנענ איבערגעריסנ, ער איז אַפ אַ ווײַלע שטײן געבליבנ, דערנאָכ האָט ער פונ זײַנ אָרט אַ גײ געטאָנ, צו דער קיכ זיכ געלאָזט, און פונ דאָרט צו די טרעפ, וואָס פירנ צו אַלטערנ אינ אײבערשטיבל, אַרופ.

אַז ער איז אַרופ, האָט ער דערזענ:

אַלטערס באָכערישער צימער מיט אײנ בעט, טישל, בענקל האָט אויסגעזענ פאַרלאָזט, עלנט, גלײַכ ניט צווישנ מענטשנ וואָלט ער דאָ געוווינט, גלײַכ ניט קײנ אײגענע וואָלט ער אונטער דער פּאָדלאָגע געהאַט, נאָר ווי ערגעצ אינ אַ וואַלד, אַפ אַ וויסטע ערגעצ זײַנ שטיבל.

דער צימער, די ווענט, האָט אימ געדאַכט, האָבנ אַלטערס פאַרלוירענע באָכערישע יאָרנ באַדויערט, און דאָס פענצטער, וואָס קוקט אינ סאָד אַרויס, האָט ווי ניט נאָר איצט אינעמ שלעכטנ וועטער, נאָר קעסיידער, אינ אַלע יאָר=צײַטנ, דאָס זעלבע בילד, וואָס איצט דאָ, צו זענ געמאַכט: אַ בילד פונ בײמער, וואָס ווינטנ ברעכנ זײ, און שטענדיק פאַרשטויבטע און פאַרכמאַרעטע ליפט און הימל.

אַלטער איז אינ מיט צימער געשטאַנענ ווײַט ניט אינ מענטשלעכער אָרדענונג... ער האָט זײַנע הענט אינ אײנ ברעכנ געהאַלטנ אַזוי גיכ, אַזוי האַסטיק, אַזוי ווילד=משוגע, גלײַכ ער וויל זײ פונ די גלידער אַרויסדרײענ און זײ פונ זיכ אָפּשלײַדערנ. דערבײַ איז זײַנ בליק פאַרטראָגנ, און אָפּט שלאָגט ער זיכ אינ קאָפּ מיט די שפּיציקע פינגער=בײנדלעכ פונ זײַנע קולעקעס און כאָפּעט נאָכ דעמ, ווי נאָכ אַ שווערער מעלאָכע.

אַז ער האָט אָבער לוזינ דערזענ, האָט זיכ אימ אַפ אַ ווײַלע דער בליק ווי אויסגעלײַטערט, ער האָט אויפגעהערט די הענט צו ברעכנ און זיכ אינ קאָפּ שלאָגנ, און אַפ אַ מינוט, אַפ אײנ מינוט נאָר, זינענ געקראָגנ, ווי נאָר וועדליק אַפ אַרויסצושרײַענ: אוי, שלעכט, ברודער... אוי, ביטער, ברודער...

באַלד אָבער האָט ער ווידער דעמ זינענ פאַרלוירנ. ער האָט אויסגעזענ, גלײַכ עמעצער האַלט אימ ערגעצ אינ אײנ רופנ, און ער הערט זיכ אײַנ אינ יענעמס רופ און ווענ ער דערהערט יענעמס קאָל רײַמלעכ, אַזוי טוט

בײַ אים אינעווייניק א ווילד געשריי א גיי, אזוי, וואָס צערײַסט אים שיִער ניט דאָס מויל מיט די אנגלענע אינדרויסן, און די קישקעס אין בויך אינעווייניק.

דעם דאָס געשריי לאָזט אים נאָך און גייט אים איבער, ווײַל ער זעט מיט זײַן בליק אין א שטוב־געגנשטאַנד פאַרהאַלטן, אין א וואַנט, אין א פענצטער, אין וואָכנטיק־אין, אבי זיך פון יענעמס הערשאַפט צו באַפרײַען און פון שרײַען זיך אָפּצוהאַלטן. אָבער יענער האַלט אים פעסט, יענער האַלט אים אין איין ווידערופן. אַלטער פאַרלירט ווידער דעם בליק, און ווידער איז ער שוין אין רעשים בײַ יענעם, און ס'דרײַסט זיך שוין נאָכאַמאָל א גיי און ווילד אויסגעשריי פון אים.

לויזי איז צו אים צוגעגאַנגען. ער האָט אים געפרואווט באַרויקן — מיט דער האַנט דעם קאָפּ געגלעט און דעם שווייס פון שטערן געווישט. יענער האָט זיך אַף א ווײַלע געלאָזט. אָבער באַלד ווידער אָפּגעגײַ... און לויזי האָט געזען, אז קיין מענטשלעכס האַנט איז דאָ גאָר ניט בעקוועם אופצוטאָן, אז א מענטש, אפילו דער גאָנצמסטער, איז דאָ מיט זײַן גרעסטן מיטגעפיל און מיטלײַד אומבאַהאָלפן — האָט ער זיך אויסגעדרייט פון צו קוקן אַף אַלטערס אומפאַרמײַדלעכער אנגסט און פון צו זען אים אין זײַן באַשערטקײַט. און, אויסקערעווענדיק זיך, האָט ער איצט באַם ארײַנגאַנג אין אַלטערס צימער, בײַ א מיד־זײַט אײַנער, א קינד דערזען: מײַערלען... ער האָט אים פריער ניט געהאַט באַמערקט, און איצט מיטן פּנים צו דער וואַנט שטייענדיק געטראָפן, אײַנגעקערעוועט, כאָטש מוירע־האָבנדיק אַף אַלטערן צו קוקן, אָבער אין דער זעלבער צײַט, ווי צום אָרט צוגעבונדן, און יעדער אַלטערס געשריי האָט זײַן קערפּערל געמאַכט אופציטערן און זײַן הערצל — מיט א נשמה אויסברעכן און בלײַבן.

לויזי האָט מײַערלען בײַ א ווינקל אָנגענומען, ניט זאָגנדיק גאָרניט, אים פון צימער ארויסגעפירט, צוזאַמען מיט אים די טרעפּ אַראָפּ, און אזוי דאָס קינדערישע הענטל פון זײַנער נישט ארויסלאָזנדיק, איז ער מיט דעם דורך דער קיך דורכגעגאַנגען און אין עסצימער ארײַן.

אז בײַלי, וואָס איז די גאַנצע צײַט פון לויזיס אָפּוועזנהייט אַליין געזעסן, האָט אים איצט, דאָס קינד פאַרנס הענטל מיטפירנדיק, אַף דער שוועל ארײַנטרעטן דערזען, האָט ער זיך ווידער, ווי פון ניט־ווילנדיקן און געצוווּנגענעם דערבערעץ, פון זײַן אָרט א הייב געטאָן. ער האָט זיך אָבער באַלד צוריק געכאַפּט, און ווי ווילנדיק פאַרענטפערן זײַן פּלוצעמדיק אופהייבן זיך, האָט ער א גיי געטאָן צו לויזין, זיך אים אנטקעגן געשטעלט און פאַר זײַן פּאָנים געקימען, און אומגעריכט און, מעגלעך, פריער מיט א מינוט אַליין אפילו ניט געטראַכט דערפון, האָט איצט א זאָג געטאָן:

— ער וואָלט געגרן וועלן, אויב לויזי האָט איצט צײַט, מיט אים זיך דורכשפּאַצירן, ער האָט א וויכטיקע אַניִען צו אים.

— צו אים? — האָט לוזי אַז אים פאַרכידעשט אַ קוק געטאָנ, גלײַב ער זעט אים דאָס ערשטע מאָל.

— נײנ, איצט ניט, — האָט לוזי געענטפערט, אָנווײַזנדיק, ווי אַפ דער סיבע פונ זײַנ איצטיקנ ניט־קאָנענ, אַפנ קינד, וואָס ער האָט נאָכ אַלצ באַט הענטל געהאַלטנ. אינדערעמעטנ אָבער, מײנענדיק ניט דאָס קינד, נאָר זיכ, וואָס דאָס נאָרוואָס געזעענע באַ אַלמערנ האָט אַפ אים אַ שווערנ אײַנדרוק געמאַכט, — איצט ניט, — האָט ער געזאָגט — ער איז ניט אימשטאַנד איצינד.

— ווענ דענ?

— נאָכנ דאַווענענ, באַטאָג, באַנאַכט, ווענ נאָר ער, סרולי, וועט וועלנ.

סרולי האָט זיכ שוינ געהאַט אָנגעברויגעזט אונ אַפ זײַנע ליפּנ האָבנ שוינ געזאָלט קומענ יענע בײזע ווערטער, מיט וועלכע ער באַגעגנט יעדעס מאָל אַ מינדסטע באַלײדיקונג פונ אַ געוויסנ סאָרט מענטשנ, וועמענ ער פאַרשווײַגט ניט אונ צאָלט צוריק מיט האַרבע באַלײדיקונג־פּראָצענט. דאָס מאָל אָבער זײַנענ די ווערטער פונ זײַנ מויל ניט אַרויסגעקומענ, אונ נאָר די טײַטש זײערע האָט מענ אינ זײַנע אויגנ געקאָנט איבערלײענענ. אונ ניט אַרויסגעקומענ זײַנענ זײ ניט נאָר דערפאַר, וואָס צו לוזיג האָט ער זיכ, ווי געזאָגט, אַנדעריש ווי צו אַנדערע באַצויגנ, נאָר אויכ, אונ עפּשער דערי־קער, דערפאַר, וואָס, אַז לוזי האָט זיכ איצט אָפּגעזאָגט פונ אים אויפצו־נעמענ אונ מיט אים דעם געוווּנטשענעם געשפּרעכ צו האָבנ, האָט ער זיכ ניט געיאָמערט, לענגער זיכ ניט באַהאַלטנ, נאָר באַלד מאַכט זיכ אָפּגעקערעוועט, פונ עכצימער אַרויס אונ אינ זײַנ ווײַטנ, אָפּגעזונדערטנ אַלקער אַוועק.

אינ אַ שטיקל צײַט שפּעטער, אַז סרולי, וואָס איז אַלײנ געבליבנ, האָט זיכ גענומענ עפּעס פּאָרענ באַ דער מאָרבע, פונ דאָרט זײַנ מאַלעס־אונ־טפילנ אַרויסגענומענ אונ זײ אָנגעטאָנ; אינ נאָכ דעמ, ווי ער האָט, ווי זײַנ שטייגער, אַבײַנ אָפּגעמאָדערט דאָס דאַווענענ, צוריק איבערגעטאָנ דעמ מאַלעס־אונ־טפילנ אונ זײ אינ מאָרבע אַרײַנגעלײגט, — האָט ער זיכ צוזעצט פונ עכצימער אינ קיכ אַרויס געלאָזט, מיטנ מײנ, אײב ס'זעט זיכ לאָזנ אונ, ווי ער איז געוווינט געווענ, מיט די דינסטנ אַ געשפּרעכ צו פאַרפירנ.

דאָס מאָל האָט זיכ עס ניט געלאָזט: די שווערע שטימונג פונ דער שטיב אינ יענעמ פרימאָרגנ האָט זיכ אויכ ווי די דינסטנ איבערגעגעבנ, אויכ זײ אָנגעשטעלט, אונ זײ, די דינסטנ, וואָס זײַנענ דאַפקע מאָמענט אַפ אַזוינע זאַכנ באַלאָגיט אונ זײַנענ גרײט מיט וועמענ־ניט־איז אונ אינ אַלע צײַטנ צו פאַרברענגענ, האָבנ דאָס מאָל סרולינ עפּעס ניט איבעריק גערנ באַגעגנט, אונ באַ אײנער, באַ דער קעכנע, ווי נאָר זי האָט אים אַפ דער שוועל דערזעענ, האָט זיכ אַנ אומבעקאָוועדיקער אויסגעשרײ אינ אַ ניט צו־פרידענעמ טאָנ אַרויסגעריסנ:

— ס'קאָצל קומט, ר' סרולי...

זי האָט מאַנכעס מוירע זיכ אַפּילע באַלד פאַרטאַפּט אונ די ערשטע פאַר זעלבער מיט אַנדערע, מער אַכטנדיקע אונ צוגעלאָזטע, געוואָלט פאַרגלעטנ. סרולי אָבער האָט זיכ שוינ ניט הערנדיק געמאַכט: די אַנדערע, ווי די ערשטע, ווי פאַרביי אויער דורכגעלאָזט, זיכ געמאַכט, גלײַכ זײַנ מײַנ איז ניט געווענ דאָ אינ קיכ זיכ צו פאַרהאַלטנ, נאָר פאַרבײַצוגיינ. אונ אַזוי האָט ער מאַקע באַלד געטאָנ — ער איז די קיכ דורכגעגאַנגענ אונ פונ הויז אינ הויפ אַרויס.

שפּעטער א ביסל האָט מענ אים געזענ שטיינ בא דער געשלאָסענער פאָרטקע פונ סאַד, ווו דער ווינט האָט אים אינ פּאָנעם אונ אינ דער באָרד געפּאַטשט, אונ מיט יעדער ווינט-אָנפאַל, וואָס איז פונ סאַד אונ פונ צווישנ די ביימער געקומענ, האָבנ זיכ אים די פּאָלעס אונטנ בא די פיס פאַרהויבנ.

ער איז געשטאַנענ א פאַרטראַכטער, א פאַרטראָגענער לײדיקגײער.

דאָס זעלבע שפּעטער באַט ברינגעט, ווענ מע האָט אים געזענ: ווידער פאַרטראַכט, אונ ער האָט אויסגעזענ, ווי איינער, וואָס שוינ פונ גאַנצפרי האָט ער ניט וואָס צו טאָנ, לאַנגווײַלט זיכ אונ זוכט, ווו די צײַט אַהינ-טאָנ.

אונ אָט, אָט דער לאַנגווײַל, דאָס ניט וויסנ, ווו אונ מיט וועמענ צו פאַרברענגענ, האָט אים לעסאָף אַרײַנגעבראַכט אינ שטיבעלע פונ מיכאַלקע דעמ הויפ-היטער, אינ דעמ נידעריק-לײַנגלעכנ, מיט איינעמ נאָר הילצערנ באַנק-בעטל, בענקל אונ טישל, וואָס האָט געשמעקט מיט שוויים אונ קאָרנ-ברויט, מיט פאַרײַאַנגטע קרעמענצער אינ ביליקנ ליולקע-טוטינ, אונ ווו דאָס גאַנצע שטיבעלע האָט נאָר איינ קליינ פענצטערל לעבנ דער טיר באַט אַרײַנגאַנג געהאַט, אונ דערינ איז באַטאָג דאָרט באַשטענדיק פינצטער.

א קליינ, גראָשנדיק הענג-לעמפּעלע, א פלאָשקעלע אַפּ דרעמלענ, האָט פאַר אַנ אַלטער פאַרײַכערטער איקאָנע אינ א טעמליע-ווינקל געברענט. אונטערנ לעמפּעלע, אַפּ א הילצערנ פּאָליטשקעלע — עטלעכע ווערבע-רימלעכ נאָכ פונ פאַראַיאָריקנ יערבע-יאָנטעוו, אויב א פלעשל קוטיקע, גראָזע, איבערגעבליבענע וואַכ פונ „קרעשטשעניע“, דאַנ א פּאָר דאָרפישע ערדענע טעלער אינ שיסל, א הילצערנער, פונ פאַרנ אָפּגעקראַכענער, לעפל. אונ שוינ — קיינ שום מעבל אינ קיילים מער, אונ פונ דעם אינגאַנצנ, פינ אָט דעמ שטיבעלע אינ הויז-ראַנד, איז דער באַלעבאָס אינ איינגטימער געווענ דער אַלטער, אינ הויז-געבראַכענער מיכאַלקע, וואָס שוינ אָנ א קאָל קימאַט אונ מיט שוואַכער רייד.

אַהינ, אינ יענעמ שטיבעלע, האָט זיכ סרולי אינ יענעמ פרימאָרגנ נאָכ לאַנג, פּיספּלעכנ אימטרייענ אינ הויפ, אַרײַנגעשטעלט. אינ אַזוי מיכאַלקע איז שוינ אַלט געווענ, אונ טאָמער, ווי נאָר ער איז פונ אַנדערע ניט גערופנ אינ ניט אויפגעפאָדערט געוואָרנ צו אַרבעטנ, האָט ער זיכ קיינמאָל אַליינ ניט דערבאָנט אינ צו איר זיכ ניט גענומענ; אונ אַזוי איצט נאָכ איז צו אים

א מענטש אַרײַנ — זאָל זײַנ אפּילע צו פרי, ניט צו דער צײַט, אונ אפּילע ניט זײַנ גלײַכנ דער מענטש, וואָס פאַרברענגענ מיט אימ האָט ער אפּילע ניט געקאָנט האָפנ — דאָס האָט האָט אימ פאַר א גוטנ מערעצ אונ באַרעכטיקונג געדינט, אַפּ זיכ צו פאַרהאַלטנ אונ, קלוימערשט, מאַכמעס קאָוועד פאַרנ מענטשנ, מיט אימ צו פאַרבלײַבנ.

אונ מאָרגנ: סרולי, האָט זיכ מיכאַלקענ געדאַכט, איז דאַפקע יאָ גערנ געוועגנ מיט אימ צו פאַרברענגענ, אונ, פאַרקערט, ער האָט אימ צו זײַנ פוילקײַט געהאָלפנ, אימ נאָכ מוט אונטערגעגעבנ: „נישקאָשע, האָט עס געהייסנ. די אַרבעט וועט ניט אנטלויפנ. אײַלנ האָט ער זיכ ניט צו וואָס, וואָרעמ ביכלאַל האָט ער זיכ שוינ גענוג אָנגעאַרבעט, אונ ס'איז שוינ צײַט אימ אַמאָל אויכ צו רוענ".

סרוליס פאָנעט דערבײַ האָט מיט שפּאַס געשפּילט. ס'האָט אויסגעזענ, ער רעדט אונ הערט ניט אונ האָט מיכאַלקענ אפּילע ניט אינ זינענ. אונ דאָכ, ניט אינ זינענ האָבנדיק, האָט ער פונ־עסטוועגנ מיכאַלקעס אַלט ביכל סײַבל אינ א געוויסער ריכטונג געקערעוועט, אינ יענער, אַפּ וועלכער ס'לאָזט זיכ יעדער דינער בענעגייע זײַנ באַלעבאָס, אינ יענער, וואָס יעדער דינער, דער געטרײַסטער אפּילע, לאָזט זיכ אַפּ זײַנ באַלעבאָס אָנרײדנ, אז דער באַלעבאָס באַגײט אימ אוולעס, אז אומזיסט לייגט ער זיכ אוועק אונ דינט אימ אזוי געטרײַ, ווײַל ס'איז איבעריק אונ אַרויסגעוואָרפנ, וואָרעמ די „פאַריאַקעס" פונ די באַלעבאַטימ זײַנענ „ווייסט מענ שוינ, וואָס פאַר א „פאַריאַקעס".

סרולי האָט דערבײַ אונטערגעהאַלטנ די מײַנעס, וואָס זײַנענ בײַסנ שטועסנ אויפגעקומענ בא מיכאַלקענ: אז ער איז טאַקע גערעכט, מיכאַלקע, אז די דינסטנ שאַפנ זיכ טאַקע מיט אימ איבעריקס, אז זיי לייגנ אַפּ אימ אַרופּ אומזיסט, וואָס זיי אַליינ זײַנענ עס גאָר מעכויעוו צו טאָנ. אונ נאָכ מער: וואָס טאָמעד, בײַס א קריג מיט זיי, גיבנ די באַלעבאַטימ שטענדיק אָפּ דעמ גערעכט זיי, די דינסטנ, וואָס אינדערעמעסנ גערעדט, וואָס פאַר א דינער זײַנענ זיי? — הײַנט קומענ זיי, מאָרגנ גייענ זיי, — אונ ער, וואָס דינט שוינ דאָ אזויפיל יאָר, רעכנט מענ זיכ מיט אימ גאָר ניט, ווי מיט א הונט, אונ ער בלײַבט טאָמעד דער אונטערעכטער.

— טאַקע גערעכט, מיכאַלקע...

אינ שטיבעלע איז טונקל געווענ. רייטיב, מאַכמעס דער טונקעלער שײַנ ביכלאַל פונ יענעמ פרימאָרגנ. אונ באַזונדערס, מאַכמעס דאָרט, ווי געזאָגט, אַלע פרימאָרגנ טונקל — איבערנ אײנעמ, קלײנעמ פענצטערל, וואָס קוקט אינ הויפ אַרויס.

ס'האָט אויכ איצט געשמעקט מיט קאָרנ־ברויט אונ מיט דאָרפישע קרײַמעה, אונ אויכ מיט טאַבאָרקע־רויכ, וואָס מיכאַלקע האָט, צוזאַמענ מיט זײַנ אַלט־דינערישער מאַרומעס, פונ זײַנ אַלטער, שוינ זיבנ מאָל דורכגעשרייכשרטער ליולקע, צו דער סטעליע געלאָזנ.

סרולי האָט איִם, שפּאָטיש איבערהערנדיק, ניט אויסהערנדיק, דעם גערעכט אָפּגעגעבן, איִם באַדויערט און מיטגעפילט:

— גערעכט, מיכאַלקע, — האָט ער געזאָגט, — אַף דער עלטער איז יעדער מענטש אַ הונט אַ פאַרלאָזטער, ביפראַט אַ מענטש, וואָס דינט בײַ יענעם, ביפראַט אַ סטרוזש אַף דער עלטער. און ס׳איז שוין באַלד עפּשער ניט קעדײַ מאַקע, און צי איז שוין ניט צײַט איִם, מיכאַלקען, אַהין, אַף יענער וועלט, זיך איבערצופּעקלען.

— יאָ, עמעס, — האָט זיך דאָ מיכאַלקע צעוואָרעמט און זײַן מיט־שפּרעכערס רייד פאַר ערנסט און פאַר אַ גילטיקער מאַטבייע אָנגענומען,-- ער מיינט אויך אַזוי און ער גרייט זיך שוין מאַקע.

און קעדיי דאָס נאָרוואָס געזאָגטע צו באַשטעטיקן, האָט מיכאַלקע דאָ סרולין פון אונטער זײַן צוקאָפּנס פון באַנק־בעטל אַ נײַ אויסגעגייט העמד אין ווײַסע לײַוונטענע פּלודערן אַפּירגענומען און איִם, סרולין, באַוויזן, וואָס די דאָרפישע מאַכטער זײַנע האָט איִם ערשט ניט לאַנג אַ מאַטאָנע גע־בראַכט — אַלץ צו זײַן קווורע גייטיק.

און ווײַטער האָט מיכאַלקע, קעדיי צו פאַרשטאַרקן דעם אָנגענעמען נוטנ־עראַגיה, וואָס סרולי האָט איִם אויפגעגעבן, איִם פאַרטרוילעך דערציילט, אַז ער האָט אויך אַ קליינעם קניפּל אָנגעקליבן בײַ דער מאַכטער, און אויך אַ קליינעם באַזער אַף האָדיוולע — אַף בראַנפן און אַף אַ סודע פאַר גוטע לײַט, זיי זאָלן זײַן געשאָטן, נאָכן אַרויסבאַלייטן איִם, דערמאָנען.

דערבײַ האָט ער סרולין אויך אייניקע סימאָנים איבערגעגעבן, וואָס ער האָט די לעצטע צײַט באַמערקט, וועלכע ווײַזן קלאָר, אַז אַזוי מאַקע איז עס, און אַז ער מוז זיך שוין מאַקע באַלד אין וועג ריכטן, און אַז זײַן שאָ איז געקומען.

חי, לעמאָשל, סימען נומער איינס:

יעדעס מאָל נאָכן עסן אָפּדערנאַכט, אַז ער וואַשט אויס די שיסל און דעם לעפל און שטעלט זיי אַוועק, לייגט זיי אַוועק, ווי דער שטייגער, מיט די טעלער אַרויף, איז אַז ער שטייט אויף אינדערפרי, טרעפט ער זיי קע־פּויער איבערגעקערט — מיט די טעלער אַראָפּ.

סימען נומער צוויי:

יעדעס מאָל די לעצטע צײַט, אַז ער גייט אינדערפרי אין דרויסן אַרויס, שלאָגט ער זיך אָן אין דער שוועל, גלײַך אַ פידמעטיק איז בײַ איִם צע־ריבן אין ער וואָלט זיך פאַרטשעפּעט אין איִם, ווען אינדערעמעס איז דאָס ניט אַזוי, און יעדעס מאָל דערמאָלט זיך איִם דאַכט נאָך, און אַז עמעצער טוט איִם פון דרויסן צוריק אין שטוב אַרײַן אַ שטויס, גלײַך ער זאָגט איִם, אַז ער האָט שוין ניט וואָס צו טאָן אין דרויסן.

און נאָך אין נאָך סימאָנים. נאָר דעריקער, זאָל ער הײַנט הערן, ווי ער, דער נאָמט־ראַכמאָנעס, דיצט באַלעבאָס ברודער, אַלטער, אין זײַן אוי־בערשטיבל שרײַט, ווי ער האָט ביז אַהער קיינמאָל ניט געשריען. און דאָס

איז א סימענ, אז עפעס דארפ דאָ געשענ, און דער דאָמאָווי איז הונגע-
ריק, אז ער דארפ א קאָרבנ...

— און באזונדערס פילט ער עס, זינט ער... יענער... איז געקומענ — האָט מיכאלקע דאָ, ווי געהיימ זיכ אומקוקנדיק, א זאָג געטאָנ, און ווער דער „ער“, דער „יענער“, ניט דערקלערט און זײַנ נאָמענ ניט אָנגערופנ.

— ווער? — האָט אימ סרולי א פרעג געטאָנ

— ער, דעמ באלעבאָס צווייטער ברודער, דער גאסט, וואָס (ער ווייסט עס אפ זיכער, מיכאלקע) איז ניט קיינ ראָוו, ניט קיינ רעבע, נאָר אײַערער א מעכאשעפ און דעמ דאָמאָוויס א מעכוטנ, — האָט ער נאָכ געהיימער און ווי א מאגיש שפריכוואָרט, אי הויכ אי שטיל צוזאמענ, דאָס וואָרט ארויסגערעדט.

ער האָט נאָכדעמ סרולינ דערציילט, און בעשאס־מײַסע זײַנ קאָל ביז א סאָד קימאט דערפירט, אז ער געדענקט אימ פונ אלעמאָל, ווענ ער פלעגט צוגאסט קומענ, אָבער קיינמאָל האָט ער זיכ ניט אופגעפירט, ווי איצטער — מאָדנע.

און דאָ האָט ער ווידער סרולינ אָנפארטרויט, אז זינט ער איז געקומענ, זעט ער אימ אלע נאכט הינטער די טירנ און פענצטער אומגיינ און אפילע אויכ הינטער זײַנ, מיכאלקעס, טיר. ער האָט מורע מיט אימ זיכ צו טרעפנ, מיט אימ זיכ באגעגענענ, אפילע באטאָג... ער פילט, אז עפעס האָט ער מיט זיכ ניט גוטס מיטגעבראכט. און זאָל סרולי פארגעדענקענ, האלעווײַ ער זאָל ליגנ זאָגנ, מיכאלקע, האלעווײַ זאָל זיכ עס ענדיקנ נאָר מיט אימ... ער לאכט? זאָל ער ניט לאכנ! מיכאלקע ווייסט און איז א מײַווינ אפ אזוינס.

דאָ איז סרולי אפ א ווײַלע ערנסט געוואָרנ. באלד אָבער האָט ער זיכ געכאפנ, זיכ צעלאכט, און דאָס גאנצע ביסל אינטערעס, וואָס ער האָט קלוימערשט געהאט, ארײַנקומענדיק און ביז אהער אויסהערנדיק מיכאלקענ, האָט זיכ אימ מיטאמאָל אויסגעהאָט: ער האָט געקוקט אפ אימ, ווי אפ איבעריקס, ער האָט אימ געשטערט און זײַנ אויוערבאָמעלע פלוידערײַ איז אימ מער אינ קאָפ ניט געקראָכנ.

מיכאלקע האָט אָבער ניט באמערקט, ער האָט ווײַטער פאָרזעצנ געוואָלט אינ זײַנ אינטערעס צו דערציילנ און אינ שמועס זיכ אינטערהאלטנ מיט סרולינ וואָלט זיכ אָנ אנ עק און אָנ א ברעג געצויגנ. האָט זיכ אָבער מיטאמאָל פונ קיכ צו מיכאלקענ א קאָל רופנ דערהערט, וואָס צו מיכאלקענ אליינ וואָלט עס זיכער אזוי גיכ ניט געווענ דערגאנגענ. זײַענדיק אָבער מיט סרולינ, און מאכנדיק יענער האָט פונ אימ איצט געוואָלט פאָטער ווערנ, האָט ער אימ גלײַכ אופמערקזאמ געמאכט און אימ אפ דער טיר צו דער שטוב־קיכ אָנגעוויזנ:

— זאָל ער גיינ, מע רופט אימ, מיכאלקענ.

מיכאלקע איז האלב־צעקראָכנ און ניט איבעריק גערנ פונ שטיבעלע ארויס. דאָס מאָל אפ גאנצ לאנג, און ווי ס'האָט זיכ דערנאָכ ארויסגעשטעלט —

אפ עטלעכע ארבעטנ מיטאמאָל אָפצומאָנ, אונ דאָס האָט בא אימ היפשע צײַט געפאָדערט.

אינ סרולי׳ס רעדעל, מאכמעס ניט האָבנ וואָס צו טאָנ, אונ נישט וועלנדיק זיכ צוריק צו די באַלעבאטישע אומרעדנ, האָט, עפשער, אליינ פאר זיכ ניט באמערקט, אפ מיבאַלקעס באנק־בעטל זיכ אויסגעצויגנ ליגנ געטראָפנ — אפנ פּריעטיקנ געלעגער, אינ א פרעמד סטרויע־שטיבעלע אנ אוידעכ, מיט דער איטאָנע אינ לעמפּעלע צוקאָפּנס, מיטנ ביסל ווערבע־אונ קריטעבצערטייכ, מיטנ אלטנס שרייעס אונ געדעמפטער לופט פונעם אלטנ — אונ דאָס אלצ האָט אימ פאמעלעכ, פאמעלעכ דרעמלענ געמאכט...

צוגעגעבנ דערצו — דער קאלעמוטנער ווינטיקער דרויסנ, וואָס האָט אפ אלעמענ אינ אימעט אָנגעיאָגט, אונ יעדערער האָט זיכ, ווי נאָר געקענט, עפּעס בעסערס אונ היימלעכערס אָפּגעזוכט. — אָט דאָס אלצ האָט סרולינ די געשלאָגענע שעה אינ געדעמפטע לופט ליב געמאכט, אונ א שלאָפ איז אפ אימ געקומענ, אונ באלד האָט אימ דאָס שטיבעלע שוינ אויכ כראָפּענ געהערט.

אונ פיל שפּעטער, ווענ מיבאלקע האָט זײַנ ארבעט אינ קיכ אונ אינ הויפ שוינ געהאט פארענדיקט אונ צוריק אינ שטיבעלע זיכ אומגעקערט, האָט ער סרולינ ערשט אינ בעסטנ מיטנ כראָפּענ געטראָפנ, אונ פאר דערעכערעצ אינ וועלנ שאַנעווענ דעמ שלאָפנדיקנ, האָט ער אימ, נאטירלעכ, ניט געוועקט. פארקערט, ער האָט זיכ א ווײַלע זייער שטיל געהאלטנ, דערנאָכ נאָכ שטילער פונ שטיבעלע ארויס אונ אפ אליינ פארגענומענער, פרײַוויליקער אינ ניט־געצווונגענער ארבעט אינ שטאל אונ אינ קאמער זיכ אוועקגעלאָזט.

2

אז מוישע מאַשבער איז יענעמ פרימאָרגנ ארויס פונ זײַנ הויז, קעדיי זיכ צו לאָזנ, ווי אלע טאָג אינ דער צײַט, אינ זײַנ געשעפט, אינ זײַנ געלט־קאָנטאָר, האָבנ אפ זײַנ געמיט געדריקט — ערשטנס, סרולי, וואָס טאָמער, חינ ער דערזעט אימ אינ זײַנ ערד־קאָלירענער קאַפּאָטע, שנײַדט ער אימ באנ הארצ אונ ער זעט פאָרויס פאר זיכ אומאָנגענעמלעכקייט, ווי פינ יעדער זאכ, וואָס איז אָנגענומענ, אז זי דינט פאר א שלעכטנ סימענ. זעט ער אימ באטאָג, וועט דער אפדערנאכט אימ זײַנ א שלעכטער, אפדערנאכט — וועט זיכ באנאכט אימ געוויס עפּעס כאָלעמענ, אונ אינדערפרי ווענ — וועט דער גאנצער טאָג אימ ניט גוט גיינ אונ א האלב לעבנ וועט אימ ניט גיכע זײַנ.

איי איינ דאָס מאָל: ער האָט געפילט, ווי מע וואָלט פאר אימ די גאנצע צײַט דורכגעטראָגנ אונ געשנײַטנ מיט א דימענט איבער גלאָז. סרולי איז אימ פאר די אויגנ געשטאנענ מיט זײַנ זעלטלדיקנ גאנג, מיט זײַנ קרומקוקנדיקנ בליק, אויכ מיט זײַנ שווײַגנ באמ ארײַנקומענ, זײַנ גאָרניט ווינ־

טשעווען קיינעם, און דאָס צוריק־שווייגן פון אלץ מוישעס איינענע הענט, בעשאַס סרולים וועגן־זיך אין שטוב.

דאָס צווייטע — לוזי: דער שווערער שטיין אָפּ זיין געוויסן. ער האָט געפילט, אַז די מאַכלויקעס און די אומצופרידנקייט מיטן ברודער איז ניט נאָר דערפאַר, ווייל יענער האָט אָפּגעקערעוועט פון אַלגעמיינעם וועג און האָט אָנגענומען אַן אַנדער שיטע, וועלכע שטימט ניט מיט די אַלגעמיין אָנגענומענע. ניין, ווייל סאָפּקאָלסאָפּ לאָזט זיך אַזוינס, בא נוטן ווילן, אויך אפילע יענער איז אין מאָעס, מויכל זיין, די שאַרפע שפּיצן־אונטערשיידן — פאַרבן, און ווי־ס'ניט־איז, און אָפּ אַ געוויסן אויפן אַפּילע מיט יענעמס מאָעס שאָלעט מאַכן און זיך צוזאַמענלעבן.

ניין, ניט דערפאַר און ניט דאָס די הויפּט־סיבע. דערהויפּט איז דאָס, פילט מוישע, וואָס יענער איז דאָ קעגן איינעם אַן איקער ארויסגעטראָטן, קעגן דעם, וואָס איז פון דער גאַנצער וועלט אָנגענומען און וואָס די גאַנצע וועלט האַלט זיך אָפּ אים: קעגן דעם מעגן דערוואָרבן און שטרעבן וואָס מער צו דערווערבן, רייך צו זיין, רייך צו ווערן און זיך ניט שעמען הערמיט... און בא לוזין, פילט ער, וואָס איז ביז אַהער צו אַזוינע זאַכן נאָר גלייכגילטיק געווען, האָט זיך דערמיט ניט פאַרנומען, און צי יאָ רייך צי ניט רייך איז אים ניט אָנגעגאַנגען, זיך ניט ארומגעקוקט דערויף, — בא לוזין, פילט ער, איז איצט אין דעם זינען אַ שטיק איבערקערעניש געקו־מען: עפּעס קוקט ער קרום, מיט ביטל און אַפילע מיט פאַראַכטונג, גלייך ער האַלט פאַר אַן אַוויירע דאָס צו זען, צו קוקן דערויף, ווער שמועסט — הערפון האַנאָע צו האָבן.

און דאָס באַמערקט ער, מוישע, בא לוזין די גאַנצע צייט פון זיין לעצטן זיין דאָ — אין זיין בליק, אין זיין האַלטן זיך, אין זיין לאַכלוטן גלייכ־גילטיקער באַציונג צו אַלעם דעם, וואָס איז נעגייע אים, מוישען, מיט וועלכן אין אַנדערשמאָל פלעגט ער זיך, אויך ניט איבעריק, האָב אינטערע־סירן, אים אויספרעגן, ווי ס'גייט, אַאוו. דאָס מאָל אָבער איז ער, ווי אַ פרעמדער, וואָס ניט נאָר ער אַליין פרעגט ניט, נאָר אַז מע דערציילט אים, דריימט ער זיך אויס פון צו הערן, גלייך ס'איז נימאָ דערפאַר קיין אָרט אין זיין אויער.

עמעס, אים, מוישען, גייט ניט אָן און ס'אַרט אים ווייניק, צי אינטער־רעסירט זיך מיט דעם יאָ זיין ברודער, צי ניט, ווייל ער אַליין איז אין דעם זינען ווייט אוועק, און ס'זיינען שוין אַוועק די יאָרן, ווען נאָך יעדעס מאָל אַרויסשטייגן אָפּ אַ נייעם שמאָפּל פון רייכקייט און ווווילשטאַנד, פלעגט ער זיך צוריק אומקוקן, זען, צי איז ער אָרנטלעך געשטיגן, און יעדעס מאָל זיך אָנפרעגן וועגן דעם בא זיין ברודער, ווי בא זיין געוויסן.

ס'זיינען אויך אוועק די יאָרן, ווען יעדעס מאָל, צווישן געשעפט און גע־שעפט, פלעגט ער ווי געוויסע האַבכאָקעס מאַכן, ווי זיך אָפּשטעלן, זיך אופ־האַלטן, זיך זאָגן: „נענוג אַ ווייל" — און אַ געוויס שטיקל צייט מיט

העכסטע איניאַגים זיך פאַרנעמענ. אַמאָל צו זײַנ רעבנ אַוועק, אַמאָל צו זײַנ ברידער, אונ אַפ אַנ אײדעלנ אויפנ א געוויסע צײַט דערווײַטערט פונעם אַלטעגלעכנ פאַרברענגענ.

איצט אַוועק די צײַט. פונ געשעפט צו געשעפט קײנע האַפּסאַקעס. ער איז אַזוי פאַרשלונגענ, גלײַכ ניט ער שווינ פירט אָנ מיט די געשעפטנ, נאָר זײ מיט אים; ער הערט קײנמאָל ניט אויפ פונ זײ צו טראַכטנ, ער קאָנ ניט אויפ־הערנ, אַפילע ער זאָל וועלנ, אונ, ווי אים דאַכט, וויל ער אויכ ניט אויפהערנ.

אונ דער ברודער קומט אים ווי אינ א זינד דערמאָנענ, באַזונדערס די לעצטע צײַט, זײַנ לעצט מאָל קומענ, אונ באַזונדערס מיט זײַנ באַשלוס דאָ אינ שטאָט צו פאַרבלײַבנ, וואָס, ווי ער ווייסט, וועלנ דערפונ רײַבונגענ אַרויסקומענ; מאַכמעס ער פילט, אַז אינ זײַנ ברודערס האַרצ האָט זיכ א פאַראַכטונגס־געפיל באַזעצט בענעגײע אַלעמ דעמ, מיט וועלכנ ער, מוישע, איז אַזוי פאַרשלונגענ, מיט וואָס ער איז טאָג ווי נאַכט פאַרנומענ. אונ דאָס פוט אים ניט אָנשטײנ, אונ ער ווייסט, אַז פריִער וועלנ דערפונ קלײנע מאַכלויקעס זײַנ, דערנאָכ וועלנ, מעגלעכ, אויכ גרויסע אויסברעכנ.

דערצו נאָכ ווייסט ער אונ קענ זיכ פאַר דער לעצטער צײַט, אַז צוזאַ־מענ מיטנ וווּקס פונ זײַנע גוט־גײענדיקע געשעפטנ, צוזאַמענ מיט זײַנ גרויסנ אָנזעג אינ שטאָט אונ ווײַט אויכ אויסער דער שטאָט צווישנ סאָכ־רימ, געלט־לײַט, גווירים אונ זײַנ גלײַכנ; צוזאַמענ מיטנ גליק, וואָס קומט שטראָמענדיק צו אים אָנ פונ אַלע זײַטנ, צוזאַמענ מיט אַלעמ דעמ, האָט זיכ, עפּעס קעגנ זײַנ ווילנ, א געוויסע מידע אינ אים געשטאַרקט, — די מידע פונ ניצאָכנ, וואָס פריִער האָט ער ניט געוווּסט פונ איר, זי איז אים פרעמד געווענ, אים, ווי אַלע זײַנע אײגענע פונ זײַנ פאָטערס הויז, אַפ וויפל ער געדענקט, אונ איצט שטאַרקט זי זיכ פונ מאָל צו מאָל אונ ווערט א באַלימערנ אינ א מיט־שטומעפ פונ זײַנ גליק אונ קאָנ ניט לײַדנ, אַז מע שטעלט זיכ איר אַנטקעגנ.

אָט די מידע זײַנע, באַמערקט ער, בענעגײע סאָכרימ, געשעפטס־לײַט, וואָס יעדעס מאָל, ווענ ס'גײט אים אינ ניצאָכנ, איז ער גרייט צו א וואָסער־ניט־איז געשעפט וויפל ס'ניט איז צו דערלײגנ, אַבי זײַנס אויספירנ; פאַרלירנ, אַבי זײַנ געגנערישנ האַנאָר אויסגעווינענ. אונ אויכ אינ דעמ פאַל מיטנ ברו־דער, דאַכט אים, הייבט עס אים אָנ גײנ אינ האַנאָר. ס'איז רעכט, אַז יע־נעמס באַשלוס אינ N צו בלײַבנ. וואָס ער, מוישע, האַלט אים ווי א באַ־שלוס קעגנ זיכ, קעגנ דעמ, וואָס איז אים ניט אָנגענעמ, זאָל בא אים, — ניט געקוקט דערויפ, וואָס דאָ האַנדלט זיכ וועגנ ברודער, מיט וועלכנ ער האָט יאָרנלאַנג געלעבט אײנ געשטאַמע, אײנ זעל, אונ פאַר וועלכנ ער האָט אַזויפיל אָפּשײַ געהאַט, ביז אים צו האַלטנ, קימאַט, ווי זײַנ רעבנ, פאַר א מײַרע־דערעבי[1], — ניט געקוקט דערויפ, איז רעכט, אַז איצט זאָל אָט דער

1 — חעג־רײַזער.

באשלאָס אימ שטארק דערװידער זײַנ אונ אפ זײַנ געמיט אזוי שלעכט װירקנ, װי, ניט צו פארגלײַכנ, כרולי האָט אפ אימ הײַנט שלעכט געװירקט.

אָט אזוי האָט מויטע געטראַכט, בעשאס ער איז יענעמ פרימאָרגנ פונ זײַנ הויז ארויס.

ער איז באלד דערנאָכדעמ דורכגעגאנגענ זײַנ שטיל־אָפּגעלעגענע גאס אונ איז ארופ אפנ בריק, װאָס פירט דורכנ טײַכ צו דעמ אײבערשטנ טײל שטאָט. גײענדיק אפנ בריק, האָט ער דאָס מאָל ניט באגעגנט, װי יעדעס מאָל ער איז געװוינט, מיט א גוט אײַנגעלײגט פּאָנעמ אלע די, װאָס גײענ אימ אנטקעגנ פונ שטאָט אינ טראָגנ אימ דעמ גוט־מאָרגנ אונטער. נײנ, דאָס מאָל האָט ער װי קײנעמ גאָר ניט באמערקט, — ניט די, װאָס זײַנענ אימ אנטקעגנ געקומענ, אויכ ניט די, װאָס זײַנענ אימ פונ הינטנ אָנגעגאנגענ.

ער האָט אפילע ניט באמערקט דעמ שלעכטנ װינט אינ װעטער, װאָס שטויבט בא די ברעגעס פונ טײַכ, װאָס מאכט אויכ דעמ גאנצנ טײַכ פאר־מונקלענ אינ בײַגט די הימישקעס פינעמ הויכ־אונ געדיכט־װאקסנדיקנ טשע־רעט, װעלכער פארנעמט א היפּשע שטרעקע טיפ אינ װאסער, היפּש װײַטער פונעמ ברעג. ער האָט ניט באמערקט אויכ דאָס, װי צװישנ טשערעט־גע־דיכטעניש איז אויכ הײַנט, װי אלע מאָל אינ אלע פרימאָרגנ, זומער אינ ביזנ טיפנ האַרבסט ארײַנ, דער אויװערבאָמעלער, אַלטער פישער געשטאנענ מיט די אָנגעדראָלענע פיס אונ װאסערדיק־צעלאָזענע אויגנ אפ זײַנ קלײנ, שמאָל מולטער־שיפעלע דעמ דורכגעגעסנעמ אונ גאנצנ — יענעמ פישער, װעלכנ מאָמעד מוט ער אימ יאָ באמערקנ, אימ לײַכט באדױערנ אונ מיט פאר אימ קלוימערשט זײַנ לעבנס־אונ פארנאָכט־בעזישנ מאכנ, גלײַכ יענער האָט אימ דערופ באפּולמעכטיקט, װײַל אלײנ איז ער שװאכ אינ בעזשבנ.

ער האָט אויכ ניט באמערקט, װיאזוי ער איז ארופגעקומענ אפ דער גאס, װו זײַנ קאָנטאָר האָט זיכ געפונענ, אונ אויכ ניט, — אז באמ טראָטואר, לעבנ הויז פונ קאָנטאָר, איז עפּעס איצט א ברײטשקעלע געשטאנענ, װאָס געװיס האָט דאָס באדאַרפט באדײַטנ, אז עמיצער פונ דער פרעמד, פונ דער געגנט פונ א פריצישער עקאָנאָמיע א שאַליעכ איז אהער צוגעפאָרנ, װעלכער דאַרפ צו אימ אינ קאָנטאָר האָבנ. האָט דעמ פורמאנ אינ דרויסנ געלאָזט אונ אלײנ ארײַנ אינעװײניק.

ס'האָט אויכ געקאָנט זײַנ פונ א קלײנשטעטלדיקנ ייִדנ, א פארמעגלעכנ סוחר, װעלכער האָט צוליב געשעפט געדאַרפט צו מויטענ נײטיק אונ האָט אפ גאנצפרי, גלײַכ צו דער עפענונג פונ קאָנטאָר, צום אָנהײב טאָג אויס־גערעכנט אונ זיכ צוגעשטעלט.

מעגלעכ אָבער, אז ניט קײנ פרעמדער, נאָר אלײנ מאלע מויטעס א שאַליעכ, אנ אײגענער, — מערסטנס דער יונגער אײדעמ זײַנער, נאָכעמ לענטשיצער, װעמענ ער פלעגט, מאכמעס זײַנ גוט פױליש רײדנ, פונ צײַט צו צײַט איבער דער פּראָװינצ, איבער פריצישע נימער ארויסשיקנ, װענ ער, מויטע, האָט צו זײ, צו די פריצימ, געדאַרפט: אָדער געלט אונ פּראָצענט

פינ אלטע האליוואָטעס אויסמאָנענ, אָדער געשפּרעכנ פירנ אונ פאַרהאַנדלענ מיט זיי יונגע נייע.

דאָס מאָל האָט די ברידשקע געהערט מאַקע ניט קיינעם, נאָר אליינ מוישען. זי האָט גאַרוואָס מאַקע זײַנ אײדעמ פונ א פּראָווינצ⸗רײַזע געבראַכט. אָבער ניט ווי דער שמײַגער, איז זי דאָס מאָל עפּעס ניט אהיימ פאַרפאָרנ, נאָר צו דער קאָנטאָר, וואָס דאָס האָט געזאָלט זײַנ א סימענ, אז עפּעס איז אויכ די רײַזע געווענ ניט ווי דער שמײַגער.

עפּעס האָט, ווײַזט אויס, דאָס מאָל נאָכעמ פונ וועג אָדער גאָר געוויינ⸗טשיגנע, אָדער נאָר ניט קיינ געווינטשענע יעדיעס אונ רעזולטאטנ געבראַכט, אונ דאָס האָט אימ געדינט פאַר א סימנע, ער זאָל גלײַכ פונ וועג אהער פאַרפאָרנ, קעדיי, אויב מיט נאָר א גוטער יעדיעע, זאָל ער זיכ פאַרנ שווער באַרימענ, אונ, ווי ער איז געוווינט געווענ, אפ א קאָל, אז אלע זאָלנ הערנ, מיט אימ זיכ טיילנ; אונ אויב פאַרקערט, ניט גוט, זאָל ער אימ בעסאָד צו הייסנ זאָגנ אונ שוינ ניט אפנ קאָל זיכ פאַרענטפערנ, אָבער פאָרט זיכ ארויסשמעקנ אינ די זאַכ אזוי ארויסלייגנ, אז ווענ ניט ער, וואָלט געווענ ערגער, ווענ ניט ער, וואָלט נאָכ, מעגלעכ, פיל שלימערס פאַסירט.

אונ אזוי איז דאָס מאַקע געווענ.

אז מוישע איז איצט צו זיכ אינ קאָנטאָר ארײַנ, אזוי איז נאָכ איידער ער האָט דערזענ די באשטענדיקע באזוכער פונ זײַנ קאָנטאָר, יענע, וואָס קריכנ קימאט קיינמאָל ניט ארויס פונ דאָרט, אונ וואָס יעדעס מאָל, ווענ מע קומט, טרעפט מענ זיי אָדער פירנ געשפּרעכנ מיט די אָנגעשטעלטע, אָדער אינ א רעדל — איינס מיטנ אנדערנ, ווי שאָלעמ שמאריאָנ, צאלי דערבארעמדיקער אונ אנדערע—האָט זיכ אימ א וואָרפ געטאָנ אינ די אויגנ נאָכעמ, דער הויכער, שמאלטנער אײדעמ זײַנער.

אנעוו: דער האָגאָרעוואַטער אונ ניט קליינ ביסל באַרימטער, ווײַל זײַנ פאַמיליע האָט פונ היפּשע דוירעס, צוליב געשעפט, נאָר מיט פּאָליאקנ פאַרקערט, אונ וואָס אויכ אינ זײַנ יידיש⸗ריידנ האָט עפּעס א געוויסער שטאָלצ געקלונגענ. באזונדערס אינעמ וואָרט „עב“, מאַכמעס ער האָט געשטאַמט פונ קאַמענעצ, אונ ווי אלע פונ זײַנ האלב⸗בעסאראבישער געגנט, האָט גערעדט מיטנ „עב“, „לאָנג“ אונ „געגאָנגענ“.

ער איז געווענ האלב⸗כסידיש, האלב⸗פּריציש געקליידט. טאָמעד א שטארק זויבערע, וואָס האָט זיכ דערקיקער מיטנ אויפנ, ווײַזוי ער האָט אפילע די יאָבערניקע קליידער געטראָגנ, זיכ אויסגעטיילט פיל צום בעסערנ פונ אלע אפילע זײַנע גלײַכנ רײַכע אײדעמס. זײַנ שוואַרצ בערדל האָט זײַנ ווײַס פּאָנעמ מיט זײַנ קורצלעכ⸗אומרויִקער נאָז שטארק אויסגעטיילט.

דאָס מאָל איז זײַנ פּאָנעמ געווענ ווײַסער ווי געוויינלעכ, אונ אפ וויפל א ווײַס פּאָנעמ קאָנ אפ זיכ בלאַסקײַט נעמענ — אויכ בלאַס, וואָס דאָס האָט מענ געקאָנט דערקלערנ אינ געוויינלעכע פאַלנ מיט ניט שלאָפנ נאָכ א רײַזע⸗נאַכט אונ מיט וועג⸗מידקײַט. אָבער ניינ, איצטיקס מאָל האָט מענ דערופ,

אויסער מידקייט, נאָכ עפּעס דערקענט: עפּעס האָט, ווייזט אויס, מיט אים געטראָפנ.

דאָס האָט זיכ אויסגעדריקט ניט נאָר אינ נאָכעמס צו אָפּטנ, אומרויק שמאָרענ מיט דער קורצלעכיער נאָז, וואָס דאָס טרעפט אים אָפט אפילע ווענ ניט איבעריק אומרויק, נאָר אינ זיינ אומגעדולדיקייט, וואָס אינ זיינ גאנצ קערפּער אויסגעדריקט. אָט די אומגעדולדיקייט האָט אים איצט געמאכט איבערנ קאָנטאָר זיכ אומדרייענ, אים געמאכט, ווי איבער די אָנגעשטעלטע אונ באזוכערס קעפּ אריבערקוקנ, ניט ענטפערנ גערנ אפ די פראגעס, וואָס מ'האָט אים געפרעגט, אָדער ענטפערנ קורצ, אָפּגעהאקט, ניט ווילנדיק, אינ די גאנצע צייט האלטנ די אויגנ צו דער טיר געווענדט, פונוואנענ ער האָט געוואַרט, אז עמעצער — דאָס מאָל געמיינט זיינ שווער, מוישע, — דארפ זיכ באווייזנ.

ער, נאָכעמ, איז טאקע גלייכ אָנגעפאָרנ, ווי נאָר די קאָנטאָר האָט זיכ אופגעעפנט. דער באלד=אָנגעקומענער שאָלעמ שמאריאָנ, דער, וואָס פעדערט זיכ קעסיידער אונ איז מאָמער פונ די ערשטע אינ קאָנטאָר, דערזעענדיק זיינ צערודערטנ אויסזענ, האָט זיכ גלייכ געפּרואווט לעבנ אים א רייב טאָנ מיט זיינ פרומ=פוקסיש פּענעמל אונ מיט זיינ קעפּל, וואָס אינ א זייט אָנגעבויגנ, געפּרואווט צו אים אונטערקומענ אונ מיט כניפעדיקע, זיסלעכע רייד אים גענומענ ווי ארומשמעקנ. ער האָט גענומענ אויסטאפּנ, פונוואנענ ער קומט, געפּרואווט טרעפנ, פונ וואָס פאר א פּאָרעצ אינ דער געגנט אונ אויספרעגנ, וואָס הערט זיכ, אונ דעריקער—הינטנאָרומ אים אינ די אויגנ ארייננקוקנ, אונ דאָס, וואָס ער האָט געזענ, אז יענער וועט דערופ ניט ענטפערנ — אליינ נאָר מיטנ קוק ארויסבאקומענ.

נאָכעמ אָבער האָט זיכ ניט געלאָזט. ער איז דאָס מאָל, ווי ווייט מעגלעכ, שמאריאָנס פראגעס אָנגעקומענ מיט קורצע, גאָרניִשט זאָגנדיקע ענטפערס אונ אינ מער לענגערע שמועסנ זיכ ניט אריינגעלאָזט. ער איז אינמיטנ די רייד אפילע אָפּגעגאנגענ, קלוימערשט ער דארפ בא עמעצנ אינ אָנגעשטעלטנ זיכ עפּעס דערפרעגנ. אינדערעמעכנ אָבער=נאָר, קעדיי זיכ איבערצודרייענ, אליינ בלייבנ אונ וואַרטנ אונ ארויסקוקנ אפ דעמ, וואָס איז אים אמערסטנ אינ זיינ אומגעדולד איצט נייטיק געווענ—זיינ שווער, מוישע.

אונ אָט איז יענער ארייִנ. באלד זעענדיק אים, ווי געוויינלעכ, די באשיינדיקע באזוכער אנטקעגנ געגאנגענ—ווער מיט א וויכטיקנ אינייענ, מיט וועלכנ ער האָט געהאַט אפּ אים, ווער ניט מיט קיינ וויכטיקנ, נאָר גלאט, ווי דער שטייגער, א גאָגיד אנטקעגנ צו גיינ אונ דעמ הערעכערעצדיקנ פרימאָרגנ אים אונטערטראָגנ. אז מוישע האָט אָבער מיטאמאָל זיינ איידעמ א בלאסנ דערזענ, אונ, ווי אים האָט געדאכט, א צערודערטנ פונ וועג, אזוי האָט ער זיכ ווי=ניט=ווי מיט די באזוכער, קלייענטנ אונ געלט=מעקלער גלייכ אָפּגעפּאומיקט אונ פונ זייער רעדל=ארומרינגלונג זיכ אויסגעדרייט.

ער איז גלייכ דאנ צו נאָכעמענ צוגעגאנגענ אונ באלד בא די ערשטע

ווערטער נאָר, וואָס יענער האָט פונ מויל ארויסגעלאָזט, האָט ער פארשטא־נענ, אז עפּעס האָט נאָכעמ דאָס מאָל פונ וועג ניט גוטס געבראַכט אינ פונ זיינ פּאָנעמ האָט ער עפּעס א גיט קיינ גוטע בסורע אראָפּגעלייענט.

— קימט אריינ אהינ, שווער, כ׳האָב אייכ עפּעס צו זאָגנ.

געמיינט האָט דאָ נאָכעמ דאָס צווייטע, דאָס אזויגערופענע „באַראַטונגס־צימער“, ווי מוישע פלעגט שטענדיק, אינ קאָנטאָר זיצענדיק, זיינ זיצ־אָרט האָבנ, ווו וויכטיקע קליענטנ פלעגנ פונ אים אופגענומענ ווערנ—סאָבדימ, פריצימ אינ זייערע באַפּולמעכטיקטע — אונ ווו אלע געשעפטנ פלעגנ דאָרט שטיל בא א קיילעכיקנ טיש אונ אפּ א ליטווישנ אויפנ ארומגערעדט אינ אָפּגעפאַרטיקט זיינ.

ווענ זיי זיינענ אהינ אריינ — פריער מוישע, נאָכדעמ נאָכעמ—האָט נאָ־כעמ נאָכ זיכ די טיר פארמאכט. דאָס האָט פאר אלע איבעריקע אינ קאָנ־טאָר באַדאַרפט באַטייטנ, אז זיי, שווער אונ איידעמ, זיינענ איצט פאר־נומענ אינ ווילנ ניט, מע זאָל זיי שטערנ. אינ באלד מאקע האָט מוישע א באומרויקטער צו נאָכעמענ זיכ א קער געטאָנ אונ גלייכ בא אים א פרעג געטאָנ:

— וואָס איז געשענ?

טייקעפּ אָבער, נאָכ איידער ער האָט באוויזנ צו באקומענ א וואָסער־ניט־איז ענטפער, אזוי האָט ער זיכ גלייכ דערמאָנט, פונוואנענ יענער קומט איצט, אונ וויהינ ער האָט אים מיט א פּאָר טעג פריער אפּ דער געגנט ארויסגעשיקט. אז געשיקט האָט ער אים, דעריקער, צומ פּאָרעצ רודניצ־קינ, וועלכער האָט דורכ א שאָליעכ פונ זיינ הויפ צוריק מיט עטלעכע טעג בא אים, בא מוישענ, געבעטנ, ער זאָל אים צושיקנ די וועקסלענ, וואָס האָבנ די טעג געזאָלט אויסגיינ אינ וואָס דער זמאנ זייערער צו צאָלנ איז גע־קומענ—ער וויל זיכ צעצאָלנ.

ער האָט זיכ דערמאָנט אינ רודניצקינ דעמ לעבונג, דעמ מאָנ, וואָס האָט שוינ זיינ גרעסטנ טייל פארמעגנ, ווי באוווסט, אויסגעלאָזנ אונ אינ פארשיידנערישע איבערגעגעבענע צעטרענצלט. זיכ אויכ דערמאָנט, אז ער, מוישע, האָט זיכ צוליב די גרויסע פּראָצענטנ, וואָס יענער האָט געצאָלט, ווענ ער איז געווענט געווענ אונ האָט געהאט א האלוואָע נייטיק, זיכ פונ א שמאַריאָנענ אָדער פונ אנ אנדערנ געלאָזט אָנריידנ אימ א גרויסע סומע צו אנטלייענ, א גרעסערע, ווי מינ האָט געמיינט אונ ווי דער געזונטער שטאַנד האָט דערלויבט. ער האָט זיכ אפּ בריציישע פּראָצענטנ געראַדע־וועט אינ דעמ קערנ אויפגעשטעלט, נישט געקוקט דערויפ, וואָס זיינ אייגענער סייכל האָט אימ אָפּגעהאלטנ, אינ אויכ אנדערע, בא וועמענ ער האָט זיכ דערפרעגט אינ וועלכע האָבנ יענעמ, דעמ רודניצקינ, גוט געקענט, האָבנ געוואָרנט אונ ניט איבעריק געווייצעט.

ער האָט זיכ דאָס דערמאָנט אינ נאָכ איידער ער האָט באוויזנ פונ נאָ־כעמענ א וואָרט ארויסצוקריגנ, אזוי האָט ער פארשטאַנענ, אז דאָס האָט

נאָכעמ אַז זײַנ איצטיקער רײזע געװיס פֿינ יענעמ א שלעכטנ אָפּשניט באַ־
קומענ, אַז מעגלעכ ער, מױשע, איז דאָ שױנ בא יענעמ מיט א קאַפּיטאַל
פֿונ א היפּשער סומע מױזנטער פֿאַרזינגעט געװאָרנ. אָבער, ניט װיסנדיק די
[illegible], באַ [illegible] אינ [illegible], אונ די פּראָצענט [illegible], אונ אויב ניט גלייבנ װעלנ־
דיק, װײַל אײגנ פֿאַרמעגנ גלייבט זיכ ניט, װענ מע פֿאַרלירט, האָט ער זיכ
א צװייט מאָל צו נאָכעמענ געװענדט אינ זײַנ פֿראַגע נאָכאַמאָל איבערגע־
באַזערט:

— װאָס איז געשענ?

— [illegible], [illegible] מיט רודניצקינ, — האָט נאָכעמ, א בלאַסער פֿאַר
זײַנ שװער שטײענדיק, געענטפֿערט.

— װאָס האָט געטראָפֿנ? — האָט יענער אפֿילו איבערגעפֿרעגט, — אַנט־
לאָפֿנ? אַנגעװוּעצט? ער צאָלט ניט?

— נײנ, ערגער.

— װאָס קאָנ דענ זײַנ ערגער?

— אפֿילע װענ ער צאָלט, װאָלטנ מיר אַנדזוערס שױנ ניט באַקומענ.

— װאָס הייסט עס? — האָט מױשע אַנ איבערגעמטער, א פֿאַרבלעפֿטער
אויסגעשריענ.

— ס'הייסט, אַז מיר האָבנ אונדזערע װעקסלענ פֿאַרלאָרנ.

— װער פֿאַרלאָרנ, װאָס פֿאַרלאָרנ? רייד דיבורימ: דו? װי, װענ אונ װי־
אַזױ?

— נײנ, ניט פֿאַרלאָרנ. נאָר מיר האָבנ זיי אָנגעװוירנ.

— כ'פֿאַרשטײ ניט אונ הײב ניט אָנ פֿאַרשטײנ. װאָס מײנסטו דערמיט?

אונ דאָ האָט נאָכעמ גענומענ אויסלייגנ אונ דערציילנ פֿאַר זײַנ שװער
א לאַנגע שװערע געשיכטע, א געשיכטע אַנ אויסטערלישע, װאָס טרעפֿט זיכ
זעלטנ אפֿילע אינ געשעפֿטנ מיט פּריצימ, אונ אפֿילע מיט אזא, װי רוד־
ניצקי, װאָס װער ס'האָט אים געענטער געקענט, האָט זיכ יאָ געקאָנט ריכטנ
אַפּ אַזױנס, אָבער, װי געזאָגט, אפֿילע פֿאַר רודניצקינ אויסטערליש.

נאָכעמ האָט דערציילט, װי נעכטנ, אַז ער איז אָנגעקומענ אינ הויפֿ,
זיכ געמאָלדנ צומ פֿאַרװאַלטער אונ איבערגעגעבנ, אַז לויטנ פֿאָרעצס בא־
קאָשע האָט ער די װעקסלענ מיטגעבראַכט אונ װיל זיכ זענ מיטנ פֿאָרעצ,—
האָט אים יענער, דער פֿאַרװאַלטער, געזאָגט, אַז נײנ: איצט איז אומעגלעכ,
דער פֿאָרעצ האָט זיכ שפּעט געלייגט, שפּעט מיט פּריצימ פֿאַרבראַכט, ער
װעט הײַנט שפּעט אפּנ טאָג שלאָפֿנ, אונ ער מוז אויסװאַרטנ.

נאָכ דעמ, אַז ער איז איפּגעשטאַנענ, האָט געפּרוּװט אונ האָט אימ,
נאָכעמענ, אַרײַנגערופֿנ, האָט ער דערזענ, אַז עפּעס איז ניט קײנ גוטע שאָ
אַפּ אימ, עפּעס איז ער שטאַרק צעדרייט: אַז מע רעדט צו אימ, הערט
ער שלעכט, אונ דאָס, װאָס ער הערט, פֿאַרשטײט ער ניט,—װײַזט אויס,
פֿיל פֿאַרשפּילט פֿאַר דער נאַכט, אָדער אַז אַנדער אומאָנגענעמלעכקײט א
פּריצישע.

אָבער אז ער האָט סאַפּקאָלסאָפּ באגומענ, צוליב וואָס ער, נאָכעט, איז געקומענ, האָט ער זיכ צעהיצט, צעוואַרעמט, גלײכ א גרויסער גוטער פרײַנט זײַנער האָט זיכ צו אים באוויזנ, וועלכנ ער האָט שוינ לאַנג ניט געזענ. ער האָט אים אָפּט באַם נאָמענ גערופנ: „פּאַנ נאָכעט, פּאַנ נאָכעט"... האָט אים א האַנט אַפנ אַקסל ארופגעלייגט, דערנאָכ אים אונטערנ אָרעמ גענומענ אונ גענומענ מיט אים איבער די פּאָקויעס אומגײנ, פונ אײנ צימער אינ צווייטנ אינ די פיל צימערנ, וואָס אינ שלאָס געפינענ זיכ. ער האָט אים פאַרעדט, אים באַשאָטנ מיט פאַרשיידענע מײַסעס, וואָס האָבנ קײנ שײכעס ניט צומ אײגנטלעכנ איניענ, צו די וועקסלענ אונ צומ צאָלג. האָט אים אויסדערציילט, ווו אונ מיט וועמענ ער האָט זיכ באַגעגנט, וויפל אונ מיט וועמענ פאַרבראַכט, וואָס פאַר א געשעפטנ געמאַכט, וואָס געקויפט, פאַרקויפט, מיט וועמענ אַז וואָס ער האָט זיכ געביטנ: א הונט אַפ א הינט, א דינער אַפ א דינער—מיט די פּריציט, א וואַלד אַפ פעלד, פעלד אַפ וואַלד—מיט די פּויערימ, אונ מיט ייִדנ, מיט זײַנע נאָענטע פּאַסעסערס, שענקערס, אַרענדאַרעס, אונ אויכ מיט ווײַטע, פרעמדע—וואָס פאַרא גליקנ.

דערבײַ, דאָס אַלץ דערציילנדיק, איז ער געווענ זייער אויפגעלייגט, זיכ געהאַלטנ אינ אײנ באַרימענ, אַז די לעצטע צײַט גײט אים גוט, אַז איבערהויפּט, וווהינ ער ווענדט זיכ ניט, גליקט אים זײער: זײַנע פריערדיקע געשעפטפירער, דעמ פאַרוואַלטער אונ עקאָנאָמ, וואָס האָבנ בא אים געגאַנוועט אונ זיכ די קעשענעס אָנגעשטאָפּט, האָט ער אויסגעדעקט אונ אַרויסגעטריבנ, אונ אַפ זײער אָרט נײַע, אָרנטלעכע אַרײַנגעקריגנ. אַזוי, אַז פונ הײַנט אונ ווײַטער איז ניט שײַנ—ער איז מיט זײַנ פאַרמעגנ געדעקט. פאַרקערט, ער הייבט אָנ שטײַגנ, אונ זײַנ שלעכטער נאָמענ צווישנ פּאָריצימ ביז אַהער, וואָס איז אים געקומענ אַראָפּ דעמ, וואָס זײַנע אָנגעשטעלטע אונ באַדינטע האָבנ זײַנע געשעפטנ שלעכט געפירט, וועט איצט גאָר אַנדערש, אַפ יאָר אונ אַנדער אויפנ אָנהייבנ קלינגענ, ער מעג זיכער זײַנ, דער פּאַנ נאָכעט...

ער איז אַזוי אויפגעלייגט געווענ אונ אינ אַזא צוטרוילעכנ ראַש אַרײַנ, אַז ער האָט אים, נאָכעט, אַפנ אויער אײַנגערוימט, אַז ס'האַלט שוינ אפילע דערבײַ, אַז זי, יענע—ער ווייסט שוינ, מיסטאַמע, ווער—וואָס האָט אים פאַרלאָזט אונ צו די אויריקע קײנ וואַרשע אַוועק, האַלט זיכ שוינ פאַ אומקערנ... ענעב, ס'איז איר א היפּשע מאַמאָנע פאַרשפּראָכנ, עמעס, שוינ אפילע אײַנגעהאַנדלט די מאַמאָנע, פאַר וועלכער ער האָט, לײַענדיק בא אײַגענע א ייִדנ געלט דערויפ, א שטיק דוובישער וואַלד פאַרזעצט, אונ אַז גאָר ניט קײנ געהויבענע באַדינגונגענ, אָבער ס'מאַכט ניט, ס'א קלײניקײַט... דעריקער, וואָס די געשעפטנ גײענ גוט, דעריקער, וואָס זײ וועלנ ערשט אָנהייבנ גוט גײנ.

— אונ אָט זאָל ער זענ, דער פּאַנ נאָכעט....

ער האָט אים דערנאָכ א שטיק צײַט איבער די פערד=שטאַלנ אונ איבער

די הינט־קאמערנ ארומגעפירט, אים אויסגעוויזנ אונ זיכ בארימט, אז אזוינס וועט ער בא קיינעמ פונ זײַנ גלײַכנ, אונ אפילע בא רײַכערע, ניט זעענ גלײַכנ, ניט געפינענ. ער האָט דאָס ליב, ער איז א מייוונ אפ אזוינס, אונ אנדערע פארשטייענ ניט, האָבנ קיינ גוסט ניט אונ וועלנ עס קיינמאָל ניט האָבנ אונ פארמאָגנ.

אזוי ביז ביינאַכט—אינ הויפ, איבער די שטאַלנ אונ איבער אנדערע ווירט־שאַפטלעכקייטנ. דאַנ האָט ער אים ווײַטער אינ די צימערנ געבראַכט. אונ אז ס'איז שוינ גאָר פינצטער געוואָרנ, אז ער איז שוינ מיד געוואָרנ פונ אומגיינ, איבערזײַנ אונ בארימענ זיכ, איז ער מיט אים אינ יאַגד־צימער געקומענ, וווּ די ווענט זײַנענ פונ אויבנ ביז אראָפּ מיט פארשיידענע מינינ געווער באַהאָנגענ. א קלײַנ טישל נאָר אינ דער מיט, וואָס אפ דעמ איז א קלײַנער שפּיגל געשטאַנענ, צו וועלכנ ער איז צוגעגאַנגענ אונ האָט אפ זיכ א קוק געטאָנ... אונ פּלוצעמ האָט ער זיכ אינגאַנצנ געביטנ, איז מיטאַמאָל עפּעס טרויעריק געוואָרנ, אונ די גאַנצע פריערדיקע בארימערישע היצ איז פונ אים ארויס.

ער האָט זיכ באַמ טישל אפ א בענקל אראָפּגעלאָזט, געהייסנ א דינער ווײַנ ברענגענ, פאר זיכ אונ פאר נאָכעמענ, אונ אז יענער האָט זיכ אָפּגע־זאָגט, האָט ער אליינ געטרונקענ. דאָס מאָל שוינ געשוויגנ, אָפּגעקילט אונ אינ א טיפער מאַרעשטבירע, אונ אפילע די אָפט אויסגעטרונקענע גלעזער האָבנ אים ניט דעריאַרעמט אונ פונ זײַנ פארטיפטקייט אונ פונ זײַנ פּלוצעמ אפ אים אָנגעפאַלענער נידערגעשלאָגנקייט אים ניט ארויסגעשלעפּט.

דערנאָכ האָט ער זיכ פּלוצעמ א רייב געטאָנ אונ בא דער שוואַכער שײַנ פונ דער איינציקער ליכט, וואָס דאָט אפנ טישל געברענט, האָט גענומענ זוכנ אפ די ווענט, צווישנ די פארשיידענע מינינ געווער. ער האָט עפּעס איי־נעמ א פּיסטאָלעט ארויסגענומענ אונ מיט אים צו דעמ שפּיגל צוגעגאַנגענ. אים פּריער צומ האַרצנ צוגעשטעלט, דערנאָכ צומ אָפענעמ מויל, דערנאָכ צומ שלייפ, גלײַכ ער האָט אפ פארשיידענע אופנימ געפּרוּווט, ווו בעסער איז אונ ווי ארײַנצושיסנ, ווי שענער אונ ווי לײַכטער דער טויט זאָל אים, הייסט עס, אָנקומענ.

אונ מיטאמאָל האָט ער זיכ געווענדט צו אים, צו נאָכעמענ, צומ דער־שראָקענעמ. זאָגנ די גאַנצע איז אים אנטפּלעקט, וועגנדיק, וואָס ער, רוד־ניצקי, מיינט אונ וואָס ער האָט דאָ בעדיינט צו מאַנ אונ פּירציגעמענ. ער האָט זיכ צעלאַכט. אונ אז ער, נאָכעמ, וועגנדיק אים א לאַכנדיקנ, איז צו אים צוגעגאַנגענ אונ מיט גרויס אָפּשײַ, ווי מע ווענדט זיכ צו א פּאָרעצ, אונ בעטראַכט נאָכ, ווײַנענדיק, אז ער איז אינמיטנ גלעזל, אונ, ווי אים האָט זיכ געדאַכט, אונ, ווי ער האָט פארשטאַנענ—איכ אונ גרויסע צאָרעס. אונ האָט גענומענ אים אָפּראָלנ: „זאָל דער פּאָרעצ אזא שפּאַס ניט טרײַבנ, ס'איז געפערלעכ." ער בעט אים זייער. ער האָט נאָכוואָס אויסגעטרונקענ, ס'דאַרפ נאָכ, באַלד, אז אומגליק געשעענ. זאָל ער דעמ פּיסטאָלעט אוועק־

ליינג",—האָט ער זיכ ווידער צעלאַכט. אָבער מיטאַמאָל איז נאָכאַמאָל פינצטער געוואָרנ, אונ, שטייענדיק אונ האַלטנדיק דעם פיסטאָלעט אזוי, ווי ער האָט אימ פריער געהאַלטנ, האָט ער א זאָג געטאָנ:

— באַנקראָט יעססעס, אינעגאָ וויסציא ניעמא—איכ בינ באַנקראָט, הייסט עס, אונ א פאָרעצ האָט קיינ אַנדער וועג נים.

אונ דאָ איז ער שטיל צו דער מיר צוגעגאַנגענ, דורכ וועלכער פריער איז דער רינגער מיטנ ווײַנ אַרײַנ, אונ האָט זי צוגעשלאָסנ, אונ, צוריקקומענ־דיק פונ דער טיר, האָט ער צו אים, צו נאָכעמענ, אזוי געזאָגט:

— מיר זײַנענ אַליינ, אונ איכ שעמ זיכ איצט נים. אָבער ס'איז מײַנ לעצט, אונ בא אימ, באַם פאַנ נאָכעמ, אינ די הענט איז זײַנ גאַנצער גורל אינצטער... ער, נאָכעמ, איז דאָכ אַליינ א סויכער, ער ווייסט, וואָס קריטישע צײַטנ באַטײַטנ אונ בא אימ, באַם פאָרעצ איז איצט קריטיש: קיינ געלט האָט ער נים, ער האָט זיכ די לעצטע צייט שטאַרק פאַרשפּילט אונ אויכ אינ אַנדערע געשעפטנ פאַרלוירנ. נאָר קיינ פאַרלוירענער אינגאַנצנ איז ער נים, ער גלייבט זיכ אויסדרייענ, אָבער צאָלנ קאָנ ער נים, ביפראַט אזא סומע, ווי אים, ווי נאָכעמענ אונ זײַנ שווער, קומט פונ אים. אָבער דאָס איז הייניק: ער איז פאָרעצ, ער האָט האָנאָר, אונ דאָס דערלויבט אים נים, ווי זײַנע עלטערנ האָבנ זיכ קיינמאָל נים דערלויבט, א לעבעדיקער אָנזעצער צו בלײַבנ אונ א שעמ האָבנ פאַר אַזוינעם. ער מוז די וועקסלענ איצט אַרויס־באַקומענ, אויב נים, איז דאָ זײַנ ענדע. ער ווייסט, אז נאָכעמ, דער קרעדי־טאָר זײַנער, אויב ער וועט אימ אָפּגעבנ די וועקסלענ, וועט ער קיינעמ נים דערציילנ: די סומע איז צו א גרויסע, אונ אויב מע וועט זיכ דאָס אינ דער פּאָכרישער געלט־וועלט דערוויסנ, קאָנ דאָס אימ אַליינ צו קרעדיט אונ אויכ צו אַנדערע זאַכנ שאַטנ... ער איז דערום זיכער, אז ביז א צײַט, ביז זײַנ לאַגע וועט זיכ פאַרבעסערנ אונ ער וועט אימשטאַנד זײַנ אָרנטלעכ אונ ערלעכ (ער מעג זײַנ זיכער, דער פאַנ נאָכעמ) זײַנ כויוו אומקערנ, וועט די זאַכ בלײַבנ צווישנ אימ אונ אימ, נישט מער, ווי צווישנ זײַנ שווער אונ זיי ביידע.. אויב זשע ער, נאָכעמ, קאָנ נים, באַשטייט נים, איז האָט ער, דער פאָרעצ, איצט קיינ אַנדער ברייררע...

אונ דאָ האָט ער נאָכ צוגעגעבנ אונ א פּאָר שווערע, פילבאַטײַטנדיקע ווערטער געלאָזט פאַלנ:

— זאָל ער געדענקענ, אז אויב דאָס געשעט, אויב ער מוז אינ זיכ איצט שיסנ, קאָנ פאַר אימ, פאַר נאָכעמענ, גרויסע אומאָנגענעמלעכקײַטנ אַרויס־קומענ: זיי זײַנענ אַליינ, נאָר אינצווייענ, זיי ביידע נאָר אינ צימער, אונ ער, נאָכעמ, דער סרעדיטאָר אונ דער פאָרעצ — דער באַלכויוו זײַנער.

— אונ דו האָסט אימ די וועקסלענ אָפּגעגעבנ?—האָט דאָ מושע, די מײַסע אויסהערנדיק, אויסגעשריגנ, אויכער זיכ פונ אופרעגונג אונ פונעם צופאַל, וואָס מאַכט זיכ זעלטנ אפילע צווישנ פריצימ אונ צווישנ די אויס־געלאַסענע אונ אפּ אַלצ פּייזקע.

— יאָ, שוועסטער... און ווי וואָלט איר אפּ מיינ אָרט געטאָנ?—האָט נאָכעמ געפרעגט.

— וואָס הייסט איכ? וואָס איז דאָס פאַר א פראַגע?

— איז וואָס אַנדערש האָט מענ, נאָכ אַלעמ מיינענ, געקאָנט טאָנ?

— וואָס הייסט, וואָס? אימ איבעררייִדנ, איבעררייִדנ, אַז מע מאָנט אימ ניט, אַז מע וועט אימ אויסוואַרטנ, אַז מ׳האָט צייט, אַז קיינער וועט זיכ דערוי־פינ ניט דערוויס.

— אונ אַז מע האָט דאָס אַלצ געטאָנ, געזאָגט, אונ אַז איכ האָב נעבעכ אַזוי מיט אימ אײנגעטײנעט, מײנ ערלעכ וואָרט געגעבנ, אַז אַזוי וועט עס מאַכע זײנ, אונ אַז ער האָט פאָרט געפאָדערט: אָדער די וועקסלענ, אָדער זײנ טויט?

— איז הורכ א מיר, הורכ א פענצטער, הורכ אַלצ, וואָס מעגלעכ, אָבער מע גיט זיכ אונ אײצע: מע שרײט, מע רופט מענטשנ, מע ריפט די נער פאַר אײדעס, מע טוט עפּעס! וואָס הײסט, מע גיט אָפּ?

דאָ האָט נאָכעמ, וואָס אפּ אימ איז מאַכע די גרײסטע שולד געלעגנ, די שולד פונ אַרויסלאָזנ אונ פאַטערנ א גרויב גוטס מיט אײגענע הענט, זיכ אָבער דערמאָנט די לאַגע, און געלבער ער האָט זיכ באַלד פאָרטע געפינענ. ער האָט זיכ דערמאָנט זײנ פאָטער, בעת וועלכנ ער האָט דאָס אַלצ צו אימ גערעדט מיט א פאַרצווײפלטע קאָל, ווי באַר דער מיטע. די גאַנצע צײט בינ זײנ רעדנ געדאַוונ דעמ פיבטאַליגע פאַר די אויגנ אונ, ווי אַפּ זײנ מאָל־באַמיונב, געשטיט אַפּ אימ. ער האָט זיכ דערמאָנט, אַז אײנער געלט, איז אײנ ער אַלײנ אונ א גרויסער באַלאָנגע געשטאַנענ: אָדער אונ א באַלאָנגע פונ א ביכל, אָדער עפּעסער נאָכ, זײער רײבט. אונ אָרט דערשאָפנ צו וועגנ. איז אָט, גערעגענערליכ אונ דערמאָנענדיק זיכ דאָס אַלצ, האָט ער זיכ, ניט געהערט אָבנ ווײטער בינעט גערט באַרלינג, דאָס ווי א געדאַנ־וועטער פונ געפאַר געגולט, אונ דאָס האָט אימ מיט אונ זבערהעט געגעבנ זײנ שולדיב ווײטעדיגע מגנעס—, פאַר וואָס, פאַר וועמענ אונ וויאַזוי?"— מיט אָט וואָס אימ אָפּצושלאָגנ:

— שוועסטער, ווער א פאַרטיע איז, ווײס עכ! פריצימ קאָנ עכ בעסער פונ איבכ! און עכ זאָג איבכ: דאַנקט גאָט, וואָס איר שרײט איצט נאָר אַפּ אײער געלט פוּלאָט געשעפט וועמאָלט זײנ. איר זאָלט איצט שרײענ אַפּ ערגערס...

— אַפּ ערגערס? וואָס קאָנ דענ זײנ ערגער?—האָט מוישע ווײטער געשריגנ.

— ערגער? ווענ איר וואָלט אַפּ מיר, אַפּ מײנ קאָפּ געשריגנ... עכ בינ א מאַמע פונ קינדער, אונ עכ קענ פריצימ בעסער.

דאָ האָט מוישע אַפּ זײנ אײדעמ א קוק געטאָנ אונ פאַרשטאַנענ, אַז ער איז עפּעסער א ביסל געדענקט. אָבער די זאַכ האָט אימ דאָכ געקאָכט: פאַרט איז דער אײדעמ פאַר אימ גאַנצ געשטאַנענ, אונ דאָס געלט, די וועקסלענ, וועט ער שוינ צוריק קײנמאָל ניט זענ... אונ באַלד נאָכעמ האָט אימ אינ

ווינטערדיקע שטיעס פארזיכערט, אז, צוריק גערעדט, קאָן מען ניט וויסן: פאָרט א פּאָריץ, און מעגלעכ מאַקע, אז ס'איז אים דאָ ניט אין שווינדל, נאָר אין האָנאָר געגאנגען, און בא דער ערשטער מעגלעכקייט צו צאָלן, וועט ער זיין וואָרט האַלטן, קעדיי ווידער מאַקע פּריצישן האָנאָר צו באַווייזן—האָב האָט אים די זאך געקאָכט.

ער איז פון יאַנט צו וואַנט אין צימער אומגעגאנגען, דעם איידעם ווצ-לאָזט שמיין איבט טאָג, און פון זיין מויל האָט יענער אלע ווילע געהערט אזוי-נע ווערטער זיך ארויסרייסן, ווי: „שווינדלער, מאַמ, ער וועט בא מיר אין טפיכע פוילן, מע מאַך עס אזוי ניט לאָזן“... און דאן נאָכ דעם, ווי ער האָט פארטראכט, האַכמיק און ווי א כייע אין א שטיין א לאנגע צייט אויך אימגעשפאנט, און אלע ווילע נאָכאמאָל און נאָכאמאָל צו דעם זעלבן זיך אומגעקערט. זיך מיט מיינעמ געהענדט: „אָבער ס'איז דאָב ניט גע-הערט! ס'איז האָב איין מאָל איך מווזנט יאָר מרעפט זיך אזוינס!“ און יענער, דער איידעם, האָט ווידער און ווידער זיך אָפּגעשלאָגן מיט וואָס ער האָט געקאָנט, זיך פארענטפערט און אפ וויפל מעגלעכ, אים פארזיכערט און אים האָפנדיק געמאכט, אז ס'איז נאָכ ניט אזוי, ער וועט זען, אז די זאכ קאָן זיך נאָכ איבערדרייען, און מעיאָעש זיין זיך איז נאָכ צו פרי, —

איך אָט דערמיט האָט ער מיטאמאָל נאָכ דעם, ווי ער האָט אין קאָפּ פאר-שיידענע מיטלען און אייצעס געזוכט, אפן איינציקן מעגלעכן געדאנק אין איינציקן באַמענט זיך אָנגעשלאָגן, און נעמלעכ. צו זיין אויוואָקאט זיך ווענדן, צו זיין פארטרויענס-מאן, צו דעם, צו וועלכן ער ווענדט זיך קעסיידער אין דרינגלעכע און אין ענגע פאלן. דאָס צום ערשטן. נאָכדעם וועט ער זען.

ער האָט דערינט דעם מאנטל, וועלכן ער האָט, פון דער היים קומענדיק, נאָכ ניט באַוויזן אין קאַנטאָר אויבצוטאָן, מאקע ניט אויסגעטאָן, באלד האָט ער נאָכבעטן באַפוילן, ער זאָל אהיים פאָרן, אין קאַנטאָר ניט פאר-בלייבן אין. נאָכהערלעכ, מיט קיינעם וועגן דעם קיין שמועס ניט האָבן. און ער אליין האָט זיך צו דער טיר געלאָזט, אין צווייטן צימער ארייַן, ווו זיינע אָנגעשטעלטע אין די באַשטענדיקע באַזיכער האָבן זיך געפונען, האָט זיך ניט פארהאַלטן, מיט קיינעם זיך ניט אָפּגעשטעלט, ארויס און אוועק אהין, וווּהין ער האָט נאָרוואָס געהאַט באַשלאָסן.

ס'איז א גרויסער קלאַפּ געווען פאר מוישען. נאָכ אזא איינער און נאָכ אזוינע טעלעכע, ווערט אפילו ער, אזא רייכער, ווי מוישע, באָרעזן. אויב אפי-לע ניט מיט אַן עמעס באָרעזן, אָבער אונטערגעריסן ווערט מען: ס'הייבט זיך אָן שאָקלען דער באָדן אונטער די פיס. דער נאָמען ווערט פיל פון דעם אָן, און אזא, ווי שאָלעם שמאַריאָן און ווי אנדערע פון די זיינע, יואָס דרייען זיך ארום אים, באַשמעקן אים, באַלעקן אים און באַנפּעגען אים הינטער א טיר, הייבן אָן דערפילן נעוויילע, דרייען זיך אָפּ און נעמען זוכן אנדערע, וועמען צו שמעקן, לעקן און באַנפּעגען.

ער, מוישע, האָט דערומ גוט געוווּסט זיכ צו היטנ, אונ וואָס פאַר א זאַכ ס'זאָל זיכ אימ ניט מאַכנ, איז. דעריקער האָט ער געזענ, אז יענע, די אויבנ דערמאָנטע פאַרשוינענ, זאָלנ זיכ דערפונ ניט דערוויסנ.

ער האָט דערומ איצט, ווענ ער איז דעמ צווייטנ צימער דורכגעגאַנגענ אונ צו דער דרויסנ-טיר זיכ געלאָזט, דאָס פּאָנעמ פונ די אַלע זײַנע באַזונדער אָפּגעקערעוועט, ער האָט מיט זײַ זיכ מיט קיינ בליק ניט געוואָלט באַגעגענענ, קעדיי יענע זאָלנ אינ אימ גאָרנישט ניט באַמערקנ, אונ אַפ זייער אויפנ, מיט זייערע הינטיישע כוישימ, ניט נעמענ אימ שנאָרענ, נישטערנ, זוכנ, פאָרשנ, זיכ נאָכפרעגנ אונ פונ דער לופט זיכ עפּעס ניט דערוויסנ.

ער איז ארויס, אונ אינ דרויסנ ערשט האָט ער זיכ דערמאָנט, אז ער איז פונ שטוב אינדערפרי שוינ הײַנט, אינ קאָנטאָר זיכ לאָזנדיק, א צערודערטער אוועקגעגאַנגענ, אז עפּעס איז אימ אפנ האַרצנ ניט געווענ אויפגעלייגט. אינ שלעכטע סימאָנימ האָבנ אימ הײַנט אַפ א שלעכטנ טאָג אָנגעזאָגט.

ער האָט זיכ דערמאָנט אינ לוזינ, דערמאָנט דעריקער אינ סרולינ, אונ יענער מיט דער מאָמעד אימ אויפרעגנדיקער, ערד-קאָלירענער קאַפּאָטע איז אימ פאַר די אויגנ געשטאַנענ, אונ א שטיקל מוירע-האָבנדיקער געדאַנק איז אימ איצט אינ קאָפּ געקומענ, א ווונטש, א מינ געבעט:

— כ'איז נאָכ פרי, אונ דער טאָג האָט זיכ אימ הײַנט שלעכט געשטעלט, זאָל, כאָלילע, ווײַטער אונ מער שוינ ניט טרעפנ גאָרנישט.

דער צופאַל האָט געוואָלט, אז מוישעס ווונטש זאָל דאָס מאָל ניט דערפילט ווערנ: אינ יענעמ טאָג איז נאָכ עפּעס געשענ. עמעס, ניט קיינ זאַכ, וואָס איז אימ מאַקע, מוישענ אַליינ, אָדער זײַנע אייגענע, נעגייע, נאָר דאָכ רעזולטאַטנ ערנסטע, וועלכע האָבנ אימ גאָר נאָענט אָנגערירט.

ס'איז פאָרגעקומענ אינ זײַנ צווייטנ געשעפט, אפנ באַוווּסטנ, גרויסנ נאַפט-קאַנטער זײַנעמ, וועלכער געפינט זיכ אינמיטנ גראָבנ מאַרק אונ וואָס איז באַשטאַנענ פונ א קלייט מיט עטלעכע סקלאַדנ.

אָנגעפירט האָט דאָרט מוישעס צווייטער איידעמ, יאַנקעלע גראָשטיינ (יענע וועלכנ די רייד וועט זײַנ אויספירלעכ שפּעטער, אפ אנ אנדער אָרט), וואָס אימ צו הילפ איז געגעבנ געווענ א בוכפירער אינ נעמענ אינ איינ פערזאָנ, איינער א ייד ליבערזאָנ, אונ די הויפּטלעכע אינ שווערע ארבעט איז געלעגנ אפ די צוויי הויפּט-מעשאָרטימ, אפ עליאָקעמענ אונ זיסיענ, אונ אויכ אפ דעמ דריטנ, דעמ געהילפ זייערנ, א יונגל נאָכ—קאַמערוכע.

זיי, אָט די מעשאָרטימ, האָבנ דאָס באַדאַרפט באַדינענ די פיל קוינימ פונ הורט (קיינ לאַבאָרימ האָט מענ דאָרט ניט פּראַקטיקירט)—די שמאָטישע אָבער מערסט פונ דער געגנט ארומ, וואָס פלעגנ קומענ מיט גאַנצע פורנ אונ אינ גרויסע פעסער זייער סכוירע, דעמ נאַפט, פאַרנעמענ.

אָט די מעשאָרטימ אַליינ, אונ אמאָל, ווענ ס'איז א סאַכ ארבעט געווענ,

איך מיט דער הילפ פונ די מארק-טרעגערס, פלעגנ די אײַנקויפער באַדינענ — ארויסשלעפנ די פעסער פונ די סקלאַדעס, ארופקאטשענ אפ די וואָגנס, אָנ-ליגנ, פאַרמאַכנ, אונ דאָס אָנגעפּאַקעוועטע מיט שטריק פאַרבינדנ.

עליאָקימ מיט די קורצע, גראָבלעכע פינגער, וואָס זײַנענ אימ באַשטאַנ-ענ ווי גאָר פונ צוויי גלידער, ניט פונ דרײַ, ווי בײַ אַלע מענטשנ, איז געווענ דער געזונטסטער: געטאָנ אונ געאַרבעט האָט ער שטיל אונ פעסט, זיכער אינ זײַנע הענט אונ אינ זײַנע גוואַרדיאַנישנ וואָנצנ. טאָמעד א שווײַגנדיקער, א ביסל א שמייכלענדיקער, וואָס די גוורע האָט אימ פונ די אויגנ ארויס-געקוקט, די רויטקײַט—פונ די שווײַגנדיקע באַקנ, אונ אינ מאַרק, אונ צווישנ די מיטגעניסנ אַפילע, האָט ער געשעמט פאַר א גיבער, וואָס פאַר זײַנ פאַטש, לעמאָשל, איז מענ געלאָפנ, ווי פונ א מאַגייפע, אונ וועמענ דער פאַטש נאָר איינמאָל אפילע האָט געטראָפנ, יענער האָט שוינ געמעגט, האָט מענ געזאָגט, זאָגנ ווידע.

דער צווייטער— זיסיע. שוינ אנ אָפּגעצערטער. א יונגערמאַנ נאָכ, בײַ די הדביקער, אָבער שוינ אנ אויסגעמאַטערטער פונ ווייניק סבירעס באַקומענ— א קערבל מיט א פערטעלע א וואָכ; דערצו נאָכ מיט היפש קינדער, דערצו נאָכ האָט ער זיכ אינ דער קאַפּצאָנישער מײַלע געהאַלטנ, אונ, ניט געקוקט אפ זײַנ קנאַפּנ פאַרדינסט, האָט מענ אימ שאַבעס-יאָנטעוו, לעמאָשל, ניט דערקענט — אזוי פײַנ אָנגעטאָנ איז ער געווענ: די הויזנ אפ דער נאָט, די שטיוולעטנ מיטנ פוצ, אונ ווינטער נאָכ אפילע מיטנ טכויערנעמ מוליפ פונ נאָכ דער כאַסענע.

אזוי ער אינ דער מײַלע, אזוי אויכ האָט ער זײַנע קינדער געפירט. ער איז געווענ א זונ פונ איינעמ א יידנ קאָסטמאַנ, שוינ לאַנג געשטאָרבנ, וואָס שוינ פאַר זײַנ לעבנ א יווירעד, אונ וואָס שוינ בײַ זײַנ לעבנ האָבנ זײַנע קינדער געמוזט אַוועקגיינ דינענ צו אַנדערע אפ גראָבער אַרבעט, אונ זיסיע איז צו מוישענ, וואָס האָט זײַנ פאָטער א ווײַטלעכער קאָרעוו אָנגעקערט, אָנגע-קומענ.

ער, זיסיע, כאָטש א קרעפטיקער אינ געבײַנ, כאָטש פיל קויכעס נאָכ אינ די הענט, אָבער פונ ווייניק שפּײַז, וואָס האָט אימ ניט אויסגעקערט דאָס גע-זונט, וואָס ער האָט בײַ דער אַרבעט געפּאַטערט, אונ פונ פיל קאָפּדרייע-ניש, וואָס פונ זײַנע כויוועס בײַ די וואָכערניקעס ארויסצוקריכנ, האָט ער אָפּגעצערטע אײַנגעזונענ אונ די באַקנ פונ די האָר פונ זײַנ געפוצט בערדל האָבנ בלאָב ארויסגעקוקט.

דאָס ווײַב אונ די מוטער זײַנע, מאַלקע-רייווע די אַלמאָנע, קוקנדיק אמאָל אפ אימ, ווענ ער פלעגט אהיימ קומענ שפּעט אינ אָוונט א מידער. אנ אָנגעהאָרעוועטער, האָבנ אינטערגעקרעכצט, מאַכמעס זיי האָבנ געוווּסט, פונ-וואַנענ ער שטאַמט, געוווּסט פונ דער מישפּאָכע-קרענק, אז זײַנ געזונט איז קרימטשיק, אונ אז אינדערעמעס האָלט ער נאָר אַנדערש באַדאַרפט לעבנ, נאָר כ'ניטאָ פאַר וואָס, אונ אויכ קיינ אייצע ניט צו קריגנ, פונוואַנענ אפנ

בעסערן צו נעמען: וואַבערגיקעס זײַנען וואָבערגיקעס, און דער באַלעבאָס איז באָמש א קאָרעוו, דאָך א באַלעבאָס, און האָרעווען מוז מען.

דאָס איז דער צווייטער מעטשאָרעס. דאַן נאָך דער דריטער, דער יונגס-טער, דאָס יינגל נאָך, קאמערונע—דער לעבעדיקער לינג-און-לעבער, דער באַשטענדיקער לעץ, דער האַצמאַך, ווי דער גאַנצער מאַרק און די פּרעגערס פלעגן אים רופן, וואָס ווער ווו און ווען מע פלעגט אים באַגעגענען, פלעגט מען אים אָנריקן דאָס היטל איבער די אויגן, שנעלן אין נאָז, אָדער אַנ-דערש עפּעס אָפּטאָן, און ער איז קיינמאָל אפ קיינעם ניט באַרוגעז געוואָרן, [illegible] געלעכטער, צוריק עפּעס אָפּטאָן — קוים, און פאַני-בראַט מיט אַלעמען.

ער האָט אַלעמען געפאָלגט, געטאָן, וואָס מע האָט אים געבעטן, העריקער אָבער צו זײַנע צוויי העכערע אָנגעשטעלטע צוגעבונדן, צו זיסיען, צו עליאָקע-נען, און [illegible] און [illegible] פאַר אים נאָך קיין שווערס ניט געווען.

יענעם מאָל האָט זיך זיסיע, גלײַך אפ דער אויבערשטע קומענדיק, עפּעס ניט גוט געפילט. ער האָט [illegible] א [illegible] געשפּירט, נאָך דער קאַלט א היץ אין לײַב און אין פּאָנעם. ער האָט [illegible] אָרעמלעכן איבערגעלעבט ניט געגעסן, ווײַל [illegible] קיין אַפּעטיט ניט געהאַט. עליאָקעם און קאמערונע האָבן אים [illegible] ניט גאָר [illegible] פאַרשטאַנען, און [illegible] האָבן זיך [illegible] [illegible] [illegible] [illegible] [illegible], מע זאָל אים וואָס גיכער, וואָס גי-[illegible] [illegible] נאָך אָנ-[illegible]—האָבן זיך די [illegible] [illegible]. זיסיע, וואָס איז [illegible] [illegible] א [illegible] [illegible] [illegible], דאָס זיך קיינמאָל פאַרגעבן, און [illegible] [illegible], אז [illegible] זיך [illegible] ניט [illegible] [illegible] [illegible], [illegible] אז [illegible] ער [illegible], איז א [illegible], אז ער [illegible] זיך בעסער און איז [illegible] [illegible] [illegible] [illegible], און [illegible] ניט? זאָל ער...

דאַן האָבן זיי זיך אַראָפּגעלאָזט אין איינעם א [illegible] [illegible], [illegible] [illegible] [illegible] [illegible] א [illegible] [illegible] מיט [illegible] [illegible] די [illegible] [illegible], וואָס [illegible] [illegible] [illegible]. עליאָקעם און קאמערונע האָבן זיך [illegible] [illegible]. זיסיע [illegible] [illegible] [illegible] קיינע [illegible] האָבן זיך [illegible] [illegible], און ווען די [illegible] איז [illegible] [illegible] און ווען עליאָקעם מיט קאמערונע [illegible] [illegible] [illegible] די [illegible], [illegible] די [illegible] [illegible] און [illegible] אפ דער [illegible] [illegible], [illegible] האָבן זיי [illegible] [illegible] [illegible] [illegible] [illegible] און [illegible] א [illegible], א [illegible]...

[illegible] אים [illegible] עפּעס ניט גוט [illegible]. ער האָט זיך פאַרלאָרן דאָס

ליגן פון מויל, די הענט שלאבעריק, אין די אויגן, ווייזט אויס, פינצטער, און דינער פון פער — ווי באלד וועט ער אומפאלן.

קאטערינע איז באלד צו אים צוגעגאנגען, זיסיע, האט זיך אפ אים א ביסל אנגעלענט. אבער ער איז גלייך צוגעגאנגען צו די טרעפ פון קלייט, וואו געשטאנען האט אַ נייער קאסטן, האט מען געזאגט, און זיסיע האט בלאטער און בלעטער, די אויגן מאכן זיך אים צו, און ער קען שוין קיין, און אויסגעמוטשעט, די פיס צעבראכן, צו די טרעפ צוקומען.

און אז ער איז צו אים זיך ווי אן אינטערגעבראכענער א אָנגעהאָלט, דעם קאר אין א ווינט, ווי אין באלאָגעב, באהאָרבן, האט ער פרוצעט ווי עפעס א שווערע געמען, האט דאס ביסל נעפעכן, און, ער צום ברעכן, האט מיט אמאל פון האלדז מים בלוט א גאס געטאן.

באמערקן האט באלד א ק א עט געמאכט. עליאָקים האט אים דעם קאפ אויפגעהויבן אין אים עפעס און אלט שמיקל בענער, אנגעשטאָפט א קישע־לע, אונטערגעלייגט. פון קלייט איז דער גענעבנער ארויס. פון אויס און אויס, פון מארק, פון די נאָענטע קלייטן האבן זיך פארלויפן, מעשארסים און איזוי זיך א עולם גענומען צונויפקלייבן...

מע איז געשטאנען, אין די ערשטע מינוטן ניט געוווסט, וואס צו טאן. אייניקע האבן גענומען זאגן: „א דאקטער... מ'דארף א דאקטער". אנדערע — אז מ'דארף אים אהיים אפפירן. אייניקע זיינען שוין לעבן אים געשטאנען מיט וואסער און געשפריצט אף אים, אנדערע האבן געזאגט: „מע דארף נישט". אן אלטער טרעגער פון מארק, פרידל, איז צו אים צוגעגאנגען און אים גע־נומען וועקן: זיסיע, לאָז זיך ניט אפ... זיסיע, מענטש זיך, נעם זיך אין די הענט.

באלד האט מען שוין אָבער געזען, אז ער איז פארביי, און פונעם גרויסן עולם, וואס האט זיך ארום אים אנגעקליבן, האבן זיך גענומען אויסטיילן רעדלעך אין א ביסל און א זייט אפגיין. די, וואס זיינען געבליבן לעבן אים, די מער נאָענטערע באקאנטע מעשארסים, זיינען געווען אומבאהאָלפן עפעס צו טאן. ציזוענדיק איטס ווי לאנג און ווי זיך דערמאָנענדיק אין זייער אוי־גענער, זיינען זיי, ווי בייעס איבער א קראנקן זייער געבליבן, געשטאנען, גע־שוויגן, אין באדערענקלעכער אונטערטעניקער טרויער אף זייער פּאָנעם.

אנדערע, וואס נאך דעם, ווי זיי האבן אים אנגעקוקט א ווײַלע, האבן פארמישנדיק אין שאבעמאָנעס מער אף אים ניט געקאנט קוקן און זיינען אין א זייט צו א רעדל אפגעגאנגען, האבן צווישן זיך גערעדט, זיך געטיילט און צו דער אלגעמיינער באוויערונג אויך זייערע צוגעגעבן:

— זיך דערהאַרעוועט... — האבן געזאגט אייניקע.

— איינגעזעצט א ברודערס גליקן...

— אוואדע, — האט א זאג געטאן א פרעמד־פארבייגייענדיקע פרוי, ווייזט אויך, פון אָרעמען גראד, וואס האט ביים פּנים בהמה'דיקן זיסיען האט איר אין אייגענע, היימישע גרויסע אנגסטן דערמאָנט: — אוואדע! וואָרן? די

נעגידים גיסנ זיכ גאָלד אינ האלדז אונ בא אָרעמעלייט גיסט זיכ דאָס בלוט פונ האלדז.

— וויסט איז דער מאמע זינער, דער מאלקע-ריוועג! איר לעצטער שוינ איינציקער בוימ, — האָט א זאָג געטאָנ אנ אנדערע, א בארעמהארציקע מארק-ייִדענע, וואָס איז געקומענ פונ דער מיט ארבעט, פונ א זאָק שטריקנ, אונ וואָס איינס א שפיזל האָט איר אונטערנ אויער געשמעקט.

— וואָס שטייט מענ? וואָס לאָזט מענ אימ דאָ ליגנ? וואָס איז דאָרט פאר אנ אָרט פאר אימ? ער קאָנ דאָכ דאָ אזוי אויסגיינ! — האָבנ שוינ אנ-דערע, פריש צוגעקומענע געשריגנ.

— זאָל מענ ברענגענ א פורל, זאָל מענ... גיכער! וואָס שטייט מענ?

דעמלט האָט זיכ דער געטמענ, דער פרומער ליבערזאָנ מיט דער פיינ-אויסגעקעמטער באָרד, וואָס איז ביז אהער געשטאנענ א קאלטער, א געלאסע-נער, גלייב ער האָט געזוארט, אז באלד וועט זיכ זיסיע אליינ אויפהייבנ פונ דר ערעפ, פונ זינ בלוט אונ פונ זינ כאלאָשעס, קעדיי פארשפאָרנ פונ פרעמ-דע מענטשער באַרעדט אינ באדויערט צו ווערנ; דעמלט, אז צו זינ אויער האָבנ שוינ דערגרייכט די אויסגעשרייענ אינ די פאָדערונגענ עפעס פירצונעמענ אונ עפעס וואָס גיכער אונ וואָס נייטיק איז צו מאָנ פארנ כוילע, אונ דעריקער, דערהערנדיק אויכ, אז פונ זינטיקע אונ פונ פרעמדע ווערט שוינ דעמ באלני-באָס נאָמענ ניט צומ איבעריק גיטנ דערמאָנט, האָט ער, ליבערזאָנ, ווי א שמענדיקער אונ אייביקאָניקער דינער, וואָס אליינ דער נאָמענ „באלעבאָס" מאכט אימ אבטנדיק אויפציטערנ אינ איז אימ מערער אפילע פונ די האָר פונ זינ באָרד, האָט ער זיכ איצט א כאפ געטאָנ, איז אינ קלייט ארײנגעלאָפנ, צומ טישענקעלע צו, פונ דאָרט אייניקע מאטבייעס ארויסגעכאפט, עס איבער פארשלאָגנ, צומ אוילעמ, וואָס ארומ זיסיענ, אראָפ, אונ צו קאטעריבענ, וואָס איז א נידערגעשלאָגענער, ווי אלע די ארומיקע, געשטאנענ, א זאָג געטאָנ:

— גיי ברענג א פורל, קאטעריבע, נא דיר געלט, אָבער זע דיגנ זיכ.

קאטעריבע האָט אינ עטלעכע מינוט ארומ א פורל געבראכט. ער מיט עליאָקימענ האָבנ זיסיענ ביידע אונטער די אָרעמס גענומענ אונ אימ פאמע-לעכנ ארויפגעזעצט, עליאָקימ איז, ווייל ער האָט נאָכ פיל צו טאָנ געהאט, אינ קלייט געבליבנ. אונ קאטעריבע איז דערלויבט געוואָרנ דעמ קראנקנ אהיימ צו באלייטנ.

דער אוילעמ האָט זיכ אינ שטילשווייגנ ארומ פורל געקליבנ, ביז מ'האָט זיסיענ ארויפגעזעצט אינ אוועקגעפירט, אונ אויכ נאָכ דעמ, ווענ דאָס פורל האָט געקירעוועט, האָט דער אוילעמ נאָכ א שטיקל צייט זיכ צעזאָמענ גע-האלטנ אונ די געשעעניש באהאנדלט.

אליינ נאָכ דעמ געשעענ, דער געשטאנענער מיט דער געקעמבלטער באָרד, ליבערזאָנ, האָט זיכ באלד פונ אוילעמ אָפגעטיילט. ער איז אינ קלייט ארײנ, אונ שטייענדיק, ווי ער איז געוויינט געווענ, אינ א ביסל קורצזיכטיק

דאָס לענגלעכע קווימאַדויש-ביכל פֿאַרן ליגן אויגן האַלטנדיק, האָט, ווי קעסיי-דער ער שרײַבט אַרײַן אַהין פֿאַרן קאַסע-בוך, אויך איצט אַרײַנגעשריבן:

„בעד עגלה להמשרת זיסיע... קאָפּ...“

אָט דעמלט האָט מוישע מאַשבער, גראָד פֿון שטאָט אָנגעקומען און דעם טראָגן מאַרק דורכגייענדיק, פֿאַר דער קלייט זיך באַוויזן. ער האָט, ווי צו א צווייט-מאָדריינע-געשעפֿט, זעלטן אַהין אַרײַנגעקוקט. איצט אָבער, פֿאַרבײַגיי-ענדיק און פֿאַרן קלייט עפּעס רעדלעך דערזען, האָט ער א פֿאַרבײַדעיסטער אַהין אָפּגעקערעוועט.

דער שמועסנדיקער אוילעם איז מיטאַמאָל אַנשוויגן געוואָרן. מע האָט אים שטילנדיק דעם וועג אָפּגעטראָטן און מיט די אויגן ביז די טרעפּ אויבן באַגלייט, און אַז ער איז אַרײַן און באַלד זיך צום אויפֿצאַפּלענדיקן ליבער-זאָנען, וואָס איז אים אין גרויס דערעכערעץ אַנטקעגן געלאָפֿן, זיך געווענדט, אים א פֿרעג געטאָן: — „וואָס איז געשען? וואָס איז פֿאַר א רעדלעך פֿאַרן קלייט?“ — האָט אים יענער אין גרויס האַכנאָע באַלד באַרויקן גענומען:

— ס'גאָרניט... ס'גאָרניט.. ס'איז זיסיען דעם מעשאָרעס עפּעס ניט גוט געוואָרן... ס'האָט זיך אים געלאָזט דאָס בלוט פֿון האַלדז, און מע האָט אים נאָרוואָס אַהיים אָפּגעפֿירט...

3

אַזאַ טאָג וואָלט ניט געווען געדאַרפֿט זײַן אַזוי, אַז אין יענעם אָוונט, וואָס נאָך אויבן דערמאָנטן טאָג, ווען וועלכן מיר האָבן נאָרוואָס דערציילט, זאָלן זיך צו מוישען איבעריק מענטשן צונויפֿקלײַבן. צוליב זײַן שווער געמיט וואָלט בעסער געווען, ווען מע וואָלט אים דעמלט געלאָזט צורו. האָט זיך אָבער געמאַכט פֿאַרקערט, אַז גראָד אין דעם אָוונט האָבן מענטשן זיך יאָ גענומען קלײַבן. צו ערשט ליבערזאָן, דער בוכהאַלטער, וועלכער האָט געפֿילט, אַז דער צופֿאַל, וואָס איז הײַנט באַטאָג פֿאָרגעקומען אין קלייט מיט זיסיען, יענעם, מעשולעך, אָפּגערנאַבע האָבן א געוויס שטיקל פֿאַרזעונג: מעשולעך, פֿון א געוויסער זײַט וועט פֿאַרן באַלעבאָס אָנקומען ערגערניש, און עס וואָלט ניט געשאַט, ער זאָל זײַן דערבײַ, קעדיי, אויב מע וועט דאַרפֿן, ווי ער איז באַשטענדיק געוווינט, דעם באַלעבאָס אונטערהאַלטן און פּאַטאַקעווען.

ער האָט זיך שוין געדרייט אין עסצימער, אַלעמאָל א גרייטער אַנטקע-גנצוקומען יעדן איינעם פֿונעם באַלעבאָס הויז מיט א בענימעבדיק וואָרט, צושטימען צו אַלץ, וואָס יענער וועט אַרויסזאָגן, אַפֿילו ווען א נאַרישקייט; דערבײַ האָט ער אַלעמאָל, ווי זײַן שטייגער, אַפּירגענומען די פֿײַנע באָרד מיט דער לינקער האַנט פֿאַר זײַנע אויגן און אַף איר קעכלדיק ווי אַף א מין צאַצ-קע, א פֿאַרבײַליופֿנדיקן פֿאַרגעניגטן קוק געגעבן.

דער צווייטער — נאָכן ליבערזאָנען, מוישעס איידעם, דער שטיק שולדי-קער אין מוישעס ערגערניש פֿון הײַנטיקן טאָג. ער, וואָס מערסטנטייל די אָפּערנאַבן האָט ער די מעווע אָפּגעזונדערט בײַ זיך אין צימער צו פֿאַר-

ברענגענ,—צי מיט דער פאַמיליע, צי אינ געשעפטס־אינטערעס פאַרמאָג, אינ וואָס קומט זעלטנ, אײַבער אינ אײַנגעניטענע גאַנג, אינ שטיב אַרױס — אויכ ער האָט דאָס מאָל צווישנ אַלע זיכ געפונענ.

ער האָט זיכ, ווײַזט אויס, נאָכ ניט באַרויקט בײַ דער רײַזע, בײַטאָגנ ער איז געקומענ, און דערקענט — פונעם געשפרעכ מיטנ שווער אינדערפרי, איז אויכ ער האָט אַפ אַ באַרויקנ פונ יענ אַ ניעס געוואָרט: עפּעס האָט אויכ דער שווער נאָכ וואָס צו זאָגנ, וועגנ דעמ, וואָס ער האָט זיכ מיטנ אַרויס־קאָט אױפגעציצעט, עפּעס ווערט ער אימ דאַנקנ, דער שווער, אימ אַ רופ מאָנ, קעדײַ אַפ ווײַטערדיקע שריט פאַרטיגנעמענ זיכ באַראַטנ.

דער דריטער — יאַנקעלע גראָדשטײַנ, דער צווייטער איידעמ, „די שטילע מויב", ווי לײַט אינ די שטוב־מענטשנ פלעגנ אימ רופנ, אָדער ווי די דינסטנ־„דער אינ די זאָקנ", ווײַל ער פלעגט שטיל שטײנ, גײנ אינ טרעטנ,—אויכ ער, יאַנקעלע גראָדשטײַנ, וואָס האַלט זיכ אייביקע מאָמער אינ אַ זײַט פונ אַלע, אפילו פונ אייגענע אינ שטוב—אויכ ער איז הײַנט אינגיכנ. ער איז גע־קומענ, פאַר אַלעמענ, שטילינקערהייט באַמ שטיל ריבערזאָגנ אינ אַ ווינקל אָפּציענעמענ אַ באַריכט פאַרנ מאָג אינ קלײַט, ווו ער איז הײַנט אַ שטיק צײַט ניט געווענ. אַוודאי ס׳מאַכט זיכ מיט אימ אָפט, אַז ער ווערט פאַרבאַלג און מאַנקירט מיט זײַנ סויבער־צײַט גאָר ניט מיסע פויכער.

ס׳האָט זיכ אויכ הײַנט באַוויזנ שאָלעמ שמאַריאָנ — גאָר ניט ווי זײַנ שטייגער איז, אינ די אָפּערגאַבטנ קיינ פרעמדע הײַזער צו באַזוכנ. ער באַ־גוגט זיכ קעגנײַדער מיטנ מאָג. דעמלט זעט מענ אימ, הערט מענ אימ. דעמלט זײַנענ אַלע זײַנע היגמײַשע כושימ אָנגעשפּיצט אַפ אימישנאָרעג און אַפ אַלצ, וואָס ער באַדאַרפ זיכ צו דערהייבנ, אינ אָפּגערגאַבט דערפאַר זעט מענ אימ שוינ אינ ערגעצ, ווײַל דעמלט ליגט ער, ווי מיט די ביינער, וואָס ער האָט פאַרנ מאָג ערגעצ געפּאַקט, אונ מיט זיי אינ זײַנ הינטערשטער ווינקל־לאָכ הריזענ.

דאָס מאָל האָט אימ דער מאָג ניט גענוגט, אינ ער איז געקומענ אויכ באַנאַכט שמעקנ, שנאָרענ: עפּעס אַ וואָרט, עפּעס אַ וויניק, אַ ייִטמע אָנ־הײַבנג נאָכ אַפ דעמ, וועגנ וועלכנ ס׳האָט זיכ צווישנ שווער אונ איידעמ אינ־דערפרי אינ קאַנטאָר בײַ מײַשענ הינטער אַ פאַרמאַכטער טיר געהאַנדלט.

ער האָט איצט, ווי אינדערפרי, פריער זיכ געדרייט אַרומ נאָבעמענ, גע־פרווט אַ שטיקל מאָג מיט נאָבעמענ ווײַב, מײַשעס יונגערער מאַכטער, דער־נאָכ מיט איר שוועסטער, מיט דער עלטערער, אינ מיט אייגענעמ וואָרט, ווו נאָר ער האָט געמיינט, אַז ס׳וועט זיכ לאָזנ וועגנ יענעמ אויסנעמ, וואָס אימ אינטע־רעסירט, עפּעס אַרויסצובאַקומענ.

אָט די און אויכ אַנדערע אינ שטוב.

ס׳האָבנ זיכ הײַנטיקס מאָל אַפ דער קיכ אַרײַנגעשטעלט אויכ עליאָקימ מיט קאַטערינענ, וואָס געוויינלעכ קומענ זיי נאָר אַ שאַבעסבײַנאַכטס, אונטער אַ יאָנטעוו, בײַמ אַ שטוב־סימכע, אָדער אויכ אינדערוואָכנ אַמאָל טרעפט זיכ,

זײנע קאמעראדנ ברענגענ א מענטש פונ מארק, וואָס ליבערזאָנ האָט אינ זינענ אינ מיט מיט איר אמאָל פארזאָרגנ דעמ באַלעבאָס קיב, ווענ א געלעגנהײט מאכט זיכ.

אנ אנדערשמאָל איז קאמעראדנ פריילעכ, אונ ווי נאָר ער קומט אריינ, אזוי ווערט די קיב מיט אימ פול: באלד האָט ער שוינ דער קעגנע א לאבנ־ דיקע צו דערציילנ, אייב דער פראָיעקט, דער יונגער גנעביענ מיטנ הויכנ לעבעדיקנ ביזנעס אינטערעסנ מולטעגעמ קאָפּטל, וואָס קאמעראדנ פארקוקט זיכ אפ אינ שמארק. ער האָט גנעביענ יעדעס מאָל איינע א געוויסע באמערקונג צו מאכנ:

— יע, — ווייזט ער איר אָנ שמארק נאָענט מיטנ פינגער אפ איר קאָפּטל, — יע, ס'פעלט זיכ דאָכ דאָ בא דיר א קנעפל, גנעסיע...

דערבײ בייטערייעט ער מיט די אויגנ אונ מיטנ האָצמאכ־לעצאָגייענ פאָנעמ צו יענעמ אָרט, וווּ ער ווייזט איר אָנ, אונ זי, גנעסיע, מוז זיכ קעסיידער א כאפּ, טאפּט אימ איבער דער האנט, אינ צוזאמענ מיט דער קעגנע שעלט זי אימ שוינ בעשוימפעט.

— א קרענק אפ אימ, — זאָגט איינע.

— א מיסע־מעשונע, — די צווייטע.

— ער וואקסט אנ אייסווורפ, א קאָלבוי, א וואָס אינ דער קאָרט, דער באמזער, דער קאמעראדנ.

עליאָקעמ, ווענ ער איז דערבײ, לאכט שטיל, גוממומיק אינ לאָזט זיכ דערבײ, צוזאמענ מיט קאמעראדנ, פונ די דינסטנ מיט א גוטער זאכ פונ די באלעבאטישע שדאכט איבנעמענ — פונ עסנווארג, אינ אמאָל מיט א גלאָז טיי באמ טיש פונ די דינסטנ.

הײַנטיקס מאָל זײַנענ ביידע, עליאָקעמ מיט קאמעראדנ, געקומענ ניט מיט קיינ מיטגעבראכטע מעציעס פונ מארק. הײַנטיקס מאָל האָט זיכ אויכ קאמעראדנ, ווי אלעמאָל, ניט געוועדעלט: ס'איז אימ נאָכ אפנ פאָנעמ דער ערגסט געלעגנ פונעמ איבערגעלעבטנ אינ קלייט באטאָג מיט זוסיענ, אונ דערנאָכ, ווענ ער האָט אימ אפנ פירל באלייט, אונ וויאזוי דאָס ווײַב, די קינ־ דער, די מאמע זײַנענ מאלקע־רייזע האָבנ אימ דערזענ אונטער דער האנט אינ שטוב ארײַנגעפירט ווערנ — פונ אימ, פונ קאמעראדנ, אונ פונ דער צווייטער זײַט — פונעמ פורמאנ, וואָס האָט צוגעהאָלפנ.

די ריידי אינ קיב האָבנ זיכ האָב מאָל (בעסאָר גאמירלעכ) ארומ זיביענ געדרייט, אינ אלע, סײַ די דינסטנ סײַ די מעשאָרסימ, עליאָקעמ אונ קאמע־ ראדנ. האָבנ עפּעס הײַנט ווי אינ קיב ניט געקאָנט אפּנזיצנ, ווי וועלנדיק הערנ, וואָס מע הערט דאָרט, אינ שטוב, דערפונ ריידנ.

אינ שטוב דערמאָלט האָט אָבער דערפונ קיינער ניט גערעדט. די שטוב איז מיט אנדערע אינטערעסנ פארנומענ געווענ. איבעריקנס, האָט קיינער, אויסער געצײַלטע מענטשנ, דערפונ ניט געוויסט...

ליבערזאָנ האָט באמ ארײַנקומענ אינ שטוב, דערזעענדיק גימעלענ א בלאַ־

טע, א מאמע אונ, ווײַזט אימ, נאָכ א שווערנ קאָפּווייטיק פונ באמאָנ-געשאנעוועט, אונ — אָדער ער האָט זײַנ דערציילנ אָפּ שפּעטער אָפּגעלייגט, אָדער אינגאנצנ גאָר פארשווײַגנ בעדייע געהאט, אָדער ער האָט אויכ אליינ אינ דעמ פארגעסנ.

ער האָט אויכ מאקע געקאָנט פארגעסנ, מאכמעס יעדעס מאָל, ווענ ער, ליבערזאָגנ, האָט זיכ געפונענ אינ באלעבאָס הויז, האָט ער זיכ געפילט, ווי אָפּ שפּאָנזשינעס: יעדעס מאָל גרייט איבצושפּרינגענ אונ מיט גרויס קאָווער עמעצנ פונ די שטוב-לײַט אויסצוהערנ, ווענ מע האָט זיכ צו אימ געווענדט; אונ אנ אנדערשמאָל, ווענ נימ געווענדט — זיכ צו דער צײַט אינ א גע-שפּרעכ ארײַנמישנ אונ אונטערזאָגנ וועמענ מע דארפ אינ וועמענ מע דארפ נימ, אבי נאָר דעמ, וואָס האָט צו זײַנ באלעבאָס שטוב א וואָסער-נימ-איז שײַכעס.

מ'האָט אינ שטוב דעמאָלט אָוונט-טיי געטרונקענ. נימעלע האָט געזענ, אז די שווערע שטימונג, מיט וועלכער איר מאנ, מוישע, איז אינדערפרי פונ שטוב ארויס, האָט זיכ בא אימ פארנ טאָג פארגרעסערט, אז צו דעמ, מיט וועלכנ ער איז ארויס פונ שטוב, איז אימ עפּעס דאָרט פארנ טאָג אָפּנ ווענ נאָכ צוגעקומענ. זי וואָלט אימ אנ אנדערשמאָל אינ אזא פאל געוויס געעצעט זיכ גיינ צולייגנ. אָבער הײַנט, זי ווייסט אליינ נימ פארוואָס, האָט זי גאָר גענומענ ווי דעמ הייפּעכ: נימ גענוג וואָס זי האָט נימ געזוכט אימ צו דערווײַטערנ פונ שטוב, פונ טומל, פונ פרעמדע מענטשנ אונ פונ אלצ, וואָס קאָנ אופרעגנ אינ אנ אויפגערעגטנ צושטאנד, האָט זי נאָכ פארקערט געטאָנ: ס'איז איר פּלוצעמ אײַנגעפאלנ עמעצנ שיקנ, מע זאָל גיינ לוזינ צומ טיש, צו דער אָוונט-טיי רופנ.

דער, ווענ זי האָט געשיקט, איז אוועק, אָבער באלד מאקע האָט זיכ פונ די ווײַטע צימערנ נימ נאָר לוזי אליינ, נאָר צוזאמענ מיט אימ נאָכ איינער, צוזאמענ מיט אימ אויכ סרולי, באוויזנ.

דאָס זײַנענ זיי פונ לוזיס אלקער אינ פונ יענעמ גע-שפּרעכ געקומענ, פונ וועלכנ לוזי האָט הײַנט אינדערפרי אימ, סרולינ, אָפּ שפּעטער, אָפּ באמאָג, אָפּ פארנאכט אָפּגעלייגט. איצט האָבנ זיי אימ, ווײַזט אויס, געהאט, דעמ גע-שפּרעכ, וועלכנ מיר זאָגנ זיכ אָפּ איצט אימ איבערצוגעבנ, מאכמעס ער וואָלט אינדז דאָ איבעריקס אינ צו לאנג פארהאלטנ, אָבער צו וועלכנ שפּעטער, אָפּ אנ אנדער אָרט, וועלנ מיר זיכ צו אימ נאָכ אומקערנ.

ביידע האָבנ האָפּערדיק אויסגעזענ, ווי צופרידנ איינס פונ אנדערנ, אונ דאָכ סרולי מיט מער דערעכערעס, ווי לוזי צו אימ, אזוי אז באמ ארײַנקו-מענ אינ באמ שוועל אריבערטרעטנ האָט סרולי לוזינ פאָרויסגיינ געלאָזט, אימ דאָס ערשטע אָרט אָפּגעטראָטנ.

אינ שטוב איז דאָס אנ איבערראשינג געווענ. דער רוישעס, וואָס דאָס האָט געמאכט אָפּ אלעמענ, דעריקער אָפּ די אייגענע פונ שטוב, איז געווענ א וווּנ-דערלעכער: ווי קומט לוזי גאָר צו סרולינ, אונ ווי האָבנ זיי זיכ גאָר גע-

בראָגנ אזוינע אײנער מיטנ אנדערנ? דערצו נאָכ אזוי אופֿגעלײגט אונ זוי נאָכ עפּעס א מינ געשלאָסענער אבדעמ — אזוי האַנט בא האַנט, אזוי הײַ־מיש־ברודעריש...

קײנער האָט באַנאַכט ניט באַמערקט, ווי סרולי איז אַרײַנ צו לוזינ, קײ־נער האָט דאָרט דעמ גאַנצנ אָנהײב־אָוונט זײער צוזאַמענזײַנ ניט כוישעד געווענ, אונ איצט, אז גימעלע האָט זײ בײדע אפֿ דער שוועל אופֿגעטראָפֿנ דער־זענ, האָט זי געוואָלט אזש אויסשרײַענ פֿונ פֿאַרוווּנדערונג. מוישע האָט זיכ אומרויִק פֿונ זײַנ בענקל א הײב געטאָנ, אויכ די איבעריקע אײגענע — דאָס זעלבע.

בײדע, לוזי אונ סרולי, האָבנ באַלד פֿאַרנומענ ערטער באַמ טיש. לוזי האָט זיכ געלאָזט מײ דערלאַנגענ, אויכ סרולי. דערבײַ זײַנענ זײערע ערטער איבערגעקומענ אײנס לעבנ אנדערנ, אונ סרולי האָט זיכ א ביסל אויסגעדרייט מיטנ רוקנ צו די אלע, וואָס זײַנענ אינ זײַנ זײַט געזעסנ, אונ מיטנ פּאָנעמ מער געקערעוועט צו לוזינ.

ס'האָט זיכ געהאַלטנ דערבײַ, אז, דאָס צווענדיק, זאָל מוישע איצט פֿונ זײַנ בענקל זיכ אופֿהײבנ אפֿ אוועקצוגײנ, ווי ער האָט עס אינדערפֿרי גע־טאָנ. באַזונדערס נאָכ איצינד, ווענ ער האָט פֿאַר זיכ אי לוזינ אי סרולינ עפּעס זי צונויפֿגערעדטע געזעהנ, אונ זײער אבדעמ האָט אימ געשמאַכנ.

ס'האָט אויכ געהאַלטנ דערבײַ, אז גימעלע, קוקנדיק אפֿ מוישענ אונ אימ ניט קענענדיק, אונ זעענדיק זײַנ ערנערגיש, אונ מוירע האָבנדיק פֿאַר דעמ, וואָס מע האָט באַראַפֿט מוירע האָבנ, פֿאַר דעמ, וואָס האָט זיכ איצט אפֿנ סיבל געלײגט — פֿאַר עפּעס א קריג צווישנ די ברידער, א קריג, וואָס פֿרעמ־דע מענטשנ וועלנ בא איר בײַזײַנ אונ דער ביזאָיענ וועט נאָכ זײַנ טאָפּלט,— האָט שוינ געהאַלטנ דערבײַ, אז איר קאָפּווײטיק פֿונ טאָג, וואָס האָט איר שוינ געהאַט א ביסל נאָכגעלאָזט, זאָל זיכ איצט ווידער אָפּרופֿנ אונ פֿאַר־שטאַרקנ, אונ זי האָט מאַקע באַלד מיט די הענט די שלײפֿנ א פּרוּוו געטאָנ, זענ, צי ער הײבט זיכ איר ווידער ניט אָנ...

האָט אָבער אינ דער מינוט געטראָפֿנ, אז אפֿ דער שוועל, פֿונ טיר אָנקו־מענדיק, האָט זיכ א פֿרוי אַרײַנגעשטעלט. א הויכע, העכער פֿונ מיטעלער וווּקס, אינ די פּלײצעס א גלײַכע, מיט א שאַל אפֿ די אַקסל, אונ דאָס איז געווענ מאַלקע־ריווע, זיסיע דעמ הויפּט־מעשאָרעס מאַמע.

זי האָט, — ניט געקוקט, וואָס ס'האָט זי הײַנט דער גרויסער אומגליק געטראָפֿנ, וואָס דאָס לעצטע שטיקל זונ האָט זיכ איר אוועקגעלײגט, אונ פֿונ איר פֿריערדיקער דערפֿאַרונג האָט זי אויכ געוווּסט, אז ס'איז ערנסט, אונ האַלעווײַ דער טאָט זאָל אימ זײַנ א גוטער, — ניט געקוקט דערויפֿ, האָט זי דאָכ, גײענדיק איצט צומ גביר, צומ מאַנס ווײַטנ קאָרעוו אונ צומ זונס באַ־לעבאָס, אויכ דעמ שאַבעסדיקנ שלײער אָנגעטאָנ — דער, וואָס פֿאַרקעמט זיכ שפּאַרק גלאַט אפֿ בײדע קאָפּזײַטנ מיט א שרונט אינמיטנ, אויכ אירע מעשענע צווײ לאַנגע זיכ באָמבלענדיקע אויערינגלעכ, די לעצטע, וואָס זײַנענ

איר נאָכ פונ אמאָליקע גוטע צײַטנ פארבליבנ, אונ וואָס קיינער האָט זיי שוינ ניט געקויפט, אונ אינ שלעכטע צײַטנ האָבנ זיי זיכ שוינ אינ ערגעצ ניט גע-לאָזט פארזעצנ.

יאָ, ניט געקוקט דערופ, דאָכ אינ שלייער אונ אינ די אוירינגלעכ. ווײַט אזא איז זי שוינ געווענ, מאלקע-ריווע: אנ אויסטערלישע, מיט א שטארק מאָדנע-אויסגעהאלטענעמ כאראקטער, באזונדערס אינ א צאָרע-צײַט א שטיק מאנצבל, אונ אפילע מערער — געזינטער אונ אויסגעהאלטענער פונ א מאנצבל. . . . . . . .

מע האָט זי אלע געקענט אונ מע האָט זי אלע שטארק געאכטעט. אינ ס'איז געווענ פאר וואָס: ווײַל אינ איר געשטאלט איז א קליינער אינעו ארומ-געגאנגענ, אויכ אזוי, ווי יענער, א געשלאָגענער, אָבער ניט, ווי יענער, קיי געבראָכענער.

זי האָט אינ לעבנ פיל איבערגעהאט, פיל אויסגעשטאנענ, אָבער איר מדיט אונ איר קאָל — פעסטע, אונ אינ די פלייצעס א גלײַכע. זי האָט באה נאָכ דער כאסענע אָנגעהויבנ קינדלענ. בא יעדנ „טראָגנ“ געבליט, גאנצע פע-סער אָפגעגעבנ. מע האָט געמיינט, זי עקט זיכ, אָבער אָפגעהאט, געבוירנ— איז זי ווײַטער געזונט, „טראָגט“ ווײַטער אונ בליט ווײַטער. דאָקטוירימ האָבנ זי שוינ, ווי א פענאָמענ, געקענט, האָבנ אופגעהערט איר מעדיצינ געבנ, אונ ווײַבער האָבנ זיכ אופגעהערט כידעשנ: מאלקע-ריווע.

זי האָט אזוי זיבנ זינ אויסגעשיט, זיי דערצויגנ, אינ גוטע צײַטנ—מיט גוטס געהאָדעוועט, ואינ שלעכטע—זיי אפ ארבעט צו פרעמדע אָפגעשיקט. אָבער קינדער — איינס אינ איינס, ווי די ליכט, גרויסע, הויכע, שטאלטנע מיט רויטע באקנ.

נאָר דאָ האָט זיכ עס אָנגעהויבנ: ווי זיי זײַנענ אונטערגעוואקסנ, אזוי האָט אינ איינעמ א שיינעמ טאָג איינער אנ אבצניאָריקער זיכ אוועקגעלייגט האָט אינ א פאָר כאדאָשימ ארומ מיט טרוקענעמ הוסטנ אונ פאלשע רויטע באקנ אָפגעברענט, אונ אוועק. דער צווייטער — א צווייטע פאָר כאדאָשימ— אונ דאָס זעלבע. אזוי איינס נאָכ איינס, אונ די קלאָלע האָט זיכ בא איר פאר א פעסטנ גאסט באזעצט.

יעדעס מאָל, ווענ מ'פלעגט פונ איר שטיב א פרישנ זונ ארויסטראָגנ, בא-זונדערס ווענ עס האָט שוינ געהאלטנ בא די לעצטע, באם פינפטנ, זעקסטנ האָבנ שוינ די געזינטסטע מאנצבלענ פונ די נאָענטסטע, פונ די אייגנסטע אפילע, מוירע געהאט צו דער לעווײַע צו קומענ, ווײַל ווער קאָנ אזוינס לעג צוזענ? די, וואָס זײַנענ אָבער אפ די לעווײַעס יאָ בײַגעווענ, האָבנ מאלקע-ריווענ יעסיידער געטראָפנ אינ דער שאל אפ די אקסל, די אויגנ טרוקנ, ניט געוויינט, ניט געליארעמט, נאָר יעדעס מאָל, אז מע האָט שוינ געהאלטנ בא טאירע, אונ זי פלעגט זיכ אינ שטוב מיט א היימישנ, מיט אנ עלטערנ, דע-ריקער מיט א פרומענ מאנצבל אָנטרעפנ, פלעגט זי אימ אָפשטעלנ, אפ אימ א טרוקענעמ קוק געבנ, שטיל זיכ וועגנ אונ ווי געשעפטלעכ א זאָג טאָן:

— יא, וואָס זאָגט ער? מע זאָגט, דאכט זיך, אַז ס'איז דאָ אַ גאָט אפ דער וועלט...

— וואָס רעדסטו, מאַלקע־רייזע, — פלעגט יענער אינ גרויסנ מיטפּילנ־דיקנ טאָנ, אָבער, פאַר איר'ס הערטער מוירע האָבנדיק, זי פונ לעסטערנ וועלנ אָפּהאַלטנ.

— איז ווו איז ער, האַ?

דאָס מאָל, אז מע האָט איר הײנט זיכ'ענ, דעמ לעצטנ, אַ בלאָסנ, אַ האַלב־אונטערגעבראָכענעמ, מיט שמעכיקע האָר אפנ פּאָנעמ, אהיימ געבראַכט אינ איט גלײכ אפנ בעט אַוועקגעלייגט. האָט זי וויטער, ווי איר שטייגער, קיינ קוילעס ניט געמאכט, דאָס ווײב פונ זײנ בעט ווי אָפּגעשוארט, די קינדערלעכ אינ אַ זײט געהײסנ אָפּגײנ, צוגעגאנגענ, אַ קוק געטאָנ אונ אַ זאָג געטאָנ: „זײַ מבֿטל“, אונ ניט מער. גאָכדעמ האָט זי שוינ דעמ איבעריקנ טאָג דאָס ווײב איט געלאָזט באַדינענ, אויכ די קינדערלעכ לעבנ איט שטײנ, אונ פאַרנאכט, ווענ ס'איז טונקל געוואָרנ, האָט זי אינ אַ ווינקל צימער איר שלייער־אָנגעטאָנ, די שאַל אפ די אקסל גענומענ, אונ פונ דאָרט, ווו זי אונ זיכיע האָבנ זײט געוווינט, אזש אינ דריטנ ריגנ, אהינ, אינ דער צווייטער עק שטאָט, ווו מוישעס הויז האָט זיכ געפונענ, זיכ געלאָזט.

אַז זי איז אַרײנ אינ קיכ, האָבנ זי גלײכ פאַרפרירער קאַמעריכע אונ עליאָ־קעט, נאָכדעמ די דינסטנ באַמערקט. ניט זײ איר אונ ניט זי זײ האָבנ קײנ וואָרט ניט געזאָגט. גאָר אַלע אינ קיכ בײזווײנדיקע האָבנ זי מיט באַלײטנ־דיקע אײגנ דורכגעלאָזט. אונ אַז־זי איז די קיכ דורכגעגאַנגענ, האָבנ אַלע יענע פאַר זיכ אַליינ ניט באַמערקט, פונ ווייטערע ערטער — זיי־ווער געשטאַ־נענ אונ וועלכע געזעסנ — זיכ געריכט אונ אופגעהויבנ, אונ ווי געצויגנ פונ מאַלקע־רייזנ, נאָכ איר גלײכער שטאַלבנער פלײצע מיט דער שאַל, וואָס אפ איר, נאָכגעגאַנגענ.

אַז זי איז אַרײנ, אַז זי האָט זיכ געוויזנ, האָט זי צוערשט דערזענ מוי־שענ. דאָס איז געזעסנ איבערנאָנ אפ זײנ אָרט באַמ טיש. ער האָט אויכ דער־זענ, ווי הינטער איר, ווי זיכ נאָכציענדיק נאָכ איר, האָבנ זיכ שטיל, אײנער הינטערנ אַנדערנ, די קיכ־לײט, די מעשאָרסימ, דינסטנ אַרײנגעשטעלט, גלײכ ווי וואַרטנ פונ איר, מאַלקע־רײזעס, אָנקומענ אינ פונ דעמ, וויאַזוי מ'וועט זי דאָ אינ צימער באַגעגענענ, ווי אַפ עפּעס אַ מינ פאַרשטייענדיקער פאָר־שטעלונג.

באַלד נאָכ מוישענ האָט זי אויכ גימעלע דערזענ, אונ אויכ זי — די אינטערשטײענדיקע הינטער איר, אונ די זאַכ איז איר געווענ אַ כידעש, אונ זי האָט זיכ אַ פאַרוווּנדערטע געווענדט צו מוישענ, צו דעמ, וואָס יעדעס מאָל, ווענ זי איז אינ אַ פאַרלעגנהײט, ווענ זי פאַרשטייט עפּעס ניט אונ זוכט באַשייד.

ס'האָט אייכ באַלד ליבערזאָנ זי באַמערקט, אונ ער האָט שוינ געוואָלט איפשפּרינגענ, איר אַנטקעגנ לויפנ, אינ דער ערשטער באַ איר אַ פרעג טאָנ:

„וואָס מאַכט ער?"... ניט אַזוי צוליב זײַן אײגענעם אינטערעס, נאָר צוליב דעם, וואָס דער אײניקל איז דאָך די באַלעבאָטים געגײיע.

באַלד אויך האָט סרולי, וואָס, ווי געזאָגט, איז מיט אַ זײַט אויסגעקערעוועט געוועזן, — און דאָס איז דאָך פֿאַרשטענדלעך, אַז מיט יענער זײַט איז ער צום אויבנאָן געווען געקערעוועט, און מיטן פּנים צו דער טיר, וואָס פֿירט פֿון קיך, געווענדט, — אויך סרולי, אַז ער האָט זי דערזען, האָט ער באַלד מיט זײַן פֿאַרשאַרפֿטן חוש דערפֿילט, אַז דאָ איז עפּעס פֿאַרן טאָג אָן זײַן ווײסן געשען. וואָס אַזוינס — האָט ער ניט געקאָנט טרעפֿן, אָבער אין פּנים בײַ מאַלקע־ריוועס האָט ער דאָך עפּעס געלײענט, און דעריקער, אין דער נײַגעריקײַט און מוירע, וואָס אויף די דינסטנס און משרתימס פּנימער אויסגעדריקט, און דאָס האָט אים שוין פֿון אָרט אינטערגעהויבן, אײנגאַנצן צו יענער זײַט אים אויסדרײען געמאַכט, און אײנגאַנצן שוין אָנגעשפּיצט, ווי אַ מילכאָמע־פֿערד, ווען ס'דערשמעקט דעם שאַלהאָרן.

און נאָך סרולין אויך די אַנדערע שטוב־לײַט און אַפֿילע די געסט אין שטוב.

מאַלקע־ריווע דערמאָנט, וואָס זי האָט געהאַט פֿון איר הײם אַ גרויסן זאַג דורכצומאַכן, אַ גוואַלדיקן שטיק מיטהאַלטן דורך דער גאַנצער שטאָט קימאַט, וועלכע איז געווען שוואַך באַלײַכטן, נאָר מיט ליכט און לאָמפּן, וואָס האָבן זיך פֿון די נידעריקע פֿענצטער פֿון די הײַזער ווי אַרויסגעזען, — מאַלקע־ריווע האָט איצט, פֿון דער פֿינצטער אָנקומענדיק, זיך געטראָפֿן אין דער שטאַרק־באַלויכטענער נגידישער עס־שטיב מיט דער האַרכאָווע, מיט די געסט בײַ דער טיי אין שטוב בײַם טיש; זי האָט, דאָס דערזעענדיק, זיך דערמאָנט, פֿונוואַנען זי קומט — פֿונעם ענגן אַלקער, וואָס כאָטש זויבער, רײן, ווי איר זיסיע האָט ליב און פֿאָדערט פֿון זײַן ווײַב זויבערקײַט, אָבער אָרעם, נאָקעטלעך, אַפֿילע ווען אַלע זײַנען געזונט אין שטוב, ביפֿראַט הײַנט, ווען ער, זיסיע, האָט זיך אַ כוילע באַוויזן, איז שוין גלײַך די אָרעמקײַט מיטאַמאָל אין צווײ מאָל, דרײַ מאָל דאָך איבערגעוואַקסן; איז אָט, זיך דאָס דערמאָנענדיק, און האָבנדיק דעם טוירעם שטוב און די גרויסע ליכט פֿונעם הענגלאָמפּ איצט פֿאַר די אויגן, האָט זי זיך אַ ווײַלע איבערגעהאַלטן, אַף דער שוועל קימאַט שטײן געבליבן, און נעענטער אין צימער אַרײַנצוקומען ווי קײן פּיס ניט געהאַט... באַלד אָבער האָט זי צום טיש אַ גײ געטאָן און צום אויבנאָן זיך אַ רוק געגעבן, קעדײ זיך שטעלן בײַ דער זײַט פֿון מוישען, צוליב וועמען, אײגנטלעך, זי איז געקומען און געשעפֿטלעך באַדאַרפֿט האָבן זיך צו ווענדן, און באַלד האָט זי זיך מאַקע געווענדט צו אים.

דערבײַ זײַנען אַלע בײַם טיש אַנטשוויגן געוואָרן. סרולי האָט זיך מיטאַמאָל צו זײַן צווייטער זײַט אויסגעקערעוועט, אַהין, וווּהין פֿריִער האָט ער ניט געוואָלט קוקן — צום אויבנאָן, הײסט עס; אויך לוזי — מיט זײַן בליק אַהין, אָפּגערעדט שוין פֿון אַלע איבעריקע.

און מאַלקע־ריווע האָט אַ זאָג געטאָן:

— ער ווייסט מיסטאמע, מוישע (זי האָט אימ ניט געזירצט, ווײַל זי איז אימ א קרוווע, ווײַל זי איז מיט אימ אינ איינע יאָרנ, אונ ווײַל, ביכלאל, האָט זי, דאכט זיכ, קיינעמ ניט געזירצט), צוליב וואָס זי איז איצט געקומענ, וואָס ס'האָט הײַנט מיט איר זיסיענ געטראָפנ?

—יאָ, ער ווייסט.

— ער ווייסט מיסטאמע אויכ, אז די שטוב האָט אזוי אויכ געלעבט אינ נויט אינ האבקעס, ביפראט איצט, ווענ מע דאַרפ דאָקטוירימ, רעפּיעס אאַז.

— איז וואָס קאָנ מענ העלפנ, אויסער דעמ, וואָס ביז ער וועט געזונט ווערנ, וועלנ זײַנע סבירעס אימ גיינ, ווי ביז אהער געגאנגענ?

מוישענ האָט גלײַכ, ווײַזט אויס, פארדראָסנ, וואָס זי, מאלקע=ריווע, האָט שוינ דעמ ערשטנ טאָג, ווי נאָר דאָס אומגליק האָט זיכ איר געמאכט, קיינ צײַט ניט געהאט אונ גלײַכ געקומענ מײַסע=קאפּצנ בעטלענ, קיצווע מאָגענ. דערצו נאָכ, ווענ אפילע שוינ יאָ געקומענ, האָט דאָכ דאָס באדארפט מאכנ שטילערהייט, ניט פאר אלעמענ אינ די אויגנ, ניט צו אימ אליינ זיכ ווענדנ, נאָר פריער גימעלענ אָפּרופנ, אונ גימעלע וואָלט מיט אימ וועגנ דעמ שוינ געווענ איבערגערעדט, אונ מע וואָלט שוינ ווי=ניט=איז געטאָנ, וואָס מעגלעכ...

ער האָט דערומ גלײַכ באמ אָנהייב געשפּרעכ מיט איר שוינ זיכ געוואָלט פונ איר אָפּמשעפּנ, מאכנ דאָס בעקיצער: קיינ גאזלענ, הייסט עס, איז ער דאָכ ניט, אונ וואָס מע טוט, אונ ווי מענטשנ זײַנענ זיכ נויהעג אינ אזוינע פאלנ, ווייסט ער.

זי, מאלקע=ריווע, אָבער, האָט זיכ זײַנ גווירישע לאגע צומ הארצנ ניט גענומענ, זיכ ניט געקאָנט נעמענ, ווײַל צומ הארצנ איז איר געווענ נעענטערס... זי האָט געוווּסט, אז זיסיעס קרענק אונ אוועקלייגנ זיכ איצט איז ניט אָפּ קיינ קאמאָוועס, געוווּסט אויכ, אז וואָכערניקעס ווייסנ ניט פונ קיינ קרענק, אונ זיי וועלנ זייערס קומענ מאָנענ, אונ דער רובל מיטנ פערטעלע די וואָכ, ווענ אפילע ער, דער באלעבאָס, מוישע, וועט א צײַט ניט מידווערנ דאָס צו געבנ, וועט איצט, באַ דער איצטיקער לאגע, ניט קלעקנ דער מינדסטער נויט אפילע דאָס מויל צו פארשטאָפּנ.

אונ זי, מאלקע=ריווע, האָט דאָס אימ אלצ געזאָגט פאר אלעמענ אינ די אויגנ, אינ די אייגנ פונ אלע די, וואָס זײַנענ איצט געזעסנ באמ טיש, אונ אויכ פאר יענע, וואָס זײַנענ באַ דער טיר געשטאנענ.

— איז וואָס וויל זי? — האָט זיכ מוישע דאָ פונ בענקל א הייב געטאָנ. — איז וואָס נאָכ קאָנ ער טאָנ? ס'איז אזוי אויכ איבערגענוג, אונ פונ זײַט זײַנ איז ער שמענדיק יוויצע, אונ פאר קרענק איז קיינער ניט באַוואָרנט. אונ אז מע קאָנ ניט אינ דער היימ, אז ס'איז שווער אויסצוהאלטנ דעמ כוילע, איז דערופ דאָ א ביקער=כוילימ.

— א ביקער=כוילימ?! וואָס רעדט ער, מוישע? וואָס האָט ער געזאָגט? ער איז דאָכ אליינ גאבע אינ ביקער=כוילימ, ער ווייסט דאָכ, ווער פּיקומט

אהינ אָן, ווער ס'ליגט דאָרט, אונ ווייסט, וואוזוי מ'גייט דאָרט ארומ כאלאָומ?

— מע גייט, — האָט מוישע איבערגעשלאָגנ אונ די אימ ניט אָנגענעמע רייד ניט געוואָלט הערנ, — מע גייט, ווי מע קאָנ, וויפל די שטאָט גיט געלט דערויפ אונ לאָזט זיכ קאָסטנ. וואָס קאָנ מענ מער, וואָס קאָנ מענ בעסער?

— מוישע, — האָט דאָ מאלקע-ריווע זיכ א שטעל געטאָנ, אזש די מעשענע אוירינגלעכ האָבנ זיכ איר א באָמבל געטאָנ אונ די שאַל פונ די אקסל האָט זיכ גענומענ אראָפּרוקנ אפ צו פאלנ — מוישע, דו זאָלסט ניט געפרוווט ווערנ! איכ בינ א געפרוווטע, אונ איכ בינ צו דיר געקומענ ניט נאָכ קיצווע, נאָר מאָנענ, וואָס סע קומט! בא דיר איז ער קראנק געוואָרנ, בא דיר, אינ דײַנע רעבע געשעפטנ, האָט ער זײַנע אָרעמע קויכעס אוועקגעלייגט, אונ דו ביסט מעכויעוו, לויט אלע דינימ, וואָס שטייענ אינ דער טוירע, אונ אויב עס שטייט ניט, מעג עס שטיינ.

— מעכויעוו?

— יאָ, מוישע!

-- איז וואָס זאָל ער טאָנ?

— וואָס טאָנ? — האָט דאָ פּלוצעמ דער מעשוגענער סרולי, וואָס קיינער האָט אימ ניט געפרעגט אונ אפ זײַנ וואָרט, נאטירלעכ, ניט געוואַרט, א יאָג געטאָנ אזוי הייכ, אזוי קלאָר אונ אזוי אומגעריכט, אז בא אלע אינ די אויערנ האָט אזש אָנגעהויבנ קלינגענ, — וואָס טאָנ? וואָס מע דארפ! וואָס מע מוז פאר זיכ! אונ אויב ביקער-כווילימ, זײַנענ גאבאָומ בילבער — אליינ האָרט א בעטל צו פארנעמענ אונ איבפרווונ, זענ, ווי געשמאַק ס'איז דאָרט א געזונט, ביפראַט דעמ, וואָס שפּײַט מיט בלוט...

די האָזע פונ סרולינ דאָס מאָל איז געווענ אזוי אומגעריכט, אזוי געוואלדיג, אז אלעמענס אויגנ האָבנ זיכ מיטאמאָל צו אימ א ווענד געטאָנ, ווי צו א זאכ, וואָס פאלט פּלוצעמ אונ אומגעריכט אראָפּ פונ באליק.

גיטעלע האָט זיכ א הייב געטאָנ, ווי איר מאָג צו באשיצנ, ליבערזאָנ — אויב, אונ גלײַכ ער האָט ניט געגלייבט דאָס געהערטע צו הערנ. אלע אָנגעשטרענגטע, אונ אויכ לוזי האָט אפ סרולינ — ניט צו באמערקנ געווענ, צי מיט טאַרומעס, צי פארקערט, מיט צושטימונג, — א קוק געגעבנ.

אונ אליינ מוישע, וואָס דער טאָג איז אימ הײַנט א שווערער געווענ: אינדערפרי פונ דער געבראכטער ליבער יעדיע פונ זײַנ אײַדעמ, דערנאָכ באַמ אהוואָראָט, פונ וועלכנ ער איז, ווײַזט אויס, אויכ ניט קיינ איבעריק געפרייטער ארויס. אונ איצט גאָר אזא זאכ — מיט א כווילע, מיט א מאלקע-ריווענ, מיט דינסטנ אונ מעשאָרסימ, וואָס שטייענ בא דער טיר אינ א בינטל אונ הערנ, וואָס זיי דארפנ ניט. אונ אויכ אנדערע; אונ, איבער אלעמענ, אָט דער מעשוגענער, דער ניט-גערופענער, ניט געבעטענער, וואָס ווירקט אפ אימ שטענדיק ביטער, באזונדערס הײַנט, אונ דערצו נאָכ בא

דער רעכטער האנט פון זיין ברודער, און נאָך דערצו אזא באליידיקונג, — אליין מוישען, זאָגן מיר, איז דעמלט, נאטירלעך, גאָרניט געבליבן, אויסער פון זיין אָרעם זיך א הייב טאָן, אין טיש א קלאַפּ טאָן, און א געשריי צו טאָן צו סרולין ניט מיט זיין קאָל, און אפילע, ווי א מענטש, וואָס גייט ארויס פון די קיילים זעלבן:

— ארויס פונדאנען! ארויס פון מיין שטוב!!

דעמלט האָט לוזי, וואָס האָט ביז אהער געשוויגן, אין געשפּרעך זיך ניט געמישט, און, ווי ס'ווייזט אויס, אפילע ניט בעדייע געהאַט זיך צו מישן, — איצט, אז ער האָט זיין, מוישעס, געשריי דערהערט און ווי אלע פון דעם געפּלעפט געוואָרן, ווייל ער האָט ניט געוווּסט, מיט וואָס וועט סרולי דערוף ענטפערן, און ביכלאל, ווייל פון אים, פון מוישען, אפּ אזא טאָן זיך ניט געריכט און אפּ אזא זאך, ווי א מענטשן פון שטוב ארויסטרייבן, — דאָ האָט לוזי, אפּ סרולים ווייט זיך שטעלנדיק, זיין קאָל געהערט, אויך ער האָט פון זיין אָרט זיך אויפגעהויבן, און איבערן טיש אריבער, איבער אלעמענס קעפּ און צו זיין ברודער אין פּאָנעם א זאָג געטאָן:

— זאָל ער מעכילע בעטן, מוישע, ער האָט א מענטשן פאר א ראבים מעייטעש געווען.[1] זאָל ער אים מייקעפּ איבערבעטן.

— ער, מוישע... אים, סרולין... איבערבעטן?

— יאָ, ער — אים.

— אזוי זאָגט ער? א מענטשן מעוויטעש געווען? ס'איז דאָך אָבער קיין מענטש ניט, ס'איז דאָך אן אָנשיקעניש, וואָס פרייט זיך אפּ אלעמענס אומגליקן, און ס'איז שוין לאַנג צייט, מע זאָל אים פון אומעטום, פון אלע רמוצר ארויסטרייבן.

— אָבער ווי האָט ער עס געזען, ווי מע טרייבט? „פון מיין שטוב" זאָגט ער. פון דיינער?.. פארוואָס עפּעס פון דיינער?.. לי הבית...[2]

— האַלט ער אים, הייבט עס, אונטער. איז אויך אזוי, — האָט דאָ מוישע איבער זיך פון קאַם איבערגעשריגן, — וועט איר אויסקומען צוזאַמען מיט יענעם אויך אים, לוזין, איבערצובעטן.

— מוישע! — האָט דאָ געמעלדעט איר מאַנס מיין און די גרויסע באליידיקונג, אויך אפּ לוזים אדרעס געשיקט, פארשטאַנען און איבערגעשריגן: -- מוישע!

— טאַטע! — האָבן אויך די טעכטער פארשטאַנען, אויך זיי אויסגעשריגן, און זיי זיינען צו זייער פאָטער, צו מוישען, צו, אים אין זיין קאַם איבצוהאַלטן און ווי זיין טייל פון וויטער עגלעבע אזוינע ווערטער ארויסצולאָזן אָבצוהיטן.

---

1 פאר פיל מענטשן אין די אויגן פארשעמט.

2 צו מיר קער דאָס הויז — א פּאָסוק אין ביבל.

— שווער! — האָבנ אויכ די איידעמס פאַרציטערטע צו אימ זיכ אַ לאָז געטאָנ...

אונ מוישע, כאַפּנדיק זיכ, וואָס ער האָט דאָ נאָרוואָס אינ גרויס קאַס פונ מויל אַרויסגעלאָזט, האָט זיכ נאָכ מער צעקאָכט, אונ, ווענדנדיק זיכ צו דער קלוימערשטער סיבע, צו דער איקער-סיבע פונ זײַנ גוואַלדיקער אופרעגונג, צו סרולינ, מיט אַנ אויפגעהויבענער האַנט, ווי אַרויסגעריסנ זי פונ דעמ רעדל היימישע, אייגענע, וואָס האָבנ אימ אַרומגערינגלט, האָט ער אימ מיט איר אַפ דער טיר אָנגעוויזנ אונ ווידער אויסגעשריגנ:

— אַרויס פונדאַנענ! דײַנ פוס זאָל זיכ דאָ מער ניט געפינענ! אונ אויב דער איז אַ מענטש, — האָט ער ווײַטער געשריגנ אונ איצט שוינ צו לוזינ זיכ געווענדט, — אויב יענער אַ מענטש, איז ער, לוזי, אימ קיינ ברודער...

— מוישע! טאַטע! שווער! — האָבנ זיכ דערהערט פאַרציטערטע קולעס, אויסגעשרייענ פונ לעבנ מוישענ, פונ זײַנע אייגענע, וועלכע האָבנ אימ אַרומגערינגלט.

אונ ווונדערלעכ. סרולי האָט דערמיט ניט געשאָלטנ, זיכ ניט קעגנגעשטעלט, אַפילע דאָס מויל ניט געעפנט — ניט ווי זײַנ שטייגער אַפילע אינ גרינגערע פאַלנ, ווענ די באַליידיקונג אַ נישטיקע, ביפראַט איצט, באַ אַזאַ פאַל, וואָס מיט אימ האָט זיכ געמאַכט זעלטנ, ריכטיקער, קיינמאָל ניט. ער האָט זיכ נאָר פונ טיש אָפּגעדרייט, מיט אַנ אָפּגעבויגענעמ קאָפּ פונ אימ אָפּגעגאַנגענ, קעדײַ אינ יענעמ ווינקל, ווו ער האָט אינדערפרי זײַנ טאָרבע אָפּגעלייגט, זי איצט אַרויפצוהייבנ.

ס'איז ניט פאַרשטענדלעכ, פאַרוואָס האָט איצט סרולי ניט ווי אַלעמאָל זיכ געפירט אינ געטאָנ, פאַרוואָס, ווי ער קאָנ אונ ווי ער איז בעקויעכ, זיכ ניט באַוויזנ. מעגלעכ דערפאַר, וואָס דער איצטיקער פאַל איז פאַר אימ אַליינ געווענ אַנ איבעראַשונג, מאַכמעס ער האָט דערזענ, אַז אַנדערע קאָנענ אויכ דאָס זעלבע. וואָס ער, — ביז דער לעצטער כוצפע אונ פאַר קיינ זאַכ זיכ ניט אָפּשטעלנ.

אָבער ניינ. ניכער פונ אַלצ דערפאַר ניט, ווײַל ער האָט באַמערקט, ווי אינ דער מינוט, וואָס ער האָט זיכ פונ טיש אָפּגעדרייט, האָט אויכ לוזי, וואָס האָט די גאַנצע צײַט זײַנ אָרט לעבנ אימ געהאַט, געטאָנ דאָס זעלבע: אויכ ער איז פונ הינטערנ טיש אַרויס, אונ ביימ ער, סרולי, האָט זיכ אינ וועלבנ צימער נאָכ דער טאָרבע זוכנ זיכ געלאָזט, איז לוזי שטיל, פונ אַלעמענס אײגנ באַליימ, גאָר אינגאַנצנ אַרויס פונ צימער...

אַלע זײַנענ דערמיט זיכער געווענ אונ געמיינט, אַז דאָס האָט לוזי, מויכל זײַענדיק אַפ זײַנ קאָוועד, די באַליידיקונג אַראָפּגעשלונגענ, ווײַל, זעענדיק זײַנ ברודער אינ גרויס קאַס ניט צומ אויפהאַלטנ, אונ ווייסנדיק, אַז אויב מע וועט זיכ איצט קעגנשטעלנ, קאָנ דאָס נאָכ צו ערגערס פירנ, האָט ער געהאַלטנ פאַר נייטיק אָפּצושווײַגנ, פאַרשווײַגנ, ווי ס'פּאַסט פאַר אַנ

עלטערנ, ביבראַם פאר אזא ווי לוזי. דער גאנצער שטוב־אוילעם איז דערומ אינ יענע מינוטנ אי ווי געלײמט געבליבנ אי אויכ מיט האָפענונג אינ די אויגנ, אז אָט באלד, באלד וועט דער שטורעם איבערגײנ אונ דאָס אופגעברויזטע וועט זיכ צוריק אײַנלײגנ.

אָבער פלוצעמ, נאָכ דעמ, ווי סרולי האָט א קלײנ שטיקל צײַט בא דער טאָרבע זיכ געפּאָרעט, זי געשנירעוועט, זיכ אופגעהויבנ מיט איר, קערײ מיט איר צו דער שוועל זיכ לאָזנ, — אזוי האָבנ אלע מיטאמאָל באמערקט, ווי דורכ דער טיר, דורכ וועלכער לוזי איז נאָרוואָס פונ עסשטוב ארויס, האָט ער זיכ איצט ווידעראמאָל באוויזנ, דאָס מאָל אינ זײַנ זומערדיקנ מאנטל אָנגעטאָנ, פארשפיליעט אונ אפ אוועקצוגײנ.

אונ אָט, ווי נאָר סרולי האָט אימ דערזענ, אזוי האָט ער מיטאמאָל, ווי קײנמאָל מאכט זיכ אימ ניט אונ קײנמאָל האָט קײנער זיכ ניט געקאָנט באַרימענ בא אימ דאָס צו זענ, דאָס מויל געעפנט, ווי אפ עפּעס א מינ לאָכ צו מאָנ. דערבײַ האָבנ אלע באמערקט, ווי אינ זײַנ איבערשטנ צײנ־פאסמנ פעלט אימ א צאָנ איבער א צאָנ. ער האָט אזוי מיט די פאראנענע אינ מיט די פעלנדיקע צײנ אינ שטוב ארײַנ געשטשירעט, שטיל אונ מיט דער גרעסטער שווײַנדיקער נעקאָמע, אונ אז לוזי איז אונטערגעקומענ אונ צו דער שוועל זיכ דערנענטערט אפ ארויסצוגײנ, האָט סרולי נאָכ מער געשטשירעט, ער האָט אימ דאָס אָרט אָפּגעטראָטנ, אימ פאָרויס גײנ געלאָזט, אונ ער — הינטער אימ, ווי דער קײלים־טרעגער אונ באדינער זײַנער.

ער האָט מיט נאָכ העלדערער הנאה דאַנ דערזענ, ווי גימעלע האָט זיכ מיטאמאָל פונ איר מאנ, פונ מוישענ, אָפּגעריסנ, אונ צו דער שוועל, צו פאר לוזינ צו; אויכ מוישעס טעכטער — אינ דעמ מאָמענט, ווײַל זײ האָבנ פארשטאנענ דעמ ערנסט פונ מאָמענט, אונ אז לוזי גײט איצט אפ קײנ יאמאָחעס אוועק; אויכ אנדערע פונ שטוב — צו יענעמ אָרט, אונ גימעלע די ערשטע האָט מיטאמאָל א געשרײ געטאָנ:

— דו גײסט ניט אוועק, לוזי! דו טוסט אונדז דעמ ביזאָיענ ניט אָנ!

— פעטער! — האָבנ אויכ די טעכטער אונטערגעהאלטנ, אונ די הענט, ווי אפ אנ אומגליק אָפּצוהאלטנ, אויסגעשטרעקט.

— פעטער, לוזי! — האָט זיכ פונ אלע מיטאמאָל פונ די אײגענע, פונ גימעלענ, טעכטער, אײדעמס געהערט.

ער, לוזי, אָבער, האָט א שטילער, אינ גרויס אנטשלאָסנקײט אונ נאָרניט יאגנדיק, מיט א שווײַגנדיקער האנט־באוועגונג די ערשטע גימעלענ באזײַטיקט. זי צוועדיטט, דערנאָכ אויכ אלע אנדערע, וואָס האָבנ אימ אָפּגעהאלטנ אינ געזאָלט דעמ וועג באַרײַטעלנ, ווי אָפּגעשטארט, אונ אזוי — ער באַרײמ, זיכ ניט אומקוקנדיק, אונ סרולי הינטער אימ, מיט אנ אויסגעדרײטנ קאָפּ אינ שטוב ארײַנקוקנדיק, זײַנענ זײ ארויס, אוועק אונ פונ פאר אלעמענס אויגנ ניט געבליבנ.

ס'האָט שוינ געמעגט זײַנ גענוג פאַר יענעמ אָוונט! ס'האָבנ נאָכדעמ אַלע בײַזײַענדיקע אינ שטוב בא אָט דער טרעפעניש גענומענ פאַרשעמט בלײַבנ אַפ עטלעכע מינוט, אָנ לאָשנ אינ מויל, געפלעפטע, איינער דעמ אַנדערנ נימ צו זאָגנ גאָרנימ האָבנ, אונ דערנאָך, ווי=נימ=איז אונ אַפ פאַרשיידענע אויפאַנימ זיכ צעגיינ.

איז אָבער נײַנ: האָט אָבער געטראָפנ, אַז אינ דער מינוט, ווענ יענע בײדע, סרולי אינ לוזי, זײַנענ פונ שטוב אַרויס, אַזוי האָבנ אַלע, סײַ די בא דער טיר שטייענדיקע, סײַ אייכ די, וואָס זײַנענ די גאַנצע צײַט באַמ טיש אַפ זייערע ערטער געבליבנ, מיטאַמאָל א פאַרשוינ זיכ באַווײַזנ דערזענ — א מוירעדיק בלאַסנ, וואָס זײַנ בלאַסקײַט האָט פונ דער מונקעלער שײַנ פונ דער שוועל אַזש אינ שטוב צו די באַמ טיש זיכ=געפינענדיקע דערלאַנגט; א מענטש, ווי פונ קייווער, האַלב אָנגעטאָנ אונ אָנ א היטל... אונ איידער דער אוילעמ האָט באַוויזנ פונ דער ערשטער, נאָרוואָס פאַרגעקומענער איבעראַשונג זיכ צו באַפרײַענ, אַזוי האָט אימ שוינ די צווייטע געטראָפנ: אַלטער...

ער איז, אַפאַנעמ, שוינ פונ א לענגערער צײַט אינ שטוב געשטאַנענ. אַלנפאַלס, בא די לעצטע מינוטנ פונ געשעענעמ אַפ דער שוועל, בײַמ לוזיס אַוועקגיינ, בײַגעווענ. ער איז אַרײַנ א בלייכער, אַנ אויסגעצווינגענער, ווי א פאַרטראָגענער נאַכט=וואַנדלער, אונ פונ זײַנע ליפנ האָט מענ, בײַמ זײַנ אָנקומענ, געהערט, ווי ער כאַזערט איינע אונ די זעלבע ווערטער איבער: „ער גייט אַוועק... ער איז אַוועקגעגאַנגענ“... אינ אַז דער אוילעמ, וואָס האָט, אימ דערזעענדיק, אימ דעמ וועג אָפגעטראָטנ, אינ ער האָט זיכ דורכגערוקט אונ אינ שטוב אַרײַנ אַריבער אינ אַרויס פונ אוילעמ, אַזוי האָט ער מיטאַמאָל איינע א האַנט אויפגעהויבנ, ווי ער וואָלט וועלנ אונטערלייגנ א פליג כאַפנ, דערבײַ האָט ער א שמייכל, מאַטנ קוימיש געטאָנ, ווי א קליינע, קריכנדיקע כײַע, אַז מע דערקוועטשט זי, זיכ א קיליע געטאָנ. אונ — פראַכ אַפ דער ערד, אינ מיט א שטאַרקנ קלאַפ אינ פאַל אַנידערגעפאַלנ.

ס'איז שוינ נימ אינ זינענ געווענ דער נאָרוואָס אַוועקגעגאַנגענער לוזי מיט סרולינ, נימ אַוודע די נאָכ נימ אַוועקגעגאַנגענע מאַלכע=ריווע. מיט אַלעמ דעמ, וואָס איז אינ שטוב פריִער מיט א שטיקל צײַט דאָ פאַרגעקומענ — נימ אינ זינענ.

איצט איז א מענטש אַפ דער ערד געלעגנ, אינ אַרומ אימ, די ערשטע מינוטנ פאַרלוירענע, א גאַנצ רעדל אייגענע אונ פרעמדע, וואָס באַלד, ווי ס'האָט געטראָפנ, האָט קיינער נימ געוווּסט, וואָס צו טאָנ, צו וואָס זיכ צו נעמענ, אינ מע איז געבליבנ, ווי אָנ הענט אינ דערשטוינטע.

האָט זיכ אָבער דער ערשטער דערמאָנט א זײַטיקער, דער אונדז באַקאַנטער ליבערזאָנ, געכאַפט: ער איז פונ זײַנ אָרט פונ לעבנ טיש צומ רעדל צו, אונ איידער אייגענע האָבנ זיכ געריכט, די מיילער געעפנט אַפ צעפנמ

א זאָג מאָנ, אזוי האָט ער פאר אלעמענ צו קאמערוכע זיכ געווענדט אונ א באפעל געמאָנ אינ נאָמענ פונ אלע:

— לויפ, קאמערוכע, ברענג א דאָקטער. לויפ צו יאנאָווסקינ, זאָג, אז ס'איז אהער, צו אינדז, זאָל ער פייקענ אונ מאקע די מינוט קומענ...

באַ אלטערנ איז דאָס א נייס געווענ. ס'האָט דאָס ערשטע מאָל פונ אזוי־פיל יאָרנ קרענק אימ הײנט זיכ דאָס געטראָפנ. מעגלעכ, אז דער הײנטיקער טאָג, דער אויסטערלישער, די געשרייענ, וואָס האָבנ באַ אימ די העכסטע מדריגע דערגרייכט, אונ אינ וועלכע ער האָט זיכ הײנט אליינ איבערגע־שטיגנ, האָבנ געבראַכט דערצו: אויסגעשעפט אונ אינ אָנמאַכט אנידערגע־פאלנ.

אָבער ניינ. ווער ס'האָט אנ אויג געהאַט, האָט געזענ: ס'איז ניט קיינ אָנמאַכט, ס'איז ניט פונ געשרייענ אויסגעשעפט, ס'איז א נייס — אלטער האָט געפינעט, אלטערנ האָט, ווי פונ א קוואל, געזעצט די שוימ פונ מויל, אינ דאָס איז שוינ געווענ א סימענ אפ אזוינס, וואָס ער האָט ביז אהער ניט געהאַט, אפ וואָס ער האָט ביז אהער ניט געליטנ. א סימענ אפ דעמ, וואָס יאנאָווסקי, דער אלטער דאָקטער, האָט, קומענדיק אונ אימ באַטראַכטנ־דיק, נאָכ לאנגע ארומריידונגענ, מאַקע באַשטעטיקט: — א סימענ אפנ פאלנ־דיקנ.

— אגעוו, — האָט יאנאָווסקי, דער אלטער, מעיושעווער דאָקטער דערצו נאָכ צוגעגעבנ, — קאָנ דער איצטיקער פאל, די איצטיקע, אפנ ערשטנ קוק, פאַרגערינגערנ אינ אלטערס לאגע, אויכ דינענ אלס קריזיס אונ איבער־בראָכ פונ זײנ פריערדיקער שלאַפקייט, פונ זײנ שוואַכזיניקייט, אונ ארויס־רופנ, פאַרקערט, א געוויסע אויסלייטערונג אונ באַפרייונג פונ זײנ זינענ. יאָ, — האָט ער געזאָגט, — די מעדיצינ ווייסט פונ אזוינס אונ האָט באַ זיכ פאַרצייכנט אזוינע פאלנ.

מע האָט שוינ אלטערנ יענע נאַכט אפ זײנ אייבערשטיבל צוריק ניט ארופ־געבראַכט אינ אימ געלאָזט אינ שטוב אונטנ, ווײל אויכ נאָכ דעמ, ווי ער האָט זיכ פונ פאל אופגעכאפט, האָט מענ געזענ, אז ער האָט קיינ קויעכ ניט זיכ אופצוהייבנ, אונ אז די אויגנ זײנענ באַ אימ צעמישט אונ צע־כוימעט אזוי, אז זיי זעענ אפילע ניט דאָס, וואָס אינ זײנ געוויינלעכנ צו־שטאנד איז אימ צו זענ אונ צו באַנעמענ יאָ געגעבנ.

מע האָט אימ אינ עסצימער א בעט געבעט. ס'איז לאנג די גאנצע שטוב, פריער מיטנ דאָקטער יאנאָווסקי, אונ נאָכ דעמ, אז יענער איז אוועקגעפאָרנ, א שטיק אינ שפעטנ באַנאַכט אָפגעזעסנ, שטיל אונ ווי אוועילימ.

ס'האָט אויכ דאָס מאָל, ווי אלעמאָל אינ אויסגענומענע פאלנ, ניט גע־פעלט אויכ מייערל, וואָס האָט, שוינ אינ זײנ ווײטנ צימער שלאָפנדיק, פלו־צעמ דעמ קלאַפ פונ אלטערס פאלנ דערהערט אונ די אומגעוויינלעכע שטיל־קייט, וואָס איז נאָכ דעמ פאל אינ שטוב אפ אייניקע מינוט געוואָרנ. דאָס האָט אימ פונ בעט ארויסגעטראָגנ, אונ א האלב־אויסגעטאָנענעמ קימאט

האָבנ אימ בלוצעמ די עלטערע פונ שטוב אפ אײנער א טיר־שוועל, וואָס פירט אינ עסשטוב, שטײנ דערזענ.

און אינ יענער נאכט זײנענ אינ אנ אנדער שטוב, וויט אינ עק שטאָט, אזש אינ הינטנ רינג, „אפ די זאמדנ", אינ מיכל בוקיערס אָרעמער אויס־קומעניש, אינ אײנעמ א צימער, בא א דרײער־לעמפל, דרײ מענטשנ געזיצנ און פארבראכט. דאָס זײנענ געוועג ליזי, סרולי אינ אלײנ דער באַלעבאָס, מיכל בוקיער.

מיר ווײסנ ניט גענוי, וויאזוי דאָס איז פאָרגעקומענ, נאָר אז ליזי מיט סרולינ האָבנ זיך, פונ מוישעס שטוב ארויסגײענדיק, אפנ גאס געטראָפנ, אונ דערנאָכ איבערנ בריק, וואָס פירט פונעמ אונטערשטנ טײל שטאָט אי־נעמ איבערשטנ, געקומענ, האָט סרולי, נאָכ א קורצנ געשפרעכ מיט לי־זינ (וואָס דעמ אינהאלט זײנעמ גענוי ווײסנ מיר ניט) אײנעמ א פורמאנ צוגערופנ, אימ די גאס, וווּהינ ער אונ ליזי דארפנ האָבנ, אָנגערופנ. אינ בײדע האָבנ זיך אופגעזעצט, אינ נאָכ לאנגנ פאָרנ אונ דרײענ זיך איבער פינצטערע, גריבערדיקע גאסנ אונ געסלעכ, זײנענ זײ, לעסאָפ, אהינ, ווו־הינ זײ האָבנ געדארפט, אָנגעקומענ.

בא מיכל בוקיער איז דאָס הויזגעזינד שוינ געשלאָפנ. סרולי האָט אָנ־געקלאפט, אונ מיכל בוקיער האָט געעפנט. צוערשט האָט ער, צוליב די געסט, דאָס וויב אופגעוועקט, אונ זי האָט דאָס סאמאָווארל געשטעלט — דאָס בלעכענע מיטנ מעשענעמ קרענטל. אונ נאָכ דעמ, אז זי האָט איר אָפגעטאָנ, האָט איר מיכל געהײסנ גײנ שלאָפנ. אונ שפעטער, ווענ דאָס וואסער אינ קלײנעמ סאמאָווארל האָט זיך צומ ערשטנ מאָל אויסגעגנמענ, האָט ער שוינ אלײנ וואסער געגאָסנ אונ קײלנ געשיטט. אינ אזוי עטלעכע מאָל, אינ אזוי בא שטיל־געמיטלעכע געשפרעכנ אינ בא אָרעמער טײ אינ וועטשערע זײנענ ליזי מיט סרולינ שוינ דאָרט אפ דער גאנצער נאכט פארבליבנ.

---

# VI

# ווילדער סרולי

**צו** מאָרגנ אינדערפרי האָט זיכ צו מאַלקע=ריווענ אינ שטוב געעפנט די טיר און אפ דער שוועל איז געבליבנ שטיינ א פאַרשוינ, וואָס זי וואָלט זיכ קיינמאָל ניט געריכט צו זענ אונטער איר באַליק.

דאָס איז געווענ — דער באַוווסטער „אפ די זאַמדנ“, און אויכ אפנ גאַנצנ שטאָט, מאַזשעווע דער קאַצעוו=יונג. מ'האָט אימ גערופנ מיט זייער ניט קיינ שיינעמ צונאָמענ — מאַזשעווע די קו.. ער איז באַוווסט געווענ און האָט זיכ אויסגעטיילט מיט זײַנ אופירונג און מײַסעס ואפילע צווישנ די זײַנ גלײַכנ קייסאָרים=גאַלאַנטאָנעס, ווי אַנ אויסנאַמ.

ער פלעגט, מערסטנטייל זומער נאָכ דער אַרבעט און אינ די פרײַע שאַ=בעס און יאָנטעוו=טעג, פאַרברענגענ אפ די לעוואַדעס באַמ באָרג זיכ אינ באַמ אָפטאָנ אָפּט זייער ניט קיינ שיינע זאַכנ, וואָס די שטאָט האָט מיט זיי דערנאָכ געקלונגענ און לאַנג געהאַט צו ריידנ.

קעסיידער נאָכ דער אַרבעט אויסגעפוצט אפ אַנ אויבנ פונ א קאַצעוו=יונג — קירצ געקליידט, מיט שטאַרק גלאַנצנדיקע שטיוול, אַנ אויסגענייטע העמד, אינ אינ דער האַנט — א סימענ אפ העפקער און גאַלאַנטאָנישער לײַדיקגייערישקײַט — אַנ אָקסישער גיד.

ער איז געווענ שיינ. פיל מיידלעכ האָבנ פונ אימ געליטנ אינ שטאָט, פיל, וואָס ווינענ באַ די ברעגעס פונ די לעוואַדעס — אויכ אויסערנ שטאָט. און די, וואָס האָבנ פונ אימ ניט געליטנ, פלעגנ זיכ דאָכ אפ אימ אַזוי פאַרקוקנ, גלײַכ זיי וואָלטנ פאַרויסגעפילט די לײַדנ.. דאָס איז גערעדט ניט נאָר פונ דינסטמיידלעכ און ווײַבערשנ געשלעכט פונ פראָסטנ אוילעמ, נאָר אויכ אפילע באַלעבאַטישער גראַה, יונגע ווײַבלעכ באַלעבאָסטעס פלעגנ באַזנ אונטערווײַלעכעמס אַנ ענלעכנ קוק אפ אימ, בעשאַס אײַנקויפנ פלייש באַ זײַנ באַלעבאָס, באַ מייער בלאָס, באַ וועמענ ער האָט געדינט אַלס קאַצעוו=יונג, אַלס העקער.

א שטילע יונגע גווארדיע, וואָס איז זיכער אינ זיכ אונ אינ איר קויעכ אלצ צו באצווינגענ, האָט ארויסגערוקט פונ זיינ ראָז מיט ווייס געמישט פּאָנעמ, וואָס באשטענדיק ראָזירט, אָבער דאָכ מיט ארויסשפּראָצנדיקע שפּיצלדיקע הערעלעכ, ווי פונ א צייטיק געוואָרענעמ, רייפנ, האלב־געלנ, האלב־רויטנ אגרעס.

ער איז געשטאנענ מערסטנטייל בא דער קלאָצ. זיינ וויכטיקייט אָבער פאר זיינ באלעבאָס, פארנ באוווסטנ, פארמעגלעכנ מייער בלאָס, איז באשטאנענ ניט נאָר אינ זיינ איינגעלעבטער קאצאָווישער העקער־ארבעט. זיי דעריקער, אינ דעמ, וואָס ער האָט אימ געדינט, ווי א שטיק זיס, צו וועלכנ די מערסטנטייל דינסטמיידלעכ אינ דעריקער פונ רייכע הייזער, האָבנ זיכ צו אימ צוקלעפּט אונ געצויגנ. זיינע אנדערע קאצאָווימ זיינענ געשטאנענ ניט איבעריק באשעפטיקט בא זייערע פלייש־שטעלנ אינ קלעצער, איז ארומ מא־זשעוועס געווענ פול. מאזשעוועס איז געווענ מייער בלאָס שילד, וואָס האָט, פיל צוזאָגנדיק, צו אימ געטריבנ, ווי צומ רייכסטנ, בא וועלכנ יעדער הארצ קאָנ געפינענ זיינ באגער. מייער בלאָס האָט דערופ פונ מויזשע מאזשע־וועס זאכנ אויסגעקוקט, ניט מוירע געהאט פארנ שלעכטנ שעמ, וואָס יע־נער וועט אימ מאכנ, אבי זיינ קלאָצ איז אימ געדעקט אינ זיינ שעפע אימ געזיכערט.

אונ אָט, אָט דעמ מאזשעוועס, האָט היינט מייער בלאָס גאנצפרי פונ דער ארבעט אָפּגעריסנ, אימ פונ דער קלאָצ אונ שוינ פונ א פארזאמלט היפּש ביסל קונימ ארויסגענומענ, א פיינעמ ביילעק פלייש — אָנגעוויזנ פונ וואָס פאר אנ אָרט אונ וואָס פאר א סאָרט ער זאָל נעמענ — אימ מיטגעגעבנ, אימ אנ אדרעס געזאָגט אונ, ווי א געוויינלעכ שיק־יינגל, אימ געהייסנ אהינ אוועקטראָגנ.

דאָס געשיקט זיכ ניט. דאָס טוט מענ אפילע מיט גרויסע נגידימ זעלטנ; אהיימ טראָגנ טראָגט מענ קיינעמ, ניט אינ געוויינלעכע טעג, אונ אפילע ניט אפ קיינ גרויסע סימכעס, ווענ דער איינקויפ איז א גרויסער, אונ בי־פּראט אזא קליינער, ווי איצט, אונ ביפּראט נאָכ אינ אזא שטוב, ווי נאָר ערגעצ „אפ די זאמדנ“.

ס'איז עפּעס געוויס געשענ — ניט פאר קיינ קאצעוויס קאָפּ, אונ ביפּראט פאר מאזשעוועס, דאָס צו באנעמענ. באזונדערס נאָכ, ווענ ער האָט זיכ אינ יענער שטוב, צו מאלקע־רייזענ, אריינגעשטעלט אונ דערזענ: קאפּצנ, רעכטע נאָכ קראנקער קאפּצנ, אינ בעט, קינדערלעכ לעבנ בעט, א ווייב אינ שטוב פּאָרעט זיכ, אונ מע זעט, זי האָט ניט בא וואָס, אנ איבעריקע מאמע שטייט אינ מיט שוינ גאָר גארניט — האָט ער זיכ אוואדע פארכידעשט.

ניט קיינ קלענערער כידעש אָבער איז אויכ צו זענ געווענ אפ די פּע־נעמער פונ די שטוב־לייט, ווענ מאזשעוועס איז, נאָכ דער ערשטער מינוט פארלוירנקייט, פונ דער שוועל ווייטער אינ שטוב אריינגעקומענ, אונ דעמ

ערשטנ שטוב־מענטש, זיסיעס ווײַב, וואָס איז צו אימ געשטאַנענ נאָענט, האָט ער דעמ כײַלעק פלײַש דערלאַנגט אונ א זאָג געטאָנ:

— ס'איז פונ מײַנ באַלעבאָס, מײַער בלאַס... דאָס איז אײַכ אַפּ הײַנט. ער האָט נעהײַסנ זאָגנ, אז מאָרגנ זאָלט איר צו דער שטעל צושיקנ... ס'איז שוינ באַצאָלט... — האָט ער באַלד ווײַטער געזאָגט, ווענ ער האָט געזענ, ווי זיסיעס ווײַב איז מיט א פאַרווונדערטנ בליק אנטקעגנ אימ אונ אַנטקעגנ זיסיעס מאַמע געשטאַנענ, זיכ מיט בײדע ווי איבערגעקוקט פונ כידעש.

— אונדז? — האָט זי איבערגעפרעגט אונ האָט דעמ דערלאַנגטנ אײַנגעוויקלטנ פלײַש־כײַלעק, אינ די הענט שײַנ האַלטנדיק, באַטראַכט.

— יאָ, אײַכ, פונ מײַנ באַלעבאָס מײַער בלאַס, וואָס ער האָט אײַכ געשיקט אַפּ הײַנט, אונ אַפּ מאָרגנ, האָט ער געזאָגט, איר זאָלט צו דער שטעל צושיקנ. געלט איז שוינ באַצאָלט... — האָט ער נאָכאַמאָל דאָס זעלבע איבערגעכאַזערט, ווײַל מער קײנ ווערטער האָבנ אימ ניט געקלעקט אונ מער האָט ער אויכ ניט געהאַט וואָס צו זאָגנ.

אז מאַזיטעריע איז אַרויס, האָבנ זיכ אַלע אינ שטוב איבערגעקוקט, אײַדער כווילע, אינ אויכ אפילע די קינדער אינ שטוב, וואָס האָבנ זעלטנ אײַ זאַכ געזענ בײַ זיכ, ווי מע זאָל גאָר פונ שפײַז אינ פונ עסנ־זאַכנ אַהײַמ ברענגענ. קינדער האָבנ ניט פאַרשטאַנענ, עלטערע אָבער האָבנ זיכ געשטויבנ אונ געוויס זיכער געווענ, פונוואַנענ אזא זאַכ קאָנ שטאַמענ: און געוויס האָבנ זיכ יענע, וואָס האָבנ זיכ א ביסל געפילט שולדיק, פאַרלאָפנ דעמ זיסעס זײַער שילד, אונ ראַכמאָנעס אונ מענטשלעכקײַט האָט זיכ אינ זײ צערערט..

זײ האָבנ צונעמענ די גאָב אינ שטילשווײַגנ... אײנער פונ דעמ אַנדערנ האָט די בליקנ אָפּגעקערעוועט, אינ נאָר זיסיעס דעמ קראַנקנס ווײַב, אַלס א ווײַב פונ א קראַנקנ, האָט, ווי ס'זאָל קײנ ביזאָיענ ניט זײַנ, אָבער דעמ עמעס נעוזאָגט, דאָס א האַלב צופרידענע מינע געבראַכטנ אינ נאָענטקײַל זיכ נעוואָלט אַרײַנלאָזנ, קעדײ, מײַנע באַלעבאָסטע, פאַר דעמ זיכ צו נעמענ אונ פאַר דער שטוב, באַזונדערס פארנ כווילע, עפּעס צוצוגרײטנ.

זי האָט זיכ שוינ געוואָלט אויסדרײענ אַפּ אַוועקגײנ, האָט זיכ אָבער באַלד נאָכ דעמ, ווי מאַזיטעריע איז פונ שטוב אַרויס, זיכ נאָכאַמאָל די טיר געעפנט אונ אינ שטוב האָט זיכ נאָכ אײנער א מענטש, אַנ אומגעריכטער, באַוויזנ.

דאָס איז געווענ א פאַרמעגלעכער באַקאַלײ־קרעמער פונ יענעמ שטאָט־טײל, ווו מאַלקע־ריווע האָט געוווינט. אײנער א לײבעצ, וואָס בײַ אימ האָט מענ שוינ געהאָט זענ סכוירע אינ זעק אינ פעסער, ניט ווי אינ די געווײנלעכע קלײטלעכ פונ יענע גאַסנ, וואָס די גאַנצע ווערט זײַערע איז א גראָשנ, אינ די גאַנצע, מישטײנס געזאָגט „סכוירע" זײַערע פּלעגט זיכ געפינענ ניט מער ווי אינ עטלעכע האַלב־לײדיקע פאַפּירענע בײַטלענ אינ שקאַרמיצנ. נײנ, בײַ אימ, בײַ לײבעשנ, שוינ אַנדערש.

ער האָט שוינ אפילע, ניט ווי דער שטײגער אינ יענעמ שטאָט־טײל, אײב

א מעשאָרעסל געהאלטנ — א סימענ אפ געוויסנ קרעמערשנ ווולשטאנד אינ גרעסערער צאָל קונימ, ווענ דאָס אייגענע ווײַב אונ קינדער זײַנענ שוינ צו ווייניק אינ ניט אימשטאנד זיכ צו אופּאָרענ אונ דעמ קליימ-האנדל צו באדינענ. מיט אײנעמ וואָרט, שוינ א שטיק הורט-האנדל, ווערליק פּאַר-יענעמ טייל שטאָט.

איז אָט, האָט אָט דער לייבעש זיכ איצט צו מאלקע-ריווענ אינ שטוב אריינגעשטעלט, ניט אליינ, נאָר מיט א קוישל פּיל שקארמיצנ, אונ שוינ אינעווייניק, אינ שטוב זײַענדיק, האָט ער א פרעג געטאָנ, צי דאָ וווינט זי מאקע, מאלקע-ריווע.

— יאָ, — האָבנ אימ, ווי ניט מיט די מײַלער, נאָר מיט די אויגנ אלע אייגענע אינ שטוב מיטאמאָל געענטפערט.

דאָס איז געווענ שוינ די צווייטע איבעראשונג פאר הײַנטיקנ פרימאָרגנ. מע האָט געזענ, אז ס'איז ווידער עפּעס פאר זיי, ווידער עפּעס א גאָב, נאָר פונ גרויס וווּנדער האָט מענ דערווײַל געשוויגנ אינ אפ דעמ ברענגער געוואַרט.

— גוט-מאָרגנ, — האָט זיכ לייבעש געווענדט צו מאלקע-ריווענ, ווי צו דער עלטערער אינ שטוב, אונ ווי צו דער, וואָס מע זעט, אז די איז „דער קאָפּ“, די אָנפירערנ אונ מער באלעבאָסטע פונ דער באלעבאָסטע אליינ.

— א גוט-מאָרגנ, — האָט ער אפנ קוישל אָנגעוויזנ אונ אפ די פולע שקארמיצנ, — ס'איז צו אײַכ... מאקע פונ מיר, פונ מײַנ קליימ... כאָטש איר קויפט בא מיר ניט, דאָכ קענט איר מיכ מיסטאמע; אלע קענענ מיכ: „לייבעש“ איז, באָרעכאשעמ, א נאָמענ.

„לייבעש בורבעלע“ האָט מענ אימ גערופנ, ווײַל פונ שטענדיק פארטראָגנ זײַנ, פונ אומלויפנ, פונ טומל פלעגט ער רעדנ גיכ, א ביסל אומפאר-שטענדלעכ, קיינמאָל קיינעמ אינ די אויגנ ניט געקוקט בעשאס ריידנ, נאָר עפּעס אינ א זײַט. ער האָט אויכ, מערסטנטייל, ניט איבעריק ליב געהאט צו ריידנ, אָבער איצט, אז ער, לייבעש, וואָס איז „באָרעכאשעמ, א נאָמענ“, וואָס אלע אינ גאס אונ אינ יענעמ שטאָט-טייל קענענ אימ, אפילע אויכ די, וואָס קויפנ אליינ ניט בא אימ, — איצט, אז ער, לייבעש, האָט זיכ גאנצפרי נאָר אליינ מאטריעכ געווענ, אונ ניט געקוקט דערויפ, וואָס בא אימ איז א שטיק הורט-האנדל, וואָס ווײַב אונ קינדער קאָנענ זיכ שוינ מיט די קונימ ניט אופּאָרענ, אונ ער האלט שוינ, אויסער זיי, אויכ א מעשאָרעסל צו באדינענ, — איצט, אז ער האָט זיכ נאָר אליינ מיט א קוישל קראָמ אריינגעשטעלט, אליינ אהיימ אָפּגעטראָגנ, מײַסטע אליינ-מעשאָרעסל, האָט ער דאָס געוואָלט פארענטפערנ אונ מיט בירבלענדיקנ לאָשנ פאר די פארבײַ-דעשטע שטוב-לײַט דאָס קלאָר צו מאכנ.

— ס'איז מאקע פונ מײַנ קליימ, פונ מײַנ סכוירע אינ מײַנ קוישל... זײַט אזוי גוט אונ נעמט ארויס פונעמ קוישל... קיינ געלט מאָנ איכ ניט, קיינ געלט דארפ איכ ניט, נאָר א צעטעלע, אז איר האָט דאָס אלצ באקומענ.

אונ אפ װײַטער קאָנט איר אַלײנ קומענ, איר קאָנט צושיקנ מיט א קינ-
ייענ איר װעט דאַרפנ. קײנ געלט דאַרפ מענ ניט. נאָר א צעטעלע צושיקנ.
גענוג נאָר א צעטעלע...

בא לײבעשנ אינ קױשל איז מאַקע געװענ פונ אַלעמ דעמ, אינ װאָס א שטוב נײטיקט זיך: באַקאַלײ פונ אַלע מינימ — טײ, צוקער, רײַז אונ אַנדערע. ס'האָט א ביסל דערונ געדױערט, ביז מע האָט דאָס אױסגעלײ-דיקט. ס'האָט געדױערט דערפאַר, װײַל, ערשטנס, איז מאַטע, װי געזאָגט, געװענ דאָס אױסצולײדיקנ; צװײטנס, דערפאַר, װײַל בא זיסיעס פרױ, װאָס האָט זיך איבער דעמ אָנגעבױגנ אונ געװאָלט פונ דאָרט די אַלע בײַטלעך, שטאַרטיצנ אַרױסנעמענ, האָבנ בעשאָס-מײַסע, דאַכט זיך, די הענט געצי-טערט. נײנ, נישט „דאַכט זיך“, נאָר מע מעג זאָגנ „זיכער“. װײַל אַלײנ אַפילע באַמ כוילע, בא זיסיענ, װאָס ער איז די גאַנצע צײַט געלעגנ שטײַנ-דיק אונ האָט צוגעקוקט, װאָס אינ שטוב קומט פאָר, פריִער מיט מאָדשעװענ אינ איצט מיט לײבעשנ, — אַפילע אפ זיסיעס פּאָנעמ, װאָס איז פונ נעכטנ אָנ געװענ געל, אונ די האָר אפנ פּאָנעמ זײַנענ אימ מיטאָמאָל שטאַרק שטעכיק אױסגעװאַקסנ, אַפילע אפ זײַנ פּאָנעמ, מעג מענ שװערנ, האָט זיך פאַרב באַװיזנ... בא אימ פאַרב, אונ בא די קינדער, װאָס האָבנ דעמ פרעמדנ אונ דאָס געבראַכטע אַרומגערינגלט — א מינ פרײד אונ כידעש, — מער כידעש, װי פרײד, װײַל זײ זײַנענ צו אַזױנס ניט געװױנט געװענ, אונ זײ האָבנ די גאַנצע צײַט אפ די עלטערנ געקוקט, װי זיך אָנפרעגנדיק, צי מעג מענ קוקנ... אונ אױך אַפילע מאַלקע-ריװע, װאָס איז, װי שױנ באַװוּסט, א גאַנצ שטאַרקע געװענ, האָט די גאַנצע צײַט פונ זינט לײבעשעס אַרײַנקומענ, פּינ זינט זײַנ אָנהײבנ איבערגעבנ דאָס, װאָס ער האָט מיטגעבראַכט, ביז די שנור האָט אַלצ פונ זײַנ אָנגעפּאַקטנ קױשל אַרױסגענומענ, — אױך מאַלקע-ריװע איז די גאַנצע צײַט געשטאַנענ אָנ װערטער... צי זי האָט געטראַכט, פונװאַנענ גײט עס איר, קומט עס איר אָט דאָס גוטס. צי זי איז זיכער געװענ פונװאַנענ — אַזױ צי אַזױ, אָבער אַװאַדע האָט זיך איר דאָס האַרצ דערװאַרעמט, ניט אַזױ פונ דעמ געבראַכטנ, װי דעריקער דער-פינ, װאָס מ'האָט אינ איר אונ אינ איר שטוב ניט פאַרגעסנ. זי האָט קײנ װערטער ניט געהאַט, זי האָט נאָר א שטומענ בליק געכאַפּט אפנ בעט, אפנ כױלע, אונ שטומערהײט זיך מיט אימ װי איבערגעקוקט, אינ פינ גרױס איבערפולקײט אונ פונ װעלנ דאָס אַרױסברענגענ אונ באַטש װאָס-ניט-איז צו מאָנ, — האָט זי די קינדער, װאָס האָבנ אַרומגערינגלט דעמ פרעמדנ מענטשנ, פונ צו קוקנ דערװײַטערט, זײ אָפּגערוקט, אונ אינ א זײַט זײ געהײסנ אָפּגײנ.

— איז געדענקט זשע, נאָר א צעטעלע, — האָט לײבעש געזאָגט, װענ דאָס קױשל איז שױנ געװענ אױסגעלײדיקט, — איר קאָנט אַלײנ קומענ, אָדער צושיקנ מיט א קינד... קײנ געלט דאַרפט איר ניט, ס'שױנ באַ-צאָלט...

אז לייבעש איז ארויס, איז פאַרגעקומענ, ווי סיקומט פאַר אַמאָל נאָר אינ א מייסע:

איידער נאָכ זיסיעס ווײַב האָט באַוויזנ דאָס געבראַכטע פוּנ לייבעשנ אָפּצוטראָגנ אָפּנ געהעריקנ אָרט, דאָס צעלייגנ, צעשטעלנ, ווי ס'געהער צו זײַנ; איידער נאָכ די שטיב-מענטשנ האָבנ געוואָלט ווי א שטיקל ווײַטער כאַפּנ, צי זאָל מענ יאָ אָדער ניט וועגנ דעמ פאַרגעקומענעמ אײנער דעמ אַנדערנ זיכ א וואָרט צו זאָגנ (אונ גיכער ווי אלצ, וואָלט דער ווײַטער געווענ אַפּ נײנ, ווי אַפּ יאָ, ווײַל אַזוי איז שוינ געווענ דער שטײגער געשטעלט פוּנ מאַלקע-ריוועג: פוּנ איר בלויז האָט דאָכ זיסיע היפּש געיאָרשנט, אונ א שטיק איר כאַראַקטער האָט זיכ אויכ אימ איבערגעגעבנ): איידער מע האָט באַוויזנ באַטראַכטנ ווי ס'ניט-איז זיכ אָפּצודרייענ פוּנ די עטער, וואָס יעדערער האָט פאַרנומענ, בעשאַס לייבעשעס אַוועקגײנ, — איי-האָבנ צוערשט דערהערט די קינדער, דערנאָכ אויכ די עלטערע אלע, ויי אינ דרויסנ, צי פאַר דער שטוב, איז עפּעס א פאַעטאָנ צוגעפאָרנ.

מ'האָט אימ דערקענט אינ די גיכ געשטימטע רעדער אונ אינ דעמ באַלידנ, אויכ אַנליכנ אײַנטערפּאָרנ צו דער שטוב, וואָס בא א געוויינלעכנ פּאַשעט פּויערישער פיר אָדער מיליגע הערט מענ ניט אַזוינס. מ'האָט אימ באַזונדערס דערקענט דערפאַר, ווײַל א פאַעטאָנ אַפּ יענע גאַסנ איז ניט קײנ אָפטער גאַסט געווענ, אונ פאַעטאָנישע רעדער אַפּ קאַפּצאָנישער ערד — א שטיק זעלטנהײט אונ יאָנטעוו.

ס'איז צוגעפאָרנ א דאָקטער, דער דאָקטער בוימהאָלצ. דער, וואָס האָט זיכ זײַנ אײגענעמ פאַעטאָנ, אונ וואָס איבער פאַרנ וויזיט, מאַכט ער שטענדיק בא די שטוב-לײַט פוּנ די פאַציענטנ איכ פאַר זײַנ פאַעטאָנ באַצאָלטס, גלײַכ ווי פאַר א פּרעמיע, פאַר א געדונגענעמ.

א גרויסער באַרימטער, א זשעבריג, וואָס די שטאָט האָט אימ שוינ גוט געקענט אינ ניט איבעריק ליב געהאַט, נאָר ווײַל אלט אינ פיל דערפאַרנ, האָט מענ אימ גענוצט מער. ווי אלע אַנדערע, אינ זײַנ דאָקטער-פּראַקטיק די גרעסטע.

ער פלעגט אַרויספאָרנ אינדערפרי דער ערשטער, אומקערנ אַרײַנ פלעגט ער זיכ שפּעט, דער לעצטער, אונ ווענ ער האָט אפילו ניט געהאַט וויזיטנ צו פאָרנ, פלעגט ער דאָכ פאָרנ, כדי מע זאָל זענ, אַז ער פאָרט, אַז שטאָט נייטיקט זיכ אונ קאָנ זיכ אָנ אימ ניט באַגײנ.

אָרעמעלײַט האָבנ זיכ צו אימ ניט געקאָנט דערשלאָגנ, ווײַל א יאָרענ, אונ פוּנ דעמ, אַז ער זאָל זײַ אינ דער הײמ באַזוכנ — איז שוינ אָפּגערעדט. ער איז געווענ הויכ, לאַנג אונ פאַר א קאַפּצאָנישער מיר וואָלט ער זיכ באַטראַכט אײַנגעבײגנ אײַנגעדרײטע. דערצו האָט ער געהונקענ אַפּ אײנעמ א פוּס: עפּעס האָט ער אימ מעשונע נאָכגעשלעפּט, ווי אַנ איבעריגנ. אונ דערפאַר, אַפּגעמעט, איכ שטענדיק בײז, אונ צו קאַפּצאָנימ האָט ער

באַוונדערט דעמ קאָפּ אויסגעלאָזט, קיינ גלייכ וואָרט ניט אויסגערעדט און זיכ קיינמאָל ניט געלאָזט איבערפרעגנ.

— דער דאָקטער האָט שוינ איינ מאָל געזאָגט, — פלעגט ער זאָגנ און זיכ בייזערנ, ווענ מע האָט עפּעס פאַרגעסנ, און ער האָט באַדאַרפט נאָכאַמאָל איבערכאַזערנ.

ווענ די קינדער, ווי אויכ די עלטערע אינ שטוב, האָבנ דערהערט צופאָרנ דעמ פאַעטאָנ און זיינענ צוגעגאַנגענ צומ פענצטער, האָבנ זיי דערזענ ווי בוימהאָלצ איז גלייכ לעבנ זייער אַרייננגאַנג=טיר פונ פאַעטאָנ אַראָפּ, אינ ניט ברענגדיק באַ קיינעמ, נאָר טרעפּנדיק מיט זיינ גענייטנ דאָקטער=בייט די וויגונג פונ פאַציענט, האָט ער זיכ צו דער שוועל געלאָזט.

ער האָט זיכ דאָס מאָל, ווי אַלעמאָל, ווענ ס'טרעפט אימ, אַז ער באַזוכט אַנ אָרעמאַנ זעלטנ, — צוקומענדיק פאַר דער טיר, זיכ גוט אײַנגעבייגנ. אינ ווענ ער איז די שוועל אַריבער, האָט ער לאַנג ניט באַדאַרפט זוכנ אינ איבעריקס ניט פרעגנ אַפּנ כווילע: ער האָט אימ גלייכ דערזענ אויפנ בעט ליגנ, און גאָר אויפ זיינ פּאָנעמ קוקנדיק, האָט ער שוינ קיינ טאָעס ניט געקאָנט האָבנ, ניט צווייפלענ: ס'איז ער. אינ בוימהאָלצ איז גלייכ צומ בעט צוגעגאַנגענ.

מע איז נאָמירלעכ באַלד, אײַלנדיק, מיט אַ ריינ בענקל אימ אַנטקעגנ געלאָפנ. ער האָט זיכ שווער, ווי לאַנג ער איז געווענ, אויפ דעמ אַראָפּגעלאָזט אינ דעמ קרימענ פוס, ווי=ניט=איז, אײַנגעמאָסטעט, און באַלד האָט ער גענומענ אויספרעגנ. וואָס געשעענ, וואָס געטראָפנ, פונ ווענ אָנ קראַנק, פונ וואָס פאַר אַ טאָג זיכ אינ בעט אַרייננגעלייגט, ווי פילט ער זיכ, דער כווילע, וואָס טוט אימ וויי און אויפ וואָס קלאָגט ער זיכ.

ווונדערלעכ! בוימהאָלצ דער דאָקטער האָט דאָס מאָל, עפּעס ניט ווי זיינ שטייגער מיט אָרעמעלײַט, אינ צו אַ לאַנגנ פּאָרויסיקנ שמועס זיכ אַרייננגעלאָזט. ער האָט גאָרנ באַטראַכטנ דעמ כווילע, ווי באַ די נעגידימ קימאַט, אַ ביסל צײַט זיכ גענומענ, קעדיי באַ די אייגענע אינ שטוב וועגנ געווייטע פּראָטימ, וואָס געהערט דער קרענק און דעמ קראַנקנ, זיכ נאָכצופרעגנ; און בכלל האָט מענ געזענ, אַז בוימהאָלצ אײַלט זיכ עפּעס ניט דאָס מאָל, ווי ער איז געוווינט — באַלד צו באַטראַכטנ, אָפּזאָגנ און צו פאַרשרײַבנ, וואָס ער דאַרפ, אָפּבייזערנ זיכ אַ ביסל, און באַלד, אײַלנדיק, ניט לאָזנדיק זיכ רעדנ, דעמ דאָקטער=האָנאָראַר באַקומענ און אָנ אַ ווי=געזעגנ קימאַט אַרויס. ניינ. דאָס מאָל האָט ער עפּעס צײַט געהאַט.

נאָכמער: נאָכ דעמ, ווי ער האָט אַלצ באַ די שטוביקע גענוי אויסגעפרעגט און ער האָט שוינ באַדאַרפט זיכ אָנבייגנ צומ בעט, דעמ כווילע צו באַטראַכטנ, האָט ער דאָס מאָל ניט געטאָנ, ווי ער טוט געוויינלעכ מיט געוויינלעכ ווייניק באַשעוועו באַלאָזט, וואָס ער הייסט זיכ זיי אויפזעצנ, אָדער אויב זיי קענענ ניט אַליינ, בעט ער אַ שטוב=מענטשנ, ער זאָל דאָס טאָנ — אימ אונטערשפּאַרנ, אונטערהאַלטנ דעמ כווילע, און ער טוט אימ

א זיצנדיקן באַטראַכטן, ווײַל אים איז, איבער זײַן קרומען פּוס, אומבאַקוועם און שווער געווען זיך איבערצובייגן. דאָס מאָל האָט ער ניט אַזוי געטאָן, נאָר ווי לאַנג ער איז געווען, ווי גרויס, און ווי שווער און ווי אומבאַקוועם אים, האָט ער זיך דאָך איינגאַנצן איבערן כווילע אויסגעבייגן, דערבײַ האָט ער דעם קרומען פּוס אויסגעשטרעקט, ווי אַ האָן, ווען ער צעשפּרײַזט אַמאָל אַ פּוס מיט אַ פליגל צו אַ מין געגנטצ.

ער האָט זיך געמיט, געסאָפּעט אין זײַן קרום־איבערגעבויגענער לאַגע; אָבער דערפאַר האָט ער דעם כווילע, זיסיען, גוט אויסגעהערט — דאָך האַרץ, די לונגען, די ריבוויס; אויסגעקלאַפּט, איך אַפּן לײַב באַטראַכט, און אופהייבדיק זיך פון באַטראַכטן, האָט מען געזען אַף זײַן פּאָנעם, אַז ער ווייסט שוין אַלץ, וואָס אים איז, וואָס אים פעלט, זײַן קרענק געגוי, און וואָס צו זײַן געזונט און זײַן געגעזונג אים צו ראַטן...

ער האָט, אַ שטאַרק צוגעלאָזטער, דאָס מאָל נאָכן באַטראַכטן, נאָכאַמאָל אַ קוק געטאָן אַף אים, און מע מען שווערן, ווי עפּעס גאָרניט מיט קיין גלײַכגילטיקן, גיעווייגלעך־גלאַטן דאָקטער־קוק.

ער האָט דערגאָב מיט זײַן ווינגענדיק־הייזעריקלעכער שטים, ווי אַ באָבע אַ היילערן, אַ שפּרעכערן, אָנגעהויבן מיט זײַן געווייסן נוסעך, ווי ער הייבט קעסיידער אָן אין דער הדיטער פּערזאָן :— „דער דאָקטער זאָגט“... און ער האָט גענומען דערבײַ די היימישע, איינגענע אין די אויגן צו קיקן, זיי אַליין אַ שטאַרק פּאַרינטערעסירטער, זיי צו לערנען און אָנווײַזונגען צו געבן, וויאַזוי מיטן קראַנקן זיך צו באַגיין, וויאַזוי אים צו דערנערן, ווי אים דעם רעצעפּט אײַנצוגעבן אאַזו. דערבײַ האָט ער ניט געזשאַלעוועט און דאָס מאָל ניט געוואַרט, מע זאָל אים איבערפּרעגן, נאָר ער אַליין האָט נאָכאַמאָל און נאָכאַמאָל דאָס אָנגעזאָגטע איבערגעבאַזערט, ניט מיד געוואָרן און זיך ניט געבייזערט.

מאַלקע־ריווע, דערזעענדיק דעם דאָקטער אין ווינקל, אַז קיין נעלם אין שטוב איז נישטאָ, האָט באַלד דער שנור מיט די אויגן אַ ווונק געגעבן, זי זאָל אַרויס צו שכייניט אין אַנדער, ביז יענער וועט דעם קראַנקן אָפּבאַטראַכטן, אומבאַדינגט ערגעץ־ווו אַנטלײַען. יענע איז איצט מיטן קומיט־צאָרעס געקראָגענעם און געדיגענעם אַרײַן, און דער שווינער דאָס אין דער שפּיל אָפּגעשטעקט, יענע זאָל אים, בעיטאָם זי וועט אים פון שטיב אַרויסבאַלייטן, פּאַרן וויזיט באַצאָלן.

ס'איז אָבער, ווי דער גאַנצער איצטיקער אומגעריכטער וויזיט דעם דאָקטערס, איך בייטן באַלוינען אים געשען אומגעריכטס: ווען מאַלקע־ריווע האָט אים, צו דער שיועל באַלייטנדיק, אים די געלינענע מאַטבייעס אין דער האַנט געוואָלט אַרײַנרוקן, האָט ער, בווטהאָלץ, איר האַנט צוריקגערוקט:

— מע דאַרף ניט, — האָט ער געזאָגט, — ס'שוין באַצאָלט. איך פּאַרן טאַטן, — האָט ער צוגעגעבן, — און איך מע וועט דאַרפן, — האָט

ער מיטער א זאָג געטאָנ, — וועט דער דאָקטער נאָכאַמאָל פאַרפאָרנ. ער וועט אליינ קומענ. מע וועט אים פאַרשפּאָרנ רופנ. ער ווייסט שוינ, ווענ...

מאַלקע-ריווע איז מיטנ געלט אינ די הענט שטיינ געבליבנ ווי גע-פּלעפּט. געפּלעפּט אויכ די שנור, וואָס ס'איז איר אזוי שווער אָנגעקומענ דאָס צו אנטלײַענ, אונ א מינ גרויסער „גאָט צו דאַנק“ איר אפּ די ליפּנ ניט אראָפּצוברענגענ. אויכ אליינ דער כוילע, וואָס האָט נאָכ ניט באַוויזנ זיכ צו באַפרײַענ פונעם פריער פאַרגעקומענעם, אויספראַט פונ דעם לעצטנ, פונעם אראָפּקומענ פונעם דאָקטער ניט גערופענערהייט, אונ, באַזונדערס זײַנ ניט וועלנ קיינ געלט נעמענ, דערצו נאָכ, וואָס ער האָט זיכ אזוי אומגעווײַנלעכ גוט באַצויגנ אונ זײַנ פאַרשפּרעכנ ווידעראַמאָל ניט גערופענערהייט צו קומענ — אויכ זיסיע, אפּנ בעט ליגנדיק, געפּלעפּט, אונ פונ ניט האָבנ וואָס צו זאָגנ, האָט ער אפילע פונ דער מוטער, פונ מאַלקע-ריווענ, דעמ בליק אָפּגעקערעוועט.

אפּנ שטוב איז נאָכנ אוועקגיינ פונ דאָקטער דאָכ עפּעס א שטיק דערלײַכטערונג געקומענ. ניט געקוקט אפּנ כוילע, ניט געקוקט דערויפ, וואָס ס'האָט זיכ פונ נעכטנ אָנ אפּ דער שטוב אזא שווערקייט אָנגערוקט, איז אָבער, אדאַנק דער אומערוואַרטקייט אונ דער פאַרבאָרגענער האַנט, וואָס האָט זיכ פונ ערגעץ צו דער שטוב מיט פאַרשיידענע גאָבנ געשטרעקט, פאָרט איצט גרינגער געוואָרנ. אונ דאָס האָט זיכ געפילט, אינ דער ערשטער ריי, אפּ דער שנור, וואָס גלײַכ, ווי נאָר דער דאָקטער איז אוועק, זײַנענ אירע הענט פול געוואָרנ מיט מעלאָכע: פאַר אַלעמענ, צוצוראַמענ אינ שטוב, דערנאָכ אינ קיכ אוועק אונ זיכ גענומענ מיט פאַרשיידענע צוגרייטונגענ צו פּאָרענ, אונ מאַקע האָבנ ארומ וואָס זיכ צו פּאָרענ.

ס'האָט זיכ אויכ געפילט אינ די קינדער, וואָס ניט ווייסנדיק, וואָס אינ שטוב קומט פאָר, אָבער זעענדיק, ווי פרעמדע מענטשנ קומענ באַזוכנ היינט זייער שטוב, אונ קיינער ניט מיט ליידיקנ, זײַנענ זיי, ווי זייער פאָטערס קרענק דאַנקבאַר געווענ, זײַנ אינ בעט ליגנ, וואָס דאָס האָבנ זיי פאַרשטאַנענ, איז געווענ די סיבע פונ אָט די אלע ניט געווײַנלעכע באַזוכנ.

זיסיע אליינ האָט געשוויגנ, אָבער אויכ אינ זײַנע אויגנ עפּעס א מינ דערלײַכטערונג, דערפאַר, וואָס צו דער מאַסע, וואָס ער איז געפאַלנ אפּ דער שטוב, האָט עמעצער איצט ווי אנ אקסל אונטערגעשטעלט... אונ מאַלקע-ריווע, אפּ אימ קוקנדיק, האָט ווי איר שטייגער אלע טאָג, פונ ניט האָבנ וואָס צו טאָנ אונ פונ ווייניק אינ שטוב-זאַכנ זיכ מישנ, שפּעטער א ביסל צו איר סידער זיכ גענומענ, זיכ בא א זײַט, בא א פענצטער אוועקגעזעצט, א ביסל פריער מאַנצביליש דורכ די ברילנ ארויסגעקוקט, אונ דערנאָכ גענומענ זאָגנ.

איידער אָבער זי האָט געזאָלט, ווי ס'וואָלט נאַטירלעכ געווענ אינ אזא איצטיקער לאַגע, נעמענ איר זונ אפּנ זינענ, האָט זי פאַר אַלעמענ געוואָלט אָפּגעבנ א דאַנק יענער האַנט מיט יענער גאָב. וואָס האָט זיכ צו

איר אַזױ לײַטזעליק געשטרעקט. זי איז, ניט געקוקט אַפ איר שטאַרקײט, דאָכ דאָס מאָל װי פונ געבראָכענער דאַנקבאַרקײט פול געװוענ צו יענע מענטשנ, װעלכע זײַנענ אַזױ װײַט פונ איר, אַזױ אָפּגעזונדערט, אונ זײער־ לאַגע פונ אירער, װי מיזרעכ פונ מײַרעװ, אונ אָט די װײַטקײט אונ אָפּ־ געזונדערטקײט װאָלט זײ באַדאַרפט מאַכנ איר לאַגע לײַכט צו פאַרגעסנ, אונ דאָכ האָבנ זײ זי געדענקט. אונ נאָכ װי געדענקט! שױנ דעמ ערשטנ טאָג; אונ װיאַזױ? — אַזױ פײַנ, אַפ אַזאַ פײַנעמ אױפנ — אַלצ, אינ װאָס אַ שטוב נײטיקט זיכ, אינ זינגענ געהאַט — מיט שפּײַז, מיט שמיצע, מיט אַ דאָקטער, מיט אַלצ, — איז דאָכ אַװאַדע דער ערשטער לױב אונ דאַנק אינ סידער קומט זײ, װאָס פריער גאָט, דערנאָכ זײ... אַװאַדע קומט דאָכ דאָס ערשטע װאָרט פונ אירע ליפנ אַרױסצובריינגענ פאַר די, פאַר יענע, װאָס זײַנענ אַזױ װײַט, אַזױ אָפּגעזונדערט, אַזױ אַרױסגענומענ פונ צו פאַרשטײנ אונ אַרײַנדרינגענ אינ איר לאַגע, אינ דאָכ האָבנ זײ זי יאָ פאַרשטאַנענ, אונ אַזױ פײַנ צומ האַרצנ גענומענ.

— װער? —

— זײ, — מױשע מאַשבערס הױז; ער, מױשע מאַשבער אַלײנ, דער באַלעבאָס אינ דער קאָרעװ פונ איר מאַנ אונ פונ אירע קינדער אינ אַלע צײַטנ, אונ באַזונדערס איצט, אינ אַזאַ צאָרע־צײַט. איז דאָכ אַװאַדע זײ דער ערשטער דאַנק אונ לױב אינ סידער... אַװאַדע!..

גאָר — זי האָט אָבער, װי מיר װעלנ באַלד גלײַכ זענ, אַ קלײנעמ טאָעס געהאַט, מאַלקע־ריװע...

— װאָס הײסט?

— אָט װאָס:

יענער כ׳װאָלט פרוינ יענעמ פרימאָרגנ, נאָכ דער נאַכט איבערנעכטיקנ מיט לוזינ בײַ מיכל בוקיער געװענ אַפנ נאַס, װאָלט באַמערקט, אַז קײנ־ מאָל האָט ער ניט אױסגעזענ אַזױ צעדרײט, קײנמאָל האָט אים קײנער ניט גע־ זענ אַזױ אײַלנ, [illegible] אונ אַזױ פאַרפאַליעט זײַנ, װי אינ יענעמ פרי־ מאָרגנ. גלײַכ אַ מענטש, װאָס די געשעענישנ זײַנענ אים באַפאַלנ, די הײט בריענט אַפ אים, אינ ער מוז אַ כאַכ דערלײדיקנ פאַר אַ גאָר קורצ שפּיל צײַט. ער האָט עפּעס אײַנגענומענ אױװנ, װאָס האָט פונ אים געפאָ־ דערט גרױס אײַלעניש, װאָס האָט אים פונ זײַנ געװײנלעכנ, באַמעלעכנ, פאַר־ טראַכטנ גאַנג אַרױסגעשלאָגנ אינ האָט אים געמאַכט יאָגנ אינ אַ גרױסנ פרימאָרגנ אופשטײנ.

ער האָט זיכ, אַזױ האָט זיכ געדאַכט, אַפילע ניט געװאָשנ, מאַכמעט קײנ צײַט געהאַט אינ ניט באַװיזנ, פונ מיכל בוקיערס שטוב אַרױסגעלאָזט.

עטװאָס שפּעטער האָט מענ אים שױנ בײַ די יאַטקעס געזענ, בײַ די קאַצאָװימ צװישנ די פלײש־שטעלנ זיכ דרײענ, ביז ער האָט זיכ אַפ מײער־ ביאַס אָנגעשלאָגנ אינ מיט אים עפּעס אַ מעשונע געשפּרעכ פאַרפירט. די

ערשטע מינוטנ האָט אימ יענער ניט פֿאַרשטאַנענ, ניט געוווּסט, וואָס ער וויל פֿונ אימ; ווײַל צו אַזוינע זאַכנ, צו אַזוינע געשעפֿטנ, איז יענער, מייער בלאָס, אַפֿ זײַנ לעבנ ניט געווויינט געווענ: „האָסטו געהערט אַזוינס? נאַ דיר, גאָר עמעצנ פֿלייש אַהיימ שיקנ! אונ נאָכ וועמענ? ניט קיינ דאָוו, ניט קיינ רעבנ, ניט קיינ נאָגיד אַפֿ אַ סימכע, נאָר ערגעצ גאָר צו אַנ אַלמאָנע, וואָס וווינט אַזש אַפֿ די „זאַמדנ“, וואָס ווער איז זי? וואָס איז זי? איז זי קליינ אַליינ צו קומענ, אַליינ צו נעמענ? צו וואָס איר נאָכ אַהיימ אָפּשיקנ, אונ ווי זאָל ער נעמענ די שיקערס? אַז ער האָט דאָכ נאָר אײנעמ, זײַנ העקער מאָזשעווע, איז ווי קאָנ ער אימ פֿונ דעמ קלאָץ אָפּרײַבנ, אַז ס'איז שוינ שפּעט. אַז ס'שטייענ שוינ אונ ס'וואַרטנ שוינ קוינימ, אַפֿ זיי צו באַדינענ?“

אַט אַזוי האָט מייער בלאָס די ערשטע מינוטנ ניט פֿאַרשטאַנענ, אינ געקוקט אַפֿ סרולינ, ווי אַפֿ אַ מענטשנ, וואָס גיט פֿונ יִשעוו, אָבער, אַז סרולי האָט אַרויסגענומענ נישקאָשע פֿונ אַ פּאָר פּאָזימ-פּאַפּירלעכ אונ דאָס פּאָרויס באַצאָלט פֿאַר אַ גאַנצער ריי טעג, צו גלײַכע פּאָרציעס אַפֿ יעדער טאָג פֿאַר יענער אַלמאָנע, אונ האָט אימ געבעטנ, דעמ קאַצעוו, אַז נאָר הײַנטיקס מאָל זאָל ער עס איר אַהיימ צושטעלנ אונ איבערגעבנ, אַז די ווײַטערדיקע טעג זאָל מענ אַליינ קומענ נעמענ; אַז דער קאַצעוו האָט דערזענ די פּאַפּירלעכ אונ זיי אינ די הענט אונ פֿאַר די אויגנ געהאַלטנ שוינ מאַקע מעזומענ אונ צומ ציילנ, אַזוי איז ער פֿאַרשטענדלעכער אונ ווייכער געוואָרנ, אינ דאָס, וואָס ס'האָט אימ פֿריִער אויסגעזענ מעשוגע, האָט זיכ אימ פּאַמעלעכ-פּאַמעלעכ געלייגט אַפֿנ זינענ, כאָטש אינ פֿלוג, נאָכ אַלצ אומפֿאַרשטענדלעכ, אונ ער האָט סרולינ, ביימ דאָס געלט באַקומענ, דאָכ פֿונ קאָפּ ביז די פֿיס באַטראַכט אינ פֿונ אויבנ אַראָפּ, ווי אַ האַלב דולנ, אָפּגעמאָסטנ.

דאָס זעלבע איז דערנאָכ פֿאָרגעקומענ מיטנ אונדז שוינ באַקאַנטנ לײַבעשנ, וועהינ סרולי האָט, באַלד נאָכ דעמ, ווי ער האָט זיכ מיטנ קאַצעוו אָפּגעפֿאַרטיקט, אַוועקגעאײַלט. יענער האָט נאָכ ווייניקער פֿאַרשטאַנענ פֿונעמ קאַצעוו, ווײַל יענער — אַ האַלב צעטומלטער, אונ אַפֿ יענעמס סייכל האָט זיכ די זאַכ גאָר ניט געלייגט. סרולי איז אויסגעקומענ היפּש צו האָרעווענ אינ אַ שטיק צײַט פֿונ יענעמ נאָר מאַקע, ווי אַ מעשוגענער, באַטראַכט צו ווערנ, ביז ער איז לעסאָפּ פֿונ ווערטער אונ פֿונ דערקלערונגענ איבערגעגאַנגענ צו דעמ, וואָס ווירקט בעסער פֿונ דער בעסטער דערקלערונג: ווידער צו די היפּש-ווערטיקע פּאָר פּאָזימ-פּאַפּירנ אונ ווידער אַפֿ פּאָרויס באַצאָלט פֿאַר אַלעמ דעמ, וואָס מע וועט אינ די נאָענטסטע פּאָר וואָכנ אינ יענער שטוב נייטיק האָבנ בײַ אימ, בײַ לײַבעשנ, אײַנצוקויפֿנ. אַזוי, אַז לײַבעש האָט, כאָפּקאָלסאָפּ, די זאַכ געכאַפּט. אינ פֿונ כאַפּעניש, אײַלעניש אונ מוטל האָט ער זיכ אַליינ אונטערגענומענ די אײַנגעקויפֿטע קראָמ אָפּצוטראָגנ.

דאָס דריטע מאָל האָרעווענ איז אויסגעקומענ סרולינ באַמ דאָקטער, וואָס

אהינ האָט מענ אימ, אינ אזא פרײַער צײַט, גאָר ניט געוואָלט אפילע אַרײַנ-
לאָזנ, אימ ניט געוואָלט אויפנעמענ, — ניט װענ ער האָט געזאָגט, אז ער איז געקומענ דעמ דאָקטער אפ א װיזיט רופנ, אינ אויכ ניט, װענ ער האָט געזאָגט, אז ער איז אַלײנ א קראַנקער אונ װיל, דער דאָקטער זאָל אימ אינ דער הײמ באַטראַכטנ. די דינסט דעמ דאָקטערס האָט אימ ניט גע-
לאָזט די שװעל איבערטרעטנ, װײַל מיט זײַנ אויסזענ אונ הוילעכ האָט ער בא איר דערװעקט כשאַד אונ אומצוטרוי, אונ זי האָט די גאַנצע צײַט די טיר פאַר אימ נאָר א קלײנ ביסל אָפנ געהאַלטנ, אַלע מינוט גרײט זי פאַר זײַנ נאָז צו פאַרהאַקנ.

ס'האָט אימ געקאָסט היפּש מי, סרולינ, ביז ער האָט זיכ לעסאָפ טאַקע פאָרט אינ שטוב אַרײַנגעריסנ, זיכ צומ דאָקטער דערשלאָגנ, אונ דאָרט, באַמ דאָקטער אַלײנ, איז דאָס שוינ בא אימ גאַנצ קורצ געגאַנגענ אונ אָנ איבערי-
קע שװעריקײַטנ. װײַל דער דאָקטער — זײער אונ זײער פאַרשטאַנדיק, באַזונדערס, װענ ס'איז אימ פאָרויס פאַר עטלעכע װיזיטנ באַצאָלט געװאָרנ, אימ אַלײנ פאַר די װיזיטנ, אונ אויכ אפילע פאַרנ פאַעטאָנ באַצאָלט...

* * *

אינעמ זעלבנ פאַרנאַכט פונ יענעמ טאָג, װעגנ װעלכנ מיר האָבנ אויבנ-
דערצײלט, האָט זיכ סרולי געטראָפנ זיצנ בא שאָלעמ-אַרענעס אינ װײַנשענק.

אָט דער װײַנשענק האָט זיכ געפונענ אינ א האַלב פאַרוקטנ, האַלב פינצטערנ הינטערשטנ געסל, ניט װײַט פונ דער גאַס פונעמ אײדעלנ מאַרק; אינ אַנ אַלטנ מויער, אויסגעבויט שוינ מיט פיל, פיל יאָרנ צוריק, אינ דער זעלבער צײַט, װאָס די אַלטע פעסטונג, צו װעלכער ער, דער מויער, האָט, װײַזט אויס, געהאַט אמאָל א געװיסע שײַכעס. ער האָט איבגעזונג-
צו דינענ אמאָל א מינ ראָמבױ, אָדער אַנ אַנדער מינ באַשטײַער מעלבנ-
געבײַדע, װאָס די אַלטע שטאָט האָט זיכ אינ איר אינ צײַט יענע-
מיקנ. איצט אָבער, װענ די פעסטונג שוינ אַלט, אָפגעפאָרנ אינ איבערלינ-
געבליבנ — א יוירעד, װי אַלײנ די פעסטונג.

ס'האָבנ אינ יענעמ מויער שוינ איצט געװוינט געװײנלעכע נאָר שטאָט-
ײַטנ, געװײנלעכע קלײנע אינ מיטעלע סוחרימ, װײַל אויכ דאָס געסל אָפגע-
ריבנ, אינ װי געזאָגט, פאַרוקט אינ האַלב-פינצטער, אינ גאָר פאַרמעג-
לעכע האָבנ זיכער דאָס אָפ צו װױנענ ניט גאָר געגעבנ געהאַט.

ער, דער מויער, האָט געשמעקט מיט װילגאָטש, מיט אוראַלטנ מויכל אינ אַלע זײַנע אַלטמאָדישע װינקלענ פונ אַלע זײַנע הײַזער אָפגעפאָרענע אינ האַלב שוינ אײַנגעבויגענע שטאָקנ. די ציגל בא זײַנע װינקלענ אָפגע-
ריבנ, צעפּרעסנ, גלײַכ א מינ שטײנ- אינ ציגל-מאָרעמ האָט אָפ זײ יענע צײַנ געשאַרפט. זײ, די ציגל, האָבנ שוינ אויכ די נאַטירלעכע מאַרנ פאַר-
לוירנ — פונ רויטלעכ-געל אָפ טונקל-ברוינ שוינ איבערגעקומענ, — אינ בא אײנעמ אזא אָפגעריבענעמ װינקל האָט זיכ. באַמע בא דער ערד, זיכ

ייזן מיר, וואָס האָט דורך היפּש טרעפּ אין א שטאַרקן טיפּ=אַראָפּגע=פירט — צו שאָלעם=אַרענען אין ווייַנשענק.

ער איז שוין אַלט געווען, דער שענק, געשמעקט מיט קאַרמויניס, מיט אַלט=וויערלעכן ווייַנגערוך, מיט מויער=און קעלער=דומפּיקייט און מיט יאָרן ניט געלופטערט. ווייַל דאָס איינציקע ביסל לופט, וואָס האָט אַהין יאָ אַרייַנדערלאַנגען געקאָנט, איז געקומען דורך אָט דער נאָרוואָס דערמאָנטער טיר, וואָס האָט געפירט דורך פיל טרעפּ פון דרויסן, און אויך פון איינעם א מעשונע נישע=פענצטער, וואָס אין געסל האָט מען דאָס קוים ניט אָנגעוען, און אין שטוב, אין ווייַנשענק אינווייניק, האָט עס ניט נאָר קיין שייַן, נאָר אַפילע די פּוסטריט פון דורכגייער זעלטן אָנצוזען געמאַכט.

אָט דאָרט האָט שאָלעם=אַרן געשענקערט. ער, מיט זיין איינציקן מעשאָרעס גאַפּקאָלע, א האַלב=פאַרזועסענער בעסאַראַבער יונג, מיט א טונקל=פּאַפּשוי=בערדל, מיט א לאַנג קאַפּאָטע=זעקל אָן א שפּאַלט פון הינטן, און פון פאָרנט — קיינמאָל ניט פאַרשפּיליעט. קעסיידער — סיי באַטאָג סיי באַנאַכט — איז גאַפּקאָלע געווען פאַרנומען אינעם טיפן ווינקעלער מיט די ווייַנען פון פאַס צו פאַס איבערגיסן. ער האָט געאַרבעט בא א ליכט, דעם גרעסטן טייל צייַט איינער אַליין, האָט ער דערום ווייניק גערעדט, ווען ער איז שוין אַפילע אַפּ דער ליכט געקומען.

ווען ס'זיינען געווען באַזוכער אין ווייַנשענק און ווען שאָלעם=אַרן האָט זיך אַליין ניט געקאָנט באַראַטעווען, פלעגט ער אים העלפן דערלאַנגען, און ווען קיין באַזוכער, און ווען אייך אין קעלער קיין אַרבעט, פלעגט ער גלאַט זיצן, פאַרגליווערט, קיין וואָרט ניט אַרויסריידנדיק. ס'האָט אים גאָרנישט ניט אינטערעסירט, ניט די שטוב, ניט דער דרויסן, און אַזוי שטיל פלעגט ער זיך האַלטן, אַז אָפט פלעגט זיך אים זעצן א פליג אַפּ דער נאָז, און זי האָט אים ניט געשטערט: ער האָט זי ניט אָפּגעטריבן, ס'האָט אים ניט געאַרט, און ער פלעגט זי, פאַרקערט, ווי זיין איינציקן אינטערעס, מיט א ווייַל אויף נאָר שטאַרק באַטראַכטן.

שאָלעם=אַרן מיט אַן אויסגעיידלט, ווייס=מילכיק פּאָנעם, מיט א שוואַרץ בערדל, לענגלעך=לייַטיש אייבגעקעמט, האָט אויסגעזען א לייַטישער ייִדל. ער האָט מיט איינציקע, אָנשטענדיקע, שוין פון באַשטענדיק אויבגעבאַטערטע הערטער, זיינע באַזוכער אויפגענומען, זיי באַדינט, בא זיי פאַרן הויז באַצאָלט באַקומען, קיינמאָל מיט קיינעם אין קיינע קריגערייַען און טאַבלויקעס ניט אַרייַנגעטראָטן, אַפילע ווען אייניקע פון זיינע באַזוכער שיקער, וואָס דאָס האָט זיך געמאַכט זעלטן: — אַמאָל נאָר אין א פריימיק פאַרנאַכט, ווען שיכטערס, וואָס טראָגן דערמיט אָפּ די אַרבעט צו די באַלעבאַטים באַשטעלער און באַקומען באַצאָלט, קומען טרינקען, און ווי די מאָדע זייערע איז בעשאַסן טרינקען, צעשרייַען זיי זיך, צעקריגן זיך און אַמאָל ווילן זיי זיך אויך שלאָגן, — אויך דעמאָלט איז שאָלעם=אַרן געשטאַנען בא א זייט, זיך ניישט געמישט, זיך, כאָלילע, מיט קיינעם ניט צו פאַרקריגן,

אפ קיינעמס צאַר ניט װעלנ שטײנ, אונ נאָר װענ ס'האָט שוינ געהאַלטנ
שלעכט, איז שוינ נאַפטאָלע צו הילפ געקומענ — ער האָט שוינ געװוּסט,
װאָס ס'פאָדערט זיכ פונ אים: ער האָט שטיל דעמ הויפט־קרינער אַפ
די הענט גענומענ אונ שטיל דורכ די טרעפ אים אינ דרויסנ אַרויסגע־
שלעפט.

שאָלעמ־אַרנ האָט נאָר געװוּסט פונ זײנע פינפ סאָרטנ װײנענ, װאָס בא
אים אינ קעלער. נאָר געװוּסט, די פינפ פעסער זאָלנ זיכ בא אים ניט
אויסנעמענ, קיינ נײע ניט אויסצושרײבנ, ניט אַרײנצוציקריגנ, נאָר דערפאַ־
די אַלטע זאָלנ אים ניט אויסגײנ אונ זיכ קיינמאָל ניט אויפהערנ צו צאַפנ.
װאָסערע פינפ? — „אונגערישער“ — פאַר האַלבע פריצימ אונ קריסטלעכע
באַאמטע, װענ זײ קומענ אַמאָל צו אים אַרײנ; „סוראַקער“ — פאַר ייִדי־
סאָכרימ אינ מעקלער־מעװינימ: „יומאָראָזעק“ — פאַר באַלמעלאָכעס, דער־
הויפט פאַר שוסטער; „צמוקימ“ — דער גאַנצער שטאָט אַפ קידעש, אינ
דער לעצטער — „באָרשטשיש“, װי ער אינ נאַפטאָלע האָבנ אים געריפנ — אַפ
אומבאַשטימטע פאַלנ, װענ דער באַזוכער איז ניט באַאייכט, צי װאָס פאַר
א קאַטעגאָריע אונ סאָרט מענטש ער געהערט.

דאָס מאָל, אַז סרולי האָט זיכ באַװיזנ אינ שענק, איז דאָרט קיינער
ניט געװענ. ס'איז געװענ א מיט־װאָכעדיקער טאָג, — קיינ באַלמעלאָכעס
ניטא, זומער אינ שניט־צײט — װענ איכ קיינע סאָכרימ ניט, װײל דער־
מיסבער געשלאָגנ. ס'איז אויכ געװענ ערעװ דעמ גרויסנ יאָר־יאַריד „פרע־
טישיסטע“, װענ אינ װײנקעלער בא שאָלעמ־אַרענעג װערט אַלצ פאַרפריע־
פאַרגרייט אַפ יענע יאַריד־טעג, קעדיי באַשטעמטע אינ אײדעלע שלאַכטישיעס
צו באַגעגענענ אונ אויפנעמענ: יענג אַלצ אינ קעלער איז שוינ געװענ אָפּ־
געמאַכט: װאָס מע האָט באַדאַרפט פאַרמישנ, האָט מענ פאַרמישט, װאָס
צומישנ — צוגעמישט, צוקער געשאָטנ, װאַסער געגאָסנ — איבערגעװאָרנט.
איכ רייד — אינ איצט האָט ניט נאַפטאָלע אינ אויכ אַליינ שאָלעמ־אַרנ
גאָרנישט ניט צו טאָנ געהאַט. שאָלעמ־אַרנ איז זיכ לײדיק־גײענדיש־באַרוט אינ
קעמל־נאַריש הינטערנ פאַרקויפ־טיש געשטאַנענ אונ אַפ קיינעמ ניט אַרויס־
געקוקט, אינ נאַפטאָלע איז באַמ אַרײנגאַנג אַפ א בענקל געזעסנ אינ האָט
נאָכגעשפירט די פליגנ, װאָס אַפ זײנ נאָז.

אַז סרולי איז אַרײנ, האָט אַפ אים שאָלעמ־אַרנ אַפילע קיינ קוק ניט
געטאָנ: קיינ באַקאַנטער, האָט אים געדאַכט, ניט, אינ אויכ ניט אַזא פרעמ־
דער, װאָס זאָל בא אים איבעריקנ אינטערעס דערװעקנ. נאַפטאָלע האָט אים
װעדליק זײנ הילעכ אינ איבערלעבקײט אָפּגעשאַצט: ער האָט אים „באָרשטשיש“
דערלאַנגט, אינ סרולי האָט זיכ פאַרקרימט, אָבער אַראָפּגעשלונגענ. ער האָט
זיכ נאָכאַמאָל געהייסנ דערלאַנגענ, אונ נאַפטאָלע האָט דאָס זעלבע איבער־
געכאַזערט. אינ אַז סרולי האָט צומ דריטנ מאָל ײנג געפאָדערט, האָט שוינ
נאַפטאָלע אַפ אים, אַפנ פרעמדנ ייִד־פאַרשוינ, װאָס ער זעט אים, דאָס
זיכ, דאָס ערשטע מאָל, א פאַרװוּנדערונג ביי געטאָנ.

נס האָט אים באַרבידעשט דער באַרשוינג: ערשטנס, וואָס אזא ייִד — האָט ניט קיין סויבער, ניט קיין מייבער, דאכט זיך, — פֿאַרגינט זיך טרינקען שוין דאָס דריטע מאָל; צווייטנס, און דאָס דעריקער, וויאזוי ער האָלט זיך באַט טרינקען. ברולי איז געזעסן מיטן רוקן צום באַרקויף-טיש און מיטן פּנים צו יענעם גייטער-פֿענצטער, וואָס ווי שוין געזאָגט, האָט מען פֿון דאָרט ניט נאָך קיין שטן, נאָר זעלטן איינער א פֿאָר פֿיס פֿון א דורכגייער געקאָנט זען. ער האָט בלא די ערשטע קויסעס געקוקט אין דרויסן, דערנאָך האָט ער די אויגן פֿון דאָרט צוגענומען און גענומען קוקן אף זיין גלאָז. ער האָט פּרובירט די גלאָז מיט דער מאַשקע באַטראַכט, דערנאָך, אז א ביסל טרינקעדיקע פֿאַרב איז אים געקומען אין פּנים, ווי יעדעס מאָל, ווען א מענטש האָלט שוין באַלד דרימען, האָט ער — האָט זיך נאָכמאָלען געטראַכט, — גענומען צו אים עפּעס רעדן, צום קאָס.

— נאָ, — האָט ער געזאָגט, — ס'זאָל אים אָנהייבן אַרן, ס'זאָל אים א מינוט נאָך אָנגיין דאָס, וואָס ער, דער קאָס, קאָן מיינען, אז דאָס, וואָס ער מיינט איצט, רעדט און קלאָגט זיך, איז דאָס פֿון יענער באַליידיקונג און ביזאָיען, וואָס ער האָט קלוימערשט נעכטן געליטן, ביים יענער האָט אים בא זיך אין שטוב פֿאַר א מאַכט אין פֿאַר פֿרעמדע מענטשן אין די אויגן מעוואַיעש געווען. אייטער, ס'איז בויזעק און קיין וועזן, ווייל, ביבלאַל, זאָל ער ווייסן, האָלט ער ניט, אז בישע קאָן קומען פֿון אזוינע וואָס זיינען ניט ווערט יענעם צו מעוואַיעש זיין, פֿון אזוינע, וואָס שטייען נידעריקער פֿון די, וועמען זיי באַליידיקן. הערפֿאַר מאַכט האָט ער, ברולי, דעמלט צונעשווינג, קעדיי מע זאָל ניט מיינען, אז יענעמס ווערטער האָבן בנעמ... מאַרע געמאַכט א קייען. וואָרעט אינדערעמעסן: פֿון וועמען זאָל ער זיך באַליידיקן. פֿון אזא, וואָס קאָן אפֿילע זיך ניט שטעלן העכער פֿון אזא גייסטיקער אומטערבטיקייט, וועלכע ער איז באַגאַנגען בענעגייע זיין אָרעמען, קראַנקן מעשאָרעס, און איבער קליינלעכן נעגידישן שטאָלץ קאָן זיך עפּנטלעך ניט מידע זיין, ווייל אויב ער וועט זיך מוידע זיין, וועט ער האָבן מוזן מיט וואָס-ניט-איז און ווי-ניט-איז, זי, די אומטערבטיקייט, צו באַגיטיקן — אין דאָס דערלאָזט אים דאָס נעגידישע האַרץ ניט.

ניין, ניט דערויף קלאָגט ער זיך, ניט אפֿן ביזאָיען, וואָס מע האָט אים קלוימערשט אָנגעטאָן, נאָר דערויף, וואָס עפּעס פֿילט ער זיך פֿון נעכטן אָן ווי ניט מיט אַלעמען. עפּעס פֿילט ער זיך, גלייך מע וואָלט אים די געשטאַלט אף דער אַנדערער זייט איבערגעקערט. און דאָס איז אים גערימען נאָך דעם, ווי ער איז נעכטן פֿאַר יענעם, פֿאַר לוזין, אַרויס מיטן געשפּרעך, בעשאַס ער האָט אים, ווי די גאַנצע אינערלעכקייט זיינע, ביז די פּיאַטעס אַראָפּ אויפֿגעדעקט, אויפֿגעעפֿנט, וואָס דאָס געשעט מיט אים דאָס ערשטע מאָל קיימאַט.

ער האָט איבערגעדעקט אַלץ, וואָס ער האָט יאָרנלאַנג געטראָגן ווי אינמער דער פֿאָלע פֿאַרשטעלט, אויב זיין קרענק, וואָס איז אים געקומען אי-

בער אָט דער פאַרשטעלעניש, דאָס מיינט ער — אים, יענעם, וואָס ער זיצט אינ אים, לאָזט אים ניט צורו, לאָזט אים פונ גאָר ניט קיינ האַנאָע האָבנ, אויסער נאָר אַמאָל פונ האַרצ זיכ אַראָפּשעלטנ... ער האָט אויכ דערציילט פונקט געלט, וואָס ער האָט, אונ וואָס איז בא אים ביז אהער געלעגנ, ווי אונטער א גיידער, אז ער זאָל דאָס ניט אָנרירנ אונ ניט ער אונ ניט קיינעמ זאָלנ דערפונ ניט געניסנ. איצט אָבער, נאָכ דעמ, אז ער האָט שוינ וועגנ דעמ דערציילט, האָט ער דאָס שוינ געמוזט אופבינדנ, דאָס אפ דער ליכטיקער שיינ ארויסשלעפנ אונ בא דער ערשטער געלעגנהייט, וואָס האָט זיכ אים געמאַכט דאָס אויסצונוצנ, האָט ער דאָס שוינ אינ גאַנצנ געלאָזט. אָט, ווי היינט, לעמאָשל, מיט דעם אָרעמענ, קראַנקנ מעשאָרעס, וואָס דינט בא אים, בא לוזים ברודער, אונ וואָס זיינ צאַר איז אים צום האַרצנ צוגעטראָטנ נאָכ דעם, ווי ער האָט געבעטנ געזענ, ווי זיינ מוטער, די מאַלקע־ריווע, איז פאַר זיינ באַלעבאָס אפ זיינ אומגליק זיכ געקומענ קלאָגנ. אונ נאָכ אָט דער ערשטער געלעגנהייט, איז ווי באַלד ער האָט זיכ שוינ דערלויבט אונ דאָס קניפל אופגעבונדנ, אַזוי ציט זיכ עס שוינ אונ שלעפט זיכ שוינ אַליינ, אונ ער האָט שוינ איצט אויכ געלט ארויסגעצויגנ אפילע אפ אזא זאַכ, ווי אפ גיינ אהער אויסטרינקענ, זאָכ דאָס האָט זיכ אים שוינ אויכ לאַנג ניט געמאַכט...

ער איז, ווייזט אויס, מאַקע ניט מיט אַלעמענ. ס׳קאָנ זיינ א כולשע פונ הערפעד. אָבער ניינ, גיכער פונ אַלצ מאַקע פאַרט פונ דעם, וואָס ער האָט זיכ פונ זיינ שטאַרק־פאַרשנורעוועטקייט אופגעבונדנ אונ אפ דער געשאָמטע איז אים געוואָרנ לויז, פוסט, ווי א קעשענע, ווענ מע ליידיקט זי אויס אונ מע קערט זי איבער. ער פילט, אז ער מוז זי מיט עפעס פאַרפולנ, מיט וואָס נאָר כלוועט זיכ לאָזנ, אפילע מיט ווינ, אפילע אויכ מיט אזא שלעכטנ, ווי אָט דער, וואָס שטייט איצט פאַר אים אונ וואָס זיינ פאַסקודנעם טאַם האָט ער נאָכ פונ די ערשטע קייסעס אינ מויל אונ אפ גומענ געפילט, מיט א פאַרדרייעניש אינ קאָפ אונ א שטאַרקער ברעכעניש אינ די קניעס.

— טפו זאָל ער ווערנ, דער ווינ! — האָט דאָ סרולי אויסגעשריגנ. די אויגנ אופגעהויבנ אינ דערזענ, ווי דער מעשאָרעס, ווי גאַפטאָלע מיטנ לאַנגנ קאַפאָטע־זעקל, מיטנ מונקל באַפּישוי־בערדל זיצט, ניט האָבנדיק וואָס צו טאָנ, אונ קוקט אפ אים אונ הערט זיכ אויכ, דאַכט זיכ, איינ אינ דעם, וואָס ער האָט דאָ נאַרוואָס געזאָגט, אונ שמייכלט, דאַכט זיכ, אויכ פונעם געזאָגטנ.

— מעשאָרעס! — האָט סרולי מיט קאַס צו גאַפטאָלענ זיכ געווענדט, אויסגעשריגנ, ווי ניט דערלאָזנדיק אונ איבעררייסנדיק יענעמס מעגלעכ אַפילינ גערעדטע נאָר ביצפע פונ צו וועלנ אָדער צו טראַכטנ פונ אים צו שמייכלענ...

— מעשאָרעס, פאַרנעם דעם באָרשטש! ווינ האָב איכ געבעטנ!

— זײַנ? — האָט זיכ נאַפטאָלע שלעפעריק=פויל פונעם בענקל א הייב געטאָנ, צו סרוליס טיש צוגעגאַנגענ, די האַנט אויסגעשטרעקט, ווי אפ אויסצובעסערנ אונ צו פאַריכטנ א קלוימערשטנ קליינעמ טאָעס, וואָס ער איז אומגערנ באַגאַנגענ.

— אַנדערנ? — האָט ער טאַמעוואַטע א פרעג געטאָנ.

— יאָ, אַנדערנ! — האָט אפ אימ סרולי פונ זײַנ זיצ=אָרט אַזאַ בליק געטאָנ, אז יענער זאָל פאַרשטײנ, אז מער קיינ טאָעסנ זײַנענ שוינ ניט דערלאָזבאַר אונ ניט שײַעכ.

סרולי האָט שוינ דעמלט אינ קאָפּ א היפּש ביסל שיקערע פאַרע געהאַט. ס'האָט זיכ געקאָנט דאַכטנ, אז אפילע ווענ מע וועט אימ שוינ מער קיינ ווײַנ קיינ אַנדערנ ניט ברענגענ, וועט ער שוינ סײַווי, אליינ נאָר פונעם פריער אײַנגעטרונקענעם, זײַנ האַלב=שיקערע רעדע פאָרזעצנ, וואָס אפ דער לונג, איז אפנ צונג, אונ אזוי לאַנג רעדנ אונ זיכ פאַרערנ, ביז — אָדער ער זאָל, ווי א געוויסער טייל שיקורים, גאָר שוינ מיט הויכע דיבורימ אַרײַנ, אונ מע וואָלט אימ געמוזט אַרויסטראָגנ, אָדער, ווי א אַנדער טייל, וואָס נאָכ דעמ, אז זיי רעדנ זיכ א ביסל אָפּ, בלײַבנ זיי שטיל, שיקערע שלעפעריק, בייגנ אָפּ די קעפּ אונ בלײַבנ אזוי אָרט אײַנגעדרעמלטע. אָבער ניינ. אזוי האָט זיכ נאָר געקאָנט דאַכטנ. אינדערעמעסנ אָבער האָט סרולי דערווײַל נאָכ אינ דער מיט געהאַלטנ, ערשט אינ אזא שטאַנד, וואָס נאַפטאָלע דער מעשאָרעס, לעמאָשל, האָט געזענ, אז אָפּנאַרנ אימ, ווי אַנדערע, ווענ זיי זײַנענ שוינ שטאַרק באַזויפנ אונ ווענ זיי הייסנ זיכ געבנ בעסערנ, אַנדערנ, אונ מע גיט זיי דעמ זעלבנ, — אז אָפּנאַרנ אימ, ווי אַנדערע, איז נאָכ צו פרי; אונ אויכ שאָלעמ=אַרנ, וואָס האָט די גאַנצע צײַט זיכ הינטערנ פאַרקויפ=טיש געפונענ אונ האָט, זיצנדיק, זײַנע שענקעריש=לײַדיקגייערישע, שטילע מאַכשאָוועס געטראַכט, האָט נאָכ ניט פאַר צײַט אונ פאַר רעכטפאַרטיק געפונענ מיט נאַפטאָלענ וועגנ טרינקער זיכ איבערציקוקנ, ניט מוירע האָבנדיק נאָכ — ניט טאָמער וועט יענער ניט אימשטאַנד זײַנ צו באַצאָלנ, אונ ניט אויכ דערפאַר, וואָס עפּשער וועט מיט יענעמ גלאַט אזוי, אַנ אַנדער אומאָנגענעמלעכקײַט געשענ.

סרולי איז דערווײַל נאָכ אפ זײַנ אָרט, ווי ער איז פריער געזעסנ, געבליבנ — מיטנ פּאָנעמ צומ נישע=פענצטער, אויכ שאָלעמ=אַרנ אפ זײַנעמ, אינ ער האָט אפנ טרינקער קיינ אכט ניט געלייגט, אונ אז נאַפטאָלע איז צוריק שוינ מיטנ בעסערנ ווײַנ געקומענ, האָט ער סרולינ נאָכ אלצ אפנ זעלבנ אָרט אונ אויפנ רעדנ געטראָפנ.

ער האָט זיכ ווידער אפ זײַנ אָרט אַוועקגעזעצט, נאַפטאָלע, ווי גרייט א פּלינ צו באַאָבאַכטנ, אָדער באַמ טיש דעמ טרינקער — אימ אַלצײַנס, — אונ סרולי, האָט ער געהערט, האָט שוינ איצט, ניט ווי פריער, ווי צו זײַנ קאָפּ נעמײַנעמ, נאָר ווי צו איינעמ א לעבעדיקנ, א זײַנ גלײַכנ, וואָס איז אימ אַנטקעגנ איבער זײַנ טיש געזעסנ.

— ער ווייסט, — האָט ער געזאָגט, — אַז ער איז אַ ביסל באַטרוגן, אָבער יענער זאָל פֿונ אים ניט לאַכנ, ווי דער מעשאָרעס. ער איז נאָכ ניט צום געלעכטער. ער קאָנ נאָכ אים צוזאַמענ מיטנ מעשאָרעס, מיטנ באַלעבאָס, מיטנ גאַנצנ ווינטשענק אינ איינ זאַק אַרײַנגעטאָנ אינ פֿאַר גלייכ געלט פֿאַרקויפֿנ, אָדער — אָפּקויפֿנ. ווײַל געלט האָט ער, ניט נאָר פֿאַר איינ ווינטשענק, נאָר פֿאַר אַ האַלבער וועלט ווינטשענקעס... ער קאָנ דאָס אים באַווײַזנ, ווענ ער וויל. ער האָט דאָס טאָ זיכ אינ בוזעמ-קעשענע. ער וואָלט זיכ זיכער דערטײַטשט, ווענ ער דערזעט דאָס — ער מיטנ מעשאָרעס, מיטנ באַלעבאָס, מיט אַ גאַנצער גאַס, מיט אַפֿילע אַ גאַנצער שטאָט מענטשנ, — ווענ מע דערזעט בײַ אים אָט דעמ באָכ, אָט דעמ פּאַק, וואָס בײַ אים אָט-דאָ אינ בוזעמ-קעשענע. אַז אַלע פּענעמער וואָלטנ איינ שרעק געווענ. אַז אַלע נעז — איינ ווונדער: „ייִ: האָט ער דאָס גענומענ, סרולי, ווי קומט דאָס צו אים... ניט אַנדערש, אַז אַ קלויסטער באַראַבעוועט, אָדער עפּעס, האַנדלט ער גאָר מיט פֿאַלשע פּאָזיצ!“ מע וואָלט זיכ צונויפֿגעלאָפֿנ. איי-ניקע וואָלטנ געזאָגט: אים בינדנ אונ איבערגעבנ וועמענ מע דאַרפֿ. אַנ-דערע וואָלטנ זיכ ניט געגלייבט אונ וואָלטנ זיכ פֿאַר אים אײַנגעשטעלט אינ געמיינעמ: עפּעס פֿאַרט זײַנס, עפּעס אַ יערושע, עפּעס פֿונ הימל באַ-גליקט, עפּעס אַנ אוצער, אַ מעציע — אַ פּאַרעצ האָט פֿאַרלאָרנ אונ ער האָט געפֿונענ... מיט איינעמ וואָרט, שטאָט וואָלט געהאַט וואָס צו טאָנ, וואָס צו רעדנ. דער מעשאָרעס וואָלט געהאַט אַרבעט — אים אַ שיקער-פֿונ שענק אַרויסשטעלנ, דער באַלעבאָס וואָלט מיידע געהאַט פֿאַר אַנ אומ-גליק, אונ ער וואָלט שוינ אַפֿילע מייכל געווענ אַפֿנ ווינ, וואָס ער האָט בײַ אים געטרונקענ: אַז עק זאָל דאָכ האָבנ, זאָל ער שוינ ניט באַצאָלנ, אַבי פּאַטער ווערנ, אַבי וואָס ווײַטער אים פֿונ זײַנ שוועל צו זענ... דאָ... א-יאָ?.. ער זעט, ווי דער מעשאָרעס הערט זיכ שוינ מאַקע אַנ אונ האָט שוינ מאַקע מוירע פֿאַרנ געצאָלטס?..

אינ ווירקלעכ: נאַפּטאָלע האָט דעמ פֿרעמדנ ייִדנס רייד דאָ דערהערנ-דיק, הערהערנדיק אַזוינע מינימ ווערטער פֿונ אים אַרויסקומענ, ווי „אַ קלויס-טער באַראַבעוועט“, „בינדנ“, „איבערגעבנ“ — האָט אַפֿילע ער, נאַפּטאָ-לע, וואָס איז צו שיקורימ רייד געוויינט אינ וואָס קיינמאָל לאָזט ער זיי אַפֿילע צו זײַנ אויער ניט צו, — אַפֿילע ער, נאַפּטאָלע, האָט זיכ דאָכ מאָל אַ גלייכנ זעצ-אויפֿ געטאָנ, מיט שטאַרקנ בידעס אַפֿנ ייִדנ אַ קוק גע-טאָנ אונ געזענ, ווי יענער איז אינ דער רעכטער מיט אַרבעט אונ פֿונ דעמ גייענעמ קאָפּ, וואָס ער האָט אים געבראַכט, האָבנ זיכ שוינ בײַ אים די אויגנ, ווי בײַ אַ הינ צומ שלאָפֿ פֿאַרלאָרנ... ער האָט זיכ באַלד דערשראָקנ אונ פֿונ דערשרעק עפּעס אַ מינ הוסט געטאָנ — אַ מינ סימענ צו זײַנ באַלעבאָס, צו שאָלעמ-אַרענענ, וואָס איז הינטערנ פֿאַרקויפֿ-טיש געזעסנ אינ האָט פֿונ קיינ בייז ניט געטראַכט אינ נאָכ גאָרנישט ניט בוישעד געווענ. — אַזאַ הוסט, וואָס יענער האָט אים גלייכ דערהערט אונ, דערהערנדיק, האָט

ער אומרויק אפ נאפטאָלענ א קוק געטאָנ, און א קוק געבנדיק, האָט ער גלייכ דערזענ, עפעס איז מיט יידנ, מיטנ איינציקנ טרינקער בא אימ איצט אינ שענק, עפעס ניט קעשורע...

ער האָט זיכ פונ זיינ אָרט אופגעהויבנ איז צו סרולינ אונטערגעגאנגענ, פריער פונ זיינ רוקנ-זייט, אימ אינ פּאָנעמ ניט זעענדיק, ווי ער האָט אימ פריער, בעשאסנ אריינגעקומענ, ניט געזענ, און צוקומענדיק צו אימ נעענטער, האָט ער בא אימ א פרעג געטאָנ, ווי מאָמעד אינ אזוינע פאלנ:

— רעב... ווי רופט מענ אייכ, רעב ייד?

— ייד? — האָט סרולי גלייכ די פראגע דערהערט, האָט זיכ א קער געטאָנ, אפ שאָלעמ-ארענענ א קוק געגעבנ, און שנעל, איידער יענער האָט נאָכ באוויזנ זיינ פּאָנעמ צו זענ, אָפּגעענטפערט:

— ווי מ'האָט מיר א נאָמענ געגעבנ.

— הא... זע נאָר... — האָט שאָלעמ-ארנ, סרולינ אינ אויסגעקערעוועטנ דערזעענדיק, אויסגעשרייענ א ביסל זיסלעכ, ווי מע דערזעט א היימישנ, און אויכ א ביסל ביטערלעכ איבעראשט, ווייל ער האָט אימ געקענט, און פונ אימ אויכ אנ אנונג געהאט, ווי קימאט אלע באלעבאטימ אינ שטאָט. דערפאר איז ער אימ איצט א גרויס בידעש געווענ, ווייל קיינמאָל האָט ער אימ בא זיכ ניט געזענ, אימ פאר קיינ גאסט קיינ טרינקער ניט געהאט, און דערום געגלייבט, וויסנדיק זיינ אָרט, זיינע משונהנע גענג אינ שטאָט און צווישנ מענטשנ, אז אויכ זיינ איצטיקס מאָל אהער קומענ איז משונהנע, אינ געווינ קיינ איבעריקנ נאכעס וועט ער דערפונ ניט האָבנ, אלנפאלס, באצאָלט באקומענ — שוינ אוודאי נישט.

— הא, זע נאָר, — האָט ער געזאָגט, — ס'איז דאָכ, דאכט זיכ, איר, ר' סרולי?

— איז וואָס האָסטו געוואָלט? — האָט סרולי מיט בייזער איבערגעפרעגט, ווי אייגער, וואָס איז דעמ אנדערנ ניט גערנ, ווענ יענער האָט אימ עפעס אינ א וויכטיקער זאכ אינעמ רעכטנ מיטנ איבערגעשלאָגנ.

— וואָס איכ האָב געוואָלט?.. — האָט שאָלעמ-ארנ שוינ א ביסל אַצוריק באלייזיקטער אָפּגעענטפערט. — כ'האָב געוואָלט זאָגנ... כ'מיינ, אז א מענטש גייט עפעס קויפנ, דארפ ער האָבנ געלט, מיינ איכ, דאָס גלייכנ — אינ שענק, האָט איר בא זיכ געלט, רעב סרולי?

— געלט? — האָט סרולי א זאָג געטאָנ טראָציק, האלב שיקערלעכ, אינ בעשאס דאָס זאָגנדיק, שאָלעמ-ארענענ ווי פונ קאָפּ ביז די פיס אָפּגעמאָסטנ: ווי קליינ, הייסט עס, ער איז, ווי נאריש מיט וואָס פארא נישטיקע פּראָנעס ער איז צו אימ איצט, ניט צו דער צייט און ניט אפּנ אָרט, געקומענ, — געלט איז בא די נגידימ, — האָט ער געזאָגט.

— איז דערום טרינקענ אויכ נאָר נגידימ!.. און אז מע האָט ניט, זיצט מענ אינ דער היימ, מע קומט ניט צו יענעמ און מע הייסט זיכ ניט דערלאנגענ. געלט, ר' סרולי, געלט דארפ מענ האָבנ...

— געלט? — האָט דאָ סרולי אויסגעשריגנ, האָט זיכ פונ אָרט א הייב געטאָנ, די האַנט אינ בוזעמ-קעשענע אַרײַנגעטאָנ אונ פונ דאָרט א גרויסנ פּאַק פּאָזיט ארויסגענומענ, אזא, וואָס מע קאָנ זעלטנ זענ אפילע בא א רײַכער אײַנזעענדיקנ ווי סרולי.

— נא, נעוויילע! אָט האָסטו דיר געלט! — האָט אימ סרולי דעמ פּאַק אינטער דער נאָז אונ פאַר די אויגנ געשטופּט אונ אונטערגעטראָגנ. שאָלעמ-אַרענעג האָט, דאָס דערזעענדיק, לאָשנ אויסגעפעלט... ער האָט זוידיק-ליעב דערזענ פאַר זיכ אזוינס, אונ אינ דער האַנט פונ אזא מענטשנ, וואָס ער וואָלט זיכ קיינמאָל זײַנע אויגנ גאָר ניט געגלייבט.

— נא, נעוויילע! — האָט סרולי נאָכ העכער געשריגנ. — נא דיר נעוידימ, נא דיר געלט, נעמ, וואָס ס'קומט דיר, נעמ זיכ אונ וואַרג זיכ...

* * *

ס'איז שוינ געווענ פאַרנאַכט. סרולי איז, ארויסגייענדיק פונ שאָלעמ-אַרנס ווײַנשענק, נאָכ דעמ, ווי ער האָט זיכ צעצאָלט, אונ נאָכ דעמ, ווי ער איז מיט מעשונע פאַרווונדערטע בליקנ פונ שאָלעמ-אַרענעס אונ פונ נאַפטאָלע דעמ מעשאָרעס די גאַנצע טרעפּ ביז דער טיר ארויסבאַלייט געוואָרנ — א ווײַלע אינ געסל פאַר שאָלעמ-אַרנס טיר שטיינ געבליבנ. ער האָט זיכ ווי עפּעס געיִשעוועט, אָדער עפּשער ניט געיִשעוועט, נאָר ווי יעדער באַטרונקענער, וואָס אז ער גייט ארויס פונ שענק, פאַרהאַלט ער זיכ א ווײַלע אונ טוט פונ קעלער אונ פונ ווײַנ-ליפט אָפּעטעמענ, קעדיי צו באַקומענ מער פעסטקײַט אינ די פיס אונ מער קלאָרקײַט אינ זינענ.

אונ אָט, אז ער האָט דאָס באַקומענ, אז דאָס פּאָנעמ אונ דער בליק האָבנ זיכ אימ א ביסל דערפרישט פונ דער קעלער-שײַנ אונ פונ לאַנגנ זיצנ דאָרט אינ דער טונקל, אזוי האָט ער זיכ פונ זײַנ אָרט גערירט אונ זיכ געלאָזט צו דער הויפּט-גאַס. אהינ, ווו דער אײַדעלער מאַרק האָט זיכ געפונענ, אונ ווו אויכ מוישע מאַשבערס קאָנטאָר — אינ איינעמ א מייער אפנ צווייטנ שטאָק דאָרט.

ס'איז געווענ, ווי געזאָגט, שנײַט-צײַט, ווענ דער מיסכער געשלאָגנ אונ אינ שטאָט קימאַט קיינע קוינימ. סאָכרימ אונ מעשאָרסימ האָבנ זיכ נאָכ א לאַנגנ הייסנ טאָג גודיענ אונ בראָטנ זיכ אפּ דער זונ, איצט אינ קילע רעדלעכ זיכ געזאַמלט פאַרנ אהיימגיינ אונ די קראָמענ שליסנ. מע האָט געוואַרט, ס'זאָל שוינ אינגאַנצנ נאַכט ווערנ, ס'זאָל שוינ קיינ סימענ פונ קיינ מעגלעכקײַט ניט פאַרבלײַבנ, אז עמעצער קאָנ זיכ נאָכ פונ ערגעצ-ווו באַווײַזנ. מע האָט געוואַרט, זיכער זײַענדיק, אז אזוינס איז שוינ אומעגלעכ אונ אויסגעשלאָסנ, האָב אָבער, קעדיי דער סאָכרישער געוויסנ זאָל ריינ זײַנ, אונ אויכ דאָס האַרצ, וואָס האָט ניט דערלאָזט אפילע א ליאַרע מינדסטנ „מאָמער" אונ „עפּשער" דורכצולאָזנ...

אָט דעמלט איז סרולי צוגעקומענ צו איינער א קראָמ, וואָס אנטקעגנ

מויישעס מאשבערס קאָנטאָר, און ווי זײַנ שטייגער, שטומ און פארגליווערט, ווי ער שטעלט זיכ אמאָל אָפּ קוקנ אפּ א נעכט, וואָס אפּ א פענצטער-געזימס, קעדיי די פייגעלעכ, ווי די גווירימ, צו שעלטנ, — אזוי אויכ האָט ער זיכ איצט אנטקעגנ מויישעס קאָנטאָר אוועקגעשטעלט. פארטראכט, אפּ קיינעמ ניט קוקנדיק, גלײַכ קיינער איז ארומ אימ נישטאָ. ער האָט נאָר די אויגנ צומ ארײַנגאנג פונ קאָנטאָר געווענדט געהאלטנ, ווי ווארטנדיק און זיכער זײַענדיק, אז עמעצער דארפ זיכ פונ דאָרט באווײַזנ צומ סאָפ טאָג, — דעמאָלט, ווענ אלע קלייטנ און קראָמענ וועלנ זיכ שליסנ, און צו יענער צײַט — אויכ די קאָנטאָר מויישע מאשבערס.

דאָס האָט ער געווארט אפּ שאָלעמ-שמאריאָנ אָדער אפּ צאלעל דערבארעמדיקנ, — אפּ איינעמ פונ די ביידע, וואָס ער האָט צו זיי איצט נייטיק געהאט, ווײַל ער האָט זיי געהאט וואָס צו פארטרויענ און איז צו זיי מיט א חיכמיקע איניע געקומענ.

ביידע זיי — די שטענדיקע באזוכער פונ מויישע מאשבערס קאָנטאָר, זײַנענ מיטהעלפער און מיטארבעטער, וואָס זײַנענ קיינמאָל פונ דאָרט ניט ארויסגעקראָכנ — געקומענ די ערשטע און אוועקגעגאנגענ די לעצטע, און דער גאנצער געלט-האנדל און אלע קאָנטאָר-געשעפטנ זײַנענ ניט אָנ זייער אָנטייל און אָנ זייער הילפּ דורכגעפירט און געמאכט געוואָרנ.

כאָטש אינ קאָנטאָר, כאָטש אפּנ גאס האָט מענ זיי קעסיידער געזענ צוזאמענ. אָבער איינער ווײַטער אינ אָפּגעטראָטנ פונ אנדערנ: ווענ איינער אפּ איינ זײַט טראָטואר, איז דער צווייטער—אפּנ צווייטנ, אפּנ קעגנאיבערדיקנ, ווי זיי וואָלטנ זיכ איינס דאָס אנדערע די טריט געהיט, איינער דעמ אנדערנ פונ איינ ניט ארויסגעלאָזט... כאָטש ביידע דרייענ זיכ ארומ איינ זאכ, ארומ געלט, ארומ פראָצענט פונ געלט, און ביידע זיי ארומ מויישעס קאָנטאָר, קעדיי אימ געלט-לײַער צו נאָרײַענ, און אויכ אימ אליינ אמאָל א האלוואָע, ווענ ער האָט זיכ אינ געלט גענייטיקט, און ביידע האָבנ ווי פונ איינ מאָקער זייער כעיונע געצויגנ, דאָכ ווי צוויי הינעס, צוויי קאָנקורענטנ: בײַמערע ארימ איינ שטיק געזוילע, וואָס ביידע רײַסנ זיי פונ איינעמ, נאָר פונ קוקנ זיי אינ פארשיידענע זײַטנ מיט קעפּ פארדרייטע...

דער בילעה צווייענ ביידע, וואָס איינער — שאָלעמ שמאריאָנ — א גיערימשיק, שמיל פארשווינדל מיט א בימרע קעפּל אינ דער זײַט אָפּגעבויגנ, וואָס האָט זיכ עפּעס קעסיידער בא א זײַט געדרוקט: בא דער זײַט פונ הינטער, פלויטנ, ווי וועלנדיק, מע זאָל אימ ניט באמערקנ, אָדער ער זאָל אינ יעדער מאָמענט פונ מינגלעכער סאקאָנע ערגעצ אינ א הויפ, אינ א טירלאָכ קענענ פארשווינדנ.

ער, שמאריאָנ, מיט א פרומ פּענעמל, מיט פיל פרומע קענטענישנ, א גרייסער וויסער אינ פארשיידענע פאָרמנ אויסנעלעכ, ווי קימאט א ראָוו; דערצו נאָכ מיט א וועלטענעמ זיקאָרנ אפּ צו געדענקענ אלצ — אלע טערמינענ און זמאנעמ — ווער בא וועמענ ס'האָט ווענ געליענ און אפּ וואָ-

בערע פּראָצענטן; ווער אָפּגעגעבן, ווער ניט — גיט נאָר פֿון זײַנע סאָבריט, קלײענטן און געלט־לײַער — נאָר אויך פֿון דער פֿרעמדער, פֿון דער סבֿיווע אַרום, ווער ס'איז אַהער אין שטאָט אָנגעקומען נאָך געלט — צו מוישען אין קאָנטאָר, אָדער צו אַנדערע באַלאַגאָלעס. דערצו נאָך האָט ער אַפּ אויסווייניק אַלע געלט־קורסן, ווערטפּאַפּירן, אַקציעס, אָבליגאַציעס געהאַלטן אָפּן קאָפּ — נישט נאָר פֿון היגן לאַנד, פֿון היגע בענק און אַקציאָנערן געזעלשאַפֿטן, נאָר אויך פֿון אויסלאַנד, פֿון אַלע.

אַנטקעגן זײַנע אָבער צאַלעל, איז סײַ אויסערלעך, סײַ מיט זײַנע פּיי־קײַטן געווען קימאַט דער היפּעך זײַנער: אַ הייכער, גלײַכער און גלאַטער, ווי אַ גראָבצאָליקע ברעט. ער איז מאָמער אינמיטן טראָטואַר, אָדער אָפּטער נאָך אַפּ דער מיט גאַס געגאַנגען. דעם קאָפּ הויך געטראָגן, גלײַך אַ גאַנצע שטאָט דאַרף אים אָפּטרעטן, ווײַל זי איז אים שולדיק, און שולדיק איז זי אים מאַקע געווען, ווײַל אויסער מיט גרויסן פּראָמיל, האָט ער זיך דעריקער פֿאַרנומען מיט וואָכער, מיט אַנטלײַען געלט, וועמען ס'האָט זיך נאָר געלאָזט — באַלמעלאָכעס, קלייןהענדלער און מענטשן אפֿילו אָן שום אָנזען און אָן שום מינדסטער בעטיכעס אין דער געזעלשאַפֿט, ווי מעקלער, דינסטן, מאַרק־זיצערנס אאַז.

ער איז געווען גראָב אין אַלע זינען, גראָב אין קעגנטעניש, גראָב אויך אין אויפֿירונג — סײַ בײַ זיך אין דער היים בענעגייע זײַנע אייגענע ווײַב און קינדער, און באַזונדערס גראָב און ווילד־אכזאָריעש בענעגייע אַלע יענע, וואָס זײַנען אים געווען שולדיק.

אַזוי האָט מען געוווּסט אין שטאָט פֿון אים פֿיל צו דערציילן וועגן זײַנע ווילדע שטיק און נענג בײַם כײַוועס אופּמאָנען, ווען ס'האָט זיך אים אַמאָל געמאַכט אַ שלעכטער צאָלער. ער האָט זיך ניט אָפּגעשטעלט פֿאַר־גאָרניט: פֿאַר אָרעמעלײַט די לעצטע בעבעכעס איבערצושרײַבן, פֿאַר און אַל־מאָנע דאָס לעצטע ביסל סכוירע איר פֿון דער שטעל אַוועקנעמען, און אַפֿילו אויך ניט פֿאַר אַזאַ זאַך, האָט מען דערציילט, ווי קומען אַמאָל צו איינעם, וואָס איז אים געלט שולדיק, און זיך אַרײַנלייגן אין יענעמס ווײַבס בעט אַרײַן און זאָגן: ער גייט ניט אַרויס, ביז דער כיזיו וועט אים ניט געסילעקט ווערן ביז אַ גראָשן. אַזוי ווײַט גראָב, אַזוי ווײַט ניוועזידיק און פּייניק איז ער געווען, צאַלעל.

אָפּגערעדט שוין פֿון אַ לאַמדן. אַ לאַמדן האָט ער געהאַט דעם איי־ניציקן זון זײַנעם, שוין אַן אופּגעקלערטער, שוין אַזוינער, וואָס ער פֿלעגט זיך שוין צווישן זײַנע גלײַכן יונגעלײַטלעך מיט זײַן מאַמעס פּראָפֿעסיע אַ ביסל שעמען און פֿון איר אויך כויזעק מאַכן; איז אויך אים, אָט דעם איין־און־איינציקן זון זײַנעם, פֿלעגט ער, צאַלעל, אָפֿט אין מאַמען אַרײַנ־שעלטן: „אַ רוח אין אים און אין זײַן מאַמען און זײַן מאַמעס מאַמען"—פֿלעגט ער אים אין פּאָנעם שרײַען, — ווײַל ער האָט אַ פּויגעניבע אַ זון —

מיגן, אַז אומגליקלעכער שלימזל, וואָס גײט אַרויס פֿון זײַן מאַמעס בױך
ווײַטער פֿון ערשטן וואָכער.

און אַט אַט אײַנגעט פֿון די צווײ האָט איצט סרולי מיט זײַן אײגענע גערײכט.

אין אָנהײב דער ערשטער איז דאָס מאָל צאַלעל, צו זעמען סרולי האָט, אין דערינענדיק, גלײַך פֿון זײַן אָרט זיך אָפּגעשטעלט און זיך אין גופֿענעם געלאָזט.

מיר דינען ניט, די וואָלט געווען, ווען ס׳באַגעגנט אים צום ערשטן מאָל מײַלאַנג, ווי וואָלט יעדער אים אויסגעמיטן בײַ דער באַגעגעניש. נאָך דעם, ווי ער האָט אים געכאַפּט געזען בײַ זײַן ביזאָיען, ווען מוישע גאַטבינער האָט אים פֿון שטוב אַרויסגעטריבן, און נאָך דעם, וואָס ס׳איז אין שטוב דאָרט געשען.

נאָכן אַבער, האָט אים איז אײַנגעשײַט יאָ ביזאָיען, צו ניט ביזאָיען, ווײַל מיר ווײסן, אַז ווען ער וואָלט אפֿילו יאָ געווען זײַן דערבײַ, וואָלט האָט אים אים פֿאַר קײן שמערצן ניט געדינט פֿון דערנאָך מיט אים און וואָכעדיקײט מאַכטעמאַטן אײַנגעטרעטן.. ביזראַט, אַז ער איז ניט בײַ-געווען, אויסגעראַטן נאָך, אַז צווישן די ערשטע ווערטער, וואָס סרולי האָט אים, ווען ער איז נאָך צו אים צוגעגאַנגען, אַ זאָג געטאָן דאָס וואָרט געבעטן, און אַט דאָס וואָרט, ווי באַווײַזט, וואָלט צאַלעלן אפֿילו פֿון שווער-סטן לעבנסשליטן שלאָף אױפֿגעוועקט, ווײַל ווײַבאַלד געלט, שטעלט ער זיך פֿאַר נאָך ניט אָפּ: וואָלט ווײַן פֿון יעמאָלט דענען, אַבי נאָך דאָס אַרײַנצובאַ-קומען. ווײַל געלט, זאָגט צאַלעל, האָט קײן ריח ניט; — איז אָט, אַז צאַלעל האָט פֿון סרולין אָט דאָס וואָרט דערהערט, האָט ער זיך גלײַך אָנ-געשטויסן: ער האָט דערשפּירט געשעפֿט, און באַלד שוין שפּעט — שוין איבערגעטאַכט ריכטן. און באַלד גלײַך אױפֿן אָרט — אײַנמיטן מראָמיאַר, אויב נאָך גאָר, און באַלד איבער דער מינוט, וואָס איז איצט פֿאַר אים גע-שטאַנען, אַ אײַסטערלײַנער און נאָך גאָר קײן געשעפֿטס-מאַן, ווי ער האָט געזוכט, זאָס דאָס ער אַז איצטער צוועלייט און גרייט געווען יעדנס פֿאָר-שלאָג אָרטער יעדנס וואָכעדיק-אין אײגענע אויבצייטן.

— ער האָט צו פֿאַרמאָגן געלט אַף איבער, — האָט סרולי געזאָגט צו צאַלעלן, — און ער זוכט אַ באַמיען, ער ווײל דאָס און זיבערע הונדערט אָפּ-געבן, ווי, לעמאַשל, צו אײַא ווי מײַסטע מאַטבעך. אויב פּראָצענט וויסט ער זיך ניט איבעריק שטענג, דער דער איז אים — אבי אַ באַמוטב.

צאַלעל האָט, דערהערנדיק, אַז סרולי אַ מעשׂה קיין געטאָן. ער איז געווען פֿיר העכער פֿון אים אין וויגס, און ער האָט אים אויף דעם אַ קוק געטאָן, ווי אַרױפֿקוקנדיק אים אָרט, צו זען, צי איז ער באַמת גאָר ווינציק...

דאָס מאָל האָט זיך שוין אפֿילו צאַלעל פֿאַרבערקעשט און דאָס זײַנע אײגענע ניט געגלײבט. געגלייבט האָט ער, אַז איא ייי ער, ווי סרולי, וויסט

זיכ געווימ צו אימ ווענדנ וועגנ א קליינער האלוואָע פאַר זיכ אַפ גרויסע פראַצענטנ, ווי געוויינלעכ אינ איינער פונ אזא גראד אינ לאגע; אונ דעמלט, ווענ אזא פאַרשלאַג וואָלט פונ סרולינ זײַט געקומענ, וואָלט זיכ צאַלעל צו־ ערשט באַראַרפט היפש באַטראַכטנ, לאַנג זיכ איבערלייגנ, פיל זיכ אָנפרעגנ, דערנאָכ ערשט פאָהערנ אָרוועסנ אינ מאשקאַנעס. איז אָבער פּלוצעמ — גא דיר גאָר אזא זאכ: סרולי ליגט גאָר פאַר געלט אַפ פראַצענט צו געבנ, אַז דאָס, ווײַזט אויס, ניט קיינ קליינע סומע, אינ ער קוקט ניט, זאָגט ער, אַפ קיינ פראַצענטנ, אבי א גרויסנ באַמועכ.

ער האָט דערומ אימ אָנגעקוקט אונ בא זיכ דעמ כידעש ניט געקאָנט אופהאלטנ.

— ער, סרולי, געלט אנטלײַענ? — האָט ער איבערגעפרעגט מיט האלב שפּאָט, האלב פאַרוווּנדערט.

— נו, יאָ, איז וואָס? — האָט סרולי געפרעגט.

— פונוואַנענ קומט צו אימ געלט?

— וואָס איז זײַנ זאכ? מע לייגט אימ פאָר, זאָל ער ענטפערנ: יאָ צי ניינ, אויב ניט, וועט ער ערגעצ אַנדערש גיינ. וועט ער עמעצנ אַנדערש פאַרלייגנ.

צאַלעל איז געווענ פאַרלוירנ. ער האָט זיכ געווישעט מיט דער היינט, צי זאָל ער יאָ, צי זאָל ער ניט גלייבנ, ווײַל עפּעס האָט ער גאָר פאַר זיכ א כאָסער־דייע, וואָס די גאַנצע רייד מיט אימ זײַנענ איבעריק.

אינ אַנדערער אַפ זײַנ אָרט, גלייבנ מיר, וואָלט גיכער אַפ יאָ מעסיינג, ווי אַפ ניט באַשלאָסנ, ער וואָלט אויסגעשפּיגנ, זיכ אָפּגעקערעוועט אונ אייער־ געגאַנגענ.

צאַלעל אָבער, וואָס איז, ווי געזאָגט, אַפנ אייגענע געלט א ביסל קראַנק געווענ, וואָס ווייבאלד געלט, זײַנענ אַלע אומגלייבלעכקײַטנ גלייבלעכ, אונ אַלע מעשוגאַסנ ליגנ זיכ אַפנ זינענ — צאַלעל האָט, עמעס מאַקע, געצווייפלט, אָבער פאַרט האָט ער זיכ אינ אָרט געלאָזט אַפ מאָמער אויב ניט, אונ עפּעשער איז די זאכ פאַרט דאָכ ערנסט.

ער האָט דערומ, קעדיי אויספרווינ סרולינ, זיכ נאָכאמאָל געווענדט צו אימ אונ בא אימ א פרעג געטאָנ:

— אונ ווענ קאָנ ער דאָס צושטעלנ, דאָס געלט?

— ווענ? ווענ ער וועט וועלנ, ווענ ער וועט דאַרפנ, אפילע היינט, אפּי־ לע שוינ, — האָט סרולי געענטפערט אינ האָט זיכ באלד מיט דער האנט צו דער בוזעמ־קעשענע גענומענ, גלײַכ ער איז גרייט באלד מאַקע פונ דאָרט, פונ דער בוזעמ־קעשענע, דאָס ארויסצונעמענ אונ באַווײַזנ.

— ניינ, מע דאַרפ ניט, ס'אײַלט ניט, מ'האָט צײַט, — האָט צאַלעל געזאָגט, אונ שוינ גלייבנדיק אונ איבערצײַגט זײַענדיק, האָט ער סרולינ האנט פונ אינ קעשענע ארײַנצוטאָנ ווי אָפּגעהאלטנ, — איצט דאַרפ מענ

נים, — האָט ער געזאָגט, — שפּעטער, ער וועט זען, ער וועט זיך אָנ־
ברענגען, זיך דערוויסן, וועט ער אים צו וויסן געבן, סרולינ.

— איז זאָל ער זיצן דאָס געדענקען, האָבן אין זינען אין מאַכן וואָב־
ניבער, — האָט סרולי געזאָגט, און באַלד האָט ער זיך אויסגעקערעוועט אי־
צאַלעלן, — ווי ער איז צום אָנהייב א פאַרוואונדערטער געשטאַנען, אזוי
האָט ער אים אויך איצט אין פאַרוואונדערונג געלאָזט.

* * *

מיר ווייסן, אז דאָס, וואָס מיר האָבן דאָ נאָרוואָס דערציילט, וועט ארויס־
רופן מיספאַרשטייעניש און פראַגעס:

— ווי קומט צו סרולינ גאָר געלט? וואָס איז ער פאַר א צאָלער, וואָס
פאַר א געלט־אַנטלייער? פון וואָס פאַרא מיטלען און פון וואָס פאַרא פאַר־
מאָגנס קאַפּיטאַלן?

איז אָט. קעדיי דערויף צו ענטפערן און דאָס צו דערקלערן, מוזן מיר
זיך אומקערן צו יענעם געשפּרעך צווישן מיט לוזין, וואָס ער האָט בא אים
מיט א טאָג פריער אינדערפרי געבעטן און פאַרנאַכט מיט אים געהאַט,
און וואָס, איבער געוויסע טעמים, האָבן מיר אפּנ געהעריק אָרט זיך אָפּ־
געהאַלטן פון אים צו געבן, אים דורכגעלאָזט און פאַרשוויגן.

איצט קערן מיר זיך צו אים אום:

אז סרולי איז יענעם פאַרנאַכט, ווי אָפּגערעדט געווען, אריין צו לוזינ,
האָט ער אויסגעזען, ווי איינער, וואָס אָדער ער איז ניט דערשלאָפן, אָדער
ער איז צופיל איבערגעשלאָפן, ווען אפּנ הארצן איז אים ווייער זוויער. ער
האָט אָנגעהויבן זיין געשפּרעך ביין, אופגערעגט, קוקנדיק אין א זייט, ווי
זוכנדיק זיך אומזיסט אין אימנישט יענעם, זיין מיטשפּרעכער, אָנצוטרעטן.

ער האָט גלייב, ווי ער איז אריינגעקומען, א זאָג געטאָן:

— ער איז געקומען צו לוזינ, ווייל אויסער אים האָט ער דאָ אין
שטאָט קיינעם. אלע זיינען דאָ אָדער פערד, אָדער בעהיימעס, אָדער מענטשן
עולבע צו זיין.

אָט אזוי אין אָט דעם־אָ טאָן, האָט ער א שטיק צייט א שטיק ביין
געשפּרעך געפירט, ביז ער איז לעסאָף אלץ ווייכער אין צוגעלאָזטער געוואָרן
און אריינגעפאָרן מיט דעם, צוליב וואָס, איינגמלעב, ער איז געקומען.

ער האָט דערציילט:

* * *

ער מיינ איז דאָ אָנגעהייבן, לוזינ, נאָר פון לאנג. ער האָט זיך דערצוינג אין
א קליין שטעטל אין גאַליציע, אזוי באַט מיין סאנ, בא אנ אלטן, זייער רייכן
און שטאַרק קאַפּריזנ זיידן. דער זיידע האָט אמאָל געהאַלטן גרויסע פּאַכ־
טן. דערנאָך א גרויסן פּריצישן וויינשענק, דערנאָך, אז ס'האָט אים גע־
טראָפן דאָס אומגליק, ווען זיין קינדער זיינען פון דאָ די רייד זיין, האָט ער

אַלע געשעפֿטן אָפּגעלאָזט, זיי צו געלט געמאַכט, זיך פֿאַרשלאָסן און פֿון דער וועלט אָפּגעזונדערט.

זײַן מוטער האָט ער פֿרי אָנגעווירן. ניט זי איז געשטאָרבן, נאָר, ווי ער האָט אין דער פּריסטער יוגנט געהערט, איז זי „אַנטלאָפֿן“. און דאָס איז פֿאַרן זיידן אַ דרײַענדיקער אומגליק געווען. ערשטנס, ווײַל ער איז געבליבן עלנט: קיין ווײַב, קיין קינד, קיין זון און טעכטער מער; צווייטנס, איז דאָס אַנטלויפֿן אַליין אַ מוירעדיקע שאַנד דאָך; און דריטנס, איז זי, ווי ער האָט געהערט, נאָך ניט מיט קיין ייִד אַנטלאָפֿן... — „ערגער“, — האָט מען שטילערהייט ציגעגעבן און אַפּ אים, אַפּ כרולין, אַפֿן קינד, אָנגעוויזן. וואָס „ערגער“ — האָט ער ניט געוווּסט. געוווּסט האָט ער נאָר, אַז נאָך איר אַנטלויפֿן האָט ער אויך זײַן פֿאָטער אָנגעווירן.

ער איז פֿון שטיב פֿאַרשווּנדן, און ער איז געבליבן אַ קײַלעכיקער יאָסעם, אָן טאַטע־מאַמע, און נאָר אַפֿן אַלטן זיידנס אויסהאַלט, דערצויגן אין הוזשנאָכבע.

דערמיט האָבן זיך דעם זיידנס קאַפּריזן, וואָס זײַנען אַזוי אויך, ווײַזט אויס, היפּש געווען, אַראָנק דעם אומגליק נאָך פֿאַרשטאַרקט. ער האָט זיך, זיי געזאָגט, פֿון דער וועלט אָפּגעזונדערט, זיך אין ערגעץ ניט געוויזן און קיינעם ניט אויפֿגענומען. ער האָט זיך אויך געלאָזט בויען אַ באַזונדער שולעכל. „ייִדידיעס שולעכל“, — האָט מען עס גערופֿן, ווי ער, און נאָר אַן איינציקער, געציילטער און באַצאָלטער מיניען אָרעמע ייִדן האָבן דאָרט געדאַוונט. אויך אַ באָד. „ייִדידיעס באָד“, — האָט מען זי גערופֿן, וווהין ס'איז קיינער, אויסער די זײַניקע, ניט אַרײַנגעלאָזט געוואָרן.

ער פֿלעגט גאַנצע טעג לערנען, און מער ווי לערנען פֿלעגט ער אָפֿט זיצן פֿאַרטראַכט אַפֿן באַנק־בעטל, וואָס אָן אַ ווענטל. דעם קאָפּ פֿאַרוואָרפֿן, אין דער וואַנט אָנגעשפּאַרט, אין פֿינצטער שטענדיקן אָנשפּאַרן זיך אין יענער וואַנט, איז אַף יענעם אָרט אַ שטענדיק אויסגעריבן גריבל אָנצוזען געווען, ניט געמינקעוועט און קוימיקלעך.

ער, כרולי, האָט זיך אין אַ ווינקעלעכל, אָפּגעזונדערטן בײַ דער אויפֿגעהאַלטן, וואָס מיטן זיידנס האָט ניט צו טאָן געהאַט אין וואָס אַ באַזונדערער אַרויסגאַנג האָט אויך געפֿירט צום זיידן. בייזלעכע מעלאַמדים אין אַלטע אים־פֿרײַנטלעכע מעשׂאָרטים און דינסטן האָבן אים געלערנט און אונטער זייער שמירע געהאַלטן, אין צום זיידן האָט ער זיך ניט אָנגעקערט. דער זיידע האָט אים קיינמאָל צו זיך ניט גערופֿן. נאָך מער: ווײַזט אויס, אַז ס'איז אויך באַוואָגט געווען, אַז מע זאָל אים ניט צולאָזן, ווען ער, דאָס קינד, וועט אפֿילע וועלן. ער האָט דאָס געפֿילט, און נאָר זעלטן דערום, נאָר ווען דאָס האַרץ האָט אים אַ ציי געטאָן פֿון גרויסער קינדערשער עלנט, האָט ער, קענענדיק דעם אָנזאָג און פֿאַרבאָט, אַפֿן זיידנס שוועל זיך באַוויזן.

ער האָט אים אָפֿט געטראָפֿן זיצן אַ פֿאַרטראַכטן, מיטן קאָפּ אין וואַנט אָנגעשפּאַרט, די אויגן צוגעמאַכט, די באָרד אַרויסגעשטאַרטשעט, און אַלעמאָל

האָט ער אים געהערט עפּעס אײנע און די זעלבע ווערטער אַרויסזיפֿצן: אוי לי לביתי... אוי לי לביתי...[1]

אַז דער זיידע פֿלעגט אים אַמאָל דערזען, פֿלעגט ער זיך צוערשט דערשרעקן, גרויסע אויגן עפֿענען, גלײַך ניט וויסנדיק, ווער ער איז און פֿון וואַנען ער האָט זיך נאָר צו אים אין שטוב גענומען. דערנאָך פֿלעגט ער זיך אַ כאַפּ טאָן, אים צוהערן, און אָנהייבן אין ציטערדיק אים ווי ווילן אָנטאַפּן, אַ גלעט טאָן; אָבער באַלד האָט ער זיך ווי אין עפּעס דערמאָנט, דעמאָלט פֿלעגט ער אים מיטאַמאָל פֿון זיך אַ שטאַרקן שטופּ טאָן און אַ זאָג געבן אַזוי, אַז נאָר ער, דאָס קינד אַליין, און ניט אַפֿילו די וואָס אין שטוב זאָלן הערן: — מאַמזער... מאַמזער בען האַנידע... ער, דאָס קינד, פֿלעגט, די ווערטער ניט פֿאַרשטייענדיק, זיך פֿאַרן זאָגן דאָס דערשרעקן, אַוועק, און אויף לאַנג, ביז אַ צווייטן מאָל, ביז דאָס האַרץ האָט אים ווידער ניט אַ צי געטאָן... דעמאָלט פֿלעגט ער ווײַטער אויף דער שוועל זיך ווײַזן, אויף ווידעראַמאָל אָפּגעשטויסן ווערן און אויף מער און אויף לענגער שוין דאָס צו פֿאַרגעדענקען.

אַזוי האָט ער זיך דערצויגן, ביז דער זיידע איז שוין אַלט געוואָרן און באַדאַרפֿט שטאַרבן.

דעמאָלט האָט ער אײנמאָל צונויפֿגערופֿן די פּני פֿון שטאָט, די שענסטע, די באַשטעוסטע, וואָס די לעצטע יאָרן האָט ער זיך, מאַכמעס בושע, פֿון זיי דערווײַטערט, און וואָס אויך זיי, פֿון זייער זײַט, האָבן אים געשאַנעוועט און אין זײַן שאַנד און אומגליק ניט געוואָלט זען — האָט ער זיי צונויפֿגענומען און זיך געלאָזט אַ צוואָע שרײַבן.

ער האָט קיינעם ניט געהאַט צו באַזאָרגן, אײסער אַ ביסל אויף אוילעמעס, ווי ס'פֿירט זיך, און דאָס איבעריקע אַלץ האָט באַדאַרפֿט געהערן אים, דעם קינד, דעם איין־און־איינציקן יורעש זײַנעם.

האָט זיך אָבער אַרויסגעשטעלט, אַז שוין אויף דער שוועל פֿון קיווער זײַענדיק, האָט דער זיידע נאָך אַלץ דעם ביזאָיען ניט פֿאַרגעסן, וואָס זי, די מאַכמער זײַנע, די מוטער פֿון קינד, האָט אים אָנגעטאָן אויף ד ע ר וועלט, און יאָב ער איז זיכער געווען, אַז אויך אויף י ע נ ע ר וועט דאָס אים אַנטקעגנגיין, מע וועט עס אים דערמאָנען, און אַוואַדע דאַרף ער זיך אַלע האָר פֿון קאָפּ אויסרײַסן; איז אָט, דאָס געדענקענדיק, האָט ער, ניט געקוקט, וואָס אַלע פּנײ האָבן זיך אים אַנטקעגנגעשטעלט, מיט אים פֿיל געטײַנעט און זיך באַמיט אים צו איבערצײַגן, אַז „וואָס איז דאָס קינד שולדיק, אַ קינד איז אַ קינד אַזוי", — האָט ער זיך געהאַלטן בײַ זײַנס, און אײנמאָל פֿאַר אַלעמאָל געוואָלט דאָס קינד מאַמזער גאַבלע זײַן, אים פֿון יערושע אָפּזאָגן.

ער האָט האַרט און ביטערלעך אײנעם נאָר אַ פּאָסעק געהאַלטן אין אַיבערבאַזעוון, אַז „מישרש נחש יצא צפע" — אַז פֿון אַ שלאַנג, הייסט עס, קאָן קיין בעסערס פֿון קיין שלענגל ניט אַרויסקומען. און ווײַטער און קיין

1 ווי איז צו מיר און צו מײַן הויזגעזינד.

איבעריקס האָט ער זיך ניט געלאָזט רירן. דאָך, — נאָך לאַנגע רייעס, וואָס אַלע אַנדערע, די פּניי, האָבן פֿון געוויסע, גרויס־באַוווּסטע ספּאָרים געבראַכט און פֿון דאָרט דעם הייפֿעלע פֿון זיין ווילן אים באַוויזן, אויסגעדרונגענע און אים איבערצייגט, אַז ער נייזט, — האָט ער זיך אונטערגעגעבן, אַ ביסל אָפּגעטראָטן און שוין באַשטאַנען אַף פֿאָלגנדיקן: ביז דאָס קינד וועט אויס־וואַקסן, דאַרף זיין דערציִונג גיין, ווי זי איז ביז אַהער געגאַנגען, אַף זיין, דעם ייִדנס, הייסט עס, אויסהאַלט; וואָס, אַגעוו געזאָגט, האָט מען מיט אים וועגן דעם ניט איבעריק באַדאַרפֿט האָרעווען, ווייל דאָס האָט ער זיך אַליין פֿאַר מעכניעס געהאַלטן. ווייטער אָבער דאָס, וואָס ער האָט זיך געהאַלטן פֿאַר ניט מעכניעס, האָבן שוין יענע, די פּניי, בא אים אויסגעריסן, אויס־געדונגען, און אַ צווייטן פּונקט מיקייעבן קינד'ס אַרײַנגעשטעלט, און נעמלעך: אַ געוויסע. גרויסע סומע וועט פֿאַר אים אין זיכערע הענט פֿון גרויסע באַ־טוכים אַוועקגעלייגט, אַז אין פֿאַל (אָט דעם טנאי האָט ווידער דער ייִדע גע־פֿאָדערט אַרײַנצושטעלן אין אויפֿנעמען, ווייל אַנדעריש וויל ער ניט, אַנדעריש באַשטייט ער ניט), אין פֿאַל, אויב ער וועט גיין אין די גוטע וועגן, די גע־ווינטשענע פֿאַר אים, פֿאַרן ייִדן אַליין, און פֿאַרן גאַנצן קאָהאָל געווינטשן, און ער וועט אָפּהיטן אַלץ, וואָס דער ייִדישער דין און דאַס[1] פֿאָדערט, דעמלט וועט מען אים זי, אָט די סומע, צו אַ געוויסן עלטער זיינעם מעגן איבער־געבן. — „פֿאַרוואָס נעמט ער אַזוי אויף? — ווייל, — האָט דאָ דער ייִדע צוגעגעבן שוין מיט אַ שלאָבעריק מויל, אָבער נאָך מיט האַרבן וואָרט אין בעטוכעס, — ווייל, צמעס, ער האָט זיך פֿון ייִדן, — וואָס עפּעס ווייסן זיי מער פֿון אים, פֿאַרשטייען מער, — זיך געלאָזט איבערדערן, און ער גיט נאָך; אָבער ער האַלט זיך בא זיינעם — אין זיין גרויסן אומגליק טראַגט ער אין האַרצן און פֿירט אים אויך אין ווייטער אייער — אַז ווי איז זיין אומגליק, נאָך פֿאַר גאָט און פֿאַר מענטשן איז דאָך ניט צו לייקענען, אַז בלייבן דאַרף ער טרייפֿע, און פֿון אַזעלכע קאָן מען, ווער ווייסט וואָס נאָך צו דערוואַרטן; אַזוי, אַז העלפֿן אויך איז ער ניט מעכניעס, אָבער אַזוי ער קאָן, דאַרף ניט פֿאַרזינען, איז זאָל גאָט און מענטשן יענע, און שפּעטער, אין דער ריכטיקער צייט, מישפּטן...“

— ער וויל דאָ, אַגעוו, צוגעבן. פּרילי, אַז ווען ער האָט יענע דעם דעמלט דערהערט, — ווייל אין דער גאַנצער שטאָט. פֿאַרשטענדלעך, איז וועגן דעם דעמלט די גרויסע רייד געגאַנגען אין אויב אין שטיב באַט ייִדן, צווישן די ראַבייִם, דיינים און מעשאָרסים, — איז אָט, אַז צו זיין אייער זיינען דער־גאַנגען די ווערטער, וואָס פֿיל מלמדער האָבן דעמלט געהאַלטן אין איין אי־בערכאַזערן: „מאַיווער גאַבלע זיינ“, „יערישע“, „געלט“ אאַז. — איז געדענקט ער ניט, צי איז ער גראָד דעמלט מאַקע עפּעס ניט געזונט געווען, צי דער־בנדיק זיך וועגן דעם, האָט דאָס אַליין אַף אים מיטאַמאָל אַזוי קרענקלעך גע־

---

1 — געזעצ

װירקט -- אזױ צו אזױ, נאָר אז ער האָט אײנמאָל בא אזא געשפּרעכ דער־הערט דאָס װאָרט „געלט", האָט ער מיטאמאָל דערשפּירט, װי עפּעס א קאָפּ־װײטעק אונ א גײסטיקײט -- ביז אינ בײכ ארײנ אונ ביז די קישקעס, אונ פונ דעמאָלט אנ ריפט בא אים אלעמאָל ארױס דאָס װאָרט דאָס זעלבע קױ־טאַב, װי דעמאָלט — א שרעקלעכנ עקל, נישט נאָר צו דעמ אלײנ, נאָר אױכ צו אלע די אפּילע, װאָס האָבנ דאָס אונ פארמאָגנ...

ער האָט דעמאָלט דערפילט דעמ טאַמ פונ עלנט אונ פונ אָפּגעשטױסנ זײנ אפילע פונ הײמ, װאָס װאָלט אינ א געװיסער מאָס זײנ עלנט געקאָנט לינ־דערנ -- פונ װײב. באזונדערס האָט ער דאָס דערפילט די לעצטע טעג פונ פאר דעמ װײבס שטארבנ. װענ די שטוב איז שױנ געװענ אָפנ פאר פאר־שײדענע מענטשנ אינ שטאָט, װאָס זײנענ געקומענ מעװאקער כױלע זײנ, אינ אײנ פונ אנדערע, װאָס פריער האָט מענ זײ, איבער די אױבנ דערמאָנטע טי־טימ -- איבער דעמ װײבס אָפּגעזונדערטקײט — קײנמאָל נישט געזענ; איצט, װענ אלע טירנ שױנ אָפנ, אונ װער ס'האָט געװאָלט, איז ארײנ אונ ארױסגע־גאַנגענ, האָט אױכ ער, דאָס קינד, אײנמאָל זיכ דערלױבט צום װײבנ אינ שטוב ארײנצוקוקנ. ס'איז שױנ געװענ פאר לעצטנ... אָבער װענ דער װײבע האָט אים דערזענ, האָט ער אפילע דעמלט נערענקט אונ אים אפילע אפ די אױגנ נישט געלאָזט, ער האָט, אים דערזעענדיק, זיכ צעװײנט, אונ מיט א שװאַ־כער נביבע־האַנט אונ אָפּטרײבנדיקנ טאָנ געטאָנ:

— יאָ ער, הײסט עס, אַװעקגײנ, זיכ אים פאר די אױגנ נישט װײזנ אונ אים זײנע לעצטע מינוטנ נישט פארפינצטערנ...

דער װײבע איז געשטאָרבנ.

ער װיל דאָ נישט דערצײלנ, װאָס ער איז איבערגעשטאַנענ — פריער בא די אָפּרײנעס פונ זײנ אײגענער שטאָט. פונ װײבס קינדער, אונ בכלל פונ שטאָט־קינדער, — איבער דעמ צונאָמענ, װאָס איז אים נאָכגעגאַנגענ אינ דאָס אים באלײט, װײט ער איז ארױס פונ װײבס שטוב אונ פונ אונטער דער האזשאָכע פונ יענע מענטשנ, װעלכע זײנענ פונ װײבנ געשטעלט געװאָרנ אים צו שיצנ.

ער װיל אױכ נישט דערצײלנ פונ דעמ, װאָס ער איז שפּעטער איבערגעשטאַ־נענ פונ אנדערע אָפּרײנעס פונ אנדערע שטעט, װוהינ די ערשטע, די װײב־שטאָטישע, האָבנ אים איבערגעפירט, זעענדיק, אז אינ דער הײמ, בא זיכ, קענ איא, װי ער, צו קײנ רו אונ צו קײנ טאַכלעס נישט קאָנענ קומענ, נישט אינ דער יוגנט אונ אױכ נישט שפּעטער, װענ ער װעט עלטער װערנ, מאַכנדיק דעמ שלעכטנ שעמ, װאָס באלײט אים.

אָט דער שלעכטער שעמ האָט אים אָבער אױכ אינ אנדערע שטעט באלײט. נישט געקוקט אַפ זײנע גוטע פּרוּװנ, אַפ זײנ װילנ צו לערנענ אונ קענענ לערנענ, האָט זײנ צונאָמענ אים געטריבנ די רו באַטאָג, דעמ שלאָפ באנאכט, אונ פארטערט: אַט די אלע זײנע מעלעס אונ דאָס איבערגעבנקײט זיכ אינ לערנענ האָט ארײנגעטראָגנ אינ געשאַפנ א באציונג צו אים א פארקערטע צו

דער, וואָס אזוינע איינגעשאפטן רופן ארויס בענעגייע אנדערע. פארקערט, אָט די פייקייטן האָט מען צוגעשריבן ניט אים אליין, ווי די אלע אנדערע, ווען זיי פארמאָגן אזוינע, נאָר ווידעראַמאָל דעם צונאָמען, דה. דער אויסטערלישער־געבורטס־לאַגע זיינער, ווי אלע אזוינע, וועלכע מע טיילט אוים און מע האלט די מיילעס זייערע ניט פאר זייערע, נאָר ווי פון אויבן זיי געקומען, ווייל די „קעפ" זייערע — „מאמזער־קעפ"...

אזוי איז ער זיין גאנצע יוגנט ארומגעגאנגען געדריקט, ער האָט זיך קיין אָרט ניט געפונען, און איינער נאָר א טרוים האָט אים באהערשט: וואָס גיכער עלטער ווערן, קעדיי ארויס פון רעשוס פון די אלע, וועלכע האָבן, לויט זיין לאַגע אין לויט דעם זיידנס צאַוואָע, געהאט צו זאָגן אף אים — ארויס, הענג פון זייער גייסטיקער און הענט פון זייער געלט־אפּעטראָפּסעס, מער יאָרן קריגן און די יערושע אין די הענט ארייננבאקומען, אין דעמאלט וועט ער אוועק אין אזוינע ערטער, וווּ מע קען אים ניט, וווּ זיין נאָמען וועט פאר קיין פאל אהין שוין ניט דערלאנגען. און דאָרט וועט ער אָפּרוען, טאָן מיט זיך, וואָס ער וועט וועלן און אין דער שטיל און באטראכטן זיין וועג אין לעבן און זיין טאכלעס זיך אויסטיילן.

און אז די צייט איז געקומען, אז זיין טרוים איז אים פארווירקלעכט געוואָרן, איז זיין פרייד אזוי גרויס געווען, און אלע פארבאָרגענע קויכעס האָבן אין אים אזא רעד און שטראָם געטאָן, אז ער איז קראנק געוואָרן.

דעמאלט האָט ער זיין ערשטע קרענק באקומען — די, וואָס איז באשטאנען אין דעם, וואָס ער האָט זיך איינגערעדט, אז ער מוז געפינען זיין מוטער. ער מוז זי ווען־ניט־איז דערזען, זי וועט אים אומגעריכט אנטקעגן קומען אין זיך צו אים דערקענען. ער פלעגט ארומגיין א דולער: אין יעדער אומבאקאנטער האָט ער געגלייבט זי צו באגעגענען. אין א יינגער — ווען ער איז נאָך יונג געווען, אין אן עלטערער — ווען ער איז שוין עלטער געוואָרן: אין ס'איז דערגאנגען אזוי ווייט, אז ער האָט אייניקע מאָל אפילע גאנצע רייזעס פירגענומען אהין, אין די ערטער, וווּ זיין געבורטס־שטאָט איז געלעגן. ער האָט פון ארום, בא וועמען נאָר מעגלעך, אף איר זיך אָנגעפרעגט, זיך געלאזט געלט קאָסטן, אז אנדערע זאָלן אים העלפן זוכן, און ס'איז אים ניט געלונגען, און נאָך יעדער אזא־אָ רייזע האָט ער זיך צוריק צו זיין אָרט אומגעקערט א צעבראָכענער, אן אויסגעשעפּטער, און, ווי פון א הויך אָרט אין א מאָל אראָפּגעוואָרפן, איז מיט זיין גאנצן זעקל מידע ביינער אף א לאנגער צייט אזוי ליגן געבליבן, ביז ס'איז אים איבערגעגאנגען, ביז ער האָט ווידער, אזוי־אָ ליגנדיק, קויכעס אָנגעזאמלט, און ביז ער האָט זיך ווידער פון יענעם טרוים אָנגעפילט, און גענומען גלייבן צו קענען אים פארווירקלעכן, — אין דעמאלט האָט ער זיך ווידער אף זוכעריי געלאָזט.

אזוי עטלעכע מאָל, ביז ער האָט זיך אינגאנצן מיאועש געווען און פון יענע זי פארגעסן... און דעמאלט איז אים די צווייטע שלאַפקייט אונטערגעקומען, יענע, וואָס איז אים נאָך אין זיין פריסטער יוגנט באפאלן, ווען ער האָט

דאָס ערשטע מאָל, ווענ מע האָט אינ זײַנ ײִדנס שטוב פונ זײַנ יערושע גע-רעטמ, — געבראָכנ, ס'האָט זיכ אימ איצט אָפּגערופנ מיט אזא שטאַרקײט, מיט אזא קראַפט, אז אַלצ, וואָס האָט אימ א מינדסט נאָר דערמאָנט אינ דעמ, האָט בײַ אימ אַרויסגערופנ דאָס זעלבע, ווי דעמאָלט.

דעמאָלט האָט ער אויכ א ציטער אונ א שווערע געגעבנ, פונ זײַנ אייגנס, וואָס ער האָט אצינד, אינ וואָס ער וועט אמאָל נאָר האָבנ, זיכ אָפּצוזאָגנ. דערפונ קיינ האנגאָע ניט האָבנ, — ניט נאָר די האנגאָע פונ פאַר זיכ אַלײנ דאָס אייבציניצנ, נאָר אויכ אפילע פונ דער האנגאָע אונ אנדערנ דערמיט גוטנ צו טאָנ. ער האָט ניט געקאָנט פאַרלירנ, ווענ קאָפּצאָנימ ווילנ זיכ ווענ באַ-גליקמ, אַרומ פונ זייער שטאַנד אינ איבערגיינ צו א העכערנ, צו א מײַר גליקלעכנ.

דעמאָלט אויכ האָט ער זיכ אינמיטנ לעבנ געבראָכנ. ער האָט, לויט זײַנ דערציִונג אינ קעגמעניש, וואָס ער האָט ביז דעמאָלט שוינ געהאַט דערוואָרבנ, געקאָנט גײנ אינ וועג, וואָס פאַר אזוינע, ווי ער, איז אויסגעטראָטנ — א לערנער צו זײַנ אונ זיכ פאַרייניקנ צו יענע, וואָס פונ לערנענ מאַכנ זיכ די מעלאָכע, ווי א ראָוו אאַ.; ביפראַט ער, וואָס האָט נאָכ דערצו א היפּשנ פאַר-מעגנ געהאַט, וואָס דערפונ אונ פונ לערנענ, ווי באַוווּסט, לאָזט זיכ היפּש מאַכנ אונ זיכ נאָר הויכ אַרויפרוקנ.

ער אָבער האָט ניט אזוי געטאָנ. ער האָט זיכ, פאַרקערט, שטאַרק נידע-ריק אַראָפּגעלאָזט. ס'האָט אימ עפּעס א צי געטאָנ אַראָפּ, דערצו האָט זיכ אימ א צעבאַל געמאַכט — א כאַוועד, ווי ס'מאַכט זיכ, וועלכער האָט אימ דעמ וועג אהינ געוויזנ, אונ ער חייסט אלײנ ניט, וויאַזוי — ער האָט דאָס קימאַט ניט באַמערקט, גלײַכ ס'וואָלט מיט אימ געשענ אינ שלאָפּ, אינ א חאָלעמ — נאָר מיטאמאָל האָט ער זיכ דאָרט געטראָפנ.

— ווּ? — דאָרט, ווי אזוינע פונ זײַנ שטאַנד אונ פונ זײַנ לאַגע פּרעטנ זעלטנ; צווישנ אזוינע, וואָס זעלטנ, אז אזא, ווי ער, פונ אזא הויכנ גראַד, פריער באַמ זײַנ, דערנאָכ אפילע בײַ די אָפּעקונעמ זײַענדיק — קאָנ זיכ נאָר פאַרשטעלנ, אז אזוינס איז ווי אונ ווענ נאָכ מעגלעכ... „שאָפּל האַמאַהרייגע“ [1] איז ווייניק צו זאָגנ. נײנ, נידעריקער פונ נידעריקנ...

— וויאַזוי ער קומט אהינ אונ פאַרוואָס ער האָט זיכ א שטיק צײַט דאָרט אויפגעהאַלטנ? מעגלעכ דערפאַר, וואָס דאָרטנ האָט אימ קיינמאָל קיינער ניט געקאָנט אויסוואַרפנ דאָס, פונ וועלכנ ער האָט, צווישנ זײַנ גלײַכנ זײַענדיק, פריער, אמאָל אזוי שטאַרק געליטנ. ניט אויסוואַרפנ — ערשטנס, דערפאַר, ווײַל קיינער האָט זיכ מיט זײַנ פאַרגאַנגענהײט, מיט זײַנ שטאַמ אונ ייִכעס ניט אינטערעסירט אונ זיכ ניט נעוואָלט דערוויסנ, אונ ווענ אפילע יאָ, ווײַנע אזוינע זאַכנ צווישנ יענע נאָר א קלײנער פּסול געווענ, ווײַל דאָרט זײַנענ אַלע אזוינע. אונ דאָרט האָט מענ געזענ אויכ פיל ערגערס... מעגלעכ דערפאַר..

1 נידעריקע שטופע.

ווי ס'זאָל ניט זײַן, נאָר ער האָט זיך דאָרט געפילט פרײַ, אויפגעבונדן און אָן אַלע יענע צווימען, מיט וועלכע די גאַנצע וועלט, אויסער יענע, צווישן וועלכע ער איז אַרײַנגעטראָטן, פילט זיך געשפּאַנט אין זיי, געצוימט און געבונדן הענט בענעגייע מענטש צו מענטש, הענט בענעגייע מענטש צו גאָט.

ער האָט זיך געפילט אַזוי, אַז צווערשט האָט אים ניט געאַרט צו ווערן אַ מעשאָרעס אין אַ ווינשענק, וווּ פּאָשעטע פּויערים און געוויינלעכע שמאָלבײַט בײַ אַ קריסטלעכער באַפעלקערונג פלעגן טרינקען, וווּ מע פלעגט זיי אויס-טרענצלען אין שיקרעס ביז לעצט, בײַ דער באַלעבאָס פון ווינשענק אַליין, בײַ איין די באַדינער, וואָס האָבן זיך פאַר קיינע פאַסלאָגנעס ניט אָפּגעשטעלט, פאַר קיינע מיעסקײַטן ניט, אַפילע ביז גנייווע...

ס'האָט אים אויך ניט געאַרט דערנאָך, נאָכן שענק, מיט איניקע פּאַרשוי-נען אַרומצינגיין איבער די הייפן, וווּ איינער האָט געשפּילט אַף אַ פידל, און ער — אַף אַ פּייק, אַף וועלכן מע האָט אים אין אַ קעלער-לאָך-קאָמפּאַניע אויסגעלערנט און מיט אים לאַנג אויסגעשטודירט. ער איז אומגעגאַנגען מיט זיי און אויך מיט ניט-יידן-קאָמפּאַניאָנען, מיט ווענגערס, מיט מאָלדאַוואַנעס און אַנדערע, פרוער נאָר אין זײַן געבורט-לאַנד, דערנאָך אויך גרענעצן גע-שמוגלט אין אויך און פרעמדע לענדער זיך אומגעשלעפּט.

ס'איז געווען סאַמע אין ברען פון זײַן יוגנט. און פאַרשטענדלעך, אַז „צ' אַכצן יאָר — צו כופּע', ווי ס'איז אָנגעזאָגט און געבאָטן צו מענטשן, וואָס לעבן אין געוויינלעכע אָנגענומענע ווײַזן און אײַנגעשטעלטע שטייגער, האָט ער שוין ניט איבערגעפילט. ער האָט שוין געלעבט און זיך איבערגעפירט, ווי יענע, וואָס ווײַנען אַזוי ווײַט פון שטייגער, און וואָס קיין שום פאַרבאָטן האַלטן זיי ניט אָפּ און שטייען זיי אין ווער ניט... ער האָט אייביק געגייען אַף אַלץ, אַף וואָס פאַר אַן אויסוועג נאָר ס'איז אים צו דער האַנט געקומען, ביז די ערנסטע דאַרבסטע, ביז אַזוינע, וואָס ס'איז ניט קיין אַפילע פאַרן מויל צו ברענגען.

ער האָט דערפילט אַזוי ווײַט געהאַלטן, אַז ער האָט שוין אַפילע ניט גע-דענקט קיין אַוויירעס פאַר אַוויירעס. ער האָט אַלץ געטאָן אַזוי ווי אין אומ-שולד, גיישט טראַכטנדיק און גיישט געדענקענדיק אַפילע דערבײַ, אַז אַנדערע פלעגן אַנדערש, און אַז ער איז נאָרוואָס אַוועקגעגאַנגען פון אַ טײַרע, און וועלכער ער האָט שוין זייער ווײַט געהאַלטן, און וואָס ווײַזנדיק און האַלטנדיק זיך בײַ איר, האָבן אים קיינמאָל אַפן זינען ניט געקאָנט קומען, אַז אַזוינס, וואָס ער טוט איצט, איז נאָר מעגלעך און איז אין מענטשלעכן געדער.

מיט איינעם וואָרט, ער איז ווײַט פאַרגאַנגען, אַזוי ווײַט, אַז ווען ער האָט איינמאָל, נאָך זייער אַ שענדלעכער מײַסע, זיך געכאַפּט, האָט ער די מוטער זײַנע אַף צוריק ביז אין זײַן געבורט-אָרט פאַרשאָלטן, און אַף זײַנע ליפּן זײַנען אים געקומען יענע ווערטער, מיט וועלכע דער זיידע פלעגט אים אין דער יוגנט, ווען ער פלעגט זיך צו אים אַמאָל אין שטוב אַרײַנשטעלן, באַגע-גענען, — די ווערטער: „מאַמזער“... „מאַמזער בען האַנידע“...

יאָ, ער מוז זיך מודע זײַן, אַז די גאַנצע יענע צײַט האָט ער קעסיידער

געפילט עפעס ענלעכס אפ דעמ, פאר וואס דער זיידע זײַנער פלעגט, אימ דערזעענדיק אמאל, אימ ווי נימ וועלנ דערקענענ אונ נימ וויסנ, — דאס מיינט ער דאס, וואס האט אימ מעגלעכ געמאכט מיטאמאל אזוי שארפ, אזוי אומגעריכט אונ אזוי געוואלדיק אנ כאראקטע איבערײַסנ מיט זײַנ אלעמ פארגאנגענעמ, געלערנטנ אינ דערוואָרבענע מידעס אונ אנ שומ צאר אונ ווי אפ אט דעמ ווילדנ ווינ פארקערעווענ. — דאס מיינט ער דאס, וואס איז אימ געקומענ, געוויס, אדאנק זײַנ אפשטאמ אונ געבורט-בלוטנ.

ער האט אויכ געפילט, אז ער דארפ מיט עפעס אט דעמ פארקערעוודיע באטרעכטיקנ, אונ באטרעכטיקנ קאנ ער אימ נאר דערמיט, וואס ער וועט וואס ווײַטער, אלץ מער אינ זײַנ איצטיקער לאגע זינקענ, זינקענ ביז אריבערנ האלדז אונ אויגנ, אזוי, אז ער זאל אפילע נימ געדענקענ, אז ער איז ווענ אמאל נאר אינ אנ אנדער לאגע געווענ.

אונ אזוי האט ער מאקע געטאנ. ביז... ער האט זיכ געכאפט... אונ אזויווי ער ווייסט נימ, וויאזוי ער איז געקומענ צו זײַנ יערידע, וויאזוי ער האט פלוצעמ אינ אומגעריכט פאר זיכ אליינ אראפגענידערט, אזוי ווייסט ער אויכ נימ, וויאזוי ער איז צוריק צו זײַנ פריערדיקנ שטאנד ארופ.

ער ווייסט נאר, אז מיטאמאל, אינ איינעמ א טאג, האט ער מיט אלע זײַנע יענע באוויירימ-לײַט פארענדיקט אונ איז ווידער ארופ אויבנ. ער איז געקומענ צוויש די זעלבע, פונ וועלכע ער איז פריער מיט א שטיק צײַט געטראט אויער. אינ די גאנצע צווישנ-צײַט, וואס ער האט פארבראכט, ווי נימ געהערט צו זײַנ, זײַנענ זיי אימ, ווי פונ זינענ ארויס, אפגעמעקט געווארנ.

ס'איז אפ אימ נימ צו זענ געווענ קיינ פלעק, קיינ מינע אונ קיינ האוויע פונ דארטנ, גלײַכ ער וואלט דארט גאר קיינמאל נימ געווענ, גלײַכ קיינ היימישער, קיינ איינענער קימאט. אונ נישט נאר קיינ פרעמדע האבנ דאס נימ באמערקט, נאר אפילע ער אליינ — נימ. ער האט גלײַכ געגומענ רייזנ צו די, צו וועלכע ער האט זיכ איצט אומגעקערט, מיטנ זעלבנ לאשנ, ווי ער האט גערעדט פריער, איידער ער האט זיי פארלאזט. אזוי, אז קיינער האט זײַנ אפוועזנהײַט פונ דער צווישנ-צײַט נישט בוויסעד געוווענ אונ זײַנ מינדסטע שפּעכעס-האבנ נאר צו אנדערע, צו אזוינע, וואס ווענ מע ווייסט, וואלט מענ אימ זיכער אפ קיינ שוועל נימ געלאזט אונ קיינ מינדסטע מאגע-מאסע מיט אימ נימ האבנ.

באזונדערס האט מענ נימ באמערקט דערפאר, ווײַל אז ער האט זײַנ קאמפאניע פארלאזט, האט ער זיכ נימ אומגעקערט מאמעש מאקע אהינ, פונוואנענ ער איז, אפגייענדיק, צו זײַנ קאמפאניע אנגעקומענ. ניינ, ער האט אינ א ווילד-פרעמדער שטאט אויסגעוואנדערט, זיכ אוועקגעלאזט, — אינ אנ ארט, וו מע קענ אימ נימ לאכלוטנ, וו קיינ סימענ פונ זײַנ ווגנטלעבער אונ שפּעטערער פארגאנגענהײַט איז נימ געווענ אויסצוגעפינענ; אונ דארט, אזוינוי קיינער האט נימ געוווסט פונ אימ, איז ער גלײַכ אופגענומענ געווארנ, ווי א גלײַכער צווישנ גלײַכע, ווי א גוטער לערנער, וואס האט זיכ נאכ דערצו אויכ

זייער גוט געהאלטן, לײַטיש זיך געפֿירט, קיין סימנים ביז ניט ארויסגעוויזן, קיין סימנים פֿון אנדערש רעדנקען אָדער אנדערשדיקער אויפֿירונג, אזוי אז ס'איז אויך ניט געווען קיין סיבה פֿאר אן אנדער באציונג צו אים, ווי צו אלע אנדערע.

שפּעטער א ביסל האָט ער זיך אָבער ווידער א גלימיש געטאָן. ער האָט באמערקט, אז א מין צולאָכעס וואקסט אין אים, וואָס קומט אים אָפּ צום גאָרגל, ווארגט אים און צווינגט אים, ער זאָל ארויס פֿאר אלע די, וואָס האלטן אים פֿאר איינעם פֿון זיי אלע — ארויס מיט ווערטער אָדער מיט מעשים קעגן פֿיל פֿון דעם, וואָס פֿון זיי איז אָנגענומען און פֿון דור-דורות פֿאר הייליק געהאלטן.

מ'האָט אים, נאטירלעך, גענומען רודפֿן. ער האָט זיך דערום אויך אפֿן ניט גרינג ניט געהאלטן. גענומען וואנדערן, און אומעטום, איבעראל וווּ ער איז געווען, אָפּגעשטויסן זיך געפֿילט אין אזוי שטארק געטרויעט, אז אין איינציקע ערטער איז עס מיט אים דערגאנגען דערצו, אז מ'האָט זיך בענגיי אים געשטעלט, ווי צו איינעם א פֿארשוין, א שטיק ווילד-פֿלייש, ווי צו א מין בעל-שער און באטריבער פֿון קאָהאָל, וועלכער רײַסט מיט זײַן עמונע און גייט איבער צו אן אנדערער, אין ער באגייט זיך ניט דערמיט, נאָר ער פֿארמאָכערט נאָך די זײַן-גלייביקע צו די פֿרעמדע, וועג קאָהאָל איז דעמלט אים „מאמעדראַם", מאכט זײַן בלוט העפֿקער, אז ווער ס'וויל, קאָן מיט אים טאָן, וואָס ער וויל, אפֿילו ביז הארגענען.

יאָ... ס'איז שוין בא אים דערגאנגען אויך ביז מעסירע. ער איז פֿאר דאָס אויך דערגאנגען דערצו, אז ער האָט שוין אמאָל אויך צו א גאלעך ארײַנגעטראָפֿן און מיט אים גאָר נאָענט באקאנטשאפֿט פֿארפֿירט. אזוי, אז ס'האָט שוין אפֿילו געהאלטן דערבײַ, אז זײַנע ייִדנס מוירעס, וואָס איבער זיי האָט ער אים געוואָלט מאַזער נאכלע זײַן, פֿון יערושע אָפּזאָגן, האָבן שוין שיר ניט געהאלטן בא מעקויעם ווערן.

אין דער לעצטער מינוט אָבער האָט ער זיך געכאפּט אין איז פֿון דערשרעק אוועק צום הייפֿעך: צו גרויסע און צו באוווּסטע ראבייִשע הויפֿן אין יענעם קאנט, ווו ער האָט זיך דעמלט געפֿונען; ער האָט היפּש דאָרט פֿארבראכט, געטאָן אלץ, קעדיי צו קאָנען צושטיין צו יענע, וועלכע וואַרעמען זיך ארום יענע גלויבנס-פֿײַערן, געוואָלט מיט אלעמען באגלײַך זײַן, ניט איבערצוקלערן און ניט צו באמערקן דאָס, וואָס קיינע גלויביקע באמערקן ניט.

ער האָט אָבער ניט געקאָנט. ער איז אויך פֿון דאָרט — פֿון איציקע הויפֿן גאָר מיט ביזאָיען און פֿון אנדערע נאָך מיט ערגער — פֿאריאָגט געוואָרן. און אין א לעצטן הויף האָט מען אים גאָר פֿאר א מעשוגענעם געמאכט. ווען ער האָט איינמאָל דאָרט א ווילדע אוולע איינגעזען, וואָס קעדיי צו טאָן דעם רעבן פֿון הויף א געפֿעליקײַט, האָבן פֿיל אָנגעזעענע און באוווּסטע ראבאָנים א בעפֿיירעשן דין געפֿעלשט, אים פֿארדרייט און אים אויסגעטײַטשט, ווי ער האָט זיך בעשומויפֿן ניט געלאָזט אויסטײַטשן, און אז ער האָט זיך ארײַנ-

געמישט, זיכ געשטעלט אונ מיט טויזנטער רײַעס באַװיזנ דעמ הײפּעכ אונ ארויסגעפירט אפ דער שײַנ די פעלשונג, האָבנ די מעקוראָװים, די אײגענע פונ הײמ אונ פונ רעבנ, קײנ אנדער אײַצע אונ מיטל ניט געפונענ, װי גאָר אימ פאר מעשוגע מאכנ. אונ מע האָט אימ מאקע געמאכט: ער איז א שטיק צײַט א געבונדענער, מאקע װי מעשוגע, אינ א פינצטערער קאמער ערגעצ אָפּגעלעגנ.

ער איז אויכ פונ דאָרט אװעק. ער איז שוינ דעמאָלט עלטער געװענ. אָבער קײנ שטוב האָט ער זיכ ניט געבויט: ניט כאסענע געהאט אונ קײנע קינדער; יאָ כאסענע געהאט אונ זיכ געגעט; פארשײדענע פארנאָסעס געהאט אונ זײ אָנגעװאָרנ; פארשײדענע מעלאָכעס זיכ אויסגעלערנט אונ זײ פארלאָזט. אונ װאנדערלעכ, פאר דער גאנצער צײַט איז אימ קײנמאָל אפנ געדאנק ניט געקומענ צו ברעכנ זײַנ נײדער בענעגײַע זײַנ געלט. נאָכ מער: ס'איז אימ ביזלאָל אפנ געדאנק ניט געקומענ, גלײַכ ער האָט דאָס גאָרניט געהאט, ניט פארמאָגט. ער פלעגט דאָס מיט זיכ נאָר פונ שטאָט צו שטאָט אומטראָגנ, אונ װוּ געקומענ, פלעגט ער דאָס אפ א זיכער אָרט אװעקלײגנ, באַװאָרענענ אינ שוינ — פויט, מער האָט ער דערפונ ניט געדענקט, גלײַכ װי פונ א זאכ, װאָס איז גאָר אפ דער װעלט ניט בענימצע.

ער האָט די גאנצע צײַט אויכ אלעמאָל געפרוּװט זוכנ אנ אײנעמ, װעמענ ער זאָל זיכ פארטרויענ, פאר װעמענ ער זאָל זיכ קאָנענ אויסרײדנ, אָבער צו װעמענ ער איז ניט צוגעגאנגענ, װעמענ ער האָט ניט פארנ פארטרויענסמאנ אויסגעװײלט, איז ער יעדעס מאָל אװעק פונ יענעמ אנ אנטוישטער, א האלבצעבראָכענער. װײַל באלד נאָכ דעמ, װי ער האָט נאָר מיט א מינדסטנ װענג זײַנ אָפּשטאמ דערמאָנט, אזוי האָט יענער אפ אימ שוינ געקוקט װי אפ א קרעציקנ, װי אפ אזא, װאָס איז א געפאר צו שטײנ לעבנ אימ, װאָס מע דארפ זיכ פונ אימ װאָס װײַטער האלטנ אונ דאָס לײַב אונ די זעל פונ אימ אָפּטראָגנ.

ער האָט זיכ דערומ פארשלאָסנ, אָפּגעזונדערט פונ צו מאָנ האָבנ מיט װעמענס ס'איז, אינ דאָס אײנציקע, װאָס ס'האָט נאָכ װענ אינ דרינ פאר אימ א שטיק ברײעס געשמעקט, איז געװענ — אמאָל אינ דער שטיל אונ אמאָל אינ דער הײכ זיכ אָפּשעלטנ.

אונ דעמאָלט איז אימ די דריטע שלאפקײַט אונטערגעקומענ. דאָס מײנט ער אימ, יענעמ, דעמ פארשוינ זײַנעמ, א מינ דיבעק, װאָס ער האָט אימ אמאָל בא זײַנ טיש זיצנדיק, בײַכ א סודע פראַװענ, זיכ אנטקעגנ זיצנ געטראָפנ. א פארשוינ, אנ אָפּגעריסענער, א באָרװעסער, װעלכער האָט אימ דערמאָנט אינ אײנעמ פונ יענע, מיט װעלכע ער האָט אמאָל אינ זײַנ העפּקער־אינ יערידע־צײַט צו מאָנ געהאט.

ער האָט זיכ אימ אומגעריכט באַװיזנ, אונ ער, סרולי, האָט, אימ דערזעענדיק, זיכ די אויגנ געריבנ, זענ, צי זעט ער אימ מאקע בעעמעס. אונ אז ער האָט זיכ איבערצײַגט, אז יאָ, האָט ער זיכ צוערשט שטארק דערשראָקנ,

ער האָט אויסגעשפיגנ, ווי מע שפייט אפ א שלעכטער אויסווייזעניש, אָדער נאָכ א וויסטנ כאָלעמ. אָבער יענעמ האָט דער שפײַ גישט אויסגעמאכט, ער איז רויִק געבליבנ, ווי געווענ, די ערשטע מינוטנ נאָר געקוקט אפ אימ אינ געשווייגנ, דערנאָכ שוינ מיט אימ אויכ א געשפרעכ פארפירט אונ באמיעלעכ-באמיעלעכ זיכ צו אימ אויכ אינ כאווערשאפט אײַנגעקויפט.

פונ דעמלט אָנ טרעט יענער ניט אָפּ פונ אימ, האלט זיכ מיט אימ אײַנ-גענעמ, טיילט מיט אימ דאָס ביסל, ווי דאָס שלעכטע, אינ ער, סרולי, איז שוינ אזוי צוגעוווינט צו אימ, אז ווענ ס'גייט אוועק א צײַט אונ יענער איז ניטאָ אינ ווייזט זיכ ניט, גייט ער אימ שוינ אָפּ, בענקט ער שוינ נאָכ אימ, אינ באדערפט, ער, סרולי, זוכט שוינ איצט נאָר יענעמס כאווערשאפט.

יענער האָט אימ פאר דער צײַט אפ פארשיידענע גראנקענ ארומגעפירט, פארשיידענע זאכנ אימ פירציִעמענ באגעלייגט, אמאָל גלײַכע, אמאָל קרומע, אונ אײַנער א לעצטער געדאנק זײַנער איז דער, — ער זאָל זיכ איצט צו לו-זיכ באווייזנ אונ זיכ אויסריידנ.

פארשטענדלעכ, ער, סרולי, ווייסט, אז ס'איז מער גישט, ווי א קרענק, אונ אז אפ קיינ קרענק בויט מענ ניט אינ מע מאכט דערפונ קיינ ווענ, אָבער אינג איז ער יענעמ דאנקבאר דערפאר, וואָס ער האָט אימ גיט געלאָזט אליינ, האָט אימ אָפּט געווערט, געשטיטסט, אינ דאָס האָט אימ גע-בראכט דערצו, וואָס ער איז איצט אויכ צו אימ, צו לוזנ, געקומענ, ווי גע-זאָגט, אפ זיכ איבעררייד, אינ דאָס, וואָס ליגט אימ אפנ הארצנ, ארויסברענ-גענ, אינ אימ זאָגנ פאָלגנדיקנ:

— ער ניימיקט זיכ אינ „ביזעק", אינ עמעצנס אָנהאלט... ס'איז איכ שווער אויסצוגיינ מיט א פארשנורעוועטנ בײַטל אינ געשעמע. ער האָט שוינ די לעצטע צײַט פיל געטראכט וועגנ מאמער-גיידער זײַנ זיכ, דאָס געלט ארויסצוגעבנ; מעגלעכ, נאָר צוליב זיכ, מעגלעכ, אויכ צוליב אנדערע, — ער ווייסט אליינ גיט. צוליב וואָס. ער וואָלט דערויף געוואָלט לעבנ א שטארקייט פונ זײַנ שטיינ, פונ א שטארקערנ זיכ קאָנ אײַצענ אינ אָנבירנ, אינ אינא-שטאנדיקנ. טאָ ער זיכ מאמעריע זײַנ, האָט ער איצט אינ אימ, אינ לוזנ, געפינענ. ער וויל זיכ איבערגעבנ מיט אלצ, וואָס ער האָט, אפ וואָס יענער וועט גאָר ווענ, אפ וועלנ יענער וועט אימ פירנ — אפ גלייבנ, איז אפ גלויבנ, אפ גיינט — איז גישט, ס'טעווענדט זיכ אינ יענעמ. ער פילט, אז אויכ גישט קאָנ ער, מעגלעכ, ווידער ערגעצ שלעכט פארדינב — מעגלעכ אינ שיקרעט. אינ ער מוז זיכ ווידער מוידע זײַנ, אז די לעצטע צײַט האָט ער זיכ שוינ פארענ א ביכל דערלויבט אינ אויכ מאמער-גיידער געווענ צוליב שיקרעס...

* * *

מיר ווילנ זיכ דאָ ניט פארהאלטנ, קעדיי אויספירלעכ צו דערציילנ, וואָס ווייזט האָט, נאָכ דעמ ווי ער האָט דאָס אלצ אויסגעהערט, אפ סרולינ געקוקט, וואָס ער האָט אימ געענטפערט: צי פארשיינג, צי געטרייסט, צי אימ א גע-

היבע ריכטונג אָנגעוויזן, ווי ס'פירט זיך אין אזוינע פאַלן. דאָס אלץ גייט אונדז איצט ניט אָן, און ניט דאָס איז אונדז געווען דער איקער אינעם אַלעם אויבן דערציילטן.

ס'איז אונדז גענוג נאָר צו דערמאָנען, אז באַלד נאָך אָט דעם געשפרעך, ווי די לייענער געדענקען, ווען מע האָט נאָך לוזין פון מוישע מאַשבערס געשטיבל א מענטשן ארויסגעשיקט, אים רופן צו טיי־טרינקען, האָט ער אומגעריכט פאר אלע אין געשטוב דעמאָלט צוזאמען מיט סרולין זיך באוויזן, מיט עפּעס צונויפגערעדטע, האַלב אייגענע און ווי מענטשן צו איין דייע; אזוי אז דער ביזונדער מוישע, ווי מע געדענקט, האָט דאָס גלייך באמערקט און האָט געהאַט דערפון גרויס ערגעניש, און דאָס איז אויך מעגלעך א שטיק סיבה געווען צו דעם קריג, וואָס איז דערנאָך אויסגעבראָכן צווישן די ברידער, — איז אָט, דאָס געדענקענדיק, וועט מען זיך שוין קאָנען פאָרשטעלן און אויך א געוויסן סימען האָבן, אז אלנפאלס, איז סרולי פון לוזין ניט אָפּגעשטויסן געוואָרן, ווי פון אנדערע, אז א געוויסן טייל מיטגעפיל האָט ער בא אים זיכער יאָ געפונען; אָבער צי האָט ער אים אף לאנג צו זיך צוגעבונדן, צי נאָר אף קורץ, צי אף א גרעסערער ווירקונג, צי נאָר אף א דערווײַליקער, אף א קלענער — וועלן מיר שפּעטער זען, און פון דער ווײַטערער דערציילונג, צו וועלכער מיר קערן זיך גלײַך אום, זיך איבערצײַגן.

## VII

# אַפ „פּונטשיכטער יאַריד"

**א**נ אַנדערשטמאָל וואָלט שטאָט פונ אָט די גנימ פיל גערעדט. אַ קליינ־קנעכט! דער באַרימטער לוזי מאַשבער, דער, וועלכער האָט געקאָנט זײַנ דער שמאָלצ אונ דער מוסטער בא יעדער בכבודיקער אידע, צו וועלכער ער וואָלט צוגעשטאַנענ, אפילע צו די פּאָרנעמסטע אונ באַוווסטע, האָט זיכ אַזוי אומ־געריכט א בייג געטאָנ אונ זיכ אַראָפּגעלאָזט גאָר צו אַזוינע, וואָס האָבנ קיינ מינדסטנ אָנזעענ, הענג מיט זייער נישטיקער צאָל, הענג מיט זייער, מישטיינב־געזאָגטנ פאַרגעט, — צו יענע, וואָס קיינער דערמאָנט זיי אפילע ניט, אונ ווענ יאָ, איז מיט בימל אונ פאַראַכטונג, ווי פאַרשטענדלעכ צו אַזוינע, וואָס קאָהאָל האָט זיכ פונ זיי אַזוי דערווײַטערט, אַז כסידישנ אוילעמ איז קימאַט פאַרוועדט מיט זיי זיכ מעשאַדעכ צו זײַנ.

א קלייניקײַט — לוזי בא די בראַסלעווער! וואָס דאָס האָט אימ שוינ, צומ אַלעמערשטנ, געבראַכט מיט זײַנ ברידער מוישעג איבערצוירנבנ. אַזוי איבע־רײַסנ, אַז די שטאָט האָט קימאַט קיינמאָל אַזא פאַל ניט געהערט, אַז אַזוינע ברידער זאָלנ זיכ אַפ אַזא ניט־ברידערישנ אופנ צעגייענ; אַפ אַזא אופנ, אַז איינער, דער יונגערער, מוישע, זאָל דעמ עלטערנ אַזוי פּונקייע בעקאָוועד זײַנ, אונ דער עלטערער, לוזי, זאָל, פונ זײַנ זײַט, דעמ יונגערנ אַזא בימערנ ביזאָ־יענ אָנטאָנ פאַר שטוב־אייגענע, פאַר פרעמדע אונ פאַר גאַנצ שטאָט, וואָס האָט זיכ דערנאָכ דערוווּסט, זיכ געמוזט דערהערנ, אונ זאָל אימ זײַנ שטוב פאַר־לאָזנ פּליוצעמ, אינמיטנ באַנאַכט, ווי איינער, וואָס פאַרלאָזט א כורווע, וועל־כע האַלט אָט באַלד באַט אײַנפאַלנ.

כ'איז דאָכ ניט געהערט געוואָרנ! דערצו נאָכ, ווי מע האָט איבערגעגעבנ, בעשיטפעס אונ צוזאַמענ מיט יענעמ פאַרשוינ, מיט כרולינ, וואָס קיינער האָט קיינמאָל קיינעמ ניט געזענ מיט אימ ווענ־כ'איז־ניט־איז צוזאַמענ גיינ, אָדער וואָסער־ניט־איז אייסאָקימ האָבנ, קיינ כאַווערשאַפט ניט שליכנ אונ פריינט־שאַפטלעכ מיט אימ אַפ קיינ איינ כמעוושקע ניט שטיינ, אונ דאָ — נאַ דיר

נאָר פֿרײַנט איז ער: קיינער ניט, אינ ליווי יאָ! אינ נאָכ אזוי נאָענט, אזוי צוזאַמענגעוואַקסנ, אַז ליווי האָט זיכ פֿאַר זײַנ האָזער אײַנגעשטעלט, אונ האָט באַווײַזנ אימ מיצאַר זײַנ ברודער מוישע האָט אימ פֿאַר אַנ אויסרייד אינ ביכע געדריט מיטנ ברודער זיכ צעגיינ אונ ביט סרולינ זיכ צוגעשפּיגנ.

באַזונדערס וואָלט זיכ אַנ אַנדערשמאָל שטאָט צערעדט, אונ איר פּאַנטאַזיע וואָלט זיכ צעשפּילט, געווינע ווערטעריכ נאָכ אזא מײַסע, ווי די מײַסע מיט סרולינ געלט, וואָס האָט זיכ בא אימ באַוויזנ.

איצט, אײַב איצט האָבנ די, וועלכע האָבנ זיכ דערפֿונ דערוויסט, צוגערעדט זיכ ניט געגלייבט. אָבער אַז שאָלעמ-אַרנ האָט „שטײַענדיק אינ מאַלעס-אונ-פּנימ אינ שיל, פֿאַר אַנ אײַדעלע ייִדנ, פֿאַר מענטשנ, וואָס קענענ אימ פֿונ לאַנג פֿאַר דעמ, וואָס ער איז, אָנגעזאָגט, פֿאַר ניט קיינ איבערטראַכטער, קיינ ליגנער, — אַז שאָלעמ-אַרנ האָט פֿאַר אַנ אײַנג ייִדנ אינ מאַלעס-אינ-פּנימ שטײַענדיק, זיכ געשוווירנ: „ער זאָל אזוי זײַנ אַלעמאָל גוטס, ער זאָל אזוי דערלעבנ מאַטיניגנ, ווי ער האָט אַלײַנ געזעענ בא ייענעמ א פּאַק באָוועל, אזא, וואָס מע קענ בלויז גרייטנ געלט זעלטנ, אזא, פֿאַר וועלכנ מע וואָלט ליגט אײַנ, שאָלעמ-אַרנעג, א האַלבע שטאָט אַרעמע מיידלעכ געקאָנט באַשטעלנ כאַסנ"; אינ ביטראַכט נאָכ, ייִענ שאָלעמ-אַרנ האָט דערצו מיט אַלע פּראָטימ דערציילט וואָס ביי סרולי איז צו אימ אינ שענק אַרײַנגעקומענ, ווײַל ער האָט אויסגעטרונקענ, אונ אַז ער האָט די גאַנצע צײַט גערעדט צו זיכ אַלײַנ אינ אַז ער האָט אַלץ בא זײַנ מיטשאַרעס נאָכמאָלע פֿאַר אַרויסגערופֿנ — האָט שוינ קיינער ניט געצווייפֿלט. מע איז די ערשטע מינוטנ ווי אָנ לאָשנ געבליבנ, נאָכ איבערגעריכט, דערנאָכ האָבנ זיכ האַשאָרעס געגעבנ שיטנ, איינע אוימגלויבלעכער פֿונ דער אַנדערער, איינע פֿאַנטאַסטישער פֿונ דער אַנדערער. געמיינט האָבנ זיכ געגלייבט, קויפֿ זיכ געבראַכט, ייִבנדיק באַשייד פֿאַרדעמ, וואָס דער אייגענער, דער גרעסטער פֿאַנטאַזיאָר אפֿילע, וואָלט זיכ קיינמאָל אײַנגע ניט פֿאָרגעשטעלט, ניט אויסגעפֿאַנטאַזירט.

— נא דיר נאָר אזא זאַכ! אזא פֿאַרשײַנ, ווי סרולי, מיט געלט! אונ ביט נאָכ אַרײַנגעזעצט! פֿונ וואַנעט? פֿונ וואָנ? ווי האָט זיכ עס צו אימ גענומענ אינ פֿאַרוואָס האָט קיינער קיינמאָל ביז אַהער אפֿילע קיינ מינדסטע אַנונג ניט געהאַט װעגנ דעמ?..

אַנדערע האָבנ זיכ אײַב געטיט אַרויסצינעפֿינענ א געווינ צוזאַמענהאַנג צווישנ די צוויי מײַסעס — מײַסע ליווי אינ מײַסע סרולי. ביטראַכט, אַז אינ איינ אינ דער זעלבער צײַט ייִענע ייִ האָב פֿאַרלוירענ, זיכ געטראָפֿנ, אונ אינ ייענעמ מאָל מאַכע ייִענע זיי זיכ צונויפֿגעקלאַפּט—האָט דאָס דאָכ אזארע געדרייט אונ אינ קאָפּ זיכ געבויגנ.

אַנ אַנדערשמאָל, וואָס מיר, וואָלט אָט די גאַנצע שטאָט איבערגעטאָמט. די שטאָט וואָלט פֿונ דעמ פֿיל גערעדט, דאָס לאַנג אינ מויל געקײַט, פֿאַרשיידנ דאָס דערציילט אונ איבערדערציילט, יעדערער וואָלט עפּעס צוגעלייגט, צוגעגעבנ, דער ברודער וואָלט זיכ צעוואַקסנ, פֿריִער איבער שטאָט אַלײַנ אונ פֿונ

הויז צו הויז זיכ צעגאנגענ, דערנאָכ ארויס אויכ אויסער דער שטאָט, אפ דער גאנצער געגנט ארומ, ביז א האלב וועלט וואָלט מיט דעמ צו מאָג געהאט אינ געקלונגענ.

יאָ, אנ אנדערשמאָל.

דאָס מאָל אָבער איז די נייס אינמיטנ איבערגעריסנ געוואָרנ אונ האָט קיינ פארשפרייטונג ניט באקומענ, מאכמעס ס'האָבנ זיכ דערנעענטערט די טעג פונ גרויסנ יאָר־יאריד „פרעטשיסטע" — יענער יאריד, וואָס גאנצ שטאָט ריכט זיכ א גאנצ יאָר אפ אים, אונ אינ די טעג, וואָס פאר אים, ווערנ אפילע די גרעסטע שולנ אונ קלויזנ, וואָס זיינענ שטענדיק געפאקט פונ דאווענער, שיטער אונ פוסטלעכ; אלע איילנ דעמאָלט, מערסטנטייל דאיונט מענ שוינ אפילע דעמאָלט אינ דער היימ, אזוי אז די נעסט פונ נייס, די הויפט־פארשפרייטער זייערע, די שולנ אונ קלויזנ, האָבנ איצליק אינ גאָר מיט שפיצנ אויער די נייס איבערגעכאפט, האָבנ קוימ באוויזנ זי אפנ צינג צו נעמענ, אָבער קיינ מענ־לעכקייט ניט געהאט זי איבערצובאוואונדערנ, פונ זייער זייט צו איר צוגעבנ, צולייגנ אונ אינ ווייטערנ גאנג זי לאָזנ. —

קיינ צייט, ווייל — „פרעטשיסטע".

* * *

זאָל אונדז דאָ דערלויבט ווערנ זיכ לענגער אָפשטעלנ אונ זאָגנ אויספירלעכ וועגנ „פרעטשיסטע", ווייל די גרויס אונ ראָל פונ דעמ יאריד האָט ניט גאָר פאר די N־ער שטאָטלייט, נאָר, ווי מע וועט זענ, אויכ פאר אונדז א פיל גרעסערנ אינטערעס אונ באטייט, ווי געוויינלעכ אנדערע יארידנ.

פאר אלעמענ האָט די שטאָט דעמאָלט אויסגעזענ, ווי א באלאגערונגסלאגער. טויזנטער אונ איבערטויזנטער פויערימ, שליאכטע, הענדלער, פריציט, ליווערהאנטנ, ציגיינער, בעטלער אונ גאנאָווימ האָבנ זיכ אהינ, אינ N פונ נאָענטע. פונ ווייטע אונ גאָר ווייטע קרייזנ אינ קאנטנ געצויגנ — אפ פורנ, אפ פערד־אונ־וועגעלעכ, אפ קאָטשנ. קארעטעס, רייטנדיק אונ אויכ צופוס גייענדיק.

די שטאָט איז געווענ צו ענג אפ זיי אלעמענ ארייינצונעמענ. פיל זיינענ דערויפ געבליבנ לאגערנ ארומ דער שטאָט. דער גרויסער ראָוו אָבער, וועמענ ס'האָט געגליקט אונ זיכ יאָ איינגעגעבנ ארייינ אינ שטאָט, האָט פארנומענ: — ווו א פלאצ, איז א פלאצ, ווו ניט קיינ פלאצ, איז ניט, איז ווו ס'ניט־איז אפ א גאס, א געסל, א טימקע, א ליקל, אבי נאָר אָרט, ווו פורנ האָבנ זיכ געקאָנט ענג איינס לעבנ אנדערנ אויסשטעלנ, אינ מענטשנ זאָלנ שוינ ניט האָבנ אפילע ווו זיכ דורכצורוקנ.

א טאָג פריער פארנ יאריד, האָבנ זיכ ארייינגעצויגנ אינ N פונ אלע שליאכנ, וועגנ אונ דאָגאטקעס פויערשע פורנ מיט אָפגעשניטענעמ פונ פעלד, מיט אָפגעריסענעמ פונ סאָד אונ גאָרטנ אונ אויכ מיט אויסגעהאָרעוועטע

שטיבנ אינ פעלד־באלעבאטימ — זונד מיט א קו צומ וואָגנ צוגעבונדנ, ווער מיט א סעלבל־אונטערנ וואָגנ, ווער מיט א לאָשעקל, לעבנ די פערד לויפנ־דיק, אונ ווער ס׳האָט געהאט א באָזערל אָדער עטלעכע אפנ וואָגנ אינ א זאק ליגנ אונ קוויטשענ.

מײַנטער קוילעכ האָבנ זיכ געהערט, ווענ דאָס אלצ איז, פונ אלע זײַטנ אָנקומענדיק, אינ שטאָט זיכ צוזאמענגעפאָרנ: א מעקענ פונ קי, וועלכע זײַנענ פונ זייערע הײמישע שטאַלנ אונ מיסטערדעס ארויסגעריסנ געוואָרנ, א הירזישענ פונ יונג־פערד אינ לאָשעקלעכ. ניש געווינטע צו ראַש אינ ענגשאפט בײַ שטאָט, א קוויטשערײַ פונ כאַזײַרימ, וועלכע האָבנ זיכ פארשיידנ אפ די געמ־בעס געריסנ, ווי פארנ קוילענ, פארנ שעכטנ.

דער טומל איבערגעווייגלעכ — פונ אלעמ דעמ, וואָס איז אינ שטאָט פונ אייבנ געבראכט געוואָרנ אפ דאָ אָפציזעצנ אונ פארקויפנ, אינ פארנ געלט, וואָס איז אָפגעלייזט געוואָרנ, מאקע באלד דאָ אפנ אָרט אויסגעגעבנ צו ווערנ. פערינ שטאָטישע זאכנ אײַנצוהאנדלענ, ווי ביליקנ צעלניק, רימערײַ אונ גע־שפאנ־זאכנ, קליידער, שיכ, מוכ, מיבלעכ, שאלנ פאר מענער, קינדער, דער־הינפט אָבער פאר פויערישע פרויענ אונ מעכטער, פאר וועלכע די שטאָט האָט זיכ געפלייכט אינ זייער געשמאק, זייערע באליבטע שטאָפ־מוסטערנ אונ פארבנ געקאָנט, געוווּסט אונ אויסגעלערנט.

דאָס געזעמל, ווי פונ א געוויטער, באזונדערס אפ די „מאָרהאָוויצעס“, אפ די גרויסע יאריד־פלעצער, ווו פערד אינ קי זײַנענ פארקויפט אונ אײַנגע־האנדלט געוואָרנ; דאָרט, וואוהינ ליוועראנטנ האָבנ גאנצע פארמיעס פערד גע־בראכט — בעסערע — פאר פריצימ, געמיינערע — פאר שליאכטע — אונ דאָרט זיי אויסגעפרוווט, די קוינימ זייער גאנג אונ לויפ־פײַקײַט צו באווײַזנ; דאָרט, ווו גאנצע טעג האָבנ בײַטשנ געקנאקט, פערד זײַנענ, צו שפריק גע־בונדנ, אינ א קרײַז אָדער ניט אינ קיינ קרײַז אומגעלאָפנ, אינ אוילעמ, גרוי־סער אוילעמ, בײַ קויפער בײַ גלאט נײַגעריקע, האָבנ באַשעפטיקט אָדער ליי־דיק־מיעריש יענע קרײַזנ ארומגעשפּילט.

דאָרט איז צינגער מיט פויערישע פערד האָבנ מיט קנאקנדיקנ לאָשנ אונ מיט שטיינדל־קאָמפאניעס די פויערימ געוואָלט נארנ, אונ יענע האָבנ זיכ ניט געלאָזט. ניט גלייבנדיק אינ גוט קענענדיק די ציגײַנער. זיי, די פויערימ, האָבנ פאַרלאָנגט זיכ געדונגענ, לאנג זיכ רעדלעכ־וויז געשעצט, פיל מאָל דעמ האנדל באַרירט אינ אימ איבערגעריסנ, אינ לעצאָפ דאָכ געהאנדלט אונ זיכ איינ — אמאָל מער, אמאָל ווייניקער, — מאַכנ ארײַנגענארט.

אפ די מייִע־מאַרקנ האָבנ מערסטנ ייִדנ געהאנדלט, געשוויצט אונ זיכ־שיינדלט. יעדער האָט זײַנע פונ לאנג באקאנטע פויערימ אָפגעזוכט אונ מיט זיי גענייגלעכ געשעפט געשלאָסנ — ווייניקער לוינבאר, נאָטירלעכ, פארנ פארקויפער, מער פארנ אײַנקויפער. אָבער דאָכ אינ דער מאָס אונ אינ דער גרענעצ פונ לוינבארקײַט, ווײַל פאָרט האָט מענ דאָ צו מאָנ מיט באקאנטע, מיט לאנגיאָריקע קוינימ. פארשטענדלעכ אָבער, אז מיט ניט־באקאנטע, מיט

צופעליקע קוינימ, איז מענ זיכ שוינ א ביסל ערגער באגאנגענ אונ פיל מער געשווינדלט.

דאָרט האָט מענ געקאָנט זענ, ווי לעבנ מווע-וואָגנס, פונ היפּשע קרײַזנ פויערימ ארומגערינגלט, ווערנ מענ מווע, אינ גרויסע זעק אונ לאנטעכער, געבראכט פונ פויערשער היימ אָדער פונ ווײַטע פריצישע עקאָנאָמיעס. די פריצישע עקאָנאָמיעס אָדער די פויערימ — די אײַגנטימער פונ דער מווע, זײַנענ מיט קלאָרנ בעזשבנ געקומענ, מיט געווייסער צאָל אונ מאָס: אזויפיל אינ אזויפיל מעסטלעכ, קאָרעצ... אונ וויאזוי אינטער די הענט, אָט דאָ מאקע, אפ דער וואָג ליגנדיק, אונ בא זיי אפ די אויגנ, ווערט בא זיי זייער אײַגנטימ אָדער דאָס אײַגנטימ פונ ווײַטע באלעבאטימ, די פריצימ, אײַנגעשרומפּנ, אונ דאָס קומט פאָר אדאנק דעמ, ווײַל דער קויפער פונ דער מווע פעלשט: שטעלט אונטער א פוס אונטער דער וואָג, שטעלט זײַנ לעבנ אײַנ אינ קאָנ, ווײַל אויב מע וואָלט דערזענ, איז ער מיט לײַב-אונ-לעבנ ניט זיכער אונ מיט קיינ גאנצנ אייווער וואָלט ער שוינ ניט ארויס פונ קרײַז. ביידע שוויצנ, סײַ דער קויפער, ווײַל אנגעטאנ אינ טויט-שרעק האָבנ זיכ אימ אינ שווייס פארוואנדלט, סײַ אויכ די פארקויפער, ווײַל זיי שטייענ געפּלעפט, בידעשנ זיכ, הונגערנ זיכ, קאָנענ בעשיטימפנ ניט גלייבנ, אז זיי האָבנ, אינ דער היימ וועגנדיק, אזא גראָבנ מאָעס געהאט, צוזעענדיק, ווי א שטיק בעזשבנ אונ פארמעגנ גליטשט זיכ זיי פונ די הענט ארויס, אינ זיי קאָנענ זיכ גאָרניט העלפנ, ווײַל וואָס קאָנ מענ מאכנ, אז די וואָג איז דאָכ פאָרט וואָג?..

אויכ די קליינע הענדלער, מערסטנטייל אָרעמע איבערקויפער, אזוי אָבער אינ דער גרויסער ראָוו ציינענ, ליוועראנטנ, ביז פריצימ אפילע, וואָס זיי ארײַנ שטייענ ווי פּינטלעכ, מיינענ זיכ, קליטעריעמ, ווײַניק אינעמ פארהאנדלענ דאָכ, וואָס זיי האָבנ אָדער אפנ יארייד געבראכט פונ פעלד, פלאָרס, טיינעמטעטערנ אינ טיפלעכ אײַנגעבינדנ, קעדיי גרויסע פארטיעס אפ דער בירזשע צו פארקויפנ. אָבער דערפאר מוזנ די פארטרעטער זייערע שטעלנ, פארהאַלטערס אינ עקאָנאָמיעס — דאָס, וואָס לאָזט זיכ מאָנ אינ איינע פאָלג, אינ איינע גרויסע יארידימ, בײַמ היציקנ האגדל, ווענ דער טומל איז גרויס אונ די לופט פול שווינדל.

אויכ גאנאָווימ, פאָטשעמע קעשענעס-לײַט, שטייענ דעמלט ניט אָפּ, מוזנ זייער זאכנ, ווי די „מעלאָכע“ אינ די הייכע צײַט פאָדערט. צו די היימישע, שטאָטישע גאנאָווימ קומענ דעמלט אָנ פונ אלע עקנ, פונ ווײַטע קרײַזנ אהער זיכ צונויפגעלאָפט, אויכ פרעמדע — פלינקע הענט, גאָלדענע פינגער, ווײַזאוס שלעפער, הדייענ זיכ צווישנ פערד-אונ-וואָגנ, דאָרט, ווו ענג, ווו א געזעמל, רײַבנ זיכ אינ געדיכטעניש, רײַבנ זיכ ניט אומזיסט, ניצנ אויס די קענטעניש, קעדיי זיכ צו דער צײַט וואָס גיכער אָפּטראָגנ אונ זיכ ארויסרוקנ, אונ אויכ, ווענ זיי האָבנ די צײַט, די רעכטע צײַט פארשפּעטיקט אינ זיי ווערנ געפּאקט — נוצנ זיי אויס די קענטעניש אזוי, אז זיי זאָלנ געשלאָגנ ווערנ נישט אינ די ערטער, ווו די שלעגער ווילנ, נאָר אינ יענע, ווו זיי ליגנט, ווו ס'וועט זיי אָפּ-

זוינציקסטנ שאטנ, זיי זאָלנ ארויס אָנ א מוט אונ זיי זאָלנ די „ארבעט“־פיי־ קנמ אפ א לאנגער צײַט ניט פארלירנ.

אָט אזוי, ווער ס'נארט גרויס, ווער קליינ, ווער ס'גאנוועט מער, ווער — ווייניקער.

אָבער ס'מאכט ניט: גנייווע איז גנייווע, אונ יאריד בלײַבט יאריד, אונ פונ מאָל צו מאָל פארגעסט מענ, ווײַל דאָס לעבנ אונ די נויט אינ שטאָט־ אונ דאָרפ־פארקער ווערט פונ דער גענארערײַ ניט מינדער — אינ געוויינלעכע יאריד־טעג, ביפראט „פרעטשיסטע“.

סאָפקאָלכאָז איז דאָכ „פרעטשיסטע“, אויסער א יאריד — אויכ א שמיק יאָנטעוו פאר אלעמענ — פאר פויערימ, וואָס נאָכנ האנדל פארברענגט מענ אינ די שענקענ. אנדערע, וועלכע די שענקענ קאָנענ שוינ ניט ארײַננעמענ, טרינקענ אליינ, אָדער צוזאמענ מיט באקאנטע פונ אייגענע אונ נאָענטע דערפער אינ דרויסנ, אונטערנ הימל, אפ די גאסנ, אפ די הויפנ, אפ די פלעצער — אפ די וואָגנס, אָדער אפ דער ערד אויסגעזעצטע, אויסגעלייגטע אויכ אונטער די וואָגנס.

יאָנטעוו פאר פויערשע פרויענ, וואָס מאָמעד אפנ יאריד טוענ זיכ מיט עפעס באנײַענ: מיט א פארביק טיכל, פארטעכ, קליידל, שטיוול אאוו.; פאר קינדער, וואָס ווערנ יאָמאָר מיטגענומענ — א היטל, די גרייס וועדליק פארנ מאָמנ, אפנ קליינעמ קעפל, אָנצוטאָנ, מיט א גרויסנ דענעק אונ לאקירענעמ דאשעק, וואָס מע זעט דערפונ די וועלט ניט ארויס, אונ דאָכ איז דאָס אָנגע־ מאָנ, אונ מאמע־טאטע שפיגלענ זיכ אונ זײַנענ צופרידנ...

[illegible] אפ דער גענארערײַ, פארגינט זיכ דאָכ דער גרויסער פויער־ שער אוילעמ אפנ יאריד דעמלט א ביסל פונ דאָרפישנ שטארק שפאָרזאמענ געדער ארויסגיינ, אונ אויסער די געבראכטע מיכאָלימ פונ דער היימ — ברויט, באנעד — ווערט דעמלט אויכ א מינ שטאָט־מיכל מיט גרויס גיריקײַט געפרעסנ, ווי א האלב־ווײַסע בולקע; אמאָל, פאר ווײַבער אונ קינדער — א קרענצל הארטע בייגל, הארט ווי שטיינ פונ א גאנצ יאָר זונ אומ זומער, אונ [illegible] אפנ פראָכט אויסגעטריקנט, וועלכע זײַנענ בא די ברויט־שטעלנ גע־ לאגנ, ביז זיי האָבנ זיכ אפנ יאריד אויסגעוואָרפנ. ס'ווערט אפילע אמאָל א צוקערקע אײַנגעקויפט, הערינג, קוואס אונ אנדערע שטאָט־זאכנ; אויכ פרוכטנ, וועלכע ווערנ אינ דאָרפ ניט געזעזנ, ווי קאווענעס, וואָס גרויס אונ קליינ, — פויערימ, פויערשע פרויענ אונ קינדער, — זויגנ פונ זיי די זיסע יושקע מיט פארגעניגנ אונ האָבנ פונ זיי דערנאָכ די פענעמער, די נעז ביז די אויגנ נאָס אונ קלעפיק.

אזוי דער פאָשעטער אוילעמ. די מער פארמעגלעכע פארברענגענ בא בע־ סער פארגרייטע מיכאָלימ פונ פיש, פלייש אונ אלערליי געזאלצנס אפ שענ־ קערישע טישנ, מיט מאשקע אונ מיט הויכנ געזאנג דערצו.

די שענקענ דעמלט איבערגעפילט. טיש אונ בענק באזעצט מיט פארמעגלעכע פויערימ, מיט פויערשע ווײַבער, וואָס די פענעמער זײַנענ שוינ בא זיי רויט

פונ געטראנק. בא די פויערימ — די מארינאדקעס שוינ צעשפיליעט, אונ בא די פויערטעס — די קאפּיטלעכ צעבונדנ, אונ מע רעדט, מע שרייט אלע אינאיינעמ, אונ מע הערט שוינ ניט איינער דעמ צווייטנ, אונ אינמיטנ נעריי־ אינ געזאנג קושט מענ זיכ, אונ די קוילעס אונ די געדעמפטע לופט פונ שענק לאזט זיכ שוינ אפ היפּיש ווייטער פונ שענק ארויספילנ...

דארט, אינ די בילקע שענקענ—פויערימ. אפ א שטאפּל העכער, ווי אינ שאלעמ-אהנס וועניטשענק—שליאכטעס, שוינ באלאנגט אפ ווינ, אפ פיינערע מאשקאעס, אויכ ואפ איידעלערע מיכאלימ, אפ בעסערער געזעלשאפט אינ מער לייטישער באדינונג.

דאנ, אינ די פּריציישע אכסאניעס, אינ די בעסערע איינפאר-הייזער, זיי ביישטייענ אינג נאר גוטבאוויצער, ביז די היקאנטיישע גראפנ אונ פירשטנ אפּי־ לע, אינ יענע איינפארנ ווערנ דעמלט געבראכט מיטיקנ, אינ די בעסט-מעבלי־ רטע קיכנ באשטעלט, אונ פונעמ באוווסטנ „גאנײדנ“-קליימעלע, ווי מע פלעגט דאס קליימעלע רופנ אינ N, ווערט צונעשטעלט אזוינס, וואס די שטאט, די רייכסטע אפילע, פארגינענ זיכ דאס קיינמאל, ווייל יענע זאכנ ווינע פארגרייט אינ באשטימט נאר פאר פּריצימ, וועלכע מע האט א גאנצ יאר אינ זינענ.

דארט, אינ יענע אכסאניעס, ווינענ אפט נאכנ געשעפט-טאג אויכ פארשיי־ דענע הוליאנקעס איינגעארדנט געווארנ, וואס פונ יאר צו יאר האבנ זיי פּרי־ ציטי פארגעדענקט, אונ אפנ צווייטנ יאר „פּרעטישיסטע“ האבנ זיכ פּריצימ ווידער אהינ פארזאמלט אונ ווידער די זעלבע אונ ענלעכע איינגעארדנט.

מישנ האבנ זיכ געבראכט. די איינגעמימער פונ „גאנײדנ“ האבנ זיכ געמיט אונ פונ בעסטע היגע אינ אויסלענדיישע מארקעס ווינענ פאר יענע טעג, פאר די שטענדיקע באשטעלער אויסבאהאלטנ; בעסטע פּרובטנ, אויש פונ די ווייט־ סטע ערטער פונ היגנ לאנד, דאנ — פונ פרעמד, ואויש פונ מערקע אא., פרי־ שע אונ געטריקנטע; בעסטע פישנ אינ געזאלצנ, — אינ די ווענט פונ יענע אכסאניעס האבנ אינ די אוונטנ אפ יענע הוליאנקעס געזענ אזוינס, אזא פאר־ שווענדערישקייט אינ פריציש-פירשטלעכע פארגינערײ, וואס יא גאנצ יאר, בא אנדערע איינשטייער, אווארע אונ געווים קיינמאל.

דאס איז עלטערע פריצים. אפגערעדט שוינ פונ יונגערע, וועג זיי פלעגנ זיכ אמאל אנ ענגערע קאמפּאניע פארזאמלענ, אנ פרעמדע איינג אונ אנ דער אנייענהייט פונ אזוינע, וואס קאנענ זיי פאר זייערע עלטערנ אדער פאר זיי־ ערע אפּעקונעס צודלאזנ. דארט אינ אזא-א קאמפּאניע איז שוינ אפט אפּגע־ טאנ געווארנ אזוינס אינ געהיליעט געווארנ אפ אזא אייבנ, ווי נאר אינ די אויסלאנדס האבנ זיי זיכ איבגעפירט, — ואינ יענע שטעט אונ ערטער, ווו יונגע פריצים, ירושה-אינדלעכ פלעגנ געשיקט ווערנ, קליימעריש, זיכ לער־ נענ, אונ אינדערעמעכנ, קערווי זייערע משוגענע יונגע טעג אונ די גרויסע, בעטישיטע זיי אויסגעפּאלענע, קאפּיטאלנ אויסברעננענ.

אט פונזייערטוועגנ האבנ זיכ אינ דער צייט פונ יאריד א גרויסער שטאט, — פאר אלעמענ, איינענע מענטשנ, געמיט, מענטשנ, וועלכע זיינענ

פון זייערע היימען, פון זייערע עלטערן זיי נאָכגעשיקט געוואָרן, זיי אין וועג צו באַרינען; און אויך געווען שטאָט־לייט, מיינע פענצטערע, בא די ווענט זיך ־יינדיקע באַשיינונג, די געלט־ און אייזערע־מעקלער, וואָס דורך זיי איז אַלץ גי זייערע יאַרידישע פאַרגעניגנס צוגעשטעלט געוואָרן, אלץ, וואָס האָט זיך זיי אַרגעליסט, אלץ, וואָס אין זייער צעהיצטער פאַנטאַזיע איז אופגעקומען. אָנזייענדיק פון איינגעלאָדענער שיקרעס און ענדיקנדיק מיט יענע כאָרטן ברויען, היגע, און אויך אנדערע, כפעציעל אפן יאריד פון ערגעץ אנדערש אראָפּגעבראכט אייער, און די פאָר שאַנדהייזער, וואָס האָבן זיך אין שטאָט געפונען, און יאָב ספּעציעל צוליב זיי, צוליב די פּריצים זינדלעך, זיינען יענע ברויען גאנצע מיטערעטסייטן פון די אייגנטימער פון די הייזלעך און באָר אריינגעטריבן געוואָרן, זיי זאָלן אויסזען פריש, נאָרוואָס פון געוועש, און אויך אפן בעטבעט אייבן געקליידט און איינגעפּוצט, ווי ס'פּאַסט פאר אזוינע אויסטערלישע געסט און פאלן...

אזוי — פּריצים.

שטאָט־לייט אָבער, ווי סאָברים, הענדלער, היגע, אויך לאנד־סאָברים, לאנד־מעקלער, אָנגעפּאָרענע אפ קויפן, פאַרקויפן, מעקלערן און נאַרייען, — אָט די אלע זיינען יענע מעג שטאַרק באַשעפטיקט געווען פון פיל האַווען און אומשטיינען, יעדערער לויט זיין גראַד, דה. לויט דעם פאַרמעג, וואָס ער האָט געהאט אין סכוירע, האנדל אריינצולייגן, אָדער פון האנדל, סכוירע ארויסצונעמען.

יענע מעג האָט מען אַבלנדיק געגעסן און אָפּגיך געדאַוונט, ווייניק אָדער קימאַט גאַרנישט ניט געלערנט. ביז די ראַבאָנים אפילע, וואָס אויך זיי האָבן רעמלט פיל צו מאָן געהאט — פיל כאָברישע שומפּעסן און סיכסוכים אויסצוגלייכן; ביז דעם גרעסטן, אָנגעזעענסטן ראָוו, דעם באַוואוסטן רעב דודינ, וואָס אויך ער האָט דעמלט קיין צייט געהאט, ווייל צו אים, באזונדערס דאָס צו אים, האָבן זיך פיל כאָברים געצויגן און מיט שטאַרק פאַרדרייטע, פאַרפלאָנטערטע לאַנגאָניקע לאָדענישן זיך געווענדט; און דערום אויך בא אים, ווי בא אלע ראַבאָנים, דעמלט יאַריד, אפ וועלכן זיי האָבן א גאנץ יאָר ארויסגעקוקט, און אין זייער ראַבאָנים־בודזשעט האָבן זיך יענע מעג געלאָזט פילן צום נימן מיט די דינסטירע־געלטן און ראַבאָנישן קודמאַזש, וואָס זיי פלעגן יענע מעג אריינקריגן.

מיט איין וואָרט, אלע, אלע דעמלט פאַרנומען, פאַרהאַוועט, פאַרשוויצט— ערייטנט. פונעם יאַריד אליין, דערצו נאָך פון דער הייסער, מאָמער גליענדיקער זון פון עלעל, פון יענעם הייבן כוירעש, ווען דער יאַריד פלעגט פאָרקימען.

די ליבט פיל מיט רייכעס פון כוירעש און שאָפּנ־פעלץ, מיט מענטשלעכן און פערדישן שווייס, מיט רייכעס פון שוין איבערגעטריקנטע היי, שטרוי, מייעס בלאָטע, האָניק און פרוכטן; מיט קוילעך פון אלע די, וואָס האָבן אַז זייערע היגע און געבראכטע סכוירעס אויסגערופן, וועלכע האָבן זיך געהערט

אפ די מארקנ. אפ די האנדל=און יאריד=פלעצער, בא די בודלעכ, בא די שטעלנ און שטעלעכלעכ, אפ אלע גאסנ; קוילעס אויכ פונ די, וואָס האָבנ געהאט זייערע סכוירעס אפ דער ערד ליגנ, ווי טעפערס, באָנדער, סטעלמאכס און רימער; קוילעס פונ בהמשנ=געקנאק און אויסגעשרייענ באם פערד=יאָגנ און אויספרוונ; געשרייענ, געוויינענ, ווענ עמעצער איז באגאנוועט געוואָרנ, ווענ מע האָט יאָ געפאקט און פארהאלטנ דעם גאנעוו, אָדער אויכ ווענ ניט... געשרייענ אינ קוילעס; קוילעס פונ שיכורים פונ שענקענ ארויס; קוילעס פונ קריגערײַענ, געשלעגנ און שווינדלערישער שעפע אפנ יאריד.

דאָס אלץ צוזאמענגעמישט האָט געהודעט, אינ לופט זיכ געהערט, ווי א טומל פונ א מאסע הערבליעס, וועלכע האָבנ זיכ אָפגעריסנ און אינ א פארפלייצנדיקנ שטראָם אוועק. א קוילעס=געמיש פונ פי, אויפעס און מענטשנ; א געמיש פונ קריגערײַ, גערייד און געשלעגנ, ביז דעם געזאנג פונ די פאָלקס=זינגער, באנדוריסטנ, וואָס אויכ זיי פלעגנ זיכ אפנ יאריד צושטעלנ, און וואָס אפ יעדער גאס, וווּ גרויסע מאסנ גייענ פארבײַ, האָט מענ זיי געקאָנט זענ זיצנ אפ די ראָגנ, איינציקע אָדער מערסטנטייל גאנצע גרופעס. וועלכע איינער אָדער א פאָר זעענדיקע פלעגנ זיי באדינענ, זיי פירנ, ברענגענ און אוועקפירנ.

זיי, די זינגער, פלעגנ זיצנ אפ דער ערד אויסגעזעצט, די פיס אונטער זיכ, די לירע=באנדורע מיט די ליניקע הענט צום לײַב געטוליעט, און מיט די רעכטע די שפיל=קאָרבעס געדרייט. דערבײַ מיט שטארק צעעפנטע אינ צעקרימטע מײַלער געזונגענ, מיט די בלינדע אָדער גאָר אויסגערונענע שווארצ=אָפענע אויגנ אפ ארופ, ווי צו דער זונ, פארריסנ. זיי האָבנ געשפילט אינ מיט זייערע אלט=לאזאקיישע, טשומאקישע, טרויעריקע פאָלקס=לידער ראכמאָנעס געוועקט בא דעמ ארומ=שטייענדיקנ עולעמ, באזונדערס בא פרויענ טרערנ ארויסגערופנ. אינ דערפאר זענענ זיי באלוינט געוואָרנ אמאָל מיט א האלב בייגל צוגעוואָרפנ, מיט וואָס=ניט=איז פונ עסנווארג, אינ אויכ ווענ=ניט=ווענ מיט א קליינער מאטבייע אינ א בלינדנ בעטלער=היטל שטיל ארײַנגעלייגט.

יאָ, אויכ זיי, די באנדוריסטנ אפנ יאריד, אינ אויכ בא זיי, בא די פאָלקס=זינגער, דערפילט פארדינסט=צײַט, און פיל צוהערער אינ אויערנ אפ זיי צו הערנ.

* * *

אזוי אלע „פרעטשיסטע".

דאָס יאָר אָבער, וועגנ וועלכנ מיר ריידנ דאָ, האָט זיכ דער יאריד געשטעלט אינ טרויער.

שוינ פונ מיטנ זומער האָט די שטאָט געהערט טרויעריקע קלאנגענ זיכ דערטראָגנ פונ דאָרפ, פונ אלע דערפער פונ דער געגנט ארומ, אז אזוי ווי פונ פרילינג אָנ איז קיינ רעגנ, דערוואַרט מענ, וואָס מע דערוואַרט פונ אזא זאכ — א צאָרע, א טריקעניש.

ריכטיק. יענעמ זומער האָט זיכ ווי דער הימל געשלאָסנ. פויערים האָבנ

זיכ די איינג אויסגעקוקט, מיט איקאָנעס, מיט צלאָמימ, מיט גאָלאָבימ אונ געזאַנגענ אַרומ די פּעריייד גלייביקע געבעט-צוגנ איינגעאָרדנט אונ געפּראַ-וועט — אונ ס'האָט ניט געהאָלפנ: ס'גראָז אפ די לאָנקעס, די מוויזע אפנ פעלד ברענט.

אָבער דער יאַריד האָט זיכ דאָכ געשטעלט. ווי שלעכט די אויסזיכטנ זײַ-נענ ניט געווענ, ווי שאָלדיק אונ קריכיק דער באָרג בא'נ יאַריד, אונ ווי פונ דער נאָמיר באַאײַלט אינ באַלײַדיגט דער פויער איז—אפנ יאַריד ניט געקו-מענ,—דאָכ איז ער געקומענ. פונ דער נאָענט אונ פונ ווײַט, פונ אַלע ווענג אונ שליאַכנ, ווער מיט מער א ביסל, ווער מיט וויניקער, ווער מיט גאָר קיי-נס. אָבער דאָכ מיט עפּעס, אונ פונ אָט די אַלע ביסלעכ אונ עפּעסנ איז דער יאַריד, ווי אַלעמאָל, גרויס געווענ, אונ פאַר די, וואָס האָבנ אימ דאָס ערשטע מאָל געזענ, ניט צו דערקענענ, אז ער איז ווענ אמאָל געווענ אָדער געקאָנט זײַנ אנ אַנדערער.

דאָס פּאַר פרעמדע.

איינעמ אָבער, אומיסלבאַרע פאַרינטערעסירטע, האָבנ די ענדערונג דאָס יאָר פונ אַלע יאָרנ גוט געפילט. פאַר אַלעמענ, די קליינע איבערקויפער, וואָס אַז זיי זײַנענ צוגעקומענ צומ פויערשנ וואָגנ אונ אינ אימ אַרײַנגעקוקט, האָבנ זיי אימ געטראָפנ אפ האַלב אונ דרײַ פערטל א ליידיקנ, אונ אפ דער האַלב אָדער פערטל, וואָס פול, האָט איצט דער פויער שמאַרק געציטערט אונ גע-וואָלט איבערלאָזנ אינ אַרויסבאַקומענ דאָס, וואָס אַנ אַנדערשמאָל פאַר א גאַנצנ. אַלנפאַלס יענע האַרבאָוועדיקע גוטמוטיקייט פונעמ פויער, וואָס ווענ ב'איי אימ איבגעליינט אונ ווענ ער האָט א כאַב, איז דאָס מאָל זיכער בא אימ ניט געווענ צו באַגעגענענ. פאַרקערט, ער איז בייזלעכ געווענ, אָנגעדרודלט, אינ א האַלב-באַרוינעוער, ניישט פאַרגינערישער בליק האָט אַרויסגעקוקט פונ אונטער זײַנ דאַשעק.

מע האָט מיט אימ לאַנג באַדאַרפט מײַנענ, לאַנג אײַנרײדנ, ער זאָל פאַר-קויפנ צו דער פרײַז, וואָס איז איצט אינ שטאָט אָפּגעשטעלט פאַר זײַנע גע-בראַכטע זאַכנ. ער האָט זיכ ניט געלאָזט, ניט געוואָלט די סכוירע פונ די הענט אַרויסלאָזנ, זי געטריבנ באַמ קויפער אפ צוריק, זיכ געבייזערט, געמיינט, די ערשטע קוינימ, וואָס זײַנענ צו אימ געקומענ קויפנ, דורכלאָזנ, איבעריאַרטנ, איבער מעגלעכ, — אויב דעמ ערשטנ מאָג, וואָס ער איז, ווי אימ האָט אויסגע-זענ, נייטיק, אונ מעגלעכ בא אַנדערע קויפער, מעגלעכ מאָרגנ, ווענ ער, נאָכנ בעסטנ האַלטנ זיכ אינ באַשטיינ אפ זײַנעמ, די פרײַזנ אַרופּציִענ.

דאָס איז אָבער ניט געשענ: אויכ אַנדערע, אויכ שפּעטערע קוינימ האָבנ מער ניט פאַרגעלייגט, אונ ער איז געווענ געצוווּנגענ אפ דער ערשט-געשטעל-טער פרײַז צו פאַרקויפנ.

טייל איבערקויפערס האָבנ זיכ דערמיט געלאָזט אפ אַזוינס, וואָס אינ נאָר-מאַלע צײַטנ פּראַקטיקירט זיכ צווישנ זיי זעלטנ. דערהײַנט, אפ יאַריד, ד.ה., ווענ אפנ ווינק פונעמ ערשטנ איבערקויפער, וועלכער איז צומ פויער צוגע-

טראָגנ און מיט אים מאסע-מאטנ פארפירט, האָבנ אלע איבעריקע אײַנקױ-פער, וואָס זײַנענ דערנאָכ צוגעגאנגענ און וואָס אַנ אנדערשמאָל פלעגנ זײ אײַנגײנ בא דאָס אנדערע פונ די הענט און פונ אונטער דער נאָז ארויסרײַסנ, מײַבעט זײַנ אױפ דער פרײַז און אױכדינגענ — דאָס מאָל האָבנ זײ אײַנ האנט געמאכט, און אנ אקינג א פױער האָט שױנ א גאנצנ טאָג דעמלט געקאָנט אָפּשטײנ אינ יאַפּ דער געשטעלטער פרײַז פונ ערשטנ איז אים באר דער גאנצער צײַט פונ קײנעמ קײנ גאָרנישט, קײנ גראָשנ נישט געהעכערט געוואָרנ. דער פױער איז, ווי באר אנ אמזערנער וואנט פונ פעסט-צוגעפּגערדעטע לײַט געשטאנענ, און, זעענדיק, אז ער וועט שױנ דאָ מיט זײַנ גרעסטער אקשאָנעס גאָרניט פועלנ, איז ער געצוווּנגענ געווענ אָפּצוטרעטנ, נאָכצוגעבנ און געמוזט בארקױפנ באר האלב, ווי ער האָט זיכ אָפּגעשטעלט און בא זיכ אינ יאָפּ גע-רעכנט.

אזוי געמײנע פױערימ — פארבינטערט פונעמ ווײניק, וואָס זײ האָבנ גע-בראכט, און די, וואָס מער, די מער פארמעגלעכע, האָט מענ אפּ אנדערע אײַפּאנימ גענארט — אינ וואָג, אינ מאָס, אינ בעזשבנ, אפּ וועלכנ זײ זײַנענ געווענ שוואכ, אינ וואָס אינ אנ אנדער יאָר, בא מער בעגלעכקײטנ אָרגמלעבער זיכ אויסצוהאנדלענ, האָט מענ אָט דאָס מיטל — גראָב אינ בעזשבנ דעמ פױער צו נארנ — ניט אזוי אָפּט און ניט אזוי גוציק אויסגענוצט.

אזוי, אז אויכ די פארמעגלעכע האָבנ ווײניק גרונט געהאט צו פרײענ זיכ איבעריק און צו האָבנ נאכעס פונעמ יאריד. אָפּגערעדט שױנ פונ גאָר גרויסנ, ווי ליוועראנטנ, לעמאָשל, וואָס זײַנענ אפּנ יאריד מיט גאנצע מאבונעס פערד געקימענ, וואָס האָבנ זײ געטריבנ פונ ווײַט, נערונגענע מענטשנ געהאט אפּ אכטינג צו געבנ אפּ זײ, זײ צו האָדעווע און זײ צו האלטנ אינעמ געהעריקנ גלאנצ און פוצ, ווי פערד דארפנ אויסזענ באמ קומענ אפּנ יאריד, — די לי-וועראנטנ, וואָס האָבנ געהאנדלט גרויס און אויסגעשטעלט מיט גאָר אויסגעצי-טענע פערד אפּ פרײַזנ, אפּ שליאכטע, און מיט ווײניקער אויסגעשפּיגעלטע — אפּ געמײנערע קונימ, — זײַנענ דאָס מאָל מיט די ארויסגעפירטע פערד גע-בליבנ, ווי נאָר אפּ אנ אויסשטעלונג, נאָר אפּ זײ באווײַזנ; ווײַל קויפער, בא-לאָנימ קוּאפּ, מאכנטעס די פרײַזנ ניט צופרידנלעכ און באר קײנעמס קעשענע: אזוי, אז מע האָט זיכ נאָר געקאָנט בארזינענ קוקנ, אָבער ניט נאָענט צוגײנ, מיט די הענט זיכ ניט צורירנ, אפילע באמ גרעסטנ בײַשעק, ווענ אפילע די אײגנ זײַנענ געקראָכנ פונ קאָפּ פונ ווילנ אינ פונ באגער צו קויפנ.

ליוועראנטנ האָבנ געבערעגט. די פערד-פלעצ, די „מאָרהאָדיצעס“ האָבנ דאָס מאָל פונ פערד-אויספירונג און פונ בעמטשנ-האנדל ניט געטריבנ, ניט פונ הויכנ האנדל, ווי צווישנ ליוועראנטנ, ניט פונ קלאפּנ זיכ אינ די הענט מיט קונימ — און פונ ווײַס צאָרעס האָבנ זיכ שױנ גרויסע קאָמבאניעס ווײַטער אינ קלײַנע שענקלעכ געקליבנ, און עס האָט שױנ בא זײ געהאלטנ אפילע דערבײַ, אז זײ האָבנ זיכ מיט ציגײַנער אינ האנדל ארײַנגעלאָזט, אלײנ נאָר צוליב ניט לײַ-דיק שטײנ, אלײנ נאָר צוליב וואָסער-ניט-איז אינ אבי וועלכנ גאָר האנדל.

איך מיט פּריצים, לאַנד־גראַפֿן און פֿירשטלעכע ווירדעס, וואָס פֿלעגן אַהין קומען, זיי ווייסן, פֿרעגן מיט טראַנספּאָרטן און הויף־פֿראַוויאַנטן; יענע, די באַנאַליטעט, וואָלט פּריצים ניט געגעבן, אַז זיי, די פּריצים אויך, אַ ביסל צו זיין היימען, נאָר אָבער ביי עפּעס אַנדערש, — ביי הילעג און איבערגע־ נעם דאָס געזעלשאַפֿט און אַפּגעלייגטע ... איך מיט זיי, מיט פּריצים, לאַנד־ גראַפֿן אאַ. דאָס מאָל ניט פֿריילעך.

מיט באַקאַנטע פֿון גרויסע פֿאַרמעגנס פֿון דאָס מען איצט ניט מיטגע־ בראַכט, ווייל ניט געווען, ווייל אַז איבערגעגעבן. און לאַנד־באַראָנען, העכע־ רע פֿון זיי, וואָס דאָ און געגעסן מיט זיי, דאָרט זיי דאָס מאָל פֿון אַלע יאָ־ רען צו דאָרט אַפּגעראַטן. און די, וואָס זיינען יאָ געקומען, האָבן זיך ניט אַרויסגעוויזן, האָבן זיך וואָס געווינשן אַלץ דאָס יאָ מיטגעלעבט אַנגעצי־ געגן. מיינע לאַנדסלייט, צוזאַמען, פֿאַר דער רויִקע פֿון די צו הויכע פּריזן, און געזעסן. איך בין דאָרטן געווען מאַנכער מאָל אַנדערע באַראָנען פֿון אַנ־ דערע געגנטן, ווייסרוסישע דעם וואַרשע פֿון די, שפּעטער אַהער פֿון יענע מיט געקומען מיט מער גרויסע שיינעם אינטערעסאַנטע און זיי וועלן זיי שטאַרק ניזיקן.

ביי די פּריצים איז געווען דעמאָלט געוויינטלעך אַ קריזיס געשטאַנען, און די, וואָס האָבן אַז זיי אַרייַנגעריטן, דאָס די, וואָס האָבן מיט זיי דאָס גאַנצע יאָר געהאַנדלט, זיי וועלן געזען, מיטן מיינע איצט, אַבער יאָרן, דאָס צוריק אַרויס־ באַקומען. וועגן געלטן געוואָרן. אייניקע די, וואָס האָבן זיי הויכע מערערע געקענט, האָבן די פּאָליציי געשיקט, און יענע זיינען צוריק געקומען האָלב־ בראַכט, אָבער אַרייַנגעטריבן פֿון אַפּגעטעגטע און צערייסטע פּריצים, וועל־ כע האָבן זיי אַבער, אַז דער שיינער ניט געלאָזט. אַנדערע ווידער, וואָס זיינען אַליין געקומען, האָבן איך ניט געקענט אָפּגעזעסן, און פֿון שווערער פּריצי־ שער לאַגע אַפֿילו מיט זיין ניט יאָרט. אַפֿילו מיט זיין צוזאָג אַז שפּעטער זיינען אַהיים געקומען.

באַשטימטערע אַז באַלדאַרייִקע האָבן — צי זיי ווילן, צי זיי וועלן ניט — עפּעס געוויינטלעך פּריציש באַגראָפּט געמיינט אַראָפּשלינגען, ווייל קיין בריוו, ווייל אַנדערש מען, — די יענע פּריצים האָבן איצט ניט צו צאָלן, געבן די יעדערע און נאָך לאַנג, — האָבן באַלדאַרייִקע געווייסט, אַז קיין נאָך ניט. איך מיט מען ניט, ווייל אויך יעדן זיי אַז איבעריק שיין מיט יעד־ ערן מיין אַנטרייבן. אַז קיינמאָל מיט זיי מער שיין קיין געשעפֿט ניט מאַכן.

אויך דאָס יאָר געטראָפֿן קומט מיט אַלץ, און נאַטירלעך, איך מיט מיינע מאַכער, ווייל וואָס איז ער פֿאַר אַן איינגאַנג? נאָך מער: געשטן געי־ ען, וואָס פּריצים האָבן די אַלטע דאַרייִקע ניט געצאָלט, זיינען זיי נאָך, די מאָל באַרייבציעס געווען, געצייכנטע געווען פֿאַרשאַפֿן זיך גלייך, זיך געי־ לאַנט אַז שלעכטע באַדינגונגען, אַז הויכע פּראָצענטן. ווייטער שטייגער אייִ־ נעמען צו פֿאַרזעצן, אַבער עפּעס געלט אַרויסצובאַקומען, העלפֿט ניט צו דער־ לאַנגען זיך אַנגעריכטעט און פֿון פּריצישע באַדערפֿענישן זיך אָפּזאָגן.

פּריצימ — סײַ קלײנע סײַ גרעסערע — האָבנ דעמאָלט אינ גרויס נויט געשטעקט, אונ בײַ די, צו וועמענ זײ ווענדנ זיכ קעסײדער אינ אזוינע פאלנ — צו שטאָטישע געלט־קאָנטאָרנ אונ באַל־הלוואָעס — זײַנענ די הענט געווענ געבונדנ, אפילע בײַ זײער בעסטנ ווילנ, זײ, די פּריצימ, מיט וועלכע זײ האָבנ קעסײדער געשעפט געמאַכט, אַרויסצוהעלפנ.

דערצו נאָכ איז איבער יענער נויט בײַ פּריצימ, דאָס מאָל נאָכ א ספּעציעלע געווענ, מאַכמיעס אײנער א געשעענער מיטע אפנ יאַריד, וואָס אַלע, דער גרעסטער טײל פּריצימ, די מערסט אָנגעזעענסטע, רײַכסטע, צוזאַמענ מיט די לאַנד־גראַפנ אונ פירשטלעכע זינ זײַנענ געווענ פאַרמישט אינ איר; א מײַסע, וואָס האָט געשטעקט מיט גרויסע אומאָנגענעמלעכקײַטנ פאַר פּריצימ, פיל וואָלטנ פונ איר געווענ געליטנ, ווײַל ס'איז געגאַנגענ אינ מעלוכע־פאַראַט אונ געדראָעט מיט סיביר, מיט קײטנ, פאַרשיקונג אונ קאָנפיסקירונג פונ פאַרמעגנ, אונ עפּשער נאָכ ערגער...

ס'דערמאָנט זיכ דאָכ דאָ פונ די 70־ער יאָרנ פונ פאָריקנ יאָרהונדערט, פונ די יאָרנ, וואָס אָקאָרשט נאָרוואָס נאָכנ פוילישנ אופשטאַנד פונעמ באַוווּסטנ 63־טנ: פונ דעמאָלט, ווענ א גרויסער טײל פּריצימ, אפילע פונ אונדזער קאַנט, וועגנ וועלכנ מיר רײדנ דאָ, וואָס כאָטש ער איז געלעגנ א ביסל אינ א זײַט פונ גרויסע געשעענישנ, וואָס כאָטש ווײניק האָבנ אינ יענעמ אופשטאַנד אומיטלבאַרנ אָנטײל גענומענ, ווײַל ניט דאָרט, אינ יענעמ קאַנט, די שלאַכטפונקטנ, אָבער מיטגעפיל צו דער קעגנמעלוכע־באַוועגונג האָבנ זײ דאָכ אַרויסגעוויזנ — מיט געלט, מיט פאַרשײדענע אַרטנ שטיצע, ווי שפּיאָנאַזש אונ איבערבאַהאַלטנ נאָכנ בראָכ פונעמ אופשטאַנד דעמ, וואָס מע האָט ניט געמאָרט אויסבאַהאַלטנ, אאַז.

אײניקע, די מער פאָרזיכטיקע אונ ווײניקער רײַכע, האָבנ נאָכנ אופשטאַנד זיכ געזוכט צופּאַסנ. זײ האָבנ אראָפּגעשלונגענ דאָס, וואָס געמוזט, ווי עקלדיק פעמס אפּ א רעפּוע, האָבנ אפּ זיכ א מאַסקע אָנגעצויגנ, זיכ קלוימערשט אונטערגעגעבנ, אונ אינ דער שטיל, צווישנ אײגענע, בײַ פאַרמאַכטע טירנ, אינ זײערע הויפנ אונ שלעסער, געשטרימעוועט, זיכ דאָס לײַב געריבנ, געטרוימט וועגנ בעסערע צײַטנ אונ געהאָפט פונ פאַרשײדענע זײַטנ אפּ הילפ.

אַנדערע, די מער רײַכערע, האָבנ קײנ געדולד געהאַט, האָבנ זײערע מאַיאָנטקעס פאַרקויפט, געלט צונויפגעשלאָגנ אונ פאַר גרויס צער, נישט קענענדיק צוזענ דאָס נײַע, ערגעץ אינ די אויסלאַנדנ זיכ איבערגעקליבנ. ווידער אַנדערע, אויכ רײַכע, אָבער גרויס האַנאָרעוואַטע, וואָס די מאַמעס אונ זײדעס יערושע, — זײערע ערדנ, נאַכלאָעס אונ מאַיאָנטקעס — זײַנענ זײ אזוי טײַער געווענ אפּ ניט קענענ זיכ מיט זײ צעשײדנ, זײַנענ אפּ די ערטער געבליבנ, זײַנענ אָפּנ, נאַטירלעכ, ניט אַרויסגעטראָטנ, אָבער ווער ס'האָט באַדאַרפט וויסנ, האָט געוווּסט, אַז יעדערער פונ זײ, פונ אָט יענע, טראָגט פײַער אונטער די פּאָלעס, גיפט אונ סינע צו אַלעמ דעמ, וואָס האָט זײ אזוי ווי גענומענ, אזא אָנגעזאַפּט פאַרשאַפט דערמיט, וואָס האָט בײַ זײ, קלוימערשט, זײערע דוירעס־די־

פונ יעדנ געריבנ אפ צו רעדנ אינ געטיילטשיג אפנ נאָרנ באָליקט־לעבנ אינ איינגעבויגנ.

די מאַמע האָט זיי דערציילט ניט נאָכגעגעבנ, זיי איינ אינ געראַנגלט, זיי זיינענ נאָר געווענ, זיי אויפגעהויבנ אינ באַשטאַרקט, אינ קינדער זיי געבוירנ אינ איינ ווערק, מאַכנ פולשטענדיק אינ געראַטנ נאָר זיכ דערציילנ, האָט זיי ציילנ זיי איינמאָל איבערגעבליבנ באַגאַבטע ארבעטער, אָבער מאַכנ פונ זייער איינגענע פרייד, זיינ איבערגעביטנ אונגעראַכטע, איינגעשטאַנענ — זיינ אפ געשטאַנענ אינ זיי אפ פאַראַט.

אינ יאָר, איז דעמאָלט געווענ: מיר זיינענ ניט, צו פאַר זיינ צאָרנ. יאָר פונ די פרייעט יונגנ אפנ יאָריד די געטאָגטע געזאָגנ געלעבט, צו פאַר אונדז אינ אויפגעטאָנענעם לעבנ, יאָר, זיי ציט ביזאַגנ, האָבנ זיכ ניט געראַנג אויסגעריסנ, ניט געראַט ביז יאָר די פּאַראַזשניק בוידעמ צו צאָנ אינ גאָב געגעבנ גאַנצ ראַטאָנע אויפגעבאַנג, אינ כ'איז זיי ניט גרינג אָנגעקומענ, אינ דערפאַר פרייטיג אפנ ראַטנ ניט ניט, אינ זיי האָבנ זיכ געהאָלט צעשטריינט. מיטלנ אָבער איינ, אז ניטש דערפאַר, נאָר ביז־מאָל האָבנ זיכ פרייטיג אָפּגע־רעדט א גרינגנ הייליג מאָג — אינ אפ איינעמ אג אפגערעדנט האָב באַ שטיינ.

כ'האָב אָנגעהויבנ געזאָגט: פאַר גלייכנ, יונגע לעב־באָלעבאַטימ, אויכ עלטערע פאַרטיידיקנ, איינע, וואָס וועלנ קיינמאָל ניט באַבענקענ האָבנ, צו מאַכנ גע־זונט פראַגנבענ, וואָס זיי האָבנ באַוויזנ אינ דער יונגט ארבעטבאַנ אינ אפ דער גלייכער שוינ צו פיל, צו איז גלאַט, איבער פרייטיקע קאַפּריזנ אינ מאָנ־טאָליעס, פּאַרוזסענע.

כ'האָב אָנגעהויבנ נאָכ מער איינ איינע. וואָס אינ דער היימ האָלטנ זיי שטאַט, האָבנ פאַמיליעס אינ פונ א לעבנ, ווי דער שטייגער פאָדערט, נאָר יעדעס מאָל, כ מעגליכ אפנ יאָריד, דערלויבט מענ זיכ אויגנ, וואָס אינ דער היימ, איבער געוויסע טעמים, קיינמאָל.

דער היימ־מאָנטאַנער אָבער אפ יענעמ אָוונט פאָרט די יונגע, אונ זיי האָבנ דאָס אפ זיכ גענומענ, אינ דורכ זייערע באַרימער, וואָס זיי האָבנ מיט זיכ פונ זייערע מאַמעס היימענ מיטגעבראַכט, איז באַפאַלנ געוואָרנ. אייסצופילנ דאָס, וואָס כ'האָב זיכ געפאָדערט; אינ מיט א היפּשער גרופּע פינצטערע מענ־לעכער אינ מעלערלעכ איז פונ יענער זייט מיינ (וויילע אינ שטוב האָט מענ מיט איינע ניט געראַנגלט) אָפּגערעדט געווענ, וואָס מע האָט באַראַטנ אָפּ־רעדנ. אינ געלט איז געשאַפנ געוואָרנ. פאַר אלעמענ, פאַר אינ „גאַנץ־דינגלעכ־קליי־מערינ, אז די פּאָליצעס אינ דעמ זאָלנ מיטאמאָל שטאַרק שטאַרק ווערנ, וועל פרייטיק יונגע אויכ אויכ גרויסע ווערטיבער, ביפראַט, יענע מע צעבינדט זיכ, יענע פונ צעלאָזט זיכ אינ מע נייט כפעציעל אינ הילינג זיכ צעפלאַטערנ.

כ'האָב זיכ באַראַטנ מיטנ ברענג פונ דעמ, וואָס כ'באַדערט זיכ פאַר איינע הייבנ גלבט אינ געגעבנ — פונ עבנ אינ פרינצנ, אינ אויכ מיט פינצטערע מעלעכער פונ שאַנדאַנ אויפגעהעצער איז אָפּגערעדט געווענ, אונ

יענע זײַנען יענעם טאָג שטאַרק פֿאַרפֿאַליעט אומגעלאָפֿן, און זײ, פֿון זײער
זײַט, האָבן זיך מיט אונדזער באַזאַנטער פֿערעלע דער מעקלערן צונױפֿגע=
רעדט: מאָמער װעלן שאַנדהײַזער ניט קלעקן, זאָל זי פֿון איר „סכוירע“, פֿון
האַלבן שאַנד=אַמען און ערעװ=אַמען צונױפֿשטעלן — די פּריציט אַף נאָך דער הײ=
ליאַנקע, אַף שפּעט, װען פּריציט װעלן זיך אין זײערע באַזונדערע צימערן
צעגײן.

פֿאַרקומען האָט דאָס באַדאַרפֿט בײַ נאָסן=נאָמען אין אײַנפֿאָר=הױז, אין
אײנעם פֿון די בעסטע, פֿאַרהעלטניסמעסיק פֿאַרנעמסטע, דאָרט, װוּ ס'פֿלעגן
אײַנשטײן אָדער גאָר רײַכע סאָכרים, אָדער אָנגעפֿאָרענע רעגירונגס= און אַד=
מיניסטראַציע=לײַט. װי ריכטער, װען זײ קומען אַראָפּ פֿון דער װײַטלעכער
גובערניע=שטאָט אַף אַ היגן מישפּעט, אַקציזניקעס, רעװיזאָרן אַזױ.

די צימערן זײַנען דערום מעבלירט געװען פֿײַנער, װי אין אַנדערע אײַנ=
פֿאָר=הײַזער. בענקלעך און קאַנאַפּעס מיט מישעבאָלן. דילן מיט טעפּיכלעך, מיט
פֿאַרטרעטן פֿון גענעראַלן אַף די װענט אין יעדער צימער, און אין אײנעם אַ
גרױסן עסצימער, — אױסגערעכנט דערױף, װען אַ גרױסע קאָמפּאַניע װעט
צוזאַמענקומען עסן, ס'זאָל זײ אין אין צימער צו אײנג מיש דערלאַנגט װערן —
דאָרט, אין יענעם צימער אױך אַ קײסער=פֿאָרטרעט, אין דער קרױן, צו קאָ=
ראָנאַציע, — אַ ביליק=פֿאַרביקער לובאָק אַף שטײַף גלאַזירט פּאַפּיר, װי יענער
סאָרט אַלע אַזױנע פֿאָרטרעטן, װאָס װערן אַף אַלע מאַרקן אין גרױסן טיראַזש
פֿאַרקױפֿט פֿאַר קלײן געלט און צום פּאַטריאָטישן אָפּגעשטאַנענעם געשמאַק
פֿון אַ געװיסן געברױכער.

דאָס מאָל זײַנען די צימערן אײנס און אין אַנדערן צעעפֿנט געשטאַנען, װײַל
אַלע אײַנשטײער באַזאַנט אין הײמיש, און דער הױפּט=צוזאַמענקום און דער
גרױסער טיש איז געגרײט געװען אין עסצימער, װעלכער איז געװען באַלױכטן,
אַחוץ פֿון ליכט אַפֿן טיש, אױך פֿון אײנעם אַ מין בליץ=לאָמפּ, װאָס איז פֿון
מיטן סטעליע אַראָפּגעהאַנגען.

נאָסן=נאָמע, דער באַלעבאָס פֿון דער אַכסאַניע, דער, װאָס איז טאָמער גע=
װוינט הױפֿ=כאָשעװע געסט אױפֿצונעמען און באַדינען, און װאָס ספּעציעל צי=
ליבן אָט דער באַדינונג איז אים זײַן באָרד שטענדיק זױבער געקעמט און אַפֿן
קאָפּ האָט ער, מײַסטע סאַרװער, געטראָגן אַ זײַדן יאַרמעלקעלע, — ער, נאָסן=
נאָמען, איז דעם טאָג פֿון ערעװ יענעם אױגנט באַזונדערס באַשעפֿטיקט געװען
מיטן גרײטן טיש פֿאַרשפּרײטן, די בענקלעך אױפֿשטעלן, לאָמפּן רײניקן, טע=
לער, גלעזער, גלעזלעך װישן; און דעריקער נאָך, װען מ'האָט אַפֿן טיש דאָס
אָנגעגרײטע באַדאַרפֿט צעשטעלן, װען נאָסן=נאָמע האָט קײן אױפֿזעער איבער
זיך ניט געהאַט פֿון פּריציישן צאַד, איז קימאַט אַלײן באַלעבאָס געװען, און ער
האָט באַדאַרפֿט פֿון יעדער מין מער, װי אַפֿן טיש אַרױפֿשטעלן, פֿאַר זיך אַראָפּ=
שטעלן, ד. ה. אַראָפּנעמען, קעדײ דאָס צוריק דעם באַלעבאָס פֿון „גאַגיידן“=
קלײטעלע אָדער אַן אַנדערן צו פֿאַרקױפֿן. ער האָט געהאַלטן אין אײן טראָגן
צום טיש און אין אײן אװעקטראָגן פֿון טיש, און די גאַנצע צײַט האָט איר דער

קאָפּ געאַרבעט, די גאַנצע צייט האָט ער זיכ מיט דער דייע געשלאָגנ, זיכ געיישעריט, צי נעמט ער ניט צופיל אַראָפּ, אָדער צי שטעלט ער ניט אָפּ מייש פּײַנע איבעריקס. ער איז אַלעמאָל געלאָפנ צו די ווינ־קעסטלעכ, וועלכע ער האָט געהאַט אינ אַ באַזונדערנ צימער אָנגעגרייט, אויסער יענע, וואָס ער האָט גלײַכ אָפּנ מיט איינגעשטעלט, אינ ער האָט געקוקט אָפּ זיי, געזוכט אונ זיכ מעיאַשעט געווינ, וויפל וועט ער קענענ, נאָכ דעמ, ווענ ער וועט די פּריצימ אָנשיקערנ, פאַר זיכ אונ ווידער צום צוריק־פאַרקויפ קאָזנ.

ער האָט, אויסער קאָפּ־אַרבעט, אויכ אַ געוויסע מאָראַלע קרענקונג געהאַט פונ די אָנגעטריבענע מידה, די אויסגעבאָרגענע, אויסגעוואַשענע, וועלכע האָבנ פאַרנומענ אַ פּאָר באַזונדערע צימער ערגעצ אינ עק אײַנפאָר־הויז אונ האָבנ אָפּ זייער צײַט, אָפּ זייער ריי געוואַרט. ער האָט זיכ געמאַכט ניט וויסנדיק, נאָכנאַנד, ווײַל מיט אײנע האָבנ האָט ניט ער, נאָר אַ לעצטער מעשאָרעט, אַז דאָס איז זעלטנ, צו טאָנ געהאַט; אָבער, פילנדיק זיי, האָט ער געשפּיגנ, אונ ווענ ער האָט דערזענ די טיר פונ יענעמ צימער זיכ עפענענ אונ אַ קאָפּ, אַ דערבײַער פונ איינער פונ יענע זיכ אַרויסרוקנ, האָט עס אימ געערגערט. ער האָט זיי קלוימערשט ניט באַמערקט, פאַרבײַגעלאָפנ אונ זיכ ניט זעענדיק געמאַכט, נאָר אינ האַרצנ האָט ער געזיפצט: אַ ברייטע האָט מענ? וואָס טוט מענ דענ ניט צוליב פּאַרנאָסע? ביטעראַס, אַז מע האָט צו טאָנ מיט אַזוינע, וואָס אַפילו זיי איז נעבעכדיק, אונ ניט נאָכגעבנ איז גאָר ניט שײַנ.

ווײַל ריכטיק: נאָכנאַנד האָט דאָס מאָל צו טאָנ געהאַט מיטנ עמעצנ בליט־פּראַנצ, מיטנ עמעצנ אויסגעבראָליעטנ אונ אויסגעלאָסענעמ, וואָס נאָר פּריצימ קאָנענ פונ זיכ אַרויסגעבנ.

פאַר אַלעמענ, מיט אַ.א., לעמאָשל, ווי מיטנ אײנציקסטנ זונ פונעמ באַ־רימטנ אָבנ גאַנצנ קאַנט אַלטנ גראַפ קאָזעראָגע, וואָס איז גענוג געווענ צו קענענ דעמ אַלטנ. מע זאָל שוינ ווײַסנ, ווער דער זונ איז.

דער אַלטער אַליינ איז שוינ ניטאָ געווענ. אָבער לעגענדעס האָבנ זיכ ווענג אימ געטראָגנ אײנע משוגענעדיקער פונ דער אַנדערער. ווי, לעמאָשל, ווענג זײַנ ליבהאַבערײַ פאַרשיידענע פּאָרצעלײַענע קייליט צו זאַמלענ. גאַנצע צימערנ האָט ער געהאַט איבערגעשטעלט אינ אָנגעהאַלטנ פונ פאַרשיידענע טיי־שעלעכ־לעכ, טעלערלעכ, טאַצנ, וואַזעס, בילדער פונ פּאָרצעלײַ, פונ פאַרשיידענע גרויסנ, וואָס ער האָט פונ פאַרשיידענע לענדער זיכ אײַנגעשאַפט אונ אויסגעשריבנ.

אַז דאָס איז ווייניק, האָט ער געהאַט אַ צווייטע ליבהאַבערײַ — צו ריי־בערלײַנעכ, וואָס אויכ מיט זיי האָט ער גאַנצע צימערנ באַוואַלגערט, די יענע באַראַבאַנענ, ביז דער קלענסטער אַרויפ אונ ביז דער פעלער אונטנ — פונ ליימ, פונ האָלצ, פונ ברעטער, פונ אַלערליי לענדער אײַנגעהאַנדלט, פונ הי, פונ פּערבינ, מערקע, אַלע פונ ווענעציע, אינ פונ אַלע אַנדערע רוביעס ליוקעט. דאָנ מאַכבייעב, אַז דאַבעקע, האָט מענ דערציילט, פונ פאַר דעמ אַלטנ בריס־מאָב, איבערגעטאָבענע, אָפּגעריבענע, שוינ קיינ אויסזעעס ניט צו דערקענענ אונ פאַרנ ברייטנ איילעמ קיינ ווערט, אונ ער, דער אַלטער קאָזעראָגע, האָט

זיכ אינ זיי געקאָכט ביז מעשוגאַס, ביז אָפּגעבנ א האַלבנ מאַיאָנטעק פאַר איינעמ אַמאָל אַנ אַנטיקל, וואָס אינ די גרעסטע וועלט-מוזייומס איז דאָס א כידעש, אַנ אויסנאַמ אונ ביכלאַל ניט בענימצע.

איז מיילע, אַט די אַלע לײַדנשאַפטנ אינ קאַפּריזנ נאָכ צו דערלײַדנ. כאָטש פּריצישע, אָבער פּאַרט מענטשלעכע. אָבער אַפּ דער עלטער איז שוינ דער אַלטער גאָר הויל געוואָרנ, אונ ער האָט פריִער גענומענ זאַמלענ כאַלאַסטנ, פונ גאָר דער וועלט, דערנאָכ גאָר לעבעדיקע באַשעפענישנ, ווי פאַרשיידענע קריפּלענ, קאַליקעס, קאַרליקעס פונ מענלעכנ געשלעכט, פונ וויבלעכנ געשלעכט; קליינע, פּיצלעכ, באַנומענע, מיט אַלט-געלע פּענעמער אונ מיט קנייטשנ. איז דאָס אימ ווייניק געווענ נאָכ אַלײנ דאָס זאַמלענ, איז אימ אײַנגעפאַלנ זיי אַלע כאַסענע צו מאַכנ אונ צו פּאָרנ, אונ — „פּע, פּע" — האָט מענ זיכ דערציילט אונ געשפּיגנ, — אונ אַפּ די כאַסענעס האָט ער גרויס געהוליעט, אונ א האַסאָגע האָט ער געהאַט, אַז ער מיט די געסט זאָלנ נאָכ בײַזײַנ בא דעמ, וואָס ס'קומט פאָר נאָכ דער כאַסענע... מאַקע שטיינ, צוקוקנ אונ מעשוגע-שיקער דערבײַ, ביז בויכ-שטעכעניש, זיכ קאַטשענ פונ געלעכטער.

א סאַכ האָט ער געהאַט א בימערנ. בײַסנ אויפשטאַנד האָט ער אַלײנ קיינ אָנטייל ניט גענומענ, ווײַל אַלט אונ ווײַט פונ שלאַכטנ. נאָר דאָס מויל האָט ער ניט געהאַלטנ, אינ די מאַכט, וואָס האָט גוט אַזוינע דעמלט נאָכ געשפּירט, האָט געוווּסט, ווי ער האַלט; מאַכמעס א מינהעג האָט ער זיכ געמאַכט, אַז יעדעס מאָל, ווענ א פאַרשטייער פונ דער מאַכט האָט אימ באַזוכט אינ זײַנ שלאָס, האָט ער זיכ יעדעס מאָל קראַנק געמאַכט אונ באַפוילנ דעמ פאַרשטייער צו זיכ אינ שלאָפצימער ברענגענ, אונ יענער האָט אימ יעדעס מאָל געטראָפנ, קלוימערשט, א שלאָפעדיקנ, צו דער וואַנט אויסגעקערעוועט, אונ טאָמער מיט א נאַקעטנ, ווי הייסט מענ דאָס, מיט דעמ אומאָנשטענדיקנ טייל קערפּער הויל, ניט צוגעדעקט. ער האָט זיכ יעדעס מאָל בא יענעמס אַרײַנקומענ ווי אויפגעכאַפּט אונ זיכ קלוימערשט אַנטשולדיקט, אָבער וויסנ האָט מענ געוווּסט, אַז דאָס איז גאָר ניט אומגערנ. דאָס מאַכט ער אומיסטנ אונ דעמאָנסטרירט דערמיט זײַנ באַציִונג אונ אומערע צו דער מאַכט.

ס'איז דערגאַנגענ דערצו, וואָס פריִער האָט ער אַזוי קלענערע רוסישע באַאַמטע אויפגענומענ, דערנאָכ גרעסערע אונ נאָכ גרעסערע, ביז מ'האָט זיכ דערפונ נאָר אינ די הויכע פענצטער דערוווּסט, אונ דער סאָפּ איז געווענ, אַז ווענ ער האָט דאָס זעלבע נאָכ פאַר א גרויסנ מיליטערישנ מאַנ געמאַכט, וועלכער איז פאַרבײַ אונדזער קאַנט, פאַרבײַ זײַנ מאַיאָנטעק, מיט א מיליטער-טייל דורכגעגאַנגענ, האָט זיכ יענער שטאַרק באַליידיקט, אונ אַפּ אייגענער אַכרײַעס, זיכ בא קיינעמ ניט אָנפרעגנדיק, אָדער עפּשער ניט אַפּ אייגענער, עפּשער האָט ער אַפּ דערויפ אויכ פונ דער הייכ א ווונק, א דערלויבעניש באַקומענ, — נאָר דער סאָפּ איז געווענ, אַז מע האָט אימ, דעמ

אלטנ, מעיובעסדיקנ, ווילד־כאַטעווענ פּוילישנ אלטנ גראַפ קאָזעראָגע איבער דעמ זעלבנ אָפּגעגאַקעטנ מייל, איבערנ הוילנ, געשמיסנ, פּאַשעט, ווי ער האָט אָפּט זײַנע געווייגלעכע אומבאַשיצטע פּויערימ, ווענ מע האָט זיי די הויזנ אַראָפּגעלאָזט, אונ ער זיי — אַפנ רוקנ, אימ אָבער, ווײַל אַנ אַלטער — אַפנ ווייכנ...

דער אַלטער האָט דאָס ניט אויסגעהאַלטנ, אונ נאָכ די שמיצ איז ער שווער פונ בעט ניט אַראָפּ, די גאַנצע צײַט פונ נאָכ יענער מײַסע אָנ קיינעמ, אַפילו קיינ אייגענע, אויסער זײַנ באַדינער, ניט צוגעלאָזט, אָבער אויכ אימ, דעמ באַדינער, איז פּאָנעמ ניט געקוקט: די גאַנצע צײַט מיטנ פּאָנעמ צו דער וואַנט, מיטנ רוקנ צומ צימער געלעגנ, ווײַל ער האָט די בושע ניט געקאָנט איבערטראָגנ, אונ אַזוי, אַנ אויסגעקערעוועטער, זײַנ גרעפישע נעשאָמע אָפּגעגעבנ.

דער יונגער גראַפ, דער איינציקער זונ אונ יורעש זײַנער, האָט זיכ פונ דער יוגנט אָנ אינ אויסלאַנד אויפגעהאַלטנ, אינ א בעלגישנ ליעזש אָדער אינ א שווייצאַרישער לאָזאַנע געלערנט, געשטודירט, קלוימערשט, אונ אינדערעמעכנ, איז גענוג געווענ נאָר א קוק צו טאָנ אַפ אימ, קעדיי צו זענ אונ זיכ איבערצײַגנ, ווי דער יונג האַלט אונ וואָס פאַר א לײַט ס'וועט פונ דעמ פּאַרשוינ נאָכ אינגיכנ ווערנ.

ער איז נאָכ קיינ דרײַסיק ניט אַלט געווענ, אונ דאָס פּאָנעמ שוינ בלאָס אָפּגעצערט, קיינ טראָפּנ בלוט, אונ ס'האָט זיכ געדאַכט, אַז מיט אָפּענע אויגנ שלאָפט ער. ער פלעגט טאַקע אַלעמאָל אינדערפרי, ווענ דער היימישער ראַזירער פלעגט צו אימ קומענ, אימ אַפנ טאָג צו פּוצנ אונ אַרומראַזירנ, אינמיטנ ראַזירנ אײַנגעשלאָפנ ווערנ, מיטאַמאָל דעמ קאָפּ פאַרלירנ, אונ ער האָט טאַקע ניט איינ מאָל דערלעבט אינמיטנ גאָלנ א שניט געכאַפּט.

ער איז שוינ אַפ האַלב אויסגעבײַטלט געווענ, גײַסטלעכ אונ קערפּערלעכ. מילע, גײַסטלעכ האָט ער כמעט ניט געהאַט וואָס צו פאַרלירנ, ווײַל גאָר קיינ איבעריקס האָט ער פונ זינט ער לעבט נישט געהאַט אונ בעיערושע נישט באַקומענ. נאָר קערפּערלעכ האָט ער שוינ מיט די פיס געשאַרפּט, באַלד־באַלד, האָט מענ געזענ (מע האָט קיינ גרויסער ווייסער אינ קיינ דאָקטער ניט באַדאַרפט זײַנ דערופ), וועלנ אימ די פיס אויפהערנ דינענ, דאָס לאָשנ, וואָס איז אימ שוינ אַזוי אויכ האַלב געווענ געלעגערט, וועט אימ באַלד אָפּזאָגנ, דאָס ביסל זיקאָרנ, וואָס האָט זיכ אימ אַזוי אויכ געפּלאָנטערט, וועט זיכ אויסלעשנ, אונ אַזאַ פּאַרשוינ וועט באַלד מיט פאַרגלייזטע אויגנ אונ מיט שטענדיק רינענדיקער סלינע פונ איינ זײַט מויל, אינ בעט בלײַבנ ליגנ, אָדער אינ בעסטנ פאַל, וועט מענ אימ נאָכ קאָנענ אַפ א קראַנקנ־וועגעלע מיט ווייכע רעדעלעכ אַרומפירנ, ווי ס'איז טאַקע מיט אימ אינדערעמעכנ, אינ די נאָענטסטע יאָרנ געשענ.

דערווײַל איז ער נאָכ אומגעגאַנגענ, דערווײַל האָט נאָכ אינ אימ א געוויס ביסל נישער געצאַנקט. דערצו דער איינציקער יורעש פונעמ אַלטנ גראַפ,

מיט די הונדערטער דערפער, מאַיאָנטקעס, ביר־ברויעריען, גוראַלניעס, עקאָנאָמיעס און אַנדערע רייכקייטן, וואָס ער האָט ניט געוווּסט וואָס צו מאַכן מיט זיי, ווי מיט זיך און מיט זיין שוין האַלב דורכגעלעבטער און אָפּגעברענטער צייט, און מיט אַלץ, וואָס איז אים שוין צוריק געקראָכן.

דערווייל איז ער נאָך געווען ער, מיטן פּריציש פּוץ, דער רייכסטער פון אַלע רייכע אין לאַנט, מיט אַלע ווילדסטע און האַלב־אומזיניקע האַבאַנעס, כאָטש שוין מיט א פּאָנפּענדיקער שפּראַך, מיט שאַרפּענדיקע פיס, מיט א לאָרנעט. וואָס אַן אויג האָט ער זיך, אַפילו אין קלאָזעט גייענדיק, ניט געקאָנט באַגיין, און וואָס איבער מיט אים, ווי אָן אים, האָט ער גאָרניט געזען, גאָרנישט ניט פאַרשטאַנען, ווייל אין קאָפּ האָט זיך אים געלאָזן.

דערווייל איז ער בּאַ אונדז אויבן דערמאָנטער סימכע געווען דער אָנגעזעעבסטער, ווייל אַף זיין בעזישבן קימאַט איז דאָס אַלץ אָנגעהויבן געוואָרן, קעדיי זיין ליידיקגייעריש יאָרוד־צייט צו פאַרהוליען. און, נאַטירלעך, איבער די אַלע אָנגעלאָדענע אַף דער סימכע, פון וועלכן סאָרט, ווי ער, אָדער האַלב ווי ער.

מירן דאָ ניט אויסרעכענען די נעמען פון אַלע אָנגעזאַמלטער אין יענעם אויגוסט, ווייל, כּאָפּראָלבאָפּ, זיינען זיי אונדז אַלע אַלציינס, און גאָר מיט קיין סאַך האָבן זיך איינס פון אַנדערן צום בעסערן ניט אויסגעטיילט.

אינדערעמעסן, וואָס איז דער כילעק פון יענעם איינציקל פון איינעם א באַוווּסטן פּויליש וואָיעוואָדע, באַזאַנט נאָך פון כמעלניצקיס צייטן, דער גראַף גערדרויץ, וואָס ווי מע האָט דערציילט, האָט ער אויסגעביטן אַן אַלטן ווייך־קעלער אַף אַן אַראַבישער שטאַם־שקאַפּע, א שיינ־פּיסיקער, א ווונדערלעכער היציקער, און פון אַזאַ שטאַלט איז גאַנג און מעכטיקייט אין דיטגעריען, אַז ער האָט גאָר זיין וועלט פאַרגעסן און איבער איר דעם קאָפּ פאַרלוירן; אַזוי, אַז ווען זי, די שקאַפּע, איז אים קראַנק געוואָרן, האָט ער, ווי א קאָנאָוואַל פון גאַנצן קאַנט צונויפגעטריבן, און אַז די קאָנאָוואַלן האָבן ניט געהאָלפן, האָט ער זיך געווענדט צו זנאַכערס, און אַז אויך די זנאַכערס ניט — צו קסיאָנדזן, און כאַלעשנדיק און באַלנדיק פאַר די פיס צו זיי, האָט ער זיי אָנגעבעטן אָפּצוהיטן א מפּילע פאַרן פערד, ווי גלייך פאַר אים אַליין.

וואָס פאַר א כילעק, זאָגן מיר, צווישן אים, דעם גראַף גערדרויץ, און צווישן איינעם א יונגן פּריצט רעניקע, האַלב־דייטש, האַלב־פּוילישער אָפּשטאַמונג, וואָס יענער האָט זיך פאַרנומען מיט ציכטלען עפּעס. א געוויסן מין באַוויירט, וועסטהאָרקע מיט ראָזעווע פיסקעס, ווי א הרגער די גרויס, און וואָס כּפּעציעלע מענטשן זיינען צו זיי צוגעשטעלט געוואָרן אַף זיי אַזוי אויסצוהאָדעווען, ביז יענע האָבן שוין פון פעטס קיין קוועב ניט געהאַט אַף די פיס צו שטיין, די קנעכל באַ זיי זיינען געווען צו קורצע זייערע אייגענע בערג פליישׁ אויסצוהאַלטן, און זיי פלעגן שוין אַפילו עסן ליגנדיק, מיט פאַרמאַכטע אויגן, אין האָבן טאָג ווי נאַכט נאָר מיט די

באַוואָרשטע געשאָטענע געפּאַכטע און שטילע געשטאַנקענע פונ זיכ אַרויסגע-לאָזט. דער פירשט האָט קיינ בעסער פאַרגעניגנ ניט געהאַט, ווי נאָכ צו שטיינ לעבנ אָט יענע באַוויידימ, שאָקלענדיק אַפ זיי צו קוקנ און אַפ זייער בעטנ זיכ פרייענ, ווענ זיי זענענ געזונט געווענ. אָבער לעבאָפּ כלעגנ זיי קראַנק ווערנ, און דער פירשט, צוזאַמענ מיטנ קאַנאָזאַל און מיטנ שמאַל-און באַוויידימ-הירטער, פלעגט בײַ אַ מינקעלנ לאַמטערנ בײַ זיי נעכטיקנ און ... די געשאָלטענע הינט. דער פירשט האָט זיכ געשטעלט אַ ציל זיינע באַ-וויידימ צו אַ מאַקסימאַלער וואָג און פעטס-גאָרמע צו דערפירנ, אָבער די באַוויידימ פלעגנ די איבערשטאָפּונג ניט אויסהאַלטנ און פלעגנ אימ אויער-פייגערנ — וויי-וויי! — פאַר דער גאָרמע...

דאָס איז דער בילעק צווישנ זיי... אַלנפאַלס, די קאָמפּאַניע — אַ גע-... אַנ אייגנטימלעכע, און פונ איינע פריציש-פּאַראַזיטישע מאַזאָלעס, איינער נאָכ אַנ אויסנאַמ צווישנ זיי, איינער אַ ליסיצינ-סוועגטיסלאַווסקי. אַ מענטש מיט אַ צווייענדיקער פאַמיליע, סאָפּעק רוס, סאָפּעק פּויל, נישט קיינ פּאָריצ און נישט קיינ גובבאַזיצער, ער האָט קיינ מאַיאָנטעק און דער ... ניט געהאַט, האָט אינ שטאָט געדינט בײַ דער מעלוכע, פריער אַמאָל אַ קליינער באַאַמטער ערגעצ אינ אַקציז, דערנאָכ, איבער עפּעס געוויסע ... זיכ אַ העכערונג פאַרדינט, באַקומענ אַ שטעלע ערגעצ אינ אַ רוסי-שער שטאָט אינ דער שטאָט-פאַרוואַלטונג, דערנאָכ, מע ווייסט ניט פאַר-וואָס, ווידער אַהער, אינ היגנ קאַנט, איבערגעפירט געוואָרנ אינ אונדזער שטאָט אינ N און אויכ דאָ אינ דער אופּראַווע.

דאָס איז, מעגלעכ, מיט אַ געוויסנ מיינ פונ דער הויכער מאַכט געטאָנ געוואָרנ, קעדיי אימ, סוועגטיסלאַווסקינ, דאָ, אינ פריצימ-קאַנט, אונטער דער האַנט צו האָבנ. באַזונדערס די לעצטע צייט פונ נאָכנ אופשטאַנד. ווענ די איבעריקע אַפּ פריצימ האָט זיכ געשטאַרקט, האָט זי אימ, מעגלעכ, געוויסע געהיימע שליחתנ אויסצופילנ איבערגעגעבנ, מאַכמעס ער איז שטאַרק אויס-געקאָכט צווישנ פריצימ. מעגלעכ...

ער איז געווענ האַלב-לינגער, האַלב-מאַרשאַלעק, האַלב-פּאַט. האַלב-ריטי-ראַר. פונ יענע באַרשוינענ, וואָס קאָנענ לייכט קריגנ אַנגאַנג און צוטרוי בײַ יעדנ. און איינער, וואָס פריצימ האָבנ ליב: אַ געטרייער פלאַיש-ברודער, וואָס איז אַ הילפ אינ אַ וואָסער-ניט-איז געזעלשאַפט, איז ער דאָ: מיט ... — געברידערט, מיט פאָליאַקנ — איינס, מיט וועמענ ער האָט הינט געטריבנ, פאַר די האָט ער פונ די נעכטיקע געלאַכט; דאָס לעצטע ווערטל, דעמ לעצטנ אָנגעטאָנ, אַלע סקאַנדאַליעזע געלט- פאַמיליע- און ליבע-געשיכ-טעס בײַ יעדנ איינעמ פונ די פריצימ אינ היגנ קאַנט געוווּסט, מיט יעדנ פאַניבראַט אינ מישפּחה, און די צווייענדיקע פאַמיליע און די אומ-באַשטימטע נאַציאָנאַלע אָנגעהעריקייט האָט אימ געדינט, ער זאָל אינ יעדער סאָרט געזעלשאַפט, סיי בײַ די שטאָטישע אַדמיניסטראַציע-לײַט, סיי בײַ די אָנגעזעענע פאָליאַקנ פונ קאַנט, פאַר אַ זייעריקנ פאַררעכנט ווערנ.

מע האָט אים געזען אומוואַנדלען, ווי וואַנדל־גראָז, פונ איינע צו די אַנדערע, יעדער איינעם האָט ער געהאַט אָפנ אויער ווענ אַנדערנ וואָס אײַנצוראַמענ. פאַר יעדנ, ווו ווענ מע האָט באַדאַרפט, האָט ער געהאַט דאָס פּאַסיקע ביסל כניפע פאַרגרייט. דערום אַלע טירנ פאַר אים אָפנ, אַלע בעטלענ פאַר אים אָפגעשנורעוועט, אַלע סוידעס גרייט פונ אים אויסגענומענ ווערנ, אונ אַלע אויערנ, וועלכע דאַרפנ, טאָרנ די סוידעס ניט פאַרנעמענ, גרייט אינ זיי אַרײַנצוזאָגנ, איבערצוגעבנ ווערנ...

ס׳וואָלט אים געפּאַסט זײַנ א פּריזשיוואַלעק, א באַשטענדי־קער קעכט־עסער בא איינעם אָדער בא עטלעכע פרײַנט מעצענאַטנ פונ דעמ מינ, אונ פונ הויפ צו הויפ ליידיק־צײַט־פאַרברענגעריש ארומצופאָרנ. ער האָט אָבער, ווײַזט אויס, זיך אינ שטאָט צו גוט אײַנגעלעבט. ער האָט אינ איר א גאָר גוטנ טאַמ געפילט, אונ אויך אינ זײַנ שטעלע אינ שטאָט, וואָס אינדערעמעסנ איז זי אים, ווײַזט אויס, געגעבנ געוואָרנ נאָר לעפּאַנעט, ווײַל בא דער אַרבעט האָט מענ אים זעלטנ ווענ געזענ, אונ, ווי ס׳ווײַזט אויס, האָט מענ פונ אים אויך ניט געפאָדערט, ווי פונ קיינ אָנגעשטעלטנ; אונ דעריקער־אַוודע זײַנע איז געווענ — אומצושנאָרענ, אויסצושמײַענ, אינ אַלע שפּיצ־געזעלשאַפטנ אָנ אײַגענער זיך אַרײַנצודרייענ, אָנ אויער צולייגנ, אָנ אויג האָבנ, צווישנ פּריצימ, — איז פּריצימ, צווישנ אַנדערע, — איז אויך אַנדערע, אונ ווו ער אַליינ, ווו זײַנ אײַגנטלעכע וועלט האָט געשמעקט, איז ניט געווענ צו זײַנ, צו דערקענענ: אז מע וויל — א פּאָלאָניזירטער רוס, אז מע וויל — א רוסיפיצירטער פּויל, אונ דעריקער גרייט ביידע פאַר א טרונק אָדער פאַר עפּעס מער צו פאַרקויפנ.

ער פלעגט אָפט פאַרשווינדנ ווערנ פונ שטאָט אונ אייניקע טעג אָפ דער פּראָווינצ פאַרברענגענ, אַמאָל בא איינעם, אַמאָל בא אָנ אַנדערנ פונ זײַנע האַנאָניקע באַקאַנטע טרינק־ברידער אונ קאָרטנ־שפּילער. באַזונדערס אָבער, ווענ ווו ס׳איז א פּרײַלעכע זאַכ פאָרגעקומענ, אָנ אײַנציקער גאַסט פונ דער פּראָווינצ אַמאָל, אָדער ווענ ס׳פלעגנ זיך עטלעכע געסט צונויפ־קומענ, ביספּראַט איצט, אָפנ יאַריד, ווענ אַזאַ סאָב זײַנענ זיך צונויפגעגאַנ־גענ, איז דאָכ אַזאַ־ע ניט שטײַב אָנ אים, אָנ סוועגטיסלאַווסקינ. אונ אָט איז אויך ער, ליסיצינ־סווענטיסלאַווסקי, אָפ יענער סימכע.

* * *

שוינ גלײַב, ווי נאָר ס׳האָט זיך אָנגעהויבנ, ווענ נײַעס אַלע געסט אַפילע זײַנענ זיך נאָכ ניט געהאַט צונויפגעגאַנגענ, אַזוי איז שוינ דער גראַפ קאָ־זעראָגע, וועלכער האָט, אַפילע ניט טרינקענדיק, אויסגעזעענ באַטרונקענ, אָדער עפּעס האָט ער טאַקע שוינ פונ פריער ערגעצ א קליינע קויסע געכאַפּט, — שוינ דעמאָלט האָט דער יונגער גראַפ יעדעס מאָל, ווענ דער באַלעבאָס, נאָס־נאָמע, האָט זיך צו די פאַרזאַמלטע פּריצימ באַוויזנ אָפ יער שוועל עפּעס צו ברענגענ אָדער עפּעס אָנצוקומאַנדירנ, ווי ס׳האָט זיך געפאָדערט פונ

באַרימענ. האָט ער אים יעדעס מאָל מיט א שיקערנ פינגער א וואַרפ גע־
טאָנ, ער זאָל צו אים צוגיינ, ער דאַרפ אים עפּעס זאָגנ — האָט ער גע־
דינט, אינ אז יענער איז צו, האָט אים דער גראַפ אַלעמאָל מיט אָפּנ
שיקערער באַראַבציגג, גלייכ ער וואָלט זיכ ניט צו קיינ מענטשנ, צו זיינ
גלייכנ, נאָר צו א היימישער מינ בהמה, וועלכע מע וואָלט אויסגעדרעסירט,
א זאָג געטאָנ:

— אנו, גאַמאַג, זאַסביעגיט מי מאָג פּיאָסענקע... יאַק סיע גאַזיוואַ... —
אינ ער האָט זיכ בעשטימט ניט געקאָנט דערמאָנענ דאָס, וואָס ער וויל
פונ אים. יענע ליד, וועלכנ ער זאָל געזינגענ, אינ געמיינט האָט ער די
ליד, וועלכע אַלע פריצים פלעגנ פאָדערנ פונ זייערע אינטערגעוואָרפענע
יידנ, ווענ זיי, די פריצים, איבערלייענ, אינ יידנ זיינענ געצוווּנגענ געווענ,
מאַכנדיק אָפּהענגיקייט אינ מורא׳דיק האָבנדיק אָפּציוואָגנ, זיי צו זינגענ. דאָס
מיינט מענ די באַוווּסטע שאַבעס־ליד, דעמ „מאַיאָפעס“.

יעדעס מאָל האָט זיכ גאָבנ־גאָמע מיט אנ אַנדער מערעצ אויסגעדרייט,
פריער קלויזטעריש, ניט ווייסנדיק, וואָס יענער מיינט, אנ אַנדערשטמאָל, —
אימ צוגעגעבנ. אז שפּעטער... א דריט מאָל מיט באַראַשינ אונ
גרויס באַרויטיקייט זיכ אַריינגערופנ פונעמ גראַבס האַנט, וועלכע האָט
זיכ שוינ צו זיינ כאַבאָסע געשטרעקט, צו זיינ באָרד אינ פייעס אינ אימ
אייגנהענטיק געוואָלט פאַרהאַלטנ.

כ׳האָב שוינ פונ אָנהייב אָנ געראַטנ דערבײַ, אז גאַרלעצקי דער פריי־
טמאַנ, וואָס מע ווייסט ניט אַרויס, צו די עלטערע גאַמשאַלבעוויטע האָנ,
וויבעריט, ... גיונע פריצישע צוואַמענרוס, אימ געשיקט אַהער, זיי
זי מיט קעסיידער, קערדיי צו האָבנ א יאָבער־גימ־אויז אינ פונ אירנ א באַ־
אַבינ אז אַלע ... צוזאַמענגעבנ: צו שפּעטער איז דאָס זיינ אייגנע
איניציאַטיוו: שפּעטער איז ער אפ אייגענער אַבריעס געקומענ, פילנדיק א
מינער, וואָס וועט אימ פונ ...ראַטוראַ (ווײַל אינ שטיב, צו די פריצימ
אַליינ, ... ער ניט די דאָזיע אינ ניט קיינ פילאַסאַפּ געהאַט אַריינצו־
...) דערלאַנגט ... פונ באַלעבאָס פונ ... פונ נאָבנ־גאָמענ.
ווענ ער וועט שטיינ הינטער דער טיר, אינ אַמאָל, ווענ ער וועט זיכ דער־
לייבנ די טיר עפענענ, אריינ דעמ קאָפּ אַריינשטעלנ אינ מע וועט אימ באַ־
מערקנ, וועט א פאָרעצ אימ דערלאַנגענ: מעגליכ איינ, אז דאָס האָט גאַר־
לעצקינ ליבצינ־בייענטיבלאַיסקי אַנגעלאָרנ, — צו צוליב עפּעס א געווינ
מינ, וואָס ער האָט געהאַט דערבײַ, צו שפּעטער נאָר אָנ א מינ. דאָס
לעצטע, וואָס הייסט די האַשאָרע, אז גאַרלעצקי איז פונ בייענטיבלאַיסקינ
אַנגעלאָרנ געוואָרנ, לויט זיכ אָפּנ זיינע אינ האָט דאָס מאָל א געווינ
ניט געהאַט. ווײַל דאָס מאָל האָט מענ באַמערקט, דאָס די גאַנצע צײַט
פונ דער ...אַנטע בייענטיבלאַיסקי געראַלטנ אינ אייג אינ זיינע האָבנ
אונ אַלע ... גאַרלעצקינ דורכ א דאַלבנ־שטעכנטער טיר א קיינע נאָב א קײַ־
מע אַריבערלאַנגענ.

יאָ, ס'האָט שוינ געהאַלטנ דערבײַ, אַז גאָרלעצקי דער פּריסטאַוו, דער, וואָס מיט דעמ קאַרק אינ דרײַ פֿאַלדנ, דער מיטנ אַרויסטאַרטשענדיקנ בויכ=באַראַבאַנ, וועלכער האָט קעסיידער געשוויצט, באַזונדערס, ווענ ער האָט געהאַט אַנ אָנגעלענטע שליכטע אויסציפֿילנ, ווי אויפֿ אַ פּאַראַד אַמאָל, אָדער אויפֿ דער וואַכ בײַ אַנ עלטסטנ, אונ וואָס האָט זיכ קעסיידער דערמאַנט מיט אַ מיטעלע איבער דעמ פֿלײשיקנ קאַרק דעמ שווייס געווישט, — האָט שוינ געהאַלטנ דערבײַ, אַז גאָרלעצקי, וואָס איז פֿריער פֿאַר מירע אונ, ווי גע=זאָגט, קיינ באַלטאַקסנ נישט האָבנדיק, הינטער דער טיר געשטאַנענ אינ אינווייניק קיינ האָיע ניט געהאַט אַרײַנצוקומענ, האָט איצט, גלײַכ שוינ פֿאַרט אָנהייב, פֿערהערנדיק, וואָס אינ צימער טוט זיכ, אונ מיינענדיק, אַז פֿונ אינווייניק ווערט אים קיינער ניט באַמערקנ, האָט זיכ איצט שוינ אַלע ווײַלע דערלייבט אַמאָל די טיר נאָר ווײַטלעכ אויפֿ אַ קיק צו מאַכנ אויפֿצוּעפֿענענ, אונ אַמאָל אויפֿ דעמ קאָפּ אַרײַנצושטעקנ.

עמעצ, ער האָט אַ מאָל געהאַט: ס'האָט נאָכ דאָכ ניט געהאַלטנ אײַ וויצט, אַז מע זאָל אים לאַכלונג ניט באַמערקנ, אונ יעדעס מאָל האָט אים פֿאַרט אַנ אַנדערער דערזענ. מע האָט אויפֿ אים גלײַכ אַ שפּאַסיקנ קוק גע=מאַכט, ווי אויפֿ אַ קאַץ, ווענ זי ווײַזט זיכ אויסמעריכט אינ מיט שטיל אַנ עפּנ אַ פֿאַרמאַכטע טיר, מע האָט אַ זאָג געטאָנ: פּססס... אונ ער האָט גלײַכ די אויגנ אונ דעמ קאָפּ איינגעכאַפּט אונ די טיר אײַלנדיק צוריק פֿאַר=מאַכט.

דאָס איז פֿאָרגעקומענ שוינ צום אָנהייב, ווענ אַלע געסט זײַנענ נאָכ ניט געווענ. שפּעטער אַ ביסל זײַנענ איינער נאָכ איינעמ פֿריצימ, אײַנגע=לאַדענע אינ יענעמ אָוונט אָנטייל צו נעמענ אינ צוזאַמענ פֿאַרברענגענ, זיכ צונויפֿגעקומענ. איינציקע ניכטער, אַנדערע, — פֿונ זייערע צימערנ אַרומ פֿונ דער זעלבער אַכסאַניע, אָדער פֿונ אַנדערע אַײַנפֿאָר=הײַזער קומענדיק, שוינ האַלב באַטרונקענ.

צווישנ זיי אויכ דער אַנדזשער, פֿונ אַ פֿריערדיק קאַפּיטל באַקאַנטער רודניצקי, וואָס האָט ניט נאָר צווישנ כאַברימ, נאָר אויכ צווישנ פֿריצימ קיינ איבעריק כאָווידנ אָנגעזענ אונ נאָמענ ניט געהאַט. ער איז יעדעס מאָל, אינ זײַנ געזעלשאַפֿט אַפֿילע, אויפֿגענומענ געוואָרנ נישט מיט איבעריקנ צו=טרוי — נישט צו זײַנ וואָרט, נישט צו זײַנ צוזאָג, צי אַפֿילע גלאַט צו דעמ, וואָס ער האָט ווענ צווישנ אַנדערע אינ אַ געזעלשאַפֿט זײַנ וואָרט אַרײַנגע=שטעלט. מע האָט אים זיי געקוקט אויפֿ די פֿינגער, נישט גלייבנדיק זײַנע הענט, אַז זיי קאָנענ נישט אַמאָל עפּעס אײַנשלינגענ. ווענ נאָר ס'לאָזט זיכ, ווענ אַ ניכטער ציטאַל, ווענ מע קאָנ האָבנ, אַז בײַעס צו קיינ זיבערנ דורכ=פֿאַל אונ סקאַנדאַל ניט קומענ.

דאָס מאָל האָט אים דער ערשטער באַגעגנט דער באַלעבאָס אונ דער הויפּט=שילדיקער אינ דער שימכע. דער פֿונ לעבאַנסילע אַנ אויפֿגעהיצלטער אונ שיקערלעכ=אויפֿגעלייגטער גראַפֿ קאָזיראָגע: ער איז מיט שאַרפֿענדיקע

פיס אינ האלב שוינ געליימטע נאגנ אימ אנטקעגנ געגאנגענ, מיט זײנ אָפּ־ געצערטע־געפּודערטער צירע, אינ האלטנדיק דאָס העננטל פונ לאָרנעט האַרב־ שלאָבעריק, האַרב־נאַכלעסיק, האָט ער אַפּנ אַרײַנקוקנדיק צוערשט אַ זלמנ־ גילטיקנ קוק געטאָנ, אינ דערנאָכ צו אימ אזא שמייכל געשאָנקט אריבערגעווינ, ווי צו אַ פּאַרשוינ, וואָס ערנסט, — אפילו פּאַראַכטנדיקער ערנסט, — איז שוינ פּאַר יענעמ א צו גרויסער קאָמעדיע אינ קאָמפּלעטע מאַמבײַע, אינ דאָס אייגנטלעכע, מיט וועלכנ מע קאָנ אימ באַגעגענענ, איז מיט שפּאָט אינ גרינג־ שעצונג שוינ פונ יענער מאָדרייגע, וואָס באַווײַזט, אז ביבלאָל מאַכט מענ זיכ פונ אייגענע קיינ ווענ, ווײַל אינ קיינ דערעגענג מאַכנ זיי קיינ מינדסטנ גרייכ ניט אויס...

ער איז צו אימ צוגעגאנגענ אינמיטנ זײַנ שאַרפּענדיקנ גאנג, ווי ניט צו אימ גייענדיק, אינ ווי צופעליק אָנשלאָגנדיק זיכ מיט אימ, האָט אימ א פּאַראַכטנדיק קליינ קלעפּעלע געטאָנ מיט דער דלאָניע פונ דער לינקער האנט אפּנ שטערנ.

— נא, יע, רודניצקי, — האָט ער געזאָגט, — דאָס ביסטו?!

— פּאַנאָווע, — האָט ער אויסגעשריגנ, — זעט, דאָס איז דאָכ ער, דער, יענער, רודניצקי... וואָס, ווי מע זאָגט, דאַכט זיכ, שפּילט ער אינ קאָרטנ אינ צאָלט קיינ קאָרטנ־געלט, האָט א געליבטע אונ האָט זי ניט מיט וואָס אויסצוהאלטנ, לײַט געלט בײַ ייִדנ אונ צווינגט זיי מיט פּיסטאָ־ לעטנ, זיי זאָלנ אימ די וועקסלענ אָפּגעבנ. דאָס איז דאָכ ער, פּאַנאָווע, דער, יענער, וועלכער...

דערבײַ האָט ער זיכ מיט א האלב שוינ געליימטער צונג פּאַרפּלאָנ־ טערט אינ האָט נאָכ פּאַרענדיקנ געקאָנט מיט א שטיל אומזיניק כיכיקערל אָנ מאַט אונ מיט א פּוילנ מאַכ מיט דער לינקער לעפּל־האַנט, מאַכנדיק ניט קענענדיק דאָס לעצטע וואָרט, דעמ לעצטנ געדאַנק ארויסברענגענ.

— כי־כי־כי, — האָט ער שיקערלעכ־שלאָבעריק מיט דער האַנט געמאַכט אינ דערבײַ זיכ אָנגעכאַפּט פּאַרהוסט אונ אינ לעכלדיקנ שמילג הוסטנ זקיינ־יש אייגנטלאַמעליש זיכ פּאַרגאַנגענ.

אנ אנדערער אפּ רודניצקיס אָרט, א מענטש מיט מער ערע, א מענטש, וואָס פילט. אז בענעמייע אימ קאָנ קיינ באַליידיקנדיקע באַציונג ניט אָנגיינ, וואָלט געווינ אפּ אזא באַליידיקונג, אפילו ווענ זי וואָלט אימ געקומענ, ווי אינט רודניצקינ. אינ א שפּאַס־פּאָרט, אנדערש געווינ רעאַגירט. רודניצקי אָבער. וואָס דאָכ. וואָס איז אימ דאָ געזאָגט אינ אויסגעוואָרפנ געוואָרנ, האָט ער ערלעכ פּאַרדינט אינ כ'איז אימ אָרנטלעכ, לויט זײַנע פּאַרדינסטנ מאָרט, געקומענ. האָט געמוזט דאָכ געזאָגטע אראָפּשלינגענ, אָנ קיינ שום ווידערשטאַנד אינ אָנ שום מינע צו מאַכנ, אז ער האָט די באַליידיקונג גאָר אפילו איבערגעהערט.

ער האָט שוינ געוואָלט אינ א זייט אָפּגיינ, צווישנ אנ אנדער רעדל. צווישנ וועלכנ דער גראַף האָט זיכ ניט געפּונענ, זיכ ארײַנדרייענ, זיכ

מאכנ פארגעסנ, אונ דאָס געזאָגטע, ווי פארביַ אויער, דורכלאָזנ. האָט אים אָבער יענער, דער גראפ, נאָכנ אָפּהוסטנ אונ נאָכנ זקייניש-אויוערבאָטלישנ לעבעלנ אויב איינעמ צווייטנ רעדל אָפּגעזוכט, אונ ווידער אויב פאר יענע איבערגעבאזערט דאָס, וואָס דאָס ערשטע מאָל, ווענ ער האָט רודניצקינ אליינ באגעגנט, אונ דערביַ נאָכ צוגעגעבנ:

— ער זעט, באנאָוויע, אז רודניצקי האָט זיכ באליידיקט, איז אויב אזוי, אויב ער איז נאָכ דערופּ פּייִק, איז נאָכ ניט אלצ פארפאלנ, אונ ער איז גרייט ואימ מיט זייַנ פולער גרעפישער ערע באפרידיקנ: מיט אימ אפּ דועל אונ אפּ פּיסטאָלעטנ, אונ זאָל זיכ רודניצקי דאָ, אפנ אָרט מאקע, זייַנע סעקונדאנטנ אויסקלייַבנ.

דערביַ האָט דער גראפ פונ א הינטערשטער הויזנ-קעשענע א פּיסטאָלעט ארויסגעצויגנ, אימ פארנ רעדל פּריציט באוויזנ, אימ פאר רודניצקינ עטוואָס לענגער געהאלטנ... אונ אויב דאָס האָט רודניצקי געמוזט אראָפּשלינגענ. כרייסטנדיק זיכ מיטנ פּאָרטעלנ מערעצ, קלוימערשט, אז ווי אלע זעענ, איז דער גראפ באזויפנ אונ פונ א באזויפענעמ איז ניט צו פאָדערנ אונ אינ אזא שטאנד איז מענ פאר גאָרניט פאראנטוואָרטלעכ.

אינדערעמעסנ איז שוינ דעמלט נישט נאָר דער האלב-קראנקער, שוואכזיניקער יונגער גראפ נישט פאראנטוואָרטלעכ געווענ, נאָר אויב אלע בעלעוגנ-דיקע, וועלכע האָבנ שוינ היפּש געהאט אויסגעטרונקענ, אונ ווי דאָס איז צו זענ געווענ צוערשט פונ דער אומאָרדענונג אפנ טיש, דערנאָכ אפּ די פּענעמער פונ די, וואָס זייַנענ בא אימ געזעסנ, ווי אויב בא די, וואָס האָבנ זיכ שוינ אופגעהויבנ, ארויסגעגאנגענ פונ הינטער אימ, אונ אינצווייענ, דרייענ. אונ אינ רעדלעכ אונ ביַנעמרענ זיכ געזאמלט אונ זיכ פריילעכ אונטערגעהאלטנ.

ס'האָט זיכ שוינ דעמלט אלעמאָל אנ אנדער שיקערנ עפּעס אנדערש זיכ פארגעסנ. איינער איז שוינ אלעמאָל אפּ א בענקל געזעסנ, זיכ געוואָלט ארופּשטעלנ דעמ הענגלאָמפּ איבערלעשנ אונ, נישט באוויזנ פארוואָס, צו בלייבנ אינ דער פינצטער. אונ אז ס'האָט זיכ אימ ניט איינגעגעבנ צומ לאָמפּ קומענ, האָט ער כאָטש די ליכט געלאָשנ.

אנ אנדערנ, פארקערט, איז די ליכט געווענ ווייניק, אונ ער האָט געשריגנ, מע זאָל וואָס מער אָנצינדנ — ליכט, לאָמפּנ, אונ אויב ס'איז ניטאָ, זאָל מענ — וואָס איז? פארוואָס ניט? — די גאנצע שטוב אָנצינדנ, ס'זאָל ברענענ, אונ די גאנצע גאס, די גאנצע שטאָט מיט דעמ גרויסנ יאָריאריד באלויכטנ.

— ער באצאָלט! — האָט ער אויסגעשריגנ. — ער נעמט אפּ זיכ די העזייקעס. סיי אויב ווער פונ די דאָ אָנוועזנדיקע וועט ליידנ, אונ סיי אויב די, וואָס ניט דאָ, ווער נאָר ס'נעמט אינ יאריד אנ אָנטייל, ווייל גישזאָשע, — האָט ער ווייַטער געשריגנ, — זייַנע קאפּיטאלנ אונ מאיאָנטקעס וועלנ אימ קלעקנ.

א הוימער האָט, דערהערנדיק דעמ צווייטנ, אז ער צאָלט, האָט שוינ פאר א בערטנ זיך געקלאָגט, אז ער האָט שוינ מאקע אָפּגעבערנט, אז ער איז א געלימטענער, אז ער איז פונ דער בריוע, פונעמ יאריד, הייסט עס, ארויס א הילער אונ א בלויזער; ער האָט נישט מיט וואָס אהיימ צו קומענ, ס'איז אפ אימ א ווילד ראכמאָנעס, פריצימ דארפנ עפּעס זענ מאָנ, זיינ נאָמענ אונ ערע אינטערהאלטנ, ווייל אז נימ, וועלנ אלע פריצימ ליידנ בזיונות אונ אלעמענס נאָמענ וועט פארפלעקט אונ אונטערגעריסנ זיינ.

אינ שטוב האָט גרויס טומל געהערשט, אינ די שייבנ פונ לאָמפּ האָט געגלימענ מינקל וועגנ פונ פול⸗געפּאקטקייט, וואָס די שטוב איז געווענ צו ענג זיי אלע ארייַנצונעמענ, פונ דער לופט⸗געדיכטקייט, פונ ווייַנ אונ ציגארנ⸗רייכעס.

אייניקע האָבנ שוינ די קאָלנערס געוואָרגנ, אונ זיי האָבנ זיך פונ היץ צעשפּיליעט, אנדערע האָבנ שוינ געזוכט די טיר אפ ארויסגיינ, א ביסל לופט כאפּנ אונ זיך אויך באפרייַענ פונ דער ביטגוטקייט, וואָס איז זיי צומ גאָרגל צוגעטראָטנ, שוינ צומ ברעכנ; אנדערע האָבנ שוינ געפּראווט דאָס לעצטע אינ א ווינקל אינ שטוב אָפּצומאָנ... אונ, פארקערט, אנדערע, באזונדערס די שפּעטער אָנגעקומענע, איז נאָך דאָס אויסגעטרונקענע ווייניק געווענ, אונ זיי האָבנ געפאָדערט פונ די, וואָס האָבנ באדינט אונ צומ טיש דערלאנגט, זיי פונעמ באלעבאָס, פונ נאָסנ⸗נאָמענ, וואָס ער האָט זיך איצט שיטערער אינ שטוב געוויזנ, מווירע האָבנדיק פאר די שוינ האלב ווילד⸗געוואָרענע פריצימ אינ די אויגנ זיך ווארפנ, אונ ער האָט שוינ געשיקט אנדערע, — מעשאָרסימ, דינסטנ אפ זייַנ אָרט, — יענע האָבנ געפאָדערט, אז מע זאָל נאָך אונ אלץ אפּסנייַ דערלאנגענ.

פארשיידענע ווייַנענ אינ פלעשער, אינ בוטליעס, היגע אונ אויסלענדישע מארקעס, זייַנענ אופגעגעבנ געוואָרנ, אונ אייניקע קענער פונ יענעמ מינ, פונעמ טרונק, וואָס מאכנ עס אויך אינ דער היימ אָפּט, האָבנ זיך געקליגט אינ נעמישט, באשטעלט בא די מעשאָרסימ, אז יענע זאָלנ צוזאמענמישנ מינ מיט מינ, מינ מיט נישט מינ פארשיידענע סאָרטנ גלי־ווייַנענ, פונשנ, וואָס מער, וויפל מע האָט געטרונקענ, האָט זיך שוינ אפנ טיש, אפנ דיל געגאָסנ. די האנאָע פונ דעמ אלעמ ווייניק, דערפאר אָבער דער טומל ביז דער סטעליע, אונ ער האָט געזוכט אנ אָרט דורכ דער סטעליע אפנ דאכ ארופּקומענ.

גאָרלעצקי דער פריטמאַן, וואָס אלעמאָל איז אימ אנ אנדער גלאָז פונ אנ אנדער מינ אונ סאָרט אונטערגעטראָגנ געוואָרנ, פונעמ באלעבאָס פונ הויז, אויך — אונ דעריקער — פונ ליסיצינ⸗פּאָווענטיסלאווסקינ, וואָס ער האָט אימ איבער עפּעס, ווייַזט אויס, די גאנצע צייַט אינ אויג געהאט, אימ זיי אָפּגעהיט אפ ווענ ער וועט אימ דארפנ, — גאָרלעצקי דער פריטמאַן, וואָס האָט שוינ אזויפיל אינ זיך, פונ יענער זייַט טיר שטייענדיק, ארייַנגענאָמענ, זיך אָנגעזשליאָקעט מער פונ א האלב צענדליק געסט געווינ

אינ וואָס דער זויפ האָט זיכ שוינ שטארק אָנגעזויגנ אפ אימ, דעריקער אָפ זײַנ מיכל, וואָס ער האָט מיט דעמ די גאַנצע צײַט דעמ שווייס געווישט, פריער פונ וואב־אייפער, ווי ס'געשעענ מיט אימ באַשטענדיק, אונ איצט אייכ פונ היצ אונ פונ ווײַנ, — ער, גאַרלעצקי, האָט שוינ איצט, דעמ מוטל אינ שטיב זעענדיק, זעענדיק, אז ס'באַמערקט אימ שוינ קיינער, האָט זיכ שוינ איצט דערלויבט די מיר שוינ א ביסל אָפנ האַלטנ אונ אַלעמאָל, ווענ ס'האָט זיכ אימ פאַרוואָלט, דעמ קאָפ אהינ אַרײַנגעשטעלט.

קיינער האָט אימ שוינ מאַקע ניט באַמערקט, אויסער נאָר, ווי געזאָגט, סוועגטיסלאַווסקי, וואָס האָט די גאַנצע צײַט געהאַלטנ פונ איינ רעדל צו אַנדערנ צוגיינ, אומעטום א וואָרט אַרײַנגעשטעלט, קעדיי צו ווײַזנ, אז ער נעמט אָנטייל אינ מוטל, אינ די געשפּרעכנ; אינדערעמפנ אָבער האָט ער, קימאַט נישט הערנדיק, וואָס ער האָט נאָרוואָס געזאָגט אינ דעמ ערשטנ רעדל, שוינ אנ אויער צוגעלייגט צו א צווייטנ, זיכ פונ ערשטנ אָפגעקע־רעוועט אינ אינעמ צווייטנ אַרײַנגעזאָגט, קעדיי אויכ באַלד פונעמ צווייטנ זיכ אָפקערעווענ.

דערבײַ זײַנענ בײַ אימ די אויגנ, ווי בײַ א מויז, אומגעלאָפנ, געזוכט, געשנישמערט, ווי אפ עפּעס זיכ צו פאַרהאַלטנ, אונ ווו נאָר זײַנ אויער האָט געכאַפּט עפּעס אַזוינס, וואָס האָט זיכ אימ געדאַכט וויכטיק, אהינ האָבנ זיכ אויכ באַלד גלײַכ זײַנע אויגנ נאָכגעווענדט.

כאָטש אויכ ער האָט געטרונקענ, אָבער דאָכ אינ אַזא מאָס, אונ אפ אַזויפיל נאָר, אז ער זאָל נאָכ די מעגלעכקײַט האָבנ ניכטער צו זײַנ אונ הערנ אַלצ, וואָס אינ שטיב אונ אינ גרויסנ מוטל קומט פאָר, וואָס ס'ווערט פונ וועמענ ווענ געזאָגט אָדער איבערגעשריגנ, — אויפצוכאַפּנ, צו פאַרגעדענ־קענ אונ אינ זיקאָרנ פאַרנאָטירנ.

דערבײַ האָט זיכ א ספּעציעלע קונסט געפּאָדערט: אַ ניכטער זײַנ, אַ צו האָבנ געטרונקענ, אַ זיכ מאַכנ ניט הערנדיק, אַ הערנ, אז אַנדערע זאָלנ ניט באַמערקנ. דערופ אָבער איז ער געווענ ער — סוועגטיסלאַווסקי, דערופ באַרופנ, ווײַזט אויס, פונ דער נאַטור, אונ אויכ מאַכטעס דעמ, אַפּאָנעמ, ווײַל זײַנע אינטערעסנ האָבנ דאָס פונ אימ געפּאָדערט. די מעלאָכע איז געווענ א שווערע, אָבער אינ גרויסנ מוטל, וואָס האָט שוינ דעמאָלט געהערשט אינ דער אַראָפּגעלאָזטער האַלב־פינסטערער שטוב, אינ דער אומאָרדענונג אונ שיקערנ הו־הא, איז דאָס שוינ, אינ א געוויסער מאָס, געווענ גרינגער דורכ־צופירנ.

פּריצים זײַנענ שוינ געווענ אַזוי פאַרטראַסקעט, אַזוי איבערגעפילט אינ איבערגעגעסנ, אז אייניקע האָבנ זיכ שוינ אפ די גלײַכע ווענט געדראַפּעט, געמיינט אינ שיקערנ שטאַנד, אז זיי געפינענ זיכ אינ דער היימ אונ אז זיי קלעטערנ אפ די העכערע עטאַזשנ אַרופ צו זיכ אינ די צימערנ, וועלנדיק זיכ אינ די בעטנ לייגנ אונ אָפּרוענ.

אַנדערע, מער קרעפּטיקערע, וואָס האָבנ זיכ נאָכ אפ די פיס געקאָנט

האַלטנ, אָבער װאָס די קעפּ האָבנ זײ שױנ שװאַכ געדרײט, האָבנ אײנער פאַרנ אַנדערנ גערעדט, געטענהט, אונ אײנס דאָס אַנדערע ניט פאַרשטאַנענ, װײל די גאַנצע נאַכט בײ זײ געװענ פאַרטײַטלט אינ, בעבעגדיק אונ מע=קעמפנדיק, האָבנ אַרױסגעבראַכט אומזיניקײטנ.

אײניקע האָבנ זיכ פאַר באַקאַנטע אונ אומבאַקאַנטע באַרימט מיט זײע=רע גליקנ, מיט זײערע רײַכטימער, אונ כאָטש שיקער, דאָב פּריציש פאַנאָנ געהאַלטנ. אַנדערע, באַקערטע, האָבנ אינ צושטאַנד פונ אָפנהאַרציקײט אַרױס=געלײגט אינ איבערגעבעטנ דאָס, װאָס ניכטערהײט האַלט מענ עס בעסאָד אינ אינגעמער זײנ שלײַסער — זיכ געקלאָגט אָפּ באַלדיקנ באַנקראָט אָדער עװעט=באַנקראָט, אונ אַלט רײַע דערצו, האָבנ זײ די, פאַר װעלכע זײ האָבנ זיכ געקלאָגט, איבערגעקערט די קעשענעס אָפּ דער אַנדערער זײט, באַװיזנ, אַז זײ זײנענ לײדיק, כאָטש גײ, הײסט עס, לאָז זיכ איבער די הײזער...

ביכלאַל חײמ מענ געזעגנ, אונ מער װי געזעגנ, געפילט, אַז בײ פּריצימ איז אַבנ האַרצנ עפּעס אָנגעזאָלעט װעגנ ניבמער, באַטירלעכ, װאָלטנ זײ דאָס ניט אַרױסגעװיזנ, איצט אָבער איז, לױט פיל סימאָנימ, דאָס קלאָר געװענ צו דערקענענ.

אַזױ, למשל, האָט דער פירשט דעניקע, דער געװױסער באַזײרימ=ציבמע=לער, װאָס האָט אַ ביסל אַלײנ זיכ אױסגעזעגנ אַזאַ: פעט אונ קורצ=האַריק, ניידעריק געשױרנ, — האָט די גאַנצע צײט, נאָכ דעמ, װי ער איז אונטער דער װירקונג פונ די איבערגעטרונקענע קױסעס אַרונטער, געהאַלטנ דעמ קאָפּ אָפּ אײנ זײט אָפּנ טיש אָנגעשפאַרט, געלעגנ אונ געקרעכצט װי אַ כאַזער, װאָס דאָס פעטס איז אימ אינטערגעגאַנגענ. װױפל מע האָט אימ ניט גע=שטורכעט, געפרעגט אימ פונ אָרט רירנ, ער זאָל זיכ אופּשטעלנ, זיכ אופּ=הײבנ, האָט ניט געהאָלפנ, אונ יעדעס מאָל נאָר האָט ער, װי אַ קראַנקער כאַזער, װענ מע רירט אימ, מע מאָרקעט אימ, פונ בױכ אַ כריוק אַרױס=געלאָזט. דאָס הײסט, ער הערט, אָבער רירנ זיכ פונ אָרט װיל ער ניט, קאָנ ער ניט, איז ער ניט בעקױעכ.

דעמ גראַפ נעדהױצ האָט זיכ די גאַנצע צײט אַ קאָשמאַר געדאַכט, אַז ער שפּילט אינ קאָרטנ, אַז ער האָט שױנ אַלצ פאַרשפּילט, אינ איצט מוז ער דאָס אײנציקע, די געליבטע שקאַפּע אינ קאָנ אַנשטעלנ — זײנ לעצט, זײנ אײנציק צימעריק שטיק מאַזל, װאָס זײנ גאַנצ גליק אונ גורל הענגט איצט אָפּ פונ דעמ. אונ אָט פירט ער דאָס אַרױס, דאָס פערד, פאַר פּרי=צימ, װעלכע האַלטנ מיט אימ אינמיטנ דער שפּיל: מפּרדה. ער האַלט דאָב באַרנ צױמל, בלײבט מיט דעמ שטײנ, מע זעט, די אױגנ קריכנ אימ פונ קאָפּ: די האַנט, װאָס האַלט דאָס צײמל, ציטערט: מפּרדה. ער שטײט אונ װאַרט, פּריצימ זאָלנ דאָס באַװונדערנ, אונ הײסט דערױפ קאָרטנ געבנ, — „ניט קאָרטנ!“ — האָט ער געשריגנ, יאָ, ער האָט דאָס אָנגעשטעלט, דאָס אײנציקע...

אזוי דער אַפּילע האַלב־לראַנקער קאָזעראָגע, דער אײנגעמלעכער שולדיקער אין אָט דער סימכע, װאָס ציטערשט איז ער שטאַרק האָפּערדיק געװענ אַפ זײַנ אויפּנ. דה. אַפ װיפֿל זײַנע שאַרפּענדיקע פֿיס אונ האַלבצוגעשלאָגענער זיקאָרנ, מעלעפּענדיקע צונג אונ בלינדלעכער, גאָרניט זעענדיקער בליק האָבנ דאָס אים דערלויבט, — ער, װאָס איז צום אָנהײב אומגעגאַנגענ מײַסע באַלעבאָס, יעדנ נײַ־אָנגעקומענעם גאַסט אַנטקעגנ געגאַנגענ, אופגענומענ, שװאַכזיניק זיך געװערטלט, צום טיש אײַנגעלאַדנ, געבעטנ טרינקענ, ביז ער האָט אינ יענעם פּאַרנעכטנ אינ אַ נײַ־אָנגעקומענעם אַנטקעגנ געגאַנגענ; — אויך ער, דער גראַפ קאָזעראָגע, האָט איצט אויסגעזענ מיד, מיט אונטערגעבראָכנ, די פֿיס האָבנ אים מער ניט געדינט זיך אײַנצושלעפּנ, דאָס מויל — באַמיט װאָס־ניט־איז אַרויסצוברענגענ. אונ ער איז שוינ צעלײגט געלעגנ מיט די פֿיס שטאַרק אויסגעצײגנ פֿאַר זיך אַפ אַ שטול, אַפ דעם אײנציקנ װײַבנ פֿאָמעל אינ צימער.

ער האָט אויסגעזענ קראַנק, בלאַס, גלײַכגילטיק צו אַלעם דעם, װאָס ס'קומט פֿאַר אים דאָ פֿאָר; אָבער, אויסער דעם, מיט נאָך עפּעס אַ שטיקל שװערער, שלעכטער שטימונג, אַפ װיפֿל צו אַזאַ פֿאַרשױנ קאָנענ אויך געװײנלעכע מענטשלעכע שטימונגענ צײַשטײנ. די שלעכטע שטימונג האָט זיך אים גענומענ, מעגלעך, ביכלאַל פֿונ די געדריקטע געשעפֿטנ דאָ אַפּנ יאַריד, װי בײַ אַלע הײַנט, אונ װאָס דערפֿאַר, מעגלעך, איז אָט די דאָזיקע סימכע, צוליב צעשטרײונג, אײַנגעאָרדנט געװאָרנ. מעגלעך אָבער אויך איבער אַנ אַנדער װאָסער־ניט־איז סיבע — װער װײסט בײַ אים, בײַ קאָזעראָגענ: מעגלעך, פֿונ זײַנ קרענק, װאָס האָט אים שוינ גענומענ נאָענט־נאָענט צום האַרצנ צוצוטרעטנ, אונ אַפ װיפֿל ער איז נאָך פֿײַק געװענ צו דענקענ, האָט ער, אײַנמײַנ די גרעסטע סימכעס אַפּילע, דעם מוט אונ דאָס לעצט ביסל קראַפֿט אונ קוראַזש פֿאַרלוירנ, אויפֿנ געבליבנ, אויסגעשעפּט, אונ איז ליגנ געבליבנ מיט אויסגעצויגענע פֿיס פֿאַר זיך.

װי ס'זאָל ניט זײַנ, נאָר אויך ער, דער באַלעבאָס אַלײנ, דער שולדיקער פֿונ דער סימכע, נײשט מיט אַלעמ. אונ בײַ אַזאַ לאַגע װאָלט אַנ אַנדערש־מאָל נאַטירלעך געװענ, אַז די סימכע זאָל זיך פֿאַמעלעך־פֿאַמעלעך אויסלעשנ, אײַנציקװײַז, אײַנציקװײַז זאָל יעדער אײנער פֿונ די געסט, צי פֿונ װעלנ אָפּברעכנ צי אינ אַנדער באַדערפֿעניש זיך נײמענדיק, די טיר געפֿינענ, אַרויסגײנ אונ זיך צוריק מער ניט אומקערנ, אונ אויס, װי ס'ענדיקנ זיך טאָמער אַזעלכע סאָרטנ סימכעס.

האָט אָבער דאָס מאָל געטראָפֿנ, אַז װי נאָר ס'האָט שוינ מאַקע בײַ דעם נעהאַלטנ. װי נאָר די פּריצים האָבנ זיך שוינ מאַקע נעהאַלטנ באַמ צעקריכנ, אַזױ האָבנ זײ, — װי באַטרונקענע זײ זײַנענ נישט געװענ, באַמערקט װי אײנער אַ זײַעדיקער, װאָס איז די גאַנצע צײַט געשטאַנענ אונ מיט פֿאַרמאַכטע אויגנ זיך עפּעס שיקער־לעמלדיק נעשאָקלט מיטנ פּאָנעם צו דער װאַנט, אַפ יעלכער ס'איז נעהאַנגענ דער פּאָרטרעט, װעגנ װעלכנ מיר האָבנ

פריער געטראָגן — דער ביליק־פאַרביקער לובאָק, דער ליבאָק מיט דער רייטער־צורע, — אזוי האָבן זיי באמערקט, אז ווי יענער האָט עפּעס פֿיל־צעט דעם קאָפּ א הייב געטאָן אין דערוועג, ווער ס׳האָט גענומען איבער אים, אזוי האָט ער א גיי געטאָן אף צוריק עטלעכע שפאן, זיך גלייך אנגעהויבן פאַרטרעטן געשטעלט, אין איין, שטייענדיק אין קיקנדיק אף אים, האָט ער זיך פּליצעם צעלאַכט: צעלאַכט מיטן פולן מויל, מיטן פּאָנעם אין מיט די אייגן, וואָס האָבן זיך אים ווי ניכטער איפגעעפנט; זיך צעלאַכט אזוי, גלייך עטלעכע פאַר דעם האָבן אים ערגעץ אין פאַרבאָרגענע ערטער גענומען קיצלען; אזוי, אז אלע האָבן, קיקנדיק אף אים, זיך פון זיין געלעכטער אָנגעשטעקט, אלע האָבן איינער דעם אנדערן, מיט א פינגער אפן פאַר־שיין אין אפן פאַרטרעטן אָנווייזנדיק, זיך געקאַטשעט, יעדערער לאַכנדיק באַזונדער אין טעמפּעריקער פינגער האָט דעם צווייטנס געלעכטער געטאָפּלט, געדרעפּאַכט אין דערפירט דעם אנדערן צו קראַמפּ אין בויך; אזוי, אז יענער ב׳וואָלט דעמאָלט אָנגעקומען פון דרויסן אין יענער שטוב, אין יענעם צו־מער אריין, וואָלט געמיינט, אז ער האָט אין א קרייז וויסטע משוגאָים אָנגעטראָפן, פון וועלכע אָדער ער וואָלט זיך דערשראָקן און וואָלט גלייך צוריק אריין אין דרויסן, אָדער ער וואָלט זיך אליין אָנגעשטעקט, אין צו־זאַמען מיט אלע משוגע מיטגעלאַכט.

— זע, — האָט יענער, דער ערשטער, וואָס האָט באַט אוילעט דעם געלעכטער ארייגעריסן, איבערגעשריגן, — זע, דאָס איז דאָך ער, דער געוויסער קייגן אַבאַשיירעס, וואָס פון היידו ביז קיש, אָט מאָזשא דאָ מאָזשא, פון ווינגן ביז שוואַרצן יאַם; אף קאַזאנער, אסטראַכאַנער און קרי־מער באַנען; אף זאַפּאָראָזשער סיעטשן; אף פּוילן, ליטע און זשמוד און־דווערע — איין האַנט, איין אַמזערנע פויסט, איין שטיוול, איין סיביר פאַר אלעמען. איין מלוכה מיט איין שטריק מיט א שלייף אף אלעמען...

ער האָט זיך אָפּגעשטעלט, פאַרהאַקט, דער הענגער. דער שיקטערס גע־דאַנק האָט זיך אים איבערגעריסן, קיין ווערטער האָבן אים ניט געפּאַסט, אין ער האָט, מאַכטער מאַגיל אין געדאַנק און אין וואָרט, פאַרענדיקט מיט א שפּײַ.

— טפוי! טפוי! — האָט זיך בא אלע, ווילנדיק צי ניט ווילנדיק, ארויס־געריסן אין אלע האָבן אין באַר אויסגעשפּיגן — טפוי!

פּינקט שפּע אין פּינעט ערגעט. וואָס האָט דעמאָלט פּליצעם ווי אלעמען איבערגענומען געמאַכט, האָט זיך אויסגעבאַפּט ואפילע איא, ווי דעניקע, וועל־כער איז די גאַנצע צייט אפן טיש אָנגעבויגן מיט א זייט קאָפּ געשלאָפן, דאָך א קראַנקן באַזער גאָבגעמאַכט אין שווער געאָטעמט, ווי יענער.

ער האָט זיך איפגעכאפּט, האָט די איינע געעפנט אין דערזען: אלע, וועלכע ב׳האָט פריער געזיצט די טיר אף ארייגיין, אלע, ווער ס׳האָט זיך פריער אף די יענעם געדראַפּעט, איבער די, וואָס האָבן נאָך געהאַט, ווי ער האָט געענדיגט, געטרונקען, אליין אָדער אינצווייען, אין קאָמפּאַניעס, — אלע

זײַנענ איצט מיטאַמאָל, ווי פונ א קאַלטנ שפּריץ דערפרישט, בלאַס, האַלב אויפגעוואַכט געשטאַנענ, ניט גערעדט אונ ניט געוואָגט גאָרניט.

דער ערנסט פונ דעם, וואָס אַלע פּריצים האָבנ זיכ איצט אַנטקעגנ פאַרטרעט געשטעלט, געשטאַנענ אונ גאָרוואָס אויסגעשפּיגנ, האָט בײַ אַלע דאָס ווײַטערדיקע לאַכנ פונ מויל צוגענומענ. נאָכ מער: אַלע האָבנ זיכ מיטאַמאָל, ווי צום סײַכל קומענדיק, אַפילו אַרומגעקוקט, זעג, צי ס׳איז ניטאָ צווישנ זיי אַזוינער, וואָס זײַנ אָנוועזנהײַט איז ניט איבעריקס אינ אַזאַ פאַל געוווּנטשנ.

אַלע האָבנ זיכ מיטאַמאָל ווי דערמאָנט אינ גאַרלעצקי דעם פּריסטאַוו, וואָס די גאַנצע צײַט האָבנ זיי שוואַכ געדענקט זײַנ געפינענ זיכ פונ הינטער יענער זײַט טיר, אונ ווענ יאָ געדענקט, האָט ער זיי ניט אויפגעמאַכט, עלעהיי א הונט דאָרט. איצט האָבנ זיי זיכ אינ אים דערמאָנט, אונ עפּשער ניט אַזוי אינ אים, נאָר בכלל אינ דער טיר, וואָס ווער ווייסט, ווער ס׳קאָנ צופעליק אינ איר אַרײַנקוקנ, אָדער נאָר אומגעריכט אינ איר אַרײַנגיינ, זיכ באַווײַזנ?

נאַטירלעכ, אַז די אייגענע, — ד. ה. יענע אַלע, וועלכע זײַנענ בײַ דער גאָרוואָסיקער סצענע אינ שטיב בײַגעווענ, האָט קיינער ניט כווישער געווענ, אַפילו ניט סווענטיסלאַווסקינ, וואָס ווער ס׳וואָלט אַפ אים דעמאָלט א רעכטנ פאָרשנדיקנ בליק געטאָנ, וואָלט געזענ, אַז כשאַר בענעגייע אים איז שוינ דאָפּלט גאָרניט אַזוי איבעריק. אַזוי ווי קיינער אָבער האָט אים, ווי די אַלע אייגענע, אינ וועלכע מ׳איז גוט זיכער געווענ, אַפנ זינענ ניט געקומענ אונ צום שלעכטנ אינ צום ערגערנ ניט אויסגעטיילט, אינ אַזוי ווי דאָס פּריצישע בייזע בלוט איז שוינ, שטייענדיק אַנטקעגנ דעם, אַנטקעגנ וועמענ זיי זײַנענ גאָרוואָס אַרויסגעטראָטנ, שוינ שטאַרק צעקאָכט געווענ; דערמאָנענדיק זיכ אַלע אַלעס, וואָס איז יעדערנ פונ זיי אַליינ באַגאַנגענ געוואָרנ, די אַוולעס בענעגייע זיי אַליינ, וואָס בײַ זיי האָט מענ נאָר געווייסט רעכט אונ פרײַווילעניעס גערויבט, אָבער, סאָפּקאָלכאָפּ, איז זיי נאָכ גענוג אונ היפּשלעכ פאַרמעגנ געבליבנ; אָבער דעריקער דערמאָנענדיק זיכ אינ יענע אַלע, וועלכע זיי האָבנ געקענט, געוווּסט, וואָס ניט נאָר זייער פאַרמעגנ גערויבט, קאָנפיסקירט אונ פונ דער מעלוכע צוגענומענ געוואָרנ, נאָר אויכ זיי אַליינ פאַריאָגט, אינ ווײַטנ סיביר פאַרטריבנ, אָדער נאָר אַנדערע, וואָס זײַנענ צעהאַנגענ, צעשאָסנ אונ ביז טויט פאַרשמיכנ געוואָרנ; דערמאָנענדיק זיכ דאָס אַלצ, האָבנ פּריצים זיכ מער ניט געקאָנט אויפהאַלטנ פונ פאַראַכטנ דעמ, וואָס אַפ דער וואַנט פאַר זיי, דעמ. וואָס איז אַפ דער וואַנט געהאַנגענ אינ האָט צו זיי אינ קייזערלעכער זיכערקייט אַראָפּגעקוקט, אונ, ווי זיי האָט זיכ געדאַכט, זיכ נאָכ געדרייצט מיט זיי, אַז קיינער פונ זיי וועט ניט וואַגנ ניט נאָר אים אַליינ, דעמ לעבעדיקנ, נאָר אַפילו אָט דאָס ביליקע געמעל אַפ דער ביליקער וואַנט אינ דער ביליקער אַכסאַניע אָנצורירנ; — אָט דאָס האָבנ שוינ פּריצים ניט געקאָנט איבערטראָגנ, אונ ווי ניט ניכטער זיי

זײַנענ שוינ געװענ, האָבנ דאָכ אַלע מיטאַמאָל װי זיכ אָפּגעעררט, די פּויסטנ אינ דער ריכטונג צומ פּאָרטרעט א הייב געטאָנ, איינער האָט דערבײַ נעדראָעט מיט װערטער — אימ, דעמ פּאַרשוינ פונ פּאָרטרעט, אינ צורע צו פּאַרלאַנגענ; אנ אַנדערער דערמיט — אַז זאָל ער געדענקענ, אַז דער מישפּעט מיט אימ איז נאָכ ניט געענדיקט, אַז דאָס צעטיילנ אונ באַרויבנ פּוילנ איז ניט אַפּ לאַנג, ניט אַפּ אייביק, אונ די פּאַרגאָסענע בלוטנ ניט קיינ געשענקטע; אונ א דריטער האָט, דעמ פּויסט אַנטקעגנ פּאָרטרעט האַלטנדיק, זיכ שיינ נעהאַפּ צעזונגענ דעמ געוויסנ „יעשטשע פּאָלסקא ניע סגינעלאַ"... אונ ס'האָט שוינ געהאַלטנ דערבײַ, אַז באַלד װעלנ אַלע דאָס געזאַנג אונטערכאַפּנ, אונ, מעגלעכ, דערמיט װאָלט זיכ די זאַכ געװענ פּאַרענדיקט אונ פּריצימ װאָלטנ דערגאָכ, װאָס װײַטער אַלצ מער גיכטער װערנדיק, נאָכ דער בישטילער װאָרט־מילכאָמע מיטנ פּאָרטרעט, אינ אַנטעכטיקײַט אינ פּאַכראָגעמ די שטוב געזונ פּאַרלאָזט אונ אינ זייערע צימערנ זיכ צעקראָכנ.

האָט אָבער געטראָפּנ, אַז אינ דעמ מאָמענט, װענ יענער, דער זינגער, האָט די ליד פּאַרצויגנ, אַזױ האָט פּלוצעמ, — קיינער האָט ניט באַמערקט פונ װו אינ פונװאַנענ, — זיכ דערהערט א שאָס. װענ אַלע זײַנענ געפּלעפּט אונ דערשראָקנ געבליבנ, זיכ אַרומקוקנדיק, פונװאַנענ גייט ער, פונװאַנענ קומט ער, דער שאָס, אַזױ האָבנ זיי דערזענ, װי דער יונגער, האַלב־קראַנקער גראַפ קאָזעראָגע איז געשטאַנענ א בלאַסער, מיט איינ האַנט אָנגעשפּאַרט אינ הענטל פונ זײַנ שטול, אונ אינ דער אַנדערער האָט ער א פּיסטאָלעט געהאַלטנ. ער האָט שוינ איינמאָל, װײַזט אויס, אויסגעשאָסנ, אונ אויכ צומ צווייטנ מאָל האָט ער זיכ געפּרווט דאָס שיס־צינגל מיט א שלאַבעריקנ פינגער צו ציִענ אינ געוואָלט צום צווייטנ מאָל דאָס פונ אָרט רירנ; אָבער צי פונ שלאַבעריקײַט, צי פונ דערשרעק, האָט זיכ עס ניט געלאָזט, אונ אָנשטאָט א שאָס פונ זײַנ, פונ גראַפס, פּיסטאָלעט, האָט זיכ פונ אַנ אַנדער װינקל, — נייעט װײַסנדיק װידער פונ װעמענ אונ פונװאַנענ, — א צווייטער דערהערט.

אַגעװ, קוקנדיק אַפּנ גראַפ, האָט זיכ געדאַכט, אַז פונ אַזאַ האַנט, װי זײַנע, אינ זײַנ שטאַנד, אינ זײַנ שלאַבעריקײַט, האָט אויכ דער ערשטער שאָס ניט געקאָנט קומענ, אונ א גרויסע סװאָרע, אַז דאָס האָט עמעצער א צווייטער, אימ מיטנ פּיסטאָלעט דערזעענדיק, פּאַר אימ אונ פּאַר זײַנ שלאַבעריקײַט אויסגעשאָסנ, אונ דעמ גראַפס אויסגעשטרעקטע האַנט נאָר פּאַר זײַנער א שירמע אויסגענוצט.

װי ס'זאָל ניט זײַנ, נאָר באַלד האָבנ אַלע די אויגנ אויסגעקערעװעט אַהינ, װוּהינ דער שאָס איז געצילט געװאָרנ. מ'האָט דערזענ, אַז דער פּאָרטרעט איז אינ דער קרוינ אונ אינ דער ברוסט געלעכערט, די דורכגעשאָסענע לעכלעכ רייכערנ זיכ נאָכ, דער פּאָרטרעט געשענדעט אינ פּאַרשעמט, אונ אַפּ אַלעמענ, דאָס צוקוקנדיק, א שטומע אימע.

— פּאַנאָזיע. ווער האָט דאָס געטאָן? — האָט זיכ, ווי פונ א פרעמדנ, נישט פונ קײנעמ פונ די בײַזײַענדיקע, א קאָל דערהערט, גלײַכ פונ אײַ- גענעמ, וואָס האָט פּלוצלינג, די טיר עפענענדיק, אינ שטיב זיכ אַרײַנגעשטעלט.

ווירקלעכ: דערהערנדיק א שאָס, האָט זיכ גאָרלעצקי, ווי פאַרזויפנ ער איז נישט געווענ פונ די פיל קוויבעס, וואָס ער האָט באַקומענ דערלאַנגט פונ פונעמ באַלעבאָס נאָכנאַנאַנד, פונ נאָכ מער פונ פּוענציסלאַווסקינ, וואָס ער האָט אימ די גאַנצע צײַט איבערגעטראָגנ געהײמ, הינטנאַרומ אונ אַז קײנער זאָל נישט זענ, — ווי שיכּור גאָרלעצקי איז נישט געווענ, האָט ער דאָכ, דערהערנדיק אַרויסקומענ א שאָס פונ שטיב, ווי אויפגעוואַכט, דער- מאַנט-מענטשיש אינ אָרדענונג-היטער האָט זיכ אינ אימ אויפגעכאַפּט, אונ ער האָט האַלב-דערייכט, האַלב-דערשראָקנ די טיר אויפגעעפנט אונ דעמ קאָפּ אַרײַנגעשטעקט.

פּוענציסלאַווסקי אָבער האָט, דיבענדיק זיכ דעריפ, אימ זײַנ קאָפּ גלײַכ בײַ דער טיר שוינ באַגעגנט אינ אימ באַרויקט. אימ געהײסנ זי פאַרמאַכנ, אַזוי. אַז דאָס קאָל, א בוואָרע, די פראַגע „ווער האָט דאָס געטאָן, פּאַנאָזיע“ איז נאָר נישט פונ גאָרלעצקינ, נאָר פונ אַנ אַנדערנ ווענט געקומענ.

פּריצימ האָבנ גלײַכ פאַרשטאַנענ, מיט וואָס דאָס שמעקט, בײַ אַלע האָבנ די צוועס אויסגעזעענ, ווי אײנ שולדיק אַפ אַלע, ווײַל אַלע מאַכנ שולדיק, אינ אויב דער ערשטער שאָס, האָט מענ געמײנט, איז זיכער געקומענ פונעמ גראַפ, איז אינ דעמ צווייטנ, וואָס מע האָט שוינ נישט באַמערקט פונ וועמענ, האָט מענ שוינ יעדערנ פונ זײ געקאָנט חושד זײַנ.

אינ דער מינוט איבער, — מע ווײסט נישט ווער, נאָר עפּעס האָט עמעצער אַפ א בענקל זיכ אַרויפגעכאַפּט אונ די ליכט אויסגעלאָשנ — די ליכט פונעמ הענגענדיקנ בליצ-לאָמפּ, דערנאָכ האָבנ שוינ אַלע, פאַר אומבאַוווּסטער מוי- רע, ווײַט איבער, וואָס האָט אַלעמענ אַרומגעכאַפּט, ווער ס'האָט לעבנ זיכ אַפנ טיש א ליכט שטײַנ געהאַט, אויכ זי אויסגעלאָשנ.

מע איז געבליבנ אינ דער פינצטער. מע האָט געקאָנט מײנענ, אַז דאָס האָט מענ געטאָנ צוליב הײמלעכקײט ווענג, ווי הערנ אײנער אַפנ אַנדערנ נישט צו ריינ, ווי זיכ צו באַרעכענענ, אינ עפּעס איבער, אַז אינ דער פינצטער זאָל יעדערער די מעגלעכקײט האָבנ ווײַזנ-איז זיכ אָנ שולד אָדער ווײניקער שולדיק אַרויסרוקנ.

אינ דער זעלבער מינוט איז דער פּאָרטרעט אַפ דער וואַנט נישט גע- בליבנ, ווײַל די פּריצימ האָבנ אימ דערנאָכ נישט געזענ, איז ער ווי אינ דער ערד מיט די שפּורנ פאַרשוווּנדנ.

אינ דער מינוט איבער האָט אינ אײנער אינ דער זעלבער צײַט קימאַט יעדערער בײַ זײַנ אויער עפּעס אײנעמ א מענטשנס מויל דערפילט, וועלכ דאָס מויל האָט, אַנלענדיק אינ ווי בסוד אַרײַנגעזאָגט:

— פּריצימ, די זאַכ איז ערגסט, ס'לאָזט זיכ נאָכ פאַרריכטנ, נאָר מ'דאַרפ געלט. א פולע געלט.

יעדנס מאָל האָט מייל אָנגערופן אזא נאָמען, וואָס האָט יעדן צוהערער געמאַכט איבערצייגן פיל מער נאָך, ווי פון דעם נאָרוואָס פאָרגעקומענעם, וואָס האָט געשמעקט מיט מעלוכע־פּאַראַד, מיט באַליידיקן זיינע מאַיעסטעט דעם קייסער, אין אזא צייט, און צו אזוינע, ווי צו זיי, ווי צו די פּריצים, קאָן אָנגעווענדט ווערן דאָס שטרענגסטע, אָנגעריבן פון שמיץ, פון באַרשטין, ביז, מעגלעך, טויטשטראָף אפילו.

די אָנגערופענע נעמען אָבער איז העכער געווען ניט נאָר פון די באַגרענעצטע פּריציש מעגלעכקייטן איצט דאָ אָפּ שלעפן, האַלב־טויטן יאַריד, נאָר אייך אפילו, ווען ניט שלעפן, ווען אין אַנדערע צייטן, א גרויסע — גייט נאָך באַר איין פּאָרעץ, נאָר אפילו פאַר א פּאַן, ווען זיי וועלן זיך צונויפלייגן.

— די זאָל האָבן שלעפן, — האָט דאָס מייל ווידער אין יעדער איינעם אונגערעדט. — זאָלן זיך פּריצים באַדענקען. ס'איז בא א ייִדן אַף דער אַכסאַניע, יעדנס איינער א פּאַרשטייער פון דער מאַכט, מאָרגן קאָן דאָס איבערגעגעבן ווערן, ווי מע דאַרף, אַף גאַנץ שטאָט זיך צעטראָגן.. דער מאַכטאָנשעבדיקער באַזונז, דער פּאָמרעט, — פאַרשווונדן, וועה ווייסט, און יעמענס הענט ער האָט אַרײַנגעטראָפן, מע דאַרף זען אים אויסגעפינען און פאַרניכטן. אלץ איז נאָך מעגלעך. מע דאַרף נאָר גוט באַשמירן. אניט זאָלן פּריצים דערנאָך קיין באַראָמע ניט האָבן.

* * *

אַף א שטעט־באַנאַנטיקער באַראַטונג צווישן פּריצים אין יענער זעלבער מאַרע אַכסאַניע, ווי דער הויפּט־אָנפירער און דער הויפּט אייצע־געבער דעמאָלט איז געווען סיענטיסלאַווסקי, מאַכטעם אלע איבעריקע דערשראָקענע, איז באַשלאָסן געוואָרן: דאָס געלט צונויפנעמען און דאָס פאַרטיילן ווען עס, סיענטיסלאַווסקי, וועט געפינען פאַר נייטיק.

אלע זיינע שיין איצט איבער עפּעס זיכער געווען, אז דאָס געלט בלייבט בא אים, אז אייב דער פּאָמרעט בא אים. יענעם אָוונט איז ער פון אלעמען דערקענט געוואָרן. אָבער קיין אַנדער ברירה איז ניט געווען, ווי נאָר אַרײַן אים דאָ, אין אַכסאַניע, צו דערשטיקן, וואָס אַף דעריף זיינען, ווייזט אים, קיין באַלאַגיט אין קיין אומשטעלער גייסט געווען; אָדער זשע זיך לאָזן נארן אין פון אים, קליימערישט, באַוואָרנט ווערן. און דאָס האָט מען מאַכן געמאָן. און דאָס איינציקע, וואָס מע האָט נאָך געקאָנט אין אזא לאַגע, איז געווען — בא אים זיך אַף א קלענערער סומע איינדינגען, וואָס דאָס האָט מען אויך געטאָן: זיך אויסגעדונגען, אָבער ווי קלענער זי איז ניט געווען, די סומע, האָט איז זי נאָך געווען אַף אַזויפיל גרויס, אז ווען דעמאָלט, ווי אזוי זי צונויפצונעמען, זאָל זיך, בא די איצטיקע באַדינגונגען, קיין איין פּריצישער מוען ניט פאַרשטעלן און אפילו ניט קאָנען פּאַנטאַזירן.

— און געלט, פריצימ?

— געלט איז בא די ייִדנ. מע מוז זיכ זען ווענדנ צו זײ, ייִדנ וועלנ די פריצימ ניט פארלאָזנ, זײ אויסלייזנ, זײ אינ די נויטנ שטײנ.

און דאָס האָט שוינ אפ זיכ גענומענ אלײנ סווענטיסלאווסקי, וועלכער האָט געקאָנט די זאַכ אזוי אויסלייגנ און פארשטעלנ, אז דער פריוואטער אינטערעס פונ די פריצימ, — דאָ געמיינט די סאקאָנע, וואָס איז זײ פאָר־געשטאנענ, — זאָל אויכ אלגעמיינער שטאָטישער אינטערעס און שטאָטי־שע סאקאָנע ווערנ. דערופ איז ער געווענ א בעריע, און דאָס דורכצופירנ האָט ער זיכ אונטערגענומענ.

* * *

ווי אזוי סווענטיסלאווסקי איז דערנאָכ געקומענ צו רעב הודינ, צו אונ־דזער באקאנטנ און באוווּסטנ ראָש אינ שטאָט און אויכ אפ דער גאנצער געגנט — צי אלײנ, צי דורכ עפעס עמעצנס פארמיטלונג פונ איינעמ זײ־נעמ א באקאנטנ ייִדנ — ווייסנ מיר ניט. מיר ווייסנ נאָר, אז שוינ אפ מאָרגנ איז צו רעב הודינ אינמיטנ גאנצפרי, אינמיטנ יאריד, ווענ מענטשנ זײנענ אזוי פארנומענ און די צײט אזא ברענענדיקע, אנ אסיפע צונויפ־גערופנ געוואָרנ. נאטירלעכ, פונ „פּנײ", נאטירלעכ, אויכ, אז דאָס מאָל ניט פונ ראבאָנימ און גלאט כשײווימ, נאָר דעריקער טאקע געלט־לײט, רײכע, וואָס צו זײ האָט ער, רעב הודי, זיכ מיט יענעמ איניענ געווענדט, און וואָס דעריקער פונ זײ האָט מענ אינ דעמ פאל געקאָנט עפעס ווארטנ.

אויסגעלייגט האָט רעב הודי די זאַכ אזוי, אז דער איניענ איז דאָס מאָל נעגייע ניט נאָר פריצימ, נאָר אויכ קימאט גאנצ ייִדישנ קאָהאָל.

— זאָל מענ נאָר באטראכטנ, — האָט רעב הודי געזאָגט, — דאָ שמעקט מיט מערידע, און אזוינע זאכנ ווערנ ניט געשענקט. די שולדיקע וועלנ גע־וויס זייער שטראָפ און ערלעכ אויסקומעניש באקומענ, וואָס דאָס הייסט — ווייסנ אלע. די פריצימ קאָנענ זיכ אלײנ ניט אויסקויפנ, פריצימ זײנענ פאר־באָרגנ אינ כויוועס — ביכלאל, באזונדערס אָבער נאָכ דאָס יאָר, ווענ געלט איז אזוי קנאפ, איבער דער אומגערעטעניש.

— מע דארפ געדענקענ, — האָט רעב הודי פאָרגעזעצט, — אז אויב פריצימ וועלנ דאָ לײדנ, וועלנ מיטלײדנ מיט זײ ניט נאָר פיל דאָרפס־ייִדנ — שענקערס, ארענדארעס, פאָסעסאָרס, — נאָר אויכ שטאָט־לײט, מיט וועלכע די פריצימ זײנענ פארבונדנ מיט געלט־אייסאָקימ. ער מיינט אויכ בעסויכעמ אלע די, וואָס זיצנ דאָ, וואָס האָבנ זיכ צו אימ אפ דער אסיפע צונויפ־גענומענ.

— זאָל מענ דערמיט געדענקענ: נעמט מענ זײ צו, די פריצימ, אזוי מעגנ זיכ אלע מיט זייערע כויוועס אָפגעזעגענענ. מוזנ מיר אָבער פאר־קערט, און שלעפנ זײ ארויס פונ דער צאָרע, אזוי וועלנ פריצימ די זאַכ געדענקענ, און ייִדנ וועלנ דערפונ גרויסע טויוועס האָבנ.

עמעס, ס'איז אויכ דאָ א געפאר, אז אויב, כאָלילע, מע זאָל זיכ דערפונ דערוויסנ, אז ייִדנ האָבנ זיכ אינ אזא זאכ געמישט, קאָנ זײַנ א בילבל אפ קאָהאָל. די זאכ איז אָבער באוואָרנט: דײַנר איינציקער, וואָס איז בײַ געווענ בײַמ יענער מײַסע, אונ וועלכער קאָנ שלעכטס איידעס זאָגנ, מיינט דאָ ניט מער, ווי נאָר ארויסצוזען פאר זיכ א געוויסע טויווע-האנאָע, א געוויסע סומע געלט. זיכערע מענטשנ פארזיכערנ, אז מער ווי געלט איז דאָ יענער ניט אויסנ. א סוואָרע אויכ, אז אינ דער גאנצער מײַסע איז ער אליינ מאקע דער שולדיקער. א סוואָרע אויכ, הייסט עס, אז דאָס האָבנ ניט די פריצימ געשאָסנ, נאָר יענער אליינ מאקע, דער, וואָס האָט שוינ חײַזט אויס, לאנג פארטראכט פונ אזא מײַסע רײַכ צו ווערנ, אונ איצט האָט אימ דער גליקלעכער פאל געטראָפנ — אנ אויסוווּרפ, א מאָסער. באווײַזנ קאָנ מענ דאָס ניט, דער פארשויג אליינ אָבער איז מיט זײַנ באשולדיקונג, זעט מענ, ניט איבעריק זיכער, ער אײַלט דערומ דאָס ניט קאָשער פארדינטע געלט ארײַנצובאקומענ, קעדיי וואָס גיכער אליינ פונ דעמ אייסעק זיכ ארויסדרייענ, פאָטער ווערנ. דער פאָרטרעט געפינט זיכ בײַ אימ, ער וועט קיינ געלט ניט באקומענ, ביז ער וועט פאר די פריצימ ניט געבראכט ווערנ, זיי איבערגעגעבנ, אפ אימ צו פארגינענ; מוירע האָבנ, אז דערנאָכ, נאָכנ געלט באקומענ, זאָל יענער ווידער די זאכ ניט אופוועקנ אונ ווידער פארמאָסערנ, דארפ מענ ניט, ווײַל, ערשטנס, ווער וועט אימ גלייבנ אָנ א באווײַז; אונ דעריקער, וואָס דעמלט שמעקט ער אליינ אינ סאקאָנע: מאָמער וועט די פריצימס אומשולדיקײַט באוויזנ ווערנ, אונ אלץ קאָנ ארופגעוואָרפנ ווערנ אפ אימ דערפאר, וואָס ער האָט אזא זאכ געטאָנ צוליב ריינעמ שווינדל. ביז דער באווײַז אָבער איז בײַ אימ, האָבנ פריצימ, מאכמעס מוירע בײַ אימ זיכ אָנצוהייבנ, באשלאָסנ נאָכגעבנ. קיינ געלט אָבער איז בײַ קיינעמ נישטאָ, אונ ער, דער פארשויג, אײַלט, פאָדערט: הײַנט, באלד, שוינ. אניט, וואָרנט ער, איז שלעכט, קאָנ די זאכ איבערגעגעבנ ווערנ ווײַטער, וואָס דעמלט וועט שוינ קיינ זאכ ניט פועלנ. מע מוז זיכ דערומ אנ אײַלע געבנ, אונ הײַנט, מאָרגנ דאָס געלט ארײַנקריגנ.

— ער ווייסט רעב דודי, אז בײַ אלעמענ איז איצט ענג, אז אינ געלט איז גרויסער מאנגל, אָבער די טויווע פונ די פריצימ אונ די טויווע פונ אלעמענ פאָדערט, מע זאָל מאָנ, וואָס נאָר מעגלעכ, אונ האשעמיסבאָרעכ וועט העלפנ.

איינער פונ די, צו וועמענ רעב דודימ רייד זײַנענ געווענדט געווענ אינ אָט דער דאָזיקער אפגיכ צונויפגערופענער אסיפע, איז געווענ אויכ מוישע מאיִכער, וואָס ווערדליק זײַנ נאָמענ אונ אָנזענ אינ שטאָט, אונ אפ יויפל אויכ ער איז פארינטערעסירט געווענ אינ דעמ איניענ, מאכמעס אויכ ער האָט דאָכ בײַ די פריצימ מיט גרויסע סומעס געשמעקט, איז אויכ אפ אימ איצט אויסגעפאלנ א געוויסנ טייל געלט ארײַנצוקריגנ.

ער, ווי אלע איבעריקע, האָבנ זיכ, נאטירלעכ, צוערשט שטארק אופגע=

רעגט, אונ אויסהערנדיק די מעסע, האבנ די ערשטע מינוטנ געמיינט אינ זיכ געוואלט פונעמ גאנצנ איניענ אפּשאקלען: וואס דארפנ מיר זיכ מישנ, אונ זאלנ די פּריצימ-מאיאבעניקעס טאנ, וואס זיי ווילנ. אז מע האט אבער נאכאמאל אונ נאכאמאל די מעסע אפּ געדאנק גענומענ אינ זי פּונ אלע זייטנ באהאנדלט אינ אנ ערנסטנ טראכט געטאנ פּונ די רעזולטאטנ, וואס קאנענ זיכ פאר יעדנ איינציקנ פונ די אנטיילנעמער אינ דער אסיפע באקו-מענ, אונ איינ מאקע פאר א גרויסנ טייל יידנ, וואס גיט דא אפּ דער אסיפע, — האט מענ, סאפּקאלסאפּ, דערזענ, אז ס'איז איינ ברירע, אז קיינער, איבער די פארזאמלטע, איז דא מאקע ניט אימשטאנד עפּעס צו טאנ, אונ אז מאנ מוז מענ. האט מענ געקרעכצט אינ זיכ אינ די קעפּ אינ אינ די בערד געקראצט, אבער ענדלעכ האט מענ זיכ געמוזט אונטערגעבנ, אינ יעדערער, וויפל ס'איז אפּ אימ איינגעפאלנ אינ ארויפגעלייגט געווארנ, האט געמוזט צוזאגנ אויסצופּילנ אינ מאקע שפּעטסטנס מארגנ דאס געלט צו-שטעלנ.

אז מוישע מאשבער האט זיכ דערמאנט, גלייכ פונ דעב דיוג גייענדיק, צו זיכ אינ קאנטאר אריינ באויזנ, האט ער באלד זיינ איידעמ, דעמ אונדז באקאנטנ נאכעמ לענטשיצער אינ באראטונגס-צימער אריינגערופנ. ער האט אימ, ווי א פארטרויענס-מאנ אינ אלע זיינע איניאנימ, אימ דעמ איניינ אונ די זאכ מיט די פּריצימ איבערדערציילט אונ איבערגעגעבנ, זיכ מיט אימ ווענג דעמ אויסגעשמועסט, אונ, דעריקער, אימ א פרעג געטאנ:

— ווי האלט עס בא אונדז הײנט מיטנ קאסע-באלאנס?

— באלאנס איז באלאנס, אבער די קאסע איז ליידיק, — האט נאכעמ געזאגט, — איר ווייסט דאס אליינ, שווער, אונ יענ האב איכ ניט וואס צו דערציילנ.

ער איז נערבעט געווענ, נאכעמ: מוישע מאשבער האט, ניט פרעגנדיק, אליינ זייער גוט די לאגע געוווסט; געוווסט, אז ס'איז ניט קיינ יאריד, נאר א סרייפע — פאר אלעמענ, באזונדערס אבער פאר אזוינע, ווי ער, פאר געלט- אונ קאנטאר-לייט, וואס האבנ פאר דער צייט נאריש ניט אריינבאקומענ. קיינער פונ די באלכויווע האט דאס יאר ניט ווי אלעמאל, אפילו אפּ דער שוועל זיכ ניט געוויזנ, ווי יעדעס מאל אינ דער צייט, וואס מע איז געוווינט קומענ — מיט פריילעכ איבערגעלייגטע פּנימער זיכ צעצאלנ אינ ווענג נייעמ אפּצירעדנ, געשעפטנ פירנ. פארקערט, איינ עמעצער האט זיכ יא געוויזנ, האט מענ אימ גלייכ אינ דער גאנצ דערקענט, אינעמ טרויעריק-שולדיקנ בליק, אז געקומענ איז ער נאר בעטנ די זמאנימ פונ די וועקסלענ צו פארלענגערנ, אונ עפּעשער וועט זיכ אימ אויכ איינגעבנ, אויפ דער אלטער האלוואע, אויכ א נייע ארייגצוקריגנ.

מוישע האט דאס זייער גוט געוווסט, דאכ האט ער אנדערש, ווי יא אנטייל צו נעמענ אינ דער נייער האלוואע פאר די פּריצימ, ניט געקאנט טאנ. זיינ נאמענ אינ זיינ שטעל האט דאס געפאדערט, זיינ שעמ אינ זיינ

אין צייטנס סאָברים. אָפּזאָגן זיך וואָלט געהייסן, אַז ער איז מיט עפּעס רינגערשמעליק, אַז אין די געשעפטן בא אים איז ניט איבעריק, וואָס דערצו מאָר קיינער, ביפּראַט אזא, ווי ער, מוישע, נישט דערלאָזנ.

באַזונדערס האָט ער דאָס געמיינט איצט, נאָך דעם ווי אַפּנ יאָריד — מע ווייסט ניט פֿונוואַנענ ס'האָט געשטאַמט, צי פֿונ רידניצקי דעמ פּאָרעצ אַליינ, וועלכער האָט זיך, מעגלעך, בעשאַפט שיקרעס פֿאַר עטעצנ אייסגערעדט, צי ייִדנ־מעקלער האָבנ אַליינ די זאַך אויסגעשנאָרעט און געוווירע געוואָרנ — נאָך דעם, אַז מע האָט זיך דערוווּסט, אַז רודניצקי האָט מוישנ א גרויסע סומע אָנגעזועצט, און איבער די גאַנצע מײַסע, וויאַזוי ער האָט בא נאָכעמענ די וועקסלענ איינגענאַרט, און צווישנ סאָברים און מעקלער האָט מענ דערפֿינ היפּש גערעדט, און דאָס, וואָס מוישע האָט דאָס ביז אהער פֿאַרשטעלט, פֿאַרבאַהאַלטנ, אַז קיינער זאָל דערפֿינ ניט וויסנ, האָט מענ איבערגעטײַטשט צו שלעכטנ — „א סימנ, — האָט מענ געזאָגט, — אַז בא מוישענ איז שיינ גאָר ניט אַזוי פֿויגלדיק, וואָרעט יוענ ניט, איז וואָס איז דאָ צו באַהאַלטנ?..“

ס'האָט שוינ געהאַלטנ אַפּילע דערבײַ, אַז מוישעס באַשטענדיקע פּראָמילניקעס, די, וואָס קריכנ קיינמאָל ניט אַרויס פֿונ קאָנטאָר, און וואָס יעדעס יאָרט, וואָס זיי ווענדנ זיך צו אים, מיקויעך געשעפֿט, ווערט באַגלייט פֿונ זיי מיט א היפּש ביסל כניפֿע און אונטערלעקערײַ, ווי שאָלעמ שמאַריאָנ און צאַלי דערבאַרעמדיקער אינ נאָכ, — האָט שוינ געהאַלטנ דערבײַ, אַז געוויירע ווערנדיק יענע זאַכ און, אַפּאָנעט, ברויגעז זײַענדיק, פֿאַרוואָס זיי אַליינ האָבנ דאָס ביזנ יאָריד ניט פֿאַרויסגעפֿילט, פֿאַרויסגעטראָפֿנ — האָבנ אים שוינ מיט א מינ באַלײַדיקנדיקער האָזע אָפּט אינ די אייגנ געקוקט, ווי זיך באַרימענדיק, אַז זיי ווייסנ פֿונ דעם, פֿונ יענער זאַך, וואָס ער האָט ניט געוואָלט אינ ס'האָט אים ניט געלינגט, אַז מע זאָל וויסנ.

יאָ, ס'האָט שוינ געהאַלטנ אויכ דערבײַ... מוישע האָט דערומ איצט געמיינט זײַנ שעט אינ שטאָט אונטערהאַלטנ, — פֿאַר אַלעמ, פֿאַר סאָברימ, געלט־לײַט, וואָס ער האָט מיט זיי צוזאַמענ אינ דער אַסיפֿע בא רעב הירשי דעמ ראָוו אָנטייל גענומענ, און אויכ פֿאַר די געלט־מעקלער, ווי ווידער פֿאַר א שמאַריאָנענ, פֿאַר א דערבאַרעמדיקער, וואָס מאָמער וועלנ זיי געוויירע ווערנ פֿונ דער מײַסע מיט די פּריציש (כאָטש דערווײַל איז דאָס נאָכ פֿאַר אַלעמ געוועזנ א סאָד), און אַז אַלע האָבנ זיך מיט א געוויסער סומע באַשטײַערט, אויסער אים, מוישענ, ווערט זיך דאָס שוינ אַוואַדע שלעכט קלינגענ, און די פּראָמילניקעס, געלט־מעקלער וועלנ שוינ מיט רעכט דערמיט די האָזע קעגנ אים פֿאַרמערנ.

ער האָט דערומ, גלײַך נאָכנ אויסזיצנ זיך מיט נאָכעמענ, די מעקלער אַרײַנגערופֿנ, האָט אָפּ זיך א גשווינדלעכע שמאָלצ־געגידישע מינע אָנגעצויגנ, א מינ גלײַכגילטיקע, גלײַכ דער איפּטראַג, וואָס ער גיט זיי דאָ, איז א געווינלעכער קאָנטאָר־איפּטראַג, וואָס אַלע מאָג זײַנענ אַזוינע מעגלעכ און

שטעכ, אונ געמלעכ: ער דארפ הייַנט צו טאָג א געוויסע סומע געלט האָבנ, זיי מוזנ זי אימ זענ קריגנ. אונ קעדיי זיי אונטערצוהיַלנ, אונ קעדיי זיי זאָלנ פאַרשפּאָרנ צוריק אינ קאָנטאָר קומענ נאָכ מוישעס וועקסלענ, ווענ זיי וועלנ קריגנ די ערטער, ווו צו אנטלייַענ, האָט ער זיי שוינ אפּנ אָרט מאַקע אונטערגעשריבענע וועקסלענ געגעבנ, זיי אָפּגעכאַסמעט אפּ קלענערע אונ אפּ גאָר קליינע סומעס, וואָרעמ געוווּסט האָט ער, אז גרויס געלט אינ איינ האַנט צו קריגנ וועט איצט זייַנ אומעגלעכ אונ אז בא דער בעסטער פּייסייַט פונ זייַנע מעקלער אונ פּראָמילניקעס, איז דאָס אינ איצטיקנ מאָמענט אפילע פאַר זיי אויסגעשלאָסנ.

נאָכנ אוועקגיינ פונ די מעקלערס, האָט מוישע, אליינ בא זיכ אינ צימער בלייַבנדיק, אָפּט געקרעכצט. ער האָט אלע ווייַלע ביידע הענט — די רעכטע אונ די לינקע — צו זייַנ ברוסט צוגעלייגט, די בוזעמ-קעשענעס אָנטאַפּנדיק, ווי ס'טוענ נגידימ טאָמער, ווענ אופגעלייגט אונ אינ גרויס באַמיעכ זייַנ אינ זיכ, אונ ער האָט זיי איצט ליידיק געפונענ — א זאכ, צו וועלכער ער איז די לעצטע יאָרנ פונ גרויסער געדולע נישט געוווינט, א זאכ, וואָס האָט אימ, פונ אימגעוויינלעכקייט, אויסגעזעענ מעשונע אונ אומגלייבלעכ.

ס'האָט אימ אינ הארצנ א קיל געטאָנ. ער האָט דעמ גאַנצנ טאָג דער-נאָכ געהאַט ניט קיינ גוטנ. באַזונדערס נאָכ פּאַרנאַכט פונ זעלבנ טאָג, ווענ מ'האָט שוינ געזאָלט די קאָנטאָר שליסנ, ווענ פאַרנ טאָג איז אימ צומ דערפרייענ גאָרנישט צוגעקומענ, אינ ווענ די פּראָמילניקעס, די מעקלער, האָבנ זיכ צוריק אינ קאָנטאָר אומגעקערט, אונ זיי האָבנ אימ דאַפּקע דאָס געפאָדערטע געלט יאָ געבראַכט, אָבער ער האָט געזענ, אז ס'איז נאָכ גרויס-מי אונ לאַנג זוכעניש זיי אָנגעקומענ; דעמלט, אז ער האָט זיכ פאַרינטערע-סירט אינ געוואָלט וויסנ, ווו, בא וועמענ האָבנ זיי דאָס געלט געקראָגנ אונ אינ וועמענס הענט זייַנענ זייַנע וועקסלענ אַרייַנגעפאַלנ, פאַרשטייענדיק, אז דאָס מאָל, מאַכמעס געלט-מאַנגל, זייַנענ זיי אַרייַנגעפאַלנ ניט צו קיינ איבעריק באַוווּסטע אונ כשווימ, האָט צאַלי דערבאַרעמדיקער אימ א זאָג געטאָנ, אז זייַנ כיילעק האָט ער געקראָגנ:

— ווייסט איר בא וועמענ? — אינ דערבייַ האָט צאַלי עפּעס א שאָדנ-פריידיקע אונ שמייכלענדיק-באַליידיקנדיקע צורע געהאַט.

— בא וועמענ?

— בא אזא, וואָס קיינ בענ-אָדאָמ האָט זיכ גאָר קיינמאָל ניט געקאָנט ריכטנ, אז אזוינער איז אפילע לעבנ געלט געלעגנ.

— בא וועמענ זשע?

— בא יענעמ, בא דעמ אייַנגייער אינ די נגידישע הייַזער, בא דעמ מרוק, בא דעמ מיט דער ערד-קאָלירענער קאַפּאָטע אונ מיטנ לאַקירענעמ דאַשעק, בא סרולי גאָל.

— בא אימ? — האָט מוישע אזש א געשריי ארויסגעלאָזט פונ פאַר-

חונדערונג. און פונ נישט וועלנ גלייבנ, האָט ער זײַנע אויערנ נישט געטרויט, אינ ווי ער איז אזוי לעבנ זײַנ שטול געשטאַנענ, אזוי האָט ער זיכ, פונ מאַטקײַט אינ די קני, מיטאַמאָל אינ אים אראָפּגעלאָזט.

— בא אים, בא סרולינ? ווער האָט עס אים געהייסנ? ווער דערלויבט? ער איז מעשוגע געוואָרנ, צי דול, צי בא אלע געדאַנקענ?

— וואָס איז? — איז שוינ דאָס מאָל צאלי, פונ מידקײַט פונעם גאַנצנ טאָג, ווײַזט אויס, ארומלויפנ און, דעריקער, דערפאר, וואָס נאָכ מײַסע רודניצקי האָט זיכ זײַנ דערעבערעצ צו מוישענ א ביסל אײַנגעשרומפּנ, קלענער געוואָרנ — איצט מיט לאָשנ ארויס:

— וואָס איז? געלט האָט קיינ רייעכ ניט, רעב מוישע, געלט שמעקט ניט! געלט איז געלט, בא וועמענ ס'זאָל ניט זײַנ אינ בא וועמענ ס'זאָל זיכ ניט געפינענ, אבי סגעפינט זיכ, אבי נאָר ס'איז דאָ.

— אָבער... ס'איז דאָכ אומעגלעכ! ווי קומט צו אים, צו אזא גאָר געלט פלוצעמ? — האָט מוישע ווידער אויסגעשריגנ.

— ס'ניט אונדזער זאכ. אבי ער האָט. אבי ס'ניט פאלש געמאכט, — האָט צאלי געענטפערט.

מוישע איז נאָכ דעמ געשפרעכ אהיימ געקומענ א שטארק פארביטערטער. ס'האָט זיכ אימ די גאנצע צײַט אינ קאָפּ ניט פּאָטופּעט, ווי קיינער, וואָס וואָלט דערפונ פריִער ניט געוווּסט און מע זאָל אימ פלוצלינג אזא זאכ דערציילנ. מיר אָבער, וואָס מיר ווייסנ, כידעשנ זיכ ניט און בעטנ דאָס פארגעדענקענ: אז אָט דעמלט, אפנ יאריד, יענעמ טאָג, וואָס נאָכ דער מײַסע מיט די פריצימ און נאָכ דער אסיפע בא רעב הודינ און נאָכ דעמ, ווי מוישע האָט זײַנע מעקלער אפנ שטאָט ארויסגעשיקט אימ געלט זוכנ, איז מוישע מאשבער, ווי ס'איז אימ זייער ניט אָנגענעמ געווענ, אָבער פאקט בלײַבט פאקט: יענעמ טאָג איז מוישע מאשבער סרולימ באַלכויוו געוואָרנ. ער, מוישע, — דער, וואָס האָט זיכ גענייטיקט, יענער, סרולי, — דער, וואָס האָט אים ארויסגעהאָלפנ; ער, מוישע, — דער, וואָס אז ער האָט זיכ אינ ביידע בוזעמ-קעשענעס געטאַפּט, האָט ער זיי געפונענ ליידיק, אינ סרולי — דער, וואָס ווענ ער וואָלט דעמלט די הענט צו דער ברוסט צוגעלייגט, וואָלט ער אינ בוזעמ-טאַש מוישע מאשבערס וועקסלענ אָנגעטאַפּט. לאָמיר דאָס פארגעדענקענ!

מירנ ניט דערציילנ, וויאזוי, ווו און אינ וואָס פאר אנ אָרט איז צווישנ צאלינ אינ סרולינ דאָס געשעפט — דאָס געלט געבנ און נעמענ — אָפּגעמאכט געוואָרנ. מירנ נישט דערציילנ, ווײַל איבעריק. ס'איז גענוג נאָר צו וויסנ, אז אזויווי סרולי האָט זיכ דאָכ שוינ געהאט, ווי אינ א פריִערדיקנ קאפיטל דערמאָנט, צו צאלינ געווענדט וועגנ אָט דעמ איניענ, און צאלי האָט זיכ דעמלט געקווענקלט, צי דאָס פאר ערנסט אָנעמענ, צי ניט, אָבער, כאָפּסאָלסאָפּ, האָט ער דאָס יאָ אָנגענומענ, דאָס פארגעדענקט, איז

דערויף דאָס מאָל, ווענ ער איז אינ מוישעס שליבעס געגאַנגענ, איז אימ
יענער אַבנ זינענ געקומענ, אונ ער האָט אימ געזוכט, אונ סרולי, פונ זיינ
זייט, ווידער, האָט אויב אימ, צאַליג, — די גאַנצע צייט, איז דערויף נאָ־
כגעלעב, אז ווענ צוויי זיבנ זיכ, קומט זיי אַמאָל אויב דער צופאַל צו
הילפ, ווי אויב דאָס מאָל איז ער צו צאַליג אונ סרולינ געקומענ.

אזוי, אז די זאַכ איז געמאַכט געוואָרנ, דאָס געשעפט געשלאָסנ. די
סרולי האָט זיכ דערנאָכ געפילט, — איז אינגאַנזנ ניט באַוווּסט. ניט באַ־
וווּסט אויכ אפילע דער מיינ, וואָס ער האָט געמיינט דערבײַ — מיטנ ווע־
מיישענ פאַר א באַלבייז צו האָבנ. מעגלעכ, אז אינ איצטיקנ מאָמענט האָט
ער נאָכ אליינ ניט געקענט געוווּסט. מיר ווייסנ נאָר, אז מוישע האָט זיכ,
ווי געזאָגט, שטאַרק באַטריבט אינ יוי פונ דער האַזשנאָבע באַליידיקט גע־
האַלטנ. פאַר אלעמ, פונ דער האַזשנאָבע, וואָס זי האָט אימ דאָ עפּעס א
קאַפּצאָנישנ פינגער געוויזנ. עפּעס א מינ סימענ, אז רעבעקעט איז ניט
פעסט, אז איבעריק, דערמיט זיכ איבערנעמענ אינ גרויס האַלטנ טאָרפ מענ
ניט. א סימענ: אַט האָט ער הײַנט נאָר צו אזא, ווי צו סרולינ, באַדאַרפט
אָנקומענ, צו דעמ, וועלכנ ער האָט ערשט אימ פונ שטוב געטריבנ, ווי א
לעצטנ אונ ווי אַזוינעמ, וואָס מע טאָרפ פאַר אימ אינ קיינ פאַל ניט ווייזע
זיינ. דאָס — פונ דער האַזשנאָבע. דעריקער אָבער האָט מוישענ געאַרט,
וואָס די זאַכ קאָנ אונ וועט באַוווּסט אינ צעטראָגנ ווערנ. דאָס וועט קליי־
גענ פאַר אלע, עמעס, ווי א שפּאַנ, ווי א גלעכווערטל. אָבער דאָכ וועט מענ
אימ אינ מייל האַלטנ צוזאַמענ מיט יענעמ, אינ פאַרבינדונג נאָכ מיט אזא
זאַכ, ווי ער איז יענעמ נאָכ געלט שולדיק. דאָס קלינגט שוינ גאָר, גאָר
ניט געהויבנ. אלנפאַלס — מיט א בקאָנדאַל אינ אימאָגנעמלעכקייט. מיט
אזא. וואָס בעסער איז ווענ אוינס טרעפט זיכ מיט אנדערע, ניט מיט אימ —
בעסער מיט זיינע סאָנים.

מוישע האָט דעמלט, אחוץ קומענדיק, א פאַרביטערט־פאַרמלעכנ מצרעי־
געראַוונט ער האָט ניט גלייענ אינ גלייכ שלאָפנ געגאַנגענ, אונ אייגנטלעכ
האָבנ ניט געפרעגט — פאַרוואָס, ווייל ווי דאָבנ נעפילט, אז עפּעס איז ער
פאַרצאָרנט. ער האָט זיכ אויכ אינ שלאָפ אומרויק געפילט, אזוי לאַנג, ביז
דער אומרו אינ די פאַרביטערטקייט האָט זיכ אימ, ווי מאָמער, יוענ ס'טרעפט
זיכ אימ אַג אימאָגנעמלעכקייט, ווענ ער איז אויסגעדערט, אינ דער באַלעט־
ריסט אונ טוט דאָס אימ — צי גוט, צי שלעכט — דורכ א בילד איפ־
לייזנ אינ באַווייזנ, אזוי האָט זיכ אימ אייב איצט געכאָלעמט:

א טיש... ס'איז שאַבעס אָדער יאָנטעף. אלע, ווי געווירער. די קינדער,
די אייניקלעכ באַמ טיש, די שטוב — די זעלבע. אלע אינ געוויינלעכנ
אָרדענונג נאָר, זעט: דאָרט, יוו ער באַשטענדיק טיט זיצנ פונ אויבנאָנ.
זיצט איצט נאָר א פרעמדער לעבנ איר, לעבנ גיטעלענ.

ער קוקט זיכ אײַנ: זע, ס'איז סרולי. ער פירט זיכ מיטנ באַלעבאָס.
ער, סרולי, באַטערקט, ווי ס'זיצט אַנ אווירעב באַמ טיש, באַמ טאַטנ עק,

אין באַפֿוילן, מע זאָל אים דערלאַנגען, און מיטגעטראָגן איבן אַליין דעם אַרי־
רעב. ער זאָל עסן, זאָל זיך לאָזן ווײַלגיין.

מיישן נאָך א קוק אויף איידעב, דערזעט, אַז דאָס איז ער, מוישע אַליין, בא זײַן אייגענעם טיש דאָ אַן אויסעב, דערצו אין סרולים בגאָדים, מיט סרולים איסוגן, מיט זײַן ברײַנעז־אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ צום טיש, ווען ער רוקט אַפּ קיינעם נישט.

ס'איז אים שווער. ער הערט, ווי סרולי, וואָס זיצט אויבנאָן, ווענדט זיך צו מיטעלען: „וואָס איז דער איידעב ברייגעז? וואָס עסט עפּעס נישט דער אוידעב?" ער, מוישע, וויל אויסשרײַען: „ס'איז פאַרקערט!". ער דאַרף זאָגן, ווײַל ער איז באַלעבאָס. אָבער דאָ דערזעט ער, ווי סרולי צע־ראַכט זיך אים אין פּנים. דערנאָך זיך צו אַלע, וואָס אַרום טיש, און דער־ציי צו באַוויזן זײַן געראַכטיקייט, און אַז דאָס אָרט, וואָס ער פאַרנעמט, איז מיט רעכט פאַרדינט, שטעלט ער אַרויס די הענט אין בוזעם־קעשענע און שלעפּט פון דאָרט עפּעס א פּאַק אַרויס: ווער וועלן, הייסט עס, איז שולדיק, וועט בא יעדען ליגן מיט וועקסלען פאַרזעצט.

מוישע איז אָפּהענגיק. ער לאָזט אַראָפּ דעם קאָפּ, הייבט זיך פון הינ־טער טיש אַרויס, גייט אין א ווינקל שטיל אין געפינט דאָרט די טאָרבע, וואָס ער איז קעסיידער געווינט זי צו האַלטן פאַר סרולים, נעמט זי, הייבט זי אויף און לאָזט זיך אַפּ די אייגענע פון אַלע אייגענע, פון ווײַב־און־קינדער, וואָס קומען אים נאָך, צו דער טיר צו — די שוועל אריבערצוטרעטן. אָט אזוי: ער קושט די מעזוזע, ווינקט און געזעגנט זיך, פאַרלאָזנדיק זײַן שטוב מיט זײַנע בני־באַיס, וואָס בלײַבן באַם טיש שטיל זיצן...

## VIII

# צוויי אויסערנ יאריד

„אכ, ווענ ער טרעפט אימ איצט!" — האָט מוישע מאשבער געטראכט אפ מאָרגנ נאָכ יענער נאכט, ווענ דער אויבנ דערמאָנטער כאָלעמ האָט זיכ אימ געכאָלעמט. „אימ" — האָט ער דאָ געמיינט סרוליג, — יענעמ, וואָס ער וויל זײַנ נאָמענ אפ די ליפּנ ניט ברענגענ, יענעמ, וואָס ניט נאָר זײַנ נאָמענ, נאָר וואָס וויל אפילע ניט דערלאָזנ זײַנ צורע זיכ פאָרשטעלנ, ווי מע קאָנ ניט אונ מע וויל ניט דערלאָזנ די פאָרשטעלונג פונ עפּעס א שטארק העסלעכער זאכ, ווי א שערעץ אָדער אנ אנדער מינ מיִעסקײַט.

„אכ, ווענ ער טרעפט אימ אצינד!"... ער האָט ניט געוווּסט גענוי, וואָס ער וואָלט געטאָנ אונ קעגנ יענעמ פירגענומענ, נאָר פארשיידנ-אומקלאָרע אינ לעצט-מעגלעכע מיטלענ האָבנ זיכ אימ אינ קאָפּ געשטויסנ, וועלכע ער וואָלט אָנגעווענדט, ווענ דער צופאל מאכט זיכ אימ אונ ער פירט אימ צונויפ מיט אימ, מיט דעמ, וואָס האָט אימ זײַנ רו געשטערט, זײַנ שאָלעמ מיטנ ברודער אונ, דער איקער, וואָס האָט אימ זײַנ קאָוועד געראויבט, זײַנ צי-טעריק-גווירישנ האָנאָר, ווענ די וועלט וועט זיכ דערוויסנ די מײַסע מיט דער האלוואָע, אז ער, מוישע, שטעקט בא אימ, בא אזא פארשוינ, נאָר מיט וועקסלענ, וואָס דאָס וועט זײַנ אימ צו ביזאָיענ, אונ דער וועלט — צו געלעכטער.

„אכ, ווענ ער האָט אימ", — האָט ער זיכ געטראכט, — ער וואָלט, האָט זיכ אימ געדאכט, א ז ו י נ ס איצט געטאָנ, אפּ וואָס אנ אנדערשמאָל אינ די ערגסטע פאלנ אפילע, איז ער אפ אזעלכעס נאָר ניט פייִק. ער וואָלט, מעגלעכ, אימ געכאפּט אונ אימ אליינ אינ די געהעריקע הענט אי-בערגעגעבנ, מע זאָל אימ באזוכנ, מע זאָל זענ די זאכ אויספאָרשנ, זענ, פונוואנענ קומט נאָר צו אזא פארשוינ געלט, ווײַל ניישט אנדערש, אז פונ גנייווע, פונ גזײלע...

„אכ", — האָט ער זיכ אינ זעלבנ פרימאָרגנ איבּ וועגנ ברודער לוזינ

געטראכט אינ פארבינדונג מיט דעמ, וואס איז לעצטנס אימ געשענ, דה.
אינ פארבינדונג מיטנ ערשטנ אָנזאָג אינ סיטיע אפ בראָכ אונ יערידע, ווענ
מוישע האָט די סיבעס דערצו געזוכט אונ, גאָטירלעכ, איז אימ א פרומע
מיידע באַפאַלנ, כאָטש עס, עפּשער האָט ער זיכ מיט עפּעס פאַרזינדיקט, —
איז אלס איינע פונ די סיבעס איכ דערומ די שולד בענעגייע זיינ ברודער
אינגעזיקימענ.

„אב“, — האָט ער זיכ דערומ אויכ ווענ ברודער געטראכט, — ווענ
ער האָט איכ איצט, וואָלט ער אינ ענגענייט אונ אינ קלעם פאר אימ גע־
שטאנענ אונ געפונענ: וואס געשעט צווישנ אונדז?.. צי שוינ ווײַט איז
ער, מוישע, אזוי גיט גוט זיכ באגאנגענ קעגנ דיר, קעגנ מינהעג אָדער קעגנ
וואס־גיט־איז אָנגעשטעלט אונ אָנגעפירט פונ די אייביקע געזעצ־געבער,
האָט דאָס האָט גוירעט געווענ צו דעמ, וואָס לווים הארצ ליגט גיט צו אימ
שוינ א צייט, אונ וואָס, כאָפּקאָלסאָפּ, האָט זיכ עס מיט אזא שארפנ קריג
צווישנ זיי געענדיקט? צי שוינ ווײַט האָט ער געזינדיקט דערמיט, וואָס ער
האָט, ווי אלע, פאר ווײַב־אונ־קינדער, פאר שטוב אונ שטאנד געטאָנ אינ
מיטנצו, ווי אינ מיטנער הערט געטאָנ, דה. ווי אלע זײַנענ זיכ גויהענ,
ווינ כע קלאָפּטערט אפנ האנדלס־לייטער אינ מע באַגוגנט זיכ גיט מיטנ דער־
גרייכטנ אינ נאָכ יעדער אָנגענומענעמ שטאפל וויל מענ אלצ העכער אונ
ווידער שטײַגנ? ווו ליגט דענ דאָ די זינד? — וואָלט ער פאר לווינ גע־
פונענ. אינ נאָכ דער פריערדיקער אָנגרײַפערישקייט אינ קאַט־טראָגנ אפ
אימ, וואָלט ער איצט צו פאַרטיידיקונג איבערגעגאנגענ, צו ווייכע רייד אינ
צו זוכנ א שאָלעמ־כמעושקע, וואָס זאָל זיי ווידעראמאָל, ווי פריער, פאַרײ־
ניקנ אונ ברידערלעכ דערנעענטערנ.

דעמאָל, צווישנ אונדז געזעצט, האָט זיכ מוישע דאָס מאָל אינ דעמ מאַקע
שטארק געגייטיקט. די לעצטע צייט פונ נאָכ מײַסע־ראַדניצקי, ביזפרואמ נאָכ
דעמ, וואָס ערשט געבעטנ איז באַגעקומענ — מיטנ געלט־אָנטלײַענ, מיט
דער לײַדיקער קאסע אינ מיט מײַנ אָנקימענ אונ ארײַנטרעטנ מיט זײַנע
געבאָכטעטע וועקסלענ אויפ צו אזא, ווי יענער, יוי סרולי — דאָס אלצ האָט
זיכ אימ ווי א שווערער שטיינ געלייגט, אונ א מידערדיקער פאַרגעפיל איז
אימ איבער די ביינער דורכגעגאנגענ: מאַמער? ווער ווייסט?.. פיל סימאָ־
ניט יאָגנ דאָכ שוינ דערפאַר, אז, מענלעכ, דאָס מאזל האָט זיכ אימ אָפּ־
געשטעלט אינ, ווי כ'גערעכט אָפּט, איז פונ איצט אָנ שוינ דער העכסטער
פונקט אינ שטאפל פונ זײַנ גליק־לייטער פונ אימ דערגרייכט, אונ איצט
הייבט ער שוינ אָנ צו גיינ אפ זײַנ צוריקוועגס?..

„אב, ווענ ער האָט אימ איצט“...

ביידע אָבער — סײַ דער ערשטער סײַ דער צווייטער — זײַנענ דעמאָלט
ווײַט געווענ פונ אימ, ביידע איבער זײַנ שטוב, אויסער דער מעגלעכקייט
זיכ צו דערווײַטנ אפילע, ווו זיי זײַנענ אינ געפינענ זיכ; דערצו נאָכ האָט
הײַנט, מאָרגנ, איבערמאָרגנ, אינ נאָכ א גאנצע וואָכ קומאָט, דער יאריד

אינ שטאָט באַהאַרפֿט געדויערנ, ווענ מע איז שטאַרק פֿאַרנומענ אונ מע מוז, צוליב פֿרעמדנ קאָפּ האָבנ, זיכ באַפֿרײַענ אַפֿילע פֿונ אויגנע ערנסטע אונ שווערע מאַכשאָוועס, וועלכע זײַנענ איצט מײַשעס מאַשבערס באַפֿאַנג. מײַשע האָט זיכ, מאַכמעס נויט אינ כאָכמעס דער יאָריד האָט פֿונ יענעמ געפֿאָדערט, מאַקע ווי-ב'ניט-אײַנ פֿונ די מאַכשאָוועס באַפֿרײַט, אונ גלײַכ נאָכנ אײַנשטיינ האָט ער זיכ אינ זײַנע געשעפֿטנ אויפֿגעלאָזט. גײַענדיק נאָר האָט זיכ אימ אַמאָל אײנער, אַמאָל דער צווייטער פֿאָרגעשטעלט, אינ ער האָט מיט זײ געדאַנקלעכ געמײַנעט אונ זײַנע ליפּנ האָבנ, ווי אָנ זײַנ ווילנ, עפּעס געשעפּטשעט. אונ אינ דער זעלבער צײַט האָבנ יענע, די, וועגנ וועל- כע ער האָט דאָ נאָרוואָכ געטראַכט, אימ לאַכלומנ ניטשט אינ זינענ געהאַט אונ דערינער יוצט געווענ פֿינ אימ אונ פֿונ זײַנע מײַנעס.

סדיקי האָט נאָכ דעמ, ווי ער האָט בא מײַשע מאַשבער אינ שטיב דעמ געווינסנ בײַזאָיענ געליטנ, נאָכ דעמ, ווי ער האָט פֿאַר לויני זײַנ געהײַבע ווידע אָפּגעהאַלטנ, אינ ביפֿראַט נאָכ דעמ, ווי אימ האָט זיכ אײַנגעגעבנ זײַנ ביז אַהער אויסבאַהאַלטנ געלט אינ זיכערע אינ אינ געווונטשענע הענט אײַנצולייגנ — מאַקע אַלײנ צו מײַשענ, — פֿונ דעמאָלט אָנ האָט מענ אימ אינ קײנ גווירישער שטוב ניט געזענ, אונ אינ ערגעץ פֿינ די געוויינלעכע רײַכע הײַזער, וו ער פֿלעגט זײַנ אַנ אײַנגייער, זיכ מער ניט ווײַזנ. ער האָט זיכ ווי געמאַכט יאָגמעט. ער האָט די לעצטע טעג, זינט דער יאָריד האָט זיכ געשטעלט, זיכ אַרומגעדרייט אַפֿ די מאַרקנ. קעסיידער האָט מענ אימ געזאָגט ווענ א לײַדיקגייער, זיכ דריקנ דאָרטנ, וו ס'איז ענג, דאָרט וו געדיכט, באַמיט צו טאָנ אינ צו רײַבנ האָט ער ניט געהאַט יוצאַמ אינ בא ייצמענ; אונ אינ יעדנ דינר האָט מענ אימ דערקענט פֿאַר א פֿרעמדנ, מע פֿלעגט אַפֿ אימ אַמאָל א קוק געבנ מיט ביטאַח, ווי אַפֿ עפּעס א כאַוט גאַנעוו, אינ אַנ אַנדערשמאָל ווי אַפֿ א דילנ, וואָס האָט זיכ אויסגעמישט אינ אומנישט אינ פֿרעמדע געשעפֿט-רעדלעכ פֿאַרקלײַבנ.

אײנ איינ הענט אינגעשפרײַ, אינ דעמ פֿרימאָרגנ, ווענ וועלנ מיר רײדנ דאָ אָט שטייט ער בא אײנער א וואַנט פֿונ דער אַלטער שטאָט-פֿעסטונג.

וועלכע קוקט צומ טײַכ אינ צו דער דערבײַ. כיזונענ איצט, בײַמ יאָריד, בא איר ציפּוסנ אײַנגעשטעלט פֿיל בודקעס, געצעלטנ אונ שטעלעכלעכ, וו ס'איז א געדרענג אינ-א מימל פֿונ פֿאַרשיידענע ריידעס, וועלכע הערט זיכ דאָרט פֿונ הענדלער, וואָס שרײַענ אויב זייערע סכוירעס אונ פֿאַרבײַנ צו ווײַב די קיינימ, אונ אײַב פֿונעמ קינדער-געזעמל, וואָס דרײַענ זיכ הינ-אונ-הער, שטייענ אַפֿ אײנ אָרט קאָמפּאַניעסווײַז, בינטלעכווײַז, אינ א געי-זשומ איז צווישנ זײ, ווי צווישנ בינענ.

סדוקי שטייט בא אײנעמ א ביגל, וואָס צוויי יענע דערפֿונ זײַנענ פֿונ לײַזונג געמאַכט, די הדימע וואַנט—די וואַנט פֿונ דער פֿעסטונג, אונ די פֿערטע אָפֿנ — א טיר. דאָרט האַנדלט מענ ניט, דאָרט פֿאַרקויפֿט מענ ניט, דאָרט „היילט" מענ: „מע האַקט" אונ מע עפֿנט אַלערליי מאַקעס, מײַ-

ריקעס, שלעק און געשווילעכצנ; מע שערט, מע גאָלט; מע שטעלט באנקעס — טרוקענע, מערכטנטײלס נאסע; מע רײַסט ציינ, מע הײלט אויגנ, און יעדער הויפט־דאָקטער איז דער אלטער לייב דער רויפע מיט די צוויי פאָר ברילנ, דורכ וועלכע די אויגנ זעענ אימ אויס גרויס, גלאנציק און מעשונע, ווי בא א פיש. אויב זײַנ געהילפ — מענאשע דער רויפע־יונג, מיט די גלאנציקע שמיוול און מיט שטעכיקנ בויזעק און גראָבע גלײַכוועטע לעכ אפ די ליפנ.

די פאציענטנ — פויערימ, וואָס האָבנ פאר לייב דעמ רויפע שוינ א צײַט אינ דער היימ די קרענק אָנגעקליבנ: קריזשעס, וואָס ברעכנ, לאנגפארלאָזטע שטעכעניש און אנדערע, וואָס היימישע דאָרפס־דאָקטוירימ — זנאכערס, באָבעס, היילערנס, שפּרעכערנס — האָבנ צו זיי קיינ טרופע ניט געהאט, אינ די קראנקע האָבנ זיי אפ ביזנ יאריד אָפּגעלייגט.

צוויי בענק בא ביידע לײַוונטענע ווענט שטייענ אויסגעשטעלט, ווו פויערימ זיצנ און ווארטנ אפ זייער ריי — אפ אָפּצוועונגעס, וואָס מע שלעפט מיט זיי צוועקעס פונ ווענט, מע זאָל זיי רײַסנ די ציינ, און נאָכנ רײַסנ זאָלנ אייניקע פונ זיי זיכ קוויקנ, ווי מע קוויקט זיכ פונ א גרויסער היצ אינ דער קעלט געקומענע, און אנדערע זאָלנ נאָכ מיט מער ווייטעקנ, ווי מיט די געקומענע, צוריק ארויסגיינ, שפּײַענ מיט בלוט און פאר די שטארק ווייטיגדיקע באקנ זיכ האלטנ. און מענאשע דער יונג מיט די אָפּצוועונגעס, לייב דער רויפע אליינ מיט מער איידעלנ געצײַג אפ עפענע מאקעס, שלעגט דערנאָכ פארשיידענע גרינע, געלע און אלערליי־קאָלירקע פלאסטערס מיט זאלבנ צו ליפנ.

סרולי שטייט דערבײַ, קוקט זיכ אײַנ אינ די בעקנס שמאטעס, בלוט און אייטער, וואָס ווערנ דאָרט אָנגעזאמלט, און ווי פויערימ פאציענטנ, — צי זיי ווערנ יאָ געהיילט, צי ניט געהיילט, צי זיי קומענ ארויס פונ געצעלט דערלײַכטערטע, צי נאָכ מיט מער ווייטעקנ — באצאָלנ דאָכ פאר דער היילונג, ווער מיט מעזומענ — מיט געלט, אינ ווער מיט נאטור — מיט א האלבנ צענדליק אייער, מיט אנ אָפּ, מיט כאזער־האָר, מיט גאָרטנ־ויארג. וואָס דאָס אלצ צוזאמענ ווערט אינ איינ הויפנ אָנגעוואלגערט און אינ א גאנצנ בארג אָנגעלייגט.

סרולי גייט אָפּ, און אָט זעענ מיר אימ שוינ בא א צווייט רעדל אפ א ראָג גאס ערגעצ, ווו אויכ דאָרט איז דער געדראנג גרויס, און די באנדוריסטנ האָבנ זיכ יענעמ פלאצ אויסגעקליבנ, ווײַל דער ראָג קרייצט איבער פארשיידענע גאסנ, געסלעכ, דורכ וועלכע פארשיידענער אוילעמ מוז דאָרט אדורכגיינ.

א גרופּע בלינדע בעטלער זיצנ אפ שטרוי, אפ סוויטעס אונטערגעשפּרייט, בא אלע זעענ אויס די בלינדע אויגנ פארשיידנ: בא אייניקע אָפּנ און זעענ גאָרניט, בא אנדערע — אויסגערונענ, פארמאכט, און קיינ סימענ פונ שווארצאפּל, בא אייניקע דרייענ זיכ ווײַסקאָלירקע ארבעסלעכ אינ די

אייננ=לעבער, בא אנדערע נייענ אומ די שוואַרצאַפּלענ לעבעדיק אונטער די אויגנ=לעפּלעכ אַראָפּגעלאָזט. אָבער דאָס, וואָס פאַרייניקט אַלע — איז זייער אַלעמענס בלינדעניש: ווער ס'האַלט דעמ קאָפּ פאַריסנ, אויש ביז דעמ נאָרגל פאַרדרייט, אַרויפ צו דער זונ, ווער ס'האַלט דעמ קאָפּ אַפ דער ברוסט אַראָפּגעלאָזט... ווער ס'האָט אַ באַסאָווע שטימ, אונ בא וועמענ אַ שטיל=שעפּטשענדיקע, אונ אַלע האַלטנ די לירעס מיט די לינקע הענט צומ קער=פּער נאָענט אונ מיט די רעכטע דרייענ זיי די שפּיל=קאַרבעס.

כ'איז אַ גרויסע ראָד אַרומ זיי. דער טאָג איז הייס, מע פּילט, אַז אַמ שפּעטער שמעלט זיכ אַ געגנט. דער אוילעמ ענגט זיכ אַרומ די באַנ=דוריסטנ, אינ מע קומט צו וואָס מער אונ מער. דעריקעריש — פויערטעס, וואָס קומענ הערנ אַ גוט וואָרט, אַ ליד מיט מוזיק באַלייט, וואָס מיט איר בראָכט געזאַנג איז זי יעדערנס האַרצ נאָענט, אונ וו מע קאָנ אַ געשמאַק=ווייג טאָג אַפנ גורל, לעמאַשל, פונ איינעמ אַ קישקע סאַמוילע פונ דער אַלטער מערקישער געפענקעניש, אינ וועלכער ער מיט אַ גאַנצער קאָמפּאַ=ניע זיבניקעס, קאָזאַקנ, האָבנ אַהינ אַרײַנגעטראָפנ, אונ וועגנ וועלכע ס'דער=ציילט זיכ, וויאַזוי זיי האָבנ זיכ פיל אָנגעליטנ, פריער אַליינ פונ די מערקנ=יאַנטשאַרנ, דערנאָכ אויכ פונ אַנ איינעמ, אַ זיבניקנ, פונ איינעמ אַ פּאַ=רעטער אַ ליאַכ בוטורלאַק, וועלכער האָט אינ דער איינענער קריסטלעכער עמונע געפעלשט, אונ דערפאַר איז ער פונ די מערקנ אַנ אופּזעער אַפ זיבנע איינענע ברידער קאָזאַקנ געשטעלט געוואָרנ; אונ וואָס ווײַטער איז געשענ, אונ וויאַזוי מע האָט זיכ פונ דעמ אַלעמ לעבאָפּ באַפרײַט, געראַ=טעוועט. אָדער וועגנ אַנ אַנדער געפאַנגענעמ, פונ וועלכנ די ליד הייבט זיכ אָנ מיט די ווערטער: „Не ясний сокіл квилить проквиляє“... אונ ווו ס'דערציילט זיכ, וויאַזוי דער געפאַנגענער בעט דעמ פויגל, ער זאָל פליענ אינ זיבנ היימ אונ זאָל איבערגעבנ די עלטערנ, זיי זאָלנ פאַרקויפנ זייער ערד אונ נאַכלע, אָנזאַמלענ געלט אונ קומענ אימ פונ דער נויט אַרויס=העלפנ, אונ עס ענדיקט זיכ מיט די ווערטער פונ אַלע ענלעכע אַזוינע לי=דער: „באַפרײַ, גאָט, דעמ אָרעמענ געפאַנגענעמ אַפ דעמ הייליק=רוסישנ ברעג, אינעמ לאַנד דעמ פריילעכנ, צווישנ פאָלק דעמ קריסטלעכנ“.

„Визволь, боже, бідного невольника
На свято руський беріг,
На край веселый,
Меж народ хрещеный...“

פויערטעס, עלטערע אונ יינגערע, וויינענ. באַנדוריסטנ זינגענ אַמאָל סאָ=לאָ, אַמאָל אינ כאָר, אונ אינ גרויסנ יאַריד=טומל פונ שטאָט אונ פונעמ נאָר אַרומ, אונ טומל פונ האַנדל אונ פונ גרויסנ געוויישנ הו=הא האָט זיכ בא די באַנדוריסטנ אַ קליינ אינדזעלע מענטשנ אויסגעטיילט, וואָס האָט זיכ גענומענ צײַט אונ געוויסנ אַלע פריער=אַמאָליקע געפענקעניש, — סײַ פונ פאָלק, סײַ פונ איינצלנעמ, צו באַזאָרגנ אונ באַדויערנ.

און סרולי איז צווישנ יענעמ בינטל. א האָר גייט אָפּ, אַז ער זאָל די האַנט אינ הויז=מאַיש אַרײַנמאָנ און פונ דאָרט אַרויסבאַקומענ זײַנ רודע=פײַפל, מיט וועלכנ ער קומט אָפּ אָרעמע כאַסענעס באַסנ=קאַלע צו דערפרייענ, און מיט דעמ צומ באַנדוריסטנ=כאָר זיכ פאַררייניקנ. דאָס פײַפל אָבער נעמט ער ניט אַרויס, נאָר א היפּשע מאַטבייע — יאָ, און דער אַרומיקער פויערימ=אוילעמ באַזונדערט דעמ מאָדנעמ פאַרשוינ, דעמ מיצשונע=אָנגעטאָנענעמ יידנ, וואָס ווי קומט ער נאָר אַהער, ווי קומענ אימ טרערנ אינ די אויגנ באַגלײַכ מיט אַלע, ווי קומט ער אָפּ א קריסטלעכער ליד אַזוי אָנטיילנעמעריש זיכ אָפּרופנ און מיט אַזאַ גרויסער גערעווע=מאַטבייע פאַר די באַנדוריסטנ זיכ באַווײַזנ.

שפּעטער א ביסל האָט מענ געקאָנט זענ סרולינ פונעמ יאַריד=ראַיאָנ אַרויס און אָפּגעקלאָזנ זיכ אינ יענעמ טייל שטאָט, וועלכער ליגט ווײַט אָפּגעטיילט פונ האַנדלס=מערק און יאַריד=פּלעצער — צומ דריטנ רינג, „אַפּ די זאַמדנ“. דאָרט האָט ער זיכ ערגעצ צו איינעמ א קליינעמ שטיבעלע צונעשלאָגנ, צו אונדזער באַקאַנטער שטוב פונ דער אויבנ דערמאָנטער מאַלקע=ריוועס. ער האָט א ווײַלע עפּעס דאָרט אַרומגעפּאַדעט, און אַז קיינער האָט ניט באַמערקט, האָט ער זיכ געמאַכט, קלוימערשט, צוליב עפּעס אָנבייגנ צו דער שוועל פונ יענער שטוב און פונ דאָרט עפּעס אויפהייבנ. ער איז געשטאַנענ א ווײַלע און דאָס אויפגעהויבענע באַטראַכט, דערנאָכ האָט ער, ווי אינ גרויס כידעש, די מיר אויפגעעפנט, און צו דער ערשטער, וואָס איז אימ אַנטקעגנ געגאַנגענ, צו מאַלקע=ריוועס שנור, א זאָג געטאָנ מיט בייזער:

— וואָסי, ווײַבל? אַזוי רײַכ זענט איר שוינ, אַז געלט וואַלגערט זיכ שוינ בײַ אײַכ אָפּ די שוועלנ? זע, וואָס כ'האָב געפונענ.

— וואָסער געלט, און ווו געפונענ? — האָט זיכ יענע פאַרוווּנדערט.

— אָט דאָ, בײַ דײַנ שוועל.

דערהערנדיק דעמ געשפּרעכ, וואָס איז פאָרגעקומענ אָפּנ הויכנ טאָג אַמ דער שוועל בײַ מאַלקע=ריוועס, זײַנענ די קינדער, די אייניקלעכ מאַלקע=ריוועס, אַרויס צו זענ, ווער באַלט עס אָנ אָפּ זייער מומער מיט בייזער. אויכ מאַלקע=ריווע האָט זיכ אָפּגעריסנ פונ איר סידער, אינ וועלכנ זי האָט שוינ געהאַלטנ אינ זאָגנ, ווי אַלע פרימאָרגנ, מיט די ברילנ אָפּ דער נאָז אַראָפּגערוקט. זי איז צו דער שוועל צו און פּלוצעמ דערזענ סרולינ, דעמ, וואָס איז איר בִיכלאַל גוט באַקאַנט פאַר אַנ אָרעמאַנ און אינ די גווירישע הײַזער אַנ אַרײַנגייער, און באַזונדערס האָט זי אימ געקענט פונעמ לעצטנ מאָל זיכ אָנשלאָגנ מיט אימ בײַ מוישע מאַשבער אינ יענעמ נעוויסנ אָפּדערנאַכט, וואָס איבער אימ, איבער סרולינ, איז פאַר אירע אויגנ דעמאָלט דער קריג פאָרגעקומענ. זי האָט אימ דערזענ מיט א גרויס=ווערטיק פּאַפּירל אינ די הענט, ווי ער שטייט און דערלאַנגט עס דער שנור אירער, און אַז יענע וויל ניט נעמענ, שרײַט ער אָפּ איר און בייזערט זיכ:

— וואָס? אזא גווירנטע איז זי שוינ, וואָס געלט וואַלגערט זיכ בא איר אַפ די שוועלנ?

— וואָסער געלט? — האָט אויכ מאַלקע-רייזע פונ איר זײַט געפרעגט.

— אָט דאָס, — האָט ווידער סרולי געענטפערט, — ער איז דאָ פאַר־בײַגעגאַנגענ, האָט ער גראָד אַפ דער שוועל א קיק געטאָנ, האָט ער עס דערזענ, האָט ער עס אויפגעהויבנ אונ אַרײַנגעבראַכט אונ גיט עס אָפּ צו וועמענ ס'געהער, ווײַל וועמענס אַנדערש זאָל ער דאָס אָפּגעבנ? ס'איז דאָכ אַפ זײַער שוועל געלעגנ?

מאַלקע-רייזע האָט זיכ געוווּנדערט אונ געוואָלט, ווי איר שנור, פונ דעמ זיכ אָפּזאָגנ — זאָגנ, אז ס'איז ניט זײַערס, אז ס'איז ניט שײַכ אונ זיי האָבנ ניט געהאַט וואָס צו פאַרלירנ. אָבער דאָ האָט זיכ שוינ סרולי נאָכ־צעבײַזערט, אונ שוינ אַפ ביידע, אי אַפ דער שנור, אי אַפ דער שוויגער, זיכ צעשריגנ:

— נו, איז וואָס, אז ניט זײַערס? אָבער זײַנס איז דאָס דאָכ אַוודאי ניט, איז זאָל דאָס זײַנ בא זיי! ניט? איז זאָלנ זיי דאָס אַרויסוואַרפנ, צו־ריק אַפ דער שוועל לייגנ, אָדער אָרעמעלײַט צעטיילנ.

ער האָט דערבײַ געכאַפּט א קוק אַפנ קראַנקנ, אַפנ כוילע אינ שטוב, אונ דערזענ, אז דאָ ליגט א מענטש, וואָס ס'גייט אימ וואָס אַמאָל ערגער, די אויגנ האָבנ אימ געגלאַנצט מער, ווי געוויינלעכ — היציק אונ טרוקנ, די באַקנ אײַנגעפאַלנ אונ אַפנ שטערנ איז ער געווענ געשטעמפּלט, אונ די קנייטשנ אַפ אימ האָבנ איידעס געזאָגט, אז אונטער דעמ שאַרבנ פונ יע־נעמ מענטשנ געפינענ זיכ שוינ מאַכשאָוועס ניט פונ קיינ היגנ אַפ דער וועלט, נישט פונ אזא, וואָס האָפט נאָכ לאַנג צו בלײַבנ צווישנ די לעבע־דיקע.

סרולי האָט זיכ באַלד אויסגעקערעוועט אַפ אַוועקצוגיינ. דערבײַ האָט ער באַמערקט אַפ די פּענעמער פונ אַלע אײַגענע אינ שטוב, נישט אויסגע־נומענ אויכ האָט פּאָנעמ פונעמ כוילע, דאָס, וואָס מיר האָבנ אויבנ, אינ א פרײַערדיק קאַפּיטל, דערצײלט, ווענ אינ אײנעמ א פרימאָרגנ האָבנ יענע שטוב מיט אײנעמ א מאָל אזויפיל גליקנ געטראָפנ, וואָס די שטוב האָט ניט געוווּסט אונ ניט געקאָנט טרעפנ, פינוואַנענ איז איר דאָס געקומענ.

די שטוב האָט ווידער דערפילט א פאַרבאָרגענע האַנט צו איר אויסגע־שטרעקט מיט אומגעוויינלעכע גאָבנ, וואָס אַפ א געוויינלעכנ אויפנ, אויב נישט מיט קיינ נעס, מיט קיינ וווּנדער, קאָנ מענ דאָס ניט דערקלערנ אינ דערצו קיינ באַשייד ניט געפינענ.

מע האָט שפּעטער א ביסל ווידער געקאָנט זענ סרולינ שוינ צוריק אינ שטאָט אַרומקומענ, אָבער דאָס מאָל זײַנענ בא אימ די קעשענעס אָפּגע־שטאַנענ פונ עפּעס פלעשער, וואָס ער האָט געהאַט אינ זיי פאַרשטעקט. דאָס מאָל האָט ער זיכ געלאָזט צו דער „לעבעדיקער" שול, וואָס, ווי אַלע שולנ אינצט, בײַמנ יאָרנ, איז זי אינ האַלבנ מאָנ געשטאַנענ פאַרלאָזט.

לײַדיק, אַן דאַוונער און אַן לערנער, נאָר מיט אײן מענטשן אין איר — מיט לוזין, וואָס די לעצטע צײַט האָט ער דאָרט אין די פֿרימאָרגנס און אָפּדערנאַכטן פֿאַרבראַכט מיט די זײַניקע, און באַטאָג איינער אַליין, ווײַל אַלע זײַנען יעמלט פֿאַרנומען.

סרולי איז אָבער אין שול ניט אַרײַן, נאָר דורך א הויף־פֿאָרטקע, וואָס פֿירט אַפֿן אַלטן בעסוילעם, איז ער אַפֿן בעסוילעם אַרויף — אַפֿן שטילן, ווו קיין סמעזשקעס זײַנען שוין ניטאָ, ווײַל „מע לייגט" שוין דאָרט ניט לאַנג.

ווען מע וואָלט אים דערזען פֿון א שול־פֿענצטער, אָדער דורך איינעם א שפּאַלט איינעם אַלט־געבויטן פּאַרקן, וואָלט מען באַמערקט, ווי העכער האַלב איז ער אין הייך־געוואַקסענעם גראָז געגאַנגען. דער באָדן האָט זיך דאָרט אָפּגעלאָזט, און דאָס גראָז וואַקסט פֿון יאָר צו יאָר אַלץ העכער, אַלץ נעדיכטער און שמעקט מיט מאָך, מיט ניט אָפּגעשניטענעם און מיט יאָר־יערלעכן ווידערוווּקס. ס'איז דאָרטן שטיל און איסער גראָז־גרילן הערט מען שוין אַפֿילו ניט, וואָס באַלד פֿון יענער זײַט פּאַרקן טוט זיך. די קוואָרים און מאַצייוועס — אײַנגעשלאָפֿן, פֿאַרהעקט און אַזוי פֿאַרלאָזט, אַז ס'דאַכט זיך, אַז אַפֿילו די אייניקלעך פֿון די, וואָס ליגן דאָרט באַגראָבן, זײַנען שוין אויך אַפֿן אײלעם־האָעמעס און דערום זײַנען די סמעזשקעס אַהער אַזוי פֿאַרוואַקסן. ס'הערשט דאָרט די שטילקײַט פֿון א צווייענדיקן בעסוילעם, דאָס הייסט, אי די שטילקײַט פֿון א בעסוילעם בכלל, אי די צוגאָב־שטילקײַט פֿון אַזאַ, ווו מע „לייגט" שוין דאָרט מער קיינמאָל.

סרולי האָט זיך געלאָזט צום אײנציקן הויכן בוים, צום אַלט־געוואַקסענעם, וואָס איבערן קייווער פֿון באַוווּסטן הייליקן — דעם גרויסן רעב ליבער, וואָס אַרום אים ליגן אויך אַנדערע זײַן גלײַכן, שטאַרק אין זײַן קייווער אַרײַנגערוקט, מיט ברייטע מאַצייוועס מיט שטיין־שריפֿטן און געמעלן פֿון פֿײַנער מלאָכע. דאָרט האָט ער זיך אַוועקגעלייגט, אַפּ אים ניט אַרויסצוזען. ער האָט פּאַמעלעך די פּלעשלעך אַרויסגענומען און, נאָך א ווײַלע רוען, גענומען טרינקען.

מ'דאַרף זיך גענוי פֿאָרשטעלן דאָס בילד:

ס'איז א מוירעדיקער הייסער טאָג. אין שטאָט איז גריידיסער יאַריד, ווו קליין און גרויס זײַנען פֿאַרנומען, אַפֿ די מאַרקן א מוירעדיקער ליאַרעם, און דאָ, אינמיטן שטאָט, אויפֿן פֿאַרלאָזטן בעסוילעם, אונטער אַן אײנציקן אַלטן און שטאַרק־צעוואַקסענעם בוים — דער קייווער פֿון א גוהאַלדיקן כאָשעוו. די לעגענדע דערציילט וועגן אים, אַז די געהויסע „אַלטע" שול איז געבויט געוואָרן אַפֿ יענעם אָרט, ווו ער, דער גרויסער רעב ליבער, האָט אַמאָל, ווען ס'איז נאָך דאָרט געווען וואַלד, זיך אַמאָל שטאַרק פֿאַרדאַוונט און אונטער איינעם א בוים זיך געשטעלט שמוינע־עסרע. גראָד איז א פּאָרעץ דורכגעפֿאָרן און זײַנע פֿערד האָבן זיך דערשראָקן פֿאַרן דאַוונענדיקן ייִדן, וואָס אין מאַלעס־און־טפֿילן. זיי האָבן גענומען יאָגן, זיך צע־

פּאַלאַכעס, שיר דעמ פּאָרעצ פונ וואָגנ ניט ארויסגעשמיצט, אונ דער פּאָרעצ האָט באַפוילנ זײַנ קוטשער מיט דעמ יונג זיכ צערעכענענ. דער קוטשער האָט אימ מיט דער בײַטש געשמיסנ מיט אַלע קויכעס, ווי א קוטשער קאָנ, אונ דער גרויסער רעב ליבער האָט זיכ ניט גערירט, ביז ער האָט ניט פאַר-ענדיקט אונ ביז ער איז די שמונה-עסרה ניט אויסגעשטאַנענ. אונ אָט דאָרט, לעבנ יענעמ קײַווער אונ נאָכ ענלעכע אזוינע קוואָרימ, אינ מיטנ גראָז, וווּ ס'האָט געשמעקט מיט מאָכ אונ פּיליעריקנ ווידערוווּקס, איז אינ דער קיל אײַנער א פאַרשוינ, אונדזער סרולי, געלעגנ, אונ אינמיטנ העלנ טאָג פונ פלעשלעכ געזופּט.

ווענ זײַטיקע וואָלטנ אימ בא אָט דער מעלאָכע אַפּ יענעמ אָרט דאָרט דערזענ, וואָלט מענ אימ זיכער ווי א הערינג צעריסנ. אָבער ער, סרולי, האָט ניט געטראַכט דערפונ, אונ ער האָט זיכ געטאָנ זײַנס. פונ דער היצ אינ דרויסנ, פונעמ נאָרוואָסיקנ שטאָפּײַשנ ראַש געקומענ אונ פונעמ געטראַנק אינ דער קיל צווישנ קוואָרימ, איז אימ, ווײַזט אויס, אי שווער געווענ צו מוט, אי לײַכט. שווער — וואָס ער אײַנער פונ א גאַנצער וועלט אנ ארויס-געוואָרפענער, לײַכט — ווי יעדער אזא כאָרמ פאַרשוינ, וואָס האָט באַליבט די אײַנזאַמקײַט.

ער האָט גענומענ זיכ פונ האַרצנ אָפּרייד'נ, פריער פאַר זײַנ קרענק-לעכער פאַרשטעלונג, פאַר זײַנ „דיבעק", דערנאָכ שוינ פאַר די אויסגעס פונ דער מאַציייווע פונעמ גרויסנ רעב ליבער, אינ ער האָט צו זיי, ווי צו לעבעדיקע, גערעדט. ער האָט אַפילע (ס'א ביזאיע צו זאָגנ) פאַרגעליינט דעמ גרויסנ רעב ליבער צוזאַמענ אינ בעשוטפעס מיט אימ אויסטרינקענ, אונ אַז יענער, האָט אימ געדאַכט, האָט ניט געוואָלט, האָט ער אימ מיט געוואַלט געגעבנ, אינ ער האָט יענעמס טייל מאַשקע אַפּ דער מאַציייווע געגאָסנ.

— נישקאָשע, — האָט ער געזאָגט, — טרינקט, רעב ליבער! איר מאַכט א הייליקער, אינ איכ — א „לא יבא בקהל"[1], אָבער בכלל איז דאָכ ממהר ממזרים[2], אונ געלט האָב איכ, אויב ניט מעזומענ, איז וועקסלענ, איז שווה כסף[3] — די ווערט פונ געלט.

אינ דאָ האָט סרולי די וועקסלענ פונ בוזעמ-קעשענע ארויסגענומענ אונ זיי פאַר דער מאַציייווע באַוויזנ:

— אָט. זאָל ער זענ, דער גרויסער רעב ליבער, אינ זאָל ער זיכ ניט איבערנעמענ אונ זאָל אימ סרוליס נאָענטקײַט ניט שווער זײַנ. וועקסלענ זײַנענ געלט, אינ ביז יענער, דער, וואָס איז דאָ אַפּ זיי געכאַסמעט, האָט ניט אָנגעזעצט, איז דאָס מעזומענ... אינ ניט נאָר אַפּ דעמ, וואָס ער ווײַזט אימ דאָ, אַפּ דעמ היגנ גוויר, רעב מוישע מאַשבער, האָט ער וועקסלענ,

1 — אזא, וואָס טאָר ניט ארײַנגעלאָזנ ווערנ צווישנ מענטשנ.
2 — געלט מאַכט קאָשער מאַמזיירימ (אומגעזעצלעכ געבוירענע).
3 — אזוינס, וואָס איז גלײַכ ווי געלט.

ער האָט אויכ אפ א גרעסערנ, אפנ גוויר פונ אלע גווירים, אפ דעם, וואָס „לי הכסף, לי הזהב"[1], זאָגט ער, אפנ ריבוינעשעלוילעם אליינ, און ער בעט אים מאקע, רעב ליבערנ, אז ער זאָל דאָס דאָרט פונ אויבנ איבערגעבנ, זאָגנ, אז ער, פלוני בנ פלוני[2], סרולי גאָל, האָט צו אים טײַנעס און מווינעס, און אז ער וועט אמאָל קומענ צו פאר זײַנ שטול צום דינ, וועט ער זיי פאר אים אויסלייגנ. דערווײַל אָבער בעט ער, אז ער, דער גרויסער רעב ליבער, זאָל דאָס פאר אים טאָנ.

— נײַשקאָשע, — האָט סרולי ווײַטער פאר דער מאצייווע און צום גרויסנ רעב ליבער געטײַנעט, — ס'מעג אים אָנשטיינ גיינ אינ זײַנ שליכעס: כאָטש ער איז א גרויסער כאָשעוו — א געשמיסענער פונ א בײַטש פונ א פאָרעצ, האָט דאָס אָבער מיט אים געטראָפנ נישט מער, ווי איינ מאָל, אינ מיט אים, סרולינ — פיל־פיל מאָל. און אויב פאר איינ מאָל שמײַסנ האָט מענ אים, רעב ליבערנ, אויסגעבויט די אלטע שול, קומט אים, סרולינ, פאר פיל מאָל, אויב נית די אלטע, איז נײַשקאָשע א נײַע, אָבער א שול קומט אים. אזוי, אז ס'מעג אים אָנשטיינ...

דער טאָג האָט געברענט, די היצ האָט אינ קאָפ געשלאָגנ. סרולי איז געזעסנ אינ האלב־קיל צווישנ הויכע מאָכיקע גראָזנ און האָט רויק מיט דער מאשקע זיכ געטיילט מיט דעם, וואָס זײַנ נאָמענ איז געשריבנ אפ דער מאצייווע: זיכ א זופ, אים א זופ, זיכ א טרונק און דער מאצייווע אפנ קאָפ גענאָסנ. אזוי לאַנג, ביז די פלעשלעכ זײַנענ אים ליידיק געוואָרנ און זײַנ קאָפ — פול. און דאָס פולקײַט איז אים אינ די אויגנ געקומענ, און אלצ האָט זיכ אים גענומענ דרייענ — דער בעסוילעם מיט די קוואָרים, דער בוים, וואָס איבער זײַנ קאָפ, האָט זיכ אים, ווי מיטנ וואָרצל אופגעשטעלט, דער הימל מיט דער ערד האָבנ זיכ מיט די ערטער געביטנ, און אלצ, וואָס ער האָט הײַנט געזענ אפנ יאריד, ווי לעמאָשל, דאָס, ווי לייב דער דויפע און מענאשע זײַנ יונג האָבנ „געהאקט" מאקעס בא די פויערטעס אפ די ברוסטנ, אונטער די פאכיועס, געריבנ ציינ מיט אָפצוועגעס, געלאָזט צו דער אָדער און געצאפט בלוט אינ די בעקנס; אויכ דאָס, וואָס ער האָט דערנאָכ געזענ בא די בלינדע בעטלער מיט די צונגע־מאכטע און אָפענע אויגנ־לעפלעכ; דאָס, וואָס ער האָט ווײַטער געזענ בא מאלקע־ריווענ אינ שטוב — זיסיע דעמ כוילע מיט די אָפגעצערטע באקנ און געלויכטיקער מארע שוינ פונ א האלבנ טויט, וואָס האָט אים אראָפגעקוקט פונעם פאָנעם און שטערנ, — דאָס אלצ, צוזאמענ מיט דער מאשקע, וואָס ער האָט אויסגעטרונקענ און אפ דער ערד אויסגעגאָסנ, האָט זיכ אים צוזאמענגעמישט און געמאכט די וועלט פאר די אויגנ זיכ דרייענ. א נים־גומקײַט איז אים באפאלנ, און ער האָט זיכ מיטנ קאָפ אינ דער

1 — מיר געהער דאָס זילבער, מיר געהער דאָס גאָלד.
2 — יענער און יענער, דער זונ פונ יענעם און יענעם.

מאציווע אָנגעשפּאַרט. ער האָט זיך אַ ווײַלע רויִק געהאַלטנ, דערנאָכ האָט אימ דאָס שלעכטיקײט פֿונ אינווייניק אַ גיי געטאָנ, אונ ער האָט גלײַכ אַפֿ דער מאציווע אַ בראָכ געטאָנ אונ זי פֿונ אויבנ ביז אַראָפּ אָפּגעווערזעט...

ס'איז אימ לײַכטער געוואָרנ. ער האָט זיכ גלײַכ פֿאַרשעמט, דערזעענדיק, וואָס ער האָט דאָ אָפּגעטאָנ. ס'האָט זיכ אימ אַ ביסל אינ מויעכ אויסגעלײַטערט, אונ ער האָט זיכ אַפֿ צוריק אומגעקוקט צו דער שול, צו דער „לעבעדיקער“, וואָס האָט מיט איר מיזרעכ=וואַנט אַהער צומ בוימ אונ צו די מאציוועס געקוקט, אונ ס'האָט זיכ אימ געדוכט אינ איינעמ אַ פֿענצטער לויזימס קאָפּ צו דערזענ. מעגלעכ, אַז יענער האָט זיכ ווירקלעכ טאַקע דאָרט געוויזנ, אונ מעגלעכ אויכ, אַז [illegible] האָט זיכ דאָס נאָר אויסגעדוכט, אָבער פֿאַרשעמט איז ער געווענ, ווײַל געדוכט האָט אימ, אַז יענער האָט אימ אינ שאַנד אונ אינ מאציווע=פֿאַרשוועכנ געזענ.

ער האָט זיכ געוואָלט פֿונ אָרט אופֿהייבנ אונ ניישט געקאָנט, אונ ער האָט דערומ האַלב=שיכער אונ שלאָבעריק שוינ איצט צו זיכ אַליינ גערעדט:

— אַז ער האָט אָבער געזאָגט, אַז ער דאַרפֿ „ביזעק“[1], אַז אַליינ ווערט ער, ווער ווייסט וווּהינ פֿאַרטריבנ... אונ אָט האָט זיכ אימ דאָס שוינ אַ פּאָר מאָל טאַקע געמאַכט, אונ ער קאָנ די אויגנ ניישט אויפֿהייבנ פֿונ בויטע פֿאַר זיכ אַליינ, איבערראַשט אימ, לויזינ, ווי וועט ער אינ די אויגנ קוקנ?

ער האָט זיכ דאָכ ווי=ניט=ווי אופֿגעהויבנ פֿונ לעבנ יענער מאציווע, ווײַל ער האָט אָפּגעטאָנ די ניט שיינע זאַכ, אונ איז אינ אַ זײַט אָפּגעטראָטנ. דאָרט האָט ער זיכ לעבנ אַ צווייטער אַראָפּגעלאָזט אונ אינ איר זיכ אָנגעשפּאַרט. ער האָט דעמ קאָפּ פֿאַרלוירנ, אונ, אַפֿ וויפֿל געדענקט ער ניט, אַנדרעמלט געוואָרנ — אַפֿ אַזוי לאַנג, ביז די זונ האָט דורכנ פֿאַרצווייגטנ אָרט פֿונ בוימ אָפּגעקערעוועט אונ אימ אינ קאָפּ דערלאַנגט. דעמאָלט האָט ער זיכ אופֿגעהויבנ אונ צו דער שיל זיכ געלאָזט, אונ אַרײַנקומענדיק אינ=ווייניק, האָט ער זיכ געטראָפֿנ — זיכ איינעמ אַליינ בײַ דער שוועל שטיינ, אונ אַנטקעגנ אימ, בײַ איינעמ אַ שטענדער, וואָס אינ מיזרעכ=וואַנט, — לויזינ אַ זיצנדיקנ.

ס'איז שוינ געווענ נאָכ האַלבנ טאָג. אַלע פֿענצטער אינ אַלע זײַטנ פֿונ דער שיל, וואָס האָבנ אַפֿנ בעסוילעמ אַרויסגעקוקט, זײַנענ געשטאַנענ אָפֿנ. אינ אַלע זײַ האָבנ זיכ גרינס, גראָז, קוסטעס, ביימלעכ אָפּגעשפּיגלט — אַ זאַכ, וואָס אינ אַלע אַנדערע שילנ איז דאָס ניט צו זענ אונ זעלטנ צו מערקנ. אויכ די שטילקייט אינ אײַנזאַמקייט דאָ אַנ אויבנגענומענע, ווײַל די שיל אינ אַ זײַט פֿונ שטאָט, האָט דאָ דערומ פֿונ ערגעצ אויכ קיינ קאָל, קיינ קלאַנג ניט דערלאַנגט.

לויזי איז געזעסנ אינ מיזרעכ. שוינ לאַנג, ווײַזט אויס, נאָכנ דאַוונענ, אינ דערימ אָנ די טפֿילנ, נאָר אינ טאַלעס, ווי יעדעס מאָל ער איז גע=

---

1 — אָנהאַלט.

הוינט: נאָכנ ראָונעג היפּשע שאָענ אזוי צו בלײַבנ לערנענ. באזונדערס נאָכ אײַנס, אינ כוידעש עלעל. איצט אָבער האָט ער נימ געלערנט, נאָר גע-זאָגט „תיקונים“. ער איז אזוי פארטאָנ געווענ, אזוי פארכאפּט פונ זײַנ זאַכ, אזוי פארשלונגענ, אז ער האָט דאָס מאָל זיכ געפירט נימ ווי זײַנ שטײַ-גער, באמ געוויינלעכנ לערנענ, ווענ ער האלט זיכ שטיל און לערנט נאָר מיט די אויגנ. נײַנ, דאָס מאָל האָט ער הויכ אפּ א קאָל געזאָגט און אויכ אפּ א קאָל געוויינט...

ער האָט סרולים ארײַנקומענ נישט באמערקט. פארקערט, סרולי, וואָס האָט זיכ אפּ זײַנ לעבנ מיט היפּש פרומקײַט אָנגעזענ, און וואָס דערצו נאָכ איז ער איצט האלב-שיקערלעכ געווענ, וואָס דאָס וואָלט אימ גיכער דער-לויבט אײַנע זאכנ, ווי לוזיס זאָגנ, פארבײַ די אויגנ לאָזנ, איז דאָכ, דער-זעענדיק איצט לוזינ, ווי צו זײַנ אָרט צוגעשמידט געבליבנ, גלײַכ נישט קײַנ קויעכ און נישט קײַנ ווילנ האָבנ אימ געקלעקט פונ זײַנ אָרט אפּילע אײַנ טריט נאָר צו מאכנ.

—

ציליכ נויט מוזנ מיר דאָ ווידער זיכ אינמיטנ איבערײַסנ, קעדיי צו זאָגנ פאָלגנדיקס:

פאר אינדזערע לעזער, וואָס ווייסנ ווייניק פונ לוזיס ביאָגראפיע, קער געוויס בלײַבנ די גאנצע צײַט אומפארשטענדלעכ און אויכ אומגלייבלעכ די גאנצע מײַסע מיטנ בינדנ-זיכ פונ אזא פארשוינ, ווי סרולי, צו לוזינ: — „וואָס האָט ער אינ אימ דערזענ? וואָס האָט אימ צו אימ געצויגנ, און וואָס אזוינס האָט געשטעקט אינ דעמ פאר יענעמ? — קער מענ געוויס פרעגנ. — אזוי ווײַט, אז אפילע איצט, אינ אזא מאָמענט, ווענ סרולי האלב-שיקער, נאָכ א טרינק און נאָכ א שלאָפ — האָט ער אימ געדענקט און פונ שיקערנ אויג נימ ארויסגעלאָזט“.

גערעכט, — זאָגנ מיר, אינ דאָכ אלצ וואָלט געוויס קלאָר געוואָרנ און קיינע ספייקעס נימ ארויסגערופנ, ווענ מיר וואָלטנ געזענ לוזינ אינ טאַט. דאָס אָבער קאָנ געשענ ערשט דעמלט, ווענ מירנ איבערגײַנ פונ דעמ ערשטנ טייל פונ אונדזער דערציילונג, וווּ מיר האָבנ זיכ פארנומענ הויפּט-זאכלעכ מיט באשרײַבנ מענטשנ, צו דעמ צווייטנ — צו באשרײַבנ גע-שעענישנ. דערווײַל אָבער, פילנ מיר, אז מיר האָבנ אפילע פארנ מענטשנ פונ לוזינ, דה. פאר זײַנ ביאָגראפיע, נישט איבעריק יויצע געווענ — א זאכ, וואָס דאָס זײַנענ מיר שוינ געוויס אינ דעמ טייל מעכויעוו געווענ צו טאָנ. מיר האָבנ דאָס אָבער פארזענ און מיר האָבנ געפינענ דאָ דאָס אָרט — כאָטש אַביליק און נימ רעכטצײַטיק — אינקורצנ און כאָטש מיט אייניקע שטריכנ זי צו דערפילנ.

מיר גלייבנ, אז אפילע אלײַנ דאָס קליינ-ווייניק, וואָס מיר וועלנ דאָ צוגעבנ, וועט אויכ שוינ זײַנ גענוג, אז ס'זאָל אינ א געוויסער מאָס כאָטש קלאָר ווערנ, אז סרולינ האָט דאָ א געוויסער אינסטינקט געפירט — אימ —

אנ ארויסגעשטויסענעמ פונ זײַנ דאָר, אַנצומרעפנ אפ זײַנ פּאָר, אפ לוזינ, וואָס איז אינ א געוויסנ פראמ אויכ אזא, ווי ער — ארויסגעשטויסנ — אפ צוזאמענ מלינע, רייכערנ אונ עפּשער וועננישטוועננ אויכ אופּצופּלאַקערנ.

איז אלזאָ, צוריק צו לוזימ אָנהייב:

מע דארפ אפּרוער נאָר געדענקענ, אז ס'האנדלט זיכ דאָ וועגנ א צײַט, ווענ מענטשנ פונ א לוזי־ישניט זײַנענ געצוווגגענ געווענ דורכצומאכנ דעמ נעווים: וועג פונ פארשיידענע אָבערגלויבערײַ, פארדארבערישע אינ אָפּנאַרערישע פאונ קלאל, אונ ס'ראָוו אפּילע אויכ צו זייער אייגענעמ נעגאר אונ פארדארבנ, אונ אז זייער מרוימ אונ פאנטאזיע איז אופּגעבויט אונ נייטיק אונ נוצלעכ געווענ אינ יענער וועלט, קעדיי צו פארדעקנ אָדער צו פארפּוצנ אזוינע זאכנ, וואָס, ווענ נימ פארדעקט, האָט דאָס געקאָנט שאמנ אינ גאָרנ מאמעריעלנ אונ גײַסטיקנ נעביינ.

ס'האנדלט זיכ ווענג יענער צײַט בא לוזינ, ווענ ער האָט פאר זײַנ זיירנ דעמ שאבכעצוויענ זיכ געגומענ פּײַניקנ. ער איז געשלאָפנ אפ דער ערד, געטראָגנ ליימ אינ די שיכ. ער פלעגט איבערשפּיינ גאנצע שאָענ, באזונדערס באמ דאוונענ, מימ אראָפּגעלאָזטע הענט, נימ דערלויבנ זיכ קיינ דיר מאָנ, זיי אפ קיינ רעגע נימ אופהייבנ, ביז זיי פלעגנ זיכ אימ אָנגיסנ, ווי צווייַ עמער, געשוואָלנ אונ געדראָלנ.

ווענ ער פלעגט זיכ שוינ יאָ אמאָל דערלויבנ אוועקלייגנ אפ א נעלענער, איז דאָס געווענ נאָר אינ פּײַערלעכע מעג, אינ א יאָנטעוו אָדער שאבעס, אי דאָס אויכ נאָר אפ א מינ שמאָלער באנק פונ אָנדערהאלבנ בריטער ברייט, אָנ שומ אונטערגעבעט, אונ דעמ צוקאָפּנס האָט ער אוועקגעלייגט אינמיטנ, קעדיי די פיס זאָלנ זיכ אימ אראָפּהענגענ...

ער האָט אויסגעזענ יונג, אָבער מוירעדיק קערפּערלעכ פארמאטערט — אזיש א קעלט איז פונ אימ געגאנגענ. ס'האָט היפּש געדויערט אונ, ווי מיר האָבנ צומ אָנהייב דערציילט, האָט עס שוינ מימ אימ געהאלטנ שלעכט, נעהאלטנ בא קרענק אונ זיכ אוועקלייגנ, ביז, ווי דערמאָנט, מע האָט אימ צו יענעמ רעבנ געבראכט, צו וועלכנ ער האָט זיכ דערנאָכ שטארק צוגעבונדנ, אונ יענער האָט אפ אימ אָנגעשריגנ, אימ פונ זײַנ געזירעמ אופּגעלייזט, אונ לוזי האָט געפאָלגט.

מע האָט נימ באוויזנ זיכ ארומקוקנ, ווי לוזי, וואָס איז נאָכ זייער יונג געווענ אונ סאמע אינ בעסטנ בלי, האָט אפ זיכ לייב גענומענ, די אקסל האָבנ זיכ אימ צעשפּארט, די ביינער געקרעפּטיקט, אונ די קליידער, וועלכע זײַנענ אפ אימ פריער געהאנגענ, האָבנ באלד גענומענ פלאצנ אינ די נאָמנ.

ס'א נײַע הוימ אפ אימ געקומענ, אונ לוזי איז איבערגעגאנגענ אינ הייפּעכ פונ דעמ, אינ וועלכנ ער האָט זיכ פריער געפונענ. לוזי איז געוואָרנ דער פריילעכסטער אונ באליבטער מעקורעוו באמ רעבנ, פונ אלע על־

פערע זיכ אויסגעטיילט מיט יוגנט, פונ אלע יונגערע — מיט אזא קראפט אונ איבערגעפולט פונ קויכעס, אז אפילע די סאמע יונגסטע האָבנ זיכ אפ אינ פארקוקט מיט קינע.

אפ אלע סימכעס, ווי אפ ראבייִשע יאָנטויווימ, אפ ראבייִשע כאסענעס, ווענ א וועלט פאָרט זיכ צונויפ אונ ווענ א געוויינלעכער — אונ אפילע נימ קיינ געוויינלעכער — מענטש זעט זיכ דעמאלט נימ אָנ, האָט זיכ ער, לוזי, אויסגעטיילט פונ אלע, אפ אימ צו באמערקנ, צו באווונדערנ אלס שיינדל אונ אלס אזוינער, וועלכע אלע שפיגלענ זיכ אינ אימ, אונ וואָס יעדער „הויפ" איז מעקאנע יענעמ, וועלכער פארמאָגט אונ האלט אינ זיינ שויס אזוינס.

דער סאמע פרייִלעכסטער, דער בעסטער דאווונער, דער גרעסטער מענצער, דער אלערליבסטער אונ סאמע נאָענטסטער בא אלע אונ בא אליינעמ רעבנ. ער האָט געגעסנ אונ געטרונקענ מיט סימכע, אונ מער ווי געגעסנ אונ געטרונקענ, האָט אימ די פרייד פונ די אקסלענ געשפארט פונ הוילנ נאכעמ נאָר, וואָס ער לעבט אפ דער וועלט.

ער האָט געלערנט, געדאווענט, געלעבט מיט אזא האנאָע, וואָס ווער ס'איז לעבנ אימ געשטאנענ נאָענט, האָט דורכ אימ געקאָנט זענ די וועלט אנ אנדערע, ווי ער האָט זי אליינ געזענ — א באליבטע, א באשיינטע אונ דערלאנגט אפ אזא אויפנ, וואָס איז קעדייִ זי צו באליבנ. ער האָט אָנגעשטעלט זיינ ארומ מיט דעמ, וואָס ווייניק מענטשנ זיינענ מיט דעמ באשאָנקענ, געמלעכ — מיט א ווארעמער ליכט, וואָס איז פונ אימ געגאנגענ.

באזונדערס האָט זיכ דאָס בא אימ ארויסבאוויזנ אינ א סימכע=צייט, ווענ פיל פאָלק איז צוזאמענ, ווענ געמיטער אופגעשנורעוועט, אונ ווענ סימכע איז אליינ גרויס אונ ווערט נאָכ גרעסער, ווענ זי האָט א צענטער, א מיטפונקט, פונוואנענ זי גייט ארויס אונ צעשטראלט זיכ אינ איר קרייז אונ ארומיקייט. דעמאלט האָט מענ אימ, לוזינ, געזענ מאמעש, ווי מיט פליגל. ער האָט געטרונקענ, אונ זיינ קאָל האָט דעמאלט אלעמענס אריבערגעקלונגענ. דאָס ערשטע קלוגע, דרייסטע, אלעמענ נאָענטסטע וואָרט האָט ער געהאָט אפ צו פרייִלעכ מאכנ אונ אלעמענס הערצער צו פארייניקנ אונ אינ נאָענטקייט צוזאמענעמענ.

מע האָט אימ דעמאלט באדארפט זענ סאמע ביים דער רעכטער, געדריכטער סימכע, ביים א ראבייִשער כאסענע, ווענ פיל שטריימלעכ אונ שווארצ=זייִדענע אונ ווייס=אטלעסענע קאפאָטעס זיינענ געזעסנ באמ הויפט=טיש אויסגעזעצט. ווי אזוי מע האָט זיכ מיט אימ באריִמט, אונ ווי אזוי פענעמער האָבנ געשיינט, ווענ מע האָט דערזענ לוזינ אופטרעטנ אינ העכסטנ קרייז פונ א טואלדיקנ אוילעמ ארומגענומענ, וויסנדיק, אז מיט אימ וועט מענ נימ פארשעמט זיינ, אונ אלע בייזייענדיקע געסט, קרויווימ, מעכוטאָנימ פונ אלע „הויפנ" וועלנ דאָ מעקאנע זיינ. אונ מע האָט מאקע מעקאנע געווענ.

לוזי איז שוינ יעדעס מאָל דעמאלט געווענ א ביסעלע באטרונקענ, אָבער

אַף זײַן שטאַלענעם פּיגור און אַף זײַן יונג קרעפטיק פּאָנעם מיטן יונגן נאָכן בערדל האָט מען קײן סימנים שיכּרות ניִשט באַמערקט. לויִ האָט געקוקט צום אײלעט מיט דאָרשטיק־פֿרוקענעם פֿײַער אין די אויגן, ווי א קינד, וואָס הייבט זיך אָן לערנען גיין און האַלט די אויגן צו דער מוטער־געווענדט, און זיכערקייט און האָפֿענונג, אַז זי וועט ניט לאָזן פֿאַלן, ניט לאָזן זיך שטעדיקן אין דעם ציטעריק־נײַטיקן גלײַכגעוויכט און נײַטיקן מאָמענט דערלאַנגען.

לויִ האָט געטאַנצט. ס'איז קעסיידער פֿאַרגעקומען אין א גרויסן, ספּעצ־ציעל אויסגעבויטן שאַלאַש פֿאַר טאַנצן, ווי יידישע באַלמעלאָכעס האָבן זיך געקליבן אין אײנשטאַפּיק געבן פֿאַרוואַנדלען אין צווײ, קעדײ צו פֿאַר־מאַכלען די צאָל פֿלעצער פֿאַר אוֹרחים, וואָס וועלן ניט האָבן דאָס גליק צו באַקומען אַן אָרט פֿון אינטן, זיי זאָלן פֿון אויבן, פֿון א מין יאַרוס, קענען אַראָפּקוקן.

ס'איז וועגן מוירעדיקע ענג. מענטשן זײַנען געשטאַנען אַף קעפּ, און שאַמאַסים האָבן שוין געוווּנט און מע האָט פֿאַר לויִן א וואַרע געמאַכט און אין גרויסער ענגשאַפֿט א ראָד פֿאַר אים צעשטיפּט.

לויִ איז אַרײַן, יעדעס מאָל ציטערשט מיט די אויגן צו די שפּיץ שטיוול אַראָפּגעלאָזט, ווי ער וואָלט זיך געשעמט פֿאַר עפּעס, געקווענקלט, און ווי ער וואָלט באַטראַכט די פֿיס, מיט וועלכע ער דאַרף איצט פֿאַר אזא גרויסן עולם אַרויסטרעטן, ווען, צי קאָן ער זײַן זיכער מיט זיי. ער האָט צום אָנהייב זיי באַטראַכט, ווי א גוטער באַלמעלאָכע באַטראַכט זײַן געצײַג, איידער ער גייט ומיט דעם זײַן מעלאָכע טאָן.

באַלד איז ער מיט זיי זיכער געוואָרן, און לויִ האָט זיך בא דער זײַט פֿון דער געמאַכטער ראָד, דאַרט לעבן איר אויסגעבילדעטער וואַנט, האַרט און אַנגרײַנדיק קימאַט די מענטשן, וואָס האָבן זי געבילדעט, זיך אויסגע־געלאָזט, ווי א מין פֿעדערדיקער פֿויגל, וואָס דרייט זיך אַרום זײַן געווינס און ליבע, צו וועלכער — איידער ער וועט זי באַהערשן — שאַפֿט ער זיך ווינקט און פּלאַץ און א פֿאַרבאַרייטנדיקן ליבע־קרײַז.

ער האָט אַרומגערינגלט די ראָד פֿון אינעווייניק — איין מאָל און נאָך א מאָל, און דער גאַנצער עולם, כּמו דער, וואָס פֿון אינטן, כּמו דער, וואָס אויבן הויבן יאַרוס, איז שוין געווען זיכער. גלײַך ער, דער עולם, וואָלט אין דער מינוט ניט געהאַט גאָרניט אַף זײַן וועלט, אויסער דאָס: — א גרייסע ראָד, און אינמיטן — איינער. וועלכער וואָלט אויסגעזען, ווי מען וואָלט אים פֿאַרגעבן א מין רעטעניש, אָדער א מין אוצר איז אים ערגעץ דאָרט און דער ראָד פֿאַרגראָבן, און ער דאַרף אין גרויסן שטיל־שווײַגן און מיטן קײַער פֿון עפּעס א פֿאַרהוילנטן אינסטינקט דאָס רעטע־ניש טרעפֿן און דעם אוצר צו אַלעמענס גליק, אַרויסגעפֿינען.

און טאַקע האָט זיך לויִ געדאַכט א שבֿור... ער איז אַרום מיט אזא פֿאַרזיכט. ווי א יעגער און אין וואַלד צווישן קוסטעס פֿאַרטײַעט, ווען ער פֿאַרשפּירט זיך

אפ אויפיל, אז ער הערט ניט זײַנ אײגענעמ אָטעמ. דערבײַ האָט מענ זײַנ יונגנ, שלאנקנ קערפּער באמערקט, ווי ער איז אָנגעשטרענגט אינ אלע ווײַלע מיט ער זיכ א וואָרפ פונ אײנ אָרט אפנ צווײטנ אינ בלײַבט ווײַטער א ווײַלע פארטײַעט. דאָס זײַנ געדויערט. ווי דורכ א גרויס פארשטעלעניש, דורכ נאָר בינקעלנ אינ האלב־בינקעלנ, מאכט ער זיכ א וועג צו זײַנ ציל. אונ אָט האָט ער עס, אָט האלט ער שוינ באַמ דערגרייכנ.

דאָ דערפרײט זיכ קוי. ער לאָזט ווידער אראָפ די אויגנ צו זײַנע פיס, ווי מיט א דאנק דערפאר, וואָס זיי האָבנ אימ ארויסגעהאָלפנ, אונ וואָס, ווי יעדעס מאָל, ווענ ער באלאָזט זיכ אפ זיי, האָבנ זיי אימ אויכ איצט, אײַב הײנט, זײַנ דאָזיקנ ניט נעגארט. ער נעמט מאכנ שפּאנ מיט זיי, אונ יעדער שפּאנ, פילט מענ, איז א דאנק, יעדער טריט — א לויב דיזער גײ, וואָס לויט וואַקסט אפ איר אונ וואָס זי האָט אינ זיכ געפינסנ פאר אימ. ער באהייכט די פאָלעס, גלײַב ער וואָלט איבער די קניענ אינ גאָל־נענאנגענ, אינ די אויגנ זײַנע דערבײַ זײַנענ געווענדט מיט א שמײכל פול מיט לויב צו די, וואָס רינגלענ אימ ארומ אינ וועלכע האלטנ אימ בײַנ מאנצנ, אינ לויט דאנקט פארנ אָנהאלט, פאר דער שטיצע.

זײַנ טימבע שטארקט זיכ. אונ דאָ דערזעט דער אוילעמ, קוקנדיק אפ לויינ. וואָס א מענטש, וואָס א יונג מענטש נאָר, קאָנ אינ אײנ מינוט אמאָל טאָנ מיט א מאסע, מיט א גרויסנ קלאל. אלעמענס אויגנ האָבנ אימ אזוי באַגלײַטנ, אלעמענס אָטעמס זײַנענ אזוי אָנגעהאנגענ געווענ אינ אימ, יעדער מינדסטע באוועגונג זײַנע איז געווענ אזוי אינ קאָנטאקט מיט אלעמענס באַגער צו מאכנ די זעלבע באוועגונגענ, אז ס'איז ניט געווענ אונמערצושיידנ פונ דעמ. דערבײַ ס'מאכט זיי, ביז די, וועלכע שפּירנ אימ נאָנט אונ וועמענ ס'דאכט, אז ניט ער, נאָר זיי אלײנ מאכנ זיי גענוי אונ פינקטלעכ...

א ווילדער ווײַבער האָט זיכ פאר זײַערע אויגנ געטראָגנ אינ דער געשטאלט פונ א יונגנ, א פלינקנ, וואָס אמאָל האָט ער, מײַסע־קאָזאק, מיט אײנ האנט אפ דער פּאָטיליצע פארלייגט, געמאכט א ראָד אינ א ראָד, א קרײַז אינ א קרײַז ארומ זיכ אלײנ אונ זײַנ אײגענער איבערגעפּולטקײט; אינ אמאָל פארקערט, האָט ער, מײַסע־זאָקנ, ווי שוינ פונ מאנגל אינ כוחות, פּאמעלעכ זיכ געלאָזט, אָבער דערפאר אינ זעלטענער מײַסטעריש־קײט אינ שטארק געלײַטערט, ווי ווענ אלעס בעסטע אינ דערפארנסטע יערנט אינ דער אײדלסטער אינ געשטילטסטער פאָרמ דערלאנגט.

אמאָל האָט ער, טאנצנדיק, ווי אינ א שפּילנ גאָרטנ געשפּאצירט, ווי בײַ א יונג זעצט זיכ אונ אלצ ארומ ווערט פונ דער פארגאנגענשפּילקײט באַרירט: אלעס לעבעדיקע, אלעס באפליגלטע, דאָס זשומענדיקע אונ צווי־טשערענדיקע פונ טאָג ווערט אפ שלאָפנ באלײגט, אינ אײנער נאָר א מענטש א לעבעדיקער מיט פאר זיי אלע זײַער טאָג־בעזשבנ מאכנ, באזוניקט אינ באטראכט זיי זײַער זינ. אינ אנ אנדערש מאָל ווידער האָט מענ אימ געזענ, ווי אלײנ אזא מינ געפליגלטער, ווי ער, ווערט צו טאָג אונ צו זונ

אויפגעוואכט און פון פרייד פון דער זון און דערוואכונג, ווייסט ער ניט וואס צו טאן מיט זיך, הייבט זיך אויף אין רוים, און דער רוים איז אים ווי צו ענג, נידערט אראפ און קומט ווידער ארויף, און דער שלונג און דער האלדז איז אים צו ווייניק פאר דעם לויב און ליכט, וואס ווארגט אים.

דעמלט האט מען געזען, ווי לוזי האט ווידער, ווי צום אנהייב מאנצ, זיינע אויגן געווענדט צו די, וואס רינגלען אים ארום, אין וועלכע, ווי ס'האט זיך געדאכט, אז אלע זיינע ביינעס הענגען, און פון גרויס איבערפולטקייט האט ער זיך צו זיי ווי מיט א מין אויסגעשריי געווענדט:

— אוילעם, — האט ער אויסגעשריגן, — כ'קאן דאס ניט ארויסברענגען, כ'האב קיין ווערטער ניט, נאר מיט דעם, מיט די פיס, מיטן מאנצ, — הייסט עס, — האט ער מיט די אויגן אף די פיס געוויזן, — און ווי א יונגער הירש, וואס יונגע הערנער האבן אים נארוואס אויפגעשפראצט, האט ער מיט אזא זינגענדיקער לייכטקייט אין ראד ווידער א ניי געטאן, מיט אזא פארכלינגען זיך פון אייגענער שפילנדיקער קראפט, אז מענטשן האבן מוירע געהאט צו קוקן, ווייל מענטשן ארום האבן דא דערפילט, ווי א מענטש פארגייט זיך און פון איבערפלוס פון גוטס און אייגענער ווילדער אנציקונג קאן ער זיך, כאלילע, פון זינען דירן...

— אוילעם! נעם אים איבער, דעם, וואס כ'האב ניט דעם ווארט צו דערמאנען זיין נאמען, אז יענע אפילו כל עצמותי תאמרנה[1]... און איך ווי א טראפן זאל לויבן דעם יאם...

* * *

מיט אזא פארבלענדטקייט פלעגן דעמלט דערציילן וועגן לוזין אלע יענע, וועלכע זיינען מיט אים פון איינע אנשווינגען און איין וועלט געווען, פון אייגענער ברוסט האסאגעס געזויגן און וואס אזוינע ארט אויפירונגען און מידעס ווי לוזים האבן זיי אלס מוסטער געדינט און זיי האבן זיי קימאט פארייניקט.

אט אזוי, האבן זיי דעמלט ווייטער פארבלענדט דערציילט, לוזי, ווען ער איז יונג געווען, ווען ער האט אין סימכעס און יאנטויווים אנמייל גענומען, ווען ער — דער צענטער, ווען אלע עלטסטע האבן אים, ווי דעם יורש זייערן באטראכט, און אלע יונגסטע האבן זיך פון אים א מוסטער גענומען. ער פלעגט דעמלט נאכן טרינקען פון פארן מאנצ — ערשט נאכן מאנצן א יארדן קאנען אויסטרינקען. ער פלעגט אין דער פאסיקע און אין ראש ארבן, און יעדעס מאל האט מען שוין געוואוסט, אז ער פלעגט דעמלט ווידער פארן אוילעם קומען, מיט מוט זיך אנעמען, זיך פאר אים אוועקשטעלן און זאגן:

---

1 אלע מיינע ביינער זאלן זינגען.

— ראבויסײַ, כ'זיל פאר אײַנ גבירת-הבורא [1] באווײַזנ. — אונ ער פלעגט נעמענ קלאפנ אינ א שפיצ מיש... אויב דער מיש איז געווענ אנ עלטערער, א שוואכער, האט ער אימ מאקע אפגעקלאפט, אונ אויב נימ, ווי געוויינלעכ, האט ער זיכ די הענט ביז בלוט צעקלאפט, אונ שאמאסימ האבנ שוינ פארויס געוווסט. אונ ס'איז שוינ שטענדיק אזוי אײַנגעפירט געווענ, אז בײַמ יענער, לוזי, איז צוגעטראטנ זײַנע גיווורעס צו באווײַזנ, פלעגנ זיי שוינ שטיינ מיט א נאסנ האנטעכ אנגעגרייט אפ אימ פארבינדנ אונ דאס בלוט אימ פארהאמעווענ.

אזוי איז זײַנ יוגנט, ווענ די בלוטנ האבנ אינ אימ שטארק געקאכט, אונ אפט פלעגט ער זיכ אפ זיי קומענ קלאגנ, אונ זײַנ רעבע האט אימ פארשיידענע אייצעס געגעבנ, וואס אמאל פלעגנ זיי אימ העלפנ, אונ אמאל— נימ, ווײַל ער האט זיכ געפילט, ווי א יונגע כײַע אינ א שטײַג, וואס רײַסט זיכ די צוימענ צו צעברעכנ,—דאס מײנט מענ זײַנע יעיצער-הארעס, וואס זײַנענ אימ באפאלנ.

שפעטער, אינ מיט דער עלטער, איז ער, נאטירלעכ, געשטילט אונ געקילטער געווארנ. דערפאר אבער האט זיכ די ליבע צו דעמ גלויבנ, צו וועלכנ ער האט זיכ צוגעבונדנ, נאכ מער געשטארקט. אזוי געשטארקט, אז מאמעש זײַנ נעפעש האט זיכ אינעמ גלויבנ אנגעקניפט, פונ אימ זיכ נימ אפצורײַסנ. יארנלאנג האט ער זיכ געהאלטנ בײַ יענעמס צופוסנס, ווי אונטער א גרויסנ פארצווײַגטנ בוימ, אונ דארט זײַנ זעלישע רו געפונענ. דער גרעסטער אינ באליבטסטער מעקוירעוו בײַ זײַנ רעבנ, יעדעס מאל, ווענ אינ רעבנס הויפ איז עפעס פארגעקומענ, איז ער, לוזי, צו אנ אייצע צוגעצויגנ געווארנ, פריער נאכ פאר אלע אייגנסטע אפילע, אונ דער רעבע האט אימ אלעמ אינטימסטע פארטרויט, אויג אפ אויג מיט אימ אינ זײַנ אפגעזונדערטנ כײדער זיכ אפגעשלאסנ. דערפאר אויכ, פארקערט, ווענ ער, לוזי, האט זיכ גענייטיקט, איז דעמ רעבנס אופנאמ, סײַ בײַטאג, סײַ בײַנאכט, אימ געווענ געזיכערט, אינ אלע צײַטנ האט ער פרײַענ אײַנגאנג געהאט. דער רעבע האט געמעגט זײַנ ווי מיט אנדערע פארנומענ, איז לוזי געווענ נענטער, לוזי בילכער.

אזוי שוינ ביזנ רעבנס עלטער. אזוי, ביז יענער האט זיכ שוינ געפילט געבראכנ, אונ ער האט געזענ, אז זײַנ סאפ דערנעענטערט זיכ. ער האט דעמאלט מיט לוזינ אײנעמ א געשפרעכ געהאט, ווענ ער איז שוינ געווענ שטארק שוואכ אונ ערעוו-גסיסע. קיינער איז אהינ, אויסער לוזינ, נימ ארײַנגעלאזט געווארנ. דער רעבע האט פאר לוזינ אלצ אויסדערציילט, ווי פאר ווידע: וואזוי ער פארלאזט די וועלט מיט א שווער הארצ, נישט זעענדיק קיינ יורעש פאר זײַנ שטול. אונ ביכלאל דאכט אימ, גייט אלצ אראפ אינ אראנטער, אונ דער גלויבנ ווערט אײַנגעשרומפנ. לוזי האט דעמאלט געוויינט.

---

[1] די קראפט פונעמ שעפער (פונ גאט).

ער האָט געזענ, ווי זײַנ זונ זעצט זיכ, אונ דער רעבע אלײנ האָט אימ גע-טרייסט אונ אלײנ אימ אָנגעוויזנ, ווּהינ ער זאָל זיכ נאָכ זײַנ פּטירע ווענדנ, עפּשער וועט ער דאָרט עפּעס געפינענ, אונ לוזי האָט נאָכ מער געוויינט.

ער האָט שוינ דאָרט, דערמאָלט, בײַ זײַנ רעבנ אינ צימער, פאַר זײַנ קראַנ-קנ-בעט זיצנדיק, דערפילט ווי אש אפ זײַנ קאָפּ; דערפילט, אז ער בלײַבט עלנט, אז א קאַלטער ווינט בלאָזט אימ אונטער די פּאָלעס, ווײַל די לעצטע צײַט האָט ער שוינ געפילט, אז די אַלטע סטעזשקעס וועלנ פארוואקסנ. אונ אז עפּעס קומט אָנ אינ דער לופט אזוינס, וואָס נאָר מענטשנ מיט א שאַרפנ כוש קאָנענ דאָס ארויסדערפילנ. אונ נעמלעכ — א זאַכ, וואָס א גוואלדיקע רײַ דורות האָבנ זיכ דערפאַר ניט באַדאַרפט זאָרגנ, אונ איצט וועט שוינ באַלד ניט העלפנ די זאָרג. ס'גייט אפ דער וועלט א מינ שלאָפּ-קײַט, וואָס מאַכט דעמ גלויבנ אָפּקילנ. עפּעס איז דאָ ניט גוט, מע דאַרפ אנ אייצע, אונ דער, מיט וועמענ מע קאָנ זיכ אייצענ, שטאַרבט.

אונ אז דער רעבע איז געשטאָרבנ, איז לוזינ, ווי שוינ דערציילט, שטאַרק דער עלנט צוגעטראָטנ, אונ ער האָט גענומענ זוכנ ערגעץ אנדערש אונ אינ פארשיידענע „היפנ“ אומפאָרנ. ער האָט זיכ ניט געקאָנט צוקלײַבנ, ביז ער איז די לעצטע צײַט צו די זײַניקע אָנגעקומענ.

* * *

אינ אָט טרעפנ מיר אימ איצט איינעמ אלײנ, אינ יענער שול, וועלכע איז מיט אלע צוועלפ פענצטער אינ אלטנ ביימ-האקוואָרעס צעעפנט אונ וואָס אינ זייערע שויבנ שפּיגלענ זיכ אָפּ קוסטעס אונ ביימלעכ, וועלכע ברענגענ א לופט אי פונ גריגס, אי פונ אָפּגעלעבטס, אי מענוכע פונ יווקס, אי פינ יועלק, אונ וואָס גיבנ צו וויסנ, אז אינ דרויסנ איז א טאָג א הייסער, א זומערדיק-לעצטער, פונ יענע לעצטע, וואָס שטאַרקנ זיכ אונ שטײַגנ אלע זומערדיקע היצנ אונ הייסקײַטנ אריבער. א טאָג, א שטאָט מיט א זומלדיקנ וועלט-סיידער אינ דרויסנ, אונ דאָ, אינ שול, דערווײַטערט אונ ארויסגענומענ פונ אלע, ווי דאָרט אינ מאַרק די בלינדע זינגער, די באַנדוריסטנ, וועלכע זיצנ אינ זינגענ דערמאָנונגענ פונ אמאָליקע פאָלקס-נויטנ, קנעכטשאפטנ, געפענקעניש אאא., אזוי אויכ דאָ זיצט ער, לוזי, אויכ א מינ זינגער, וואָס איז אפ זײַנ אייגנארטיקנ אויפנ בלינד — קוקט אינ א סייפער אונ טרערנ פארשטעלנ אימ די שײַנ, לייענט, זאָגט אפ א קאָל, ווײַנט דערבײַ, קלאָגט אויכ אפ א סאָרט געפענקעניש פונ א פאָלק מיט אנ אלטנ אונ בלינדנ גוירל: קלאָגט אפ דעמ, וואָס, ווי אימ דאַכט, איז דאָס פאָלק שוינ מיד אונ די גלויבנס-קויכעס גייענ דעמ אויס, אינ צוזאמענ דערמיט אויכ אפ זײַנע אייגענע קויכעס, וואָס האַלטנ שוינ בײַ נידערנ אינ זיכ נייגנ צו עלטער, אונ אויכ, ווי אפנ סאָפּ זומער, וואָס באַטײַט

ער דערזעט אין שפּיגל זיך נאָכאַמאָל אָפּ גריך אין די געשעפטן, פֿאַרגעסן, אָבער א פּילגרים דאַרף פֿילן דורך דער גרויסער היץ און צעמאַרטערטקייט פֿון מאָל — שוין דעם באַנק פֿון יענע טעג, וואָס נאָך זיי קומט דאָס, וואָס ס'דאַרף קומען — דאָס וועלן און זיך־קלייבן, און יענע טעגלעך, וואָס זענען איצט, ווי די מעגובע דאָ איצט אַפֿן בעסוילעם.

ער קלאַפּט אָפּ זײַן אָפּגעלעבטן לעבן, אַפֿן דער אָפּגעלעבטקייט פֿינצטער פּאָרט, וואָס ער זעט דאָס ווי פֿון הינטן גורל באַשטימט צו זײַן דער יעלאָזים־מרירער פֿאַר אַלע פֿעלקער און שטעלט זיך עס פֿאָר אין דער געשטאַלט פֿון זײַן מאַשינען, וואָס ער, זײַן מאַשינען, זיצט, לויט דער לעגענדע, אין די טיפֿערן פֿון דיים, א ווינדמיל, א קרעציקער און בינדט איש ב גרט צו, בינדט איבער זײַנע ווונדן...

און אָט זעענען איניקע בילדער, וואָס לויט, דער בלינדער זינגער, זעט, אין טיפֿער יאָנגדיק:

[illegible]

ב'א פּאַרטאָג... ער זעט פֿאַרטיפֿט א געפֿן, ווענדט זײַן בליק איז געווענדט. דערנאָך נעמט ליטערער ווערן, און פֿון דער ווינט נעמט זיך אים א שטאָט באַשײַנט: הײַזער, טורעמס, איינע העכער פֿון די אַנדערע, אויך איבער די אַנדערע, אויך באַרשיידענע גאַנצע שטאָט־טיילן, וואָס אייניקע שפּיגלען זיך אין באַרג אַרויסצוזען, און אַנדערע בא זיי צעזיבנט — און באַלד.

ב'איז נאָך פֿרי. די שטאָט שלאָפֿט נאָך. אָבער א גרויסע רויקייט פֿילט זיך אַרויס פֿון איר שלאָף. ס'דאַכט זיך: באַלד וועט זי זיך אויפֿכאַפּן און נאָך איר ווינטער־ווינדיקער נאַכט די אויגן אַפֿן דריטן און מאָל עפֿענען — אַפֿ מאָל, נאַכט און ווינדיקייט.

און אָט ווערט שוין ליכטיק. פֿון דער שטאָט הייבט מען אָן אַרויס־גיין, און צו דער שטאָט הייבן זיך אָן ווייגן פֿון באַרשיידענע ווײַטע עקן שליאַכן, זיך ציען, אָנקומען און אַנבאָרן — פֿייערט פֿון ווײַט־וויטלעכע דערפֿער, קעריי די שטאָט מיט שפּײַז צו באַזאָרגן; הענדלער, מעגדלער, בא אַלע, כאַלופּעס, ציגיש־מאַכער, קנעכט, קינצנמאַכער, בעטלער און איך אַריינגיי פֿאַרפּיצטע און האַלב־פֿאַרפּוצטע זיינעס, וואָס ווערן פֿון אַלע עקן לאַנד אַרויס, און שטאָט, געשיכט און ציגעשטעלט אַפֿ אירע קומענדיקע און נאַכטיקע באַרגענגענס: און אַלע, די, וואָס קומען אַרויס פֿון שטאָט, די, וואָס קומען און גענענטערן זיך צו איר, דערזעען באַם טויער פֿון שטאָט איינעם א באַרשיין, מיט א פּאָנעם א ליכטיקן, אָבער א גוף א ווינדיקן, און האַלב קליידער, האַלב שמאַטעס, וואָס איז אין שטאָט ניט אַריינגעלאָזט געוואָרן און דאָס הענטיקע נאַכט, ווי אַלע געבעט, דאָ און דרייבן באַם טויער פֿון שטאָט פֿאַרבראַכט: און אַלע, ווי אָפּגערעדט, די די, וואָס גייען אַרויס, און די, וואָס קומען אָן און דאַרפֿן אין שטאָט אַרײַן, אַז זיי גייען דעם טויער פֿאַרבײַ און זעען יענעם באַרשיין זיצן,

האלטנ זיי ווי פאר זייער כוואז, פארבייגייענדיק, אפ אים אינ זיינע הונדנ שפיענ. ווער אפ זיינ קאפ, ווער אינ פאנעמ, ווער אפ זיינע קליידער אינ שמאטעס, אונ יענער ווישט אמאל אפ דאס שפייעכץ, אבער מערסט ווישט ער פארגליווערט אינ שטימעניש, גלייב ניט אים מיינט מענ אונ ניט אפ אים וואלט מענ געשפיגנ...

אונ דא צעיאמערט זיכ דער זינגער אינ אלע אייווריט צאפלענ אינ אים אופ, צוזעענדיק יענעמ מיטנ ליכטיקנ פאנעמ א באשפיגענעמ פונ ווילדע, גראבע באיאלעס, פונ העגדלער, מענדלער, קאליקעס אונ זוינעס, אונ אפנ זינענ קומענ אימ פסוקימ אונ האלב-פסוקימ פונ אלטע פיטאנימ, פונ אלטע צארנדיקע פאלקס-זינגער, אונ צוזאמענ מיט זיי צאפלט ער אופ, אינ צוזאמענ מיט איינעמ פונ זיי שרייט ער אויס, ווי א פארווונדעטער, אפנ קאל:

פצעי לא רכבה וחבורותי רצח
ועיני הוכהתה צופה לדודי צת.[1]

ער זוכט א טרייסט אונ האט ניט, אונ דאס איינציקע, וואס קאנ אימ דא ארויסהעלפנ, איז דאס, וואס ער שטעלט זיכ פאר אפ יענעמס ארט, ווי ער אליינ וואגדיק, ער אליינ באשפיגנ, און ער נעמט אפ זיכ יענעמס ביזאיענ מיט יענעמס שוויגעניש אונ אייכ מיט יענעמס באוווסטזיינ, אז אזוי איז פונ הייבנ גורל באשערט, אינ באשערט איז באשייטס, באשערט איז א גרייסע זאכ פונ א מינ בענטשנדיקער האנט דערלאנגט.

אונ אט א צווייט בילד:

נאכט. פינצטער, אינ אינ דער פינצטער פילט זיכ, ווי מענטשנ גייענ אומ אונ זוכנ איינס דאס אנדערע, געפינענ ניט, אבער א שטיק טרייסט איז זיי שוינ דאס אליינ, וואס כאטש צעוואָרפענע אינ כאטש איינער קאנ אפנ אנדערנ שפיר נייט אָנטרעפנ, דאכ פילנ זיי איינס דעמ אנדערנ פאראנענזיינ, אונ אז דער פלאצ ווימלט פונ אומגייענדיקע אונ זוכנדיקע.

ס'פילט זיכ דארט א שטארק גלייביקע אינ פארלוירענע מאסע. ס'דאכט זיכ, אז ווענ ס'וואלט זיכ יעי איצט פונ ערגעצ א שטראל, א שיינ באווייז, וואלט אט די פאסטנדיקע, אפגעצערטע אונ שיינ שמאכטנדיקע מאסע, — ווי גרויס זי איז, מיט וויפל קעפ אפ אירע אקסל אינ מיט וויפל אייגנ אינ די קעפ, — וואלטנ אלע, ווי האלב רולע, צו יענער שיינ זיכ א לאז געטאנ, אונ וואס פאר אנ אויסגאנג זי זאל פאר זיי דארט ניט עפענענ — א יאמ, אנ אפגרונט — וואלטנ אלע, ווי איינער, וויפל מיוזנמער זיי זיינענ, פאסטנדיקע אונ דירשטיקע, מיט געזאנג אונ הויכער לויבערייִ אנטקעגנ אומגליק, ווי אנטקעגנ אויסלייזונג געפלויגנ.

---

1 מיינ מאקע איז הארט, מיינע ביילנ געפערלעכ,
און מיינ אויג שוינ פארטונקלט פונ ארויסצוקוקנ אפ ניינ אויסלייזער-הערלעכ.

און אָט באַװיזט זיך טאַקע. אין איינעם אַ הימל־עק אַ פֿײַער. און דאָ דערזעט זיך די מאַסע מיטאַמאָל באַלויכטן — מיט שלאָפֿנדיקע קינדער אויף די הענט. וואָס מיט קעפּלעך זײַנען אויף פּאָמערן־מוטערס אַקסל פֿאַר־וואָרפֿן, עלטערן — מיד פֿון גיין אין אומזיניקן פּלאָנטערן, און זקיינים דערבײַ שלעפּן זיך קוים און שוין דרײַ פֿערטל צו דער ערד געבויגן, אין אַלע ציִען זיך איצט אַהין, צום הימל־עקס שײַנער.

מע זעט:

איניקע ווערן פֿון פֿרעמדע הענט צום שײַנער געשלעפּט. די געשלעפּטע ווילן נים, ווערן זיך, אָבער אַז זיי ווערן אַרײַנגעוואָרפֿן, אַרײַנגעשלעפּט אין געשטויסן, איז די איבעריקע, וואָס דאַרפֿן נאָך זיי געוואָרפֿן ווערן, גייען שוין אַליין. אַנדערע לויפֿן מיט אימפּעט אַפּגיך צום פֿײַער צו, וואַרפֿן פֿריער די שלאָפֿנדיקע קינדער אַרײַן, שטויסן ווײַבער און זקיינים נאָך זיי, און דערנאָך שפּרינגען זיי אַליין אין פֿײַער. זיי דינען פֿאַר אַ בײַשפּיל פֿאַר אַלע איבעריקע פֿון דער גרויסער מאַסע דאָרט פֿאַרזאַמלט, וואָס ווען זיי זעען, וואָס יענע האָבן אויף זיך גענומען פֿרײַוויליק און אַליין, שטייען זיי אַ ווײַלע, ווי אַ סטאַדע פֿאַר אַן אומגליק, פֿאַרלוירן, אָבער באַלד קומט זיי דער סטאַדע־אינסטינקט צו הילף, יענער, וועלכער מאַכט סאַקאָנע פֿאַר אייך באַקאַנע, יענע גרויסע סטאַדעס גייען דעם טויט אין דער פֿאַרניכטונג מיט אַנציקונג אַנטקעגן; ווי גרויס זי איז, די מאַסע, אַלץ שטאַרקער איז אימפּעט, אַלץ ווײַטער די געפֿאַר, אַלץ מער דער דראַנג, און ווי שאָף פֿאַר אַן אומפֿאַרמײַדלעכן אָפּגרונט, שטויסן שוין איינס דאָס אַנדערע און אײַלן זיך דעם טויט אין די אָרעמס און אין שויס אַרײַנצופֿאַלן.

קדש את שמך בעולמך על עם מקדישי שמך.[1]

הערט דאָ דער בלינדער זינגער פֿון די שטערן פֿון יענע צײַטן מיט פֿאַרשײַנטע קולות אויסשרײַען, און ער שרײַט מיט, ער פֿילט, ווי ער אַליין וואָלט האָבן צוזאַמען מיט יענע איצט אין פֿײַער געשטעקט, און זײַ זײַנע קליידער האָבן זיך שוין אין סמאַליען, און באַלד וועט דאָס פֿײַער אים צום לײַב און דער נעשאָמע דערגיין. ער זעט זיך איינער אין אַ קיבעץ פֿאַרעבנט, וועלכער האָט זיך אין פֿיל פֿײַערדיקע סאַקאָנעס אײַנגעשטעלט, אין וואָס אויך איצט, שוין אַ צײַט נאָך יענע צײַטן, פֿילט ער, ווי דער רייעך פֿון סמאַליענע פֿון זײַערע קליידער אַראָפּשמעקן — פֿון זײַערע, ווי אויך פֿון זײַנע.

און אָט אַ לעצט בילד:

ווידער פֿאַרטאָג... פֿון אַ טונקעלער סאָף־נאַכטיקער ווײַט טיילט זיך אויס, ווי פֿאַר זון־אויפֿגאַנג און פֿאַר ליכטיק־ווערן, איינס אַן אָרט אויף אַ האָריזאָנט אין געשטאַלט פֿון אַ מין מויער מיט צוויי זײַלן בײַ די זײַטן,

---

1 — הייליק דײַן נאָמען אויף דײַן וועלט דורך דײַן פֿאָלק, וואָס הייליקט דײַן נאָמען.

אינ אײבנ—א האַלבער בײגנ פארקװעטשט, אונ װאָס מער ס'װערט ליב־
טיקער, אלצ מער װײזט זיכ אױס יענער טײער, װי דאָס אָרט אונ עפּעס־
גיגנ, פיר־ביואנגע אלײנ די זונ טאקע דאָרפ זיכ הורב דאָרטנ װײנ.

אונ באלד באװײזט זיכ טאקע:

דער טאטע מיטנ זונ, די באװוסטע רעב שימענ אונ עלעזער זײנ זונ. יענע, װאָס האָבנ זיכ לאנגע יאָרנ אינ הײלנ איבבאהאלטנ, אונ װאָס אָנ־קומענדיק פונ דאָרטנ, ברענגענ זײ װי קילע פארטשאָגיקע הײלנג צו אלע יענע, װעלכע זײנענ אלײנ אינ די שטאָטערס געשפּרונגענ, איבער לײטערס פאר זײ, זײ זאָלנ גלײב, װוהינ זײ האָבנ געצילט, אופגײנ, אונ איבער שטײנ אפּ זײערע קעפּ, זײ זאָלנ זײ דעמ װעג באלײכטנ. דאָס מײנט מענ די טאַנ־ריט זײערע „זוהר" אונ תיקוני זוהר"[1], בא װעלכע דער זינגער זיצט איצט אינ יאָרנ, װי איט אינ ענלעכע צו איט האָט זיכ געדאכט, האָבנ יענע ספאָרימ די פאָרנ-פארשטאטטנט געלינדערט אונ געריכט, װי פּעבנס בינטנ צו הײסע װונדנ צוגעלײגט.

אונ באלד פארשװינדט ער, יענער טײער, אונ ס'באװײזט זיכ א אונ־דערלעכער פלאַץ-טעאַטעלעכ, אפּ װעלכנ ס'זײנענ אַנגעגײנ אלע יענע, װאָ־גענענ אינ יענע ספאָרימ אָנגעזײ. בערג, װאָס רעדנ מיט מענטשלעכע רײ־דעכ: פײגלענ, װאָס פארביגנ אינ שליכעס אינ ער װעלט מיט רעדט צװײטנ; קװאלנ, ברונענס, בא װעלכע געװיסע בירעכדיקע פּאמפּער רי־ענ אָפּ בא זײערע שטיל, װאסערנ; גראָנ. װאָס הײלנ אינ טײטנ: קינדער, װאָס זענענ אױס, װי אלטע, אונ אלטע—װי קינדער; גשמים, װעטער, װאָלקנ װאנדערער מיט איט אפּ די קעפּ אינ שטיל אינ די אױגנ. מיט אײנ װאָרט: אלע יענע פונ די װינדערלעכ-אומגעריכטענע אונ גײסט פארענדיקטע טױבנס אונ האלב-בײטנ אונ פאנטאסטיש-ארעביטישע געפלעכט פונ בלימע מיט גאַנצ נאָמענ, פונ גײסט-אָפּגעדאָנגענע אונ נאָכ גײסט געבירענע; פונ טײכטט, װאָס א שפּעטערדיקער הײעב צעשפּרײט זיכ פונ זײ אפּ גאָר-דער װעלט אינ פונ שװעבנס פונ אײגענע נעשאָמעס, װאָס גײענ איט באשטראָפט אינ קאָנ־זיכ קײנמאָל צו קײנ מענטש-אָרטנ נישט דערשײלאָנג, אונ נאָכ, אונ נאָכ יענע שטאלטנ, פארװאנדלונגענ, גײסטער, גײער, שלעק, שײדימ, גײסטע אונ גײסט גײסטע מאלאָכימ אונ פארשײדנ פארשטעלטע פארשײנענ, אָנגעפילטער אינ יענע דאָרטנ ספאָרימ, װאָס די מעכאבערימ האָבנ זײ, שטילדיק אָדער אױ־סגעפירט, זײער אײנגעטראכט צוליב עמעצנס טײאר, אײנ-פארבלענדעניש אונ װעלט-פארדרײ.

* * *

...סרולי האָט איבגעװאַרט. ער האָט געזען, װי לױז האָט די גאנצע צײט פונ יאָגנ, אלע װעלט די איבגעטײדערט, װי פונ א פּראָסט אָדער פונ א ברי. ער האָט אלע װעלט, בא די טאטע טײנדיקטע ערטער פונעט טײ־

1 — צװײ באװוסטע קאבאָלע-ספאָרים.

פאַרטרעכט, מיט א האַנט איבערן שטערן זיך דורכגעפירט, איבערן קאָפּ, און אַזאָ! איז מיט איר ביזן האַלדז־אײַנגעבויגן דערלאַנגט. ער האָט זיך ווענדיק־יוען איבער פון אָרט אָפּגעבאַפּט, ווי ניט קענענדיק אײַנזיצן—גאָר גיכן, ווי זײַן שטייגער, ביים זײַן אַלע אַנדערע מאָל לערנען און זאָגן. די אויגן האָבן זיך אים אָבער פאַרטונקלט פון טרערן, וואָס האָבן זיך אים געשטעלט, צוזאַמען מיט א קניק, מיט א מין הוסט, אים פון גאָרגל געקומען.

ברולי האָט אויסגעוואַרט, אז ער האָט געזען, אז יענער האָט געענדיקט, אז זײַן געמיט לייגט זיך אים אײַן, זײַן בליק לויטערער, באָמיט אײַניקע נאַסע איבערבלײַבונגען זײַנען אים נאָך אין די אויגן־ווינקלען געבליבן אָנגעזען,—האָט ער זיך פון אָרט גערירט, פון דאָרט, ווו ער האָט זיך, אין שטיל אָרויסקוקנדיק, די גאַנצע צײַט פון לויס זאָגן שטיין געלאָזט.

ער האָט גענומען א שפּאַן פּאַפּירוס, און מיט א שפּאַן נאָך א שפּאַן צו לויב שטענדיקער אומטערקומענדיק, איז ער לעסאָפּ שטיין געבליבן פאַר זײַן שטענדער. ער האָט באַמעלעך בעטאַס־מיטסע די האַנט אין בוזעם־קעשענע אַרײַנגעטאָן, פון דאָרט עפּעס א פּעקעלע פּאַפּירן אַרויסגענומען און ליזין צו פאַר זײַנע אויגן זיי דערלאַנגט.

— ער קומט פּונקט יאַריד און דאָס האָט ער דאָרט אָפּגעריבן,—האָט ער געזאָגט, און גלײַך דאָס זיך אים עפּעס די צונג גענומען פּלאָנטערן, און די זעלבע ווערטער, וואָס ער האָט געברויכט בא מאַלקע־ריווען און שטיל צו מאַלקע־ריווען, האָט אויך דאָ גענומען איבערבאַזערן:

— ער איז באַרבעניטאַנגען, האָט ער גראָד אויף דער שוועל א קיק געטאָן, האָט ער דאָס דערזען, האָט ער דאָס אופגעהויבן, האָט ער דאָס אַרײַנגעבראַכט און גיט דאָס אויף דעם, צו וועמען ס'געהער.

— וואָס פאַר א יאַריד, וואָס געהער, און וואָס דערלאַנגט ער אים דאָ,— האָט לוזי ניט באַגעטענדיק, ניט מיט ווערטער, נאָר ווי מיט בליק געפרעגט.

ער האָט איצט דערזען פאַר זיך ברולין א בלאַט, מיט א מין אָפּגעצייכנטן, וואָס קומט יעדערן נאָך א טרונק און נאָך האַלב־שוואַכער אויבגיכטיקע: און אויך ער אַלײַן איז איצט גאָרוואָס, ווי פון א ווונדער, ווײַטער פרעמד אראָפּגעקומען, ווען הינט אינטערעסן גייען ניט צו און מע באַגעגנט יי שוואַב, דעריבער האָט ער, ווען ער האָט דערהערט פון ברולי די ווערטער „יאַריד" און ענליכע, האָט ער קימאַט די מײַסטע ווײַטערע ניט פאַרשטאַנען. פאַרשטעענדיק נאָר, אז אין הײַנטן קומט הײַנט עפּעס פאָר, און אז פאַרשיידענע מענטשן קאָנען האָבן צו דעם פאַרקומענדיקן פאַרשיידענע און געוויסע שײַכעסן.

— וואָס פאַר א יאַריד און וואָס דערלאַנגט ער אים דאָ? — האָט ער אויף ברולין און אויף זײַן אויסגעשטרעקטער האַנט געקוקט און ניט באַנבען.

— האָט דאָס ער זײַן געלט, פון יעלבן לוזי ווייסט, אויף וועקסלען אויס־

געביטן, מאַכע בא זיך, לויס, ברודער מיישע, און ער האָט מירע זיי בא זיך צו האַלטן, ערגער—זיי צו פאַרשיקערן, און ער גיט זיי איט דעריבער איבער, און יענער קאָן מיט זיי טאָן, וואָס ער וויל—אַפּ אייגענעם געברויך, אָדער אויך ניט, איז פאַר יעדער נויטבאַדערפטיקן, וועמען ער, לויז, וועט נאָר געפינען פאַר נייטיק.

— אי, נו...—האָט לויז דאָ אַרויסגערעדט, און דערבײַ סרולים האַנט ווי צוריק געשטויסן.—אי, נו...—ער מישט זיך ניט, הייסט עס, ער האָט ניט צי טאָן מיט אַזוינע זאַכן און האָט הערצו קיין שײַכעס.

— ניין,—האָט ער גלײַך דערנאָך שוין קלאָר געזאָגט,—בא אים איז ניט קיין אָרט דערפאַר, זאָל ער עס געבן וועמען ער וויל, בא זיך אַליין האַלטן, ער זאָגט זיך אָפּ דערפון, ווײַל ער איז ניט דער מענטש דערויף.

סרולי האָט דעמלט ווידער אויסגעוואַרט, ביז לויז האָט זיך מיט די שטיינער־זאַכן אָפּגעפּאַרטירט—דעם טאַלעס־און־תפילין צונויפגעלייגט, און דערנאָך—ביז ער האָט אָפּ זיך דעם מאַנטל גענומען. דעמלט האָט מען זיי געזען בײַדע פון שיל זיך אַרויסלאָזן—לויז פאָרויס און סרולי הינטער אים, ביז זיי האָבן זיך אָפּ די טרעפּ פון אַראָפּגאַנג איבערגעלאָזט, און דעמלט שוין בײַדע צוזאַמען, אָבער איך איצט לויז עטוואָס פאָרויס, און סרולי—הינטערשטעליק און האָט ווי בא זיך און מיט דערעבערע זיך גע־האַלטן. און אַפּן וועג האָבן זיי אויך דעמלט צווישן זיך עפּעס א געשפּרעך געהאַט, וואָס דאָס הויפּט־וואָרט האָט דאָס מאָל געהערט לויזן, און דער צוהער—סרולי, און די גאַנצע צײַט האָט מען געקאָנט מערקן, ווי זײַן אויער איז אָנגעשטרענגט צו זײַן מיטשפּרעכער געווענדט, ווײַל אין קאָפּ איז אים ניט געווען קלאָר, די פּיס נאָך ניט איבעריק פעסט און דער באָדן, אַבאָ־נעמ, האָט זיך אים נאָך שיכור־ווײַנדיקער געוויגלט.

IX

# א קליינ ביסל שטייגער

ס'איז שוין געווען די לעצטע טעג פון עלעל.

אפן „גראָבן" מאַרק, אף געוויסע שטעלעכלעך, וואָס האנדלען א גאנץ יאָר מיט פארשיידענע קליינע וויכטיקייטן, ווי מיט לאכאָדרעמדיקן שוסטער-וואַרג, פלעקלעך אינ בעקלעך, פלעקלעך צעשיט, פאָדעם, שוסטערישע סמאָ-לע אונ אנד., האָבן זיך איצט, צווישן אנדערע, באוויזן קריזשיקעס וואקס אינ דער פאָרם פונ גרויסע, קליינע אונ מיטעלע טעלער אונ טעלערלעך.

אָט דעם וואקס וועט באלד די שטאָט, די פרימסטע ווייבער אירע, באַ-ראַפן, געברויכן אף נעשאָמע-ליכט צום גרויסן, פאָרכטיקן יאָמטעוו, צו יאָנ-קיפער, צום טאָג פונ גרויסן געריכט, וואָס דערנענט זיך.

יענע ווייבער וועלן זיך, אינ די טעג צווישן ראָשעשאָנע אונ יאָנקיפער, זאמלען מישפאָכעסווייז, יעדע מישפאָכע בא איינער א מערסט-פרימסטער. מע וועט זיך אָפזונדערן אינ אלקערס, ווו קיין מאנצבלען אונ קינדער וועלן נית ארײַנגעלאָזט ווערן; מע וועט דאָרט אף יעדער פאָדעם פונ קנויט עפּיס זיי קישעפן, יאָמערן אונ שטארק וויינען, דערמאָנענדיק דערביי די נעשאָ-מעס פינ די געשטאָרבענע, וועמען יענע פאָדעם פונ יענע קנויטן זיינען געווידמעט.

גרויסע, לאנגע ליכט וועלן, ווי געזאָגט, אינ יענע אלקערס אויסגעפאָר-מירט ווערן פארן פאָרכטיקן גאָט אונ זיין פאָרכטיקן געריכטס-טאָג, וואָס דעמאָלט איז ער באזונדערס שטרענג אונ פאָדערט בא די, וואָס בעטן בא אים אונ ווילן עפּעס פועלן, באזונדערע ליכט פונ א באזונדערער מין היי-ליקייט אינ פינקטלעכקייט, געמאכט פונ ריינסטן מין אונ סאָרט, פונ וועלכן מענטשן אינ דער נאָמיר ארום פארמאָגן—פונ בינ-מעלאָכע אונ בלומען—פינ וואקס.

אינ שטאָט האָט מען זיך שוין פארייידיק געגרייט צו יענע טעג. דעם גאנצן לעצטן כוידעש האָט מען שוין אלע מאָנטיק אונ דאָנערשטיק גע-

קאָנט זען גאַנצע שאַאָרעס ווײַבער, אינדערפֿרי אַפֿן „פֿעלד" זיך לאָזן און באַטאָג צוריק פֿון „פֿעלד"—פֿאַרווייינטע, האַלב־הייזעריקע, אָבער דערלײַכ־טערטע פֿון די גרויסע קוילעס, וואָס זיי האָבן פֿריער, אַף די קוואָרים זיך רײַסנדיק, פֿון זיך אַרויסגעגעבן, איצט געשטילטע, אויסגעלאָדענע, ווי בײַ אַ גרויסער היץ אין דער קיל אַרויסגעקומען.

באַזונדערס האָבן זיך געמערט און פֿאַרגרעסערט די שאַאָרעס די לעצ־טע מאָנטיקן, די לעצטע דאָנערשטיקן, ווען דאָס גרויסע אָרעמע ווײַבער־פֿאָלק האָט גענומען זיך אַהין לאָזן מיט צעריסענע שיך און שאַלן, מיט אַזויפֿיל נייט פֿאַר אַ גאַנץ יאָר אָנגעקליבן, און איצט—געקומען פֿאַר די גאָ־ענטסטע זייערע, פֿאַר די געשטאָרבענע עלטערן, קרובֿים, קינדער דאָס אויסגיסן.

ליבער־מייער אַפֿן מײַדל אין „פֿעלד" האָט דעמאָלט גרויס אַרבעט און פֿיל פֿאַרדינסטן געהאַט—פֿאַר צינדן ליכט און לעשן לאָמפּן, זײַנע הענט—פֿיל מעלאָכע: ער האָט זיך אין אַ טעלעגיש פֿון זײַט אַף זײַט, פֿון איין קלײַ־ענעם צום אַנדערן געוואָרפֿן; און קעדײַ זיך צו פֿאַרגרינגערן, האָט ער איצט מיטגעבראַכט אַ העלפֿער צו די קוילעס, און איך יענעם איז זיך שייער געוועזן צו אויפֿאָרען פֿון די פֿיל פֿרויען, מיידלעך, וואָס זענען אים איבער־יאָפּ געשטאַנען: ווער ס'דאַרף געשריבן צום צאַדיק, צו זענען זיך אין איי־דעמס, וואָס רוען אין מענער־שטיבל, און ווער איז צום צאַדיקס ווײַב. צו אירע שניר אין טעכטער, וואָס, אָפּגעטיילט מיט אַ וואַנט, זענען איבער־איין דאַך מיטן צאַדיק געלעגן.

איך פֿיל שלעפּער, ראַליקעס, פֿאַרשײַדענע קלייקיידעס, וואָס צו זיי האָט קיינער ניט געדאַרפֿט, נאָר זיי—צו יעדערן; וואָס אַליין האָבן זיי גאַרנישט ניט געהאַט, אויסער נאָר—יעדער אַ פֿעלער, און יעדער אַ דראָליע אַדער בראָכע אין מײַל,—איך זיי, אָט די שלעפּער, קאַליקעס, קלייקיידעס, האָבן דאָס הייליקע אָרט דעמאָלט באַלאַגערט. באַט אַרומגעגאַנגען, באַט אַרויס־גאַנג, אומעטום, אַף די ווײַטסטע פֿאַרוואָרפֿענע היאָרים געטראָפֿן, און יעדער ס'האָט געגעבן, איז פֿון זיי געבענטשט געוואָרן, יעדער ניט—ניט—און יעדער ווייל אין אַזאַ צײַט, אַף אַזאַ אָרט, ניט געבענטשט ווערן?—און אָרעמע ווײַ־בער האָבן לעצטע גראָשנס פֿון אָרעמע קנופּלעך אין רעשטלעך געשטיעבן, קעדײַ צו באַגיטיקן און אַרויסקריגן אַ גוט וואָרט פֿון יענע, וואָס האָבן זיך אַ גאַנץ [illegible] יאָר אַף אָט דעם שטיקל צײַט, אַפֿן געווינען בײַ־דעם פֿון פֿאַר די פֿאַרכטיקע טעג, געגרייט.

אַזוי די ווײַבער אין יענע טעג. ס'האָבן זיך שוין אָבער איך געריכט מאַנצבלײַט. די פֿאַרשײַדענע כסידים־בעלטאָטעס פֿון שטאָט האָבן זיך שוין יעדערע באַ זיך אין איר דאַווענ־אָרט—אין שיל, אין קלויז—געזאַמלט, און אין די פֿאַרנאַכטן פֿון די לעצטע טעג פֿון חודש שוין צווישן זיך גע־שמועסט און אָפּגערעדט, ווער יענע „ס'פֿאַרט"; זיך גריפֿירט, געלט געזאַמלט, קעדײַ בעשיטטיגס באַליגאָלעס צו באַשטעלן, און וועלכער בעקמין

באַ זיי, איר האָבן געווען ווײַטער צו פֿאָרן, האָט זיך צעטעלעפֿט מיט אײַ־ נינקע פֿון פֿריער אין יענע זיבן טאָג, רעדן צו דער צײַט, צו ערעװ־יאָמטעװ, ווערן זיי דאָרפֿן, און ווייטער ווינטער רעגן־שטעטל אָנצינדן.

אַז באַרעכענען באַלעגאָלעשע בטאָגציען האָט זיך שיין שטאַרק גע־ צײַלט: פֿון באַלעגאָלישע דרײַא, פֿון ווייטער צײַטן, זיך באַרענגען אין דערנאָך באַראָטן האָבן, ווײַל זיי זײַנען פֿון אַנדערע. וואָס האָבן מער גע־ געבן, אײַנגעזונגען געוואָרן.

אײַ אײַ בבירים־סעקטעס, וואָס האָבן מיט דער אים געהאַט צו פֿאָרן. מען האָט זיך געפֿילט, פֿאַר אַלעמען, זיך אַלײן פֿאַרן רעבנס יאָמטעוו צו ברענגען, און איך פֿאַרצײַטעלע פֿאַרן רעבן די, וועלכע האָבן ניט געקאָנט פֿאָרן, ווײַל אַלעמייטעט גאָטענס־צעטל (כוללות־צעטל), וואָס מע האָט צו־ געזעגנט פֿון אַלע אין דער הײם פֿאַרבליבענע, קעדיי און לעצטן טאָג פֿון יאָר פֿאַרן רעבן דאָס צו דערלאַנגען, און אַלע, אז אויך די גרינגערע מענטשן, יאָרן צו ניטן, אַז א ניט יאָר אײַבעטן, דערמאָנט ווערן.

אייי אַלע. איבער נאָר איינע א בעטערע, וועלכע האָט ניט געשריבן, ווײַל איר ווערט צו איר רעבן איז באַמיט א ווינטלעכער געווען, נאָך דער־ פֿאַר וואָס זי אַבער צו רײַן באַלעגאָלעס נײַעס באַראַבאַ אָנקומען, ווײַל גע־ בינדן אַרײַן האָט די באַן. דאָס זײַנען די בראַבלעיער, וועלכע האָבן שיין בראַנציקע געראַטן, אַרײַנפֿאָרן אַהין ערשט א טאָג פֿאַר ערעװ־ראָשעשאָנע. זיי האָבן זיך אַפּילו אַז דער באַן האָט וועלכן טאָג פֿון אָפּפֿאָרן געשט געקריגן, ווײַל פֿון יאָר צו יאָר האָבן זיי געראַטן ווײַטער און אייגענעם, א פֿאַרמעגלעכן פֿאָלקסבאָר פֿון דער נײַעם, וועלכער פֿלעגט אַלע פֿאָרער, ווײַל־ בע האָבן זיך פֿון דער נײַעם צונויפֿגעזאמלט, מיט א גאַנצן, אַפּילו בא־ דערפֿן וואָגן באַצאָלן. א באַוונדערן דערפֿאַר, ווײַל פֿון פֿיל יאָרן פֿראַ־ טיק האָבן זיי געלערנט און געזעסן, אז ווען מע פֿאָרט מיט פֿרעמדע, קומט עס אָפּט אויף ווען צו בייזער, זידלערײַ און געלעכטער, און אמאָל אויך, באַרײַ נאָך, צו געשלעגן מיטאַנאַנדער...

באַ זיי זײַנען, דעם באַבעבאָרס, מיציע געווען אין זײַן איבגאַבע—צו באַ־ שטעלן מיט א פֿאַר פֿון פֿריער דעם וואָגן אַז דער בטאָגציע, בא ווע־ מען מע דאַרף פֿון די באַנבאַאמטע, און געלט פֿאַר אים באַצאָלן, און דערנאָך, ווער ב'ייטש האָבן זײַן טיילע אַרײַנגעטראָגן, יעדע טראָגן, ווי ווער ניט ווינטער אײַי פֿאָרן, אָן זײַן דערזעגעלט־בייליגע.

•

און אַז איז דער טאָג פֿון ערעװ־ראָשעשאָנה. אַבי שטאָטישע וועגן [illegible] וואָס פֿאַר זיי [illegible] דאָס מען איז ניט רעכענען, אָבער א שטאַרק באַ־ רעבעטער, באַוונדערס אין דער צײַט פֿון אָנרופֿן און אויפֿקומען פֿון די צוג, [illegible] אַרײַן פֿלעגן זיך צונויפֿלויפֿן די רעדנער פֿון גאַנצן ראָאָג, ווער ס'האָט צו דער באַן באַראַבאַ—אַבי שטאָטישע וואָגן האָט מען דעמאָלט דער־ זען צווישן [illegible] אײַלעט זיך שטיפֿגריען, אימפּעריגריען און אנבאַרעריען,

עפּעס איינעמ א באזונדער מענטשנ־שטראָמ, וואָס האָט זיכ איינעמ געהאלטנ, ווי א טשערעדע שאָפ, געשטאנענ איינעמ, געגאנגענ איינעמ, אונ אלע צוזאמענ האָבנ שטיל פארפרעמדטע אונ מיט מוירע פארנ אָרט, ווו זיי קומענ אהינ זעלטנ, אפנ צוג געווארט.

אונ אָט איז דער צוג אָנגעקומענ. יענער שטראָמ, געפירט פונ איינעמ, א זייעריקנ, פונ דעמ, וואָס מיר האָבנ שוינ אויבנ דערמאָנט, פונ זייער באנ־באזאָרגער, דעמ פּאָסעסאָר, האָט זיכ ווידער, ווי די שאָפ צוזאמענ, צו דער פּלאטפאָרמע אונ צו זייער באשטימטנ וואגאָנ געלאָזט.

די צוויי זשאנדארמענ, וואָס זיינענ שטענדיק באמ באנ־אָנקומענ אונ אוועקגייענ בייגעווענ, אלס די איינציקע וואכ־האלטער אונ אָרדענונג־היטער, זיינענ אויכ דאָס מאָל אפ דער פּלאטפאָרמע אינ זייער גאנצנ זשאנדאר־מייענ פוצ אונ גלאנצ אומגעגאנגענ—מיט די קובאנישע באראשקע־היטלענ, מיט די ווייסע בערשטלעכ האָר פונ פאָרנט, מיט די אָרדענס אונ זילבער־בלאנקענדיקע רובלס אפ די ברוסטנ באהאנגענ—באלויגונגענ, וואָס זיי האָבנ פונ דער העכערער מאכט באקומענ פאר זיכ אויסצייכענענ אונ פאר מוסטערהאפטער זשאנדארמישער דינסט.

זשוק, וואָס האלט אָנדערהאלבנ מענטשנ אינ דער הייכ, שטייט, ווי פונ שטאָל—אזוי די ברוסט, אונ די פּלייצע, אונ איינגאנצנ זעט ער אויס, ווי אנ אומגייענדיקע פארקערפּערונג פונ א מעכטיקנ מאכט־גוילעמ,—ער, זשוק, די באקנ געגאָלט, נאָר מיט לאנגע, שווארצע וואָנצעס, האָט קיינמאָל קיינ שמייכל ניט געטאָנ, ווייל ער איז פונ דער נאטור מיט אזא פּייניקייט, ווי קענענ לאכנ, ניט געווענ באשאָנקענ. דערצו נאָכ האָט אימ געדאכט, אז דער זשאנדארמישער שטאט דערלויבט אימ ניט דעמ מינ.

דער צווייטער, מאטוויייעוו—שוינ פיל נידעריקער פונ יענעמ, אָבער מער ברייטער, דעריקער אינ דער ברוסט, אונ אלע זיינע אָרדענס האָט אימ די געלע רוסישע, צעלייגטע באָרד באדעקט.

ביידע זיי. אז זיי האָבנ איצט דערזענ יענעמ מענטשנ־שטראָמ, האָבנ זיי זיכ, ניט ווי זייער געוווינשאפט, ספּעציעל אפ זיי זיכ אָפּגעשטעלט קוקנ אינ דעמ גאנצנ איבעריקנ וואָקזאל מיט אלע איבעריקע וואגאָנעס, ווי פונ אויג ארויסגעלאָזט. זיי זיינענ מיט יענעמ בילד, וואָס בא יענעמ וואגאָנ, אזוי פארבאפּט געווענ, אז ס'איז זיי פאר אלעמענ אונ פאר קיינעמ שוינ קיינ אכט אונ קיינ אויפמערקזאמקייט ניט געבליבנ. ניששט געקוקט דערויפ, וואָס באשטענדיק היגע, ניששט געקוקט, וואָס די היגע שטאָטישע אונ אויכ אויסערשטאָטישע באפעלקערונג מיט זייערע מינהאָגימ, גענג, האלטונג אונ האלבאָשע זיינענ זיי זייער גוט באקאנט געווענ אונ פאר זייער לאנגער דינסט־צייט האָבנ זיי זיכ דאָ געניט מיט זיי אָנגעזענ, האָבנ זיי דאָכ איצט פונ אָט יענעמ אוילעמ די אויגנ ניששט געקאָנט אוועקנעמענ.

זיי האָבנ אויסגעזענ, יענע, פארנ וואגאָנ זיכ צונויפקלייבנדיק, ווי עפּעס ביימעס, וואָס ווערנ אפ אנ אויסשטעלונג געפירט. צווישנ זיי אזא, ווי יאנ־

קערע דער הויכער, פיראַרשיגיקער שניידער מיטנ אראָפּגעבויגענעמ האלדז פאַר מוירע; שאָלעמ דער טרעגער, דער האלבער העלפאנד, וואָס האָט זיכ די גאנצע צייט געשרומפנ אונ זײַנ וווקס געוואָלט פארקלענערנ; מענאכעמ פאַרבער, איבערגעשראָקנ פונ נישט געוווינט זײַנ צו פרעמדע אויגנ, וואָס קאָנענ אפ אימ א קוק טאָנ, אונ פונ דער נישט־היימישער וואָקזאַל־לופט, וואָס האָט געדראכט, אז זי דראָעט אימ פונ אלע זײַטנ, האָט ער דעמ קאָפּ הארט בא זײַנ פאָרויסגייער געהאלטנ אונ מיטנ מויל עפּעס א טפילע געשעפּטשעט, אז באַהיט אונ באַוואָרנט זאָל ער ווערנ פונ אלעמ דעמ, וואָס קאָנ א מיענטשנ אינ וועג אונ אויכ דאָ, אפנ וואָקזאל, כאָלילע, טרעפנ; דאָנ דאָס „פּאָרל“, וואָס האָבנ זיכ אויכ דאָ, ווי אינ שול באַשטענדיק, צוזאַמענ געהאלטנ, ווי צוויי ביינעלעכ, קורציזיכטיקע, אליינ שוינ פונ דער דרויסנשנער צעמישטע, מיט די אָרעמע קאפּאָטקעס אפ די הארע פלייצעס, ווי ברעטלעכ,—אונ אויכ איצט, שטייענדיק אינ דער ריי, אינ דער לאנגער שורע צומ וואגאָנ גייענדיק, האָבנ יעדערער אינ מויל צו שטיקלעכ ציגײַערס געהאלטנ אונ דאָס לעצטע, וואָס מע קאָנ פונ זיי ארויסבאַקומענ, איילנדיק געצויגנ.

דאָס—די היגע, וואָס האָבנ נאָכ ווי־ניט־ווי דאָכ געהאט א שטיקל מענטשלעכ אויסזענ. דאָנ אנדערע, פונ דער פּראָווינצ אָנגעקומענע, אָנגעפּאַרענע, וועלכע זײַנענ אלע יאָרנ ערגעצ אינ פארוקטע, וויט־פארוואָרפענע יישובימ אָפּגעלעגנ,—יענע—שוינ גאָר ווילדע, מיט אזא הוילעכ, וואָס אפילו בא מער צוגעוווינטע צו אזוינע האָט געקאָנט א געלעכטער ארויסרופנ, ביכלאָט בא ניט געוווינטע, בא נישט קיינ אייגענע, בא זשאנדארמענ אפ א וואָקזאל... אזוי, אז ווענ זשוק האָט דערזענ אָט דעמ אוילעמ, וועלכער האָט זיכ איילנדיק, איבערגעשראָקנ אונ וועלנדיק וואָס גיכער אינ וואגאָנענ, געשטיפּט אינ גערוקט אהינ, האָט ער צו מאטוויייעוונ, צומ צווייטנ זשאנדארמ, וואָס האָט זיכ לעבנ אימ געטראָפנ, א ווונק געטאָנ: זאָל ער, הייסט עס, נאָר א קוק טאָנ.

מאטווייעוו, דער מער גוטמוטיקער, דער מיט דער ברייטער ברוסט, וואָס אונ דערצו נאָכ אינ אָפּטער נאכט פארנ בופעט געקומענ פאר א צונ אָנביסנ אונ נאָכ א צוג אויפגעייג, האָט איצט, נאָכ א זיבערער קויסע באַטביטעט, טאקע זיכ נישט געקאָנט איינהאלטנ, אונ גיישט, ווי ס׳פּאסט פאר אימ, פאר א זשאנדארמ בײַמ דער דינסט, האָט, אפ יענעמ אוילעמ קוקנדיק, מיט פונ זשאנדארמישנ הארצ זיכ צעלאכט.

אינ דער מינוט אָבער, ווי די זשאנדארמענ זײַנענ אזוי לאכנדיק אנגעקומענ וואגאָנ געשטאנענ, אזוי האָבנ זיי דערזענ, ווי צוויי עק פונ דער ריי זײַנענ די לעצטע דרײַ פארשיידענע אונטערגעקומענ: דאָס זײַנענ געווענ מיכל ביקער, בערל אינ לוזי, לייזי—הייב אונ שמאלצנע אינ זײַנ זומערדיק מאנטל אָנגעטאָנ... אינ גלײַכ, ווי זיי, די זשאנדארמענ, האָבנ אימ דערזענ, אזוי האָט זיכ פונ זייערע פנימער דאָס געלעכטער אָפּגעטאָנ. זיי האָבנ

און אימ דערקענט א מינ עלטסטנ, א מינ אָנפירער, א מער רײַכערנ אינ אינ קאָוועד געהאלטענעמ, אונ פאר אזוינע, פאר מער רײַכע, פאר מער בעקאָוועדע, האָבנ זײ—צו װעמענ יענע זאָלנ ניט געהערנ, צומ סאָבריט-שטאנד, צו קלער-לײַט, אינ פונ װאָסער פאָלק אונ רעליגיע זײ זאָלנ ניט זײַנ, אבי נאָר אינ עלטסטער, אבי אנ אויסגעטײלטער—שוינ רעספעקט אינ אכטונג געקראָגנ.

די װײַנאנדארמעס האָבנ װײַטער, דאָרט פארנ װאגאָנ שטײענדיק, געזונגנ, װי מיכל בוקיער אונ לוזי זײַנענ אינ װאגאָנ ארײַנ, אונ נאָר אײנער פונ דעמ גאנצנ אוילעמ איז אפ דער פלאטפאָרמע געבליבנ—סרולי, א מעשונע פארשוינ.

דער פארשוינ האָט, אײדער דער עלטסטער, לוזי, איז אינ װאגאָנ ארײַנ, זיכ מיט אימ פאר די ארײַנגאנג-טרעפלעכ געזעגנט. ער האָט אימ עפעס געװוּנטשעװעט, אינ יענער אימ אויכ, אונ אז לוזי איז שוינ ארײַנ, איז יענער פאר די װאגאָנ-פענצטער שטײנ געבליבנ, אזוי לאנג, ביז דער צוג האָט גערירט, ביז ער האָט שוינ געזאָלט פונ דער פלאטפאָרמע פאר-שװינדנ. דעמאלט האָט זיכ יענער עפעס געכאפט, זיכ דערמאָנט, גלײַכ ער האָט עפעס אינ װאגאָנ פארגעסנ, ער האָט זיכ פונ זײַנ אָרט א לאָז געטאָנ, נאָכנ צוג אװעק, אינ אינ לעצטנ מאָמענט נאָכ באװיזנ מיט דער רעכטער האנט זיכ פארנ פלאטפאָרמע-גאנעק אָנכאפנ. ער איז געבליבנ שטײנ מיטנ קאָנדוקטאָר, מיט בײדע הענט פאר בײדע הענטלעכ אָנגענומענ, אינ די פאָלעס זײַנענ זיכ אימ פונ װינט צעפלויגנ. ער האָט צוריק געקוקט אפנ אפגײענדיקנ װאָקזאל אונ אויכ אפ די פארבליבענע װײַנאנדארמעס, װאָס אנ אנדערש מאָל, װענ מע רופט זיכ דערופ, װאָלטנ זײ זיכער א זאכ ניט דערלאָזט, אָבער איצט—פארפאלנ, װײַל סרולי שוינ װײַט, אינ די באנ שוינ אָפגעגאנגענ.

* * *

אונ אָט איז ערעװ-ראָשעשאָנע.

מײַנע מאשבער האָט, יענעמ פרימאָרגנ אױפשטײענדיק, געטאָנ װאָס אלע זײַנע גלײַכנ פלעגנ אינ יענעמ טאָג: צוערשט אפנ הײליקנ אָרט אײנ, װו ער איז פונ ליבער-מײערנ גלײַכ באמערקט געװאָרנ, נישט געריט זיכ גרױסנ געדראנג אונ אפ דער גרױסער מאסע אײַלעניש, װאָס האָט זיכ אינ מינערל דעמאלט אָנגעשטױפט. ליבער-מײער האָט אימ פונ אלעמענ אױסגע-טײלט אינ מיזרעכ צו זײַנ רעכטנ זיכ געשטעלט, אונ דערפאר, נאטירלעכ, װי ס'געהער צו זײַנ באלױנט געװאָרנ.

נאָכדעמ, אז מײַנע איז צוריק אהײמ אװעק, האָט ער זיכ, װי דער מינ-העג איז, הײנט מיט קײנ געשעפטנ ניט פארנומענ: ער האָט אינ שטיל צװײנ דאָאיגער, דערנאָכ אינ דער הײמ צװײנ אײגענע, װי-ניט-איז די צײַט צוטריבנ.

ער האָט אזוי ווײט געגינג יענעמ מאָנ זיכ ארומגעקוקט פונ אלעמ, וואָס דערלאַנגט אינ האָב אינ יעדנ־געוויינלעכנ, אַז אינמיטנ העלנ טאָג, נאָכנ ערשט־אָנגעטרונקענ מיטיק, נאָכ דעמ, ווי אינ שטוב האָט שוינ גענומענ שמעקנ מיט יאָמטעוודיקע קלײדער, וואָס די שטוב־לײט האָבנ אָנ זיכ גענ־נומענ נאָכ דעמ, ווי ס'האָט שוינ גענומענ שמעקנ מיט פארגרייטנ טיש, האָבנ באלד יעלנ זיכ אפ אימ די לײַכטער באוויזנ צומ פײַערלעכנ ליכט־בענטשנ פונעמ לעצטנ מאָל אינ יאָר—האָט מוישע, ווי ער מוז זעלטנ, האָט מאָל יאָ געטאָנ: ער האָט זיכ געהײבנ די פּאָרטקע פונ סאָד אופּ־שליסנ. ווי ארײנ איז אפ די אײַנגעטראָטענע זאמדיקע סטעזשקעס א ניט קײנ בעשוטפּעסדיקע שפּאציר גענומענ מאכנ.

ער האָט אפ די בײמער מיט די שוינ האלב־פארגעלטע בלעטער געקוקט, וועלכע האָבנ אימ אפנ טרויעריקנ געדאנק ארײַנגעבראכט, דעמ אנטשפּרע־כיקנ אַז דער צײט פונ יאָר — דעמ האַרבסט פונ דער נאטור, אַז דעמ דערוואַרטנ יאָמטעוו, וואָס קומט דערמאָנענ אינעמ האַרבסט פונעמ מענטשנ. ער האָט שפּאצירט, אינ זײַנ אויג האָט וויגנדיק אפ די שוינ אָפּגעשאָקל־טע, גאנצ פּוסטע, בלויז שפּיצ־צעטײלטע בײמער, וועג אמאָל נאָכ אײנע א פארלאָזענע פרוכט הענגענע דערזענ.

שפּאצירט, ביז די זינ האָבנ זיכ שוינ צומ פארנאכט גענייגט. אונ דאָ האָט ער אפ אײנער א סטעזשקע, א נאָענטער צומ פּארקנ, — ארופּקומענ־דיק, אינ ריפּ איבערגעקערט ער האָט דערזענ, ווי אינ די געצײַכנטע פענ־צטער פונ זײַנ עלטסטנ (נעכטנ, מאכטמעס דער וועמער איז געווענ א געפעלטער, א קינדער אינ קימאט א וואָטעריקער), האָט זיכ אינ אײנ־ריינ בײנ ווי אנ אָפּלאָנצ פונ אָנגעצינדענע ליכט אינ שטוב באוויזנ, — געוועב שוינ אפנ עלטנ שמײַענדיקע. ער האָט זיכ דערמאָנט: ס'איז צײַט פונ ליכט־בענטשנ, וואָס גיטעלע אינ אזײנע יאָמטעווימ פארנעמט א ביסל פארפרויער. אונ ער האָט דעמ גאָרטנ פארלאָזט אינ אינ שטוב ארײנגעקו־מענ.

ווירקלעכ: אפנ ניי־פארשפּרייטנ טיש איז אינ אײנעמ אנ עק א רײ לײַכטער אײנגעשטעלט געשטאַנענ — גרויסע, זילבערנע, געשמעלצטע אונ בראָנזעגעדיקע, אינ אינמיטנ צווישנ זײ—אײנער א יערושע־לײַכטער, ספּע־ציעל גאָר אינ גרויסע יאָמטעווימ געברויכט: א האלבע מענורע מיט דרײ ערמ אינ דער לענג, אינ פונ דער מיטלסטער בייגט זיכ ארויס א פערטע פונ פאָרנט.

אינ אלע לײַכטער ווײסע ליכט, אונ אינ דער מענוירע—וואקסענע, אונ אזויווי די לײַכטער־רײ א גרויסע, אינ באזונדערס די האלבע מענוירע דער־צו נאָכ א שטארק הויכע, וואָס ווען גיטעלע וועט זי באַמ ליכט־בענטשנ באַ־דאַרפנ ארומנעמענ אונ מיט די הענט איבער אירע ליכט ארײבערדערלאנ־גענ, וועט איר שווער זײנ, ווײל זי איז נישט מער, ווי מיטעלנ וווּקס, אונ ענבלעפ אויב א ביסעלע נידעריקער, אונ אירע הענט וועלנ ניט דערגרייכנ,—

האָט מען איר שוין, ווי ס'פירט זיך קעסיידער, א פוסבענקעלע אונטערגעשטעלט. איר וווּקס צו פאַרגרעסערן און צו פאַרמערן אירע מעגלעכקײַטן בײַ די הענט צו צעפירן.

און טאַקע: גיכעלע האָט זיך שוין געהאַט געגרייט אַפן בענקעלע אויפגיין, און איידער נאָך זי האָט א פוס אהין געשטעלט, האָבן זיך איר שוין טרערן געקײַקלט, קוקנדיק אַף איר מאַן און אירע קינדער, וועלכע האָבן [illegible] איצט באַם טיש ארומגעשטעלט, און פאַר וועלכע זי וועט באַלד, באַם ליכטבענטשן, פאַר אַלע אײַנעם און פאַר יעדערן באַזונדער באַדאַרפן בעטן, צוערשט און באַזונדערס—פאַר איר מאַן.

אויך מוישע האָט דעמאָלט אַף איר, אַף די קינדער, אַף אַלע בני־באַית א קוק געטאָן, און פלוצלינג האָט ער זיך דערמאָנט, אַז איינער נאָך א [illegible] פעלט דאָ — אַלטער. ער האָט היינט באַשלאָסן, פאַרן ליכטבענטשן און איידער ער וועט אין שול אוועקגיין, אריבערגיין צו אים געוויירע ווערן, זען, וואָס ער מאַכט, און וואָס איז מיט אים די לעצטע טעג נאָך יענער געוויסער נאַכט געשען: בעסער—ערגער. אויב בעסער—א גוט יאָר, און אויב ניט—איז באַמיט אַף אים א קוק טאָן, קעדיי שפעטער אין באַמש אין שול דערמאָנען. מוישע האָט דערום באַלד די עסשטוב פאַרלאָזן און איז אַלטערס [illegible] אריבערגעטרעטן, און, אריינגייענדיק, האָט ער באַמערקט: איבערן לינדן, האַלבפינצטערן [illegible] איז אויך אַלטערס פענצטער, וואָס קוקט אין גאַס ארויס, געעפנט געשטאַנען. די האַלבפאַרגייענדיקע זון האָט דורך די ביימער א געליטערטן, א געדעמפטן אין זײַן צימער ארײַנגעקוקט. אַלטער איז אַן איבערגעטאָנענער צום יאָמטעז אין ווײַסן ווײַט אַף זײַן בעטל געלעגן, מיטן פּנים צו דער באַשײַנטער פענצטערווענט. א שטאַרק מאַטער, מיט בלאַסע אײַנגעלײַטע הענט איבער דער קאָלדרע, פון דער שײַדער קרענק, וואָס איז אַף אים איבערגעגאַנגען, אָבער די אויגן קלאָרע, באַוווּסטע, ווי בײַ א בעטישער קימפעטאָרן נאָכן האָבן, וואָס דער צאַר פון די נאַריאָס איבערגעטראָגענע ליידן איז איר נאָך אין בליק אָנגעזען, אָבער קיין ווערטער האָט זי ניט אַף מיט דעם צופרידענעם און מיט דעם איבערגעקומענעם זיך צו טיילן.

אַז אַלטער האָט פריער דערהערט, דערנאָך דערזען זײַן ברודער מוישע אַף דער שוועל ארופקומען, אַזוי האָט ער זיך באַלד צו אים א לײַכטן דרייאויס געטאָן, אַף אים א קוק געגעבן, און א האַלב־קראַנקער, האַלב־באַגליקטער אים צו זיך ווי מיט די אויגן אײַנגעלאַדן.

— וואָס מאַכסטו, אַלטער? — האָט מוישע, צו אים איבערן בעטל זיך איבערבייגנדיק, געפרעגט.

— כ'ווער, דאַכט זיך, געזונט, מוישע,—האָט מוישע אַלטערס שוואַכע ווערטער, פון זײַן שוואַכער ברוסט קומענדיק, דערהערט.

ווירקלעך: מוישע האָט אין זײַן מאָג, אין בליק און אין זײַן גאַנצן אויסמיקן באַנעמט מאַקע דערקענט, אַז א נײַס, אַן ענדערונג איז אַף אים געקו־

טיג. ער האָט זיך דערמאָנט אין יאנאָווסקי׳ס דעם דאָקטער׳ס ווערטער, אין יענעם נעגיסן באַנאַכט, ווען מיט אלטערן האָט זיך אין שטוב אויסגען, בייס ריזיס אויעקגיין, דער פּאַל געטראָפן. ער האָט אים איצט דערזען בעטיטעב א גוט-געבוירענעם, כאָטש בלאַס און אָנמעכטיק. ער האָט זיך ווילד פאַר-בירעסט. אָבער אבלגדיק זיך וואָס ניבער אראָפּצוגיין און אין שטוב אראָפּ-צוקומען, האָט ער זיך צו אים זאָכמאָל א ביס געטאָן און זיי אין אויער אים ארייננעשטריגן:

— האָב א גוט יאָר, ס׳הינט ערעץ ראָשעשאָנע. דו ווייסט?

— ערעץ ראָשעשאָנע? נייג. בעשערנק נים...

מוישע איז אוועק. נימעלע האָט שוין, שטייענדיק אף פוס-בענקעלע, מיט ווייסן זייערנעם קאָפּטיכל אף איבער די אויערן פאַרנומען, די הענט בא די אויגן צוגעהאַלטן און איבער איר פּאָנעם, דורך די פינגער, האָבן זיך איר טרערן געגאָסן. מוישע און זיינע איידעמס זיינען שוין אין איבערטאָגעלע געשטאַנען, גרייט אין שול זיך לאָזן, און טעכטער האָבן נאָך אַם נימעלען געוואַרט.

אין אַט האָבן זיך אלע פון שטוב ארויסגעלאָזט און, אויסער די דינסטן אינגען, איז אליין נאָר אַלטער אף איבערשטיבל געבליבן. די פארגייענדי-קע זון האָט הייבן באַשיינען פענצטער זיין עלטן באַבערישן צימער באַ-לייכטן, איבער אים אליין און זיין ליגנדיקער לאַגע. אלטער האָט דערפילט, ליגנדיק, שטיל געוויינט—שטיל אף זיינע פארגאנגענע יאָרן, וואָס זיינען אים פאַרגאַנגען אָן זיין ווילן, און אף זיינע קומענדיקע, וואָס ער ווייסט נים, וואָס וועט אים און זיי געשען. ער האָט פאַמעלעך די קאָלדרע פון איבער זיך אראָפּגענומען און פון אונטער איר ארויס, איז פון בעט אראָפּ, און א שייאַב-זייב-שלעפּנדיקער, א האַלב-נאַקעטער צום פענצטער זיך צוגע-שטעלט. ער האָט אין גאָרטן ארויסגעקוקט און מיט האַלב-געשלאָסענע אויגן פון שוואַכקייט די פארגייענדיקע זון פון צווישן די ביימער באַלייט.

# X

# כמארעס

מע ווייסט ניט, וויאַזוי מען האָט זיך אין דער ווײַטער גובערניע־שטאָט דערוויסט פֿונ דער טויט פֿונעמ באַרשעט, און וועלכע פּריצים האָבנ געשיקטנ ביימ דער רעוויזיע. מעגלעכ, אַז דער וועלכער מאַרנ סיוועניסלאַווסקי. וואָס גאָר און יענעמ יאָרנ אַנדערוואַנט און גאָר אַלעמענ צו אָר גערירט. אַז דאָס איז ער מאַרק דער, וואָס דאָס געשעענ—מעגלעכ, אַז דאָס האָט ער מאַכט אַליינ, נאָכ דעמ ווי ער האָט דאָס איבערגעשיקט באַקומענ. אַליינ דערגאַנג באַרמאַכערט, מערער האָבנ דיכ, אַז באַפּראָלבאָ זאָל מענ זיכ אַליינ ניט דערוויסנ, און דערצײלט וועט ער וועלכע אָפּטענערנ, וועט פֿאַר אימ ווײַנ ערגער.

א ביזאָרע, וואָס אַזוי איז דאָס מאַכט געווענ. אָנ, פֿאַרוואָס מע האָט א שטיק צייט דערנאָכ סיוועניסלאַווסקינ פֿאַרלאָרנ פֿונ אויג אויג, ווי מע האָט איבערגעגעבנ, איז ער יענע צייט געווענ אַרעסטירט? וועמ ווייסט? מעג־לעכ, אַז עפּעס פֿאַר אַנ אַנדער שווינדל; מעגלעכ אָבער אויכ, אַז אינ די הויכע ערטער האָט מענ מיטנ אַרעסט געמיינט אימ דעניינ אינ די אויגנ פֿונ די פּריצים אַרויס: אַז קליינטרייסט איז מענ אויכ אויפֿ ביישטעט, אַז קלייניטרייסט־שטערנ דאָ אויכ פֿאַר אויפֿ באַראָנעס, און דערמיט וועט דער צוטרוי צו אימ מיצאַד די פּריצימ, באַטש אינ דעמ פֿאַל, ניט אָפּפֿאַלנ, זעניגריק אַלקאָלפּאָנעמ איבערצייגט, אַז ניט ער האָט אויסגעגעבנ. די הויכע ערטער, הייסט עס, האָבנ דאָ געוואָלט פֿאַרהיטנ סוועניסלאַווסקינ פֿאַר זיכ, אַזוי ווי ס'איז אָפּט געטאָנ געוואָרנ אינ ווי ס'האָט זיכ פּראַקטיקירט אינ אַזעלכע געהיימ־פּאָליטישע פֿעלשונגענ אינ מעסירע־זאַכנ.

ווי די מעשה זאָל ניט זײַנ, נאָר אינ א שיינעמ טאָג האָט זיכ אינ שטאָט באַוויזנ א גאַנצע איבערפֿאָרש־קאָמיסיע. מע האָט צו דער קאָמיסיעס אָנקו־מענ שוינ געהאַט אַראָפּגעבראַכט קימאַט אַלע אָנטיילנעמער פֿונ יענער הוּ־ליאַנקע אַפֿ „פֿרעמטשיבמע“. עטלעכ, דערווײַל נאָכ נישט איבעריק שטרענג.

נאָכ אינ ספּעציעלע האַלב-געהײמע מעלדונגענ, וואָס מע האָט אַרײַנגעשיקט צו די פּריצים אינ די הויפנ, איז געשריבנ געווענ, אַז צו דעם אונ דעם טאָג וועלנ זײ געפינענ אינ קרײַז-שטאָט, קײנ N אָפּ אַנ אויספרעג. וועגנ וואָס דער אויספרעג—האָט די מעלדונג נישט דערקלערט, נאָר פּריצים האָבנ גלײַכ פאַרשטאַנענ אינ זיכ אָנגעשטויסנ, אַז ס'איז געווינ א נאָכשלעפּעניש פונ טומלט, פונ דער מײַסע מיטנ שיכנ, אונ אַוואַדע האָט די הויט אָפּ זײ שוינ ווײכט געציטערט.

בײַ אַזא פאַרהער, לעמאָשל, ווי בײַם יונגנ קאָזעראָגע, איז שוינ אָפּי- לע דערכט געווענ, אַז מעקהראָוויט אינ הײפּ-לײַט האָבנ אים געײצעט, ער זאָל זען זיכ פאַרנעמענ אונ ווי מעגלעכ גיכער די גרענעצ אַריבערשוואַרצנ, ווײַל דער ווײַטער, מיט וואָס אַזא זאַכ קאָנ זיכ אָנהײבנ אונ מיט וואָס זיכ אויס- לאָזנ: אַז דעריקער, זײ באַוווּסט, — האָבנ הויפּ-לײַט געמײנט, — מײנט מענ דאָכ דאָ ניט דעמ עמעס: יאָ געדעכט, ניט געדעכט, אַז העריקער וויל מענ פינ זײ פאָטער וועגנ, מע זוכט אַנ אײַסרייד, אונ בײַ וואָס נאָר מע קאָנ זיכ אָנכאַפּנ—אַבי א שולד, אַבי זײ ניט צורו לאָזנ, אַבי פונ זײערע אײַנגע- זעסענע ערטער זײ אַרויסדרײַבנ אונ זײערע פאַרמעגנס לעטויוועס דער מע- לוכע אַוועקנעמענ.

אַזוי, אַז בײַ קאָזעראָגע, לעמאָשל, האָט שוינ דערבײַ טאַקע געהאַלטנ— באַט אַנטלויפנ. מע האָט דערנאָכ דערצײלט, אַז אינ יענעם באַנאַכט, וואָס אָפּ מאָרגנ האָט ער, לויט דער אײַנלאַדונג, שוינ באַדאַרפט קומענ אינ קרײַז-שטאָט, קײנ N, — איז שוינ בײַ זײַנ „הויפּ" געשטאַנענ א גרײט-גע- שפּאַנטע קאַרעטע, געטרײַע דינער האָבנ שוינ געהאַט אַרויסגעטראָגנ פונ שטיב דאָס געפּעק בײַ פּעקלעכ, קעדײַ דאָס אַוועקלײגנ אָפּ דער קאַרעטע. ער אַלײנ, קאָזעראָגע, שוינ אינ וועג-מאַנטל, שוינ אינ א ווינטער-פּעלצ, ווײַל ס'האָט אים געטרײסלט אונ געפרעסטלט. אַלצ שוינ גרײט. נאָר אינ א לעצטנ מאָמענט, ווענ ער האָט מיט די שאַרפּענדיקע פיס זיכ געלאָזט אַראָפּ- גײנ פונ די טרעפּ פונ זײַנ הויז, האָט ער זיכ עפּעס א מעשונע דרײ גע- טאָנ, זיכ פאַרטשעפּעט אונ שיר-שיר ניט אומגעפאַלנ, ווענ ניט א נאָענטער דינער זאָל אים געווענ אונטערכאַפּנ. דער דינער האָט געמײנט, אַז דער פּאָריצ האָט זיכ נאָר אײַנגעגליטשט. עס האָט זיכ אָבער אויסגעלאָזט— נײנ, דער גראַפּ האָט זיכ שוינ פונ דעמ דינערס הענט ניט געקאָנט אויפ- הײבנ. ער איז, ווי א קלאָץ, אָנ לאָשנ, אָנ באַוועגונג אונ אינגאַנצנ א גע- לײמטער, מיט זײַנ גאַנצער שווערקײט אָפּ אים געלעגנ—כאָטש נעמ אונ לײג אים אײַנע א פינגער. מע האָט אים באַלד אינ שטיב אַרײַנגעטראָגנ אונ מע האָט גלײַכ דערזענ: דאָס מויל איז אים אָפּ א זײַט, פונ ווינקל מויל רינט אים, אײנס אַנ אונ פרעמדלעכ-גלאָזיק אינ א גאַנצער האַלבער קערפּער שוינ בלאָז, ווי א מילצ. אַזוי, אַז ער, קאָזעראָגע, איז אַרויס אינ טיראַזש, אינ אים האָט מענ דערווײַל צורו געלאָזט.

אַלע אַנדערע אָבער זײַנענ, נאַטירלעכ, אָפּ דער אײַנפאַרשונג יאָ גע-

קומענ. מע האָט זיי גענומענ אָפּנ פארהער. זיי האָבנ פריִער געלייקנט שטיינ־אינ־ביינ. אלע, ווי אָפּגערעדט, האָבנ אפילע דעמ פאקט פונעמ שיסנ נישט געוואָלט אָנערקענענ. ס'האָט אָבער נישט געהאָלפנ: וואָס מער מיט איינ־אויסגעפרעגטנ, אלצ מער איז די אויספאָרשער צוגעקומענ באווייזנ, אז דער־פאקט איז זיכער געשענ, אינ הענגענ געבליבנ איז נאָר די פראגע, ווער איז געווענ דער ערשטער, דער אָנהייבער, דער איניציאטאָר, אונ ווער פונ די איבעריקע האָבנ אימ מיטהעלפנדיק אונטערגעהאלטנ, ווייל אלע, ווי די אויספאָרשער זיינענ געוווירע געוואָרנ, האָבנ דאָכ צוזאמענ דעמ פויליש־פארבאָטענעמ הימנ געזונגענ, אזוי אז אינ אלגעמיינ איז דאָס בילד געווענ קלאָר, אונ נאטירלעכ, זיינענ שוינ איניקע איינגעלאדענע פריצימ אהיימ צוריק ניט געפאָרנ אונ זיינענ אינ שטאָט פארבליבנ גערעשטעוועט. אינ ביי־געלעביינע, ביימ דער אויספאָרשונג, האָט מענ שוינ נאָכ איינעמ א פאָדעמ ארויסגעצויגנ — יענעמ, וואָס האָט געפירט צו די ייִדישע שטאָטישע נעגידימ, וועלכע האָבנ, ליפערנדיק די פריצימ דאָס שטיצ־געלט, זיי געהאָלפנ די זאכ צו פארווישנ.

מע האָט דערומ געלאָזט רופנ אויכ די ייִדישע גווירימ. דאָס האָט ארויסגערופנ אזא צעטומלעניש אונ שרעק אינ איניקע הייזער, אז דער סאָד, וואָס איז צוערשט געבליבנ צווישנ איניקע געציילטע אומיטלבארע אָנטיילנעמער אינ יענעמ איניענ, דה. צווישנ אליינ נאָר די מענער, וואָס האָבנ זיכ באטייליקט אינ דער געוויסער אסיפע בא רעב דודינ — אָט דער סאָד איז איצט אויס סאָד געוואָרנ. פריער פאר די ווייבער פונ די אָנטייל־נעמער, דערנאָכ אויכ פאר די קינדער, איינגענע, פריינט, נאָענטע אונ קרויווימ. דער טימל אינ די פארלוירנקייט האָט שוינ קימאט דערגרייכט, ווי ביימ א סרייפע אָדער ביימ א געוויסער, ווענ מע ווייסט זיכ קיינ אייצע ניט צו טאָנ. פונ פארלוירנקייט האָבנ איניקע ווייבער, איינגענע, פריינט, קרויווימ באלד גענומענ לויפנ צו ניט־ייִדנ נאָכ אייצעס, אינ אנדערע אפנ „פעלד“ קוואָרימ מעסטנ אאוו.

דעמ ראָוו, רעב דודינ אליינ, האָט מענ דערווייל נאָכ צורו געלאָזט — צו דער אויספאָרשונג אימ ניט גערופנ. צי מאכמעס קאָווער פארנ קלייר, צי מעגלעכ עפּעס דערפאר, וואָס מאָמער וועלנ זיכ די איבעריקע אקשנענ, זיכ ניט וועלנ מודע זיינ אונ ס'וועט האלטנ בא ברענגענ זיי צו א שווע, זאָל דער ראָוו זיי איבערעדנ, דערצו ניט דערלאָזנ, ווייל אנדערש וועט ער צוזאמענ מיט זיי מוזנ שווערנ — א זאכ, וואָס איז א בזיוינ פאר קאָהאָל אונ וואָס אפילע דער גערייכט זעט מיט דעמ זיכ ניט אָפּט באנוצנ, ביז לעצט, ביז אינ מיטלענ זיינענ שוינ איינגעשעפּט. אזוי, אז אימ, רעב דודינ, האָט מענ נאָכ דערווייל ניט אָנגערירט. דאָס האָט אָבער ניט געשטערט, אז אויכ בא אימ אינ שטוב זאָל זיכ פילנ טישע־בעאָוו, אז איינ דאָרט זאָל מענ ארומגייענ אָנ קעפ: די רעבעצנ — צעטומלט, אונ פונ די הענט איז איר אלעמאָל אנ אנדער זאכ ארויסגעפאלנ אונ זיכ צעבראָכנ.

וואָס דאָס אליין האָט איר שוין געדינט פאר א שלעכטנ סימנ. רעב דו־
די אליין האָט נאָך געשוויגנ, נאָך דערפאר די שנור רעב דודיס, וואָס דער
איינציקער יחוס אירער איז געווענ דאָס, וואָס זי האָט זײַנ איינציקנ זונ
לאנג קיינ קינדער נישט געהאט, און מע האָט איר אָפט געקוקט אפנ בויכ
און אפ אירע ווײַבערישע פײַקעלעכ, זי זאָל זיכ מיט זיי, סאָפּקאָלסאָפּ, בא־
הײַזנ,—זי, די שנור, וואָס איז אלעמאָל ארומגעגאנגענ פונ גאנצפרי אָנ
שוינ אינ ווײַסנ אינ אינ שלייער, איז דאָס מאָל שוינ פונ איר פוצ־געדער־
ארײַס, איז ארומגעגאנגענ האלב־אָנגעטאָנ און איז אלעמאָל פאר איר מאנ
געקומענ, און ער, א צוגעשלאָגענער און האלבער שלימאזל, האָט זי צום
טאטנ, צו רעב דודינ, אָפּגעשיקט, און רעב דודי אליינ, דער, וואָס א גאנ־
צע שטאָט און א גאנצע געגנט האָט פאר אימ געציטערט און גרויס אכטונג
געהאט,—רעב דודי אליינ האָט זיכ דאָס מאָל פונ דער שנור געלאָזט
אײַנטארנ און ריזענ:

— אז וואָס האָט דאָס אימ געטויגט? אלעמענ האָט איר זיכ נאָכ
געטרייסט? מ'איז דאָכ דאָ אײַנגעשטעלט מיטנ לעבנ.

— ווײ איז איר!—האָט זי געמיינט,—וואָס וועט דאָ זײַנ, און וואוהינ
וועלנ זיי אהינקומענ?

אויכ אינ אנדערע שטיבער, בא די גווירימ, ווי געזאָגט, זײַנענ קעפּ
געגאנגענ כאָדאָראָם, און פארנ גיינ צו די אויספאָרשער און נאָכנ קומענ
האָבנ די ווײַבער אפ די מענער גענוג טרערנ פארגאָסנ און אויכ זיי געגעבנ
פאָרווירפנ געמאכט: „וואָרע, אז מע טוט אליינ, מאָטער אפ איינענער
אכרײַעס און מע אײַצעט זיכ קיינמאָל נישט אפילע מיט קיינ שטוב־מענטשנ,
אפילע מיט קיינ אייגנ ווײַב נישט“. און נאָכ די אלע פאָרוואָרפנ זײַנענ די מא־
נענ, גייענדיק אהינ, וואוהינ זיי זײַנענ גערופנ געוואָרנ, באגלייט געוואָרנ
פונ די ווײַבער, אזויווי אפ די עשאפאָטנ.

די גאנצע צײַט, ווענ מע האָט זיי דאָרט געהאלטנ, האָבנ הײַזער נישט
געלעבט, נישט גערוט. מע איז אומגעלאָפנ, ווי פארסאמטע, זוכנדיק און
פרעגנדיק אײַצעס בא וועמענ מע האָט געמיינט זיי צו געפינענ, און אויכ
אפילע בא וועמענ נישט.

דאָס זעלבע, נאטירלעכ, אויכ אינ אונדזער באקאנטער שטוב, בא מוי־
שע מאשבער, וואָס אויכ אפ איר האָט זיכ די מײַסע־אויספאָרשונג ווי א
פינצטערע כמארע אָנגערוקט. מע האָט נישט געוווּסט פונ וואָס און פונ־
וואנענ, ווײַל פאר דער גאנצער שטוב, אפילע פאר גיטעלענ, אויסער נאָכ
פאר יונגערנ אײַדעם, פאר נאָכעמ לענטשער, איז דאָכ די גאנצע מײַסע
מיט די פריצימ און מיט דער אסיפע בא רעב דודינ געבליבנ א סאָד,
וואָס מע האָט נישט געהאלטנ פאר נייטיק אימ צו דערציילנ. איצט האָט
מענ שוינ נישט געקאָנט, מע האָט געמוזט ארויס מיט אימ, און די שטוב־
לײַט האָט דאָס געטראָפנ ווי א דונער.

אלע האָבן געקוקט אפ מוישען, ווי אפ א פארורטיילטן, און ווי מיט א בוילע מעסויקן האָט מען זיך מיט אים מיט די בליקן געזעגנט און שפילערהייט אים באוויינט. גימעלע—אויסער זיך. זי איז ארומגעגאנגען איבער דער שטוב הין און צוריק, ווי א מענטש, וואָס האָט עפעס א שווערן איניען צו באטראכטן, גייט אום פון ווינקל צו ווינקל און ברעכט די הענט און קנאקט די פינגער, זוכנדיק אן אויסגאנג פון דעם, צו וועלכן ער האָט זיך אין קלעם ארײַנגעפאקט. זי איז געווען צעמיישט, אָבער אזוי ווי די זאך איז געווען צו ערנסט, האָט זי דאָס מאָל ניט געפינען קיין לײַכטע טרערן פונעם הארץ זיך אָפצואווײַנען, נאָר, פארקערט, זי איז געווען געשלאָגן, האָט קיין מויל ניט געעפנט, זיך אפילו מיט וועמען-ניט-איז וועגן דעם זיך דורכצורעדן.

אזוי אויך די טעכטער מוישעס. איין גאָבעט נאָר, דער אײַדעם, ווי א מאנצבל און ווי א מער ציגעריימטער און א מער באהאוונטער אין דעם איניען, ווײַל אים איז דאָך פון לעבאמבילע אָן דער סאָך פארטרויט געווען, האָט מיטן שווער, מיט מוישען, וועגן דעם יאָ א פּאָר ווערטער אויסגערעדט, אָבער מיט א מין צארומען אין מיט יענעם סאָרט כאָכמע, וואָס מע דערוועגט קעסיידער נאָך דעם, ווען אנ אנדערער מיט אָפ א נאַרישקייט. ער האָט איצט שפילערהייט געפרוווט זײַן דער קלוגער און אײַנוואַרפן דעם שווער דאָס, וואָס פארפאלן און וואָס אין איצטיקן מאָמענט האָט עס שוין געהייסן נישט מער, ווי זאלצן יענעם אפ די וווּנדן.

— פארוואָס האָט מען מאקע ניט באטראכט, איידער מע איז צו אזא איבערישטומעפ געוואָרן, איידער מע איז נאָך געגאנגען דערויף, אפילו ווען דערויף האָט צוגערעדט אזא, ווי רעב הירי, און ווען אפילו אלע זײַנען דערויף אײַנגעגאנגען.

מיט איינעם וואָרט, צאָרעס האָבן געהאט אלע יענע הײַזער, וואָס ווייערע פאָמערב און מאנען זײַנען אין יענעם איניען געווען פארמישט, סײַ איידער זייערע פאָמערס, מאנען זײַנען אפ דער אייספאָרשונג געגאנגען, באזונדערס אָבער דערנאָך, שוין נאָך דער אייספאָרשונג, ווען אלע זײַנען, ווי די אווייליס פון באגלייטן עפעס א נאָענטן מעס, צוריק אהיים געקומען אָן לאָשן אין מויל און מיט קעפּ אראָפּגעלאָזטע.

ווײַל ייִדן האָבן בײַם דער אייספאָרשונג מאקע רעכט גוט אָנגעפּלאָנערט: ניט צוגויפרעדנדיק זיך פריער, אָדער נײַשט זײַענדיק אלע בא איינדייע, וויאזוי זיך צו האלטן, האָט יעדער אפ זײַן אייגענער אכרײַעס עוּרשט די גאנצע מײַסע מיט דער אסיפע און מיט דעם געלט-אנפלײַען געלייקנט שטיינ-און-ביין; מע ווייסט ניט פון עפעס צו זאָגן. אָבער אז מע האָט געזען, אז די אייספאָרשער ווייסן פון אלץ ביז א מינדסט, געניי אפילו וויפל מענטשן האָבן דאָרט אָנטיילגענומען, געניי אויך די סומע, וועלכע ס'האָט זיך נעפאָדערט און וועלכע זיי האָבן מאקע צונויפגעשטעלט—האָט מען באַרשטאנען, אז לייקענען אין זיך מאכן מאמעוואַטע וועט שוין דאָ

נישט דורכגיין, און מע האָט געמוזט — בעסער — אַלץ, וואָס מע האָט געזוכט, פּאַקט נאָך פּאַקט דאָס גאַנצע בילד פֿון דער אַטיפּע און דעם גאַנצן עמעס אויסלייגן. מע האָט זיך די צונגען געשלעפּט, און די צונגען האָבן שוין בײַ אַלע אין דרויסן געשמעקט.

עמעס, די באַציִונג פֿון די אויספֿאָרשער צו די אויסגעפּרעסטע ייִדן איז ניט געווען די זעלבע האַרבע, ווי צו די פּריצים. פֿון לעבאַמבילע איז פֿאַר די אויספֿאָרשער, ווײַזט אויס, קלאָר געוואָרן (און עפּשער זײַנען זיי שוין מיט אָט דער מיינונג גרייט פֿאַרטיק פֿון דער געהעריקער מקום אַראָפּגעקומען), אַז דער אָנטייל פֿון די ייִדן אין אָט דער מעשׂה איז בעשטימט ניט צו פֿאַרגלײַכן מיט דעם אָנטייל פֿון די פּריצים. די ייִדן האָבן קיינער דאָ ניט כּלומרשט געווען אין מיטגעפֿיל צו דער עצם־זאַך, ווי זיך קעגנשטעלן דער מלוכה, ווי בילבול צו האָבן צו אַזוינע זאַכן אַ יאָסער־ניט־איז שײַכות. די איקער שולד זייערע האָט דאָ נאָר געקאָנט זײַן אין העלפֿן אַרויסהעלפֿן די פּריצים, ווי מאָמענט זיי זײַנען געווען, וועגן יענע זײַנען געענגט. און פֿון זייער זײַט האָט דאָס געשמעקט נאָר מיט האַנדל, מיט פּראָצענט, מיט געלט־רעוואָכים און נישט מער. אַזוי, אַז דער גאַנצער אינגאַנצן — האָט מען געקאָנט אויסמײַדן — איז זיי גאָר ניט אָנגעגאַנגען, זיי זײַנען אַפֿילו ניט מעכניעוו געווען צו חיסן, ווי ווײַט די פּריצים זײַנען שולדיק אין אַ וויפֿל דאַרף מען זיך דאָ פֿון דעם איניען ווײַט האַלטן.

עמעס, מע האָט געקאָנט אויסמײַדן אויך אַנדערש, פּאַרקערט: העלפֿן אַ פֿאַרברעכער איז אַליין אַ פֿאַרברעכן. די ייִדן מיט די פּריצים זײַנען דאָ איינס: יענע האָבן געטאָן, די האָבן פֿאַרשטעלט, יענע — פֿאַרשולדיקט, און די האָבן זיי איבערבאַהאַלטן, און נישט נאָר זיי, די ייִדן, האָבן אַליין נישט דערציילט, נאָר אויך געגעבן געלט און כּאַבאַר, אַז אויך אַנדערע זאָלן נישט דערציילן.

יאָ, מע האָט געקאָנט מײַנען אי אַזוי, אי אַזוי. האָב, ווען די אויסגעפּרעסטע וואָלטן ניט געווען אַזוי צעמישט, וואָלטן זיי זיכער באַמערקט, אַז די באַציִונג צו זיי איז האָב אַ פֿיל לײַכטערע. אַ סימען — מע האָט קיינעם פֿון זיי נאָכן אויספֿרעגן ניט פֿאַרהאַלטן, און אויך בײַ דעם אויספֿרעגן האָט מען געזוכט, אַז מע וויל דאָ בײַ זיי נישט מער, ווי נאָר דערגיין דעם עמעס, נאָר דעם פּאַקט אויפֿשטעלן — די מײַסע מיטן געלט אָנגעלייגט, אָבער זיי אַליין, די אויסגעפּרעסטע, שפּילן דאָ קיין איבעריקע ראָליע. אַזוי אָבער אַלע פֿאַרלוירן — פֿאַר אַלעמען, פֿונעם פֿלאָנטערן און פֿון דעם, וואָס מע האָט פֿריער געוואָלט לייקענען, דערנאָך זיך געמוזט מודה זײַן, איז מען צעטומלט געבליבן און מע האָט שוין נישט געקאָנט באַנעמען נישט אין טאָג, נישט אינעם האַלטן זיך און נישט אין דער באַציִונג. אַפּ וויפֿל מע מעג דאָ רויִק זײַן און אַפּ וויפֿל אומרויִק, און אַלע האָבן זיך נאָך מער פֿאַרלוירן, אַזוי ווײַט, אַז אַלע האָבן, נאָך דער אויס־

פאָרשונג אַהיים קומענדיק, אויסגעזען, ווי נאָכ א שווערנ מאָנעם, אָדער ווי נאָכ א דונערשלאַג. ווענ רייב איז אינ קאָפּ אונ פּאַכעד אינ די אויגנ אלע—גוט אויסגענומענ אויב מוישע מאַשבער, גאַפּירלעכ.

* * *

דאָס איז פאָרגעקומענ גלייכ נאָכ די יאָנטויווים, אַרום אָנהייב בוידעש בעשיוועג, ווענ אינ דרויסנ שוינ דער געוויסער האַרבסט מיט די רעגנס באַטאָג, רעגנס באַנאַכט, אָנ אויפהער אונ אָפּ גאַנצע וואָכנ. יענער בוידעש, וואָס אפילע אינ געוויינלעכע צייטנ, איז אויכ אָפּנ האַרצ פונ א גאַנצער שטאָט א בלאָטע, ווי אינ דרויסנ. ס'גייט א לאַנגער האַרבסט, דערנאָכ דער ווינטער, שווער פאַר אַלעמענ, פאַר אָרעמע באַלמעלאָכעס, וואָס נאָכ די יאָנטויווים אונ יאָרידים-צייט פונ סאָפּ זומער איז זיי די פאַרנאָסע קנאַפּ. שווער אויכ דעם מיטעלנ שטאַנד, וואָס ביז די ווינטערדיקע „פּאַסטנ", ביז ס'שטעלט זיכ א גוטער שליטוועגס איז דער האַנדל נישט איבעריק געהויבנ; אויכ פאַר מער פאַרמעגלעכע ביכלאַל שווער — אליינ פונעמ דרויסנ, וואָס ער זעט, ווי דורכ א זיפּ, אונ געפלענ שטייענ אי באַטאָג, אי באַנאַכט אינ שטאָט אונ אָפּ דער וועטער געגנט אַרום אונ מאַכנ די שטיינ מונקל אונ דעם אָטעם געדריקט. דעריקער אָבער דאָס יאָר אויכ מאַטעריעל שווער אפילע פאַר פאַרמעגלעכע, ווייל דאָס יאָר האָט זיכ, ווי מ'האָט שוינ סאָפּ זומער געקאָנט אַרויסזענ, זיכ געשטעלט א שלעכטס, מאַכמעס דער אומגערעמעניש, וואָס דאָס וועט זיכ אָפּ אַלע געשעפטנ נישט איבעריק גוט אָפּרופנ, נישט אויסגענומענ קיינעמ, נישט אויסגענומענ אפילע אזא הויז אויכ, ווי אונדזער מוישע מאַשבערס — אונ עפּשער יאָר פאַרקערט, פאַר מוישע מאַשבערס הייז באַזונדערס שלעכט.

וואָרעמ בעעמעס: ווער ס'איז א ביסל מער קלאָר אינ די געשעפטנ פונ יענער צייט, דער ווייסט אויכ, אָפּ וואָס אזוינע הייזער, אזוינע געלט-קאָנטאָרנ, ווי מוישע מאַשבערס, האָבנ זיכ דעמאָלט געהאַלטנ אונ זיכ געגרינדעט. הייסנ האָט דאָס באַדאַרפט אזא הויז, אזא געשעפט, ווי מוישע מאַשבערס, א מינ „קרעדיט-אונ דיסקאָנט-געשעפט", ווי מע האָט שפּעטער מיט יאָרנ אזוינע טאַקע אָנגערופנ. די אַרט געלט-מיסכאָרים אינ אָפּעראַציעס — טאַקע, ווי אינ א מינ קרעדיט-אונ דיסקאָנט-באַנק, די באַזע אָבער, דה. דער קרעדיט, דער אומזאַצ-קאַפּיטאַל, אויסער גרונט-קאַפּיטאַל פונעמ אייגנטימער, איז געווענ גאָר אַנ אַנדערער ווי אינ די קרעדיט-אונ דיסקאָנט-קאָנטאָרנ פונ די שפּעטערע יאָרנ.

יענע יאָרנ, וועגנ וועלכע מיר רײדנ דאָ, האָבנ זיכ אזוינע געשעפטנ געבויט א ביסל פּרימיטיוו: נישט דעריקער אָפּנ קרעדיט, וואָס שפּעטער פלעגנ אזוינע באַציִענ פונ גרעסערע בענק, ניינ, דעריקער האָבנ אזוינע געשעפטנ אינ יענע צייטנ אינ אזוינע פּראָווינציעלע שטעט, ווי N. געלעבט

פונ אלטפרענקישנ צימרוי מאכע פונ די אנגעווינער פונ די זעלבע שטעט, וועלכע האָבנ פאר זייערע אָפּגעשפּאָרטע געלטנ מאָמענט געזוכט א זיכערע ראַנגט. א באַמועכ. אינ ציטערדיק איבער זייער קערנ־קאפּיטאַל, האָבנ זיי אבער אַפּילע אמ דער ירייכ פינ די פּראָצענטנ ניט געקוקט אונ האָבנ זיכ באַנוגנט מיט ווייניקער, אַבי זיי וואָלטנ געקאָנט ארויסבאַקומענ בא נישט קיינ באַמובימ.

ס'האָבנ געהאַלטנ געלט אינ אזוינע געשעפטנ מענטשנ מיטעלע אינ אַפּילע אָרעמלעכע, וועלכע האָבנ געשפּאָרט אפ נאָדנ פאר קינדער, אפ בויענ זיכ א הייזע, אָדער אַלטע לייט, וואָס האָבנ אָפּגעלייגט געלט אפ דער עלטער — אפ לעצטע יאָרנ לעבנ, אונ דערנאָכ אפ קווורע אונ תּכריכימ. אַזאַ מענטשנ, וואָס האָבנ מיידע געהאַט דאָס ווייניק ביסל פארטיגנ צו האַלטנ בא זיכ אינ אייגנ אינ פּרעמדע, נישט זיכערע הענט דאָס איבערגעבנ, אינ אזוינע געשעפטנ האָבנ זיי געדינט פאר פּייער־קאַסעס, אונ זיי האָבנ זיכ פארלאָזט אפ זיי, ווי אליינ קימאַט אפנ ריבוינעשעלוילעמ.

מיט איינעמ וואָרט, אַט דאָס, אָט אַנדער צימרוי איז געווענ דער הויפּט־קוואַל, פונוואַנענ אזוינע געשעפטנ האָבנ זיכ גענערט אונ פונוואַנענ דאָס מערסט געלט אינ קאַפּיטאַל איז צו זיי געפלאָסנ. ס'איז דערומ געגאַנגענ, אז א ליאַדע שלעכט וואָרט, א ליאַדע שלעכט יעדיע — א באַנגרינדעטע אָדער ניט — יאָל זיי מיטאַמאָל דעמ גאַנצנ קרעדיט אונטערגריסנ, אונ אזויזוי מ'האָט זיכ פרוער אינ יענע געשעפטנ געהאַלטנ, ווי אינ אנ אַמערינגער האַנט, אזוי זאָל מענ איצט, נאָכ דער שלעכטער יעדיע, נישט וועלנדיק דערגייענ אַפּילע דעמ מאָקער, פונוואַנענ זי שטאַמט, — אזוי זאָל מענ אינט דאָס געשעפט באַלאַגערנ, אונ מיט קוילעס אינ מיט זידלערייענ, ביז קלאָלעס אינ ביז שטיינער אינ די פענצטער, דאָס פארטרויטע געלט צוריק ארויספאָדערנ.

עטעס, באַלילע, ס'האָט נאָכ דערבייַ ניט געהאַלטנ בא מוישענ, מיט דער שלעכטער יעדיע האָט נאָכ געהאַלטנ ווייט. מע האָט דאָכ, ווי געזאָגט, זיי מיטגעלעכ די מייבע מיט די פּריצימ געטישקעוועט. מע האָט זי צימ ברייטנ איילעט ניט דערלאָזט, אונ אליינ יענעמ אוילעמ האָט זיכ דאָס ביסלאָל אפנ זינענ ניט געלייגט, אַפּילע ווענ מע האָט אימ יאָ דערציילט אינ ס'האָט יאָ צו זיינ אויער דערגרייכט: „אייסעב, וואָס פאר א פּריצימ אינ. זאָכ פאר א שידכ? אינ אז יאָ געשאָסנ, איז וואָס? צו זייערע קעפּ! צו זייערע הענט־און־פיס! מאיאסעניקעס! אָבער וואָס האָבנ דענ דערצו כאַטשעוועס אינ אָנגעזעענע באַלעבאַטימ, ווי אזא ווי מוישע מאַיטבער, פאר א שייכעס?—ניינ, ס'גלייבט זיכ ניט אונ לייגט זיכ ניט אפנ סייכל“...

אזוי האָבנ צווערישט געטראַכט אַלע, ביזוואַט האָבנ זיכ ניט געקענט גלייבנ אויגנע לייט, יענע וועלכע מיר האָבנ דאָ גאָרוואָס גערעדט, יענער שיכט, מיימייבנגזאָגטע קרעדיטאָרנ—מענטשנ האלב־דערשלאָגענע, וואָס גייענ ריינמאָל פונ זייער אָרעמע קרייז אינטערגנ ניט ארויס, וואָס מע לעבט

געשטיק אונ פונעמ געשטיקנ לעבנ שפּאָרט מענ נאָכ אָפּ א גראָשנ א נ=
שטיקנ, מע היט אימ, ווי דאָס אויג אינ קאָפּ, מע בינדט אימ, מע קניפּלט
אימ, ביז ס'קלײַבט זיכ אָנ א שיינ קײַמ=דערלעבטע סומע, וועלכע מע זאָל
קאָנענ לײַטיש טראָגנ אונ אינ לײַטישע הענט זי אוועקלייגנ; אונ וואָס,
אנעוו, דערצו, צו אָט דעמ טראָגעניש, פלעגט מענ זיכ קעסיידער אָנטאָנ
די יאָנטעוודיקע קאַפּאָטע, אונ אז מע איז געקומענ אהינ, צו וועמענ מע
האָט געבראַכט דאָס געלט,—צומ גרויסנ געלט=כאָשעוו—איז מענ געשטאַ=
נענ, ווי אַנ אָרעמאַנ פאַר דער טיר, גלײַכ מע דאַרפ דאָ פונ יענעמ נאָכ
די גרויסע טויווע...

אָט די לײַט, זאָגנ מיר, איז אפילע יוענ די מײַסטע=פּריצימ האָט צו
זיי יאָ דערגרייכט, האָבנ זיי ניט פאַרשטאַנענ איר באַטײַט ניט פאַר יע=
נעמ, מיט וועמענ זי האָט געטראָפנ, אינ וואָדע, אונ אוואָדע ניט פאַר זיי
אליינ, וואָס „וואָס האָט דאָס צו זיי פאַר א שײַכעס, וואָס גייט עס זיי
אָנ?” — אונ זיי האָבנ פאַר דער גאַנצער מײַסטע זיי געהאַט וואָמע אינ אוי=
ער...

דאָכ, אָפּ וויפל די מײַסטע איז פאַרט באַוויסט געוואָרנ, אונ מע האָט
גענומענ פונ איר רעדנ, אינ אָפּ וויפל אויב אזוינע, האַלב=געמיינע לײַט,
האָבנ זיכ פונ איר דערוויסט, איז כאָטש ניט באַטעמענדיק, ווי געזאָגט,
דעמ גטנויענ באַטײַט פונ דער געשעעניש, דאָכ האָבנ זיי פונ עפּעס א
טעמפּנ פאַרגעפיל זיכ אָנגעהויבנ באַומרויִקנ אינ פאַר זייערע אויסכאַהאַל=
טענע אונ ציטערדיקע קניפּלעכ דערשטעקט סאַקאָנע.

מע האָט דערומ דערצײלט געקאָנט טרעפנ יעדנ אזא איינעמ. ווי ער
איז אינמיטנ א פרימאָרגנ, פונ זײַנ געמיינער באַשעפטיקונג אָפּגעריסנ,
אהיימ געקומענ. אינ שטייענדיק פאַר אנ אלטמאָדישער קליידער=שאַפע, אָדער
איבערגעבויגנ איבער א באַנק=בעטל, ווענ אינ שטיב איז קיינ שאַפע ניט
געווענ, האָט ער פונ צווישנ אנדערע שטוב=מאַלבושימ, פונ וועלכע ס'האָט
געשמעקט מיט שימל אונ מיט גילי, ארויסגענומענ די יאָנטעוודיקע קאַפּאָ=
טע, זיכ איבערגעטאָנ, אונ אינמיטנ דעלנ טאָג אהינ, אינ מוישע מאַני=
בעדימ קאָנטאָר, זיכ אוועקגעלאָזט.

זיי האָבנ זיכ אהינ ארײַנגעשטעלט נישט צו דער צײַט, נישט קיינ גע=
וונטשענע אונ האַלב=פאַרשעמטע, אינ נישט האָבנדיק קיינ ווערטער אינ
מויל, ווי ביכלאל ווענ מע קומט באַרנ הויבנ גראַד מענטשנ אינ געשעפטנ,
ווענ דאָס אייגענע לאָשנ קלעקט נישט—האָט אזא ייִד דערצײלט, לאָמיר
זאָגנ, וואָכ האָט געקליבנ געלט פאַר א טאָכטער, אָדער אזא, וואָס האָט
געשפּאָרט געלט אָפּ עפּגנענ א קליימל. — גענומענ אָפּ א מינ שטומ=לאָשנ צו
בעבענ:

— ער האָט געהערט... אינ שטאָט עפּעס גייענ אומ קלאַנגענ.... איז
וואָלט עפּעשער מענלעכ געווענ, מע זאָל אימ איצט, מאַקע איצט, מאַקע
הײַנט, הייסט עס, זײַנ געלט ארויסגעבנ?

— וואָס איז געשען? — פרעגט מען אין קאָמאַנדיר־צימער פרעגן, — וואָס.
ער זאָגט ביז ווען יעקל האָט זיך געענדיקט?

— ניין, ער זאָגט נאָך ניט, — האָט יענער געזאָגט, — ער רעדט דען
זיין זאַך? ביי מענטשן וועגן טויט עס געקענט ליגן עטלעכע וואָכן, נאָר
אַז ער זאָגט רעדט, איז בלויז אים קראַנקע....

— וואָסערע קראַנקע? — פרעגט מען ווייל אזוי א פרעג נאָך מיט
בייקער.

— אַז עפּעס פּאַסירט דאָרט, זאָגט מען, געשאָסן...

— איז וואָס, — פרעגט מען זיך ווייטער, — האָט עס אין אים געטראָפן?
ניט געטראָפן! — פרעגט מען איינער ווייטער ווייל, — אַז דער זאָג וועט זיך
טרעפן אין איר יעדע יעקל איינער נעלט, ווייל מען עס איבער אָפּגעבן בעט
טאָקע נאָך, אָבער פאַרן זאָג איז קיין געלט ניטאָ, פאַרן זאָג ניט
מיט גיט, ניט געוואַלד!

איין פּלוג געפונען די אָנגעשטעלטע, די בוכהאַלטער, ווען ס'איז
איבערגעגעבן געוואָרן מיט איינעם ליטע האָבן צו טאָן, און יענע פרעגן אויער
ניט מיט רעכט, מיט וואָס זיי וועגן געקומען. אָבער שוין געשריבענע אליין
שרייבן, וואָס זיי האָבן. צוליב באַזונדער די קאָמאַנדיר, די שאַבעסריקע קא
באַמטע אַנגעטאָן און רעדעריש אליין האָבן זיי זיך שוין געפילט, ווי שטיל
זיינען שוטפים צו דער קאָמאַנדיר.

אין אַנדערער צייט יענע ליגט, א מער דרייסטער און וויניקער מורע־
האָבנדיקער, איא, האָבן די וויניקער מורע האָט זיך אים גענומען פון דעם
צו גרינגן איבער. וואָס האָט איך באַהערשט, — אזוי איינער האָט פון די
באַמבעליע אָן. גלייב זיי ער האָט זיך אין קאָמאַנדיר אַרויסגעשטעלט, די קליי
נערע אָנגעשטעלטע איבערגעבליבן. און אז מען האָט אים געפרעגט, ווען
באַוואַרנט ער, האָט ער גלייך געזאָגט און אָנגעריפן די נעמען פון די באַלע־
באַטים:

— צו רעדן מיינע מאַסטער, איידער צו זיינע איידעם, וואָס פאַרבליבט איך.

— און שפּעטער האָבן איר דאָס אונגעזען וואָס? — האָבן אָנגעשטעלטע זיך
גרייט, — די באַלעבאַטים וועגן פאַרנומען.

— געזאָגט, מיר קאָנען איבערלאָזן.

און איינער האָבן זיך מאַכן איבערגעטאָרט, ביז זיי וועגן אליין צו
מיינע אַרבעטלאָזע געוואָרן, וועלנדיק זיך איבערצייגן. צי איז מאַכן
געבן, דאָס מען וואָס, ווען, די דאַרף ער זיך, ווי וועט ער אים את יוז
איין מיט ער מיט באַלבוייעס רעדן, וואָס רעדפינ ווערט קלאָר ווערן, אז
מיר איז געבן דאָס, וואָס מען רעדט. אָדער אם וויפל איז די מענטשן איז
געטראָפן און שטעקער.

אַז מיינע מאַסטער האָבן איינער אוינע באַזונ געמאַכט ווייטער א
ווערט אַנדערש, ער האָט ניטאָ אין מאָל געמאַלט אָנצורופן. די קימאַט
אייבערן. נאָך איינער די לאַגע איז מאַכן געווען א גרעסערן און אויף

ווי א שלעכטע מינע בענעגייע אזא סאָרט קרעדיטאָרן קאָן שלעכט אויסגע־טײַטשט ווערן און זיך צעטראָגן צווישן אלע איבעריקע, האָט ער דערויף אלץ געזען זיך אָפּצוהאַלטן פון כעס און בייזער; אָבער ס'האָט אים היפּש געקאָסט: נאָכן ארויסגיין פון אזא איינעם את נאָך אזא שלימאזלדיקן באַ־זוך האָט מוישע אין דער שטיבל געזיפצט, איז געבליבן לאַנג זיצן אין דעם שטול פארזונקען. ס'האָט אים אָפּט אָטעם אויסגעפעלט, און ער האָט גע־זוכט דעם מאַנטל אַפּ אין גאַס אַוועקגיין.

ערגער: ס'זײַנען געווען אזוינע, וואָס די קאָנטאָר איז זיי געווען ווייניק, און זיי האָבן זיך צו מוישע מאַשבער אהיים אַוועקגעלאָזט. דאָס זײַ־נען געווען אזעלכע, וועלכע האָבן זיך געהאַלטן פאַר שפּיקלעך קרוווים, אָדער וואָס זיינען מיט מוישע מאַשבער געפאָרן צו איין רעבן, געדאַוונט מיט אים אין איין קלויז, אאַזוו. זיי האָבן אָפּגעציפערט די צײַט, ווען ער איז אין דער היים נים געווען, און האָבן זיך צו גיטעלען אָדער צו מוי־שעס טעכטער געווענדט. שוין גלײַך צום אָנהייב האָבן זיי גענומען רעדן מיט אזא טאָן, גלײַך ס'האָט ערעיוו א זיכערן אָנזאָג, און זיי קומען מיט זייער רייד פאַר גיטעלעס און פאַר אירע טעכטערס פּנימער געוויינט זיך קלאָגן און אײַנטײַנען:

— וועמען, וועמען, אָבער זיי, די קרוווים?... פון וועמען, פון יענע־מען, אָבער פון אזא, ווי מוישע, האָבן זיי זיך אזוינס נים געריכט...

— וואָס געריכט? וואָס אזא, ווי מוישע? -- פלעגן גיטעלע און אירע טעכטער בא אזוינע לײַט זיך דערפרעגן, נישט פארשטייענדיק אפילו אין וואָס דאָ גייט.

— אז מע האָט געשמועסט „אין גוטע הענט“, „א באַמועב“ — איז ווער איז דען א גרעסערער באַמועב, ווי מוישע, — האָבן יענע געענטפערט.

— איז וואָס ווילן זיי? — האָט מען בא זיי געפרעגט.

— זייער געלט ווילן זיי!

— איז וואָס זײַנען זיי געקומען אהער? דערויף איז דאָ א קאָנטאָר. מע האָט בא זיי דאָ נים גענומען. אין דאָ ווייסט מען פון גאָרנים. דאָ מאַכט מען קיין געשעפטן נים.

אזוי האָט מען זיי געענטפערט. אָבער שפּעטער, ווען יענע לײַט זײַנען ארויס פון שטוב, ווי מע האָט גאָר דערזען זייערע פּלייצעס צו דער טיר אויסגעקערעוועט, אזוי האָט גיטעלע אלעמאָל דעם צימער, ווו זי האָט זיי אויפגענומען, פארלאָזט, איז אוועק צו זיך, און דאָרט אמאָל א טרער און אמאָל מער אָפּגעווישט.

* * *

יאָ, די לאַגע איז נאָך נים געווען פריילעך, און דאָ ווילן מיר א סאָד דערציילן. ס'האָט געהאַלטן דערבײַ, אז צו יענער צײַט האָט נאָכעס לענ־

מיטער, מוישע מאשבערס יונגערער איידעם, באטראכט פונ געשעפט זיך אפטיילנ.

ער האט ביז אהער געארבעט צוזאמענ, אפ שותפעס, דה. ער האט פונ דער אלגעמיינער קאסע ארויסגענומענ, ערשטנס, דאס, וואס ער האט באדארפט צו זיינ שטוב= אונ פאמיליע=אויסהאלט, אונ אויסער דעם, נאך אפ געוויסע פראצענטנ רעווענ, דה., אז נאך יעדנ יאר=באלאנס האט ער געקאנט זענ: אויב דאס יאר איז געווענ גוט, דאס געשעפט געוואקסנ, זיינענ געשטיגנ אויך זיינע פראצענטנ, אויב ניט — אויך זיינע פראצענטנ ניט, וואס, אגב געזאגט, האט זיך עס די לעצטע יארנ זעלטנ=ווענ געטראפנ, ווייל די גאנצע צייט האט דאס געשעפט געהאלטנ אינ איינ שטייגנ.

איצט אבער האט נאכעמ געזאגט: ניינ, ס'איז צייט אוועקגיינ. מעגלעכ, אז אויסער דער שלעכטער לאגע אינ געשעפט, האט דא אויך א ביסל זיינ כאראקטער צוגעשפילט — דאס, וואס פונ דער ערשטער מינוט, זינט ער איז אינ שטוב אריינגעקומענ, איז ער געקומענ מיט א מיטגעבראכטער יערושע פונ עפעס א געוויסנ שטאלץ, וואס די גאנצע מישפאכע זיינע האט, ווייזט אויס, פונ אייביק אנ געטראגנ אינ בלוט, האבנדיק צו טאנ מיט פאליאקנ, האנדלענדיק מיט זיי אונ זיך פיל לערנענדיק פונ זייערע מידעס.

מע האט דאס גלייך געקאנט זענ אפילע פונ דער באבע זיינער, פונ דער באבע קריינצי, וואס איז געקומענ אפ זיינ כאסענע סיי אנדערש אנגעטאנ, ווי אלע ווייבער אינ איר עלטער, סיי אינ איר האלטנ זיך אונ אינ איר שיינ רייד, ווענ זי האט אלעמאל א פויליש ווארט, א ווערטל אריינגעשטעלט; סיי אינ אלצ — אפילע אינ צוקער=געבעקס, וואס זי האט פונ איר קאמענעצ מיטגעבראכט: — עפעס האלב=ווייסע, האלב=שווארצע טארטנ, פריצישע מאלכעס=ברויטנ מיט געצוקערטע פרוכטנ אאא., סיי אינ איר צוגיינ פאר דער כופע צו דער קאלע אונ איר אויספאדיכמנ א שטיקל צירונג ניט אפ ייִדישנ, נאר פריצישנ מאניר.

„די באבע=פישעפראיטאמ“ — איז איר נאך דער כאסענע בא מוישע מאשבער אינ שטוב א נאמענ פארבליבנ. ס'האט זיך געפילט טארומעס בענעגייע דער אלטער, וואס זי האט, גלייך פונ דער פור אראפקריכנדיק, גע=הייבנ זיך צו שטעלנ בענעגייע אירע מעכוטאנים אזוי, גלייך זיי דארפנ זיך האלטנ גליקלעך, וואס זי האט אפ זייער ערד א פוס אראפגעלאזט, אונ, שוינ אנהייבנדיק פונ דער באבע קריינצי, ביז נאכעמס מאמע, איר טאכטער שיינצי, ביז נאכעמענ אליינ, וואס ער איז אנ א טאטנ געווענ אונ איז געקומענ נאר מיט צוויי זאכנ צו דער כאסענע — איז אלע זיי דארפ מענ די טריט קימאט אפבלאזנ.

נאכעמ האט זיך פונ דער ערשטער מינוט געהאלטנ אפגעזונדערט אונ אנ אויסגעטיילטער אינ שטוב סיי מיטנ עסנ, וואס ער האט געגעסנ ווייניק, ווייל ער האט שוינ פונ דער היימ א פיינעמ מאגנ=קאטאר מיטגעבראכט, סיי מיט דער האלבאטשע, סיי אפילע מיט די פאפיראסנ, וואס ער האט גע=

רייכערט אנדערע ווי אלע—עפּעס מינימ דאַמענ־פּאַפּיראָסנ, אונ נעבאַכיקע, זײַנ ווײַב, האָט זי אימ געמוזט אַלײנ אָנשטאָפּנ, אונ ער האָט זי גערייכערט נאָר ביז האַלב, אונ מיט דער אַנדערער האַלב פלעגט ער יעדעס מאָל צוגײנ צומ שפּײַקעסטל, אָפּ זי אָנשפּײַענ אונ זי פאַרלעשנ.

ער האָט זיכ געהאַלטנ אויסנעמענ. מע האָט פאַר אימ קײנמאָל ווי עפּעס ניט יויצע געווענ — פאַר אַלעמענ, דאָס ווײַב, וועלכע ער האָט אָפּט געמאַכט וויינענ, אונ מע האָט געזענ, אַז פונ אימ, פונ זײַנע אַלקערדיקנ קאַפּריזנ, וואָס זי, דאָס ווײַב, טראָגט זי קײנמאָל נישט אַרויס פאַר דער שטוב אונ פאַרבאַהאַלט זי אַפילע פאַר אירע עלטערנ, — אַז פונ זײַנע קאַפּריזנ ווערנ איר די באַקנ אַלעמאָל בלאַס אונ „האַלעווײַ, האָט מענ געזאָגט, דער סאָפ זאָל איר זײַנ אַ גוטער, זי זאָל, כאָלילע, ניט אַרײַנ אינ קײנ שלאַפקײַט", ווײַל אָפּט האָט מענ געזענ, פלעגט זי שוינ אַפילע אינמיטנ זומער זיצנ מיט אַ שאַל אויפ די אַקסל: עפּעס האָט זי געפרעסטלט.

ער האָט ווייניק גערעדט אונ מער געבורטשעט. דעריקער איז ער פאַר ווײַב יעדעס מאָל אַרויס מיט אַנ אַנדער אומצופרידנקײַט. אַמאָל אומצופרידנ מיטנ עסנ, אַמאָל מיט אַנ אַנדער זאַכ, אונ הינטנאַרומ האָט ער איר אויכ אָפּט וועגנ זײַנ באַציונג מיטנ שווער, מיט איר פאָטער, מויש מאַשבער, פאַרגעהאַלטנ. אַמאָל נישט צופרידנ מיט דעמ, וואָס, ווי ס'האָט אימ געדאַכט, האָט אימ יענער זײַנע פײַיקײַטנ ניט אַזוי געשעצט, נישט געוווּסט, וועמענ ער האָט באַ זיכ אונ וויאַזוי ער דאַרפ אימ טײַער האַלטנ; אינ אַנ אַנדערשמאָל געבורטשעט, האַלטנדיק, אַז מע באַגײט אימ אינ געשעפט אַנ אַוולע, אַז די פּראָצענטנ אינ שוטפעס זײַנענ אימ ווייניק, ווײַל אַזאַ, ווי ער, ווענ ער איז מיט אַנ אַנדערנ שוטפ, וואָלט אימ יענער, אַזוי האָט ער געהאַלטנ, געוויס אָפּגעגילט.

ער האָט דערומ ביכלאַל די גאַנצע צײַט, זינט ער איז אָנגעקומענ, געטראַכט, אַז דאָס בעסטע וואָלט געווענ, ווענ ער איז אַלײנ, ווענ ער מאַכט אַלײנ געשעפט — דעמלט וואָלט ער זיכ צעגאַנגענ אונ נאָר אַנדערע מינע פליגל באַקומענ. נישט האָבנדיק אָבער ביז אַהער קײנ סיבע פאַר אָפּטײלנ זיכ, כאַכמיעם די געשעפטנ האָבנ זיכ די גאַנצע צײַט געהאַלטנ אינ אַזאַ הויכנ גראַד, וואָס מע האָט באַדאַרפט זײַנ דול אָוועקצוואַרפנ אַ זאַכ אַ געזיכערטע אונ ערשט אָנהײבנ גײנ זוכנ, אויסטראַכטנ אונ אויסגעפינענ אַ נײַ געשעפט, וואָס, ווי אינ יעדער נײַעמ, שטעקט דאָכ אַ שטיק ריזיקע, — האָט ער דערומ ביז אַהער זיכ אָפּגעהאַלטנ, פאַר קײנעמ זײַנע האָנאָרעוואַטע געדאַנקענ נישט אַרויסגעזאָגט, נאָר, ווי געזאָגט, פאַרנ ווײַב אַמאָל, אי דאָס הינטנאַרומ, אי דאָס אויכ זײַער זעלטנ.

איצט אָבער, ווענ דאָס רעדל האָט זיכ מיטאַמאָל פאַרהאַקט, איז נאָבעט אַרומ מיט טײַנעס. ס'האָט אימ אָנגעהויבנ דאַכטנ, אַז ס'איז נישט זײַנ גורל, נאָר זײַנ שווערס: יענער איז שוינ עלטער אונ, מעגלעכ, זײַנ יאַריד שוינ אָפּגעפאָרנ, אונ ער, נאָבעט, נאָכ יונג, אונ ער איז פונ יענעמס שלעכטנ

שלימוועגס נישט מער געוויינט צו לײַדנ. איצט, האָט ער געטראַכט, איז די ריכטיקע צײַט, ווענ ער דאַרפ זיכ וואָס גיכער אַרויסכאַפּנ אונ פֿונ דער הייסער סאַקאָנע, קאָלזמאַנ ס'איז נאָכ צײַט, מיט נישט קיינ אָפּגעבריטנ פֿוס אַרויס.

ער האָט, נאַטירלעכ, אויכ איצט נישט פֿאַרנ שווער אונ נישט פֿאַר קיינעמ אָפֿנ דאָס נישט אַרויסגעבראַכט, ווײַל אַזוי גראָב איז ער דאָכ נישט געווענ, ער זאָל אינ אַזאַ צײַט נאָר קומענ ווענג אַזעלכס צו ריידנ. מ'וואָלט דאָכ אימ אָנגעקוקט, ווי אַנ אויסוווּרפ. אַזוי, אַז פֿאַר קיינעמ מאַקע נישט, נאָר פֿאַרנ ווײַב, פֿאַר געבאַמקענ, וואָס איז שוינ די לעצטע צײַט, בעפֿראַט איצט אומ האַרבסט, בעפֿראַט נאָכ די לעצטע צײַט, ווענ דאָס האַרצ האָט זיכ איר שטאַרק געשראָקנ פֿאַר איר פֿאָטער אינ מוטער, צוזעענדיק, אַז עפּעס אינ איר פֿאָטערס גליק ברעכט זיכ, — איצט, ווענ זי איז שוינ גאָר אָפּט אינ אַ וואַרעמער שאַל געזעסנ אונ זיכ אָפּט געקוטעט, איז נאָכעט, איינמאָל אַנ אָפּגערנאַכט, מיט איר אַליינ אינ זייער אַלקער פֿאַרבלײַבנדיק, מיט זײַנע מײַנעס אונ פֿאַרבאַהאַלטענע מיינונג אַרויס. ער האָט געוווּסט, אַז זי וועט קיינעמ נישט זאָגנ, קיינעמ נישט דערציילנ, אַפֿילע ניט דער מוטער. אינ ערנסטנ פֿאַל זעט זי שטילערהייט, אינ דער שאַל זיצנדיק, לאָזנ אַ טרער, אָבער דערפֿאַר האָט ער זיכ נישט אָפּגעשטעלט, אינ דאָס האָט אימ, ווײַזט אימ, חײַניק געקימערט.

ער האָט געטײַנעט:

— יעדער דאַרפ זענ זײַנ טאַכלעס. טאַטע-מאַמע — מאַקע גוט אונ ווויל, אָבער זיי, נאָכעט אונ געבאַמקע, זײַנענ שוינ אייכ טאַטע-מאַמע, האָבנ שוינ אויכ קינדער אונ דאַרפנ זיי באַזאָרגנ. בײַ איר טאַטנ האַלט שלעכט. ס'זאָגט איר עס נאָכ דערווײַל קיינער. מע שאַנעוועט אימ. פֿאַר נאָכעטענ אָבער שעמט מענ זיכ ניט, אינ מע דאַרפ זענ, מיט וואָס פֿאַרא גליק ס'באַגעגענענ אָדער ס'באַגלייטנ אימ אַמאָל אַ צאַלי דערבאַרעמדיקער, בעשאַס ער, איר טאַטע, קומט צו גיינ אינ קאָנטאָר אָדער גייט אַוועק פֿונ דאָרט.

— זי דאַרפ וויסנ, אַז יענע, אָט די שאָלעמ שמאַריאָנעס אונ די צאַלי דערבאַרעמדיקערס אאַ. זייער גלײַכנ פֿאַרשווײַגנ ווייסנ אַמאָל בעסער די באַלאַנסנ פֿונ די. מיט וועלכע זיי מאַכנ געשעפֿטנ, — אַ סאַכ מער ווי אַליינ די אייגנטימער פֿונ די געשעפֿטנ. ס'אַ קלאַל: וויל מענ וויסנ, ווי עמעצער פֿונ די באַלעבאַטים האַלט, אַזוי דאַרפ מענ אַ קוק טאָנ אָפּ אַ שמאַריאָנעג אונ אַ צאַליג, זענ, ווי אַזוי זיי האַלטנ זיכ מיט אימ, מיטנ טויכער, אינ פּאָנעמ אונ אונטער די אויגנ. דאָס איז שוינ די ריכטיקסטע אינ זיכערסטע מאָס. אונ פֿונ איר, נאָכעטקעס, מאַכנ האַלטנ זיי זיכ שוינ בײַ אָפּקערעווענ. אונ אַזויווי זיי האָבנ אימ פֿריִער געדינט געטרײַ, ווי די הינט, אַזוי זענ זיי איצט נאָר זייערע נוצנ: ערשטנס, זיי זאָלנ אַליינ ניט געשעדיקט ווערנ, דה. אויב זיי שטעקנ מיט איינ געלט — זענ, וואָס גיכער מיט דעמ אַרויס; אונ אויב אַפֿילע די גאַדײַענטע געלטנ, דה. אַזאַ געלט, וואָס דורכ זייער פֿאַרמיטלונג איז דאָס אײַנמאַנ געליִענ געוואָרנ — זענ אייכ יענע אַנטלויפֿער אַרויסראַטעווענ, זיי אינ

פֿורמ האַלטנ אונ זיי אײַנצענענ, אַז בײַ די ערשטע מעגלעכקײטנ, באַמ ערשטנ אײַנגעגאַנגענעמ וועקסל־טערמינ זאָלנ זיי זיכ מיט זייערע געלטנ אַרויסרוקנ.

— מיט אײנעמ וואָרט, זיי היטנ איצט די געשאַמטע פונ געשעפט. ס'איז רעכט הײַנט, כ'איז רעכט מאָרגנ, איז איבער די לאַנגע וועט זיכ נישט בעסערנ, זאָלנ זיי שוינ די ערשטע דעמ שלעכטנ שעט אַרויסלאָזנ, אונ דעמלט וועט אינ אַ שײנעמ טאָג די קאָנטאָר באַפאַלנ ווערנ פונ די באַלעבויוועס, ווי פונ בינענ: מע וועט רײַסנ פונ די הענט, מע וועט רײַסנ בײַ די פּאָלעס, מע וועט זידלענ, שעלטנ, ווי ס'געשעט אינ אַזוינע פאַלנ.

— אַזוי איז די לאַגע. קלאָר, אַז אינ אַ שײנעמ טאָג קאָנ דאָ ליגנ דער דאַכ אפּנ קאָפּ. קלאָר, אַז דאָ קאָנ זיכ מיטאַמאָל אַזוי אַלצ פאַרדרייענ, אַז מע זאָל ניט ווויסנ, וו מײַנס, וו דײַנס, אונ חער ס'וועט דאָ שמעקנ אינמיטנ, מוז גיזעס ווערנ.

— איז וואָס וויל ער אינ אַנטקעגנ וואָס זאָגט ער דאָס? — ער זאָגט נאָכ אַנטקעגנ דעמ, וואָס ער איז אינמיטנ, אַנטקעגנ דעמ — וואָס נישט מיר, נישט דיר אונ פאַר קײנעמס זינד קאָנ איבער ער דאָ אַרײַנגעצויגנ ווערנ, אונ זײַנ גאַנצע ביזאַהעריקע האָרעוואַניע זאָל דאָ ביז אַ מינדסטנ פאַרלוירנ גײנ.

נאָכעמ, בעשאַס ער האָט דאָס אַלצ פאַרנ ווײַב אויסגעלײגט, איז אומגעגאַנגענ אינ אַלקער הינ אינ צוריק אינ פונ וואַנט צו וואַנט געשפּאַנט, דערבײַ האָט ער אָפּט גערייכערט אונ אפּ די האַלב נישט דעררייכערטע פּאַפּיראָסנ געשפּיגנ אונ ווײַטער פאַררייכערט. נעכאַמקע דערבײַ איז קרענקלעכ אינ שאַל אײַנגעהילט געזעסנ, זי האָט אימ אָפּט נאָכגעקוקט בײַמ אומגײנ, געשוויגנ, אונ נאָר די באַקנ האָבנ זיכ איר געבלאָזט. זי האָט געוואַרט, אָבער דאָכ האַרצ האָט איר שוינ פאָרויסגעזאָגט, וואָהינ ער, איר מאַנ, צילט, ווײַל אײדער ער האָט דאָס נאָכ געזאָגט, איז דאָס אימ שוינ ווי אפּ די ליפּנ געווענ צו זענ: זיכ אָפּטײלנ.

„אָפּטײלנ!“ זי, ווי איר עלטערע שוועסטער, ווי איר פאָטער אינ מוטער, ווי אַלע ביז אַהער אינ שטוב, האָבנ קײנמאָל אַזוינס נאָר אפּנ געדאַנק ניט געקאָנט דערלאָזנ. ערשטנס דערפאַר, ווײַל ביז אַהער איז די נויט אינ דעמ ניט געווענ; צווייטנס — איצט, ווענ די נויט עפּעס יאָ, איז ווי קאָנ דאָס געמאָלט זײַנ: — אינ אַ שטוב, וו אַלצ איז אײנס, אַלעמענס אײגנס — אײנ קאַסע, אײנ לופט, אײנ אָטעמ, אונ וו ביז אַהער איז קײנמאָל ניט געווענ אָפּצוטײלנ אײנעמס אײנמערעס פונעמ אַנדערנס מיט גאָרניט, ווי אינ גרויסקײטנ, אַזוי אינ קלײניקײטנ, — אינ אַ שטוב, וו אַלצ, אַפּילע די קינדער פונ די פאַרשײדענע עלטערנ, האָבנ איבערגעזויגנ די בעשוטפנס, — וו מײַנס אונ דײַנס איז קימאַט קײנמאָל ניט געווענ צו הערנ — איז ווי נעמט מענ עס פּלוצעמ, ביפּראַט אינ אַ מאָמענט, ווענ דער פאָטער איז אַזוי געענגט, אַזוינס נאָר אפּ דער מאַכשאָווע?

נאָכעמ האָט זיכ געדרייט, ווי ער איז ניט קײנ אײגענער אינ שטוב, ד. ה. ווי ניט קײנ קינד, נאָר ניט מער ווי אַנ אײדעמ, אָבער דאָכ איז אימ די זאַכ

בריקדן געווען, נים נאָר אפילע פאר זײַנ שווער אונ שוויגער, נאָר אפילע פארנ אייגענעמ ווײַב בריקדע דאָס ארויסצוזאָגנ. דאָך האָט ער דאָס גע־זאָגט, האָט ווואָרט: זיך אָפּשפּילנ.

לאַנג האָט ער דאָ געבאַמקע דעמ געשפּרעך ניש געקאָנט אויסהערנ. זי האָט זיך אויפגעהויבנ פונ אָרט, ווו זי איז ביז אהער געזעסנ, אונ נאָכגע־קוקט, אז זי ווייגט. ער האָט זי געשאַנעוועט אונ שוינ אינ יענעמ אפּ־טערנאַכט ווענג יענעמ איניענ מער נים פאָרגעזעצט. אָבער וואָס א טאָג האָט זיך אינ אימ אלצ מער זײַער נעדאַנק געשטאַרקט, וואָס א טאָג האָט ער אלצ מער רײַעס איבנבאַקומענ, אז אינ געשעפט איז צאָרעס, אונ אז, אינ איינעמ א טאָג קאָנ זיך דאָ אלצ איבערקערנ. ער אליינ האָט אָבער קיינ מוט נים געהאַט ווענג דעמ מיטנ שווער, מיט מוישע מאשבער, אינ אנ ערנסטנ גע־שפּרעך זיך ארײַנלאָזנ, אונ ער האָט דערומ איינמאָל אינ א בריוו צו זיך אהיימ וועגנ דעמ אָנגעשריבנ.

ער פלעגט אָפּט שרײַבנ. ער האָט די גאנצע צײַט מיט זײַנ היימ פארבינ־דונג געהאַלטנ, אונ אויב נאָך איצט, ווי ײַנגלווײַז, געהאַלטנ די באָבע קריינצי אונ די מאַמע שיינצי פאר באַבאָמעס, וואָס אינ אנ ענגער צײַט מעג ער זיך נאָך פילנ ווי א קינד אונ צו זיי זיך נאָך אנ אייצע ווענדנ.

ער האָט געלאָזט פאלנ אינ בריוו, צווישנ אנדערנ, אזא פאָר ווערטער, וואָס ער האָט געוווּסט, אז זיי וועלנ אופּרײַסנ: מע וועט דאָרט פארשטיינ, אז באַמש נאָבעמ שוינ א גרויסער, שוינ גענוג זעלבשטענדיק, דאָך שאַדט נים, באַזונדערס אינ שווערע צײַטנ, אז אמאָל א האַנט דערלאַנגענ, ביפראַט ווענ ער ווענדט זיך.

„לאמי זקנתי ולאמי הורתי היקרות [1], האָט ער געשריבנ, תודה לאל [2], מיר זײַנענ אלע, באָרעכ האשעם, בקו החיים [3], נאָר געכאַמקע תחיה [4] פילט זיך פונ צײַט צו צײַט ניש איבעריק, קומעט זיך אינ שאַלנ, ווײַל ס'איז איר עפּעס באַשטענדיק קאַלט. זי זעט טאַקע אויס נים גוט אויכ. די גע־שעפטנ באַמ שווער בזמן האחרון [5] — ניש געהויבנ. ער איז פארדרייט. דערצו נאָך האָט געטראָפנ א מײַסע מיט פריצימ, וואָס סישמעקט מיט א שטיק בילבל. ער, דער שווער, האָט צו דעמ קיינ שײַכעס, פילט זיך אינ גאַנ־צנ. נאָר מיט וואָס ס'קאָנ זיך ענדיקנ, ווייסט מענ נים. וואָס געהער אימ אליינ, זײַנע איינענע געשעפטנ, הייסט עס, איז ער דאָך אָפּהענגיק פונעמ שווער, מיט אימ געבונדנ, ווײַל שוטפעס, אונ וואָס ס'טרעפט איינעמ, מוז דאָ טרעפנ א צווייטנ, אונ ס'איז געמאָלט, אז מע זאָל אמאָל לײַדנ פונ פרעמדע גזירות. מע זאָל אימ דאָ נים שלעכט פארשטיינ: צומ בילבל האָט

---

1 — צו מײַנ טײַערער באָבע אונ מאמע.
2 — גאָט צו דאנק.
3 — געזונט.
4 — זאָל לעבנ.
5 — די לעצטע צײַט.

ער, נאָכעמ, קיינ שומ שטיכעס ניט, נאָר צו די שלעכטע געשעפטנ — יאָ. מ'קאָנ זאָ ניט זוינ: מה ילד יומ[1] — וואָס דער מאָרגנדיקער טאָג וועט ברענגענ. ער וואָלט זיכ באַדאַרפט מיט עמעצנ אויסייצענ, נאָר ער האָט ניט מיט וועמענ. נעכאַמקע איז ניט דער מענטש, אונ דער שווער אַליינ איז א שטאַרקער נוגייע בדבר[2]. ער, נאָכעמ, וואָלט געוואָלט מאַכנ א טריט אַנעט שווער, ער וואָלט געוואָלט פונעמ עסק ביש[3] א פוס אַרויסשטעלנ, נאָר ווי מאַכט מענ דאָס? מע וואָלט דאָ עפּשער באַדאַרפט הילפ פונ א ייִ-טיקנ. ודי לחכימא ברמיזא — ס'איז גענוג א קלוגנ א ווונק" — האָט דאָ נאָכעמ דעמ בריוו-שרײַבנ פאַרענדיקט מיט אזא שטיקל נוסעכ, ווי מע שרײַבט נאָר צו מאַנצבלענ-לאַמדאָנימ אינ געוויסע איניאָנימ, ווענ מע וויל, אז יענע זאָלנ זיכ עפּעס אָנשטויסנ.

די פאַרשטעלטע יונגע האָבנ די באָבע קריינצי אונ די מאַמע שיינצי אינעמ ווײַטנ קאַמענעצ מאַקע קלוג געמאַכט אונ זיי גענעבנ אָנצוהערנ, אז בא נאָכעמענ האָרט, אינ N, געשעעט עפּעס אזוינס, וואָס ס'וואָלט א ווײַטער געווענ זיכ אַרײַנמישנ.

ס'איז ניט אַוועק קיינ סאַכ צײַט אונ אינ איינעמ א טאָג האָט זיכ מאַקע די באָבע קריינצי קיינ N צונעשטעלט. זי איז געפאָרנ פריער מיט א פּויער דערנאָכ מיט דער באַנ, אינ צומ שטוב איז זי צוגעפאָרנ מיט א שטאָטישנ פורמאַנ מיט גלעקער, אונ פונ אַלע אירע נעסיעס האָט זי אינ שטוב אַרײַנ-געבראַכט שיינ נאָר א זקיינע, אָבער נאָכ מיט א קלוגנ קאָפּ אונ מיט אויגנ, וואָס זעענ נאָכ, וואָס אינ א טיפ באַהעלטעניש איז פאַרשטעקט.

זי האָט זיכ אינ שטוב אַרומגעקוקט, אינ נאָכ א קורצער אונטערהאַלטונג מיט איר נאָכעמענ אַפּ א קליינער ווײַלע, האָט זי שוינ אַלצ געוווּסט, וואָס דאָ טוט זיכ, געוווּסט, וואָס דאָ קומט פאָר, אונ מיט איר קלוגנ פּראַקטישנ קאָפּ אויכ פאַרשטאַנענ, וואָס פירצונעמענ.

זי האָט דעמ זעלבנ אָפּדערנאַכט צוערשט מיט נעכאַמקענ דעמ גאַנצנ געשעפט גערעדט; זי האָט געוואָלט, פאַר אַלעמענ, צוגרייטנ נעכאַמקענ אינ זי אָפּ איר זײַט האָבנ. זי איז צוגעגאַנגענ צומ איניענ זייער פאָרזיכטיק, זי האָט געוווּסט, אז יעדער קינד מיט דאָכ ווי פאַרנ טאַטנ, ווענ ס'געשעט אימ שלעכטס, אפילו נאָר דורכ פרעמדע, ביפּראַט דאָ — ווענ דעמ טאַטנ פונ זײַנ געדולע אַראָפּנידערנ אונ נאָכ אַליינ זײַנ דערצו א שטיק גווירעט: וואָס הייסט, נאָכעמ אינ נעכאַמקע זאָלנ וועגנ טאַטנ אזוינס נאָר קאָנענ טראַכטנ?

— יאָ, מאַקע גערעכט. פונ דער אַנדערער זײַט אָבער, — האָט די באָבע קריינצי גענומענ טײַנענ, — באַנעמט ניט נעכאַמקע, אינ וואָס דאָ גייט

1 — וואָס דער מאָרגנ וועט ברענגענ.
2 — פאַרינטערעסירטער.
3 — שלעכטנ געשעפט.

פארקערט, ס'גייט גאָר אינ איר טאטנס טויווע. ער איז ניט דער ערשטער, אויכ ניט דער לעצטער, אפ דער וועלט געשעעט אזוינס, אונ יעדעס מאָל דארפ מענ זיכ זענ באוואָרענענ. ס'קאָנ גאָר זײַנ, אז מע דארפ דאָ נאָר א שלעכטע שפּיקל צײַט איבערוואַרטנ. אונ אויב אזוי, איז דאָכ גלײַכער, אז אָנשטאָט דעם, וואָס ווענ ס'ווערט ענג אינ געשעפט, אונ באלעכויוועס טרעטנ צו אונ ס'טרעפט אמאָל, אז ס'איז ניטאָ צו באצאָלנ, — איז אָנשטאָט דעם, אז אלע שוטפים זאָלנ מיטאמאָל באַרעזנ ווערנ — טוט מענ אמאָל אזוי, אז מע לאָזט איינעמ פריער ארויס פונעמ געשעפט, מע גיט אימ איבער אלצ, וואָס כ'לאָזט זיכ, מע שרײַבט אלצ איבער אפ זײַנ נאָמענ, אונ דערנאָכ, אז די שלעכטע צײַט גייט איבער, אז מע צעצאָלט זיכ, אָדער אז מע צעצאָלט זיכ אפילו ניט, נאָר מע פארענדיקט מיט באלעכוויוועס אפ קליינע פּראָצענטנ, קערט מענ זיכ צוריק אומ צו יענעמ, וועמענ מע האָט אימ אינ דער ענגער צײַט פארשריבנ, אינ מע קאָנ זיכ ווײַטערדאמאָל די הענט צעפירנ, מע קאָנ ווײַטער אלצ צוריק אופשטעלנ.

— מיט א פרעמדנ שוטעפ איז דאָס ניט אזוי גרינג דורכצופירנ, ווײַל מיט א פרעמדנ דארפ מענ זיכ שטארק באוואָרענענ, אָבער מיט אנ אייגנ קינד, ווי אינ דעמ פאל מיט איר, מיט נעכאמקענ אונ מיט נאָכעמענ, איז וואָס קאָנ מענ זיכ דענ ווינטשנ בעסערס?

— זי מיינט, די באָבע קריינצי, אדרעבע; זי מיינט, אז אויב נעכאמקע איז טאקע בעטעמעס געטרײַ איר טאטנ, וואָלט זי גאָר אליינ דאָס באדארפט וועלנ. וואָרעמ לאָמיר רעדנ, — האָט זי געזאָגט, — אינ ערגסטנ פאל: אויב אפילו דעמ טאטנס וועט זיכ, באָלילע, ניט אײַנגעבנ דערנאָכ זיכ שטעלנ אפ די פיס, איז וואָלט דענ בעסער געווענ, אז צוזאמענ מיט אימ זאָלנ אויכ די קינדער גיינ צו גרונט? ביפראט, אז ס'האלט גאָר ניט דערבײַ, די געשעפטנ שטייענ נאָכ גאָר ניט אזוי שלעכט, ס'איז נאָר דאָס יאָר א שלעכטס, אונ מע דארפ זענ זיכ איבערדרייענ, אויב ביז די מײַסע מיט די פריצימ וועט ווערנ אויס.

— מע דארפ ניט וויינענ. אדרעבע: זי אליינ, נעכאמקע, הייסט עס, דארפ זענ, אפ ווי ווײַט זי קאָנ, נאָכעמענ דאָ אונטערהאלטנ, אונ אויב כ'וועט דערפונ זײַנ א רייד — זאָל זי דעמ טאטנ פארגרינגערנ דאָס הארצ אונ אימ געבנ צו פארשטיינ, אז ס'איז ניט קיינ גוואַלד, אז אזוינע זאכנ זײַנענ שוינ ניט איינ מאָל געשענ, אונ גאָרניט: סאָברימ בלײַבנ סאָברימ, אונ מע דרייט זיכ איבער.

איזוי האָט די באָבע קריינצי געשמײַנעט מיט איר אייניקל, דער שנור, אונ זי, נעכאמקע, ווי א ווייניק-דערפארענע אונ ווי אזא, וואָס האָט צו געשעפט קיינמאָל קיינ שײַכעס ניט געהאט אונ האָט ווייניק-וואָס אינ דעמ פארשטא- נענ — האָט זיכ געלאָזט איבעררעדנ. כאָטש אפנ הארצנ איר שווער, אָבער קיינע דערווידערונגענ אונ קיינע טײַנעס אפ אָפּצווענדנ די באָבע קריינצי האָט זי ניט געהאט ארויסצושטעלנ.

די באָבע קריינצי האָט דערנאָך שוין מער נישט גערעדט דערפון, ניט מיט [illegible] און אויך מיט איר עלטערער טאָכטער, מיט יודעסן, זי זי האָט עפּעס פריער יאָ בעדייע געהאַט, נאָר זי האָט זיך גלייך צו מוישען, צו איר נאָכעמס שווער, געווענדט:

— מעכוטן, — האָט זי אים אין אן אפּערגאַנגט שפּעטער נאָך איר קי־מען א זאָג געטאָן אים אָפּרופנדיק אין א ווינקל, — מעכוטן, כ'האָב אײַך עפּעס צו זאָגן. כ'האָב געוואָלט מיט אײַך עפּעס איבערערן, נאָך אַפּ פיר אויגן.

דער געשפּרעך איז דאָס מאָל פֿאָרגעקומען אין זאַל, ווו יעדעס מאָל נעמט מען איפּ א גאַסט א כאַטשע, און ווו ביידע מיטשפּרעכער, מוישע און די באָבע קריינצי, האָבן, ווי נאָר זיי זײַנען אַהין אַרײַנגעקומען, צוויי פֿאָטעלן פֿאַרנומען, איינס אַנטקעגן אַנדערן.

די באָבע קריינצי האָט דאָס מאָל, צום געשפּרעך צוטרעטנדיק, זיך פיל מער געמיט באַהערשן, ווי צום געשפּרעך מיט געבאַמקען, ווײַל דאָ האָט זי דאָך געהאַט פאַר זיך דעם, וואָס איז אי דער אייגנטימער, אי דער מערסט־באַהאַווענער אין דעם אינגען, אויך דער מער פאַרינטערעסירטער און דער מער לינגדיקער. זי האָט זיך דערום מאַכע דאָ היפּיש געגרייט און היפּשע מינוטן מוישען מיט זײַטיקע שמועסן פאַרנומען, קעדיי נישט אַרויסבאַ־מיטאַמאָל מיט אייגן, וואָס יאָג פֿעלטן.

— מעכוטן, — האָט זי אָבער לעבאָפּ געזאָגט, צוטרעטנדיק צום אייגנט־לעכן ענין, — אַזאַ ברויט איך בא מיר קיין איצעס ניט, אייערע [illegible] איר ניט ברענגט: איר האָט, באַרעכאַיטעט, אײַער אייגענעם קאָפּ אַפּ די פּלייצעס; נאָר פאַרט, ווי איר זעט, וואָרט איך אײַך געוואָלט עפּעס זאָגן, און אויסגעפילט, צוליב דעם בין איך איצט אַראָפּגעקומען. די געשיכטע איז גע־ווען א שווערע, און ס'זײַנען שוין איך נישט די יאָרן... נאָר פון געבליבן א בײַן האָבן מיר, איך מיט מײַן טאָכטער, מיט אײַער מעכוטענעסטע, באַר־שטאַנען, אַז עפּעס דערוואַרטן ער ניט. האָבן מיר באַשלאָסן אַראָפּפאָרן אין א קין מאָל. און, האָבן מיר זיך שוין באַרע געזאָגט זען מיט געבאַמקען און מיט די אייניקלעך אייך, און דאָ האָב איך זיך דערוווּסט... ס'איז מיר שיינ־אײַך פירצוהאַלטן, נאָר איך האַלט, אַז איר, מעכוטן, — א מענטש מיט אַזוי־פיל פאַרשטאַנד, און, ווי מע זאָגט, דאַרף זיך די וועלט בא אײַך לערנען,— אַז איר טאַפּט דאָ אַן ערגסטן טראַכט מאָן, — ערשטנס, מיקייעך זיך אַליין, און צווייטנס, וועגן די קינדער.

— כ'איז קלאָר, מעכוטן, קיין איבעריקע גוטע־פרײַנט זײַנען בא קיינעם ניטאָ, ביספּראַט בא גרויסע באַכרים אַשירים, ווי איר, מעכוטן, זאָלט לעבן. מע פאַרגינט ניט און מע וויל איבערשלינגען. כ'איז רעכט, אַז איצטיק פאַרדריייעניש איז איבערעטעכן גאָר ניט אַזוי געפערלעך, ווי געפערלעך ס'קאָן זײַן, ווען שלעכטע מענטשן וועלן דאָס נאָך ווילן. בא אונדז, כאָב־רים, איז האָב דערקלערט דער נאָמען: נישט דער נאָמען, איז אונדז: א־ם

מענטש, אויף קרעדיט, אויף אלץ. און אין איינעם א טאג קאן מיט יעדערן פון אונדז געשען דאָס, וואָס איר ווייסט אליין: באלעכויוועס לויפן זיך אָן, די איינציקע כויוועס ווערן פארפאלן, מע ווערט דערוואָרגן און מע קאָן פון פארשליפטן שטריק נישט ארויס. מע דארף דערום זען עפעס טאָן באצייטנס. איר האָט, באָרעכאַשעם, געטרײַע קינדער, און מיט זייער הילף לאָזט זיך דאָ פיל אויפטאָן. וויאזוי? — פארשפאָר איך אײַך זאָגן, קלאָר, אז אלץ פון פארמעגן, וואָס באלעכויוועס קאָנען זיך דערויף ארופווארפן, דארף באצייטנס איבערגעגעבן ווערן אין אזוינע הענט, וועלכע קיין פרעמדע זאָלן נישט דערלאנגען; אלץ, וואָס לאָזט זיך, דארף אריבערגעפירט ווערן אף געטרײַע קינדערס נעמען, — קלוימערשט, איר טרעט זיי אָפּ, טרעט זיי איבער. זיי הייבן אָן ארבעטן באזונדער, און איר אליין דערווייטערט זיך אף דערווייל. דאָס געשעפט מיטן נאמען, לעמאָשל, גיט איר איבער אײַער עלטערן איידעם, יאנקעלע גראָדשטיין, די האנדלס-שטיבן ווערט גענומען אף זײַן נאָמען; די לאָנמאַר — נאָכעמען, די דירע קאָן איבערגעשריבן ווערן אף אײַער ווײַבס נאָמען. אף דער מעבלמענטעטעס, הייסט עס, און צירונג און געלט-מעזומענע קאָנען אין אנדערע זיכערע הענט ארײַנגעלייגט ווערן אף ביז א צײַט.

— פארשטייט זיך, אז דאָס אלץ איז אף דעם פאל, ווען ס'האלט שוין מאַכע בא דער גויט. ווען מע דארף זיך שוין מאכע, כאָלילע, „שטעלן“.

— ס'איז אוודאי דאָס שווער צו הערן. ווער ווייסט דען נישט, אז א מענטש, ביפראט אזא, ווי איר, מעכוטן, איז דער נאָמען טײַערער, ווי אלץ, אז אפילע איין מאָל נאָר צו דערטראָגן דאָס שלעכטע וואָרט ווען זיך, איז זאָל מען מאָקע באהיט ווערן; אָבער פון אייגענער פראקטיק קאָן איך אײַך זאָגן (און פראקטיק, ווי באוווּסט, מעג מען זיך לערנען אפילע בא א יודען), פון אייגענער פראקטיק קאָן איך אײַך זאָגן, אז מע האָט דאָס געזען שוין אמאָל, נישט דאָ געדאַכט, אויך בא זיך, באם אייגענעם טאג, אויך בא אנדערע. אָבער דערויקער, אזוי ווי דער מיין איז געווען נישט, כאָלילע, יעמעצן צו באראַבעווען, נאָר אין אן ענגער צײַט אפן וואסער זיך איבערהאלטן, איז גאָר נישט: איז געשען, וואָס געשען, אָבער ס'איז איבערגעגאנגען, די וועלט איז, כאָלילע, נישט כאָרעוו געוואָרן, און מיר זײַנען געבליבן מיר, און דער אייבערשטער אליין איז אויך געוויס אזוינע זאכן מויכל.

— איך זע, מעכוטן, איר קוקט מיך אָן, איר פארשטייט נישט, ווי איך האָב אזוינס נאָר געקאָנט ברענגען פארן מויל, און בכלל, וואָס איך נעם זיך די רעכט צו זאָגן מײַנע ווערטער אין אזוינע איניאָנים, אין וועלכע איר וואָלט נישט דערלאָזט אפילע אײַער אייגן ווײַב זאָל זיך מישן. איך זע, איר ווילט מיך פרעגן: ווער האָט געשיקט נאָך מיר, און ווער האָט מיר בכלל דערלויבט אײַך צו געבן אייצעס, ביפראט אזא, וואָס אפילע אײַער ערגסטער סוינע וואָלט, ווי אײַך דוכט, אײַך זי נישט געגעבן.

— ב'אוודאי נישט אָנגענעמט, — נישט נאָר פאר דעם, וואָס דארף עס הערן, נאָר אפילע דעם, וואָס דארף דאָס זאָגן, ביפראט אן אייגענעם. אָבער־

צוריק גערעדט, ט אַ ק ע װײַל אַנ אײגענער, ט אַ ק ע װײַל געטרײַ, מוז מענ דאָס אַמאָל טאָנ אונ נעמענ אַפּ זיכ, עלעהײַ אַװעקגעבנ אַ בײַטערנ רעצעפּט אַ כוילע. אונ מיר מיט אײַכ, מעכוטנ, זײַנענ דאָכ עפּעס אײגענע. פֿאַרגעסט ניט, מע־כוטנ, אַז מיר מײנענ דאָ נישט מער, װי נאָר אַנדערע אונ אונדזערע קינדערס טויווע. אַזוי, אַז שלעכטס אַפּ די כאָנים, אונ מיכ קאָנט איר דאָ אינ גאָר־נישט ניט כוישעד זײַנ, איבער נאָר אינ דעמ, װאָס איכ װײס, אַז אינ אַזױנע פֿאַלנ איז דער אײגנטימער אַלײנ קימאַט קײנ צאַד ניט: ער איז בלינד. ער מײנט יעדעס מאָל נאָר צו ראַטעװענ זײַנ קאָװעד, זײַנ נאָמענ, זײַנ האָנאָר, אינ זײַנע אײגענע זײַנענ דערבײַ מעבײַעסו אימ אַרויפֿירנ אַפּנ ריכטיקנ װעג: אונ אימ דערװײַזנ, אַז אַפּ קאָװעד דאַרפֿ מענ אַמאָל מוכל זײַנ, דעמ האָנאָר פֿאַרבײַגנ אונ טראַכטנ דעריקער װעגנ איקער, אונ אַז דער איקער איז דאָ, איז שוינ אַלצ דאָ, איז אַלעס איבעריקע קומט שוינ כעטײַלע — אי דער קאָװעד, אי דער נאָמענ, אי דער האָנאָר, אַלצ װערט דערנאָכ צוריק איבערגע־שטעלט אונ קײנער געדענקט ניט דעמ נעכטיקנ אומקאָװעד, װי מע געדענקט ניט דעמ נעכטיקנ טאָג. אוי, אוי, מעכוטנ, הערט מיכ אונ פֿאָלגט אַנ על־טערע, װײַל ב׳מײנ דאָ, כאָלילע, ניט קײנ בײז, נאָר אונדזער אַלעמענס אונ אונדזערע קינדערס מאָרגעדיקנ גוטנ טאָג.

מײשע מאַשבער האָט, איבערהערנדיק די לאַנגע רעדע פֿונ דער באָבע קרײנצי, געשוויגנ. ער האָט פֿונ צײַט צו צײַט אַפּ איר עפּעס װי יאָ געניקט אונ נישט געניקט. מע האָט בעשײַמעס ניט געקאָנט אַרויסזענ, װאָס פֿאַר אַנ ענטפֿער אַזאַ רעדע װעט בײַ אימ אַרויסרופֿנ, װײַל געטראָפֿנ האָט זי אימ שװער, אונ דער ענטפֿער האָט דאָ געקאָנט זײַנ פֿאַרשײדנ: אָדער מיט אויפֿגע־האַלטענעמ קאַס, געדערענקענדיק, װער ס׳זיצט פֿאַר אימ, זי נאָר אַ קאַלטנ פֿרעג טאָנ: „מאַמע, בעעמעס, װער האָט זי געבעטנ אונ װער האָט געשיקט נאָכ איר?“ אָדער ערגער: ער האָט זיכ געקאָנט אָנצינדנ אונ אַזוי אויפֿגע־קאָכט װערנ, אַזױװי בענעמײַע כײַינ, לעמאָשל, אַמאָל, װענ יענער האָט אימ שטאַרק אָנגעטראָפֿנ אונ אימ פֿונ די קײלימ אַרויסגעבראַכט, זאָל אינ װילדנ צאָרנ אַרײַנקומענ אונ שוינ נישט זעענ, װי ער האַלט אונ װאָס ער רעדט, אויב אויצמ, װי דעמאָלט, אויבער זיכ אינ אויסער קימאַט באַװוסטזײַנ, אויס־שרײַענ: „אַרויס פֿונ מײַנ שטוב!“. אַלצ איז דאָ געװענ מעגלעכ: אַ מענטש איז דאָכ מער ניט, װי אַ מענטש, בעפֿראַט אַז מע קומט באַהאַנדלענ זײַנ גײדל, נישט אָנפֿרעגנדיק זיכ בײַ אימ, װי בײַ אַ כוילע מעביקנ, װעלכנ ס׳איז שוינ אַלצײַנס, אַפֿילע זײַנ אײגענע כאַראַנע. אַזוי, אַז ס׳האָט געקאָנט זײַנ אי אַזאַ, אי אַזאַ ענטפֿער. מײשע האָט אָבער גאָרנישט ניט געענטפֿערט. ער האָט נאָר אײַנגעזעסנ, װי אַ מענטש, װאָס האָט אימ עפּעס מיטאַמאָל געטראָפֿנ אַ שװערע זאַכ אינ קאָפּ, װענ דער דערשרעק אינ די געפֿילפֿקעט איז אַזוי גרויס, אַז דער גרעסטער געשרײ אינ האַלדז איז צו קלײנ דאָס אויסצושרײַענ אונ דעמ װײטעק אַרויסברענגענ. ער האָט, שװײַגנדיק, װי קימאַט די באָבע קרײנצי נישט באַמערקט, אונ דערומ װי נישט מעבײַעסו געװענ פֿאַר איר

ווײַטע צו זײַן אין איר יאָך־ניט־איז אָפּגעשטעלטן, און אויב ער האָט עפּעס יאָ געזאָגט, איז דאָס געווען ווי נאָר צו זיך אַליין, אַז דאָס אויך, דאַכט זיך, האָבן די אויערן נישט געהערט, ווײַל זײַנע ליפּן האָבן געשעפּטשעט:

— אָט, אזוי, — האָט ער שטיל צו זיך אַליין געזאָגט, — איז, הייסט עס, דאָס עס שוין בײַ אײַך, און קיין נאָענטערע זײַנען שוין נישט געבליבן, און מע האָט שוין געמוזט איבערלאָזן פֿון דער פֿרעמד, ווי א שטאָטיש: דאָרטער צו א כלה אַן אַרענדאַר... אזוי, איז ווײַטער, הייסט עס, נאָך פֿרעמדע האָבן זיך דערצו דערטראַכט, זײַנע שוין אייגענע קינדער אַפֿן גע-דאַנק געבאַלט. נאַ!.. — האָט מוישע דאָ עפּעס א מין האַלב־געדעמפּטן זאָג געטאָן, זיך פֿון פֿאַקטעל איבערגעהויבן און ווידער, נישט באַמערקנדיק די באָבע קריינצי, נישט געפֿינענדיק באַר גײַטיק אַרויסצוווײַזן אַפֿילע קיין מינדסטע ביסל אַנטשולדיקונג און דערנעבנדערע בענקענײַע איר באָבעס אַפֿילע איין וואָרט איר צו זאָגן, און אַפֿילע ניט קיין גוטע־נאַכט צום געזעגענען. גיין, ער האָט זיך איבערגעהויבן און מיט די אייגן געזאָגטע פֿאַר ווערטער פֿאַר זיך, ווי אויב זײַנע פֿאַר איר ווײַטע געוועזן אונ, — ענדע.

געבליבן מיט מען ניט אזוי, געבליבן איז פֿון אזא מענטש, ווי מוישע, אזוינס ניט געווען צו וואַרטן. פֿון דעם אַנדערער זײַט אָבער, זאָל זיך אַן אַנדערער אין זײַן לאַגע שטעלן און זאָל ער, מעגלעך, פֿריִער האַנדלען אַנדערש.

אָבער, אָט אַן ערעב מיט דעם איז מוישעס מאַטבער דערפֿילט פֿון זאָל אויס. מעגלעכער עפּעס ניט אַקוראַט אזוי, אָבער מיר זאָגן דאָך „אַן ערעב", ווײַל זיינען אַפֿילע אויב א ביסל אַנדערש, איז דאָס שוין אויך נישט איבערדיק רלבייק, אַבי די באָבע קריינצי איז געבליבן באַרשעמט, ד.ה. בײַ נאָרגישט, און אַבי נאָר מיט דעם האָט זיך איר שליבעס געענדיקט, ד.ה. ווײַטער מיט נאָרגישט.

זי האָט זיך שוין לאַנג נאָכן געשפּרעך אין N נישט פֿאַרהאַלטן. זי האָט אַרויס געגאַנגען. פֿאָרן פֿאָרן נאָך האָט זי גאָבעטען אין א זײַט אָפּגערופֿן און געזאָגט:

— איך, ריבע, האָב געטאָן, וואָס געקאָנט, וואָס עלטערן מוזן אין אזוינע פֿאַלן: בין געקומען, האָב גערעדט, געזאָגט, וואָס געזאָגט, נישט געפֿעלט. מיר האָט ער נישט געענטפֿערט, אָבער ס'מאַכט נישט אויס: און מיר איז שוין פֿאַרגעלאָזט, און און דער רבנישער צײַט ווערט ער זיך אָפּרופֿן. ער איז איצט דערשלאָגן, מער קאָן מען נישט. און מיטן איבעריקן פֿאַרלאָז איך זיך שוין אויף דיר, אז און גײַטיקן מאָמענט ווערסטו אונטערקומען מיטן גײַ-טיקן.

מוישעס מאַטבער איז פֿון יענעם געשפּרעך האַלב מענטש אַרומגעגאַנגען. ער איז געווען צעטומלט, ער האָט אָפּט ניט געהערט, וואָס מע רעדט צו אים, און מע האָט אים געמוזט איינע און די זעלבע פֿראַגע פֿיל מאָל איבער-כאַזערן, ביז ער האָט פֿאַרשטאַנען וואָס מע וויל. איינס נאָר האָט ער יאָ גע-ווײַסט — און זײַן שטילער פֿאַרטראַכטקייט זיך צו האַלטן וואָס ווײַטער פֿון

נאָכטעג, מיט אים אינ קיינע געשפּרעכנ זיכ ניט ארײַנגעלאָזנ, אונ אָפט האָט ער געכאַפּט אַפּ אים א קוק הינטנאָרומ, ווי אַפּ איינעמ, וואָס איז אים באַגאַנגענ גאָר ניט קיינ שיינע זאַכ, ווי אַפּ אזא, וואָס האָט אים עפּעס אמאָל אינמיטנ באַנאַכט געוואָרגנ...

* * *

יאָ, כ'האָב שוינ געהאַלטנ בײַ דער באָבע קריינצי. ערגער: — אונ דאָ זאָגנ מיר איינ א צווייטנ סאָד — מײַנע מאַמע האָט נאָכנ געשפּרעכ מיט דער באָבע קריינצי, אינ איינעמ א באַרגאַכט אמאָל, געזיימ, אז קיינער, ניט פונ די יאַמאַרטיעמ אונ אפילע איינ ניט פונ די שטיב-מענטשנ, זאָל באַמערקנ, געלאָזט רופנ צו זיכ זײַנ פאַרטרויענס-מאַנ, זײַנ ווינקל-אדוואָקאַט, איציקל זילבורג.

אונ אנדערע-מאָל, אינ אלע אנדערע פאַלנ, פלעגט מײַנע צו איציקלענ אַרײַנ גיינ. ווײַל צו זיכ אימ רופנ פלעגט קיינער ניט גערנ, נאָר דאָס מאָל איז מײַנע בײַ אלגעמיינ-קאָמיטעטנ גערער אונ האָט אימ פאַר-בעטנ צו זיכ. מע האָט איציקל זילבורג, ווי געזאָגט, ניט גאָר גערנ געהאַט. מאַכמילע כאָטש געוווּסט פונ יענע לײַט, וואָס אז מע נײַטיקט זיכ ניט אינ זיי, האַלט מענ זיכ פונ זיי וואָס ווײַטער אונ מע רוקט זיכ ניט צו זיי אינ איבער-ריקער קרוווּעשאַפט.

כ'א באַזונדער קאַפּיטל, דאָס מײַנ איציקל, וואָס ווענ מיר וואָלטנ אויס-פירלעכ ווענ אימ דערציילט, וואָלט עס אוונ צו ווײַט פאַרפירט. נאָר צוליב פאַרלײַפיקנ איניענ וועלנ מיר נאָר מיט א פּאָר ווערטער וועגנ אימ אָט וואָס זאָגנ:

א מענטש מיט א גיטנ קאָפּ אינ גוטע פּייקעלעכ. נייט שטודירט אינ הויכשולנ אונ אוניווערסיטעטנ, קיינ יורידישנ פאַקולטעט ניט געענדיקט, אונ דאָכ האָט ער דעמ קאָדעקס פונ ציווילנ אונ קרימינעלנ רעכט געוווּסט, ווי קיינער, אונ גרויסע פּראָפעסיאָנעלע יוריסטנ אפילע האָבנ געמעגט קומענ צו אימ זיכ לערנענ.

מע האָט עס געוווּסט, אונ מאַרק-מענטשנ האָבנ אימ אויסגענוצט. בײַ-פראַט, אז קיינ איבעריקער באַרבעטער איז ער ניט געווענ, אונ זײַנ האָנאָראַר האָט ער זיכ געלאָזט באַצאָלנ נײַט לויט דער ווײַכטיקייט אונ שוועריקייט פונעמ איניענ, מיט וועלכנ מע איז צו אימ געקומענ, נאָר לויט דעמ שטאַנד אינ פאַרמעגלעכקייט פונעמ אינטערעסירטער פונעמ איניענ.

א מאָדנער פאַרשוינ: אונ אנדערער אפּ זײַנ אָרט וואָלט, זיכער, רײַכ גע-וואָרנ, ער — ניט. ער האָט זיכ געראַט זײַנע קאַפּריזנ. ער פלעגט אמאָל פאַרבאָטנ א רײַכנ מענטשנ אזא פּרײַז, וואָס מע האָט געשטוינט, קוקנ-דיק אפּ אימ. נאָר אויב ניט, — האָט ער געזאָגט, — בלײַבט ניט, איז ניט-ווענדיקייט, קאָנ מענ זיכ גיינ צו אנ אנדערנ. מע איז אָבער געווענ פאַר-גלייבט אינ אימ, אינ אלע שווערסטע איניענ אונ אלע פאַרדרייטסטע

אבארומ אינ לאָרענישנ, אראַנזש שלעכט-געשריבענע יאָנבראַכטנ באַמ שליכנ די אבאַרומ, האָט איציקל זיכ אינטערעסירטע אויסבלאָנקעטערנ, אונ אינ פיל באַלנ ווענ מע האָט שוינ געהאַלטנ די לאָרעניש פאַר פאַרשפּילט, איז, אראַנזש יענע בײַלײַטנ, ארויסגעקומענ נאָר דער אומגעריכטער הײַפּעב: מע האָט די **לאָרעניש געוואונענ.**

דאָס אלצ האָלט זײער גוט געווענ, איז אָבער איציקל דערצו געווענ א דראַנקער אפ אײנער א זאַכ — אפ קאָרטנ. ער האָט געשפּילט לײדנשאַפט-לעכ. בײַ פאַרשפּילנ זײַנע אײגענע גאָר היפּשע פאַרדינסטנ, בײַ פאַרשפּילנ א גאַנצ שטיק מאַיאָנטעק פונ זײַנ אײגענעמ טאַטנ — א שפּילנ יאָרנ, באַ װעלכנ ער איז געווענ א בעל-אָבוד אינ ער האָט אימ, דעמ טאַטנ, געלאָזט ריטמאַב אינ די דעמער. ער האָט פאַרשפּילט אויב דאָב, וואָס ס'האָט זיכ גע-לאָזט, באַ זײַנ פאַרטעגלעכנ שװער — פריער געלט, דערנאָכ געגנטיג. דערנאָכ אײבנעײַנט באַ איציקלס יונב, וואָס יעדעס מאָל האָט ער איד אבגע-נאַרט. אז שוינ, אז ס'איז בילנקטע מאָל, אונ אז מער גיט, אונ ווו ער דארפנ נאָר אימיטונג זײַנע קאָרטנ-לײַט האָב געלט, וואָס ער האָט באַמ לעצטנ מאָל דא זי פאַרשפּילט. מיט אײנ װאָכנ, איציקל האָט פאַרשפּילט פאַרמעגנס. איז דאָס אימ געווענ װײניק — ער אלײנ. האָט ער נאָכ ארײנגעשלעפּט אונ ארויסגעפירט פונ װענ פיל יונגעלײַט פונ גאָר פײנע אונ רײַכע הבזית, וואָס אויב זײ זײַנענ, באַפּקאָלנאָפּ, אלײנ רוינירט געוואָרנ אונ אויכ רוינירט גאַנ-צע פאַמיליעס.

ער האָט געענדיקט בײַ ער — אפ א ציקער-שטריקל, אז דאָס נאָכ זײער אינ א מיעס אָרט, אינ אנ אָפּטרעט ערגעצ, זיכ ואויפגעהאנגענ. דערווײַל אָבער דאַבנ כאָבריס אימ גענוצט, דערווײַל האָט ער גרויס אוועקגעמאַרמעט אונ אָנזיענ געראַט, וויפל אויסער זײַנע, ווי געזאָגט, פײַקײַטנ, האָט ער געהאַט נאָכ אײַ-נע א מעלע, וואָס איז זעלטנ, אינ פּלוג, באַ אזוינע לײַט, באַ קאָרטנ-מענטשנ, דאָס צו געפינענ. געמלעכ: ערנטלעכקײַט, וואָר וואָרט, און דעריקערשט — א גרײַסער באַל-כאָר. מע האָט זיכ אפ אימ געמעגט פאַרלאָזנ ווי אפ א פעס-טונג. ווער ס'האָט אימ פאַרטרויט, איז ווי א מעס א קיווער — שוא, אונ פונ זײַנ מויל איז צו יענעמס ראָע קיינעמ־אָל פאַר קײנעמ קײנ וואָרט ניט ארויסגעריכנ. נישט ווי אנדערע פונ זײַנ סאָב, וועג צווײ צדאָרימ, לעמאָשל, פאַרטרויענ אימ אײנ אינינג, שפּילט ער אפ אימ אויס, לאָזט זיכ אויסקלײַבנ דעמ גרינגערנ. אפ וועמענ מע וועט לײַכטער אינ זיכערער קאָנענ געווינענ, אינ מיט נאָכ דערבײַ איבנוצנ דאָס, וואָס ער האָט זיכ פונ צווײטנ, פונ שפּיאַבנ צאַר, דערוויבנ. ער — ניט. ווער ס'איז געריכטנ דער ערשטער, דער ס'האָט אימ דער ערשטער זײַנ צאַר פאַרטרויט, איז אז דער צווײטער איז געקומענ אינ נאָכבאָט אָנגעטרײַבנ צו דערגײנ פונ יענעמס אינינג אונ אימ בײַבנ יענעמ אײנטערעבנ צו פאַרטרעגנ, האָט ער זיכ גלײַכ אָפּגעזאָגט, גע-זאָגט: נײנ. ער איז פאַרגומעג, ער פאַרטרעט שוינ די אינטערעסנ פונ צווײטנ צאַר.

אָט דער איציקל זילבערג איז דאָס מאָל צו מוישע מאשבער איינגעלאדנ געוואָרנ, קעדיי מיט מוישע מאשבער הינטער א פארמאכטער טיר אינ זיינ אלקער בלייבנ אונ מיט אים זיכ באראטנ.

מוישע מאשבער האָט אים דערציילט, אז כמארעס גייענ אים אינ קאָפּ: ער איז שטארק פארדרייט. עמעס, די לאגע איז אינ מאָכ נאָכ ניט אזוי געפערלעכ, דער באלאנס איז, ווי אלעמאָל, א גוטער, נאָר קאסע-מעזומענ — שוואכ. ער שטעקט בא פרעמדע מיט גרויסע כויוועס, אָבער די צייט איז אזא, אז אלע די, וואָס זיינענ אים שולדיק אונ וואָס ס'קומט אים בא זיי, וועלנ זיכער דאָס מאָל ניט צאָלנ צו דער צייט. פארקערט, דאָס, וואָס ער איז שולדיק, יאָב ס'קומט פונ אים, וועט ער מוזנ צאָלנ, ווייל אנדערש, איז, ווי ער, ווי איציקל, ווייסט, פאר אזא, ווי ער, ווי מוישע, א כאלעס.

— אזא, ווי ער, מוז צאָלנ, נישט? — איז באנקראָט, דער קרעדיט אונטערגעריסנ, שוינ קיינמאָל ניט אויפצושטעלנ. אונ צאָלנ וועט ער ניט קאָנענ. ער זעט עס פאָרויס — איבער פארשיידענע טעמים אונ אומשטענדנ, וועלכע ער, איציקל, ווייסט א ביסל יאָ אונ וועלכע ער ווייסט ניט. עמעס, דערווייל האלט עס נאָכ ניט, כאָלילע, דערביי, אָבער ס'קאָנ האלטנ, ס'קאָנ געשענ פונ מאָרגנ אויפ מאָרגנ, פונ יאָר אויפ יאָר, אונ קומענ מאָגנ וועלנ דערצאָלט ניט נאָר די, וואָס זייערע וועקסל-זומאָנעס זיינענ שוינ איבערגעגאנגענ, נאָר אויכ אפילו די, וואָס נאָכ ניט, ווי ס'פירט זיכ. באָטרים טראכטנ אינ אזעלכע פאלנ אג איינצ.

ער — אויב. מע קענ אים, מע ווייסט, אז ער, מוישע, מיינט דאָ ניט, כאָלילע, ווי אנדערע — יענעמס, דה. פונ א מינ באָברישער ברייטע דענ יערנ באריט גאנצ! ער מיינט דא נאָר דאָס שלעכטע שטיקל צייט איבערצוטראָגנ, זיכ, ווי פאר א געוויסער כאייאָרנונג, אינ רעגנ, אז ס'וועט אריבער, וואָ ער ווידער א פרט פאָגנט האָבנ אינ ווידער אינ זיינע אָרנטלעכע, איבערגעשטעלטע ברייגעס ארויסנעמענ. עכינ, ס'קאָנ נאָכ נאָר זיינ, אז כוואָל נאָכ דאָ גאָרנישט ניט געשענ, אז מע זאָל נאָכ דאָ גאָרנישט דארפנ פירנעמענ, אינ דעמלט, נאטירלעכ, פארלאָזט ער זיכ אויפ אים, אויפ איציקלענ, אז פונ זיינ מויל וועט קיינער פונ זייער איצטיקנ געשפרעכ זיכ גאָרנישט ניט דערוויסנ, נאָר אלנפאלס, אויפנ הונדערטמאָל פאל, האָט ער אים, איציקלענ, איצט גערופנ אונ וויל זיכ מיט אים איבערייצעגנ:

— ווי מיינט ער, צי איז א געדאנק, צי ס'איז גלייכ אונ ס'לאָזט זיכ, ער זאָל, לעמפאנגעמ, די קינדער זיינע פונ שוטפעס ארויסלאָזנ, לאָזנ די געשעפט אויפ זייערע נעמענ: ער, מוישע אליינ, גייט, קלאָמערשט, פונ זיי אוועק, אזוי אז די כויוועס זאָלנ הייבנ נאָר זיינע, אונ אויב ער צאָלט ניט, זאָל עס הייבנ, אז ער אליינ צאָלט ניט, אָבער די קינדער אונ דאָס געשעפט בלייבנ אינ א זייט...

בא מוישענ, ביים ער האָט דאָס געדערט, זיינענ די ליפנ פונ דער באָרד געשפרונגענ. זיי האָבנ אים אָפט אויכ ניט געפאָלגט אונ געוואָלט רעדנ ניט דאָס, וואָס ער האָט געוואָלט ארויסברענגענ. גרויס מי האָט אים געקאָסט, ער

אפ וויפל דאָס האָט זיכ אימ אײַנגעגעבנ, האָט זיכ אײַנגעגעבנ: מוישע האָט זיכ, ווי-נימ-ווי, מאַקע געלאָזט אײַנרײַדנ, אונ באַר איציקלס אוועקגײַנ אימ געדאַנקט אונ פונ גרויס צעטראָגנקײַט זיכ מיט אימ, שוינ אפ דער שוועל שטייענדיק, אפילע זיכ עטלעכע מאָל געזעגנט. נאַטירלעכ, איז אימ אויכ גע-בליבנ גענוג שווערס: אַליינ שוינ דאָס, וואָס ווער וואָלט זיכ עס געריכט, אז ער, מוישע מאַיטבער, וועט האַלטנ דערבײַ, אז ער וועט געצוווּנגענ זײַנ אי-ציקל זילבערנ אפ אזא מאָד אײַנלאַדנ צו זיכ אהיימ, מיט אימ הינטער פאַר-מאַכטע טירנ זיכ אָפּזונדערנ אונ אזויגע גאָר געשפּרעכנ פירנ. נאָר מילע: געשעענ — איז געשעענ, אונ אינ לעבנ קומט פאָר פאַרשיידענעס... מוישע האָט זיכ שוינ געוואָלט בארויקנ, נאָר אײדער ער האָט נאָכ באַוויזנ איציקל זילבערנ אראָפּבאַגלייטנ פונ שטיב אונ פונ דער שוועל, אזוי האָט זיכ באַוויזנ א שאַליעכ פונ רעב הודי דעמ ראָוו צו אימ צוגעשיקט מיט א באַקאָשע, ער זאָל וואָס גיכער קומענ — דער ראָוו וואַרט אפ אימ, דער ראָוו דאַרפ אימ נייטיק האָבנ.

דאָס איז געווענ נאָכ דעמ, ווי רעב הודי האָט זיכ די לעצטע טעג קראַנק געמאַכט אונ זיכ אינ בעט אַרײַנגעלייגט... געמאַכט? — יאָ, עמעס, א ביסל איז ער אויכ מאַקע קראַנק געווענ, אָבער ניט אפ אזויפיל, אז ער זאָל זיכ אינ בעט לייגנ, אונ געלייגט האָט ער זיכ, קעדיי ער זאָל קאָנענ רופנ אונ אײַנלאַדנ צו זיכ דעמ דאָקטער יאַנאָווסקי אונ מיט אימ האָבנ דעמ באַלד ווײַטער קומענדיקנ געשפּרעכ.

ביידע, רעב הודי אונ יאַנאָווסקי, צוויי אַלטע שטאָט-אָנפירער, אײנער פונעמ ראָוו שטאָט-אײַנוווינער, פונ דער יודישער קעהילע, דער צווייטער — פונ דער מינדערהײַט, פונ דער פּוילישער, וואָס ער, יאַנאָווסקי, איז געווענ איר פאָרשטייער, דער ווירטשאַפט-פאַרוואַלטער אונ איר קלויבער-קאָמיטעט. ניט איינ מאָל האָבנ זיכ די ביידע, רעב הודי אונ יאַנאָווסקי, אָנגעשלאָגנ בא אַלגעמיינע אינטערעסנ, וועלכע האָבנ ביידע קעהילעס אָנגערירט. זיי האָבנ זיכ איינס דאָס אַנדערע אָפּגעגעבנ קאָוועד אונ אײנער פאַלנ, אונ יעדעס מאָל מיטאַנאַנדער די נייטיקע ענינימ, אפ א געהעריקנ אויפנ, אײַנגעלאַדעט; אזוי אז אפילע שוינ ניט אינ נייטיקע ענינימ זײַנענ זיי אויכ, אַליינ נאָר לייטנ אמט אונ שטאָט, הייטנ עס, אָפּיציעלע פּרײַוואַט געווענ, האָבנ זיכ פונ צײַט צו צײַט געזעענדט אייגנ צײַט צווייטנ, זיכ ווײַטער העפלעכ געטריבנ, ווענ באַגעגנט; אונ וואָס געהערט יאַנאָווסקינ, איז יעדעס מאָל, ווענ רעב הודי איז קראַנק געווענ, אונ מע האָט אימ צו אימ געריפנ אפ א וויזיט, פלעגט ער אָפּזיצנ לענגער, ווי בא א געוויינלעכנ כוילע, פלעגט אויסער דער רפואה, ווײַנ נאָכ אינ אָנגעמ שמועסנ אינ יעדנ מאָל אפילע פונ דאָקטער-האָנאָראַר זיכ אָפּזאָגנ.

דאָס מאָל, אז יאַנאָווסקי איז געקומענ צו רעב הודינ, האָט רעב הודי אימ גלײַכ געזאָגט:

— ער איז ניט אזוי קערפּערלעכ קראַנק, ווי קראַנק פונ ערגערניש. ער-

וויסנ גיכטאַמ, יאַנאָווסקי, דעמ אינגנ מיט די פּריצימ, מיטנ שיכנ אינ פּאָרטרעט אינ מיטנ שווינדלער מינגעמאַסטיקן, וואָס האָט זיכ געשטעלט דאָ בײַ דעמ אינגנ צו פֿאַרדינענ, אינ פֿאַר די פּריצימ איז געשטאַנענ א בריוועל: אָדער-אָדער: — אָדער קימנ, פֿאַרשיקנג אינ עפּשער נאָכ ערגער, אָדער מע באַצאָלט אים, בינגעציבלאַיבקינ, אינ דער אינגנ איז צעריבנ.

— נו ווייסט מיכטאַמ איוכ, אז איבערנ הניאָריגנ שלעכטנ יאָריד האָבנ פּריצימ קיינ געלט ניט געהאַט מיט וואָס זיכ אויסצוקויפֿנ. דערווײַבנדיק זיכ די יאַנגע אינ שאַנעטעמדיק די פּריצימ, וואָס זײַנענ מיט יורנ פֿאַרבונדנ, האַנדלענ מיט ווי אַרע יאָרנ צוזאַמענ אינ מאַכנ שטענדיק געשעפֿט איני-נעמט — האָט ער, רעב הודי, געראַטנ פֿאַר זײַנ כויי אינ דעמ אינגנ זיכ אַרונטערטנ, זיי, די פּריצימ, פֿונ זייער ניט אַרויסהעלפֿנ. ער האָט צוגיפּ-גערינגט ויעמענ מיט דאַרפֿ, מע דאַרפֿ דאָס געלט צונויפֿקליבנ אינ דאָ גע-בעטינ.

— פֿאַרשטענדלעכ, אז זײַנ מיינ איז דאָ געווענ ניט, באַלילע, עפּעס קענג דעמ יונגנ, וואָס פּריצימ האָבנ פֿאָרגענומענ: אַרעראַבנ, פֿאַרקערנ, נאָר דערפֿאַר מאַכנ, ווײַל ער האָט געווינסט, אז פּריצימ זײַנענ דאָ לאַבלומנ אומ-שולדיק, אינ אז ס'איז הייליקער בילבול, האָט ער געמאָנט, וואָס ער איז געווענ ביטכוילעב, מענטשלעכ, אינ ווי דער יידישער דינ פֿאָדערט אינ אוויגע באַלג — אַרויסהעלפֿנ דעמ, וואָס נייטיקט זיכ אינ דײַנ הילפֿ.

— כיראַט זיכ אָבער אויסגעלאָזט — מע ווייסט ניט, פֿונוואַנענ ס'קומט אינ יענעמ האַנט ס'איז דערבײַ — מעגלעכ, אז דער שווינדלער האָט - בראַווסקי אַליינ האָט זיכ דאָ פֿאַרנ שווינדל דערשראָקנ אונ האָט זיכ אליינ אויסגעגעבנ, מעגלעכ איינ, אז אנ אנדערער, — ווי די מײַסע זאָל ניט זײַנ, איז, ווי ער, יאַנאָווסקי, ווייסט, דער גאַנצער פּריצימ-אווילעמ איצט פֿאַר-פֿלייכט. אינ איינציקע אפֿילע האָט מענ שוינ פֿאַרנומענ, אונ אויכ די יונג, יענע, וואָס האָבנ דאָס געלט געזאַמלט, זײַנענ שוינ אפֿנ פֿאַרהער גערופֿנ געוואָרנ, אינ ער אַליינ, רעב הודי, איז איצט גוואַלדיק פֿאַרלוירנ: ער קאָנ זיכ ניט טרייסט זײַנ, וואָס ער האָט אימשולדיקע מענטשנ אינ אזא אינגעג אַרײַנגעפֿירט אינ פֿאַרמישט. ווײַל אויב ס'וועט גיינ, ווי ס'גייט, איז, ווערליפֿ מע הערט יאָגנ אינ ער פֿאַרשטייט פֿונ די איבערפֿאָרשער, קאָנ זיכ דאָס, כאַ-לילע, ענדיקנ מיט א גרויס אומגליק פֿאַר אַלע.

— איי אָט, האָט ער אימ געריבנ, ניט אזוי צוליב זײַנ בולישע[1], נאָר צוליב זיכ איבערצײַגנ: עפּשער ווייסט ער, וואָס מע טוט אינ וואָס ס'לאָזט זיכ דאָ פֿירנעמנ.

רעב הודי איז, בעשאַס ער האָט דאָס אַלץ פֿאַר יאַנאָווסקינ אויסגעלייגט, געשטאַנענ אפֿנ בעט. יאַנאָווסקי — ליגנ אים, אפֿ א שטול, צוגערוקט. רעב הודי — א יאָרנ מיט א ווײַסער שיטערלעכער יידישער באָרד. יאַנאָווסקי

1 — שוואַכקײַט.

אנטקעגנ — אויכ אזא, נאָר מיט צוויי ווײַס־וואָלענע פראַנציאָזעפישע באַקנ־באַרדנ. רעב דודי — מיט שאַרפע אויגנ, נאָכ מיט א געוויסנ סאָרט ברעג, קלוג, פּאָליטיקאַניש, יאַנאָווסקי אנטקעגנ — שוינ מיט אנ אויסגעלאָשענעם בליק, צי פונ עלטער, צי פונ דער נאַטור אזא.

יאַנאָווסקי האָט געהערט, באַנומענ, נאָר, צי מאַכמעס ער האָט זיכ ניט איבעריקס געוואָלט מישנ, צי דערפאַר, וואָס ער האָט געזענ, אז ס'איז דאָ ניטאָ מיט וואָס צו העלפנ, האָט ער, פונ זײַנ זײַט, גאָרנישט ניט פאָרגעלייגט. ער האָט נאָר געגעבנ אָנצוהערנ, אז אזוי ווי דער איניענ איז ניט קיינ געוויינלעכער, נאָר אזא, וואָס רירט אָנ הויכע מעלוכע־פּאָליטיק, איז דאָס איינציקע, אינ וועמענ ס'איז געווענדט — דאָס זײַנענ די אויספאָרשער. ווי זיי וועלנ וועלנ, הייסט עס, אויסלייגנ די זאַכ פאַר דער הויכער מאַכט, אזוי וועט דאָס זײַנ, אונ אזוי וועט מענ עס דאָרט אָננעמענ; איז דאָס איינציקע דערומ, וואָס מע וואָלט דאָ געקאָנט טאָנ אונ וואָס ס'לאָזט זיכ, איז ווענ מע האָט א צוטריט צו זיי, צו די אויספאָרשער — דורכ הויכער באַקאַנטשאַפט אָדער דורכ אנדערע וועגנ, ווענ מע קאָנ צו זיי צוקומענ. ווענ דאָס גיט זיכ אײַנ, וואָלט מענ, ערשטנס, זיכ געקאָנט דערוויסנ, ווי די זאַכ האַלט ביכלאַל, אונ צווייטנס, וואָלט מענ עפּשער זיי געקאָנט איבערצייגנ, איבערנ אינ זיי באַווײַזנ דעמ אומשולד פונ די באַשולדיקטע, נאָר אַז אזא אויפנ־וואָלט דאָ געקאָנט עפּעס מעגלעכ זײַנ.

רעב דודי איז פונעמ געשפּרעכ מיט יאַנאָווסקינ ארויס נישט איבעריק באַפרידיקט, אונ דאָס איינציקע, וואָס איז אימ געבליבנ אונ האָט זיכ אימ יאָ אפּנ סיכל געלייגט, איז געווענ דאָס — וואָס עפּשער וואָלט מענ מאַקע געווענ דורכ פאַרשיידענע צדאָדימ, דורכ פאַרשיידענע קליינע מעלוכע־לײַט אונ באַאַמטע קומענ צו זיי, צו די העכערע, צו די אויספאָרשער.

אונ אָט צוליב דעמ האָט ער איצט מוישע מאַשבער געלאָזט רופנ — אימ, מוישענ, ווי נאָכ איינציקע געציילטע פונ צווישנ אלע די, וואָס האָבנ אינעמ געלט־זאַמלענ פאַר די פּריצימ גענומענ אָנטייל. ווײַל דאָס, וואָס רעב דודי האָט איצט געהאַט פאָרצולייגנ, איז א זאַכ טאַקע נאָר פאַר געציילטע אונ געטרויונגס־לײַט, — אלנפאלס, ניט פאַר אלע.

רעב דודי האָט, פאַר אלעמענ, איבערגעגעבנ זײַנ געשפּרעכ מיט יאַנאָווסקינ אונ וואָס ער האָט פונ אימ ארויסגעטראָגנ, אונ צומ סאָפ האָט ער צוגעגעבנ:

— ב'מראָגנ זיכ קלאָנגענ, ראַבויסיי, אז די לאַגע פונ די פּריצימ איז ערנסט. מע דאַרפ עס גוט פאַרשטיינ: יעדעס מאָל, ווענ אויספאָרשער נעמענ זיכ פאַר אזא איניענ, ווי מע ווערט באַשולדיקט אינ גיינ קעגנ מאַלכעס, זײַנענ זיי קעסיידער נויטע צו געפינענ מער שולד, וויפל ס'איז דאָרט פאַראַנ טאַקע אפּ אנ עמעס. די מעווע פונ דער זאַכ פאַדערט פונ זיי: קעדיי מע זאָל זיי ניט כוישעד זײַנ, אז זיי נעמענ אָנ גרינג אונ האַלטנ פאַר לײַכט אזוינע האַרבקײַטנ. זיי זעענ דערומ באַשולדיקנ ניט נאָר דעמ, וואָס

אין פאַרע מיט אַנ עטעכס שילדיק, נאָר אפילע די, וואָס זײַנענ נאָר נאָענט ליגנ אים געשטאַנענ, אפילע דעמ, וואָס האָט אים מיט א מינדסטנ נאָר אונטערגעהאָלפנ, אָדער געצייכנט אונ ניט אויסגעגעבנ. ס'א קלאָר בא זיי: וועט עס באַשולדיקט מער, דער איז געלויבטער, דער, הייסט עס, איז דער נעמיטער רינגער אונ דער קאָנ זיבער זײַנ, אַז מע וועט אים אויסטיילנ אונ באַצייכענענ צום גוטנ. אויב דאָ וועלנ די אויספאָרשער, גאַמירלעכ, זענ אזא פאַל ניט הינבלאָזנ אינ זיכ וועלנ איבערצייגענען. זיי וועלנ דערומ ניט נאָר אינ פריציפּ ניטשט ארויסלאָזנ פונעמ באַשולדיקונגס-קרײַז, נאָר זיי וועלנ זענ אויכ אראָפּשלעפּנ אהינ די, וואָס האָבנ צו דעמ נאָר די ווײַטלעכסטע אפּילנ שײַכעס, ווי מיר אלע, לעמאָשל, וואָס כאָטש זיי הייסנ וויל, אַז יירנ האָבנ מיט דער עצעמ-באַשולדיקונג ניט צו טאָנ, נאָר ווער ס'העלפט דעמ, וואָס מיט די אײַגענע, איז גלײַכ ווי ער מיט זי אלײנ. ס'איז דערומ אײנ אײַנציג: פרייער גאָט, דערנאָכ מאַקע זיי, די אויספאָרשער. מע וואָלט באַדאַרפט זענ צו זיי גיקומענ, — אזוי האָלט יאַנאָווסקי, אזא איז מײַנ געדאַנק אויכ. מע/דאַרפ נעפינענ הינבציאַנענ הינבצוטרײַבנ — מיט קאָשערנ, איז מיט קאָשערנ ניט — אויב ס'לאָזט זיכ ניט הינב באַקאַנטשאַפט, הינב א גוט וואָרט אונ פרײַנטלעכער הישטאַדלעס — איז אפּ אונ אנדער אויפנ, אפּ אנ אנדער וועג: מיט ווײַניק געלט, אויב מע וועט דאַרפנ באַשטימנ א קלענערנ, מיט מער — אויב דער גרעסערער „געמט", אונ נעמענ — נעמענ זיי דאָכ אלע. קײנ אנדער אויסוועג איז ניטאָ.

— עמעס, — האָט דאָ רעב הודי צוגעגעבנ, — ס'שטייט דאָ פאָר א געפאַר, ווי אינ אלע ענלעכע אזוינע אונטערנעמונגענ, דה., ווענ מע קומט אָנ צו גרויסע לײַט, וועג מע דאַרפ צו זיי האָבנ אונ מע דאַרפ זיי „אינ דער האַנט געבנ" — שטייט פאָר א געפאַר, מאָמער, כאָלילע, נעמט דערנאָכ אזא אײנער, נײמט אינ דערציילט, אַז מע האָט אים געוואָלט איבערקויפנ. דערמיט איז די שולד שוינ געטאָפּלט, דערמיט וואַקסט זי אויס אינ א באַרג, ווײַל דאָס איז דאָכ א סימענ, אַז ווער ס'פילט זיכ, דער מײנט זיכ: אנדערש, ווענ דער געוויסנ איז רײַנ, וואָלט מענ זיכ דאָכ אפּ אזוינע ווענג, ווי אפּ געלט נעבנ, אפּ כאַבאַר, ניט געלאָזט. יאָ, ס'א געפאַר. פונ דער אנדערער זײַט אָבער האָבנ מיר קײנ אנדערע ברירע, אונ מע דאַרפ מאַכנ זענ אינ אזוינע אינטאַנימ זײַנ זייער פאָרזיכטיק. זענ, ווע מ ע נ מע ניט. זיכ אפּריער גוט אָנפרעגנ, צי יענער ג ע מ ט, וויאזוי אונ וויפל, אונ מע דאַרפ, גאַמירלעכ, דאָס אויכ קאָנענ קלוג דערלאַנגענ...

ס'איז קלאָר געווענ פונ רעב הודינ, אַז די ידיעס, וואָס ער האָט באַקומענ, זײַנענ נאָרנישט קײנ פרייליכע. אלנפאַלס, זײַנענ די געציילטע, וואָס זײַנענ דערמיט בײַגעווענ אפּ דער ענגער געהיימער אונ געשלאָסענער באַראַטונג בא רעב הודינ, ארויס אָנ א באַשלוס, מאַכמעס איבעריק פּעסעט איז דאָכ רעב הודי אלײנ ניט געווענ מיט זײַנ פאָרשלאָג — עריסטנס, איבער גרויס מוירע, אונ צווייטנס — אויכ איבער דעמ, ווײַל מע האָט

נאָך ניט געוווּסט — איך מײן מע זאָל אפילו יאָ אָננעמען דעם פֿאָרשלאָג — ווער זאָל גײן און ווען זאָל מען שיקן, ווער וועט זיך אָפּ אַזא זאַך אײַנשטעלן, און דעריקער — וויפֿל געלט דאַרף מען דערויף האָבן און בײַ וועמען מען דאָס צונויפֿנעמען. מע איז דערויף פֿאָרלויפֿיק אַרויס אָן אַ באַשלוס, יעדערן אָבער האָבן היפּשע קעץ אין בויך געריזעט און יעדערן האָט דער קאָפּ געזשומעט: אַן אָנשיקעניש, אַן אומגליק...

* * *

איך מײשע מאַשבער איז דערווײַל אַהײם געקומען פֿון יענער באַראַטונג שטאַרק נידערגעשלאָגן. ס'איז שוין געווען אין אַ שפּעטער שעה, קאָרעוו צו האַלבער נאַכט. ער האָט שוין בײַ זיך אין עסשטוב קײנעם פֿון די קינדער ניט געטראָפֿן, און אפילו גיטעלען, וואָס יאָ, האָט ער איך געבעטן, זי זאָל גײן שלאָפֿן: די וועטשערע, וואָס איז אים אָנגעגרײט, איז אים גענוג, מער דאַרף ער ניט, און ער האָט נאָך צוליב עפּעס נאָך דער וועטשערע אַ ביסל אַלײן צו בלײַבן. ער איז געבליבן אַלײן. די וועטשערע — יאָ געגעסן, גלײַך ווי ניט געגעסן. אײנזאַם זיצנדיק, האָט ער געקאָנט פֿאַר זיך דעם גרויסן הענגלאָמפּ, וועלכער איז אַראָפּגעלאָזן אַ ביסל נידעריקלעך פֿון דער סטעליע איבערן גרויסן עסטיש און האָט אים באַלײַכטן די אײַנגעבויגענע מיד, וואָס פֿירט פֿון קיך אין עסצימער. מײשע האָט דערויף ניט באַמערקט, ווי שטיל, קוים צו הערן, האָט זיך פֿונעם [illegible] אין [illegible] [illegible] — [illegible] — [illegible] און [illegible] און [illegible] ער [illegible] ער [illegible] מיטאָמאָל אָבער [illegible], וואָלט אין אים דערזען אַ מעשונע ענדערונג.

מיר ווילן זיך דאָ לאַנג ניט באַהאַלטן. מיר וועלן נאָר זאָגן, אַז [illegible] לע גאָר פֿאַר אַ גרויסן דאָקטער האָלט אָט די ענדערונג, ווען ער וועט זי [illegible], און ער וואָלט, וועלנדיק זי דערקלערן, אין גרויס פֿאַרלעגנהײט געקומען. מיר אָבער, וואָס ניט קײן דאָקטער, זאָגן זיך אָפּ פֿון דערקלערונגען און מיר ווילן נאָר אָט וואָסערע פֿאַקטן צו דערצײלן:

קינדער אין שטוב אונטן האָט נאָך געוויזן פֿאַל, וואָס ס'האָט מיט אַלטערן געטראָפֿן און געוויזן אָפּגערעדט, נישט געזוכט, וואָס מיט אַלטערן און זײַנע איבערשטיבל געזעסן. מע האָט ניט איבעריק אַרויפֿגעקוקט צו אים, מע האָט אים נאָר דערלאַנגט, וואָס מע דערלאַנגט אים קעגנידער צו זײַנע געבעטן און מאַכלן, אָבער מער קײן אינטערעס איז ניט געווען, ווײַל פֿינעם פֿאַל, האָט מען באַמערקט, האָט ער זיך גיך אויסגעפּאַרבט. נישט באַמערקט האָט מען אָבער, אַז אַלטער האָט, אַלײן בלײַבנדיק, נאָך

אינ בעט ליגנדיק, זיכ אָפט גענומענ שפּילנ מיט דער וואַנט, לעבעדיק, מיט זײַנ ראַנאָע, ווי נאָר א קינדער שפּילט זיכ מיט אויגנע זאַכנ.

ער האָט זיכ געקלערט, ווי נאָר ער איז געקומענ צו זיכ אונ פונ בעט אַראָפּגעגאַנגענ, זיכ געכאַפּט אַרײַנקלעטערנ א סודער. מע האָט זיכ באַווונדערט, אימ דערלאַנגט אונ גלײַכ באַרויקט. שפּעטער האָט ער זיכ געבעטנ דערלאַנגענ א ביכער (אָבער אָנגעריפנ אימ באַלד געלאָזט). מע האָט זיכ ווידער באַווונדערט, ווײַטער אימ דערלאַנגט אונ ווידער דעמ ווונדער באַהאַלטנ: כ׳איז דערלאַנגענ דערגאַנ, אַז ווענ דאָס געוויסע מייערל — דאָס אײנציקע קינד אינ שטיב, וואָס האָט זיכ באַשטענדיק אינטערעסירט מיט אַלטערנ, פונ ווענ יענער איז קראַנק אינ פונ ווענ ניט, — ווענ דאָס געוויסנ מייערל האָט צו יענער צײַט צו אימ אַרופגעקוקט, האָט אַלטער געהאַט ניט אימ צו באַרויקנ אײגענע געשפּרעכנ, וואָס מייערלעך האָבנ זיי געשראָקנ, — נײַעס דערבאַר, ווײַל אומזיניק (דערצו איז מייערל געוועגנ געוואָרנט), נאָר באַרעדט, אַלטער האָט געדעדט צו דער זאַכ, אונ מייערל האָט באַווונדערט געקוקט אַפּ אימ, אימ נײַעס דערקענט אונ זיכ פאַר אימ איצט פיל מער געשראָקנ, ווי פריער.

די ערשטע דערקענט די ענדערונג האָבנ די דינסטנ אינ קיכ: אַז אַלטער איז צו יענער צײַט, אַרויסגייענדיק אַפנ הויפ, אָדער צוריק צו זיכ אינ אײַנגעשטיבל זיכ אומקוקנדיק, די קיכ פאַרבײַגעגאַנגענ, האָט ער זיכ איצט [illegible], ווי פריער, [illegible]. [illegible] האָט ער עפּעס אַפּ די דינסטנ געקוקט, [illegible], אַפּ דער [illegible], אַפּ דער פּאָרטמאָנע, אַפּ [illegible] [illegible] אונ [illegible]. [illegible] אימ [illegible] — [illegible] אַפּ געזעענ, האָט [illegible], ווי אַרבעט, איז איינע — א דער־ [illegible] אונ ווי אינ גרויס פאַרצווייפלונג אויסגעשריגנ:

— א מײַמעק איז מיר, האָסטו געזעענ א ביסל?..

— [illegible] — האָט די צווייטע געפרעגט.

— האָסטו נאָכ ניט באַמערקט, מויד?

— אַז וואָס?

— אַז אַלטער [illegible], האָבנ זיכ, א מענטש.

— פונ וואָס ווייסטו דאָס?

— פונ דעמ, ווי ער קוקט אַפּ דיר, מויד...

אונ אַנדערשמאָל האָט זי שוינ אַפּ זיכער אויסגעשריגנ:

— מייד, וואָס קוקט ער אַפּ דיר? וואָס האָט ער בײַ דיר אזוינס דערזעענ?

א דריט מאָל נאָכ מער זיכער:

— ער האַלט שוינ אַפּ א דערעב, ער האָט שוינ די געוויסע זאַכנ אינ [illegible].

כ׳איז געווינ עמיצנ. אַלטער האָט זיכ איצט שוינ פאַרקוקט מיט

בידעט אפ דעם, וואָס פריער, נאָטירלעך, איז דאָס אים ניט אָנגעגאנגען.
אלמערן איז שוין אויך אָפט בא זיך אין צימער ווי ענג געוואָרן, ער האָט
געוואָלט ארויס אפ דער פריי, אפ דער גאס, נאָר ער האָט זיך געשעמט.
ער האָט געהאט פאר וואָס: פאר אלעמען, מיט זיך אליין, וואָס ס'האָט
אים געדאכט, אז אלע וועלן אים נאָכקוקן; און צווייטנס, מיט זיין האלד
באָשע, וואָס ער האָט שוין געפילט, אז מיט אזוינער דארף מען זיך שע=
מען. מיט איין וואָרט, אלמער האָט שוין געוווּסט, ווי ער געפינט זיך, גע=
וווּסט זיין לאגע ביז אהער און געוואָלט זי ענדערן — געוואָלט אריבער
שפרינגען א פּוס איבער דער שטיב=שוועל, קעדיי ארײַנצוקומען צווישן די בני=
באַים ווי אן אייגענער, נאָר ער האָט נאָך קיין מוט ניט געהאט. ער האָט
דערויף דאָך, וואָס אים איז צוגעקומען אין געזונט און אין פארשטאנד,
נאָך ווי אויסגעהאלטן, ניט וועלנדיק) זיך וויזן פאר קיינעם, אויסוואַרטנדיק,
ביז ער וועט זיך מיט זיין ברודער מישען און אפ אים אָנשלאָגן, ער
זאָל זיך פאר אים און זיין גאנצע שטאנד אנטפלעקן, און יענער זאָל אים
דערנאָך שוין אליין צווישן די איבעריקע ארײַנפירן און אים צווישן זיי
היימיש מאכן.

דערווייל אָבער האָט אלמער פון טאָג אפ טאָג אלץ מער לוסט אפ זיך
געקומען. דאָס עסן איז אים איצט אנדערש אײַנגעגאנגען, און ער האָט עס
אנדערש, ווי צום אויך, פארדייט. דאָס בלאסע פּאָנעם איז אים נאָך אלץ מא=
קע בלאס געבליבן, נאָר מער אָנגעפילט, און פון צײַט צו צײַט האָט זיך
דערויף אויך שוין אפילע א מין פארב געוויזן. ווען ניט די שלעכטע צײַט,
און ניט די זאָרג, וועלכע איז אלע דעמלט באפאלן, וואָלטן אלע באם בא=
געגענען דאָס זיכער געווען באמערקט. אלע אָבער פארדריסט. באזונדערס מיי=
שע, וועגן וועלכן די עלטערע דינסט האָט איינמאָל דעמלט צו דער יונגע=
רער א זאָג געטאָן:

— ווייסט וואָס כ'ל דיר זאָגן, מייד: אלמער בײַט זיך, דאכט זיך, מיט
אונדזער באלעבאָס.

— וואָס הייסט —„ער בײַט זיך“?

— דאָס הייסט, אז דער באלעבאָס, דאכט זיך, ווערט מעשוגע און אל=
מער—קלאָר.

אלמער האָט דערוויל די רו און צײַט געהאט, אזוי ווי א הינדל אונטער
א קוואָטשקע, שטיל אין זיין אייבערשטיבל זיין גײַסט וווּקס און זיך אויס=
צוּוואַרעמען, ביז זיי האָבן זיך בא אים ווי פון א שאָלעכץ אויסגעשיילט,
זיך אויסגעפּיקט, און ביז ער האָט זיך דערפילט, אז ער קאָן שוין אפ אײ=
גענער אכריות און אייגענעם טראָט מאכן.

צו יענער צײַט, ווען מע וואָלט אומגעריכט אין זיין אייבערשטיבל ארופ=
קימען, וואָלט מען אים געקאָנט אמאָל טרעפן, ווי ער קוקט זיך ארום, בא=
קוקט זײַנע קליידער, באקוקט זײַנע הענט און פיס און אויך זיין פּאָנים

אמאָל אינ א האַלב-געעפנטנ פענצטער, זענ ליכט אונ שאָטנ דערלויבנ צו זענ די אייגענע אָפּשפּיגלונג אינ פענצטער-גלאָז.

אזוי לאַנג, ביז אינ איינעם א טאָג האָט אימ אינ שטוב א צי געטאָנ. דאָס איז געווענ אינ יענעמ אָפּערנאַכט, ווענ מוישע איז, קומענדיק צוריק פונ רעב הודינ, אַליינ אינ עסשטוב געבליבנ. אַלטער האָט זיכ, ווי זײַנ שטייגער, אפ דער שוועל שטייענדיק, באַוויזנ. מוישע האָט, ווי געזאָגט, צוערשט איבערנ אַראָפּהענגענדיקנ לאָמפּ אימ ניט באַמערקט, נאָר דערנאָכ, ווענ דערזענ, האָט ער אויס א געשריי געטאָנ פונ אומגעריכטקייט:

— האַ! וואָס! אַלטער!..

אַלטער איז צו אימ צוגעגאַנגענ אונ זיכ דערנעענט צו זײַנ זיצ-אָרט באַמ אויבנאָנ, וואָס ער האָט פאַרנומענ. אונ שוינ אינ אָט דעמ שטיקל וועג, וואָס יענער האָט געהאַט צו מאַכנ, פונעמ שוועל ביזנ טיש, האָט מוישע באַמערקט, אַז זײַנ גאַנג איז עפּעס דאָס מאָל אַנדערש, ווי אַלעמאָל, אויכ זײַנ האַלטנ זיכ ניט ווי פריער, אונ דעריקער זײַנ בליק—אזא, וואָס ביז אַהער האָט מענ זיכ אפ אזוינעמ באַ אימ קיינמאָל ניט געקאָנט ריכטנ:—א מענטשלעכער, א פולהערציקער אונ באַוויניקט,—אונ גראָד דאָס האָט מוישענ איצט שטאַרק דערשראָקנ—גראָד דאָס מענטשלעכע, גראָד דאָס, וואָס פולווערטיק, דאָס, וואָס אַלע מענטשנ זײַנענ דערמיט באַשאָנקענ — זײַנ זינענ.

ער האָט פונ דערשרעק נישט געוווסט, וואָס צו טאָנ. ער האָט איצט נישט ווי אַמאָל, ווענ אַלטער פלעגט אַמאָל אַראָפּקומענ אומגעריכט, אימ נישט צוריק געטריבנ, צוריק געשיקט, ווי קעסיידער: „גיי, גיי צו זיכ, אַלטער“... נײַנ, דאָס מאָל האָט ער זיכ פונ זײַנ אָרט א הייב געטאָנ, ווי געוואָלט מאַכנ פּלאַצ אינ אײַנלאַדנ אַלטערנ זיכ זעצנ, ער האָט דאָס אָבער נישט געטאָנ, ווײַל ניט געוווינט דערצו. ער איז נאָר אפ א ווײַלע אויכ אַליינ געבליבנ שטיינ אונ, פונ נישט וויסנ וואָס צו מאַכנ, האָט ער אײַלנדיק אונ מיטלײַדיק א פרעג געטאָנ:

— וואָס האָסטו געוואָלט, אַלטער?

— כ'האָב געוואָלט מיט דיר עפּעס איבערעדנ.

שוינ פונ אָט די ערשטע, געציילטע ווערטער, וואָס אַלטער האָט אַרויסגעזאָגט, איז פאַר מוישענ קלאָר געוואָרנ, אַז ער האָט פאַר זיכ א נײַעמ, א נאָר ייִלדע. ער האָט זיכ דערמאָנט, ווי אַלטער האָט, בעת ער איז דעמ לעצטנ ערעוו-ראָשעשאָנע אַרײַנ צו אימ צומ נײַעמ יאָר געהווירע ווערנ, אימ א זאָג געטאָנ, אַז ער ווערט, דאַכט זיכ, געווינט... ער האָט זיכ אויכ דערמאָנט אינ יאַנאָוויטשעס ווערטער אינ יענעמ געוויסנ אָפּערנאַכט, ווענ אַלטער האָט, בײַמ לײַכ אויסקריינ פונ שטוב, דעמ געוויסנ פאַל געטאָנ,—וואָס יאַנאָוויטש האָט דערפלט, קומענדיק, געזאָגט וועגנ דעמ פאַל—אַז מעגלעכ, אַז דאָס זאָל דינענ פאַר א קריזיס אינ אַלטערס שלאָפקײַט. ער האָט זיכ דאָס דערמאָנט, אונ קוקנדיק איצט אפ אַלטערנ אינ זעענדיק אימ א נײַעמ פאַר

זיכ, האט ער ניט געוווסט, וואס פאר א ווערטער צו געפינענ און בכלל וואס ווענטער דא פירצוגעמענ. נאר דא איז אימ אלטער אליינ צו הילפ גע-קומענ, און נייט ווארטנדיק אפ מוישעס ווייטערע פראגעס, האט ער פלוצ-עמ א זאג געטאנ:

— ביבינ געקומענ דיר, מוישע, זאגנ: מאכ מיכ כאסענע.

דאס איז געזאגט געווארנ מיט אזא טאנ, אזוי הויל און אופריכטיק, ווי ס'זאגט נאר אדער א הולער אדער אזא, וועלכער איז לאנג אינ קיינ ישיבע נייט געווענ, וועלכער איז אפגעוווינט אינ ווייכט ניט, ווו, וואס און ווענ מע מעג יא אדער מע מעג ניט זאגנ, און אליינ דער אויפנ פונ זאגנ איז אזא, וואס קאנ אופרייסנ אנ אויער.

אלטערנ איז דאכ גיט צו באשולדיקנ: דאס איז ער דאכ מאקע דער, וועל-כער איז איצט ווי פונ ערגעצ ווייט ארויסגעקומענ, דאס איז ער דאכ דער, וואס האט לאנג מיט מענטשנ און מיט מענטשלעכע מידעס ניט צו טאנ גע-האט. ער האט דערויפ געזאגט, ווי מע זאגט ניט אינ קיינ ישיבע, געזאגט. וואס געמיינט, אינ געמיינט האט ער: ער איז שוינ גלייכ מיט אלע.

— הא? — האט מוישע ווי ניט אנגעהערט. ער האט ווי ניט באנומענ, ווי זיינע אויערנ ניט געגלייבט, און פונ גרויס געפלעפטקייט איז ער מער ניט אימשטאנד געווענ, ווי נאר דאס זעלבע נאכאמאל איבערצוכאזערנ:

— הא, וואס האט ער געזאגט, אלטער, וואס האט ער געוואלט?

— ער האט געוואלט זאגנ, אז ער איז שוינ, ווי אלע, אז זיינ וועלט איז אימ אופגעגאנגענ, אז זיינ צימער איז אימ ענג, ס'איז אימ צומ לעבנ געקומענ, אינ מע דארפ זיינ עפעס מאנ דערמיט. אינ דאס מיינט ער אימ. מוישענ, ווייל ווי ער געדענקט, איז אז זייער פאטער איז געשטארבנ, האט ער אימ פאר זיינ צעפעקונג געמאכט, אינ ער איז דערומ דער איינציקער מע-כויעו, און דערומ ווענדט ער זיכ צו אימ, ווי צומ איינציקנ.

פאר מוישענ זיינענ אלטערס ווערטער געקומענ אזוי איבערראשנד, אזוי אומפארשטענדלעכ, אז ער האט די ערשטע רעגעס נישט געוווסט, ווו ער געפינט זיכ. ער האט פאר זיכ די שפיגנ נישט געזעענ, אויכ נישט אלטערנ, אינ ווי ער איז אזוי געשטאנענ פונ זיינ בענקל אופגעשטעלט, אזוי האט ער זיכ אויסגעדרייט און דאכ געגומענ זיכנ, קליימעריש אפ זיכ ווידער אנ-דערזעצנ, ווייל די פיס האבנ אימ ווי שלעכט געהאלטנ, און אויסדרייענדיק זיכ, האט ער עפעס געמורמלט, ווי מאמעד און ווי אלעמאל ער איז גע-ווינט מיט אלטערנ:

— גיי, גיי, אלטער, מירנ זענ עפעס באטראכטנ, — האט ער דאס מאל נאכ צוגעגעבנ.

אלטער איז א ווײלע געשטאנענ, דערנאכ אוועק. צו מוישעס אויער האבנ קימאט די טריט פונ זיינע שיכ נישט דערהערט,—אזוי צעטומלט, אזוי פאר-לוירנ איז ער געווענ. ביז ער האט שפעטער צוריק זיינ בענקל געפונענ, ביז

XI

# ערעוו קראַב

אינ איינעם א שטאַרק-טראָגעדיקנ אונ שפּעטנ בעשוועג-אָוונט איז צו יעגער צונט, וועגנ וועלכנ מיר דערציילנ דאָ, צו איינער א שטאָטישער אבּ-סאַניע אינ N צוגעפירנ א בויד, א שטאַרק-אויסגעווייקטע אונ הורבנגעזעצטע, מיט א פּאָר מידע פערד, פונ וועלכע ס'איז געגאַנגענ א פּאַרע פונ לאַנג-שלעפּנ זיכ, ווײַזט אויס, אבּ שלעכט-דערבאַרעמדיקע וועגנ אינ בלאָטעס. אנ עלנ-טער סמורקאטש—א באַלעגאָלישער שפּינ-לאַמטערנ—איז צו דער רעכטער זייט פונ בויד צוגעפעסטיקט געווענ, אונ אויכ ער, דער לאַמטערנ, ווי שוינ לאַנג מאַט פונ משאַרעכדיקנ אינ נישטיקנ לויכטנ, האָט איצט, בא זײַנ לעצטער הויכענדיקער נישטיקייט, געמאַכט זעג, ווי פונ אינוויינינקסט פונ דער בויד זײַנענ ארויס א פּאָר פונ דער פרעמד אָנגעפּאָרענע פאַרשוינענ.

דאָס זײַנענ געווענ סרולי מיט לוזינ, וואָס האָבנ זיכ איצט אומגעקערט נישט נאָר פונ זייער לעצטער נעסיע קיינ אומאַנ—נאָר אויכ פונ נאָכ איי-נער, וואָס זיי האָבנ, ווײַזט אויס, פּירגעניטענ שוינ נאָכ אומאַנ—אהינ, אינ לוזיס שטעטעלע, וואָס בא דער גרענעצ ערגעצ פאַרוקט, קעדיי פונ זײַנ קליינ ביסל באַלעבאַטישקײַט דאָס, וואָס ס'לאָזט זיכ נאָכ ארויספירנ, מאַכנ צו געלט, אונ דאָס איבעריקע, וואָס יאָ, אונ וואָס מע האָט אומעטום צום גע-ברויכ נייטיק, ווי בעטגעוואַנט אונ אנדערע זאַכנ—אהער צו ברענגענ.

יאָ, א סימענ אז אזוי, ווײַל געקומענ איז איצט לוזי אָנ אנ ערעכ פּיל מער באַלאָדנ אונ מיט פּיל מער געפּעק, מיט וויפל ער איז אינ זײַנ לעצ-טער נעסיע אוועקגעפאָרנ. דער באַלעגאָלע האָט געהאַט היפּש אַרבעט די פּעק אונ קלומקעס ארײַנצוטראָגנ, אינ סרולי, וועלכער האָט אונטערגעטינ צו זיי, צו די פּעק, קיינ שײַכעס ניט געהאַט, ווײַל מע האָט געזענ, אז ס'איז נישט זײַנע, אָבער ארומגעגאַנגענ ארומ זיי איז ער, ווי ארומ אייגענע: פּרי-ער נאָכגעקוקט, ווי אזוי מע טראָגט זיי, נאָכדעם איבערגעציילט, וויפל מע האָט ארײַנגעטראָגנ, זיי געהייסנ אוועקלייגנ, ווי ס'באַדאַרפ צו זײַנ, קעדיי

זיי גיט צו באשמוצנ אונ זיי זאָלנ זיכ נימ איבעריקס וואלגערנ. אפ דערופ אלצ האָט אבמונג געגעבנ סרולי, ווײל לוזי אליינ, נישט געווױנט אונ נישט באריפנ דערצו, איז אימבאהאָלפנ אונ דערצו נאָכ, ווײזט אויס, שטארק מיד פונ זעג.

די זעלבע ארבעט מיט די פעק אונ מיט די קלומקעס, אונ ביכלאל מיט לוזיס אײנאָרדענונג, האָט סרולי געהאט נאָכ מער, ווי יענעם אָוונט, ערשט אפ מאָרגנ, ווענ ער האָט מאָרגנ גאנצפרי, מיט דער הילפ פונ מעקלערס, לוזינ אָפגעזוכט א וווינונג אינ אנ אָרט, וו זיי האָבנ פריער, ווײזט אויס, צווייענ זיכ אָפגערעדט. ערשט אהינ האָט מענ זיכ באדארפט פריער איבערקלײבנ, דערנאָכ ערשט פיל צו טאָנ האָבנ מיט ווײסנ, שמירנ, רײנוואשנ, אינ וואָכ מיע האָט געבראכט פונ זאכנ אונ מעבל אויסשטעלנ, אונ וואָס נימ געבראכט—דערקויפנ. דאָס אלצ האָט אפ זיכ ווידער גענומענ סרולי, אינ דאָכ האָט ער אויכ אויסגעפירט אפנ בעסטנ באלעבאטישנ אויפנ, גלײכ ער וואָלט אלעמאָל נאָר מיט אזעלכע זאכנ זיכ באשעפטיקט, אונ גלײכ ווי אײנאָרדענונג מענטשנ וואָלט בא אים געווענ א זאכ שוינ פונ לאנגער רעגילעס.

באזעצט האָט זיכ לוזי נישט ווײט פונ דער „קלאָלע“. דאָס איז אנ אָרט, וואָס גיט אנדעריש, אז אנ אלטער, בייזער אונ קרענקלעכער נאָווי האָט דאָס פארשאָלטנ אפ אומגליק אונ אפ אויסזענ אזוי, אז ווער ס'וועט אהינ אמאָל ארײנקוקנ, זאָל אימ שוידערנ, אונ ער זאָל לעבעדיקערהייט שוינ דערפילנ דעמ טאַם פונ קייווער.

דאָס איז אינ דעמ דרײַנ טייל שטאָט—א געוויס ביסל געסלעכ; אײנגעטלעכ, נישט קיינ געסלעכ, נאָר א קליינ, שמאָל דורכגענגל, וועדליק אפ אײנעם אָדער צווי מענטשנ אינ דער ברייט, האָט געטיילט צווי קרומלעכע, אפ דרײַ פערטל באָרעיוע שורעס הײַזער, וואָס אײניקע גאָר אָנ א דאכ, נאָר מיט א ביסל אָרעמער, אָפגעהאקטער קראָקווע, אונ אנדערע, קלוימערשט, יאָ מיט א דאכ פונ דראניצע,—אָבער—פונ צײַט, היץ אונ ווינט שטארק איבערגעטריקנטע—האָבנ אויסגעזענ שוינ האלב־פויל, האלב־לאָכ אונ מיט פארימענע שמײַערבאטע ווידעלעכ אינ עקנ. די ווענט פונ די הײַזער—נאָר פונ דארע ברעטלעכ, נישט געשטיקאטורט אונ צעשפאָלטנ, אנדערע, וואָס יאָ שטוקאטירט, לײמיק־אָנגעדראָלענע, ווי מעזבערעס, מיט קרומלעכע טירנ אונ זאיוינגנ, מיט פענצטער נישט אפנ אָרט אונ אָנ שויבנ, נאָר מיט שמאטעס אָדער מיט עפעס אנדעריש פארשטעקט. וואכער אינ יענע הײַזער—א זעלטענער נאכט: נישט געהאיטנ די הײַזער, אונ נישט אויב די, וואָס האָבנ געוווינט אינ זיי, אונ דערפאר א שטויב, א קויט אונ שמוץ פונ דויר־דוירעס אפ די ווענט, אפ די אײנציקע שויבנ פונ די אײנציקע פענצטער, וועלכע האָבנ שוינ נישט געדינט אפ שײַנ. מאכמעט זי, די שײַנ, איז אינ יענע געסלעכ ביכלאל נישט געווענ בעגימצע, נאָר א דערמאָנונג אפ שטענדיקנ פינצטער אינ אפ אײביקער פארוואָרלאָזטקײַט פונ יענע הײַזער.

און איילעט האָט דאָרט געוווינט — א לעצט־באַרטיקער: קאַליקעס, וואָס זייערע קרענק און בעלערן איז זייער פּאַרנאָסע, ווײַל מיט זיי, מיט אָט די בעלערן און קרענק, איז זיי ב'האָט נאָר געדאַט פּיס, האָט זיך איבערן [illegible] און [illegible] זיי [illegible] ארומגעשלעפּט. מערסטנטייל אָבער האָבן זיך דאָרט געוווינט אַלטע, וואָס האָבן אייך דאָס נישט געקאָנט, און אַפּ [illegible] אויסהאַלטן יענע, די נישט קאָנענדיקע, האָבן זיך [illegible], [illegible] זיי נאָך אַליין, נאָר איין גאָט און [illegible] ערשטער נאָך, וואָס האָט זיי פאַרשאָלטן.

מאָל היה, אווא אויבדאַלט איז דאָס [illegible] געווען! לעצט־שטוציקע קי־[illegible] [illegible] — [illegible], [illegible] [illegible] [illegible] — [illegible] נאָר דער [illegible] [illegible] [illegible] [illegible] [illegible] [illegible] [illegible] [illegible] [illegible] [illegible] [illegible]...
סוילעם...

פון דאָרט אויך — פון דער „הלאָלע“ — היטש קאַנדידאַטן און [illegible] און אין [illegible] — [illegible] אַלטע, [illegible] יונגע, וואָס האָבן קיינמאָל נישט דערלעבט אַלט צו ווערן, ווײַל שוין פון קליינערהייט פאַרשטילטע: צעשלאָגענע, האַלב־[illegible], האַלב־מעשוגאָים. [illegible] יענע דאָרט געבוירן אָדער דערוף, אז גלײַך קליינערהייט, ווען זיי שטאַרבן נאָך פּיצלעך, זאָל זיי מוויטע־מאַמע דער [illegible] אַרייננעמען אין די פּאָלעס, ווי מע טראָגט א קאַווענע אין פּאָלע, ווען מע דאַרף דיין קיישל נעמען אָדער — ווען עלטער א [illegible] — זאָל זיי דאָס [illegible] באַרעכענען; אי דאָך אויך נישט [illegible], נאָר [illegible], ווײַל [illegible], [illegible] קינדער, ווערן דאָרט געוויגט געוויינט־לעכער ווי ברויט.

דאָרט האָבן [illegible] געוווינט אויך לעצט־באַרטיקע באַלמעלאָכעס, וואָס די [illegible] [illegible], פאַרוואָס זיי ווינען דאָרט. איז געווען [illegible], ווײַל ווו דען אַנדערש זאָלן זיי וווינען? אז קיין אַרבעט נישט, קיין מעלאָכע און קיין [illegible] — אויך נישט, און ערגעץ אַנדערש מוז מען דאָך צום א [illegible] [illegible], און [illegible] איז אָפט נישט געווען דער באַלעבאָס, דער מאָגער, [illegible] ווידער דער נאָוי, וואָס האָט יענע אָרט פאַרשאָלטן.

אָט דאָרט, נישט ווײַט פון יענע געסלעך, האָט ברולי געפונען א הויל פאַר לוזין, ווו א באַלעבאָסטע — אן אַלטע, [illegible] ייִדענע — האָט זיך [illegible] [illegible] דיינע, קאָבנע, וואַשן, דאַמענס פאַר לוזין, און ווו דאָס [illegible], וואָס איז באַשטאַנען פון א פּאָר ציטערלעך מיט א פאָרהויל און קיכל, האָט, זינט לוזי איז אהין אריין, פאָרט א שטיקל אָנשטענדיקע אויס־זען באַקומען. אויסערלעך נישט גאָר רײן, ווײַל כ'איז געשטאַנען, ווי אַלע

אין יענעם שטאָב־צימער, און [illegible] ניט באַלויבט,
אָבער אינטערעסאַנט, ווי [illegible] און יענע [illegible]

מ'האָט דאָ גלייך געזען, אַז לויס שטיבעלע איז, ווי נאָר ער האָט זיך דאָרט באַזעצט, גלייך געוואָרן אַ מין זאַמלפונקט, פאַר אַלעמען, פאַר לויזים אייגענע, ה.ה. פאַר די לײַט פון זײַן סעקטע. ווײַל אַזוי ווי דאָס אָרט איז געווען שטאַרק ווײַט פון שטאָט און אין זייער שיל אַרײַן, און אַזוי ווי אויך די צײַט אַ האַרבסטיקע, מיט רעגנס און מיט בלאָטעס, און אַזוי ווי די מערסטע ייִערליך זײַנען דאָך דעריקער אויך געווען, מאַכטעס אָרעמקייטן, דאָרטיקע אײַנוווינער, איז דערום האָט אָפט לויס וווינונג געדינט אַלס דאָס אָרט, ווידער מע פלעגט זיך אַ באַרגאַבט אַרײַנכאַפּן אַף אַ מינוטע־מיטינג, און דערנאָך שוין אויך, בײַ אַ גלעזל טיי און האַלב־געמיינער וועטשערע, [illegible] צו [illegible] און [illegible] אויסרייזן.

און ניטאָ נאָר די סעקטע. וואָס אַ טאָג האָט לויס וווינונג אַלץ מער [illegible] אויך צווישן אַנדערע פּרײַוואַטלײַטלעך. מ'האָבן אָפט [illegible] אַרבעטער און אַרבעטסלאָזע אויך פּרעמדע יונגעלײַטלעך פון אַנדערע סעקטעס, פאַר וועלכע די פּרינציפּן פון זייערע אייגענע האָבן [illegible] ניט געווען, און מ'האָט זיי אַלעמאָל געצויגן אַהין, וואָס זיי האָבן געהאַט, האָבן זיי דאָרט פון זיי פיל מער געפאָדערט; ביז־דאַן אַהער, צו לויזן, וואָס, ווי זיי האָבן געהערט, איז מיט אים אַזאַ מאָדנע זאַך געשען, — האָבן זיי אַוודאי געצייגט, אין ביזנייעס פון עלטערן, [illegible] פון פרײַנט און באַוויי־דימ, האָבן זיי אין אַ פאַרנאַכט, [illegible] מאָג און נאַכט־מינוטקעס, אַמאָל צום שטיבעלע זיך צוגע־שלאָגן, און מיט גרייס פאַרזיכט און געהיימלעכקייט, ווי ווען מע גאַנבעט זיך אין אַן אָרט פון זיכער זינד און אַוודאי, אַהין די ש[illegible] אַריבערגעטראָגן.

ס'האָבן זיך פאַמעלעך געגעבן צוזאַמען אויך זעלטענע פּאַרשוינען פון יענעם שטאָט־טייל, — מענטשן. וואָס האָבן צו אַוודאי זאַכן, ווי צו בלוטערדייעט [illegible] אין סעקטע, קיין שטימען און קיין אינטערעס ניט. נאָר גלאַט אַזוי, צו אַ שמועס, וואָס איז שטענדיק אָפן און וואָס אַז מע קומט אַהין אַרײַן, וויבאַלד מען קיינמאָל די מיד ניט אָפּ צוריק,—איז פאַרוואָס אַמאָל ניט אַרײַנגיין, אַ ריר טאָן; ביז־דאַן, אַז ווען פון צײַט צו צײַט האָבן זיך אויך פון דאָרט און די אָפּגערגאַבטע אַרויסגעהערט נישט געוויינטלעכע פאַר יענע ערטער שטאַרק היציקע געזאַנגען, און דורך די קליינע פענצטער איז באַשטענדיק צו זען געווען אַ צוזאַמענגעדריקטע אידע, אַמאָל בײַם טיש זיצנדיק, אַמאָל אַ שטייענדיקע, און הייב, בײַ אַ צעוואַרעמטן שמועס זיך אונטערצוהאַלטן,—איז פאַרוואָס זאָל אויך אַ זעלטענער מענטש אַמאָל די מיד ניט עפענען, און אַפילו אָן אַ גוטן־אָוונט, וואָס מע האָט קיינער פון

אים ניט געפּאָדערט, צו יענער איידע זיך ניט פאַרייניקנ אונ צו אירע שמועסנ אנ אויער ניט צולייגנ?

לוזים שטיבעלע איז שיינ, וואָס ווײַטער, אַזוי ווײַט אויסגעטיילט אונ באַוווּסט געוואָרנ, אַז אַפילע די קאַליקע לײַט פונ דער „קלאָלע“ האָבנ זיכ טעמפּ, אומגעלומפּערט אונ אַפ קיינעמס ניט רופ, צו דעמ געגומענ צוזענ. ס׳האָט זיי קיינער, נאַטירלעכ, ניט געבעטנ, נאָר אינ א מיטנ באַטאָג, א מיטנ פאַרנאַכט אַמאָל, האָט מענ געקאָנט זענ איינעמ אַזא פאַרשוינ, בא וועמענ פיס אונ סייכל האָבנ נאָכ געקלעקט—אהינ, צו יענער שטוב, זיכ רוקנ.

ווי אָט, לעמאָשל, פושקע מיט די צענ צענערס... א פאַרשוינ מיט פיל שמאַטעס אונ מיט אַלט-צעפוילטע אונ צעטריפלטע וואַטאָווע בגאָדימ, וואָס ער טוט זיי קיינמאָל ניט אויס, ניט זומער, ניט ווינטער, אונ א געשמאַנק גייט שוינ פונ זיי אַפ מײַלנ; דערצו נאָכ האָט ער אַלע פינגער פונ די הענט מיט פיל צינערנע אונ בלײַערנע פינגערלעכ באַזעצט, וואָס, פונ קיינמאָל זיי ניט אַראָפּנעמענ, זײַנענ זיי אימ שטאַרק אינ פלייש אַרײַנגעוואַקסנ אונ די גאַנצע הענט זעענ אויס אימ שטאַרק איפּגעטראָגנ אונ ברוינ אונ בלאָ געדראָלנ. ער רעדט קיינמאָל, רוקט זיכ, ווי א מיטערעפּאַכע, מיטנ גאַנצנ בגאָדימ-פּאַק אונ טראַנטעס, אונ, מאַכמעס איבערגעלאָדנקײַט, מוז ער מערסטנ-טיילס שטיינ אָדער זיצנ. איז אָט, אויכ ער, פושקע, האָט זיכ אהינ גענומענ רוקנ—נישט אַפ אַרײַנגיינ, נאָר גלאַט אַזוי—אַמאָל בא דער נאַכטיקער לאַמפּ-שײַנ, וואָס האָט פונ דאָרט אַרויסגעקוקט, צו שטיינ אונ גליווערנ, אָדער אַנ אַנדערשמאָל א מינ טויבלעכנ אויער אונ געהער צו א געזאַנג, וואָס קומט פונ דאָרט, צולייגנ.

אָדער אָט א צווייטער: „מיטוואָכ“... אויכ אַזא, ווי יענער. עפּעס אַנ אונטערגעוואָרפענער, אָנ טאַטע-מאַמע, וועלכער האָט זיכ דאָ, אינ דער „קלאָלע“, דערצויגנ, אונ וואָס גערופנ האָט מענ אימ אַזוי, ווײַל געפונענ האָט מענ אימ אומ מיטוואָכ, אונ קיינ בעסערנ נאָמענ האָט מענ באַר אימ ניט געקאָנט אויסטראַכטנ... איינס אַנ אויג בא אימ איז, ווי אַנ עפּל די גרויס—גלאָציק אונ פונ אויגנ-לאָכ אַרויס, אינ דאָס צווייטע, דאָס נאַטירלעכע, קוקט מאַטעריאַטע, זיס אונ שמייכלט, אונ צוזאַמענ מיט אָט די ביידע אויגנ איז מיטוואָכ—מיטוואָכ: א גוילעמ, וואָס אַז דאָס נאַטירלעכע אויג שמייכלט בא אימ, צעגיסט זיכ דער שמייכל אַפ יענער באַק פונ יענעמ אויג, ווי א טײַכל פונ א באַרג-אַראָפּ. ער האָט גאָרניט, אויסער עפּעס א העמד אַפנ לײַב, א ביסל גײַלנמײַטע גיטשקעט אַפ די ליטנ, אינ א קליינ ביסל לאָשנ אונ סייכל, נאָר וועדליק אַפ צו ענטפערנ, ווענ מע פרעגט אימ: „ווער ביסטו?“— „מיטוואָכ בינ איכ, מיטוואָכ הייס איכ, ווײַל מיטוואָכ האָט מענ מיכ געפונענ“... אונ אָט, האָט עמ אויכ אַזא פאַרשוינ, דער גוטער-יאָר ווייסט ווי-אַזוי, אהער, אינ שטיבעלע, אָנגעטראָגנ. ער איז געקומענ, זיכ אוועקגעשטעלט, מיטנ איינ אויג ליבלעכ אונ ווי א מינ פיש זיכ צעשמייכלט, ווײַל ס׳איז אימ,

יונוס אויכ, דאָ גיט געזונג אונ געבעלג, הענט פאר וואָס זאָל מענ אימ ארויסטרײַבנ?..

מיט אײנ וואָרט, לוזים שטיבעלע איז געוואָרנ יענער צוציונגס־פונקט, פונ וועלכנ יונגעלײַט האָבנ זיכ געשושקעט אונ באהאַלטענערהייט אהינ זיכ נעגאַנגענ; עלטערע האָבנ געמורמלט אונ די יונגעלײַט פונ דעם געוואָרנט, אונ נאָר אַלטע האָבנ געבורטשעט אונ זיכ געבײזערט, אונ דאָס שטיבעלע שוינ מיט די ערגסטע נעמענ אָנגערופנ, ווי „פומפע" אונ „טיפלע", אונ צווישנ זיכ זיכ געיעצט, וויאַזוי אונ מיט וואָס פאַרא מיטלענ פונ דעם אייגנטימער פונ יענעם שטיבעלע זיכ אָפּצושלאָגנ.

ס'האָט שוינ געהאַלטנ דערבײַ, אז שטאָט האָט זיכ אָנגעהויבנ ערנסט מיט דעם צו פאַרנעמענ, ווײַל כאָטש דאָס שטיבעלע איז אזוי ווײַט געווענ, כאָטש אזוי אָפּגעשיידט, וואָס אז מע וויל, איז וועמענ גייט עס אָנ אונ וועמענ ארט עס, דאָכ האָבנ זיכ שוינ געפונענ אזעלכע, וואָס איז זיי זייער אונ זייער אָנגעגאַנגענ אונ איז זיי שוינ געלעגנ טיפ־טיפ אינ די געדערים. ס'האָט שוינ געהאַלטנ אויכ דערבײַ, אז געוויסע פרומע לײַט האָבנ זיכ שטילערהייט פאַרזאַמלט, קעדײַ פאָרויס צווישנ זיכ אָפּצורעדנ, אז איידער מע נעמט עפּעס פיר קעגנ יענעמ, קעגנ לוזינ, זאָל מענ זיכ פריער ווענדנ צו מוישע מאשבער, צו לוזיס ברודער, ווײַל אזוי ווי יענער איז פאָרט א כאָשעוו אונ א ברודער פונ א כאָשעוו, האָבנ זיי געוואָלט אויכ זײַנ ברודערס מײַנונג אויסהערנ. זיי זײַנענ געקומענ זיכ אײַצנ, עפּשער האָט ער עפּעס אנדערש פאָרצולייגנ, עפּשער אנדערע מיטלענ, אונ נישט נאָר די, וועלכע זיי האָבנ אַליינ גערעכנט, דה. נישט נאָר שטרענגע.

א טויערע, אז א גאַנצע איידע באַוווּסטע לײַט האָבנ זיכ אינ אײנעמ אָנ אָפּגעראַכט מאַקע צו מוישע מאשבער אינ שטוב ארײַנגעשטעלט אונ וועגנ יענעמ א גאַנצנ אָוונט אי אײַנגערעדט אי אויסגערעדט אײַנגעהאַלטנ גערעדט, געטײַנעט אינ געװיי די זאַכ באַהאַנדלט. אַלע האָבנ זיכ געהיצט, אָבער מוי־שע מאשבער אַליינ האָט זיי שוואַכ אויסגעהערט, ווײַל ער איז מיט עפּעס אנדערש געווענ פאַרנומענ אונ די זאַכ איז אימ אינ קאָפּ נישט געקראָכנ, אונ אינאיינעמ ער איז יענער צײַט — צעשטרײַט, דערשלאָגנ אונ ווי נאָר נישט אָפּ דעם אוילעמ.

* * *

ווײַל ס'האָט שוינ דעמאָלט געהאַלטנ שלעכט בײַ מוישע מאשבער: די געשעפטנ באַרג־אַראָפּ, אונ צאָרעס, אומגליקנ — באַרג־אַרויפ.

דערצו נאָכ איז אימ די יונגערע טאָכטער, נעכאַמקע, נישט אָפּ קאַטאָוועס כראָניק געוואָרנ. מע ווייסט נישט, צי ס'איז איר געקומענ פונ שטילנ ערגעצ זיכ פונ איר פאָטערס לאַנגע אונ פונ איר מאַנ, נאָכעמ לענטשיצער, וועלכער האָט זי שטילערהייט געריזעט, צי פונ א צוקילעבענס, צי עפּשער גאָר פונ א באַהאַלטענער יערושע, וואָס האָט אינ איר געשלאָפּנ. ווי ס'זאָל נישט זײַנ, נאָר

ס'איז איר וואָס אַמאָל ענגער געוואָרן: די באַקן—וואָס אַמאָל בלאַסער, ס'האָבן זיך אָפטער געטריקלט, און זי איז שוין פון דער שאַל ניט אַרויס פון אויסשפּייען בלוט ליגנ זיך, און די לעצטע צייט, צו האַרבסט צו, האָט זי, נאָכן עסן די שלעכטע וועטערן, זיך שוין גאָר אין בעט אַוועקגעלייגט: די פיס זענען איר געוואָרן געשוואָלן... דאָקטוירים האָבן געזאָגט, אַז זי דאַרף זיך היטן, אָבער ווו נעמט מען אין איצט, ערשט אָנהייב האַרבסט? זיי האָבן איר געזאָגט „וואַרעמע לענדער“, אָבער דאָס האָט מען שוין דערמיט נאָך ניט פאַרשטאַנען, און הענט אַפילו יאָ, איז די צייט ניט געווען אַזאַ, מע זאָל אַזוינס נאָר אפן זינען קאָנען נעמען.

איז שוין, אַז די געבאָטקעס קראַנק האָט שוין מוישע מאַשבער נאָך גאָר איבעריקע געבליבן. ער האָט דערפילט: א שווערע האַנט לאָזט זיך אַפּ אין איינעם. וואָס ווער ווייסט, ביז וואָס פאַר א נידעריקייט זי וועט אים [illegible] אַרויס קומען און אַרונטער צו [illegible] פאַרבער געוואָרענע וועלט, [illegible] ער אויך נאָך [illegible] און קיין וואָרט ניט געזאָגט, און [illegible] זיך איינער דאָס אַנדערע, האָבן פאָטער און מאַמע [illegible] געזאָגט, און נאָך [illegible] שאַפט האָבן זיי זיך איינס פאַר אַנדערן ניט געוואָלט אויסגעבן. זי, נעבאַ-כע, האָט [illegible] באַהאַלטענערהייט ליידן, און ער—אין א שטוב-ווינקל ערגעץ אָפּגייענדיק.

[illegible] א [illegible] איז געווען אָט וואָס: נאָכעט לעגטשער, [illegible] שעם איידעם, איז שוין דערפילט אין שטוב, ווו דאָס ווייב איז אים געלעגן, [illegible] צוזאַמען געטריבענע, און שוין צו אָפּט אַפּ די נויט דערייבערטע הענט אין א ווינקל איבערן שטוב-קעסטל גע-שטאַנען [illegible] איז געווען איבערגעקומען דערפון, פון וואָס ער האָט עפּעס גע-האַט א גרונט צו זיינ איבערערנס, אָבער מער איבערערנט דערפון, וואָס איצט האָט ער זיך ניט [illegible] פאַר יענעם איבערצייערן און וועמען צו רי-דען. ווייל דאָס האָט ער פאַרשטאַנען, אַז איצט איז קיין צייט ניט דערויף, און [illegible] איצט מיט געבאָטקעס געשעפטן צו פאַרפירן איז א פאַרברעכן. ער האָט געשוויגן, אָבער דער שווער האָט דאָס צוגעזען, אין [illegible] געבאָטקע. און פון זיינע שווייגן איז קיינער ניט גרינגער געוואָרן, און בעסער,—האָט מען זיך געטראַכט,—וואָלט ער שוין דאַפקע יאָ גערעדט.

[illegible] נאָך האָט אין שטוב דערפילט געטראָפן איינע א זאַך, וואָס האָט אַלעמען, אַפילו נאָבעמען, שטאַרק דערשלאָגן און האָט געוויזן, ווי א פּלוצעמדיקער אומגעריכטער קלונג אַמאָל נאָענט בא אַן אויער, וואָס מאַכט א מענטשן פון אָרט זיך אויפרייסן און אויפשוידערן.

ס'האָט זיך איינמאָל אַן אָפּערגאַבע באַוויזן בא מוישע מאַשבער אין הויז שמוליקל דער שלעגער. די שטאָט האָט אים געקענט. א פאַרשוין פון מיטעלן וואוקס, קוואַדראַט געבויט, מיט עטוואָס אויפגעהויבענע, גלייכע אַק-סלען. זיין פּאָנעם, איבער וויינעט א בעלמעוואַטע אויג, א ביכל בלאָסלעכ,

צוליב דעם איז דער באָד האָבן אים געשטעלט שטענדיק, פון א מונקל-
געלבלעכן קאָליר, און דאָס איינע אויג אין די שטעפּע באָד אליין זיינע
[illegible] [illegible] [illegible], ער זאָל, אַז זוכענען ער האָט באַראַפּט, א פּאַבער זאָנ-
[illegible], און אַז באַר זיינע דאָרע, טרוקענע דאַנט, ווי ברעטער, זאָל א גאַנ-
צער [illegible] [illegible]. [illegible]—[illegible], [illegible] [illegible], [illegible]
איך [illegible], וואָס איינער אַף דעם אַנדערן פלעגט אים אָפּדינגען.
ער [illegible] [illegible] אין אין די [illegible] אַלײן. ס'איז געווען געווען איינער א
פּאַטש שטיקלעך, אַז פון יענעמס פּאָנעם זאָל אים אנטקעגן גיין א רויטע
[illegible] [illegible] [illegible] [illegible] [illegible], און אָבער איך—אַז דאָס גאַנצע פּאָ-
נים זאָל ווערן איין פאַרלאָפן פלעצל.

[illegible] [illegible] איך [illegible] געווען א [illegible], [illegible] פון דער באַ-
[illegible] פאַרנאָמען האָט ער גיך [illegible] [illegible] [illegible], ווײַל פ[illegible]
[illegible]. און [illegible] [illegible] [illegible] [illegible] [illegible], און [illegible] [illegible]
[illegible] [illegible] [illegible] [illegible] [illegible] מיט [illegible] [illegible]. [illegible] [illegible]
[illegible] איך [illegible] [illegible] צו דער [illegible] [illegible] [illegible]-[illegible]
[illegible], [illegible] דעם [illegible] פון לידיק [illegible], פון לאַנג [illegible], פון
[illegible] [illegible] [illegible], פון דעם. וואָס פאַרבירגט [illegible] האָבן זיי
[illegible]. און איך דערפון, וואָס באַלעבאַטישע קינדער זיינען פון זיי
[illegible] [illegible] מיט [illegible] ווײַל ב'קאָן צאָלן, לויט זיין טאַטנס [illegible]
[illegible]. אָבער איצט, ווען שוין נישט יונג (שוין בײַ די פערציק געווען)
[illegible] ער [illegible] [illegible] [illegible] [illegible] נישט צו [illegible] [illegible], זיינע [illegible]-
[illegible]—[illegible], און נאָך פון [illegible] און פון קלעפּ האָט ער זיין באַצאָלט
[illegible] און [illegible] פון פאַרנאָכט געצווונגן. ב'האָט אים געקלעקט אַף א
[illegible] [illegible], [illegible] ער איז געגאַנגען אַף די קלעפּ, אויך נאָך דעם, ווי ער
האָט די קלעפּ שוין אָפּגעגעבן, און איך [illegible]—אַף נישט שלעכט צוגעבן.

דאָס מאָל האָט אים געשיקט און געדונגען איינער א פּראָצענטניק, א
[illegible] „[illegible]". א קלײנער, וואָס מע האָט דאָס פּאָנעם פון דער באָד נישט
[illegible] און וואָס האָט געטראָגן, זינט די וועלט געדענקט אים, איינעם
נאָך א האַלב-אָפּגעריבענעם, האַלב-ווינטערדיקן מאַנטל צו קנעפּ, און אין די
[illegible] אין ביים ווינטער האָט אים שטאַרק אַרויסגעבלאָזן, און ער פלעגט
זיך [illegible] בײַ די פאַרקנס, די פאַרקנס זאָלן אים פאַר דער קעלט פאַר-
[illegible].

א וואַלד-קאַרגער, כאָטש מיט אַן איינענער שטוב און מיט א גרייכן
[illegible]-[illegible] לעבן דער לעיאַרע, אָבער די שטוב איז שטענדיק געווען פאַר-
[illegible] צו פרעמדע, און ער אליין האָט צוריק אָפּגעדונגען בײַ זיי, בײַ די
פרעמדע, בײַ די שכנים זיינע, א קליין פּיצל צימערל, ווײַל מער דאַרף ער
נישט: קיין ווײַב — נישט, קיין קינדער — אויך נישט, אָדער עפּעטער יאָ, איז ער זיך
מיט זיי צעגאַנגען, האָט ער זיך פון זיי אָפּגעזאָגט, קעדיי ער זאָל זיי פאַר-
שפּאָרן שפּײַזן, און ער אליין האָט זיך געשפּײַזט דערפון, וואָס ער פלעגט

בא א שכיינע זיינער אַמאָל זיך איינגעבעטן און איר געבן צושטייער — צו א וואָכעדיקן מאָלצייט נאָר א שיבעש, צו א שאַבעסדיקן — עפּעס מער, און מער האָט ער גאָרנישט ניט באַדאַרפט, און דאָס איבעריקע, ווי האָלץ, גאַז און אַנדערע קליינינקייטן, האָט ער אָפּט, ווען קיינער האָט ניט געזען, בא די אייגענע שכיינים גענאַנוועט.

האָבן, האָט מען געזאָגט, האָט ער געהאַט זיינע אייגענע קאַנאַלאָפּים, נאָך מיט א מאַסע זילבערנע קיילים און גאָלד דערצו. דאָס אַלץ — מאַיסטאָגעס, וואָס מע האָט בא אים פאַרזעצט, און ווען מע האָט אים דאָס געלט ניט אָפּגעגעבן, זיינען די קיילים פאַרבליבן בא אים — פאַרבאַהאַלטן צווישן קוימיקן וועש, אַז קיינער זאָל אַהין ניט אַריינקוקן, אַז קיינעם זאָל זיך אַהין ניט גלוסטן א האַנט אַריינשטעקן, ווייל „קעצעלעס" קוימיקס איז שוין געווען אַזוינס, וואָס מיט א מייל דערפון האָט מיט כאַלאַשעס געשלאָגן און מעוברעסע ווייבער האָבן דערפון געקאָנט מאַפּל זיין.

דער כאַפּ איז געווען, אַז עס האָבן אים דערוואָרגן א קאָמפּאַניע קריסטלעכע לייט, וואָס האָבן בא אים קעסיידער אָפּגעדונגען דעם כאָר, און בא זעלכע ער פלעגט, אויסער דעם געצאָלטס פאַרן כאָר, אַמאָל אַריינכאַפּן אויך א געשאַנק, ווי א פויל עפּעלע, א פוילע פלוים א ווערעמדיקע, און דערפון מאַקע האָט ער א שטיק צייט אַרום כאָפּ זומער אָפּגעלעבט. באַם וואָרגן, זאָגט מען, האָבן די לייט קיין איבעריקע מי ניט געהאַט, ווייל ער — א קליינינקער, א שטענדיק ניט דערעסענער — איז וואָס קלעקט ער פאַר אַזוינע? האָט ער זיך נאָר א קליינעם וואָרף געטאָן און האָט גלייך די נשמה אָפּגעגעבן מיט פּראַצענט — מיט א פּיצעלע פישטיש דורכן מויל און מיט א קאָל דורכן נאָך ערגעץ, און בא דעם זיינען אויך יענע, די וואָרגער, מאַקע געבליבן....

ווייל צו די קיילים, וואָס צווישן שמאַטעס און קוימיקן, זיינען זיי ניט דערגאַנגען, מאַכמעס זיי האָבן זיך ניט געריכט דערויף, אַז אין אַזאַ מיעסקייט זאָל זיך געפינען אַזאַ גוטס. און געלט מעזומען איז בא אים אויך ניט געווען, אויסער נאָר וועקסלען אַפּ גרויסע באַטוכים, וואָס נאָר בא זיי האָט ער זיינע פּויטעקעס געהאַט און געהאַלטן.

מוישע מאַשבער איז געווען איינער פון זיינע באַלעבאַטים. אַז „קעצעלע" האָט דערהערט, אַז אין שטאָט און צווישן די זייניקע — אויך אַזוינע „קעצעלעך" — טראָגן זיך און גייען אומ מיעסע קלאַנגען וועגן מוישע מאַשבער, האָט ער צוערשט ניט געגלייבט, ווייל ער איז אָפּט געקומען מיטן האַלב־אָפּגעריבענעם מאַנטל אין קאָנטאָר געווירע ווערן, און געזען, אַז גאָר ניט, אַז די קאָנטאָר איז קאָנטאָר; אָבער וואָס ווייטער, אַז די קלאַנגען האָבן אַלץ ניט אויפגעהערט, איז כאָטש דער זמאַן פון זיינע וועקסלען איז נאָך ניט געהאַט אויסגעגאַנגען, אַזוי ווי אַז קיין געלט איז אים אינדערעמעטן נאָך ניט געקומען, דאָך האָט אים שוין גענומען אין קליינעם קוימיקן בייכל צו ריזען, און — צי די פוילע עפּעלעך האָבן אים פאַרשאַרט, צי מאַכמעס דער געדאַנק פון אָנצוווערן אַזאַ פּויטעקע, אַזאַ הרודע גאָלד

דאָס איז ניט געלאָזט רוען, נאָר צו יענער צײַט איז ער שוין אין די באַ־ נאַכטן ניט געשלאָפֿן, איז אײַנמאָל אַרויס אין דרויסן און זיך געטשעטעלט צום פֿאַרקן אַף אַ נייטיקער קלײניקײט, און בעשאַס־מעשע האָט ער די אײגנ־ ניט איין מאָל פֿאַרהויבן, צו די הימלישע שטערן־מעטעאָרן, וואָס זײַנען אַזוי ריזאַנט, וואָס קײנער קאָן צו זײ ניט דערלאַנגען, און וואָס זעלטן־זעלטן נאָר פֿאַלט פֿון זײ אַראָפּ יענע אײנער... ער האָט ניט געקאָנט שלאָפֿן, געזוכט אײַצעס וויאַזוי דעם זמאַן פֿון מױשע מאַשבעצערס װעקסלען צו דערנעענטערן, כּדי ער זאָל אַרויס פֿונעם כּיס צו דער צײַט און בעשאָלעם. ער האָט אָבער גאָרניט געקאָנט צוטראַכטן. אײַסער דאָס, וואָס ער טוט סעבײַ־טער אין אויגנע באַלד מיט קלענערע באַלעבײַיזעס, מיט ווייניקער כשוווים ווי דער אײַנס, ווי מױשע מאַשבעצער—ער שיקט שמוליקלען...

מערקווירדיק, ווי אָט דאָס „קעצעלע“, ווי אָט דאָס קלײנע פֿאַרשווינדל מיטן הינטעריק־ריפּענדיקן קעלעבל, ווי ווען מע שפּילט אַף אַ קעמל; דער, וואָס ס'פֿעלט קאָבײַדער די קנעפּלעך צום בורנעס אַפּילע אום ווינטער, און ער טראָגט אַ שטריקל אָנשטאָט קנעפּ, עלעהיי אַן אָרעמ טרעגער׳ל. און קע־ ריי דער יינגט זאָל אים ניט אײַנטראָגן, האַלט ער זיך קאָסטײַדער בײַ אַ פֿאַרקן.—מערקווירדיק, ווי אָט דאָס פֿאַרשווינדל האָט זיך נאָר מיט אַזאַ, ווי שמוליקל, געפּאָרט, וויאַזוי ער האָט אים גאָר אָפּגעזוכט, ווי געפֿינען, און ווײַזוי ער האָט מיט יענעם ווענן אַזוינע זאַכן זיך נאָר געהאָנט צו־ גיפֿערעדט.

עפּעס, ער פֿלעגט איבער שמוליקלען יעדעס מאָל ווערן אָפּגעהאַרן און בײַ אים דאַרפֿלען אַ מעצעס: ער וועט אים באַצאָלן, הײַסט עס, דערנאָך, ווען יענער וועט זײַן שעליכעס אויספֿילן. אָבער שמוליקל איז ניט אַזאַ, וואָס לאָזט זיך. ער איז דאָרט, דאָרט געווייכט זײַן ווערט, און יעדעס מאָל פֿלעגט ער אײַנעם און דעם זעלבן פּנים נאָר אויסנעמען: א טרונק פֿאַרפֿרויער, א טרונק דערנאָכדעם, און קאַב יעקאַב[1] פֿאַר דער מעלאָכע — פֿאַרן שלאָגן, הײַסט עס. דערפֿאַר אָבער, אַז „קעצעלע“ איז שוין אַף שמוליקלס באַדינגונגען אײַנגעגאַנגען, פֿלעגט ער צו שמוליקלען נאָר נאָענט צוטרעטן, אים צו זײַן אײַער. זיי אַף אַ לײַטער, זיך אַרופֿדראַפּען און אַרײַנזאָגן אַהין:

— איז געדענק זשע, שמוליקל: די נעשאָמע! די זעל! די קײַקעס פֿון זײַ! מײַנע עלטערן, ראָצחים! ס'איז פֿאַרהאָרעוועט, בײַטער פֿאַרהאָרעוועט... נישט דערגעסן, נישט דערשלאָפֿן... די נעשאָמע פֿון זײַ!..

דאָס מאָל אָבער, אַז „קעצעלע“ האָט זיך מיט שמוליקלען וועגן מוישע מאַשבעצער צונויפֿגערעדט, האָט ער אים אַזוי געזאָגט:

— איז געדענק זשע, שמוליקל, ווײַזוי דו גייסט! געדענק, מיט וועמען דו האָסט צו טאָן: נישט אָפּרירן, קיין האַנט נישט אויפֿהייבן, פּרובן עפּעסער אָר אַף איין מאָל אַ קלאַפּ טאָן. ווײַל אַנדערעמעס קומט מיר נאָך קײן

1 — אזויפּיל און אזויפּיל.

געלט, ס'איז נאָך דער זומאַנ נישט אויסגעגאַנגען, נאָך אָנטרעפן דאַרף מען. מע זאָל זיך עס נישט האַלטן פאַר גרינג און מע זאָל זען, ווען ס'וועט זיין [illegible] נאָך, ווען איך וועל שוין מאַכן בעטמעס דאַרפן, און ווען ס'וועט די ריכטיקע גויט זיין דערצו.

איך שמוליקלען אליין איז דאָס מאָל דאָס שעליבעס וויט ניט אָנגעגעט און אפילו פריקרע געווען. ס'איז אים קיינמאָל נישט אויסגעקומען אין אזעלכע כאָשעווע־געהויבענע המוער געשיקט צו ווערן. דערצו נאָך איז ער קיין איבעריקער באַהאַלטענער נישט געווען, און זיין גאַנצער קויעך איז דאָך באַשטאַנען דעריקער נאָר אין זיין פויסט, וואָס מיט א זיין גלייבן איז ער גלייב דערמיט אויף און גלייב געבויעלט. אָבער דאָ, אין דעם פאַל, מיט מוישע מאַשבער, ווי הייבט מען אָן א האַנט, ביפראַט, אז ס'איז אים פון „קעצעלען" אליין פאַרזאָגט און פאַרבאָטן געוואָרן.

ער איז דערום אַרומגעגאַנגען אין שטוב שוין א ביסל א פאַרלוירענער, און אליין די שטוב מיט דער גיורישער ליפט, ליכט און לאָמפּן האָבן אַף אים אזוי געווירקט צום אומדרייסטן, אז דרויסן בערמל שלעגעריישן קוראַזש האָט ער שוין פון יענער זייט שוועל געמוזט לאָזן.

ס'איז געווען אפּדערנאַכט, ווען ער האָט איבערגעכאַפּט מוישע מאַשבער, פון געשעפט אַהיים קומענדיק, צו טרעפן — אים און זיינע איידעמס מיט אים. וואָלט זיך דעמלט געווען געמאַכט, ווי ס'מאַכט זיך אלע אַנדערע מאָל, ווען מ'זעצט זיך אָן עליקלעך אָדער א טאַמעריכע אַף דער קיך, אָדער אָן אַנדערער ווער פון די קאָנטאָר־לייט אין אָנגעשטעלטע — אין שטוב, וואָלט [illegible] נישט אזא איבעראַשענדיג רויטע געמאַכט. אָבער גראָד היינט, ווען פון די אָנגעשטעלטע קיינער, אליין [illegible] מיט אים פאַרזאָגן. וואָס די גאַנצע שטאָט קען אים, און וואָס ס'איז געגאַנגען געווען א קיק מאָן נאָר אַף זיין בעלמעיאַמע אין, [illegible] צו [illegible] דאָ צו מאָן [illegible], [illegible] שטעלט זיך פאַר [illegible] נישט ניט אָפּ, ביז אפילו פאַר רעצינע — איז דאָך אַוואַדע פאַרשטענדליך, ווי [illegible] איבערגעווען, דערזעענדיק שמוליקלען אין שטוב נאָך פלוצעם.

מ'האָט אים באַלד א פרעג געטאָן, וואָס ער דאַרף, און זיך אים געבעטן זעצן. שמוליקל האָט געפאָלגט, און גלייך שוין באַם זעצן זיך האָט א זאָג געטאָן:

— כ'קים פון קעצעלען... פון קעצעלען קום איך... געלט.

— וואָסער געלט? — האָט מען בא אים געפרעגט, נישט פאַרשטייענדיק, וואָס ער מיינט. — מע איז אים באַלד, עמעצער שולדיק?

— ניין. נישט מיר — קעצעלען!

— איז וואָס קער ער זיך אָן מיט יענעם? יענער האָט דען קיין מויל נים און קאָן אליין נים זאָגן, אז מע איז אים שולדיק?

— איך... — האָט דאָ שמוליקל אויסגעשריגן, — הייס שמוליקל, שמו־

זיך מיט אים... די מאַמעס שטעלן זיך אַוועק, און אַ דאַנקבאַרער בליק גייט אין זיי פאַר שמוליקן צו אים...

[illegible] אַלע שמוליקלעך [illegible] איבערגעלאָזן, און [illegible] די ליבע [illegible] אַרויס באַהאַלטענע [illegible], די וועלכע ד'האָבן [illegible]: אַליין גאָר זיינען באַגעגנט מיט יענע שלעפֿמוניאַטשעס רייד, וועלכע האָבן אויסגעוועבט, ווי בײַ אַ קאַנצעלײַ, מיט פֿאַרטראַכטע [illegible] און פֿון בלויז באַרבאַקן נישט געקריגן,—שוין אויף [illegible], יענע זײַט, אַז געווען עטלעכע פֿון שטוב זאָלן זיך די [illegible] און [illegible] איבערקערן און יעדער מיט אַן אײַדעלן כאַראַקטער זאָל דאָ [illegible] נאָך, האָבנדיק אַזאַ פֿאַרשיין אָנטרעטן זיך נאָ-ענט [illegible] זײַן, און מערע האָבנדיק, אַז ער זאָל ניט אַרויספֿאָרן מיט אויגן. יעדער פֿון אַזאַ איז זיך זיכער צו ריכטן—איז דאָך אַזאַ שוין אַ [illegible] ביבע [illegible], אַז אַלע פֿענצטער פֿון אַלע בעזעזנדיקע זאָלן מיט-אַמאָל [illegible] בײַ [illegible] שרײַענדע ווערטער, בלאָס ווערן, און אַז בײַ אַלע זאָלן פֿאַראַלעמענטירט די הענט און קליינע נעמען ציטערן, און בײַ קיינעם זאָל קיין לאַשט און מויל נישט פֿאַרמאָגן. יאָ, אַזאַ בײַ אַלע. אַליין נאָר מײַסטע מאַשבער, ווי דער עלטערער פֿון שטוב איז צו ווערן שמוליקלס וואָרט אין [illegible] געגעבן, האָט זיך [illegible] געפֿונען אַף אים אָפּצוענטפֿערן און אים אָט וואָס צו זאָגן:

— איז זאָגט זשע איך, זײַט אַזוי גוט, טײַערער [illegible], און גיט איך איבער, אַז ער איז אַ [illegible] געפֿינס—אַ [illegible] יוד און אַ [illegible] [illegible] און [illegible] גוטן [illegible] איז נאָך ניט, און אַז מ'וועט איך קו-[illegible] ער אַליין [illegible], און אַז [illegible] ווינען דאָ איבעריק, זאָגט איך...

— [illegible] גוט!—האָט דאָ שמוליקלען אין קאָפּ אַ שלאָג געטאָן, [illegible] זיך [illegible] "די געשטאַלטן! די זעל פֿון זיי!", אָבער מאַכנדיק ער האָט איצט נישט געקאָנט מיט קיין הענט אַרויס-[illegible], איז ער, אַלקאָלבאַנצעם, מיט אַ געשריי אַרויס:

— אונדזער גוטס! דאָס גוטע זאָל אונדז זײַן!—און דערבײַ האָט ער מיט [illegible] אין מויל אַזאַ ווער געטאָן, אַז אַלע, וואָס האָבן זיך אין שטוב געפֿונען פֿון [illegible], פֿון [illegible], פֿון מעבל און אַנדערע זאַכן, האָבן זיך מיטאַ-מאָל אויף צעטרייסלט, אַז אַלע, וועלכע האָבן זיך געפֿונען אין אַנדערע כאַדאָ-רים, [illegible] און עלטערע אַרומגעלאָפֿן, מ'ווינען [illegible] אַפֿילע די דינסטן פֿון קיך, [illegible] וואָס ווינען קיינמאָל אויף [illegible] באַלעבאַטים נישט בײַ-געווען, אין וועלכע האָבן דערפֿילט, אַז עפּעס אַ צאָרע, אַן אָנשיקעניש רוקט זיך אָן אויף דער שטוב, וואָרט בעטנדיק: וואָס הייסט פֿרעמדע קינדער אין [illegible] [illegible]? אַזאַ, וואָס מע [illegible] אים אַן אַנדערשטאַל אַפֿילע אַף דער [illegible] און אַף די אויגן ניט געלאָזט, איז מיסטאָמע [illegible] ער דאָך ניט אומזיסט, מיסטאָמע קומט אים דאָך.

— וואָס? דאָרטנ?!—האָט זיכ פּלוצעמ פונ א ווינט אַלקער א קאָל פונ דער קראַנקער נעבנבעטנ אַרײַנ אינ עפּעס אַרומ דערהערט.

אַלע זײַנענ אַנשווינג געוואָרנ. ווער ס'איז באַלד אײַנגעשלאָפנ זי צו באַ־רויקנ, ווײַז אײַנגעשלאָפנ צו איר, אָבער מערסט זײַנענ נאָכנ קלאַפּ אונ אויכ נאָכ שמייכלדיק באַלד די שטוב אינ עטשעמוב פאַרבליבנ. מע האָט זיכ אײַנעמ דעמ אַנדערנ אינ די אויגנ ניט געקוקט, זאָגנ זיכ עפּעס—האָט מענ אַוואַדע ניט געזאָגט, ווײַל דער קלאַפּ האָט נאָכ בײַ אַלעמענ אינ די אויערנ געקלונגענ, די ציינער, די געליימט, אונ באַר בײַסע האָט מענ ניט געהאַט וווּ־הינ זיכ אַהינצוטאָנ.

א באַראָבע נאָכ, וואָס קיינער פונ פרעמדע איז אינ שטוב דערמאָלט ניט געווענ, מע זאָל די געשיכטע אַפּנ גאַס אַרויסטראָגנ. ס'איז אָבער געווענ געווענ אויכ דאָס, וואָס איז אינ שטוב פאַרבליבנ, — דאָס, וואָס האָט געבראַכט גימפּעלנ שפּעטער אינעמ זעלבנ אָוונט, ווענ זי איז מיט איר מוישענ אינ זייער אַלקער אַרײַנ, מיט פאַרבראָכענע הענט אינ אינ גרויס צאַר צו־ איט צוגעטרעטנ אונ צו איט זיכ געוואַנדט: „מוישע, ווי זײַנענ מיר אינ דער וועלט? וואָס איז דאָ געווענ? מע האָט דאָכ עפּעס וועג מאָג, זאָג אַז איי־ צע"... דאָס וואָס איכ געבראַכט נאָכגעלאָזט לעבעדיקער, מוישעס יונגער איי־ דעמ, ער זאָל שוינ אויכ אַפּילע אַז זײַנ שלאָפּקעט נישט רוקנ אינ, נישט קאָנעדיק זיכ אָנהאַלטנ, צו איר אינ אַלקער איצט אַרײַנגעטרעטנ, מיט אַנ אָפּגעצוימט בײַנ בײַסע באַר איר אויער: דאַ? וואָס האָט ער געזאָגט? זי ווייסט שוינ, ווער ס'איז דאָ געווענ, ווער ס'האָט געקלאַפּט, אינ ווי ב'דאַרפ שוינ? פרייער דאַרפ מענ איט, נאָכגעמענ, נישט געוואָלט פאָלגנ, ניט הערנ, אונ איצט איז שוינ אומזיסט אינ אַרויסגעוואָרפנ די רייד... אינ אַפּילע אַזאַ, ווי יאַנקעלע גראָדשטיינ, ווי מוישעס עלטערער איידעמ, וואָס בײַ אַלע אײַנשטימענדיק, כאָטש ווענ ניט אונ כאָטש ניט, איז איט קעגנדער די שטילקײַט אָפּגענעמט, שווײַגט, אונ מע הערט פונ איט קיינ הויכ קאָל ניט—אַפּילע אויכ פונ איט האָט איצט אַרויסגעריסנ:

— יצייפּל האַמאַדרייגנ... לעצט, שוינ נאָר לעצט...

אַגעי, יאַנקעלע גראָדשטיינ האָט זיכ איצט, בײַ דער געלעגנהייט, דער־ מאָנט א יאָכ, בײַ וועלכער ער איז הײַנט בײַגעווענ, שטייענדיק ניט ווײַט פונ א סאָבריש רעדל אינ מאַרק. ס'איז דעמאָלט גראָד פאַרבײַגעגאַנגענ סרו־ לי יאָל. אַנ אַנדערשמאָל, ווער קוקט זיכ אַפּ איט? דאָס מאָל אָבער האָבנ זיכ אַלע צו איט א ווענד געטאָנ, ווי צו עפּעס א כידעש, אונ אינ דער זעלבער מינוט האָבנ אַלע הינטנאַרומ אונ אַלײַנדיק נעבאַכט א קוק אויכ אַפּ איט, אַפּ יאַנקעלע גראָדשטיינ, גלײַכ, ווי יענעמס ווײַנ זיכ אינ מאַרק דאָט צו איט, צו יאַנקעלענ, נאָר א נאָענטע שײַכעס... יאָ, אַלע ווייסנ שוינ, אַז זײַנ שוועער איז יענעמס א באַלבויעס, אַז ער איז איט שולדיק געלט, אונ דעמ אויכעט, האָט ער באַמערקט, כידעשט ניט אַזוי דאָס, וואָס יענער, סרולי, איז פּלוצעמ נאָר הײַנט געוואָרנ, ווי דעריקער דאָס, וואָס זײַנ שוועער.

מיישע מאַשבער. האַלט שוין דערבײַ, אַז ער איז אַפּילו צו אַזאַ, ווי צו סרולין, אָנגעקומען.

— געזען? — האָט איינער שטיל אין רעדל אַרײַן אַ זאָג געטאָן. — ער גייט דאָך שוין אַרום, גלײַך ווי דער מאַרק איז זײַנער, גלײַך ער וואָלט דאָ אַ ביילעך אַרײַנגעלייגט.

— אַזאַ דע אַרײַנגעלייגט, — האָט געזאָגט אַ צווייטער. — וואָס זשע? צאלי דערבאַרעמדיקער רופֿט אַפּילו אָן די סומע, וואָס מוישע מאַשבער האָט בײַ אים געליגן, ער ווייסט עס אויף זיכער, ווײַל דאָס האָט ער אַליין אים מאַקע די האַלהאָע נאַרײַעט, זי אַליין אים אויסגעמעקלערט.

— וואָס זשע? כ׳מיינט, — האָט אַרײַנגעשטעלט אַ דריטער, — כ׳מיינט, אַז אַ שלעפּער שלעפּט אַרום דאָס גרויסע געווינס, און אַ גזיר — דעם נומער ערגער.

מע האָט גערעדט אין דער אָנווערונהײַט פֿון יאַנקעלע גראָדשטיין, פֿאַרלאָזנדיק זיך אויף זײַן באַוווּסטער פֿאַרשעמטער און אַ ביסל לעקעשעוואַטער אײַנגלעבקײַט, וואָס מע האָט געוווּסט, אַז וויבאַלד ער וועט דערהערן, אַז די רייד גייען וועגן אים אָדער וועגן זײַנע נאָענטע, וועט ער אַליין דעם אויער אָפּקערעווען און זיך וועט מעגלעך זיך ניט הערנדיק מאַכן. דאָס האָט מען אַזוי גערעדט, ווען מע האָט נאָר דערזען סרולין, הײַנט וואָס וואָלט מען שוין געזאָגט, ווען מע דערוויסט זיך די מײַסע שמוליקל.

— שייפֿל האַמאַדריינע... שלעכט, לעצט שלעכט — האָט איצט שוין אַפּילע פֿון יאַנקעלע גראָדשטיין אַרויסגערעדט.

ערגער אָבער, ווי אויף אַלע אַנדערע, האָט די מײַסע שמוליקל געווירקט, נאַטירלעך, אויף מיישע מאַשבער אַליין, וואָס גלײַך ווי יענער, ווי שמוליקל, איז אַרויס פֿון שטוב, אַזוי האָבן אַלע באַמערקט, ווי פֿון גרוים געפּלעפּטקײַט און איבעראַשונג איז אים עפּעס פּלוצעם אַ פֿול מויל מיט זאָגעניש אין פּסוקים אָנגעקומען; ער האָט זיי קימאַט אין אַן אומבאַוווּסטזיניקן צושטאַנד אַרויסגעבראַכט, ווי אַ מענטש, ווען אַלע אינערלעכע קנופּן זײַנען אים לויז געוואָרן, און ער ווייסט ניט, וואָס ס׳געשעט מיט אים, און ער איז אויס באַלעבאָס אויף זיך. מזמור לדוד בברחו מפּני אבשלום בנו. ה׳ מה רבו צרי[1] — האָט ער געזאָגט, — סמר בשרי מפּחד, ממשפּטיך יראתי...[2] אשא עיני אל ההרים; מאין יבוא עזרי[3] — אַזוי איינס נאָך איינס, נישט אין סיידער און נישט אין אָרדענונג, נאָר צוזאַמענגעמישט, שטיקלעך מעקסטן און פּסוקים פֿון פֿאַרשיידענע ערטער, וואָס זײַנען צעדולטקײַט האָט אים אין מויל אַרײַנגעגעבן. און מיטאַמאָל האָט ער זיך געכאַפּט: וואָס איז דאָס? וואָס טוט ער אין וואָס זאָגט ער? און ער האָט מיט דער רעכטער דלאָניע

1 — אַ געזאַנג צו דאָווידן, ווען ער איז אַנטלאָפֿן פֿאַר אַווישאָלעמען זײַן זון. גאָט, ווי פֿיל זײַנען מײַנע פֿײַנט...

2 — ס׳גרוילט מיר דאָס לײַב פֿאַר שרעק, פֿאַר דײַן מישפּעט פֿאָרכט איך מיך.

3 — כ׳הייב אויף די אויגן צו די בערג: פֿונוואַנען קומט מײַן הילף?

זיך דאָס מויל און די ליפּן פאַרשמעלט, א קוק נעבנדיק בעשאַס־מיטיסע ווי פאַרשעמט אַף די בניי־באַים, וואָס האָבן אים אַרומגערינגלט און וואָס האָבן אים אין גרויס אַנגסט און אין פאַרלוירנקייט דערזען. ער האָט זיך מיטאַמאָל אָפּגעהאַלטן פון צו זאָגן, אָבער דער ביזאָיען און ווייטעק איז דערפון ניט וויניקער געוואָרן, און דער פאַקט פון שמוליקלס דאָ זײַן—נישט אויס פאַקט. באַזונדערס איז זײַן צאַר געווען גרויס, זיך דערמאָנענדיק, ווי דאָס קאָל פון זײַן קראַנקער מאַמע האָט זיך דערטראָגן פון ווײַטן אַלקער, יענע קאָל, פון וועלכן ער האָט נאָך מער אָפּגעציטערט, ווי פון שמוליקלס קלאַפּ. הײַנט אַף וואָס אַף וואָס, נאָר אַף אַזאַ זאַך, אַז זײַן מאַמע זאָל אים קראַנק זײַן, און ער זאָל זי אַפילע פון אַזוינעם, ווי פון א שמוליקל. נישט קאָנען באַשיצן, — אַף וואָס אַף וואָס, נאָר אַף אַזוינס האָט זיך מוישע כאַיטבער געווים נישט געריכט. דאָס איז שוין געווים לעצט און שיפּל האַמאַדרייגע. און א געדאַנק איז אים דערבײַ דורכגעלאָפן, אַז דאָס אַלץ, וואָס ס'איז דאָ געוואָס געשען, איז דאָך ערשט אַן אָנהייב און א גאָרנישט קעגן דעם, וואָס דאַרף ערשט פאָרקומען. דאָס איז דאָך דערווײַל דער ערשטער קלאַפּ, אַ דאָס א נישט באַרעכטיקטער אין אַזאַ, וועלכער לאָזט זיך נאָך אָפּוועגדן, און דעם פאַרשוין, וואָס קלאַפּט, פון שטוב מעשאַלייעכ זײַן; אָבער וואָס וועט שוין זײַן שפּעטער, ווען די עמעסע און באַרעכטיקטע וועלן שוין קומען, ווען אַלע, וואָס סקומט זיי, וועלן זיך מיטאַמאָל אין שטוב אָנזאָגן, און מײַנע וועט זײַן אומגליקלעך, און קיין וואָרט צו אייגענער באַרעכטיקונג און צו אייגענער פאַרענטפערונג וועט זיך ניט געפינען, און אַלע זיי וועלן שוין אַרויס מיט קלעפּ און מיט הויכן מאָנערישן לאַשן.

ער האָט אַף זײַן איידעם נאָכעמען א קוק געטאָן און דערזען, אַז יענער וועט זיך ניט אופהאַלטן און באַלד שוין צו זײַן קראַנקן ווײַב אין אַלקער אַרײַנקומען. אַף דער לאַנגע זיך צו קלאָגן; אייך אַפּן צווייטן איידעם — א קוק, און ער האָט פון יענעמס ליפּן זײַנע באַרויערונגס־ווערטער אַראָפּגעלייענט; אייך אַף גימעלען—און ער האָט פאַרשטאַנען, מיט וואָס זי וועט אים הײַנט, פאַרן שלאָפן גיין, באַגעגענען אין אַלקער, און ער האָט ניט צו זײַן אייגענער און ניט צו קיינעמס טרייסט גאָרנישט ניט געהאַט, איידסער נאָר דאָס, וואָס זײַן שטערן איז אים שטאַרק בלאַס געוואָרן, אייך די שפּיץ נאָז, און א שטיק צײַט דערנאָך האָבן זיי צו זייער גאַטדלעכער מאַרע און קאָליר ניט נעקאָנט קומען, און אייסער אייך דאָס, וואָס פון יענעם מאָמענט אָן זײַנען פאַר אים, באַר מייסטע מאַיטבער, אײַנגעמילעכ געוואָרן אַזוינע טריט און געגנ און אַזוינע זעלישע צושטאַנדן, וואָס בײַ אַזאַ, ווי ער. איז זיך דאָס פריער פאַר קיין פאַל ניט געווען צו מאָלן און זיך ניט פאַרצישטעלן.

ווי אָט, לעמאָשל:

ווען אין דעם זעלבן אָפּדערנאַכט, אַז ער איז מיט גימעלען אין אַלקער

אריינ, אונ זי האָט מיט אימ געוואָלט האָבנ דעמ ערנסטנ געשפּרעכ, האָט ער זיכ פונ איר אויסגעדרייט מיט א טערעצ: אז זי זעט דאָכ, אז ער איז איצט ניט דערבײַ, אז דער קאָפּ איז ניט זײַנער, ער טוט אימ שטארק וויי, אזוי אז ער איז ניט ביעכוילעס אונ ניט אימשטאנד אצינד, אונ ער בעט זי, אז זי זאָל אלצ אָפּ מאָרגנ אָפּלייגנ אונ דערווײַל גיינ שלאָפנ; אונ אז זי האָט זיכ געלייגט אונ איז, סאָפּקאָלסאָפּ, אנשלאָפנ געוואָרנ, איז ער, מוישע, נאָכ א שטיק צײַט מיט אָפענע אויגנ געלעגנ אָפּ זײַנ געלעגער, דערנאָכ איז ער אראָפּגעגאנגענ, אונ שטילערהייט, אינ די שטעקשיכ, פריער אינ אלקער דערנאָכ אויכ אינ אנדערע צימערנ, ווי אינ עסשטוב, וווּ קיינ מענטשנ שלאָפנ ניט, עפּעס אומגעגאנגענ, דערנאָכ איז ער ווידער צוריק אינ אלקער אריינ, אונ זיכ נאָר צומ פענצטער געשטעלט אונ אינ נאכטיקע דרויסנ גענומענ ארויסקוקנ.

א נאכט האָט זיכ דעמלט אויסגעגעבנ מיט א פארשפּעטיקטער סאָפּ־כוידעש־דיקער לעוואָנע פונ צווישנ כמארעס. די הארבסטיקע באנאכט־שטיל־קייט האָט ארויסגעקוקט פונ צווישנ שיטערלעכע אונ צעווירעטע הימלשע וואָלקנ־נעצנ. אלצ האָט אויסגעזענ אינ האלב־שײַנ מעטושטעש אונ צעשוווּמענ, אונ ביפראט נאָכ פאר אזא, וואָס האָט אפּ יענער שײַנ ארויסגעקוקט דורכ א פענצטער.

אונ פלוצעמ האָט מוישע מאשבער, אזוי דורכנ פענצטער ארויסקוקנדיק, דערזענ שטיינ א מענטשנ אינ הויפ. ער איז ניט איבעריק זיכער געווענ: ער האָט זיכ אויכ ניט פארוואונדערט אונ זיכ אויכ ניט געשראָקנ, ווי אנ אנדערש־מאָל, ווענ אזא זאכ מאכט זיכ, וואָלט ער זיכ צוערשט געפרעגט: וואָס טוט א פרעמדער בא אימ באנאכט אינ הויפ? וואָס דרייט ער זיכ אונ וואָס דארפ ער? — ניינ, דאָס מאָל האָט ער זיכ געהאלטנ רויק, אונ אָט די רויקײַט האָט אימ אויכ געהאָלפנ גלײַכ דעמ מענטשנ צו דערקענענ: אלטער... אונ ער האָט גלײַכ א טראכט געטאָנ: יאָ, דאָס איז ער, וואָס נאָכ יענעמ געשפּרעכ, דעמ לעצטנ, וואָס זיי האָבנ צווישנ זיכ געהאט, האָט ער, מוישע, אימ נאָר פונ זינענ ארויסגעלאָזט, אונ יעדעס מאָל, ווענ ער באגעגנט אימ די לעצטע צײַט צופעליק, מאָנט יענער ווי בא אימ דאָס, וואָס ער, מוישע, האָט אימ בייסנ געשפּרעכ פארשפּראָכנ, אונ נעמלעכ: אז ער וועט זענ עפּעס צוטראכטנ פאר אימ, פאר אלטערנ. ס'איז אימ אויכ קלאָר געווענ, אז אלטער מאכט איצט זײַנע באנאכטיקע שפּאצירנ אינ הויפ, ווײַל באטאָג איז אימ אומבאקוועמ, באטאָג אונ פאר מענטשנ פילט ער זיכ גע־ענגט אונ ניט איבעריק זיכער, אונ באנאכט שטערט אימ קיינער, אונ ער מאכט זיכ, שפּאצירנדיק, קלאָר זײַנ לאגע אונ טוט אויכ זײַנ פארנעפּלטנ מויעכ דורכלופטערנ.

אונ פלוצעמ האָט מוישע דערפילט, ווי גלײַכ קיינ מעכיצע איז ניטאָ צווישנ אימ אונ אלטערנ, גלײַכ קיינ וואנט אונ קיינ פענצטער טיילנ אימ ניט אָפּ פונ יענעמ, אונ ס'האָט אימ אויכ געדאכט, אז אזוי ווי ער קוקט

איצט אפ אלטערנ, אונ זעט אימ א שטייענדיקנ אינ הויפ, אזוי קוקט יענער, אלטער, אויכ אפ אימ אונ זעט אימ א האלב־אָנגעטאָנענעמ דורכנ פענצטער ארויסקוקנ. מעגלעכ, אז אזוי איז דאָס טאקע געווענ, ווײַל אלטער איז מיטנ פּאָנעמ צומ פענצטער אויסגעקערעוועט געשטאנענ.

אינ דער מינוט איז סײַ אלטערנ אינ דרויסנ סײַ מוישענ אינ שטוב ווי עפּעס א קעלט דורכ די ביינער אדורכ; אינ דער מינוט האָט אפ א צופעליקנ אויפנ דער לעוואָנע געגליקט מיט עטוואָס א גרעסערער אונ העלערער שײַנ פונ צווישנ די וואָלקנס זיכ באווײַזנ; אונ אינ דער זעלבער מינוט האָבנ סײַ אלטער סײַ מוישע עפּעס א קאָל דערהערט פונ א מענטשנ, ניט קיינ מענטשנ, פונ א הונט, נישט קיינ הונט, נאָר געקומענ איז דאָס פונ לעבנ מיכאלקעס שטיבעלע פונ דער הינט־בידקע ארויס. דאָס איז געווענ פונעמ הונט „קיימל־זייגער", וואָס געווײַנלעכ אונ א גאנצ גייענדיק יאָר איז ער אָנ א קאָל, נאָר איצט, באנאכט, ווענ קיינער הערט ניט, ביפראט הארבסט, ווענ א לעוואָנע רײַכט זיכ פונ צווישנ וואָלקנס, ווענדיק כאָטש מיט א קליינ ביסל שײַנ ארויסקימענ, אונ, זעלטנ־זעלטנ נאָר, אפ געצײַלטע צופעליקע מינוטנ, גליקט עס איר אמאָל, — דעמאלט, ווײַזט אויס, באקומט ער עס, דאָס קאָל, אונ קומט מיט דעמ ארויס פונ די הינטיישע געדערימ שטארק ווייטעקדיק אונ פארדומפּנ. אנ אנדערשמאָל הערט אימ קיינער: מע שלאָפט; אנ אנדערשמאָל האלט ער געוויס אויכ ניט פאר נייטיק דאָס איבערצוכאזערנ, נאָר באנוגט זיכ מיט איינ מאָל, צוויי מאָל דאָס ארויסברומענ; איצט אָבער, ווענ ער האָט דערזענ שטיינ א מענטשנ אינ הויפ, א מענטשנ אנ אומגייענדיקנ באנאכט, כאָטש אפילע אנ אייגענער, וועלכער איז אימ א ביסל אויכ באקאנט, אינ דערצו נאָכ האָט ער מיטנ הינטיישנ כוש דערפילט אויכ א צווייטנ, זײַנ באלעבאָס אנטקעגנ יענעמ אינ פענצטער א שטייענדיקנ.— האָט ער זיכ שוינ אוואדע נאָר צעלאָזט, אונ פונ זײַנ גאנצנ פארבאָרגענעמ בויכ־אינגעווייד האָט ער א לאנגע אונ שטומע ריי קוילעס אינ געוויינ ארויסגעגעבנ.

דעמאלט האָבנ זיכ ביידע ברידער פונ די ערטער גערירט: אלטער פונעמ אינ דרויסנ שטיינ, אונ מוישע פונ לעבנ פענצטער. וואָס אלטער האָט ווײַטער געטאָנ — ווייסנ מיר ניט, נאָר מוישע איז גלײַכ צוריק אפ זײַנ געלעגער ארופ; — צי אפ שלאָפנ, צי אפ ווידער וואכ זײַנ — ווייסנ מיר ווײַטער ניט, נאָר צי יאָ, צי ניינ; אָבער קיימל־זייגערס וויינ האָט אימ נאָכ לאנג אינ די אויערנ געקלינגענ — א דערמאָנונג אפנ ניט גוטנ הײַנט אונ א סימענ אפ א מאָרגנ, ווײַזט אויס, אויכ ניט אפ קיינ בעסערנ.

* * *

יאָ, אויכ אפ מאָרגנ ניט בעסער. אונ אז מוישע מאשבער איז דעמ צווייטנ אפּדערנאכט ווידער פונ געשעפט אהיימ געקומענ א דערשלאָגענער אונ איז נאָכנ מאָנ ארײַנ צו דער טאָכטער געווירע זוערנ, האָט ער מער

גײַן געקאָנט, ווי אַ ווילדע לעבן איר שטיין, זי באַטראַכטן און זען, אַז איר לאַנגע איז ווײַט פון גענעזן, און דאָך האָט ער מער פאַר איר קיין ווערטער ניט געהאַט, ווי נאָר איר אַ זאָג טאָן: „ס'גייט דיר, דאַכט זיך, אַ ביסל בעסער, מאַמעניו“, און באַלד גלײַך פון איר אָפּגעגאַנגען, קעדיי איר צער ניט צו זען.

ער איז באַלד צוריק אַרײַן אין עסשטוב, ווו קיינע פרעמדע זײַנען ניט געזעסן, ווײַל די לעצטע צײַט האָבן זיך געשעפטלײַט ווי אָפּגעטרעטן, זיך פון דער שטוב אָפּגעוואָרפן און אַהין זיך ניט געוויזן: מע האָט געוווּסט, אַז פון נײַע געשעפטן קאָן קיין רייד ניט זײַן, און אַז אויך די אַלטע זײַנען גענוג שוואַך; אויך קיינע געלט־מעקלערס און קאָנטאָר־אָנגעשטעלטע זײַנען ניט געקומען, סײַדן נאָר אַמאָל דער קאַסיר און געלט־נעמענע ליבערזאָן, אײ דאָס אויך ווען ער האָט באַדאַרפט באַזונדערס נייטיק.

די מירנס האָבן דערום ווי אָפּגערוט, די ווענט פון שטוב האָבן זעלטענע זען באַנענגט אַ פּאָנעם־כאַדאָשעס. אַזוי, אַז מ'האָט געקאָנט זיכער זײַן, אַז ווען מע זעצט זיך צום טיש אַליין, ווען מען שווײַג אַליין אויך פאַרבלײַבן, די אויגן צו דער טיר ניט ווענדן און פאַרשפּאָרן אַ נײַ־אָנגעקומענעם צו באַגעגענען, אויסער עפּעשער נאָר אין אויסגענומענע פאַלן, ווי נעכטן, לעמאָשל, שמוליקל שלעגער, און הײַנט — מאַלקע־ריוועס.

זי איז אַרײַן ניט אַליין, נאָר מיט עפּעס אַ זאַך מיט אַ ווײַסן לײַלעך איבערגעדעקט. געווים, עפּעס אַ מין מאַלבעש, וואָס מע האָט גענייט, אַז ער איז איר זייער טײַער, ווײַל זי טראָגט אים געהיט און באַזונדערס פאָרזיכטיק.

זי איז אַרײַן דורך דער קיך, און שוין אַרײַנקומענדיק אַהין, איז איר עפּעס דאָס מאָל די קיך נישט געפעלן. אַלעמאָל באַגעגנט זי דאָרט אַ דינסטן און מעשאָרסים־געזעמל — מע שטיפט, מע לאַכט, מע קריגט זיך, און ס'איז אַ גרויס אָנגעשטעל פון קיילים, פון יאָ־ און ניט־געוואַשן. דאָס מאָל — עפּעס ניט, גלײַך דער קיך־גײַסט וואָלט געווען אַרויסגעצויגן, און גלײַך ווי עפּעס נאָך אַ יאָנטעוו, ווען מע איז מיד און אָפּגעלאָזן. אויך די שטוב הײַנט נישט ווי אַלעמאָל: צי די לאָמפּן ברענען עפּעס אַנדערש, צי די ווענט טינקעלער, צי די פּענעמער זעען אַזוי אויס; זי וואָלט אויך געמעגנט שווערן, אַז זי פילט עפּעס אַ ריח, ווי פון קאַמפער אָדער פון אַנדערע רעפואָס, וואָס טראָגן זיך פון אַ ווײַטן כוילע אין אַ ווײַטן צימער ערגעץ.

זי איז אַ ביסל אָפּהענטיק געבליבן. זי איז איצט געקומען אַהער מיט אַן אָנליגן, ווי אײנעם אײנציקן אָרט, ווו אַזוינע אָניאָנים קאָנען צו איר גונסטן באַלייזט ווערן. זי איז געקומען איר זיסיעס טכויריענעם מולעפּ צו פאַרזעצן — אַהער, ניט צו די וואָכערניקעס, וואָס, ערשטנס, גיבן יענע פאַר אַזוינע זאַכן אַ שיבעש; און צווייטנס, ווײַל אויב אַ מאַלבעש, צי אַן אַנדער זאַך פאַלט אַמאָל אַרײַן פאַרמאַשקנט צו זיי, איז אויב מע פאַרשפּעטיקט דעם זמאַן און מע ברענגט זיי ניט דאָס געלט צו דער צײַט,

פארקויפנ זיי אים גלייכ, אָדער לאָזנ אים פאר זיכ פארנ שפּאָט-ווייניק אנטלויגעט, אונ מע וועט זיכ שוינ נימ מיט דעמ אפ פארפאלנ אונ אפ לעוילעמ-וואָעד[1].

זי איז געקומענ אהער, ווי אלעמאָל, מיט די אוירינגלעכ אונ מיטנ שלייער, ווייל דאָ וועט מענ זיכ מיט איר זיכער אנדערש באגיינ: אי זי וועט דאָ מער באקומענ, אי דער כייפעצ, דאָס מאלבעש, וועט זיינ זיכער, ווענ עפשער, אז גאָט וועט העלפנ, אונ זי וועט אים קאָנענ צוריק אויסקויפנ.

באזונדערס איז זי איצט זיכער געווענ אינעמ דערפאָלג פונ איר גאנג אהער נאָכ דעמ, ווי מע האָט מיט איר, ווי באוווסט, נאָכ זיסיעס שלאָפ ווערנ, אזוינע טויוועס געטאָנ: ווי גלייכ נאָכ זיינ אוועקלייגנ זיכ האָט מענ דאָכ איר פונ אָט דער שטיב, פינעמ רייכנ קאָרעוו, אנ אומזיסטיקנ דאָקטער באשטעלט, ער זאָל אלעמאָל, ווענ מע וועט דארפנ, ארייגפאָרנ; — דעמ קאציר באצאָלט, מע זאָל בא אים פלייש באקומענ; אויכ דעמ קליימניק פאר שפייז באצאָלט. אונ דאָס אלצ — אליינ אונ אומגעבעטנ. היינט איצט, ווענ זי קומט נאָכ מיט אזא זאכ, מיט מעזומענ, מיט אזא כייפעצ, וואָס איז נאָכ קימאט ניי, ווייל זיסיע, וואָס איז א גרויסער אָפהיטער, האָט אים קימאט נימ געניצט, נימ געטראָגנ, אונ וואָס פונ אלע פארזעצטע אונ פארמאשקנטע כפייצימ אונ זאכנ אינ שטוב, וואָס איז נאָכ מעגלעכ געווענ צו פארזעצנ, איז ער איר דער לעצטער געבליבנ, דער טייערסטער, וואָס מע האָט אים געהיט, ווי דאָס אויג אינ קאָפ, — היינט אז אזא זאכ וועט זי דאָכ געוויס נימ אָפגעזאָגט באקומענ, אונ אי זי וועט דאָס פאָנעמ נימ דארפנ שווארצנ פאר יענע, פאר די וואָכערניקעס, אי אויכ, ווי געזאָגט, דאָס באקומענע אונ דאָס געליִענע וועט זיינ פיל גרעסער, ווי נאָר מעגלעכ ערגעצ אנדערש.

יאָ, זי איז דערומ ווידער אינ די אוירינגלעכ אונ אינ שלייער... אָבער פארוואָס פילט זי, ווי גלייכ זי וואָלט היינט עפעס נישט אינ דער ריכטיקער צייט געטראָפנ? פארוואָס זעט זי, אז גלייכ קיינע פרעמדע זיינענ דאָ איצט נימ איבעריק געווונטשנ, אונ גלייכ אלע אינ שטוב, — אָנהייבנדיק פונ דער קיכ, פונ די מענטשנ אינ שטיב אונ פונ דער שטוב אליינ — זיינענ ווי איצט קיינעמס באזוכ נישט גערנ?

אזוי־ווי אָבער זי איז שוינ דאָכ געקומענ, אונ אזוי־ווי איר טייערער אָנהאלט, דער לעצט-איבערבאהאלטענער כייפעצ, איז מיט איר, האָט זי זיכ געשטארקט אונ האָט זיכ אפילע דאָס מאָל נעענטער, ווי געוויינלעכ, לעבנ מוישע מאשבערס שטול צוגעזעצט אונ אויכ א היימישערנ נייג זיכ געטאָנ צו אים.

— ערשטנס, מוישע, וויל זי אים אָפדאנקענ פאר אלעמ דעמ, וואָס ער האָט מיט איר ביז אהער געטאָנ, זי מיינט: דעמ דאָקטער, דעמ קאציר

1 — אפ אייביק.

אין דעם קליימניק. וואָס ער האָט זיי אָפּ א שמיק צײַט פּאָרוים באַצאָלט און אַזױאַרום איר קראַנקן און איר גאַנצע שטוב באַם בײַעס דערהאַלטן.

— וואָס? — האָט מױשע מאַשבער א פרעג געטאָן פאַרוואונדערט. — וואָס פאַר א דאָקטער, וואָס פאַר א קאַצעוו. און וואָס פאַר א קליימניק? ער ווייסט נים, וואָס זי רעדט און הייבט נים אָן צו וויסן.

— וואָס הייסט, ער ווייסט ער נים? וואָס ווייסט ער נים? אַז אָט די אַלע האָבן בײַ איר א שמיק צײַט קיין געלט נים באַקומען — נישט דער דאָקטער פאַר זײַנע באַזוכן און נישט דער קאַצעוו און קליימניק פאַרן פלייש און שפּײַז, וואָס זי האָט בײַ זיי אומזיסט צוגעשטעלט געקראָגן? אָדער עפּעס וויל ער נים, אַז אַנדערע זאָלן וויסן. — האָט דאָ מאַלקע־ריווע פון איר טאָג אַראָפּגעלאָזט, זיך אַרומקוקנדיק, גלײַך זי וואָלט געוואָלט, אַז אַלע בײַוועזנדיקע זאָלן זייערע אויגן אָפּווענדן פון איר און פון מױשען, וואָס, מען גלעבן, מאַכמעס אַניוועס, וויל ער פאַר אַזוינע זאַכן פאַר אַלעמען אין די אויגן נים באַדאַנקט ווערן, — עפּשער וויל ער, אַז ס'זאָל בלײַבן א סאָד, ווי אַלע די, וואָס גיבן מתן בסתר (מאַטן־בעסייסער), דאָס הייסט, צדקה פאַרשטעלט?

— וואָסער צדאָקע? און וואָסער פאַרשטעלט? — האָט זיך דאָ מױשע נאָך מער פאַרוואונדערט. — אַז ער ווייסט נים און הייבט נים אָן פאַרשטיין, ווער דער געבער און ווער דער באַל־צדאָקע: אַלנפאַלס, אויב עמעצער האָט יאָ געגעבן, איז דאָס נים ער און אויך נים קיינער, דאַכט זיך, פון די זײַניקע, וואָס זיצן באַם טיש דאָ.

— האָ? — האָט ער, קעדיי זײַנע ווערטער צו באַשטעטיקן, מיט א בליק צו זײַנע שטוב־לײַט זיך געווענדט. — צוערשט צו גיטעלען, וואָס איז נים זײַט פון אים בייסן געשפּרעכ געזעסן.

— ניין, — האָט יענע זיך מיט די אַקסל ווי אָפּגעשאָקלט.

— איז עפּשער אַן אַנדער ווער? — האָט ער ווײַטער געפרעגט.

— ניין, קיינער: אַפילע נים אַזאַ, ווי יאַנקעלע גראָדשטיין, וואָס אין זײַן שטייגער איז דאַפקע יאָ געוועזן אַמאָל שטיל און צײַטן־לאַנג אויסצוהאַלטן געפאַלענע און יאָרדים אָפּ א פאַרשטעלטן אופן, — אויב ער נים; יאַנקעלע גראָדשטיין האָט דאָס מאָל זיך אָפּגעזאָגט, און איז אַפילע רויט געוואָרן דערפון, וואָס מע איז אים חשד אין אַזאַ זאַך, אין וועלכער ער איז גאָר נים שולדיק.

— איז ווער זשע? — האָט זיך דאָ מאַלקע־ריווע אַרומגעקוקט און איז מיט איר דאַנק ווי אינדערליפּטן הענגען געבליבן...

— האָ? — האָט זי ווי מיט זיך אַליין רעדן גענומען. — איז אויב אַזוי, איז עפּשער אויך דאָס פון יענעם?

— פון וועמען?

— פון דעם, וואָס ער, מױשע, קען אים. פון דעם, וואָס אַלע קענען אים, ווײַל ער איז אַן אַרײַנגייער צו אַלע; פון יענעם, וואָס מױשע, אויב

ער געדענקט, האָט אינ יענעמ אפדערנאכט, ווענ זי איז צו אים דאָס ערשטע מאָל געקומענ נאָכ זיסיעס שלאָפ־ווערג, מיט אים א שטיק סיכסעכ געהאט, האָט אפ אים אָנגעשריגנ אונ אים פונ שטוב ארויסגעיאָגט. איז עפשער אויכ דאָס פונ אים?

— אונ וואָס דענ נאָכ?

אונ דאָ האָט מאלקע־ריווע דערציילט, וואָס א שטיק צײט דערפריער האָט מיט איר מיט יענעמ שוינ איינמאָל געטראָפנ. זי האָט דערציילט, ווי יענער, סרולי, האָט זיכ איינמאָל אינ איינעמ א פרימאָרגנ בײסנ יאָר־יאריד, דאכט זיכ, באוויזנ אפ איר שוועל מיט א גרויסווערטיקנ פאפיר־געלט אינ דער האנט אונ געזאָגט, אז בא איר שוועל האָט ער דאָס אופגע־הויבנ אונ לעבנ איר שטוב עס געפונענ. זי האָט זיכ צוערשט דערפונ אָפגע־וואָרפנ, ווײל פונוואנענ קומט צו איר צו פארלירנ? אָבער יענער האָט זיכ געאקשנט אונ געטײַנעט, אז אויב ניט אירס, איז וועמענס דענ, אז זײַנס איז דאָס געוויס ניט... ער איז גראָד, האָט ער געזאָגט, איר שטוב פארבײַ־געגאנגענ, האָט ער אפ דער שוועל א קוק געטאָנ, דאָס דערזענ, אונ ער גיט דאָס אָפ, צו וועמענ ס'געהער געוויס — צו דעמ, וואָס די שוועל איז זײַנע... אונ אז זי, מאלקע־ריווע, האָט זיכ געקווענקלט אונ דאָס אלצ ניט גע־וואָלט נעמענ, האָט ער זיכ אפ איר שוינ גאָר צעשריגנ: „ניט? זי וויל ניט? איז זאָל זי דאָס ווארפנ פאר די הינט, אפנ גאס, זאָל זי מאָנ מיט דעמ, וואָס זי וויל, פארטיילנ אָרעמעלײַט, זאָל זי...“ זי האָט געזענ, אז געפונענ האָט ער דאָס טאקע ניט, אָבער קיינ גנייווע אונ קיינ קישעפ אייכ ניט, — אונ זי האָט זיכ געשראָקנ אונ דאָס פאָרט גענומענ, אונ אוודאי איז דאָס איר זייער צוניצ געקומענ. איז הא? איז עפשער אויכ אלעס איבעריקע פונ אים, פונ יענעמ? הא, ווי מיינט מענ? ווי מיינט מוישע. אונ ווי מיינענ אלע?

— ער מיינט? — האָט דאָ מוישע עפעס מעוווּלבל אונ ווי ניט הערנ־דיק, וואָס ער רעדט, א זאָג געטאָנ. — ער מיינט, אז יאָ, אז געוויס ער, אז געוויס דער, ווײל ווער דענ אנדערש? — אונ פלוצעמ האָט ער זיכ פונ זײַנ שטול א הייב געטאָנ, אונ אלע בײַוועזנדיקע האָבנ באמערקט, ווי ער האָט זיכ מיטאמאָל עפעס א קרענקלעכנ כאפ געטאָנ פארנ האלדז, פארנ קארק, גלײַכ עפעס א פליג האָט אים אנ אומגעריכטנ ביס געטאָנ, אָדער אנ אנדער מינ באשעפעניש האָט זיכ אים דאָרט אוועקגעזעצט. מע האָט באמערקט, אז ער האָט אפילע דעמ קאָפ אויסגעקערעוועט, ווי צו זענ אונ זיכ איבערצײַגנ, צי זיצט אים דאָרט טאקע ניט עפעס אָדער עמעצער

— אונ וואָס האָט זי איצט געוואָלט, מאלקע־ריווע? — האָט ער ווידער־מעוווּלבל גלײַכ נאָכנ אופכאפנ זיכ פונ דעמ שטול בא איר א פרעג געטאָנ, אונ מע האָט ווידער געזענ, אז זײַנע אויערנ הערנ ניט, וואָס דאָס מויל רעדט.

— זי האָט געוואָלט?.. זי איז געקומענ מיט א מאלבעש צו פארמאש־

קענען, ווײַל די ביז־אַהעריקע אויבן דערמאָנטע כּסאָרים האָבן זיך איר אויסגעלאָזט. און זי האָט דאָס מאַלבעש געבראַכט אַהער, ווײַל די וואָכערניקעס, ווי באַוווּסט, זײַנען הויט־שינדער, און דאָ וועט מען אַוודאי אַנדערש שעצן איר מאַלבעש, און זי וועט דאָ פֿיל מער אַרויסקריגן, ווי בײַ יענע.

— אַוודאי מער! אַוודאי, ווי בײַ יענע! — האָט מוישע מאַשבער אירע ווערטער נאָכגעבאָמקעט, אַז די אייגענע האָבן דערבײַ דערזען, ווי ער האָט מיטאַמאָל גענומען זיך אַרומזוכן, גלײַך ער איז גרייט, נישט קוקנדיק אַפילו אויפֿן מאַלבעש, באַלד מיט דער מאַטבייע אַרויסצוקומען צו איר, צו מאַלקע־ריוועס.

ער האָט געזוכט פֿריִער אין די זשיליעט־קעשענעס, אין די אונטערשטע, ווי אין די אייבערשטע, און נישט געפֿינענדיק גאָרנישט, האָט ער זיך דערנאָך צו די הויזן־ און בוזעם־קעשענעס געווענדט — אַלעמאָל אין אַנדערער, אין יעדעס מאָל ווידער צוריק אין דער זעלבער; און מיטאַמאָל, נישט געפֿינענדיק שוין אין ע ר ג ע צ גאָרנישט, האָט ער זיך פּלוצעם ווי דערשראָקן און עפּעס אַ מעשונע זאָג געטאָן:

— נישטאָ! כ'האָב נישט, מאַלקע־ריווע... ליידיק... — און מיט דער זעלבער איבערגעשראָקנקייט האָט ער, צו אַלעמענס באַוווּנדערונג, נאָך צוגעגעבן:

— כ'האָב אויך אַ כוילע, און אינגיכן וועל איך שוין אויך עפּעס דאַרפֿן פֿאַרזעצן, ווי דו איצט, מאַלקע־ריווע...

— מאַמע! — האָט דאָ יהודעס, מוישעס עלטערע טאָכטער, אַ געשריי געטאָן, ווי ווען מע דערזעט עמעצן גערירט און מע מוז אים אָפּהאַלטן און פֿון אַ שלעכט וואָרט אָדער שלעכטן טאַט אים אָפּשטעלן.

— שווער! — האָבן זיך מיטאַמאָל אויך די איידעמס פֿון זייערע ערטער אַ כאַפּ געטאָן דערשראָקענע.

— מוישע! — האָט אויך גיטעלע צוזאַמען מיט אַלע אויפֿגעציטערט...

מיר ווייסן ניט, צי איז מאַלקע־ריווע דעמאָלט אַרויס פֿון שטוב מיט אָדער אָן געלט, מיט אָדער אָן דעם מיטגעבראַכטן מאַלבעש, מיר ווייסן נאָר, אַז דעם גאַנצן אָפּדערנאַכט דערנאָך, נאָך מאַלקע־ריוועס אַוועקגיין, האָט מוישע מאַשבער, ווי אַ האַלב־דולער, נישט אויפֿגעהערט אַלעמאָל אין די קעשענעס זיך טאַפּן, און שפּעטער, ווען ער האָט, ווי נעכטן, אויך הײַנט נישט געקאָנט אײַנשלאָפֿן, און האָט פֿריִער אין די שטעק־שיך אין די צימערן אומגעשפּאַנט, דערנאָך זיך ווידער קעגן זײַן פֿענצטער אין זײַן אַלקער אַוועקגעשטעלט, — איז אַזוי ווי נעכטן האָט ער אין דער דרויסנדיקער האַלב־שײַן דערזען אַלמערן, הײַנט — ניט: הײַנט האָט זיך אים אַלעמאָל נאָר געדאַכט, אַז יאָ, עפּעס אַ מענטש זיצט אים אויפֿן קאַרק, און ער האָט אַלעמאָל דעם קאָפּ אָפּ צוריק אויסגעקערעוועט, צו זען, ווער איז ער עס, דער מענטש. און געדאַכט האָט זיך אים יעדעס מאָל, אַז דאָס איז ניט קיינער, נאָר מאַקע ער, יענער — כּביכול, מיינט מען, און אַלעמאָל,

ווענ דאָס האָט זיכ אימ אויסגעוויזנ, האָט ער דערפילט בא זיכ, ווי א מעשונע שמאַרק געשריי אינ נאָרגל שמעקנ, וואָס אָט-אָט, אונ א האָר גייט אָפּ, אַז ער זאָל באַלד דאָס מויל ניט צעעפענענ אונ דאָס ניט אויסשרײַענ, ווי אַלטער...

* * *

מוישענ האָט זיכ דעמלט געדאַכט, אַז סרולי זיצט אימ אָפּ זײַנ קאַרק. אָבער אינדערעמעסנ, ווו איז דעמלט געווענ סרולי?

סרולי האָט איצט געוווינט צוזאַמענ מיט לוזינ.

יאָ, נאָכ דעם, ווי זיי זײַנענ צוריקגעקומענ פונ זייערע רײַזעס, אינ סרולי האָט לוזינ באַזאָרגט מיט דער געוויסער וווינונג. איז ער צוערשט דאָרט נאָר א שיטערלעבער גאַסט געווענ, נאָר וואָס שפּעטער איז ער אַלצ מער מוישעוו אונ היימישער געוואָרנ, אונ איז שוינ אָפּט אויכ אַפילע אַפ נאַכט געבליבנ. ער האָט זיכ אַמאָל אינ צווייטנ צימער צוגעשפּאַרט מיטנ גאַבע: ווו ווי ס'מאַכט זיכ; שפּעטער אָבער האָט ער זיכ שוינ אויכ א מינ באַנק-בעטל געקראָגנ, דאָס אינ פּאָדערצימער אוועקגעשטעלט, קעדיי ער זאָל יעדעס מאָל אונ ווענ ער וועט וועלנ איבערנעכטיקנ, — אינ גענעכטיקט האָט ער שוינ דאָרט אָפּט, קימאַט קעסיידער.

ער האָט שוינ אויכ קימאַט די גאַנצע לוזים באַלעבאַטישקייט געפירט — ער מיט דער דינסט-יידענע. ער האָט אויכ אינ לוזים אינערלעכע איניאָנים אָנטייל גענומענ, זיכ אָפּט אַרײַנגעמישט, צי מע האָט בא אימ יאָ געפרעגט צי ניט. אָפּט, לעמאָשל, זײַנענ אימ אייניקע ניי-אָנגעקומענע ניט געפעלנ — פונ יענע, וואָס פלעגנ אַמאָל ביגנייווע פונ אַנדערע טעקטעס אינ די פּאַר נאַכטנ זיכ אַרײַנשטעלנ. אַז אַזא איינער פלעגט בא סרולינ ניט אויסנעמענ, פלעגט ער דאָס לוזינ פירהאַלטנ מיטנ פולנ מויל אונ זיכ ניט אָפּשטעלנ פאַר גאָרנים. ווײַל ער האָט געהאַט אַנ אויג, געהאַט אַנ אויער פאַר יענע זאַכנ. כאָטש ער אַליינ האָט קיינ שײַכעס ניט געהאַט דערצו, כאָטש ער איז געשטאַנענ אָפּגעזונדערט אונ אינ א זײַט פונ דעם אַלעמ, דאָכ פלעגט לוזי אימ אויסהערנ אונ זיכ רעכענענ מיט זײַנ מיינונג אַפילע ווענ נאָר מיט א הויל-קאַפּריזער. ער איז אימ אַפילע אָפּגעגאַנגענ, אונ סרולי האָט אָפּט, אינ געוויסע איניאָנים, אויכ גענומענ ווי די איבערהאַנט איבער אימ.

ווי אָט, לעמאָשל:

ס'האָט געטראָפנ, אַז מיכל בוקיער, דער פריערדיקער ראָש פונ דער סעקטע, האָט עפּעס צו לוזינ צוגעשיקט מיט א קינד א בריוול, וואָס האָט זיכ אָנגעהויבנ מיט די ווערטער:

„לאהובינו אחינו, מה אני שואל מכם, כי אם לבקש בעדי...“ [1]

---

1 — צו אונדזערע געליבטע ברידער, איכ בעט פונ אײַכ, איר זאָלט מיספּאַלעל זײַנ פאַר מיר...

אַז ליזי האָט דאָס בריוול דורכגעקוקט, האָט ער זיך פאַרטראַכט און אין מאַרעשטשיבידיקע אַרײַנגעפאַלן. סרולי האָט געבעטן, ער זאָל דאָס אים באַ־ווײַזן, און אַז אויך ער האָט דאָס דורכגעלייענט, האָט ער אַ קוק געטאָן אַף ליזין און זיך ווי צעבייזערט.

— וואָס? מע האָט דען פריִער ניט געוווּסט, אַז מיכל גייט אַף אַ גליטשן, און אַז אַ ליאַדע מאָל וועט ער אַ פּראַל טאָן און הענט און פיס און רוק־און־לענד צעברעכן? מע האָט דאָס ניט פאָרויסגעזען?

זירקלעך: מע האָט טאַקע באַמערקט, אַז זינט ליזי איז געקומען צו דער אַנפירונג, איז יענער ווי אָפּגעגאַנגען אין אַ זײַט, זיך אָנגעהויבן באַווײַזן אַלץ שיטער־לעכער, אַפילו צו די שאַבעסדיקע מיניאַנים, און יוען ער איז יאָ געקומען, האָט מען געזען, אַז קיין נאַכעס פון דעם, וואָס אַלע אײנענע זאָגן, האָט ער שוין ניט — ניט פונעם דאַווענען, ניט פונעם לערנען אין מיידע וואָגן, און מע האָט אויך געזען, אַז עפּעס ברויעט אין אים אַ זאַך, וואָס מאַכט אים שטום, די אויגן צו דר׳ערד אַראָפּגעלאָזט און קיינעם אין פּנים אַרײַן ניט צו קוקן.

לעבאָפּ איז דאָס אַרויסגעשווומען. מיכל האָט זיך ווידער גענומען וואַקלען, נאָך מער און נאָך שאַרפער, ווי ביים ער האָט דאָס ליזין אין דער ווידע דערציילט און איבערגעלייגט. ער האָט גענומען צווייפלען אין דער וועלטס דאַיינאָכט און אין דער באַרעכטיקונג פון אַלעם דעם, וואָס אַ גלייביקער דאַרף באַרעכטיקן. ב׳איז אים טיטאמאָל עפּעס ווידער ווי אַ הענק־טיך פון די אויגן אַראָפּגעפאַלן: ער האָט אַלץ דערזען אין אַן אַנדער שײַן, אין אַ אַנאַ, וואָס אַלעס פריִערדיקע דאַרף אָפּגעבן איבערגעקוקט און דורכגע־ווערן. און דאָס האָט ער איצט אויסגעדריקט אין זײַן צוגעשיקט בריוול צו ליזין. קומען און איבעררעדן האָט אים שוין, ווײַזט אויס, קיין מוט ניט געקלעקט: מע ווייסט איט זיכער אָפּשטויסן, פון דער אַנדערער זײַט אָבער האָט אים נאָך ערגעץ בײַ די פיס־קנעכל, בײַ די פיאַטעס געוואַרעמט דער גלייבן, און ער האָט געצווייפלט אין בײַדע — אי אינעם גלויבן, אי אינעם אומגלייבן, און ער איז געווען פאַרלוירן, און דאָס איינציקע, וואָס אים איז געבליבן אין איאַ־אָ לאַגע, איז געווען — בעטן זײַנע איינענע, זיי זאָלן פאַר אים און פאַר זײַן פאַרלוירנקייט בעטן.

— זײַט מיטפּאַלעל אַנשי שלומינו,[1] און באַזונדערס דו, ליזי, דער־ראָיִש פון דער אײדע... זײַט מיטפּאַלעל פאַר מיכל בען באָרע־פיינל, וואָס ער האָלט שוין ווידער אַראָפּצוזינקען אין שפּלעם. ער האָלט שוין דערבײַ, אַז ער זאָל אַפילו אײַנגיכן אַרײַנפאַלן צו די דעסעווער.[2] ס׳האַלט דערבײַ, אַז ער האָט שוין קימאַט באַשלאָסן זיך אַוועקלאָזן אין דער ווײַטער ליטע,

1 — אינדזערע לײַט, מענטשן פון איין דיעה, פון איין געזינונג.

2 — דאָ געמיינט: מישע מענדעלסאָן, דער פאָטער פון דער אויפקלערונג, וועלכער האָט געוווינט אין דײַטשלאַנד, אין דער שטאָט דעסאַו.

אהינ, צו יענע, פונ וועלכע מע זאָגט, אַז דער גײַסט פונ קפירע אונ פונ אינ אַלעמ לײקענענ שטאַמט פונ זײ.

אינ זײַנ בריוול האָט ער דאָס אויסגעלײגט באַריכטעס, אונ אויכ א ביסל דערצײלט די סיבעס, דורכ וועלכע ער איז צו זײַנ לעצט־שלעכטנ געדאַנק געקומענ. צווישנ אַנדערע האָט ער געשריבנ, אַז די לעצטע צײַט האָט אימ אײנמאָל דאָס ווײַב זײַנ אָרעמע מאָלצײַט דערלאַנגט — א יושקע, ווי אַלעמאָל, אונ עפּעס מינימ פיש, אינ וועלכער ס'איז גאָרנישט ניט געווענ, אויסער ליסקע אַרומגעשווומענ. ער איז געווענ הונגעריק, האָט ער געשלונגענ, אונ מיטאַמאָל האָט ער זיכ געכאַפּט אינמיטנ עסנ אונ זיכ צעוויינט:

— דער בחיר־היצורים, דאָס בעסטע באַשעפעניש — דער מענטש, הײסט עס, — איז הונגעריק, אונ די וועלט איז אַזוי רײַכ אונ גרויס, אונ דעמ מענטש קומט מער ניט אָנ, ווי יושקע מיט ליסקע... פאַר וועמעס זינד? אונ וועמענ קומט אַרויס פונ אַזאַ דערנידערונג, אונ ווו איז די באַרעכטיקונג פונ דעמ?

אונ דערבײַ האָט ער צוגעגעבנ אונ א גאַנצ צעטל שטוב־צאָרעס אויסגערעכנט, וועלכע ס'איז אימ שוינ שווער צוצוזענ, אונ וואָס ס'איז שוינ כשל כח הסבל — ער קאָנ דאָס שוינ נישט איבערטראָגנ.

— בתי אסתר, — האָט ער געשריבנ, — איז שוינ א מײדל צו לײַטנ, אינ קײנ נאָדנ פאַר איר האָט ער ניט, אונ קײנע שום אויסזיכטנ, אונ זי קאָנ, כאָלילע, פאַרזיצנ. דערצו איז זי נאָכ אויכ ניט קײנ איבעריקע יפת־תואר — נישט קײנ געראָטענע, נישט אינ גופ, אונ נישט קײנ באַלעבאָסטע, אינ מאַכמעס ער קאָנ איר צאַר ניט צוזענ, שלאָגט ער זי אָפט אונ שלעפּט זי פאַר די צעפּ כאחד הריקים[1].

— בני בערל, — האָט ער ווײַטער געשריבנ, — איז א גײלעמ, א בלינד־לעבער אונ א געבײַעכטער, דרײט די ראָד באַמ שלײַפער, פאַרדינט גאָרניט אונ האָרעוועט איבער זײַנע קײכעס — ראה ה' בעניו...[2] איכ בני יאַנקעלע אַרבעט באַ אַנ אײַנבינדער אָנ א גראָשנ, מיט אַוועדעס־פּערעכ דעמ באַלעבאָס, אונ האָט דערפונ גאָרנישט... אויכ בתי באַנעלע איז, דאַכט זיכ, א נוילעמ, אונ דערצו נאָכ קײנ קנעלונג, מאַכמעס באַלעבאַטימ האָבנ זיכ, איבער זײַנ אַמאָליקנ שלעכטנ שעמ, פונ אימ אָפּגעוואָרפנ אונ גיבנ אימ ווײַטער קינדער ניט...

„זײַט מיספּאַלעל, אנשי שלומינו“...

דערבײַ איז לוזי, לײענענדיק אַט דאָס בריוול, טרויעריק געוואָרנ, אונ פרולי האָט זיכ צעלאַכט.

— מע זאָל פאַר אימ בעטנ? וואָסי? ער איז קלײנ אַלײנ? א מענטש האָט פּיס אונ בעט זיכ אָפּ קוליעס! וואָס? ער וויל צו די דעסעטער — צו

1 — ווי אײנער פונ די גראָבסטע, נידעריקסטע פּאַרשוינענ.

2 — זע, גאָט, זײַנ פּײַנ...

יענע, וואָס מיט די קאלטע קעפ, קאלטע קאפעליושנ און קאלטנ וויישער? אדעראבע, זאָל ער! וווהינ רוקט ער זיכ עס, דער שלימאזל מיט דער יושקע מיט דער ליסקע?

אזוי אינ דעם פאל, און אזוי אויכ אינ אנדערע פאלנ האָט זיכ סרולי זײַנ וואָרט געהאט, זיכ אינ אלע איניאָנים ארײַנגעמישט, און צי מע האָט אים יאָ געפאָלגט, צי ניט, אָבער ער האָט שטענדיק זײַנס געזאָגט — פרײַ און נישט געצווּונגענ.

ער האָט אויכ געפירט די שטוב לויט זײַנ גוסט און קימאט אפ זײַנ אײגענער אכרײַעס: צוגעלאָזט מענטשנ, וועלכע ער האָט געפילט אינ זיי פאר לזײַנ א נוצ, און דערווײַטערט און נישט צוגעלאָזט אזוינע, וואָס ניט, און וואָס ער האָט געהאלטנ, אז זיי פלאָנטערנ זיכ נאָר פאר די פיס איבעריקס.

ער האָט די שטוב אויכ פונ זײַטיקע אָנגעלויפ פארהיט — פונ די „קלאָלע״־לײַט, פונ די האלבע און גאנצע מעשוגאָים און קאליקעס, וועלכע האָבנ זיכ אָפט געקליבנ בא די פענצטער אמאָל באטאָג, אָדער אָפטער באנאכט, ווענ פונ שטוב האָט זיכ ארויסדערהערט א געזאנג, אָדער גלאט, ווענ די לאָמפנשײַנ האָט, אינ דרויסנ ארויסלויכטנדיק, זיי צוגעצויגנ...

ער האָט אויכ געהאלטנ פארבינדונג מיט דער שטאָט, געוווּסט, וואָס דאָרט קומט פאָר, אינ וואָס ס'איז ווערט דערפונ לחזינ צו דערציילנ, און וואָס ניט. ער האָט, עמעס, די לעצטע צײַט אויסגעמיטנ גווירישע הײַזער, זעלטנ ערגעצוו זיכ באוויזנ, זיכ ארויסגערוקט, אפילע ווענ מע האָט אים באגעגנט און אים אויכ, קלויכטעריש, אײַנגעלאדנ. דאָכ האָט ער, ניט באזוכנדיק יענע הײַזער, געוווּסט וואָס ס'קומט פאָר אינ זיי.

אזוי האָט לוזי זיכ פונ אים דערוווּסט די מײַסע מיט די פריציים, אזוי אויכ — דערפונ, אז בא זײַנ ברודער מוישענ גייענ די געשעפטנ בארג־אראָפ, ווײַל אויכ ער איז אינ יענער מײַסע פארמישט, און אויכ איבער אנדערע טײַמים, ווײַל דאָס יאָר איז שלעכט, דער מיסכער געשלאָגנ, און ס'האלט, דאכט זיכ, זאָגט מענ, בא גרויסע אָנזעצנ. ס'האלט דאכט זיכ, שווינ באלד אויכ בא זײַנ, לוויס, ברודערס אָנזעצ.

יאָ, סרולי איז געווענ אינ קורס. סרולי האָט דורכ ווענט פארנומענ אלצ, וואָס בא מוישע מאשבער אינ שטוב געשעט — נישט אויסגעשלאָסנ אפילע אזא זאכ, בא וועלכער ס'זײַנענ גאָר קיינ אײדעס ניט געווענ, ווי שמוליקל שלעגערס באזוכ בא מוישענ. צי ער האָט זיכ זײַנע לעבער געהאט, ווו ער איז דאָס געווירע געוואָרנ, צי ער האָט דאָס אינ דער לופט אָנגעשמעקט, נאָר געוווּסט האָט ער עס אפ זיכער. א סוואָרע, אז ער האָט אויכ געוווּסט פונעם ווײַזיט, וואָס איציקל זילבורג האָט געבראוועט בא מוישע מאשבער — און וואָס צווישנ פיר ווענט און פיר אויגנ איז דאָרט צווישנ זיי אָפגערעדט געוואָרנ—געוווּסט, אז, מעגלעכ, אינגיכנ וועט מענ דאָרט אלצ און אינגאנצנ פונ שטוב און געשעפט אפ פרעמדע נעמענ איבערשרײַבנ.

ער האָט געוווסט אונ ווי געוואָרט דערויפ. ער האָט אפילע געוווסט דאָס, וואָס קיינער אינ איצטיקנ מאָמענט, אפילע ניט אליינ מוישע מאשבער, האָט זיכ ניט געקאָנט ריכטנ דערויפ; דערהיינע, אז מוישע מאשבער וועט, סאָפ־קאָלסאָפ, אזוי ענג ווערנ, ס'וועט אימ אזוי דער אומגליק צום האלדז צו־טרעטנ, אז ס'איז ניט אויסגעשלאָסנ אויכ אזא זאכ, ווי ער זאָל קומענ אהער צו לוזינ, וועלכנ ער האָט קימאט צוזאמענ מיט אימ, מיט סרולינ, פונ שטוב ארויסגעטיאָגט, אפ זיכ מיט אימ אייצענ, פאר אימ דאָס הארצ אויסגיסנ אונ, מעגלעכ, אויכ א טרער לאָזנ.

ער האָט דאָס געפילט אונ ארויסגעקוקט דערויפ. אונ וואונדערלעכ, די לעצטע צייט האָט ער זיכ עפעס צו שטארק גענומענ צו דער שטוב, זי־מער געדרייניקט, געזויבערט, א גרעסערנ לאָמפ אינ שטוב איינגעשאפט, א פיינערנ טישטעכ אפנ טיש צו באדעקנ, ווי ער וואָלט זיכ געגרייט צו גאָר א הויכנ קאבאָלעס־פּאָנעם, אָדער צו גאָר א גרויסנ יאָנטעוו. וואָס ער אליינ וועט דערפונ האָבנ, האָט ער ניט געוווסט, גאָר ס'האָט אימ געצייטס אונ געקיצלט אליינ שוינ גאָר דער געדאנק, צוזעענדיק דעמ מאָמענט, ווענ יענער, מוישע, וועט אינ האלב אָדער גאנצער האכנאָע לוזינ שוועל אריבערטרעטנ.

ער האָט לוזינ ניט דערציילט דערפונ, גאָר פארויספילנדיק, האָט ער זיכ מיטנ געדאנק געשפילט. אונ שפילנדיק, זיכ געריכט, אונ ריכטנדיק זיכ, זיינענ די הענט בא אימ פול געווענ מיט מעלאָכע: מיט איינשאפנ אינ מיט איינאָרדענענ נייטיקנ געמיט אונ געהעריקע זאכנ צו דער באגעגעניש.

אונ אָט איז דער מאָמענט געקומענ.

אינ איינעמ פונ די אָפּדערנאכטנ, ווענ סרולי האָט שוינ דערשפירט מוישע מאשבערס באלדיק אָנקומענ, איז ער עפעס, גיכער ווי אלע אָפּדער־נאכט, אומרויִקלעכ געוואָרנ. ער האָט געזענ, אז קיינע פרעמדע, פונ שטאָט־אָנגעקומענע, סיי יונג סיי אלט, זאָלנ זיכ היינט ניט איבעריק פארהאלטנ, אונ ווענ יאָ פארהאלטנ — האָט ער געזענ מיט פארשיידענע מיטלענ אונ פאכבולעס זיי וואָס גיכער ארויסצובאלייטנ: אייניקע האָט ער געגעבנ אנ אָנצוהערעניש גאָר מיט א מינע, אז זיי זאָלנ היינט מעקאציר זיינ אינ זייערע איניאָנימ דערליידיקנ, אונ מיט אנדערע האָט ער זיכ אפילע פאר אָפענע ווערטער ניט אָפגעשטעלט, אונ פאָשעט זיי דערקלערט, אז זייער אָנוועזנהייט היינט איז, איבער געוויסע טעמימ, ניט געוווּנטשנ — זאָלנ זיי אוועקגיינ אונ קומענ אנ אנדערשמאָל.

דאָס — מיט פרעמדע. אָבגערעדט שוינ, אז מיט אייגענע האָט ער זיכ שוינ גאָר ניט צערעמאָניעט, אונ גלייכ נאָכ מינכע־מייריעוו זיי ארויסגע־מעשאלייעכט, זאָגנדיק דערביי, אז לוזי פילט זיכ היינט ניט גוט, אונ ס'וואָלט געווענ א יוישער, אז מע זאָל אימ איצט לאָזנ צורו.

אזוי, אז געבליבנ זיינענ אינ יענע אָוונטנ גאָר ער אליינ מיט לוזינ. קיינער פונ זיי האָט דעמ צווייטנ ניט געזאָגט גאָרניט, גאָר סרולי האָט, פונ באטאָג זיכ נאָכ ריכטנדיק, אלטמאָל דעמאָלט באפוילנ דעמ פאָל צו

זיבערנ, דאָס גלעזל פונעמ לאָמפ גלאנציק־רײַנ אויסווישנ, א נײַעמ טיש־
טעכ פארשפרייטנ, די בענק און די בענקלעכ אפ די געהעריקע ערטער צע־
שטעלנ, און לוזי האָט, דאָס צוזעענדיק, זיכ ניט געכידעשט, מאכמעס אומדער־
פארנ, אינ ער האָט געמיינט, אז אלע מאָמענט איז אזוי.

און סרוליק האָט זײַנ כוש נישט אָפגענארט.

ס'איז געווענ נאָכ איינעמ א טאָג אינ געשעפט, ווענ מוישע מאשבער איז
געקומענ אהיימ און מע האָט באמערקט, ווי ערד איז אפ זײַנ פּאָנעמ. ס'איז
געווענ נאָכ דעמ, ווענ ער איז הײַנט געוווירע געוואָרנ, אז דער זמאנ פונ
איינעמ א גרויסנ כויוו־וועקסל איז געקומענ, וואָס מע האָט עס געמוזט
סילעקנ, ווײַל ווענ ניט, איז דאָס דער אָנהויב פונעמ סאָפ: אלע וועלנ זיכ
דערוויסנ, און אלע מיטאמאָל וועלנ צוטרעטנ, און מע האָט געמוזט זײַנ
דאָס געלט קריגנ.

מוישע מאשבער האָט זיכ אפילע געפרוווט מיט אלע מיטלענ און אייצעס
זענ אָפשטופנ דעמ זמאנ און זיכ אויסבעטנ אפ שפּעטער, ווײַל אזוינס
טרעפט זיכ דאָכ אויכ אפילע אינ גוטע און אינ זיכערע צײַטנ, ווענ ס'מאכט
זיכ, אז ס'איז גראָד קיינ געלט נישטאָ און ווענ ס'פעלט אויכ מעזומענ. יאָ,
אינ זיכערע צײַטנ טרעפט כאקע, און דער, וועמענ ס'קומט און וועלכער
ס'מאָנט דאָס געלט, טראכט דעמלט ניט איבער: שפּעטער, איז שפּעטער;
און אויכ דער, פונ וועמענ ס'קומט און מע מאָנט דאָס געלט, ווערט פונעמ
אָפלייגנ און ניט־צו־דער־צײַט־צו־צאָלנ ניט איבעריק באַ זיכ אראָפּגעפאלנ.
אינ דער סאָכרימ־וועלט איז דאָס א געוויינלעכע זאכ, און ווענ די צײַט איז
נאָר א גוטע, און דער באלכויוו א באָטועכ, איז שוינ אזוי אויכ אײַנגעפירט,
אז נישקאָשע, אז מע צאָלט אויכ מיט פארשפּעטיקונג.

דאָס מאָל אָבער איז דאָס אומגליקלעכ געווענ, מאכמעס דעמ שלעכטנ שעמ,
וואָס אינ דער ענגער צײַט האָבנ אלע באָטוכימ געליטנ פונ אימ, באזונדערס
די, וואָס זײַנענ פארמישט געווענ אינ דער מײַסע־פּריצימ, און באזונדערס
אינ ביפראט נאָכ אזא, ווי מוישע מאשבער, וואָס ביכלאל האָט מענ זיכ וועגנ
אימ שוינ עטיל און אָפט געסוידעט, אז ער קראכט און האלט באמ פאלנ.

מוישע מאשבער האָט זיכ געוואָרפנ, ווי א פיש אפנ ברעג. ער האָט באטאָג,
זײַענדיק אינ קאָנטאָר, אלעמאָל אנ אנדער געלט־מעקלער ארײַנגערופנ און אימ
שוינ קימאט מיט טרערנ אינ קאָל, שוינ קימאט מיט מאכנוים און מיט
פארשיידענערליי צוזאָגענישנ און אָפענעמ געבעטנ זיכ געווענדט צו זיי, אז
זיי ווייסנ דאָכ, ס'איז דאָכ נישט דאָס ערשטע מאָל, און זאָלנ זיי גייג
און יענעמ אײַנרעדנ: עפּשער וויל יענער פאר אויסוואַרטנ נאָכ א פּראָצענט,
איז נאָכ א פּראָצענט, אבי ער זאָל איצט, ווענ ס'איז, ווי די מעקלערס ווייסנ,
אלעמענ אזוי ענג, אפ דער הייסער מינוט ניט פאָדערנ און מיטנ קאלטנ
מעסער צומ האלדז ניט צוטרעטנ. מעקלער זײַנענ ניט ווילנדיק אינ שלי־
כעס געגאנגענ, עפּשער האָבנ זיי געטאָנ, ווי מע דארפ, עפּשער געטײַנעט, ווי
מע מײַנט אינ אזעלכע פאלנ, און עפּשער אויכ ניט: עפּשער האָבנ זיי נאָר

לעבּאָנעט אַפּ זיכ דאָס שליכעס גענומענ נישט קענענדיק מייעז זײַנ, נישט קענענדיק אָפּזאָגנ, אָבער אינדערעמעסנ האָבנ זיי דאָס גענומענ האַלב פֿויל אונ מיט אַראָפּגעלאָזטע אַרבל, — צי ווײַל זיי האָבנ אַלײנ ניט געוואָלט, צי ווײַל זיי האָבנ געוווּסט, אַז כּיווי וועט דאָס ניט פֿועלנ, אונ וואָס פֿאַר טרופּעס אונ גרויס היץ זיי זאָלנ דאָ ניט אַוועקלייגנ, וועט דאָס ניט העלפֿנ.

ווי די מײַסע זאָל ניט זײַנ, צי מאַכמעס יאָ די מעקלערס גוטער ווילנ, צי ניט, גאָר אַלע זיי זײַנענ גאָבנ גײנ אונ נאָכ גענומענ אַפּ זיכ אונ קלוימערשטנ זיכ מישטאַדל זײַנ באַ יענעמ פֿאַר מוישע מאַשבער — זײַנענ אַלע זיי צוריק געקומענ נאָר מיט אײנ משוּווע: גײנ, ער וויל ניט; ער איז ניט מאַסקים אונ טײַנעט נאָר אײנס: קײנע פּראָצענטנ מער, נאָר זײַנ געלט, זײַנ קערנ.

מוישע מאַשבער איז דערנאָכ פֿונ גרויס ערגערניש, ניט ווײסנדיק ווי זיכ צו העלפֿנ, אױש אַוועקגעלאָפֿנ צו איציקל זילבורגנ, ווײסנדיק, אַז יענער קאָנ אים איצט די אומיטלבאַרע הילפֿ נישט דערלאַנגענ אונ אַז באַ איציקל זילבורג קאָנ ער קריגנ נאָר אַנ אײצע, ניט קײנ געלט, אונ אײצעס זײַנענ אים איצט ניט דער איקער, ווײַל דעריקער מוז ער זיכ איצט זענ אַרויסכאַפּנ פֿונ דער ערשטער צאָרע, אונ דערנאָכ ערשט וועט מענ זענ, דערנאָכ וועט ער זיכ מיט איציקל זילבורג שוינ וועגנ איבעריקנ אײצענ.

גראָד האָט ער נאָכ איציקלענ אינ דר'הײמ ניט געטראָפֿנ, אונ ער האָט געמוזט וואַרטנ באַ יענעמ אינ שטוב, ווו ס'איז אים גאָרנישט אָנגענעמ געווענ, מאַכמעס מוירע, ער זאָל זיכ ניט אָנשלאָגנ אַפּ פֿרעמדע מענטשנ, וועלכע וועלנ זענ, מיט וואָס פֿאַר אַנ אומגעדולד ער וואַרט אונ קוקט אַרויס אַפּ יענעמ...

אונ דאָכ איז ער געצוווּנגענ געווענ. ער איז אינ וואַרט־צימער אומגעלאָפֿנ, ווי אַ בײַע אינ שטײַג, הינ אינ צוריק אונ נאָכאַמאָל צוריק אונ אַהינ; אונ ווענ עמעצער זאָל אים געווענ דעמאָלט זענ אַזוי אומלויפֿנ, וואָלט ער זיכער זיכ געשטוינט, אַז מוישע מאַשבער האָט איצט עפּעס, ווי אַ מינ גיפֿטיקע פֿײַל אינ קערפּער שטעקנ, וואָס ס'איז אי ניט איר ווייטעק צו דערטראָגנ, אונ אויכ ניט פֿונ לײַב זי אַרויסצושלעפּנ.

אונ אַז ער האָט זיכ אויסדערוואַרט, אונ אַז איציקל זילבורג איז שוינ לעסאָפּ געקומענ, אַזוי האָט מוישע מאַשבער מער באַ אים ווי געצײלטע מינוטנ ניט געהאַט אונ ניט געקאָנט פֿאַרברענגענ. ער האָט זיכ קימאַט אַפּילע ניט צוגעזעצט, ווײַל ס'איז ניט געווענ צוליב וואָס; ווײַל, ווי געזאָגט, האָט ער, אויסער אײצעס, קײנ אומיטלבאַרע הילפֿ, דה. קײנ געלט מעזומענ, באַ יענעמ ניט געקאָנט אַרויסקריגנ. יענער האָט אים נאָר פֿאַר זײַנ אַוועקגײנ אינ זײַנ פֿונ צאָרעס פֿאַרטומלטנ אויער אַרײַנגעזאָגט, אַז יאָ, זאָל ער טאַקע זענ, מוישע, אַז וועדליק ער, איציקל זילבורג, פֿאַרשטײט ווי סע האַלט, איז זאָל ער שוינ מאַקע איצט — אונ וואָס גיכער, איז גלײַכער — ײַנג

גאנצנ איניעג זענג דערלייידיקנ; ער מיינט וואָס גיכער זײַנע געשעפטנ אונ זײַנ גאנצ פארמעגנ — סײַ פונ באַוועגלעכע אונ סײַ אויכ אומבאַוועגלעכע גיטער — אפ אנדערע נעמענ איבערשרײַבנ, ווײַל ווי ער זעט, האלט עס שמאָל, אונ ס'איז, ווי אימ דאכט זיכ, שוינ די ריכטיקע צײַט דערויפ. ער הערט, רעב מוישע?..

מוישע מאַשבער האָט אימ אי ווי יאָ, אי נישט געהערט, אונ פאר־לאָזנדיק איציקל זילבערגס שטוב, האָט ער געפילט, ווי די פײַל וואָלט אימ נאָכ טיפער אינ לײַב ארײַנגעדרונגענ, אונ נישט האָבנדיק, ווו זיכ ערגעצ אנדערש צו ווענדנ, איז ער אהיימ אוועקגעגאנגענ. — ניינ, נישט אוועקגע־גאנגענ, נאָר אוועקגעלאָפנ. ווײַל דער אימפעט פונ אומלויפנ אונ אומדרייענ זיכ בײַ איציקל זילבערגנ אינ שטוב, ביימ ער האָט פריִער געוואַרט אפ אימ, אונ דערנאָכ שטייענדיק אונ אומגעדולדיק אימ אויסהערנדיק, האָט אימ אויכ איצט, שוינ נאָכנ פארלאָזנ יענעמ אונ אינ דרויסנ זײַענדיק, נישט פארלאָזט. אזוי ווײַט, אז גייענדיק אהיימ דורכנ בריק, וואָס פירט פונ דעמ אייבערשטנ טייל שטאָט אינ דעמ אינטערשטנ, דורכ יענעמ בריק, וואָס טיילט דעמ טײַכ אפ צווייענ, איז אז ער האָט דערזענ וואסער אינ טײַכ, האָט זיכ אימ עפעס פלוצעמ פארוואָלט א טרונק, — ניינ, נישט קיינ טרונק, נאָר זיכ באָדנ, — ניינ, נישט באָדנ, נאָר ארײַנ אונ מער נישט ארויס פונ דאָרט — באהיט נאָכ אונ באוואָרנט פונ אזוינע געדאנקענ.

ער איז ארײַנ אינ שטוב, ווי געזאָגט, מיט ערד אפנ פּאָנעמ. אונ ווי נאָר די שטיב־לײַט האָבנ אימ עטוואָס בארויקט, ווי נאָר דער אימפעטיקער גע־מוט פונעמ גאנצנ טאָג האָט זיכ אימ א ביסל אײַנגעגלייגט, אזוי האָט ער די שטיב־לײַט — זײַנ ווײַב גיטעלע, זײַנע איידעמס אונ זײַנ עלטערע טאָכטער יודעס — אינ א באַזונדער אלקער אָפּגערופנ, אונ דאָרט, הינטער א פאר־שלאָסענער טיר, א געהיימענ פאמיליענ־באראט אָפּגעהאלטנ.

ס'האָט זיכ געהאנדלט וועגנ דעמ, אז מע מוז פארזעצנ דאָס גאנצע צירונג, דאָס גאנצע שטיביקע גאָלד־אונ־זילבער, ווי נאָר ס'וועט זיכ לאָזנ. מע דארפ נאָר באקלערנ, ווו אונ בײַ וועמענ, קעדיי מע זאָל דאָס קאָנענ אפ צוריק אויסקויפנ, ווענ ס'וועט מעגלעכ ווערנ, ווײַל, פאר אלעמענ, מוז מענ וועגנ ארימ פונ ערשטנ כויח, וועלכנ מע מוז שוינ היינט־מאָרגנ דעקנ, אימ אָפּצאָלנ, דעמ אָטעמ אָפּכאפּנ, אונ דערנאָכ ערשט וועגנ איבעריקנ א טראכט טאָנ. ווײַל מיטנ איבעריקנ האָט נאָכ צײַט, די איבעריקע זמאנים זײַנענ נאָכ א ביסל ווײַטלעכ, אונ ביז דעמאָלט וועט מענ נאָכ ווי־נימ־ווי געפינענ אנ אויס־וועג.

פאר דער צײַט פונ דער באראטונג איז גיטעלע א פּאָר מאָל נימ גוט געוואָרנ, אונ מע איז שטיל געלאָפנ פונ אירטוועגנ אפנ קיכ נאָכ וואסער, זי אָפּצומינטערנ. נאָכנעמ לענטישער האָט נימ אופגעהערט מיט דער בלאָס־געוואָרענער, קורצלעבער נאָז צו שמאָרעג אונ צעטראָגנ איבערנ צימער אומ־צײַטשאַבענ; —יודעס, די עלטערע טאָכטער, האָט די גאנצע צײַט די בײַנר־

לעכ פונ די פינגער געבראָכנ אונ די אויגנ פונ פאָטער ניט אראָפגענומענ;
אונ איר מאנ, יאנקעלע גראָדשטיינ, האָט שוינ שטיל אפ זײַנ זשיליעט-קעשענע געקוקט, דאָרט, ווו זײַנ גאָלדענער זייגער האָט זיכ געפונענ, ווי זיכ אָנפרעגנדיק, צי זאָל ער אימ שוינ ארויסנעמענ, אונ גלײַכ, באלד מאכנ דאָ אוועקלייגנ, צי עפשער האָט ער נאָכ צײַט אונ ס'איז נישקאָשע, מעגלעכ, אויכ שפעטער...

אלע זײַנענ דערנאָכ ארויס פונ צימער האלב-אײַנגעבראָכענע. מע האָט אײנער אפנ אנדערנ ניט געקוקט, אונ מע איז זיכ צעגאנגענ אינ פארשיידענע ווינקלענ, אונ געבליבנ אינ אלקער איז אלײנ נאָר מוישע מאשבער מיט גיטעלענ, אפ דעמ געשפרעכ ווידער צו פירנ, זי צו טרייסטנ, אונ אלעמאָל זי בעטנ אָפצווווישנ די טרערנ, קעדיי מע זאָל אפ איר ניט דערקענענ, טאָמער קומט ארײַנ עמעצער א פרעמדער, אָדער טאָמער וועט א דינסט פונ קיכ צו איר דארפנ האָבנ. אונ שפעטער, נאָכ א קורצער בארויִקונג, ווענ די בניי-בית זײַנענ זיכ ווידער צונויפגעגאנגענ אינ עסצימער, האָט זיכ מוישע מאשבער דעמלט מיטאמאָל פונ זײַנ זיצ-אָרט באמ טיש א הייב געטאָנ, איז אינ קאָרידאָרל, ווו די קליידער-שראנק געפינט זיכ, אוועק, אונ זיכ אָנגעטאָנ צומ אוועקגיינ.

— ווּהינ אזוי שפעט? — האָט מענ בא אימ געפרעגט.

— ער דארפ האָבנ.

— איז עפשער וואָלט ער דאָס אָפגעלייגט אפ מאָרגנ.

— ניינ.

מע האָט אימ שוינ מער ניט איבערגעפרעגט, ווײַל זעענדיק, אז ער געפינט אפילע ניט פאר נייטיק וועגנ זײַנ באשלוס א וואָרט צו זאָגנ, האָט מענ שוינ פארשטאנענ, אז אימ איבערעדנ אונ אָפרעדנ איז איבעריק, ווײַל סײַ-ווי וועט ער ניט הערנ אונ פונ זײַנ באשלוס ניט צוריקערנ.

* * *

מוישע מאשבער האָט איצט, ווי סרולי האָט פאָרויסגעזעענ, זיכ אוועקגעלאָזט צו זײַנ ברודער לוזי, אזש אינ דעמ דריטנ טייל שטאָט, אזש צו דער „סלאָלע".

וויסנדיק זײַנ וווינ-אָרט, אפ וועלכנ ער האָט, אפאָנעם, שוינ פונ פריער זיכ געהאט אָנגעפרעגט, האָט ער איצט, אינ דעמ אייבערשטנ טייל שטאָט קומענדיק, פריִער געטראכט וועגנ דינגענ א פורל, אָבער דערנאָכ האָט ער איבערגעקלערט אונ זיכ נאָר צופוס אוועקגעלאָזט.

ס'איז געווענ א שטארק-פינצטערער הארבסטיקער אָוונט. אפילע ווענ מיט א פורל אהינ פאָרנדיק, האָט מענ אויכ געקאָנט היפש בלאָנדזשענ, ביפראט צופוס, אונ ביפראט אלײנ, אונ ביפראט אָנ א לאמטערנ אפ דעמ וועג זיכ

צו באלויכטנ, איז דאָס שוינ אוואדע געווענ א וועג אפ קאָפּ־אונ־פיס אונ רוק־אונ־לענד צו צעברעכנ.

מוישע מאשבער האָט זיכ אָבער דערפאר ניט אָפּגעשטעלט. א מינ אינערלעכער אימפעט האָט אימ געהאָלפנ אינ דער פינצטער דעמ וועג אויסצוגעפינענ אונ אריבערצושפּאנענ אונ אויסמײַדנ אזוינע פינצטער־גריבערדיקע אונ שטאַרק בלאָטיקדיקע ערטער, וואָס אפילו די האַרטיקע אײַנוווינער גליקט זעלטנ איבער זיי אריבער אונ אינ זיי ניט צו פארזינקענ.

ווענ עמעצער וואָלט אימ דעמאָלט דערזענ אינ פּאָנעמ, וואָלט ער זיכ געוויס אפ צוריק געכאפּט פאר שרעק. ער האָט געוויס דעמאָלט אויסגעזענ, ווי יענער ביבלישער מײַלעכ שאָול, וועגנ וועלכנ ס'הערט אינ א געוויס אָרט דערציילט, אז ווענ די פלישטימ האָבנ אימ ארומגערינגלט, אונ ער האָט זיכ דערפילט געענגט אונ צוגעפּרעסט, אונ אז ער האָט זיכ געווענדט צו גאָט, אונ גאָט האָט אימ ניט געענטפערט, — צו די נעווייִמ, צו די כאלוימעס — אונ אויכ פונ זיי קיינ ענטפער, איז באַמש ער האָט פריִער אליינ באפוילנ אויסצוראמענ אונ צו פארניכטנ אלע קישעפמאכערס אונ מרעפערס פונעמ לאנד, אָבער איצט, ווענ ער אליינ אינ נויט אונ געצוווּנגענ, האָט ער געבעטנ בא זײַנע דינער, זיי זאָלנ אימ אזא איינע, א קישעפמאכערנ, אויסגעפינענ, אונ אינ איינער א נאכט האָט ער זיכ א פארשטעלטער אינ פרעמדע קליידער, צו איר זיכ אַהינגעלאָזט.... אויכ מוישע מאשבער איצט אזוי.

אונ אָט האָט ער נאָכ לאַנג גיינ אונ אָפטנ אָנפרעגנ זיכ בא שטארק־פארשפּעטיקטע דורכגייער, וועלכע האָבנ זיכ אימ אָנגעטראָפנ אינ וועג, צו לוזימ שטיבעלע זיכ צוגעשלאָגנ.

ניט אינ קיכ אונ ניט אינ פּאָדערצימער איז קיינער דעמאָלט ניט געווענ. ברולי, וואָס פלעגט מערסטנטייל זיכ דאָרט געפינענ, איז דאָס מאָל — מיט עפּעס א קאוואָנע, צי ניט — גאָר אינגאנצנ פונ שטוב דעמאָלט אויסגערונענ. ער איז אוועק אינ גאס צי צו א שאָכנ. אונ אז מוישע מאשבער האָט אריבערגעשפּאנט דאָס ערשטע צימער אונ געוואָלט ארײַנ אינ צווייטנ, האָט ער פּלוצעמ דערזענ אזוינס, וואָס ער וואָלט קיינמאָל ניט געגלייבט, ווענ ער דערזעט עס ניט מיט די אייגענע אויגנ. ער האָט דערזענ שמוליקל שלעגער זיצנ בא לוזימ טיש, אונ דערצו נאָכ — געוויס א שיקערנ, ווײַל זײַנ בעלמומאטע אויג האָט אימ איצט אויסגעזענ בלאַסער, ווי געוויינלעכ, אונ דערפאר דאָס צווייטע, דאָס נאטירלעכע, איז אימ ווי אינ גוטנ בוימל ארומגעשווומענ.

יאָ. שמוליקל האָט דעמאָלט געהאלטנ בא יענער מאדרייגע, ווענ דער באַטרונקענער איז גוטמוטיק, ווענ ער האָט אלע גלידער אזוי איבערגעפולט פונעמ געטראַנק, אז ער קלײַבט זיכ אָדער באלד אנשלאָפנ ווערנ, אָדער ווענ אפילו ניט, איז ער שוינ אָבער אזוי ווײַט פונ געטראנק באהערשט, אז אפ קיינ נאָר גרויסע סקאנדאלנ, ווענ אפילו בעטעווע איז ער יאָ אפ אזוינס פייִק, איז שוינ איצט פונ אימ ניט צו וואַרטנ. אינ בעסטנ פאל איז ער פייִק נאָר

אפ וועג־ניט־וועג גאָר אופצופלאקערנ, אָבער באלד זיכ אויסלעשנ אונ גלײַכ פונעם שיקערנ אימפעט נאָכצולעבנ.

א גרעסערער בידעש. ווי שמוליקל, האָט מוישע אָבער אויסגעזוכט דאָס, וואָס לוזי איז געזעסנ אויבנאָנ בײַם זעלבנ טיש אזוי רויק אונ אזוי גלײַכגילטיק, גלײַכ יענער, שמוליקל, וואָלט אינדערעמעטנ גאָר בײַם טיש ניט געווענ, אָדער ווענ יאָ, אונ אפילע יאָ באמערקט פונ לוזינ, איז ער אים לאכלוטנ ווי ניט אָנגעגאנגענ, עלעהיי א קינד, אָדער עלעהיי נאָר א היימישער וואָלט פינ שוואבקעס, אָדער פונ שפעטער שאָ, אינ זײַנ אָנגעוועזנהייט אנשלאָפנ געוואָרנ.

אז מוישע מאַשבער איז אריבער די שוועל, האָט אים, באַמיש שיקער, דאָכ דער ערשטער דערזענ שמוליקל. ער האָט זיכ, א שטארק־באטרונקענער אונ איבערגעלאָדענער, געפרואווט פונ אָרט א הייב טאָנ אונ אים אנטקעגנ גיינ, ווי וועלנדיק בײַ אים מעכילע בעטנ פארנ לעצטנ וויזיט בײַ אים די לעצטע טעג, אָדער — ווער ווייסט? — שיקערהייט עפּעס נאָכאמאָל מיט די זעלבע רייד, וואָס בײַ אים אינ שטוב דעמלט, ארויסצופאָרנ.

מוישע מאַשבער האָט זיכ דערשראָקנ, ווײַל אלצ־אלצ, נאָר אזא זאכ, אז ער זאָל בײַ זײַנ איצטיקנ באזוכ, ווענ ער איז מיט א פולנ בוזעם בראָכ געקומענ, אונ אויכ, מעגלעכ, מיט פיל כאראָטע, וואָס ער איז זײַנ ברודער אנ אוולע באגאנגענ, אונ איז צו אים איצט געקומענ אי זיכ אויסצייענ, אי יענעמ, דעם ברודער, איבערבעטנ, — אז אינ אזא מאָמענט זאָל ער זיכ נאָכ צום אלעמערשטנ אפ אזא, ווי אפ שמוליקלענ, שוינ בײַ דעם אָנהייב שוועל, בײַ זײַנ ארײַנקומענ, זיכ אָנשלאָגנ, — אלצ־אלצ, נאָר דאָס האָט מוישע מאַשבער געוויס ניט דערוואַרט.

ער איז געפּלעפט געבליבנ אונ זיכ דערשראָקנ, אָבער שמוליקל האָט אים גלײַכ באַרויקט, אונ אפ וויפל די ציינ אינ דאָס לאָשנ האָט אים געדינט, אפ וויפל ער איז אינ יענעמ מאָמענט געווענ באַלעבאָס איבער זיכ, אפ אזוי פיל האָט ער זיכ באַמיט זײַנ קאָל צו פארווייכערנ, אונ זײַנ גאנצער שיכערער באַנעמ אונ זײַנ באַוועגונג, וואָס ער האָט געמאכט, פונ זײַנ זיצ־אָרט זיכ אופהייבנדיק אונ מוישענ אנטקעגנ־גיינ וועלנדיק, איז געווענ, ווי אפ שאָלעמ, ווי אפ אימ צו באַרויקנ, אונ ווי אימ צו פארזיכערנ, אז איצט איז ער ניט ער, אז איצט איז ער אינ קיינ שלעכטער שליכעס ניט געקומענ, אינ אז, ביכלאל, דאָ, בײַ לוזינ, איז ער אנ אנדערער אונ קיינ מוירע האָבנ פאַר אים איצט איז ניט שײַעכ.

— דאָ בינ איכ ניט איכ. דאָ בינ איכ ניט שמוליקל... — האָט ער, אפ וויפל די צונג האָט אים געקלעקט, מאקע ארויסגעזאָגט מיט א שמייכל.

ער האָט זיכ צוריק אראָפּגעלאָזט אפ זײַנ אָרט, אפ זײַנ בענקל, אונ איידער לוזי האָט שמוליקלס באַוועגונג באמערקט, איידער ער האָט ארויסדערהערט זײַנע ווערטער, אונ איידער ער האָט באמערקט, צו וועמענ זיי זײַנענ געווענדעט געווענ, אזוי האָט שוינ יענער, שמוליקל, דעמ קאָפּ געהאַט

פארלוירנ און פונ שווערקייט און איבערגעלאָדנקייט אימ אפ דער ברוסט און אפ דער באָרד אראָפּגעלאָזט, און אזוי, באלד טאקע, אויכ איינגעשלאָפנ.

מיר ווייסנ ניט, וועמעס אופטו איז עס געווענ — דער איצטיקער באזוכ שמוליקלס צו לוזינ. צי האָט דאָס סרולי מיט א קיוונ און אומיסטנ אזוי איינ־געאָרדנט — אלעמענ, די מאמע נאָענטסטע, אוועקשיקנ, און דאפקע אזא, ווי שמוליקל, אינ שטוב צו לאָזנ. מעגלעכ, אז יאָ; מעגלעכ אָבער אויכ, אז ס'איז קיינ סרולים מיינ דערביי, בלויז א הויכער צופאל נאָר, וואָס בעשאס סרולי איז ארויס פונ שטיב, איז שמוליקל ארייננ, און ס'איז ניט געווענ ווער ס'זאָל אימ צוריק ארויסשטעלנ. ווייל, ווי געזאָגט, האָט מענ דאָכ קיינמאָל קיינעמ דאָרט ניט געווינט די מיר אפ ארויסגייענ, באזונדערס, אינ סרולים אָפּוועזנ־הייט, ווענ ס'איז ניט געווענ, ווער ס'זאָל דאָס טאָנ. ווי ס'זאָל ניט זיינ, נאָר שמוליקל, ווייזט אויס, איז שוינ דאָ, אפּאָנעמ, ניט איינ מאָל אינ אָט דער שטוב א נאכט געווענ... וואָס ער האָט דאָ געטאָנ, וואָס ער האָט באדארפט און וואָס באקומענ פונ יענער שטוב — איז ניט באוווּסט, נאָר אליינ די ווערטער זיינע, אז דאָ איז ער ניט ער, אז דאָ איז ער ניט שמוליקל, געזאָגט אינ א מאָמענט פונ גרויס־שיקערלעכער אָפנהארציקייט, באווייזט, אז עמעס, אז דאָ, ד. ה. דעמאלט, ווענ ער פלעגט אהער אמאָל ארייננקומענ, איז ער געווענ געקומענ מיט אנ אנדער מיינ און מיט אנ אנדער זינענ, ווי ערגעץ אנדערש. אלנבאלס, אפ שלאָגנ זיכ געווים ניט. ער איז זיכער געקומענ מעגלעכ זיינע שלעגערשע בלוטנ זיכ דאָ צו קילנ, און אפ וויפל אינ אזא לופט, אינ דער לופט פונ אזא, ווי לוזי, האָט זיכ אזא איינער, ווי שמוליקל, געקאָנט פילנ אנדערש א ביסל, ווי ער איז בעטעמס, — אפ אזויפיל האָט ער זיכ, ווייזט אויס, טאקע געפילט: אינ מעשעכ פונ דער צייט, וואָס ער האָט דאָ פאר־בראכט, זיכ געהאלטנ ליימישער, געשטילט, און ווי אליינ פונ עמעצנס גרויסקייט געשלאָגנ, און אפ א קליינ ביסל, מעגלעכ, דעמאלט טאקע זיינע איינגעפלעכטע האנט־מעלאָכע פארגעסנ.

און אָט, אז שמוליקל האָט דעמ קאָפּ פארלוירנ, האָט לוזי אופגעהויבנ דעמ קאָפּ און אפ דער שוועל זיינ ברודער מוישענ דערזענ.

ס'איז געווענ פאר אימ א גרויסע איבערראשונג. ער האָט זיכ ניט גערעכנט אפ אימ, כאָטש זיינ לאנגע האָט ער געוווּסט, לויט סרולים יעדיעס, וואָס ער האָט אימ געבראכט, איבערגעגעבנ און דערלאנגט; דאָכ, אז דאָס זאָל דינענ פאר א סימנ, און אז ס'זאָל שוינ אויכ אזוי ווייט האלטנ, אז יענעמס הארץ זאָל זיינ אזוי שטורמוטיק געבראָכנ, אז אינ א פינצטערנ, הארבסטיקנ אָפּדערנאכט זאָל ער זיכ אופהייבנ פונ זיינ טווירישער נעסט און זיכ אראָפּ־לאָזנ אזש אהער, צו אימ, צו לוזינ, אינ אזא ווייטנ מעהאלעכ, אינ אזא פארוואָרפעניש, אינ אזא שטיבעלע, אזש בא דער „קלאָלע“ — אינ אזא זאכ האָט לוזי געוויס ניט געגלייבט.

ער האָט דערויט אפ קיינ קאָווער ניט געקוקט, און אזויווי יענער איז זיינ נאָענט, דערצו א ברודער, דערצו אינ אזא ענגער צייט, וואָס ווענ ניט

זי, וואָלט ער איצט זיכער ניט געזוענ אַפּ זײַנ שוועל אַרופּטרעטנ — האָט ער זיכ דערום אופגעהויבנ, אים אנטקעגנ געגאַנגענ און אים אינ שטוב אַרײַנגעלאָדנ.

— הא, מוישע, וואָס מאַכסטו? ווי גייט עס? קום אַרײַנ.

— שאָלעמ, — האָט אים יענער א האַנט דערלאַנגט, אָבער זיכ ניט געריכט און אַפּ זײַנ אָרט געבליבנ, טיפער אינ צימער ניט אַרײַנגעקומענ, און ווי נאָכ ניט אָנגענומענ לויט אײַנלאַדונג.

ער האָט לויט אַפּנ שלאָפנדיקנ שמוליקל אָנגעוויזנ, און ווי איז נרויס בי־דעש און פאַרוווּנדערונג בא אים א פרעג געטאָנ:

— וואָס טוט זיכ דאָ בא דיר? וועמענס געמסטו דאָס אופ אויג אָפּ אויג — אַזאַ־אָ? — דאָ געמיינט שמוליקלעג, גאַמירלעכ, און פונ מוישעס טאָנ האָט זיכ געלאָזט פילנ, אז ער האַלט יענעמ פאַר א פּאָשעטער נעפאַר, וואָס איז א ליאַדע אָנשטעטנדיק הויז זעט מענ אַזוינע אויסצומיידנ און וואָס ווײַטער זיכ האַלטנ פונ זיי.

— וועמענס מיינסטו דאָס? — האָט זיכ לוזי, אויכ פונ זײַנ זײַט פאַר־בידעטער אַרומגעקוקט, ווי אַפּנ גראַנק וואָלט אים אפילע ניט געקומענ, אז די שלעכטע מיינונג וועגנ אופגעמענ נישט־געהעריקע אָדער נישט־גע־וווּנטשענע באַציט זיכ אינ דעם פאַל צו דעם, וואָס ער זיצט בא זײַנ טיש בעשאָלעמ, שלאָפט מיטנ קאָפּ צו דער ברוסט אָנגעבויגנ, ווי א קינד, אָדער ווי אינ אַנדער איינעגער, וועמעס שלאָפ קאָנ קיינע בישאָדימ און פאַרוווּר־פנ נישט אַרויסרופנ.

— וועמענ מיינט ער עס?

— אָט, — האָט מוישע אָנגעוויזנ זײַנ ברודער, — ווי קומט ער נאָר צו דיר? צי ווייסט לוזי, פונ וואָס יענער לעבט און מיט וואָס ער באַשעפ־טיקט זיכ?

— ער ווייסט. נו, איז וואָס? און אז ער זאָל אים ניט אופנעמענ, ניט אַרײַנלאָזנ, מיינט מוישע, אז ס׳וואָלט געווענ בעסער פאַר יענעמ?

— פאַר יענעמ — ווייסט ער ניט, נאָר פאַר לוזינ — געוויס, — און אַט די מוישעס ווערטער האָבנ געזאָלט באַטײַטנ: ס׳איז דאָכ א שטאָט־גאַנ־לעג, א העפקער־מענטש, א רוציייעכ, וואָס ווערט געשיקט אינ אַלע העכ־לעכסטע שליכעס און וואָס פירט זיי אויס מיט די הענט, מיט שלאָג ביז בלוט, און באַקומענ באַצאָלט דערפאַר, און „אַפּ זײַנ שווערד, הייסט עס מיט ער לעבנ“. איז ווי לאָזט מענ אַזוינס נאָר די שוועל אַריבער?

און דאָ האָט שמוליקל פּלוצעמ פונ שלאָפ זיכ אופגעכאַפּט, אַפּ איינ מינוט דעמ קאָפּ אופגעהויבנ, די אויגנ געעפנט און שיקערלעכ־בלינדלעכ און ביימלדיק־פאַרלוירנ זיכ אַרומגעקוקט.

— אונדזער געלט! — האָט ער אויסגעשריגנ זײַנ געשריי, צו וועלכנ ער איז געווינט און וואָס איז שטענדיק אַפּ זײַנע ליפּנ, סײַ ווענ ער ווערט האָט אָנ אינ דער ריכטיקער צײַט אַפּנ ריכטיקנ אָרט, ד.ה., ווענ ער איז ניכ־

מער און אין א שליכעס, סײַ וועגן באמרונקען, ווײַל אויך נישט אין דער צײַט און נישט אפן אָרט. און דערזעענדיק איצט פאר זיך מוישע מאשבער, האָט זיך אים אפּ א קליינער ווײַלע דער מויעך און זינען אויסגעלײַטערט, און צוליב יענעמס קאָוועד וועגן האָט ער ווידער, ווי פריִער, ווי בײַם דער באגעגעניש, א גוטמוטיקן און בעשאָלעמדיקן זאָג געטאָן: „ניט צו אײַך גערעדט, ניט אײַך געמיינט, רעב מוישע“, און ער האָט זיך צעשמייכלט און איז ווידער אײַנגעשלאָפן.

— אָט האָסטו אים, — האָט דאָ מוישע לוזין א ווונק געטאָן אפן אײַנגעשלאָפענעם, — אָט דאָס איז ער. איז ווי קומט ער אהער, און וואָס איז זײַן אוודע האָ?

— דאָ? ווו דען זאָל ער זײַן? — האָט לוזי, ווי ברוינעזולעכ אָפּגעענטפערט און שוין מיט א געוויסן טייל מאַרומעם אפ מוישעס פראַגעס א זאָג געטאָן: — ווו דען זאָל ער זײַן? דו וואָלסט דאָך אים געוויס ניט ארײַנגעלאָזט.

— ניין, פאַרוואָס? — האָט מוישע אויך מיט מאַרומעם און א ביסל שפּאָטיש דערווידערט, — כ'האָב די לעצטע צײַט געהאט דעם קאָוועד אים אויך בײַ זיך צו זען און צו האָבן — אָט ווי דו קוקסט אים אָן, אָבער ניט קיין שלאָפנדיקן, ווי בײַ דיר, נאָר מיט זײַנער א געוויסער שלאָג־שליכעס. ער איז געקומען אין נאָמען פון אײנעם א „קעצעלע“ געלט מאָנען, כאָטש נאָך פאַרן זמאן, און האָט שוין רעכט אין טיש געקלאַפּט און אלע שטוביקע מיר איבערגעשראָקן.

און ערשט דאָ האָט מוישע געפאָלגט דעם ברודערס אײַנלאַדונג זיך צוצוזעצן און צו דערציילן דאָס, וואָס בײַ אים קומט פאָר די לעצטע צײַט אין געשעפט, אין שטוב, אין איבערהויפּט — וועגן די שוועריקײַטן, וואָס ער האָט אויסצושטיין. און וועגן וועלכע לוזי האָט מיט האצאָד, מיט א שפּיץ אייער נאָר פון זיי געהערט, און איצט, דערזעענדיק מוישען אין שטוב בײַ זיך, האָט ער ווי געוואָלט פון זיי גענויער זיך דערוויסן. און מוישע מאַשבער האָט גענומען פון איניען צו איניען איבערגיין, אויסדערציילן און וועגן אלץ באריכטן, און אגעוו, האָט ער דערציילט, אז ס'האלט בײַ אים שוין בײַ דעם, אז ער גייט נאָרוואָס פון דר'היים. ווו ס'האָט זיך געהאנדלט וועגן דעם, אז מע מוז וואָס גיכער דאָס שטוב־צירונג — סײַ זײַנס, סײַ די קינדערס — פאַרזעצן, קעדײַ וואָס גיכער זיך באפרײַען פון אײנעם א כויוו, וואָס מע מוז אים שוין טייקעף, מאַקע די טעג צאָלן, וואָרעם אויב ניט, איז ער באַנקראָט, און אלע די, וואָס ס'קומט זיי און וועמען ער איז שולדיק, וועלן צופרעמען און זיך אָנלויפן.

ער איז געענגט און דערוואָרגן. ס'האלט אויך דערבײַ, אז ער וועט איציגן מוזן די שטוב, די געשעפטן און אלץ, וואָס ער פאַרמאָגט, אָפּ פרעמדע נעמען איבערשרײַבן, ביז ער וועט זיך אויסדרייען און צוריק צו זײַן פריִערדיקן שטאַנד קאָנען קומען. אַזוי האָט אים געייעצט זײַן פאַר־טרויענס־מאַן, זײַן אַדוואָקאַט, איציקל זילבורג, מיט וועלכן ער און אלע

אײַנצענ זיך אינ אַזױנע צײַטנ, אונ אַזױ טראַכט ער שױנ אַלײנ אױך. אונ דאָס, — האָט דאָ מױשע צוגעגעבנ, — האָט אים איצט געבראַכט אײַך אַהער, צו לוזינ. ערשטנס, זיך מיט אים אױסצײַצענ פאַר דעמ, אײדער ער דאַרפ אַזױנע פאַראַנטװאָרטלעכע טריט אָנעמענ; צװײטנס — אים איבערבעטנ אונ די פריִערדיקע ברידערלעכע באַציִונגענ אױפשטעלנ, װײַל װעמענ האָט ער נאָכ אַזאַ נאָענטנ, װי אים? אונ דריטנס, אים, לוזינ, טאַקע פאַרלײגנ אינ באַ אים בעטנ, אַז אױב ס'איז נאָר מעגלעכ, זאָל ער לאָזנ אָפ זיך, אָפ זײַנ נאָמענ, מױשעס שטוב איבערשרײַבנ. װײַל אַלצ, אַחוצ דער שטוב, װעט ער אָפ די נעמענס אײדעמס קאָנענ איבערפירנ, אָבער נאָר אײַנגאַנצנ אָפ זײ לאָזט זיך ניט: די װעלט װעט שרײַענ, אונ די, װעמענ ער איז שולדיק, װעלנ דאָס שטאַרק די אױגנ אױסרײַסנ; פאַרקױפנ זי אַצינד, די שטוב, קאָנ ער ניט, װײַל אי קײנ באַלאַניט װעט ער אַזױ גיכ ניט קריגנ, אי אױכ דערפאַר, װאָס אינ אַזױנע טעג, אַז מע װעט הערנ, אַז ער האַלט באַ דער שטוב צו פאַרקױפנ, װעט דאָס זײַנ דער לעצטער סימנ, אַז דאָס, װאָס מע זאָגט אָפ אים אינ שטאָט, אונ אַז די קלאַנגענ, װעלכע טראָגנ זיך אומ װעגנ זײַנ לאַגע, זײַנענ ריכטיק; אונ װאָס דאָס באַטײַט פאַר אַזאַ, װי מױשע, אינ אַזאַ צײַט, — קאָנ ער אים, לוזינ, נאָר ניט אױסמאָלנ. פאַרזיכערנ זי װידער באַ אַ פרעמדנ אונ באַקומענ אָפ איר אַ געװיסע סומע, װאָס אַנ אַנדערשמאָל װאָלט זיכ דאָס זיכער יאָ געלאָזט — קאָנ ער אױכ ניט אי־בערנ זעלבנ אױבנגעזאָגטנ טאַמ, װײַל די זאַכ װעט גלײַכ באַװוּסט װערנ, אונ דער לעצטער צוטרױ צו אים װעט אונטערגעריסנ װערנ. אַזױ אַז אײנ אױסװעג אונ אײנ נאָר מעגלעכקײט זעט ער איצט אַרױס — דאָס איז, אָפ אַנ אײגענעמס, אָפ אַ זיכערנ נאָמענ זי אינ דער שטיל איבערשרײַבנ, װי ער װעט טאָנ מיטנ איבעריקנ — מיט דעמ נאָטאַר אינ אײל־געשעפט, אױכ מיט דער קאָנטאָר.

— אי, נו, — האָט דאָ לוזי אַ שאָקל געטאָנ מיטנ קאָפ אונ זיכ אַ קרימ געטאָנ, װי אָפ אָפזאָגנ אונ אָפ ניט װעלנ. אָבער מױשע האָט אימ דערצו ניט דערלאָזט.

— עמעס, — האָט מױשע אַ זאָג געטאָנ, — ער װײסט, אַז לוזי איז קײנ געשעפטס־מאַנ, לוזי האָט זיכ קײנמאָל מיט אַזױנס ניט פאַרנומענ, אָבער דאָ, אינ דעמ פאַל, דאַרפ ער גאָרנישט ניט טאָנ. ער קאָנ זיכ זיצנ אינ דר'הײמ, אונ אַלצ, װאָס מע דאַרפ, װעט זיכ אָפטאָנ אָנ אימ, ער דאַרפ נאָר די דערלײבעניש געבנ, ער דאַרפ נאָר װעלנ אונ צושטימענ, אונ אַלצ איבעריקע װעט שױנ דורכמאַכנ זײַנ פאַרטרױענס־מאַנ, זײַנ אַדװאָקאַט, איציקל זילבורג.

— נײנ, — האָט דערױפ לוזי שאַרפ געענטפערט, — ער װיל ניט אונ ער בעט אימ פונ דעמ אימ באַפרײַענ.

— פאַרװאָס? — האָט מױשע געפרעגט.

— װײַל ער האָט קײנמאָל מיט זײַנ נאָמענ ניט געהאַנדלט אונ ער זאָגט זיכ אױכ אָפ מיט אימ װעמענס־ס'ניט־איז אױלעמ צו פאַרשטעלנ.

— וואָסערע אוולעס? — האָט מוישע א פרעג געגעבן. — ס'איז דאָך דער דערעב האָוויילאָם. אזוי פירט זיך אלע, ווען ס'ענג און ווען ס'מאכט זיך, ווען מע דארף א שווער שטיקל צייט איבערוואַרטן. אזוי טוען דאָך אלע סאָכרים.

— סאָכרים — יאָ, און איך — ניט, און איך בעט מיך באַפרייען.

— איז, הייסט עס, זאָגט ער זיך אָפּ אין אזא צייט אין אזא זאַך אים אַרויסצוהעלפן?

— יאָ, ווייל, ערשטנס, — האָט דערוף לוזי געענטפערט, — איז דאָך ענגבייט, ווי ער זעט, נאָר ניט אזוי גוואַלדיק, פאַראַן מענטשן, וואָס זיינען פיל געענגטער און וועלכע האָבן זיך אין דעם זין גאָר קיינמאָל גראָט ניט געפילט, און מע פילדערט ניט, מע שרייט ניט, און מע האלט גאָר ניט, אז דאָס, וואָס מאַזאָלעס האָבן אָנגעצייכנט און אָנגעשריבן אף א געווים שטיקל צייט, איז דאָס שווין אף אייביק, און ס'טאָר נאָר קיינמאָל ניט איבערגעצייכנט און איבערגעשריבן ווערן אנדערש.

— וואָס הייסט? — האָט דאָ מוישע געפרעגט.

— מאַ־ראַיש? — האָט דאָ לוזי געענטפערט. — ווייל ווי האָט דאָס מוישע גענומען, אז דאָס, וואָס ס'איז אים געגעבן געוואָרן, ווי א מין פיקאָדן — ווי א פרעמדנס א זאַך אף א שטיקל צייט נאָר דאָס אויסצובאַהאלטן — איז דאָס אים איבערגעגעבן אף באַשטענדיק? ווער האָט דאָס אים געזאָגט, און ווער פאַרזיכערט? און וואָס שרעקט ער זיך אזוי און איז אזוי צעטומלט, ווען דער, צו וועמען די זאַך געהער, איז זי איצט געקומען אָפּצונעמען? גרעסערע און כאַשעווערע זאַכן ווערן דאָך געגעבן אף א צייט...

— וואָס דשע? — האָט דאָ מוישע א פרעג געגעבן. — ער האָט דען, כאָלילע, זיין גוטס געגאַנוועט, ער זאָל דאָס ניט מאָרן האלטן פאַר זיינס? און פאַרוואָס איז אים פאַרבאָטן דאָס אָפּצוהאלטן פון אנטלויפן און דאָס אָפּהיטן פאַר זיך אף באַשטענדיק? ס'איז דען, כאָלילע, גנייווע, וואָס ער האָט קיין רעכט ניט דערוף?

— רעכט — יאָ, — האָט לוזי געזאָגט, — קיין גנייווע—ניט, אָבער א שאָכן פון גנייווע איז דאָס פאָרט, און א סימען: אָט ווייל ער דאָס מיט אַלערליי אוולעס אויסבאַהאלטן, אָפּהיטן און פאַרשטעלן.

— ווידער אוולעס? — האָט דאָ מוישע אויסגעשריגן.

— יאָ, און ער איז אפילע גרייט אויך אים, לוזין, אַריינצוציען אין אזא איניען, ווי ניט צו דערלאָזן די, וועמען ס'קומט און וועמען ער איז שולדיק, אז זיי זאָלן האָבן די מעגלעכקייט אָפּצונעמען דאָס, וואָס ס'געהער צו זיי דאָך בעעמעס.

— ס'איז דאָך אָבער נאָר אף א צייט, און אינדערעמעסן איז זיין מיינונג ניט צו בלייבן אָנזעצער.

— מוישע! — האָט דאָ לוזי א זאָג געטאָן, אופשטעלנדיק זיך בע־טאָכסן זאָג פון זיין בענקל, אזוי אז ער האָט אויסגעזען מיט היפש קעפ העך

בער פונ יענעמ — ערשטנס, איבער בכלל זײַנ הויכער וווּקס, אונ אויכ
־ערפאַר, וואָס ער האָט זיכ איצט אופגעהויבנ, — מוישע! איכ בינ דיר
ניט קיינ מוסער־זאָגער, אונ דו ווייסט מיכ עפּשער אויכ ניט הערנ, נאָר
ס'איז דיר צײַט זיכ צו באַדענקענ, צײַט א טראַכט טאָנ, פונוואַנענ דו
שמאַכטסט; אַז דו ביסט ניט אַפּ זײַד דערצויגנ, אונ אַז קיינ שמאַטעס
שטייענ דיר נאָכ, כאָליִע, אויכ איצט ניט פּאַר, אונ דו מעגסט זיכ באַנוּ-
גענענ מיט דעמ, וואָס נאָכ דעמ, אַז דו וועסט אַלע דײַנע כויוועס אויסצאָלנ,
וועט דיר נאָכ בלײַבנ, אונ ניט אײַנרײַסנ די וועלט, ווי איכ זע, אונ ניט
וועלנ דאַפקע זיכ האַלטנ מיט אַלע הענט פאַר יענעמס הויכנ אונ גליטשיקנ
שטאַנד, וווּהינ דו האָסט אַרופגעשטיגנ... ווײַל וואָר־ווער, נאָר דו וואָלסט גע-
קענט וויסנ, אַז אינדערעמעסנ איז דאָס נאָר ניט אַזאַ הייכ, אונ ווענ יאָ, איז
זי נאָר ניט אַזוי זיכער אונ זייער קאָפּשווינדלעריש, אונ מיט אַזוינע מיטלענ,
מיט וועלכע דו ווילסט דאַפקע דאָרט פאַרבלײַבנ פונ אויבנ, איז ניט פאַר
דיר, ניט פאַר אונדז, אונ ניט פאַר אַזוינע, וואָס זייערע טאַטעס האָבנ זיי
אַזוינע יערושעס געלאָזט אונ אינ זייערע צוואָעס געמאָנט וואָרענענ. דער-
מאָנ זיכ: ויותר מהמה — שרײַבט דער טאַטע אינ זײַנ צוואָע, — אונ מער
פונ אַלצ — הזהרו, בני — זײַט געהיט, מײַנע קינדער — פונ נאָכצויאָגנ
נאָכ קאָוועד אונ נאָכ פאַלשער אַשירעס, וואָס ביידע זיי זײַנענ געגליכנ צו
יענעמ שאָטנ, וואָס א וואָלקנ לאָזט אַמאָל פאַלנ אַפּ דער ערד, וועלכער איז
פאַרבײַגייענדיק אונ אָנ שומ סימענ פונ איבערבלײַב אונ מאַמאָשעס.

מוישע מאַשבער האָט דאָס אַלצ פונ זײַנ ברודער אויסגעהערט, אונ אימ
יאָ אונ נישט פאַרשטאַנענ. ווײַל קימאַט אַפּ צוויי פאַרשיידענע שפּראַכנ
האָבנ זיי צווישנ זיכ גערעדט. מוישע איז אַהער געקומענ נאָכ טיפער באַ-
קימערנײַש פונ זײַנ סאָכרימ־לאַגע, לוזי, — גאַנצ אונ לאַב-
ליטנ ווײַט פונ אַזוינע דערשיטערונגענ — נישט נאָר ער זאָל זיי אַפּ זײַנ
אייגענער הויט ווענ אַמאָל געוועזנ האָבנ געפילט, נאָר אַזוי ווײַט פרעמד פונ
זיי — אַז ער האָט זיי אַפילע מיטנ מויעכ ניט געקאָנט באַנעמענ.

ס'איז אימ אַזאַ גרינג געווענ צו זאָגנ, לוזין: א מענטש, וועלכער
וווינט אַזוי בא דער „קלאָלע“, אינ א קליינ געמיטלעכ שטיבעלע, אָנגע-
פירט פונ אַנ אָרעמער יידענע, צוזאַמענ מיט א סרולינ, וועלכער, אַז ער
וויל, לאָזט ער צו אימ קיינעמ ניט אַרײַנ, אויסער נאָר — ווי מעשונע דאָס
זאָל נישט אויסזענ! — נאָר א שמוליקל שלענער, וועלכער שלאָפט איצט
בא זײַנ טיש מיטנ קאָפּ אַפּ דער באָרד אונ ברוסט אַראָפּגעלאָזט; אונ דאָ
זיצט אימ אַנטקעגנ א ברודער, וואָס קומט פונ אַזוי ווײַט, אַזש פונ דעמ
צווייטנ עק שטאָט, פונ אַנ אייגענעמ, גרויסנ אונ פאַרנעמענ הויפ, קימאַט
א פּריצישנ, מיט אַזאַ פאַרפונדעוועטקײַט, מיט אַזאַ נאָמענ, אונ נאָכ אַלעמ
דעמ אַזוי געבראָכנ — איז דאָכ אַוודע פאַרשטענדלעכ, אַז די פּאָר איז
ניט געווענ קיינ גלײַכע, אונ אַז די רייד פונ איינעמ האָט אינ צווייטנס אויס-
ער ניט געקאָנט אַרײַנקומענ.

— איז, הייסט עס, — האָט מוישע, נאָך לאַנגן שווײַגן און נאָך דעם, ווי לוזי האָט אים מער ניט געהאַט צו זאָגן, אַ זאָג געטאָן, — איז, הייסט עס, איז ער געגאַנגען אומזיסט: קיין אייצע ניט, קיין ברידערלעכקייט און קיין מינדסטע טויווע, אפילו אַזאַ, וואָס ס'וואָלט יענעם, לוזין, גאָרנישט ניט געקאָסט? איז, הייסט עס, איז ער געגאַנגען אומזיסט, און לוזי קאָן זײַן ביטע ניט אויספילן?

— ניין, ער — ניט.

— ווער זשע יאָ? — האָט דאָ מוישע אַ פרעג געגעבן.

— ווער? — האָט לוזי אַ טראַכט געטאָן, און דערזעענדיק זיצן דעם ברודער אַ פאַרטיירעטן און אַ שאָפּעלן, האָט ער אים געוואָלט כאָטש מיט עפּעס וואָס פאַרגרינגערן און נישט געהאַט מיט וואָס. — ווער, פרעגסטו?

— אָט! — האָט דאָ לוזין פלוצעם דאָס גליק געטראָפן, דערזעענדיק סרולין אויף דער שוועל פון צווייטן צימער... ער האָט די ערשטע רגע, דערזעענדיק יענעם, קימאַט באַוווּסטלאָז דעם „אָט" אַרויסגעזאָגט. אָבער גלײַך אין דער צווייטער רגע האָט אים דער געדאַנק און דער אײַנפאַל שוין אויסגעוויזן נאָר ניט אַזוי קרום, דערמאָנענדיק זיך, אַז מוישע איז דאָך סרולים אַ באַל-כויוו, און אַז דאָ איז קיין שווינדל, ווײַל סרולי האָט דאָך די רעכט, ווי יעדער אַנדערער, פאַר זײַן כויוו מוישעס שטוב בײַ זיך פאַרמאַשקנט האָבן; און פון דער אַנדערער זײַט, איז ער אויך באַמוּעכ געווען, אַז אין סרולים הענט איז די שטוב אין גוטע הענט, און אַז ער וועט ניט מיסברויכן, מוישעס שווערע לאַגע נישט וועלן אויסנוצן, און אויב די שטוב איז מער ווערט, ווי דער באַטרעף פון דער הלוואָה, וואָס מוישע האָט בײַ אים באַקומען, וועט ער פאַר ווייניקער זי ניט וועלן זיך פאַרייגענען.

— אָט! — האָט לוזי אַ זאָג געטאָן.

— ווער? — האָט מוישע, דערווײַל נאָך סרולין ניט זעענדיק, אין דער ריכטונג פון לוזיס האַנט, וואָס איז געווענדעט געווען צו דער טיר, נאָר אַ קוק געטאָן... און אויך ער האָט סרולין דערזען.

ווען אַ קיווער וואָלט זיך אים געעפנט, ווען אַ טיפער אָפּגרונט מיט אַלע בכאָדים פאַר אַהין אַרײַנצופאַלן, וואָלט אים פיל גיכער געווען, ווי אָט דער, וועמען זײַנע אויגן האָבן אים איצט אויף דער שוועל שטיין באַוויזן.

— וואָס טוט זיך דאָ? — האָט זיך מוישע אין גרויס פאַרלוירנקייט און איבעראַשונג אַ טראַכט געטאָן, און די מאַכשאָווע האָט אים שיר אָט די ווערטער אויף די ליפּן ניט אַרויסגעבראַכט: — וואָס טוט זיך דאָ? ווהין האָט ער עם אַרײַנגעטראָפן? אַ סוואָרע, צו לוזין? איז, ערשטנס, ווי קומט אַהער שמוליקל מיטן שלאָפנדיקן קאָפּ אויף דער באָרד, און צווייטנס — אָט דער, וואָס שטייט אויף דער שוועל, און וועלכער זעט אויס, גלײַך ניט ערשט האָט ער אַהין אַרויפגעטראָטן, נאָר ער שטייט שוין דאָרט פון לאַנג און פון יאָרן — אַזוי קאַלט, אַזוי אומהיימלעך-פאַרגליווערט און אַזוי רויק-באַאָבאַכטנדיק זעט ער אויס.

— וואָסי? וואָס אַזוי איבעראַשט? — האָט דאָ פּלוצעמ פּונעמ אַנ־דער־שוועל שטייענדיקנ סרולינ, ווי פונ אַ גוילעמ, אַרויסגעזאָגט. — וואָס האָט ער זיכ אַזוי דערשראָקנ? מע האָט אימ דאָ אַ פּאָלע אָפּגעשניטנ, אָדער מע קלײַבט זיכ אימ אָפּשנײַדנ, וואָס ער האָט זיכ אַזאַ כאַפּ געטאָנ, ווי איינער, וואָס האָט אינ אַ גאַנאָווימ־לאָכ אַרײַנגעטראָפנ.

אונ דאָ איז מיט מוישע מאַשבער ווידער געשענ אַ זאַכ, וואָס באַ אַזאַ, ווי ער, ווענ ער איז באַמ זיכערנ אונ קלאָרנ זינענ, וואָלט עס זיכער נישט געשענ: ער האָט סרולינ אָפּגעשוויגנ, ניט האָבנדיק קיינ וואָרט אינ מויל. ער האָט זיכ, ערשטנס, אַפּ סרולינ ווײַזנ זיכ נישט געריכט, אינ אַוואַדע שוינ נישט דערויפ, אַז סרולי זאָל האָבנ דעמ גאַנצנ געשפּרעכ זײַנעמ מיטנ ברו־דער דאָ אויסגעהערט אונ אַ שטימער אײַדעס זײַנ דערבײַ, ווי דער ברודער האָט אימ אינ זײַנ געבעטענער מויווע אָפּגעזאָגט, אונ ס'איז אימ נאָכ ווייניק גע־ווענ, דעמ ברודער, אַליינ דאָס אָפּזאָגנ, האָט ער נאָכ אויסגעפונענ פאַר אימ אַזאַ באַל־מויווע, וואָס אַליינ ווענ מוישע נאָר דערזעט אימ, איז אימ גענוג, אַז ער זאָל זיכ ווינטשנ בעסער אַ קייווער, ביפראַט נאָכ צו רעכענענ פונ יענעמ כאָטש אַ מינדסטע הילפ צו האָבנ.

יאָ, מוישע איז זיכער געווענ, אַז סרולי איז די גאַנצע צײַט, ווענ ער האָט פאַרנ ברודער אויסגעלייגט זײַנ ענגעניש, אונ דער ברודער פאַר אימ האָט די רעדע מיטנ מוסער געהאַלטנ, איז יענער, סרולי, די גאַנצע צײַט כאַ־סע געשטאַנענ אַפ דער שוועל אונ אַלצ אויסגעהערט, אונ ערשט איצט, ווענ לוזי האָט אַפ אימ אָנגעוויזנ, איז ער מיט זײַנ וואָרט אַרויס: „וואָס איז ער אַזוי איבעראַשט, מוישע?“...

אונ דאָ איז מיט מוישענ געשענ אַ צווייטע זאַכ: פונ גרויס אַנגסט אינ קלעמ, אינ וועלכע ער האָט זיכ געפונענ, האָט ער זיכ פּלוצעמ פונ זײַנ בענקל אַ הייב געטאָנ אונ פּונעמ טיש צו אַ גאָענגמער וואַנט עפּעס אַ גיי געטאָנ. ער האָט אַליינ ניט געוווּסט, צו וואָס ער טוט דאָס, נאָר צי מאַכ־טעמ ביזאָיענ, צי מאַכמעס גרויס אופנערודערטקײַט, האָט ער סײַ דעמ ברודער אונ סײַ סרולינ אינ די אויגנ ניט געקוקט, איז צו דער וואַנט צו־געגאַנגענ, אונ ווי צו אַ שפּיל געבעטנ זיכ צו איר מיטנ פּאָנעמ נאָר אַוועק־געשטעלט. „אוי“ — האָט ער, דאַכט זיכ, בעשאַס־מײַסע נאָר אַ קורצנ זאָג געטאָנ, ווי פאַר קיינעמ, נאָר פאַר זיכ אַליינ... ער האָט זיכ פאַרגעסנ, יענע ווײַלע פאַר דער וואַנט שטייענדיק, אַ ווײַלע אָדער צוויי, אָדער עפּשער אויכ מער, ווי צוויי... אונ אַז ער האָט זיכ צוריק אויסגעדרייט, האָט ער שוינ לוזינ לעבנ סרולינ באַ דער שוועל שטיינ געטראָפנ. עפּעס האָט לוזי, ווײַזט אויס, אינ דער שטילער מוישעס מינוט געהאַט געזאָגט אונ עפּעס איבערגע־רעדט מיט סרולינ, אונ איצט, אַז מוישע איז שוינ אַנ אויסגעקערעוועטער געשטאַנענ, האָט ער שוינ געהערט אויכ דעמ ענטפער סרולימ: וואָס נעהער אימ, האָט ער ניט דאַקעגנ אונ אינ אימ איז ניט קיינ מענײַע... עמעס, קיינ וועקסלענ אַפ זײַנ אייגענער אָרנטלעכקײַט גיט ער ניט אַרויס: ער ווייסט

ניט, וואָס ס'קאָן זיך אים פּאַרוועלן, זייענדיק באַלעבאָס אַף דער שטוב, נאָר אויב לוזי וויל פאַר אים אָרעם זיין, פאַר פרולין, איז מיסטאָמע ווייסט ער, איז זאָל ער...

— איך בין אָרעם, — האָט דאָ לוזי, זיך ווענדנדיק צו מוישען, א זאָג געטאָן, גלייך די שפּילע מינוט, ווען מוישע איז געשטאַנען בא דער וואַנט, איז פון אים, פון לוזין, גאָר ניט באַמערקט געוואָרן, און גלייך אינצווישן איז גאָרניט געשען און ער זעצט פאָר מיט אים דעם געשפּרעך, וואָס א ווײַלע דערפריער האָט ער אים איבערגעריסן.

— איך בין אָרעם, — האָט ער געזאָגט.

אין דאָ איז מיט מוישע מאָשבער געשען א דריטע זאך, וואָס אין פלוג אוממגלייבלעך, אָבער א פאקט איז, אז ער האָט איצט מיט גאָרנישט ניט ערווידערט. ער האָט באַלד, נאָך יענער ווײַלע באַדאַכטקייט פון פאַר דער האַנט, אויסגעזען אַזוי, אז וואָס ס'זאָל איצטער שוין מיט אים ניט געווען פאָרקומען, וואָס זיין אויער זאָל איצט ניט דערהערן, אָדער וואָס זיין אויג ניט דערזען, גייט אים ניט אָן, און קאָן אים מיט גאָרנישט ניט איבערראַשן: — אפילע ניט אזא זאך, ווי אז כרולי זאָל זיין איינגעבעטענער באַלמויזוע ווערן, ווי אז כרולי זאָל אף א לענגערער צייט ווערן דער באַלעבאָס פון זיין הויז — פאַרן כוויו, וואָס ער, מוישע, איז אים שולדיק, און אויך אראַנק דעם, וואָס הער ברודער בעט פאַר אים.

מוישע האָט זיך געלאָזט. ער האָט אויסגעזען, ווי אן אונטערגעשניטענער, וועלכער האָט אלע זאפטן און לײַדנשאַפטן אָנגעווירן — באַנומען און אויסגעליידיקט, גלייך קיינע ביזיוינעס און נאָך פיל ערגערס שטייט נאָר ניט צו צו אים.

— צי איז ער מאַסכים, מוישע, און צי האָט ער פון זיין זײַט ניט קעגן? — האָט בא אים לוזי א פרעג געטאָן.

— ניין, ניט, — האָט מוישע, האַלט זיך, אי יאָ, אי ניט געענטפערט. זיין ענטפער איז געווען איבעריק: ס'האָט אויסגעזען, אז מיט מוישע מאָשבער האָט מען דעמאָלט שוין געקאָנט מאַן אלץ, וואָס מע וויל, אלץ אים פאָרייינגן און אלץ בא אים פועלן, ווײַל אף אלץ וועט ער באַשטיין.

ס'האָט אָבער קיינער, נאַטירלעך, ניט אויסגענוצט זיין לאגע צו זיין ערגער. גלייך האָט אים לוזי דערמיט געבעטן זיך ווידער זעצן צום טיש, און גלייך נאָך דעם איז אויך כרולי פון צימער פאַרשוואונדן, און ער האָט זיך אינעם צווייטן צימער, האָט מען געהערט, ווי זיך צו עפּעס גענומען גרייטן: צי צו א מין קיבעד, אָדער מאַקע צו א גאַנצער וועטשערע, צו וועלכער לוזי האָט מאַקע באַלד מוישען אײַנגעלאַדן.

און דאָ איז עפּעס ווידער פאָרגעקומען ווי מיט דעם ביבלישן מײַלעך שאָול. יאָ, ווי שטייט עס דאָרט געשריבן.

„— איז געקומען די פרוי צו שאָולן און האָט דערזען, אז ער איז זייער איבערגעשראָקן, האָט זי צו אים געזאָגט: „אין איצט הער צו דאָס

קאָל פֿון דײַן דינסט, און איך װעל פֿאַר דיר צוגרייטן אַ ברױטמאָל און עס אָפּ, קעדײ זאָלסט האָבן קױעך, װען דו װעסט זיך לאָזן אין װעג אַרײַן"...

יאָ, אַזױ װי יענע, די קישעפֿמאַכערן, נאָך דעם, װי זי האָט שאָולס װוּנטש דערפֿילט און אים אױפֿגעבראַכט דעם מעס פֿון קײװער, און יענער האָט אים אָפּגעזאָגט דאָס בײזע נעװיִעס, און שאָול האָט שױן זײַן סאָף געװוּסט, האָט זי אים פֿאַרן אַװעקגײן געבעטן איבערבײַסן, װײַל ער האָט נאָך אַ װײַטן װעג ביז זײַן כאַפּ, — אַזױ אױך דאָ איז מױשע מאַשבער צו אַ סודע אײַנגעלאַדן געװאָרן נאָך אַ װײַטן װיזיט אַזש צו דער „קלאַלע", צו זײַן ברודער, נאָך דעם, װי יענער האָט אים ברידערלעך, אָבער ביז אַרײַנגעזאָגט און אין די הענט פֿון קימאַט זײַנעם אַ סױנע איבערגעגעבן, און מױשע האָט, װי אַ געבונדענער, מאַכמעס אײנ־ברײרע, אױף זיך גענומען אַזױנס, װאָס אַן אַנדערשמאָל װאָלט ער זיך אונטער אַזאַ זאַך געצאַפּלט און געװאָרפֿן, װי אַ געקױלעטער.

לוזי האָט געזען דאָס אַלץ אים צו פֿאַרלײַכטערן, אים פֿון די נעראַנקען אַרױסשלאָגן און אים איבערפֿירן אױף אַן אַנדער געשפּרעך, פֿון װעלכן ער האָט געהאַט די רעכט צו טראַכטן, אַז יענער, מױשע, װעט, אַדאַנק דעם צװײטן, אײנעם פּרײערדיקן, אײנעם ערשטן, פֿאַרגעסן.

סרולי האָט זיך דעמלט באַװיזן מײַסע־סאַרװער, מאַכמעס די באַשטענדיקע דינסט־ידענע איז אין שטוב ניט געװען. ער האָט געבראַכט טיש־געשיר און אַלץ צו דער סודע נײטיק. ער האָט אױך גענומען שמוליקל שלעפֿער־אױפֿצװעקן, אים אױפֿמונטערן און אים דעם אַראָפּגעלאָזטן, פֿאַרשלאָפֿענעם קאָפּ אונטערצוהײבן: זאָל זיך שמוליקל גײן װאַשן, װײַל מע גײט עסן װעטשערע.

אױך מױשע מאַשבער האָט זיך געװאַשן. און דאָ, בײַ דער סודע, האָט לוזי בײַ מױשען גענומען אױספֿרעגן אױף זײַנע שטוב־לײַט, אױף אַלע, װי אױך אױף אַלטערן. דערבײַ האָט מױשע אַ קלײן ביסל אױפֿגעלעבט. ער האָט, פֿאַרגעסנדיק אײנעם פּרײערדיקן, איצט דערצײלט לוזין, װאָס מיט אַלע, און דערהױפּט מיט אַלטערן, געשען פֿאַר דער לעצטער צײַט; אַז ער װערט, ראַכט זיך, געזונט, און אַז ס'פֿאָדערט זיך צו אים אַזאַ צוגאַנג און באַציִונג, װי צו אײנעם, װאָס האָט לאַנג די שײַן נײשט געזען, און אַז ער, מױשע, איז איצט שטאַרק באַשעפֿטיקט מיט די אײגענע איניאָנים, אַזױ אַז ס'איז זיך אים שװער אָפּצוגעבן צו דעם; און אַגעװ, װאָס געהער דעם נעװיִים געשפּרעך, װאָס אַלטער האָט מיט אים די לעצטע צײַט געהאַט, און װאָס, — זיצנדיק איצט דאָ פֿאַרן טיש, האָט מױשע, אַ ביסל זיך צובײגנדיק צו לוזין, אים װעגן דעם װי אין אױער אײַנגערױמט — איז װאָס געהער אָט דעם געשפּרעך און די שריט, װעלכע מױשע רעכנט איצט אָנצונעמען, איז אױך נאָך ניט באַשטימט, און װידער איבערן אױבן געזאָגטן טאַם, װידער איבער די אײגענע געענגטע איניאָנים מױשעס.

— מע מוז... מע דאַרף... און אָן שום טערעץ, — איז דאָ לוזי ערנסט

געזאָרג, אונ ער ווידער, פונ זײַנ זײַט, האָט — מאכמעם דער איניעג איז אנ אײדעלער אונ אזא, ווענג העלכנ אפילע מאנצבלענ אונ אפילע אזוינע, ווי ער אונ מוישע, רעדנ פונ אימ אפנ ווונק — האָט ער צו מוישענ אינ דער־שפיל זיכ אײַנגעבוינג אונ אימ ארײַנגעזאָגט דאָס, וואָס ער האָט געהאלטנ פאר זײער חיכמים:

שרוי בלא אשה... שרוי בלא בנים... [1] — האָט ער געהיימ אונ שטארק צופרידלעכ ארויסגעזאָגט יענע ווערטער, וואָס באטײַטנ פאר אזויגע, ווי לוזי, א שארברעכנ, אינ אלע פאלנ, אונ אפילע אינ אזא אומגליק־פאל, ווי דאָ, ווי מיט אלמערנ.

— מע דארפ... מע מוז... אונ וואָס גיכער, איז גלײַכער, — האָט ער ווידער שפיל אונ זײער ערנסט צוגעגעבנ.

די שפילע סודע פונ די דרײַ אָנטײלגעמער אינ איר — פונ לוזינ, מוישענ אונ שמוליקלענ, ווי אויכ פונ דעמ פערטנ, פונ זײער באדינער פרו־ליג, חעלכער האָט זיכ אויכ פונ צײַט צו צײַט, ביים די איבעררײַסנ פונ צווישנ אײנמאָל אונ צווײמאָל דערלאנגענ, שפיל אונ נישט רעדנדיק צומ טיש צוגעזעצט — האָט זיכ שוינ באלד געהאט פארענדיקט.

שמוליקל האָט ביינ עסנ אלעמאָל דעמ קאָפּ געהאט פארלוירנ, נאָר מאכמעם אכטונג צו זײַנע מיטעסער, האָט ער זיכ באמיט האלטנ לײַטיש, אונ ווענ ער האָט זיכ יעדעס מאָל אופגעכאפט פונ שלאָפ, האָט ער אפגיכ געגומעט עפעס קײַענ, אָבער אומאפעטיטלעכ, פויל אונ שלאבעריק, אונ ער איז ווידער מיטנ ביסנ אינ מויל אײַנגעשלאָפנ. נישט מוישע, נישט לוזי, אויכ נישט סרולי האָבנ שוינ אפ אימ קיינ אכט נימ געלייגט, אונ געקוקט אפ אימ האָט מענ נאָר, ווײַל ער איז א חרימער אונ צומ בענטשנ וועט ער זײַנ א מעזומענ.

מוישע האָט ווי אינ האלב־משאד דערציילט, וואָס ער האָט געהאט צו דערציילנ; מינומנויינ האָט ער שוינ אפילע פארגעסנ, אז דאָס איז ער א צײַט נאָכנ צעשיידנ זיכ מיטנ ברודער איצט מיט אימ זיכ ווידער צונויפגע־טאָגנ; פארגעסנ אפילע צוליב וואָס, אײַנגעמלעכ, ער האָט א ווײַטנ מעהא־לעכ אינ דער פינצטער אונ אינ כוישעכ אזש פונ דעמ פארמעגלעכנ מייל שמאָט אהער אינ קאפּצאָנעס, אינ קויט, אינ הארבסט אונ אינעמ באנאכט זיכ ארײַנגעשמעלט. אזא צושטאנד איז בא אימ געווענ אונ אזא שטימונג האָט אָט דאָס שפיבעלע געשאפנ — מיט לוזינ, סרולינ אונ דעמ שלאָפנ־דיקנ שמוליקל — אז מוישע האָט נאָכגעביק, האלב־פויל אונ צוגעשלאָגנ גע־קאָגט איצט אָנעמענ אנ אײַנלאדונג אפילע דאָ איבערצונעכטיקנ, ווי ער האָט פריער אָנגענומענ די אײַנלאדונג אפ זיכ וואשנ, גיינ צומ טיש אונ זיכ בא־טײליקנ אינ דער שפיבלדיקער וועמשערע.

יאָ, די סודע האָט שוינ געהאלטנ בא ענדע... נאָר דאָ, אינמיטנדרינענ,

---

1 — לעבנ אָנ א ווײַב... אָנ קינדער...

האָט אַפ דער שוועל פונ עסצימער זיכ באַוויזנ א פאַרשוינ — א מעשונעדיקער, אנ אויסטערלישער, אנ אומגעריכטער פאַר אַלע, אָבער באַזונדערס פאַר מוישענ, וואָס זײַנע אויגנ זײַנענ אָפגעוווינט פונ אַזוינע, ווײַל בא זיכ אינ שטוב האָט ער שוינ מיסטאָמ יאָרנ אונ צײַטנ זיכ אַפילע ניט פאָרגעשטעלט די מעגלעכקײַט מיט אַזוינע מיט די בליקנ זיכ אָנצושלאָגנ.

דאָס איז געווענ פושקע, פושקע מיט די צענ צענערס... קיינער האָט ניט געהערט, ווי ער האָט אַפ אַרײַנגיינ די טיר אינ קיכ אונ אינ פאָדערצימער געעפנט: קיינער, אַפילע ניט אַזא, ווי סרולי, האָט זײַנ דערנענטערנ זיכ צו דער טיר אינ עסצימער ניט דערפילט.

ער איז געשטאַנענ אינ דער עפענונג פונ דער טיר מיטנ גאַנצנ פּאַק בגאָדימ אונ טראַנטעס אָנגעפּעלצט, פאַרנעמענדיק די גאַנצע ברייט אירע, אונ מיט זײַנ שטילקײַט אונ גאָרנישט־ניט זאָגנ, מיט זײַנ אָנגעדראָלנקײַט אונ געפּאַקטקײַט, אונ מיט דעם שוואַרצנ פּאָנעם פונ קיינמאָל ניט געוואַשנ, אונ מיט די ווײַסלעכער פונ די אויגנ, וואָס האָבנ, אַראָנק דער אומגעוואַשנקײַט פונ פּאָנעם, נאָכ בלאַסער אויסגעזעענ, ווי אַפילע בא אַזא, בא וועלכנ ערדאַרבעט איז זײַנ מעלאָכע — איז ער אַזוי דאָרט שטיינ אונ שמעקנ געבליבנ, אַפ דער טיר, ניט אַרײַנ אונ ניט אַפ צוריק אַרויס. אַליינ דער ריייעכ, וואָס האָט פונ אים א גיי געטאָנ, האָט אַלעמענ אינ דער נאָז א זעץ געגעבנ, אונ מוישע, וואָס איז ביז אַהער די גאַנצע צײַט געזעסנ, גלײַכ אַזא, וואָס גאָרניט קאָנ אים שוינ גײַסט איבעראַשנ, האָט אָבער דאָ, דערזעענדיק פּושקענ אינ דערפילנדיק זײַנ העסלעכנ, שווער־איפּעשדיקנ אונ פאַרדומפּענעמ רייעכ צו אים אינ נאָז דערלאַנגענ, האָט זיכ א באַפ אויפ געטאָנ: דער גוויר, דער מעפּונעק האָט זיכ אינ אים דערוועקט; אינ בעיסאָס סרולי, וואָס אויכ ער איז איבעראַשט געווענ, האָט צו פּושקענ דאָס מאָל דאָכ גוטמוטיק אונ אַפילע צופרידנ אונ מיט ווילנגעפעלנ אויסגעשריגנ: „פּושקע, פּושקע מיט די צענ צענערס!“ — איז אינ דער זעלבער צײַט מוישע פונ פּושקעס באַווײַזנ זיכ ווי אופגעטראָגנ געוואָרנ, אונ אַלע די באַליידיקונגענ אונ מיטדערפאָלגנ פונ ביז אַהער, וואָס ער האָט זיי נעדולדיק אַראָפּגעשלונגענ אינ פאַרשוויגנ, האָבנ זיכ, אומפאַרשטענדלעכ פאַרוואָס, אינ אים איצט דעררייעכט, אונ מיטנ גאַנצנ האַק־פּאַק, מיט זײַנ גאַנצנ געדולד אונ אַלצ ביז אַהער פאַרשוויגענעמ אים אופגעריסנ.

— וואָס איז דאָ? וואָס איז דאָס פּאַרא פּאַרשוינענ, אונ וועמענ לאָזט מענ עס דאָ אינ שטוב אַרײַנ?

— וואָסי? — האָט זיכ דאָ אויכ סרולי אופגעכאַפּט אונ פאַרנ באַלעבאָס, פאַר לוזינ, דאָס וואָרט גענומענ, — וואָס פאַר א פּסול? קום אַרײַנ, פּושקע, — האָט סרולי צו פּושקענ זיכ געווענדט, אים פונ דער שוועל אינ שטוב אַרײַנ אײַנגעלאַדנ, אונ יענער האָט מיטנ גאַנצנ באַרג טשערעפּאַכעדיקע שמאַטעס זיכ אינ שטוב אַרײַנגערוקט.

— קום אַרײַנ, פּושקע, — האָט סרולי פאַרגעזעצט, — ביסט אַנ אָנ-

געלײַנטער גאַסט, לעבסט פון דײַן אײגענעם געשמאַנק, און ביסט ניט קײן גײער, און דו דאַרפסט צו אַנדערע נאָך קײן האַלוואָעס נישט אָנקומען.

דאָ וואָלט שוין געווים געווען עפּעס געשען. דאָ וואָלט שוין מוישע געווים ניט געווען אויסגעהאַלטן און מיט אַזוינע ווערטער געווען אַרויס, וואָס די ברודער און דער גאַנצער אָונט וואָלט זיך, אַדאַנק זײַ, שוין גאָר ניט אַזוי בעהאָלעמדיק געווען געענדיקט. גאָר אין דער מינוט, ווען מע האָט דערבײַ טאַקע געהאַלטן, האָט ליזי, ווי ניט אײַנהערנדיק סרוליס ווערטער, די קײלע מיט טאַם אַכדיינים צו זײַן ברודער מוישען א דערלאַנג געטאָן און א זאָג געגעבן: בענטש... צי ער האָט דאָס געטאָן אומיסטן, קעדײ יענעם, דעם ברודער, פון כּעס און פון אָפּצוענטפערן אַרויסצושלאָגן, צי גלאַט מאַכמעס ער האָט טאַקע ניט אײַנגעהערט, און די צײַט פון בענטשן איז שוין געקומען, — אַזוי צי אַזוי, נאָר מוישע האָט פונעם ברודערס הענט, פון דער דערלאַנגטער קײלע און פּתּעט קיבער זיך ניט געקאָנט אָפּזאָגן, און זיך געוואַשן, ער האָט אויך לוזין און שמוליקלען געלאָזט דאָס זעלבע טאָן, און שוין אַפּניך, אַפּניך, ווי כאַפּנדיק און אײַלנדיק וואָס גיכער די שטוב צו פאַרלאָזן, האָט א זאָג געטאָן: ראַבויסײַ, מיר וועלן בענטשן.

ס'האָט זיך, אַזויאַרום, נאָך געענדיקט גוט. גלײַך נאָכן בענטשן האָט זיך מוישע צום אַוועקגײן גענומען גרייטן. לוזי, בעשאַס מוישע האָט שוין געהאַלטן באַם אָנטאָן דעם מאַנטל, איז צוזאַמען מיט אים אַפּ דער שוועל פון עסצימער געשטאַנען, און שפּילערהייט, און ווי פאָרזעצנדיק דעם אָנהייב געשפּרעך פונעם אָנהייב אָונט אין אים ווײַטער עפּעס אַרײַנגעזאָגט. דערבײַ האָט מען געהערט, ווי לוזי האָט אים עפּעס ווי געטרייסט, און טרייסטנדיק צוגעגעבן:

— נישקאָשע... איך זאָל דאָס אים, מוישען, דינגען פאַר א תשובֿה־מישקל...[1] אַרויסגעטריבן א מענטשן, איז אים געווען געוואָרן, אַז ס'איז ניט עבֿט, און אַז דער געטריבענער קאָן אַמאָל אַליין גאָר באַלעבאָס ווערן... נישקאָשע, מוישע, און אַזאַ, ווי ער, מען אויך ווען אַזוינע זאַכן אַמאָל א טראַכט טאָן... — דערבײַ, ווען לוזי האָט מיט אים אָט יענעם ליצעמיג באָב־געשפּרעך געפירט, איז סרולי פון יענעם צימער, ווי די סידע איז פאָרגעקומען, נישט געבליבן. ער איז אַרײַן אין צווייטן, דערנאָך אין קיכל, און דאָרט זיך בא עפּעס געפאָרעט. און אַז מוישע איז, א באַגלייטער פון לוזין, אַנגעקומען אַהין, קעדײ פון דאָרט דורך דעם פאָרהויז שוין אין הויזנ אַרויסצוגיין, האָט אים סרולי דאָרט עפּעס באַגעגנט מיט א הײמיש־אָנגעצונדענעם לאַמטערן, און בעשאַס יענער, מוישע, האָט שוין געהאַט געעפנט די טיר אין גאַס אַרויס, האָט אים סרולי דעם לאַמטערן אין האַנט אַרײַנדערלאַנגט און בעשאַס־מײַסע נאָך צוגעגעבן אָט וואָס:

1 — די טשוועס פון גלײַכגעוויכט. ווען אײנער זינדיקט מיט פרויען, איז זײַן טשווע, ער זאָל זיך אָפּשיידן פון פרויען, — מיט עסן, זאָל ער פאַסטן אאַוו.

— ער באַשטייט, און אז ס'וועט האַלטן דערביי, זאָל ער זיך צו אים ווענדן.

מוישע האָט אים גאָרנישט ניט געענטפערט און אים קיין גוטע נאכט ניט געזאָגט, נאָר די שיין פון דעם לאמטערן, וועלכן יענער האָט אים אין האנט אריינגעגעבן, האָט אים געשיינט, סײַ ווען ער איז פון שטוב אַרויס און ער האָט נאָך לאנג אין דעם דריטן טייל שטאָט זיך געפונען, סײַ אויך ביים ער איז ארוף אין דעם פארמעגלעכן טייל, ווו דאָרט וואָלט מען זיך שוין אויך אָן דעם לאמטערן געקאָנט באַגיין. דאָך האָט ער אים אויך דאָרט ניט אויסגעלאָשן און ביז אהיים האָט ער אים אָנגעצונדע־נעם און אַ שײַנענדיקן דערטראָגן.

---

# XII

# אַלטער. דרײַ באַזוכנ בא אַלטערנ

נאַטירלעכ, אַז ווי נאָר בא אַלטערנ האָט דאָס מאַנצבל־געפיל אויפגעוואַכט און איז אימ האַרב צוגעטראָטנ, איז די ערשטע פרוי, וועלכע האָט זיכ אימ אַפ זײַנ קורצנ וועג פונ זײַנ אייבערשטיבל אינ הויפ אַרויס, דורכ דער קיכ דורכגייענדיק, באַגעגנט, איז געווענ די יונגערע דינסט גנעסיע, די, וואָס מיטנ הויכנ פולנ בוזעמ און מיטנ וואַרעמענ, מולטענעמ קאָפּטל, וואָס האָט אימ אַזוי פאַרכאַפּט, אַז ער פלעגט, אַפ איר קוקנדיק, בלײַבנ קימאַט געליימט און אָנ לאָשנ. דאָס האַרצ האָט אימ געקלאַפּט, באַטאָג זי זעענדיק, ביפראַט באַ־נאַכט, ווענ ס'פלעגט אימ אויסקומענ דורכ דער קיכ פאַרבײַ איר בעטל זיכ דורכגיינ, פונ וועלכנ ס'האָט אימ אַלעמאָל אַ זעצ געטאָנ מיט אַזאַ ליבע־ און אינ די ביינער זיכ צעגייענדיקער וואַרעמקײַט, אַז דער קאָפּ פלעגט זיכ אימ פאַרדרייענ, די פיס האָבנ זיכ אימ אונטערגעהאַקט, און אַ האָר איז אָפּגעהאַנגענ, ער זאָל שיר, אינ אונטערגעבראָכענער, פאַרנ בעטל קניִענ, אָדער טאַקע אַפנ בעטל צו גנעסיענ זיכ אַרופוואַרפנ.

ער האָט אַפילע אָפט אומיסטנ שפּעט־באַנאַכטיקע דורכגייעכצנ און שפּאַצירנ דורכ דאָרט זיכ אויסגעטראַכט, האַלב־נײַטיקע און גאָר נישט נייטיקע, אַבי אינ יענעמ אָרט זיכ אָנשלאָגנ, ווו ער זאָל מיט יענער פרויִשער וואַרעמקײַט ווידער אינ אַ נאָענטער באַגעגעניש קומענ, און אַמאָל אויכ, ווענ ס'וועט אימ גליקנ, אינ אַ ווײַב־אַראָפּגעלאָזטער האַנט זיכ אָנרירנ — אינ אַ האַנט, אַ פוס, אָדער אינ נאָכ עפּעס אַנגענעמס.

נישט אומזיסט האָט די עלטערע דינסט דער גנעסיעס שווינ דערופ אויפמערקזאַמ געמאַכט, און איר, ווי שוינ דערמאָנט, אַמאָל אַ זאָג געטאָנ:

— מויד, וואָס קוקט ער אַפ דיר אַזוי, אַלטער? וואָס האָט ער באַ דיר אַזוינס דערזענ?

יאָ. אַלטער פלעגט שווינ יעדעס מאָל, נאָכ אָט אַזאַ שפּאַציר פאַרבײַ דעמ באַנאַכטיק־שלאָפנדיקנ דינסט־מיידל, אַרופקומענ צו זיכ אַ פאַרסאַפּע־

טער, אַ פֿאַרשווייצטער, אונטערן האַרצן אים אונטערגעבראָכן, און לאַנג האָט ער זיך קיין אָרט אויפֿן בעט ניט געפֿונען, און נאָך לענגער — קיין רו אין שלאָף.

דעמלט פֿלעגט צו אים קומען צו באַלעט יענע פֿרוי, וועלכע, ווי ער האָט געדענקט, האָט אים נאָך אַמאָל, אין זײַן גאָר פֿריִער יוגנט, אין זײַנע ערשטע לײַדנשאַפֿטלעכע נעכט, באַזוכט, — יענע, וואָס איז שוואַרץ־געקרויזט, וועלכע קומט אָפֿט אין מאַלבישים, אָבער אַ רעגע געדויערט, און זי איז שוין אָן זיי — הויל, נאַקעט... יענע, וואָס קומט קעסיידער צו יוגנט, וועלכע האָט נאָך קיין מאָל זינד ניט פֿאַרזוכט, און זי גיט זיך זיי אָפּ.

אַלטער האָט דערפֿאַר געציטערט... און דאָך איז ער ניט אימשטאַנד געווען ניט זיך אָפּצוהאַלטן פֿון אָפּ געבעטן — אָפֿן לעבעדיקן מיידל מיטן הויכן, פֿולן בוזעם — צו קוקן און ניט וועלן זי פֿאַרבײַנגען, אי אַוודאי ניט אימשטאַנד, אַז נאָך דעם, ווען ער איז פֿון איר, פֿון געסיען, מיט הוילער לעכצונג נאָך אַרויס, אָפּצוהאַלטן זיך באַנאַכט אין שווערן, הייסן, לײַדנשאַפֿטלעכן שלאָף פֿון צו באַקומען באַפֿרידיקונג באַמיש בײַ יענער, וועלכע איז, קעגן זײַן ווילן, אָפּ זײַן בעט געקומען אים באַפֿוילן.

דאָס איינציקע, וואָס ער האָט געקאָנט טאָן צו זײַן באַרויִקונג און צו זײַן געמיט־דערלײַכטערונג אין אָט דעם שטאַנד, אין אָט דעם שטראָם, אין וועלכן ער האָט, ווי אין אַ רעדל־ראָד אַרײַנגעטראָפֿן, זיך פֿאַרדרייענדיק, — איז געווען דאָס, וואָס ער האָט פֿון גרויס פֿאַרלוירנקייט, אַזש לאַשן און מוט געריכן פֿאַר אַזאַ זאַך, מיט ווײַלבער, ווי מיר געדענקען, ער איז אין איינעם אַ באַנאַכט. ווען זײַן ברודער מיישע האָט זיך שפּעט פֿון זײַן ווײַזיט באַם ראָוו רעב הודין אומגעקערט, צו אים געקומען און מיט דער ווילדער, אײַנשטעלערישער פֿאָדערונג אַרויס: — יענער זאָל אים באַשענע מאַכן.

ס'איז אַוודאי מעשונע און אײַנשטעלעריש געווען, אָבער, צווישן אײנע צוויי פֿײַערן זיך געפֿינענדיק, איז אומעגלעך געווען פֿאַר אַזאַ, ווי אַלטער, אַז זײַן גאַנצן לײַב און זײַנע קליידער זאָלן זיך אים ניט נעמען סמאַליען, און אַז ער זאָל ניט טאָן דאָס, וואָס מ'טוט געוויינלעך. ווען מע האַלט באַם ברענען, ווען הייבעט ראַפּלען זיך אין מע ווערט פֿײַער אַף אַוונט, וואָס ווען ניט בײַ אַ בריִפֿע, איז דאָך פֿאַר קיינעם אין קיין פֿאַל גאָר ניט שײַעך.

ווײַל מיט אַלטערן האָט שוין דעמלט געהאַלטן ווײַט, זייער ווײַט: ער האָט זיך שוין איינמאָל אַ באַנאַכט, זײַענדיק אין קיך, און אין דער פֿינצ־טער, צווישן די צוויי שלאָפֿנדיקע דינסטן זיך געפֿינענדיק, עפּעס צו לאַנג בײַ איינעם ווײַטן אַ געלעגער זיך פֿאַרהאַלטן... צי ער האָט אַ טאָעס געהאַט און ער איז געקומען צו דער אַלטער אָנשטאָט דער יונגער, צי נײַן, צי עפּ־עטער מאַקע צו דער יונגער, נאָר די אַלטע האָט זיך גראָד דעמלט אין שלאָף דורכגעוואָרפֿן און האָט זײַן אָנוועזנהײַט באַמערקט, — ווי ס'איז ניט געווען, נאָר מיטן געזונטן פֿרייען־בויש האָט יענע. די עלטערע, דעמלט דערפֿילן,

אז אלטער איז דאָרט שוינ נאָר ניט צופעליק פארזאמענדיק שטעקנ געבליבנ, נאָר מיט עפעס א געוויסנ מיינ א מאנצבלשנ, וועלכער האָט זיכ געקאָנט ענדיקנ מיט געוואלדנ מיצאד דער מויד, דער גנעסיעג, אונ פאר אלטערנ אונ פאר די באלעבאטים מיט נאָר ניט קיינ אָנגענעמענ סקאנדאל.

זי האָט אינדערפרי בא דער יינגערער זיכ דערפרעגט וועגנ דעמ: צי האָט זי ניט געהערט, צי האָט זי ניט געפילט באנאכט גאָרניט. יענע האָט ניט געוווסט צו זאָגנ. אָבער שפעטער אינ אָפדערנאכט — מעג זי שווערנ, די יינגערע, — האָט זי אינ שטארקנ שלאָפ דערפילט עמעצנס א האנט צו אירע פארבאָרגענע ערטער זיכ שארנ. דעמלט האָט זי יענע, פונ איר זײט, אינדערפרי דאָס דער עלטערער דערציילט, אונ יענע האָט דערויפ געהאט צו זאָגנ, אז יאָ, ס'איז דאָכ קלאָר, אז איר כשאד באשטעטיקט זיכ:

— נו, יאָ, מויד, וואָס זשע? כ'האָב דענ אויסגעטראכט? כ'האָב דאָכ אלײנ געזענ, ווי ער האָט איבער דיר באנאכט געדוכנט. אפאָנעם, ער דארפ דענ ניט, וואָס אלע דארפנ? וואָס זשע? ער איז א האָלצ־באָק, צי זײנ געשאָטע איז פונ קלאָטשע?

אזוי, אז אלטערנ איז דאָס געפיל אָנגעקומענ פארפלייצנדיק, אונ פונ גרויס ראיש איז געפלעפטקייט פונעם געפיל האָט ער זיכ געטראָפנ, ווי צוגעשלאָגנ אונ צו דער ערד אראָפגעפלעטשט. ניט גלאט אזוי זיכ געזאָגט „אראָפגעפלעטשט“, נאָר טאקע ווירקלעכ, מאמעש, וויל ווענ קיינער האָט ניט געזענ, אונ ער איז, ווי געוויינלעכ, געבליבנ אלײנ בא זיכ אינ צימער, פלעגט ער אָפט, ווי פונ א שווערער מאסע געדריקט, מיטנ רוקנ אינ א וואנט זיכ אָנשפארנ אונ דורכ איר זיכ אפ דער ערד אראָפלאָזנ. ניט אפ קיינ בענקל, וואָס האָט זיכ געפונענ אינ צימער, זיכ אוועקזעצנ, נאָר דאפקע אפ דער ערד, אפ די קני געבויגנ אונ מיט דער פלייצע אינ וואנט אָנגעשפארט. דאָס האָט געקאָנט דינענ פאר א באווײז אָדער פאר איניקע פארבליבענע רעשטלעכ נאָכ פונ זײנ אמאָל געוועזענער שלאפקייט; נאָר נײנ, גיכער איז דאָס אים געקומענ פונ דעמ אויבנ דערמאָנטנ געפיל, וואָס האָט אים מעשונע אונ אפ אנ איבעראשנדיקנ אופנ געבראָכנ אונ צונעשלאָגנ.

אונ דאָס איז געווענ די ערשטע שוועריקייט אלטערנ פונ נאָכ זײנ געזונט ווערנ.

די צווייטע שוועריקייט זײנע איז געווענ דאָס, וואָס זײנע אמאָליקע לערנ־קענטעניש האָבנ זיכ אימ אומגעקערט אונ זײנענ אימ, ווי פונ א פארהוילענער האנט, צוריק אראָפדערלאנגט אונ אָפגעגעבנ געוואָרנ.

טע האָט אימ ווי פונ הימל באגליקט. אז ער האָט דאָס ערשטע מאָל ארײנבאקומענ א סידור אינ האנט, האָט ער אימ מוירע געהאט צו עפענענ: טאָמער האָט ער פארגעסנ לייענענ; אז ער האָט געעפנט אונ געזענ, אז לייענענ קענ ער, האָט ער מוירע געהאט, טאָמער פארשטייט ער ניט די טײטש־ווערטער; אז ער האָט געזענ, אז ער פארשטייט יאָ, האָט ער שוינ מער קיינ ערנסטערנ ספייקעס אינ די הענט נעמענ זיכ ניט אײנגעשטעלט: דאָרט

איז דאָכ, געוויס, אלצ פארכאסמעט אפ זיבנ שלעסער... אז ער האָט זיכ אָבער לעסאָף יאָ איינגעשטעלט, יאָ גענומענ און ווידער פארשטאנענ, איז ער אזוי איבערגליקלעכ געווענ, אז ס'האָט זיכ אימ געדאכט, אז גאָלד שיט זיכ אימ פונ די ארבל, און גלייכ ער האלט אינ איינ אָנשטאָפּנ מיט דעמ פילע קעשענעס, און די קעשענעס קלעקנ אימ ניט און גייענ אימ איבער. אינ פונקט, ווי יענער קארגער, וואָס ער קאָנ זיינ אויג מיט די אויצרעס ניט זעטנ, און שפיגלענדיק זיכ אינ זיי, פארגעסט ער אינ אלצ, — אזוי איז אלטער די ערשטע צייט אזוי פארכאפט געווענ פונ זעטנ זיכ מיט זיינע ניי אימ צוגעקומענע און ווידעראמאָל דערוואָרבענע קענטענישנ, אז ער האָט די שיינ פונ טאָג ניט געזענ, די ליכט ניט באנאכט, נאָר ער האָט זיכ אלצ, ווי יענער קארגער, פונ זיי זיכ ניט געקאָנט אָפּרייסנ.

ס'איז אימ אופגעקומענ א וועלט, וואָס איז אימשטאנד ביכלאל יעדער איינעמ, א דערווייטערנ פונ דער ווירקלעכקייט, פארבייטנ די ווירקלעכקייט אליינ; ביפראט פאר אימ, ווי אלטערנ, וואָס איז אזוי לאנג אָפּגעריסנ געווענ פונ יעדער מאגע-מאסע מיט וואָסער-ניט-איז זאכ, וואָס בינדט אפילע די אָפּגעריסנסטע פונ דער וועלט מיטנ ארומ, מאכמעס ער, אלטער, האָט דאָכ ניט געהאט מיט וואָס געבונדנ צו זיינ: ס'האָט דאָכ אימ דאָס סאמע ניי-טיקסטע געפעלט — אליינ דער זינענ. פארשטענדלעכ יעוינ, וויאזוי ער האָט זיכ צוגעכאפט, און מיט וואָס פאר א גיריקייט, ווי אנ ערשט געבוירנ קינד. ער האָט זיכ איינגעזאפט אינ דעמ, פונ וועלכנ ער האָט אזוי לאנג קיינ מינ-דסטע אנונג ניט געהאט, דה. נישט פונ קיינ ווירקלעכע האנאָעס און אויכ נישט פונ אזוינע, וואָס שפיגלענ זיי ווי-ס'איז-ניט-איז כאָטש אָפּ, ווי די האנאָעס, וואָס מע באקומט, ווענ מע לייענט זיי ארויס פונ ספאָרימ.

פאר אלטערנ האָט זיכ געעפנט א וועלט, ווי פאר איינעמ פונ א צויבער-מייסע, וועלכער קומט אָנ פונ לאנגע וואָגלענייענ אינ הייכע פאלאצנ, ארומ-שפאצירנדיק דאָרט צו זיינ וווּנדער און קאָנ זיכ מיט יענע שיינקייטנ נישט נעגונ אָנקוקנ. אלטער איז מיטאמאָל, ווי פונ שטארק אָרעמ ווילד רייכ גע-וואָרנ. אָנהייבנדיק פונ די פארגעניגנס, צוערשט נאָר פונ קענענ לייענענ, דער-נאָכ פונ פארשטיינ, דערנאָכ פונ אינ אלע שווער-ספאָרימדיקע טיפענישנ אראָפּניידערנ אינ צו אלע פארצייטיקע דערגרייכנ, איז ער מאמעש גלייכ געווענ ווידער ווי צו יענעמ פונ דער צייבער-מייסע, וועלכער הייבט זיכ פריער ארופ אפ פרעמדע טרעפ, קומט צו פרעמדע טירנ, דערנאָכ אליינ אינ די כאדאָרימ, ווו כידעש אפ כידעש באגעגנט אימ, ווו ער שפאצירט א פארבלעפטער און האָט גאָר מוירע, אז די געשעעניש זאָל זיכ אימ אינמיטנ ניט איבעררייסנ, ווייל ער גלייבט די אויגנ ניט.

פאר אלטערנ איז דאָס א גרויס גליק געווענ. ס'האָט דאָכ אימ דערווייל, ווענ ער האָט נאָכ מיט קיינעמ פונ די לעבעדיקע ארומ קיינ שומ נאָענטע באַרירונג נישט געהאט, פארבייטנ אלע מיגימ באַרירונגענ. דאָרט, אינ די ספאָרימ, האָט ער אויכ געפונענ א מאָקעמ-מיקלעט, ווו זיכ אויסצובאהאלטנ.

ביז וואַנענ די בליקנ פונ די היימישע וועלנ זיכ צו אימ אונ צו זײַנ געגנשטאַנד צוגעווינענ, ביז מע וועט מיט אימ געפינענ אנ אַלגעמיינ לאָשנ. אַלגעמיינע באַציִונגענ, — אינ ביכלאַל, ביז ער וועט אויפהערנ זײַנ א פרעמדער צווישנ אייגענע.

דאָרט אויכ האָט ער זיכ אָפּט אָנגעשלאָגנ אפ אַזוינע ערטער, וועלכע האָבנ אימ, לערנענדיק זיי באַטאָג, דערמאָנט אינ זײַנע גאַרענישנ באַנאַכט, ווענ ער רוקט זיכ ביגנייווע־אויסבאַהאַלטנ פאַרבײַ דעמ פרויענ־בעטל, פאַרבײַ דעמ געגאַרטנ לײַב מיט אַלע רייצנ, וואָס א לײַב פונ א פרוי האָט פאַר א מאַנצבל, ביפראַט פאַר אנ אויסגעהונגערטנ מאַנצבל, אוביפראַט פאַר אַזאַ, ווי אַלטער איז. ווענ ער האָט זיכ אָנגעשלאָגנ אינ יענע ערטער, פלעגט זיכ אימ דער טאָג מיט דער נאַכט צונויפמישנ, פאַר די אויגנ האָבנ זיכ אימ פײַערדיקע רינגענ אומגעדרייט, אונ ער פלעגט זענ אַזוינס, וואָס אנ אַנדערער האָלט זיכ אינ דער ווירקלעכקייט געוווּנטשנ זענ א צענטל פונ יענער שײַנקייט, פונ יענער פראַכט, פונ יענע גוואַלדיקע פאַרגעניגנס, וואָס אַזאַ מינימשלעכער מויעכ, ווי אַלטערס, קאָנ פונ זײַנע ווילדסטע, פאַריאָגטע אונ פאַרמישקעוועטע באַהעלטענישנ אַרויסציִענ.

יענע ערטער האָבנ פאַר אימ צעעפנט א וועלט, אינ וועלכער ער איז איצט אַרײַנ מיט אַזאַ דורשט, ווי איינער, וואָס איז לאַנג אינ א היציקנ מידבער אומגעגאַנגענ אונ מע האָט אימ אָקאָרשט נאָרוואָס צו א פרישנ קילנדיקנ קוואַל צוגעלאָזט, ווענ ער פאַלט צו א צעפלאָכטער, א צעהיצטער, ביז זיכ פאַרבלינדנ אונ ביז קימאַט דעמ זינענ פאַרלירנ.

אַזוי, לעמאָשל, האָט ער זיכ יעדער פרײַטיק באַזונדערס געפילט, ווענ ער פלעגט זאָגנ דעמ שיר־השירים.

אנ אַלטער מינהעג איז פאַרבליבנ אינ דער מישפאָכע מאַשבער פונ זייער פאָטער אונ פאָטערס פאָטער, ביז אַרופ אינ די דוירעס, אַז פרײַטיק האָבנ מאַנצבלענ דעמ שיר־השירים הויכ אפ א קאָל, מיט א געזאַנג אונ ברענ אַרויסגעזונגענ. זייער פאָטער פלעגט אימ זאָגנ אינ שול, אונ אוילעמ האָט שוינ געוווּסט, אונ מע האָט די טירנ אונ די פענצטער באַלאַנגערט, אימ הערנדיק; אויכ לוזי האָט אימ געזאָגט אפ זײַנ אויפנ, אויכ מוישע שוינ א בויכער אונ וועלט־מענטש, אָבער אויכ ער איז פונ דער טראַדיציע ניט אָפּגעשטאַנענ.

אויכ אַלטער האָט זיכ איצט איינעמ מינהעג דערמאָנט, אונ נאָכנ וואַשנ זיכ אפ שאַבעס, נאָכנ איבערטאָנ וועש, אונ בלײַבנדיק בא זיכ אַליינ אינ צימער, ווו די פענצטער קוקנ אַרויס זומער אינ א סאָד פול מיט ביימער אונ גרינס, אונ איצט — הארבסט — אינ א ליידיקלעכנ סאָד, אָבער דאָכ מיט ביימער, וואָס וועלנ שפּעטער, פרילינג־צו, זיכ ווידער אינ גרינס אָנ־טאָנ — האָט ער גענומענ זאָגנ, אונ ווי נאָר ער האָט דעמ ערשטנ פּאָסעק אפ די ליפנ גענומענ, אַזוי האָבנ זיי אימ שוינ אָנגעהויבנ טריפנ, ווי מיט האָניק פונ עפּעס אַזאַ מינ באָרט זיסיקײַט, וואָס הוירעס, גאַנצע הויִרנס,

האָבן זיך פון איר געשפּיזט, און אויך פאַר אים, פאַר אַלטערן, איז נאָך פון איר נענונג פאַרבליבן.

באַלד נאָכן ערשטן פּאָסעק שוין האָבן זיך אים די אויגן פאַרבלעזלט, פאַרהײַטלט, און ער האָט זיך דערזען אין אַ ווײַט, זוניק לאַנד, מיט הויכע בערג אַף די האָריזאָנטן, וואָס פון באַמאָגיקער גרויסער זון און היץ ציטערן זיי, ווי אין אַ מין פאַרוואָלקנטן נעפּל; און דאָרט, אַף די בערגס הויכקײַטן, זעט מען ווען אַמאָל אַ יונגן הירש, אַ יונגע אינדן זיך באַווײַזן, און אַמאָל אויך צוויי — אַ פּאָר הירשן, אַ פּאָר אינדן, — וואָס לעבן אין זון, אין וואַסער, אין הויכקײַט, אין ליבע, און זיי קוקן אַריבער אין לאַנד אַרײַן, אין די ווײַטע טאָלן, צו די פּאַלמענבײמער מיט שאָף בײַ די קוואַלן, צו די לאַנד־מענטשער מיט וואַסער־קרוגן בײַ די ברונעמס, און צו די היטער און היטערנס פון די אָפענע און פאַרשלאָסענע ווײַנגערטנער.

און דאָ, זאָגנדיק, איז שוין אַלטער געווען בײַ יענע פּאַסטעכער, וועלכע קומען אײַנמיטן העלן טאָג זייערע משעריעדעס אָנטרינקען. אַראָפּלויפנדיק בײַ די בערג מיט זייערע ווײַסע און שוואַרצע שאָף, ציגן, ווידערס און רינדער— אין שטויב, מאַכנעסווײַז און משעריעדעסווײַז.

„דאָס געזאַנג פון אַלע געזאַנגען“....

דערהערט ער דעמלט פון אַ גאָרטן אַ קאָל אַרויסזינגען. און דאָס קאָל קומט פון אַזאַ, צו וועלכער ער גאַרט, פון אַזאַ, וואָס אַלע זײַנע געדאַנקען פון סײַ באַמאָג, סײַ באַנאַכט דרייען זיך אַרום איר יונג לײַב, וואָס איז „שוואַרץ, אָבער שיין, איר, מענטשער, פון ירושלאַים“, ווי ס'זינגט זיך אין „ער ליד; פון אַזאַ, וואָס אַף איר געלעגער באַנאַכט קאָן אויך זי, ווי ער, ניט אײַנשלאָפן און גייט זוכן איר געליבטן און פרעגן בײַ די שאָמרים פון באַנאַכט, אַזוי ווי ער, אַלטער, וואָס, אַז ס'ווערט אים ענג די לעצטע צײַט, און ווען זײַן בעט הייבט אים אָן ברענען, גייט ער אַרויס אין הויף און שטעלט זיך פאַרן ברודערס פענצטער אָן ווערטער און מוט בײַ אים אָפּ־מאָנען דאָס צוגעזאָגטע און פאַרשפּראָכענע.

— „כ'האָב אויסגעטאָן מײַן העמד, ווי זאָל איך דאָס צוריק אָנטאָן?“

— „כ'האָב אײַנגעוואַשן מײַנע פיס, ווי זאָל איך זיי צוריק אײַנריבן?“

— „מײַן פרײַנט האָט דורכגערוקט זײַן האַנט דורך דער רינגל־טיר, און אַלע מײַנע אינגעווייד האָבן, אים אָנטקעגן קומענדיק, אופגעברומט...“

און זאָגנדיק דאָס, זײַנען די אויגן בײַ אַלטערן ווילד־פאַרבלעזלט פון געפינען זיך אינעם ווײַטן, זוניקן לאַנד, מיט די בערג, מיט די הירשן, מיט די פּאַסטעכער און מיט יענעם קאָל, פון אַ פאַרשלאָסענעם ווײַנגאָרטן אַרויס־געקומען, וואָס מאָנט און דערמאָנט, וואָס קומט מיט יענעם ווײַ, וואָס נאָר ליבנדיקע ווייסן־פון אים אין זייער ליד און ליידן.

„אַף מײַן געלעגער באַנאַכט האָב איך געזוכט דעם, וואָס מײַן לײַב האָט אים ליב, — געזוכט, און נישט געפונען“.

„וואוהינ איז אוועק דײַנ פרײַנט, דו שענסטע צווישנ פרויענ? וואוהינ איז אוועק — וועלנ מיר אימ מיט דיר צוזאמענ זוכנ".

„מײַנ פרײַנט האָט אראָפּגענידערט אינ זײַנ ווײַנגאָרטנ, צו זײַנע רויזנ־בײטנ" אאוו.

און אזוי ווײַט און הײַכ פארקלינגט און פארכלינעט זיכ דאָס קאָל, אז אלטער בלײַבט שטײנ, ווי מיט אנ אָפּנ מויל, גלײַכ ער האָט דאָס ארויס־דערהערט מאקע פונעמ גאָרטנ, וואָס פאר זײַנע אײגענע פענצטער. ער בלײַבט מאט, מיט שלאבעריקע הענט אראָפּגעלאָזט, די בליקנ בלאָנדזשענ אימ, און ווענ א פרעמדער וואָלט זיכ דעמאלט צו אלטערנ אינ צימער ארײַנ־געשטעלט, וואָלט זיכ אימ געדאכט, אז ער זעט אימ, ווי אינ א פריִערדיקער צײַט אמאָל, בײַמ זײַנ שלאפקײַט, ווענ ער פלעגט זיכ צו זײַנ אינערלעכער שטימ צוהערנ, און אז אָט באלד וועט ער איר אנטקעגנ גײנ, דער שטימ, מיט מעשענע קוילעס פונ בויכ און פונ די קישקעס ארויסגעקומענע. נאָר גײנ אלטער שטײט פארבלעפט, דאָס קאָל ציט אימ, ווי די קלײ פונ די בײנער, אינ פונ גרויס פארכאפּט זײַנ פונעמ קאָל, דערפילט ער זיכ אויסנ, אָנ אמ׳עמ, ס׳ווערט אימ הײס, מלאָסנע, צעשפּיליעט זיכ דאָס העמד פונעמ לײַב, און פונ ווילדער איבערגעלאָדנקײַט קאָנ ער זיכ קײנ אָרט אפּ קײנ בענקל נימ געפינענ, אויכ נימ שטײג בלײַבנ, ווו ער שטײט, נאָר ער גײט ווידער צו אײנער א וואנט צו, שטעלט זיכ צו איר מיטנ רוקנ, רוקט זיכ [illegible] איר אראָפּ באמעלעכ, אינ בלײַבט אזוי אונ אונטערגעבראָכענער, אינ די קני געבויגנ, אפּ דער ערד זיצנ.

און דאָס איז די צווײטע שווערקײַט אלטערס, זינט זײַנ זינ־דער־לײַכטערונג.

און די דריטע — דאָס איז די לאגע פונ זײַנ ברודער מוישעס שטוב.

ער איז ווײַט געווענ פונ שטיב־איניאָנימ. ער האָט אויכ איצט געוווסט נאָר פונ זײַנ אויסהאלט, וואָס איז אימ געגאנגענ, ווי ביז אהער, ווענ מע האָט אימ נימ אלצ באזאָרגט, מיט עסנ, טרינקענ און האלבאָשע — אזוי, אז אורטײלנדיק לויטנ אויסהאלט, האָט אלטער פונ קײנ שלעכטס און פונ קײנע ענדערונגענ קײנ אנונג נישט געהאט אינ נישט געקאָנט האָבנ. אינ דאָכ אלײנ נאָר פונ די פענעמער פונ די שטוב־לײַט, וואָס פלעגנ זיכ אימ פונ צײַט צו צײַט באגעגענענ, האָט ער זיכ געשטויסנ, אז עפּעס איז נימ דעכט און נימ אלצ קעשורע אינ שטוב.

ער האָט זיכ פריִער געוואָלט דאָס דערקלערנ דערמיט, וואָס נעכאמקע, מוישעס טאָכטער, איז עפּעס נימ געזונט, און אז דאָס איז די סיבע, וואָס דריקט אפּ אלע, וועלכע מע באגעגנט אינ פארטראָגנקײַט און טרויער. נאָר אז ער האָט זיכ ווײַטער צוגעקוקט און ווידער זיכ באגעגנט, האָט ער פארשטאנענ, אז נײנ, און אז אלנפאלס איז נימ דאָס די אײנציקע סיבע.

אז ער האָט גענומענ נאָכקוקנ, האָט ער זיכ וואָס א מאָל אלצ מער

אונ מער איבערצײַגט, אַז אינ שטוב געשעט עפּעס אַזוינס, וואָס באַמ נאָמענ קאָנ ער דאָס ניט אָנרופנ, אָבער ווי א וואָלקנ איז אפּ דער שטיב. וואָס רוט אויפנ דאַך אונ דריקט אַרײַנ דורכ אַלע טירנ אונ פענצטער, דורכ אַלע שפּאַלטנ אונ לעכער, אונ אַלע האָבנ פולע לונגענ פונ אים. אָנהייבנדיק פונ די קליינע קינדער, וועלכע האָבנ זיכ די לעצטע צײַט גענומענ האַלטנ שטילער, ווי אַלעמאָל קינדער, אונ אָפּגערעדט שוינ פונ די עלטערע, ווי זיינ ברודער מוישע, זײַנ ווײַב גיטעלע, ווי יודעס, זײַנ טאָכטער, אונ ווי די ביידע איידעמס, יאַנקעלע גראָדישטיינ אונ נאָכעמ לענטשער, וואָס וואָס א טאָג זײַנענ באַ זיי אַלצ מער די שטערנס פאַרפינצטערט געוואָרנ, אונ וואָס ווייס מער, האָט ער געזענ, ווי באַ אַלעמענ זײַנענ די קעפּ אונ מויכעס שטאַרק פאַרדרייט, אונ אַז דערפאַר שטייענ באַ זיי פאַר אימ, פאַר אַלטערנ, ואפילו די מינדסטע ווערטער ניט, ווענ מע באַגעגנט אימ.

אַלטער האָט אויכ פאַרשטאַנענ, אַז דאָס איז די סיבע, פאַרוואָס זיינ ברודער מוישע האָט, נאָכ זײַנ געשפּרעכ מיט אימ ווענג אַזאַ וויכטיקנ ענינ אינ יענעמ געוויסנ אָפּגערנאַכט, קיינ איינ מאָל מיט אים ווידער קיינ וואָרט דערפונ ניט פאַרפירט, ניט פאַרזיכערנדיק אימ, אַז ער האָט דאָס, אַרקאַלאַפּאַנטע, וויינ זינענ, אַז ער טראַכט דערפונ, אינ אַז סאָפּקאָלסאָפּ וועט ער זיכ דערפאַר ווידער נעמענ. נײַנ, יענער האָט דערפונ בכלל ניט טאָקיר געוועג, אונ אויכ אימ אויסגעמיטנ, ווענ ער האָט זיכ מיט אים גענאָענט אונ אויג אפּ אויג אפילו אָנגעשלאָגנ.

אַלטער איז דערומ אַרומגעגאַנגענ מיט א פולנ קאָפּ אומפאַרשטאַנד, ניט האָבנדיק זיכ צו וועמענ צו ווענדנ. ער האָט געפילט, אַז אויכ מע זאָגט אימ ניט, מע נעמרויט אימ ניט, איז אַז ער וועט אפילו פרעגנ, וועט מענ אים ניט קלאָר ענטפערנ, אָדער מע וועט אימ מיט א ליאַדע שטרויענעם טערעצ אָפּשטויסנ, ווי מע טוט מאָמענ מיט קינדער, אָדער מיט זקנימיקע, ווענ מע וויל ניט, אַז זיי זאָלנ זיכ ניט אינ זייערע ענינימ מישנ; ווײַל יאָ, אַלטער האָט געזענ, אַז שטוב־לײַט האַלטנ ניט פאַר מענלעכ אונ פאַר גייטיק אימ אינ זייערע ערנסטע אינינאָנימ אַרײַנצוציענ, ווײַל מע האַלט, אַז ס'איז נאָכ צו פרי פאַר אימ, ניט פאַר זײַנ מויעכ דאָס צו באַנעמענ, אינ בעסער, טראַכט מענ, זאָל אַזאַ, ווי ער, נאָכ בלײַבנ ווײַט אונ אויסער ערנסט. ער האָט זיכ דערימ געשלאָגנ מיטנ קאָפּ, ווי א פיש אינ גלאָז, וועלנדיק דערגיינ, וואָס טוט זיכ אים פונ יענער זײַט גלאָז, אָבער נישט געפינענדיק קיינ אַנדער מעגלעכקײַט, וויאַזוי זיכ דאָס צו דערוויסנ, איז אים איינ אויסגאַנג נאָכגעבליבנ — אינ א זײַט זיכ האַלטנ אונ וואַרטנ, וואַרטנ אונ אַרויסקוקנ, ביז עפּעס א צופאַל וועט אים א טירעלע אינ דער רעטעניש אופּעפענענ...

האָט ער אַזוי געטאָנ, אונ דער צופאַל האָט נישט געזאַמט צו קומענ.

ס'איז איינמאָל אַרויסגעקומענ צו אים דאָס עלטסטע קינד אינ שטוב — מײַערל. ס'איז געווענ אינ א טאָג, ווענ דאָס לערנענ איז מייערלענ ניט גערעטנ אונ מע האָט געמיינט, אַז ער איז ניט געזונט. ס'איז געווענ רעגנ,

ווענ, ווי אַלעמאָל, איז זײַנ רעבע באָרעכ־יאַנקעוו צו אימ געקומענ איבערפרי־
אַפ די נעחיסע לערנ־שאָענ: — יענער באָרעכ־יאַנקעוו, וואָס איז באַוווּסט אינ
שטאָט אַלס גווירישער געמאָרע־מעלאַמעד, אונ וואָס נאָר געצײַלטע גווירימ־
באַקע האָבנ זיכ געקאָנט פאַרגינענ אַרײַנצוקריגנ אַזאַ אײנעמ צו זײערע קינ־
דער אַפ אײניקע שאָ אינ טאָג פאַר היפּש באַצאָלטס, וועדליק פאַר יענער
צײַט.

ער איז געווענ אַ שטאַרק מעיושעווער, באָרעכ־יאַנקעוו, אונ, וועדליק פאַר
יענער צײַט, פײַנ געקלײדט אונ באַזונדערס זויבער: שטענדיק אינ אַזאַ
ציבעטיקער קאַפּאָטע אינגערעהאָכנ, וואָס אַנדערע פונ זײַנ גראַד האָבנ אַפילע
אַפ שאַבעס זיכ ניט געקאָנט פאַרגינענ; טאָמעד מיט אַ רײנער פּאַטשײלע
אַפ ווײַשנ זיכ אי די נאָז, אי די וואָנצעס, מאַכמעס ער האָט אי געשמעקט, אי
גערײכערט. דאָס האָט ער געטאָנ ניט מאַכמעס צופיל צעטראָגנקײַט, ווי אַנ־
דערע, נאָר פאַרקערט, איבער זײַנ באַזונדערער מעיושעוודיקײַט: ער האָט
גערײכערט, ווענ דאָס לערנענ מיט אַ קינד איז אימ געגאַנגענ גוט, אונ גע־
שמעקט, ווענ ס'איז געגאַנגענ נאָכ בעסער; שלעכט איז בײַ אימ קײנמאָל ניט
געגאַנגענ. אַזאַ קלאָר לאָשנ, אַזאַ שפּילקײַט אונ אַזאַ זעלטענע האַסבאָרע איז
זעלטנ בײַ וועמענ פונ זײַנ פאַכ נישט נאָר אינ יענער שטאָט, אינ N, נאָר
אינ פיל אַנדערע ערטער געווענ צו געפינענ.

ס'איז אַ באַזונדער בראָכע געווענ צו אימ אַלס מאַלמיד אַרײַנצופאַלנ.
אָפּגערעדט שוינ, אַז פונ טראַכטנ ווענ אַמאָל אַ מאַלמיד אָנצוּוירנ, אָדער
נאָר אַפילע הויכ אָנצושרײַענ. איז בײַ אימ געווענ אַ זעלטנהײַט, קימאַט
קײנמאָל ניט אינ זײַנ פּראַקטיק.

בײַ מוישע מאַשבער האָט באָרעכ־יאַנקעוו געלערנט נאָר מיטנ עלטסטנ
אײניקל אינ שטוב — מיט מײערלענ, וועלכער איז אי עלטער געווענ, אי
פײַקער פונ די איבעריקע אײניקלעכ, אונ וואָס מע האָט גלײַכ געזענ, אַז
צוליב אַזאַ אונ אַזוינע פײַקײַטנ איז קעדײַ אויכ אַזאַ, ווי באָרעכ־יאַנקעוו,
אײַנצולאַדנ אונ זיכ אויכ לאָזנ קאָסטנ.

זומער פלעגנ זײ לערנענ — באָרעכ־יאַנקעוו מיט מײערלענ — אינ סאָד,
אינ אַ הילצערנ גאָרטנ־שטיבעלע, ערגעץ ווײַט צווישנ די בײמער פאַרוקט,
אַז קײנער זאָל ניט שטערנ, אונ ווינטער — אינ שטוב, אינ אַ באַזונדער
צימער.

יענעמ טאָג איז באָרעכ־יאַנקעוו געקומענ, ווי אַלעמאָל, צו דער צײַט
אינ פינקטלעכ. ער האָט באַרוט זײַנ פּאַלטנ מיטנ סאַמעטענעמ קעלנערל אופ־
געהאַנגענ אַפ דער שראַנקע אינ יענעמ קאָרידאָרל, ווו אַלע פונ די באַלעבאַ־
טימ הענגענ דאָרט אופ זײערע קלײדער. ער איז געקומענ אינ צימער, ווו
אַלעמאָל איז דאָרט דאָס אָרט באַשטימט אַפ לערנענ, אונ זיכ גענומענ צו
זײַנ געוויינלעכער מעלאָכע: צו פאַרשטײנ־געבנ דאָס, וואָס אינגאַנצנ אומפאַר־
שטענדלעכ, אָדער יוענ־ניט־ווענ נאָר אַ וואָרט אַרײַנצושטעלנ, ווי אַ האַנט

דערלאַנגען, ווען דאָס קינד פאַרשטייט אַליין, נאָר דער רעבע ווייסט, אַז ער קאָן זיך באַ אַ קליינעם אָפּהאַלט ערגעץ דאָרט פאַרטשעפּען.

מייערל האָט דאָס מאָל, נישט ווי זײַן געוווינשאַפט, דאָס לערנען שלעכט באַנומען. מע האָט געזען, אַז ער איז נישט דערבײַ, און דער קאָפּ איז אים ערגעץ אַנדערש. און באָרעך־יאַנקעוו האָט באַמערקט, אַז דאָס, וואָס לויט מייערלס פּייניקײַטן, האָט אים באַדאַרפט זײַן פאַרשטענדלעך, איז אים עפּעס איצט ניט קלאָר, האָט ער זיך ניט געפּוילט אים צו דערקלערן, אָן ערגערניש און אָן דאָס קאָל צו העכערן, אָדער אַרויסצווײַזן אַ וואַסער־ניט־אײַן בייזע אָדער שלעכטע מינע. מייערל האָט אָבער ווײַטער ניט באַנומען, און באָרעך־יאַנקעוו האָט נאָכאַמאָל דערקלערט. און אַז מייערל איז אויך ווײַטער ווי עפּעס טויבלעך און טומפּיק געבליבן, האָט אים באָרעך־יאַנקעוו נאָר אַ פרעג געטאָן:

— וואָס איז מיט דיר הײַנט, מייערל?

דערמיט האָט זיך מייערל צעוויינט.

ס'איז געווען אַ גרויסער כידוש. מייערל איז ניט געווען פון די, וואָס פּילן זיך אָדער קאַפּריזעווען באַם לערנען. באָרעך־יאַנקעוו האָט אים געקענט, עמעס, פאַר אַ ביסל אַ פאַרטרוימטן, אָבער יעדעס מאָל האָט ער געראָטן די מיטלען אים אַרויסצוציִען פון טרוים, און דערמיט איז שוין יענער, מייערל, מיט אים אַוועק, ווי אַפן גרויסן טראַקט פון קלאָרן און דײַטלעכן דענקען, און וועהין דעם רעבנס האַנט האָט גאָר דאָס לערן־צוימל געווענדט, אַהין האָט זיך מייערל, אָן אָפּווענדונגען, שוין אַליין און נישט געצוווּנגען געקערעוועט. אַזוינע זאַכן, ווי אַז מייערל זאָל זיך אינמיטן־דרינען פאַראַקשנען, נישט וועלן, אָדער אָן שום סיבה זיך צעוויינען, האָט זיך באָרעך־יאַנקעוון פאַר דער גאַנצער צײַט, זינט ער קען אים, ניט געטראָפן.

ער איז דערום אָפּהענגטיק געבליבן. אָבער באַלד האָט ער באַשלאָסן, אַז ווײַבאַלד אַזוי, ווײַבאַלד אַן אויסנאַם, און יענער וויינט, איז מיסטאָם אין ער ניט געזונט — דאַרף מען דאָס לערנען איבעררײַסן, און ניט איבעריק צוטײַנג, און נישט איבעריק זיך וועלן דערגראָבן און דערפרעגן אויף די סיבעס פון געוויין. ער האָט פריִער געהאַט געפּרוּווט אַ ביסל שמועסן וועגן זײַטיקע עניינים, קעדיי, מעגלעך, אים פון די געדאַנקען אַרויסשלאָגן, אים באַרויִקן און דערנאָך ווידער אים אין לערנשטראָם אַרײַנפירן, אָבער מייערלען, האָט ער געזען, איז איצט שווער צו פאַרעדן, ער לאָזט זיך ניט, און טרערן קאַפּען אים פון די באַקן־שמיל, און ווי איינער, וואָס איז ערגעץ טיף־טיף אָנגערירט און באַליידיקט.

— גיי, לייג זיך צו, מייערל, ביסט ניט געזונט, — האָט געזאָגט באָרעך־יאַנקעוו און אַליין האָט ער זיך פון טיש אויפגעהויבן און איז אַרויס פון לערן־צימער, זיך לאָזנדיק צום קאָרידאָרל, ווו זײַן פּאַלטן איז געהאַנגען אויף דער שראַנגע.

— רעבע, וואָס גייט איר עפּעס היינט אַזוי פרי אַוועק? — האָט יודעס, מייערלס מוטער, אים הערזעענדיק אַוועקגיין, אַ פרעג געטאָן.

— מייערל איז, האָבט זיך, ניט מיט אַלעמען: דער קאָפּ, ווייזט אויס, טוט אים וויי.

— וואָס איז פּלוצעם?

— כ'ווייס ניט, ער האָט זיך גאָר אָנהייב לערנען צעוויינט, און כ'זע, אַז ער באַנעמט היינט גאָרניט.

אַז מייערלס מוטער איז אַרײַן אין צימער, ווו דער רעבע האָט אים נאָך היינטיקן ניט-לערנען אַליין געלאָזט, האָט זי אים געטראָפן אויף זײַן אָרט, ווי אַ פאַרגליווערטן. זי האָט אים דעם קאָפּ אַ טאַפּ געטאָן, זען, צי האָט ער היץ — נײַן.

— איז פאַרוואָס זשע האָט ער היינט ניט געלערנט?

מייערל האָט געשטאַמלט. עפּעס האָט ער יאָ געזאָגט און נישט געזאָגט, און סײַ פונעם יאָ — און סײַ פונעם נישט-געזאָגטן איז געווען צו זען, אַז קלאָר ווייסט ער אַליין ניט. יאָ, עמעס, וויסן האָט ער טאַקע ניט געוווּסט, נאָר ווען מע זאָל אים געווען צעשפּיליען און אים אין האַרץ אַרײַנקוקן, וואָלט מען געזען, אַז דאָס, וואָס די גרויסע אין שטוב האָבן די לעצטע צײַט אויף זייערן אַ באַשטימטן אויפן איבערגעלעבט, האָט ער, מייערל, אויף זײַנעם אַן אומבאַשטימטן, האָב, וואָס די גרויסע האָבן געוווּסט אויף זיכער, האָט ער נאָר אָנגעשמעקט אין דער לופט און אַרויסבאַקומען נאָר פון אַ וואָרט, פון אַ מינע, פון אַ ווינק...

מייערל, וואָס איז געווען באַשאָנקען מיט דעם, וואָס מאַכט אַ קינדס אייער געבוירענע אויף אַ איבערצײַכאַפּן אַזוינס, וואָס גרויסע ווילן דערפאַר פאַרשטעלן: מייערל, וואָס, ווי מיר האָבן שוין ערגעץ דערמאָנט, איז אַפילו געווען באַשאָנקען מיט דער פייַקייט פון פאַרויספילן זאַכן, ענדערונגען און געשעענישן אין שטוב, האָט די לעצטע צײַט אויפגעכאַפּט און פאַרויסגעפילט אַזוינס, וואָס האָט זיך אים געלייגט ווי אַ שווערער שטיין. אייגנטלעך, ניט פאַרויסגעפילט, נאָר שוין טאַקע מאַמעש דערזען — דאָס, וואָס האָט אים אויף געמאַכט ווייגען אין זײַן קישן אויפן געלעגער באַנאַכט, און דאָס האָט אים געבראַכט אויך היינט, אינמיטן באַטאָג, פּלוצעם זיך צעוויינען פאַרן רעבן.

ער איז נאָך דעם, ווי די מוטער איז פון אים אַוועק אַ האַלב-באַדויערטע, נאָך אַ שטיקל צײַט אַליין און ווידער, ווי אַ פאַרגליווערטער, אין זײַן לערן-צימער געבליבן; דערנאָך זיך אָפּגעזוכט עפּעס אייניקע אומנייטיקע אין אומנוציקע קינדערשע באַשעפטיקונגען, אַרום וועלכע ער איז אַרומגעגאַנגען שוין אינמיטן, און, ווי מע האָט געזען, קעדיי נאָר מיט עפּעס צו פאַרנעמען די צײַט און זײַנע אײַנערע איבעריקײַט; און לעסאָף האָט ער — פאַר זיך אַליין ניט באַמערקט, וויאַזוי און ווען, — דורך דער קיך זיך דורכ־

גערוקט, אפּ די טרעפּ, וועלכע פירן צו אלטערן אין אייבערשטיבל ארויף, און זיך צו יענעם אין צימער ארײַנגעשטעלט.

— הא, מייערל?! — האָט אלטער מייערלען, שוין אפּ דער שוועל דער־זענדיק, מיט א גוטמוטיק־אופגעלייגטן טאָן, מיט א פול מויל שמייכל און פארגעניגן באַגעגנט.

ביידע זײַנען געווען צופרידן: אלטער פונעם באזוך — זאָל זײַן אפילו קינדער־באזוך, אבי א לעבעדיקער געפעט, וואָס האָט צו אים אזוי זעלטן אין צימער ארופגעקוקט. אויך מייערל צופרידן, ווײַל פון טאָמער אָן פלעגט ער בא אלטערן געפינען יענץ ווינקל ווו אופצובינדן זײַנע איינגעשאפטן, וועלכע האָבן פון אים געפאָדערט א ביסל אָפּגעזונדערטע לופט און א ביסל אוי־סער־שטוביקע שטילקייט, ווי ס'מאכט זיך אָפט בא געוויסע קינדער, וועלכע באליבן בווידעם־אָדער קעלער־לופט.

דאָס פלעגט פּאַרקומען אפילו דעמלט, ווען אלטער איז נאָך קראנק גע־ווען, און ווען צו פארברענגען מיט אים, ווי מיט אלע מענטשן, איז געווען אומטעגלעך, — איז אפילו אויך דעמלט האָט מייערל געפונען אינטערעס און באדערפעניש פון צײַט צו צײַט אלטערן צו באזוכן, ביפראט איצט, ווען מיט אלטערן האָט זיך שוין געלאָזט ווען אמאָל צו פארפירן א שמועס, פון אים א וואָרט צו הערן, אָדער ווען אמאָל אים אויך עפּעס צו זאָגן.

— הא, מייערל?! — האָט אלטער זײַן אופגעלייגטן אויסרוף איבערגע־באזערט, זענדיק, אז מייערל האָט זיך עפּעס נישט דרייסט און ווי צוריק־געהאלטן אפּ דער שוועל אָפּגעשטעלט. — קום ארײַן, מייערל, וואָס מאכסטו?

— נאָרניט. — האָט יענער, נאָך דער אײַנלאַדונג, די שוועל אין צי־מער אריבערגעשפּאַנט.

— האָסט שוין הײַנט אָפּגעלערנט? — האָט אלטער בא אים, קעדיי א שמועס אופצובינדן, געפרעגט.

— יאָ, — האָט מייערל געענטפערט.

— נו, און דו קענסט שוין טאקע לערנען? — האָט אלטער ווײַטער געפרעגט.

— און דו קענסט? — האָט מייערל צוריק דרייסט אָפּגעפרעגט, זיך דערלויבנדיק בענעגייע אלטערן אזא פראגע, וואָס צו קיין אנדער עלטערן אין אלטערס יאָרן וואָלט ער זיך געוויס ניט דערלויבט...

דאָס רעכט אזוי צו פרעגן האָט זיך מייערל גענומען דערפאר, ווײַל דער גאנצער באַנעם אלטערס, אלטערס מאגער און פאַטעמקעס באַט פרעגן און ענטפערן זײַנען, נישט געקוקט שוין אפּ זײַן געזונט, דאָך נאָך געווען, ווי פון איינעם, וואָס איז נאָרוואָס ארויס פון א שווער שלאָפקײַט, וועלכער האלט שוין, עטעס, באַם געניזן ווערן, אָבער דער מויעך און דאָס לאָשן זײַנען אים נאָך האלב־געלענערט, און די ווערטער קלינגען נאָך בא אים אָ־עד א ביסל אויווער־באָמלדיק, ווי בא א שוואכזיניקע זאָקן, אָדער, ווי בא א צוגעשלאָגן און לעקעשעוואטע קינד.

— און דו קענסט? — האָט מייערל געפרעגט.

— יאָ, — האָט אלטער, שמייכלענדיק און מיט זיכערקייט געענטפערט.

— אָנו, לאָמיר זען. — איז מייערל צום טיש צוגעגאנגען און דעם ערשטן סייפער, וואָס איז אים געקומען צו דער האנט, האָט ער אופגעעפנט, און אלטערן, ווי אף זיך צו פארהערן, איינגעלאדן.

אלטער האָט זיך געלאָזט. ער איז, פאָלגנדיק, ווי א מאלמיד, צוגעגאנגען און ער האָט גענומען זאָגן און די ווערטער פארטייטשן אזוי גוט און פארשטאנדיק, אז מייערל האָט זיך גלייך איבערצייגט, אז יענער, אלטער, האָט געכאפט און אז ער האָט דאָ ניט איבערגעטריבן און קיין ליגן ניט געזאָגט.

ס'איז געווען א בילד צו זען, ווי מייערל האָט, זיך איינהערנדיק, זיינע גרויסע שילער ווי אויסגעפרוווט, און אלטער האָט קימאט ערנסט זיך געלאָזט פארהערן, נישט ארויסווייזנדיק דערביי קיין שפאס און קיין שום בייזעס-מינע, ווי ס'מאכט זיך ביי עלטערע, ווען זיי מאכן שפיל און אָנשפעל, בעשאסן אראָפּלאָזן זיך אמאָל צו א קינד... ניין. אלטער האָט דאָס געמאכט ערנסט. און דערפאר, אז אלטער האָט ביי מייערלען שוין געווונען דעם צוטרוי סיי אין קענטעניש סיי אויך אין היימישקייט און אין צוגעלאָזנקייט, וואָס כאָטש אזא גרויסער, הייסט עס, האָט ער זיך דאָך צו מייערלען געשטעלט, ווי א גלייכער צו א גלייכן, — האָט פלוצעם מייערל אלטערן לייענען איבערגעריסן און אינמיטנדרינען אף אים א קוק געטאָן און א זאָג געגעבן שטארק צוטרוילעך און פלוצעמדיק:

— ווייסט, אלטער? דער טאטע האָט דאָך שוין נישט דעם גאָלדענעם זייגער...

— וואָס? — האָט אלטער זיך מיטאמאָל פונעם סייפער אָפּגעריסן.

— דעם גאָלדענעם זייגער האָט ער שוין נישט.

— וואָסער זייגער?

— דעם, וואָס מיטן זאמשענעם בייטעלע, וועלכן ער טראָגט אין זשיליעט-קעשענע.

— וואָס הייסט? מע האָט אים ביי אים צוגענומען, צי ער האָט אים פארלאָרן?

— ניין. פארזעצט.

— וואָס הייסט — פארזעצט?

— מע האָט אים פארבאָרגט פאר געלט; אי דעם זייגער, אי דער מאמעס אויערינגלעך און בראָשן, אי דאָס גאנצע צירונג און אלע שאבעדיקע לייכטער פון שטוב.

ווירקלעך: מייערל האָט דאָ געזאָגט דעם ריכטיקן עמעס. ער האָט די לעצטע טעג באמערקט דעם טאטנס זשיליעט-קעשענע ליידיק. אז ער האָט זיך נאָכגעפרעגט, האָט אים דער טאטע, יאנקעלע גראָדשטיין, א ביסל מיט פארב אין פּאָנעם און א ביסל אָפּשטייסנדיק, ווי ניט וועלנדיק, ער זאָל זיך

ווײַטער דערפֿרעגן, אים געענטפֿערט, אַז ער איז באַם זייגערמאַכער אָפּ צום פֿאַריכטן: „אַ האָר האָט געפּלאַצט, אַ רעדל איז קאַליע"... — האָט יאַנקעלע גראָדשטיין, נישט קענענדיק זאָגן קיין ליגן, צוויי מיטאַמאָל דאָ אַרויסגע־זאָגט, נישט ווייסנדיק, וואָס אויסצוקלײַבן און וואָסערער איז בעסער.

מייערל האָט צוגעשטאָט אַנגענומען זײַן טאַטנס טערעץ פֿאַר אַ טערעץ. אָבער אַז ס'זײַנען אַוועק עטלעכע טעג און די זשיליעט־קעשענע איז נאָך אַלץ ליידיק געבליבן, און ווייסנדיק, אַז ווען אַפֿילע אַזאַ זאַך מאַכט זיך, דהײַ. ווען דער זייגער זאָל טאַקע בעטעמען זײַן קאַליע, איז דאָס יעדעס מאָל אַ: אַרבעט נאָר אויף עטלעכע טעג, ווײַל דער טאַטע, ווי ער האָט געוווּסט, איז שטאַרק צוגעוווינט צום זייגער, קאָן זיך אָן אים ניט באַגיין און פֿאַרדרײט אים שמענדיק אַרויס וואָס גיכער, — ווייסנדיק דאָס אַלץ און פֿאַרט ניט געפֿינענדיק אים באַם טאַטן, האָט זיך שוין מייערל פֿאַרטראַכט.

דערצו נאָך האָט זיך דעמאָלט אונטערגערוקט אַ שאַבעס, און פֿרײַטיק פֿאַרנאַכט, ווען מייערל איז פֿון אַן אַנדער צימער גראָד אַרײַן עסשטוב אַרײַן, איז ער געבליבן שטיין מיט אַן אָפֿן מויל: דער טיש, וואָס פֿלעגט יעדעס מאָל זײַן פֿאַרשטעלט מיט אַ גאַנצער ריי גרויסע און קליינע זילבערנע לײַכ־טער, און וואָס די שײַן פֿון זייערע ליכט האָט אַזש אַרויפֿדערלאַנגט ביז דער סטעליע און אָפּגעשלאָגן אויף אַלע ווענט, — דער טיש איז איצט פֿאַר־שעמט: עטלעכע קליינע, אָפּגעקראָכענע מעשענע האָבן דאָס אָרט פֿון די זילבערנע פֿאַרבליבן, און די שײַן פֿון די ליכט האָט אים אויסגעדאַכט טונקל, נישט גאָר אויף צו באַלויכטן די ווענט און די סטעליע, נאָר אַפֿילע אַליין פֿאַר דעם טיש און פֿאַר זײַן נאַקעטקייט וויניק.

דערבײַ האָט מייערל באַמערקט, ווי בײַ די ווײַבער, בײַ דער באָבען אין בײַ דער מאַמען, האָבן נאָך די ליכט־בענטשן די אויגן אויסגעזען ווי נאָך געוויין, וועלכע בײדע האָבן זיך באַמיט אײַנם פֿאַרן אַנדערן און באַזונדערס פֿאַר די קינדער — צו פֿאַרשטעלן.

יאָ, אַגעוו: נאָך יענעם ליכט־בענטשן איז אין קיך דעמאָלט, צווישן די צוויי דינסטן, צווישן דער עלטערער און דער יינגערער, פֿאָרגעקומען אַ קורצער געשפּרעך, בײַם יענע האָבן זייער לעצטע אַרבעט פֿון פֿאַרן ערעי־שאַ־בעס אָפּגעטאָן. די עלטערע האָט אַ זאָג געטאָן:

— וואָס זאָגסטו עפּעס, מייד, צו דער מײַסע מיט די לײַכטער? מע האָט זיי, קלוימערשט, זאָגט מען, געגעבן אָפּזילבערן. ניין, עפּעס געפֿעלט מיר ניט, טפֿעס קומט דאָ פֿאָר...

— וואָס זשע? — האָט יענע, די יינגערע, געפֿרעגט.

— טו גיכער. ס'ניט פֿאַר דײַן קאָפּ. און פֿונדעסטוועגן וואָלט מיר זיך נאָך געמעגט ווינטשן צו פֿאַרמאָגן אַ צענטבייליק פֿון דעם, וואָס זיי וועט נאָך בלײַבן.

— וואָס בלײַבן?

— טו דײַן זאַך. ס'שווײַג שפּעט. און פֿונדעסטוועגן וואָלסטו זיך נאָך

גענומענ דאָס אײנציקע פאר א יאָר. נו, שוין, מאכ עס גיכער, — האָט די עלטערע אײנגעהײלט די יונגערע איר ארבעט צו פארענדיקנ.

מײערלענ האָט דאָס פּיט־בילד געפעלט. ער האָט שוינ דערנאָכ דיזמ גאנצ פּראָסטיטוציאָנס קײנ יאָרנ ניט אויסגערעדט, ניט מיט קײנ עלטערע, ווענ מע האָט זיכ געווענדט צו אימ, אויכ ניט מיט קינדער. אונ דערנאָכ, אינעמ זעלבנ פּראָסטיטוציאָנס, האָט ער פארנ אײנשלאָפנ זערנ זיכ לאנג אפנ געדאנקענ געלדײט, אונ באנאכט האָבנ זיכ אימ געכאָלעמט זײנערס מיט טענטשלעכנ פינגעטער, זי זײ שטײענ פאר ערעמט בענטש־ליכט, אונ הויבנ די פינגער, מיט טעלכע זײ פארשטעלנ זיכ די אויגנ, קאָפּנ זײ די טרערנ... אונ טאמער האָט זיכ אימ געכאָלעמט, ווי ער זעט זײנ זײדנ, דעם טאטנ אונ דעם פעטער, נאָכעט לענטשטער, עפעס ווי הײזער־גײער — ביכער אנגעטאָנ, אפגעריסנ אונ קוימיק, אונ זײ באוועגנ זיכ אויסגעשטעלט אינ א ריי אונטערנ ציטערנדיק דער זײדע, דערנאָכ דער טאטע, אונ צום לעצט דער פעטער נאָכעט, טעלכע קומענ מאקע ארײנ אינ זײער אײגענעמ הײמ מיט הײזער־גײערישער האלבאָגע, שטעלנ זיכ פאר דער קינ־שוועל צום בעטלענ, אונ טארעמ, ביז די דינסטנ זאָלנ זײ פונ דער קיכ די גראָשנדיקע נעדאָנ ארײנטראָגנ. אונ לעבעדיק אונ אומאבשנדיק זײ אינ די הענט ארײנשטעקנ.

מײערל איז נאָכ יענער שאבעסדיקער נאכט אונ נאָכ די כאליומעס ארומגעגאנגענ. זי ביז רײנ הינער. ער האָט אינ קײנע קינדערישע שפילנ אונ שפיטפערײענ קײנ אנטײל ניט גענומענ, אונ אפט האָט ער שוינ אויכ באַנאָכ דערנאָכ גערינג דאָס, וואָס יענעמ באנאכט — אינ כאָלעמ: אפט האָט ער שוינ אינמיטנ העלנ טאָג אויסגעטאָנ זײנע שטיב־לײט זײערע אנשטענדיקע, פארשטעלטע קלײדער אונ זײ דערזענ איבערגעטאָנענע, ווי ארעמעלײט אינ הײזער־גײער. אונ אזוי פאר קײנעמ האָט ער זיכ ניט געקאָנט ארויסזאגנ, מאכמעס קינדער וואָלנ ניט באנומענ, אונ עלטערע וואָלנ געמײנט אז ער איז אנגעשטויסנ. טיג ער וואָלט זיכ עפעס מער געוואָלט דערפרעגנ, האָט דערומ מײערל דאָס באַלד לעבעדיקע אויסגעפינענ — אלטערנ, צו וועלכנ דער טאָג איז אינ געווענ פרײ, אונ פאר וועמענ ער האָט געפילט, אז אלצ, וואָס ער וועט זאָגנ, וועט ער קאָנענ זאָגנ אונ אלצ זײנע אנגע־זײטיקע פארבארגנקײטנ ארויסברענגענ.

אונ אָט, נאָכ דעמ, ווי אלטער האָט זיכ ציטערדיק געלאָזט פארהערנ, נאָכ דעמ, ווי מײערל איז געשטאנענ לעבנ יענעמ, ווי א גלײבער מיט א גלײבנ. אונ איבערבײטנדיק זיכ איבערנ טײפער, האָט ער זיכ מיט אימ מיט די אלטלעכ אנגערירט אונ אינ גאָנצער הײמישקײט ארײנ — האָט זיכ מײערל דערמאָנט שוינ דערפילט פרײ אפ אזוי ווײט, אז אויכ ער זאָל אָפנ־ראַציק אינמיטנ דעמ פארהער איבערגײנ אינ א זאָג מאָג איבערגעביטנ, ווי איבערביטנ נאָר דערדער יאָגנ א זאָג מאָג, ווענ ב׳ברעט זיי צו, אונ זײ ברענגענ מיטאמאָל ארויס דאָס. דאָס ב׳דאַט זיכ בא זײ אנגעזאמלט אינ ערגעץ:

— ווייסט, אלטער, — האָט מייערל געזאָגט, — דער טאטע האָט דאָך שוין נישט דעם גאָלדענעם זייגער?

— וואָסער זייגער? — האָט אלטער ניט באַנומען.

— דעם, וואָס מיטן זאמשענעם בײַטעלע, — האָט מייערל געענטפערט.

אין אזוי, פון פראגע צו פראגע און פון ענטפער צו ענטפער, האָט זיך אלטער פאמעלעכן דערוווּסט דערוווּסט, אז אין שטוב האלט בײַ דעם, וואָס ס'שמעקט מיט אָנווערן אלץ, וואָס מע האָט יאָרנלאַנג געזאמלט, און אז דער ערשטער סימן דערפון איז דאָס, וואָס מייערל האָט אים דאָ נאָרוואָס דער־ציילט, אז ניט נאָר בײַ זײַן טאטנס זייגער האלט עס, נאָר אויך שוין בײַ זײַן מאמעס אוירינגלעך, בראסלעטן און בראָשן און אויך אפילע בײַ די זילבערנע בענטש־לײַכטער פון אלע פרויען אין שטוב.

— טאקע? — האָט אלטער, א דערשראָקן־פארכידעשטער, געפרעגט.

— יאָ, — האָט מייערל געענטפערט, — ער האָט אליין געהערט, ווי זײַן טאטע־מאמע האָבן צווישן זיך געשמועסט, אז דער זיידע האָט פאר עפּעס די לעצטע צײַט זייער מוירע, און אז אלע אין שטוב ציטערן צוזאמען מיט אים, מיטן זיידן.

— מוירע? פאר וואָס? — האָט אלטער, שוין פארשטייענדיק, זיך דאָך ווי ניט ווייסנדיק געמאכט, קעדיי דעם געשפּרעך ווײַטער פאָרזעצן און בײַ מייערלען וואָס מער ארויסציען.

— וואָס הייסט „פאר וואָס"? וואָס זשע, ער מיינט, אלטער, אז מע זעצט אָן, איז אזוי גרינג? מע קאָן זיי דאָך דאָס אלץ אוועקנעמען און זיי לאָזן בײַ גאָרנישט...

דעמלט איז אלטער אנשוויגן געוואָרן. מעגלעך, אז ער האָט מער בײַ מייערלען ניט געפרעגט דערפאר, ווײַל ער האָט אים געשאַנעוועט און ניט געוואָלט אַרײַן מיט א קינד אין צו טיפע דראָכים: און מעגלעך אויך, אז ער האָט געזען, אז מער, וויפל ער האָט בײַ אים ארויסבאקומען, איז שוין יענער נישט אימשטאנד אים מיטצוטיילן, ווײַל ער ווייסט אליין ניט מער. ווי ס'זאָל ניט זײַן, נאָך צו מייערלס פארווּנדערונג, האָט אלטער נאָך עפּעס פּלוצעם אים געגומען גלעטן זײַן קאָפּ אין אקסל — גלאט, אָן שום סיבעס, געטרײַ און ברידערלעך, און אין דער זעלבער צײַט, האָט מייערל באמערקט, זײַנען אלטערס אויגן עפּעס ווי פארמישט און ניט קיין הינע געוואָרן, גלײַך ער וואָלט זיך איבערטראָגן ווײַט און גאָר ערגעץ אנדערש, וווּ ער איז גאָרוואָס דאָ, פריער א מינוט, מיט אים געווען צוזאמען.

ריכטיק: אלטער האָט זיך טאקע אזוי שטארק פארטראכט, אז ער האָט אפילע ניט באמערקט, ווי מייערל האָט זיך פון אונטער זײַנע הענט ארויס־געגלימשט. נישט פארשטייענדיק דעם מיין פון אלטערס גלעטן אים, און זעענדיק, אז אלטער, דאָס מוענדיק, איז ווי מיט עפּעס אנדערש פארנומען, איז מייערל אוועק און אלטערן אליין געלאָזט. און אז אלטער האָט זיך אופגע־כאפּט, האָט ער נאָר געפילט דעם אָטעם פון עפּעס א מין שאַלעך, וועלכן די

שטוב אינטן האָט צו אים אהער, אריף אויבן, ארופּגעשיקט, מיטן מיין אים דעם אָנהייב פון איר סאָד צו אנטפּלעקן, אָבער מער פון קיין אָטעם איז אים פון מייערלס באַזוך מאַקע ניט געבליבן, ווײַל פאָרט א קינד, אפּ וועלכן ס'איז ניט אויסצושטעלן און וואָס איבעריקס דערויף איז זיך ניט צו פאַרלאָזן. און פון דעמלט אָן האָט אלטער אפּן ווײַטערדיקן און אפּ דער פאָרזעצונג געוואַרט: ער האָט אלעמאָל פון דעמלט אָן — סײַ באַטאָג סײַ אפּדערנאַכט, ווען ער איז נאָך געווען וואַך און ווען פרײַ פון אלע זײַנע טו־עבנז — אפּ דער טיר געקיקט, וואַרטנדיק, אז אָט, אָט וועט זיך צו אים נאָך עמעצער אַרײַנשטעלן, א מער זיכערער, א מער עלטערער, פון וועמען ער וועט דאָס, וואָס ער האָט באַקומען זיך דערוווּסט פון מייערלען קינדעריש און האַלב־כעמהשטעטיש — פון יענעם, פונעם עלטערן, מער קלאָר און אפּ מער זיכער זיך דערוויסן.

* * *

אין אלטער האָט זיך אויסדערוואַרט. די לאַגע אין שטוב אונטן איז געווען אזאַ, וואָס האָט שוין בעשומויפן קיינעם ניט געקאָנט אויסמײַדן און האָט געמוזט דערלאַנגען אפילע צו אלע ווײַטסטע פון שטוב, אפילע צו קינדער, און אפילע צו אזאַ, ווי אלטער, וועלכן דער גורל, וואָס האָט די שטוב פאַרטשעפּעט, האָט מיט א שפּיץ פליגל אויך אים געמוזט אָנרירן.

אין איינעם א נאָענטן טאָג פון נאָך מייערלס וויזיט האָט זיך צו אים אין צימער באַוויזן גיטעלע, דאָס ווײַב פון זײַן ברודער מוישע.

דאָס איז געווען דעמלט, ווען נעבאַמקעס, מוישעס מאַשטבערס טאָכטערס, קרענק האָט זיך אפּ פיל פאַרערגערט. מע ווייסט ניט, צי איר איינן שלאָפּקײַט אליין איז געגאַנגענ אזוי ראַיש, צי ס'איז איר נאָך עפּעס, א צווייטס, צוגעפאַלן, וואָס האָט די פאַרערגערונג פאַרורזאַכט, נאָר נעבאַמקע, האָט מען געזען, ביים אײַנ, דאָס געשווילעכץ פון די פיס הייבט זיך איר ארויף העכער. ס'פעלט איר אוים אָטעם שוין ניט נאָר אפּ צו מאַכן עטלעכע שפּאַנ אין צימער לעבן איר בעט, נאָר שוין אפילע נאָר אין בעט צו ליגן. מע האָט שוין געהאַט גערופן ניט נאָר דעם באַשטענדיקן הויז־דאָקטער, יאַנאָווסקין, נאָר צוזאַמען מיט אים נאָך איינעם — איינעם א פּאַשקאָווסקין. אויך אזאַ אלטער, ווי יענער, אויך אזוי שטיל, אויך מיט באַקנבאַרדן, און אויך א פּאָליאַק, וואָס יעדעס מאָל, אין אן ערנסטן פאַל, האָט מען זיי געפאָרט, זיי גערופן אפּ א קאָנסיליום, ווײַל זיי—די סאַמע ערנסטע, די סאַמע גרעסטע ווייסערס פון שטאָט, און פון זיי האָט מען אפּ הילף און אפּ א לעצט גוט וואָרט געוואַרט.

ביידע זײַנען אויך דאָס מאָל אָפּגעזעסן לאַנג און שטיל בײַ דער קראַנקערס בעט. אַמאָל האָט איינער זיך אָנגעבויגן זי צו באַטראַכטן — דאָס לײַב, דאָס פּנים, די פיס, און מיט איר אין די אויגן אַרײַנצוקוקן — און

אנ אנדערשמאָל א צווייטער. זיי האָבנ קיינ צײַט ניט געזשאַלעוועט, אונ דאָס באטראכטנ, בײַם דעם איינעמ וויזיט, עטלעכע מאָל אפילע איבערגעבאזערט. זיי האָבנ שטיל, צווישנ זיך, פריִער אפ פויליש, דערנאָך נאָך אפ לאטײַנ, וועגנ כוילע זיך דורכגערעדט. אונ באַם אוועקגיינ, בעשאס מע האָט זיי ארויסבאגלייט צו דער טיר, איז הויפ אונ אינ גאס אונ מע האָט געוואָלט פונ זיי א פארזיכערנדיק וואָרט הערנ, אלנפאלס, אז ס'שמעקט ניט מיט קיינ סאקאָנע, — האָבנ יענע זיך אי אהינ אי אהער געדרייט, אי יאָ, אי ניינ, הייסט עס, אונ די פארזיכערונג מאַקע פאָרט ניט געגעבנ: דאָקטוירים האָבנ געטאָנ אונ פארשריבנ, וואָס מע דארפ, אונ גאָט דארפ העלפנ.

מאָל דיר, דאָס האָט מענ אליינ געוווּסט... מע האָט געזענ, אז ס'איז ניט גוט. נאָכעמ לענטשער, נעכאמקעס מאנ, האָט פונ זייער פויליש=ריידנ פארשטאנענ, ווי סע האלט, אונ בינעמ נ י ש ט=פארשטאנענעם לאטײַנ האָבנ זיך שוינ אויך די איבעריקע אָנגעשטויסנ. אזוי, אז צוריקגייענדיק פונ באגלייטנ די דאָקטוירים, האָט נאָכעמ צו דער שוויגער, צו גיטעלענ, א זאָג געטאָנ:

— שוויגער, ס'איז ניט גוט. מע דארפ עפּעס זענ טאָנ. וואָס טוט מענ?-- האָט ער פארלוירנ, מיט א האלב מאנצבלש געוויינ ארויסגעבראָכנ.

אליינ דער כוילע האָט שוינ אויך זייער ווײַט געהאלטנ — אזוי ווײַט, אז נישט איינ מאָל האָט זי, קוקנדיק אפ אירע קינדער, זיך צעוויינט, אונ אפילע זיך נישט אָפּגעשטעלט פאר אזוינע ווערטער פאר איר פאָטער אונ מוטער ארויסצוברענגענ, ווי: „מאמע“... „מאמע“... „אפ וועמענ לאָז איך זיי איבער, מײַנע קינדער?“...

דעמלט האָט גיטעלע איינמאָל א פרימאָרגנ אפנ „פעלד“ זיך אוועקגעלאָזט מיטנעמענדיק מיט זיך א פאָר אָרעמע קרויוועס, איר צוהעלפנ באַם קוואָרים=מעסטנ אונ דעם בוימל פינ די מײַערל=לעמפלעך מיטצוברענגענ: — א סגולע די קראנקע מיט אים אויסצושמירנ.

זי איז פריִער געקומענ אפנ קייווער פונ „לייעניו דער פרומער“, וואָס צו איר פלעגנ קומענ ווײַבער מיט די שווערסטע הערצער זיך אויסצורײדנ אונ אויסצוויינענ, ווי אקאָרעס, לעמאָשל, וועלכע האָבנ שוינ לאנג נאָך דער כאסענע קיינ קינדער ניט געהאט, אונ אויב זיי וועלנ אינגיכנ, גאָר אינגיכנ ניט געהאָלפנ ווערנ, וועט זיי דער מאנ מוזנ געבנ געט. ס'פלעגנ קומענ צו איר מאמעס פונ קראנקע קינדער, פונ קליינע, ווי פונ גרויסע קראנקע, אונ האָבנ זיך דאָרט אפ איר קייווער מיט קוילעס אונ גוואלדנ געריסנ.

אויך גיטעלע האָט זיך אָנגעוויינט — דאָרט, ווי אויך אפ אנדערע קוואָרים. זי איז קימאַט שוינ אָנ לאָשנ געווענ, אונ מאכמעס איר הייזעריקײַט, אונ קעדיי די מאָכמער זאָל אפ איר ניט דערקענענ, ווו זי איז געווענ אונ פארוואָס זי האָט דאָס קאָל אָנגעווירנ, האָט זי געזענ דעם גאנצנ טאָג דער מאָכמערס צימער אויסמײַדנ אונ זיך צו איר ניט ווײַזנ.

אונ אז ס'האָט ניט געהאָלפנ, אונ אז דער מאָכמער איז נאָך אלץ ער=

נער געװאָרנ, האָט גיטעלע, אינ איינעמ א שאבעסצונאכטס, װענ פונ דער טאָכטערס אַלקער זײַנענ שוינ גאָר שלעכטע יעדיעס ארויסגעקומענ, זיכ אָנגעטאָנ, מיט זיכ מיטגענומענ די עלטערע דינסט אַז זי צו באַגלייטנ, אונ איז אינ א נאָענטנ שולעכל ארײַנ.

ס'איז שוינ געװענ שפּעטלעכ אינ אָװנט. דאָס שולעכל איז געשטאַנענ אינ איינזאַמקייט אינ יענער גאַס, װוּ ביכלאַל זײַנענ דאָרט קיינע שולנ ניט געװענ, אויסער דעמ, פונ גאָר געמיינע באַלמעלאָכעס — פונ ליכט-ציִער אונ שטריקל-דרייער, דאַכט זיכ. אַנ אַנדערשמאָל איז אינ אַזאַ שולעכל, אינ אַזאַ שפּעטער שאָ, אינ א ליאַדע שאַבעסצונאַכטס — פּוסט, קיינער ניטאָ, אונ אַליינ נאָר דער שאַמעס מיט א פּאָר פאַרשפּעטיקטע היימלאָזע אָדער לײַדיקגייער אַמאָל גאָר דעמלט בײַ א קליינ קוימיק קאַנעצל פאַרברענגענ. דאָס מאָל — ניט. דאָס מאָל איז דאָס שולעכל באַלויכטנ אונ קימאַט פול מיט מענטשנ געװענ. ס'איז געװענ א שטיקל יאָמטעװ. מע איז אַלע, א היפּשע פּאָר מיניאָנימ, אַרומ איינעמ טיש, װאָס אינ מיזרעכ-זײַט, געזעסנ אונ געשמועסט, װוּ דאָרט, בײַמ טיש, האָט איינער א ייִד — א מינ כאַזנ אָדער אַנ אַנדערער װער, — עפּעס פאַר זיכ טינט-אונ-פעדער געהאַט אונ אינ עפּעס א פּינקעס אַרײַנגעשריבנ.

ס'איז געװענ א שלעכטע צײַט אונ א הונגער-יאָר דאָס יאָר, אונ באַזונדערס, פאַרשטענדלעכ, שלעכט פאַר באַלמעלאָכעס. אונ נאָכ באַזונדערס, נאָכ פאַר אַזױנע, װאָס װענ אַפילע די צײַט איז גוט, איז אויכ דער באַדאַרפ אינ זיי ניט גװאַלדיק, ביפראַט, אַז ניט גוט, באַגייט מענ זיכ שוינ אַזאַרע אונ גאָר אינגאַנצנ אָנ זיי. אונ אינ אַזױנע צײַטנ בלײַבט פאַר אַזױנע סאָרטנ באַלמעלאָכעס — פאַר אָרעמע, אָװעקגעשטויסענע, װאָס קיינער קוקט זיכ ניט אומ אָפּ זיי, װײַל זיי האָבנ קיינ שומ אָנזענ אונ באַטרעפ אינ שטאָט ביכלאַל, אינ ניט צװישנ אייגענע, צװישנ באַלמעלאָכעס האָרעפּאַשניקעס אַפילע, — בלײַבט פאַר זיי דערמלט נאָר איינס: זיכ צוזאַמענקלײַבנ, א „כעװרע" גרינדנ, װוּ יעדער מיטגליד, יעדער כעװרע-מאַנ זאָל אינ א שלעכטער צײַט פונ דעמ צוזאַמענגעקליבענעמ מיטגליד-אָפּצאָל קאָנענ באַקומענ אַמאָל אײַנגעליִענ א קערבל אָפּ שאַבעס, אָדער עטלעכע גראָשנ אָפּ ברויט אַמאָל אויכ אָפּ אינמיטנ דער װאָכ. אונ װוּ גרינדט זיכ אַזױנע כעװרעס? — געװײנטלעכ אינ שיל, געװײנטלעכ, אינ א פרײַענ שאַבעסצונאַכטס, װענ כעװרע-לײַט זײַנענ ניט פאַרנומענ, אויסגערוט פונעמ שאַבעס, אונ װוּ שטענדיק געפינט זיכ שוינ א ייִד דערױפּ, ער זאָל פאַר אַלעמענ מיט פײַנ-געקסיװעטע אויסיעס דעמ פּינקעס אָנשרײַבנ, פריִער די שאַר-בלאַט, דערנאָכ די טאַקאַנעס — אַלצ, װי דער ניסעכ פונ פּינקאָסימ פאָדערט: מיט פײַגעלעכ אָפּ פאַרער-בלאַט געמאָלט, אָדער מיט צװיי הענט, װאָס דריקנ זיכ איינס דאָס אַנדערע אָפּ ברודערשאַפט אונ אָפּ א סימנ, אַז איינס דאָס אַנדערע זאָגנ צו זיכ צו שטיצנ.

אײַב דאָס מאָל איז אַזאַ ייִד שוינ באַמ אויספאַרטיקנ דעמ פּינקעס אינ

באם ארײַנשרײַבנ די נעמענ פונ די כעוורע־לײַט געזעסנ — א ״פארמראָגנע־נער, ״שטארק־באשעפטיקטער מיט די פארשײדנ־קאָלירטע טינטנ און פענעמ לעבנ אימ״ און ארומ אימ. איבער זײַנ קאָפּ, האָבנ ייִדנ־באלמעלאָכעס די העלדזער און קערפערס געשטרעקט, דעמ פאָלקס־קינסטלער בא זײַנ מע־לאָכע צו זענ, און אז אויכ דערנאָכ, ווענ אלצ וועט ״שוינ פארטיק זײַנ, און מע וועט זײ רופנ, זאָלנ זײ זײַערע כסימעס — ווער סע קאָנ,— אוועקלײגנ.

ס׳איז געווענ א ביסל טומלדיק און אופגעלײגט, ווי ביכלאל אינ אזוינע מאָמענטנ, ווענ מענטשנ וואַרטנ גוטס און טויוועס פונ א זאכ, וועלכע זײ האָבנ אײביק און מיט אײנ דײַע פארטראכט און פירגענומענ, און ווו אפילע, ווענ קאפצאָנימ, ווי דאָרט, דעמלט, לײגנ זיכ צונויפ מיטנ לעצט—מיטנ קאפצנ — וואָס זײ האָבנ...

אָט דעמלט האָט זיכ גימעלע מיט איר קינדט באוויזנ. ס׳האָט זי צו־ערשט קײנער ניט באמערקט. נאָכ אז גימעלע איז גלײַכ צו צומ אָרנקוידעש, אינ גישט אָנפרעגנדיק זיכ בא קײנעמ, ווי ס׳פירט זיכ אינ אזוינע פאלנ, דעמ פאָרויכעס ראשיק א פארנעמ געטאָנ, און זיכ אוועקגעשטעלט, און ארויס מיטנ ערשטנ קאָל פאר די טוירעס, וואָס פונ אינעווייניק, אינ אָרנקוידעש, — אָט דעמלט האָבנ אלע מיטאמאָל די קעפ פונ מיטעל־זײַט צו מיזרעכ אויסגעקערעוועט און גלײַכ דערזענ: _

עפעס צווײ ווײַבער האָבנ זיכ אינ שול באוויזנ. אײנע— ווײַזט אויס, א דינסט — איז בא דער זײַט געבליבנ, און איז, אפאָנעט, נאָכ צומ באלײטנ מיטגענומענ געוואָרנ, אינ די צווײטע, די, וואָס די נויט איז אירע, איז פארנ אָרנקוידעש און פאר די טוירעס שטײענ געקומענ.

מע האָט גלײַכ זיכ אויכ דערוויסט, ווער די נויטבאדערפטיקע איז. אז דאָס איז גימעלע, די גרויס־באוואוסטע פונ יענער גאס, ווו איר מאנ האָט דעמ באוואוסטנ פריציישנ הויפ געהאט, וואוהינ זומער, אלע שאבעס, פלעגט די גאנצע שטאָט, באזונדערס די אײַנווײנער פונ יענער גאס, אהינ, אינ יענעמ הויפ, קומענ טרינקענ וואסער פונעמ הויפס קאלטער קרענעצ: אינ וואָס בײַסנ טרינקענ האָט מענ ״שוינ אויכ געכאפט א קוק אפ דער שטוב, אפ דער גוואלדיקער גווירישער הארבאָטע, אפנ געפלאסטערטנ הויפ, אפ די קאמערנ און שטאלנ, און אפנ סאָד, וועלכער איז אפ א שלאָס געווענ פארשלאָסנ; אינ אלע אויגנ דערבײַ זײַנענ געווענ פול מיט קינע, און אָרעמעלײַט דערבײַ האָבנ געזיפצט, זיכ אפילע ניט קענענדיק ווינטשעווענ אזוינס. איצט האָט מענ דערזענ, אז דאָס איז זי, גימעלע, די באוואוסטע גווירנטע, דאָס ווײַב פונעמ באוואוסטנ גוויר, פונ מוישע מאשבער, אהער, ווי ס׳ווײַזט אויס, מיט א צאָרע אויסצווײנענ געקומענ.

מע איז שטיל געבליבנ. מע האָט די ארבעט באמ בינקעס, און אויכ די געשעפטנ איבערגעריסנ, ווי מאָדנע ס׳פירט זיכ, ווענ א פרוי קומט אינ דער מאנצבלישער שול ארײַנ בײַטאָג, וואָס ווענ אפילע אינ סאמע מיטנ דאווי־

גענ, אונ יוענ זי קומט צו די סאמע פרימסטע אפילע, רײַסט מענ איבער אפנ האלבנ וואָרט, אונ מע וואַרט אויס, ביז יענע, די פרוי, וועט איר הויכ־גוואַלדיק געשריי אונ געבעט אַרויסגעבנ אונ פאַרענדיקנ.

אזוי אויכ איצט. דער אוילעמ האָט געשוויגנ, אונ פונ דער מיט פונ אָרנקוידעש ארויס, וווהינ גיטעלע איז צוגעפאלנ מיטנ קאָפּ, האָט זיכ דערהערט א יאָמערלעכ געוויינ פונ א מוטער, וואָס קענ בעשומויפנ ניט פויעלנ אונ ניט דערלאָזנ דעמ געדאנק, אז זי דאַרפ זיכ שיידנ מיט איר בעסטנ, מיט איר ליבסטנ — מיט א קינד, אונ נאָכ וואָס פאַר א קינד — שוינ אַליינ א גרויסע, א דערוואַקסענע, שוינ אַליינ א מוטער פונ קינדער.

גיטעלע האָט איצט פאַרנ אָרנקוידעש געטײַנעט עפּשער נאָכ מער, ווי פריער מיט אייניקע טעג פאַר די קוואָרימ אפנ „פעלד“. אָרעמע יידנ באַלמעלאָכעס האָבנ, נאַטירלעכ, באַדויערט, כאָטש, צוריק גערעדט, האָט זיכ יעדער איינער דערמאָנט, אז בא אימ, ווענ אזא זאַכ מאַכט זיכ — א קינד איז קראַנק, א ווײַב, אָדער אנ אנדערער ווער — איז אפילע דאָס קומענ בעטנ אינ שול, כאָטש די שול איז פאַר אַלעמענ אַלצייַנס פרײַ אונ צוטריטלעכ, איז דאָכ גאָר אנ אנדערש אונ ניט אזא, ווי דאָ איצט, בא גיטעלענ, וועלכע איז געקומענ, ווי צו זיכ, ווי צו גאָר אנ אייגענעמ: אויכ איצט דאָ מיט א מינ גווירישער ברייט, ווי, ערשטנס, מיט א דינסט אפ זי צו באַלייטנ, אונ אפילע אויכ די טײַנעס צו גאָט אַליינ — אזוינע, אונ מיט אזא שמעל, גלײַכ ער איז איר מער מעכויעוו, ווי אנדערע.

יידנ באַלמעלאָכעס האָבנ, נאַטירלעכ, ניט מעקאַנע געווענ; גאָר אפילע אייכ אינ אזא־אָ צאָרע־צײַט האָט זיכ בא זיי געבעטנ דער פאַרגלײַכ מיט א גביר, אונ דער פאַרגלײַכ האָט זיכ, אפילע איצט, ניט באַקומענ צו זייט גענומענ. ווײַל באַלד נאָכנ געוויינ האָט גיטעלע צוגערופנ דעמ שאַמעס אונ אימ געגעבנ אפ ליכט אונ גאז — דאָס, וואָס זיי, די אָרעמע, קאָנענ ניט. זי האָט אפ דער שול אונ דעמ שאַמעס אַליינ עפּעס געשאָנקענ, מע זאָל הייסט עס, איר כוילע אינ זינענ האָבנ באַמ דאַווענענ. זי האָט אויכ פאַרנ אַוועקגיינ די פאַרזאַמלטע אפ מאַשקע געשפּענדעט, אז אויכ זיי, איצט, ווענ ס׳איז בא זיי אופגעלייגט אינ זיי גייענ טאָנ א מיצווע־זאַכ, ווי גרינגנ א בעזוירע, איז אז זיי וועלנ טרינקענ לעכאָוועד דער גרינגדונג, זאָלנ זיי אויכ פאַר איר טאָכטערס געזונט טרינקענ אונ איר א רעפוע־שליימע ווינטשנ.

מע האָט איר, נאַטירלעכ, צוגעזאָגט, אונ גערנ דאָס געשפּענדעטע אָנגענומענ. אונ דערמיט, אז גיטעלע האָט דאָס אַלצ פאַרענדיקט, האָט זי די דינסט מיט זיכ מיטגערופנ, איז מיט איר פונ שול אוועק. אונ אפנ וועג גייענדיק, שוינ אינ ביסל אנ אופגעמונטערטע אונ באַרויִקטע, ווי מאַמעד נאָכ א געוויינ, ווענ די האָפענונג שטאַרקט זיכ אונ דאָס געמיט ווערט געלינדערט, איז איר אויכ אפנ געדאַנק א מינ לינדערונג געקומענ, אונ זי האָט זיכ דערמאָנט, אז אינ אזא־אָ צײַט האָט זי, דאַכט זיכ, אַבוצ די, פאַר וועמענ זי דאָט הײַנט אונ די לעצטע טעג געבעטנ, אויכ נאָכ עפּעס טמעצנ, פאַר וועט־

מענ זי וואלט געקאָנט דאָס הארצ אויסגיסנ אונ זיכ פארגרינגערנ. דאָס איז אלטער — יענער, וועלכער איז, דאכט זיכ, אזוי ווײַט אונ פונ מענטשנ ארויסגענומענ, אָבער אינ דער זעלבער צײַט אזוי נאָענט, ווי אנ אייגנ קינד, אָדער ווי א מינ הייליקער, פאר וועמענ מע קאָנ אלצ, ביז א מינדסטנ, אויס-לייגנ, ניט ווארטנדיק אפילע אפ קיינ ענטפער פונ אימ, ווײַל אליינ יענעמס אויער אונ געהער איז גענוג... אונ יאָ, אינ אלגעפאלס, דארפ מענ דאָס אינ זינענ האָבנ — האָט זיכ גיטעלע געזאָגט, צו דער שטוב צוקומענדיק.

אונ ווירקלעכ: אז אינ אייניקע טעג ארומ שפעטער, אז די שטוב האָט ניט אויפגעהערט שמעקנ מיט רעפועס אונ מיט ערעוו-וויזיטנ אונ נאָכ-וויזיטנ פונ דאָקטוירימ, אונ אז אינ דער זעלבער צײַט זײַנענ אויכ פונ געשעפט די מאנצבלענ אלע טאָג וואָס אמאָל מער פארפינצטערטער אהיימ געקומענ, האָט זיכ איינמאָל גיטעלע אינ איר פארטראכטנ לינדנ געדאנק דערמאָנט, אונ איז פאמעלעכ-פאמעלעכ דורכ די טרעפ, וואָס פירנ פונ קיכ צו אלטערנ אינ איי-בערשטיבל, ארופ.

שוינ גייענדיק אפ די טרעפ, האָט מענ געקאָנט באמערקנ, אז גיטעלע גייט איצט ניט, ווי צו קיינ איר גלײַכנ. ד.ה. ניט צו אזא, צו וועלכנ, אז מע האָט אנ איניענ אינ אז מע לאָזט זיכ גיינ צו יענעמ, איז אז מע קומט שוינ נאָענט צו פאר דער טיר, האלט מענ שוינ דעמ איניענ אינ קאָפ אונ מע טוט זיכ די געדאנקענ אונ די ווערטער, מיט וועלכע מע דארפ זיכ ווענדנ צו יענעמ, אויססיידערנ אונ אינ אָרדענונג ברענגענ. ניינ. גיטעלע איז דעריקער איצט נאָר מיט אירע נויטנ פארנומענ געווענ, אָבער וווּהינ די פיס אירע האָבנ זי געפירט, האָט זי קימאט ניט געוווּסט. געוווּסט נאָר, אז, דאכט זיכ, צו אלטערנ פירנ זיי זי, אָבער וואָס זי וועט דאָרטנ טאָנ, וואָס זאָגנ, אונ ווי זיכ פירנ אונ האלטנ — האָט זי ווײַטער ניט געוווּסט.

אז זי איז ארײַנ, האָט זיכ אלטער דערשראָקנ אונ פארלוירנ. ווײַל צו דעמ, אז גרויסע אונ דערוואקסענע זאָלנ ארײַנטרעטנ זײַנ שוועל, איז ער נאָכ ניט געווינט געווענ, ביפראט גיטעלע, זײַנ ברודער מוישעס ווײַב, וואָס ער האָט פארשטאנענ, אז אויב זי אליינ האָט זיכ שוינ מאטריעכ געווענ אהער, צו אימ, ארופגיינ, איז האָט זי דאָכ שוינ געוויס גאָר-גאָר אנ ערנ-סטער איניענ ארופגעבראכט — אזא, וואָס אָדער פאר אימ, אָדער פאר איר זייער וויכטיק. אונ דאָס האָט אימ אינ פארלעגנהײַט געבראכט, אונ ער האָט זיכ, ווי אנ אומדערפארענער אונ נישט-געוווינטער צו אזוינע באזוכנ, מיט א קליינ ביסל שרעק אונ מיט א גרויסער פאָרציע אומזיכערקײַט צו אימ געגרייט..

גיטעלע, ווידער, אז זי האָט נאָר זײַנ שוועל אריבערגעטראָטנ, אונ דער-זעענדיק דעמ, צוליב וועמענ, אייגנטלעכ, זי האָט זיכ אהער ארופגעהויבנ — אלטערנ, איז אזוי-ווי ביז פריער א מינוט האָט זי, ווי געזאָגט, פונ אימ ניט געקלערט, האָט זי אָבער איצט, אימ שוינ האָבנדיק פאר די אויגנ, א געוויסע שטעלונג געמוזט צו אימ נעמענ, קעדיי צו קענענ ארויס מיט דעמ,

וואָס זי האָט אינ זינענ געהאט אונ בעגענייע אימ פארטראכט. זי האָט אפ אימ מייקעס א קוק געטאָנ, אונ כאָטש איצט איז ער געווענ בעסער געקליידט, כאָטש ער האָט אויכ פיל בעסער אויסגעזענ, האָט זי אָבער דאָכ אפ אימ, ווי אפ איינעמ, וואָס ניט פונ ישעוו, געקוקט, אונ אזוי אימ טאקע אָנגענומענ: פאר א קינד, אָדער פאר א האלבנ הייליקנ מאנ, וואָס דאָס אָבער שטערט ניט, נאָר פארקערט, העלפט נאָכ, דאפקע צו אזא מיט דעמ, וואָס זי איז געקומענ, זיכ צו ווענדנ, אונ ארויסצוברענגענ אונ אויסדערציילנ אזוינע זאכנ, וואָס ווענ ניט פאר אזא, — ניט פאר קיינ קינד, ניט פאר קיינ האלבנ מאנ, נאָר פאר א געזונטנ, קלאָרנ אינ פארשטאנדיקנ — ברענגט מענ קיינמאָל ניט ארויס אזוינס.

זי האָט אימ גלייכ א זאָג געטאָנ אָנ שומ האקדאָמעס, גלייכ ווי מיט אזוינע זיינענ איבעריקע ווערטער איבעריק אונ מע קאָנ פאר זיי אָנ שומ פאָרעדעס צומ איניענ צוטרעטנ, — זי האָט אימ גלייכ א זאָג געטאָנ:

— דו, אלטער, וואָס... — נאָר דאָ האָט זי זיכ פארהאקט, נישט ווייכנדיק, וואָס „וואָס“, אונ דערזעענדיק פאר זיכ, עמעס טאקע, א ביסל א דערשראָקענעמ אונ פארלוירענעמ. אָבער פאָרט שוינ א מענטש מיט פארשטאנד אונ זינ אינ בליק, וואָס פאָדערט צו זיכ כאָטש די מינדסטע מאָס אכטונג אונ אופמערקזאמקייט, אונ וואָס די ווערטער, וואָס ווערנ פאר יענעמ געזאָגט דארפנ, אלקאָלפאָנעמ, מיט זינ געזאָגט ווערנ, — האָט זי זיכ דערווייל א מינוט פארלוירנ, גימצלט; אָבער באלד האָט זי זיכ געכאפט, אונ מיטנ זעלבנ געפיל, מיט וועלכנ זי איז ארופגעקומענ, אונ מיט דער זעלבער באציונג, ווי צו א קינד, ווי זי איז די ערשטע מינוט צוגעגאנגענ צו אימ — גענוי מיטנ זעלבנ, ווידער, האָט זי איר אָנהייב פראגע איצט פאָרגעזעצט: אינגאנצנ אָפנ, אינגאנצנ הויל, אינגאנצנ אָפגענאקעט, ווי מע זאָגט פאָרט אמאָל נאָר פאר א מאנ, אָדער פאר א האלבנ הייליקנ:

— דו, אלטער, — האָט זי אימ געזאָגט, — וואָס ביסט אונדז אנ אייגענער, אינ וואָס מיר האָבנ מיט דיר אזויפיל צו טאָנ געהאט, ביז מיר האָבנ דיכ ארופגעצויגנ ביז צו דער איצטיקער שטופע; דו, וואָס זיצסט זיכ דאָ אויבנ, ווייסט נישט פונ גאָרנישט, אונ אלצ ווערט דיר ארופגעבראכט, ווי א פויגל אינ שטייג, וואָלסט איצט געמעגט פאר אונדזער הויזגעזינד זיכ איינשטעלנ, פאר אונדז בעטנ, ווייל מיר אונטנ ברענענ, מיר אונטנ גייענ אונטער, דו הערסט, אלטער?

— דו ווייסט ניט? פארשטייסט ניט? ווייל דו ביסט א קינד אונ פונ דער וועלט ארויסגענומענ. אָבער דו דארפסט וויסנ, רייישימ, אז אונדזער געכאמיקע ראנ אונרו, כאָלילע, גאָר אינגיכנ פונ דער וועלט גיינ אונ פארשניטנ ווערנ פאר דער צייט: צוויימנס, אז די געשעפטנ אונדזערע (—„דו ווייסט, אלטער, וואָס ס'הייסט „געשעפטנ“, — האָט זי אינמיטנ די רייד ארייננגעשטעלט א פראגע, ווי נישט זיכער זייענדיק, אז אָט דאָס וואָרט איז קלאָר אונ באדייטונגפול פאר אלטערנ...), אז אונדזערע געשעפטנ זיינענ אזוי

שאָפּל, אז באלד וועלן מיר, מעגלעך, מוזן מיט אלעם אונדזערן זיך שיידן, ווי מיט די געשעפטן אליין, און ווי אויך מיט דער שטוב — מיר אונטן און דו אויבן. — דו הערסט, אלטער?

און דאָ האָט זיך גימעלע שטיל צעוויינט — נישט פאר אלטערן, ווי ס'איז צו זען געווען, נאָר פאר זיך אליין, ווייל פון אלטערן, האָט מען ווי־דער געזען, האָט זי, אויסער זיין אומשולד, אָפּ מער גאָרנישט ניט געוואַרט: ניט געוואַרט, ער זאָל זי טרייסטן, ווי פון אן אנדערן, א געוויינלעך־געזונטן, נאָענטן, ווי אויך ניט געוואַרט, ער זאָל מיט איר גלאט א שמועס פארפירן און אזוי־ערנאָך איר דאָס הארץ א טרייסטן. ניין. זי האָט געוויינט, ווייל ס'האָט זיך איר געוויינט, נישט קוקנדיק אפילו אָפּ דעם, וואָס זיצט, אָדער שטייט פאר איר, נאָר גלייך זי וואָלט געווען אליין אין צימער, און גלייך זי וואָלט פאר די הוילע, שטומע ווענט געוויינט.

אלטער איז געשטאנען ווי אָן הענט און אָן לאָשן. נישט ער האָט גע־האט מיט וואָס זי צו טרייסטן, נישט ס'האָט אים קיין מוט געקלעקט און אויך נישט קיין רעגילעס דערצו, ווי בא אנדערע אין אזעלכע מאָמענטן, ווען מ'דארף א צווייטן אין א צאָרע פארגרינגערן. דערפאר איז ער נאָך בעשטימט אומבאהאָלפן אין זיינע [illegible]. ער האָט גאָרנישט ניט געזאָגט, האָט אויסגעזען בלאס און געשטאנען אזוי, גלייך ער וואָלט דעם קאָפּ און די אויגן נישט געהאט וואוהין אהינצוטאָן.

און אז גימעלע האָט זיך אין דער שטיל אויסגעוויינט, האָט זי ווידער שטיל, פון איר בענקל, אָפּ וועלכן זי האָט זיך צום אָנהייב געהאט אראָפּגע־לאָזט, אויפגעהויבן און פארן אוועקגיין שוין צו אלטערן גלאט אזוי א פאָר־ווערטער געלאָזט פאלן, וואָס זיינען שייך אים אליין — זיין פילן זיך און וואָס סע פעלט אים:

— ווי גייט עס אים? וואָס פעלט אים? זאָל ער זאָגן. [illegible] ער דארף. וועט מען אים זען ארופשיקן...

זי איז אראָפּ.

און דאָ איז שוין אלטערן געבליבן געווען אָפּ נאָר א קלאָרן אויפן דאַך, וואָס ער האָט פריער פון מייערלען נאָך אומקלאָר באקומען — די ריכטיקע זיבע, פארוואָס אלע יענע די לעצטע צייט אזוי אויך, ווי אויך דאָס, פאר־וואָס זיין ברודער מייטע האָט אפילו ריידן אזא זאך, ווי וועגן וועלכער ער האָט מיט אים אין יענעם געווינן אפגערעדט דעם געוויסן געשפרעך גע־האט, איצט געזען מיט אים אויסמיידן צו ריידן.

ס'איז אים, אויסער דעם, אויך קלאָר געוואָרן, אז דער שטוב־גוירל דארף איינגיכן, נאָר איינגיכן אויך אים ערגעץ מיט א פלינגל־שפיץ אָנרירן און אָפּ אים זיין שטאָכן לאָזן פאלן. ווען און ווי אזוי — האָט ער ניט גע־וווּסט. נאָר א פארגעפיל דאָס איז געזאָגט, אז מיט גימעלעס ווערטער זיינען די ווייזן ניט אויסגעשעפּט און ניט געענדיקט, אז איצטער איז אים ניט דער לעצטער. און אז נאָך איז דארף נאָך קומען עפּעס אויינס, וואָס יענע

איכ איז באַלד רעכטנ אָנטײלנעמענדיקנ שטוב־קאָכ ארײנגעצױגנ און איכ שוינ ניט לאָזנ מער פונוויטנ... ווענ דאָס וועט פאָרקומענ? — האָט ער זײַטער ניט געוווּסט, נאָר פונ יענעם מאָמענט אָנ האָט ער זיכ ווי גענומענ דערצו גרײטנ. און ריכטיק, אינ א קורצ שטיקל צײַט ארום האָט דאָס גע־טראָפנ, ווענ אײנער, שוינ גאָר א נאָענטער זײַנער — דאָס איז געווענ אלײנ מאקע זײַנ ברודער מוישע — איז אימ מיטנ דריטנ ווײַזט געקומענ באפוילנ.

ס'איז געשענ גאָר אינגיכנ. ס'האָט אײנמאָל, באמע אינ יענער צײַט, ווענ אלעמענס קעפּ זײַנענ געווענ אזוי פארטראָגנ, די עלטערע דינסט אינ עס־שטיב זיכ ארײַנגעשטעלט. מע האָט געזענ, אז ס'איז ניט צוליב קײנ קיכ־אינ דינסט־אינינענ. זי האָט, צוליבנ איצטיקנ ארײַנקומענ, אפילע אָנגעטאָנ די שאבעסדיקע פאַטשײלע אפנ קאָפּ, ווי ס'פלעגנ דינסטנ אינמיטנ דער וואָכ, נאָר ווענ זײ קומענ אָנ אפּ א נײַ „אָרט“, צו נײַע באלעבאטימ, אָדער, פארקערט, ווענ זײ גײענ אוועק און זײ געזעגענענ זיכ מיטנ „אָרט“. זי האָט דאָס קלײנע שטיקל הענט, גײענדיק פונ דער קיכ אינ עסצימער, א ביסל א פארשעמטע אינ אנ אימזיכבערע, מיט אנ עק פאטשײלע די אײבערשטע ליפּ געהיטנ, גלײַכ זי וואָלט געגאנגענ אינ גאָר אנ ערנסטער שליכעס, אָדער אפּ אזא אונטערנעמונג, וואָס איז ניט פאר איר דאָס אויסצופירנ און ארויסצו־ברענגענ. דאָכ איז זי געגאנגענ, ווײַל, ווי ס'ווײַזט אויס, האָט זי דער גאנ־ציכנ נעביכנ און ניט געלאָזט פארשווײַגנ אזא זאכ, וואָס לויט אירע פרומ־לעכ־שטײנגערישע איבערצײַגונגענ, האָט זי דאָס געמוזט ארויסגעבנ.

זי איז געקומענ צו נימעלענ, וועלכע איז גראָד דעמלט געווענ אלײנ אינ צימער, און נאָכ לאנגער קווענקלעניש, נאָכנ האלבנ שטומלאָשנ און לײַטײַנ זײַנ זיכ מיטנ עק פונ די פארשוויצטע אײבערשטע ליפּ, האָט זי א זאָג געטאָנ.

— באַלעבאָסטע, זאָלט איר מיר מײַכל זײַנ... נאָר כ'האָב אײַכ געוואָלט זאָגנ, אז כ'איז ניט רעכט, וואָס אונדזער מויד, די גנעסיע, שלאָפט מיט מיר אינ קיכ...

— וואָס? — האָט נימעלע ניט פארשטאנענ, ווײַל דער קאָפּ איז איר מיט עפּעס אנדערש אינ פיל בילבערס געווענ פארנומענ, — וואָס האָסטו געזאָלט?

— כ'האָב געוואָלט זאָגנ, באלעבאָסטע, אז ס'איז ניט רעכט, וואָס יענע, די מויד אונדזערע, שלאָפט מיט מיר אינ קיכ, — האָט זי ווידער אירע טר־שטע רײד און ווענדונג איבערגעכאזערט.

— וואָס זי שלאָפט אינ קיכ, זאָגסטו? איז וואָס דענ זאָל זי שלאָפנ? אינ זאַל?

— נײנ, כ'מײנ ניט, כ'זאָג נאָר... — האָט יענע געגימענ שטאמלענ, נײַט חיסנדיק, וויאזוי צו איר זאכ צוצוטרעטנ.

— וואָס עפּעס פליצעמ? וואָס איז געשענ? — האָט נימעלע זי אױ־

בערגעפרעגט, און ווי איר העלפנדיק פונעם שמאָלעניש אַפּנ גלײַכנ ווענט ארום.

— ס׳איז געשענ, באַלעבאָסטע, דאָס, וואָס אַלטער, אײַער אַלטער, דרייט זיכ די לעצטע צײַט ארומ שוינ עפּעס צופיל איבעריקס באַנאַכט אינ קיכ... צוליב מיר דרייט ער זיכ געווים ניט... איז מיסטאמע צוליב איר, צוליב דער מויד...

— וואָס?! — האָט גימעלע א געשריי געטאָנ, זיכ פונ אָרט, פונ איר בענקל, ווו זי איז געזעסנ, זיכ א הייב געטאָנ אונ אפּ יענער אזא קוק געטאָנ, אַזוי בא דער דינסט האָבנ די הענט אָפּגענומענ, אונ זי האָט שוינ באַלד קעפּ־שער כאַראַקטע געהאַט, וואָס זי האָט זיכ גאָר אונטערגענומענ אונ האָט ניט אײַנגעהאַלטנ איר געוויסנ אינ בוזעמ.

— יאָ, באַלעבאָסטע, — האָט זי, ווײַבאַלד שוינ אָנגעהויבנ, זיכ דאָכ ווײַטער אײַנגעשטעלט, — כ׳האָב דאָס אײַכ געמוזט זאָגנ, ווײַל איר זענט דאָכ אַן אייגענע... דאַרפט איר עס וויסנ, ווײַל ס׳קאָנ דאָ עפּעס געשענ... אינ גאָרניט לײַטיש.

גימעלע האָט דאָ גלײַכ דערזענ, אז יענער האָט דאָס אײַנשטעלעניש פיל מי געקאָסט, ביז זי איז צו איר מיט דער שליכטער געקומענ, אינ זי האָט דערום פארשטאַנענ, אז דאָס, וואָס יענע זאָגט איר דאָ, איז שוינ געווים ניט אויסגעטראַכט, ניישט קיינ אויסוויזעניש, נאָר א זאַכ א זיכערע, אונ מיסטאמע איז זי אויכ א שטיק אײַדעם געזענ דערפּינ. אזוי, אז ווי גימעלענ איז ניט שווער געווענ אזוינס פונ א פרעמדנ, פונ א דינסט, דאָס צו הערנ, האָט זי זיכ דאָכ געלאָזט ריידנ, אונ ווי ניישט פארשעמט איר פּאָנעמ איז ניישט געווענ אראָפּגעלאָזט צו דער ערד, ניישט קאָנענדיק קוקנ דער דינסט אינ די אויגנ, בעשאַס יענע דערציילט איר נאָר אזוינס, דאָכ האָט איר אויער, ווילנדיק, צי ניט ווילנדיק, באַנומענ אלץ, וואָס זי האָט געהאַלטנ פאַר איר כויוו צו הערנ — מאַקע בײַנ סאָפּ, אונ ביז זי וועט זיכ ניט אײַבערצײַגנ אינ דער גאַנצער ריכטיקײַט פונעם דערציילטנ: — ניינ! ס׳איז ניט קיינ רעכילעס, ניישט אויסגעטראַכט, נאָר, ווי ס׳איז ארויסגעוויזנ, מאַקע הויילער אונ רייִנער עמעס.

די דינסט האָט איר דערמיט אפּ האַלב ווײַבער־לאָשנ, ווי א פרוי א פרוי, אָנפאַרטרײַלעכ אפילע דערציילט וועגנ אייניקע נאָר אימאָנגענעמע פּראָטים, וואָס פונ זיי האָט גימעלע נאָכ מער דאָס פּאָנעמ אראָפּגעלאָזט אונ נאָכ מער פארשעמט דער דינסט אינ די אויגנ ניישט געקאָנט קוקנ. נאָר באַלד דערנאָכ, אז זי האָט אַלץ, וואָס געהער, זיכ דערוווּסט, אונ אינ דער ריכטיקײַט פונעם זיכ־דערוווּסטנ שוינ מער קיינ צווייפלענ ניישט געהאַט, אזוי האָט זי זיכ נאָכאַמאָל פונ איר בענקל אופגעכאַפּט, אונ מיטאַמאָל, אײַלנדיק, אפניכ, אז יענע, די דינסט, זאָל איר פארלײַרניײַט אינ איר געשלאָגנעם שמאָלץ ניט באַמערקנ, איר א זאָג געטאָנ:

— נו, גוט, גוט... גיי, גיי... מ׳וועט שוינ זענ מאָנ, וואָס מע דאַרף...

— יאָ, — האָט דאָ גיטעלע צוגעגעבנ, — אונ געדענק: מער מיט קייִנעמ וועגנ דעמ ניט רייִדנ, מער פאַר קייִנעמ קייִנ וואָרט דערפונ. זי הערט, די דינסט?

— אַוודאי הערט זי! וואָס זשע, זי פאַרשטייט ניט? זי זאָגט נאָר, אַז די מויד דאַרפ דאָרט ניט שלאָפנ, — האָט זי נאָכאַמאָל איר וואָרענונג איבערגעכאַזערט, — מע קאָנ זי לייגנ אינ עסצימער, מע קאָנ זי לייגנ, ווו מע וויל, אַבי ניט דאָרט, — האָט די דינסט שוינ פעסטער, מער היימישער אונ מער זיכ דערלויבנדיקער אַ זאָג געטאָנ, קעדיי גיטעלענ צו באַרויִקנ, מאַכטמעס זי האָט געזענ, אַז די נייַעס, וואָס זי האָט איצט אינ שטוב אַרייַנגעבראַכט, האָט אויפ גיטעלענ אַ דערדריקנדיקנ אייַנדרוק געמאַכט.

— גוט, גוט, — האָט גיטעלע געזאָגט צעטומלט, — גיי, גיי, מע וועט שוינ זענ באַטראַכטנ.

גיטעלע האָט דאָס מאָל ניט געזאַמט, אונ ניט געקוקט דערויפ, וואָס זי איז גאָר ווייַט פונ אַ באַלנ געווענ איר מוישענ, צו אַלעמ אומנאַכטעסדיקנ פונ פאַר דער לעצטער צייַט, אימ נאָכ אייִנעמ אַנ אומנאַכטעס, אוביפּראַט אַזאַ, פאַרשאַפנ אונ אַרייַנברענגענ, האָט זי דאָכ באַ זיכ די זאַכ אויפ לאַנג ניט אויסבאַהאַלטנ אונ איז גלייַכ מיט דעמ פאַר אימ אַרויס.

זי האָט אימ טאַקע דעמ זעלבנ טאָג, ווי נאָר ער איז אַהיימ געקומענ, אָפּ אַ ווייַלע אינ זייער אַלקער אָפּגערופנ, אונ גלייַכ נאָר, ווי ביידע האָבנ די שוועל אַהינ אַריבערגעטראָטנ אונ דאָרט אַלייִנ געבליבנ, אַזוי האָט זי אימ די נייַעס איבערגעגעבנ, אונ דערבייַ מיט אומרו אונ מוירע אויפ אימ אַ קוק געטאָנ צו זענ, ווי ער וועט דאָס באַנעמענ, וואָס ער וועט איר אייצעג פאָרצוגעמענ, אָדער וואָס ער אַלייִנ וועט דאָ זענ עפּעס טאָנ.

מוישע מאַשבער האָט, דאָס דערהערנדיק, זיכ אַ כאַפּ געטאָנ ווי אָפּגעבריט; אונ ווי אַלצ, וואָס ער האָט די לעצטע צייַט געטאָנ, אינ וואָס מע האָט געזענ, אַז ס'איז ווייַט פונ באַטראַכטקייַט אונ פונ איבעריקנ יישעוו־האַדאַס, ווי ס'פּאַסט פאַר אַזאַ, ווי מוישע, אַזוי האָט ער אויכ דאָס מאָל בענעגייע אַלמערס איניענ געטאָנ: ער האָט אייַלנדיק אונ כאַפּנדיק גלייַכ אַ זאָג געגעבנ:

— מ'דאַרפ זענ אַ שאַדכנ.

— וואָס אַ שאַדכנ? פאַר וועמענ אַ שאַדכנ? — האָט גיטעלע אַ דערשטוינטע אַ פרעג געטאָנ.

— וואָס הייסט „וואָס“? וואָס הייסט „פאַר וועמענ“? פאַר אַלטערנ! פאַר וועמענ דענ, אויב ניט פאַר אַלטערנ?

— אינ מיט וועמענ וועט ער אימ רעדנ, דער שאַדכנ?

— מיט וועמענ? מירנ זענ. מע וועט זיכ אַנ אייצע האַלטנ — צווישנ זיכ, אינ אויב מיט אַלטערנ אַלייִנ איבערעדנ. אונ דערווייַל, — האָט דאָ מוישע צוגעגעבנ, דערמאָנענדיק זיכ, וואָס די דינסט האָט גיטעלענ דערציילט, — דערווייַל זאָל מענ איר בעטל אינ עסצימער איבערטראָגנ, אינ עסצימער... — האָט ער געזאָגט אונ מער דעמ שמועס ניט פאָרגעזעצט..

מוישע מאַשבער האָבנ, דאָס דערהערנדיק, עטלעכע געדאַנקענ מיטאַמאָל אינ קאָפּ א קלאַפּ געטאָנ. ערשטנס: עפּשער א זיוועג: ער האָט זי דערזענ, זי איז אימ געפעלנ, איז עפּשער איז זי זײַנ באַשערטע... צווייטנס: אז ס'איז אויב ניט קרומ: וואָרעמ ווער, אויב ניט אזא, וועט פאַר אזא, ווי פאַר־אַלטערנ, פאַר א ווײַב דענ וועלנ גיינ? קיינ אַנדערע געווים ניט. זײַנ שלאַפ־קײַט פונ ביז אהער איז דאָך אלעמענ באַוווּסט, אונ אויב פאַר זײַנ מאָרגנ קאָנ קיינער ניט אָרעוו זײַנ — הײַנט ווער, אויב ניט אזא, וועט זיך אָפּ ואוי־נעמ דענ קוואָפּענ אונ זיך אײַנשטעלנ מיט אימ זײַנ גורל טיילנ? דריטנס,— איז מוישע מאַשבער א געדאַנק דורכגעלאָפנ,—דאַרפ ער דאָס זענ אָפּטאָנ אַפּגיב, וואָס גיכער מאַכנ זענ דעמ שידעכ מאָנ, אונ אפילע אויכ כאַסענע מאַכנ... ער זעט דאָך, וואָס ארומ אימ טוט זיך, ווי דאָס שלימע גייט אינ קומט אימ אָנ פונ אלע זײַטנ, — איז עפּשער מיט דעמ, מיטנ כאַסענע מאַכנ א פאַרזעסענעמ, ביפּראַט אזא פאַרזעסענעמ, ביפּראַט אנ אייגענעמ, וועט ער דעמ גזאַר אָפּשטעלנ, דאָס פײַער פאַרהאַלטנ אונ די שווערע האַנט פונ זיך אָפּפירנ אונ פונ אויבנ זיך א דערלײַכטערונג פאַרדינענ. פערטנס — האָט ער זיך דערמאָנט, וואָס לוזי האָט אימ וועגנ דעמ צו זאָגנ געהאַט, אונ ווי יענער האָט אימ וועגנ דעמ געוואָרנט אונ אימ אונטערגעצײלט. פינפטנס,— וואָס אלטער אליינ האָט אימ וועגנ זיך געהאַט צו זאָגנ, אונ נעמלעכ: וואָס ער האָט בא אימ, ביים יענעמ געשפּרעכ, אָנ שים בושע, מיט קלאָרנ לאָשנ געמאָנט, אונ דאָס איז דאָך א סימענ, ווי ווײַט ס'איז אימ צוגעטראָטנ, — הײַנט ווי מעג ער דאָ איבעריקס טראַכטנ, איבעריקס זאַמענ אונ נישט זוכנ וואָס גיכער דאָס אָפּטאָנ אונ דערלײדיקנ.

אָט דאָס אונ ענלעכעס האָט זיך אימ אינ קאָפּ געשטורעמט, אונ זיך ווי א וויכער אומגעטראָגנ, אינ פונעמ גרויסנ פּלאָנטער אונ צעמישלונג פונ דעמ אלעמ האָט ער איינעמ נאָר א קלאָרנ אונ לײַכטנ פאָדעמ געקאָנט ארויסציענ. פאַר וועלכנ ער האָט זיך גלײַכ אָנגעכאַפּט, ווי פאַר א העכסטנ ראַטונעק, אונ דאָס ערשטע, וואָס אינ דער ערשטער ריי, ער האָט זיך גע־כאַפּט דערפאַר, איז געווענ דאָס, וואָס ער האָט אײַלנדיק גיטעלענ א זאָג געטאָנ, אינ אויכ דאָס, וואָס באַלד שוינ אינ די נאָענטסטע טעג דערנאָך האָט ער אליינ מאַקע גענומענ אויספירנ, אונ געלאָזט רופנ צו זיך מעשולעמ דעמ שאַדכנ...

מעשולעמ איז א ייִד מיט א רויטלעכ פּענעמל אונ ווײַסלעכ בערדל. ער טראָגט אנ אָפּגעריבנ פוטערנ מיצל מיט א גרינלעכ אָפּגעבליאַקירוועטנ סאַ־מעטענעמ דענעק, אונ אז ער קומט ערגעץ אַרײַנ, איז דאָס ערשטע, וואָס ער טוט, איז אַראָפּנעמענ דאָס מיצל פונעמ קאָפּ אונ צו בלײַבנ אינ דער יאַרמעלקע. דאָס גיט זיך אימ ניט איבעריק לײַכט אײַנ, ווײַל דאָס מיצל פונ דער יאַרמעלקע לאָזט זיך ניט אזוי גרינג אָפּטיילנ אונ שיידנ, מאַכמעס ביידע — אי דאָס מיצל, אי די יאַרמעלקע, — זײַנענ, פונ פיל יאָרנ זיי טראָגנ,

שיינע הויפן פארפעסטיקט און ווי צוגעוואקסן איינס צום צווייטן, אָבער נאָך גנ=
ווינטער מי און געשיקטער האנט=מעלאָכע צעטיילט ער זיי לעכאָפּ און זײַנג,
ציל איז א דערגרייכטער. דאָס מוט ער קעסיידער צוליב שאדכאָניש=לעפּייטע=
וואטער הארכאָווע, קעדיי צו באווײַזן פאר די, צו וועלכע ער קומט פאָרצו=
לייגן א שידעך, אז ער פילט זיך היימיש, אז ער פירט זיך ווי אין דער היים,
אין אז אָפּ אזא, ווי ער, ווי אָפּ מעשולעמען, קאָן מען זיך זיכער פארלאָזן.

ער רעדט שידוכים, מערסטנטייל, נאָר עלטערע לײַט—פופציק=זעכציקיע=
ריקע, אויב דינסטן, מעשאָרסים און אָרעמע, קליינע באלמעלאָכעס—ווען אויב
יונגערע, און אין אזא הויז, ווי מוישע מאשבערס, ווען מע זאָל דארפן ניט
פאר אזא, ווי פאר אן אלטערן, וואָלט אזא, ווי מעשולעם, קיינמאָל
קיין צימרים ניט געפונען. אהין, אין אזוינע הײַזער, איז, ווען מע האָט באַ=
דארפט, האָבן זיך שוין געפונען נאָר אנדערע, פיל מער אָנגעזעענע און באַ=
ווּסטע שאדכאָנים, ווי א נאָכעט=לייב פּשאָטער, לעמאָשל,—א מענטש, וואָס
ווייסט, פאר אלעמען, וואָזוי אין אזוינע הײַזער זיך צו האלטן — מיט גרויס
כּאָס אין מאקט, ווייסט וואָס וועמען פאָרצולייגן, און שוין אליין דערמיט רופט
ארויס דערעכערעץ און רעספּעקט צו זיך. מעשולעם—ניט. מעשולעם ווייסט
איינס: א זאָכער און א נעקייווע. ס'מאכט ניט אויס, א יונגע מיט אן אלטן,
און אלטע מיט אן אלטן, אבי ס'איז דאָ וועמען צו פּאָרן, און אזא, ווי ער,
ווי געזאָגט, וואָלט קיינמאָל אין אזא הויז, ווי מוישע מאשבערס, ניט גערופן
געוואָרן, און אליין זיך אפילו ניט אײַנגעשטעלט אהין ארײַן עפּעס פאָרצו=
לייגן, ווען ניט אזא פאל, ווי הײַער — ווי אלמער.

מוישע מאשבער האָט צו אָט דעם אויסטערלישן שידעך=רייד געווים
ניט באדארפט קיין נאָכעט=לייבן. נאָר דאפקע מאקע אזא, ווי מעשולעם,
א צוגעשלאָגענעם, א לעפּישעוואטן, וואָס פאר אזוינע, ווי פאר דינסטן,
קלעקט אים גענוג וואָס מע דארף, און וואָס געהער אלמערן, האָט שוין
מוישע=מאשבער אָפּ זיך אליין גענומען דאָס דורכצופירן.

דער גאנצער איניען איז דאָ געווען פּריקרע. און דערפאר, אז מעשולעם
האָט זיך באוויזן אין שטוב, איז ניט נאָר ער אליין איז דאָ ניט ארויס מיט
זײַן ברייט=צעלייגעניש—מיטן אויסטאָן דאָס מיצל און דאָס אָפּטיילן פון
דער יארמעלקע, מאכמעס קאָוועד פאר'ן גוויר, און מאכמעס אין אזא שטיב
האָט ער זיך נישט געפילט איבעריק היימיש, — נאָר מוישע מאשבער און
גיטעליע, וועלכע האָבן אים די ערשטע באגעגנט, אים אין א באזונדער אַל=
קער אָפּגערופן און דאָרט אים אופגענומען, האָבן אים אופגענומען אזוי,
אז ער זאָל גלײַך פארשטיין, אז ביכלאל זאָל ער זיך דאָ ניט איבעריק צע=
לייגן, און אז דאָ איז אים איבערגעגעבן נאָר א האלבע זאך — מיט קאָלעס=
צאר איבערצורעדן — און ווײַטער איז שוין ניט זײַן זאך, ווײַטער דארף
ער זיך ניט מישן, און דאָס איבעריקע וועט מען שוין אליין און אָן אים
דערלעדיקן.

פאר אלמערן האָט מען אים אפילו ניט געוואָלט באווײַזן, מע האָט

געוווּנטש, אַז דער אייגענער איז צו אַן איידעלער, און אַזאַ לעקישעוואַטע= פאַרשוין, ווי אַ מעשולעמ, קאָנ דאָ גישט מיט קיינ איידעלע שאַדכאָנימ=פינ= גער אַנ איידל געוועב אופּרייסנ. מע האָט אים געשיקט נאָר צו דער קאַלע.

ס'איז גרינג צו זאָגנ „קאַלע"... ווי מוישע מאַשבער איז ניט געווענ דער= שלאָגנ, ווי שטאַרק ער האָט ניט געברענט, אַזש אַ רויכ איז סמאַלענע האָבנ פונ אים געטראָגנ, ווי די אייגענע אומגליקנ האָבנ זיכ אָפּ אים איצט מיטאַמאָל ניט אַרופגעוואַלגערט, איז אים דאָכ נאָכ גענוג געטרײַשאַפט געבליבנ פאַר אַל= טערנ, ער זאָל אויכ פאַר אים אינ דער שטיל אָפּט אַ זיפצ טאָנ... אייגנטלעכ, גישט אַזוי פאַר אַלטערנ, ווי ווידעראַמאָל פאַר זיכ, וואָס אויכ דער אייניגע אַלטער און דער ווייטיקער פאַרטראַכטער שידעכ האָט דאָכ ווידער צו אים און צו זײַנ לאַגע געהאַט אַ נאָענטע שײַכעס; וואָרעמ אַנ אַנדערשמאָל וואָלט אַפילע אַזאַ זאַכ, ווי אַלטערנ מעשאַדעכ צו זײַנ, אויכ פונ אים, פונ מוישענ, אַנדערש אויסגעפירט געוואָרנ, אַנדערש געווײַס, ווי איצט, ווי פּאַשעט פאַר דעמ ערשטנ מיידל זיכ אָנכאַפּנ, פאַר אַנ ערשטער דינסט, אויביפראַט פאַר אַזאַ, וואָס דינט מאַקע בײַ אים אַליינ, בײַ מוישענ. אַנ אַנדערשמאָל וואָלט מענ אַפילע אַזאַ כאָרט שידעכ געווײַס אַנדערש, און פאַר לײַטנ לײַטישער, אַרומגעשטעלט, און אי פאַר פרעמדע, אי פאַר אַלטערנ אַליינ דאָס פּײַנע= אויסגעפוצט. איצט איז דאָס געטאָנ געוואָרנ מיט אימפּעט און מיט אַזאַ ראַ= שיקער ווײַליקײַט, וואָס מוישענ האָט דערבײַ ווי אָטעמ אויסגעפעלט, און ער האָט דאָס געזענ מאַכנ אַפּגיכ, — ווי מעשונגע ס'זאָל זיכ ניט באַקומענ, ווי גישט כאַפּנדיק און ווי די אויגנ ניט אופּרייסנדיק, אַבי גאָר ס'זאָל אָפּגעטאָנ ווערנ.

דערצו האָט מוישענ, ווי געזאָגט, געצווונגענ דאָס ביסל אײַליקע געראַנגלענ, וואָס זײַנענ אים אופגעקומענ, דערהערנדיק די מײַנע מיט אַלטערנ; און דע= ריקער, דאָס, וואָס, ערשטנס, עפּעשער איז דאָס אַ זיווענ; און, צווייטנס — פאַר מוישענ אַזאַ סאָרט מיצווע, וואָס מע דאַרפ זיכ מיט איר צוײַלנ, בי= פראַט אינ אַזאַ צײַט, ווענ מע ווייסט ניט וועמעס מאָרגנ ס'איז, און צי מאָרגנ וועט שוינ דאָ ביכלאַל עפּעס מעגלעכ זײַנ.

אַ סוואָרע אויכ, אַז מוישע האָט דעמלט, אינ דער צווישנצײַט פונ פאַרטראַכטנ ביז נעמענ ריידנ דעמ שידעכ מיט אַלטערנ, מיט לוזינ זיכ צו= גויפגערעדט, זיכ אויסגעווייצעט, און אויכ יענער האָט מיט מוישעס פאַר= שלאָגנ אײַנגעשטימט. אַזוי, אַז מעשולעמ דער שאַדכנ איז שוינ גערופנ גע= וואָרנ, איז ווי קאַלט מע האָט אים אינ אַלקער בײַ מוישע מאַשבער ניט אופ= גענומענ איז זיכ אים ניט געלאָזט אַפּ אַ היימישנ אויפנ צעגיינ, האָב איז אים מיט דער קאַלע איבערגעענטפערט געוואָרנ, מיט דער דינסט, מיט גנעסיענ, איבערצורעדנ, און ער, מעשולעמ, איז גלײַכ מאַקע אינ יענעמ אָוונט, פונ אַלקער אינ עסצימער אינ פונ עסצימער אינ קיכ אַרײַנגייענדיק, צומ אייגענ צוגעטראָטנ.

ווײַאַזוי די זאַכ איז פונ אים געטאָנ געוואָרנ — איז אונדז ניט אינטע=

געזאגט. נאטירלעך, האָט ער פריער פארפירט א שטילן שמועס מיט דער עלטערער דינסט, צו וועלכער ער האָט מער לײַכטן און גענטערן צוגאנג געהאַט, ווײַל אײַנער לערערין זײַנען אָפט זײַנע קרעגטע געזען, און זי, די עלטערע, האָט יעדנפאלס אפילו געמיינט, אז דאָס מיינט ער זי מאקע — איר אַליין א שידוך צו רעדן. זי האָט דערצו, אמבנדיק אין ערגעץ אין א ווינקל אָפגעייגערט, דאָס קאָפּיטל איבערגעביטן און דאָס שאבעסדיקע אַפּ זיך אויפגעכאפּט. און נאָך לאנגן לייטן ווײַזן זיך די ליפּ און שמועסן מיטן שאדכן, נאָך לאנגע האקדאָמעס מעשולעמס און שאדכאָנישע הין־און־הער, אז זי האָט פארשטאנען, וועמען מעשולעם צילט, און אז ניט זי מיינט ער, נאָר גאָר אנדערע, און ווען ער האָט איר אויך געזאָגט, מיט וועמען ער רעדט איר, אזוי האָט זיך די עלטערע אפּ א ווײַלע פארלאָרן, אָבער באלד האָט זי זיך א כאפּ געטאָן און איבערגעשריגן:

— וואָס רעדט איר, רעב מעשולעם? מאקע?

— א ווײַטער איז איר, — האָט זי, זיך נאָך פון דעם ערשטן געשריי ניט אָפּגערוט, שוין דאָס צווייטע ארויסגעלאָזט — וואָס רעדט איר? ס'איז דאָך מיר גאָר אין קאָפּ ניט אײַנגעפאלן: אוא זאך! אוא זאך! דאָס קאָן דאָך מאקע גאָר א שאדכן!..

— וואָס זשע, רעב מעשולעם, — האָט זי ווײַטער אויסגעשריגן, — און דאָרט אין שטוב ווייסט מען שוין? מע האָט שוין דערפון גערעדט, און דאָרט באשטימט מען?

— וואָס דען? אניט וואָלט ער אַליין געקומען, ווען מע שיקט אים ניט? צי וואָלט דאָס אַליין אויסגעטראכט? אוודאי, ווייסט מען!

אגב, אז מעשולעם האָט אין קיך שוין א מיטהעלפער און א העלפערן געהאַט. ס'איז ניט באוואוסט, צי האָט ער איר אויך עפּעס א שטיקל שאדכאָנעס צוגעזאָגט, דער עלטערער דינסט, צי זי האָט דאָס פרייוויליק אפּ זיך גענומען, ווי אַלע עלטערע, וועלכע ליבן די מעלאָכע פון פאָרן און צונויפפירן, און מיינען דאָס גערן, אַליין נאָר פון ליבע צו דער זאך, אָן שום באַלוינונג און באצאָלט ווערן דערפאר.

געגעבן אַליין, בעת וואָס מע האָט איר דאָס פארגעלייגט, האָט ניט געוויסט, וואָס מיט זיך צו טאָן. זי האָט די גאנצע צײַט געהאַלטן אין איין פארשפּיליען דאָס יאָפּטל, וואָס איז איר ענגער געווען, און וואָס האָט מאָמענט צינטערן צו זיך די אייגן פון א ראַטעוזנע דעם מעשאָרעס און אנדערע, וועמען ס'האָט ביל פארשפּאָרן... זי האָט דעם קאָפּ אראָפּ געלאָזן און ניט געהערט ניט אַף דעם שאדכן, און ניט אפילו אַף דער עלטערער דינסט, מיט וועלכער זי איז אזוי געווען — אוא צײַט און אין זיך און בא איינע ארבעט.

זי האָט זיך נאָך פליגעט צווייטנס — אי פון אומגעריכטקייט, אי פון דער ליבשאַפט און אימעגלעכקייט פון איינעם, וואָס ס'האָט זיך איר אײַנגעגעבן אי אזוי געקומען. אויך דעם קאָפּ צו פארדרייען, אי אין דער וועלכער

צײַט אזוי אומגעלומפּערט אינ שאָפ: וואָס הייסט — ער, אלטער, אונ זי,
גנעסיע, גאָר כאָסנ-קאלע אונ מאנ-אונ-ווייב?.. יענער, וואָס האָט דאָכ ערשט
אפּנ איבערישטיבל אזוי מעשונע געשריגנ, אינ זי — אזא געזונטע, מיט אזא
פול קאָפּל, מיט קלייד פול מיט קליבנס, וואָס ווי א קאמערוכע אָדער אנ
אנדערער טוט זיכ ניט א ריר אָנ איר, אזוי זעט מענ, אז ער עקלט זיכ פונ
באנגער אונ פארגעניגנ... אונ ווענ, לאָמיר זאָגנ, אלטער שוינ אפילע געזונט,
איז ווי קאָנ זי זיכ גאָר פארשטעלנ אונ אויסמאָלנ, וואזוי זי, גנעסיע די
מויד, וואָס האָט יאָרנלאנג אינ קיכ אָפּגעדינט, וועט פּלוצעמ נאָר אזוי דער-
הויבנ ווערנ, זיכ אָנצוקערנ מיטאמאָל אזוינע נאָענטע אייגענע מיט די באלע-
באטים: — דעמ באלעבאָס אונ דער באלעבאָסטע קימאט א שנור, אונ אלע
איבעריקע אינ שטוב — א זייער גלייכנ, מיט וועלכנ מע קאָנ זיכ שוינ ניט
שאפנ אינ מע דארפ זי שוינ אליינ באדינענ. — מעשונע... מעשונע...

זי האָט געוויינט פונ אומגעריכטקייט, וואָס דאָס האָט זי צוערשט נאָר
געמאכט גלייבנ, אז מע שפּאסט פונ איר, אונ אויב ניט קיינ שפּאס, איז
זי — דאָס זי געוויינט — וועט זי זיכ מיט אזא, ווי אלטער, נאָר קאָנענ
צונויפגיינ; אונ אויב יאָ צונויפגיינ — ווי וועט זי זיכ האלטנ אונ ווי וועט
אפּ איר קוקנ אזא, לעמאָשל, ווי א קאמערוכע, וואָס האָט זי גיישט איינ מאָל,
זי טרעפנדיק אינ א פינצטערער פארהויזל, צו א יונגנ צוגעטשעפּעט אינ זיכ
געשפּילט מיט איר מיטנ-אייג-אונ-מויד גאָר אפּ א געוויסנ אופנ...

זי איז געזעסנ געוויינ, גנעסיע, ווײַל אנדעריש, ווי מעשונע, קאָנ מענ
נאָר איינעמ ניט איבערגעבנ, אינ אנדעריש, ווי אינ אזא קאָפּ, אינ אזא צעדרייטנ,
ווי איצט בא מוישע מאשבער, האָט באשטימפנ אזא פּלאנ מאכע ניט גע-
קאָנט איבעלימענ אונ געבוירנ ווערנ. אורפּלוצלינג לויט אָט דעמ פּלאנ,
דאָט מענ געקאָנט רימענ צייט באשלים אינ געניטנ זיינ אפילע צו
טראכטנ, אז גיישט אנדעריש, סיינ, אז אינ מיישע מאשבער אליינ איז אויכ
ערגעץ א שטיק אלטער, א שטיק מעשונע פארשטעקט אינ באהאלטנ געלעגנ,
וואָס אינ גומע צייטנ האָט מענ דאָס ניט ארויסגעזענ, אינ אצינד, אינ דער
געענגטער, האָט זיכ דאָס אימ ארויסבאוויזנ.

ווייל ווירקלעכ: אפילע מיישע מאשבער אליינ האָט, אייכער בא גיטע-
לענ זיינ ווייב אינ איבער עפּעטער אויכ בא לוזינ, בא קיינעמ אינ שטוב קיינ
האסקאָמע אפּ דעמ ניט געקאָנט קריגנ, אינ ער האָט זיכ דערימ ווענג דעמ,
איבער מיט די צוויי אויבנ דערמאָנטע, מאכע מיט קיינעמ ניט געייצעט,
ניט באראטנ אונ קיינעמ צו דעמ איניענ ניט צוגעצויגנ.

אינ דער כאָפּ איז געוועג, אז מיט קאלעס-צאר, מיט גנעסיענ, איז מענ
אינגיכנ אויסגעקומענ. א טאָג איז אוועק אונ נאָכ איינער, אונ גנעסיע האָט
זיכ איבערגעזיינט אונ, כאָפּקאָלסאָפּ, איינגעשטימט. דערצו האָט, נאָמידלעכ,
גיישט אזויפיל מעשולעט דער שאדכנ געטאָנ, ווייל ער גנעסיענ — פּרעמיר,
אינ אזא, ווי ער, יענג ער קימט אליינ צו אזא מויד מיט אזא איניענ, וואָלט
ער לאנג, מעגלעכ, באדארפט האָרעווענ, אינ ס'איז גאָר א כאָפּעק, צו צווג

האָר־עקזאַנזע וואָלט איר ווענ־ס׳איז־ניט־איז געהאָלפנ און דערפּאָלג געהאט. זײַנ, דערצו האָט דעריקער געהאָלפנ און צוגעאַרבעט די עלטערע דינסט, וועלכע איז מיט גנעדיקע געוועג אייגנ אפּ גענגונ געמרינאַפּט און לאָשנ צו האָבנ מיט איר אײַנצוטײַנענ, ווענ זיי זײַנענ געבליבנ אַליינ, און אַמאָל אַפּילע אַפּ איר אָנצושרײַענ: וואָס, מויד, דו ברעקלסט זיכ נאָכ? מיט וואָס גרעסטו זיכ איבער? האָסט עפּעס מער פונ אַנדערע מיידנ? ס׳שטייט דיר ניט אָנ? דערמאָנ זיכ, וווּהינ די קומסט דאָ אַרײַנ, אינ וואָס פאַר א שמאַלצ־גריב! האָסט זיכ דאָס געקאָנט אַמאָל פאָרשטעלנ, אָדער אויסמאָלנ? ווײַנסט? וואָס זשע, בעסער קאַמצוובע דער פירגילדנדיקער מעשאָרעס, וואָס שמעקט דיר די הענט אינ בוזעמ אומזיסט און מוימשעט זיכ מיט דיר אינ די פאַרהײַזלעכ און בא דער קרענעצע אינ דער פינצטער... וואָס זשע, קא־מערוכע אינ א שענערער מאַכלעכ?

אנ אַנדערשמאָל וואָלט די זעלבע עלטערע דינסט מעגלעכ, ווענ מע פרעגט זי, גאָר אַנדערע ווערטער געהאט, און אויכ גאָר אנ אַנדער אָפּשאַצונג געפונענ פאַר אזא פאָרשלאָג, צו אײנער א געזונטער, שיינער מויד פונ איר דינסטנ־פאַכ, ווענ מע וויל זי באַסענע מאַכנ און פאַרשלײַערנ פאַר א רײַכנ זאָקנ אָדער אזוי פאַר עפּעס א באַלעבאַטישנ שלימאַזל. זי וואָלט שוינ גראָד אַרויסגעפּאָרנ מיט אַנ אַנדער מינ לאָשנ:

— מינוטעכ? בא זיי בלײַב עס!.. אזא גאָלד — אינ אזא מיסט־קאַסטנ?.. ניט דערלעבנ!..

דאָס — אנ אַנדערשמאָל. איצט אָבער איז זי, מיר ווייסנ ניט פאַרוואָס, עפּעס אינ שאַרבאָנשטנ ראַש אַרײַנ. און צו די מײַסע איז איר מאַקע בעממעכ געפּגלג, ד״ה. צי מאַכטעס מאַקע אופּריכטיקער געמרישאַפט צו אנ איר גלייכנ, א גנעדיקע, וואָס זי האָט געמיינט איר מווע; צי עפּיטער האָט דאָ אויכ א מינ שטיק געקאָמע געשמעקט, צו זענ, ווי יעדער דינסט ווינטשט זיכ, די באַלעבאַטים געצווונגענ אָנקומענ צו דער קיכ און זיכ אַראָפּלאָזנ פונ אזא הייכ צו א פּאָשעטער דינסט־מויד זיכ צו בעטנ. ווי די מײַסע זאָל ניט זײַנ, נאָר די עלטערע האָט נאָכ א קורצנ און לאַנגנ אײַנטײַנענ פריער אַליינ מיט גנעדיקע, דערנאָכ צוזאַמענ מיט מעשולעמ דעמ שאַדכנ, וואָס ער האָט זיכ ניט געפילט און די לעצטע טעג אָפּטע וויזיטנ אינ קיכ אָפּגעשטעקט, — נאָכ קורצנ און לאַנגנ אײַנטײַנענ און וויינענ, האָט מענ לעכאָפּ בא גנעדיקע געפּיילט, זי האָט אײַנגעשטימט אינ דאָס וואָרט געגעבנ.

פונ דעמאָלט אָנ האָט גנעדיקע שוינ יעדעס מאָל, ווענ אַלטער האָט זיכ פונ איבערשטיבל אַראָפּגעלאָזט און באַדאַרפט דורכגיינ די קיכ, זיכ אינ א זײַט אָפּגערוקט, זיכ גערוישלט און לײַטיש זיכ פאַרנ קאָפּטל אָדער פאַר די האָר געכאַפּט — דאָס קאָפּטל צו פאַרשפּיליענ און די האָר אינ אָרדענונג צו ברענגענ.

פונ דעמאָלט אָנ האָט זיכ שוינ גנעדיקע געפילט, ווי מיט אײנ פוס פונ קיכ אינ שטיב אַריבערגעשפּאַנט, ווי אי עפּעס אויס דינסט, אי נאָכ ניט פונ

דער קיכ אָפּגערירט. באַטש אינ קיכ איז זי שוינ נישט געשלאָפנ, באַטש איר געלעגער האָט מענ שוינ אוועקגעשטעלט אינ א זײַטיקנ צימער, אָבער אַזוי־ ווי קיינער פונ די אייגענע, אויסער גיטעלען, האָט נאָכ פונ דער ענדערונג נישט געוווּסט, מאַמע קיינער האָט נישט באַמערקט אַפילע נישט דעמ ער־ שטנ ווײַזיט פונ מעשולעמ דעמ שאַדכנ און נישט אויכ די איבעריקע זײַנע ווײַזיטנ די לעצטע טעג, — האָט נאָכ דערומ גנעביע, אַפילע שוינ נאָכ איר האַסקאָמע־געבנ, זיכ נאָכ מיטעדינגט געפירט, ביז די זאַכ וועט אינגאַנצנ קלאָר ווערנ... אינ דערווײַל האָט זי זיכ בײַ אַלטערס פאַרבײַגייענ זיכ נאָר גע־ רוימלט, און אַפ איר נײַ געלעגער, וואָס איז איר נישט אינ קיכ געשטעלט, האָט זי זיכ אַלעמאָל ערעוו־אײַנשלאָפנ די לעצטע טעג צופיל געדרייט: אי פונ נישט־געוווינט זײַנ אַליינ צומ געלעגער, אי פונ די נײַע מאַכשאָווועס, וואָס האָבנ זי באַהערשט...

אַלנפאַלס איז מענ מיט גנעביעס שוינ געקומענ צו א ברעג, און וואָס גע־ הער אַלטערנ, איז דאָכ שוינ נישט פאַר קיינ שאַדכנ־האַנט געווענ, בעבאַל־ אויפנ נישט פאַר אַזאַ, ווי פאַר א מעשולעמענ, און דאָכ האָט אַפ זיכ הי געזאָגט, געניטיקט אַליינ מיישע מאַשבער, אינ דאָס האָט ער אינ די נאָענט־ סטע טעג, אינ איינעמ אַנ איינט, מאַכע איבגעפירט.

* * *

אינ יענעמ אָוונט האָט אַלטער, זיכ געפינענדיק בײַ זיכ אינ צימער, עפּעס שטאַרק אומרויִק אומגעשפּאַנט. עפּעס האָבנ אימ די בלוטנ שטאַרק געקאָכט און אינ קאָפּ אַרופגעשלאָגנ, די שלייפנ זײַנענ אימ געווענ צו ענג זיי אײַנצוהאַלטנ, און דער קאָפּ האָט אימ, ווי אינמער שטאַרקע רייפנ, געטרי־ שמשעט.

ער האָט זיכ געפרווט, ווי זײַנ געוויינשאַפט פאַר דער לעצטער צײַט, אינ א וואַנט מיטנ רוקנ אָנשפּאַרנ אינ מיט עבויגענע קני זיכ אַפ דער ערד אַראָפּלאָזנ. דאָס האָט אימ אָבער נישט פאַרלײַכטערט, נאָר, פאַרקערט, אימ קינ אָרט אויפגערודט נאָכ שטאַרקער אינ מיט מער אומרו, ווי איידער ער האָט זיכ אַפ די קני אַראָפּגעלאָזט.

ער האָט אויסגעזעענ, ווי א בהמע אינ א שטאַל, וועג נאָכ לאַנגנ, אומ־ רויִקנ הינ־אונ־הער זיכ אומדרייענ, לייגט זי זיכ דערנאָכ אַוועק און אויסגע־ שעפּטע אינ דינאָרגעדיקע, אָבער באַלד טיט זי זיכ ווידער ווי אַנ אָפּגעבריטע און ווי פונ עפּעס א ווילדער דערמאָנונג, פונ אָרט א הייב, און נעמט נאָכ־ אַמאָל, ווידער אינ נאָכ מיט מער אימפּעט זיכ אומדרייענ.

עפּעס איז הײַנט מיט אַלטערנ געשענ: אָדער פ'האָט אַנ איבערבלײַב פונ אַמאָל אינ אימ געבריינגט, פונ דעמאָלט, ווענ זײַנ נעווייטע קרענק האָט אימ אָפּט געצווונגענ הויב אַפ א קאָל אַרויס אינ זײַנ ווייטיק איבצויצירנ; אָדער עפּשער איז דאָס פונ זײַנ נײַאומ־ציִעק־מענעמ — פונ דעמ פאַלנ־ דיקנ, וואָס האָט באַטיקנ, ווי האָלטווירט האָבנ געזאָגט, אימ אויסגעלייזט

פונ זײַנ קרענק, אָבער וואָס פונ צײַט צו צײַט האָט דאָס אים געמוזט באַ־פאַלנ אינ אים שלאָגנדיק טרעפנ; אזוי, אז הײַנט איז בײַ אים געווענ ערעוו־פאַלנדיק, מעגלעכ...

מע האָט געזענ: ווי א שווערע, בײַטערע לאַסט וואָלט אים באַלאַגערט, פונ וועלכער ער קאָנ ניט אָפּעטעמענ, גלײַכ עמיצער וואָלט אים באַם גאָרגל געהאַלטנ, אינ אַלטער דאָס, קעדיי זיכ אָפּבלאָזנ, דעם קאָלנער פונעם העמד אינ אַלע פאַרשפּיליעטע קלײדער אופגעשפּיליעט, ווענ מע וואָלט אָפּ אים דערלאַנגט א קוק געטאָנ, וואָלט מענ געזענ, אז זײַנ בליק איז אים ווי פאַרלוירנ, אינ מאַכמעס זײַנ מיט־בײַזײַענדיקנ אומרו איז ער הוילע געהער, צוהערנדיק זיכ צו זיכ אַליינ, ווי צו זײַנע אײגענע אינגעווײדנ, פונ וועלכע ער וואַרט אָפּ א טרעפעניש, וואָס דאַרפ זיכ אים פונ דאָרט אַרויסבאַווײַזנ אָדער באַלד, בײַקעס, אָדער אינ א מאָר שאָ אַרום שפּעטער.

פונ גרויס אומרו אינ נישט וויסנ וואָס צו מאָנ מיט זיכ, האָט אַלטער זיכ געיאָלט יוגנט צײַט באַפּיר אינ צו זײַנ אמאָליקנ בריוו־שרײַבנ, אונ אזוי־ערנאָכ אויסגעלאָזנ דאָס וואָס האָט אַרויסגעשפּאַרט פונ אים, ביז אים אופּ־געריבנ. ער האָט געטראַכט צו דערצײלנ פונ דעם, וואָס בריזט אינ אים איבעריקס — פונ יענע זײַנע גליקמונגענ, וואָס געפינענ אינ אים קײנ אויס־גאַנג ניט, אינ וואָס ער גײט מיט זיי אַרום באַטאָג געשלאָגנ, נישט האָבנדיק אפילע אפּ יעמענ די אײגנ אָנצושטעלנ, אונ באַנאַכט דרײט ער זיכ מיט זיי אַרום צווישנ די דינגסט־בעטלעכ. ווי מער קײנ האָנאָנ, ווי נאָר אפּ א רײַבנ אָנרירנ זיכ אינ דעם, וואָס אים איז ליב, קאָנ ער גאָרניט האָפּנ, אינ וואָס אפילע אָט דאָס לעבטע אָנרירנ זיכ איז אים אויכ די לעצטע צײַט געווײנט נגייאַרנ, מאַכמעס אײנס א בעטל, אַרום וועלכנ ער פלעגט זיכ די לעצטע צײַט אַרומדרײען, האָט פּליצעמ דאָרט גענומענ אויסבעלנ — דאָס בעטל איז ניט געבליבנ. דאָס איז אײנס. דאָס צווײטע — די פאַרקומ־נײַשנ אינ שטיב, אַרום וועלכע ער גײט אַרום, ווי א בלינדער אַרום ווענט, אונ וואָס צו אים, אינ זײַנ איבערשטיבל, דערגרייכנ זיי אַרופ איבערגעבראָכענע אונ שפּיגלענ — אָדער אינ דער פאָרמ פונ א קינדערישער בעבערנ, ווי פונ א מײדעלענ, אָדער אינ דער פאָרמ, ווי גימעלע האָט זיי אים אַרופגעדערלאַנגט, נישט רעכנענדיק זיכ מיט אים, ווי מיט א גוילעמ: אָפּגעזאָגט אונ אוועק־געגאַנגענ, אים איבערלאָזנדיק אנ אומאָנגעלײגנטנדיקנ אונ ווי קײנ מײנונג־נישט־האָבנדיק קינד.

— צאָרעכ, ווי ראָבנ, האָבנ אים אַרומגערינגלט, — האָט זיכ אים גע־דאַכט, אז ער דערציילט, אינ זײַנ בריוו שרײַבנדיק, — זיי דערקלײַבנ זיכ צו יענע אײנגנ, צו זײַנ לײַב אינ נעמענ אים פּיקנ אינ פונ אים שטיקלעכ רײַסנ.

— חיי צו אים, — האָט ער א פאַרצווייפלטער אינ דעמ געדאַכטנ בריוו אויסגעשריגנ, — דאָס שטרויעלע, פאַר וועלכנ ער האָט זיכ אָנגעכאַפּט, זיכ טרינקענדיק, אינ דורכ וועלכנ ס'האָט אים געדאַכט, אז ער האָט זיכ צו א שטיקל ברעג צוגעשלאָגנ, האָט אים אָפּגענאַרט: ס'קײנ שטרוי אונ קײנ ברעג,

און ער איז ווידער באָדנלאָז און פאַרלוירן. ער שטייט אינמיטן שטוב, און ס'דאַכט אים, אַז ער זיצט גאָר; ער קוקט אויפן לאָמפּ און זעט נישט די שײַן... אין זײַן אָפּגעזונדערטקייט אין קרענק קומען אים ווידער אונטער-האַרצן, און ווי איינער, וואָס שמעקט אין זומפּ איבערן האַלדז, האָט אויך ער שוין נישט מער, ווי נאָר די הענט אַרויף אויפצוהייבן און בעטן הילף באַם הימל, אָדער באַ וועמען-ניט-איז, ווער נאָר ס'מוט די הענט פון זומפּ זיך אַרויסשלעפּן העלפן. ער זינקט, ער פילט, אַז נאָר אינגיכן דאַרף מיט אים עפּעס טרעפן — אָדער הײַנט, אָדער מאָרגן, אָדער באַלד, אָדער שפּעטער — אַ זאַך, וואָס האָט אים שוין לאַנג געהאַט אָפּגעלאָזט, און וואָס קלײַבט זיך, מעגלעך, אים ווידער אין אַ נײַער, אין אַ נאָך מער פינצטערער און קעלער-דיקער לאַגע אַרײַנוואַרפן.

— אוי לי ואוי נפשי! — האָט ער ווײַטער אין געדאַנקען שרײַען פאָרגע-זעצט, — ס'דאַכט אים די לעצטע צײַט אָפט, אַז די גאַנצע שטוב איז פון עפּעס אַ וואָלקן אַרומגענומען, וועלכער דרינגט אַרײַן דורך אַלע טירן, פענצ-טער און שפּאַרונעס — צו אַלעמען אין שטוב אין האַרצן, און צו אים, צו אַלטערן, אין מוח, און דער וואָלקן ווערט אים וואָס אַמאָל געדיכטער, געדיכטער, ווי אַ נאַכט פינצטערער, אין פינצטערער, און פון ערגעץ זעט ער שוין קיין שײַן נישט, סײַדן נאָר צוויי צאַנקענדיקע ליכט ווײַזן זיך אים אַמאָל פון ווײַטנס. אין דאָס ווײַזן זײַנע זין בײַדע, וועלכע זענען אים נאָך דער איינציקער אָנהאַלט געבליבן, אין פאַר וועלכע ער וואָלט זיך נאָך גע-ראַנגלט, ווי אין אַ שטאַרקער מלחמה, אָנגעכאַפּט — ליזי אין מירעל, איז אָבער אי-נער, ליזי, ניטאָ, אין איינע[1] די צווייטע, מירעל, גלײַכט זיך אים אַרויס און דערווײַטערט זיך אים וואָס אַמאָל מער.

באַ אַלטערן האָט זיך שוין העכער, שטייענדיק אינמיטן שטוב און אויס-לייגנדיק זײַנע קרענקלעכע געדאַנקען, שוין שטאַרק אין מוח געפּלאָנטערט. ער האָט מאַכן בעשטימט קיין אָנהאַלט ניט געהאַט, און ס'האָט אים גע-דאַכט, אַז צווישן הימל און ערד הענגט ער — מיטן קאָפּ אַראָפּ און מיט די פיס אַרויף, און די גאַנצע שטוב, און אַלע זאַכן פון שטוב האָבן אים איבערגעקערט: דער טיש מיטן לאָמפּ פון אויבן, און די סטע-ליע פון אונטן — און באַלד וואָלט זיך אים אויך זײַן קאָפּ איבערגעקערט, און ער וואָלט אין אַן איבערגעקערטער שטוב מיטאַמאָל אַ פאַל געטאָן, ווי ס'וואָלט זיך אים איצט ניט געמאַכט, צי אַפן פאָל, צי אַף דער סטע-ליע, אַלצייגנס ווו געפאַלן...

יאָ. ס'איז אים שוין ווייניק געווען אָפּגעגאַנגען. נאָר אין דער מינוט, ווען דאָס האָט געזאָלט געשען, האָט זיך פּלוצעם די טיר געעפנט, און אַף איר שוועל האָט זיך באַוויזן זײַן ברודער מוישע.

---

1 — ווי איז צו מיר און ווי איז צו מײַן זעל.

אַלטערנ האָט זיכ לעכאַטכילע געדאַכט, אַז ס'איז אַנ אויסווייזעניש, איינס פונ די, וועלכע זיינענ אימ נאָרוואָס אינ זינ מויעכ דורכגעלאָפנ. ער האָט זיכ די אויגנ א וויש געטאָנ, קעדיי זיכ איבערצייגנ, צי זעט ער דאָס אפ דער וואָר. נאָר באַלד, ווי די ערשטע אומגעריכטקייט אונ איבעראַשונג איז אימ אַריבער, אונ ער האָט פונעט ברודער דעמ „גוטנ-אָוונט" דערהערט, אַזוי האָט ער זיכ פונ מרוימ אונ צעמישטקייט אומגעקלערט, ער האָט אונ-טער די פיס עפּעס מער באָדנ געקראָגנ, אינ מויעכ מער קלאָרקייט, אונ ער האָט זיכ פונ זיינ אָרט א כאַפּ געטאָנ אונ דעמ ברודער ווי אַנטקעגנ געלאָפנ.

מישע מאַשבער האָט געזענ, אַז ער האָט איצט אַלטערנ געטראָפנ אינ גרויס פאַרלוירנקייט אונ אינ אַזא שטאַנד, ווענ יעדע אומגעריכטקייט ווירקט אפנ געטראָפענעמ פלעמפנדיק. מישע מאַשבער איז דערומ, נישט באַלד אַרויס מיט זיינ אָנגיינ, ציליב וועלכנ ער האָט זיכ אַריינגעשטעלט. ער האָט א ווײַלע, באַלד נאָכנ צוזעצנ זיכ אונ פאַרנעמענ פּלאַצ באַמ טיש, וועגנ עפּעס אַנדערש, וועגנ זאַכנ מיט אַלטערנ א שמועס פאַרפירט, אונ דערנאָכ, אַז ער האָט אפ אַלטערנ א געוויסע באַרויִקונג באַמערקט, אַז ער האָט באַמערקט, אַז יענער איז שוינ פייִק זיינ געהער צו מער ערנסטערס צו נייגנ, איז ער פאַמעלעכ-פּאַמעליכ שוינ צו זיינ אייגנטלעכנ אָנגיינ צוגעטראָטנ...

— ער ווייסט, אַלטער, צו וואָס ער, מישע, איז צו אימ איצט געקו-מענ? ער איז מיט אימ געקומענ זיכ דורכרעדנ מיכוועב דעמ, וואָס אַלטער, איב ער געדענקט, האָט אימ א שטיקל צייט דערפריער געבעטנ דאָס אינ זינענ האָבנ... ער, מישע, האָט די גאַנצע צייט געטראַכט דערפונ, אָבער אַזוי-ווי ער איז איצט שטאַרק אינ די געשעפטנ פאַרדרייט אינ, ווי אַלטער ווייסט, איז מענ איכ פיל אַנגסט פונ געכאַמקעס קרענק, האָט ער דערומ דאָס גע-מוזט אָפּלייגנ אפ ביז-איצט. אונ איצט איז אַזוי:

— ער האָט לאַנג געקלערט, מישע, ער האָט זיכ אָנגעפרעגט, אונ איצט האָט ער פאַר אימ געפונענ דאָס, וואָס ס'דאַרפט זיכ, אימ באַזיערט.

פאַר מישע מאַשבער איז, צו-שטענדיק דעמ אָנגיינ איבערצולייגנ, א שווערע, זייער א שווערע אויפגאַבע געשטאַנענ, געמיינט: וויאַזוי רעדט מאַנ פאַר אַלטערנ, אימ צו באַרישטיינ געבנ אונ דערנענטערנ אימ צומ סיבע, אַז ראָב. יאָב מע לייגט אימ איצט פאָר, איז באַמש אפנ ערשטנ קוק נישט גלייב, נישט פאַר אימ, אונ ווענ יענער איז אינ אַנ אַנדער שטאַנד, וואָלט דאָס רייכמאַל פיינעט נישט געקומענ אפנ זינענ אימ פאָרצולייגנ: אָבער איצט איז אינ ברייטע, איצט איז קיינ אַנדער אויסוועג נישט מעגלעכ, אונ יענער, אַלטער, דאַרפ מיט דעמ שטאַלעט מאַכנ, אַזוי-ווי אַליינ מוישע, אַזוי-ווי אַלע פונ די אייגענע, ווענענ ער האָט דערציילט דערפונ, זיינענ דערופּ איינגעגאַנ-גענ אונ מיט דעמ אייננעשטימט.

מישע האָט געזאָגט:

— ס'אַנ אָרנטלעכע, יידישע מאָכטער. מ'האָט זיכ אפ איר נאָכגע-

פרעגט... אײגנטלעכ, האָט מענ זיכ פארשפּאָרט נאָכפרעגנ, װײל מע קענ זי. זי איז א שטוב־מענטש, קימאט אנ אײגענע, זי ארבעט שױנ זײט עט־לעכע יאָרנ בא אונדז מאקע... עמעס, ס'איז א ביסל פונעם נידעריקנ גראד, אָבער אַלטער װײסט דאָכ אינ גערעכט, אז נהות דרגא[1] איז גאָרניט אזא פּסול, אז פארקערט, אז ס'איז אפילע אָנגעזאָגט אינ געבאָטנ, מ'זאָל זיכ אראָפּלאָזנ בא א װײב נעמענ צו א נהות דרגא.

— אונ דעריקער,—האָט דאָ מױשע צוגעגעבנ,—איז דאָכ פּאָרט, אז דאָס קערנ איז א קערנ, דער מענטש—א מענטש, אונ אז אזא, װי זי, אז זי װעט אָנקימענ אינ אזא שטיב, װי זײנע, צװישנ אלע קינדער אינ אײגענע, װעט מענ אװאדע זענ פונ איר א לײט מאכנ... אײגנטלעכ, פאר־שפּאָרט מענ נאָר מאכנ. װײל, לײט אלע סימאָנימ, איז זי אזױ אױכ זײער לײמיש.

— דערצו װידער, — האָט מױשע װײטער פאָרזיכטיק געזאָגט, — מוז ער אימ, אַלטערנ, זאָגנ, אז, װי אַלטער אַלײנ װײסט אונ פארשטײט, איז אזא, װי ער, נישט פאר שאדכאָנימ אונ נישט פאר קײנעמ מיט װעמענ מע װאָלט אימ אנדערש גערעדט, קײנ איבעריקער געהײבענער צאַד נישט... װײל װי גרױס ס'זאָל נית זײנ זײנ יכעס, װי פײנ ער, אַלטער אַלײנ, זאָל נישט זײנ, אָבער זײנ קרענק איז דאָכ אלעמענ באװוסט, אונ נישט יעדערער--סײַדנ נאָר פונ אנ אָרעמענ גראד, װעט זיכ דאָכ אפ אזא, װי ער, נישט קװאפּענ אינ מיט אימ זײנ גורל נישט װעלנ בינדנ. אזױ, אז אױב נית די, אױב נית יענע, װאָס מױשע לײגט אימ דאָ איצט פאָר, װאָלט מענ סײװי, סאָפּ־קאַלקאָפּ, געמוזט באַשטײנ אפ אנ עלטערער, װי זי, װײל קײנ בעסערס װאָלט זיכ נית געפונענ אינ אפ מער פּאַסיקערס זײנענ קײנ אױסזיכטנ נישטאָ.

— אונ נאָכ,— האָט דאָ מױשע צוגעגעבנ אונ דערבײ שױנ א ביסל שטילער אינ װי א סאָד אײנגעמאָמענדיק, — זאָל ער װיסנ, אַלטער, אז ער, מױשע אַלײנ, איז איצט אזױ געװענט אינ געשטעפּלעכ אראָפּגענידערט, אז װענ אפילע ס'זאָל יאָ מעגלעכ זײנ א מער פּאַסיקס, אונ װענ דער צװײטער צאַד װאָלט געװאָלט, װי ס'מוט זיכ אינ אזױנע פאלנ, זיכ באַ־װאָרענענ, ד.ה., אז װיבאלד יענער גײט פאר דעמ, װאָס ער װיל נית אי־בעריקס, זאָל מענ אימ דערפאר א גרױסנ נאדנ אינ גרױס אױסשטײַער שיליקנ,—איז װענ דאָס זאָל אפילע מעגלעכ זײנ, איז ער, מױשע, איצט נית אימשטאנד אפ אזױנע פאָדערונגענ אײנצוגײנ אינ אזױנס אָנצונעמענ; װײל, װי געזאָגט, איז ער איצט לאכלימנ נית ביעכײלעס: בא זײנ בעסטנ װילנ איז דאָס פאר אימ אױסגעשלאָסנ, אונ ער האָפט נאָר, אז שפּעטער, אז גאָט װעט העלפנ, אז ער װעט זיכ איבערדרײענ, װעט ער ערשט דערלאַנגענ אימ, אַלטערנ, מיט זײנ קימענדיקנ װײב באַװאָרענענ... אונ חוצנ, —

---

1 — א נידעריקער גראד.

האָט ער געזאָגט,—איז מיט דער זאַך דאַרף מען ניט יאָגן, זאָל אים, מײשעלע, איז גענוג דאָס, װאָס אַלטער אַלײן האָט אים געזאָגט. הײנט אויב ראָב, װאָס ער פֿאַרשטײט פֿון זיך. אַזוי, אַז מע דאַרף ניט אָפּלײגן, און מע מוז זיך װאָס גיכער באַשליסן, און ער האָפֿט, מײשע, אַז אויב אַלטער װעט זײַן װאָרט און האַסקאָמע געבן, װעט מען קאָנען גאָר אײַנגיכן די כאַסענע פּראַװען קעהאַלאָכאָ,[1] זױ דער דין און מינהעג פֿאָדערט, װײַל מיטן צװײטן צאַד, מיט איר, איז שױן אָפּגערעדט: זי איז באַשטאַנען און פֿון איר זײַט איז קײן מעניעס.

— אויב אַלץ אײַנגעען, — האָט מײשע געזאָגט, — זײַנען מאַסקים. ער האָט אויך מיט לוזין װעגן דעם גערעדט, און אויך אים איז דער געדאַנק געפֿעלן.

— ריזל! — האָט אַלטער דאָס אַלץ איבערהערנדיק, נאָך באַם לעצטן מײשעס װאָרט זיך אָנגעכאַפּט און האַלב װי איבערגעשריגן, האַלב גאָר פֿאַרװוּנדערט א פֿרעג געטאָן.

— ריזל? — האָט אַלטער נאָכאַמאָל א פֿרעג געגעבן, גלײַך ער האָט אין זײַן געפֿיל־פֿאַרמישטן און פֿינצטערן מוח א װײַט ליכטל דערזען, האָט זיך דערפֿאַר געדאַנקלעך פֿאַרהאַלטן, װי װעלנדיק דאָס מיט דער האַנט דערלאַנגען.

פֿון אַלע מײשעס רײד זײַנען אים איצט קלאָר געװאָרן — ערשטנס, אַז מע רעדט אים דאָ א שידעך; צװײטנס, אַז מע רעדט אים מיט דער, װאָס איר נאָמען האָט מען דאָ ניט אָנגערופֿן, נאָר װאָס ער װײסט איר גוט אַלײן, מאַכנדיק אַרום איר האָט ער זיך דאָך אַזױ אָפֿט אין די באַנאַכטן אַרומגעדרײט; דריטנס, אַז קײן אַנדערע אים רײדן איז מען איצט, פֿון איבער אים אַלײן. פֿון איבער אַנדערע סיבעס, ניט אומשטאַנד; פֿערטנס, אַז זי איז שױן באַשטאַנען, און אַז איצט פֿאָדערט זיך פֿון אים, אַז אויך ער זאָל זײַן האַסקאָמע געבן; און ניט לעצטנס: אַז אַלע װײסן שױן דערפֿון און זײַנען מאַסקים, אויך לוזי, װאָס, װי ס'װײַזט אויס, איז ער געװען אין שטאָט דאָ א נאַכט, אָדער א מײשעלע, און ער האָט ביז אַהער ניט געװוּסט דערפֿון; און אָט דאָס אַלץ האָט זיך אים איצט צוזאַמענגעמישט, און אויף דער פֿראַגע: צי איז ער יאָ, צי ניט מאַסקים אויף דעם, װאָס איז אים דאָ גערוּאָם אײַנגעלײגט געװאָרן, האָט ער מער ניט אין דער ערשטער מינוט געהאַט צו זאָגן, װי נאָר זיך צו פֿאַרװוּנדערן און באַם ערשטן אומשולדיקן װאָרט זיך פֿאַרטשעפּען אין דעם אויסקוקנדיק מיט א פֿראַגע אַרויסקומען:

— האַ, לוזי?!

מוישע האָט זײַן שטאַנד פֿאַרשטאַנען. ער האָט זײַן איצטיקע פֿאַרלױרנקײט און אָנגלאָזיגע פֿאַרטשטשיטע דערמיט, װאָס אַלטער איז איצט אוינב פֿאַרגעבן געװאָרן. דאָס װעגן דעם צו רײדן איז שװער אַפֿילו באַם א געזונטן, בישראַט פֿאַר אַזאַ, װי אַלטער. בא װעלכן מע דאַרף אַזױ גיך, אַז

[1] — װי עס באַדאַרף צו זײַן.

דער הייסער מינוט, ניט פאָדערנ קיינ ענטפער, אונ בעסער איז אים א קליינ שטיקל צײַט לאָזנ צו רו, ער זאָל אַליינ די לאַגע אונ דעמ „פאַר“ אונ „קעגנ“ אינ רו באַטראַכטנ. מוישע האָט דערומ מאַקע אַזוי געטאָנ.

— באַטראַכט זיכ, אַלטער, — האָט ער געזאָגט — באַקלער זיכ. ס'האָט צײַט אונ אינ די נאָענטסטע טעג וועל איכ צו דיר נאָכ משיווע אַרופקומענ.

ווענ מוישע וואָלט דעמאָלט אפ אַלטערנ א מער פאַרשטייענדיקנ אונ מער דורכדרינגלעכנ בליק געטאָנ, וואָלט ער, מעגלעכ, אַזוי גיכ פונ זײַנ אָרט זיכ ניט אופגעהויבנ, אַזוי גיכ זײַנ צימער ניט געווענ פאַרלאָזט, ווײַל אַזאַ, ווי אַלטערנ, אינ אַזאַ שטאַנד, אינ וועלכנ ער האָט זיכ איצט געפונענ, איז קלאָר געווענ צו זענ. אז ניט נאָר די נײַס, וואָס מע האָט אים דאָ נאָרוואָס אַרופגעבראַכט, האָט אפ אים אַזוי צעדרייענדיק געווירקט, נאָר אז די נײַס איז שוינ אפ א פריער צעדרויטנ באָדנ געפאַלנ, אפ אַנ אומרויִק-קרענקלעכנ, אונ געווירקט האָט זי, ווי פעטעמ אפ צעגליטנ אײַזנ.

אַלטער האָט ניט באַוויזנ מיט קײנ אײנ וואָרט מקייעמ דעמ עצעמ אײניענ אַרויסצוקומענ, מאַכמעס, ווי מוישע האָט ריכטיק פאַרשטאַנענ. איז דער איניענ ניט אַזאַ, וועגנ וועלכנ ס'לאָזט זיכ, גלײַכ נאָכנ פאַרשלאָגנ, אפ אים ענטפערנ; אינ ווײַטער מאַכמעס דעמ, וואָס מוישע האָט שוינ ניט פאַרשטאַנענ — [illegible] אַלטער האָט [illegible] אינ [illegible] נאָכ אײדער מוישע איז צו אים אַרופגעקומענ, איבערגעראַטנ איצט, ווענ ס'איז אים איבערגעגעבנ געוואָרנ צו לייגנ אַזאַ זאַכ, צו וועלכער ס'פאָדערט זיכ באַ־[illegible] [illegible], וועלכע אַלטער האָט, אינ איצטיקנ מאָמענט, ניט געהאַט קײנ סימענ הערפונ.

אינדערעמעס אָבער איז אַלטער שוינ באַשטאַנענ, אינדערעמעס האָט ער גאָרניט געהאַט איבערצוקלערנ, אינ זײַנ ענטפער איז שוינ פונ פאָרהײַנט באַשטימט געווענ — [illegible]. ווײַל דאָס האָט ער דאָכ אַליינ אויכ גוט געוווּסט, אַז קײנ איבעריק געווינטשענער פאַר שאַדכאָנים אונ פאַר א העכערנ גראַד שידוכימ, ווי דער, וואָס מע האָט אים דאָ נאָרוואָס פאַרגעלייגט, איז ער ניט, אינ אז באַקלערנ זיכ אינ זײַנ שטאַנד איז ניט שייכ... ווי איכ האָב, האָט ער געטראַכט, אז ווענ ער זאָל זיכ יאָ באַקלערנ, וואָלט אים איצט בײַווי ניט געהאָלפנ, מאַכמעס אַלע לאַגעס זײַנע איצט [illegible] — די [illegible], וועגנ וועלכער ער האָט פריער דורכ [illegible], דערנאָכ דורכ גימעלענ, אינ איצט פונ מוישענ אַליינ זיכ דערוווּסט, אונ ווי ער האָט פאַרשטאַנענ, האָט דאָכ, אַט די לאַגע, אַלעמענ געצווּנגענ די זאַכ אָנצונעמענ אינ אפ איר באַשטײַנ, אַפילע איא, ווי מוישע אַליינ. וואָס אַנ אַנדערשמאָל, אינ אַנדערע צײַטנ, וואָלט ער אַליינ פאַרינטערעסירט געווענ דאָס ניט דערלאָזנ צו שטאַנד קומענ.

אַזאַ איז ער באַשטאַנענ, אַלטער. אינ דאָ האָבנ אים נאָכ צו אַלע צעמולונגענ פונ הײַנטיקנ אָוונט, נאָכ די געוויסע פאַרשטעלונגענ אינ קאָפ א שלאָג געטאָנ, יענע, וועלכע האָבנ אים די לעצטע צײַט געמאַכט באַנאַכט

אין זיין אומזאָרגלעך און זוכן דאָרט כאָטש אַ מינדסט פון דעם, וואָס ס'האָט אים געקאָנט זיינע לײַדנשאַפטן לעזן, אָבער וואָס אינדערעמעסן האָבן זיי אים נאָך מער צעפלאַקערט.

משה איז אַרויס, און אַלטער האָט אפילו זיין „גוטע־נאַכט" זאָגן ניט געהערט, ווייל אין די געבליבן האָבן אים שוין קלעזמער געשפּילט... און ווײַל איז, ווי אַלטער, אַ אויסגעהונגערטער, האָט בײַ דעם געדאַנק פון באַבענע האָבן געקאָנט לאָזן זיין פאַנטאַזיע זיך צעשפּילן און זיך אויסמאָלן דאָס, וואָס אַזאַ הונגעריקער רײַסט זיך צו דעם, ווי פון צוואַנגען—אַזויפיל האָט זיך אַלטער מאַקע געמאָלט און זיך פאַרגעשטעלט. אין אַ האָר, און נאָר אַ קליין ביסל איז אָפּגעגאַנגען, אַז פון גרויס איבעראײַלונג און איבערפלוס פון געבליבן זאָל ער באַלד ניט אַ בידער עפּעס, ווי אין אַן ערעוו־שאַבעס, אין זיין בריצעט איז אַ מיטן־אָבעדיקע אפּגעראַבט זיך גענומען זאָגן אַ מין ליבן־געשיאַנג, אַ מין געזאַנג פון אַלע געזאַנגען צו זײַנע בלומען, וואָס שפּאַרן פון אים און שטעלן אים פאַר אַ בעט שוין גרייט און קיין געבעט, אַרום ווײַלן ער פאַרשפּאַרט זיך שוין צו גאַנצוועגן און זוכן בײַגייווע קליינע. פאַרבאַטענע פאַרגעניגנס, נאָר שוין אַ בעט, ווי בײַ דעם מײַלעך שלוימע, בײַ דעם געריכטן בײַנעם געזאַנג פון אַלע געזאַנגען, אָפּ ווײַלן זיין געליבטע וואַרט אָפּ אים אָפּ צו ליבן אים אַן איבעגעמאָג־גרײַטע...

און דאָ האָט זיך אַלטער שוין גאָר דער קאָפּ פאַרדרייט. ער ווייסט ניט, צי דער לאָמפּ האָט זיך אים מיטאַמאָל איבערגעלאָשן, צי, פאַרקערט, ער האָט זיך אים מיטאַמאָל מעיוגע צעפלאַקערט, און דאַכט זיך, די גאַנ־צע שטוב אַרום האָט פון אים גענומען ברענען. ער ווייסט ניט, צי איז ער געבליבן אַזוי אָרט, ווי דער בורדער האָט אים, בייגן אַוועקגיין, איבער־געלאָזט—אַ שטייענדיקן, אָדער אַ זיצנדיקן,—צי ער האָט זיך פון זיין אָרט גערירט און ער האָט נאָך אין שטוב אינדערליבן גענומען אומפלוגן אין די שטוב איז אים געווען ענג. די ווענט האָבן זיך צעגומען, און ער איז אַ פריינטלעכער און דרויסן אַרויס אַוועק זיך אָפּקילן און איבער די וואָלקנס ריין צו שוועבן. ער ווייסט ניט... ער ווייסט נאָר, אַז נאָך עפּעס, דאַכט זיך, ווילדער מיני, ווייס האָט אים מיטאַמאָל, ווי פון מיינעטער קיילעמ און דאָפּ אין אין מיינער אַ ריפּע געמאָגן און וואָס צוזאַמען דערמיט איז אים עפּעס מיטאַמאָל אַ שטאַרק ליכטיק, אַ שטאַרק פינצטער געוואָרן, — האָט ער, דאַכט זיך, אָפּ דער ערד, ווי פון אַ שטאַרקן ריב אָרט אַ פּראַל געטאָן און זיי שטייענדיק אין געבליבן אַ שטיק צייט, ווי אַ גילעם, ליגן געבליבן.

די עלטערע רינגסט און קיין מער שווער, אַז יענעם אַפּגעראַבט האָט זי, פאַרן שלאָפן, איבערן קאָפּ בײַ זיך אין אַלטערס איבערשטעלע עפּעס אַלטערן זיך צופיל און צו האַלטיק דרייען געטערט... זי האָט דאָס פאַר קיינעם ניט געדאַרפט צו זאָגן, ווייל די יינגערע, גנעדיע, איז, ווי באַוווּסט. די לעצטע מעג שוין ניט מער מיט איר אין קיך, נאָר ערגעץ אין אַן אַנדער צימער געשלאָפן. האָט זי זיך אַליין צוגעהערט און דערנאָך האָט

זי מיטאמאָל איבער איר קאָפּ, אין דער סטעליע, וואָס איז אַלטערס פּאַל געווען, א שטארקן קלאַפּ געהערט, ווי ווען מע ווארפט עפּעס אום א שווערע זאַך—א טיש צי א באַנק—זי האָט אליין ניט געוווסט וואָס. און אַזוי ווי גאָכן פּאַל איז באַלד שוין דאָרט אויבן שטארק שטיל געוואָרן, איז זי דערום גלייך איינגעשלאָפן, א גיישט וויסנדיקע.

דאָס איז געווען דער צווייטער פּאַל אַלטערס נאָך יענעם ערשטן, וואָס ס'האָט מיט אים בא זיין ברודער מוישע אין עסשטוב פאר אלעמען אין די אויגן געטראָפן. דאָס מאָל איז דאָס געשען אָן אײדעס און אָן קיינעם, און אַזוי ווי ער איז איצט אליין אנידערגעפאלן, אזוי אליין האָט ער זיך דערנאָך אופגעהויבן, אופגעשטעלט, אויסערלעך מיט קיינע סימאָנים ניט פונעם פאַל, אָבער אינערלעך שטארק מיד און ווי אלע ביינער וואָלטן אים געווען צעקלאפט און איבערגעבראָכן.

---

# אינהאלט


| | | זײַט |
|---|---|---|
| I | די שטאָט א | 5 |
| II | פּישפּאָכע-בראָניק | 32 |
| III | לוזי בא די זײַניקע | 78 |
| IV | כרולי גאָל | 114 |
| V | דער קריג צווישנ די ברידער | 129 |
| VI | חירער סרולי | 175 |
| VII | אַ „פּרעטשיסטער" יאריד | 212 |
| VIII | צווײ אויסערנ יאריד | 254 |
| IX | א קלײנ ביכל שטײגער | 279 |
| X | כמארעס | 288 |
| XI | ערעוו קראכ | 324 |
| XII | אלטער. דרײ באזוכנ בא אלטערנ | 371 |

Цена 10 руб.

Отв. ред. И. Н[illegible]синов. Техред. Ф. Фрумкина. Корректор Л. Кенигсберг.
Сдано в набор 21 IX-38 г. Подписано к печати. 23 XII-38 г. [illegible] л. 26
у. а. 25.5, ф. 6. 62 × 94 1/16. „Эмес" № 105. Уполн. Главлита РСФСР Б—55-63
Тип. „Дер Эмес", Москва, Покровка, 9. Зак. № 1418.

Цена 10 руб.

ДЕР НИСТЕР

# СЕМЬЯ МАШБЕР

Гос. издательство «Эмес».
Москва 1939